ייִוואָ בלעטער

שריפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

באַנד XXXIV

ניו-יאָרק, 1950

2210

דאָס אַחריות פֿאַר די וויסנשאַפֿטלעכע שטאַנדפּונקטן
וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין די אויסגאַבעס פֿון ייִוואָ
טראָגן די מחברים גופֿא

Copyright, 1950, by the YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE—YIVO

Printed in the United States of America

געדרוקט אין דער דרוקערײַ פֿון פֿישל מאַליניאַק, 270 לאַפֿאַיעט־גאַס, ניו־יאָרק 12, נ״י

אינהאַלט

1. אַלגעמיינס:

אָנגעקומען אין רעדאַקציע .... 312—310

מיכאל מ. באָרוויטש — אָפּגעראַטעוועטע שאַפונגען פון געטאָס און לאַגערן: לידער פון די געטאָס און לאַגערן, געזאַמלט פון ש. קאַטשערגינסקי, רעדאַקטירט פון ה. לייוויק .... 252—249

פון רעדאַקציע 309

סימע קאַפּלאַן — ביאַליסטאָקער געטאָ:
1. Dr. Szymon Datner, *Walka i Zagłada białostockiego Ghetta*;
2. ד. קלעמענטינאָווסקי, לעבן און אומקום אין ביאַליסטאָקער געטאָ;
3. סראָלקע קאָט, כורבן ביאַליסטאָק .... 243—240

יעקב שאַצקי — אויף די שפורן פון די מאַטעריאַלן פון יאַן בלאָכס סטאַטיסטישער עקספּעדיציע .... 298—296

תיקון־טעות 309

2. ביבל־פאָרשונג, אַרכעאָלאָגיע:

צבי מ. אָרלינסקי — תנך און אַרכעאָלאָגיע .... 48—21

יהודה ראָזענטאַל — יהואָשעס תנך־איבערזעצונג .... 128—59

3. געשיכטע:

מ.ווישניצער — אַ געשיכטע פון ייִדן אין ביאַליסטאָק: אַ. ש. הערשבערג, פנקס ביאַליסטאָק .... 248—243

אַ. יאַרמאָלינסקי — בן־עמי און דראַהאָמאַניוו .... 291—288

קאָפּל ש. פּינסאָן — דובנאָווס נאַציאָנאַלע טעאָריע אין שײַן פון אונדזער צײַט 20—9

פיליפּ פרידמאַן — פאָרשונגען פון לעצטן חורבן: בלעטער פאַר געשיכטע, העפטן 1—4 .... 239—231

נתן רײַך — די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן: Melech Epstein, *Jewish Labor in U. S. A.* .... 272—265

ש. — אַרכיוו פון „סערפּ" .... 300—298

יעקב שאַצקי — אַן אומבאַקאַנטער מקור צו יעקב פראַנקס ביאָגראַפיע .... 296—294

משה אַביגדור שולוואַס — דאָס אַשכּנזישע ייִדנטום אין איטאַליע .... 181—157

4. דעמאָגראַפיע, עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק, סאָציאָלאָגיע:

ניסן גאָלדבערג — ייִדן אין די פּאָליצייִשע באַריכטן פון לאָס־אַנדזשעלעס, 1947—1933 .... 156—129

רודאָלף גלאַנץ — די אימיגראַנטן פֿאַרן מישפּט פֿון די אַמעריקאַנער היס־טאָריקערס:
..Edward N. Saveth, *American Historians and European Immigrants* 258—255
ל. הערש — צו דער דעמאָגראַפֿיע פֿון ייִדן אין קאָוונער ליטע ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה .... 276—274
מאַרשאַל סקלאַר — רעליגיעזע און קולטורעלע שינויים אין אַ ייִדישער קהילה אין אַמעריקע:
................................Albert I. Gordon, *Jews in Transition* 265—258
עמנואל פּאַט — בלוט־אונטערשיידן צווישן ייִדן און ניט־ייִדן און צווישן פֿאַרשיידענע ייִדישע גרופּעס:
... *The Journal of the American Medical Association*, v. 136, No. 5. 273—272

5. ליטעראַטור־, שפּראַך־, טעאַטער־ און קונסט־פֿאָרשונג, פֿאָלקלאָר:

גרשם באַדער — אלול און תשרי אין דער אַמאָליקער קראָקע .... 282—277
אוריאל ווײַנרײַך — די פֿאָרשונג פֿון „מישמשפּראַכיקע" ייִדישע פֿאָלקסלידער 288—282
ח. ליבערמאַן — לעגענדע און אמת וועגן די חסידישע דרוקערײַען (וועגן דעם כאַראַקטער פֿון די ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און ליטע ביז 1836) .... 208—182
מילואים צו דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון אליהו טשעריקאָווער .... 308—304
א. ר. מלאכי — פּרץ אין העברעיִש (הוספֿות און מילואים צו דער פּרץ־ביבליאָגראַפֿיע) .... 230—221
יעקבֿ צדקוני — אַ קינדערשפּיל אין ישׂראל .... 304—300
יעקבֿ שאַצקי — די אַנטוויקלונג פֿון דער בוכקולטור בײַ ייִדן: א. מ. הברמן, תולדות הספר העברי .... 255—253
יעקבֿ שאַצקי — אַ ייִדישע צײַטונג אין פּראָג אין 1775 .... 294—291

6. פּסיכאָלאָגיע, פּעדאַגאָגיק:

דאָראָטי טילדן ספּוירל — דער ייִדישער סטערעאָטיפּ, די ייִדישע פּערזענלעכקייט און דער ייִדישער פּאָרטרעט .... 58—49

7. פֿילאָסאָפֿיע, רעליגיע־פֿאָרשונג:

וואָלף לעסלוי — דאָס רעליגיעזע לעבן פֿון די פֿאַלאַשאַס .... 220—209

ענגלישע קיצורים .... 316—313

די אַרטיקלען אין דעם באַנד

קאָפּל ש. פּינסאָן, **דובנאָווס טעאָריע פֿון נאַציאָנאַליזם אין שײַן פֿון אונדזער צײַט** (זז׳ 9—20)

אין דער תּקופֿה פֿון בית־שני איז בײַ ייִדן פֿאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן צוויי נאַציאָנאַליזמען: אַ פּאָליטישן און אַ גײַסטיקן. דובנאָוו האַלט אַז די צווייטע שיטה שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם תּמצית פֿון ייִדישן נאַציאָנאַלן געדאַנק. ער שטרײַכט אויך אונטער דעם אונטערשייד צווישן מלוכה און פֿאָלק און ער זעט פֿאָר, אַז די מלוכה וועט אין דער צוקונפֿט מוזן זײַן אַ מולטי־נאַציאָנאַלע.

צבֿי מ. אָרלינסקי, **תּנך און אַרכעאָלאָגיע** (זז׳ 21—48)

דער מחבר רעדט אַרום די וויכטיקייט פֿון אַרכעאָלאָגיע בײַם שטודירן דעם תּנך און די געשיכטע פֿון דער ביבלישער תּקופֿה. ער גיט אויך אַ קריטישע אָפּשאַצונג פֿון דער נײַסטער ליטעראַטור אין דעם פֿעלד.

דאָראָטי טילדן ספּוירל, **דער ייִדישער סטערעאָטיפּ, די ייִדישע פּערזענלעכקייט און דער ייִדישער פֿאָראורטייל** (זז׳ 49—58)

מיט דער הילף פֿון באָגאַרדוס־טעסט האָט די מחברטע אַדורכגעפֿירט אַ פֿאָרשונג צווישן די סטודענטן פֿון אַמעריקאַנער אינטערנאַציאָנאַלן קאָלעדזש אין ספּרינגפֿילד, מאַס׳, וועגן סטערעאָטיפּישע פֿאָראורטיילן און זייער שײַכות צו פּערזענלעכקייט. די סטערעאָטיפּן לגבי ייִדן, ווײַזט די שטודיע, זײַנען: וועגן אויפֿפֿיר אין מיסחר, אַגרעסיווקייט, אָפּגעזונדערטקייט, רעליגיע. אַ טעסט פֿון פּערזענלעכקייט־אייגנשאַפֿטן, אַדורכגעפֿירט לויטן מעטאָד פֿון אַל־פּאָרט־ווירנאָן א״אַנד, ווײַזט נישט אַרויס קיין אָנזעעוודיקע קאָרעלאַציע צווישן די דאָזיקע סטערעאָטיפּן און די אמתע ייִדישע כאַראַקטער־שטריכן.

יהודה ראָזענטאַל, **יהואָשעס תּנך־איבערזעצונג** (זז׳ 59—128)

דער מחבר רעדט אַרום דעם מעטאָד וואָס יהואָש האָט גענוצט בײַם איבערזעצן דעם תּנך אויף ייִדיש. יהואָש איז געווען גוט באַקאַנט מיט אַ סך מפֿרשים פֿון תּנך, ייִדישע ווי ניט־ייִדישע. אין זײַן אַרבעט האָט ער געלייגט אַכט אויף דער ייִדישער טראַדיציע, אָבער גלײַכצײַטיק האָט ער זיך אויסגעהיטן פֿון איינזײַטיקייט.

ניסן גאָלדבערג, ייִדן אין די פּאָליציי־יִשע באַריכטן פֿון לאָס־אַנדזשעלעס, 1933 —1947 (זז׳ 129—156)

אַ סטאַטיסטישער אַנאַליז פֿון די אָפּיציעלע פּאָליציי־באַריכטן וואָס באַווײַזט, אַז בײַ ייִדן איז די פֿאַרברעכערישקייט געווען אַ סך קלענער ווי בײַ דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פֿון לאָס־אַנדזשעלעס, און אַז זי האָט זיך כּסדר פֿאַרקלענערט. אַן אַנאַליז פֿון די פֿאַר־ברעכנס לויט קאַטעגאָריעס באַווײַזט, אַז דער אָנטייל פֿון ייִדן אין שווערערע פֿאַרברעכנס איז אַ סך קלענער ווי אין לײַכטערע געזעץ־ברעכונגען.

משה אַבֿיגדור שולוואַס, **דאָס אַשכּנזישע ייִדנטום אין איטאַליע** (זז׳ 157—181)

איטאַליענישע ייִדן באַשטייען פֿון פֿיר גרופּעס: אײַנגעזעסענע איטאַליענישע, ספֿרדים, לעוואַנטינער און אַשכּנזים. די לעצטע האָבן אָנגעהויבן עמיגרירן קיין דרום בײַם סוף פֿון 13טן יאָרהונדערט. כאָטש עס האָבן זיך געטראָפֿן אויך רײַבונגען צווישן די איטאַליענישע ייִדן און די אַשכּנזים, זײַנען זיי אָבער געווען געאייניקט אין קאַמף קעגן די ספֿרדים כּדי צו באַקומען די השפּעה אויף די קהילות. אַשכּנזים זײַנען געווען ווייניקער אין צאָל, זיי האָבן אָבער אַ געוויסע צײַט געהאַט די איבערהאַנט אין רעליגיעזן און גײַסטיקן לעבן פֿון ייִדן אין איטאַליע.

ח. ליבערמאַן, **לעגענדע און אמת וועגן די חסידישע דרוקערײַען** (וועגן דעם כאַ־ראַקטער פֿון די ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און ליטע ביז 1836). (זז׳ 182—208)

דער מחבר וואַרפֿט אָפּ די אָנגענומענע מיינונג, אַז די ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַיִנע און אין געוויסע ערטער אין ווײַסרוסלאַנד סוף 18טן און אָנהייב 19טן י״ה זײַנען געגרינדעט געוואָרן דורך חסידים. חסידישע חיבורים זײַנען געווען בלויז אַ גאַנץ קליינער טייל פֿון די ספֿרים וואָס די דאָזיקע דרוקערײַען האָבן אַרויסגעלאָזט.

וואָלף לעסלוי, **דאָס רעליגיעזע לעבן פֿון די פֿאַלאַשאַס** (זז׳ 209—220)

אַ באַריכט פֿון אַ 10חדשימדיקן וויזיט בײַ די פֿאַלאַשאַס אין עטיאָפּיע. דער מחבר ברענגט אַרויס די ענלעכקייטן און אונטערשיידן צווישן זייערע טראַדיציעס און די טראַדיציעס פֿון אַנדערע ייִדן. די 25,000 פֿאַלאַשאַס ווײַזן אַרויס אַ טענדענץ צו אַסקעטיזם; זיי היטן אָפּ אַ סך תּעניתים און פֿירן אַ נזיריש שטייגער לעבן. קרבנות ווערן געבראַכט איין מאָל אין יאָר, פּסח. די צאָל און די דאַטעס פֿון זייערע ימים־טובֿים פֿאַלן זיך ניט שטענדיק צונויף מיט די טראַדיציאָנעלע ייִדישע ימים־טובֿים.

א. ר. מלאכי, **פּרץ אין העברעיִש** (זז׳ 221—230)

אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון אַרבעטן אין העברעיִש וועגן י. ל. פּרצן.

רעפעראַטן און רעצענזיעס (זז' 231—273)

פיליפ פרידמאַן **אַנאַליזירט** בלעטער פאַר געשיכטע (**העפטן 1—4**), **אַרויסגעגעבן פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט בײַם צ"ק פון ייִדן אין פוילן. אַ טייל פון די מחברים באַהאַנדלען אומקריטיש די מקורים וואָס זיי באַנוצן.**

סימע קאַפּלאַן **רעצענזירט דרײַ אויסגאַבעס וועגן חורבן פון ביאַליסטאָקער ייִדן: „קאַמף און פאַרניכטונג פון ביאַליסטאָקער געטאָ"** (פויליש) **פון ד"ר שמעון דאַטנער**; לעבן און אומקום אין ביאַליסטאָקער געטאָ **פון ד. קלעמענטינאָווסקי**, און כורבן ביאַליסטאָק **פון סראָלקע קאָט. אין געוויסע פּרטים וויַיזן זיך אַרויס ווידעראַנאַנדן אין זייערע באַריכטן.**

מארק ווישניצער **גיט אַן אַנאַליז פון** פנקס ביאַליסטאָק **פון אַ. ש. הערשבערג. ער גיט איבער צוו"אַנד נײַע ביאָגראַפישע פּרטים וועגן מחבר.**

מיכאל מ. באָרוויטש **רעדט אַרום דאָס בוך:** לידער פון די געטאָס און לאַגערן, **צוזאַמענגעשטעלט פון ש. קאַטשערגינסקי, אונטער דער רעדאַקציע פון ה. לייוויק. דער רעצענזענט מיינט, אַז דער אָפּקלײַב פון די לידער איז געווען צו פרײַ.**

יעקבֿ שאַצקי **שרײַבט וועגן** תולדות הספר העברי **פון א. מ. האַבערמאַן. ער ווײַזט אָן אויף עטלעכע טעותים.**

רודאָלף גלאַנץ **רעצענזירט דאָס בוך פון עדוואַרד נ. סאַוועט, „אַמעריקאַנער היסטאָריקערס און אייראָפּעיִשע אימיגראַנטן"** (ענגליש). **ער האַלט אַז עס איז אַ חסרון וואָס דער מחבר שטעלט זיך ניט אָפּ אויף דער ווירקונג פון די היסטאָריקערס אויפן געזעץ פון 1924 וואָס האָט באַגרענעצט די אימיגראַציע.**

מאַרשאַל סקלאַר **שרײַבט וועגן דעם בוך פון אַלבערט י. גאָרדאָן, „דער ייִד אין טראַנספאָרמאַציע"** (ענגליש). **ער ווײַזט אָן אויף אַן אַפּאָלאָגעטישער טענדענץ אין דעם בוך.**

נתן רײַך **רעצענזירט דאָס בוך, „ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן"** (ענגליש) **פון מלך עפּשטיין, און פאַרגלײַכט עס מיט אַ פריִערדיקער ייִוואָ־פּובליקאַציע אויף דער זעלביקער טעמע.**

עמנואל פאַט **רעדט אַרום די מעדיצינישע אויספאָרשונג וועגן בלוט־אונטערשיידן צווישן ייִדן און ניט־ייִדן און צווישן פאַרשיידענע ייִדישע גרופּעס.**

מאַטעריאַלן און נאָטיצן (זז' 274—320)

גרשם באַדער **באַשרײַבט די פּירונגען בײַ קראָקעווער ייִדן אין די חדשים אלול און תשרי. ער שטרײַכט אונטער דעם טאָן פון תשובֿה און טראַדיציע.**

ל. הערש **רעדט אַרום געוויסע דעמאָגראַפישע אַספּעקטן פון ייִדן אין קאָוונער ליטע פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.**

אוריאל ווײַנרײַך **באַשרײַבט אַ ריי שפּראַכיק געמישטע ייִדישע פאָלקסלידער.**

צ. יאַרמאָלינסקי דערציילט וועגן די באַציִונגען צווישן בן־עמי און דראַהאָמאַניוו, דעם רעדאַקטאָר פֿון וואָלנאָיע סלאָווא, און די סיבות צוליב וועלכע בן־עמי איז אַוועק פֿון דער צײַטונג.

יעקבֿ שאַצקי דערציילט וועגן: א) אַ יידישער צײַטונג וואָס איז אַרויס אין פּראָג אין 1775; ב) אַן אומבאַקאַנטן איטאַליענישן מקור צו דער ביאָגראַפֿיע פֿון יעקבֿ פֿראַנק; ג) מאַטעריאַלן פֿון יאַן בלאָכס סטאַטיסטישער עקספּעדיציע וואָס האָבן זיך געפֿונען בײַ הערצלען.

ש. גיט אַ באַשרײַבונג פֿון דעם „סערפּ"־אַרכיוו אין ייִוואָ.

יעקבֿ צדקוני גיט איבער אַ קינדערשפּיל פֿון ישׂראלדיקע קינדער.

מילואים צו דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון אליהו טשעריקאָווער.

פֿון רעדאַקציע.

אָנגעקומען אין רעדאַקציע.

קיצורים, אינהאַלט און שער־בלאַט אין ענגליש.

דובנאָווס נאַציאָנאַלע טעאָריע אין שײַן פֿון אונדזער צײַט *

פֿון ד״ר קאָפּל ש. פּינסאָן

אין אײנער פֿון זײַנע לעצטע געדרוקטע אַרבעטן, אין צווייטן זאַמלבוך אויפֿן שײדוועג, אַרויסגעגעבן אין אויגוסט 1939 אין פּאַריז פֿון אליהו טשעריקאָווער, ענטפֿערט שמעון דובנאָוו אויף טשעריקאָווערס רוף צו מאַכן אַ סך־הכּל פֿון די הערשנדיקע אידעאָלאָגיעס אויף דער ייִדישער גאַס מיט די ווײַטערדיקע ווערטער:

איצטער, ווען עס גייט אָן דער קאַמף פֿאַר אונדזער פֿיזישן קיום, פֿאַר אונדזער מענטשלעכער ווערדע, ווען יעדער טאָג רײַסט אַרויס פֿון אונדזערע רייען טויזנטער קרבנות, צי קענען מיר אין אַזאַ צײַט טראַכטן וועגן אידעאָלאָגישע רעוויזיעס? איך מיין, אַז מיר שטייען ניט אויפֿן שיידוועג אין גײַסטיקן זין, נאָר אויפֿן שלאַכטפֿעלד.

און ווײַטער:

יאָ, נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע, אָבער ניט אין די טעג פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע, ווען דער גירוש אשכּנז וועט זיך פֿאַרענדיקן און מיר וועלן האָבן אַלע הונדערטער טויזנטער פּליטים אײַנגעאָרדנט אין אַנדערע לענדער, וועלן מיר דאַמאָלסט זיך אַרומזען, אויף וויפֿל די אַסימילאַציע־ריכטונג איז בײַ אונדז אויסגעוואָרצלט נאָך דעם שטורעם פֿון ראַסיזם און היטלעריזם און ווי קען מען גײַסטיק ראַטעווען די אויסגעלײדיקטע נשמות פֿון דעם נײַעם דור. דערווײַל אָבער דאַרפֿן מיר ראַטעווען זייערע גופֿים. אַפֿריִער ייִדן, דערנאָך ייִדישקייט.

און ער פֿאַרענדיקט זײַן בריוו צו טשעריקאָווערן מיט די ווערטער:

וועגן די אַלע אינעווייניקסטע פֿראַגן וועלן מיר נאָך אַ מאָל שמועסן, ווי נאָר די משוגע געוואָרענע וועלט וועט זיך באַרויִקן, נאָך דעם ווי דער נײַער אַנטי־אַגרעסיווער בונד וועט אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער די רויבער־מלוכות אין יענעם קאַמף, אין וועלכן די מער פֿון אַלעמען באַרויבטע און צעשלאָגענע ייִדישע נאַציע מוז זיך אַקטיוו באַטייליקן אין די גרענעצן פֿון אירע מעגלעכקייטן.

דעם נצחון איבער די רויבער־מלוכות איז דובנאָוון לײדער ניט באַשערט געווען צו זען. און די הונדערטער טויזנטער פּליטים זײַנען נאָך אַלץ ניט אײַנ־

---

* רעפֿעראַט געלייענט אויף דער 22סטער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ אין ניו־יאָרק דעם 19טן יאַנואַר 1948. די צײַט פֿונעם רעפֿעראַט איז אַ דערקלערונג פֿאַר דעם פֿאַקט, וואָס דאָ ווערט נאָך ניט דערמאָנט ישׂראל ווי דער נאָמען פֿון דער ייִדישער מלוכה. — רעד׳.

געאָרדנט אין אַנדערע לענדער. און דובנאָווס טרײַער תּלמיד טשעריקאָווער איז שוין אויך אויפֿן עולם האמת. דאָך, גלייב איך, וואָלט דובנאָוו געזאָגט, אַז איצט איז געקומען די צײַט צו פֿאַרטראַכטן זיך, צי זײַנען די פֿריִערדיקע וועגן פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ געווען די ריכטיקע. איך בין זיכער, אַז ער וואָלט זיך ניט געוווערט קעגן אַ רעוויזיע פֿון זײַנע אייגענע טעאָריעס וועגן ייִדן און ייִדישקייט. וואָרעם איין זאַך זעען מיר כּסדר אין דובנאָוון: אַ כּסדרדיקע צוזאַמענ־פֿלעכטונג פֿון זײַנע פֿילאָסאָפֿישע און געשיכטלעכע געדאַנקען מיט דעם גאַנג פֿון לעבן, אַ כּסדרדיקן פּרוּוו צו געפֿינען דעם זינען פֿון ייִדישן לעבן אין זײַן געשיכטע און דעם זינען פֿון ייִדישער געשיכטע אין דעם ייִדישן לעבן. מען קען אפֿשר זאָגן, אַז דובנאָוו איז ניט געווען שטרענג קאָנסעקווענט, מען קען געפֿינען סתּירות בײַ אים אין פֿאַרשיידענע שריפֿטן פֿון פֿאַרשיידענע פּעריאָדן, און אפֿשר ניט אַזוי סתּירות ווי איבערבײַטן אין טראָפּ, דאָ מער וואָג אויף איין זאַך, דאָ מער וואָג אויף אַן אַנדער זאַך; אָבער תּמיד איז דאָס אַן אָפּשפּיגלונג פֿון נײַע געשעענישן אין דער ייִדישער וועלט.

ווי האַלט עס איצט, נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע, מיט דובנאָווס נאַציאָנאַלער טעאָריע? צי האָט זי נאָך אַלץ אַ ווערט פֿאַר אונדז און פֿאַר אונדזער ייִדיש לעבן? אָדער זי איז געוואָרן מער נישט ווי אַ טייל פֿון דער געשיכטע פֿון מיזרח־אייראָ־פּעיִשן ייִדנטום, וואָס איז אַוועק פֿון דער וועלט מיט דער אויסראָטונג פֿון די מיזרח־ייִדן? איך וויל אײַך דאָ געבן מײַן אָפּשאַצונג.

פֿאַראַן מיינונגען, אַז דובנאָווס טעאָריע איז הײַנט באַנקראָט. ווו רעדט מען איצט וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע? ווער הערט איצט פֿון מינאָריטעטן־רעכט? ייִדיש, זאָגט מען, האַלט בײַ די לעצטע טעג. דער ציוניזם האָט געזיגט איבער דעם גלות־נאַציאָנאַליזם, אַחד־העם איבער דובנאָוון, און ווער קען ריידן פֿון פּראָגרעס און פֿון גלויבן אין דער מענטשהייט נאָך דער אומגעהײַערער קאַטאַ־סטראָפֿע פֿון אונדזער פֿאָלק? אַזעלכע שטימונגען זײַנען געוואָרן איצט די דאָ־מינירנדיקע. איך האָב איצט נאָך אַ מאָל דורכגעשטודירט דובנאָווס ווערק און נאָך אַ מאָל דורכגעטראַכט זײַנע טעאָריעס וועגן נאַציאָנאַליזם און איך בין גע־קומען צו דער פֿעסטער איבערצײַגונג, אַז ניט נאָר זײַנען דובנאָווס טעאָריעס האַפּטיק און סאָליד, נאָר זיי זײַנען איצט נאָך אפֿשר וויכטיקער און נייטיקער ווי אַ וועגווײַזער פֿאַר אונדזערע ייִדישע פּראָבלעמען ווי אין דער צײַט, וואָס ער האָט זיי אַרויסגעבראַכט. געוויס זײַנען די פּראַקטישע אײַנריכטונגען וואָס ער לייגט פֿאָר אין זײַן אויטאָנאָמיסטישער שיטה, אײַנריכטונגען וואָס זײַנען געווען געצילט פֿאַר מיזרח־אייראָפּע, נישט צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען אין אַנדערע לענדער און אויך נישט צו מיזרח־אייראָפּע, ווי זי אַנטוויקלט זיך איצט נאָך דער מלחמה. אָבער דער געשיכטלעכער ווערט פֿון גרויסע דענקערס ליגט קיין מאָל ניט אין זייערע פּראַקטישע פֿאָרשלאָגן — זיי זײַנען אַלע מאָל באַדינגט פֿון צײַט און אָרט פֿון דענקער — נאָר אין די טיפֿערע און מער אַלגעמיינע געדאַנקען, וואָס אויף זיי באַזירט דער דענקער זײַן פּראָגראַם. מיט אַזאַ צוגאַנג וועל איך אַנאַליזירן דובנאָווס נאַציאָנאַלע טעאָריעס און זען, וואָס ס'איז לעבעדיק און וואָס ס'איז

טויט אין זײַן סיסטעם. נאַטירלעך, קען איך, אין דער באַגרענעצטער צײַט וואָס איך האָב דאָ, זיך נישט אַרײַנלאָזן אין די אַלע נייטיקע דעטאַלן פֿון דובנאָווס טעאָריעס, איך וועל זיך אָפּשטעלן נאָר אויף די ראָשי פּרקים און אָנווײַזן, ווי אַזוי איך זע זיי אין שײַן פֿון אונדזער צײַט.[1]

די ערשטע זאַך וואָס מען דאַרף געדענקען וועגן דובנאָווס טעאָריעס איז, אַז זײַן גאַנצער צוגאַנג צו ייִדישע פּראָבלעמען איז געווען טיף דורכגעדרונגען מיט געשיכטע, מיט אַ געשיכטלעכן קוק. זײַן גאַנצער באַנעם פֿון ייִדישן לעבן, זײַן פּראָגראַם פֿאַר דער צוקונפֿט, און מער פֿון אַלץ זײַן האָפֿענונגספֿולער אָפּטימיזם פֿאַר דער צוקונפֿט האָבן געהאַט זייער שורש אין זײַן היסטאָרישן צוגאַנג. נאָך אין זײַן טאָגבוך, דעם 1טן יאַנואַר 1892, האָט דובנאָוו אַרײַנגעשריבן אָט וואָס:

> די אויפֿגאַבע פֿון מײַן לעבן איז קלאָר געוואָרן. פֿאַרשפּרייטן היסטאָרישע וויסנשאַפֿט און באַאַרבעטן באַזונדערס די געשיכטע פֿון רוסישע ייִדן. איך בין געוואָרן אַ מיסיאָנער פֿאַר געשיכטע.[2]

און רייִדנדיק צו דער זעלבער צײַט וועגן די אַרטיקלען וואָס ער האָט יעמאָלט געשריבן אונטער דעם אײַנדרוק איבער הויפּט פֿון גרעצן, זאָגט ער: „מײַנע אַרטיקלען זײַנען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם צער פֿון הײַנט און מיט דעם פּאַטאָס פֿון אַ מאָל".[3] צו די וועלכע האָבן נישט געהאַט דעם זעלבן היסטאָרישן צוגאַנג און די זעלבע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, וואָס ער האָט געהאַט, זאָגט דובנאָוו: „איין תּרופֿה איז פֿאַראַן פֿאַר די אַלע וואָס האָבן נישט גענוג אמונה און וואָס גלייבן אין נאַרישקייטן: פֿאַרטיפֿט זיך אינעם געזעץ פֿון דער עקסיסטענץ און פֿון דעם קיום פֿונעם פֿאָלק ישׂראל אין אַלע זײַנע פּרטים".[4] צו די וואָס האָבן נישט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פֿון אַ גײַסטיקער אויפֿלעבונג פֿון ייִדישן פֿאָלק האָט ער געזאָגט:

> אויב איר מיינט, אַז ס'איז קיין מאָל ניט געווען אַזאַ מין תּקופֿה פֿון אַסימילאַציע, פֿון שמד, האָט איר אַ טעות. קוקט אויף אַלעקסאַנדריע, קוקט אויף סיריע, קוקט אויפֿן כאַליפֿאַט, קוקט אויף שפּאַניע. און פֿון דעסט וועגן האָט דער געזעץ פֿון קיום ישׂראל ניט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן.

דער וויכטיקסטער פּונקט אין דובנאָווס אַלגעמיינער טעאָריע פֿון נאַציאָנאַליזם איז די שאַרפֿע אָפּגרענעצונג וואָס ער מאַכט צווישן מלוכה און פֿאָלק. אין דעם, נאַטירלעך, איז דובנאָוו נישט אָריגינעל. ער גייט נאָך נאָך די אַנטוויקלונגען פֿון פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַלע טעאָרעטיקערס, איבער הויפּט נאָך דער שול פֿון עסטרײַכישע מאַרקסיסטן. אָבער דער חילוק צווישן מלוכה און פֿאָלק

---

[1] אַן אויספֿירלעכער אַנאַליז פֿון דובנאָווס נאַציאָנאַלע טעאָריעס איז פֿאַראַן אין דעם שרײַבערס אַרטיקל:
"The National Theories of Simon Dubnow," *Jewish Social Studies*, 10 (1948).

[2] צוקונפֿט, 1934, ז' 204.

[3] דאָרטן.

[4] ש. דובנאָוו, „שלילת הגלות וחיובה בתורת אחד־העם", השלח, 30, 1914, זז' 116—117.

איז דער גרונטשטיין פֿון זײַן גאַנצער טעאָריע וועגן קיום האומה און וועגן ייִדן און ייִדישקייט. ווי אַן אָנהענגער פֿון דער עוואָלוציאָנערער סאָציאָלאָגישער שול האָט דובנאָוו, אַז די פֿאַרשיידענע מינים נאַציאָנאַלע טיפּן זײַנען ספּעציפֿישע שטאַפּלען אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט. דער נידעריקסטער שטאַפּל איז דער שטאַפּל פֿון שבט, פֿון גזע; און דער העכסטער שטאַפּל איז די קולטור־היסטאָרישע אָדער גײַסטיקע נאַציע. אויף דעם העכסטן שטאַפּל ווערט פֿאַרשווונדן דער צוזאַמענהאַנג צווישן מלוכה און פֿאָלק, און דאָס פֿאָלק, די נאַציע, ווערט אַ ריין גײַסטיקע דערשײַנונג. די מלוכה איז אַ דרויסנדיקער סאָציאַלער בונד, זאָגט דובנאָוו, וואָס איז באַשאַפֿן נאָר אויף צו באַשיצן די באַדערפֿענישן פֿון אירע מיטגלידער, דאָס פֿאָלק אין אַן אינעווייניקסטער און נאַטירלעכער געזעלשאַפֿטלעכער קאָלעקטיוו. די מלוכה, לויט איר גאַנצן כאַראַקטער, קען אַלע מאָל געביטן ווערן, דאָס פֿאָלק איז פּיקסירט און אומבײַטעוודיק.

מיט אַזאַ מין צוגאַנג שטעלט זיך דובנאָוו ענערגיש קעגן יעדן סאָרט נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און נאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם, אַזוי ווי די אַנדערע גרויסע הומאַניטאַרע נאַציאָנאַליסטן פֿון 19טן יאָרהונדערט, ווי הערדער אין 18טן י״ה אין דײַטשלאַנד, מאַדזיני אין איטאַליע און מאַסאַריק אין טשעכאָ־סלאָוואַקײַ. מאַכט דובנאָוו אַ שאַרפֿן אונטערשייד צווישן אַ פּאָזיטיוון און אַ נעגאַטיוון מין נאַציאָנאַליזם. דער פּאָזיטיווער נאַציאָנאַליזם איז אַ מענטשלעכער, אַן אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט און בכלל אַ באַפֿרײַענדיקער נאַציאָנאַליזם. דער נעגאַטיווער נאַציאָנאַליזם איז נאַציאָנאַלער עגאָטיזם, אַ נאַציאָנאַליזם וואָס איז נישט מאָטיווירט מיטן געדאַנק צו באַפֿרײַען די שפּעריש כּוחות פֿון אַ פֿאָלק, נאָר אַ נאַציאָנאַליזם פֿון קאַמף און פֿון צוואַנג־אַסימילאַציע. דער גאַנצער גאַנג פֿון דער געשיכטע, האַלט דובנאָוו, איז אין דער ריכטונג פֿון פּילשטאַמיקע מלוכות, מלוכות צונויפֿגעשטעלט פֿון מער ווי איין פֿאָלק. די פֿונקציע פֿון אַ הערשנדיקן פֿאָלק אין דער מלוכה, זאָגט דובנאָוו, וועט דערנידעריקט ווערן צו דער זעלבער מדרגה וואָס אַ הערשנדיקער קלויסטער פֿאַרנעמט איצט אין אַ פֿרײַער מדינה. דאָס איז נישט, זאָגט דובנאָוו:

> סתּם אגדה, נאָר אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט, באַזירט אויף דער גאַנצער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער יורידישער וויסנשאַפֿט. און אויף דער דאָזיקער היסטאָרישער נויטווענדיקייט שטעל איך מײַן האָפֿענונג, אַז דער קאַמף פֿון ייִדן פֿאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט וועט רעאַליזירט ווערן.[5]

עד כּאַן די אַלגעמיינע טעאָריע פֿון דובנאָוון וועגן נאַציאָנאַליזם. ווי האַלט עס מיט אָט דער טעאָריע אין דער וועלט איצט? אַז מען קוקט זיך אַרום אויף דער וועלט ווי זי איז איצט קען מען זאָגן, אַז פּראַקטיש איז די גאַנצע טעאָריע כּמעט אין גאַנצן פֿאַרשווונדן געוואָרן. די גאַנצע טענדענץ פֿון פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין די לעצטע צען־פֿופֿצן יאָר איז אין דער ריכטונג פֿון מאָנאָליטישע, אוניטאַרישע נאַציאָנאַלע מלוכות. מען רוקט אַרום מיליאָנען נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן ווו מען וויל און ווו עס לאָזט זיך. אין 1918—1920 איז געווען אַ

[5] ש. דובנוב, מכתבים על היהדות הישנה והחדשה, תל־אָביב, 1937, ז׳ 89.

גרויסע באַוועגונג, אָנגעפֿירט איבער הויפּט פֿון ייִדישע פּאָליטישע טוערס, פֿאַר מינאָריטעטן־רעכט. איצט הערט מען נישט פֿון מינאָריטעטן־רעכט. דער גאַנצער ציל פֿון די וואָס שטעלן אויף מלוכות איז, אַז ס'זאָלן קיין נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין קיין מלוכה ניט זײַן; מען וויל אַרויסשטופּן די מינאָריטעטן, כּדי די מלוכה זאָל זײַן איינשטאַמיק. אין אַ געוויסן זינען קען מען עס פֿאַרשטיין, איבער הויפּט אין איראָפּע, ווײַל די גאַנצע מינאָריטעטן־באַוועגונג אין איראָפּע איז געוואָרן פֿאַר די דײַטשן אַ מיטל אַרײַנצושטופּן זייערע פֿינפֿטע קאָלאָנעס. דאָס האָט דעמאָראַליזירט דעם גלויבן אין נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט.

איז אויב מיר קוקן זיך אַרום אויף דער מאַפּע און מיר לייענען דאָס וואָס ס'קומט פֿאָר אויף פּאָליטישע פֿאַרזאַמלונגען איז דובנאָווס טעאָריע באַנקראָט. אָבער אויב אַ טעאָריע ווערט נישט דורכגעפֿירט אין איצטיקן מאָמענט איז נאָך נישט קיין ראָיה, אַז זי איז באַנקראָט. עס האָט שוין געהאַלטן גאַנץ, גאַנץ נאָענט דערצו, אַז דער נאַציזם זאָל ווערן די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע פֿון דער וועלט און אַז היטלער זאָל געווינען די מלחמה. דאָס וואָלט נאָך נישט געמיינט, אַז די דעמאָקראַטישע טעאָריע איז באַנקראָט. אַדרבא, אַז מען לייענט נישט די פּראָטאָקאָלן פֿון די אויסערן־מיניסטעריומס, נאָר די ווערק פֿון די וויכ־טיקסטע קענערס פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט פֿון דער איצטיקער צײַט, זעען מיר, אַז זיי האַלטן נאָך אַלץ, אַז די טעאָריע פֿון אָפּגרענעצונג צווישן מלוכה און פֿאָלק דאַרף דורכגעפֿירט ווערן, און זיי זאָגן פֿאָרויס, אַז זי וועט נאָך דורכ־געפֿירט ווערן. איך רייד איצט ניט נאָר וועגן ייִדישע טעאָרעטיקערס, איך רייד וועגן אַלגעמיינע פֿאָרשערס. פֿאַר דער צוקונפֿט איז די טעאָריע העכסט וויכטיק. כאָטש מיר לייענען ניט הײַנט וועגן מינאָריטעטן־רעכט, און אַז מינאָריטעטן ווערן אַריבערגעפֿירט פֿון איין לאַנד אין דעם אַנדערן מיינט עס נאָך ניט, אַז עס וועלן ניט זײַן קיין מינאָריטעטן און עס מיינט נאָך ניט, אַז עס וועט ניט זײַן קיין מינאָריטעטן־פּראָבלעם. און ייִדן זײַנען איבער הויפּט אומעטום אַ מינאָ־ריטעט, אַ חוץ אפֿשר אין ארץ־ישׂראל. די פּראָבלעם פֿון מינאָריטעטן וועט מוזן פֿאַרענטפֿערט ווערן און די פּראָבלעם פֿון מינאָריטעטן אין איראָפּע, פּונקט ווי די גאַנצע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, וועט מוזן פֿאַרבונדן ווערן, מיין איך, מיט דער אידעע פֿון פֿעדעראַציע פֿון פֿעלקער. פֿעדעראַציע פֿון פֿעלקער אין איין מלוכה אָדער אין עטלעכע מלוכות מיינט אָננעמען די טעאָריע פֿון אַ חילוק צווישן פֿאָלק און מלוכה, אין צוויי טיילן פֿון דער וועלט איבער הויפּט וועט זיך די פּראָבלעם פֿאַרשאַרפֿן; אפֿשר הײַנט איז עס ניט פּראַקטיש, אפֿשר גאַנץ ווײַט אין דער צוקונפֿט, אָבער פּאַקיסטאַן און הינדוסטאַן וועלן זיך מוזן פֿאַראייניקן. און עס קען זײַן, אַז איך וועל זײַן אַ גרויסער, גרויסער אַפּיקורס, אויב איך וועל דאָס זאָגן דאָ, פֿאַר דעם עולם, אין דער גאַנץ ווײַטער צוקונפֿט, נישט איצט, — איצט איז דאָס ניט פּראַקטיש, — וועט אפֿשר ארץ־ישׂראל אויך דאַרפֿן שטעלן פֿאַר זיך די פּראָבלעם. איך גלייב אַז מען וועט דאַרפֿן צוקומען צו דובנאָווס טעאָריע פֿון נאַציאָנאַליזם, דאָס הייסט אַז עס מוז זײַן אַ חילוק צווישן פֿאָלק און צווישן מלוכה.

די ערגסטע מכּה פֿון אונדזער צײַט — האָט דובנאָוו געשריבן אין צוקונפֿט אין 1935 — איז וואָס די וועלט קערט זיך אום צום פּאָליטישן אוניטאַריזם. אַזוי ווי אַ מאָל האָט דער רעליגיעזער אוניטאַריזם געבראַכט צו אינקוויזיציע און גלויבנסקריגן, אַזוי פֿירט היינט דאָס איין־פּאַרטיי־סיסטעם [און איך רעכן, אַז דובנאָוו וואָלט געזאָגט פֿאַר דעם אויך: איין־נאַציע־סיסטעם] צו נײַער אינקוויזיציע.

און דאָס וואָס דובנאָוו האָט געשריבן אין 1901 איז פּונקט אַזוי צײַטיק בײַ אונדז היינט, ווי יעמאָלט: ניט געקוקט אויף דער רעאַקציע, האָט ער דעמאָלט געזאָגט, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער אונדז, ציט אונדז די ראָד פֿון געשיכטע ניט צו דער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון נאַציאָנאַלע גרופּעס, נאָר צו זייער באַפֿרײַונג. אַזוי ווי עס איז געפֿאַלן נאָך אַ שווערער מלחמה דער פּרינציפּ פֿון אַ הערשנדיקן קלויסטער, אַזוי וועט אויך געשלאָגן ווערן דער פּרינציפּ פֿון אַ הערשנדיקער נאַציע. די מלחמה פֿון נאַציעס פֿאַר דעם דאָזיקן אידעאַל וועט ניט אויפֿהערן, ביז זיי וועלן ניט אָפּהאַלטן אַן ענדגילטיקן נצחון. ישׂראל איז ניט אַן אַלמן אין דעם קאַמף, זײַן וועג איז דער וועג פֿון דער געשיכטע, וואָס פֿירט צו דעם נאָבעלן ציל.

ביז איצט האָב איך גערעדט פֿון אַלגעמיינעם נאַציאָנאַליזם. אין דובנאָווס טעאָריע וועגן ייִדישן נאַציאָנאַליזם איז דער וויכטיקסטער פּונקט, אַז דער כאַראַקטער פֿון ייִדישן נאַציאָנאַליזם איז אַ גײַסטיקער נאַציאָנאַליזם און נישט קיין פּאָליטישער. דאָס האָט ער שוין אַנגעוויזן נישט נאָר אין זײַנע בריוו וועגן אַלטן און נײַעם ייִדנטום, נאָר דאָס ווײַזט זיך אויך אין אַלע זײַנע געשיכטלעכע ווערק. איבער הויפּט איז דאָס צו באַמערקן אין זײַן וועלט־געשיכטע, ווו ער באַהאַנדלט דעם אונטערשייד צווישן די פּרושים און צדוקים אין דער צײַט פֿון בית שני. כ׳וואָלט פֿאָרגעלייגט, אַז די אַלע וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער ייִדישער געשיכטע פֿון היינט זאָלן גוט שטודירן די צײַט פֿון בית שני, אַן עפּאָכע וואָס מיר דאַרפֿן אַלע דורכטראַכטן כּדי צו פֿאַרשטיין די פּראָבלעמען פֿון אונדזער איצטיקער צײַט. און וואָס איז דובנאָווס אויספֿיר וועגן דעם אונטערשייד צווישן פּרושים און צדוקים? פֿאַר דובנאָוון איז דער אונטערשייד נישט דער וואָס אַ סך האָבן געמאַכט פֿריִער, אַז די פּרושים האָבן יאָ געהאַלטן פֿון תּורה שבעל פּה און די צדוקים ניט. ניין! די פּרושים זײַנען געווען די וואָס האָבן געהאַלטן פֿון אַ גײַסטיקער נאַציע און די צדוקים זײַנען געווען די וואָס האָבן געהאַלטן פֿון אַ פּאָליטישער נאַציע. אַז מען לייענט אין צווייטן באַנד פֿון דער וועלט־געשיכטע דובנאָווס באַשרײַבונג פֿון די פּרושים, לייענט מען כּמעט אַ באַשרײַבונג פֿון דובנאָוון אַליין און פֿון זײַן גאַנצן שטאַנדפּונקט.[6] דאָס איז נישט אַנדערש, ווי דאָס וואָס ער שרײַבט אין זײַנע בריוו וועגן אַלטן און נײַעם ייִדנטום:

ווי אַ ייִד, בין איך שטאָלץ מיטן נאָמען „נאַציאָנאַל” און איך האַלט די פֿאָן פֿון נאַציאָנאַליזם הויך, ווײַל איך ווייס, אַז מײַן פֿאָלק, צוליב די ספּעציפֿישע היסטאָרישע אומשטאַנדן אין גלות, קען קיין מאָל נישט

[6] זען ש. דובנאָוו, וועלט־געשיכטע פֿון יודישן פֿאָלק.

שטרעבן, אין קיין שום אָרט, צו זײַן אַ הערשנדיקע נאַציע. מײַן נאַציאָ־נאַליזם קען קיין מאָל נישט זײַן מער ווי ריינער אינדיווידואַליזם, און דאָס הייסט עטישער נאַציאָנאַליזם.[7]

דווקא איצט, מיטן אויפֿקום פֿון אַ ייִדישער מדינה, ווערט אָט דער געדאַנק פֿון דובנאָוון וועגן אַ גײַסטיקער נאַציע נאָך מער אַקטועל און נאָך מער נייטיק, האַלט איך, ווי אין דער צײַט וואָס ער האָט די ווערטער געשריבן. מיר שטייען איצט אין אַ צײַט, ווען עס קען זיך אַנטוויקלען בײַ אונדז, אי אין ארץ־ישׂראל, אי אין גלות, אַ נײַע פֿאַרשאַרפֿונג צווישן נײַע פּרושים און נײַע צדוקים. איך האַלט אַז די סכּנה איז גרויס. מיר האָבן דעם פּרעצעדענט פֿון אַלע אַנדערע נאַציאָ־נאַליזמען אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט, וואָס האָבן זיך אַנגעהויבן ווי הומאַ־ניטאַרע נאַציאָנאַליזמען און האָבן זיך געענדיקט ווי פֿאַרשקלאַפֿנדיקע. מיר האָבן אַ האָפֿענונג אַז מיר זײַנען אַ פֿאָלק, וואָס אונדזער היסטאָרישער גורל האָט אונדז אַנדערש געמאַכט פֿון אַנדערע פֿעלקער. קען זײַן, אַז אונדזער צו־קונפֿטיקע געשיכטע וועט זײַן אויך אַנדערש ווי די געשיכטע פֿון אַנדערע פֿעלקער. אָבער עס ליגט בײַ אונדז אין די הענט צו מאַכן אָט די געשיכטע. מיר דאַרפֿן איצט מער ווי ווען עס איז אונטערשטרײַכן נאָך אַ מאָל דובנאָווס טעאָריע פֿון אַ גײַסטיקער נאַציע. מער ווי אַלע מאָל דאַרפֿן מיר איצט האָבן אַן אינטעליגענץ און אַ פּירערשאַפֿט און שרײַבערס און פֿאַרשערס וואָס נישט זיי פּאַטשן בראַוואָ צו יעדער זאַך וואָס פּאַסירט אויף דער ייִדישער גאַס און וואָס ס׳האָט זיך איצט אַנטוויקלט בײַ זיי אַ היסטערישער פּאַטאָס, וואָס צוליב דער קאַטאַסטראָפֿע פֿאַרגעבן זיי אַלץ און איבער הויפּט פֿאַרלירן זיי די געשיכטלעכע פּערספּעק־טיוו. מיר דאַרפֿן האָבן אַן אינטעליגענץ און אַ פּירערשאַפֿט וואָס קען זאָגן, ווען די צײַט קומט: לא זו הדרך, דאָס איז נישט דער וועג; און בײַ אונדז אויף דער ייִדישער גאַס, צוליב אַ סך אומשטאַנדן וואָס איך קען זיך ניט אַרײַנלאָזן דאָ, זײַנען לײדער פֿאַראַן גאַנץ ווייניק אַזעלכע.

מער ווי אַלע אַנדערע ייִדיש־נאַציאָנאַלע טעאָרעטיקערס פֿון זײַן צײַט האָט דובנאָוו אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק פֿון כּלל־ישׂראל — אי אין אַ ווער־טיקאַלן געשיכטלעכן זינען, אי אין אַ האָריזאָנטאַלן צײַט־געשיכטלעכן זינען. אין זײַן נאַציאָנאַליזם זײַנען עבֿר, הווה און עתיד ענג צונויפֿגעפֿלאָכטן. די אַסי־מילאַציע, זאָגט דובנאָוו, האָט אונטערגעשטראָכן דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם מער נישט ווי אין דעם עבֿר; די פּאָליטישע ציוניסטן טראַכטן נאָר פֿון דעם עתיד; די סאָציאַליסטן, דער בונד און אַזעלכע נאַציאָנאַליסטן ווי חיים זשיטלאָווסקי פֿאַנגען אָן ייִדישע געשיכטע מיט דעם הווה אָדער מיט דעם נעכטן. דובנאָוו געפֿינט זיך היימיש אין אַ זאַמלבוך פֿאַר נתן בירנבוימען, בשעת נתן בירנבוים איז שוין געוואָרן אַן אָרטאָדאָקסישער ייִד מיט באָרד און פּאות און געוואָרן אַ פּירער אין אגודת־ישׂראל, און ער געפֿינט זיך פּונקט אַזוי היימיש אין אַ זאַמלבוך פֿאַר חיים זשיטלאָווסקין און פֿאַר ייִדישע סאָציאַליסטן. אָבער צום 40סטן יובֿל פֿון

[7] ש. דובנוב, מכתבים..., ז׳ 48.

בונד האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן אַ באַגריסונג, ווײַל ער האָט געזאָגט: „איר בונדיסטן האָבן זיך אַרויסגענומען פֿון כּלל־ישׂראל, איר האָט זיך איזאָלירט, ווײַל איר ווילט ניט אָנערקענען דעם פֿאַקט פֿון דעם אויפֿבוי פֿון ארץ־ישׂראל אַלס איינער פֿון די גרעסטע ניסים פֿון אונדזער געשיכטע".[8]

בנוגע דובנאָווס טעאָריע פֿון אויטאָנאָמיע וויל איך מערנישט דאָ אַרויס־ברענגען איין וויכטיקן פּונקט. דובנאָוו האָט קיין מאָל נישט געהאַלטן, אַז זײַנע פֿאַרשלאָגן קענען זיך ניט בײַטן און זײַנען אַלצײַטיק. ער זאָגט בפּירוש, אַז יעדער דור, יעדע תּקופֿה, געפֿינט פֿאַר זיך נײַע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דער עיקר איז, אַז די ייִדישע געשיכטע איז אַ געשיכטע פֿון אויטאָנאָמע נאַ־ציאָנאַלע קאָלעקטיוון, און אויב דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט האָבן אַ קיום (און ער גלייבט, אַז עס מוז האָבן אַ קיום) וועט עס אַזוי זײַן, ווײַל אין יעדער תּקופֿה און אין יעדער לאַנד וועלן זיך געפֿינען עלעמענטן וואָס וועלן אויסאַרבעטן די נײַע פֿאָר־מען פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

דובנאָווס צוגאַנג צו דער שפּראַכן־פֿראַגע, מיין איך, איז אויך אַקטועל פֿאַר אונדזער הײַנטיקער צײַט. העברעיִש, האָט דובנאָוו געהאַלטן, איז די וויכטיקסטע ייִדישע נאַציאָנאַל־שפּראַך; צום ליבסטן איז אים געווען ייִדיש; און די מערסטע פֿון זײַנע ווערק האָט ער פּאַקטיש געשריבן אין רוסיש.[9] גערעדט בײַ זיך אין הויז מיט דער פֿרוי האָט ער אויך רוסיש. ער פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר דעם אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים אין פֿאַרשיידענע שריפֿטן. ער דערציילט, אַז ער איז אויפֿ־געהאָדעוועט געוואָרן אין דעם דור, ווען יהודה לייב גאָרדאָן האָט זיך געפֿרעגט: פֿאַר וועמען שרײַבן מיר? צו וואָס זאָלן מיר שרײַבן ייִדיש און צו וואָס זאָלן מיר שרײַבן העברעיִש? לאָמיר בעסער שרײַבן רוסיש פֿאַר דעם נײַעם דור. דערפֿאַר האָט דובנאָוו זיך גענומען שרײַבן רוסיש. ס'איז אויך נאָך ניט געווען אַנטוויקלט אַ וויסנשאַפֿטלעכע שפּראַך אין העברעיִש; דערפֿאַר, זאָגט ער, האָט ער געשריבן רוסיש. אָבער בײַ מיר איז וויכטיק, אַז אין דער שפּראַכן־פֿראַגע האַלט זיך דוב־נאָוו בײַ דרײַשפּראַכיקייט. ייִדן האָבן אַלע מאָל געהאַט צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן, האַלט ער: העברעיִש און אַראַמיש אין דער תּלמודישער צײַט, און העברעיִש און ייִדיש איצט. נאָר ער איז קעגן יענעם ייִדישיזם וואָס קען פֿאַרשטאַנען ווערן ווי אַ לינגוויסטישער שאָוויניזם, ווי ער רופֿט עס אָן אין אַן אַרטיקל אין זשיט־לאָווסקי־זאַמלבוך. קעגן זשיטלאָווסקין שרײַבט ער, אַז ווען דאָס ייִדישע פֿאָלק וואָלט זיך געהאַלטן בײַ איינשפּראַכיקייט, וואָלט עס קיין מאָל נישט געהאַט קיין קיום. און איצט, זאָגט ער, זײַנען פֿאַראַן טויזנטער און טויזנטער האַרציקע און וואַרעמע ייִדן, וואָס זייער שפּראַך איז נישט איינע פֿון די נאַציאָנאַל־שפּראַכן,

---

[8] ש. דובנאָוו, „וועגן דער איזאָלאַציע פֿון בונד", צוקונפֿט, יוני 1938, ז' 329.

[9] וועגן דובנאָווס שפּראַכן־טעאָריעס, און איבער הויפּט זײַן צושטײַער צו דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור, זען די זאַמלונג פֿון זײַנע אַרטיקלען: פֿון זשאַרגאָן צו ייִדיש, ווילנע 1929. זען אויך מכתבים..., ז' 102—103, אויך זײַן הקדמה צו דער דײַטשער אויסגאַבע פֿון זײַן *Geschichte des Chassidismus*, בערלין, 1931.

נאָר די שפּראַך פֿון לאַנד. און מען דאַרף צו זיי אויך געפֿינען אַ וועג.[10] דאָס וואָס דובנאָוו האָט געשריבן פֿאַר די ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע איז, רעכן איך, פֿאַר אונדז אין אַמעריקע נאָך מער אַקטועל.

וועגן ציוניזם, און איבער הויפּט וועגן די באַציִונגען צווישן ארץ־ישׂראל און דעם גלות, איז אָנגעגאַנגען צווישן דובנאָוון און אַחד־העמען אַ לאַנגע פּאָלעמיק וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יענע יאָרן ווען זיי האָבן געלעבט צוזאַמען אין אַדעס. ביסלעכווײַז האָבן זיי זיך דערנעענטערט איינער צום אַנדערן. זיי האָבן זיך אַלע מאָל רעספּעקטירט און געהאַלטן איינער פֿון אַנדערן. און הגם אויבן אויף ווײַזט זיך אויס, אַז זיי זײַנען זייער ווײַט איינער פֿון אַנדערן, איז באמת דער מהלך צווישן זיי גאָרניט אַזוי גרויס.

איך וואָלט געזאָגט נאָך מער: טעאָרעטיש זײַנען זיי געווען זייער, זייער נאָ־ענט צווישן זיך. זיי האָבן ביידע געהאַלטן, אַז קיין מאָל וועט ארץ־ישׂראל נישט ווערן דאָס לאַנד וואָס וועט אַרײַננעמען די גרויסע מערהייט ייִדן און אַז די גרויסע מערהייט ייִדן וועט בלײַבן אין גלות. זיי האָבן ביידע געהאַלטן, אַז דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פֿון ייִדן אין גלות וועט ניט זײַן אַזאַ שלמותדיקס און אַזאַ קאָמפּלעטס און אַזאַ פּערפֿעקטס ווי דאָס נאַציאָנאַלע לעבן אין ארץ־ישׂראל. דובנאָוו האָט געזאָגט, אַז דער גלות וועט דאַרפֿן ממלא זײַן אין כּמות דאָס וואָס ער האָט ניט אין איכות. אָבער פּראַקטיש און פּסיכאָלאָגיש איז דער אונטער־שייד געווען אַ גרויסער צווישן דובנאָוון און אַחד־העמען. אַחד־העמען, דעם גײַס־טיקן אַריסטאָקראַט, האָט ניט אַזוי פֿיל געאַרט וואָס עס וועט ווערן מיט די גלות־ייִדן, דערפֿאַר האָט ער אונטערגעשטראָכן צום מערסטן דעם נאַציאָנאַלן צענטער אין ארץ־ישׂראל. דובנאָוון, דעם פֿאָלקסמענטש, האָט געאַרט, וואָס עס פּאַסירט מיט יעדער ייִד, און דעריבער האָט דובנאָוו זיך געהאַלטן בײַ זײַן טעאָריע פֿון אויטאָ־נאָמיזם און געזאָגט, אַז מען דאַרף אַרבעטן פֿאַר די נאַציאָנאַלע כּוחות און דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין גלות. בײַ אונדז איצט איז די פֿראַגע וועגן דער פֿאַרהעלטעניש צווישן ארץ־ישׂראל און דעם גלות איינע פֿון די וויכטיקסטע. איך גלייב, אַז דובנאָווס צוגאַנג צו דער דאָזיקער פֿראַגע איז דער ריכטיקער. נאָך דעמאָלט האָט דובנאָוו געזאָגט, אַז כּדי ארץ־ישׂראל זאָל זײַן שטאַרק און כּדי ארץ־ישׂראל זאָל זײַן אַ געזונטע נאַציאָנאַלע ייִדישע מלוכה, מוז דער גלות אויך זײַן ייִדיש־נאַציאָנאַל שטאַרק, און אַזוי ווי דער גלות דאַרף ארץ־ישׂראל, אַזוי דאַרף ארץ־ישׂראל דעם גלות. צווישן ציוניסטן, און איבער הויפּט צווישן פֿאַרשיידענע עלעמענטן אין דער ארץ־ישׂראלדיקער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז פֿאַראַן אַ גרויסע, גרויסע אומקלאָרקייט וועגן דער דאָזיקער גאַנצער פֿראַגע, און נישט נאָר אַן אומקלאָרקייט, נאָר אויך אַ מין גדלות קעגן דעם גלות. נאָר אין קלענערע ציוניסטישע קרײַזן געפֿינען מיר אַ צוגאַנג וואָס איז גענוי דער זעלבער ווי דובנאָווס; אַזאַ צוגאַנג איז פֿאַראַן בײַ ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש און בײַ דעם קרײַז רעקאָנסטראָקשאָניסטן אַרום ד״ר מרדכי קאַפּלאַן.

---

[10] ש. דובנאָוו, „זשיטלאָווסקיס אויטאָנאָמיזם", זשיטלאָווסקי־זאַמלבוך, וואַרשע, 1929, זז׳ 190—195.

איך וויל פֿאַרענדיקן מיט דעם, וואָס פֿאַר מיר איז איבער הויפּט זייער וויכטיק אין דער איצטיקער צײַט: מיט דובנאָווס היסטאָרישן אָפּטימיזם און זײַן גלויבן אין הומאַניטעט און מענטשלעכקייט. אין זײַנע זכרונות וועגן מענדעלע מוכר־ספֿרים דערציילט דובנאָוו,[11] ווי זיי זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען פּסח־צײַט 1891, גלײַך נאָך דעם גרוש־מאָסקווע, אין מענדעלעס הויז; איבער אַלעמען איז געווען אַ גרויסער צער. איינער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף פֿאַרגרעסערן די ארץ־ישׂראלדיקע קאָלאָניזאַציע, אַן אַנדערער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אָרגאַניזירן אַן עמיגראַציע קיין אַמעריקע. דובנאָוו האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אָרגאַניזירן אַן אַגיטאַציע־רײַזע איבער אייראָפּע אויפֿצוהייבן די וועלט קעגן דעם דעספּאָטישן רוסלאַנד. אין 1939, אין דעם זעלבן בריוו צו טשעריקאָווערן וועלכן איך האָב פֿריִער דערמאָנט, זאָגט דובנאָוו, אַז אַן אינטערנאַציאָנאַל מיליאָנען־פֿאָלק פֿול מיט האַס צום נאַציזם און פֿאַשיזם קען דינען ווי אַ פֿערמענט אויפֿצורודערן די וועלט קעגן די דאָזיקע מערדערישע באַוועגונגען און אויפֿוועקן דעם וועלט־געוויסן.[12] אונדזערע רעאַליסטישע סקעפּטיקערס אויף דער ייִדישער גאַס וועלן שמייכלען איראָניש צוהערנדיק זיך צו די רייד: אויפֿרודערן די וועלט, אויפֿוועקן דעם וועלט־געוויסן. דובנאָוו פֿאַרלאָזט זיך טאַקע נישט נאָר אויפֿן וועלט־געוויסן. פּונקט ווי אין דער צײַט פֿון די צאַרישע פּאָגראָמען האָט ער געפֿאָדערט די גרינדונג פֿון אַ ייִדישער זעלבשוץ, אַזוי האָט ער גערופֿן אין זײַן לעצטן בריוו צום עקאָנאָמישן באָיקאָט און צום קעמפֿן פֿון די ייִדישע סאָלדאַטן קעגן די נאַצישע רוצחים. דובנאָוו איז נישט געווען קיין טאָלסטאָיעץ און איז נישט געווען קיין „פּאַסיוו רעזיסטער". אָבער זײַן טיפֿער געשיכטלעכער וויסן האָט אים געגעבן אַ היסטאָרישן אָפּטימיזם, וואָס בײַ מיר קומט אויס, אַז ער איז געזונט. אין זײַן טאָגבוך פֿון אָנהייב 20סטן י"ה שרײַבט ער: „ווער ווייס, וואָס דאָס 20סטע יאָרהונדערט וועט ברענגען פֿאַר ייִדן, אפֿשר נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפֿע, און אפֿשר גרויסע מלחמות, נאַציאָנאַלע מלחמות? אָבער עס לאָזט מיר אַזאַ געדאַנק ניט קומען אויפֿן מוח".[13] עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן הײַנט, אַז דובנאָווס נישט־דערלאָזטע מוראדיקע חזיונות זײַנען יאָ מקוים געוואָרן. פֿון דעסט וועגן בין איך בײַ זיך זיכער, אַז דובנאָוו וואָלט אַפֿילו איצט, נאָך אונדזער גרויסן חורבן, אויך ניט פֿאַרלאָרן דעם אָפּטימיזם, ווײַל ביז זײַנע לעצטע טעג האָט ער קיין מאָל ניט פֿאַרלאָרן זײַן היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. שרײַבנדיק אין צוקונפֿט אין 1935 אין זײַן אַרטיקל „וווּהין גייען מיר? טרויעריקע באַטראַכטונגען וועגן אונדזער טרויעריקער צײַט" זאָגט ער:

איך גלייב, אַז דאָס איז נאָר אַן איבערגאַנגס־צײַט צווישן דער וועלט־מלחמה וואָס האָט פֿאַרווילדערט מיליאָנען מענטשן און דער צוקונפֿטיקער נאָרמאַלער לאַגע. עס וועט נאָך קומען אַ צײַט, ווען די הײַנטיקע שוואַרץ־רויטע משוגעת וועט דערמאָנט ווערן ווי איינע פֿון די גרעסטע קאַטאַסטראָפֿעס אין דער וועלט־געשיכטע.

[11] ש. דובנאָוו, פֿון זשאַרגאָן צו ייִדיש, ז' 104.
[12] אויפֿן שיידוועג, נומער 2, זז' 4—5.
[13] S. Dubnow, *Mein Leben*, Berlin, 1937, p. 124.

און ער דערציילט די אַגדה פֿון תּלמוד, ווי אַזוי אָדם הראשון האָט געזען דעם ערשטן מאָל ווי אַזוי די זון פֿאַרגייט און האָט זיך דערשראָקן און געמיינט, אַז עס קומט שוין דער סוף פֿון דער וועלט, נאָר אויף מאָרגן האָט ער געזען, ווי די זון גייט אויף ווידער. אַזוי, זאָגט דובנאָוו, איז דאָ אַ געוויסער סדר אין דער סאָציאַלער וועלט:

זי שטייט ניט אויף איין אָרט, זי דרייט זיך, אָפּט קומען פֿאָר וווּל־קאַנישע אויפֿרײַסונגען, אָבער זי אַנטוויקלט זיך לויט געוויסע געזעצן וואָס האָבן זייער גרונט אין דער מענטשלעכער נאַטור. אונדזערע אַלטע פֿלעגן זאָגן, אַז אין דער מענטשלעכער נשמה גייט אָן אַ שטענדיקער קאַמף צווישן יצר־הרע און יצר־טובֿ און אַז די אויפֿגאַבע פֿון רעליגיע אָדער מוסר איז צו שטאַרקן דעם יצר־טובֿ. מיר זאָגן דאָס זעלבע מיט אַנדערע ווערטער: עס זײַנען דאָ צײַטן, ווען אין גאַנצע מענטשן־מאַסן שטאַרקט זיך דער בייזער פּרינציפּ, די בעסטיע אין מענטשן; דאַרפֿן זיך אַנדערע מענטשן אָרגאַניזירן, כּדי שטאַרקער צו מאַכן דעם גוטן פּרינ־ציפּ, דעם מענטשלעכן געוויסן, דעם קאַטעגאָרישן עטישן אימפּעראַטיוו.[14]

אין אונדזער תּקופֿה פֿון קאָנטערעמאַנציפּאַציע, זאָגט דובנאָוו אין זײַן לעצטער אַרבעט, טאָר מען נישט שטעלן די איראָנישע פֿראַגע: וואָס האָט אונדז געבראַכט די עמאַנציפּאַציע? יאָ, ס'האָט אונדז געבראַכט אַסימילאַציע, אָבער אויך פֿרײַהייט, מענטשלעכע ווערדע, זי האָט אויפֿגעלעבט דעם פֿרײַען מענטשן אין דעם ייִדן... מיר שטייען און פֿאַלן מיט דעם פּראָגרעס אָדער רעגרעס פֿון דער גאַנצער מענטשהייט, ניט מיט עטלעכע פֿון אירע דעגענערירטע טיילן.[15]

דובנאָוו איז דער סינטעז פֿון מענטש און ייִד, און ווי אַזעלכער, מיין איך, קען ער פֿאַר אונדז זײַן אַ מוסטער, דער הויפּט פֿאַר אונדז וועלטלעכע ייִדן וואָס לעבן אין אַ סעקולאַריזירטער וועלט. אין איינער פֿון זײַנע פֿריסטע פֿאַר־צייכענונגען אין זײַן טאָגבוך, אין 1877 אין דענעבאָרג, האָט דער 17יאָריקער דובנאָוו געשריבן אַזוי:

דאָ פֿאַרשטייט מען ניט מײַן צוגעבונדנקייט צו דער ייִדישער נאַציע, פֿאַרקערט, איך באַמערק אָפּשטויסונג און פֿאַראַכטונג צו איר. אָבער אין מיר וואַקסט אַלץ די ליבע צו אונדזער נאַציע, וואָס אונדזער יוגנט וואַרפֿט זי אַוועק ווי עפּעס אַ נישטיקע זאַך.[16]

יאָ — ליבע צו אונדזער פֿאָלק, דאָס, קען מען זאָגן, איז דער פֿונדאַמענ־טאַלער צוגאַנג פֿון שמעון דובנאָוו צו ייִדן און ייִדישקייט. אויב אַחד־העם האָט אין זיך פֿאַרקערפּערט די גדולת־ישׂראל, גדולה מיט אַ היפּשער מאָס גאווה אויך, אויב נתן בירנבוים האָט אין זיך פֿאַרקערפּערט תּפֿארת ישׂראל, די פּראַכט פֿון ישׂראל, תּפֿארת אָן תּהילה, איז שמעון דובנאָוו אָן ספֿק דער אויסדרוק און פֿאַרקערפּערונג פֿון אַהבֿת ישׂראל. ער האָט אַ מאָל געשריבן אויף אַחד־העמען,

---

[14] צוקונפֿט, 1935, ז' 398. זען אויך זײַן רעצענזיע אויף שלום באַראָנס *Social and Religious History of the Jews*, צוקונפֿט, 1937, ז' 767.

[15] אויפֿן שיידוועג, נומער 2.

[16] צוקונפֿט, 1933, ז' 357.

אַז ער האָפֿט, אַז פֿון אַחד־העמען וועט ווערן דער מאַחד העם, דער פֿאַראייניקער פֿון פֿאָלק. דאָס וואָס דובנאָוו האָט געהאָפֿט פֿון אַחד־העמען איז ער אַליין געוואָרן. ער, דער אוהבֿ ישׂראל, איז געוועזן דער מאַחד העם. דאָס איז זײַן גבֿורה און דאָס איז אויך געווען זײַן שוואַכקייט. אין דעם פּראַקטישן טאָג־טעגלעכן לעבן פֿון פּאָליטישן און סאָציאַלן קאַמף, כּדי צו ווירקן אויף גרויסע מאַסן, מוז מען זײַן מער אָדער ווייניקער איינזײַטיק, מען טאָר נישט זען דעם צד־היושר בײַם קעגנער. דאָס שוואַכט שוין אָפּ די ענערגיע אין מיטן קאַמף. דערפֿאַר האָט דובנאָוו קיין מאָל נישט מצליח געווען ווי אַ פּראַקטישער פּאָליטיקער אין זײַן אייגענער צײַט. זײַן אײַנפֿלוס איז געווען אומגעהײַער און וועט נאָך ווײַטער אויך זײַן שטאַרק אויף דער אינטעליגענץ, אויף דער פֿירערשאַפֿט. און אין לעצטן סך־הכּל האָט ער אויך געהאַט און וועט נאָך האָבן אַ פֿיל גרעסערע און ברייטערע ווירקונג, אַ ווירקונג וואָס קומט מער נאָך זײַן צײַט, ווי אין זײַן צײַט.

דובנאָוו דערציילט אונדז אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע וועגן זײַן לעצטער באַגעגעניש מיט זײַן 85יאָריקן זיידן אין אַמטשיסלאַוו.[17] דובנאָוו האָט דעמאָלט געהאָלפֿן באַרויִקן די לאַגע אין זײַן שטעטל דורך אַ פּראָטעסטבריוו וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין וואָסכאָד. ווען דובנאָוו איז געקומען צום זיידן אין יאָר 1880, ווען ער איז שוין געווען דרײַסיק יאָר אַלט און שוין געווען אַ ביסל אַן אַפּיקורס, האָט דער זיידע געזאָגט צו אים:

> איך האָב געהערט, שמעון, אַז דו האָסט גוטס געטאָן פֿאַר ייִדן און אַז דו האָסט פֿאַרטיידיקט די ערע פֿון ייִדן. אין שטאָט זאָגט מען וועגן דיר: יש קונה עולמו בשעה אחת. ס'זײַנען דאָ אַנדערע וואָס קויפֿן זיך עולם הבא אין איין שעה. איך גלייב אָבער, אַז דו ביסט אינעווייניק קיין מאָל נישט פֿרעמד געווען דײַן פֿאָלק. זאָל גאָט געבן, אַז דו זאָלסט ווײַטער אויך קענען ווירקן פֿאַר דײַן פֿאָלק.

דובנאָוו האָט זײַן ליבן זיידנס האָפֿענונג מקיים געווען. ער האָט קונה עולם געווען ניט בשעה אַחת, נאָר מיט אַלע זײַנע צוויי און אַכציק יאָר לעבן און שאַפֿן. און אַזוי ווי ער איז געוואָרן אַ קדוש בישׂראל דורך זײַן מאַרטירערישן טויט, אַזוי איז ער געוואָרן אַ גדול בישׂראל דורך זײַן געשיכטלעכער און פֿילאָסאָפֿישער אַרבעט וואָס וועט לאַנג, מיין איך, בלײַבן אַ מורה נבֿוכי הזמן פֿאַר אונדז און פֿאַר צוקונפֿטיקע דורות.

---

[17] *Mein Leben*, pp. 85-86.

תּנך און אַרכעאָלאָגיע*

פֿון ד״ר צבֿי מ. אָרלינסקי

נאָך קיין מאָל איז דער תּנך און זײַן תּקופֿה נישט געווען אַזוי גוט און קלאָר פֿאַרשטאַנען ווי אין אונדזער איצטיקער צײַט. אַט דעם וויכטיקן פֿענאָמען אין דער היסטאָריאָגראַפֿיע האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען דער אַנטוויקלונג פֿון דער נײַער דורכויס וויסנשאַפֿטלעכער דיסציפּלין — אַרכעאָלאָגיע.

ביזן 19טן יאָרהונדערט האָט ניט דער ספּעציאַליסט אין תּנך און ניט דער היסטאָריקער פֿון אַנטיקן נאָענטן מיזרח נישט געהאַט קיין וויכטיקע מקורים פֿאַר זײַנע פֿאָרשונגען מחוץ די פֿיר און צוואַנציק ספֿרים פֿון די כּתבֿי־הקודש. די געשיכטע פֿון יענעם טייל מענטשהייט האָבן זיי פֿאַרשטאַנען אין רעקאָנסטרויִרט כּמעט דורכויס לויטן באַנעם פֿון תּנך גופֿא, היינו פֿונעם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט.

די עקאָנאָמישע מפּלה פֿונעם מערבֿ־אייראָפּעיִשן פֿעאָדאַליזם און דער אויפֿקום פֿונעם קאַפּיטאַליזם סוף 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָבן געבראַכט מיט זיך גאָר אַן אַנדער קוק אויף די פּאָליטישע, סאָציאַלע און רעליגיעזע פֿאַקטן און באַוועגונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע, די ביבלישע אַרײַנגערעכנט. די נײַ אויפֿגעקומענע פֿאָרשערס האָבן, אין די אינטערעסן פֿונעם בירגערלעכן קלאַס, זיך גענומען איבערקוקן און איבערקערן די יסודות נישט נאָר פֿון זייער אייגענער עפּאָכע, נאָר אויך פֿון אַלע פֿריִערדיקע. אַזוי למשל זענען די גאָר אַלטע און לאַנג אָנגענומענע גריכישע און רוימישע מקורים, אויף וועלכע די עלטסטע געשיכטע איז געווען געבויט, אָוועקגעוואָרפֿן געוואָרן ווי לעגענדאַרישע, ניט מער פֿאַרלאָזלעכע. דער נײַער טעסטאַמענט איז איבערגעקערט געוואָרן אַזוי, אַז די עלטסטע מקורים זענען אין די הענט פֿון די דאָזיקע פֿאָרשערס געוואָרן די שפּעטסטע און האָבן אויפֿגעהערט צו טויגן פֿאַר אַ יסוד פֿון אַ געשיכטע פֿונעם אַלטן קריסטנטום. דער תּנך האָט געהאַט נישט קיין בעסערן אָפּשניט. אין די הענט פֿון די תּנך־פֿאָרשערס מיט יענעם פֿילאָסאָפֿישן קוק אויף דער מענטשלעכער געשיכטע וואָס העגעל האָט פּאָפּולאַריזירט זענען די טיילן תּנך,

---

* בײַ אַ סעריע לעקציעס: „די געשיכטע און רעליגיע פֿון ייִדן אין דער תּנכישער תּקופֿה אין שײַן פֿון אַרכעאָלאָגיע״, וואָס איך האָב אין ווינטער 1946 געגעבן אין ייִדישן קהלשן צענטער (דזשויִש קאָמיוניטי סענטער) אין דזשוירזי סיטי, איז ווידער און אָבער אויפֿגעקומען די פֿראַגע וועגן דעם, ווי מען קען געפֿינען פֿאַרלאָזלעכן מאַטעריאַל וועגן דעם ענין. מיט דעם איצטיקן איבערבליק־אַרטיקל פֿאַרהאָף איך כאָטש אַ ביסל צו פֿאַרענטפֿערן די דאָזיקע פֿראַגע.

וואָס אין משך פֿון איבער צוויי טויזנט יאָר האָט מען זיי פֿאַררעכנט פֿאַר די עלטסטע, געוואָרן די סאַמע ייִנגסטע; די ייִנגסטע זענען געוואָרן אַ ביסל עלטער, כאָטש ווי אַ היסטאָרישער מקור ווײַט נישט מער אַזוי פֿאַרלאָזלעך ווי די אַלטע חלקים וואָס זענען גאָר און פּלוצעם פֿאַרייִנגערט געוואָרן. דער תּנך איז געוואָרן אויס היסטאָרישער דאָקומענט; ער איז געוואָרן אַ זאַמלונג לעגענדעס, שיינע און אויך מיאוסע מעשׂיות, ערשטקלאַסיקע פּאָעזיע, ליטורגיע, דראַמע, עטישע און מאָראַלישע פּיזמונים, פּראַקטישע חכמה, כראָניק אד"גל.[1]

אַרכעאָלאָגיע איז אויפֿגעקומען אין סוף 18טן און אין אָנהייב 19טן יאָר־הונדערט. אויב דער נײַ אויפֿגעקומענער קאַפּיטאַליזם אין מערבֿ־אייראָפּע האָט דערבראַכט צום וויסנשאַפֿטלעכן אומגלויבן אין דער היסטאָרישער פֿאַרלאָזלעכ־קייט פֿון תּנך ווי אין די מערסטע מאָנומענטן פֿונעם אַלטערטום, האָבן דווקא אַזעלכע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווי פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, האָלאַנד, דענמאַרק, בעלגיע, די לעצטע צײַט אַמעריקע, אויסגעכאַוועט אַ שפּאָגל נײַע דיסציפּלין: די אַרכעאָלאָגיע, וועלכע האָט אין איין אויפֿווײַזן אַז דער תּנך (און די אַלטע מקורים בכלל) איז אין דער אמתן איינער פֿון די באַמערקווערדיקסטע היסטאָריש פֿאַרלאָזלעכע דאָקומענטן וואָס אַ פֿאָלק האָט ווען עס איז פֿאַרמאָגט.

מיט פֿינף יאָר צוריק האָב איך אין ייִוואָ־בלעטער XXV (מײַ־יוני 1945, זז' 323—334) דיסקוטירט די פֿראַגע פֿון „גלות בבֿל אין שײַן פֿון אַרכעאָלאָגיע" און צוגעשטעלט צום סוף אַ רשימה פֿון צען ווערק וועגן אַרכעאָלאָגיע און איר שײַכות מיטן תּנך. זינט דעמאָלט זענען ווידער אַרויסגעקומען אַ ריי ווערק אויף דער זעלבער טעמע. אין איצטיקן אַרטיקל וועל איך געבן אַן איבערבליק איבער ביבלישער אַרכעאָלאָגיע בכלל און ספּעציעל איבער נײַערע און בעסערע ווערק אויף דער טעמע.

א

ווער עס האָט ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק געוואָלט וויסן, ווו און אונ־טער וועלכן נאָמען אין ארץ־ישׂראל און אין נאָענטן מיזרח בכלל עס געפֿינט זיך איצט אַן אָרט, וואָס ער איז דערמאָנט אין תּנך, האָט זיך געדאַרפֿט באַנוצן מיט איינעם פֿון אָט די ביבלישע אַטלאַסן: אָדער הערמאַן גוטעס אָדער דזשאָרדזש אַדאַם סמיטס.[2] איז די צרה אָבער, וואָס ביידע אַטלאַסן לײַדן פֿון איין גאָר

---

[1] ס'איז אַ ווײַט פֿאַרשפּרייטע פּאָפּולערע מיינונג, אַז דאָס וויסנשאַפֿטלעכע שטודירן דעם תּנך (די ביבל־קריטיק) איז געבוירן געוואָרן בײַ דײַטשע אַנטיסעמיטן און איז טאַקע אַלע מאָל געווען אַנטיסעמיטיש. נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו דיסקוטירן די דאָזיקע וויכטיקע פּראָבלעם. אָבער עס מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז די מיינונג איז אַ פֿאַלשע.

[2] Herman Guthe, *Bibelatlas in 21 Haupt- und 30 Nebenkarten,* Leipzig, 1926; George Adam Smith, *Historical Atlas of the Holy Land,* London, 1936 (מיט 60 מאַפּעס).

דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן דער גראַפֿישער היסטאָרישער אַטלאַס פֿון פּאַלעסטינע, אַרויס־געגעבן אין תּל־אָבֿיבֿ און ירושלים פֿון ד"ר י. שאַפּירא. דער ביבלישער חלק איז אַרויסגע־קומען אין 1941 סײַ אין ענגליש (*The Graphic Historical Atlas of Palestine; Israel in*

גרויסן חסרון: זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן איידער די מאָדערנע עפּאָכע פֿון ביבלישער אַרכעאָלאָגיע האָט זיך אָנגעהויבן — נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. איצט איז צוגעקומען אַן אַטלאַס וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן נישט. ער איז צונויפֿגעשטעלט פֿון דזשאָרדזש ערנעסט רײַט און פֿלויד וויוויאַן פֿילסאָן און האָט אַ הקדמה פֿון וויליאַם פֿאָקסוועל אָלברײַט.[3] דאָס איז אַ פּראַכטפֿול בוך פֿון גרויס כּמות און פֿון גרויס איכות. אין זײַן פּאָפּולערן אַרײַנפֿיר וועגן „דער ווידעראַנטפּלעקונג פֿון דער ביבלישער וועלט" (זז' 9—14) גיט פּראָפֿ' אָלברײַט אַן איבערבליק וועגן אַזעלכע אַרכעאָלאָגישע טעמעס: ווי אַזוי גראָבט אַן אַרכעאָלאָג אין נאָענטן מיזרח? ווי אַזוי אינטערפּרעטירט מען געשריבענע דאָקומענטן? וואָס איז וויכטיק צווישן די מאַטעריאַלן וואָס אַרכעאָלאָגן גראָבן אויס? די מעטאָדאָלאָגיע וואָס ווערט גענוצט אין דער אַרכעאָלאָגיע סײַ פֿעסטצושטעלן די כראָנאָלאָגיע פֿון מאַטעריאַל וואָס ווערט אויסגעגראָבן און סײַ צו אידענטיפֿיצירן די פּלעצער וואָס ווערן דערמאָנט אין די אַלטע מקורים.

אין ערשטן קאַפּיטל, „די געאָגראַפֿיע פֿון פּאַלעסטינע", באַשרײַבט ד"ר רײַט (וועלכער איז הײַנט, אַ יונגער מענטש פֿון אַ יאָר פֿערציק, פּראָפֿעסאָר פֿון אַלטן טעסטאַמענט אין פּראָטעסטאַנטישן טעאָלאָגישן מעקאָרמיק־סעמינאַר אין שיקאַגאָ) זייער פֿײַן די געאָגראַפֿישע אייגנשאַפֿטן פֿונעם הייליקן לאַנד: דעם פֿליין פֿון שרון און פּלשת בײַם מיטלענדישן ים; דעם לאַנגן שמאָלן פּאַס אין מיטן לאַנד, שפֿלה און ההר אין תּנך, וועלכער איז אַ קאָמבינאַציע פֿון בערג און טאָלן, אָנגעהויבן אין צפֿון מיטן אייבערשטן און אונטערשטן גליל, דעם באַוווסטן עמק־יזרעאל און די בערג פֿון שומרון און יהודה, ביזן נגבֿ אין דרום; און צום סוף — דעם לאַנגן און טיפֿן טאָל אויף ביידע זײַטן ירדן און דעם פּלאַטאָ אין עבֿר־הירדן. עס ווערט אָנגעוויזן אויף די געאָגראַפֿישע און קלימאַטישע סיבות פֿונעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן, סאָציאַלן און רעליגיעזן לעבן פֿון די פֿעלקער וועלכע האָבן געוווינט אין לאַנד, איבער הויפּט די כּנענים און די בני־ישׂראל. דאָ און דאָרט רעדט דער שרײַבער וועגן דעם, ווי די אייגענע שטחים (למשל עמק־יזרעאל און עמק־הירדן) זענען געווען אינטענסיוו באַאַרבעט און פֿרוכפּערדיק מיט 6000 יאָר צוריק און אַז זיי זענען ווידער געוואָרן נוצלעך פֿאַר דער וועלט ערשט אין אונדזערע צײַטן, ווען חלוצים האָבן זיך אומגעקערט צו זייער אייגענעם לאַנד.

אין די ווײַטערדיקע נײַן קאַפּיטלעך באַקומט דער לייענער אַ גוטע פּאָפּולערע

Biblical Times) סײַ אין העברעיִש (אטלס היסטורי של עם ישראל בארצו בתקופת התנ"ך), באַאַרבעט פֿון ד"ר בנימין מייזלר פֿונעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים. כאָטש אַ ביסל קליין אין כּמות, איז ער אָבער גרויס אין איכות. די געשיכטע פֿון ייִדן פֿון זינט אַרום 2000 ביז 333 פֿאַר דער איצטיקער צײַט־רעכענונג ווערט צעטיילט אין 18 פּעריאָדן, און איטלעכער פּעריאָד קריגט צוויי זײַטן פּלאַץ: איין זײַט מיט אַ פּאָפּולערן טעקסט און מיט די מקורים, די צווייטע זײַט מיט די געהעריקע מאַפּעס.

[3] George Ernest Wright and Floyd Vivian Filson, *The Westminster Historical Atlas to the Bible,* Philadelphia, Westminster Press, 1945, 114 pp. Foreword by William Foxwell Albright.

געשיכטע פֿון ייִדן פֿון די אָבֿות אָן (מיט 3800 יאָר צוריק) ביז דער העלעניס־טישער תּקופֿה אין 4טן יאָרהונדערט מיט אירע גרויסע פֿילאָסאָפֿישע אויפֿ־טוען פֿון סאָקראַטעסן, פּלאַטאָנען און אַריסטאָטעלעסן און מיט די מיליטערישע נצחונות פֿון אַלכּסנדר מוקדונען. אין קיין שום אַנדער בוך, אין װעלכער שפּראַך דאָס זאָל נישט זײַן, װעט דער לייענער נישט געפֿינען אַזאַ גוט פֿאַרלאָזלעכע און פּאָפּולערע געשיכטע פֿון דער ביבלישער תּקופֿה װי אין אָט דעם אַטלאַס.

אין 1945 האָט דער באַװוסטער פֿילאָסאָף בערטראַנד ראָסעל געשריבן:

> די פֿרײַקע געשיכטע פֿון די בני־ישׂראל קען ניט באַשטעטיקט װערן פֿון עפּעס אַ מקור מחוץ דעם תּנך, און עס איז אוממעגלעך צו װיסן בײַ װעלכן פּונקט דאָס הערט אויף צו זײַן נאָר לעגענדע. מען קען אָנ־נעמען דודן און שלמהן װי מלכים װאָס זענען מן הסתּם טאַקע געװען לעבעדיקע מענטשן, אָבער װען מען קומט צום ערשטן פּונקט פֿון עפּעס אַ פֿאַרלאָזלעכער געשיכטע זענען שוין פֿאַראַן די צװיי מלוכות ישׂראל און יהודה [נאָך 900 פֿאַר דער איצטיקער צײַט־רעכענונג]...[4]

עס איז אַ גרויסער שאָד װאָס ראָסעל האָט מיט אַ װאָסערע 20—40 יאָר צוריק אויפֿגעהערט צו לייענען װעגן דער געשיכטע פֿון אַלטן מיזרח, אָדער ער האָט זיך די לעצטע צײַט באַנוצט מיט פֿאַרעלטערטע טעקסטביכער. פֿון ד״ר רײַטס פּרקים אַ שטייגער װאָלט ער אויסגעפֿונען, אַז די ביבלישע עפּאָכע פֿון אַבֿרהם, יצחק, יעקבֿ און יוסף איז געװען אַ היסטאָרישע; אַז אויסגראָבונגען אין בבֿל־אַשור (איבער הויפּט אין נוזו, די הויפּטשטאָט פֿון די חורים), סיריע (איבער הויפּט אין מאַרי, הײַנטיקע תּל־אל־חרירי בײַם טײַך פּרת) און מצרים (איבער הויפּט אין רעמסס, איינע פֿון די צװיי שטעט װאָס ייִדן האָבן געבויט פֿאַר פּרעהן) האָבן דערװיזן, אַז דאָס רובֿ פֿון דעם װאָס מיר געפֿינען אין ספֿר בראשית און אין אָנהייב ספֿר שמות האָט געקענט פֿאָרקומען דװקא נאָר אין דער ערשטער העלפֿט פֿון צװייטן יאָרטויזנט ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג און אַז קיינער האָט נישט געקענט פֿעלשן די הויפּטפֿאַקטן פֿון דעם דאָזיקן חלק תּנך און זײַן עפּאָכע אויף אַ טויזנט יאָר שפּעטער, װי דאָס רובֿ קריטיקערס פֿון מיט אַ דור צוריק האָבן געהאַלטן.

פֿון דער אַנדערער זײַט איז די פֿראַגע װעגן דער אײַננעמונג פֿון כּנען נאָך מער קאָמפּליצירט װי װען עס איז פֿרײַער. עס איז נישט מעגלעך אָנצונעמען דעם ביבלישן מאַטעריאַל אין דער פֿאָרעם װי ער איז אונדז איבערגעגעבן געװאָרן. אויב ס׳איז געװען עפּעס אַ כּיבוש־האָרץ אין 15טן—14טן יאָרהונדערט ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג, װי עס האַלט די טראַדיציע, איז דאָס געװען אַ קליינע אַקציע, און מעגלעך אונטער יהושעס פֿירערשאַפֿט. זיכער איז אָבער, אַז גאָר אַ גרויסע און פּעולהדיקע אינװאַזיע איז פֿאָרגעקומען אַרום 1250—1225 ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג, װען עס זענען אײַנגענומען געװאָרן אַזעלכע פֿעסטונגען װי לכיש, עגלון, קרית־ספֿר און בית־אל, און אַז אָט די

[4] Bertrand Russel, *A History of Western Philosophy*, New York, Simon and Schuster, 1945, pp. 309-310.

אינוואַזיע איז כּמעט זיכער געווען דער רעזולטאַט פֿון דער וויכטיקער ראָלע וואָס משה האָט געשפּילט ווי אַ פֿירער און אָרגאַניזאַטאָר.

ס'איז זעלטן, אַז אַ פֿאָלק זאָל פֿאַרמאָגן אַזעלכע אינטערעסאַנטע און פֿאַרלאָזלעכע דאָקומענטן וועגן זײַן פֿאַרגאַנגענהייט ווי דאָס זענען די ספֿרים שופֿטים, שמואל און מלכים. די אַרכעאָלאָגיע האָט אַפֿילו באַוויזן נאָך אַ שענערע זאַך; אויב די אַלטמאָדישע קריטיקערס האָבן די גרויסקייט פֿון דודן און שלמהן געמאַכט צו קליינגעלט, האָט די אַרכעאָלאָגיע דערוויזן פּונקט פֿאַרקערט, היינו, אַז די אימפּעריע פֿון דוד המלך און זײַן זון שלמה איז געווען נאָך גרעסער און וויכטיקער ווי דער תּנך האָט זי באַשריבן. די אויסגראָבונגען פֿון נעלסאָן גליקן אין עציון־גבֿר און אילת בײַם אײַנגאַנג פֿון עקבה לעבן האַלבאינדזל סיני האָבן געוויזן, אַז שלמה איז געווען דער „קופּער־קיניג״ פֿון אַנטיקן מיזרח; אַז ער האָט געבויט אַן אומגעווייניטלעכע פֿאַבריק צו שמעלצן קופּער; און אַז ער האָט דאָרט אויפֿגעשטעלט אַ פֿאָרט מיט גרויסע שיפֿן אויף צו פֿירן קופּער און אַנדערע סחורות אין ווײַטע לענדער אַרײַן און אויף צוריקצוברענגען טײַערע און זעלטענע פּראָדוקטן — ווי נאָר אַ רײַכע מדינה ווי שלמהס האָט זיך דאָס געקענט פֿאַרגינען.

דורך אַרכעאָלאָגיע און דורך די אויסגעגראָבענע דאָקומענטן הייבן מיר ערשט אָן צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי די באַדינגונגען סײַ פֿון די אַרומיקע פֿעלקער סײַ פֿון יהודה און ישׂראל האָבן אויפֿגעבראַכט אַזעלכע נבֿיאים ווי אליהו, אלישע, עמוס, הושע, ישעיהו און מיכה. פֿאַראַן שרײַבערס וואָס האָבן פֿון די דאָזיקע נבֿיאים געמאַכט כּמעט סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערן.[5] דאָס איז נישט אמת. די נבֿיאים האָבן נישט געפֿירט קיין קלאַסנקאַמף. בײַ זיי איז אויסגעקומען, אַז דער מאַטעריעלער וווּיל אין יהודה און אין ישׂראל איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿונעם אײַנפֿירן אין לאַנד די נידעריקע רעליגיעזע דינים און מינהגים פֿון חוץ לאָרץ מיט זייערע פּאָליטישע און סאָציאַלע קאָנסעקווענצן און אַז די גאַנצע סיסטעם קען דעריבער נישט האָבן קיין קיום. זייער פֿאַרענטפֿער פֿון דער פּראָבלעם איז ניט געווען (ווי האָט עס יענע צײַטן געקענט זײַן?) דאָס אומוואַרפֿן דעם הערשנדיקן קלאַס (ערדבאַזיצערס, בעלי־בתּים פֿון קליינטן און פֿון קליינע האַנטפֿאַבריקן, מלווים, פּאָליטישע און מיליטערישע באַאַמטע, די וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיטן בית־המיקדש אד״גל) דורך די ערד־ און האַנט־אַרבעטערס; זייער געדאַנק איז געווען זיך אָפּצוזאָגן פֿון דער אַנטוויקלטער קאָמערציעלער אָרדענונג וואָס דאָס קיניגטום אונטער שלמהן און זײַנע נאָכקומערס האָבן געבראַכט מיט זיך און זיך אומצוקערן צו דער מער פּרימיטיווער אָרדענונג, ווען רײַך און אָרעם זענען ניט געווען אַזוי ווײַט פֿון אַנאַנד, ווען מען האָט געדינט נאָר דעם גאָט יהוה

---

[5] בײַ אַזעלכע סאָציאַליסטישע שרײַבערס ווי מאַקס בער (Max Beer, *Social Struggles in Antiquity,* chap. I, Boston, s.a.) און האַרי וו. ליידלער (Harry W. Laidler, *A History of Socialist Thought,* New York, 1938) זענען די דאָזיקע נבֿיאים געווען די פֿאָרגייערס פֿון די אוטאָפּיסטן.

אַליין און ניט אין איינעם מיט אַנדערע געטער אימפּאָרטירטע פֿון פֿרעמדע לענדער.

אַ שאַרפֿער קער אין דער געשיכטע פֿון יִדן הייבט זיך אָן מיטן גלות בבֿל אונטער נבֿוכדנאצרן אין יאָר 587 ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג. אין דעם פֿריִער דערמאָנטן אַרטיקל מײַנעם אין יִיוואָ־בלעטער האָב איך פֿאַרצייכנט, אַז אַ סך געלערנטע האָבן געלייקנט, אַז ס'איז ווען עס איז געווען אַזאַ מין גלות, ווי ער איז באַשריבן אין תּנך (למשל אין די ספֿרים מלכים ב, ירמיהו, יחזקאל און דבֿרי־הימים). אָבער די אַרכעאָלאָגיע האָט אין די לעצטע 10—15 יאָר גע־געבן געגרעכט דעם תּנך אויף גאָר אַ טשיקאַווען אופֿן. נבֿוכדנאצר האָט צעשטערט אַזעלכע פּעסטונגען ווי בית־צור, בית־שמש, קרית־ספֿר און לכיש. אין לכיש האָט מען אויסגעגראָבן 21 שערבלעך („אָסטראַקאַ"), פֿון וועלכע עטלעכע טײַטן אָן אויף נבֿוכדנאצרס מיליטערישן מאַרש דורך דרום־יהודה. און פֿון נבֿוכד־נאצרן אַליין פֿאַרמאָגן מיר איצט עטלעכע טאָוולען וועגן קיניג יהויכין פֿון יהודה און זײַנע זין און אַנדערע יִדן וואָס מען האָט פֿאַרכאַפּט און אַוועקגעפֿירט קיין בבֿל. די אַלע טעמעס וועט דער לייענער געפֿינען זייער צופֿרידנשטעליק און קלאָר באַשריבן אין די קאַפּיטלעך פֿון ד"ר רײַטס בוך.

ד"ר פֿילסאָן, פּראָפֿעסאָר פֿאַרן נײַעם טעסטאַמענט, און ד"ר דזשאָרדזש ער־נעסט רײַטס טראָגן די אַחריות פֿאַר די פּרקים אין אַטלאַס וועגן יִדן אין ארץ־ישׂראל אין די צײַטן פֿון די גריכן, חשמונאים און רוימער, און וועגן דער אויפֿ־שטייונג פֿונעם קריסטנטום. אוודאי שרײַבט ד"ר פֿילסאָן פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון אַ קריסטלעכן געלערנטן, און דאָס מיינט (ווי דאָס דערמאָנט מער ווי ווער עס איז אַנדערש פּראָפֿ' צייטלין פֿון דראָפּסי־קאָלעדזש כּמעט אין יעדער אַר־טיקל זײַנעם), אַז די יִדישע מקורים זענען געבליבן כּמעט אין גאַנצן אומבאַ־נוצט. פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער ווײַזט פֿילסאָן אָן, אַז די אַרכעאָלאָגיע האָט ווינציק אויפֿגעטאָן פֿאַרן נײַעם טעסטאַמענט, איבער הויפּט פֿאַר דער עפּאָכע פֿון יעזוסן. אַ סך פֿון די פּלעצער וווּ יעזוס איז לויטן נײַעם טעסטאַמענט גע־ווען אַקטיוו זענען עד־היום אין גאַנצן אומבאַקאַנט. אַפֿילו דער טראַדיציאָנע־לער פּלאַץ גלגלתּא (Golgotha), וווּ מען זאָל אים האָבן געקרייציקט און מקבר געווען, איז געבליבן אָן אַ פֿאַרענטפֿער, ווי די אויסגעגראָבענע טיילן פֿון דער אַזוי גערופֿענער „דריטער וואַנט" אַרום ירושלים האָבן די לעצטע צײַט געוויזן (זען אַטלאַס, קאַפּיטלעך XIV און XV צום סוף). אויך ווײַזט פֿילסאָן, אַז יעזוס אַליין איז געקומען נאָר צווישן יִדן, אין ערטער וווּ נאָר יִדן האָבן געוווינט. ערשט דער אַפּאָסטאָל פּוילוס איז געגאַנגען צווישן גויים, און ער איז אין אמתן דער גרינדער פֿונעם קריסטנטום.

דער אַטלאַס האָט אַנדערע מעלות. די 18 קאָלירטע מאַפּעס פֿון ארץ־ישׂראל און איר אַרום זענען די בעסטע און די מאָדערנסטע. פֿון נישט קיין קלענערער ווערט זענען די 77 בילדער מיט די קורצע אָבער זייער באַלערנדיקע און אַרומנעמיקע באַשרײַבונגען. זיי זענען אויסגעשטעלט אויף אַזאַ אופֿן, אַז ס'איז כּמעט נישטאָ קיין איין זײַט אָן אַ בילד. פֿאַראַן אויך אַ כראָנאָלאָגיע פֿונעם

אַנטיקן נאָענטן מיזרח (זז׳ 15—16) און צוויי אינדעקסן (זז׳ 107—114), וואָס איינער — דער אינדעקס צו די 18 מאַפּעס — איז די בעסטע טאָפּאָגראַפֿישע קאָנקאָרדאַנץ צום תנך וואָס איז בנימצא.

ב

אַ בוך וואָס איז אַ יחיד במינו איז דזשעק פֿינעגאַנס „ליכט פֿון אַלטן עבֿר״.[6] ס׳איז אַ מין געשיכטע פֿון דעם נאָענטן מיזרח בכלל, פֿון אַרום 5000 יאָר פֿאַר ביז אַרום 4טן־5טן יאָרהונדערט נאָך דער איצטיקער צײַט־רעכענונג, און בפֿרט פֿונעם פֿאָלק ישׂראל אין דער תנך־תקופֿה און פֿון דער עלטסטער פֿאַזע פֿון דער קריסטלעכער באַוועגונג. איין העלפֿט בוך איז אָפּגעגעבן די ייִדן ביזן חורבן בית שני אין יאָר 70, די צווייטע העלפֿט (אַ טייל פֿון קאַפּיטל V און די קאַפּיטלעך VI—XI) באַהאַנדלט די קריסטלעכע באַוועגונג. דאָס איז אַ קאָ־לעקציע מקורים, איבער הויפּט די וואָס זענען אויפֿגעדעקט געוואָרן דורך אַר־כעאָלאָגיע. אַ מאָל ווערן זיי איבערגעגעבן אין אַ געטרײַער איבערזעצונג, אָבער לרובֿ זענען זיי פֿרײַ סומירט. די דאָזיקע מקורים זענען צונויפֿגעבונדן מיט די נייטיקע מאַטעריאַלן און זענען פֿאַרן לייענער די בריק פֿון איין טעמע און עפּאָכע צו דער צווייטער.

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט דער געשיכטע פֿון אַרם־נהרים פֿון אַרום 5000 ביז 2800 יאָר ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג, ווען אַזעלכע לענדער ווי אַשור און בבֿל זענען נאָך נישט געהאַט געבוירן געוואָרן. מיר ווייסן איצט, אַ דאַנק אַזעלכע וויכטיקע אויסגראָבונגען ווי די וואָס פּראָפֿ׳ אפֿרים אַבֿיגדור שפּײַזער פֿון פּענסילווייניע־אוניווערסיטעט האָט, אָנהייבנדיק אין 1927, אָנגע־פֿירט אין טעפּע גאַוראַ (אַ וואָסערע 12 מײַל צפֿון־מערבֿ פֿון נינוה), אַז אין נאָענטן מיזרח, למשל צפֿון־מעסאָפּאָטאַמיע, סיריע, יריחו אין ארץ־ישׂראל, האָבן מענטשן שוין געוווינט אין דערפֿלעך און געבויט הײַזער און געמאַכט ליימענע כּלים מיט העכער 7000 יאָר צוריק. מיט אַ וואָסערע 1500 יאָר שפּעטער האָט די באַפֿעלקערונג אין אורוך (הײַנטיקע וואַרקאַ, ביבלישע ארך) — אפֿשר די שומערישע — זיך שוין באַנוצט מיט אַ פּיקטאָגראַפֿישער סיסטעם פֿון שרײַבן (פֿון וועלכער עס וואַקסט די פֿלעקלשריפֿט) און מיט אַ מאַטעמאַטישער סיסטעם געבויט אויף דער צאָל 60 (זיי האָבן גענוצט אויך די דעצימאַלע סיסטעם). מיר ווייסן איצט, אַז אין 4טן יאָרהונדערט ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג זענען שוין געווען באַזעצט אין מעסאָפּאָטאַמיע דאָס באמת אויסערגעוויינטלעכע פֿאָלק שומערער. פֿון זייערע שריפֿטן, וואָס אַ סך פֿון זיי זענען אונדז איצט באַקאַנט בלויז דורך שפּעטיקערע באַבילאָנישע און אַשורישע איבערזעצונגען, ווייסן מיר וועגן אַלטע מיטאָלאָגישע עפּישע מעשׂיות וועגן דעם וועלטבאַשאַף, וועגן אַ גן־עדן וווּ ס׳האָט געהערשט אומשטערבלעכקייט און שלום, וועגן 9 פּאַטריאַרכן

[6] Jack Finegan, *Light from the Ancient Past. The Archeological Background of the Hebrew-Christian Religion,* Princeton University Press, 1946, XXXIV + 500 pp. [מיט מאַפּעס און רעפּראָדוקציעס.]

(10 אין אַ שפּעטערדיקער רשימה) וואָס האָבן געלעבט אין איינעם 241,200 יאָר (די שפּעטערדיקע רשימה גיט זיי 432,000 יאָר; דער תּנך גיט די 10 פּאַט־ריאַרכן פֿון אָדמען ביז נחן דעם מער מעסיקן סכום פֿון 8,575 יאָר), וועגן אַ גרויסן מבול וואָס די געטער האָבן געבראַכט אויף דער וועלט און אויף דער מענטשהייט, און ווי איינער האָט זיך געראַטעוועט אויף אַ גרויסער שיף אד״גל. ס'איז איצט קלאָרער ווי ווען עס איז פֿריִער, אַז די ערשטע פּרקים אין ספֿר בראשית האָבן געהאַט הינטער זיך אַן אַלטע און קאָמפּליצירטע געשיכטע איידער זיי האָבן אָנגענומען זייער איצטיקע פֿאָרעם אין תּנך (זען ווײַטער, קאַפּיטל ט, וועגן קריימערס בוך און די צוויי ביכער הײַדעלס).

די ערשטע סעמיטישע קיבוצים האָבן זיך באַזעצט אין מעסאָפּאָטאַמיע אין 3טן יאָרטויזנט, און אין משך פֿון הונדערטער יאָרן האָבן זיי אַלץ מער אײַנ־גענומען דאָס לאַנד און דאָס גוטס פֿון די ניט־סעמיטישע שומערער. אָבער די שריפֿט און קולטורעלע אויפֿטוען פֿון די שומערער זענען געבליבן לעבן בײַ די סעמיטן.

קורץ נאָכן יאָר 2000 ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג באַווײַזט זיך צום ערשטן מאָל אויף דער אַרענע פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע אַ גרופּע מענטשן מיטן נאָמען כאַפּירו. די דאָזיקע מענטשן ווערן דערמאָנט פֿונעם 20סטן ביזן 12טן יאָרהונדערט אין די אײַנגעשריפֿטסן פֿון די אמורי, בבֿלים, חורים, כּנענים, חתּים און מצרים, אַרײַנגערעכנט די תּל־אל־אַמאַרנער טאָוולען פֿון אַרום 1370 ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג, אין וועלכע די לאָקאַלע באַאַמטע פֿון ארץ־ישׂראל לאָזן וויסן די הערשערס אין מצרים, אַז די כאַפּירו אין איינעם מיט אַנדערע גרופּעס רײַסן זיך אַרײַן אין לאַנד און מאַכן אַ סוף צו זייער הערשאַפֿט. די פּראָבלעם איז גאַנץ קאָמפּליצירט. אָבער ס'איז כּמעט אוממעגלעך נישט צו אידענטיפֿיצירן די עיבֿרים פֿון תּנך און די קאַריערע פֿון די אָבֿות, אויב נישט מיט די כאַפּירו ווי אַ גרופּע, איז כאָטש מיט אַ טייל פֿון די כאַפּירו.[7] אָט די אַלע טעמעס וואָס זענען אויבן דערמאָנט ווערן באַשריבן קלאָר און פֿאַרלאָזלעך אין קאַפּיטל ו פֿון פֿינעגאַנס בוך.

אין צווייטן קאַפּיטל (זז' 62—116) גיט דער מחבר אַ פֿײַנעם איבערבליק איבער דער געשיכטע פֿון מצרים פֿון אַרום 5000 ביז 332 ביז דער איצטיקער רעכענונג, ווען אַלכּסנדר מוקדון האָט אויף אַ צײַט געהאַט אײַנגענומען דאָס לאַנד; איבער הויפּט איבער דער עפּאָכע פֿון אַרום 1570 ביז 1150, ווען מצרים האָט געוועלטיקט אין נאָענטן מיזרח[8] און ווען ייִדן האָבן דורכגעלעבט קנעכט־שאַפֿט און באַפֿרײַונג. נישט געקוקט אויף אַלע אויסגראָבונגען און אויף די

[7] די ליטעראַטור וועגן דער פֿראַגע עיבֿרים—כאַפּירו איז זייער אַ גרויסע און צעזייט און צעשפּרייט אין צענדלינגער וויסנשאַפֿטלעכע זשורנאַלן אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. ניט נאָר פֿאַרן אַלגעמיינעם לייענער, נאָר אַפֿילו פֿאַרן ספּעציאַליסט פֿעלט נאָך אַ גרונטיקער אַנאַליז פֿון די מקורים און פֿון דער גאַנצער ליטעראַטור.

[8] זען דאָס פֿײַנע פּאָפּולערע בוך וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער גרויסער ייִדישער עגיפּטאָלאָג George Steindorff בײַ דער מיטאַרבעט פֿון Keith C. Seele: *When Egypt Ruled the East*, The University of Chicago Press, 1942.

סענסאַציאָנעלע דערקלערונגען וואָס ווערן אַ מאָל געמאַכט פֿון געלערנטע אָן אַחריות, איז פֿון דעסט וועגן וועגן משה רבינו קיין זכר נישט צוגעקומען צו דעם וואָס מיר ווייסן פֿון תּנ״ך. פֿון דער אַנדערער זײַט ווייסן מיר הײַנט אַזוי פֿיל מער וועגן דער עפּאָכע, אין וועלכער משה רבינו איז לויטן חומש געווען אַקטיוו סײַ אין מצרים סײַ אין דער מידבר סיני, אַז עס קען מער קיין ספֿק נישט זײַן, אַז מען האָט אַריבערגעכאַפּט די מאָס ווען מען האָט געלייקנט אין משהס עקסיסטענץ און אין דער גאַנצער געשיכטע מיט ייִדן אין מצרים לויט בראשית און שמות. אַ דאַנק אַרכעאָלאָגישע פֿאָרשונגען אין מצרים און אויפֿן האַלבאינדזל סיני די לעצטע פֿינף און צוואַנציק יאָר הייבט משה אָן ביסלעכווײַז אויסצוּוואַקסן ווי דער גרויסער פֿירער און אָרגאַניזאַטאָר, טאָקע אַזוי ווי אַחד־העם האָט אין זײַן באַוווּסטן עסיי פֿון 1904 פֿילאָסאָפֿיש אַרגומענטירט, אַז ער וועט פֿאַרבלײַבן אין דער ייִדישער געשיכטע.

אַ נישקשהדיקער פּרק (VIII; זז׳ 117—163) באַהאַנדלט די געשיכטע פֿון ארץ־ישׂראל ביזן גלות בבל. ס׳איז ווײַט נאָך נישט באַקאַנט, ניט נאָר בײַם אַלגע־מיינעם פֿאַראינטערעסירטן עולם, נאָר אַפֿילו בײַ די וואָס שרײַבן טעקסטביכער איבער דער טעמע, אַז איינער פֿון די וויכטיקע צענטערס פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿונעם פֿאַרהיסטאָרישן מענטשן, פֿון סאַמע אָנהייב, איז איצט ארץ־ישׂראל. לעבן ים כּנרת און אין היילן נישט ווײַט פֿון עתּלית און ירושלים זענען אין די לעצטע צוויי צענדלינג יאָר געפֿונען געוואָרן אַ סך סקעלעטן פֿון מענטשן וואָס האָבן געלעבט מיט אַ וואָסערע הונדערט טויזנט יאָר צוריק, אַרום דער זעלבער צײַט ווען ס׳האָט געלעבט דער מער באַוווּסטער נעאַנדערטאַלער מענטש (זען וו. פֿ. אָלברײַט, *From the Stone Age to Christianity*, זז׳ 88—96).

ס׳איז ניט מער ווי אַ פֿופֿצן יאָר זינט מ׳האָט זיך דערוווּסט פֿון דער גרויסקייט און וויכטיקייט פֿון דער כּנענישער אימפּעריע סײַ אויפֿן מאַטעריעלן סײַ אויפֿן קולטורעלן געביט. זייער סענסאַציאָנעל און גאַנץ אומגעריכט איז געווען די נײַס אין 1929, אַז ס׳איז געפֿונען געוואָרן אַ חלק, געוויס נאָר אַ קליינער, פֿון דער לאַנג באַגראָבענער און פֿאַרגעסענער ליטעראַטור פֿון די כּנענים, גע־שריבן אויף ליימענע טאָוולען מיט פֿלעקלשריפֿט אַרום 1400 יאָר ביז דער איצ־טיקער צײַט־רעכענונג. אין די דאָזיקע דאָקומענטן, וואָס זייער שריפֿט האָט גע־האַט אַ קורצע אָבער זייער אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, האָבן מיר צווישן אַנ־דערע נישט נאָר מיטאָלאָגישע און טעאָלאָגישע ענינים, נאָר אויך גאַנצע פּסוקים און אַפֿילו תּהלים, וואָס די בני־ישׂראל האָבן איבערגענומען און איבערגעאַרבעט אויף זייער אייגענעם ספּעציפֿישן אופֿן אַזוי אַז ס׳איז אַרויסגעקומען אַ נײַער טיפּ ליטעראַטור.[9]

דער פּעריאָד, וואָס מען רופֿט אים מיט דער אַרכעאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע „פֿריִיקע אײַזנצײַט״ (אַרום 1150—600 ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג), איז איצט פֿון די בעסט באַוווּסטע אין דער געשיכטע פֿון אַנטיקן מיזרח. פֿאַר ארץ־

---

[9] זען דעם אַרטיקל „אוגאַריטישע שטודיעס און דער תּנ״ך״ פֿון ח. א. גינזבערג אין *Biblical Archeologist*, VIII (מײַ 1945), זז׳ 41—58.

ישׂראל איז דער פּעריאָד באַקאַנט דורך אויסגראָבונגען אין משך פֿון די לעצטע פֿינף און צוואַנציק יאָר אין אַזעלכע פּלעצער ווי מגדו, קרית־ספֿר, לכיש, בית־אל, בית־שמש און שומרון. די דאָזיקע אויסגראָבונגען ווערן באַהאַנדלט אין דעם צווייטן טייל פֿונעם דריטן קאַפּיטל (זז' 129—163).[10]

דער פֿערטער קאַפּיטל (זז' 164—208) גיט אַ באַלערנדיקן איבערבליק איבער די גרויסע אימפּעריעס אַשור, די כּשׂדים (נײַ־באַבילאָניע) און פּערסיע, איבער הויפּט איבער זייערע באַציִונגען צו און זייער השפּעה אויף דער קליינער ייִדישער מדינה אין ארץ־ישׂראל. איך ווייס ניט פֿון קיין צווייטן איבערבליק וואָס זאָל זײַן אַזוי צוטריטלעך און אַזוי פֿאַרלאָזלעך.

אין די פּרקים פֿינף און זעקס פֿירט אונדז ד"ר פֿינעגאַן אַרײַן אין דער געשיכטע פֿון די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר פֿון דער ייִדישער מלוכה און אין דעם אָנהייב פֿונעם קריסטנטום. ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן וועגן ד"ר פֿיל־סאָנס קאַפּיטלעך איז אויך דאָ צו באַדויערן, וואָס קריסטן נעמען זיך נישט די מי אויסצושטודירן די ייִדישע מקורים פֿון ביז דער אינטערטעסטאַמענטישער עפּאָכע (די עטלעכע הונדערט יאָר ביז און נאָכן אָנהייב פֿון דער איצטיקער צײַט־רעכענונג). ד"ר פֿינעגאַן פֿילט זיך היימישער אין נײַעם טעסטאַמענט ווי אינעם אַלטן, און מער אויפֿן אַרכעאָלאָגישן ווי אויפֿן היסטאָרישן פֿעלד. דאָס האָט ער צו פֿאַרדאַנקען זײַנע פֿאָרשונגען אונטער דעם ספּעציאַליסט פּראָפֿ' האַנס ליצמאַן פֿונעם בערלינער אוניווערסיטעט. איבער דעם טאָקע האָבן אַ גרויסע ווערט די דרײַ לעצטע קאַפּיטלעך (זז' 305—459) וועגן די אַלטע כּתבֿ־ידן פֿונעם נײַעם טעסטאַמענט, וועלכע זענען געפֿונען געוואָרן אין די לעצטע עטלעכע צענדלינג יאָר (מאַנוסקריפּטן פֿון פּוילוסעס בריוו צו די רוימער אד"גל), וועגן די קאַטאַקאָמבעס און סאַרקאָפֿאַגן פֿון ייִדן און ייִדישע קריסטן אין רוים און אין אַנדערע ערטער אין די ערשטע עטלעכע הונדערט יאָר פֿון דער איצטיקער צײַט־רעכענונג, און די געשיכטע פֿון די עלטסטע קלויסטערס.

דאָס בוך האָט אָן ספֿק די ווערט זיך צו געפֿינען אין דער ביבליאָטעק פֿון יעדער מענטשן וואָס וויל עפּעס וויסן וועגן דער געשיכטע פֿון נאָענטן מיזרח, ווו עס זענען אויפֿגעקומען די גרויסע פֿעלקער און קולטורן פֿונעם אַלטערטום, די בני־ישׂראל צווישן זיי.

---

[10] אַ סך אַ גרונטיקערע דיסקוסיע פֿון די אויסגעגראָבענע פּלעצער אין ארץ־ישׂראל קען מען געפֿינען אין:

Chester Charlton Mc Cown, *The Ladder of Progress in Palestine,* New York and London, 1943.

דער וואָס וויל גיין דירעקט צו די מקורים וועט ניט געפֿינען קיין בעסער בוך ווי פּראָפֿ' וו. פֿ. אָלברײַטס וועגן די אויסגראָבונגען אין תּל־בית־מרצם (כּמעט ווי זיכער קרית־ספֿר אין דרום־יהודה):

W. F. Albright, "The Iron Age. The Excavation of Tell Beit Mirsim," *The Annual of the American Schools of Oriental Research,* XXI-XXII, New Haven, 1943.

ג

אין 1940 האָט אַ גײַסטלעכער פֿון אַ גאַנץ פּראָמינענטער קירך אין ניו־יאָרק געליטן פֿון אַ נערוועזן אײַנבראָך. ווי אַ רפֿואה צו זײַן קרענק האָט ער אין איינעם מיט זײַן פֿרוי אָנגעהויבן קלײַבן מאַטעריאַל פֿאַר אַ בוך. מיט פֿיר יאָר שפּעטער איז דאָס בוך אַרויסגעקומען און איז, ווי ס'פֿלעגט טרעפֿן אין מיטל־עלטער, דעדיקירט געוואָרן דעם אייבערשטן, וואָס ער האָט די מחברים געשענקט דאָס לעבן און די מעגלעכקייט עס צו ענדיקן. דאָס בוך איז אַן ענ־ציקלאָפּעדיע פֿונעם ביבלישן לעבן און די שרײַבערס זענען דזש. ליין מילער און זײַן פֿרוי מעדעלין ס.[11]

עס איז ווערט דאָ איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פֿון די קאַפּיטלעך: אַגרי־קולטור; חיות; קליידונג; אַרכעאָלאָגיע; קונסט און מלאָכות; די וועלט פֿון מיסחר; שטעט, שטעטלעך און דערפֿער; מיליטערישע שוץ; בלומען, גרינסן, ביימער אד"גל; געאָגראַפֿיע; ווינונגען; אינדזלען (איבער הויפּט אין מיטלענדישן ים אין נײַ־טעסטאַמענטישע צײַטן); צירונג; מוזיקאַלישע אינסטרומענטן; עסנוואַרג; פֿייגל; פּראָפֿעסיעס און פֿאַכן; וועגן, גאַסן און טראַנספּאָרטאַציע; סאָציאַלע בנינים; ווײַנקולטור; וואַסער־באַדינגונגען; ווי אַזוי מען האָט געדינט גאָט. אָבער אַפֿילו די דאָזיקע רשימה גיט נאָך נישט אַן אמתע השגה וועגן דער נוציקייט פֿון בוך. נעמט אַ שטייגער די סעקציע וועגן סאָציאַלע בנינים (XIX, זז' 377—404), דאָ וועט דער לייענער געפֿינען אינפֿאָרמאַציע וועגן אַזעלכע ענינים ווי: בעדער (אין ארץ־ישׂראל, סיריע, גריכנלאַנד און רוים), גימנאַסטישע זאַלן, שפּי־טאָלן, שאַנדהײַזער, ביבליאָטעקן (אין מצרים, בבֿל, סיריע, ארץ־ישׂראל, קליין־אַזיע), פּאַלאַצן, טורמעס, שולן, שאַך, שפּילוואַרג און ספּאָרט, טעמפּלען, טעאַ־טערס, שאַצקאַמערן, קבֿרים (אין נאַטירלעכע היילן, אויסגעהאַקטע אין בערג) אין ארץ־ישׂראל, בײַ די כּנענים, אין מצרים, אין בבֿל און אַשור, פּערסיע, בײַ די גריכן און רוימער, און צום סוף — די חופּה.

די מחברים פֿונעם ספֿר זענען טאַקע נישט קיין ספּעציאַליסטן אויפֿן אַלטן מיזרח; אָבער דווקא צוליב דעם איז זיי אײַנגעפֿאַלן אָנצושרײַבן אַזאַ מין ענ־ציקלאָפּעדיש בוך. די פֿאַקטן און די אינטערפּרעטאַציע פֿונעם תּנך און פֿון נײַעם טעסטאַמענט זענען כּמעט קיין מאָל ניט פֿאַרקרימט. ס'איז אַ בוך, אין וועלכן יעדער הײַסקול־ און קאַלעדזש־סטודענט קען לײַכט געפֿינען און לייענען וועגן דעם לעבן פֿון יידן און אַנדערע פֿעלקער אין דער ביבלישער עפּאָכע.

ד

וועגן עמק־הירדן האָט מען ביז מיט אַ יאָר 10—15 צוריק געוווּסט גאַנץ ווינציק. הײַנט ווייסן מיר, אַז מיט זעקס און אפֿשר מיט זיבן טויזנט יאָר צוריק

[11] Madeline S. Miller and J. Lane Miller, *Encyclopedia of Bible Life,* New York and London, Harper and Brothers, 1944, XVI + 493 pp.

איז דער עמק־הירדן אין איינעם מיטן עמק־יזרעאל געווען באַזעצט און באַ־אַרבעט און פּרוכפּערדיק.

מיט אַ פּופּצן יאָר צוריק האָט דער קאַטוילישער געלערנטער אַלעקסיס מאַלאָן פֿון פּאָנטיפֿישן ביבלישן אינסטיטוט אין ירושלים אָנגעהויבן גראָבן אין עבֿר־הירדן אַ חורבֿה מיטן נאָמען תּלילת אל עסול (טעליילאַט על אַסול), עטלעכע מײַל צפֿון־זײַט פֿון ים־המלח. ער איז געווען זיכער, אַז די זינדיקע שטעט פֿון אַבֿרהם אָבֿינוס צײַטן, צווישן זיי סדום און עמורה, ליגן דאָרט באַגראָבן. איך בין דעמאָלט געווען אין ארץ־ישׂראל און איך געדענק די סענסאַציע וואָס מאַלאָן האָט אַרויסגערופֿן אין דער געלערנטער וועלט מיט זײַן דערקלערונג, אַז ער האָט אויסגעגראָבן איינע פֿון די דאָזיקע שטעט און אַז דער אייבערשטער שיכט, ד״ה דער לעצטער, באַווײַזט פּונקט ווי עס שטייט געשריבן אין ספֿר בראשית יד, אַז די שטאָט איז חרובֿ געוואָרן אין אַבֿרהמס צײַט, אַרום 2100 יאָר ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג. געווען עטלעכע געלערנטע אין ירושלים וועלכע האָבן שטודירט אַ חלק פֿון די שערבלעך וואָס מאַלאָן האָט אויסגעגראָבן — און זיי האָבן מער־ווייניקער מיט אים אײַנגעשטימט. אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט און פּראָפֿ׳ אָלברײַט האָט באַלד פּונעם ערשטן קוק אויף די שערבלעך אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז סײַ די שערבלעך סײַ דער שיכט אין וועלכן זיי זענען אַזוי לאַנג געלעגן רויִק און נישט־געשטערט געהערן צום ווייניקסטן צום פֿערטן יאָרטויזנט פֿאַר דער איצטיקער צײַט־רעכענונג. און אפֿשר זענען זיי נאָך עלטער.[12] זינט דעמאָלט זענען די זעלביקע מינים כּלים און אַנדערע פּראָדוקטן (למשל די פֿון האַרטן שטיין) אויסגעגראָבן געוואָרן אין אַ סך אַנדערע געגנטן אין עמק־הירדן (למשל יריחו), עמק־יזרעאל (למשל מגדו און עפֿולה) און שרון (למשל חדרה), און אַלע געלערנטע זענען איצט מסכּים, אַז זוכנדיק די זינדיקע שטעט סדום און עמורה האָט פּאָטער מאַלאָן גאָר געפֿונען אַ ציוויליזאַציע וועלכע איז מיט צוויי־דרײַ טויזנט יאָר פֿריִער ווי סדום־עמורה געווען פֿאַרשפּרייט אין די טאָלן פֿון ארץ־ישׂראל — אַ ציווי־ליזאַציע וועגן וועלכער דער גרעסטער טרוימער צווישן די אַרכעאָלאָגן האָט גאָר קיין מאָל נישט געחלומט און וואָס איר נאָמען איז נאָך עד־היום אונדז אומבאַקאַנט (זען קאַפּיטל V פֿון מעקאַונס בוך וואָס איז דערמאָנט אין הערה 10).

תּלילת אל עסול און הונדערטער אַנדערע פּלעצער און געגנטן אין עמק־הירדן און אַרום וועט דער לייענער געפֿינען פֿאַרכאַפּיק באַשריבן אין פּראָפֿ׳

[12] אַחוץ דעם וואָס ער, אין איינעם מיט די מערסטע קאָמפּעטענטע געלערנטע, האָט גע־האַלטן אַז סדום ועמורה זענען געלעגן דרום־צו און ניט צפֿון־צו פֿונעם ים־המלח און ליגן זינט עטלעכע טויזנט יאָר אונטערן וואַסער (זען די אינטערעסאַנטע אַרטיקלען וועגן דעם פֿון י. פּענראָוז האַרלענד אין *Biblical Archeologist*, V ([מײַ 1942], VI [סעפּטעמבער 1943]), האָט פּראָפֿ׳ אָלברײַט זיך סומך געווען דער עיקר אויפֿן פֿאַקט, וואָס צווישן די שערבלעך האָט אין גאַנצן געפֿעלט אַ מין הענטל אין דער פֿאָרעם פֿון אַ געכוואַליעטן לײַסטהענטל. ווען די ליימענע כּלים וואָלטן געמאַכט געוואָרן אַרום 2000 וואָלטן די דאָזיקע הענטלעך געווען צווישן די שערבלעך.

נעלסאָן גליקס נײַסטן בוך „דער טײַך ירדן".[13] הגם נאָך יונג אין יאָרן האָט פּראָפֿ' גליק שוין זייער אַ סך אויפֿגעטאָן פֿאַר דער וויסנשאַפֿט. זינט 1936, ווען ער האָט איבערגענומען פּראָפֿ' אָלברײַטס פּאָסטן ווי אַ דירעקטאָר פֿון דער אַמעריקאַנער שול פֿאַר אָריענטאַלישע פֿאָרשונגען אין ירושלים, האָט גליק אויס־געפֿאָרשט דעם עבֿר־הירדן אין דער לענג און אין דער ברייט. ער האָט אויס־געגראָבן תּל־אל־חליפֿה אין צפֿון־מיזרחדיקן טייל פֿון האַלבאינדזל סיני בײַם אײַנגאָס פֿון עקבה, ווו שלמה המלך האָט אויפֿגעבויט אַ פּאָרט און אַ קופּער־שמעלצונג־פֿאַבריק.

דאָס בוך וועגן ירדן לייענט זיך ניט ווי געשיכטע נאָר ווי אַ ראָמאַן. דער לייענער ווערט אין גאַנצן אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט מיט 2800 יאָר צוריק בײַם כּנרת אין עבֿר־הירדן און זעט מיט די אייגענע אויגן און לעבט אַליין איבער די האַרצפּאַרקלעמענדיקע און נאָבעלע קאַריערע פֿון אליהו הנבֿיא (זז' 169—174). פּונקט אַזוי פּאַרכאַפּט לייענט איר גליקס באַשרײַבונג (זז' 111—112, 117) פֿון יעקבֿ אָבֿינוס איבערלעבונגען אין פּניאל, פּריִער מיט גאָטס מלאך און דערנאָך מיט זײַן אייגענעם ברודער עשׂו, און ווי ער, גליק, אַליין שלאָפֿט דאָרט איבער אַ נאַכט, כאָטש זײַנע אַראַבישע פֿרײַנד וואָרענען אים, אַז שדים און רוחות וועלן אים באַפֿאַלן — דער לייענער פֿילט זיך ווי פֿאַר אַ פֿילם און ער אידענטיפֿיצירט זיך מיטן העלד פֿון דער דראַמע.

דער מחבר צעטיילט דעם עמק־הירדן און ביידע זײַטן פֿונעם ירדן אויף אַכט געאָגראַפֿיש־היסטאָרישע ראַיאָנען און גיט אָפּ אַ קאַפּיטל פֿאַר יעדער ראַיאָן באַזונדער: געאָגראַפֿיע, אַרכעאָלאָגיע, היסטאָריע, תּנך, דער נײַער טעסטאַמענט, יוסף פֿלאַוויוס, דאָס מאָדערנע אַראַבישע לעבן אד"גל.[14] די פֿאַרשיידענע פֿעדעם פֿון אינפֿאָרמאַציע ווערן איבערגעגעבן באַזונדער און אין דער זעלבער צײַט צונויפֿגעוועבט אין אַ גאַנצקייט, און איטלעכער ראַיאָן פֿונעם ירדן שטייט אויף פֿאַר אונדזערע אויגן פֿאַר זיך, רײַך, קאָליריק, נאַטירלעך. אַ גרויסע ווערט האָבן די 113 פֿאָטאָגראַפֿיעס. אַלע, אָן אַן אויסנעם, זענען אויסערגעוויינטלעך אינטע־רעסאַנט, איבער הויפּט די וואָס זענען גענומען געוואָרן בײַ ס. זש. שווײַגן פֿון דער אָפּטיילונג פֿאַר אַלטערטימלעכקייטן בײַ דער מאַנדאַט־רעגירונג אין ארץ־ישׂראל.

ה

אין 1898 האָט פּראָפֿ' דייוויס פֿון טעאָלאָגישן סעמינאַר אין פּרינסטאָן אַרויס־געגעבן אַ „ביבלישן ווערטערבוך". נײַע אויסגאַבעס פֿון דעם בוך זענען אַרויס

[13] Nelson Glueck, *The River Jordan,* The Westminster Press, Philadelphia, 1946, XVI + 268 pp.

[14] דער מחבר האָט געמעגט אויסנוצן מער די ייִדישע מקורים אין די מדרשים, אין תּרגומים, אין דער משנה, גמרא, ווי אויך דאָס מאָדערנע ייִדישע לעבן אין ארץ־ישׂראל. אויף ז' 158 זאָגט ער יאָ וועגן תּלמוד, אַז עס געפֿינען זיך דאָרט זייער אַ סך וויכטיקע טאָפּאָגראַפֿישע אָנ־ווײַזונגען.

אין 1903, 1911 און 1924. די לעצטע צײַט האָט די וועסטמינסטער־פּרעס פֿונעם פּרעסביטערישן קלויסטער אין אַמעריקע זיך גענומען אַרויסגעבן האַנטביכער פֿאַר לערערס, סטודענטן, גײַסטלעכע אד״גל צו פֿאַרגרינגערן זיי דאָס פֿאַרשטיין די ביבל. פּראָפֿ׳ העברי סנײַדער גיימאַן, פּראָפֿ׳ דייוויסעס ממלא־מקום, אַ קאָמ־פּעטענטער ספּעציאַליסט אויף תּנך, איז אויסגעקליבן געוואָרן אין גאַנצן צו רעווידירן און צו מאָדערניזירן דאָס ווערטערבוך. 1944 איז עס אַרויס ווי דאָס ערשטע בוך אין דער סעריע „העלפּביכער פֿאַרן שטודיום פֿון דער ביבל״.[15]

אויף ענגליש זענען פֿאַראַן נישט ווייניקער ווי אַ האַלב טוץ ווערטערביכער וועגן תּנך. דער בעסטער (און כאָטש אַלט מער ווי פֿערציק יאָר, נאָך אַלץ זייער נוצלעך) איז אָן ספֿק די *Encyclopaedia Biblica* אין 4 בענד (לאָנדאָן און ניו־יאָרק, 1899—1903), אַרויסגעגעבן פֿון די צוויי ענגלישע געלערנטע T. K. Cheyne און J. S. Black. אַרום דער זעלבער צײַט איז אַרויס דאָס פֿינפֿבענ־דיקע גאַנץ נוציקע ווערק: J. Hastings, *A Dictionary of the Bible,* Edinburgh, 1898־1904. צווישן די בעסערע איינבענדיקע ווערטערביכער דאַרפֿן דערמאָנט ווערן הייסטינגס׳ פּאָפּולערע פֿאַרקירצונג פֿון זײַן פֿינפֿבענדיק ווערק (ניו־יאָרק 1909) און M. W. Jacobus, E. C. Lane, A. C. Zenos, *A New Standard Bible Dictionary,* New York and London, 1936 (3טע אויפֿלאַגע). אין פֿראַנצייזיש איז פֿאַראַן דער זייער פֿײַנער *Dictionnaire de la Bible* (10 בענד און הוספֿות), אַרויסגעגעבן פֿונעם קאַטוילישן געלערנטן פֿ. וויגוראָ (Vigouroux). (זען דעם אַרטיקל: „ביב־לישע ווערטערביכער און ענציקלאָפּעדיעס״ פֿון ד״ר טשאַרלז ט. פֿריטש אין *Interpretation,* באַנד ו, 1947, זז׳ 363—371.)

גיימאַנס איינבענדיק ווערק האָט אַ סך מעלות וואָס די אַנדערע פֿאַרמאָגן נישט. ערשטנס איז עס מער מאָדערן ווי די אַנדערע; אַזוי פֿיל נײַע פֿאַקטן זענען אין די לעצטע עטלעכע צענדלינג יאָר צוגעקומען און אַזוי פֿיל אַלטע זאַכן און פֿאַקטן ווערן איצט אינטערפּרעטירט און פֿאַרשטאַנען אויף אַ גאַנץ נײַעם אופֿן, אַז ס׳איז נישט מעגלעך, אַז ווערק וואָס זענען עלטער אין יאָרן זאָלן נישט זײַן נאָך מער פֿאַרעלטערט אין פֿאַקטן. צווייטנס איז אין דעם ווערטערבוך פֿאַראַן אַ סך מער אינפֿאָרמאַציע ווי אין די אַנדערע איינבענדיקע ווערק; פּשוט דערפֿאַר, וואָס דאָס בוך איז געדרוקט מיט גאַנץ קליינע אותיות און אויף דין פּאַפּיר. ווען נישט דאָס, וואָלט דאָס בוך געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס און וואָלט געקאָסט צוויי מאָל אַזוי פֿיל.

דאָס ווערטערבוך איז צונויפֿגעשטעלט לויטן אַלף־בית. אין דעם סדר שטייען נעמען פֿון ספֿרים, מענטשן, פּלעצער, חיות, געוויקסן און אַנדערע וויכטיקע ענינים וואָס געפֿינען זיך אין אַלטן און אין נײַעם טעסטאַמענט און אין דער

[15] *The Westminster Dictionary of the Bible* by John D. Davis, revised and re-written by Henry Snyder Gehman, The Westminster Press, Philadelphia, 1944, XII + 658 pp.

דער אויבן רעצענזירטער אַטלאַס פֿון רײַט־פֿילסאָן איז דער צווייטער באַנד אין דער דאָ־זיקער סעריע האַנטביכער.

אַפּאָקריפֿישער ליטעראַטור. דאָ זענען פֿאַראַן לענגערע אַרטיקלען וועגן נבֿואה און נבֿיאישע חבֿרות; וועגן גאָט; וועגן משהן און דודן; וועגן דער געשיכטע פֿון מצרים, אַשור, מואָבֿ, די כּנענים, שומרון, חבֿרון, ירושלים אד״גל. ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס דער שטאַנדפּונקט פֿונעם דירעקטאָרן־ראָט פֿון דער וועסט־מינסטער־פּרעס איז אין אָנהייב געווען אַ גאַנץ קאָנסערוואַטיווער. פֿון דעסט וועגן איז נישט צו קריגן ערגעץ אַנדערש אַזאַ גוטן ווערטערבוך מיט אַזוי פֿיל מאַטעריאַל פֿאַר אַזאַ נידעריקן פּרײַז.

איך וואָלט נאָר וועלן צוגעבן אָט וואָס. ס׳איז שוין לאַנג באַקאַנט, אַז דער רובֿ באַנוצטע ביכער און סטאַנדאַרדווערק וועגן דעם פּעריאָד צווישן סוף אַלטן און אָנהייב נײַעם טעסטאַמענט זענען אָנגעשריבן געוואָרן פֿון ניט־ייִדן אויפֿן סמך פֿון כּמעט נאָר ניט־ייִדישע און אַפֿילו אַנטי־ייִדישע מקורים. די גאָר וויכטיקע ליטעראַטור, די אַלטע מדרשים, די משנה, דער תּנאָיִשער שיכט פֿון דער גמרא אד״גל איז פֿאַר זיי געווען אַ פֿאַרחתמעט בוך. אין דעם פֿאַרברעך אַקעגן דער וויסנשאַפֿט וואָס ציט זיך נאָך פֿון עמיל שירערס צײַטן זענען היפּש שולדיק ייִדישע געלערנטע אויך.[16] מיר דוכט זיך, אַז ייִדישע וויסנשאַפֿטלערס מוזן פֿאַרשטיין, אַז זיי האָבן פֿאַר זיך די דרינגלעכע אויפֿגאַבע גוט צו שטודירן די ייִדישע און ניט־ייִדישע מקורים פֿון דער עפּאָכע צווישן אַרום 200 פֿאַר ביז אַרום 200 נאָך דער איצטיקער צײַט־רעכענונג און אָנשרײַבן פֿאַרלאָזלעכע געשיכטעס סײַ פֿאַרן געלערנטן סײַ פֿאַרן אַלגעמיינעם עולם. ס׳איז כּדאַי דאָ צו באַמערקן, אַז אויף דעם דאָזיקן וויכטיקן פֿעלד אַרבעט שוין אַ סך יאָרן מיט אַ סך הצלחה פּראָפֿ׳ שניאור זלמן צייטלין פֿון דראָפּסי־קאַלעדזש. און פּונקט ווי פּראָפֿ׳ לוי גינצבורג פֿונעם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר האָט אַכטונג געגעבן, אַז אין דער *Jewish Encyclopedia* מיט מער ווי פֿערציק יאָר צוריק זאָל אין די אַרטיקלען וועגן ביבלישע ענינים געניצט און צוגעשטעלט ווערן די גאַנצע נאָכביבלישע ליטע־ראַטור, אַזוי איז צו האָפֿן, אַז די נײַע תּנכישע ענציקלאָפּעדיע וואָס ווערט גע־גרייט אין ירושלים אונטער דער השגחה פֿון פּראָפֿ׳ נ. ה. טורטשינער וועט אויך נוצן און אינטעגרירן דעם דאָזיקן וויכטיקן מאַטעריאַל. ס׳איז שוין צײַט, אַז ייִדישע געלערנטע זאָלן אָננעמען און פֿאַרשפּרייטן דעם געדאַנק, אַז ייִדן האָבן דווקא נישט אויפֿגעהערט שטודירן, נוצן און טראַכטן וועגן דעם תּנך פֿון זינט

[16] צום סוף פֿון אַ קאַפּיטל וועגן דעם תּרגום השבֿעים, וואָס איך האָב בײַגעשטײַ־ערט צו אַ בוך וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פֿון דער „שיקאַגער געזעלשאַפֿט פֿאַר ביבל־פֿאָרשונג״ (*The Study of the Bible Today and Tomorrow*), האָב איך געשריבן אַן ערך אַזוי: דער מחבר האָט בכּיוון נישט דערמאָנט אָטאָ שטיילינס (Stählin) ביבליאָגראַפֿישע מאָנאָגראַפֿיע וועגן „דער העלעניסטיש־ייִדישער ליטעראַטור״ (אין ווילהעלם פֿאָן־כריסטס גרויסער „גע־שיכטע פֿון דער גריכישער ליטעראַטור״, מינכן, 1920), צוליב דעם פּשוטן פֿאַקט, וואָס עס איגנאָרירט די אומגעהײַער וויכטיקע ליטעראַטור וואָס ייִדן האָבן געשאַפֿן אין העברעיִש און אין אַרמיש אין דער נאָכביבלישער תּקופֿה. די אַלטע רבנישע ליטעראַטור איז פֿאַר שטיילינען געווען אַ פֿאַרחתמעטער ספֿר. דאָס איז פּונקט דאָס אייגענע ווי ווען אימעצן וואָלט אײַנגעפֿאַלן צו נוצן נאָר די ייִדישע אַלט־רבנישע ליטעראַטור ווי דעם איינציקן מקור פֿאַר דער וויסנשאַפֿט־לעכער פֿאָרשונג פֿונעם נײַעם טעסטאַמענט אין דער גריכיש־רוימישער וועלט!

טיטוס האָט פֿאַרברענט דעם צווייטן בית־המיקדש און בר־כּוכבֿא איז דורכ־געפֿאַלן אין זײַן רעוואָלט אַקעגן רוים.

ז

אין די לעצטע עטלעכע צענדליגג יאָר פֿון זייער שווער לעבן ווי אַ פֿאָלק אונטער דער רוימישער ממשלה האָט זיך בײַ ייִדן אַנטוויקלט אַ קריסטלעכע באַ־וועגונג; געווען ייִדן וואָס האָבן געגלייבט, אַז קריסטוס (דאָס גריכישע וואָרט פֿאַר משיח) איז אויף דער שוועל אײַנצופֿירן גאָטס מלכות אויף דער ערד. סײַ בײַ די אָרטאָדאָקסישע ייִדן סײַ בײַ די קריסטן־ייִדן איז דער תּנך געווען אַ הייל־יקער ספֿר — גאָטס ווערטער צו ייִדישע פֿאָרשטייערס אין משך פֿון אַ וואָסערע פֿופֿצן הונדערט יאָר. ס׳איז כּמעט קיינעם ניט אײַנגעפֿאַלן צו טראַכטן אַנדערש.

וואָס געשלאָגענער די ייִדישע פּאָליטישע לאַגע איז געוואָרן אַלץ ווײַטער איז די קריסטלעך־ייִדישע באַוועגונג אָוועקגעגאַנגען פֿון איר ייִדישן מקור און כאַ־ראַקטער. ווען דער בית שני איז חרובֿ געוואָרן (אין יאָר 70) און ווען דער ייִדישער רעוואָלט אונטער בר־כּוכבֿאָן (132—135) איז שרעקלעך דורכגעפֿאַלן, דעמאָלט איז די נײַע באַוועגונג געוואָרן אַ ניט־ייִדישע! אַ קריסט האָט שוין למשל געמעגט ווערן ביסקופּ אין אַלעקסאַנדריע און ניט זײַן געמלט. דער פּלע־בעיִשער כאַראַקטער און יסוד פֿון דער קריסטלעכער באַוועגונג האָט זיך געביטן מער אויף פּאַטריציש. אָט האָט אין יאָר 135 ביסקופּ קלעמענט פֿון אַלעקסאַנדריע, אין זײַן זייער וויכטיקער דרשה אויף דער טעמע „וועלכער רײַכער וועט גע־ראַטעוועט ווערן?״ ציטירט דעם באַוווּסטן פּסוק יעזוסעס צו זײַנע תּלמידים (מתּתיהו יט, 23—24): „איך זאָג אײַך, עס וועט זײַן שווער פֿאַר אַ רײַכן אַרײַנ־צוגיין אין דעם מלכות פֿון הימל. ווידער זאָג איך אײַך, עס איז גרינגער פֿאַר אַ קעמל דורכצוגיין דורכן לעכל פֿון אַ נאָדל איידער פֿאַר אַ רײַכן אַרײַנצוגיין אין מלכות פֿון גאָט״. האָט קלעמענט אינטערפּרעטירט דעם דאָזיקן פּסוק אַזוי: מיטן וואָרט ׳רײַכער׳ האָט יעזוס געמיינט נישט דעם מענטש וואָס איז רײַך אין געלט, אין האָב־און־גוטס, נאָר דעם וואָס איז רײַך אין שלעכטע מידות.

צום סוף איז דערגאַנגען צו דער מדרגה, ווען עלעמענטן צווישן די קריסטן האָבן געפֿאָדערט, מע זאָל אין גאַנצן אָוועקוואַרפֿן דעם תּנך און האַלטן הייליק נאָר דעם נײַעם טעסטאַמענט. די דאָזיקע עלעמענטן האָבן זייערס ניט אויסגע־פֿירט און אויך דער אַלטער טעסטאַמענט איז פֿאַרבליבן הייליק, כאָטש ער האָט אין דער קריסטלעכער וועלט וואָס אַ מאָל מער אָנגעהויבן צו באַקומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ מין צוגרייטונג פֿאַר דעם נײַעם.

אין 19טן יאָרהונדערט האָט די געלערנטע קריסטלעכע וועלט בּיסלעכווײַז אויפֿגעהערט צו קוקן פֿריִער אויפֿן נײַעם און באַלד נאָך דעם אויך אויפֿן אַלטן טעסטאַמענט ווי אויף אַ היסטאָריש באַגלייבט ווערק. אָבער דער נײַער טעס־טאַמענט האָט אַלץ געהאַט מער מזל ווי דער אַלטער; נאָענט צו יעזוסן און צום קריסטנטום, איז ער פֿאַרט פֿאַרבליבן דער רעליגיעזער פֿונדאַמענט פֿון די קריסטן. און ווען דער אַנטיסעמיטיזם איז אַרײַנגעדרונגען אין דער ביבל־פֿאָרשונג אין

דײַטשלאַנד נאָך דעם גרויסן בערלינער קראַך אין 1873 און נאָך דער פּאַניק און דעפּרעסיע וואָס האָבן נאָך דעם געדויערט כמעט צען יאָר, האָט דער ייִדישער תנך נאָך מער אָנגעווירן זײַן הייליקייט און וויכטיקייט. געווען אַזעלכע ווי דער גרויסער דײַטשער געלערנטער פּויל דע לאַגאַרד (אַן אמתער פּאָרגייער פֿון היט־לערס נאַציזם), וואָס האָבן געוואָלט אָפּשאַפֿן דעם נײַעם טעסטאַמענט אין איינעם מיטן קריסטנטום — דווקא ווײַל זיי שטאַמען פֿונעם אַלטן טעסטאַמענט און פֿונעם ייִדישן גלויבן. בכלל קען געזאָגט ווערן, אַז פֿונעם ייִדישן תנך איז געבליבן ווערטפּויל פֿאַרן קריסט פֿון אַ גאַנץ יאָר נאָר דער ספֿר תהלים און די נביאים אַחרונים — ווו מען האָט געקענט געפֿינען נבֿואות אויף יעזוסן דעם משיח און אַרויסזאָגן ווענגן סאָציאַלער גערעכטיקייט.[17]

מער ווי אַלע אַנדערע אין תנך האָט משה רבינו געליטן פֿון דעם נײַעם קוק. ער איז געוואָרן מער ווי ווער ס׳איז אַנדערש אויס פּערזאָן, אויס גרינדער פֿונעם ייִדישן פֿאָלק און פֿונעם מאָנאָטעיִזם. דערפֿאַר אָבער האָט משה איצט, ווען די אַרכעאָלאָגיע האָט געביטן אונדזער קוק אויפֿן תנך, צוריקבאַקומען זײַן עקסיסטענץ און זײַן וויכטיקייט מער ווי ווער ס׳איז אַנדערש פֿון תנך. ס׳איז אַצונד דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אַ סך קריסטלעכע געלערנטע (זען למשל: G. Ernest Wright, *The Challenge of Israel's Faith,* 1944) שרײַבן אָפֿן ניט נאָר אַז דער אַלטער טעסטאַמענט איז הייליק און וויכטיק, נאָר אַפֿילו אויך, אַז דער נײַער טעסטאַמענט האָט קיין זינען נישט אָן דעם אַלטן; אָן אים פֿעלט אים דער קאָפּ און דאָס האַרץ.

אָט די און אַ סך אַנדערע עפּיזאָדן אין דער ביבלישער געשיכטע ווערן קלאָר באַשריבן אין נײַסטן בוך פֿון פּראָפּ׳ ה. ה. ראָולי פֿון אוניווערסיטעט אין מאַנטשעסטער, איינער פֿון די בעסערע קענערס פֿון אַלטן טעסטאַמענט אין ענג־לאַנד.[18]

דאָס ערשטע קאַפּיטל גיט ראָולי אָפּ אויף צו דערווײַזן די אייביקע ווערט פֿון תנך, און אין די קאַפּיטלעך צוויי און דרײַ באַשרײַבט ער די גרויסע ראָלע וואָס אַרכעאָלאָגיע האָט געשפּילט און האַלט אין שפּילן אין דער ווידעראויפֿלעבונג פֿונעם תנך. אין פֿערטן פּרק ווײַזט ער די גרויסע וויכטיקייט פֿון אַזעלכע ייִדישע איבערלעבונגען ווי יציאת מצרים און עם סגולה (די בני־ישראל דאָס אויסדער־ווײלטע פֿאָלק). די ווײַטערדיקע דרײַ קאַפּיטלעך פֿאַרנעמען זיך מיטן וווקס פֿון מאָנאָטעיִזם און משה רבינוס גרויסער ראָלע אין דעם, מיט דער גרויסער וויכטיקייט פֿון נבֿואה און מיט רעליגיע בײַ ייִדן אין דער תקופֿה פֿון גלות בבֿל און נאָך דעם.

ס׳איז שוין לאַנג אַן אָנגענומענער פֿאַקט בײַ קריסטלעכע געלערנטע, נאָך פֿון זינט דער תקופֿה פֿון נײַעם טעסטאַמענט און די אַלטע קלויסטער־פֿאָטערס,

[17] ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז אויך בײַ די סאָציאַליסטן זענען די נביאים געבליבן. זען אַ שטייגער די ביכער פֿון מאַקס בערן און האַרי ליידלערן, וואָס זענען דערמאָנט אין הערה 5.

[18] H. H. Rowley, *The Re-Discovery of the Old Testament,* London, 1946, 224 pp. דאָס בוך איז אויך אַרויס אין פֿילאַדעלפֿיע בײַ וועסטמינסטער־פּרעס אין 314 זײַטן.

אַז די לעגאַליסטישע און ריטואַליסטישע רעליגיע פֿון די פּרושים איז דער די־רעקטער יורש פֿון דעם מין רעליגיע וואָס האָט זיך אַנטוויקלט בײַ ייִדן לויט אַזעלכע נבֿיאים ווי יחזקאל, חגי, זכריה און אַנדערע נאָכן חורבן בית ראשון. דער אמת איז אָבער, אַז יענע געלערנטע האָבן נישט פֿאַרשטאַנען נישט די פּרושים און נישט די נבֿיאים.[19]

אין די ווײַטערדיקע פֿיר קאַפּיטלעך באַהאַנדלט דער מחבר די פֿיר טעמעס: גאָט, מענטש, גאָטסדינסט, געשיכטע. עס פֿאַרשטייט זיך פֿון זיך אַליין, אַז ווי אַ קריסט נוצט ער דעם נײַעם טעסטאַמענט צוזאַמען מיטן אַלטן און אויפֿן זעל־ביקן שטייגער ווי דעם אַלטן. און דעריבער איז ווײַטער פֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ קאַפּיטל וואָס וויל באַווײַזן, ווי אַזוי דער אַלטער טעס־טאַמענט איז מקוים געוואָרן אין דעם נײַעם.

דאָס בוך קען מען רעקאָמענדירן יענע וואָס ווילן זיך מאַכן אַ קלאָרע השגה וועגן דער ווידעראויפֿלעבונג פֿון תּנך אין די לעצטע פֿינף און צוואַנציק יאָר און וועגן דעם קוק פֿון דורכשניטלעכן קריסטלעכן געלערנטן אויפֿן אַלטן טעסטאַמענט און זײַן שײַכות מיטן נײַעם.

ז

פּונקט ווי די עלטערע געשיכטעס, אַטלאַסן אד״גל, אַזוי זענען אויך די מאַפּעס פֿון תּנך פֿאַרעלטערט געוואָרן דורך די מאָדערנע אַרכעאָלאָגישע גע־פֿינסן. אויבן (קאַפּיטל א) איז שוין גערעדט געוואָרן וועגן די מאַפּעס אין די אַטלאַסן פֿון רײַט־פֿילסאָנען און מײַזלערן. לאָמיר דערמאָנען נאָך עטלעכע.

די אַמעריקאַנער ביבל־געזעלשאַפֿט, וואָס זי גיט אַרויס פֿאַר אַמעריקע די באַוווּסטע ענגלישע איבערזעצונג פֿונעם אַלטן און נײַעם טעסטאַמענט וועלכע איז אַרויס אין ענגלאַנד מיט 326 יאָר צוריק אונטער קיניג דזשיימס, האָט מיט אַ וואָסערע צען יאָר צוריק באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ נײַעם גאַנג מאַפּעס צו אירע ביבלען. די אַרבעט איז אונטערגענומען געוואָרן פֿון ד״ר דזש. אָ. באָיד, און פּראָפֿ׳ אָלברייט פֿון דעם דזשאָנס האָפּקינס־אוניווערסיטעט האָט די אַרבעט אי־בערגעקוקט. דער רעזולטאַט איז אַ נוציקע און פֿאַרלאָזלעכע קאָלעקציע פֿון 14 מאַפּעס אין איינעם מיט אַ טאָפּאָגראַפֿישן אינדעקס.[20]

ס׳איז באַקאַנט אַז פֿאַר ביבלישער געשיכטע האָט דער ייִדישער לערער געמוזט באַנוצן וואַנטמאַפּעס מיט אָן אַ שיעור חסרונות. די וואַנטמאַפּעס וואָס מען נוצט אין קריסטלעכע זונטיקשולן זענען צו פֿיל אָנגעפּילט מיט נײַ־טעסטאַמענטישע

---

[19] ס׳לוינט דאָ צו פֿאַרצייכענען די ווײַטערדיקע ווערטער פּראָפֿ׳ ראָולים (ז׳ 131):
Very abundant is the evidence, therefore, that the post-exilic age was not just an age of decadence and negligible achievement, and the creators of Judaism were not so immersed in sterile forms that they were incapable of perceiving the riches of the spiritual and ethical faith of the pre-exilic prophets.

[20] *Maps of Bible Lands* by J. O. Boyd, reviewed by W. F. Albright, American Bible Society, New York, 1939.

אינפֿאָרמאַציעס; די מאַפּעס פֿון קרן־קימת טויגן פֿאַר דער מאָדערנער תקופֿה, אָבער נישט פֿאַר דער ביבלישער. נאָך צען יאָר עקספּערימענטירן האָט אין 1942 דער אַמעריקאַנער גײַסטלעכער ד״ר דזש. פֿרעדעריק אָוען אַרויסגעגעבן גאָר אַ געראָטענע וואַנטמאַפּע פֿון ארץ־ישׂראל.[21] קודם האָט די מאַפּע די גרויסע מעלה, וואָס פֿאַר דער ביבלישער געאָגראַפֿיע זענען דאָ אויסגענוצט געוואָרן די נײַע אַרכעאָלאָגישע און טאָפּאָגראַפֿישע ידיעות פֿון זינט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דערצו האָט דער מחבר אַרײַנגעשטעלט די נעמען פֿון אַ סך מאָדערנע ייִדישע און אַראַבישע פּלעצער. אָבער מער נאָך האָט די וואַנטמאַפּע די מעלה, וואָס אויף איר זעט זיך אויך דאָס דריטע געמעסט; ד״ר אָוען האָט געמישט זיבן פֿאַרשיידענע קאָלירן אַזוי, אַז ניט נאָר די לענג און די ברייט זעען זיך, נאָר אויך די טיף. קוקנדיק אויף דער מאַפּע פֿון אַרום צען פֿוס די ווײַט זעט מען, ווי די לבֿנון־בערג אין צפֿון הייבן זיך אויף צו זייער מאַיעס־טעטישער הייך פֿון אַ וואַסערע 10,000 פֿוס; ווי דער עמק ליגט גרין און רויִק אין אַ מין בעט אַרומגערינגלט מיט בערג; ווי דער פּליין פֿון שרון און פּלשת בײַם מיטנלענדישן ים הייבט זיך ביסלעכווײַז אויף ביז צו דער שפֿלה און גיט פּלוצעם אַ שפּרונג אַרויף אויפֿן באַרגיקן שטח פֿון צענטראַל־ארץ־ישׂראל (׳ההר׳ אין תנך), און פּונקט אַזוי פּלוצעם — אַ גיכן שפּרונג אַראָפּ ביזן עמק־הירדן. די מאַפּע איז לעבעדיק און נאַטירלעך ניט נאָר פֿאַר די וואָס זענען שוין געווען אין ארץ־ישׂראל.

צו דער מאַפּע, וואָס איז 40 אינטש די לענג און 37 די ברייט, קומט צו אַ דיאַגראַם 16 אינטש קוואַדראַט. דאָ ווערט אָנגעוויזן דער מהלך צווישן 72 וויכטיקע פּלעצער אויף דער מאַפּע און געגעבן אַ שליסל צו געפֿינען נאָך 170; עס ווערט געוויזן דער ים־געהייב פֿון שטעט, בערג און טײַכן און ס׳זענען געבראַכט ידיעות וועגן קלימאַט, פּראָדוקטן און באַפֿעלקערונג.[22]

אַ וואַנטמאַפּע פֿון ארץ־ישׂראל וואָס איך האַלט פֿאַר נוציק איז „ארץ־ישׂראל הײַנט״, וואָס עס האָט אויסגעאַרבעט דער ניו־יאָרקער ייִדישער אינזשעניר מאיר ברין און עס האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1946 עמנואל הירש באַראָן פֿון דער פּאַלמאַפּ־געזעלשאַפֿט.[23] עס געפֿינען זיך דאָ אַלע ייִדישע און אַראַבישע יישובֿים

---

[21] Rev. Dr. G. Frederick Owen, *Palestine in Third Dimension,* Beacon Hill Press, Kansas City, 1942.

[22] די ערשטע אויסגאַבע ברענגט אַזאַ סטאַטיסטיק: 860,000 אַראַבער, 550,000 ייִדן, 109,000 קריסטן, 50,000 אַנדערע (אַרײַנגערעכנט די ענגלישע סאָלדאַטן). אין דער שפּעטער־דיקער אויסגאַבע פֿון דער קאַרטע זענען שוין די ציפֿער אויס אַזוי: אַראַבער 972,417, קריסטן 125.366, ייִדן 493,881 און אַנדערע 12,881 (צווישן זיי 7,028 דרוזן, 265 באַהאַי און 163 שומרונים; סאָלדאַטן זענען ניט דערמאָנט). ד״ר אָוען האָט מיך געלאָזט וויסן, אַז די צווייטע אויסגאַבע האָט באַקומען איר סטאַטיסטישן מאַטעריאַל פֿון אַ ייִדישער אָרגאַניזאַציע. ער האָפֿט אַרויסצוגעבן אַ דריטע אויסגאַבע, אין וועלכער די צאָל ייִדן וועט געגעבן ווערן לויט דער סטאַטיסטיק וואָס די ייִדישע אַגענץ האָט צוגעשטעלט די פֿאַראייניקטע נאַציעס.

[23] Meyer Breen, *Authentic Map of Palestine Today, Stressing the Jewish Settlements and Year of Establishment,* Palmap Co., 72 Fifth Ave., New York, 1946.

(ביז אויגוסט 1946). אויפֿן ברעג פֿון דער מאַפּע פֿון דרײַ זײַטן ווערט געגעבן אַן אַלפֿאַבעטישע רשימה פֿון אַלע ייִשובֿים מיט אָנווײַזן ווו זיי צו געפֿינען אויף דער מאַפּע. לעבן נאָמען פֿון יעדער ייִשובֿ זענען צוגעשטעלט סימנים וואָס ווײַזן, צי דעם ייִשובֿ האָט געבויט דער קרן־קימת, קרן היסוד, פּיקאַ, אַ פּריוואַטער פּערזאָן אאַז״וו; צי דער ייִשובֿ איז אַ ייִדישער אָדער אַן אַראַבישער; צי ער איז אַ מושבֿ, אַ קיבוץ, אַ מושבֿה אד״גל; ווען דער ייִשובֿ איז געבויט געוואָרן; צי באַלאַנגט ער צום השומר הצעיר (קיבוץ אַרצי) אָדער צו אַגודת ישׂראל, צו דער הסתּדרות העובֿדים אָדער צום הפּועל הצעיר אד״גל.

די מאַפּע איז 45 אינטש די לענג און 31 די ברייט (אין איינעם מיטן ברעג 54 x 41 אינטש), אין דרײַ קאָלירן אויף אַ ווײַסן הינטערגרונט: ברוין פֿאַר די בערג און טאָלן, בלוי פֿאַר די טײַכן און שוואַרץ פֿאַר די נעמען און פֿאַקטן. ווער עס וויל כּסדר פֿאַרגלײַכן ארץ־ישׂראל פֿון דער ביבלישער תּקופֿה מיט ארץ־ישׂראל פֿון די הײַנטיקע צײַטן, זינט ייִדן האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען, זאָל אויפֿהענגען אויף דער וואַנט אָוענס און ברינס מאַפּעס זײַט בײַ זײַט.

ח

ס׳איז פֿאַרגאַנגען כּמעט הונדערט יאָר, זינט שומעריש איז אַרײַן אין דער פֿאָרשונג. מען קען זאָגן, אַז פֿיר ביכער האָבן מער ווי אַלע אַנדערע געהאָלפֿן אַוועקצולייגן דעם פֿונדאַמענט פֿון דער פֿאָרשונג: „די שומערישע משפּחה־געזעצן״ פֿון פּויל הויפּט אין 1879 (דער דאָזיקער בריליאַנטער דײַטשער געלערנטער איז שפּעטער אַריבער אין דזשאַנס האָפּקינס־אוניווערסיטעט אין באַלטימאָר); „יסודות פֿון דער שומערישער גראַמאַטיק״ און „שומערישער גלאָסאַר״ אין 1914 פֿון הויפּטס לערער, דעם גרויסן געלערנטן און באַוווּסטן אַנטיסעמיט פֿרידריך דעליטש (זײַן פֿאָטער איז געווען דער ייִדנפֿרײַנד און גרויסער געלערנטער פֿראַנץ דעליטש) און „יסודות פֿון דער שומערישער גראַמאַטיק״ פֿון אַרנאָ פּויבעל אין 1923. פֿון דעסט וועגן איז אונדז די רעליגיעזע און מיטאָלאָגישע ליטעראַטור פֿון די שומערער ניט געווען איבעריקס באַקאַנט. די סיבה דערפֿון איז געווען פּשוט, וואָס די מערסטע טעקסטן זענען געלעגן אָדער נישט־שטודירטע אין פֿאַרשיידענע מוזייען (איבער הויפּט אין פּענסילווייניע־אוניווערסיטעט אין פֿילאַדעלפֿיע, אין בריטישן מוזיי און אין טערקישן מוזיי אין איסטאַנבול), אָדער יאָ שטודירטע, אָבער נישט גענוג קלאָר פֿאַרשטאַנענע.

אַ נײַע עפּאָכע אין שומערישע פֿאָרשונגען האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ צען יאָר צוריק אַ דאַנק דער ענערגישער און פֿעיִקער אַרבעט פֿון דעם ייִדישן געלערנטן ד״ר שמואל־נח קריימער פֿון פּענסילווייניער אוניווערסיטעטישן מוזיי. פֿאָרשנדיק כּמעט די לעצטע צוואַנציק יאָר די שומערישע שפּראַך און ליטעראַטור, האָט ד״ר קריימער קאָפּירט טעקסטן פֿון שומערישע טאָוולען אין אַזיע, אייראָפּע און אַמעריקע, און ער האָט צונויפֿגעשטוקעוועט טעקסטן, וואָס איין טייל זייערער איז געווען ערגעץ אויף אַ פֿראַגמענט פֿון אַ טאָוול אין איין קאָנטינענט און אַ צווייטע טייל אויף אַ צווייטן טאָוול העט ווײַט. ער האָט געדרוקט וויכטיקע

אַרטיקלען אויף פֿאַרשיידענע שומערישע טעמעס אין אַזעלכע זשורנאַלן ווי „בו־לעטין פֿון דער אַמעריקאַנער שול פֿאַר אָריענטאַלישע פֿאָרשונגען" און „זשור־נאַל פֿון דער אַמעריקאַנער אָריענטאַלישער געזעלשאַפֿט". אין 1942 האָט ער געגעבן אַ סעריע פּאָפּולערע לעקציעס, און מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער האָט ער אויף דער טעמע אַרויסגעלאָזט אַ בוך.[24]

די שומערער זענען נישט קיין סעמיטיש און נישט קיין אינדאָאייראָפּעיִש פֿאָלק. זיי זענען פֿון מיזרח־זײַט אַרײַנגעקומען קיין מעסאָפּאָטאַמיע אַרום 3500 ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג. פֿאַרשיידענע סעמיטישע גרופּעס האָבן שוין דאָרט געוווינט. איז מער ווי פֿופֿצן הונדערט יאָר דאָרט אָנגעגאַנגען אַ מלחמה און אַ קאָנקורענץ צווישן שומערער און סעמיטן וועגן באַהערשן דאָס לאַנד צווישן די צוויי טײַכן, טיגריס (חדקל) און אייפֿראַטעס (פּרת). אַרום 2500 יאָר ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג איז אויפֿגעקומען אין אַכּד (אַקאַד) די דינאַסטיע פֿונעם גרויסן סעמיטישן קיניג סרגון, און פֿון דעמאָלט אָן ווערט די עקסיסטענץ פֿון די שומערער ווי אַ פֿאָלק וואָס אַ מאָל שוועראַר: זיי זענען וואָס אַ מאָל מער צוריקגעשטופּט געוואָרן קיין דרום־מעסאָפּאָטאַמיע. פֿאַר אַן ערך אַ יאָרהונדערט האָבן די שומערער אויפֿגעלעבט אין אור (אין תּנך שפּעטער: אור כּשׂדים), אָבער נאָך אַרום 2050 האָבן זיי אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן ווי אַ וויכטיק אומאָפּהענגיק פֿאָלק.

ווי ס׳איז שוין אויבן (קאַפּיטל ב) דערמאָנט געוואָרן באַשטייט די וויכטיקייט פֿון די שומערישע אויפֿטוען אין דעם וואָס זיי האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם יסוד פֿון דער ציוויליזאַציע פֿון מערבֿ־אַזיע. ס׳איז נישטאָ קיין איין פֿאָלק פֿון נאָענטן מיזרח אין אַלטערטום, וואָס זײַן עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע, רעליגיעזע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציע און זײַנע אויפֿטוען בכלל זאָלן געווען בלײַבן פֿרײַ פֿון דירעקטער אָדער אומדירעקטער שומערישער השפּעה.

די פּראָבלעם פֿון אַנטלײַונגען איז אַ סך קאָמפּליצירטער אין קולטורעלע ענינים ווי אין עקאָנאָמישע. מאַטעמאַטיש און געזעצלעך קען מען נאָר האָפֿן געענוי צו דערווײַזן וויפֿל איינער איז שולדיק דעם צווייטן אין עקאָנאָמישן משׂא־ומתּן; אָבער ווי אַזוי קען מען דערווײַזן געענוי, וואָס איין פֿאָלק האָט גענומען בײַ אַ צווייטן אויפֿן קולטורפֿעלד? ווער געדענקט עס ניט די סענסאַציאָנעלע דערקלערונגען אַפֿילו פֿון קאָמפּעטענטע געלערנטע מיט צוואַנציק, דרײַסיק, פֿערציק און מער יאָרן צוריק, אַז ס׳איז קיין מאָל ניט געווען קיין אָריגינעלע קולטור בײַ ייִדן, אַז די בני־ישׂראל האָבן אַלצדינג וואָס איז געווען גוט און געדויערדיק אין זייער גײַסטיקן לעבן אַנטליִען און גענומען בײַ די בבֿלים, אָדער בײַ די אַשורים, אָדער בײַ די מצרים? און ווען די לעצטע צען־פֿופֿצן יאָר איז אויסגעגראָבן און פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַ טייל פֿון דער אַלט־כּנענישער ליטעראַטור (זען אויבן קאַפּיטל ב) איז אַ שטיקל צײַט געוואָרן פּאָפּולער אויף

[24] Samuel N. Kramer, *Sumerian Mythology,* American Philosophical Society Memoirs, Vol. XXI, Philadelphia, 1944, XIV + 125 pp.

צווישן אייגענע געלערנטע צו געבן די כּנענים דעם קרעדיט פֿאַר אַ גרויסן און וויכטיקן חלק פֿון תּנך.

הײַנטיקע צײַטן קוקן אומפּאַרטייִישע געלערנטע אַ ביסל אַנדערש אויף דער פֿראַגע פֿון קולטורעלע באַציִונגען צווישן פֿעלקער ווי מיט אַ דור צי צוויי צוריק. מען איז נישט אַזוי שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אויסצוגעפֿינען, וואָס און וויפֿל איין פֿאָלק האָט געשעפּט בײַ אַ צווייט פֿאָלק; מען איז מער להוט אויסצוגעפֿינען, וואָס פֿאַר אַ צושטײַער יעדער פֿאָלק האָט געגעבן צו דער מענטשלעכער קולטור בכלל. מיט אַנדערע ווערטער: אויב דער מאָדערנער געלערנטער וויל וויסן גענוי, וואָס איז געווען דער קולטור־כאַראַקטער און די קולטורעלע באַזונדערקייט פֿון ייִדן אין דער תּנכישער תּקופֿה, זוכט ער נישט אַזוי שטאַרק די עלעמענטן וואָס די ייִדישע קולטור האָט געהאַט דעמאָלט בשותּפֿות מיט דער קולטור דער שומערישער, בבֿלישער, אַסירישער, עגיפּטישער, כּנענישער אד״גל, ווי די עלעמענטן, וואָס זענען געוואָרן אָדער געווען ספּעציפֿיש און עקסקלוזיוו ייִדישע, וואָס האָבן זיך בײַ ייִדן אַנדערש אַנטוויקלט ווי אין אַנדערע ציוויליזאַציעס.[25]

ד״ר קריימערס בוך האָט צוויי גרויסע מעלות. ערשטנס האָט ער אַרײַנגענומען די בעסטע איבערזעצונגען און אינטערפּרעטאַציעס פֿון שומערישע מיטאָלאָגישע שאַפֿונגען, און צווייטנס האַלט ער זיך אין דעם ווי ס׳נשאַפּטלעכן מעטאָד ניט צו פֿאַרגלײַכן די שומערישע מיטאָלאָגיע מיטן תּנך. ד״ר קריימער באַנוגנט זיך איבערצוגעבן די פֿאַקטן פֿון שומערישער מיטאָלאָגיע אַזוי ווײַט ווי מען קען זיי אין איצטיקן מאָמענט.

נאָך זייער אַ פֿײַנעם אַרײַנפֿיר וועגן די שומערישע מקורים וואָס ער האָט גענוצט (זז׳ 1—25) און אַ קורצן קאַפּיטל וועגן דער וויכטיקייט פֿון דער שומערישער מיטאָלאָגיע (זז׳ 25—29) באַהאַנדלט דער מחבר עטלעכע טוץ מיטאָסן, וואָס זייערע טעמעס זענען ענלעך צו די שייכדיקע קאַפּיטלעך אין ספֿר בראשית. ד״ר קריימערס שיטה איז צו באַשרײַבן און אַרומצורעדן דעם אינהאַלט פֿון יעדער מיטאָס באַזונדער און צו אילוסטרירן מיט אויסצוגן פֿון מיטאָס. דער רעזולטאַט איז אַ גערעטענער.

דער סאַמע וויכטיקסטער טייל פֿון דער שומערישער מיטאָלאָגיע איז אָן ספֿק דער וואָס האָט צו טאָן מיט דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט און דער מענטשהייט. דעם דאָזיקן ענין גיט דער מחבר אָפּ דעם גרעסטן קאַפּיטל (וו, זז׳ 30—75). לויט ד״ר קריימערס אינטערפּרעטאַציע פֿון שומערישע טעקסטן איז אין אָנהייב געווען דער ים (די ים־געטין נאַמו). דער דאָזיקער קדמון־ים האָט געבוירן דעם קאָסמישן באַרג, וואָס אין אים זענען געווען פֿאַראייניקט דער הימל מיט דער ערד. דער גאָט אַן (׳הימל׳) און די געטין קי (׳ערד׳), ביידע בצורת מענטש, האָבן געבוירן דעם לופֿטגאָט ענליל. ענליל האָט אָפּגעשיידט דעם הימל פֿון דער

---

[25] זען למשל דעם פֿײַנעם אַרטיקל:
G. Ernest Wright, "How Did Early Israel Differ from Her Neighbors?", *The Biblical Archeologist*, VI (1943), February, pp. 1-20.

ערד. און נאָך דעם ווי זייער פֿאָטער אַן האָט אַוועקגעטראָגן דעם הימל האָט ענליל אַליין אַוועקגעטראָגן די ערד (דאָס הייסט זײַן מוטער קי). צוזאַמען מיטן וואַסערגאָט ענקי האָט ענליל אָרגאַניזירט דעם אוניווערס (הימל און ערד). דער „גוטער טאָג״ איז געשאַפֿן געוואָרן, פּונקט ווי דער פּלוג און די שפּיצהאַק צו באַאַרבעטן די ערד. ענטען, דער גאָט פֿון ערדאַרבעט, איז אָנגעשטעלט געוואָרן איבער דער לאַנדווירטשאַפֿט, און לאַהאַר, דער בהמות־גאָט, און זײַן שוועסטער אַשנאַן, די תּבֿואה־געטין, זענען אַראָפּגעשיקט געוואָרן פֿונעם הימל אויף דער ערד צו מאַכן די וועלט פּרוכפּערן מיט פֿיך און מיט תּבֿואה.

אויף זז׳ 73—74 זעצט ד״ר קריימער איבער די דאָזיקע מיטאָלאָגישע גע־שיכטע מיט אַ מער פֿילאָסאָפֿישער טערמינאָלאָגיע: (1) אין אָנהייב איז געווען דער קדמון־ים; ס׳קאָן גילטן די סבֿרא, אַז די שומערער האָבן באַנומען דעם ים ווי אַ נישט־געשאַפֿן אייביקס, אַ יש מאין. (2) דער ים האָט אַרויסגעבראַכט פֿאַראייניקטע הימל און ערד. (3) דער הימל און די ערד זענען געווען סאָלידע עלעמענטן. צווישן זיי און פֿון זיי איז אַרויסגעקומען דער גאַז־עלעמענט לופֿט, וואָס זײַן הויפּט־סימן איז די אויסשפּרייט־טבֿע זײַנע. אַזוי אַרום זענען ערד און הימל פֿונאַנדערגעשיידט געוואָרן איינער פֿונעם אַנדערן דורך דער לופֿט. (4) די לופֿט, זײַענדיק גרינגער און אַ סך ווינציקער געדיכט ווי הימל און ערד, האָט פּראָדוצירט די לבֿנה; פֿון דער לבֿנה איז אַרויסגעקומען די זון. (5) נאָך דעם ווי הימל און ערד זענען פֿונאַנדערגעשיידט געוואָרן איז מעגלעך געוואָרן אויף דער ערד דאָס לעבן פֿון געוויקסן, בעלי־חיים און מענטשן. ווי עס ווײַזט אויס, איז דאָס לעבן געוואָרן מעגלעך דורך דער פֿאַראייניקונג פֿון לופֿט, ערד און וואַסער. אויך די זון האָט מסתּמא געהאַט אַ חלק אין דעם. דער לייענער וועט תּיכּף זען, אַז די שומערישע מיטאָלאָגיע אין פֿערטן—דריטן יאָרטויזנט ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג איז ניט געווען אַזוי פּרימיטיוו ווי דאָס קען זיך דאַכטן, און די גרויסע ענלעכקייטן ווײַזן זיך צווישן די עיקרדיקע באַ־גריפֿן פֿון דער אַלט־שומערישער מיטאָלאָגיע און פֿון דער אַ סך שפּעטערדיקער גריכישער פֿילאָסאָפֿיע.

אַן אַנדער מיטאָס (זז׳ 53—54) וואָס איז טיילווײַז געגליכן צו דער קין־הבֿל־מעשׂה דערציילט, ווי לאַהאַר און אַשנאַן האָבן זיך אָנגעשיכּורט און אָנ־געהויבן זיך קריגן, ווער פֿון זיי ביידע איז דער גרעסערער: דער פּאַסטוך צי די ערד־אַרבעטאָרין. צום סוף מוזן זיך אַרײַנמישן ענליל און ענקי. מען ווייסט אָבער נישט וואָס ווײַטער איז געשען, וואָרעם עס פֿעלט דער לעצטער טייל פֿונעם טעקסט.

אַנדערע מיטאָסן וואָס ד״ר קריימער רעדט אַרום האָבן צו טאָן מיט די גרויסע קאָסמישע מלחמות צווישן די געטער און די מאָנסטערס (פֿאַרגלײַך גאָטס קאָסמישע קאָנפֿליקטן מיט פֿאַרשיידענע ים־מאָנסטערס — ישעיה כז און תּהלים עד, פּט); מיט דעם גרויסן מבול וואָס די געטער האָבן באַשלאָסן צו ברענגען אויף דער וועלט מיט אירע מענטשן, בעת דער וואַסערגאָט ענקי העלפֿט מענטשן דורך עצהן זיאוסודראַ, דעם גאָטפֿאַרכטיקן און באַשיידענעם קיניג, ער

זאָל בויען זייער אַ גרויסע שיף און אין איר זיך ראַטעווען; מיט אַ שיינער אַגריקולטורישער מעשׂה, לויט וועלכער אינאַנאַ, די מלכּה פֿון הימל, האָט ניט געוואָלט הערן איר ברודער, דעם זונגאָט (וואָס ער האָט איר געגעבן די עצה צו נעמען דעם פּאַסטוכגאָט דומוזי פֿאַר אַ מאַן), און בעסער געוואָלט פֿאַר אַ מאַן דעם ערדאַרבעט־גאָט ענקידימו... ווידער אַ וואַריאַציע פֿון דעם שפּעטערדיקן קאָנפֿליקט: קין (פּאַסטוך) — הבֿל (ערדאַרבעטער).

ט

ד״ר אַלעקסאַנדער הײַדעל איז שוין אַ סך יאָרן אַרײַנגעטאָן אין גרויסן אַסירישן ווערטערבוך וואָס דער אָריענטאַלישער אינסטיטוט בײַם שיקאַגער אוניווערסיטעט גרייט זיך אַרויסצוגעבן שוין מער ווי צוואַנציק יאָר. אין 1942 האָט ער אָנגעשריבן זייער אַ נוציק בוך וועגן דעם בבֿלישן בראשית, די בבֿלישע ווערסיע פֿון יצירת העולם.[26] אין 1946 האָט ער אָפּגעדרוקט אַ בוך וועגן דעם גילגאַמעש־עפּאָס מיט פּאַראַלעלן פֿון תּנך.[27]

זינט בבֿלישע און אַסירישע אײַנגעשריפֿטסן ווערן געפֿונען און פֿאַרעפֿנט־לעכט האָבן גאָר ווינציק פֿון זיי (למשל דעם בבֿלישן קיניג כאַמוראַפּיס זאַמלונג געזעצן) געוועקט אַזוי דעם אינטערעס סײַ פֿונעם געלערנטן און סײַ פֿונעם גרויסן עולם ווי דער עפּאָס וועגן דעם וועלטבאַשאַף — פּאָפּולער גערופֿן אנומא עליש (אַרויסגערעדט: ענומאַ עליש; דאָס זענען די ערשטע צוויי ווערטער פֿונעם אָנהייב: „ווען אויבן [איז דעם הימל נאָך נישט אַ נאָמען געגעבן געוואָרן, און ווען אונטן איז די ערד נאָך נישט גערופֿן געוואָרן מיט אַ נאָמען]”). נאָך אין 1875, ווען דזשאָרדזש סמיט פֿונעם בריטישן מוזיי האָט צום ערשטן מאָל באַ־שריבן די ערשטע צוואַנציק פֿראַגמענטן פֿון דער דאָזיקער מעשׂה אין דיילי טעלעגראַף, און מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען דער זעלבער געלערנטער האָט אָנגעשריבן אַ בוך „די כאַלדעיִשע געשיכטע פֿון בראשית”, האָט די געלערנטע און אינטעלעקטועלע וועלט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט די ביזביבלישע געשיכטעס פֿון יצירת העולם.

דער עפּאָס אנומא עליש איז אין דער אמתן אַ פּאָליטיש לויבגעזאַנג לכּבֿוד דעם בבֿלישן הויפּטגאָט מאַרדוק. ער באַשרײַבט אין זייער אַן אײַנגעגעבענער פּאָעטישער פֿאָרעם, ווי אַזוי דער דאָזיקער גאָט, וואָס אין אָנהייב איז ער געווען נאָר דער לאָקאַלער גאָט פֿון דער שטאָט בבֿל, האָט בײַגעקומען די געטין תּאָמת (=טאָמאַט; תּהום אין תּנך), באַשאַפֿן דעם אוניווערס און געוואָרן דער הויפּט־גאָט איבער אַלע אַנדערע געטער. אָבער מיר ווייסן איצט, אַז אָט דעם עפּאָס האָבן די בבֿלים גענומען בײַ די שומערער און אַז ער איז אויפֿגעקומען אין פֿערטן יאָרטויזנט, אָדער נאָך פֿריִער, ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג. ד״ר

---

[26] Alexander Heidel, *The Babylonian Genesis, the Story of the Creation*, Chicago, University of Chicago Press, 1942.

[27] Alexander Heidel, *The Gilgamesh Epic and Old Testament Parallels*, Chicago, University of Chicago Press, 1946.

הײַדעלס ענגלישע איבערזעצונג פֿון אנומא עלש (זז׳ 1—48) איז די בעסטע איבערזעצונג וואָס מיר האָבן הײַנט, און וועלכער שפּראַך דאָס זאָל ניט זײַן. ווערטיק איז אויך דעם מחברס אַנאַליז (קאַפּ׳ IV, זז׳ 71—118) פֿון די ביבלישע פּאַראַלעלן צו דער שומעריש־בבֿלישער מעשׂה וועגן וועלטבאַשאַף. ווי ס׳איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן האָבן געלערנטע מיט אַ דור־צוויי צוריק געהאַלטן, אַז די ערשטע עלף קאַפּיטלעך אין ספֿר בראשית זענען כּמעט אין גאַנצן גע־נומען געוואָרן פֿון מעסאָפּאָטאַמישע פֿעלקער. ד״ר הײַדעל פֿון דער אַנדערער זײַט וויל ווײַזן, אַז דער דאָזיקער חלק חומש איז אַן אָריגינעל ייִדישער און אַז דער מאַטעריאַל וואָס מען געפֿינט סײַ אין דער מעסאָפּאָטאַמישער ווערסיע און סײַ אין דער ביבלישער שטאַמט פֿון דער פּרעהיסטאָרישער תּקופֿה, ווען די מענטשהייט האָט געלעבט אין איינעם אויף איין פּלאַץ. צי ד״ר הײַדעל וועט האָבן מער הצלחה אין זײַן קאָנסערוואַטיזם ווי זײַנע געלערנטע קאָלעגן פֿון פֿריִער אין זייער ראַדיקאַליזם איז נאָך קשה.[28]

ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן דער גילגאַמעש־עפּאָס, די לענגסטע און די שענסטע בבֿלישע פּאָעמע וואָס מען האָט ביז איצט געפֿונען און איינע פֿון די גרעסטע ליטעראַרישע שאַפֿונגען פֿון דער מענטשהייט (אין העברעיִש האָט עס איבערגעזעצט שאָול טשערניכאָווסקי).

אויך דער עפּאָס איז אויפֿגעקומען בײַ די שומערער. בײַ זיי האָבן דערנאָך געשעפּט די בבֿלים, אַשורים, די בני־חת, די כּנענים, אויך די עיבֿרים, גריכן א״אַנד. ס׳איז אַ מעשׂה וועגן העלד גילגאַמעש, האַלב גאָט און האַלב מענטש, וואָס ער איז געוואָרן הערשער איבער דער וועלט. ער איז געוואָרן אַ טיראַן, און די מענטשהייט האָט אָנגעהויבן בעטן בײַ די געטער זי אויסצולייזן פֿון דעם שווערן יאָך, וואָס ער האָט אויף איר אָרויפֿגעלייגט. די געטער האָבן באַשאַפֿן אַ מענטש, אַ ווילדע, מוראדיק שטאַרקע באַשעפֿעניש מיטן נאָמען ענקידו. זײַן עובֿדא איז געווען זיך כּסדר צו ראַנגלען מיט גילגאַמעשן און אַזוי אַרום אים נישט געבן קיין צײַט און קיין רו זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער מענטשהייט. אָבער ענקידו, דער האָריקער האַלב מענטש־האַלב חיה, וואָס ער ווייסט ניט פֿון קיין מענטשן און פֿון קיין באַזעצט און באַאַרבעט לאַנד, לעבט אַ פֿרײַ לעבן מיט די חיות אין די וועלדער און אויף די פֿעלדער, אָן דאגות; ער עסט גראָז און טרינקט און שלאָפֿט ווי אַלע בעלי־חיים. דורך חלומות און דורך אַ יעגער דער־ווייסט זיך גילגאַמעש פֿון דער דאָזיקער מענטשלעכער באַשעפֿעניש. זייער דראַ־מאַטיש באַשרײַבט דער עפּאָס, ווי גילגאַמעש נוצט אויס אַ קורטיזאַנקע און פֿאַרנאַרט דעם פֿרײַען און ווילדן ענקידו צו זיך אין זײַן הויפּטשטאָט אורוך (אין תּנך: ארך), און אין אַ מעכטיקן העראָישן געראַנגל קומט ער אים בײַ. די צוויי

---

[28] זען למשל די מסקנא, צו וועלכער עס זענען געקומען פּראָפֿ׳ און מר״ס פֿראַנקפֿאָרט אין דעם בוך וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן אין איינעם מיט די פּראָפֿעסאָרן ווילסאָן, יאַקאָבסען און אורווין:

The Intellectual Adventure of Ancient Man, an Essay on Speculative Thought in the Ancient Near East, Chicago, University of Chicago Press, 1946, 367 pp.

ווערן נאָענטע גוטע־פֿרײַנד און טוען אויף צוזאַמען ווונדערלעכע מעשׂים וואָס מאַכן זיי אַן אייביקן שם אויף דער וועלט. ענקידו שטאַרבט אויף אַ באַפֿעל פֿון די געטער און גילגאַמעש לאָזט זיך אַרויס זוכן אומשטערבלעכקייט. זײַן סוף ווערט ניט זײַן ווי ענקידוס; ער וועט לעבן אייביק!

גילגאַמעש לאָזט זיך תּיכּף אין דער לאַנגער און שווערער נסיעה צו אוט־נאַפּישטים (דער ביבלישער נח), וואָס ער האָט זיך געראַטעוועט אין אַ גרויסן קאַסטן פֿונעם מבול וואָס די געטער האָבן געבראַכט אויף דער וועלט און איז געווען דער איינציקער מענטש וואָס האָט דערגרייכט אומשטערבלעכקייט. נאָך פֿאַר־שיידענע נסיונות דערוויסט זיך גילגאַמעש פֿון אוטנאַפּישטים, אַז אויב ער קען צוקומען צו אַ באַשטימט געוויקס אויפֿן גרונט פֿונעם ים און עס אויף דער עלטער אויפֿעסן, וועט באַנײַט ווערן זײַן יוגנט. אָבער אַ גרויסע טראַגעדיע טרעפֿט זיך מיט גילגאַמעשן: אַ שלאַנג כאַפּט אַרויס דאָס געוויקס פֿון זײַנע הענט און עסט עס אויף (אין ספֿר בראשית קאַפּיטל ג זעען מיר אויך דעם שלאַנג וואָס דערלאָזט ניט אָדמען און חווהן צו דערגרייכן די פֿרוכט פֿון עץ־החיים). נאָכן באַווײנען זײַן ביטער מזל באַשליסט גילגאַמעש צו מאַכן שלום מיטן לעבן און הנאה צו האָבן פֿון זײַנע אייגענע אויפֿטוען אויף דער וועלט.

דער לייענער קען זען אָפֿילו נאָר פֿון דער זייער קורצער איבערדערציילונג, אַז דער פּסיכאָאַנאַליטיקער, דער אַנטראָפּאָלאָג, דער פֿאָלקלאָריסט אד"גל, שוין אָפּגערעדט פֿונעם היסטאָריקער פֿון אַלטערטום, האָבן דאָ פֿאַר זיך אַ וועלט מיט וויכטיקן און אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל. אין דער זעלבער צײַט איז קלאָר, ווי נאָענט אַ סך וויכטיקע עלעמענטן אין דעם גילגאַמעש־עפּאָס זענען צו די ערשטע קאַפּיטלעך אין ספֿר בראשית און צו אַנדערע טיילן פֿון תּנך. ד"ר הײַדעל איז פֿאַראינטערעסירט איבער הויפּט אין צוויי פֿון די פֿיל פּאַראַלעלן: די מע־סאָפּאָטאַמישע און די ביבלישע באַגריפֿן פֿון טויט און אונטערוועלט (קאַפּ׳ III) און פֿון דעם מבול (קאַפּ׳ IV). נאָך אַ גרונטיקן אַנאַליז קומט דער מחבר צו דער מסקנא, אַז סײַ דער מעסאָפּאָטאַמישער סײַ דער ביבלישער קוק אויפֿן מבול און אויפֿן טויט קומען פֿון אַ שותּפֿישן, אַ סך אַן עלטערן מקור, און אַז דער ביבלישער צוגאַנג איז אַ סך עטישער ווי דער מעסאָפּאָטאַמישער.

ו

דאָ נישט לאַנג איז אַרויס אַ וויכטיקע און גאָר שיין געדרוקטע אַרבעט אין צוויי בענד וועגן די אויסגראָבונגען אין תּל־אַן־נצבה, אַ חורבֿה אַן ערך זיבן מײַל צפֿון־זײַט פֿון ירושלים.[29]

[29] *Tell en-Nasbeh,* excavated under the direction of the late William Frederic Badè, 2 vols., 12x9 inches, Berkeley and New Haven, The Palestine Institute of the Pacific School of Religion and the American Schools of Oriental Research, 1947, —Vol. I: *Archeological and Historical Results* by C. C. Mc Cown, with contributions by J. Muilenberg, J. C. Wampler, D. von Bothmer and M. Harrison, XXIV + 332 pages, 74 text figures and 12 plates.—Vol. II: *The Pottery* by J. C. Wampler, with a chapter by C. C. Mc Cown. XVI + 186 pages and 90 plates.

שוין מער ווי הונדערט יאָר ווי געלערנטע זוכן אויסצוגעפֿינען דעם אָרט פֿון דער וויכטיקער ביבלישער שטאָט מצפּה וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער טע־ריטאָריע פֿון שבֿט בנימין, די שטאָט וווּ שמואל איז געווען טעטיק (אין 11טן יאָר־הונדערט ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג) און וועלכע קיניג אָסאָ פֿון יהודה (אַרום 913—873) האָט באַפֿעסטיקט קעגן בעשאָ, קיניג פֿון ישׂראל (מלכים א, טו, 22). פֿון דאַנען האָט גדליה, אָוועקגעשטעלט פֿון נבֿוכדנאצרן ווי דער מושל איבער יהודה, געפֿירט די מלוכה נאָך דער צווייטער פֿאַזע פֿון גלות בבֿל (אין יאָר 587), און דאָ האָט דער נבֿיא ירמיהו זיך באַזעצט נאָכן חורבן בית ראשון. אָבער מיט צוויי קורצע חדשים שפּעטער האָט ישמעאל בן נתניה און זײַן מילי־טערישע גרופּע געמאַכט יד־אַחת מיט די עמונים, דערהרגעט גדליהן און אַ סך אַנדערע וואָס האָבן געדינט נבֿוכדנאצרן, סײַ ייִדן סײַ בבֿלים (כּשׂדים), און אַ סך פֿון זייערע קערפּערס אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ גרוב לעבן שטאָט (מלכים ב, כה, 22—25; ירמיהו, מ—מא) — אַ גרוב, וואָס אָסאָ האָט געמאַכט פֿון מורא פֿאַר קיניג בעשאָ.

אַזאַ וויכטיקע און באַפֿעסטיקטע שטאָט ווי מצפּה האָט ניט געדאַרפֿט זײַן שווער אויסצוגעפֿינען דורך אַרכעאָלאָגישע און טאָפּאָגראַפֿישע פֿאָרשונגען. איז די צרה אָבער, וואָס די גאַנצע געגנט איז פֿול מיט וויכטיקע ביבלישע שטעט און מיט אַ סך חורבֿות פֿון די דאָזיקע שטעט, און ס׳איז אומגעהײַער שווער צו אידענטיפֿיצירן מיט זיכערקייט ספּעציפֿישע חורבֿות מיט אַ ספּעציפֿישער ביבלישער שטאָט. אַזוי למשל האָט דער גענילאַלער אַמעריקאַנער פֿאָרשער עד־וואַרד ראָבינסאָן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אידענטיפֿיצירט מצפּה מיט דעם מאָדערנעם אַראַבישן שטעטל אַן־נבי סאַמוויל (׳דער נבֿיא שמואל׳), און מיט פֿופֿציק יאָר שפּעטער האָט אַ פֿראַנצויז אַבע ראַבוואַסאָן אידענטיפֿיצירט מצפּה מיט תּל־אַן־נצבה. בכלל האָט די געלערנטע וועלט געהאַלטן מער מיט ראָבינ־סאָנען ווי מיט ראַבוואַסאָנען. אין די לעצטע פֿערציק יאָר האָבן אַ סך געלערנטע, צווישן זיי אַזעלכע קאָמפּעטענטע ווי אַלבערט אַלט פֿון לײַפּציק (מיט וועמען גאָר ווינציקע געלערנטע קענען זיך פֿאַרמעסטן אין קענטעניש, שאַרפֿקייט און מעטאָד), גוסטאַוו דאַלמאַן, פֿאַטער ווענסאַן, וו. פֿ. אָלברײַט און פֿאַטער אַבעל, זיך פֿאַרנומען מיט דעם ענין און ניט געקענט קומען צו קיין זיכערער מסקנא. געבליבן איז די האָפֿענונג, אַז אויסגראָבונגען אין תּל־אַן־נצבה וועלן די פּראָב־לעם פֿאַרענטפֿערן.

אין 1926 האָט ד״ר וויליאַם פֿרעדעריק באַדע אָנגעהויבן גראָבונגען אין אָט די חורבֿות, און ביז ער איז געשטאָרבן (אין 1936) האָט ער געהאַט דורכ־געפֿירט פֿינף פּרווון. אין די פֿאַרשיידענע ידיעות וועגן זײַנע גראָבונגען האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ סך אָריגינעלע אידעעס און געבראַכט אַ סך אינטערעסאַנטע נײַעס. אָבער נישט געקוקט אויף דעם ווייסן מיר נאָך אַלץ נישט וווּ מצפּה ליגט און וואָס פֿאַר אַ נאָמען תּל־אַן־נצבה האָט געטראָגן אין תּנכישע צײַטן. פּראָפֿעסאָר מײַלענבערג האָט דרײַ ווערטפֿולע פּרקים (זז׳ 13—49) וועגן דער דאָזיקער פֿראַגע און פּראָפֿ׳ מעקאַון רעדט אַרום אין פֿיר אַנדערע קאַפּיטלען

די געשיכטע פֿון דער אַרכעאָלאָגישער עקספּעדיציע און אירע אויפֿטועכץ. אין דעם לעצטן קאַפּיטל שרײַבט ער:

ביז וואַנען לכל־הפּחות אן־נבי סאַמוויל, עזש־זשיב און ער־ראַם וועלן נישט אויסגעגראָבן ווערן און זייער אַרכעאָלאָגישע געשיכטע וועט נישט קלאָר ווערן, און ביז וואַנען אַזעלכע ביבלישע ערטער ווי באַרות און גבֿעון וועלן נישט אידענטיפֿיצירט ווערן, קען נישט זײַן קיין לעצטער באַשלוס וועגן דער אידענטיפֿיצירונג פֿון תּל־אן־נצבה...

צוויי פּרטים זענען גאַנץ אינטערעסאַנט אין דער געשיכטע פֿון די גראָבונגען: (1) אין 1926 איז אויסגעגראָבן געוואָרן אַ באַהעלטער, און אונטער דעם אַ ציסטערנע (זען ב׳ ו, פּיגור 55 אויף ז׳ 218 און בילד 5 אויף פּלאַטע 79). אַנדערע האָבן געמיינט, אַז די ציסטערנע איז דער גרוב וואָס אָסאָ האָט געמאַכט און מיר האָבן די קלאָרסטע ראיה, אַז תּל־אן־נצבה איז מצפּה. אָבער ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, האָט מען געזען, אַז די ציסטערנע איז געווען ווײַט נישט גענוג גרויס (אַרום $2\frac{1}{4}$ x $2\frac{1}{2}$ מעטער) נישט פֿאַר אַזוי פֿיל מענטשלעכע קערפּערס און נישט פֿאַר אַזאַ מין גרוב ווי אָסאָ האָט געבויט צו זײַן אַ שוץ אַקעגן בעשאָן. (2) נישט ווינציקער ווי אַכט און צוואַנציק הענטלעך פֿון ליימענע כּלים געשטעמפּלט מיט דרײַ אותיות זענען געפֿונען געוואָרן. ד״ר באַדע האָט זיי געלייענט „מצפּ״ און געזען דערין אַ ראיה, אַז תּל־אן־נצבה איז מצפּה. אָבער אַנדערע געלערנטע האָבן באַלד דערוויזן, אַז דער לעצטער פֿון די דרײַ אותיות איז כּמעט זיכער נישט קיין „פּ״ (זען באַנד ו, זז׳ 165—167).

אָבער צי תּל־אן־נצבה איז מצפּה צי נישט, די אויסגראָבונגען זענען זייער וויכטיק פֿאַר דער פּינקטלעכער רעקאָנסטרוקציע פֿון ארץ־ישׂראל, איבער הויפּט אין דער תּקופֿה פֿון עלפֿטן ביזן ערשטן יאָרהונדערט ביז דער איצטיקער צײַט־רעכענונג, ד״ה אין דער צײַט פֿון שמואל, די דרײַ מלכים שאול, דוד און שלמה, די צוויי מלוכות ישׂראל און יהודה, ביז דער עפּאָכע פֿון די השמונאים.

אין צווייטן און דריטן טייל פֿון ערשטן באַנד („כראָנאָלאָגישע דאַטעס און פּראָבלעמען״ און „מאַטעריאַלן פֿון קולטורעלער וויכטיקייט״) און אין די צוויי טיילן פֿון דעם גאָר וויכטיקן צווייטן באַנד (וועגן ליימענע כּלים) וועט דער לייענער קריגן אַ קלאָרע השׂגה וועגן דער געשיכטע פֿון פּאָליטישן און מאַטעריעלן לעבן פֿון אַ טייל ארץ־ישׂראל, איבער הויפּט אין דער תּקופֿה ביזן חורבן בית־ראשון, אַ תּקופֿה וואָס איז אונדז גוט באַקאַנט פֿאַר אַנדערע טיילן פֿון לאַנד, למשל בית־צור, בית־שאן, בית־שמש, לכיש, שומרון, תּל־בית־מרצם (ווײַזט אויס קרית־ספֿר). דער גאַנצער מאַטעריאַל איז אַנאַליזירט און געניצט אויף אַ פֿײַנעם ווויסנשאַפֿטלעכן אופֿן אין אָלברייטס בוך וועגן די אויסגראָבונגען פֿון תּל־בית־מרצם.[30]

אַפֿילו נאָר פֿון דעם קורצן איבערבליק איבער דער וועלט פֿון תּנך און אַרכעאָלאָגיע, וועט דער לייענער קלאָר אַרויסזען, וואָס פֿאַר אַ גרויסע שינויים עס זענען פֿאָרגעקומען די לעצטע עטלעכע יאָר אין אונדזער קוק אויף דער געשיכטע פֿון נאָענטן מיזרח ביזן חורבן בית־שני.

---

[30] זען הערה 10.

דער ייִדישער סטערעאָטיפּ, די ייִדישע פּערזענלעכקייט און דער ייִדישער פֿאָראורטייל

פֿון ד״ר דאָראָטי טילדן ספּוירל

פֿון וואַנען די איצטיקע שטודיע וואַקסט

די איצטיקע שטודיע וואַקסט פֿון דער מחברטעס אַ פֿריִערדיקער פֿאָרשונג וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט איין אַספּעקט פֿון פֿאָראורטייל: מיט דער פֿראַגע, ווי ווײַט פֿאָראורטייל ווערט באַווירקט דורך דעם בעל־דבֿרס רעליגיע אָדער אויסבילדונג. יענע פֿאָרשונג האָט אַרומגענומען 156 ייִדן, 302 פּראָטעסטאַנטן און 468 קאַטויליקן — אַלץ סטודענטן וואָס זײַנען אָקערשט געווען אָנגעקומען, אין האַרבסט 1947 און 1948, בײַ אונדז אין ספּרינגפֿילד אין אַמעריקאַנער אינטערנאַציאָנאַלן קאַלעדזש.[1] פֿון צווישן זיי זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן די 237 סטודענטן וואָס האָבן געהאַט באַקומען זייער בילדונג דורכויס אין די עפֿנט־לעכע שולן אין ספּרינגפֿילד און זײַנען ממילא געווען באַווירקט פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „ספּרינגפֿילדער פּלאַן",[2] און די 527 וואָס האָבן זייער בילדונג באַקומען דורכויס מחוץ ספּרינגפֿילד. ווי באַוווסט, איז דער פּלאַן וואָס ווערט דורכגעפֿירט אין דער ספּרינגפֿילדער שולסיסטעם אויסן צו אַנטוויקלען טאָלע־ראַנץ צווישן פֿאַרשיידענע עטנישע און רעליגיעזע קיבוצים, און געטאָן ווערט דאָס דורך דעם וואָס אין דער לערן־פּראָגראַם אין אַלע קלאַסן איז אַרײַנגענומען מאַטעריאַל וואָס דאַרף העלפֿן פֿאַרשטיין און אָפּשאַצן דעם צושטײַער פֿון אַלע גרופּעס צום וווילזײַן און צו דער קולטור פֿון לאַנד.

דער אינסטרומענט וואָס מיר האָבן גענוצט איז געווען באָגאַרדוסעס טעסט פֿון סאָציאַלן מהלך.[3] יעדער סטודענט האָט באַקומען אַ רשימה פֿון 26 ראַסעס און פֿעלקער. רעכטס פֿון די דאָזיקע נעמען איז אויפֿן פֿרעגבויגן פֿאַראַן אָרט אַרײַנצושטעלן דעם „סאָציאַלן מהלך". די אינסטרוקציעס זײַנען געווען, אַז יעדער סטודענט זאָל מאַכן אַ סימן אין דער ערשטער קאָלאָנע וואָס ער קען אָננעמען. אַ שטייגער, אָנהייבנדיק מיט אַרמענער, איז דער סטודענט צוגעקומען צו דער ערשטער קאָלאָנע „מתחתן זײַן זיך." אויב ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז בײַ אים רעכט זיך מתחתן צו זײַן מיט אַרמענער, האָט ער דאָ געמאַכט דעם סימן. אויב ניט, איז ער געגאַנגען ווײַטער צו דער צווייטער קאָלאָנע: „מיט־

[1] American International College, Springfield, Mass.
[2] Springfield Plan.
[3] Bogardus Test of Social Distance.

גלידערשאַפֿט אין מײַן קלוב.″ אויב דאָס איז אים אויך ניט געווען צום האַרצן, איז ער געגאַנגען צו דער דריטער קאַלאָנע — ביז דער זיבעטער. נאָך די אַרמענער איז געקומען דער צווייטער קיבוץ, קאַנאַדער (די קיבוצים זײַנען אויסגעשטעלט אין באָגאַרדוסעס טעסט אין סדר פֿון אַלפֿאַבעט). אָט זײַנען די 7 „סאָציאַלע מהלכס″ וואָס קענען געמאָלט זײַן לויטן טעסט: מתחתן זײַן זיך; מיטגילדערשאַפֿט אין מײַן קלוב; בײַ מיר אין גאַס ווי שכנים; באַשעפֿטיקונג אין מײַן פֿאַך; בירגערשאַפֿט אין מײַן לאַנד; באַזוכערס אין מײַן לאַנד; אויס־שליסן פֿון לאַנד.[4] בײַם באַרעכענען האָט מען פֿאַר דער ערשטער קאָלאָנע גע־געבן 1 פּונקט, פֿאַר דער צווייטער 2 פּונקטן, און אַזוי כּסדר, ביז דער זיבעטער קאָלאָנע. הייסט עס טעאָרעטיש איז געווען אַ גרייך אין פּונקטירונג פֿון 26 (אויב עמעצער איז גרייט געווען זיך מתחתן צו זײַן מיט אַלע 26 גרופּעס) ביז 182 (אויב ער האָט געוואָלט אַלע 26 קיבוצים אויסשליסן פֿון לאַנד). דער פֿאַקטישער פּונקטירגרייך איז געווען פֿון 26 ביז 154, מיט אַ מיטלצאָל 67.7.

וואָס שייך רעליגיע פֿון די טעסטאַנטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין שום באַטײַטיקע חילוקים אין טאָלעראַנץ זײַנען צווישן ייִדן, פּראָטעסטאַנטן און קאַטוילִיקן ניט געווען; ס׳איז בלויז געווען אַ לײַכטע טענדענץ בײַ ייִדן צו זײַן צום מערסטן טאָלעראַנט און בײַ קאַטוילִיקן צום ווינציקסטן. אָבער ווען מען האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם דורכשניטלעכן סאָציאַלן מהלך וואָס איטלעכער פֿון די 26 קיבוצים האָט באַקומען און דערנאָך האָט מען פֿאַרגלײַכט די באַציִונג פֿון די דרײַ רעליגיעזע גרופּעס צו דעם דאָזיקן ספּעציפֿישן קיבוץ האָט זיך אַרויסגעשטעלט זייער אַ קלאָר בילד.

פֿאַר יעדער נאַציאָנאַלן אָדער ראַסנדיקן קיבוץ איז אויסגערעכנט געוואָרן דער דורכשניטלעכער סאָציאַלער מהלך בײַ אַלע ייִדישע אויסגעפֿאָרשטע, בײַ אַלע קאַטוילישע אויסגעפֿאָרשטע און בײַ אַלע פּראָטעסטאַנטישע אויסגעפֿאָרשטע. אַ שטייגער פֿאַר אַרמענער איז דער דורכשניטלעכער סאָציאַלער מהלך געווען בײַ ייִדן 2.4, בײַ פּראָטעסטאַנטן 2.7, בײַ קאַטוילִיקן 2.6; פֿאַר קאַנאַדער איז דער דורכשניטלעכער סאָציאַלער מהלך געווען בײַ ייִדן 1.65, בײַ פּראָטעסטאַנטן 1.2, בײַ קאַטוילִיקן 1.6. נאָך דעם ווי מיר האָבן געהאַט אויסגערעכנט די דורכ־שניטן האָבן מיר צונויפֿגעשטעלט אַ צעטל פֿון יענע נאַציאָנאַלע און ראַסנדיקע קיבוצים, וועמען ייִדישע סטודענטן האָבן געהאַט געגעבן דעם העכסטן פֿון די דרײַ סאָציאַלע מהלכים; אַ צווייט צעטל פֿון יענע קיבוצים, וועמען פּראָטעס־טאַנטן האָבן געהאַט געגעבן דעם העכסטן פֿון די דרײַ סאָציאַלע מהלכים; און אַ דריט צעטל פֿון יענע קיבוצים, וועמען די קאַטוילישע סטודענטן האָבן געהאַט געגעבן די העכסטע פּונקטן.

---

[4] Kinship by marriage; My club as members; My street as neighbors; Employment in my occupation; To citizenship in my country; As visitors in my country; Exclusion from country.

מיר האָבן באָגאַרדוסעס טעסט אַ ביסל מאָדיפֿיצירט אין דעם זינען, וואָס מיר האָבן גע־בעטן די ענטפֿערערס צו מאַכן מערניט איין סימן בײַ יעטוועדער עטנישער אָדער ראַסנדיקער גרופּע.

ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן דעם גרעסטן פֿאָראורטייל קעגן קאַנאַדער, ענגלענ־דער, פֿינער, פֿראַנצויזן, דײַטשן, אירלענדער, נאָרוועגער, סקאָטלענדער און שוועדן. קאַטויליקן האָבן געהאַט צום מערסטן פֿאָראורטיילן קעגן כינעזער, הינדוס, יאַפּאַנער, נעגערס און פֿיליפּינער. בײַ די פּראָטעסטאַנטן איז ווידער אַנדערש — זייער גרעסטער פֿאָראורטייל איז געווען קעגן אַרמענער, גריכן, איטאַליענער, ייִדן, ליטווינער, מעקסיקאַנער, פּאָליאַקן, פּאָרטוגאַלער און סיריער. מיט אַנדערע ווערטער: הגם די דורכשניטלעכע פּונקטירונג פֿאַר די דרײַ גע־פֿאָרשטע גרופּעס (ייִדן, קאַטויליקן און פּראָטעסטאַנטן) גייט זיך ניט פֿונאַנדער איז די גרופּירונג פֿון זייערע פֿאָראורטיילן ספּעציפֿיש און אינטערעסאַנט.

ווען מען האָט געמאַכט אַ פֿאַרגלײַך בנוגע טאָלעראַנץ צווישן סטודענטן וואָס האָבן באַקומען זייער שולבילדונג אונטערן ספּרינגפֿילדער פּלאַן און אַזוינע וואָס האָבן פֿונעם ספּרינגפֿילדער פּלאַן ניט גענאָסן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שוואַכע טענדענץ בײַ די ספּרינגפֿילדער זיך אויסצוצייכענען מיט מער טאָלע־ראַנץ; אָבער דער חילוק איז ניט געווען קיין באַטײַטיקער (קריטישע פֿאַרהעל־טעניש 2.00). נאָר בײַם אַרײַנקוקן אין דער קאָמבינאַציע פֿון רעליגיע און שול־בילדונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ פֿלעפּנדיקער חילוק. פּראָטעסטאַנטן און קאַ־טויליקן וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אונטער דער ווירקונג פֿון ספּרינגפֿילדער פּלאַן זײַנען יאָ געוואָרן מער טאָלעראַנט לגבי אַנדערע פּראָטעסטאַנטן און קאַטויליקן; בײַ ייִדן איז געווען פּונקט פֿאַרקערט — דווקא נאָך דעם ווי מען האָט זיי אין שול געלערנט מער טאָלעראַנץ זײַנען זיי געוואָרן ווינציקער טאָלעראַנט. ס'איז זייער אַ טשיקאַווע פּראָבלעם — און דערווײַל ניט קיין פֿאַרענטפֿערטע — פֿאַר וואָס דער ספּרינגפֿילדער פּלאַן האָט בײַ אַנדערע יאָ געהאַט אַ פּעולה און בײַ ייִדן ניט.

ווי באַלד די „אַראַנזשירונג פֿון די פֿאָראורטיילן" איז בײַ ייִדן אַ ספּעציפֿישע און ווי באַלד די שולבילדונג לויטן ספּרינגפֿילדער פּלאַן האָט בײַ זיי געהאַט אַזאַ אומגעריכטע פּעולה האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ מער דעטאַלירטע פֿאָרשונג וועגן די פֿאָראורטיילן פֿון אַנדערע סטודענטן קעגן ייִדן און וועגן די פֿאָראורטיילן פֿונעם ייִדישן סטודענט גופֿא.

דער מעטאָד פֿון דער איצטיקער שטודיע

צוליב דעם האָב איך צום סוף לערניאָר נאָך אַ מאָל געגעבן דעם באָגאַרדוס־טעסט פֿון סאָציאַלן מהלך די אַלע סטודענטן וואָס זײַנען נאָך געווען אין קאָ־לעדזש; איך האָב געמאָלדן דעם דורכשניט פֿון קלאַס און דערקלערט, וואָס עס איז דער געדאַנק פֿונעם טעסט. דערנאָך האָב איך געבעטן יעדער סטודענט אויסצונוצן די רעשט קלאַסצײַט אָנצושרײַבן אַן אַרבעט אָדער וועגן די קוואַלן פֿון זײַן טאָלעראַנץ (אויב זײַן פּונקטירונג איז געווען אַ נידעריקע, ד"ה ער האָט זיך געקענט פֿאַררעכענען צווישן די טאָלעראַנטע) אָדער צו געבן צו פֿאַרשטיין בפּירוש, פֿון וואַנען עס וואַקסן זײַנע פֿאָראורטיילן (אויב ער האָט אָפּגעצייכנט אין די לעצטע פֿיר קאָלומנעס, ניט אין די ערשטע דרײַ).

אין האַרבסט 1947 האָבן די סטודענטן געחתמעט די אַרבעטן, און די בקשה צו זיי איז געווען צו שרײַבן וועגן אַזוי פֿיל קיבוצים ווי מיגלעך. האַרבסט 1948 האָט מען מיר דערלאַנגט די אַרבעטן ניט קיין געחתמעטע, הגם איך האָב די סטודענטן געבעטן צו באַצייכענען, פֿון וואָסער רעליגיע זיי האַלטן מער;[5] אויך האָב איך זיי געזאָגט, אַז יעדערער זאָל שרײַבן נאָר וועגן די „פֿינף קיבוצים, וואָס אַנטקעגן זיי פֿילט ער דעם שטאַרקסטן פֿאָראורטייל". היות אַ צאָל סטודענטן האָבן געהאַט פֿאַרלאָזן דעם קאַלעדזש און אַנדערע זײַנען ניט געווען אין די קלאַסן דעם טאָג ווען דער טעסט איז געגעבן געוואָרן האָבן בלויז 736 פּערזאָן פֿון צווישן די תּחילת אויסגעפֿרעגטע אַנטייל גענומען אין דעם איבער־פֿרעג־טעסט.

די פֿאַקטן וועגן דער טעסטירטער פּערזענלעכקייט פֿון ייִדישע סטודענטן זײַנען גענומען געוואָרן פֿון די סטאַנדאַרדיזירטע פּערזענלעכקייט־ און באַשעפֿ־טיקונג־טעסטן וואָס מען גיט אַלע נײַע סטודענטן בײַ זייער אָנקומען אין קאַלעדזש ווי אַ טייל פֿון דער טעסטיר־פּראָגראַם פֿון דער שול. די דאָזיקע טעסטן האָט מען געגעבן לפֿי־ערך פֿרי אין ערשטן זמן קאַלעדזש.

דער ייִדישער סטערעאָטיפּ

וואָס זשע איז געווען די ספּעציפֿישע פּאָזיציע פֿונעם ייִד אינעם בליק פֿון די אַנדערע סטודענטן אין זײַן קלאַס? דער דורכשניטלעכער סאָציאַלער מהלך וואָס מען האָט געגעבן ייִדן איז געווען 3.5, אויפֿן האַלבן וועג צווישן „איך וואָלט דערלאָזן אין מײַן גאַס ווי אַ שכן" און „איך וואָלט דערלאָזן צו אַ באַשעפֿטיקונג אין מײַן פֿאַך". אַ העכערן סאָציאַלן מהלך ווי ייִדן האָט דער קלאַס ווי אַ גאַנצער געגעבן בלויז די יאַפּאַנער, די הינדוס, די נעגערס, די כינעזער, די מעקסיקאַנער און די פֿיליפּינער (דאָס הייסט קעגן די אַקערשט אויסגערעכנטע קיבוצים איז דער פֿאָראורטייל געווען נאָך גרעסער איידער קעגן ייִדן).

וויפֿל סטודענטן האָבן בפּירוש אויסגעטיילט ייִדן בשעת זיי האָבן געשריבן וועגן די קוואַלן פֿון זייער פֿאָראורטייל? אַרום און אַרום האָבן 471 ניט־ייִדישע סטודענטן געשריבן וועגן די טעמים פֿון זייערע פֿאָראורטיילן; פֿון זיי האָבן מערניט 132 געשריבן וועגן ייִדן. דאָס צווייטע יאָר, ווען איך האָב די אַרבעטן באַקומען אָן חתימות און יעדער סטודענט האָט געשריבן בלויז וועגן פֿינף קיבוצים, וואָס קעגן זיי איז ער געשטימט צום מערסטן, האָבן בלויז 11.4% אַרײַנגענומען ייִדן צווישן די פֿינף קיבוצים, וועגן וועלכע זיי האָבן געשריבן. דערפֿון מעג מען דרינגען, האַלט איך, אַז הגם די פֿאָראורטיילן קעגן ייִדן זײַנען גענוג שטאַרק זײַנען זיי אָבער ניט אַזוי שאַרף ווי פֿאָראורטיילן קעגן אַנדערע קיבוצים.

---

[5] דער טערמין פֿון אָריגינאַל: Religious preference. [פֿאַר די לייענערס מחוץ די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז וויכטיק צו וויסן, אַז אין אַמעריקאַנער פֿרעגבויגנס ניצט מען אָפֿט מאָל די פֿראַגע אַנשטאָט צו פֿרעגן דירעקט, צו וואָסער רעליגיע עס געהער דער אויסגע־פֿרעגטער. — רעד׳.]

איצט קומען מיר צו דער פֿראַגע: וואָס פֿאַר אַ סטערעאָטיפּ גילט פֿאַר דעם ייִד, ווען סטודענטן שרײַבן, אַז זיי האָבן אַ פֿאָראורטייל קעגן אים? אַרויס־געבראַכט האָט מען דאָס אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים, אָבער די אַרויסזאָגונגען לאָזן זיך צונויפֿנעמען אין פֿיר קאַטעגאָריעס באַשולדיקונגען.

(1) פֿירונגען אין געשעפֿט. „זיי זײַנען אַרײַנכאַפּעריש," „אומפֿאַרשעמט אין וועלן פֿאַרכאַפּן די וועלט," „צו קליגעריש," „הונגעריק אויף געלט," „צו פֿיל קאָנקורענץ פֿאַר אַמעריקאַנער געשעפֿטסלײַט," „ניט גוט פֿאַר אונדזער עקאָנאָמיק" אאַז"וו.

(2) דאָס רײַסן זיך צום אויבנאָן. „זיי שטופּן זיך," „אַראָגאַנט," „פּײַנען זיך אויס."

(3) קלײַנזלדיקייט. אַ סך האָבן גענוצט דעם אויסדרוק clannish, „זיי האַלטן ניט פֿון געמישטע חתונות," „זיי מיינען, אַז זיי זײַנען אויסדערוויילט," „זיי ווילן לעבן זייער אייגענעם שטייגער לעבן."

(4) רעליגיע. דאָ זײַנען די טענות געווען אומבאַשטימט און מטושטש. „מיר געפֿעלט ניט זייער רעליגיע," „זיי האָבן ספּעציפֿישע רעליגיעזע פֿירונגען," „זיי האָבן געקרייציקט אונדזער האַר," „מיר איז דערווידער זייער רעליגיע."

פֿיר סטודענטן האָבן געטענהט, אַז ייִדן „מאַכן קאַליע אייגנס."[6] עטלעכע ענטפֿערס האָבן זיך דורכגעוואָרפֿן מיט טענות, אַז ייִדן האָבן אַנדערע עטישע מאָסן, אַז זיי לאָזן זיך פֿירן צו גרינג[7] און מיט פֿאַרשיידענע באַמערקונגען וועגן ייִדן־יחידים, מיט וועמען די סטודענטן האָבן זיך אפֿשר צונויפֿגעטראָפֿן. אָבער די נאָר וואָס דערמאָנטע נומערירטע פֿיר טענות זײַנען די וויכטיקסטע און האָבן זיך איבערגעחזרט צווישן די 132 ענטפֿערס צום מערסטן, דהײַנו אין אַזאַ פֿונאַנדערטיילונג:

טענה	צאָל ענטפֿערס	%
פֿירונגען אין געשעפֿט	40	30.3
דאָס רײַסן זיך צום אויבנאָן	16	12.1
קלײַנזלדיקייט	15	11.3
רעליגיע	11	7.9

צי שטימט דער ייִדישער סטערעאָטיפּ מיטן אויספֿיר פֿון טעסטירן ייִדן

פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט פֿאַר אַלע שטריכן וואָס באַגעגענען זיך אין דעם סטערעאָטיפּ האָבן מיר געקענט געפֿינען אַ מעסטער אין די סטאַנדאַרדיזירטע טעסטן וואָס מען גיט אַלע נײַ אָנקומענדיקע סטודענטן. דער אײַנפֿאַל וועגן פֿאַרגלײַכן די פֿאַקטישע פּערזענלעכקייט מיטן סטערעאָטיפּ איז אויפֿגעקומען שוין נאָך דעם ווי די ביידע קלאַסן האָבן געהאַט פֿאַרענדיקט זייער ערשט יאָר אין קאָלעדזש, איז דעריבער ניט געווען קיין מיגלעכקייט צוצוגעבן ספּעציפֿישע טעסטן אויף צו פֿאַרענטפֿערן די נײַע פּראָבלעמען. פֿאַראַן אָבער אַ פּאָר טעסטן,

[6] the Jews corrupt property.
[7] too easily led.

וואָס מען קען פֿון זיי עפּעס אָפּלערנען, און לכל־הדעות קען דאָס אונדז אַרויספֿירן אויפֿן געדאַנק, אַז עס איז וויכטיק פּרטימדיקער אויסצופֿאָרשן די פֿאַרהעלטעניש צווישן די צוויי און צו ניצן דערבײַ מער פּינקטלעכע מעסטערס סײַ פֿאַרן סטע־רעאָטיפּ און סײַ פֿאַר דער פּערזענלעכקייט.

1. פּירונגען אין געשעפֿט. פֿון צווישן די מאַטעריאַלן וואָס מיר פֿאַרמאָגן איז די איינציקע מאָס מסתּמא די עקאָנאָמישע אונטערסקאַלע פֿון אַלפּאָרט־ווירנאָנס „שטודיום פֿון ווערטן."[8] דאָרטן האָבן מיר אַזאַ דעפֿיניציע: „וועגן דעם עקאָנאָמישן מענטש זאָגט מען אויף אַ כאַראַקטעריסטישן שטייגער, אַז ער איז פֿאַראינטערעסירט אין דעם וואָס ס'איז נוציק ... די אַקומולאַציע פֿון ממשותדיקן פֿאַרמעגן ... אָט דאָס שטימט גוט מיט דער אָנגענומענער פֿאָרשטעלונג פֿון דעם אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן."[9] די דורכשניטלעכע פּונקטירונג פֿון די 148 ייִדישע סטודענטן וואָס האָבן גענומען דעם טעסט אויף דער סקאַלע איז געווען 30.4 (דער טויטער דורכשניט איז 30), און ווען מיר זיפּן אַרויס די אינדיווי־דועלע פֿאַלן פֿון ייִדן וואָס האָבן באַקומען פּונקטן אין די אייבערשטע פֿינף פּראָצענט אויף דער סקאַלע זעען מיר, אַז נאָר 6% ייִדישע סטודענטן זײַנען אין דער קאַטעגאָריע פֿון די אייבערשטע פֿינף פּראָצענט. מיט אַנדערע ווערטער, ווען מען מעסט מיט דער סקאַלע איז ניטאָ קיין ראיה, אַז דער עקאָנאָמישער ווערט פֿונעם ייִדישן סטודענט איז ווי עס איז אַנדערש פֿון דער נאָרמאַלער באַציִונג און דעם נאָרמאַלן ווערט וואָס מען געפֿינט אין דער אַמעריקאַנער סבֿיבֿה בכלל.

2. דאָס רײַסן זיך צום אויבנאָן. איין אינדעקס וואָס מיר האָבן געניצט אויף צו מישפּטן דעם דאָזיקן צווייטן אַספּעקט פֿונעם סטערעאָטיפּ איז געווען די פּאָליטישע פּונקטירונג אין אַלפּערט־ווירנאָנס „שטודיום פֿון ווערטן." דאָ איז די דעפֿיניציע: „... פֿאַראינטערעסירט דערעיקרשט אין מאַכט ... וואָס פֿאַרלאַנגט מער ווי אַלץ פּערזענלעכע מאַכט, השפּעה און פּירסום." די דורכשניט־לעכע פּונקטירונג פֿאַר די 148 ייִדישע סטודענטן אויף דער סקאַלע איז געווען 32.6; זיי זײַנען הייסט עס אויסגעקומען אין דעם טעסט גיכער בײַם זיבעציקסטן פּערצענטיל איידער בײַם דורכשניט. און ווען מיר קוקן זיך אײַן אין דעם, וויפֿל ייִדישע סטודענטן האָבן באַקומען פּונקטן אין די העכסטע פֿינף פּראָצענט לויט די נאָרמעס געפֿינען מיר, אַז דאָס זײַנען געווען 9%, כמעט טאָפּל אַזוי פֿיל ווי די צאָל, אויף וועלכער מיר וואָלטן זיך געריכט. איז בכן, כאָטש די צאָלן זײַנען ניט קיין הויכע גייען זיי פֿאָרט אין דער ריכטונג פֿון באַשטעטיקן אָט דעם סטערעאָטיפּ.

אַן אַנדער מקור וואָס קען וואַרפֿן אַ שײַן אויף אָט דער פּראָבלעם איז יענע סקאַלע אויפֿן קודער־רעקאָרד,[10] וואָס איז שייך צו דער פֿעיִקייט פֿון קענען איבערצײַגן.[11] דאָס איז אַ טעסט צו באַשטימען דעם אינטערעס אין, אָדער

[8] Allport-Vernon's Study of Values.

[9] דער ציטאַט און די ווײַטערדיקע זײַנען פֿון די האַנטביכער וועגן די טעסטן, וואָס זײַנען צוגעגרייט געוואָרן פֿאַרן טעסטירער צו אינטערפּרעטירן דעם טעסט פֿאַר די טעסטאַנטן.

[10] Kuder Preference Record.

[11] דער מחבר פֿון דעם טעסט רופֿט די סקאַלע persuasive.

דעם גרעסטן חשק צו אַ פֿאַך, און אַ הויכע איבערצײַג־סקאַלע איז אַן אָנצוהערעניש אויף אַ הויכן אינטערעס אין פֿאַרקויפֿן, אין אָנפֿירן אַ געשעפֿט אָדער אין געשעפֿט בכלל. היות אונדזערע פֿאַרצייכענונגען זײַנען אויסן געווען עפּעס אַנדערש האָבן מיר פֿאַרצייכנט בלויז די צוויי זאַכן וואָס יעדער סטודענט האָט געוואָלט צום מערסטן; הייסט עס אונדזער פֿאַרגלײַך איז דער פּראָצענט סטודענטן וואָס האָבן אָט דאָס געהאַט ווי איינע פֿון די העכסטע צוויי פֿונקטירונגען זייערע. געפֿינען מיר אויס, אַז 18.7% פֿון די ייִדן האָבן דאָס געהאַט פֿאַר איינע פֿון זייערע צוויי העכסטע פֿונקטירונגען, און פֿון צווישן די ניט־ייִדן מערניט 10%. די קריטישע פֿאַרהעלטעניש פֿון אָט דעם אונטערשייד איז 2.49; דער אונטערשייד איז הייסט עס ניט קיין סטאַטיסטיש באַטײַטיקער, אָבער ער קומט צו נאָענט צו באַטײַטיקייט.

אין משך פֿונעם ערשטן יאָר, אָבער ניט פֿונעם צווייטן, האָט מען טעסטירט די נײַ אָנגעקומענע סטודענטן מיט „בעלס אינוועטאַר פֿון אַרײַנפּאַסונג."[12] צו אונדז האָט אַ שײַכות די סאָציאַלע סקאַלע, וואָס איר פֿונקטירונג הייבט זיך אָן מיט „זייער קליינהאַלטיק"[13] און גייט דורך „דורכשניטלעך" ביז „זייער אַגרעסיוו." דעם טעסט האָבן מיר געהאַט נאָר פֿון 82 ייִדישע סטודענטן. זייער דורכשניטלעכע פֿונקטירונג איז 9.39; זיי זײַנען אַרום דעם דורכשניט, נאָר מער אין דער ריכטונג פֿון די קליינהאַלטערס איידער פֿון די אַגרעסיווע. דאָס גייט בפֿירוש קעגן דעם הערשנדיקן סטערעאָטיפּ.

3. קליײַזלדיקייט. דער מחבר פֿון דעם אַרטיקל האָט ספֿקות וועגן דעם, ווי אַזוי מען קען דעם דאָזיקן ענין מעסטן, סײַדן מען זאָל אויספֿרעגן די ייִדישע סטודענטן גופֿא — און דאָס איז מסתּמא אויך ניט קיין פּראָצעדור וואָס זאָל קענען באַפֿרידיקן. די איינציקע פֿונקטירונג וואָס קען דאָ אפֿשר צו ניץ קומען איז די געזעלשאַפֿטלעכע סקאַלע פֿון אַלפּאָרט־ווערנאָנס „שטודיום פֿון ווערטן." אָט דער געזעלשאַפֿטלעכער ווערט איז דעפֿינירט ווי „ליבשאַפֿט צו מענטשן, צו איינעם צי צו אַ סך, צי צווישן מאַן און ווײַב אָדער קינדער און טאַטע־מאַמע, צי אויפֿן באַזיס פֿון פֿרײַנדשאַפֿט אָדער פֿון רחמנות. דער געזעלשאַפֿטלעכער מענטש שאַצט אַנדערע מענטשן ווי צילן [ניט ווי מיטלען צו דערגרייכן אייגענע צילן], און דעריבער איז ער אַליין פֿרײַנדלעך, סימפּאַטיש, ניט־עגאָיִסטיש." די דורכשניטלעכע פֿונקטירונג פֿאַר די 148 סטודענטן וואָס מיר האָבן געהאַט פֿאַר דעם דאָזיקן ווערט איז געווען 31.4, אַ ביסל איבער דער נאָרמע פֿון 30, און זיכער אין סתּירה צום סטערעאָטיפּ, אויף וויפֿל מען קען דאָס אָננעמען פֿאַר אַ מעסטונג.

דער דאָזיקער אינטערעס צום אַלגעמיינעם ווילזײַן פֿון מענטשן ווערט באַשטעטיקט דורך דעם קודער־רעקאָרד בנוגע דער סקאַלע פֿאַר „סאָציאַלן דינסט." מיר געפֿינען, אַז דער דורכשניט ייִדישע סטודענטן איז אין דעם פּרט כמעט אידענטיש מיטן דורכשניט פֿאַר אַנדערע מיטגלידער פֿון קלאַס: 12.9%

---

[12] Bell Adjustment Inventory.

[13] very retiring.

ייִדישע סטודענטן האָבן געהאַט דעם פּרט ווי איינע פֿון זייערע צוויי העכסטע פונקטירונגען לגבי 12.2% פֿון די ניט־ייִדן אין קלאַס.

4. רעליגיע. היות דער סטערעאָטיפּ וועגן רעליגיע איז מטושטש און איז געבויט, ווײַזט אויס, דורכויס אויף ניט־פֿאַרשטיין, איז פֿאַראַן אַ קנאַפּע מיגלעכקייט צו שטודירן די אָפּשפּיגלונג פֿון דעם דאָזיקן סטערעאָטיפּ אין ייִדישן כאַראַקטער. ס'קען זײַן אינטערעסאַנט צו באַמערקן פֿאַרבײַגייענדיק, ווו ייִדישע סטודענטן שטייען בנוגע דעם רעליגיעזן ווערט אין די מאָסן פֿון אַלפּערט־ווערנאָנס „שטודיום פֿון ווערטן." מיר געפֿינען אויס, אַז זיי האָבן אַ דורכשניטלעכע פונקטירונג פֿון 29.3 (לגבי אַ נאָרמע פֿון 30); הייסט עס זייערע רעליגיעזע ווערטן זײַנען בערך די זעלביקע ווי די רעליגיעזע ווערטן פֿון אַנדערע.

נימצא, אַז דער „ייִדישער סטערעאָטיפּ" — די פֿאָרשטעלונג וואָס ניט־ייִדן האָבן וועגן ייִדן — דעקט זיך ניט אויף קיין שום באַטײַטיקן אופֿן מיט דער ייִדישער פּערזענלעכקייט. אין איין פֿאַל, ווען עס רעדט זיך וועגן „רײַסן זיך צום אויבנאָן," איז פֿאַראַן אַ שוואַכע, אָבער ניט קיין באַטײַטיקע טענדענץ פֿאַרן סטערעאָטיפּ צו באַרעכטיקן זיך; און אין אַ צווייטן פֿאַל, ווען עס רעדט זיך וועגן „קלײַנזלדיקייט," איז פֿאַראַן אַ שוואַכע, אָבער ניט אין גאַנצן באַטײַטיקע טענדענץ פֿאַרן סטערעאָטיפּ אָפּגעפֿרעגט צו ווערן. ס'רובֿ איז פֿאַראַן אַ קנאַפּע שײַכות צווישן דעם הערשנדיקן סטערעאָטיפּ און דער טעסטירטער פּערזענלעכ־קייט.

ייִדישע טאָלעראַנץ און ייִדישע פּערזענלעכקייט

דעם טאָג ווען מען האָט געשריבן די טעסטיר־אַרבעטן זײַנען בײַגעווען 115 ייִדישע סטודענטן. ס'קען האָבן אַ געוויסן אינטערעס אַ קוק צו טאָן, וואָס עס לערנען אונדז די דאָזיקע 115 פּראָטאָקאָלן.

37 ייִדן האָבן געשריבן וועגן דעם, פֿון וואַנען עס וואַקסט זייער טאָלעראַנץ, און אָט איז זייער אינפֿאָרמאַציע, מיט די געהעריקע צאָלן:

%	צאָל טעסטאַנטן	קוואַל פֿון טאָלעראַנץ
58.8	21	פֿון טאַטע־מאַמע, פֿון שטוב
46.0	17	צוגעהעריקייט צו אַ מינאָריטעט
43.3	16	פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט אַנדערע
13.5	5	ספּעציפֿישע אויסבילדונג אין שול
13.5	5	ספּעציפֿישע רעליגיעזע אויסבילדונג

פֿאַר די וואָס פֿאָרשן די אויספֿורעמונג פֿון שטעלונגען[14] זײַנען די רעזולטאַטן ניט קיין חידוש. סײַ אין תּוך סײַ אין סדר פֿון אָפּטקייט געפֿינען מיר דאָ אַ באַשטעטיקונג פֿון די אָנגענומענע טעאָריעס. און אַחוץ אין איין פּונקט איז ניטאָ קיין אונטערשייד ווען מען פֿאַרגלײַכט די קוואַלן פֿון טאָלעראַנץ וואָס עס האָבן דערמאָנט די 150 ניט־ייִדישע סטודענטן אין זייערע אַרבעטן וועגן דעם

[14] attitudes.

זעלביקן ענין. דער איינער אונטערשייד איז נוגע דעם צווייטן קוואַל: „צוגע־העריקייט צו אַ מינאָריטעט.״ מען מעג אָנווײַזן אויף דעם, אַז כאָטש ייִדישע סטו־דענטן האָבן דעם דאָזיקן צוגאָב־טעם צו זײַן טאָלעראַנט האָט זיך בײַם טעסט ניט אַרויסגעוויזן צווישן זיי קיין גרעסערער פּראָצענט טאָלעראַנטע איידער בײַ די ניט־ייִדן אין קלאַס.

בלײַבט איין פּראַגע: אפשר האָבן די ייִדישע סטודענטן ספּעציעל פּעסטע טעמים פֿאַר די מיינונגען וועגן אַנדערע פֿעלקער און ראַסעס, מיט וועלכע זיי טראָגן זיך אַרום. דער ענטפֿער וועט קלאָר ווען מיר קוקן אַרײַן אין די דער־קלערונגען וואָס זיי אַליין גיבן פֿאַר ניט האַלטן פֿון דעם אָדער יענעם קיבוץ.

רוסן: „זיי זײַנען אַנדערש און זיי מיינען, אַז זיי שטייען העכער;״ „די באַציִונג פֿון די גאַנצע פֿאַראייניקטע שטאַטן צו זיי איז אומפֿרײַנדלעך;״ „זיי זײַנען קאָמוניסטן;״ „זיי זײַנען אַנטידעמאָקראַטיש.״

דײַטשן: „זיי האַלטן שטאַרק פֿון זיך;״ „קאַלטע נפֿשות;״ „ליבע צום פֿאָטער־לאַנד איז צו שטאַרק;״ „זיי דאַרפֿן ניט מיינען, אַז מען האָט זיי מוחל געווען פֿאַר אָנהייבן די מלחמה.״ ס׳איז כּדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז מערניט איין ייִדישער סטודענט האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז דער גרויסער סאָציאַלער מהלך בנוגע די דײַטשן נעמט זיך בײַ אים פֿון דעם וואָס די דײַטשן האָבן אָפּגעטאָן מיט ייִדן.

ענגלענדער: „מען האָט צרות פֿון זיי;״ „ס׳איז מיר ניט געפֿעלן וואָס איך האָב געזען בשעת איך בין געווען אין ענגלאַנד;״ „כ׳ווייס ניט פֿאַר וואָס.״ ווידער אַ מאָל: בלויז איינער האָט דערמאָנט די האַלטונג פֿון ענגלאַנד אין דער פּראַגע ארץ־ישׂראל.

מעקסיקאַנער: „מיר געפֿעלן ניט די וואָס איך קען;״ „נידעריקער לעבנס־סטאַנדאַרד;״ „זיי זײַנען עם־הארציש און ברודיק;״ „זיי קענען זיך ניט איינ־טעגרירן אין אונדזער קולטור;״ „זיי זאָגן זיך אָפּ זיך אויסצולערנען צו לעבן אויף אונדזער שטייגער.״

נעגערס: „זיי געפֿעלן מיר ניט;״ „ברודיק;״ „טומלדיק, ניט ריין, אומ־מאָראַליש;״ „אַנדערע ווײַסע האָבן זיי ניט ליב;״ „קאָליר;״ „מען קען זיי ניט געטרויען;״ „זיי שלאָגן זיך און טרינקען;״ „זיי קענען ניט אינטעגרירט ווערן אין אונדזער קולטור.״

אירלענדער: „זיי זײַנען שלעגערס;״ „זיי זײַנען עקשנים;״ „זיי האָבן פֿאַר־אורטיילן;״ „שרײַיִק און טומלדיק;״ „מיר געפֿעלן ניט די וואָס איך קען.״

הינדוס: „מײַן באַציִונג איז דער רעזולטאַט פֿון פּראָפּאַגאַנדע;״ „זיי זײַנען אַנדערש;״ „מיר געפֿעלט ניט זייער האַלטונג;״ „זייער רעליגיע איז אַן אידיאָ־טישע;״ „געשיכטעס וואָס איך האָב געהערט;״ „זייערע מאַנירן, זייער מאָראַל, זייערע מינהגים;״ „זיי זײַנען דערונטערדיק,[15] עם־הארציש און ברודיק.״

די ציטאָטן וואָרט־בײַ־וואָרט וועלן קלעקן אויף צו ווײַזן, אַז די פֿאָראורטיילן פֿון ייִדישע סטודענטן זײַנען ניט שטאַרק אַנדערש פֿונעם אַלגעמיינעם סטע־רעאָטיפּ און אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט עפּעס וואָס דערמאָנט היפּש דעם

[15] inferior.

אופֿן, ווי אַזוי ניט־ייִדישע סטודענטן פּרוּוון דערקלערן זייערע פֿאָראורטיילן קעגן ייִדן.

אויספֿיר

צי קען מען פֿון די געבראַכטע פֿאַקטן און באַטראַכטונגען עפּעס אַרויס־דרינגען? מיר דוכט, אַז וועגן איין זאַך מעג מען זיך פֿאַרטראַכטן לכל הדעות. דער ייִדישער יחיד לײַדט דאָך אַזוי פֿיל — טאָ פֿאַר וואָס איז זײַן באַציִונג צו פֿרעמדע קיבוצים אַזאַ און ניט קיין אַנדערע? פֿאַר וואָס האָבן מיר בײַ ייִדישע סטודענטן געפֿונען ניט ווינציקער פֿאָראורטיילן ווי בײַ אַנדערע, און פֿאַר וואָס האָבן זיי די סיבות פֿאַר זייערע פֿאָראורטיילן פֿאָרמולירט אויפֿן זעלביקן סקאַר־באָוון שטייגער? ווײַזט אויס, אַז פֿאָראורטיילן, אַפֿילו ווען זייער אַנבליק איז אַ פֿאַרשיידענער, ווערן געבוירן אויף אַן ענלעכן שטייגער בײַ גאַנץ פֿאַרשיידענע קיבוצים.

ווײַטער קומט אַרויף די פֿראַגע — וואָס זי גייט שוין אַרויס פֿון גדר פֿון פֿאָרשונג ממש — וואָס צו טאָן פּראַקטיש. אויב עס גייט וועגן דער באַשולדי־קונג אין קלײַנזלדיקייט אַ שטייגער, ווו דער סטערעאָטיפּ זעט אויס צו זײַן פֿאַלש, צי קענען ייִדן טאָן עפּעס אויף צו באַווײַזן דער אַרומיקער וועלט, אַז די טענה איז אַ פֿאַלשע? און דאָרטן ווו עס רעדט זיך וועגן שטרעבן צום אויבנאָן, איז אויב ער זאָל יאָ האָבן אַ ממשות (לויט אונדזערע מאַטעריאַלן זעט אויס דער סטערעאָטיפּ יאָ צו האָבן אַ שטיקל באַזיס), צי איז די אויפֿגאַבע פֿון גע־זעלשאַפֿטלעכע טוערס צו פּרוּוון בײַטן דעם כאַראַקטער־שטריך אָדער צו דער־גרונטעוון זיך צו די וואָרצלען פֿון די אונטערשיידן? איך פּערזענלעך בין נוטה צו דעם צווייטן גאַנג, אָבער איך ברענג דאָס אַרויס ווי אַ ספֿק, ניט ווי אַ פֿעסטע מיינונג.

ענדיקן וואָלט איך וועלן מיט אַ פּראָטאָקאָל וואָס איך האָב באַקומען פֿון אַ ייִדישן סטודענט וואָס האָט אויפֿן באָגאַרדוס־טעסט באַקומען 119 פּונקטן, ד״ה ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ היפּש הויכן גראַד פֿאָראורטיילן. כ׳וויל אָבער אונטערשטרײַכן, אַז דאָס איז בשום אופֿן ניט קיין טיפּישער פּראָטאָקאָל.

> איך בין אומטאָלעראַנט מחמת איך בין געווען אַ קרבן פֿון אומטאָ־לעראַנץ אין מײַנע פֿריִיִקע פֿאָרמאַטיווע יאָרן. די שׂינאות און פֿאָר־אורטיילן וואָס איך האָב אין זיך אַנטוויקלט זײַנען רעאַקציעס וואָס איך ניץ ווי אַ פֿאַרטיידיקונגס־מעכאַניזם. אויב דזשאָו דאָוקס האָט מיך פֿײַנט וועל איך געווײַנטלעך אומקערן דעם קאָמפּלימענט. מײַנע געפֿילן זײַנען, אַז איטלעכע פּערזאָן אָדער גרופּע וואָס פֿירט זיך אומטאָלעראַנט קעגן אַנדערע פֿאַרדינט ניט קיין טאָלעראַנץ פֿון מיר. ס׳מעג קלינגען קאַלטהאַרציק, אָבער איך האַלט, אַז טאָלעראַנץ איז עפּעס וואָס מען באַקומט פֿאַר באַהאַנדלען טאָלעראַנט אַנדערע. אָבער איך וועל אויפֿן לעבן ניט זײַן דער וואָס וועט אָנהייבן די פֿאַרכּישופֿטע ראָד.

הגם אַ ביסל שאַרף און געוויס ניט אַלטרויִסטיש, נאָר עס דוכט זיך דעם מחבר, אַז אָט דער סטודענט האָט אפֿשר דערזען עפּעס אַזוינס וואָס קען צו ניץ קומען יעדער איינעם, אי דעם וואָס האָט פֿאָראורטיילן אי דעם וואָס איז אַ קרבן פֿון פֿאָראורטיילן.

יהואָשעס תּנך־איבערזעצונג
(אַן אַנאַליטישע אויספאָרשונג)

פון ד״ר יהודה ראָזענטאַל

געהייליקט דעם ליכטיקן אָנדענק פון דעם
פריצײַטיק פאַרשטאָרבענעם תּנך־פאָרשער
פּראָפ׳ שמואל י. פייגין ז״ל.

הקדמה

די תּנך־איבערזעצונג פון יהואָשן איז שוין פאַכמעניש אַנאַליזירט געוואָרן פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן. באַלד נאָכן אַרויסגיין פון דער חומש־איבערזעצונג האָט יוסף ריידער פאַרעפנטלעכט אַ קורצע אָבער פאַכמענישע רעצענזיע.[1] נאָכן אַרויסגיין פון דער נביאים־איבערזעצונג האָט שמואל י. פייגין פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע אויספירלעכע און גרינטלעכע אַרבעט וועגן דעם ווערק.[2] חיים ספּיוואַק האָט נאָך אין 1928 פאַרעפנטלעכט אַ פילאָלאָגישע שטודיע וועגן יהואָשעס חומש־איבערזעצונג.[3] ער האָט אויפגעציילט אַלע אַלטע (אַרכאַישע) און נײַע ווערטער וואָס יהואָש האָט אַרײַנגעפירט. נאָך דעם ווי די כּתובֿים־איבערזעצונג איז אַרויס האָט יצחק ריבקינד פאַרעפנטלעכט אַ כּוללדיקע אָפּשאַצונג.[4]

מיט דער פאַרעפנטלעכונג פון דער נײַער אויסגאַבע פון טעקסט צוזאַמען מיט דער ייִדישער איבערזעצונג איז מקוים געוואָרן יהואָשעס ווונטש און חלום, אַז זײַן איבערזעצונג זאָל דינען ווי אַ תּרגום צום טעקסט.[5] דער העברעיִשער טעקסט פון תּנך איז זייער זאָרגעוודיק איבערגעקוקט געוואָרן פון הרבֿ חיים־מרדכי ברע־כער, אַ גרויסער קענער פון דער מסורה. צום סוף פון יעדן באַנד האָט הרבֿ ברעכער מוסיף געווען הערות, וואָס ווײַזן אויף זײַן גרויס בקיאות. די פאַרעפנט־לעכונג פון דער נײַער אויסגאַבע, איז אַ גענוגנדיקע סיבה אויף ס׳נײַ צו אַנאַ־ליזירן דאָס דאָזיקע גרויסע ווערק.

---

[1] יוסף ריידר, „תרגום התורה ליהואש״, שבילי החנוך, שנה ב (כסלו־טבת, תרפח), ז׳ שיד א״וו.

[2] שמואל י. פייגין, „יהואָשעס ייִדישע איבערזעצונג פון תּנך״, צוקונפט, 1930, ז׳ 355 א״וו.

[3] חיים ספּיוואַק, „אַלטע און נײַע ווערטער אין יהואָשעס ייִדישן חומש״, פילאָלאָגישע שריפטן, ייִוואָ, ב׳ II (ווילנע, 1928), ז׳ 55 א״וו.

[4] יצחק ריבקינד, „יהואָשעס תּנך־איבערזעצונג אין ליכט פון דער צײַט״, צוקונפט, 1937, ז׳ 83 א״וו. זען אויך די רעצענזיע פון:

Harry Orlinsky, "Yehoash's Yiddish Translation of the Bible," *Journal of Biblical Literature*, LX (1941), 173 ff.

אַ פולשטענדיקע ביבליאָגראַפיע פון רעצענזיעס פון יהואָשעס תּנך־איבערזעצונג קאָן מען געפינען בײַ בערטשי וויטקעוויץ: יהואש. א ביבליאָגראַפיע פון זײַנע שריפטן (קליוולאַנד 1944), ז׳ 209 א״וו, 327 א״וו.

[5] „אַ הילפבוך אין דעם שטודיום פון דעם העברעיִשן אָריגינאַל״. זען זײַן הקדמה צו דער ערשטער אויסגאַבע פון ישעיה, 1910.

אַפּילו ווען מען זאָל נישט מסכּים זײַן מיט דער מיינונג פֿון איינעם פֿון יהואָשעס גרויסע פֿאַרערערס, פֿון חיים ספּיוואַקן, וואָס האָט געשריבן אַז יהואָש איז געווען „דער גרעסטער פֿון אַלע תּנך־איבערזעצערס פֿון אַלע צײַטן",[8] מוז מען דאָך צוגעבן אַז יהואָשעס ווערק איז געווען אַ קאָלאָסאַלער אויפֿטו.

תּנך־איבערזעצונגען, סײַ יידישע און סײַ נישט־יידישע, גייען אַרויס אין אונדזער צײַט זייער אָפֿט און זײַנען שוין נישט עפּאָכע שאַפֿנדיקע געשעענישן ווי אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. יהואָשעס איבערזעצונג איז אָבער די ערשטע יידישע וויסנשאַפֿטלעכע איבערזעצונג פֿון גאַנצן תּנך. זי פֿאַרנעמט צוליב דעם אַ באַזונדער פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור און פֿאַרדינט אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג.

וועגן די חבֿלי לידה פֿון דער דאָזיקער איבערזעצונג, איבער וועלכער יהואָש האָט געאַרבעט כּמעט צוואַנציק יאָר, אינפֿאָרמירט אונדז צום בעסטן זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיט ש. ניגערן. עס איז צוליב דעם וויכטיק צו ציטירן גרעסערע אויסצוגן פֿון איר.

אין אַ בריוו פֿון 18טן אויגוסט 1921 שרײַבט יהואָש צו ניגערן:

...געאַרבעט האָב איך אַ גאַנצן זומער מער ווי ווען עס איז אין מײַן לעבן. פֿון אין דער פֿרי ביז שפּעט, זייער שפּעט, אין דער נאַכט. און איך גלייב אין דער אַרבעט און איך האָב ליב די זאַך, איבער וועלכער איך אַרבעט. שפּיר איך דאָך די גאַנצע צײַט, אַז דאָס איז אַן אונטערדריקונג אָדער אַ טייטונג פֿון אַנדערע פֿרישע ספּאָנטאַנע זאַכן, און דאָ גנבֿענען זיך אַרײַן אַזוי ווי נאַגנדיקע ווערעם ספֿקות, פֿראַגעס, אומזיכערקייטן, און די אַרבעט איז אַ ים, אַ ים פֿון לויטער דעטאַלן. ווינציק איז מיר פֿאַרגינען מיט דעם גאַנצן וואָלד זיך פֿאַרנעמען, הנאה האָבן פֿון דעם פֿאַרצווײַגטן רײַכטום, אין דער פֿילבלעטערקייט פֿון דעם גאַנצן. עס איז שטענדיק אַן איבערקוקן און איבערזוכן און צו רעכט מאַכן צווײַג פֿאַר צווײַג, בלאַט פֿאַר בלאַט, איטלעך פֿעדערל אין אַ בלאַט.

אפֿשר וויל איך איבער הויפּט שאַפֿן אַ זאַך וואָס איז נישט מעגלעך. ניט שווער איז צו מאַכן אַ שיינעם פֿרײַ איבערגעזעצטן תּנך און נישט זייער שווער איז אויסצוטײַטשן דעם תּנך וויסנשאַפֿטלעך געטרײַ לויט די לעצטע פֿאָרשונגען. אָבער צו קאָמבינירן די בײדע איז אפֿשר איבער מײַנע כּוחות. איך האָב צוליב דעם כּבֿוד פֿון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער מען וואַרפֿט געוויינטלעך פֿאָר, און מיט רעכט, איר אייבערפֿלעכלעכקייט, איר פּאָפּולאַריזאַטאָרישע אומגרינטלעכקייט, צוליב דעם כּבֿוד פֿון אונדזער ליטעראַטור האָב איך געוואָלט שאַפֿן אַ גרינטלעכע זאַך, אַ ביבל וואָס זאָל אין אירע אויסטײַטשונגען שטיין אין איין ראַנג מיט די בעסטע און נײַסטע פֿון אַלע לשונות, און צו דער אייגענער צײַט וויל איך אַ שיינעם תּנך, אין אַ שיינעם יידיש, וואָס זאָל קענען פֿאַרבלײַבן דער קלאַסישער הויפּטשאַץ פֿון דער שפּראַך פֿאַר קומענדיקע דורות. געטרייקייט, שיינקייט און לעזעווודיקייט — די דרײַ וויל איך דערגרייכן. איך מאַך איצט אַ לעצטע רעוויזיע. דאָס וועט נעמען נאָך אַ פּאָר חדשים.

...צײַטנווײַז נעם איך אַ בוך פֿון תּנך אין האַנט און לייען און מיר דאַכט אַז איך האָב געפֿונען דעם טאָן און דעם אופֿן און אַז מיר איז געלונגען. און צו אַנדערע צײַטן וואָלט איך זיך אַליין געקענט צעבײַסן און מיר דאַכט זיך אַז איך האָב נישט דערגרייכט און מיר איז נישט געלונגען. וואָלט איך איצט געדאַרפֿט אָנהייבן די אַרבעט, וואָלט איך דאָס בשום אופֿן ניט געטאָן. דאָס ווייס איך.

...ווען איך וועל לעבן לאַנג געזונט, וועל איך אַליין אויך אפֿשר פּרובירן אויספּעקלען מײַנע טראַכטענישן און טרוימענישן וועגן תּנך.

[8] חיים ספּיוואַק, דצ״וו, ז׳ 56.

וואָרעם דער תּנך איז מער ווי אַ בוך. עס איז דאָס לעבן. עס איז געוואָרן וואָס מענטשן האָבן געוואָלט עס זאָל ווערן. עס איז נישט דער אָקס, נאָר אויך דער ראָד, ניט דער קערן אין דער ערד, נאָר אויך דאָס גאַנצע פֿעלד און די גאַנצע ערד און ער שפּראָצט.[7]

דעם 15טן אָקטאָבער 1922 שרײַבט יהואָש פֿאַרצווייפֿלט: „וועגן מײַן אומ־גליקלעכער איבערזעצונג האָב איך אַ סך יסורים. אפֿשר איז די גאַנצע זאַך אַ פֿאַרשווערכונג".

דעם 20סטן סעפּטעמבער 1926 שרײַבט ער צו זײַן פֿרײַנד בערטשי וויט־קעוויץ:

טײַערער בערטשי: איך בין צעבראָכן פֿיזיש און ווער אַלץ שוואַכער. אינעווייניק איז מיר ליכטיק. איך האָב נאָר איין אינטערעס און דאָס איז צו ענדיקן די אַרבעט. אפֿשר מער אין דעם ענדיקן ווי אין דער אַרבעט גופֿא.[8]

איבער די מעטאָדן, וואָס ער האָט אָנגעווענדט בײַ דער איבערזעצונג, האָט זיך יהואָש ווייניק אַרויסגעזאָגט. אין אַ בריוו צו ניגערן פֿון 21סטן אָקטאָבער 1922 שרײַבט ער:

דערקלערן כאָטש אין אַ פּאָר ווערטער מײַנע מעטאָדן און כּללים האָב איך אוודאי געדאַרפֿט. אָבער איך בין איצטער פֿאַרטרונקען אין אַרבעט איבער מײַנע נאָטיצן און בכלל שלײַפֿן און פּאָלירן, און די געזונט איז צרהדיק. מוז מען זיך עקאָנאָמיזירן. אפֿשר שפּעטער.[9]

אָבער שפּעטער איז ער שוין צו דעם נישט געקומען.

חוץ אין דער דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענץ מיט ניגערן האָט יהואָש זיך עטלעכע מאָל זייער קורץ אַרויסגעזאָגט וועגן זײַן איבערזעצונג: אין דער הקדמה צו דער ערשטער איבערזעצונג פֿון ישעיה (ניו־יאָרק, 1910); אין דער הקדמה צו דער נײַער אויסגאַבע פֿון גאַנצן תּנך; אין אַ בריוו צו די ליטעראַרישע בלעטער און אין אַ רעפֿעראַט וועגן תּנך, אָפּגעדרוקט אין די ליטעראַרישע בלעטער א"נ „דער תּנך — דאָס מענטשלעכע בוך, דער בונד צווישן פֿעלקער".

אין דער הקדמה צו דער ערשטער איבערזעצונג פֿון ישעיה, וואָס ער האָט שפּעטער געפּסלט, האָט יהואָש געשריבן אַז ער שטעלט זיך די ווײַטערדיקע צוויי אויפֿגאַבעס: ראשית, אויפֿצוזיגלען דעם ספֿר הספֿרים, וואָס איז

פֿאַר פֿיל פֿון אונדזערע ברידער און שוועסטער, פֿאַר די יעניקע וואָס פֿאַרשטייען נישט העברעיִש געננוג צו לעזן דעם תּנך אין אָריגינאַל און זײַנען צו פֿאַרגעשריטן זיך צו באַנוצן מיט די אַלטמאָדישע יידיש־טײַטשע איבערזעצונגען, געוועזן ביז איצט אַ פֿאַרזיגלט בוך... [שנית,] קען די איבערזעצונג, אויסער איר אויבן דערמאָנטן צוועק, אויך באַנוצט ווערן אַלס אַ הילפֿבוך אין דעם שטודיום פֿון דעם העברעיִשן אָריגינאַל.[10]

אין דער הקדמה צו דער נײַער איבערזעצונג פֿון תּנך שרײַבט יהואָש:

די שאַפֿונג פֿון אַ יידישן תּנך איז בײַ מיר געוועזן דער חלום פֿון אַ לעבן. דאָס איז געוועזן אַ טאָפּעלע ליבשאַפֿט. פֿון איין זײַט צו דעם שענסטן מענטשלעכסטן בוך פֿון יידישן פֿאָלק און פֿון אַלע פֿעלקער און פֿון דער אַנדערער זײַט צו אונדזער יידישן לשון... איך האָב צו זיך געזאָגט: אַ תּנך אין יידיש, אַ תּנך וואָס זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַ

[7] ש. ניגער, „יהואָשעס בריוו", יאָרבוך פֿון אַמאָפּטייל, ב' I (ניו־יאָרק, 1938), ז' 322 א"ו.
[8] יהואָשעס בריוו צו וויטקעוויצן זײַנען געדרוקט אין נ. ב. מינקאָווס באָדן, באַנד 3, נומער 3־4 (ווינטער 1936־1937).
[9] זען הערה 7.
[10] זען הערה 5.

> קלאַסישער אויטאָריטאַטיווער טעקסט פֿון אַלע קלאַסן, אַלע געזינונגען און אָנשויונגען מוז ראשית כּל זײַן געטרײַ צו דעם אָריגינאַל. ניט פֿעלשן, ניט מאָדיפֿיצירן, ניט פּאַראַפֿראַזירן, ניט אויסטײַטשן מיט כּוונות, וואָס די כּוונות זאָלן ניט זײַן, נאָר איבערגעבן דעם העברעיִשן טעקסט געטרײַ און גענוי לויט די בעסטע אויסטײַטשונגען פֿון די אַלטע און די נײַע. דער ייִדישער תּנך זאָל ניט צולייגן אָדער מינערן דאָס מינדסטע, אויף ווי ווײַט אַזאַ זאַך איז מעגלעך, ווען מען גיסט איבער פֿון איין שפּראַך־כּלי אין אַ צווייטער.[11]

עס וועט זײַן אונדזער אויפֿגאַבע אויסצופֿאָרשן און פֿעסטצושטעלן צי יהואָש האָט זײַן ציל דערגרייכט, צי ער איז געבליבן געטרײַ די כּללים וואָס ער האָט אויפֿגעשטעלט.

און איצט נאָך אַ גרעסערער אויסצוג פֿון זײַן בריוו צו דעם רעדאַקטאָר פֿון די ליטעראַרישע בלעטער:

> ... עס איז ניטאָ קיין צײַט זיך אַוועקצוזעצן און שרײַבן, פֿאַר וואָס און ווי אַזוי איך האָב געאַרבעט אויף מײַן ייִדישן תּנך... שוין דער ציל אַליין, וואָס איך האָב זיך געשטעלט: צו שאַפֿן אַ תּנך וואָס זאָל פֿון איין זײַט זײַן אָנגעזאַפּט און אָנגעפּרוכטיקט מיט אַלע זאַפֿטן און רײַכקייטן פֿון דעם פֿאָלק־לשון אין אַלע זײַנע דיאַלעקטן, און פֿון דער אַנדערער זײַט — די נײַסטע, טעקסט־געטרײַסטע און גענויסטע איבערגעבונג פֿון דעם העברעיִשן אָריגינאַל; פֿון איין זײַט אַ מוסטערבוך פֿון אונדזער לשון און פֿון דער אַנדערער — דער שטאָלץ פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, אַז דווקא אין איר געפֿינט זיך דער בעסטער תּנך פֿון דער וועלט (ווי חוצפּהדיק!). אַ תּנך, ווו אַלע פֿאַרגלײַווערטקייטן זאָלן ווידער ליקווידירט ווערן, ווו דער אָריגינעלער ריטעם זאָל פּאָכן ווי אַ לעבעדיקער ווינט דורך די ווערטער און דורך די שורות — שוין דאָס אַליין, זאָג איך, וועט אײַך אָנטײַטן, וויפֿל עס איז דאָ צו רעדן וועגן דעם ענין. אָבער איך האָב נישט די צײַט און נאָך ווינציקער דעם חשק. צו ערשט וויל איך אַרויסגעבן מײַן תּנך, דערנאָך מײַנע נאָטיצן (על פּי רובֿ טעקסטועלע, אַן ערך פֿינף־זעקס טויזנט) און דאַן, אויב עס וועט זײַן צײַט און חשק, וועט קומען די הקדמה... ווען מען האָט אַזוי לאַנג און אַזוי אינטענסיוו און מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט געאַרבעט אויף עפּעס, האַלט מען שוין נישט מער דעם אויער אָנגעשטעלט אויף אַ מה יאמרו?
>
> איך ווייס שוין אויך, אַז איך בין אויפֿן ריכטיקן וועג. אַז איך וועל דערגרייכן צו דער מדרגה ווו־הין איך האָב געוואָלט דערגרייכן, דאָס גלייבט זיך מיר קוים. דערויף וואָלט זיך אפֿשר געפֿאָדערט מער ווי איין לעבן.[12]

אַ פּאָר זאַצן פֿון יהואָשעס רעפֿעראַט, „דער תּנך — דאָס מענטשלעכע בוך, דער בונד צווישן פֿעלקער", העלפֿן אונדז פֿאַרשטיין די פּראָבלעמאַטיק פֿון זײַן שפּראַך. אין דעם דאָזיקן רעפֿעראַט האָט ער געזאָגט אין נאָמען פֿון אַן ענגלישן געלערנטן, מיט וועלכן ער האָט זיך דערקלערט סאָלידאַריש:

> קיין בוך איז נישט אַזוי בייגיק און גרייט איבערגעגאָסן צו ווערן אין אַן אַנדער לשון ווי דער תּנך... די סיבה איז...: צו דער ביבל האָבן זיך אַלע לשונות צוגעפּאַסט, ווערטער האָבן זיך געקרעמפּעוועט און געדרייט און געשטאַלטיקט לויט דער ביבל. די ביבל האָט זיך קיין מאָל נישט געדאַרפֿט צופּאַסן, זי איז געווען דער עיקר.[13]

---

[11] תורה נביאים וכתובים עם תרגום יודיש פֿון יהואָש. שנת תש"א, ניו־יאָרק. 2 בענד.

[12] ליטעראַרישע בלעטער, צווייטער יאָרגאַנג, נומ' 45, 13טן מאַרץ 1925.

[13] דאָרטן, נג' 46־47 פֿון 20סטן און 27סטן מאַרץ 1925.

ווי מיר וועלן האָבן די געלעגנהייט צו זען, האָט אויך יהואָש זײַן יידיש צו־געפּאַסט צום תנך.

ווי געזאָגט, וועט אונדזער אויפֿגאַבע זײַן צו אַנאַליזירן און אויסצופֿאָרשן צי יהואָשן האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאַפֿן אַן איבערזעצונג וואָס קאָן אָנגענומען ווערן פֿון אַלע קלאַסן און פֿון אַלע ריכטונגען ווי אַן אויטאָריטאַטיווע, וואָס קען זיך פֿאַרגלײַכן מיט די בעסטע איבערזעצונגען אין אַנדערע שפּראַכן. אונדז וועט אינטערעסירן יהואָש דער מפרש המקרא, ווײַל יעדער איבערזעצער איז גלײַכ־צײַטיק אַ מפרש. אָפּצושאַצן יהואָשעס ווערק ווי אַ קונסטווערק איז אַ זאַך פֿון ליטעראַטור־קריטיקערס.

שוין מקדמונים האָבן די איבערזעצערס תּופֿס געווען, אַז מען קען נישט אויף הונדערט פּראָצענט איבערליידיקן מכּלי אל כּלי. דאָס אייניקל פֿון יהושע בן סירא, דער איבערזעצער פֿון זײַן זיידנס בוך פֿון העברעיִש אויף גריכיש, פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר די לייענערס, וואָס וועלן אפֿשר געפֿינען טעותים אין זײַן איבערזעצונג, מיט דעם וואָס קיין שום איבערזעצונג קאָן נישט יוצא זײַן אָקעגן דעם אָריגינאַל, און ער בעט די לייענערס אַז זיי זאָלן זיך באַציִען מיט חסד צו זײַן אַרבעט. ער שרײַבט אין זײַן הקדמה:

איך בעט אײַך מײַן בוך צו לייענען מיט קאָפּ און אָן פֿאָראורטייל און מיך דן זײַן לכּף זכות אין פֿאַלן, וווּ נישט געקוקט אויף מײַן מי, האָב איך איינצלנע פֿראַזעס נישט ווי געהעריק איבערגעזעצט. ווײַל אַ זאַך וואָס איז לכתחילה אויסגעדריקט אין העברעיִש קאָן נישט האָבן דעם זעלבן טעם, ווען זי איז איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער שפּראַך. אָבער נישט נאָר דאָס דאָזיקע ווערק [ד"ה בן סיראס משלים], נאָר אויך די תּורה, די ספֿרים פֿון די נבֿיאים און די אַנדערע ביכער [ד"ה כּתובֿים] קלינגען גאַנץ אַנדערש אין אָריגינאַל.[14]

אויך אין דער תּלמודישער ליטעראַטור געפֿינען מיר אַ מיינונג, אַז די תּורה קען מען נישט איבערזעצן געטרײַ. אין מסכת סופֿרים (7טער י"ה) געפֿינען מיר די ווײַטערדיקע דערציילונג: פֿינף זקנים האָבן איבערגעזעצט פֿאַר תּלמי המלך די תּורה אויף גריכיש, איז דער דאָזיקער טאָג געווען אַזוי שווער פֿאַר יידן, פּונקט ווי דער טאָג אין וועלכן מען האָט געמאַכט דעם עגל, ווײַל די תּורה האָט נישט געקאָנט איבערגעזעצט ווערן ווי געהעריק. כאָטש די דאָזיקע דערציילונג איז אין סתירה צו אַנדערע דערציילונגען וועגן דעם תּרגום השבֿעים, איז קלאָר אַז בײַ יידן האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט אַ מיינונג, אַז אין התורה יכולה להתרגם כל צרכה.[15] און עס איז אויך באַקאַנט דער מאמר חז"ל, אַז המתרגם פסוק כצורתו הרי זה בדאי,[16] ד"ה ווער עס זעצט איבער אַ פּסוק אַזוי ווי ער שטייט, וואָרט בײַ וואָרט, איז אַ ליגנער.

דער באַקאַנטער מיטל־עלטערישער רעליגיעזער דיכטער משה אבן עזרא האָט אין זײַן אַראַביש געשריבענעם ווערק, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם העברעיִשן נאָמען שירת ישראל, געשריבן: בײַם איבערזעצן פֿון אַראַביש אויף העברעיִש איז דאָס וויכטיקסטע דער אַלגעמיינער געדאַנק און אינהאַלט, און מען טאָר נישט איבערזעצן וואָרט בײַ וואָרט, ווײַל נישט אַלע שפּראַכן זײַנען גלײַך. באַמי דיך

---

[14] *Die Apokryphen und Pseudoepigraphen des Alten Testaments* . . . herausgegeben von Emil Kautzsch, I, 259; *The Apokrypha and Pseudoepigrapha* . . . edited by R. H. Charles, I, 316.

[15] מעשה בחמשה זקנים שכתבו לתלמי המלך את התורה יוונית והיה אותו היום קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל שלא היתה התורה יכולה להתרגם כל צרכה (מסכת סופרים, אויסג' מיכאל היגער, ז' 101).

[16] קדושין מט, ע"א.

איבערצוזעצן דעם הויפּטגעדאַנק פֿון מקור מיט די שענסטע ווערטער פֿון דער שפּראַך אין וועלכער דו זעצסט איבער."[17]

אין 12טן י"ה האָט דער רמבם געשריבן צו דעם איבערזעצער פֿון זײַנע אַראַבישע ווערק, שלמה אבן תבון, די ווײַטערדיקע אינטערעסאַנטע באַמערקונגען וועגן איבערזעצן:

און איך וועל דיר אַלץ דערקלערן נאָך דעם ווי איך וועל דיך דערמאָנען איין כּלל, און דאָס איז, אַז יעדער איינער וואָס וויל איבערזעצן פֿון איין לשון אין אַ צווייטן, אויב ער וועט זיך באַמיִען איבערצוזעצן אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט און ער וועט וועלן אָפּהיטן די אָרדענונג פֿון די זאַצן און פֿון די ווערטער וועט זיך זייער פֿאַרמאַטערן און זײַן איבערזעצונג וועט זײַן ספֿקדיק און פֿול מיט גרײַזן, און אַזוי טאָר מען ניט טאָן. דער איבערזעצער מוז צו ערשט גרינטלעך פֿאַרשטיין דעם גאַנצן אינהאַלט און דערנאָך מוז ער איבערדערציילן און דערקלערן קלאָר דעם אינהאַלט, און עס איז אוממעגלעך, ער זאָל נישט בײַטן דעם סדר פֿון די ווערטער און אַז ער זאָל נישט איבערזעצן אַ סך ווערטער דורך איין וואָרט, ער זאָל נישט אַראָפּנעמען קיין ווערטער און זאָל נישט צוגעבן קיין ווערטער, ביז דער גאַנצער אינהאַלט וועט גוט דערקלערט ווערן.[18]

די פֿאָרשערס פֿון קלאַסישע שפּראַכן (גריכיש און לאַטײַניש) מוזן זיך אויך זייער אָפֿט פֿאַרנעמען מיט פּראָבלעמען פֿון איבערזעצן. עס הערשן בײַ זיי פֿאַרשידענע טעאָריעס וועגן די מעטאָדן פֿון איבערזעצן. אַ סך פֿון זיי ציטירן דעם אַלטן רוימישן דיכטער האָראַץ, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אַ געטרײַער איבערזעצער איז דער וואָס זעצט איבער וואָרט בײַ וואָרט; כאָטש האָראַץ האָט געהאַלטן, אַז פֿרײַ איבערזעצן איז שווערער, ווײַל עס פֿאַרלאַנגט מער אָריגינאַליטעט.[19] דאָס רובֿ קלאַסישע געלערנטע זײַנען אַלע אָנהענגערס פֿון ווערטערלעכער איבערזעצונג; אַפֿילו ווען די שפּראַך אין וועלכער מען זעצט איבער לײַדט דערפֿון.

דער באַקאַנטער דײַטשער טעאָלאָג און פֿילאָסאָף שלייערמאַכער, וואָס האָט איבערגעזעצט פּלאַטאָנס ווערק אויף דײַטש, פֿאַרלאַנגט פֿון איבערזעצער צוויי זאַכן: ראשית, געטרײַשאַפֿט צום אָריגינאַל און שנית, אָפּזאָגן זיך פֿון אייגענע שפּראַכלעכע פֿעיִקייטן. ער זאָגט אַז עס איז דער חובֿ פֿון איבערזעצער טייל מאָל צו זײַן שטײַף און שאַרף. דער איבערזעצער מוז זיך שאַפֿן אַן אייגענע שפּראַך לטובֿת דער פֿרעמדער.[20] ווי מיר וועלן שפּעטער זען איז יהואָש געגאַנגען אין די

---

[17] ואם באת לתרגם איזה דבר מערבית לעברית, קח הרעיון והכונה ואל תתרגם מלה במלה, שהרי אין כל השפות דומות זו לזו, כמו שבארתי למעלה; טוב לך להכניס את הרעיון של המקור במלים היותר יפות שתמצא בשפת התרגום (ספר שירת ישראל לר' משה בן יעקב אבן עזרא, מתרגם לעברית עם מבוא והערות מאת בן ציון הלפר, ליפסיה, תרפ"ד, קלב).

[18] ואני אבאר לך הכל אחר שאזכור לך כלל אחד והוא שכל מי שירצה להעתיק מלשון אל לשון ויכון לתרגם המלה האחת במלה אחת גם כן וישמור גם כן סדר המאמר וסדר הדברים יטרח מאד ותבא העתקתו מסופקת ומשובשת ביותר ואין ראוי לעשות כן, אבל צריך למעתיק מלשון אל לשון שיבין הענין תחילה ואחר כך יספר ויפרש במה שיובן ממנו הענין ההוא בלשון ההוא ויבאר היטב, ואי אפשר לו מבלתי שיקדים ויאחר ויספר מלות רבות במלה אחת ויחסר תיבות ויוסיף תיבות עד שיסודר הענין ויבואר יפה ויובן הלשון לפי הלשון ההוא אשר יעתיק אליה (קובץ תשובות הרמבם, ח' ב, 27).

[19] Horace, *De Arte Poetica,* 133; *Satires, Epistles and Ars Poetica,* with an English translation by H. Rushton Fairclough (Loeb Classical Library), 460.

[20] Friedrich Schleiermacher, "Über die verschiedenen Methoden des Übersetzens," *Sämtliche Werke,* dritte Abteilung, zweiter Band (Berlin, 1838), 207ff.

[מיט דעם גאַנג איז אויך געגאַנגען פֿראַנץ ראָזנצווײַג אין זײַן איבערזעצונג, ווי ער האָט דאָס אַליין פֿאָרמולירט: ניט אײַנדײַטשן דאָס פֿרעמדע נאָר דאָס דײַטשע אײַנפֿרעמדן — רעד'.]

פֿוסטריט פֿון שלייערמאַכערן. ענלעכע געדאַנקען האָט יהואָש אַליין אַרויסגעזאָגט אין זײַן רעפֿעראַט וועגן תנך וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט.

דזשוליוס העיר, אַן ענגלישער טעאָלאָג און קלאַסישער געלערנטער פֿון דער ערשטער העלפֿט 19טן יאָרהונדערט, האָט געשריבן: אַ ווערטערלעכע איבערזעצונג איז בעסער פֿון אַ פֿרײַער, אַזוי ווי אַ גיפּסקאָפּיע פֿון אַ סקולפּטור איז בעסער פֿון אַן אימיטאַציע, ווײַל קאָפּיעס סײַ פֿון ווערטער און סײַ פֿון פּלאַסטישע זאַכן קאָן מען אָפּשאַצן נאָר אין שײַכות מיט זייער געטרײַשאַפֿט צום אָריגינאַל.[21] אויך מאָדערנע קלאַסישע פֿאָרשערס זײַנען מיט די מיינונגען פֿון די אויבן דערמאָנטע געלערנטע.[22]

אויך אין דער געשיכטע פֿון תנך־איבערזעצונגען האָבן געהערשט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט און הערשן נאָך הײַנט פֿאַרשיידענע מעטאָדן פֿון איבערזעצן. עס איז גענוג אָנצוּווײַזן אויף די אונטערשיידן צווישן תרגום השבֿעים און דער איבערזעצונג פֿון אַקווילאַ (עקילס), אָדער צווישן תרגום אונקלוס און תרגום יונתן אאַז"וו. עס זײַנען געווען איבערזעצונגען — פּאַראַפֿראַזן, און איבערזעצונגען געטרײַע, וואָרט בײַ וואָרט, און מען קען זאָגן אַפֿילו טראַף בײַ טראַף.

עס איז דאָ נישט דער פּלאַץ צו באַהאַנדלען גענוי די אונטערשיידן אין די אַלטע איבערזעצונגען פֿון תנך.[23] בכדי אָבער מיר זאָלן זײַן ביכולת ווי געהעריק אָפּצושאַצן יהואָשן ווי אַן איבערזעצער מוזן מיר אַרײַנציִען צום פֿאַרגלײַך אַחוץ די אָנגענומענע איבערזעצונגען, ווי די פֿון לוטער[24] אין דײַטש און די קינג דזשיימס[25] אין ענגליש, אויך עטלעכע מאָדערנע תנך־איבערזעצונגען פֿון דער לעצטער תקופֿה.

כמעט אין דער זעלבער צײַט, ווען יהואָש האָט געאַרבעט איבער זײַן איבערזעצונג, איז דער תנך איבערגעזעצט געוואָרן פֿון ייִדישע געלערנטע אויף דײַטש און ענגליש. אין אַמעריקע האָט אַ גרופּע געלערנטע אונטער דער רעדאַקציע פֿון דעם באַקאַנטן סעפּטואַגינטאַ־פֿאָרשער מאַקס מאַרגאָליס פֿאַרעפֿנטלעכט די ייִדיש־ענגלישע איבערזעצונג פֿון תנך.[26] אין דײַטשלאַנד זײַנען אין דער זעלבער

[21] *Guesses at Truth,* by two brothers (August J. and Julius C. Hare, London-New York), 427 ff; Julius Charles Hare, *The Mission of the Comforter,* with notes (London, 1854), 224 ff.

[22] Wolfgang Schadenwaldt, "Das Problem des Übersetzens," *Die Antike* (Berlin-Leipzig, 1927), Bd. 3, 287 ff; Wilamowitz-Möllendorff, "Was ist Übersetzen?" *Reden und Vorträge* (Berlin, 1901), 6; J. P. Postgate, *Translation and Translators, Theory and Practice,* London, 1922.

פּאָסטגייט שרײַבט: איבערזעצן איז אַ פֿונקציע פֿון אינטעלעקט און פֿאַר סענטימענטן איז דאָרט ניטאָ קיין פּלאַץ. לינגוויסטיש וויסן און ליטעראַרישער טאַלענט זײַנען זייער וויכטיק פֿאַר יעדער איבערזעצונג, אָבער אויך אַן אַרײַנבליק איז אומבאַדינגט נייטיק.

[23] די ליטעראַטור וועגן די אַלטע תנך־איבערזעצונגען איז זייער רײַך. פֿ"גל: *Encyclopaedia Judaica* (Berlin, 1929), IV, 558-586.

[24] *Die Bibel oder die ganze Heilige Schrift des Alten und Neuen Testaments,* nach der deutschen Übersetzung Martin Luthers, American Bible Society, New York.

ווײַטער ניצן מיר: לוטער.

[25] *The Holy Bible,* translated out of the original tongues, set forth in 1611 and commonly known as the King James version.

ווײַטער ניצן מיר: קינג דזשיימס.

[26] *The Holy Scriptures according to the Masoretic Text.* A new translation. The Jewish Publication Society of America, 1917.

ווײַטער ניצן מיר: מאַרגאָליס.

צײַט אַרויס: די תּנך־איבערזעצונג פֿון פֿראַנץ ראָזנצווײַגן און מאַרטין בובערן (אַרויס נאָר 15 ביכער ביז משלי) [27] און די תּנך־איבערזעצונג אונטער דער רעדאַקציע פֿון האַרי טאָרטשינער.[28] מיר וועלן אויך אַרײַנציִען צום פֿאַרגלײַך די אַמעריקאַנער איבערזעצונג פֿון תּנך אונטער דער רעדאַקציע פֿון פּאַוויס סמיט.[29]

מאַקס מאַרגאָליס, פֿראַנץ ראָזנצווײַג, מאַרטין בובער און סמיט האָבן באַרירט אַ סך פּראָבלעמען, וואָס יעדער איבערזעצער פֿון תּנך און אויך יהואָש האָט געמוזט זיך מיט זיי פֿאַרנעמען. עס איז צוליב דעם וויכטיק זיך מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען צו באַקענען.

מאַרגאָליס, וואָס האָט אָנגעשריבן אַן ערשטקלאַסיקע קורצע געשיכטע פֿון די איבערזעצונגען פֿון תּנך,[30] באַהאַנדלט אין איר די שוועריקייטן, אויף וועלכע יעדער תּנך־איבערזעצער שטויסט זיך אָן, און ער פֿירט אויס: די אַלגעמיינע מיינונג איז, אַז ווען מען קען גוט די שפּראַך פֿון אָריגינאַל איז מיט אַ ווערטערבוך אין דער האַנט לײַכט איבערצוזעצן. באמת אָבער ווײַזן אָן די גרעסטע מײַסטערס פֿון סטיל אויף דער שווערער אויפֿגאַבע פֿון איבערזעצער, און אינטערעסאַנט איז זייער מיינונג, אַז פּראָזע איז שווערער איבערצוזעצן ווי פּאָעזיע. קיין שום ווערטערבוך קאָן נישט אויסשעפּן דעם באַטײַט פֿון אַ וואָרט.[31] פֿאַרשטיין אַ פֿרעמדן טעקסט און אים איבערזעצן אין אַ ריינער און אידיאָמאַטישער פֿרײַער קאָמפּאָזיציע זײַנען צוויי פֿאַרשיידענע זאַכן. עס איז אַ פֿאַלשע מיינונג, אַז ווערטער פֿון איין שפּראַך קאָן מען לײַכט איבערזעצן אין ווערטער פֿון אַן אַנדער שפּראַך. וואָרטשפּילן קענען זייער זעלטן אימיטירט ווערן. נעמען פֿון פּערזאָנען קענען נישט איבערגעזעצט ווערן. אָבער פֿון דעסט וועגן קענען זיי אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים איבערגעגעבן ווערן, ווי למשל די תּנכישע נעמען אין די פֿאַרשיידענע גריכישע איבערזעצונגען. דער תּרגום השבֿעים האָט די העברעיִשע נעמען געגעבן גריכישע ענדונגען. געוויכט־ און מאָס־נעמען און אויך מטבעות ווערן אין די מערסטע איבערזעצונגען איבערגעגעבן אין זייער העברעיִשער באַצייכענונג. איין בײַשפּיל וועט זײַן גענוג: אין מלכים א, ז, 26 ווערט דערמאָנט אַ מאָס בת, וואָס מען ווייס נישט דעם הײַנטיקן עקוויוואַלענט דערפֿון. דער ים הנחושת וואָס שלמה המלך האָט געמאַכט האָט געהאַלטן צוויי טויזנט בת. אַזוי ווי די איבערזעצערס האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס וואָרט איבערצוזעצן האָבן זיי עס געלאָזט נישט־איבערגעזעצטערהייט, אָדער זיי האָבן אײנפֿאַך געשריבן ׳צוויי טויזנט מאָס׳ און נישט דערקלערט, וואָס פֿאַר אַ מאָס. דאָס זעלבע איז אויך מיטן וואָרט איפֿה. אַפֿילו מאַרגאָליס זעצט איבער, זכריה ה, 6 א״ו, איפֿה: measure. פֿון דער אַנדערער זײַט געפֿינען מיר אָפֿט אַז איבער־

---

[27] *Die Schrift,* zu verdeutschen unternommen von Martin Buber gemeinsam mit Franz Rosenzweig. Schocken-Verlag, Berlin.

ווײַטער ניצן מיר: בובער.

[28] *Die Heilige Schrift,* neu ins deutsche übertragen . . . herausgegeben von Harry Torczyner. Frankfurt a. M. 1935.

ווײַטער ניצן מיר: טאָרטשינער.

[29] *The Old Testament.* An American Translation. Edited by J. M. Powis Smith. The University of Chicago, 1927.

ווײַטער ניצן מיר: סמיט.

[30] Max L. Margolis, *The Story of Bible Translations.* Philadelphia, 1917.

[31] עס לוינט זיך דאָ צו ציטירן אַ גוט וואָרט פֿון הרבֿ קוק ז״ל. תּרגום, פֿלעגט הרבֿ קוק זאָגן, איז בגמטריא תּרדמה, ווײַל דער כּוח פֿון מקור ווערט אין דער איבערזעצונג אײַנגעדרימלט, ש. ניגער, „געלייענט און געשריבן״, דער טאָג, 5טער יוני, 1944.

זעצערס, ניט געפֿינענדיק קיין עקוויוואַלענטן פֿאַר ווערטער, ספּעציעל אויפֿן געביט פֿון אַרכעאָלאָגישע אַלטערטימער ווי קליידער אאַז״וו, האָבן מוטוויליק זיי געשילדערט מיט באַגריפֿן פֿון זייער צײַט. אַזוי למשל האָט עס געטון דער תּרגום השבֿעים, וואָס קליידער פֿון דער צײַט פֿון ישעיה הנבֿיא האָט ער גע־שילדערט ווי קליידער פֿון גריכנלאַנד פֿון זײַן צײַט.

עס טרעפֿט זייער אָפֿט, אַז דער איבערזעצער, וואָס זוכט אַן עקוויוואַלענט פֿאַר אַ העברעיִש וואָרט, זעט אַליין, אַז די איבערזעצונג האָט נישט צו טון בלויז מיט ווערטער, וואָס מען קאָן זיי פֿילאָלאָגיש דערקלערן, נאָר מיט גאַנצע ציוויליזאַציע־באַגריפֿן. למשל ווען דער העברעיִשער אָריגינאַל רעדט וועגן מחרים זײַן אַן עיר הנדחת (דברים יג, 16), ליגט אין דעם דער באַגריף פֿון הייליקן. דער רובֿ אָבער זעצט איבער דאָס וואָרט חרם מיט צעשטערן. ווען אין תּנך רעדט זיך וועגן מלחמה האַלטן ווערט געברויכט דאָס וואָרט קדש מלחמה (ירמיהו ו, 4; יואל ד, 9; מיכה ג, 6). איבערצוזעצן קדש מלחמה בלויז מיט צוגרייטן מלחמה הייסט אָפּשוואַכן דעם מקורדיקן באַטײַט פֿון וואָרט. קיין שום מאָדערנע איבערזעצונג פֿון וואָרט אשת חיל גיט נישט איבער זײַן מקורדיקן באַטײַט. אויך אין מאָדערנע שפּראַכן ווערן געשאַפֿן ווערטער וואָס זײַנען גאַנצע קולטור־באַגריפֿן און וואָס ווערן איבערגענומען פֿון אַנדערע שפּראַכן נישט־איבערגעזעצטערהייט ווי למשל: Kindergarten, Sport, Weltanschaung.

יעדער איבערזעצער שטייט על־כּן פֿאַר דער דילעמע ווי צו פֿאַראייניקן געטרײַשאַפֿט צום אָריגינאַל מיט געטרײַשאַפֿט צום גײַסט פֿון דער אייגענער שפּראַך. אַלע תּנך־איבערזעצונגען פֿון אַ מאָל און הײַנט געפֿינען זיך צווישן צוויי עקסטרעמען: צווישן די אינטערלינעאַרע איבערזעצונגען פֿון יעטוועדער וואָרט, כּמעט יעטוועדער טראַף (אין ייִדיש די גלאָסאַרן) און צווישן די פֿרײַע איבערזעצונגען, וואָס זײַנען מער קאָמענטאַרן ווי איבערזעצונגען. די גריכישע איבערזעצונג פֿון טעאָדאָציאָן און די ענגלישע איבערזעצונג פֿון 1611 (די רע־ווידירטע איבערזעצונג אָדער די ביבל פֿון קינג דזשיימס) האָבן אויסגעמיטן די דערמאָנטע צוויי עקסטרעמען.

יעדע איבערזעצונג איז על פּי הכּרח אַן אָפּגעקירצטער פּירוש. ווו דער מקור דערלויבט מערערע פּירושים, מוז דער איבערזעצער אויסקלײַבן איינעם פֿון זיי און פּסלען די אַנדערע. צוליב דעם זײַנען די בעלי־המשנה און בעלי־התּלמוד געווען קעגן איבערזעצן די תּורה. זיי האָבן געוואָלט אָפּהיטן אַלע מיגלעכע פּירושים צו דער תּורה (וכפּטיש יפוצץ סלע מה הפּטיש הזה מתחלק לכמה ניצוצות אף מקרא אחד יוצא לכמה טעמים, סנהדרין ל״ד, ע״א). די גאַנצע תּורה שבעל פּה איז דאָך געווען אָפּהענגיק פֿון די דאָזיקע פּירושים.

זייער אַ גרויסע צאָל פּסוקים אין תּנך, וואָס פֿון קדמונים קריגט מען זיך איבער זייער באַטײַט, לייענען זיך זייער גלאַט אין די איבערזעצונגען. למשל שירת דבֿורה אָדער דער שווערער פּרק סח אין תּהלים אאַז״וו. אַפֿילו אַ סך פּסוקים וואָס זײַנען אַרײַן אין אונדזערע תּפֿילות און וואָס מען חזרט זיי איבער יעדן טאָג עטלעכע מאָל, ווי למשל שמע ישׂראל, ווערן פֿאַרשיידן פֿאַרטײַטשט און די מפֿרשים זײַנען נישט אייניק איבער זייער באַטײַט.

עס איז איבעריק צו דערמאָנען דעם אונטערשייד אין ייִדישער און קריסט־לעכער אינטערפּרעטאַציע פֿון ערטער אין תּנך, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן משיחן. דער אונטערשייד איז נאָך געבליבן ביז הײַנט (פֿ״גל ישעיה ז, 14; ט, 5; זכריה יב, 10; תּהלים כב, 16 (17) א״אַ).

אַז דער טעקסט פֿון תּנך איז נישט הונדערט פּראָצענט בתּכלית השלמות און אַז עס איז דערלויבט דעם טעקסט צו קאָרעגירן, האָבן שוין אײַנגעזען רבנישע גראַ־מאַטיקערס פֿון מיטל־עלטער, און אַ סך אויסבעסערונגען שטאַמען פֿון זיי. קיין

שום איבערזעצער איז לכן נישט מחויבֿ איבערצושרײַבן דעם אָריגינאַל. אַ ייִדישער איבערזעצער איז טאַקע מחויבֿ נאָכצוגיין דעם מסורה־טעקסט, ער איז אָבער נישט אָן איינפּאַכער אָפּשרײַבער. ער מוז זיך באַמיִען צו מאַכן דעם העברעיִשן טעקסט פֿאַרשטענדלעך. ער איז צוליב דעם געצווּנגען צו באַנוצן אַרומשרײַבונגען, צו־צוגעבן אַ וואָרט אָדער צוויי, צו בײַטן די פּאָזיציע פֿון ווערטער אאַז״וו. בײַם אונטערשייד צווישן קרי און כּתיבֿ מוז אַ ייִדישע איבערזעצונג נאָכגיין דעם קרי.

דאָס זײַנען אָן ערך די פֿאָדערונגען וואָס מאַרגאָליס פֿאַרלאַנגט פֿון אַ ייִדישער איבערזעצונג פֿון תּנך.[32] די ייִדיש־ענגלישע איבערזעצונג פֿון תּנך איז געטרײַ געבליבן די פּרינציפּן וואָס איר רעדאַקטאָר האָט אויפֿגעשטעלט.

איבערזעצערס וואָס זעצן איבער וואָרט בײַ וואָרט זײַנען געווען ראָזנצווײַג און בובער, וואָס האָבן זיך באַמיט איבערצוגעבן דעם מקורדיקן באַטײַט פֿון יעט־ווערער וואָרט. ראָזנצווײַג האָט געשריבן, אַז מען מוז צוריק אַרויסגעפֿינען די גשמיותדיקע קדמון־באַטײַטן פֿון יעדער וואָרט, אויב מיגלעך פֿון דער העבּ־רעיִשער שפּראַך גופֿא און אויב נישט, מוז מען זיך באַמיִען זיי צו דערגיין פֿון קרובֿישע סעמיטישע שפּראַכן. חוץ דעם איז ראָזנצווײַג געקומען צו דער איבער־צײַגונג, אַז מען מוז בײַ דער איבערזעצונג פֿון תּנך אַרויסגיין נישט פֿון דעם געשריבענעם וואָרט, נאָר פֿון גערעדטן וואָרט. איידער דער תּנך איז פֿיקסירט געוואָרן שריפֿטלעך איז ער געווען אַ גערעדטע און רעציטירטע ליטעראַטור וואָס האָט גערעדט צום אויער און נישט בלויז צום אויג, און דאָס טאָר קיין שום איבערזעצער נישט פֿאַרגעסן. צוליב דעם האָבן ראָזנצווײַג און בובער געפּרוּווט איבערצוזעצן העברעיִשע סינאָנימען דורך פֿאַרשיידענע דײַטשע ווערטער. זיי האָבן אויך אויסגעמיטן איבערצוזעצן דאָס זעלבע העברעיִשע וואָרט דורך צוויי פֿאַרשיידענע דײַטשע ווערטער, לכל הפּחות אין אַ צונויפֿגעבונדענעם טעקסט.[33]

אין אַ בריוו צו יעקבֿ ראָזנהיימען, דעם אַרויסגעבער פֿון אָרטאָדאָקסישן וואָכנבלאַט איזראַעליט, האָט ראָזנצווײַג געשריבן, אַז ער האָט בײַ דער איבער־זעצונג זיך אָפּילו גערעכנט מיט דער הלכישער אינטערפּרעטאַציע פֿון תּנך און האָט טייל מאָל צוליב הלכישע מאָטיוון זיך געהאַלטן שטײַף בײַ דער ווערטער־לעכקייט פֿון תּנכישן טעקסט. אַזוי למשל האָט ראָזנצווײַג איבערגעזעצט דעם פּסוק: לנכרי תשיך לאחיך לא תשיך (דברים כ״ג, 21) מיט bezinsen, ווײַל נאָכן הלכישן מדרש ספרי איז דער פּסוק שייך צום לווה, ווײַל תשיך איז אַ הפֿעיל־פֿאָרעם און דער ספרי לערנט אָפּ פֿון דעם, אַז עס איז דעם לווה פֿאַרווערט צו געבן צינדזן. כאָטש עס איז פֿאַר יעדן איינעם קלאָר, אַז דאָ רעדט זיך וועגן מלווה און אַז דער פּסוק האָט אין זינען צו פֿאַרווערן דעם מלווה צו נעמען צינדזן, האָט אים ראָזנצווײַג אַזוי איבערגעזעצט, אַז ער זאָל האָבן ביידע באַטײַטן, בכדי נישט אָפּצוווײַכן פֿון דער טראַדיציע.[34]

צום פֿאַרגלײַך מיט יהואָשעס איבערזעצונג נעמען מיר נאָך אַרײַן די אַזוי אָנגערופֿענע אַמעריקאַנישע איבערזעצונג פֿון תּנך. די דאָזיקע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פֿון פּראָפֿעסאָרן פֿון אַמעריקאַנער טעאָלאָגישע קאָלעדזשן, אונטער דער רעדאַקציע פֿון פּאַוויס סמיט. די דאָזיקע איבערזעצונג איז כאַראַק־טעריסטיש מיט דעם, וואָס כאָטש זי איז באַזירט אויף דער קאָנסערוואַטיווער רעווידירטער ענגלישער איבערזעצונג פֿון 1611 האָט זי זיך גערעכנט מיט דער וויסנשאַפֿטלעכער טעקסטקריטיק פֿון תּנך און האָט צוליב דעם אַ סך שווערע

---

[32] מאַרגאָליס, דצ״וו, קאַפּיטל 8.

[33] Martin Buber und Franz Rosenzweig, *Die Schrift und ihre Verdeutschung*, Schocken-Verlag, Berlin, 1936, pp. 300, 322.

[34] דצ״וו, ז׳ 49.

פּסוקים פֿון תּנך איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער אופֿן ווי די מערסטע איבער־זעצונגען, וואָס זײַנען געטרײַ געבליבן דער מסורה. זי איז אויך כאַראַקטעריסטיש מיט דעם וואָס זי האָט געביטן די אַרכאַישע אויסדרוקן פֿון דער אַלטער ענגלישער איבערזעצונג אויף מאָדערנע.[35]

בכדי אָפּצושאַצן דעם עקזעגעטישן און איבערזעצערישן ווערט פֿון יהואָשעס ווערק, האָבן מיר באַשלאָסן צו אַנאַליזירן לענגערע פּאָעטישע שטיקער פֿון זײַן איבערזעצונג און זיי פֿאַרגלײַכן מיט די איבערזעצונגען פֿון די אויבן דערמאָנטע מחברים. אַזאַ אַנאַליז וועט אונדז קלאָר מאַכן די פּראָבלעמען, מיט וועלכע יהואָש האָט געהאַט צו קעמפֿן בײַ זײַן אַרבעט און וועט אונדז מעגלעך מאַכן צו שטודירן זײַנע אַרבעט־מעטאָדן. מיר וועלן נאָכגיין יהואָשן בײַ דער אַרבעט פּסוק נאָך פּסוק.

מיר האָבן אויסגעקליבן צום אַנאַליזירן דאָס ווײַטערדיקע: פֿון חומש: בראשית מט, 3—27 (די ברכת יעקבֿ); פֿון נבֿיאים: דאָס באַקאַנטע קאַפּיטל ישעיה מ; פֿון כּתובֿים: דאָס זייער שווערע קאַפּיטל תּהלים סח, דאָס קאַפּיטל א פֿון שיר השירים און קאַפּיטל א פֿון קהלת.

חוץ די דערמאָנטע מאָדערנע איבערזעצונגען פֿון מאַרגאָליסן, בובערן און טאָרטשינערן האָבן מיר נאָך אַרײַנגענומען צום פֿאַרגלײַך אַ גרויסע צאָל אַלטע און מאָדערנע קאָמענטאַרן און איבערזעצונגען.

מיר האָבן אויך באַנוצט די הערות צום תּנך (אין אונדזער אַרבעט ציטירט: הערות) וואָס יהואָש האָט איבערגעלאָזט אין כּתבֿ־יד און וואָס זײַן טאָכטער חוה יהואָש־דוואָרקין און איידעם בען דוואָרקין זײַנען געווען אַזוי פֿרײַנדלעך צו שטעלן אין אונדזער רשות.[36]

צוליב טעכנישע טעמים גיבן מיר די פּסוקים, ווי אויך די איינצלנע העב־רעיִשע ווערטער בײַם אָרומריידן די פּסוקים, אָן דעם ניקוד. דאָרט ווו עס איז נייטיק צו דער הסברה גיבן מיר דאָס שײַכדיקע וואָרט מלא און מיר ווײַזן אָן דעם בנין.

דער אויסלייג פֿון די ציטאַטן וואָס מיר ברענגען אין דער אַרבעט איז מאָ־דערניזירט.

די דאָזיקע אַרבעט האָב איך געשריבן ווינטער 1943/1944 אַ דאַנק דער אָנרעגונג פֿון ייִוואָ. צוגעקומען זײַנען מערניט קליינע שינויים און הוספֿות.

עס איז פֿאַר מיר אַן אָנגענעמער חובֿ אויסצודריקן אַ דאַנק ד״ר שלמה גאָלדמאַנען פֿון שיקאַגאָ פֿאַר אַ סך אָנווײַזונגען.

די אַרבעט איז דערמיגלעכט געוואָרן אַ דאַנק אַ ספּעציעלער סובסידיע פֿון דעם „לויִס לאַמעד־פֿאָנד פֿאַר אונדזער ליטעראַטור אין ייִדיש שפּראַכן".

בראשית מט

3. ראובן בכרי אתה כחי וראשית אוני יתר שאת ויתר עז.

ראובֿן, מײַן בכור ביסטו, מײַן כּוח און מײַן ערשטע קראַפֿט, די פּער פֿון גרויסקייט, און די פּער פֿון מאַכט.

וראשית אוני — מײַן ערשטע קראַפֿט. יהואָש זעצט איבער די צוויי ווער־

[35] זען הקדמה צו דער איבערזעצונג.

[36] די דאָזיקע הערות זײַנען שוין אַרויס פֿון דרוק, ניו־יאָרק, תּש״י. די אַרויסגעבערס האָבן די הערות רעדאַקטירט, און דעריבער זײַנען פֿאַראַן קליינע אונטערשיידן צווישן דעם טעקסט ווי איך האָב אים קאָפּירט פֿונעם אָריגינאַל, און דעם טעקסט אין געדרוקטן בוך.

טער וואָס זײַנען אַ סמיכות ווי אַ „דערקלערנדיקער געניטיוו".[37] דבֿרים כא, 17 זעצט איבער יהואָש וראשית אונו — דער ערשטלינג פֿון זײַן קראַפֿט, אַזוי ווי לוטער. אַלע אַנדערע איבערזעצונגען זײַנען דאָ און אין דברים גלײַך, חוץ טאָר־טשינער וואָס זעצט דאָ איבער: meiner Stärke Bestes און אין דבֿרים כא, 17: das Erste seiner Kraft.

יתר — פּער. דאָס איז זעלבע ווי דאָס ענגלישע וואָרט excellency מיט וועלכן קינג דזשיימס און מאַרגאָליס זעצן איבער.

שאת — גרויסקייט. דאָס איז די טראַדיציאָנעלע איבערזעצונג.[38] זען די מפֿרשים אויפֿן אָרט. אַזוי זעצן איבער אויך לוטער און קינג דזשיימס. אַ סך מאָדערנע איבערזעצערס זעצן עס איבער זייער פֿרײַ. סמיט זעצט איבער: Excessively proud and excessively fierce, בובער זעצט איבער עטימאָלאָגיש: Ragende Würde, ragende Macht. ער נעמט די ווערטער אויף ווי אַ „דער־קלערנדיקער געניטיוו".

4. פּחז כמים אל־תותר כי עלית משכבי אביך אז חללת יצועי עלה.

ביסט אײַליק ווי וואַסער — זאָלסטו די פּער נישט זײַן; ווײַל דו ביסט אויף דײַן פֿאָטערס געלעגער אַרויף; דענסמאָל האָסטו עס פֿאַרשוועכט — מײַן בעט אַווו ער איז אַרויף.

פּחז — ביסט אײַליק. יהואָש גייט נאָך די אַלטע ווערסיעס וואָס לייענען דאָ: פּחזת.[39]

[הערות, ז׳ 14] אז חללת יצועי עלה, דענסמאָל האָסטו עס פֿאַרשוועכט — מײַן בעט אַווו ער איז אַרויף. פֿון צווייטער פּערזאָן גייט ער איבער צו דריטער, ווי אָפֿט אין תּנך. אָדער: דענסמאָל האָסטו אַ פֿאַרשוועכונג באַגאַנגען (אָדער: זיך פֿאַרשוועכט; וועגן פּיעל־פֿאָרעם אין דעם זין פֿון אינטראַנזיטיוו אָדער התפּעל... זע תּהלים י, 3, כי הלל רשע; שיר השירים ז, 13, פּתּח), דו וואָס ביסט אויף מײַן בעט אַרויף. וועגן דעם געברויך פֿון דער דריטער פּערזאָן (עלה) אויף איינעם צו וועלכן מען רעדט, זע מיכה א, 2; ג, 3, 9; צפניה ב, 12 און אַנדערע ערטער (זע אָנמערקונג ישעיה כב, 16 [40] און עובדיה [41] א, 7). נאָך בעסער וואָלט געווען ווען מען זאָל דערצו לייענען חוללת, דענסמאָל ביסטו פֿאַרשוועכט געוואָרן, דו וואָס ביסט אויף

[37] *Gesenius' Hebrew Grammar* as edited and enlarged by the late E. Kautzsch, Second English Edition, Revised by A. E. Cowley, Oxford, 1910, 128, p. 417

ווײַטער וועלן מיר דעם מקור ציטירן אונטער: געזעניוס־ק.־ק.

[38] זען אבן עזרא, „ראוי היית ליתרון על הכל שתהיה נשא;"

Genesis, übersetzt und erklärt von Herman Gunkel (Handkommentar . . . W. Nowack), 479 (ווײַטער ניצן מיר: גונקעל). *Wilhelm Gesenius' Hebräisches und Aramäisches Wörterbuch über das Alte Testament,* bearbeitet von Franz Buhl, 7te Auflage, Leipzig, 1921, 777 — שאת (ווײַטער ציטירט אונטער: געזעניוס־ב.).

[39] *Biblia Hebraica* . . . ed. Rud. Kittel, Textum Masoreticum curavit P. Kahle, Stuttgart, 1937 (ווײַטער ניצן מיר: קיטעל־קאַהלע).

פֿ"גל אויך אבן עזרא, בעבור שפּחזת.

[40] יהואָש שרײַבט דאָרט: „חצבי מרום קברו, דו וואָס האָסט אויסגעהאַקט אין דער הייך דײַן קבֿר. דער רעלאַטיוו־זאַץ, באַציִענדיק זיך אויף דער צווייטער פּערזאָן, נעמט אין העברעיִש אָן די דריטע פּערזאָן, דאָרט ווו מיר געברויכן די צווייטע, זע עובדיה פּסוק 3—7".

[41] יהואָש שיקט דאָרט אָפּ צו זײַן פֿריִערדיקער הערה.

מײַן בעט אַרויף. סעפּ[טואַגינטאַ] און פּש[יטאַ] האָבן קענטיק געלייענט עלית, און דער איבערזעץ וואָלט זײַן פּשוט: דענסמאָל האָסטו פֿאַרשוועכט מײַן בעט ווו דו ביסט אַרויף. איניקע ווילן לייענען חללתי,[42] דענסמאָל האָב איך פֿאַרשוועכט (ד״ה אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זײַן גדולה אָדער ראַנג; וועגן דעם דאַזיקן באַטײַט זע יחזקאל כח, 16) דעם וואָס איז אויף מײַן בעט אַרויף. גייגער[43] און אַנדערע נאָך אים ענדערן: אז חללת יצועי בלהה, דענסמאָל האָסטו בלההס בעט פֿאַרשוועכט (זע קאַפּ׳ לה, 22). לויט איניקע (זע האוצר, ש. י. פֿין)[44] זאָל עלה זײַן אַזוי ווי אין פֿעניקיש אַ בעט. אויב מען זאָל דערצו באַטראַכטן דעם „י״ פֿון יצועי ניט ווי קיין סופֿיקס נאָר ווי די עלטערע פֿאָרעם פֿון דעם סובסטאַנטיוו (פֿאַרגלײַך דברתי, תּהלים קי, 4; מקימי, תּהלים קיג, 7 א״אַ) וועט דער איבערזעץ זײַן: דענסמאָל האָסטו פֿאַרשוועכט דאָס געלעגער פֿונעם בעט (אָדער: דעם אויסבעט פֿונעם געלעגער).[45]

5. שמעון ולוי אחים כלי חמס מכרתיהם.

שמעון און לוי זײַנען ברידער, וואָפֿן פֿון רויב זײַנען זייערע לײַב־קרובֿים.

[הערות, ז׳ 15] מכרתיהם, זייערע לײַב־קרובֿים (געגנויער: זייער קרובֿישאַפֿט אָדער פֿאַר־וואַנדטשאַפֿט; זע יחזקאל טז, 3) אַזוי טײַטשט אויס רשבם.[46] פֿראַנץ דעליטש וויל דאָס וואָרט מיחס זײַן צו דעם אַשורישן כּרו, האַקן, און עס זאָל באַטײַטן „אַ וואָפֿן״.[47] לויט דעם וועט דער איבערזעץ זײַן: כּלי־זין פֿון רויב זײַנען זייערע וואָפֿן. די עלטערע מפֿרשים[48] (מדרש רבה, מדרש תּנחומא, רשי און אַנדערע) פֿאַסן אויף דאָס וואָרט ווי דאָס גריכישע מאַכאַיראַ, שווערד, אָבער די השערה ווערט פֿאַרוואָרפֿן פֿון די מערסטע פֿאָרשער״.[49]

6. בסדם אל־תבא נפשי בקהלם אל־תחד כבדי כי באפם הרגו איש וברצנם עקרו־שור.

אין זייער באַראָט זאָל ניט קומען מײַן זעל, צו זייער געזעמל זאָל מײַן כּבֿוד ניט צושטיין; וואָרעם אין זייער כּעס הרגען זיי אַ מענטשן, און אין זייער גוטמוט פֿאַרקריפּלען זיי אַן אָקס.

[הערות, ז׳ 15] אל תחד כבדי זאָל מײַן כּבֿוד ניט צושטיין (געגנוי: זײַן איינס דערמיט). אויפֿפֿאַליק איז דער ווײַבלעכער פּרעפֿיקס פֿון תחד, בעת כּבֿוד איז אומעטום אין תּנך מענלעך.[50]

---

[42] סמיט לייענט טאָקע: חללתי.

[43] זען א. גייגער, המקרא ותרגומיו, בזיקתם להתפתחותה הפנימית של היהדות, ז׳ 240.

[44] באַנד 3, ז׳ 444.

[45] סאַלאָמאָן גאָלדמאַן, אין זײַן בוך: *The Book of Human Destiny: In the Beginning,* New York, 1949, זעצט איבער: You defiled him who went up to my couch. ער לייענט: אז חללת, יצועי עלה — דו האָסט פֿאַרשוועכט דעם, וואָס איז אַרויף אויף מײַן בעט (ווײַטער ניצן מיר: גאָלדמאַן).

[46] זען פּירוש רשבם אויף חומש, אויסגאַבע פֿון דוד ראָזין, ברעסלע, 1881, ז׳ 71.

[47] זען געזעניוס־ב., מכרה, ז׳ 423.

[48] נישט נאָר די עלטערע מפֿרשים, נאָר אויך מאָדערנע ביז לוצאַטאָן. זען אויך:

Das erste Buch der Thora—Genesis, übersetzt und erklärt von Benno Jacob, Schocken-Verlag, Berlin, 1934, 896.

ווײַטער ניצן מיר: יאַקאָב.

[49] זען גייגער, דצ״וו, ז׳ 241.

[50] דער רד״ק האָט די שוועריקייט באַמערקט. ער שרײַבט: ואמר תחד לשון נקבה כי הכבוד הוא הנפש, זען רד״ק אויפֿן אָרט. דאָס איז שוין די אויפֿפֿאַסונג פֿון אבן ג׳נאח, וואָס

סײַדן מע זאָל, אַזוי ווי שד״ל [51] און אַנדערע, דעם „תּ״ באַטראַכטן פֿאַר דעם פּרעפֿיקס פֿון צווייטער פּערזאָן מענלעך, און איבערזעצן: זאָלסטו, מײַן כּבוד, נישט צושטיין. פֿיל פֿון די נײַע לייענען כבדי, מײַן לעבער,[52] וואָס איז אין אַראַביש און אַשוריש דער סינאָנים פֿון נפֿש,[53] זעל (אַזוי ווי לב, האַרץ, דער אויסדרוק עד לב השמים, ביזן האַרצן, אָדער מיטן פֿון הימל, האָט אין אַראַביש זײַן עקוויוואַלענט אין אילאַ כּביד־ס־סמאַאי, ביזן לעבער פֿון הימל). אַזוי ענדערן זיי אויך דאָס וואָרט כבודי, תּהלים טז, 9 (זע אָנמערקונג דאָרטן),[54] אין כבדי. דערמיט ווילן זיי אויך פֿאַרענטפֿערן די פֿעמינין־פֿאָרעם, וואָרעם הגם כבד איז אין תּנך תּמיד מענלעך, געפֿינט מען עס אָבער אין משנה ווײַבלעך (הכבד אוסרת, תרומות י, יא) אַזוי ווי אין אַראַביש.[55]

צו די דערמאָנטע דערקלערונגען פֿון יהואָשן איבער דער פֿעמינין־פֿאָרעם פֿון תחד קאָן מען נאָך צוגעבן די ווײַטערדיקע וואָס זעען אויס צו זײַן ריכטיקע: אַז צוליב דער אַנאַלאָגיע מיט דעם ווערב אין דעם ערשטן פּערז בסדם אל־תבא נפשי, וואָס איז פֿעמינין, האָט דער דיכטער באַנוצט אַ פֿעמינין־פֿאָרעם אויך אין צווייטן פּערז, כאָטש עס איז קעגן די גראַמאַטיקאַלישע געזעצן. דאָס איז אַן אָפּטע דערשײַנונג אין תּנך. עס לוינט צו ציטירן צוויי מיינונגען וועגן דער דאָזיקער פּראַגע: בנימין מנשה לוין שרײַבט: דבר טבעי הוא ששני שמות או פעלים הבאים יחד בדבור זה אחר זה או זה לעומת זה שלפעמים יטה האחד את חברו מחוקי הדקדוק כדי להתאימו אליו בהברת המבטא.[56] און דוד ילין שרײַבט צו דער דאָזיקער פּראַגע: בתנך הננו מוצאים לפעמים מלים שלא כצורתן הנכונה עפ״י חוקי הלשון וזה רק כדי להשוותן בצורתן אל התנועות או אל צורות המלים שעל ידן.[57]

[הערות, ז׳ 15] עקרו־שור — פֿאַרקריפּלען זיי אַן אָקס. דער אייגנטלעכער באַטײַט פֿון עקר איז דורכשנײַדן דעם הינטאָדער פֿון דער בהמה כּדי זי צו ליימען אָדער פֿאַרקריפּלען.[58] דער חדרשער אויסטײַטש (זע יהושוע יא, 6) איז געווען, אויסרײַסן.

שרײַבט אין ספר השרשים (אויסגאַבע באַכער, ז׳ 210): וכמהו אל תחד כבודי כנוי לנפש. ד״ה, אַז כּבֿוד איז אַ סינאָנים אָדער אַ מעטאָנים פֿאַר נפֿש.

[51] זען חמשה חומשי תורה, מתורגמים איטלקית ומפורשים עברית עם הקדמה איטלקית מלאכת שד״ל זצ״ל. ספר בראשית שנת התרל״א. שד״ל באַמערקט צו אל תחד: לנכח כמו האזינו השמים ותשמע הארץ. און ער זעצט עס אויך איבער: non ti unire.

[52] שוין דער תּרגום השבֿעים לייענט דאָ: אל יחר כבדי — זאָל מײַן לעבער נישט צערנען. זען קיטעל־קאַהלע.

[53] Eduard König, *Historisch — Comparative Syntax der hebräischen Sprache.* § 248i, p. 162.

[54] דאָס זײַנען די דרײַ הערות פֿון יהואָשן אויפֿן וואָרט כּבֿוד: אין תּהלים טז, 9: „כבודי — מײַן זעל. דאָס וואָרט וואָס מיינט אייגנטלעך פּראַכט, כּבֿוד, ווערט דאָ און אין אַנדערע ערטער אין תּהלים געברויכט ווי אַ סינאָנים פֿאַר גײַסט און זעל״; תּהלים ל, 13: „למען יזמרך כבוד, דרום וועט דיך באַזינגען די זעל״. תּהלים נז, 9: „כבודי, מײַן זעל, אָדער מײַן לויבגעזאַנג״. זען אויבן, הערה 50.

[55] זען גייגער, דצ״וו, ז׳ 206; זען אויך:

M. Jastrow, "The Liver as the Seat of the Soul," *Studies in the History of Religion presented to C. H. Toy*, pp. 143-168.

[56] בנימין מנשה לוין, זוג המלים בתנך, מהדורה שלישית (חיפה, תּרפּא), ז׳ 1.

[57] דוד ילין, לתורת המליצה בתנך, כתבים נבחרים, ב (ירושלים, תּרצט), 134.

[58] טאָרטשינער זעצט טאַקע איבער: in Übermut durchschnitten sie des Stieres Sehnen.

7. ארור אפם כי עז ועברתם כי קשתה אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל.

פאַרשאָלטן זייער כּעס, ווײַל ער איז שטאַרק, און זייער צאָרן, ווײַל ער איז האַרט! איך וועל זיי צעטיילן אין יעקבֿ, און זיי צעשפּרייטן אין ישׂראל.

קשתה — ער איז האַרט און נישט איז האַרט געוואָרן. קשתה איז פּאַראַלעל צו עז. פּ"גל געזעניוס־ק.־ק., 106, ז' 311.

8. יהודה אתה יודוך אחיך ידך בעורף אויביך ישתחוו לך בני אביך.

יהודה, דיך וועלן לויבן דײַנע ברידער, דײַן האַנט וועט זײַן אויפֿן נאַקן פֿון דײַנע פֿײַנט, די זין פֿון דײַן פֿאָטער וועלן זיך בוקן צו דיר.

אתה יודוך אחיך — דיך וועלן לויבן דײַנע ברידער, און נישט: דו, דײַנע ברידער וועלן דיך לויבן. פּ"גל געזעניוס־ק.־ק., 135, ז' 438. יהואָש זעצט איבער דעם פּסוק אין עתיד, אַזוי ווי מאַרגאָליס און סמיט. בובער און טאָרטשינער זעצן איבער דעם פּסוק אין הווה. פּ"גל געזעניוס־ק.־ק., 107, ז' 315.

9. גור אריה יהודה מטרף בני עלית כרע רבץ כאריה וכלביא מי יקימנו.

אַ יונגער לייב איז יהודה; פֿון פֿאַרציקונג, מײַן זון, ביסטו אויפֿגעוואַקסן; ער קניט, ער הויערט ווי אַ לייב, און ווי אַ לייבינטע — ווער קען אים אויפֿרייצן?

מטרף בני עלית — פֿון פֿאַרציקונג, מײַן זון, ביסטו אויפֿגעוואַקסן. אַזוי דערקלערן אויך אַלטע און מאָדערנע מפֿרשים. זען אבן ג'נאח, ספר הרקמה: מטרף בני עלית — גדלת ורבית. פּ"גל אויך רד"ק צום פּסוק.[59] ענלעך זעצט איבער גונקעל: vom Raub mein Sohn, wardst du gross. די דאָזיקע דערקלערונג איז קעגן דער דרש־דערקלערונג פֿון רשי, וואָס גייט צוריק אויפֿן תּרגום און וואָס מען פֿלעגט לערנען אין חדר. לויטן פּשט דערקלערן אויך דער רשבם און אבן עזרא. דער רשבם דריקט זיך אַפֿילו דאָ אויס: והמפרשו במכירת יוסף לא ידע פשוטו של פסוק, ד"ה אַז דער וואָס דערקלערט אַז די ווערטער „מטרף בני עלית" באַציִען זיך אויף מכירת יוסף האָט נישט פֿאַרשטאַנען דעם פּשט פֿון פּסוק. פּ"גל אויך דעת זקנים מבעלי התוספות, אויפֿן אָרט: על ידי טרף נעלית.

כרע רבץ — ער קניט, ער הויערט, אין הווה, פּ"גל געזעניוס־ק.־ק., 106, ז' 311.

לביא — לייבינטע. אַזוי זעצן אויך איבער תּרגום אונקלוס, וואולגאַטאַ, לוטער, מאַרגאָליס, בובער און טאָרטשינער. קינג דזשיימס זעצט איבער: לביא — אַן אַלטער לייב, ווײַל לביא איז מין זכר. אַזוי זעצן איבער גונקעל, מאָפֿאַט[60] און סמיט. דער תּרגום השבֿעים זעצט איבער: לביא — אַ יונגער לייב.[61]

מי יקימנו — ווער קען אים אויפֿרייצן. פּ"גל רשבם: לא יבוא אויב להחרידך ולהקימך ממקומך. ענלעך זעצן איבער מאַרגאָליס, בובער און טאָרטשינער.

---

[59] גאָלדמאַן זעצט איבער ווי דער רד"ק: .On prey, my son, you have grown strong

[60] *The Holy Bible containing the Old and New Testaments.* A new translation by James Moffat (ווײַטער ציטירט: מאָפֿאַט).

[61] Theodor Nöldecke, *Beiträge zur semitischen Sprachwissenschaft,* Strassburg, 1904, 70, no. 10.

10. לא יסור שבט מיהודה ומחקק מבין רגליו עד כי יבא שילה ולו יקהת עמים.

ניט אָפּגעטאָן וועט ווערן אַ צעפּטער פֿון יהודה, און אַ הערשערשטאָק פֿון צווישן זײַנע פֿיס, ווי לאַנג מע וועט קומען קיין שילו; און צו אים וועלן פֿעלקער געהאָרכן.

שילה — שילו. דער כּתיבֿ איז שילה. דער קרי איז שילו. יהואָש גייט נאָך אין דער איבערזעצונג דעם קרי. עד כי יבא שילה — ווי לאַנג מע וועט קומען קיין שילו. אַזוי זעצט אויך איבער מאַרגאָליס. פֿ״גל געזעניוס־ב., II, b עד, ז׳ 563. פֿ״גל אויך יאַקאָב, צום פּסוק. יהואָשעס איבערזעצונג פֿון שילה איז אַ טראַדיציאָנעלע, כאָטש קעגן דרש. אבן עזרא און רשבם דערקלערן שוין אַז אונטער שילה מיינט מען די שטאָט שילה און יבא שילה מיינט: קומען נאָך שילה. אַזוי זעצט אויך איבער מאַרגאָליס. בובער האַלט זיך בײַם דרש און דערקלערט שילה — שלו, וועמען עס קומט. ער זעצט איבער: bis erscheint Demszukommt. עס לוינט זיך צו באַמערקן אַז דער דאָזיקער פּסוק איז איינער פֿון די שווערסטע אין תּנך.[62] די קריסטלעכע קירך האָט דעם פּסוק געטײַטשט אויף ישון.[63]

ולו יקהת עמים — און צו אים וועלן פֿעלקער געהאָרכן. אַזוי זעצט איבער תּרגום אונקלוס: ולה ישתמעון עממיא. פֿ״גל משלי ל, 17: יקהת אם. רשי דערקלערט: יקהת עמים — אסיפת עמים. דאָס רובֿ איבערזעצערס גייען נאָך אונקלוסן. קינג דזשיימס זעצט איבער ווי רשי: and unto him shall the gathering of the people be.[64]

11. אסרי לגפן עירו ולשרקה בני אתונו כבס ביין לבשו ובדם ענבים סותו.

ער בינדט צום ווײַנשטאָק זײַן יונגאייזל, און צום ווײַנצווײַג דעם זון פֿון זײַן אייזעלין. ער וואַשט אין ווײַן זײַן קלייד, און אין בלוט פֿון טרויבן זײַן בגד.

כבס — ער וואַשט, אין הווה. זען געזעניוס־ק.־ק., 106, ז׳ 311. זען אויך רשבם: הרבה לשון פעל מתפשטים לשון פועל (בראשית מט, 4).

סותו — זײַן בגד. אַזוי זעצט שוין איבער דער תּרגום השבֿעים. פֿ״גל אויך רשי און רשבם אויפֿן פּסוק און געזעניוס־ב., סות, ז׳ 540.

12. חכלילי עינים מיין ולבן־שנים מחלב.

גערויטיקט די אויגן פֿון ווײַן, און ווײַס די ציינער פֿון מילך.

חכלילי — גערויטיקט. אַזוי זעצט שוין איבער דער תּרגום אונקלוס. פֿ״גל אויך געזעניוס־ב., חכלילי, ז׳ 229. לויטן תּרגום השבֿעים און דער וווּלגאַטאַ מוז

---

[62] יאַקאָב שרײַבט וועגן: עד כי יבוא שילה, אַז דאָס איז: die umstrittenste Stelle des ganzen Buches. פֿ״גל אויך גאָלדמאַן, ז׳ 826.

[63] Adolf Poznanski, *Schilo, ein Beitrag zur Geschichte der Messias-Lehre,* 1904.

[64] וועגן רשיס השפּעה אויף דער ענגלישער איבערזעצונג פֿון תּנך, קינג דזשיימס, זען: E. I. J. Rosenthal, *Rashi and the English Bible,* Bulletin of the John Rylands Library, Manchester, vol. 24, No. 1, April 1940, 138 ff; S. Zeitlin, "Rashi," *American Jewish Year Book,* vol. 41 (1939-1940), 138.

מען דעם פּסוק איבערזעצן: די אויגן פֿינקלען מער ווי ווײַן און די ציין זײַנען ווײַסער פֿון מילך. אַזוי זעצט איבער אויך סעדיה גאָון, ווײַל ווי יאַקאָב דערקלערט, די ציין זײַנען ווײַס פֿון דער נאַטור, צוליב דעם קאָן לבן־שנים נאָר באַטײַטן: די ציין זײַנען ווײַסער פֿון מילך, און אויך די ערשטע העלפֿט פֿון פּסוק מוז אַזוי באַטײַטן: די אויגן זײַנען פֿינקלדיקער פֿון ווײַן.[65] קינג דזשיימס און טאָרטשינער זעצן איבער: מיין — מיט ווײַן און מחלב — מיט מילך, פּונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען: ביין און בחלב. אַזוי דערקלערט עס שוין דער רמבן אויפֿן אָרט.[66]

13. זבולן לחוף ימים ישכון והוא לחוף אנית וירכתו על־צידן.

זבֿולון וועט וווינען בײַם באָרטן פֿון ימען, און ער וועט זײַן אַ באָרטן פֿאַר שיפֿן און זײַן לענד איבער צידון.

והוא לחוף אנית — און ער וועט זײַן אַ באָרטן פֿאַר שיפֿן. ענלעך זעצן אויך איבער מאַרגאָליס און גאָלדמאַן. לויט זייער איבערזעצונג דאַרף מען זיך דעם פּסוק פֿאָרשטעלן ווי עס וואָלט געשטאַנען: והוא יהיה חוף לאניות. בובער זעצט איבער לחוף אניות ווי אַ דערקלערונג פֿון לחוף ימים: ja nah der Schiffe Gestad.[67]

14. יששכר חמר גרם רבץ בין המשפתים.

ישׂשׂכר איז אַ ביינִיקער אייזל, ער הויערט צווישן די שאָפֿגעהעפֿטן. חמר גרם — אַ ביינִיקער אייזל. אַזוי זעצן איבער אַקווילאַ, די ווולגאַטאַ און די מיטל־עלטערישע מפֿרשים. פֿ״גל אויך געזעניוס־ב., גרם, ז׳ 148.[68]

בין המשפתים — צווישן די שאָפֿגעהעפֿטן. זען רד״ק צו שופטים ה, 16: המשפתים והם מערכות וגדרות הצאן.[69] פֿ״גל געזעניוס־ב., משפתים, ז׳ 473.

15. וירא מנוחה כי טוב ואת־הארץ כי נעמה ויט שכמו לסבל ויהי למס־עבד.

און ער האָט געזען די רו, אַז זי איז גוט, און דאָס לאַנד, אַז עס איז ליב, האָט ער געבויגן זײַן רוקן צו טראָגן, און איז אַ צינדזקנעכט געוואָרן.

יהואָש נעמט אויף דאָס וואָרט טוב ווי אַן אַדיעקטיוו צו מנוחה כאָטש עס וואָלט געדאַרפֿט זײַן טובה ווײַל מנוחה איז לשון נקבֿה. לוטער, קינג דזשיימס און מאַרגאָליס זעצן איבער ווי יהואָש. בובער און טאָרטשינער נעמען עס אויף ווי אַ סובסטאַנטיוו. בובער זעצט איבער כי טוב: dass sie ein Gut. טאָרטשינער זעצט איבער: ein gutes Ding. פֿ״גל געזעניוס־ב., טוב, ז׳ 273; יאַקאָב, 914.

---

[65] זען יאַקאָב, ז׳ 910 א״וו. זען אויך אבן עזרא צום פּסוק.

[66] דער רמבן שרײַבט: ... כי כאשר אחרים כוחלים אותם בפוך... כן יכחול אותם הוא ביין וכמו שהאחרים מלבנים שניהם בתמרוקים כן ילבן אותם בחלב. זען אויך גאָלדמאַן.

[67] נאָך בובערן איז דער „ל״ פֿון לחוף אַ פּרעפּאָזיציע. זען געזעניוס־ק.־ק., 199, ז׳ 381.

[68] לויט ש. י. פֿייגין באַטײַט חמור גרם — אַ קאַסטרירטער אייזל. זען "Hamor Garim, 'Castrated Ass'," *Journal of Near Eastern Studies*, V (1946), 230 ff.

[69] אין זײַן פּירוש צו בראשית דערקלערט דער רד״ק: משפתים והם המשאות שנושא, ד״ה די משׂאות וואָס דער שטאַרקער (ביינִיקער אייזל) טראָגט.

16. דן ידין עמו כאחד שבטי ישראל.

דן וועט זיך אָננעמען פֿאַר זײַן פֿאָלק, ווי איינער פֿון די שבֿטים פֿון ישׂראל. דן ידין — דן וועט זיך אָננעמען און נישט: דן זאָל זיך אָננעמען. אַזוי זעצט איבער אויך לוטער. קינג דזשיימס זעצט איבער: Dan shall judge. אַזוי זעצן אויך איבער גונקעל און מאַרגאָליס. פֿ״גל געזעניוס־ק.־ק., 109, ז׳ 323.

ידין עמו — זיך אָננעמען פֿאַר זײַן פֿאָלק. פֿ״גל משלי לא, 9: שפט צדק ודין עני ואביון. בובער זעצט איבער ווי יהואָש: Dan, dient um Recht seinem Volk. אַנדערע זעצן איבער: ידין — וועט מישפּטן. פֿ״גל מאַרגאָליס, סמיט און יאַקאָב, צום פּסוק.

כאחד שבטי ישראל — ווי איינער פֿון די שבֿטים פֿון ישׂראל. דאָס איז די פּשוטע וואָרט בײַ וואָרט־איבערזעצונג. אַ סך זעצן איבער מיט מער באַטאָנונג. לוטער: wie ein ander Geschlecht in Israel; גונקעל: wie irgend einer der Stämme Israels; בובער: wie nur einer von Israels Stämmen.

17. יהי־דן נחש עלי־דרך שפיפן עלי־ארח הנשך עקבי־סוס ויפל רכבו אחור.

דן וועט זײַן אַ שלאַנג אויפֿן וועג, אַ האָרנשלאַנג אויפֿן שטעג, וואָס בײַסט די טריט פֿון דעם פֿערד, און זײַן רײַטער פֿאַלט אַ הינטער.

יהי דן — דן וועט זײַן און נישט: דן זאָל זײַן, ווי דער תּרגום השבֿעים און אַנדערע זעצן איבער, כאָטש יהי איז אַ ציווּי. זען אויבן, פּסוק 16. פֿ״גל געזעניוס־ק.־ק., 109, ז׳ 323. דער שומרונישער נוסח האָט דאָ: יהיה דן.

שפיפן — האָרנשלאַנג. זען געזעניוס־ב., שפיפן, ז׳ 857. אין חדר האָט מען שפיפן איבערגעזעצט: פּיפּערנאָטער. זען שלמה נאָבל, חומש־טײַטש (ניו־יאָרק, יִוואָ, 1943), נומער 278.

18. לישועתך קויתי יהוה.

אויף דײַן הילף, גאָט, טו איך האָפֿן.

קויתי — טו איך האָפֿן. פֿ״גל געזעניוס־ק־ק., 106, ז׳ 311. וואָס אָן איבער־זעצער קאָן מאַכן פֿון אַ פּסוק קאָן מען זען פֿון בובערס איבערזעצונג פֿון אונדזער פּסוק. אין דער צווייטער באַאַרבעטונג פֿון זײַן איבערזעצונג פֿון בראשית קלינגט דער פּסוק אַזוי: Zu deiner Freiheit strecke ich mich, DU! בובער זעצט איבער ישועה — Freiheit, ווײַל דער שורש פֿון וואָרט ישועה, די דרײַ אותיות ישע, האָבן אין אַראַביש אויך דעם באַטײַט: פֿרײַ.[70] קויתי זעצט ער איבער: strecke ich mich, ווײַל דער שורש איז קו — אַ גראָדע ליניע.

19. גד גדוד יגודנו והוא יגד עקב.

גד — אים וועט אַ מחנה באַפֿאַלן, אָבער ער וועט אָנפֿאַלן אויף זייער טריט.

גדוד — באַפֿאַלן. פֿ״גל תּהלים צד, 21: יגודו על נפש צדיק. אַזוי זעצט איבער אויך מאַרגאָליס. לויט מאַרגאָליסן און יהואָשן איז גדד אַ טראַנזיטיווער ווערב.

[70] Edward William Lane, *An Arabic-English Lexicon* . . . Book I, Part 8, p. 3053.

לויט אַנדערע איז גדד אַן אינטראַנזיטיווער ווערב. זיי גייען נאָך דעם באַקאַנטן שפּאַנישן גראַמאַטיקער מנחם בן סרוק וואָס זעט אין ווערב גדד דעם סובסטאַנטיוו גדוד.[71] טאָרטשינער זעצט איבער: Gad gattet sich Gerotte und er geht an zur Ferse.

20. מאשר שמנה לחמו והוא יתן מעדני־מלך.

בײַ אָשרן וועט פֿעט זײַן זײַן ברויט, און ער וועט אַרויסגעבן מלכות־געריכטן.

[הערות, ז׳ 15] והוא יגד עקב מאשר שמנה לחמו, אָבער ער וועט אָנפֿאַלן אויף זייער טריט. בײַ אָשרן וועט פֿעט זײַן זײַן ברויט. לויט אַלע נײַע איז דער „מ" פֿון מאשר צוצוציִען צו „עקב": והוא יגד עקבם אשר שמנה לחמו, אָבער ער וועט אָנפֿאַלן אויף זייער טריט. אָשר — פֿעט וועט זײַן זײַן ברויט.

שוין דער מדרש האָט באַמערקט די שוועריקייט פֿון מ אין מאשר.[72] סעדיה גאָון זעצט איבער דעם פּסוק אַזוי ווי עס וואָלט געשטאַנען: ואשר שמנה לחמו.[73] אַזוי זעצן איבער אויך מאַרגאָליס און בובער. לוטער, קינג דזשיימס און טאָרטשינער גייען נאָך דער מסורה. זיי זעצן איבער: Von Asser, Out of Asher.

21. נפתלי אילה שלחה הנתן אמרי־שפר.

נפֿתּלי איז אַ הינדין אַ פֿלינקע; ער גיט אַרויס שיינע רייד.

[הערות, ז׳ 15] נפתלי אילה שלחה הנתן אמרי־שפר — נפֿתּלי איז אַ הינדין אַ פֿלינקע (געווי: אַוועקגעלאָזטע אָדער לויז געלאָזטע); ער גיט אַרויס (געווי: ער איז דער וואָס גיט אַרויס) שיינע רייד. לויט דער מסורה האָבן די צוויי האַלבע פּסוקים קוים וואָסער עס איז צוזאַמענהאַנג צווישן זיך. אייניקע ווילן לייענען הנתנה און טײַטשן אויס אמרי ווי מערצאָל פֿון אמר (זע עזרא ו, 9): נפֿתּלי איז אַ הינדין אַ פֿלינקע וואָס גיט אַרויס שיינע הירשלעך.[74] נאָך אַנדערע ווילן אמרי געבן דעם אייגענעם באַטײַט ווי אמירי, בוימשפּיצן, שפּיצן, הערנער־שפּיצן (אָדער: שיין געצווײַגטע הערנער).[75] פֿיל לייענען פּשוט לויט סעפּ[טואַגינטאַ], נפתלי אילה שלחה הנתנה אמירי שפר — נפֿתּלי איז אַ צעשפּרייטער אײַכנבוים וואָס לאָזט אַרויס שיינע בוימשפּיצן (אָדער: צווײַגן).[76]

22. בן פרת יוסף בן פרת עלי־עין בנות צעדה עלי־שור.

אַ פֿרוכטיק ביימל איז יוסף, אַ פֿרוכטיק ביימל בײַ אַ קוואַל; די צווײַגן שפּרײַזן איבער דעם מויער.

[הערות, ז׳ 15] בן פרת, אַ פֿרוכטיק ביימל (אָדער אָפּצווײַג). פרת איז ענטוועדער אַ מעגלעכע אַדיעקטיוו־פֿאָרעם פֿון אַ צײַטוואָרט פרת וואָס איז גלײַכבאַטײַטיק מיט פרה, אָדער

---

[71] זען מחברת מנחם, ז׳ 52.

[72] זען מדרש לקח טוב, אויפֿן אָרט: שהכרמל בחלק אשר היה ולכן כתוב מאשר ולא כל אשר.

[73] Joseph Derenbourg, *Oeuvres completes de R. Saadia*, I, 78.

זען אויך ספר הרקמה, עג, 5 און אבן עזרא, אויפֿן פּסוק.

[74] אַזוי זעצט איבער סמיט וואָס גייט נאָך די אַשוראָלאָגן. זען געזעניוס־ב., אמר, ז׳ 51. אַזוי זעצט אויך איבער גאָלדמאַן.

[75] John Skinner, *A Critical and Exegetical Commentary on Genesis*, New York, 1910, 528.

[76] זען גונקעל, 484 א״ו. זען אויך גאָלדמאַן, ז׳ 827.

עס איז אַ ווײַבלעכער פּאַרטיציפּ פֿון פרה אַזוי ווי פּרה אָדער פּריה, און דער גענויער איבערזעץ וואָלט זײַן: דער זון אָדער אָפּצווײַג פֿון אַ פּרוכטיקן (בוים).[77] אַז רעדנדיק פֿון סתּם בוים זאָל מען פּאָעטיש געברויכן די פֿעמינין־פֿאָרעם, קען אפֿשר דערקלערט ווערן דערמיט, וואָס דאָס עלטערע וואָרט פֿאַר בוים איז ניט געווען עץ, וואָס איז אומעטום מענלעך, נאָר עצה ווי אין ירמיה ו, 6. איבעריקנס ווערט דאָס וואָרט געברויכט קאָלעקטיוו, געהילץ, און לויט סעפּ[טואַגינטאַ] איז איבער הויפּט צו לייענען מיט אַ מפּיק. איר האָלץ (זע אָנמערקונג צו ישעיה יז, 6).[78] אייניקע באַצײַען די פֿעמינין־פֿאָרעם אויף גפן, וואָס איז געוויינטלעך ווײַבלעך, און איבערזעצן: אַ פּרוכטיק (יונג) ווײַנשטאָק.[79] שד״ל וויל האָבן אַז בן אין דעם באַטײַט פֿון אָפּצווײַג איז ווײַבלעך, אַזוי ווי די מערצאָל איז בנות.[80]

.23 וימררהו ורבו וישטמהו בעלי חצים.

און אים געביטערט, און געשאָסן, און אים געפֿײַנט האָבן די פֿײַלמענער;

דאָ האָט יהואָש פֿאַרהעברעיִשט דעם ייִדיש פֿון דער איבערזעצונג. די ווער־טער וימררהו ורבו וישטמהו דריקן אויס אַ פֿילמאָליקן אַספּעקט און יהואָש האָט עס געוואָלט אויסדריקן אין ייִדיש מיט איינצלנע ווערטער. פֿ״גל געזעניוס־ק.־ק., 112, ז' 339.

.24 ותשב באיתן קשתו ויפזו זרעי ידיו מידי אביר יעקב משם רעה אבן ישראל.

אָבער פֿעסט איז זײַן בויגן געבליבן, און פֿלינק געווען זײַנען די אָרעמס פֿון זײַנע הענט, דורך די הענט פֿון דעם מאַכטיקן פֿון יעקבֿ, פֿון דאָרט — פֿון דעם פּאַסטוך, דעם פֿעלדז פֿון ישׂראל.

ותשב באיתן קשתו — אָבער פֿעסט איז זײַן בויגן געבליבן. יהואָש זעצט איבער פּונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען: ותשב איתן קשתו. אַזוי זעצן אויך איבער לוטער און מאַרגאָליס. בובער זעצט איבער ווערטערלעך: doch im Urstand bleibt sein Bogen. דער פּסוק איז אַ שווערער. אבן ג׳נאח דערקלערט: ותשב באיתן קשתו, שעורו גם כן במקום איתן או במושב איתן,[81] ד״ה אַז באיתן האָט דעם זעלבן באַטײַט ווי במקום איתן. אַזוי דערקלערט עס אויך אבן עזרא. דער תּרגום השבֿעים האָט דאָ געלייענט: ותשבר באיתן קשתם,[82] ד״ה זייער בויגן איז געוואָרן צעבראָכן, אַזוי זעצט אויך איבער סמיט.

[הערות, זז' 15־16] ויפזו זרעי ידיו, און פֿלינק זײַנען געווען די אָרעמס פֿון זײַנע הענט. הרבֿ חיים העלער אין „אונטערזוכונגען איבער דער פשיטא״ וויל מיחס זײַן דאָס וואָרט

---

[77] אַזוי דערקלערט אבן ג׳נאח. דער רד״ק פּאָלעמיזירט קעגן אים. זען רד״ק, ספר השרשים, 43.

[78] יהואָש שרײַבט דאָרט: „בסעיפי הפוריה — אויף די צווײַגן פֿון אַ פּרוכטיקן. וועגן דעם פֿעמינין־סופֿיקס זע אָנמערקונג בראשית מט, 22. שד״ל ברענגט ירמיה יא, 16 צום באַווײַז אַז זית הגם געוויינטלעך מענלעך, קען אויך זײַן ווײַבלעך״.

[79] אַזוי זעצט עס איבער מאַרגאָליס: A fruitful vine.

[80] לוצאַטאָ שרײַבט: „בן נטיעה... ומלת בן כשהיא להוראה הזאת היא לשון נקבה וכן כאן הרבוי ממנה בנות... בנות ענפי הנטע הזה״.

[81] ספר הרקמה, רעא, 2; רעב, 12.

[82] זען קיטעל־קאַהלע.

צו דעם אַראַבישן פאז, האָבן דערפֿאָלג, זיגן: און געזיגט האָבן די אָרעמס פֿון זײַנע הענט.[83] משם רעה אבן ישראל, פֿון דאָרט — פֿון דעם פּאַסטוך, דער פֿעלדז פֿון ישׂראל. אונק[לוס] און פּש[יטא] האָבן קענטיק געלייענט משם רעה אבן ישראל — דורך דעם נאָמען פֿון דעם פּאַסטוך, דעם פֿעלדז פֿון ישׂראל.[84] „אפשר איז אבן אַ וואַריאַנט פֿון אביר, דעם מאַכטיקן, וואָס שטייט פֿריִער און אַנשטאָט משם דאַרף זײַן מעם" (כהנא).[85] לויט דער דאָזיקער השערה וועט די איבערזעצונג זײַן פּשוט: (פֿון) דורך דעם פּאַסטוך פֿון ישׂראל.

אבן ישראל — דער פֿעלדז פֿון ישׂראל, ד"ה גאָט. לויט אבן ג׳נאח א״ז אבן ישראל אַ פּאַראַלעל צו יעקבֿן און אבן ישראל באַטײַט דער שפּיץ אָדער דער פֿירער פֿון ישׂראל. זען אבן ג׳נאח, ספר השרשים, ז׳ 10. טאָרטשינער לייענט משם רעה אביך ישראל.[85*] ש. י. פֿייגין דערקלערט אַז אבן ישראל האָט דעם באַטײַט פֿון בני ישׂראל.[85**]

25. מאל אביך ויעזרך ואת שדי ויברכך ברכת שמים מעל ברכת תהום רובצת תחת ברכת שדים ורחם.

פֿון דעם גאָט פֿון דײַן פֿאָטער וואָס העלפֿט דיר, און פֿון שדי וואָס בענטשט דיך מיט ברכות פֿון הימל פֿון אויבן, ברכות פֿון תּהום וואָס הויִערן אונטן, ברכות פֿון ברוסטן און טראַכט.

ואת שדי — און פֿון שדי. אַזוי זעצן איבער אַלע מאָדערנע. די אַלטע איבער־זעצונגען און אויך אַ סך האַנטשריפֿטן לייענען דאָ: ואל שדי.

מעל — פֿון אויבן. אַלע אַנדערע איבערזעצונגען נעמען דאָס וואָרט אויף ווי איין וואָרט און נישט ווי אַ צונויפֿהעפֿט פֿון מן און על און צוליב דעם זעצן זיי איבער מעל פּשוט אויבן און נישט פֿון אויבן. זען געזעניוס־ק.־ק., 119, ז׳ 377.

[הערות, ז׳ 16] תהום, זע אַנמערקונג קאַפּ׳ א, 2 [אין דער דאָזיקער אַנמערקונג שרײַבט יהואָש]: תהום, וואַסער־אָפּגרונט, דער לעגענדאַרישער אור־אוקינוס וואָס איז געווען פֿאַר דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט. ווי גונקעל באַמערקט, שוין דער פֿאַקט וואָס תהום ווערט תּמיד געברויכט אָן אַרטיקל,[86] אַזוי ווי אַן אייגן־נאָמען, באַווײַזט אַז דאָס איז אורשפּרינגלעך געווען אַ מיטיש וועזן, די בבֿלישע געטין תּיאַמאַת וואָס ווערט פֿאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פֿון אַן אומגעהײַערער שלאַנג, די פֿאַרקערפּערונג פֿון דעם גרויסן אור־ים. תהום איז אויך אורשפּרינגלעך געווען ווײַבלעך (זע תהום רבה, תּהלים לו, 7).[87] די באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט

---

[83] Ch. Heller, *Untersuchungen über die Peschitta* (Berlin, 1911), 13 No. 8.

אַזוי דערקלערן אויך אבן עזרא און רד"ק. דער חדרשער טײַטש וואָס איז באַזירט אויף רשין האָט ויפזו איבערגעזעצט: גימגאָלד. זען ש. נאָבל, חומש־טײַטש, נומ׳ 107.

[84] זען קיטעל־קאַהלע צום פּסוק.

[85] תורה נביאים וכתובים, עם פירוש מדעי, ספר בראשית מפרש ע"י א. כהנא, זיטומיר, תּרס"ד. ווײַטער ניצן מיר: כהנא.

[85*] Harry Torczyner, "Die Bundeslade und die Anfänge der Religion Israels," *Festschrift zum 50-jährigen Bestehen der Hochschule für die Wissenschaft des Judentums*, Berlin, 1922, 282.

[85**] זען ש. י. פֿייגין, מסתרי העבר (ניו־יאָרק, 1943), ז׳ שיט.

[86] גונקעל 103. תּהום אָן אַרטיקל קומט בלויז אין יחיד, אָבער אין רבים קומט תּהום אויך מיטן אַרטיקל. זען ישעיה סג, 13; תּהלים קו, 9. זען געזעניוס־ב., תהום, ז׳ 871.

[87] תּהום געפֿינען מיר עטלעכע מאָל אויך מענלעך, זען חבקוק ג, 10. איוב כה, 14.

מיט אירע באַשעפֿענישן ווערט פֿאַרגעשטעלט ווי דער זיג פֿון גאָט איבער דער דאָזיקער שלאַנג. אָנשפּילן אויף יהוהס מלחמה מיט דעם ים־מאָנסטער געפֿינען זיך אויף פֿאַרשיידענע ערטער אין תּנך (זע ישעיה נא, 9; איוב ז, 21; און אַנדערע שטעלן), אַ מאַטער אָפּשײַן פֿון בבלשן מיטן[אָס] וועגן דעם זונגאָט מאַרדוק וואָס באַצווינגט תּיאַמאַת.[88]

26. ברכת אביך גברו על־ברכת הורי עד־תאות גבעת עולם תהיין לראש יוסף ולקדקד נזיר אחיו.

די ברכות פֿון דײַן פֿאָטער שטײַגן אַריבער די ברכות פֿון מײַנע עלטערן ביז דעם שפּיץ פֿון די אייביקע בערג. זיי זאָלן זײַן אויף דעם קאָפּ פֿון יוספֿן, און אויפֿן שיידל דעם פֿירשט פֿון זײַנע ברידער.

גברו — שטײַגן אַריבער. פֿ״גל געזעניוס־ב.. גבר, ז' 128.

[הערות, ז' 16] דאָס וואָרט תאות שטאַמט דאָ פֿון תאה (זע במדבר לד, 7) און באַטײַט צילפּונקט, גרענעץ אָדער שפּיץ. דער אויסדרוק „ביז דעם שפּיץ פֿון די אייביקע בערג" איז אַ גוזמא פֿון פֿילקייט און גרויסקייט, הגם די ברכות האָבן מיט בערג גאָרנישט צו טאָן. שוין דער רשבם האָט אויפֿגעפּאַסט הורי אַזוי ווי הרי — הרים (זע זכריה יד, 5 און אָנמערקונג דאָרטן),[89] און דער איבערזעץ לויט אים וואָלט זײַן: די ברכות פֿון דײַן פֿאָטער שטײַגן אַריבער די ברכות פֿון די בערג, ביז דעם שפּיץ פֿון די אייביקע הייכן. פֿיל פֿון די נײַע לייענען לויט סעפּ[טואַגינטאַ] על ברכות הרי (אָדער הורי אין דעם זין פֿון הרי) עד, די ברכות פֿון מײַן פֿאָטער שטײַגן אַריבער די ברכות פֿון די אייביקע בערג, די גלוסטיקייט (אָדער פּראַכט) פֿון די אוראַלטע הייכן.[90] שד״ל וויל לייענען ברכת אביך גברו על ברכות הורי עד,[91] די ברכות

---

[88] אַ סך אַשוראָלאָגן זײַנען נישט מסכּים מיט דער מיינונג, אַז תּהום דאָ האָט עפּעס צו טון מיטן קאַמף פֿון מאַרדוק מיט תּיאַמאַת. זען:

H. Zimmern, *Keilinschriften und Bibel*, Berlin, 1903, p. 17: ". . . auch von seiten eines bekannten Assyriologen, Jensen, aufs entschiedenste in Abrede gestellt wird, dass die erwähnten Kämpfe Jahweh's mit den drachengestaltigen Wesen und der Marduk-Tiamat-Kampf des babylonischen Schöpfungsepos mit einander in Zusammenhang stünden. Speziell von Jensen wird dabei betont, dass die Tiamat des babylonischen Schöpfungsmythus überhaupt nicht als tier- oder gar drachengestaltig vorgestellt werden dürfte und dass darum auch babylonische bildliche Darstellungen . . . auf eine ganz andere mythologische Szene zu beziehen seien."

זען אויך קאַסוטאָ, מאדם עד נח, ז' 10. קאַסוטאָ שיידט אונטער צווישן תּהום אין דער תּורה און תּהום אין אַנדערע ספֿרים פֿון תּנך. ער שרײַבט: בתורה אין תהום אלא אוקיינוס פרימיטיבי פשוטו כמשמעו, מושג פיסיקאלי גרידא. זען אויך יחזקאל קויפֿמאַן, תולדות האמונה הישראלית, כרך ראשון, ספר שני, ז' 266, הערה 12.

[89] זען רשבם אויפֿן אָרט: ברכות אביך גברו על ברכות הרים. יהואָש שרײַבט אין זײַנע הערות צו זכריה יד, 5: „גיא־הרי, צום טאָל פֿון די בערג. וועגן דער פֿאָרעם הרי אַנשטאָט הרים זע ירמיה כב, 14. חלוני, און זע אָנמערקונג בראשית מט, 26. ערליך וויל לייענען אַנשטאָט הרי און הרים — הרי, צום טאָל פֿון מײַן באַרג ד״ה פֿון הר הזיתים וואָס גאָט רופֿט זײַן באַרג, ווײַל ער שטייט דענסמאָל אויף אים (פּסוק 4)". זען: Arnold B. Ehrlich, *Randglossen zur hebräischen Bibel, textkritisches, sprachliches und sachliches*, Leipzig, 1908-1914, V, p. 352.

[90] זען גייגער, דצ״וו, 161.

[91] זען שד״ל, בראשית, 466־467.

פון דײַן פּאָטער שטײַגן הויך; די ברכות פון די אײביקע בערג, די גלוסטיקייט פון די אוראַלטע הייכן, זאָלן זײַן אויף דעם קאָפּ פון יוספן אאַז״וו.

27. בנימין זאב יטרף בבקר יאכל עד ולערב יחלק שלל.

בנימין איז אַ וואָלף וואָס פאַרצוקט, אין דער פרי עסט ער פאַנג, און אין אָוונט טיילט ער רויב.

יהואָש זעצט איבער אַלע דרײַ עתיד־פאָרמען: יטרף, יאכל און יחלק מיט הווה. אַזוי זעצן איבער כּמעט אַלע. קינג דזשיימס אָבער זעצט איבער וואָרט בײַ וואָרט: Shall raven . . . shall devour . . . shall divide. זען געזעניוס־ק.־ק., 107, ז' 314.

עד — פאַנג. אַזוי זעצן איבער אַלע אַלטע און מאָדערנע. פ״גל געזעניוס־ב., III, עד, I עדה, ז' 564.

ולערב — און אין אָוונט. אַזוי זעצן איבער כּמעט אַלע. יאַקאָב זעצט איבער: für den Abend.

ישעיה מ

1. נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם.

טרייסט, טרייסט מײַן פאָלק, זאָגט אײַער גאָט.

יאמר — זאָגט. בן זאבֿ האָט שוין באַמערקט: דרך הלשון להחליף הזמן עבר בעתיד ועתיד בעבר, ואותם בבינוני ואותו בהם, כי בדבר הרגיל להיות תמיד יבוא לרוב עתיד במקום עבר להורות על התמדתו...[92] זען אויך געזעניוס־ק.־ק., 107, ז' 315. פ״גל אויך ווײַטער פסוק 25 און פרק מא, 21. די פשיטא און תּרגום יונתן לייענען דאָ: אמר.

2. דברו על־לב ירושלים וקראו אליה כי מלאה צבאה כי נרצה עונה כי לקחה מיד יהוה כפלים בכל־חטאותיה.

רעדט צום האַרצן פון ירושלים און רופט צו איר, אַז זי האָט דערפילט איר צײַט, אַז אָפּגעצאָלט איז איר פאַרברעך; אַז זי האָט געקריגן פון גאָטס האַנט טאָפּל פאַר אַלע אירע זינד.

יהואָש זעצט איבער צבא — צײַט, אַזוי ווי אַ סך מיטל־עלטערישע מפרשים. זען אבן עזרא און רד״ק. אין איוב ז, 1; יד, 14; דניאל י, 1 זעצט ער איבער צבא — דינסטצײַט, ווי עס זעצן איבער אַלע מאָדערנע אויך דאָ. זען חכמת בן סירא, ז, י (טו): אל תקוץ בצבא מלחמה כי עבודה מאל נחלקה. צבא איז דאָ אַ פּאַראַלעל צו עבֿודה. יהואָש זעצט איבער כי מלאה צבאה — זי האָט דער־פילט איר צײַט און נישט אַז איר צײַט איז געוואָרן דערפילט, ווײַל ער לייענט כי מילאה צבאה. ער נעמט ירושלים פאַרן סוביעקט און צבא פאַרן אָביעקט. די סיבה וואָס יהואָש זעצט דאָ איבער אַנדערש ווי אַנדערע איבערזעצערס איז מסתמא די וואָס צבא איז לשון זכר און צוליב דעם איז מלאה צבאה פאַלש.

[92] זען יהודה ליב בן־זאב, ספר תלמוד לשון עברי, ווילנע, תּרמ״ד, שלט, ז' 295.

מיר געפֿינען טאַקע צבא איין מאָל אין תּנך אין לשון נקבֿה, אין דניאל ח, 12, אָבער דער דאָזיקער פּסוק איז זייער אומפֿאַרשטענדלעך און איז מסתּמא פֿאַרגרײַזט. אויף יעדן פֿאַל זעט מען אַז יהואָש האָט זיך דאָ נישט גערעכנט מיט דער מסורישער וואָקאַליזאַציע.[93]

כּי נרצה עונה — אַז אָפּגעצאָלט איז איר פֿאַרברעך. אַזוי זעצן איבער כּמעט אַלע. בובער זעצט איבער נרצה – abgegnadet, ער האָט געשאַפֿן אַ נײַ וואָרט פֿון רצון — Gnade. בובער האָט געוואָלט, אַז אין דער דײַטשער איבערזעצונג פֿון נרצה זאָל ווערן אויסגעדריקט דער העברעיִשער שורש פֿון וואָרט.

3. קול קורא במדבר פנו דרך יהוה ישרו בערבה מסלה לאלהינו.

אַ קול רופֿט: ראַמט אָפּ אין מדבר דעם וועג פֿון יהוה, גלײַכט אויס אין דער וויסטע אַ שטעג פֿאַר אונדזער גאָט.

קול קורא — אַ קול רופֿט. בובער זעצט איבער: Stimme eines Rufers. אַזוי זעצן אויך איבער דער תּרגום השבֿעים, די וווּלגאַטאַ, לוטער און קינג דזשיימס.* קורא איז אַ פּאַרטיציפּ און האָט דעם זעלבן באַטײַט ווי אַ סובסטאַנטיוו און צוליב דעם זעצן זיי איבער: קול קורא — אַ קול פֿון אַ רופֿער.

במדבר פנו דרך יהוה — ראַמט אָפּ אין מדבר דעם וועג פֿון יהוה. דאָ זײַנען צוויי באַמערקונגען צו מאַכן. ראשית זעט מען אַז יהואָש רעכנט זיך דאָ מיט די טעמים. לויט זיי מוז מען די ווערטער אײַנטיילן: קול קורא, במדבר פנו דרך יהוה. מען קאָן אָבער דעם פּסוק אויך אַנדערש אײַנטיילן: קול קורא במדבר, פנו דרך יהוה, אַזוי ווי מען האָט דעם פּסוק אײַנגעטיילט אין די צײַטן פֿון בית שני.[94] די דאָזיקע אײַנטיילונג איז אין הסכּם מיט דער מעטריק. פֿון דעם פּאַראַלעל אין דער צווייטער העלפֿט פּסוק זעט מען אָבער, אַז די אַלטע אײַנטיילונג איז געווען אַ פֿאַלשע און אַז במדבר געהערט נישט צו קול קורא. די אײַנטיילונג פֿון די בעלי המסורה איז די ריכטיקע. ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען האָט זיך יהואָש אָפּט נישט גערעכנט מיט די טעמים און מיט דער מסורה. אַפֿילו אבן עזרא וואָס וואָרנט אין זײַנע שריפֿטן אַז מען מוז נאָכגיין די טעמים האָט זיך אָפּט נישט גערעכנט מיט זיי. שד״ל האָט אין זײַן ווערק ויכוח על חכמת הקבלה אויפֿגעציילט די מיטל־עלטערישע מפֿרשים וואָס האָבן זיך אין זייערע פּירושים נישט גערעכנט מיט די טעמים.[95] שנית זעט מען אַז יהואָש זעצט נישט איבער

---

[93] די דאָזיקע עמענדאַציע אין דער וואָקאַליזאַציע איז אַ געצוווּנגענע און נישט קיין נייטיקע, ווײַל דער פֿעמינין פֿון מלאה קאָן דערקלערט ווערן דורך דער צופּאַסונג צו די פֿעמינין־פֿאָרמען וואָס באַהערשן דעם גאַנצן פּסוק. זען הערות 56 און 57.

* אַזוי אויך אין דער גאָטישער איבערזעצונג פֿון אולפֿילאַס: stibna wopjandins. — רעד׳.

[94] זען תּרגום השבֿעים צום פּסוק: ברית חדשה, הבשורה על פי מתי, 3, 3; הבשורה על פי לוקס, 3, 4. פ״גל: Charles Torrey, *The Second Isaiah*, 305. אויך סעדיה גאָון האָט אַזוי אײַנגעטיילט דעם פּסוק. זען *Oeuvres Completes de R. Saadia* . . . III, Paris, 1896, ז׳ 59.

[95] אבן עזרא שרײַבט אין אָנהייב מאזנים: אזהירך שתלך אחרי בעל הטעמים וכל פּירוש שאיננו על פּירוש הטעמים לא תאבה לו ולא תשמע אליו (ד, ע״ב). און אין זײַן פּירוש אויף ישעיה (א, 9) שרײַבט ער: עיקר גדול לשמור דרך הטעמים. זען: W. Bacher, *Abraham*

דעם שם הויה נאָר ער לאָזט עס שטיין אַזוי ווי ער איז געשריבן אין העברעיִש. דאָס האָט אַ מאָל אויפֿגעבראַכט די אַגודת הרבנים, וואָס איז אַרויס מיט אַ פּראָ־טעסט קעגן אים."[96] אָבער אויך וויסנשאַפֿטלעך איז יהואָש נישט געווען באַרעכ־טיקט דאָס צו טון. יהואָש האָט געלאָזט שטיין די פֿיר אותיות פֿון שם הויה אָן נקודות, ווײַל די נקודות וואָס שטייען אונטערן און איבערן שם הויה זײַנען די נקודות פֿון אדני פֿון דער צײַט ווען די ייִדן האָבן אָנגעהויבן אַרויסצורעדן דעם שם הויה אדני, און דאָס גייט שוין צוריק אויף מער ווי צוויי טויזנט יאָר, ווײַל דער תּרגום השבֿעים זעצט שוין איבער אַזוי דעם שם המפֿורש פּונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען אדני."[97] מיר ווייסן הײַנט נישט ווי אַזוי ייִדן האָבן אַ מאָל אַרויס־גערעדט דעם נאָמען יהוה. די פֿאָרעם Jehovah וואָס קריסטלעכע געלערנטע האָבן אײַנגעפֿירט סוף מיטל־עלטער איז נאָכגעמאַכט פֿון דער פֿאָרעם אדני און איז פֿאַלש. אויך די אויסשפּראַך Yahweh, כאָטש וויסנשאַפֿטלעך מער באַגרינדעט, איז נישט אין גאַנצן זיכער.[98] יהואָש האָט אָנגעטראָפֿן אויף אַ פּראָבלעם וואָס ער האָט נישט געקענט פֿאַרענטפֿערן. די אַלטע ייִדישע איבערזעצערס האָבן איבער־געזעצט דעם שם הויה — גאָט, אָבער גאָט איז די איבערזעצונג פֿון אל, אלהים. דער רובֿ באַקאַנטע איבערזעצערס זעצן איבער דעם שם הויה: Kyrios (תּרגום השבֿעים), Dominus (ווולגאַטאַ), Herr (לוטער), Lord (קינג דזשיימס און אַלע ענגלישע איבערזעצונגען). ייִדן קענען אָבער נישט איבערזעצן דעם שם הויה מיט „האַר", ווײַל די קריסטלעכע קירכע באַציט די באַצייכענונג „האַר" אויף ישון. פֿאַר דער זעלבער פּראָבלעם איז אויך געשטאַנען משה מענדלסאָן, בעת ער האָט איבערגעזעצט דעם חומש אויף דײַטש. ער האָט אונטער דער השפּעה פֿון די הוגאָנאָטן פֿון בערלין וואָס זײַנען געווען קאַלוויניסטן איבערגעזעצט דעם

---

38 ;Ibn Ezra als Grammatiker, שד"ל, ויכוח על חכמת הקבלה, גוריציאה, 1852, ז' 80 א"וו; שמחה פּינסקער, מבוא אל הנקוד האשורי, 134־135.

[96] „מחאה מאגודת הרבנים", יודישעס טאָגעבלאַט, ניו־יאָרק, יאַנואַר 18, 1923; זען בערטשי וויטקעוויץ: יהואָש. אַ ביבליאָגראַפֿיע, ז' 214; זען אויך י. ד. אײַזנשטיין, אוצר זכרונותי, ז' 72 א"וו.

[97] Kyrios איז אַן איבערזעצונג פֿון אדני. זען דעם אַרטיקל Gott אין דער ;Encyclopaedia Judaica געזעניוס־ב., יהוה, ז' 290; דעם אַרטיקל Jahve אין *Encyclopedia Biblica;* Robert Pfeiffer, *Introduction to the Old Testament,* New York, 1948, 94; דעם אַרטיקל „יהוה" אין אליעזר בן יהודה, מלון הלשון העברית, ז' 1984 א"וו.

פֿון די לעצטע אַרבעטן איבער דעם אָפּשטאַם און באַטײַט פֿון שם הויה לוינט זיך דאָ דערמאָנען די ווײַטערדיקע:

Peter Katz, "Zur Aussprache von יהוה", *Theologische Zeitschrift* IV (Basel, 1948), 467ff; Julian Obermann, "The divine name YHWH in the light of recent discoveries," *Journal of Biblical Literature* LXVIII (1949), 301 ff.

[98] Adolphe Lods, *Israel from Its Beginnings to the Middle of the Eighth Century,* New York, 1948, 321 ff.

לאָדס שרײַבט:

But it is open to question whether this [Yahweh] was the original pronounciation.

שם הויה: Der Ewige.[99] זײַן איבערזעצונג איז באַזירט אויף דער דערקלערונג וואָס דער חומש גופא גיט פאַרן נאָמען יהוה. דאָס איז די באַקאַנטע שטעלע אין שמות ג, 14: אהיה אשר אהיה, וואָס מענדלסאָן זעצט איבער: איך בין געווען וואָס איז אייביק.[100] מענדלסאָנס איבערזעצונג פון יהוה איז אָנגענומען געוואָרן פון כמעט אַלע מאָדערנע ייִדישע איבערזעצונגען פון דער נײַסטער צײַט. עס האָבן זיך אָבער אויך געפונען געלערנטע וואָס האָבן נישט מסכים געווען מיט מענדלסאָנס איבערזעצונג, ווײַל זיי זײַנען נישט מסכים מיט זײַן דערקלערונג פון אהיה אשר אהיה. אַזוי למשל פּאָלעמיזירט שמשון רפאל הירש מיט רעכט, אַז אהיה אשר אהיה קומט נישט אונטערצושטרײַכן דאָס פשוטע עקסיסטענציעלע זײַן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער איבערזעצונג Der Ewige. גאָט קומט טרייסטן די ייִדן אַז ער וועט זיי אַרויסנעמען פון מצרים און דער נאָמען מוז אויסדריקן עפּעס וואָס זאָל ווײַזן אַז ער איז עס ביכולת צו טון. צוליב דעם גייט שמשון רפאל הירש צוריק צו די אַלטע ייִדישע איבערזעצערס און ער זעצט איבער דעם שם הויה — גאָט.[101]

אויך בובער און ראָזנצווײַג האָבן זיך שטאַרק געמאַטערט מיט דער פּראָבלעם. זיי האָבן געזוכט אַ פּאַסיקע עטימאָלאָגישע איבערזעצונג פון שם הויה. אויך זיי זעען נישט אין שורש פון יהוה, אין היה, דאָס פשוטע זײַן, ווײַל היה האָט אין העברעיִש אויך דעם באַטײַט פון ווערן, געשען, דערשײַנען, זײַן, זײַן בײַ דער זײַט. אהיה באַטײַט: איך וועל קומען דיר צו הילף, איך וועל זײַן בײַ דײַן זײַט. און יהוה דריקט אויס די באַציִונג צווישן גאָט און מענטש.[102] צוליב דעם זעצן זיי איבער דעם שם הויה מיט אַ פּערזענלעכן אָדער פּאָסעסיוון פּראָנאָם: ich, du, er, mein, dein, sein אאַז״וו, אָפּהענגיק אין וועלכער פּערזאָן דער זאַץ איז געשריבן.

פון דער גוואַלדיק גרויסער ליטעראַטור, וואָס איז שוין איבער דער דאָזיקער פּראַגע פאַראַן און וואָס ווערט רײַכער פון טאָג צו טאָג, זעט מען ווי קאָמפּליצירט זי איז און אַז מען האָט נאָך ביז הײַנט נישט געפונען דעם ענטפער.

מיר מוזן אויך ציטירן יהואָשעס אייגענע מיינונג וועגן דער דאָזיקער פּראַגע: [הערות, בראשית ד, 26, ז׳ 3] יהוה, אויף דעם סמך פון טעאָדאָרעט (390—457), וואָס ציטירט די אויסשפּראַך פון די שומרונים, און לויט עטימאָלאָגיע, איז אָנגענומען פון די

[99] זען בובער, ז׳ 188 א״וו.

[100] ספר נתיבות השלום והוא חבור כולל חמשת חומשי תורה, עם תרגום אשכנזי, מאת ... משה מדעסוי... ווין, 1818, ספר שמות, יד, ע״א.

[101] *Der Pentateuch,* übersetzt und erläutert von Samson Raphael Hirsch. Erster Theil: Die Genesis, Frankfurt, 1893, "Der Gedanke 'Ewige' lässt unser Herz kalt und enthält nichts für unser Leben."

[102] שוין דער תלמוד דערקלערט „אהיה" אין זינען פון „אהיה עמכם", זען ברכות ט, ע״ב: אני הייתי עמכם... ואני אהיה עמכם. ענלעך זעצט איבער דער תרגום אונקלוס: אהא עם מאן דהא. זען רמבן צו שמות ג, 14. אַזוי האָט עס אויך דערקלערט יהודה הלוי. זען כוזרי, מאמר רביעי, ג: ופרושו אשר אהיה והטעם הנמצא אשר אמצא להם בעת שיבקשוני, פ״גל: בובער, ז׳ 339 א״וו, ווי אויך:

Martin Buber, *Das Königtum Gottes,* zweite vermehrte Auflage, 1936, 84.

ניַיע צו לייענען דאָס וואָרט — יהוה [יאַווע].[103] צוליב זיַין גרויס הייליקייט, איז עס מיט דער ציַיט באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַ זינד דעם דאָזיקן נאָמען פֿון גאָט אַרויסצורעדן. שוין אין די ציַיטן פֿון שמעון הצדיק (אַן ערך 270 פֿאַר דער אָנגענומענער ציַיט־רעכענונג)[104] האָבן אַפֿילו די כּהנים ווען זיי האָבן געבענטשט דאָס פֿאָלק נישט געטאָרט אַרויסזאָגן דעם שם המפֿורש. בלויז דעם כּהן גדול אום יום כּפּור איז דאָס געווען דערלויבט.[105] געוויינטלעך איז עס געלייענט געוואָרן ווי אדוני (מיַין הער, גאָט), אָדער ווען דאָס וואָרט אדוני איז שוין געשטאַנען פֿריִער — אדוני יהוה, אַזוי ווי אלהים. אַזוי האָט דאָס וואָרט אָנגענומען אין שריפֿט די נקודות פֿון די דאָזיקע מינדערהייליקע ווערטער און איז וואָקאַליזירט געוואָרן יהוה אָדער יהוִיה.[106] דער גענויער באַטיַיט פֿון דעם וואָרט איז נישט פֿעסטגעשטעלט. די אויבנאויפֿיקע אויסטיַיטשונג איז: דער וואָס איז, אָדער: וועט זיַין, פֿון היה. יעדן פֿאַלס ווערט אין דעם זינען פֿאַרשטאַנען שמות ג, 14. אַחוץ דער דאָזיקער דערקלערונג ווערן אַרויסגעשטעלט פֿון די ניַיע אַלערליי מער אָדער ווייניקער געקינצלטע השערות. אייניקע ייִחוסן דאָס וואָרט צו הוה, פֿאַלן, און עס זאָל לכתּחילה האָבן באַצייכנט אַן ערעאַליט, אָדער אַ שטיין וואָס מען האָט געגלייבט, אַז ער איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל.[107] אַנדערע טיַיטשן אויס: דער וואָס מאַכט פֿאַלן, דער שלײַדערער, דער בליצשלײַדערער.[108] נאָך אַנדערע ציִען עס אַרויס פֿון דעם אייגענעם וואָרצלוואָרט אָבער אין זיַין אַנדערן באַטיַיט: בלאָזן, און יהוה זאָל מיינען: דער וואָס בלאָזט, דער שטורעמגאָט.[109]

---

[103] James Alan Montgomery, *The Samaritans*, 1907, 213; *Journal of Biblical Literature*, XXV (1906), 49 ff.

[104] עס איז היַינט די אָנגענומענע מיינונג אַז שמעון הצדיק וואָס ווערט דערמאָנט אין תּלמוד איז דער כּהן גדול שמעון וואָס איז געווען אַ בן־דור פֿון בן־סירא און האָט על כּן געלעבט אין אָנהייב פֿון צווייטן י״ה פֿאַר אונדזער ציַיט־רעכענונג. זען:

Ralph Marcus, *The Works of Josephus* (Loeb Classical Library), VII, 732 ff.

נאָך אין פֿינפֿטן י״ה פֿאַר אונדזער ציַיט־רעכענונג האָט שוין געהערשט אַ טענדענץ נישט צו באַנוצן אין שריפֿט דעם שם הויה נאָר אַנדערע נעמען פֿאַר גאָט. זען אַרבעט פֿון ל. פֿינקעלשטיין אין:

Harvard Theological Review, XXXV (1942), 316, No. 16.

[105] יומא לט, ע״ב. זען משנה יומא ו, ב: והכהנים והעם העומדים בעזרה כשהיו שומעים שם המפורש שהוא יוצא מפי כהן גדול היו כורעים ומשתחוים ונופלים על פניהם. עס איז נישט ריכטיק וואָס יהואָש שריַיבט אַז די כּהנים האָבן נישט געטאָרט אַרויסרעדן דעם שם המפֿורש ווען זיי האָבן געבענטשט דאָס פֿאָלק; זען משנה סוטה ז, ו: ברכת כהנים כיצד במקדש אומרים את השם ככתבו; תמיד ז, ב: במקדש היו אומרים את השם ככתבו; ספרי, במדבר, פסקא לט (אויסגאַבע האָראָוויץ, לײַפּציק, 1917), ז׳ 43: כה תברכו את בני ישראל בשם המפורש. זען צו דער גאַנצער פֿראַגע, אַבֿרהם גייגער, המקרא ותרגומיו, 169 א״וו.

[106] דער ערשטער געלערנטער פֿון וועלכן מיר ווייסן אַז ער האָט געלייענט דעם שם המפֿורש יהוה (יעהאָוואַ) איז געווען דער דאָמיניקאַנער ריימאָנד מאַרטיני פֿון 13טן י״ה, דער מחבר פֿון באַקאַנטן ווערק *Pugio fidei*. ביז צום סוף פֿון 11טן י״ה האָט מען דעם שם הויה וואָקאַליזירט יהוה אָן אַ חולם אויפֿן ה. קאַהלע גלייבט אַז די דאָזיקע וואָקאַליזאַציע איז גליַיך צו דער וואָקאַליזאַציע פֿון אַרמישן שמא, ווי ייִדן האָבן אַ מאָל גערופֿן דעם שם הויה. זען: Paul E. Kahle, *The Cairo Genizah* (London, 1947), No. 4.

זען אויך פּעטער קאַץ, ווי ציטירט אין הערה 97.

[107] Paul Anton de Lagarde, *Orientalia* 2 (1880), 27ff.

[108] B. Stade, *Geschichte des Volkes Israel* I (Berlin, 1877), 429;

זען אויך דעם קאָמענטאַר פֿון B. Baentsch אויף שמות־ויקרא (אין Handkommentar פֿון W. Nowack), ז׳ 24.

[109] אַזוי וועלהויזן. זען בענטש, דצ״וו. די דערמאָנטע השערות איבער דעם מקור און באַטיַיט

בנוגע צו דעם געברויך פֿון דעם וואָרט אין דער איבערזעצונג איז נייטיק צו באַמערקן דאָס פֿאָלגנדיקע: די שטרענגע געטרײַשאַפֿט צום אָריגינאַל אין וועלכן איך האָב זיך אומעטום, ווי ווײַט מעגלעך, געהאַלטן, וואָלט אייגנטלעך געפֿאָדערט צו שטעלן יהוה אין אַלע ערטער וווּ ער איז דאָ אין טעקסט. אָבער צו גלײַך מיט טעקסטטרײַשאַפֿט האָב איך שטענדיק געהאַלטן אין אויג דעם עיקר פֿון אַלע עיקרים, די לעבעדיקייט און לעזעוודיקייט פֿון דער יִדישער איבערזעצונג, און די אָנהאַלטונג פֿון דער אַרכאַיִשקייט און זאַפֿטיקייט פֿון דעם חדרשן לשון. עס וואָלט געקלונגען האַרב און געקינצלט, ווען איך זאָל למשל איבערזעצן (בראשית ב, 4) „אין דעם טאָג וואָס יהוה גאָט (אָדער אַפֿילו: גאָט יהוה) האָט געמאַכט די ערד און דעם הימל״ אַנשטאָט „אין דעם טאָג דער האַר״ אאַז״וו (אפֿשר דער קומענדיקער דור, ווײַטער אַוועק פֿון דעם טראַדיציאָנעלן אויסטײַטש, וועט מער נישט שפּירן קיין מיסקלאַנג אין דעם וויסנשאַפֿטלעך גענויערן איבערזעץ. פֿאַר אונדז וואָלט עס געמיינט מקריבֿ זײַן זאַפֿטיקייט און באַהאַרצטקייט צו פּעדאַנטישער טרײַקייט). איך האָב אָבער געברויכט יהוה דאָרט וווּ עס ווערט בפֿירוש באַטאָנט די אידענטישקייט פֿון דעם גאָט פֿון ישׂראל אין אונטער־שייד פֿון אַנדערע געטער, ווי (שמות ה, 2) ווען פּרעה זאָגט „מי יהוה, ווער איז יהוה?״. אָדער וווּ דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויף דער אייגנטימלעכקייט, הייליקייט, אָדער גערעכטיקייט פֿון דעם יִדישן גאָט, צום סוף פֿון אַ דין אָדער געזעץ, ווי (ויקרא יח, 5 און פֿיל אַנדערע ערטער) „אני יהוה, איך בין יהוה״. אויך האָב איך גענוצט דאָס אָריגינעלע וואָרט דאָרט וווּ עס פֿאָדערט זיך אַ וואַריאַציע פֿון אלהים ווי (ישעיה ב, 3) „אל הר יהוה אל בית אלהי יעקב, צום באַרג פֿון יהוה, צום הויז פֿון דעם גאָט פֿון יעקבֿ״. די באַמערקונג וועט דערקלערן מײַן אין פֿלוג אומאויסגעהאַלטנקייט אין דעם געברויך פֿון יהוה דורכן גאַנצן תּנך.

[הערות, ז׳ 128] במדבר פנו, אין מדבר ראַמט אָפּ אאַז״וו. די וואַנדערונג פֿון די קינדער פֿון ישׂראל דורך דער מדבר נאָך זייער באַפֿרײַונג פֿון מצרים לעבט תּמיד אין דעם באַוווּסטזײַן פֿון דעם נבֿיא, און אין דעם פֿאָרשטעל פֿון דער נײַער גאולה שווימט באַלד אַרויס אַ בילד פֿון דער וויסטע דורך וועלכער עס גייט דער וועג פֿון אויסלייזונג.[110] פֿאַרגלײַך יחזקאל כ, 35־36 און הושע ב, 16, און אָנמערקונג דאָרטן.[111]

4. כל־גיא ינשא וכל־הר וגבעה ישפלו והיה העקב למישור והרכסים לבקעה.

יעטוועדער טאָל זאָל דערהויבן ווערן און יעטוועדער באַרג און הייך זאָל דערנידערט ווערן און דאָס קרומע זאָל ווערן גלײַך, און די באַרגקייטן אַ פּלוין.

בקעה — פּלוין. אַזוי זעצט ער איבער אויך אין בראשית יא, 2. אין אַלע אַנדערע ערטער זעצט ער איבער בקעה — טאָל. פּלוין איז אייגנטלעך די איבער־

פֿון שם המפֿורש שפּיגלען אָפּ די פֿאַרשיידענע טעאָריעס איבער דער אַנטוויקלונג פֿון יִדישן מאָנאָטעיִזם. די דאָזיקע השערות נעמט הײַנט קיינער נישט ערנצט. זען:
W. F. Albright, *The Archaelogy of Palestine and the Bible*, 1933, 164.
זען אויך יחזקאל קויפֿמאַן, תולדות האמונה הישראלית, חלק ד, 51.

[110] מען קאָן דאָ מיט יהואָשן נישט מסכּים זײַן. די מידבר דאָ האָט גאָרנישט צו טון מיט דער מידבר פֿון יציאת מצרים. דאָ רעדט זיך וועגן דער סירישער מידבר וואָס ליגט צווישן בבֿל און ארץ־ישׂראל און דורך וועלכער די צוריקוואַנדערערס פֿון גלות בבֿל האָבן געדאַרפֿט דורכגיין.

[111] יהואָשעס הערה צו הושע ב, 16: „לכן הנה אנכי מפתיה והולכתיה המדבר, אָבער זע, איך רעד זי איבער (אָדער: צי זי צו), און וועל זי אַוועקפֿירן אין מדבר אאַז״וו. אין דעם באַוווּסטזײַן פֿון פֿאָלק איז אויף תּמיד אײַנגעשטעמפּלט די גרויסע מדבר־וואַנדערונג פֿון די קינדער פֿון ישׂראל, און דער נבֿיא, ווען ער קומט צו רעדן פֿון דעם פֿאָלקס ווידערקערונג צו גאָט, געברויכט מיט פֿאַרליבטשאַפֿט דאָס בילד פֿון יענער צײַט, ווען דאָס פֿאָלק איז נאָכ־געגאַנגען גאָטס רוף, געוואַנדערט אין דער ווילדערניש, און איז דערנאָך געבראַכט געוואָרן צו דעם געבענטשטן לאַנד כּנען. זע ירמיה ב, 2״.

זעצונג פֿון ערבה. מאַרגאָליס זעצט אומעטום איבער בקעה — plain. ס'איז מיגלעך, אַז צוליב דעם וואָס יהואָש האָט דאָ איבערגעזעצט גיא — טאָל, האָט ער נישט געוואָלט נוצן דאָס זעלבע וואָרט צוויי מאָל אין איין זאַץ און האָט צוליב דעם איבערגעזעצט בקעה — פּלוין.

רכסים — באַרגקייטן. אַזוי זעצט אויך איבער טאָרטשינער: Bergsketten. מאַרגאָליס, סמיט און בובער זעצן איבער רכסים: Grate, rugged heigts, rough places. דער ווערב רכס וואָס מען געפֿינט צוויי מאָל אין תּנך (שמות כח, 28; לט, 21) באַטײַט פֿאַרבינדן. אָבער די צוויי פֿאָרמען פֿון סובסטאַנטיוו, וואָס זייער שורש איז רכס, רכסים אין אונדזער פּסוק און מרכסי איש, תּהלים לא, 21, זײַנען שווער צו דערקלערן, און די לעקסיקאָגראַפֿן קומען נישט צו קיין הסכּם איבער זייער באַטײַט. זען אבן ג'נאח, ספר השרשים, 479; געזעניוס־ב., רכס, רוכס, ז' 760.

5. ונגלה כבוד יהוה וראו כל־בשר יחדו כי פי יהוה דבר.

און דער כּבֿוד פֿון גאָט וועט אַנטפּלעקט ווערן, און אַלע לײַבער אין איינעם וועלן זען, וואָרעם דאָס מויל פֿון גאָט האָט גערעדט.

כל בשר — אַלע לײַבער. אַזוי זעצט יהואָש איבער אויך אין יחזקאל כא, 4; אין יואל ג, 1; זכריה ב, 17 און תּהלים קמה, 21. אַזוי זעצן אויך איבער די וווּלגאַטאַ, לוטער און קינג דזשיימס. פֿ"גל געזעניוס־ק.־ק., 127, ז' 411.

כי פי יהוה דבר — וואָרעם דאָס מויל פֿון גאָט האָט גערעדט. וועגן דער איבערזעצונג פֿון יהוה זען פּסוק 3.

6. קול אמר קרא ואמר מה אקרא כל־הבשר חציר וכל־חסדו כציץ השדה.

אַ קול זאָגט: רוף! און ער זאָגט: וואָס זאָל איך רופֿן? אַלע לײַבער זײַנען גראָז, און אַל זייער חן ווי אַ בלום פֿון פֿעלד.

קול אמר — אַ קול זאָגט. זען הערה צו קול קורא אין פּסוק 3. ואמר — און ער זאָגט. לויטן תּרגום השבֿעים, פּשיטא און וווּלגאַטאַ מוז מען דאָ לייענען: ואומר — און איך האָב געזאָגט. סמיט גייט נאָך די אַלטע איבערזעצונגען. אַלע אַנדערע זעצן איבער ווי יהואָש. אַ טייל האַנטשריפֿטן וואָקאַליזירן דאָ: ואוֹמר. פֿ"גל געזעניוס־ק.־ק., 111, ז' 338.

[הערות, ז' 128] ואמר, און ער זאָגט. לויט סעפּ[טואַגינטאַ] ואומר און איך האָב געזאָגט.

וכל־חסדו — און אַל זייער חן. די אַלטע איבערזעצונגען לייענען דאָ אַנשטאָט חסדו — כּבודו, אָדער הדרו.[112] אונקלוס זעצט עס איבער מיט שטאַרקייט (תוקפהון). פֿעליקס פּערלעס וויל דאָ לייענען: וכל חסנו.[113] יהואָש איז געצוווּנגען

---

[112] זען קיטעל־קאַהלע. עס איז אויך מיגלעך אַז חסד האָט אויך דעם באַטײַט פֿון חן פּונקט ווי חסדא אין אַרמיש. זען געזעניוס־ב., 2, חסד, ז' 247; זען אויך דוד ילין, חקרי מקרא: ישעיה, ז' מ.

[113] Felix Perles, *Analekten zur Textkritik des Alten Testaments,* Neue Folge, Leipzig, 1922, 89.

איבערזעצן: חסדו — זייער חן אין לשון רבים, ווײַל ער זעצט איבער: כל־הבשר — אַלע לײַבער.

7. יבש חציר נבל ציץ כי רוח יהוה נשבה בו אכן חציר העם.

פֿאַרטריקנט ווערט דאָס גראָז, פֿאַרוועלקט ווערט די בלום, אַז דער אָטעם פֿון גאָט בלאָזט דערויף; פֿאַרוואָר, גראָז איז דאָס פֿאָלק.

כי רוח — אַז דער אָטעם. לוטער, קינג דזשיימס, מאַרגאָליס און טאָרטשינער זעצן דאָ איבער כי — ווײַל. יהואָש און אויך סמיט זעצן דאָ איבער כי — ווען, אַז. שוין אין תּלמוד געפֿינען מיר, אַז כי האָט פֿיר באַטײַטן (כי משמש בארבע לשונות: כי, דלמא, אלא, דהא, — ראש השנה ג, ע״א). נשבה — בלאָזט און נישט האָט געבלאָזן. זען געזעניוס־ק.־ק., 106, ז׳ 311. בובער זעצט איבער אין עבֿר: .da Sein Braus sie angeweht hat

8. יבש חציר נבל ציץ ודבר אלהינו יקום לעולם.

פֿאַרטריקנט ווערט דאָס גראָז, פֿאַרוועלקט ווערט די בלום, אָבער דאָס וואָרט פֿון אונדזער גאָט וועט אויף אייביק באַשטיין.

יקום לעולם — וועט אויף אייביק באַשטיין. אַזוי זעצן אויך איבער קינג דזשיימס, מאַרגאָליס און סמיט. זיי זעצן איבער יקום אין עתיד. די ווולגאַטאַ, לוטער, בובער און טאָרטשינער זעצן איבער אין הווה. פֿ״גל געזעניוס־ק.־ק., 107, ז׳ 315.

9. על הר־גבה עלי־לך מבשרת ציון הרימי בכח קולך מבשרת ירושלם הרימי אל־תיראי אמרי לערי יהודה הנה אלהיכם.

אויף אַ הויכן באַרג גיי דיר אַרויף, אָנזאָגערין פֿון ציון; הייב אויף מיט אַ כּוח דײַן קול, אָנזאָגערין פֿון ירושלים; הייב אויף, האָב ניט מורא, זאָג צו די שטעט פֿון יהודה: אָט איז אײַער גאָט.

וועגן עלי לך זען געזעניוס־ק.־ק., 119, ז׳ 381.

מבשרת — אָנזאָגערין. דאָ זעצט יהואָש איבער וואָרט בײַ וואָרט. אַלע אַנדערע איבערזעצונגען שטרײַכן דאָ אונטער דאָס אָנזאָגן פֿון גוטע בשׂורות. מערסטנס באַטײַט בשר — אָנזאָגן אַ גוטע בשׂורה. מען געפֿינט אָבער אויך איין מאָל בשר — אָנזאָגן אַ שלעכטע בשׂורה. זען שמואל א, ד, 17. אַזוי אַז אין וואָרט בשר אַליין ליגט נאָך נישט דער באַטײַט פֿון אָנזאָגן נאָר גוטע בשׂורות. די אַנ־דערע איבערזעצונגען דערקלערן די ווערטער מבשרת ציון און מבשרת ירושלים. קינג דזשיימס: O Zion, that bringest good tidings; מאַרגאָליס: O heralds of good news to; סמיט: O thou that tellest good tidings to Zion; טאָרטשינער: Zion; Frohbotin an Zijon ... Frohbotin an Jeruschalaim; בובער: Steig dir als Glücksmärbringerin, Zion, schwing hoch . . . Jerusalem . . . בובער גייט נאָכן רד״ק, וואָס שרײַבט: ופירוש מבשרת ציון את ציון המבשרת וכן מבשרת ירושלים. אַזוי זעצן אויך איבער לוטער, קינג דזשיימס און קויטש.[114]

---

[114] *Die Heilige Schrift des Alten Testaments,* in verbindung mit . . .

יהואָש גייט נאָך דעם רובֿ דערקלערערס און איבערזעצערס וואָס נעמען אויף מבשרת ציון און מבשרת ירושלים ווי אַ סמיכות, ווי מבשרת לציון און מבשרת לירושלים.

10. הנה אדני יהוה בחזק יבוא וזרעו משלה לו הנה שכרו אתו ופעלתו לפניו.

זע, גאָט דער האַר קומט אַ מאַכטיקער, און זײַן אָרעם געוועלטיקט פֿאַר אים; זע, זײַן שׂכר איז מיט אים, און זײַן לוין איז פֿאָרויס.

אדני יהוה — גאָט דער האַר. זען פּסוק 3.

[הערות, ז׳ 128] בחזק (אַלס) אַ מאַכטיקער. לויט סעפּ[טואַגינטאַ] תּרגום און וואָל[גאַטאַ], בחוזק, מיט שטאַרקייט.[115] אפֿשר איז אויך חזק אי אַדיעקטיוו אי זאַכוואָרט אַזוי ווי יחף. ירמיה ב, 25. פֿ״גל אויך צמא, דאָרשט, דברים כח. 48.

לוטער, מאַרגאָליס און בובער זעצן איבער ווי יהואָש. אויך אבן ג׳נאח האַלט אַז דער ב אין בחזק איז איבעריק.[116] פֿ״גל אויך געזעניוס־ק.־ק., 119, ז׳ 379. קינג דזשיימס, סמיט און טאָרטשינער גייען נאָך די אַלטע איבערזעצונגען.

11. כרעה עדרו ירעה בזרעו יקבץ טלאים ובחיקו ישא עלות ינהל.

ווי אַ פּאַסטוך וואָס פּיטערט זײַן סטאַדע; אין זײַן אָרעם קלײַבט ער אויף די לעמער, און טראָגט אין זײַן בוזעם; די זויגעדיקע פֿירט ער פּאַמעלעך.

כרעה עדרו ירעה — ווי אַ פּאַסטוך וואָס פּיטערט זײַן סטאַדע. אַזוי זעצט איבער אויך מאַרגאָליס. זיי באַטראַכטן דעם גאַנצן זאַץ ווי אַ רעלאַטיוו. די אַנדערע איבערזעצערס זעען דאָ אַ פּשוטן זאַץ. סמיט טיילט אײַן דעם פּסוק אַנ־דערש. ער לייענט: כרעה עדרו ירעה, בזרעו יקבץ, טלאים בחיקו ישא, עלות ינהל. זען אויך קיטעל־קאַהלע.

12. מי־מדד בשעלו מים ושמים בזרת תכן וכל בשליש עפר הארץ ושקל בפלס הרים וגבעות במאזנים.

ווער האָט געמאָסטן מיט זײַן הויפֿן די וואַסערן און די הימלען מיט אַ שפּאַן מאַרקירט, און פֿאַרנומען אין אַ מאָס דעם שטויב פֿון דער ערד, און געוויגן די בערג אויפֿן וואָג, און די הייכן אויף וואָגשאָלן?

בשעלו — מיט זײַן הויפֿן. אַזוי זעצט ער איבער אויך אין יחזקאל יג, 19 און אין מלכים א, כ, 10, ווו דאָס זעלבע וואָרט איז אין לשון רבים.

תכן — מאַרקירט. אַזוי זעצט ער איבער אויך אין איוב כח, 25. זען אָבער תכן אין פּסוק 13, ווו יהואָש זעצט איבער: מי תכן את רוח יהוה — ווער האָט דערפֿאָרשט דעם גײַסט פֿון גאָט. מאַרגאָליס האָט איין איבערזעצונג פֿאַר בײדע פֿאַלן, אָבער נישט די אַנדערע איבערזעצערס.

übersetzt von E. Kautzsch. Vierte, umgearbeitete Auflage . . . herausgegeben von A. Bertholet. Tübingen, 1933 (ווײַטער ניצן מיר: קויטש).

115 אַזוי זעצט עס אויך איבער סעדיה, זען אויבן הערה 94.

116 ספר הרקמה, פו, הערה 7.

כל בשליש — פֿאַרנומען אין אַ מאָס. אַזוי זעצן אויך איבער קינג דזשיימס און מאַרגאָליס. אַנדערע באַמיִען זיך דאָס וואָרט שליש איבערצוזעצן עטימאָלאָגיש, פֿון וואָרט שלש — דרײַ. די וווּלגאַטאַ זעצט איבער: tribus digitis, ד״ה מיט דרײַ פֿינגער. טאָרטשינער: Drittling, לוטער און בובער: Dreiling.

[הערות, ז׳ 128] מי מדד בשעלו מים, ווער האָט געמאָסטן מיט זײַן הויפֿן די וואַסערן. אייניקע ווילן לייענען מי מדד בשעלים ים, ווער האָט געמאָסטן מיט די הויפֿנס דעם ים.[117]

.13 מי תכן את־רוח יהוה ואיש עצתו יודיענו.

ווער האָט דערפֿאָרשט דעם גײַסט פֿון גאָט? און ווער איז זײַן בעל־עצה וואָס האָט אים צוגעוויזן?

מי תכן — ווער האָט דערפֿאָרשט. זען פסוק 12.

ואיש עצתו יודיענו — און ווער איז זײַן בעל־עצה וואָס האָט אים צוגעוויזן. אַזוי זעצן אויך איבער מאַרגאָליס און סמיט. גאַנץ אַנדערש זעצן עס איבער בובער און טאָרטשינער, וואָס גייען נאָך דעם תּרגום השבֿעים און פּשיטאַ. יהואָש באַטראַכט איש עצתו ווי אַ סמיכות. ער רעכנט זיך נישט מיט די טעמים. אונטער ואיש שטייט אַ טפּחא, וואָס איז אַ מפּסיק־צייכן. זען אָבער די אויסגאַבע פֿון נבֿיאים אַחרונים פֿון כ. ד. גינצבורג (לאָנדאָן תּרפּ״ו), ווו מען קאָן זען אַז די מערסטע האַנטשריפֿטן האָבן אַ מירכא אונטער ואיש און אַ טפּחא אונטער עצתו. אויב מען זאָל נאָכגיין די טעמים אַזוי ווי בובער און טאָרטשינער טוען עס דאָ, מוז מען דעם פסוק פֿאַרשטיין: ווער איז דאָס דער מאַן וואָס גאָט איז אים מודיע זײַן עצה? [118]

.14 את־מי נועץ ויבינהו וילמדהו בארח משפט וילמדהו דעת ודרך תבונות יודיענו.

מיט וועמען האָט ער זיך געעצהט וואָס האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, און אים געלערנט דעם וועג פֿון גערעכטיקייט, און אים געלערנט קענשאַפֿט, און דעם וועג פֿון פֿאַרשטאַנדיקייט אים געמאַכט וויסן?

וילמדהו בארח משפט — און אים געלערנט דעם וועג פֿון גערעכטיקייט. יהואָש רעכנט זיך נישט מיט דעם ב פֿון בארח, ער גייט נאָך דעם תּרגום וואָס זעצט איבער: ואלפינון ארח דדין. אַזוי זעצן אויך איבער דער תּרגום השבֿעים און די וווּלגאַטאַ. קינג דזשיימס זעצט איבער: and taught Him in the path of judgment. אַזוי זעצן אויך איבער מאַרגאָליס, בובער און טאָרטשינער.

.15 הן גוים כמר מדלי וכשחק מאזנים נחשבו הן איים כדק יטול.

זע, פֿעלקער זײַנען ווי אַ טריף פֿון אַן עמער, און ווי אַ שטויב פֿון וואָג־שאָלן זײַנען זיי גערעכנט; זע, אינדזלען הייבט ער אויף ווי אַ זעמדל.

[117] זען קויטש צום פסוק.

[118] גרעץ עמענדירט טאַקע דעם פסוק אויפֿן סמך פֿון תּרגום השבֿעים און פּשיטאַ צו לייענען: ומי איש עצתו יודיענו. זען:
H. Grätz, *Emendationes in plurosque sacrae scripturae veteris testamenti libros,* 22.

נחשבו — זײַנען זיי גערעכנט, יטול — הייבט ער אויף. אַזוי זעצן איבער אַלע. פּ״גל געזעניוס־ק.־ק., 107, ז׳ 315.

16. ולבנון אין די בער וחיתו אין די עולה.

און דער לבֿנון איז ניט גענוג ברענוואַרג, און זײַנע חיות ניט גענוג בראַנד־אָפּפּער.

יהואָש איז דאָ זייער קורץ. ער אימיטירט די קורצקייט פֿון העברעיִשן טעקסט. אַלע אַנדערע זײַנען דאָ מוסיף אַ וואָרט: דער לבֿנון איז נישט גענוג פֿאַר ברענוואַרג און זײַנע חיות נישט גענוג פֿאַר עולות.

עולה — בראַנדאָפּפּער. אַזוי זעצט שוין איבער לוטער. אינטערעסאַנט איז די עטימאָלאָגישע איבערזעצונג פֿון בובערן: Darhöhung.

17. כל־הגוים כאין נגדו מאפס ותהו נחשבו־לו.

אַלע פֿעלקער זײַנען ווי גאָרניט קעגן אים, פֿון נישט און גאָרנישט זײַנען זיי גערעכנט בײַ אים.

מאפס ותהו — פֿון נישט און גאָרנישט. יהואָש זעצט איבער דעם פּאַרטיקל מ אין מאפס. אַזוי זעצט אויך איבער בובער. קינג דזשיימס זעצט איבער: less than nothing and vanity. אַזוי דערקלערט אויך אבן עזרא און רד״ק. לויט זיי איז דער מ פֿון מאפס אַ קאָמפּאַראַטיוו. זען געזעניוס־ק.־ק., 133, ז׳ 429. די ווולגאַטאַ זעצט איבער: quasi nihilum; לוטער: wie ein Nichtiges und Eitles, פּונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען כאפס ותהו אָדער פּשוט אפס ותהו נחשבו לו. דער רובֿ איבערזעצערס רעכענען זיך נישט מיטן מ.

18. ואל־מי תדמיון אל ומה־דמות תערכו־לו.

און צו וועמען קענט איר צוגלײַכן גאָט? און וואָסער געשטאַלט קענט איר אים גלײַך שטעלן?

דמות — געשטאַלט. ענלעך זעצט איבער טאָרטשינער: Gebilde. לוטער זעצט איבער: Gleichnis. קינג דזשיימס: Likeness. מאַרגאָליס: Likeness. בובער: Gleichnis. אין די דאָזיקע איבערזעצונגען ווערט דער שורש פֿון וואָרט: דמה — גלײַך זײַן, אונטערגעשטראָכן.

תערכו — גלײַך שטעלן. זען תּהלים מ, 6: אין ערוך אליך. געזעניוס־ב., 2, ערך, ז׳ 619. טאָרטשינער זעצט איבער: gleich . . . werten. ער זעט אין תערכו דעם שורש ערך — ווערט. שד״ל האָט פּאָלעמיזירט קעגן אַזאַ באַנעם. ער שרײַבט: ואיננו ענין הערכה ושומה.

19. הפסל נסך חרש וצרף בזהב ירקענו ורתקות כסף צורף.

דעם געץ וואָס אַ מײַנסטער האָט אויסגעגאָסן, און אַ שמעלצער ציט אים איבער מיט גאָלד, און שמעלצט־צו קייטלעך פֿון זילבער?

סמיט נעמט אַרײַן אין זײַן איבערזעצונג נאָך פּסוק 19 די פּסוקים 6 און 7 פֿון פּרק מא, וואָס לויט דער מיינונג פֿון רובֿ תּנך־פֿאָרשערס געהערן זיי דאָ אַהער.

סמיט און טאָרטשינער לייענען: ובֿרתקות כסף צורף. זײַ פֿאַרבינדן דעם ב פֿון בזהב אויך מיט ורתקות. זען געזעניוס־ק.־ק., 119, ז׳ 384.

[הערות, ז׳ 128] ורתקות כסף צורף — און שמעלצט־צו קייטלעך פֿון זילבער. אייניקע ווילן לייענען צרוף אַנשטאָט צורף: און מיט קייטלעך פֿון זילבער געלײַטערטן.[119]

20. המסכן תרומה עץ לא־ירקב יבחר חרש חכם יבקש־לו להכין פסל לא ימוט.

אַ שטיינדעמב ווערט אויסגעקליבן, האָלץ וואָס פֿוילט נישט ווײַלט מען אויס; אַ קלוגן מײַנסטער זוכט מען זיך, אויפֿצושטעלן אַ געץ וואָס זאָל זיך נישט וואַקלען.

עץ לא־ירקב — האָלץ וואָס פֿוילט נישט, זען געזעניוס־ק.־ק., 155, ז׳ 487; 156, ז׳ 490.

[הערות, ז׳ 128] המסכן תרומה עץ לא־ירקב יבחר — אַ שטיינדעמב ווערט אויסגעקליבן, האָלץ וואָס פֿוילט ניט טוט מען אויסוויילן. שוין תּרגום יונתן האָט אָנגעוויזן מסכן פֿאַר דעם נאָמען פֿון אַ בוים.[120] די נײַע האָבן געפֿונען אַן ענלעך וואָרט פֿאַר אַ בוים אין אַשוריש און טײַטשן אויס מסכן אַ מין האַרטע האָלץ, שטיינדעמב (דײַטש: שטיינאײַכע, ענגליש: Holm-oak);[121] לויט רשי: דער וואָס איז געניט אָדער געוווינט (פֿאַרגלײַך ההסכן הסכנתי, במדבר כב, 30) אין אויסקלײַבן קלײַבט אויס אַ האָלץ וואָס פֿוילט נישט. לויט רד״ק און פֿיל אַנדערע נאָך אים: דער וואָס שיידט אָפּ (= גיט, איז מנדב) אָרעם (פֿאַרגלײַך מסכן, קהלת ט, 15), ד״ה, דער וואָס פֿאַרמאָגט ניט אויף אַ גאָלדגעץ קלײַבט אויס אַ האָלץ וואָס פֿוילט ניט. לויט שטיינבערגן: דער וואָס שיידט אָפּ קאָרג אאַז״וו.[122] דוהם וויל לייענען המסכן [אין בנין פיעל] תמונה אאַז״וו. דער וואָס שנײַדט אויס (פֿון אייגענעם וואָרצל ווי סכין־שכין, משלי כד 2, מעסער) אַ געשטאַלט קלײַבט אויס אאַז״וו.[123]

21. הלוא תדעו הלוא תשמעו הלוא הגד מראש לכם הלוא הבינותם מוסדות הארץ.

ווייסט איר דען ניט? הערט איר דען ניט? איז אײַך פֿון אָנהייב אָן ניט דערציילט געוואָרן? פֿאַרשטייט איר ניט די גרונטפֿעסטן פֿון דער ערד?

הלוא תדעו — ווייסט איר דען ניט? אין הווה. זען געזעניוס־ק.־ק., 107, ז׳ 315.

הלוא הבינותם מוסדות הארץ — פֿאַרשטייט איר ניט די גרונטפֿעסטן פֿון דער ערד? אַזוי זעצן אויך איבער די ווולגאַטאַ, מאַרגאָליס, בובער און טאָר־טשינער. לוטער און קינג דזשיימס זעצן איבער פּונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען:

---

[119] זען תנך עם פירוש ש. ל. גרדון, תּל־אָבֿיבֿ, תּש״ו, צום פּסוק. ווײַטער ניצן מיר של״ג. די עמענדאַציע זעט אויס צו זײַן איבעריק. דער צווייטער „צורף" איז אַ האָמאָנים צום ערשטן. ער איז אין גאַנצן ענלעך צום ערשטן, ער האָט אָבער אַן אַנדער באַטײַט. דער ערשטער באַטײַט: דער שמעלצער און דער צווייטער באַטײַט: ער שמעלצט צו. זען דוד ילין, חקרי מקרא; ישעיה, מא.

[120] דער תּרגום יונתן זעצט איבער מסכן — אורן.

[121] *Das Buch Jesaia,* erklärt von Karl Marti Tübingen, 1900, p. 275.

ווײַטער ניצן מיר: מאַרטי.

[122] משפט האורים, ז׳ 862: תרומה: המקמץ בנדבת יד.

[123] *Die Psalmen,* erklärt von Bernhard Duhm. (Kurzer Handkommentar . . . herausgegeben von Karl Marti), p. 271.

ווײַטער ניצן מיר: דוהם.

ממוסדות הארץ; לוטער: von Anbeginn der Erde; קינג דזשיימס: from foundations of the earth. אַזוי זעצן אויך איבער מאָפֿאַט און סמיט.

22. הישב על־חוג הארץ וישביה כחגבים הנוטה כדק שמים וימתחם כאהל לשבת.

ער איז דער וואָס זיצט איבער דעם צירקל פֿון דער ערד, און אירע באַ־ווינער זײַנען ווי היישעריקן; דער וואָס שפּרייט ווי אַ טול די הימלען, און ציט זיי אויס ווי אַ געצעלט צום וווינען.

הישב על חוג הארץ — ער איז דער וואָס זיצט. אַזוי זעצן אויך איבער קינג דזשיימס, מאַרגאָליס און סמיט. לוטער זעצט איבער: Er sitzt, ווי עס וואָלט געשטאַנען: הוא יושב. וועגן ה אין הישב זען געזעניוס־ק.־ק., 126, ז' 404.

23. הנותן רוזנים לאין שפטי ארץ כתהו עשה.

דער וואָס פֿאַרקערט פֿירשטן צו ניוועץ, וואָס מאַכט ווי גאָרניט די ריכטער פֿון דער ערד.

הנותן רוזנים לאין — דער וואָס פֿאַרקערט. אַזוי זעצט אויך איבער טאָר־טשינער. בובער זעצט איבער וואָרט בײַ וואָרט: der gibt, dass Erlauchte zu Unding werden. וועגן ה פֿון הנותן זען פּסוק 22.

24. אף בל־נטעו אף בל־זרעו אף בל־שרש בארץ גזעם וגם נשף בהם ויבשו וסערה כקש תשאם.

נאָך צו מאָל ניט אײַנגעפֿלאַנצט זײַנען זיי, נאָך צו מאָל ניט פֿאַרזייט זײַנען זיי, נאָך צו מאָל ניט אײַנגעוואָרצלט אין דער ערד זייער שטאַם, און שוין טוט ער אַ בלאָז אויף זיי, און זיי ווערן פֿאַרטריקנט, און אַ שטורעם טראָגט זיי ווי אַ שטרוי אַוועק.

קינג דזשיימס זעצט איבער דעם גאַנצן פּסוק אין עתיד, ווײַל נאָך דער נעגאַטיווער פּרעפּאָזיציע בל קומט אין תּנך תּמיד — אַן עתיד. זען געזעניוס־ק.־ק., 152, ז' 481.

[הערות, ז' 129] אף בל־נטעו — נאָך צו מאָל ניט אײַנגעפֿלאַנצט זײַנען זיי אאַז"וו. דער נבֿיא אין זײַן שילדערונג פֿון דער אָנהאַפּטיקייט פֿון די אומות פֿאַלט אַרײַן אין איבערגע־טריבענער בילדלעכקייט: זיי ווערן פֿאַרטריקנט איידער זיי זײַנען צו מאָל אײַנגעפֿלאַנצט געוואָרן אאַז"וו. לויט אַן אַנדער איבערזעץ: קוים זײַנען זיי אײַנגעזייט, קוים האָט זיך אײַנגעוואָרצלט זייער שטאַם אין דער ערד אאַז"וו.[124]

25. ואל־מי תדמיוני ואשוה יאמר קדוש.

און צו וועמען קענט איר מיך צוגלײַכן, איך זאָל גלײַך זײַן? זאָגט דער הייליקער.

אַלע אַנדערע זעצן איבער: צו וועמען ווילט איר מיך צוגלײַכן.

[124] מאַרגאָליס זעצט איבער: Scarce they are planted; סמיט זעצט איבער: Hardly have they been planted; טאָרטשינער: Nie recht gepflanzt, nie recht gesät. בובער: Kaum sind sie gepflanzt, kaum sind sie gesät.

26. שאו־מרום עיניכם וראו מי־ברא אלה המוציא במספר צבאם לכלם בשם יקרא מרב אונים ואמיץ כח איש לא נעדר.

הייבט אויף אין דער הייך אײַערע אויגן און זעט: ווער האָט באַשאַפֿן די דאָזיקע? ער, וואָס פֿירט אַרויס מיט אַ צאָל זייער חיל, זיי אַלע רופֿט ער מיטן נאָמען; דורך גרויס מאַכט, און ווײַל ער איז שטאַרק אין כּוח, איז קיינער ניט געמינערט.

[הערות, ז' 129] מרב אונים ואמיץ כח איש לא נעדר — דורך גרויס מאַכט און ווײַל ער איז שטאַרק אין כּוח איז קיינער ניט געמינערט (פֿעלט קיינער ניט אויס). אייניקע ווילן וואָקאַליזירן מרב [פּיעל]: דורך דעם פֿילמאַכטיקן און שטאַרקן אין כּוח אאַז"וו.[125] אַנדערע ווילן לייענען ואומץ (אָדער ואמיץ גופֿא זאָל דאָ האָבן דעם באַטײַט פֿון אַבסטראַקט. זען אָנמערקונג צו מ, 10): דורך (זײַן) גרויסמאַכט און שטאַרקייט אין כּוח אאַז"וו. ערליך לייענט מרב[126] און פֿאַרשטייט דאָס וואָרט אַזוי ווי אויך ואמיץ קאָלעקטיוו: פֿון פֿילמאַכטיקע (שטערן) איןֹ שטאַרקע אין כּוח פֿעלט קיינער ניט אויס.

27. למה תאמר יעקב ותדבר ישראל נסתרה דרכי מיהוה ומאלהי משפטי יעבור.

פֿאַר וואָס זאָלסטו זאָגן, יעקבֿ, און זאָלסט רעדן, ישׂראל: פֿאַרבאָרגן איז מײַן וועג פֿון יהוה און פֿון מײַן גאָט איז מײַן משפּט אַוועק.

למה תאמר... ותדבר — פֿאַר וואָס זאָלסטו זאָגן און זאָלסטו רעדן און נישט: פֿאַר וואָס זאָגסטו און רעדסטו. אַזוי זעצט אויך איבער סמיט: Why should you say... דאָס איז אַ פֿרעקווענטאַטיווער אימפּערפֿעקט. זען געזעניוס־ק.־ק., 107, ז' 315.

ומאלהי משפטי יעבר — און פֿון גאָט איז מײַן משפּט אַוועק. יהואָש גייט דאָ נאָך דעם תּרגום השבֿעים און די וווּלגאַטאַ וואָס זעצן איבער פּונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען: ומאלהי משפטי עבר.

28. הלוא ידעת אם־לא שמעת אלהי עולם יהוה בורא קצות הארץ לא ייעף ולא ייגע אין חקר לתבונתו.

ווייסטו דען ניט? צי האָסטו ניט געהערט? יהוה איז דער אייביקער גאָט, דער באַשעפֿער פֿון די עקן פֿון דער ערד. ער ווערט ניט מיד און ניט מאַט; ניט צו דערפֿאָרשן איז זײַן פֿאַרשטאַנדיקייט.

לא ייעף ולא ייגע — ער ווערט ניט מיד און ניט מאַט. זען פּסוק 31.

תבונה — פֿאַרשטאַנדיקייט. אַזוי זעצט יהואָש איבער תבונה אין אַ סך ערטער. זען שמות לו, 1; דברים לב, 28. אין אַנדערע ערטער זעצט ער איבער תבונה — שׂכל. אויך אַנדערע זעצן איבער דאָס זעלביקע וואָרט אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿאַרשיידן. מאַרגאָליס למשל זעצט איבער תבונה מערסטנס מיט understanding, דאָ אָבער זעצט ער איבער discernment.

29. נתן ליעף כח ולאין אונים עצמה ירבה.

ער גיט דעם מידן כּוח, און דעם אוממאַכטיקן מערט ער שטאַרקייט.

---

[125] זען מאַרטי, ז' 277.

[126] זען ערליך, *Randglossen*, באַנד 4, ז' 147.

עצמה ירבה — מערט ער שטאַרקייט. עס איז אינטערעסאַנט אַרײַנצוציִען דאָ צום פֿאַרגלײַך די עטימאָלאָגישע איבערזעצונג פֿון בובערן: vielfältigt er Kernhaftigkeit.

30. ויעפו נערים ויגעו ובחורים כשול יכשלו.

און יונגע־לײַט וועלן מיד און מאַט ווערן, און יונגע וועלן שטרויכלען גע־שטרויכלט ווערן.

ויעפו נערים ויגעו — וועלן מיד און מאַט ווערן. ווי מיר זעען זעצט יהואָש איבער דעם זאַץ אין עתיד און נישט אין הווה. אַזוי זעצן אויך איבער מאַרגאָליס און סמיט. בובער, טאָרטשינער און קויטש זעצן איבער אין הווה. זען געזע־ניוס־ק.־ק., 107, ז׳ 315.

כשול יכשלו — שטרויכלען געשטרויכלט ווערן. יהואָש אימיטירט דאָ דעם עמפֿאַטישן אינפֿיניטיוו וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר העברעיִש, ער ניצט דעם עמפֿאַטישן אינפֿיניטיוו אומעטום.[127] זען שמות כא, 15—17; דברים ז, 2 אאַז״וו. אַזוי זעצן אויך איבער בובער און טאָרטשינער. וועגן דעם עמפֿאַטישן אינפֿיניטיוו אין העברעיִש זען געזעניוס־ק.־ק., 2, 113, ז׳ 342.

31. וקוי יהוה יחליפו כח יעלו אבר כנשרים ירוצו ולא ייגעו ילכו ולא ייעפו.

אָבער די וואָס האָפֿן אויף גאָט וועלן באַנײַען דעם כּוח, זיי וועלן אויפֿ־הייבן פֿליגלען ווי די אָדלערס; זיי וועלן לויפֿן און ניט מיד ווערן, זיי וועלן גיין און ניט מאַט ווערן.

יחליפו כח יעלו אבר... — וועלן באַנײַען... וועלן אויפֿהייבן, אין עתיד. זען פּסוק 30.

ולא ייגעו... ולא ייעפו — און ניט מיד ווערן... און ניט מאַט ווערן. אין פּסוק 28 זעצט יהואָש איבער: לא ייעף ולא ייגע — ער ווערט ניט מיד און ניט מאַט, דהײַנו: יעף — מיד און יגע — מאַט, פֿאַרקערט ווי דאָ. יהואָש האָט דאָ געביטן דעם באַטײַט פֿון די ווערטער, ווײַל אין ייִדיש קומט תּמיד מיד פֿאַר מאַט. אַלע אַנדערע איבערזעצונגען האָבן דאָ און אין פּסוק 28 די זעלבע טײַטשן פֿאַר יעף און יגע.

תּהלים סח[128]

1. למנצח לדוד מזמור שיר.

פֿאַר דעם געזאַנג־מײַסטער; פֿון דודן אַ מזמור, אַ געזאַנג.

---

[127] זען ריידערס רעצענזיע אין שבילי החנוך, שנה ב (כסלו־טבת תרפ״ח), שיד א״וו.

[128] דאָס קאַפּיטל סח פֿון תּהלים ווערט באַטראַכט פֿאַר איינעם פֿון די שווערסטע אין תּנך. מיר ברענגען דאָ עטלעכע מיינונגען וועגן דעם דאָזיקן קאַפּיטל. אבן עזרא שרײַבט: זה המזמור נכבד מאד, ד״ה דער דאָזיקער מזמור איז זייער שווער (תּהלים סח, 2). דער באַקאַנטער ייִדיש־איטאַליענישער דיכטער עמנואל הרומי באַרימט זיך אין זײַן פֿאַנטאַסטישן באַריכט איבער זײַן באַגעגעניש מיט דוד המלך אין הימל, אַז קיינער פֿון די מפֿרשים, אַפֿילו נישט דער רד״ק, האָט נישט צופֿרידן געשטעלט דוד המלכן מיט זײַן פּירוש אויפֿן דאָזיקן קאַפּיטל אַזוי ווי ער, עמנואל. ער שרײַבט: וישמע דוד כי באתי הלום... ויאמר אלי אתה כבדתני במה שפרשת

ווי מען זעט טיילט יהואש אײַן דעם פּסוק אַזוי: למנצח, לדוד מזמור, שיר. אַזוי טיילט אויך דעם פּסוק מאַרגאָליס. טאָרטשינער טיילט אײַן: למנצח, לדוד, מזמור שיר. קויטש און בובער: למנצח, לדוד מזמור, שיר. די דאָזיקע פֿאַר־שיידענע אײַנטיילונג פֿון פּסוק איז אָפּהענגיק פֿון דער געטרײַשאַפֿט צו די טעמים. דער טעם איבער לדוד איז אַ רבֿיעי מוגרש און ער געהערט צו די מלכים, ד"ה צו די טעמים וואָס טיילן אָפּ ווערטער. די בעלי המסורה האָבן געהאַלטן, אַז לדוד מזמור געהערן נישט צוזאַמען.[129]

2. יקום אלהים יפוצו אויביו וינוסו משנאיו מפניו.

גאָט וועט אויפֿשטיין, וועלן צעשפּרייט ווערן זײַנע פֿײַנט, און זײַנע שׂונאים וועלן אַנטלויפֿן פֿאַר אים.

די איבערזעצערס גייען זיך פֿונאַנדער אין דער איבערזעצונג פֿון דאָזיקן פּסוק, כאָטש יעדער וואָרט פֿאַר זיך איז פֿאַרשטענדלעך. לויטן תּרגום השבֿעים, לוטער, קינג דזשיימס, מאַרגאָליס און סמיט איז דער פּסוק אָפּטאַטיוו, לויט יהואשן, בובערן און טאָרטשינערן איז ער אַ תּנאַי־זאַץ. פֿ"גל געזעניוס־ק.־ק., 159, ז' 493.

3. כהנדף עשן תנדף כהמס דונג מפני־אש יאבדו רשעים מפני אלהים.

ווי רויך ווערט צעטריבן, ווערסטו זיי צעטרײַבן; ווי וואָקס צעגייט פֿאַר פֿײַער, וועלן אונטערגיין די רשעים פֿאַר גאָט.

כהנדף — ווערט צעטריבן. די מיטל־עלטערישע מפֿרשים האָבן אין כהנדף

ספר תהלות, והראית בפירושיך מעלותיו המהוללות... וישלח דוד... לקרוא לכל המפרשים אשר פירשו ספר תהלות ולהביא פירושם, ויבואו כולן במצות דוד המלך ודוד קמחי בראשם... ויאמר דוד אל המפרשים העומדים לפניו יאמר כל אחד מכם מזמור יקום אלהים ויפוצו אויביו וינוסו משנאיו מפניו (תהלים סח) ויגל מצפוניו ועניניו... אז קמו ויאחז כל אחד מהם דרכו זה אומר בכה וזה אומר בכה ויאמר דוד זה אומר זה פירושי זה חידושי ואין בכם מנחם משיב נפשי, אז קם דוד וינשקני על ראשי ויאמר זו היא צרור המור, זה חשף סוד זה המזמור... הוא החל לבארו והוא כלהו, ויצוני לאמור לפני כולם פירוש המזמור וכן עשיתי, לא העלמתי דבר ולא כסיתי... אז צוה דוד אל המפרשים לכבדיני ויכבדוני... (מחברות עמנואל הרומי, תל־אביב תש"ו, ז' 842); דוד כהנא: הוא [ד"ה פרק סח] כחידה סתומה מני קדם באין פותר וכמעט נלאו כל החוקרים הרבים לבוא עד חקר תכונתו (הבוקר אור, כרך ד, ז' 1156); ש. פוזננסקי: אם כי הרבה מזמורים בספר תהלים אשר בערפל חתוליהם ואין בידינו לעמוד על כוונתם כראוי הנה המזמור סח עולה על כולם בקושי הבנתו (אוצר הספרות, כרך ה, ז' צו); מ. ד. קאַסוטאָ: אין לך בכל ספר תהלים מזמור אחד שנתקשו בו המפרשים כפי מה שנתקשו במזמור סח (תרביץ, שנה יב, ספר א (ת"ש), ז' 1.

M. Buttenwieser, *The Psalms*, p. 30: Psalm 68 has always been a crux interpretum . . . Reuss called it: ein Denkmal exegetischer Not und Kunst; Wm. T. Cannon, *The 68th Psalm*, p. 1: This vigorous poem . . . is universally admired but it is certainly not generally understood; *Revue des Etudes Juives*, XIX, 1889, p. 1.

[129] וועגן יהואָשעס שטעלונג צו דער מסורה, זען זז' 82, 100.

געזען אַן אינפֿיניטיוו פֿון נפֿעל. זען אבן ג׳נאח, ספר הרקמה, ז׳ קפח, הערה 6.[130]
תּנדף — וועסטו זיי צעטרײַבן. לויטן תּרגום השבעים, מיטל־עלטערישע מפֿרשים און דאָס רובֿ מאָדערנע פֿאָרשערס איז תּנדף אַ טראַנזיטיווער ווערב און צוליב דעם זײַנען זיי מוסיף אַ פֿערזענלעכן פּראָנאָם אין אַקוזאַטיוו. בובער זעט אין תּנדף אַן אינטראַנזיטיוון ווערב און ער זעצט איבער: Wie Rauch weht da es weht.

מפּני אלהים — פֿאַר גאָט. בובער זעצט אויך איבער דאָס וואָרט פּנים אין מפּני: angesichts Gottes, אַזוי ווי דער תּרגום השבעים און די וווּלגאַטאַ. גראָס[131] גייט נאָך בובערן און זעצט איבער: פֿאַרן פּנים פֿון גאָט. סמיט זעצט איבער: from before God.

4. וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלהים וישישו בשמחה.

און די צדיקים וועלן זיך פֿרייען; זיי וועלן זײַן לוסטיק פֿאַר גאָט, און קווענלען מיט שׂמחה.

זען פּסוק 2. טאָרטשינער גייט נאָך די האַנטשריפֿטן וואָס לייענען דאָ: ישמחו ויעלצו. פֿ״גל רד״ק, מנחת ש״י, און קיטעל קאָהלע צום פּסוק.

5. שירו לאלהים זמרו שמו סלו לרכב בערבות ביה שמו ועלזו לפניו.

זינגט צו גאָט, באַזינגט זײַן נאָמען, דערהייבט דעם וואָס רײַט דורך די הימלען — יה איז זײַן נאָמען — און פֿרייט זיך פֿאַר אים.

זמרו שמו — באַזינגט זײַן נאָמען. מאַרגאָליס און טאָרטשינער גייען נאָך די אַלטע איבערזעצונגען און האַנטשריפֿטן וואָס לייענען דאָ: זמרו לשמו. פֿ״גל ישעיה יב, 5: זמרו אדני, ווו יהואָש זעצט איבער: צו גאָט.

סלו — דערהייבט. אַזוי זעצן איבער דער רובֿ איבערזעצערס. תּרגום יונתן זעצט איבער: קלסון, און פּשיטא: שבחו, וואָס באַטײַט לויבן. פֿ״גל אויך געזע־ניוס־ב., סלל, ז׳ 545. די וווּלגאַטאַ און אויך די מיטל־עלטערישע מפֿרשים האָבן סלו דאָ אַרויסגעדרונגען פֿון סלל, טרעטן, אָדער מאַכן אַ וועג ווי אין סלו סלו המסלה (ישעיה סב, 10). זען אבן עזרא צום פּסוק. לוטער זעצט טאַקע איבער: Machet Bahn dem, der ...

ביה שמו — יה איז זײַן נאָמען. יהואָש און מאַרגאָליס רעכענען זיך נישט מיט דעם ב פֿון ביה. דער תּרגום השבעים האָט בלויז יה אָן אַ ב. פֿ״גל געזע־ניוס־ק.־ק., 119, הערה 3, ז׳ 379. גרעץ[132] לייענט: ברכו שמו ועלזו לפניו. זען תּהלים צו, 2.

[הערות, ז׳ 235] ביה שמו ועלזו לפניו, יה איז זײַן נאָמען — און פֿרייט זיך פֿאַר אים.

---

[130] מיגלעך אַז די וואָקאַליזאַציע פֿון כהנדף איז אַ פּועל־יוצא פֿון דער אַנאַלאָגיע מיט תּנדף. זען אויבן ז׳ 72.

[131] תּהלים, איבערגעזעצט און מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון נפֿתּלי גראָס, ניו־יאָרק, 1943. ווײַטער ניצן מיר: גראָס.

[132] *Kritischer Kommentar zu den Psalmen* nebst Text und Übersetzung. Von H. Grätz. Breslau, 1883.

ווײַטער וועלן מיר ניצן: גרעץ.

רייפּמאַן לייענט ביה שמחו ועלזו לפניו,[133] פּרייט זיך מיט יה אָדער גאָט, און זײַט לוסטיק פֿאַר אים. — יה איז אַ פֿאַרקירצונג פֿון יהוה, וועגן וועלכן זע אָנמערקונג בראשית ד, 26.[134]

בערבות, דורך די הימלען. גענויער: דורך די סטעפּן, וויסטענישן אָדער ווײַטע שטרעקן (פֿון הימל).[135] אָדער ערבה — פֿון דעם אייגענעם וואָרצל ווי ערב, אָוונט: דורך די וואָלקנס (גענויער: פֿינצטערנישן).[136] אַנדערע זעצן איבער פּשוט: דורך די וויסטענישן, און עס האָט אַ שײַכות צו גאָטס גיין מיט ישׂראל דורך דער מידבר.[137]

6. אבי יתומים ודין אלמנות אלהים במעון קדשו.

דער פֿאָטער פֿון יתומים, און דער ריכטער פֿון אַלמנות, איז גאָט אין זײַן הייליקער וווינונג.

במעון קדשו — אין זײַן הייליקער וווינונג. דאָס איז אַ „דערקלערנדיקער געניטיוו". זען געזעניוס־ק.־ק., 128, ז' 417. ענלעך זעצן איבער דער תּרגום השבֿעים, די וווּלגאַטאַ, לוטער, קינג דזשיימס, מאַרגאָליס, סמיט און טאָרטשינער. בובער זעצט אויך דאָ איבער וואָרט בײַ וואָרט: .im Hag seines Heiligtums גראָס גייט נאָך בובערן, ער זעצט איבער: אין דער וווינונג פֿון זײַן הייליקטום.

7. אלהים מושיב יחידים ביתה מוציא אסירים בכושרות אך־סוררים שכנו צחיחה.

גאָט באַזעצט די עלנטע אין אַ היים, ער ברענגט אַרויס די געפֿאַנגענע אין גליק; נאָר די אָפּקערער בלײַבן אין טריקעניש.

יחידים — עלנטע. זען תּהלים כה, 16: כי יחיד ועני אני, ווו יחיד איז אַ סינאָנים פֿון עני.

[הערות, ז' 235] מושיב יחידים ביתה, גאָט באַזעצט די עלנטע אין אַ היים. לויט אייניקע: משיב אאַז"וו, קערט אום אאַז"וו.[138]

---

[133] יעקבֿ אַ. רייפּמאַנס טעקסטקריטישע הערות צום תּנך זײַנען צעשפּרייט אין דער העברעיִשער פּרעסע פֿון זײַן צײַט. עס איז מיר נישט געראָטן צו געפֿינען דעם מקור פֿון רייפּמאַנס עמענדאַציע צו תּהלים סח, 5. אויך אַ סך מאָדערנע קאָמענטאַטאָרן לייענען ווי רייפּמאַן: ביה שמחו ועלזו לפניו. זען:

A Critical and Exegetical Commentary of the Book of Psalms, by Charles Augustus Briggs and Emilie Grace Briggs (International Critical Commentary).

ווײַטער וועלן מיר ציטירן: בריגס. זען אויך: של"ג.

[134] זען הערות, ישעיה מ, 3.

[135] אַזוי האָט שוין געטײַטשט משה גיקטיליאַ. זען אבן עזרא צום פּסוק: בערבות שם לשמים ורבי משה אמר נקרא כן שמים בעבור שהוא רחב.

[136] אַזוי דערקלערט שוין סעדיה גאָון. זען:

Die Psalmen, Neu übersetzt und erklärt von Arnold B. Ehrlich, Berlin, 1905.

ווײַטער וועלן מיר ניצן: ערליך.

די באַצייכענונג ערבות פֿאַר וואָלקנס און רוכב ערבות פֿאַר גאָט (בעל) געפֿינען מיר שוין אין די אַלט־כּנעניִשע טעקסטן פֿון ראַס שאַמראַ. זען ח. א. גינזבערג, כתבי אוגרית (ירושלים תרצו), זז' 24, 31, 39, 49 א"וו. זען אויך קאַסוטאָ, תרביץ, שנה יב (ירושלים, תשא), זז' 4, 5, 10.

[137] זען אויבן ז' 86.

[138] *Die Psalem,* übersetzt und erklärt von Frdr. Bäthgen (Handkommentar

מאַרגאָליס און בובער לייענען ווי יהואָש: מושיב. קויטש, סמיט און טאָר־טשינער לייענען משיב.

מוציא אסירים בכושרות — ברענגט אַרויס די געפֿאַנגענע אין גליק. וועגן דעם באַטײַט פֿון וואָרט כושרות, וואָס טרעפֿט זיך נאָר איין מאָל אין גאַנץ תּנך, זײַנען דאָ פֿאַרשיידענע מיינונגען. גרעץ און טאָרטשינער גייען נאָך די מיטל־עלטערישע מדקדקים און מפֿרשים ווי אבן ג׳נאח, אבן עזרא און רד״ק, וואָס טײַטשן כושרות — קייטן, אָדער: די האַלצבלאָקן, אין וועלכע מען האָט אַמאָליקע צײַטן געשמידט געפֿאַנגענע.[139] אַנדערע גייען נאָך דער פּשיטא וואָס זעצט איבער בכושרות — בכשירות, און דאָס באַטײַט גליק און הצלחה. זען געזעניוס־ב.,‏ כושרה, ז׳ 339, און חיות צום פּסוק.[140]

8. אלהים בצאתך לפני עמך בצעדך בישימון סלה.

גאָט, אַז דו ביסט אַרויסגעגאַנגען פֿאָרויס פֿאַר דײַן פֿאָלק, אַז דו האָסט געשפּרײַזט דורך דער וויסטעניש, סלה.

סלה איז אַ וואָרט שווער צו פֿאַרטײַטשן. די מערסטע איבערזעצונגען לאָזן עס ניט־איבערגעזעצט. בובער זעצט עס איבער מיט: Empor. זען וועגן **סלה** בריגס, באַנד 1, פּאַראַגראַף 41; חיות צו תּהלים ג, 3. יהואָש שרײַבט אין זײַנע הערות צו חבקוק ג, 3 וועגן סלה:

[הערות, ז׳ 209] סלה, אַ וואָרט פֿון אומבאַקאַנטער באַטײַטונג, וואָס קומט פֿאָר אַחוץ דאָ אויך אין פֿיל ערטער אין תּהלים צום סוף פֿון אַ סטראָף אָדער אַ זאַץ פֿון געזאַנג. קענטיק אַז דאָס איז געווען אַ געוויסער צייכן ווי צו זינגען אָדער שפּילן. אייניקע ווילן האָבן, אַז דאָס וואָרט שטאַמט פֿון סלל, אויפֿהייבן, און איז אַן אָנווײַז פֿאַר די זינגערס אויפֿצוהייבן זייער קול.[141] לויט שטיינבערגן [142] מיינט עס (צו קלאַפּן) אויפֿן סל (ווי הר־הרה), אַזאַ מין קעסלפּויק. תּרגום און די טראַדיציאָנעלע ייִדישע איבערזעצונגען האָבן איבערגעגעבן דאָס וואָרט מיט „אייביק״.

9. ארץ רעשה אף־שמים נטפו מפני אלהים זה סיני מפני אלהי ישראל.

האָט די ערד געציטערט, אויך די הימלען האָבן געטריפֿט פֿאַר גאָט; דער דאָזיקער סיני — פֿאַר גאָט, דעם גאָט פֿון ישׂראל.

---

zum Alten Testament in Verbindung mit anderen Fachgelehrten herausgegeben von M. Nowack).

ווײַטער ניצן מיר: בעטגען.

זען אויך ערליך, דצ״ו, אויך דעם פּירוש אויף תּהלים פֿון צבֿי פּרץ חיות אין אַבֿרהם כּהנאס אויסגאַבע פֿון תּנך מיטן פּירוש מדעי צום פּסוק.

[139] זען אבן ג׳נאח, ספר השרשים, 232; אבן עזרא און רד״ק צום פּסוק. דער רד״ק שרײַבט: מוציא אסורים, אותם שהיו אסורים בשלשלאות של ברזל הוא מוציא אותם מקשריהם ... והכף כענין קו״ף קושרות כי הכ״ף והקו״ף ממוצא אחד...

[140] דאָס וואָרט כושרות טרעפֿט זיך אויך אין די אַלט־כּנעניש טעקסטן פֿון ראַס שאַמראַ. עס האָט דאָרט באַטײַט: זינגערינס. זען: William Foxwell Albright, *Archaeology and the Religion of Israel*, Baltimore, 1942, 82 און קאַסוטאָ, 12.

[141] זען חיות צו תּהלים ג, 3.

[142] יהושע שטיינבערג, משפט האורים, סל, ז׳ 581.

[הערות, ז׳ 235] מפני אלהים זה סיני מפני אלהים אאַז״ו, פֿאַר גאָט; דער דאָזיקער סיני (האָט געציטערט) פֿאַר גאָט אאַז״ו.[143] לויט ערליך: פֿאַר דעם גאָט אויף סיני, פֿאַר גאָט אאַז״ו.[144] איין סבֿרא וויל לייענען זע אַנשטאָט זה: געטרייסלט האָט זיך סיני פֿאַר גאָט [145] אאַז״ו.

די איבערזעצערס, און יהואָש בתוכם, רעכענען זיך דאָ נישט מיטן אתנחתּא, וואָס די בעלי המסורה האָבן אַוועקגעשטעלט אונטער סיני. זען וועגן סיני גע־זעניוס־ק.־ק., 136, הערה 2, ז׳ 442. לויט געזעניוסן איז סיני דאָ אַ גלאָסע. לויט אַ סך מאָדערנע פֿאָרשערס איז זה דאָ ווי אויך אין שופטים ה, 5 אַן אַרכאַיִש העברעיִש וואָרט מיט דעם באַטײַט ׳פֿון׳, ווי דו אין אַראַביש אָדער זי אין אַרמיש.[146]

10. גשם נדבות תניף אלהים נחלתך ונלאה אתה כוננתה.

אַ רעגן פֿון שפֿע האָסטו אַראָפּגעזיפּט, גאָט, אַז דײַן נחלה איז פֿאַרשמאַכט געוווען, האָסטו זי אויפֿגעריכט.

גשם נדבות — אַ רעגן פֿון שפֿע. דער רובֿ אַלטע און מאָדערנע איבער־זעצונגען האַלטן גשם נדבות פֿאַר אַ „דערקלערנדיקן געניטיוו" און זיי זעצן איבער: אַ שפֿעדיקן רעגן, אַ רײַכן רעגן. יהואָש האַלט עס פֿאַר אַ פּשוטער סמיכות, אַזוי אויך בובער.[147]

[הערות, ז׳ 235] גשם נדבות, אַ רעגן פֿון שפֿע אאַז״ו, אַ בילד פֿון דער שפֿע וואָס גאָט האָט אָנגעגרייט פֿאַר די קינדער פֿון ישראל, ווען ער האָט זיי געבראַכט קיין כנען.

תניף איז אין דעם פּסוק אַ שווער וואָרט. מע לייגט צוליב דעם פֿאָר צו עמענדירן אויף תטיף אָדער תרעיף. נוף אין קל האָט דעם באַטײַט פֿון באַגיסן. זען משלי ז, 17. עס איז בכן מיגלעך, אַז אויך דער הפֿעיל פֿון נוף האָט דעם זעלבן באַטײַט און די עמענדאַציע איז איבעריק. יהואָש פֿאַרבינדט עס מיטן וואָרט נפה אַ זיפּ און צוליב דעם זעצט ער איבער: תניף — האָסט אַראָפּגעזיפּט.

נחלתך ונלאה — דײַן נחלה איז פֿאַרשמאַכט געוואָרן. אַזוי זעצן איבער די מיטל־עלטערישע מפֿרשים, אויך לוטער, קינג דזשיימס און מאַרגאָליס. אויך בובער זעצט איבער נחלתך: dein Eigentum. טאָרטשינער און סמיט זעצן איבער נחלתך: דײַן קראַנקס, פֿון חלה, קראַנק זײַן, פֿ״גל ישעיה יז, 11. זיי גייען נאָך ערליכן. גראָס זעצט איבער ווי בובער.

11. חיתך ישבו־בה תכין בטובתך לעני אלהים.

דײַן סטאַדע האָט זיך באַזעצט דערין; האָסטו אין דײַן גוטסקייט, גאָט, אָנ־געגרייט פֿאַר די אָרעמע.

[הערות, ז׳ 235] חיתך... דײַן מחנה (זע שמואל ב, כג, 13). אָדער: דײַן שבֿט, דײַן

[143] זען בעטגען צום פּסוק.
[144] ערליך גייט דאָ נאָך דער מסורה וואָס שטעלט אַן אתנחתּא אונטער סיני.
[145] זען גרעץ און קיטעל־קאַהלע צום פּסוק.
[146] זען געזעניוס־ב., זה, 193; קאַסוטאָ, ז׳ 12.
[147] זען חיות צום פּסוק.

משפחה (זע אָנמערקונג שמואל א, יח, 18).[148] לויט אַנדערע איז חיתך קאָלעקטיוו: דײַנע לע־בעדיקע באַשעפֿענישן — דײַן סטאַדע.[149]

ישבו בה — האָבן זיך באַזעצט דערין. ערליך וויל לייענען ישבעו בה — איז זאַט געוווען דערין.

לעני — פֿאַר די אָרעמע, אין לשון רבים. אַזוי זעצן איבער אויך לוטער, קינג דזשיימס און ערליך. גרעץ, טאָרטשינער און בובער זעצן איבער אין לשון יחיד: פֿאַרן אָרעמאַן.

12. אדני יתן־אמר המבשרות צבא רב.

גאָט גיט אַרויס אַ וואָרט — אָנזאָגערינס אַ גרויסע מחנה.

אמר — אַ וואָרט. אַזוי זעצן אויך איבער די ווולגאַטאַ, לוטער, קינג דזשיימס, מאַרגאָליס און טאָרטשינער. סמיט זעצט איבער: command; גרעץ און בובער: Spruch.

המבשרות — אָנזאָגערינס. יהואָש, סמיט, טאָרטשינער און בובער זעצן איבער המבשרות מיט איין וואָרט. מאַרגאָליס זעצט עס איבער מיט זעקס ווערטער: the women that proclaim the tidings. עס לוינט זיך אויך צו ציטירן יצחק ליסערס איבערזעצונג פֿון דאָזיקן קליינעם פּסוק פֿון בלויז זעקס ווערטער. ער זעצט איבער מיט אַ זאַץ פֿון פֿופֿצן ווערטער:

The Lord gave (happy) tidings; they are published by the female messengers, a numerous host.[150]

[הערות, ז׳ 235] לויט די מערסטע קאָמענטאַטאָרן ווערט אין די פּסוקים [12—15] געשילדערט די זיגרײַכע מלחמה פֿון ישׂראל איבער די מלכים פֿון כנען. אַנדערע באַציִען עס אויף ברק אין דבֿורהס מלחמה מיט סיסראָן (שופטים, ד).

13. מלכי צבאות ידדון ידדון ונות־בית תחלק שלל.

מלכים פֿון מחנות לויפֿן, אַנטלויפֿן, און די שטובזיצערין טיילט רויב.

דער שורש פֿון ידדון איז נדד, וואַנדערן, אויך אַנטלויפֿן. דער רד״ק דער־קלערט צוליב דעם ידדון — ינוסון. די איבערזעצונגען גייען זיך פֿונאַנדער אין דעם באַטײַט פֿון ונות־בית. יהואָש גייט נאָך קינג דזשיימסן און מאַרגאָליסן וואָס זעצן איבער ונות־בית — she that tarrieth at home. פֿ״גל חיות צום פּסוק. יהואָש זעצט איבער די פּסוקים 12—13 אין דער הווה־פֿאָרעם. אַזוי אויך מאַר־

---

[148] זען אבן ג׳נאח, ספר השרשים, 150: חיתך ישבו בה, עדה. פֿ״גל אויך רשי און רד״ק צום פּסוק. ביידע דערקלערן: חיתך — עדתך. אבן עזרא דערקלערט: חיתך — קהלתך. יהואָש מאַכט צו שמואל א, יח, 18 די ווײַטערדיקע באַמערקונג: „ומי חיי משפחת אבי בישראל, און וואָס איז מײַן לעבן (אָדער) מײַן פֿאָטערס משפחה אין ישׂראל. אַ סך פֿון די נײַע נעמען אָן אַ וואָרט חי וואָס באַטײַט, אַזוי ווי אין אַראַביש, שטאַם (פֿאַרגלײַך חיה, שמואל ב, כג, 13) און לייענען מיט אַ חיריק אונטערן ערשטן י: און ווער איז מײַן שטאַם, מײַן פֿאָטערס הויז אין ישׂראל״.

[149] זען געזעניוס־ב., חיה, ז׳ 227.

[150] זען ספר תורה נביאים וכתובים, מתורגם אנגלית על ידי הרב ר׳ יצחק ליסער, Jewish Press Publishing Company, New York, 1913.

גאָליס. אַנדערע זעצן איבער אין עבֿר. אַזוי לוטער, קינג דזשיימס און סמיט. פֿ"גל אויך געזעניוס־ק.־ק., 107, ז' 315 א"וו.

14. אם־תשכבון בין שפתים כנפי יונה נחפה בכסף ואברותיה בירקרק חרוץ.

צי ווילט איר ליגן צווישן די שאָפֿגעהעפֿטן? די פֿליגלען פֿון דער טויב זײַנען מיט זילבער באַדעקט, און אירע פֿלעדערן מיט גרינלעכן גאָלד.

[הערות, ז' 235] אם־תשכבון בין שפתים, ווילט איר ליגן צווישן די שאָפֿגעהעפֿטן? פֿאַר־גלײַך שופטים ה, 16.[151] כנפי יונה נחפה בכסף ואברותיה בירקרק חרוץ, די פֿליגלען פֿון דער טויב זײַנען מיט זילבער באַדעקט, און אירע פֿלעדערן מיט גרינלעכן גאָלד. לויט אייניקע איז דאָס אַ בילד פֿון דעם שׂונא און דעם רײַכן רויב. דער פּײַנט איז אַ געיאָגטע טויב, און ישׂראל, דער זיגער, איז דער אָדלער.[152] לויט אַנדערע איז דאָס אַ שילדערונג פֿון אַ געוויסער צירונג אָדער צייכן וואָס די פֿײַנטלעכע קריגסלײַט האָבן געטראָגן אויף זייערע קיווערס.[153] לויט דער גמרא מיינט די טויב די כּנסת ישׂראל און דאָס זילבער מיינט דער רויב וואָס ישׂראל האָט צוגענומען.[154] אַנדערע באַטראַכטן די ווערטער פֿאַר אַ ברוכשטיק פֿון אַן אַלטן ליד, וואָס ווערט בדרך מליצה אָנגעווענדט אויף דעם זיגרײַכן ישׂראל.[155]

נחפה בכסף — זײַנען מיט זילבער באַדעקט, אין רבים, ווײַל כנפי איז רבים. לויט די כּללים פֿון דיקדוק האָט דאָ געדאַרפֿט זײַן נחפו אין רבים. מיגלעך אַז צוליב דער ענדונג פֿון יונה איז דאָ אויך געבליבן נחפה. זען אויבן ז' 72.

בירקרק חרוץ — מיט גרינלעכן גאָלד. אַזוי האָט שוין געטײַטשט דער גראַ־מאַטיקער דונש בן לברט.[156] ציטירט אויך פֿון רשין צום פּסוק. ירקרק איז אַ סובסטאַנטיוו און חרוץ אַן אַדיעקטיוו. פֿון דעסט וועגן ווערט עס אַזוי איבער־געזעצט פּונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען פֿאַרקערט. פֿ"גל רד"ק צום פּסוק: אמר התואר במקום המתואר ומשפטו בהפך. פֿ"גל אויך געזעניוס־ק.־ק., 128, ז' 418. בובער זעצט איבער בירקרק חרוץ: aus güngelbem Erz, אַזוי זעצט אויך איבער גראָס.

15. בפרש שדי מלכים בה תשלג בצלמון.

אַז דער אַלמאַכטיקער האָט צעשפּרייט די מלכים אין איר, האָט עס גע־שנייט אויף צלמון.

[הערות, ז' 235] שדי, אַלמאַכטיקער. זע אָנמערקונג בראשית יז, 1 [יהואָש שרײַבט דאָרט: שדי, איינער פֿון די עלטסטע נעמען פֿון גאָט. די אייגנטלעכע עטימאָלאָגיע פֿון דעם וואָרט איז טונקל. די טראַדיציאָנעלע אויסטײַטשונג איז: שדי — דער וואָס איז גענוג אָדער אַלגענוג.[157] די אַלטע איבערזעצערס גיבן עס דעריבער איבער מיט 'אַלמאַכטיקער'.[158] פֿון די נײַע זײַנען

[151] זען הערה 69.

[152] זען בעטגען, ז' 205.

[153] זען דוהם, ז' 176.

[154] ברכות נג, ע"ב.

[155] T. K. Cheyne, *The Book of Psalms*, 1892, 187.

[156] זען: ספר תשובות דונש בן לברט עם הכרעות רבנו יעקב תם, לונדון, 1855, ז' 15. זען אויך: מחברת מנחם, ז' 95, הערה קט.

[157] רשי צו בראשית יז, 1: אני אל שדי — אני הוא שיש די באלהותי לכל בריה. רשיס דערקלערונג איז באַזירט אויפֿן מדרש. אַקווילאַ, סימאַכוס און טעאָדאָציאָן זעצן איבער שדי — hikanos, דאָס איז אַן איבערזעצונג פֿון די — גענוג.

[158] דער תּרגום השבֿעים זעצט איבער: Pantokrator, די וווּלגאַטאַ: omnipotens.

טייל מיחס דאָס וואָרט צו שדד פֿאַרוויסטן — דער פֿאַרוויסטער, דער צעשטערער;[159] אַנדערע נעמען עס פֿון שדה, פֿײַכט מאַכן — דער באַפֿײַכטער, דער רעגן־ברענגער;[160] אַנדערע, פֿון שד, אָדער פֿון דעם אַשורישן שדו, באַרג, ווי אַ באַצייכענונג פֿון גאָט;[161] נאָך אַנדערע ייִחוסן עס גאָר מיט דעם אַראַבישן סאַיִדי, מײַן האַר,[162] ד״ה גאָט (אַזוי ווי אדוני; זען אָנמערקונג צו קאַפּ׳ ד, 26)[163]. תשלג בצלמון, האָט עס געשנייט אויף צלמון. ענטוועדער דאָס באַציט זיך אויף אַ שניי־געוויטער וואָס זאָל האָבן אויסגעבראָכן אין דער צײַט פֿון דער מלחמה אָדער דאָס איז אַ מעטאַפֿאָריש בילד פֿון די שימעריקע כּלי־זין און וואָפֿנקליידער, וואָס דער שׂונא האָט אַוועקגעוואָרפֿן און וואָס האָבן געגעבן דעם באַרג דאָס אויסזען פֿון שניי.[164]

די פֿאָרעם תשלג איז שווער צו דערקלערן. עס קאָן זײַן גוף שני זכר פֿון השלג, מאַכן אַ שניי. און תשלג וועט באַטײַטן: האָסט געלאָזט פֿאַלן אַ שניי. אָדער תשלג איז גוף שלישי נקבֿה און דעמאָלט וועט עס באַטײַטן: עס האָט געשנייט אויפֿן צלמון. זען דעם רד״ק צום פּסוק: תשלג פּועל עומד ואפשר שהוא פּועל יוצא. בובער אין זײַן עטימאָלאָגישן דרך צו דערקלערן ווערטער פֿירט אַרויס צלמון פֿונעם וואָרצל צל — שאָטן און ער זעצט איבער צלמון: Schattenbühl. פֿ״גל רד״ק צום פּסוק: בצלמון, בחשך כמו בצלמות.

16. הר־אלהים הר־בשן הר־גבננים הר־בשן.

אַ באַרג פֿון גאָט איז באַרג בשן, אַ באַרג פֿון שפּיצן איז באַרג בשן.

(הערות, ז׳ 236] הר־אלהים הר־בשן, אַ באַרג פֿון גאָט איז באַרג בשן אאַז״וו. די בערג פֿון בשן זײַנען מקנא באַרג ציון וואָס גאָט האָט אויסגעוויילט פֿאַר זײַן וווינונג. נאָך דעם זיג פֿון גאָט און זײַן פּילטויזנטיקער מחנה, קערט זיך גאָט אום צו זײַן הימלרו. די פֿעל־קער וואָס שטייען צו צו גאָט, ווערן פֿאָרגעשטעלט ווי די געפֿאַנגענע וואָס ער נעמט מיט זיך.

17. למה תרצדון הרים גבננים ההר חמד אלהים לשבתו אף־יהוה ישכון לנצח.

וואָס קוקט איר קרום, איר פֿילשפּיציקע בערג, אויף דעם באַרג וואָס גאָט האָט פֿאַר זײַן וווינונג געגלוסט, ווו יהוה וועט אויך רוען אויף אייביק?

למה תרצדון — וואָס קוקט איר קרום... אויף... אַזוי זעצן איבער כמעט אַלע. אבן עזרא און אויך געזעניוס זעצן איבער: וואָס לויערט איר.

קינג דזשיימס זעצט איבער: Why leap ye, ye high hills? this is the hill.
פֿ״גל תּרגום יונתן: למה אתון טפזין טוריא. זען אויך מחברת מנחם: למה תרצדון כמו תרקדון.[165] פֿ״גל חיות צום פּסוק און געזעניוס־בוהל, רצד, ז׳ 771. גראָס זעצט איבער: פֿאַר וואָס באַשיקלט איר, פֿיל גיבליקע בערג, דעם באַרג... דאָס איז וואָרט בײַ וואָרט נאָך בובערן: Warum beschielet ihr, gieblige Berge, den Berg...?

---

[159] זען גונקעל, ז׳ 267.

[160] זען געזעניוס־ב., שדי, ז׳ 808.

[161] דאָרטן.

[162] *Encyclopedia Biblica,* IV, 4419.

[163] זען אויבן ז׳ 83 א״וו.

[164] בעטגען, ז׳ 205; זען אויך קאַסוטאָ, 14. קאַסוטאָ שרײַבט: פּסוק טו (בפרוש שדי וגו׳) רומז לאיזה מאורע שאינו ידוע לנו ומתוך כך אי אפשר להבינו בכל פרטיו.

[165] מחברת מנחם, ז׳ 106. זען אויך ספר השהם לרבי משה בן יצחק בן הנשיאה מאינגלטירא (הוצאת מקיצי נרדמים, ירושלים, תשו), ז׳ 127; פירוש המאירי לתהלים (הוצאת

18. רכב אלהים רבתים אלפי שנאן אדני בם סיני בקדש.

די רײַטוועגן פֿון גאָט זײַנען צענטויזנטן, טויזנטן אויף טויזנטן; גאָט איז צווישן זיי ווי אויף סיני אין הייליקייט.

רבתים — צענטויזנטן. קינג דזשיימס זעצט איבער: twenty thousand, אַזוי ווי דער תּרגום זעצט איבער: תרין רבבן, ווײַל רבתים איז אַ דואַל פֿון רבוא — צען טויזנט. פֿון אינהאַלט אָבער זעט מען, אַז עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן אַ גענויער צאָל.[166]

אלפי שנאן — טויזנטן אויף טויזנטן. יהואָש גייט דאָ נאָך די מיטל־עלטערישע גראַמאַטיקערס, וואָס פֿאַרטײַטשן אלפי שנאן — טאָפּעלע אָדער פֿאַר־שיידענע טויזנטערס. זען אבן ג׳נאח, ספר הרקמה, קו (9): וכבר המירו האלף מהיוד באלפי שנאן עקרו שנין... כלומר שונין... אלה מאלה. זען אויך אבן עזרא צום פסוק: אלפי... שנים במספר כמו אלף אלף. גראָסעס איבערזעצונג: טויזנטער אין וועקסלצוג איז אַן איבערחזרונג פֿון בובערן, וואָס זעצט איבער: Tausendschaften im Wechselzug.

[הערות, ז׳ 236] אלפי שנאן, טויזנטן געכּפּלטע, אָדער טויזנטן אויף טויזנטן. אייניקע ווילן לייענען אִלפי ישראל די טויזנטן פֿון ישׂראל (זען במדבר י, 36).[167] אַנדערע לייענען אלפי שאון, רוישיקע טויזנטן.[168]

אדני בם — גאָט איז צווישן זיי. זען רשי: וה׳ היה ביניהם. אַזוי זעצן איבער אַלע, אַפֿילו בובער: mein Herr unter ihnen.

סיני בקדש — ווי אויף סיני אין הייליקייט. אַזוי דערקלערט עס שוין תּרגום יונתן: על טורא דסיני בקדושה. אַז דער דאָזיקער קליינער זאַץ איז כּולל אַ פֿאַרגלײַך, האָט זיך שוין געכאַפּט אבן עזרא, וואָס שרײַבט: ויחסר כף, ד״ה נאָך אים האָט דער זאַץ געדאַרפֿט זײַן: וה׳ בם כסיני בקדש.

[הערות, ז׳ 236] אדני בם סיני בקדש, גאָט איז צווישן זיי ווי אויף סיני אין הייליקייט. אייניקע ווילן לייענען אדני בא מסיני בקדש, גאָט איז געקומען פֿון סיני אין הייליקייט. פֿאַר־גלײַך דברים לג, 2.[169]

19. עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם ואף סוררים לשכן יה אלהים.

ביסט אַרויפֿגעגאַנגען אין דער הייך, האָסט געפֿאַנגען אַ געפֿאַנג, האָסט גע־נומען מתּנות אין מענטשן; אַז אויך צווישן די אָפּקערער זאָל רוען יה גאָט.

דער פּסוק איז זייער אַ שווערער, כאָטש יעדעס וואָרט איז פֿאַרשטענדלעך.

לקחת מתנות באדם — האָסט גענומען מתּנות אין מענטשן. אַזוי זעצן אויך

מקיצי נרדמים, ירושלים, תרצו), ז׳ 130. אין די הוספות צום המאירי אויף דעם פסוק געפֿינט מען די ווײַטערדיקע הערה פֿונעם אַרויסגעבער יוסף בר׳ חיים הכּהן: נ״ב [=נכתב בצדו] והקוף מתחלף בצדי כמו בקלחת בצלחת. ורבנו האי פי׳ תרצדון ענין עיון וחקירה כי כן אומר בערבי רצד ועניינו למה אתם מעיינים ומיחלים לכבוד אין הכבוד אלא בהר חמד אלהים.

[166] זען טאָרטשינער, דצ״ו, 226.

[167] זען קיטעל־קאַהלע, אויפֿן אָרט; טאָרטשינער, דצ״ו, 225.

[168] זען געזעניוס־ב., שנאן, 850.

[169] זען בעטגען און חיות אויפֿן פּסוק.

איבער: ערליך, בובער און טאָרטשינער. לוטער און קינג דזשיימס זעצן איבער: האָסט געגומען מתנות פֿאַר מענטשן. די דאָזיקע איבערזעצונג איז אין הסכם מיט רשיס דערקלערונג: ולתתם לבני אדם.

דער רובֿ איבערזעצונגען פֿאַרבינדן „ואף סוררים" מיט „לקחת מתנות באדם". יהואָש גייט דאָ נאָך רשין, וואָס דערקלערט: ואף סוררים לשכון יה אלהים — אף עוד גרמת ששכן הקב"ה במשכן... בתוך עם שהיו סוררים. פֿ"גל אויך מדרש תהלים צום פסוק.[170]

20. ברוך אדני יום יום יעמס לנו האל ישועתנו סלה.

געלויבט איז גאָט, טאָג פֿאַר טאָג טוט ער אונדז טראָגן; גאָט איז אונדזער ישועה. סלה.

יהואָש טיילט איין דעם פסוק: ברוך אדני, יום יום יעמס לנו, האל ישועתנו סלה. אַזוי טיילן אויך איין דעם פסוק קינג דזשיימס, מאַרגאָליס, סמיט און בובער. טאָרטשינער טיילט איין דעם פסוק אַנדערש: ברוך אדני יום יום, יעמס לנו, האל ישועתנו סלה. אַזוי טיילט אויך איין לוטער. זיי גייען נאָך די טעמים.

יעמס לנו — טוט ער אונדז טראָגן. לנו האָט טייל מאָל דעם באַטייַט פֿון אותנו ווי אין אַרמיש.[171] פֿ"גל עזרא ה, 12; דניאל ב, 24—25. אַזוי זעצן איבער מאַרגאָליס און סמיט. זיי גייען נאָך די איבערזעצונגען פֿון אַקווילאַ און דער וווּלגאַטאַ. ענלעך זעצט איבער ערליך. טאָרטשינער און בובער זעצן איבער וואָרט בייַ וואָרט מיטן דאַטיוו. בובער זעצט איבער: Tagtäglich lädt er sichs für uns auf, der für uns trägt, Gott, unser Heil. טאָרטשינער: לויט טאָרטשינערן איז ישועתנו דער אָביעקט פֿון יעמס. אַזוי האָבן עס אויך באַנומען די מיטל־עלטערישע מפֿרשים. זיי האָבן אָבער געטייַטשט יעמס לנו — ער לאָדט אָן אויף אונדז. זען רשי צום פסוק: יתן לנו ישועה רבה מלא עומס ככל אשר נוכל לשאת. פֿ"גל אויך אבן עזרא צום פסוק: וי"א כי הפעול הוא ישועתנו.[172]

21. האל לנו אל למושעות וליהוה אדני למות תוצאות.

גאָט איז אונדז אַ גאָט פֿון ישועות, און בייַ גאָט דעם האַר זייַנען די אויס־וועגן פֿון טויט.

[הערות, ז' 236] וליהוה אדני למות תוצאות, און בייַ גאָט יהוה זייַנען די אויסוועגן פֿון טויט. לויט ערליך וועט דער צווייטער האַלבער פסוק הייסן: בייַ גאָט יהוה זייַנען אויך די אויס־גאַנגען פֿון טויט, ד"ה אַזוי ווי גאָט קען העלפֿן אַזוי קען ער אויך פֿאַרטיליקן.

למות תוצאות — אויסוועגן פֿון טויט. יהואָש גייט נאָך די אַלטע ווערסיעס. אַזוי זעצן אויך איבער לוטער, קינג דזשיימס, מאַרגאָליס, בובער און טאָרטשינער. דער טראַדיציאָנעלער אויסטייַטש פֿון פסוק איז אַן אומגעקערטער: וועגן צו

---

[170] זען שלמה באבר, מדרש תהלים המכונה שוחר טוב... ווילנע, 1890, קס, ע"א: עלית למרום שבית שבי... זה משה... לקחת מתנות באדם זו תורה שנתנה בחנם לישראל... ואף סוררים... אלו ישראל. דאָס איז אויך קאַסוטאָס אויסטייַטש. זען קאַסוטאָ, 16.

[171] זען געזעניוס־ק־ק., 117, ז' 366.

[172] אַזוי טייַטשט אויך קאַסוטאָ.

טויט, ווי רשי מאַכט: תוצאות — דרכים אל המות. אַזוי טײַטשן אויך דער רד״ק און המאירי. סמיט זעצט איבער ווערט בײַ וואָרט: and unto God, the Lord, belong the exits to death.[173]

22. אך־אלהים ימחץ ראש איביו קדקד שער מתהלך באשמיו.

פֿאַרוואָר, גאָט וועט צעלעכערן דעם קאָפּ פֿון זײַנע פֿײַנט, דעם האָריקן שאַרבן פֿון דעם וואָס גייט אין זײַנע זינד.

[הערות, ז׳ 236] קדקד שער, דעם האָריקן שאַרבן, זע אָנמערקונג דברים לב, 42.[174] לויט אייניקע קדקד רשע, דעם שאַרבן פֿון רשע.[175]

סמיט לייענט שעיר. ער גייט נאָך ערליכן און ער זעצט איבער: the skull of Seir.

23. אמר אדני מבשן אשיב אשיב ממצלות ים.

גאָט זאָגט: פֿון בשן וועל איך אומקערן, איך וועל אומקערן פֿון די טיפֿענישן פֿון ים.

אמר אדני — גאָט זאָגט. יהואָש זעצט איבער דעם העברעיִשן פּערפֿעקט מיט הווה. אַזוי זעצט אויך איבער טאָרטשינער. לוטער, קינג דזשיימס, מאַרגאָליס, סמיט און בובער זעצן איבער אין עתיד. זען געזעניוס־ק.־ק., 106, ז׳ 311.

[הערות, ז׳ 236] מבשן אשיב, פֿון בשן וועל איך אומקערן (די וואָס זײַנען אַהין פֿאַר־טריבן געוואָרן), אויפֿפּאַלנדיק איז דער פּאַראַלעל מבשן — ממצלות ים. אייניקע ווילן דעריבער לייענען מכבשן אש אשיב, פֿון פֿײַער־אויוון וועל איך אומקערן, איך וועל אומקערן פֿון די טיפֿענישן פֿון ים.[176]

24. למען תמחץ רגלך בדם לשון כלביך מאויבים מנהו.

כּדי זאָלסט טונקען אין בלוט דײַן פֿוס, די צונג פֿון דײַנע הינט זאָל האָבן איר חלק פֿון די פֿײַנט.

[הערות, ז׳ 236] למען תמחץ רגלך בדם, כּדי זאָלסט טונקען אין בלוט דײַן פֿוס. אָדער: כּדי בראָדזשען אין בלוט זאָל דײַן פֿוס. פֿיל לייענען תרחץ[177] אַנשטאָט דעם פֿרעמדלעכן תמחץ: כּדי זאָלסט באָדן אאַז״וו. לויט ר׳ יהודה חיוג און אַנדערע איז צו לייענען תחמץ (אָדער אויסטײַטשן תמחץ אין דעם זין):[178] כּדי זאָלסט רויטיקן אאַז״וו. זע ישעיה סג, 1.

---

[173] פֿ״גל אויך גרעץ צום פּסוק.

[174] אין דער הערה צו דברים לב, 42, שרײַבט יהואָש: „מראש פרעות אויב, מיט די לאַנגהאָריקע קעפּ פֿון דעם פֿײַנט. לויט וו. ר. סמיט פֿלעגן די קריגסלײַט נישט אָפּשנײַדן זייערע האָר די גאַנצע צײַט פֿון מלחמה צום צייכן פֿון נזירשאַפֿט. זען שופטים ה, 2. לויטן עלטערן אויסטײַטש: מיט די קעפּ פֿון די פֿירער פֿון פֿײַנט״. זען הערה צו שופטים ה, 2 אין: *The Book of Judges*, with map, introduction and notes by John Sutherland Black, Cambridge 1892, p. 39. די הערה שטאַמט פֿון W. Robertson Smith. זען דצ״וו, ז׳ 3. זען אויך געזעניוס־ב., פּרע, ז׳ 660.

[175] זען אַבֿרהם הכּהן קראָכמאַל, הכתב והמכתב, 1874, ז׳ 201.

[176] זען חיות און קיטעל־קאַהלע אויפֿן פּסוק.

[177] לויטן תּרגום השבֿעים, פּשיטא און תּרגום. זען קיטעל־קאַהלע.

[178] זען אבן עזרא צום פּסוק. אויך אַ. קראָכמאַל, דצ״וו.

גרעץ זעצט איבער: damit Du röthest.

מנהו — איר חלק. יהואָש און אויך אַ סך אַנדערע איבערזעצערס גייען נאָך די מיטל־עלטערישע און מאָדערנע מפרשים, וואָס פירן אַרויס מנהו פון דעם סובסטאַנטיוו מן מיטן באַטײַט: חלק, אַנטייל, אַזוי ווי מנה. זען געזעניוס־ב., מן, I, ז׳ 433. פ״גל אויך געזעניוס־ק.־ק., 103, ז׳ 303.

25. ראו הליכותיך אלהים הליכות אלי מלכי בקדש.

מע קוקט־צו דײַנע גייונגען, גאָט, די גייונגען צו מײַן גאָט, מײַן קיניג, אין הייליקטום.

[הערות, ז׳ 236] ראו הליכותיך, מע קוקט־צו דײַנע גייונגען אאַז״וו. אַ בילד פון די הייליקע פּראָצעסיעס צו גאָטס הויז.

ראו — מע קוקט־צו, אין נייטראַלן גוף און אין דער הווה־פאָרעם. אַזוי זעצן אויך איבער לוטער און מאַרגאָליס. קינג דזשיימס זעצט איבער: They have seen; בובער: Sie sehn; ערליך: Sie sahen. סמיט גייט נאָך דעם תּרגום השבעים, וואָס לייענט דאָ נראו און ער זעצט איבער: Thy processions are seen. גרעץ און טאָרטשינער לייענען: הליכות אלי ומלכי. פ״גל חיות צום פּסוק.

הליכות אלי — די גייונגען צו מײַן גאָט. קינג דזשיימס, מאַרגאָליס, סמיט און בובער זעצן איבער אלי אין געניטיוו, ד״ה די גייונגען פון גאָט. לוטער האָט געלייענט אויך דאָס צווייטע מאָל: הליכותיך. ער לייענט: ראו הליכותיך, אלהים, הליכותיך, אלי ומלכי בקדש. טאָרטשינער זעצט איבער: Umzüge für dich . . . Umzüge für meinen Gott. גראָס גייט נאָך בובערן און זעצט איבער: די גאַנגען פון מײַן גאָט, מײַן מלך, אין דעם הייליקטום.

דער תּרגום השבעים, די ווולגאַטאַ, לוטער, קינג דזשיימס, בובער און טאָר־טשינער זעצן איבער: בקדש — אין הייליקטום, ד״ה אין בית המיקדש. גרעץ לייענט: בקדש ד״ה אין אָרט קדש (קדש ברנע) אין מדבר סיני. מאַרגאָליס זעצט איבער: holiness.

26. קדמו שרים אחר נגנים בתוך עלמות תופפות.

פאָרויס גייען די זינגער, נאָך דעם די שפּילער, אין מיטן פון מיידלעך וואָס פײַקלען.

קינג דזשיימס, גרעץ, סמיט און טאָרטשינער זעצן איבער אַזוי ווי עס וואָלט געשטאַנען בתּווך. אַזוי לערנט דעם פּשט שוין דער רד״ק. פ״גל חיות און קיטעל־קאָהלע צום פּסוק.

27. במקהלות ברכו אלהים אדני ממקור ישראל.

אין געזעמלען לויבט גאָט [לויבט] דעם האַר, איר פון קוואַל פון ישׂראל.

ברכו — לויבט, אין אימפּעראַטיוו. גרעץ, ערליך און סמיט וואָקאַליזירן בירכו ד״ה זיי האָבן געלויבט. יהואָש חזרט איבער ׳לויבט׳, ווײַל ער וויל אונטער־שטרײַכן, אַז מען זאָל נישט לייענען אלהים אדני צוזאַמען. ער גייט דאָ נאָך דער מסורה, וואָס שטעלט אונטער אלהים אַן אתנחתּא. די ווולגאַטאַ און לוטער

לייענען אלהים אדני צוזאַמען. ממקור ישראל — פֿון קוואַל פֿון ישׂראל, אַזוי זעצן איבער כּמעט אַלע.

28. שם בנימין צעיר רדם שרי יהודה רגמתם שרי זבלון שרי נפתלי.

אָן איז בנימין דער ייִנגסטער, זײַנע געוועלטיקער, די האַרן פֿון יהודה מיט זייער מחנה, די האַרן פֿון זבֿולון, די האַרן פֿון נפֿתּלי.

רדם — זייער געוועלטיקער, אַזוי טײַטשן שוין די מיטל־עלטערישע מפֿרשים: סעדיה גאָון, אבן עזרא און רד״ק.[179]

[הערות, ז׳ 236] רגמתם, מיט זייער מחנה (הויפֿן, געזעמל, עולם).[180] לויט אַן אַנדער אויסטײַטש: אין זייער פּורפּל.[181] צ. פּ. חיות וויל עס מיחס זײַן צו אַן ענלעכן אַשורישן וואָרט וואָס מיינט: „ליאַרעם, גערויש, גערודער״. אַנדערע ווילן לייענען רגשתם. זע נה, 15.[182]

סמיט, בובער און טאָרטשינער זעצן איבער רגמתם ווי יהואָש. מאַרגאָליס זעצט איבער: their council. ער גייט נאָך דעם תּרגום השבֿעים און פּשיטא. אויך אבן עזרא: ורגמתם כמו שרים. פֿ״גל חיות און בריגס צום פּסוק.

29. צוה אלהיך עזך עוזה אלהים זו פעלת לנו.

דײַן גאָט זאָל באַפֿעלן דײַן שטאַרקייט, שטאַרק זיך, גאָט, דו וואָס האָסט געטאָן פֿאַר אונדז.

[הערות, ז׳ 236] צוה אלהיך, דײַן גאָט זאָל באַפֿעלן. דער עבֿר דאָ ווי אין פֿיל אַנדערע ערטער איז אַ ווונטשפֿאָרעם (אָפּטאַטיוו).[183] לויט די אַלטע ווערסיעס צוה אלהים, באַפֿעל, גאָט.

דער פּסוק איז אַ שווערער. בובער און טאָרטשינער באַמיִען זיך דעם פּסוק איבערצוזעצן אין הסכּם מיט דער מסורה. ערליך און סמיט גייען נאָך די אַלטע איבערזעצונגען און נאָך די כּתבֿ־ידן וואָס וואָקאַליזירן: צוּה (אימפּעראַטיוו)[184] און לייענען אלהים אַנשטאָט אלהיך.

---

[179] זען תשובות דונש הלוי בן לברט על רבי סעדיה גאון, ברעסלע, 1866, נומער 56.

[180] אַזוי טײַטשט שוין אבן ג׳נאח. זען ספר השרשים, 468: שרי יהודה רגמתם — קהלם.

[181] אַזוי די וואולגאַטאַ און אַ כּתבֿ־יד. זען קיטעל־קאַהלע. פֿ״גל אויך רשי צום פּסוק: רגמתם — ארגמן. ער איז מוסיף: כך חברו מנחם, מסתּמא אַ טעות פֿון אַ קאָפּיסט. מנחם בן סרוק טײַטשט: רגמתם כמו להקתם (מחברת מנחם, ז׳ 161). פֿ״גל אויך די שטעלע פֿון הערה 180.

[182] זען געזעניוס־ב., רגמה, 745.

[183] S. R. Driver, *A Treatise on the Use of the Tenses in Hebrew.* Second Edition. Oxford, 1881, p. 25.

ער שרײַבט דאָרטן:

. . . the poet picturing what he desires as already achieved . . . Isa. 21. 14 . . . (Cf. 29a). Many commentators to be sure prefer to punctuate the verbs in question as imperatives, but the alteration has a weakening effect, and does not appear to be necessary.

פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער לוינט זיך צו ציטירן געזעניוס־ק.־ק., אַז:

Neither . . . nor . . . justifies us in assuming the existence of a *precative* perfect in Hebrew (געזעניוס־ק.־ק., ז׳ 312, הערה 2).

[184] זען קיטעל־קאַהלע צום פּסוק.

30. מהיכלך על־ירושלם לך יובילו מלכים שי.

פֿון דײַן טעמפּל אין ירושלים; זאָלן מלכים דיר ברענגען מתּנות.

דער פּסוק איז אַ שווערער (כאָטש יעדער וואָרט פֿאַר זיך איז פֿאַרשטענדלעך), ווײַל עס האָט געדאַרפֿט שטיין: להיכלך. טאָרטשינער שטעלט אַ פֿרעגצייכן בײַ דעם פּסוק. ערליך לייענט: להיכלך. לוטער זעצט איבער: Um deines Tempels willen; קינג דזשיימס: Because of thy Temple of Jerusalem. זיי גייען נאָך דעם תּרגום השבֿעים און דער ווולגאַטאַ.[185]

31. גער חית קנה עדת אבירים בעגלי עמים מתרפס ברצי־כסף בזר עמים קרבות יחפצו.

שרײַ אָן אויף דער חיה פֿונעם וואַסעררער,[186] אויפֿן געזעמל אָקסן מיט די קעלבערפֿעלקער, זיי זאָלן זיך צו די פֿיס וואַרפֿן מיט זילבערשטיקער; ער זאָל צעשפּרייטן די אומות וואָס באַגערן מלחמות.

[הערות, ז׳ 236] חית קנה, אויף דער חיה פֿון די וואַסערשטעקלעך, אַ בילדלעכע באַצייכענונג פֿון מצרים, וואָס ליגט בײַם נילוס, און ווערט באַוועסערט פֿון אים. מתרפס ברצי־כסף, זיי זאָלן זיך צו די פֿיס וואַרפֿן מיט זילבערשטיקער. צ. פּ. חיות וויל לייענען מפתרס רצים בכסף, פֿון פּתרוס זאָלן זיי (קומען צו) לויפֿן מיט זילבער (־מתּנות). — בזר, ער זאָל צעשפּרייטן. דער עבֿר איז דאָ ווונטשפֿאָרעם. זע אָנמערקונג פּסוק 29. פֿיל לייענען לויט סעפּ[טואַגינטאַ] און פּש[יטא] בזר [אימפּעראַטיוו], צעשפּרייט.[187]

מתרפס ברצי־כסף — זיי זאָלן זיך צו די פֿיס וואַרפֿן מיט זילבערשטיקער. אַזוי טײַטשט עס אויך דער רד״ק: מתרפס — משתטח, ברצי־כסף — חתיכות כסף.

בזר — צעשפּרייטן. אַזוי טײַטשן שוין דאָס וואָרט די מיטל־עלטערישע מפֿרשים און גראַמאַטיקערס. זען אבן ג׳נאח, ספר הרקמה, קיג. זען אויך רשי און דעם רד״ק צום פּסוק.[188]

32. יאתיו חשמנים מני מצרים כוש תריץ ידיו לאלהים.

שׂררות זאָלן קומען פֿון מצרים, כּוש זאָל אויסשטרעקן אירע הענט צו גאָט.

חשמנים — שׂררות. אַזוי זעצן אויך איבער לוטער, קינג דזשיימס, טאָרטשינער, בובער און מאַרגאָליס. זיי גייען נאָך די מיטל־עלטערישע מפֿרשים און גראַמאַטיקערס. זען אבן עזרא, שפת יתר, עח, און אויך אבן עזרא און רד״ק צום פּסוק. סמיט זעצט איבער חשמנים: envoys. ער גייט נאָך דעם תּרגום השבֿעים, פּשיטא און ווולגאַטאַ, וואָס זעצן איבער חשמנים — לויפֿערס, שליחים. זיי לייענען מסתּמא: חשים.

---

[185] המאירי טײַטשט מהיכלך אַזוי ווי בהיכלך. ער שרײַבט: מהיכלך על ירושלים והוא כמו בהיכלך ע״ד [=על דרך] ה׳ מסיני בא (דברים לג) שהוא כמו בסיני... זען אויך קאַסוטאָ, ז׳ 20.

[186] פֿונעם דײַטשן וואָרט: Rohr. עס ווערט אויך באַנוצט אין ייִדיש. זען נחום סטוטשקאָוו, דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך, ז׳ 211, צווייטער עמוד אויבן. גראָס זעצט איבער: שילף.

[187] זען הערה 183; זען אויך קיטעל־קאַהלע צום פּסוק.

[188] זען קאַסוטאָ, ז׳ 21.

ידיו תריץ — זאָל אויסשטרעקן אירע הענט. אַזוי איז עס אויך אין אַקאַדיש. זען קיטעל־קאַהלע צום פּסוק. בובער איז אויך דאָ שטאַרק עטימאָלאָגיש. ער זעצט איבער: Äthiopien wird seine Hände Gott zueilen lassen. גראָס גייט נאָך בובערן און זעצט איבער: כּוש זאָל צואײַלן זײַנע הענט צו גאָט. גרעץ לייענט: כוש תרים. פֿ״גל אויך געזעניוס־ב., רוץ, ז׳ 752.

33. ממלכות הארץ שירו לאלהים זמרו אדני סלה.

איר קיניגרײַכן פֿון דער ערד, זינגט צו גאָט, שפּילט צו דעם האַר, סלה. זמרו אדני — שפּילט צו דעם האַר. די אַלטע איבערזעצונגען און אויך אַ סך האַנטשריפֿטן לייענען: זמרו לד׳.[189] זען פּסוק 5.

34. לרכב בשמי שמי־קדם הן־יתן בקולו קול עז.

צו דעם וואָס רײַט אויף די אוראַלטע הימלען פֿון די הימלען; זע, ער לאָזט אַרויס זײַן קול, אַ מאַכטיקן קול.

בשמי שמי קדם — די אוראַלטע הימלען פֿון די הימלען. זען דברים י, 10: שמי השמים; מלכים א, ח, 27 א״אַ.

גרעץ און אויך טאָרטשינער פֿאַרבינדן דאָס וואָרט סלה פֿון סוף פּסוק 33 מיט אונדזער פּסוק און זיי לייענען: סלו לרוכב בשמי שמי־קדם, ד״ה לויבט דעם וואָס רײַט אויף די הימלען. זען פּסוק 5: סלו לרוכב בערבות.[190]

יתן בקולו — ער לאָזט אַרויס זײַן קול. אין פּסוק 12 האָט יהואָש איבערגע־זעצט: ד׳ יתן אומר — גאָט גיט אַרויס אַ וואָרט. בובער און טאָרטשינער זעצן איבער אויך דאָ וואָרט בײַ וואָרט. טאָרטשינער: da gibt er seinen Hall. בובער: er gibt seine Stimme aus. אַזוי זעצט אויך איבער גראָס. די אַלטע איבער־זעצונגען און אויך לוטער און קינג דזשיימס זעצן איבער יתן בקולו אַנדערש ווי יתן אומר.

35. תנו עז לאלהים על ישראל גאותו ועזו בשחקים.

גיט שטאַרקייט צו גאָט; איבער ישׂראל איז זײַן גרויסקייט, און זײַן שטאַרקייט אין די וואָלקנס.

תנו עז — גיט שטאַרקייט. קינג דזשיימס זעצט איבער: Ascribe strength. טאָרטשינער: תנו, Sagt. ער וואָקאַליזירט דאָס וואָרט ווי אַ פּיעל, וואָס דאָס באַטײַט: זינגען, דערציילן. זען שופטים ה, 11; יא, 40.[191]

בשחקים — אין די וואָלקנס. אַנדערע זעצן איבער: אין די הימלען. שחקים האָט אין תּנך בײדע באַטײַטן. זען געזעניוס־ב., שחק, ז׳ 819.

36. נורא אלהים ממקדשיך אל ישראל הוא נתן עז ותעצמות לעם ברוך אלהים.

גאָט איז פֿאַרכטיק פֿון דײַנע הייליקטומען; גאָט פֿון ישׂראל, ער גיט שטאַר־קייט און מאַכט צום פֿאָלק; געלויבט איז גאָט.

---

[189] זען קיטעל־קאַהלע צום פּסוק.

[190] זען טאָרטשינער, דצ״ו אין הערה 85ª, ז׳ 277.

[191] זען אויך געזעניוס־ב., תנה, ז׳ 883.

נורא אלהים — גאָט איז פּאַרכטיק. לוטער זעצט איבער: Gott ist wunder-sam in seinem Heiligtum.

[הערות, ז' 236] ממקדשיך, פֿון דײַנע הייליקטומען. דער דיכטער קערט זיך צו ישׂראל. לויט סעפּ[טואַגינטאַ] במקדשיו, אין זײַנע הייליקטומען.

טאָרטשינער און סמיט לייענען ממקדשך אין יחיד ווי אין אַ סך האַנטשריפֿטן און אַלטע איבערזעצונגען.[192] זען אויך אבן עזרא און דעם רד"ק צום פּסוק. סמיט לייענט: אל [צו] ישׂראל... לעם ברוך אלהים. פֿ"גל ערליך צום פּסוק.

שיר השירים א

1. שיר השירים אשר לשלמה.

דאָס געזאַנג פֿון געזאַנגען, וואָס פֿון שלמהן.

קיין לײַכטערן זאַץ ווי דאָס קעפּל צום ספֿר שיר השירים וואָס באַשטייט פֿון פֿיר ווערטער קאָן מען זיך גאָרנישט מאָלן. פֿון דעסט וועגן לוינט זיך אויס־צורעכענען פֿאַרשיידענע איבערזעצונגען פֿון דעם קעפּל און זען ווי פֿאַרשיידן זיי באַנעמען אָט דעם פּסוק. לוטער זעצט איבער: Das hohe Lied; צונץ:[193] Lied der Lieder von Schelomoh; גרעץ:[194] Ein Lied von den Liedern Salo-mons; זיגפֿריד:[195] Das Lied der Lieder, welches von Salomo (ist); בודע[196] (אין קויטש): Das schönste der Lieder Salomons; מאָפֿאַט: The song of all songs, which is Solomons; סמיט און מאַרגאָליס: The Song of Songs, which is Solomons; טאָרטשינער: Der Lieder Sang von Schelomoh; גראַס (פֿינף מגילות): דאָס געזאַנג פֿון געזאַנגען פֿון שלמהן. די מערהייט איבערזעצערס האַלט אַז שיר השירים באַטײַט: דאָס שענסטע פֿון די לידער פֿון שלמהן. דאָס איז דער קוק פֿון מדרש: שיר השירים — המשובח שבשירים.[197] גרעץ אָבער און אויך טאָר־טשינער האַלטן אַז שיר השירים איז נישט קיין סופּערלאַטיוו.[198] לויט מלכים א, ה, 12 האָט שלמה המלך געמאַכט אַ סך לידער.

---

[192] זען קיטעל־קאַהלע צום פּסוק. זען אויך קאַסוטאָ, ז' 24, הערה 87.

[193] *Die 24 Bücher der Heiligen Schrift* . . . unter der Redaction von Dr. Zunz übersetzt.

ווײַטער ניצן מיר: צונץ.

[194] *Schir Haschirim,* שיר השירים, oder das Salomonische Hohelied, übersetzt und kritisch erläutert von H. Grätz. Breslau, 1885.

[195] *Prediger und Hoheslied,* übersetzt und erklärt von C. Siegfried (Handkommentar . . . herausgegeben von W. Nowack).

ווײַטער ניצן מיר: זיגפֿריד.

[196] *Die Fünf Megillot,* erklärt von Karl Budde (Kurzer Tandkommentar . . . herausgegeben von Karl Marti).

ווײַטער ניצן מיר: בודע.

[197] מדרש שיר השירים רבה א, יא: שיר השירים המשובח שבשירים המהולל שבשירים המעולה שבשירים. זען אויך רש"י צום פּסוק. פֿ"גל געזעניוס־ק.־ק., 133, ז' 431.

[198] זען נ. ה. טורטשינער, שיר השירים, הוצאת יבנה, תשג, 7.

אשר לשלמה — וואָס פֿון שלמהן. יהואַש זעצט דאָס רובֿ איבער דעם פּאַ־סעסיוון געניטיוו מיט פֿון, זען שמואל א, יד, 16; רות, ב, 3, אָבער נישט שטענדיק. אַזוי למשל זעצט ער איבער בן לישי (שמואל א, טז, 18), אַ זון בײַ ישי און נישט: אַ זון פֿון ישי. פֿ״גל געזעניוס־ק.־ק., 129, ז׳ 420, און געזעניוס־ב., ז׳ 371 (ל, 6). — עס לוינט זיך נאָך צו ציטירן פּרצעס מיינונג וועגן אשר לשלמה. פּרץ שרײַבט: אשר לשלמה... עס קאָן זײַן... אים דערלאַנגט, צו זײַן ערן געווידמעט.[199]

2. ישקני מנשיקות פיהו כי־טובים דדיך מיין.

קושן זאָל ער מיך מיט די קושן פֿון זײַן מויל; וואָרעם בעסער פֿון ווײַן איז דײַן ליבשאַפֿט.

[הערות, ז׳ 286] ישקני מנשיקות פיהו כי־טובים דדיך מיין, קושן זאָל ער מיך מיט די קושן פֿון זײַן מויל, וואָרעם בעסער פֿון ווײַן איז דײַן ליבשאַפֿט. כּדי צו האַרמאָניזירן די דריטע פּערזאָן פֿון ערשטן האַלבן פּסוק מיט דער צווייטער אין צווייטן האַלבן, לייענען איניקע שקני מנשיקות פיך, קוש מיך מיט קושן פֿון דײַן מויל.[200] אַנדערע בײַטן דדיך אויף דדיו — זײַן ליבשאַפֿט.[201] ערליך לייגט פֿאָר השקני משקת פיך[202] אאַז״וו. טרינק מיך אָן פֿון דעם טרינקברונעם (גענויער: טרינק־קאָרעטע) פֿון דײַן מויל.

מנשיקות — מיט די קושן. זען געזעניוס־ב., ז׳ 435 (מן, 4).

דדיך — דײַן ליבשאַפֿט. דער תּרגום השבֿעים און די וווּלגאַטאַ האָבן דאָ געלייענט דדיך — דײַנע בריסטן. גייגער האָט געהאַלטן אַז דאָס איז דער לכתּחילהדיקער נוסח, ווײַל שוין דער תּנא ר׳ יהושע האָט דאָס וואָרט אַזוי געטײַטשט.[203] מען קאָן אָבער מיט גייגערן נישט מסכּים זײַן, ווײַל פֿונעם טעקסט זעט מען, אַז דאָ רעדט שולמית און נישט דער ליבהאָבער, און אַ פֿרוי באַזינגט נישט די בריסטן פֿון אַ מאַן. דער נוסח פֿון תּרגום השבֿעים איז אַ פּועל־יוצא פֿון אַ טעות אין לייענען דעם ניט־וואָקאַליזירטן טעקסט.[204]

---

[199] פֿינף מגילות, פֿאַרייִדישט פֿון י. ל. פּרץ (ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין, 1926), ז׳ 35.

[200] בודע, דצ״וו, 1. לויט קיטעל־קאַהלע: השקני מנשיקות פיך. ציטירט פֿון בודע, דאָרט.

[201] G. Bickell, *Carmina V. T. metrice*, 1882.

[202] *Randglossen*, באַנד 7, ז׳ 1. ענלעך זעצט איבער שטערק. ער לייענט: ישקני (הפֿעיל) מנשיקות פיהו. זען:

Die Schriften des Alten Testaments, in Auswahl, neu übersetzt . . . von Hugo Gressmann. Dritte Abteilung: Lyrik und Weisheit. Erster Band (Goettingen, 1911), 269.

[203] משנה עבודה זרה, ב, ה; גמרא עבודה זרה, כט, ע״ב; תּוספתּא פּרה, י, 3; זען: א. גייגער המקרא ותרגומיו, 258.

[204] זען אַהרן קמינקאס פּירוש אויף שיר השירים אין אַבֿרהם כּהנאס אויסגאַבע פֿון תּנך מיטן פּירוש מדעי; זען אויך:

Samuel Rosenblatt, *The Interpretation of the Bible in the Mishnah* (Baltimore, 1935), 28, 81 (40).

.3 לריח שמניך טובים שמן תורק שמך על־כן עלמות אהבוך.

ווייל צום גערוך זײַנען דײַנע אײלן, געקלערטער בוימל איז דײַן נאָמען, דערום האָבן יונגפֿרויען דיך ליב.

שמן תורק — געקלערטער בוימל. ד״ה בוימל גערייניקט דורך איבערגיסן פֿון כּלי צו כּלי. די אַלטע ווערסיעס זעצן איבער וואָרט בײַ וואָרט: איבערגעגאָסענער בוימל. אַזוי אויך לוטער, קינג דזשיימס א״אַ. גראַס זעצט איבער: איבער־געגאָסענער אייל,[205] ווי די מיטל־עלטערישע מפֿרשים.

די פֿאָרעם שמן תורק שטויסט זיך אָן אויף שוועריקייטן. שמן איז לשון זכר און תורק איז אַ הפֿעל־פֿאָרעם פֿון ריק, גוף שני לשון זכר, אָדער גוף שלישי לשון נקבֿה פֿון עתיד. די אַלטע ווערסיעס זעצן איבער תורק ווי אַ פּאַר־טיציפּ פֿון הפֿעל, ד״ה פּונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען שמן מורק.[206] אבן ג׳נאח האָלט עס וואָלט געדאַרפֿט שטיין שמן יורק.[207] שמן תורק האָט נישט קיין זינען.[208] טאָרטשינער איז צוליב דעם געצוווּנגען איבערצוזעצן יעדעס וואָרט באַזונדער: An Duft sind deine Öle köstlich, das Öl, drin du entströmst, dein Ruhm, drum lieben dich die Mädchen. אין ירמיה מח, 11 זעצט איבער יהואָש די עבֿר־פֿאָרעם פֿון דעם זעלבן וואָרט: ולא הורק — און נישט איבערגעליידיקט (איז) געוואָרן; פֿ״גל אויך אבן עזרא צום פּסוק: כּאלו שמן מור יורק לפניה.

.4 משכני אחריך נרוצה הביאני המלך חדריו נגילה ונשמחה בך נזכירה דדיך מיין מישרים אהבוך.

צי מיך נאָך דיר, לאָמיר לויפֿן! — זאָל דער מלך מיך ברענגען אין זײַנע קאַמערן. מיר וועלן זײַן לוסטיק און פֿרייַלעך מיט דיר. מיר וועלן לויבן דײַן ליבשאַפֿט מערער פֿון ווײַן. אמת ליב האָט מען דיך.

יהואָש טיילט אײַן די ערשטע דרײַ ווערטער אַזוי: משכני אחריך, נרוצה. די דאָזיקע אײַנטיילונג איז קעגן די טעמים, ווײַל אונטער משכני שטייט אַ טפּחא און די אײַנטיילונג דאַרף זײַן: משכני, אחריך נרוצה. גרעץ און מאַרגאָליס טיילן אײַן די ווערטער ווי די מסורה. בודע און סמיט ווי יהואָש, און טאָרטשינער טיילט אײַן: משכני, אחריך, נרוצה.

הביאני המלך חדריו — זאָל דער מלך מיך ברענגען אין זײַנע קאַמערן. יהואָש באַנעמט דעם דאָזיקן זאַץ אָפּטאַטיוו. אַזוי זעצט אויך איבער סמיט. אין פּרק ב, 3, ווו עס שטייט די זעלבע פֿאָרעם הביאני, זעצן אַלע איבער אין עבֿר־פֿאָרעם. נאָכן ניקוד איז עס פּשוטער עבֿר. אבן עזרא זעט דאָ אַ היפּאָטעטישן זאַץ: יותר נשמח בך ממה שיביאני המלך חדריו.

---

[205] זען די פּאָלעמיק פֿון נפֿתלי גראָס, „ווילקלאַנג און ווײסנשאַפֿט", קולטור, שיקאַגאָ, 15טער יאַנואַר 1926, ז׳ 10.

[206] זען קיטעל־קאַהלע צום פּסוק. אויך געזעניוס־ב., ריק, ז׳ 758.

[207] ספר הרקמה, שכח, 17.

[208] פּרץ זעצט איבער שמן תורק — תּורק־אייל, ער נעמט אויף תורק ווי אַ נאָמען פֿון אַן אָרט, פּרץ, דצ״וו, ז׳ 7; זען אויך בודע, ז׳ 2.

[הערות, ז' 286] הביאני המלך חדריו,... דער מלך האָט מיך געבראַכט אין זײַנע קאַמערן... דער זאַץ מוז פֿאַרשטאַנען ווערן ווי אַ דערקלערנדיקער פּאַרענטעז.[209] בודע און אַנדערע לייענען, אין אײַנקלאַנג מיט דעם רעשט פּסוק, הביאני המלך חדריך, ברענג, מיך, דו מלך, אין דײַנע[210] קאַמערן. אפֿשר זאָל די עבֿר־פֿאָרעם דאָ זײַן פּרעקאַטיוו אָדער אָפּטאַטיוו: ווען דער מלך ברענגט מיך (אָדער: הלוואַי ברענגט מיך דער מלך) אאַז"וו. זע אָנמערקונג ישעיה מג, 9.[211]

נזכירה דדיך מיין — מיר וועלן לויבן דײַן ליבשאַפֿט מערער פֿון ווײַן. אַזוי זעצן איבער אַלע מאָדערנע. נזכירה האָט דאָ דעם באַטײַט פֿון דערמאָנען מיט לויב. זען הושע יד, 8; ישעיה סג, 7; תהלים עא, 16.

דדיך — דײַן ליבשאַפֿט. דער תּרגום השבֿעים זעצט איבער: מיר וועלן ליב האָבן דײַנע בריסטן מער ווי ווײַן. זען דערקלערונג צום פּסוק 2.

[הערות, ז' 286] נזכירה דדיך מיין, מיר וועלן לויבן (דערמאָנען) דײַן ליבשאַפֿט מערער פֿון ווײַן. אַנדערע טײַטשן אויס נזכירה פֿון זכר, אַ דופֿט, אַ ריח (אַזוי ווי אין זכרו כיין לבנון, און זײַן גערוך וועט זײַן ווי ווײַן פֿון לבֿנון, הושע, יד, 8; איבעריקנס זע אָנמערקונג דאָרטן.[212] זע אויך אָנמערקונג צו ויקרא ב, 2)[213] און זעצן איבער: מיר וועלן האַלטן דײַן ליבשאַפֿט מער דופֿטיק פֿון ווײַן... ד"ה דײַן ליבשאַפֿט וועט אונדז זײַן דופֿטיקער ווי ווײַן. בודע און אַנדערע ווילן לייענען נשכרה (זע ה, 1), מיר וועלן זיך פֿאַרשיכּורן מיט דײַן ליבשאַפֿט מער ווי מיט ווײַן.[214]

מישרים אהבוך, אמת ליב האָט מען (אָדער האָבן זיי) דיך. אָדער: אמת ליב האָבן מוז מען דיך. ערליך וויל לייענען משרים אהבוך,[215] און דער איבערזעץ וועט זײַן: מיר וועלן לויבן דײַן ליבע מערער פֿון ווײַן, מער פֿון געזאַנגען דײַן ליבשאַפֿט (אָדער: דײַנע ליבשאַפֿט־ווערטער, דײַנע צערטלעכקייטן). יהודה, (ציטירט אין געזעניוס־ב., 16טע אויפֿלאַגע) לויט אַן אַראַבישן וואָרט, זעצט איבער מישרים, יונגע מיידלעך. יונגע מיידלעך האָבן דיך ליב.[216]

מישרים אהבוך — אמת ליב האָט מען דיך. אַזוי טײַטשן מיטל־עלטערישע מפֿרשים און אַזוי זעצן איבער אַלע מאָדערנע. זיי נעמען אויף מישרים ווי אַן

---

[209] זען זיגפֿריד צום פּסוק.

[210] לויט סימאַכוס און פּשיטא. זען בודע, דאָרט, און אויך אין קויטש צום פּסוק.

[211] יהואָשעס הערה צו ישעיה מג, 9 איז: „נקבצו יחד, זאָלן זיך אײַנזאַמלען (=הלוואַי וואָלטן זיך אײַנגעזאַמלט). וועגן דעם ווינטשעוודיקן זין פֿון עבֿר, פֿאַרגלײַך ירמיה ג, 5, און יואל ד, 4". זען אויך געזעניוס־ק.־ק., 106, ז' 312, הערה 2, און אויבן, הערה 183.

[212] יהואָשעס הערה צו הושע יד, 8 איז: „זכרו כיין לבנון — זײַן דופֿט אָדער גערוך ווי דער ווײַן פֿון לבֿנון. ערליך וויל עמענדירן וישכרו כיין — און זיי וועלן באַטרונקען אָדער פֿריילעך זײַן ווי פֿון ווײַן. דאָס וואָרט לבֿנון באַטראַכט ער פֿאַר אַ טעותדיקן פֿאַרטראָגן אַהער פֿון פּסוק 7". זען אבן ג'נאח, ספר השרשים, 131: זכר... ועניין אחר עוד רוצים בו הערבות והקבול הטוב... נזכירה דודיך מיין... יערבו לנו... יותר מהיין. זען אויך אבן עזרא אויפֿן פּסוק: יש אומרים שהוא מן אזכרתה. פֿ"גל ערליך, *Randglossen*, באַנד 5, ז' 211.

[213] יהואָשעס הערה צו ויקרא ב, 2 איז: „אזכרתה, זײַן דערמאָנונג, ד"ה... ווו דער ווײַרעך איז, נעמענדיק דעם וואָרצל זכר אין דעם זין פֿון שמעקן, אַזוי ווי זכרו כיין לבנון (הושע יד, 8), זײַן ריח איז ווי דער ווײַן פֿון לבֿנון. יעדן פֿאַלס איז אַזכּרה געווען דער קול־טישער טערמין פֿאַר יענעם טייל פֿון דעם שפּײַזאָפּפֿער וואָס אַנטהאַלט דעם ווײַרעך."

[214] זען אויך גרעץ, 129, און קיטעל־קאַהלע צום פּסוק.

[215] ערליך, דצ"וו, ב' 7, ז' 2.

[216] געזעניוס־ב., מישרים, 420.

אַדוועבב אין אַקוזאַטיוו. פֿ״גל תּהלים נח, 2; עה, 3. אַזוי זעצט איבער אויך גרעץ.[217] בודע מיינט אַז מען דאַרף איבערזעצן: מיט רעכט.[218] יהואָש זעצט איבער: אמת ליב האָט מען דיך מיט אַ נייטראַלן פּראָנאָם. אַלע אַנדערע זעצן איבער: אמת ליב האָבן זיי דיך. יהואָש איז געצווונגען איבערצוזעצן אַזוי, ווײַל דער סוביעקט און די פּערזאָן האַלטן זיך אין דעם פּסוק אין איין בײַטן.[219]

5. שחורה אני ונאוה בנות ירושלם כאהלי קדר כיריעות שלמה.

שוואַרץ בין איך, אָבער שיין, טעכטער פֿון ירושלים, ווי די געצעלטן פֿון קדר, ווי די פֿאָרהאַנגען שלמהס.

דער רובֿ איבערזעצערס גייען נאָך דעם טראַדיציאָנעלן באַנעם פֿון פּסוק: כאָטש איך בין שוואַרץ בין איך דאָך שיין.[220] גרעץ ווײַזט אָן, אַז מיר האָבן אין דעם זאַץ צו טון מיט אַן אַנטיטעטישן פּאַראַלעליזם: שחורה אני... כאהלי קדר ונאוה אני... כיריעות שלמה.[221] זען אבן עזרא צום פּסוק. שחורה... אף על פּי שיש בי שחרות מעט כאהלי קדר יפה אני כיריעות שלמה.

6. אל־תראני שאני שחרחרת ששזפתני השמש בני אמי נחרו־בי שמני נטרה את־הכרמים כרמי שלי לא נטרתי.

ניט קוקט מיך אָן וואָס איך בין שוואַרצלעך, וואָרעם די זון האָט מיך אָפּ־געברענט. די זין פֿון מײַן מוטער האָבן געצערנט אויף מיר, זיי האָבן מיך גע־מאַכט אַ היטערין פֿון די ווײַנגערטנער; מײַן אייגענעם ווײַנגאָרטן האָב איך ניט אָפּגעהיט.

[הערות, ז׳ 286] ששזפתני השמש, וואָרעם די זון האָט מיך אָפּגעברענט. דער ׳ש׳ פֿון ששזפתני איז לויט דעם דאָזיקן אויסטײַטש צו פֿאַרשטיין אין אַן אַנדער זין ווי דער ׳ש׳ פֿון שאני שחרחרת.[222] לויט אַן אַנדער אויפֿפֿאַסונג מיינט עס „וואָס די זון האָט מיך אָפּגע־ברענט", און דער אויספֿיר קומט ערשט אין צווייטן האַלבן פּסוק.[223] זי איז ברוין, ווײַל די ברידער האָבן זי געמאַכט צו היטן די ווײַנגערטנער.

יהואָש גייט נאָך דעם טראַדיציאָנעלן אויסטײַטש פֿון ששזפתני השמש. די ווולגאַטאַ, לוטער, גרעץ, טאָרטשינער און גראָס זעצן איבער ווי יהואָש. מאַר־גאָליס און סמיט נייגן אָפּ פֿון טראַדיציאָנעלן אויסטײַטש. זיי גייען נאָך דעם אַנדערן טײַטש, וואָס יהואָש דערמאָנט אין זײַן הערה. לויט קינג דזשיימס מוז

---

[217] גרעץ זעצט איבער: ohne Falsch. פֿ״גל רשי אויפֿן פּסוק: מישרים — אהבה עזה, אהבת מישור בלי עקיבה ורכסים... זהו פשוטו לפי ענינו. פֿ״גל אויך אבן עזרא צום פּסוק.

[218] בודע, ז׳ 3.

[219] זען גרעץ, דצ״וו, ז׳ 128.

[220] זען דעם מדרש שיר השירים רבה צום פּסוק: שחורה אני במעשי ונאוה במעשי אבותי...

[221] גרעץ, דצ״וו, ז׳ 129.

[222] זען גרעץ: Seht mich nicht an, dass ich so dunkel bin, denn die Sonne mich so versengt hat...

פֿ״גל אויך זיגפֿריד צום פּסוק. דאָס איז אויך די טראַדיציאָנעלע אויפֿפֿאַסונג פֿון פּסוק.

[223] זען בודע (אין קויטש): Seht mich nicht an, dass ich so dunkel bin, dass die Sonne mich so versengt hat...

מען איבערזעצן: קוקט נישט אויף מיר, ווײַל איך בין שוואַרץ, ווײַל די זון האָט מיך אָפּגעברענט.

נהרו — זיי האָבן געצערנט. אין במדבר יא, 33 זעצט יהואָש איבער: נחר — געגרימט, און אין ישעיה מא, 11; מה, 24: נחרים — אָנגעצונדן אויף. ווי מען זעט, זעצט יהואָש איבער דאָס זעלבע העברעיִשע וואָרט מיט אַ סך יִדישע עקוויוואַלענטן. ער זעצט אָבער איבער אַלע מאָל דעם העברעיִשן פּאַסיוו (נחרו איז אַ נפעל פֿון חרה) מיט אַ יִדישן אַקטיוו. אַנדערש אָבער בובער, וואָס באַמיט זיך צו געבן אין דער איבערזעצונג דעם פּאַסיוון כאַראַקטער פֿון וואָרט. ער זעצט איבער נחרים בך (ישעיה מא, 11): entflammt wider dich. דאָס זעלבע אויך אין ישעיה מה, 24.

7. הגידה לי שאהבה נפשי איכה תרעה איכה תרביץ בצהרים שלמה אהיה כעטיה על עדרי חבריך.

זאָג מיר דו וועמען מײַן זעל האָט ליב, ווּ פּיטערסטו, ווּ מאַכסטו הויערן אין מיטן טאָג? וואָרעם נאָך וואָס זאָל איך זײַן ווי אַן אַרומטרײַבערין בײַ די סטאַדעס פֿון דײַנע חבֿרים?

איכה תרעה איכה תרביץ — ווּ פּיטערסטו, ווּ מאַכסטו הויערן אין מיטן טאָג? ד״י טראַדיציאָנעלע איבערזעצונג פֿון איכה איז: ווי אַזוי. מיר געפֿינען אָבער איין מאָל איכה אין תּנך מיטן קלאָרן באַטײַט: ווּ? זען מלכים ב, ו, 13.[224]

שלמה — וואָרעם נאָך וואָס. דאָס איז דער אָנגענומענער און דער טראַדיציאָנעלער טײַטש, וואָס זעט אין שלמה דעם צוזאַמענהעפֿט פֿון די ווערטער: אשר למה. אַנדערע זעען אין שלמה אַן אַרמיזם און עס זאָל האָבן דעם זעלבן באַטײַט ווי דלמא אין אַרמיש.[225]

[הערות, ז׳ 286] כעטיה, ווי אַן אַרומטרײַבערין (אָדער: ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע; אַזוי ווי כטעיה).[226] אייניקע טײַטשן אויס לויט דעם געוויינטלעכן באַטײַט פֿון עטה, אײַנוויקלען: ווי אַן אײַנגעוויקלטע, ד״ה אַן אויסגעלאַסענע אָדער זונה[227] (זע בראשית לח, 14), אָדער אַ טרויערנדיקע, וואָס וויקלט זיך אײַן און פֿאַרדעקט זיך געוויינטלעך.[228] ביקעל פּונקטירט כעטיה [אין אַ פּעול־פֿאָרעם], ווי אַ געחלשטע (לויט דער אַנאַלאָגיע פֿון דעם אַראַבישן עשא, פֿאַרדעקן, פֿון

---

[224] זען אבן ג׳נאח, ספר הרקמה, שסט, 2; אבן עזרא צום פסוק, געזעניוס־ב., איכה, ז׳ 29. פֿ״גל אויך תּרגום אונקלוס צו בראשית לז, 16, ווּ ער זעצט איבער: איפה הם רעים — איכא אינון רען.

[225] זען געזעניוס־ב., ז׳ 402; גרעץ, ז׳ 131.

[226] לויט סימאַכוס, פשיטא און וולגאַטאַ. זען אויך געזעניוס־ק.־ק., 75, ז׳ 212; געזעניוס־ב., עטה, ז׳ 580. בן יהודה, דצ״ו, 4419. ענלעך זעצט איבער לוטער.

זען אויך:

Song of Songs . . . with a commentary . . . by Christian D. Ginsburg, London, 1857, p. 135 ff.

[227] פֿ״גל אויך גרעץ צום פסוק. אַזוי אויך אבן ג׳נאח, ספר השרשים, 364; שלמה אהיה כעטיה ועניני כעטה. זען אויך קמינקא אין כהנא: עוטיה כמו עוטה. זען בראשית לח, 14, 15. אַזוי זעצט איבער אויך מאַרגאָליס.

[228] זען מדרש שיר השירים רבה א. 24: כאבל הזה שהוא עוטה על שפמו ובוכה. פֿ״גל אויך רשי: כאבילה עוטה על שפם בוכיה על צאנה.

וועלכן עס קומט אַרויס עושיא עליהי, ער האָט געחלשט; פֿאַרגלײַך אויך עלף און עטף, וואָס האָבן אויך דעם דאָזיקן טאָפּעלן באַטײַט).[228]*

פּרץ זעצט איבער: שלמה אהיה כעטיה על עדרי חבריך — נאָך וואָס זאָלן מײַנען לײַט, דאָס איך לויף די הירטן נאָך פֿון דײַנע קאַמעראַדן.[229] לויט פּרצן באַטײַט עטיה — נאָכלויפֿן. ער פֿירט אַרויס די פֿאָרעם עטיה פֿון אַ ווערב עטה. אָבער דאָ האָט פּרץ אַ טעות געהאַט. אַזאַ ווערב מיט אַזאַ באַטײַט עקסיסטירט נישט אין העברעיִש. עס מוז זײַן עיט. זען געזעניוס־ב., עיט, ז׳ 581.

.8 אם־לא תדעי לך היפה בנשים צאי־לך בעקבי הצאן ורעי את־גדיתיך על משכנות הרעים.

אויב דו ווייסט עס דיר ניט, דו שענסטע פֿון פֿרויען, גיי דיר אַרויס אין די טריט פֿון די שאָף, און פֿיטער דײַנע ציקעלעך בײַ די פּאַסטוך־געצעלטן.

אם־לא תדעי לך — אויב דו ווייסט עס דיר ניט. זען געזעניוס־ק.־ק., 107, ז׳ 319. יהואָש זעצט איבער יעדער וואָרט, אַפֿילו דאָס וואָרט ׳לך׳. ער העברעיִזירט דאָ דעם יִדיש. משכנות הרעים — פּאַסטוך־געצעלטן. די דאָזיקע קאָנסטרוקציע איז אויך אַ העברעיִזירטע.[230] גראַס זעצט עס איבער מער נאַטירלעך: די געצעלטן פֿון די פּאַסטוכער.

.9 לססתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי.

צו אַ פֿערדין אין פּרעהס רײַטוואָגן האָב איך דיך געגליכן, געליבטע מײַן. לססתי — צו אַ פֿערדין. אַזוי טײַטשט דער אבן עזרא: נקבת הסוס. ענלעך זעצן איבער זיגפֿריד און טאָרטשינער. צונץ און בודע: Ross; סמיט און מאָר־גאָליס: a steed; לוטער: Gespann; קינג דזשיימס: a company of horses; גרעץ: Gespann. קינג דזשיימס׳ איבערזעצונג איז גענומען פֿון פּירוש רשי: קבוצת סוסים.[231]

ברכבי פרעה — אין פּרעהס רײַטוואָגן, אין לשון יחיד. אַזוי אויך טאָר־טשינער, ווײַל איין פֿערדין קאָן מען אײַנשפּאַנען נאָר אין איין רײַטוואָגן. די אַנדערע איבערזעצערס, די וואָס באַטראַכטן לססתי פֿאַר אַ קאָלעקטיוו פֿון פֿערד זעצן איבער ברכבי פרעה אין לשון רבים. זען גרעץ צום פּסוק.

---

[228]* אין ביקעלס ווערק האָב איך עס נישט געקאָנט געפֿינען. אָבער אַזוי דערקלערט עס אויך געזעניוס אין זײַן ווערטערבוך. זען:

Wilhelm Gesenius, *Hebräisches und chaldäisches Handwörterbuch über das Alte Testament,* Leipzig, 1868, 648.

געזעניוס דערקלערט עטה ווי עלף און עטף:

Verschmachten, ohnmächtig werden. Damit ich nicht ganz verschmachtet (oder wie ohnmächtig) bei den Herden deiner Genossen umherirre.

די דאָזיקע דערקלערונג קומט פֿאָר נאָר אין די ערשטע נײַן אויסגאַבעס פֿון זײַן ווערטערבוך. זי פֿעלט אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס.

[229] פּרץ, דצ״ו, ז׳ 9.

[230] זען יוסף ריידערס רעצענזיע אין שבילי החנוך, שנה ב (כסלו־טבת תרפח), ז׳ שיד א״וו.

[231] זען הערה 64.

10. נאוו לחייך בתרים צוארך בחרוזים.

שיין זײַנען דײַנע באַקן אין די קייטלעך, דײַן האַלדז אין די שנורן.

נאוו — שיין זײַנען. אַלע זעצן איבער די עבֿר־פֿאָרעם נאוו אין הווה. פּ״גל מה טובו אהליך יעקב (במדבר כד, 5). דער תּרגום השבֿעים זעצט איבער נאוו אין עבֿר. זען געזעניוס־ק.־ק., 2, 106, ז׳ 311.

11. תורי זהב נעשה־לך עם נקדות הכסף.

גילדערנע קייטלעך דיר וועלן מיר מאַכן, מיט פּינטלעך פֿון זילבער.

עם נקדות הכסף — מיט פּינטלעך פֿון זילבער. אַזוי זעצן איבער אַ סך מאָדערנע. גרעץ אָבער זעצט איבער: und auch Schnüre von Silber. ער לייענט אַנשטאָט נקדות — ענקות, ווײַל פֿאַר אַ מלך זײַנען גאָלדענע קייטלעך מיט זילבערנע פּינטלעך נישט קיין צו גרויסע מתּנה פֿאַר אַ געליבטער. און שנית זעצט ער איבער עם: און, נישט: מיט. זען גרעץ, 58, 133—134. ווי מען זעט, זײַנען פֿאַראַן אין אַזאַ פּשוטן זאַץ פֿאַרשיידענע מיגלעכקייטן פֿון איבערזעצן.

12. עד־שהמלך במסבו נרדי נתן ריחו.

בעת דער מלך איז געווען אויף זײַן הסב־בעט, האָט מײַן נאַרד געגעבן זײַן ריח.

עד שהמלך — בעת דער מלך. זען געזעניוס־ב., 2, וו, עד, ז׳ 564.

במסבו — אויף זײַן הסב־בעט. אַזוי זעצט אויך איבער סמיט. לוטער: da der König sich herwandte. אַנדערע: טיש אָדער סעודה. אַזוי גרעץ, קויטש און מאַרגאָליס.[232] טאָרטשינער זעצט איבער: במסבו — דער עולם בײַם טיש (im Zecherund). זען אויך אבן עזרא צום פּסוק: והקרוב אלי שהוא במקום שיש בו מסיבה לשתות כמנהג שותי היין. פּרץ: מיט זײַן באַגלייט.[233]

13. צרור המר דודי לי בין שדי ילין.

אַ בינטל מירע וואָס רוט צווישן מײַנע בריסט, איז מײַן געליבטער מיר.

[הערות, ז׳ 286] צרור המר דודי לי בין שדי ילין, אַ בינטל מירע וואָס רוט צווישן מײַנע בריסט, איז מײַן געליבטער מיר. מער רעאַליסטיש קען עס אויך הייסן: אַ בינטל מירע איז מײַן געליבטער מיר, צווישן מײַנע בריסט טוט (אָדער: זאָל) ער רוען.[234]

לוטער, מאַרגאָליס און טאָרטשינער זעצן איבער ווי יהואָש, הײַנו: בײַ זיי האָט ילין אַ שײַכות מיט צרור המר. אין תּרגום השבֿעים, די וווּלגאַטאַ, קינג דזשיימס, צונץ און סמיט ציט זיך ילין צו געליבטער. אַזוי זעצט אויך איבער גראָס. גרעץ לייענט: שדי ילין — צווישן די פֿעלדער פֿון ילין. ילין איז לויט גרעצן אַ נאָמען פֿון אַן אָרט.[235]

---

[232] גרעץ: Beim Gelage; בודע (אין קויטש): an seiner Tafel; מאַרגאָליס: at his table.

[233] פּרץ, דצ״וו, 10. זען אויך דעם וואַריאַנט, ז׳ 44, ווו פּרץ פֿאַרטײַטשט: מיט זײַן באַגלייט.

[234] זען בודע אין קויטש.

[235] זען גרעץ, דצ״וו, 110.

14. אשכל הכפר דודי לי בכרמי עין גדי.

אַ הענגל פֿון ציפּערבלומען אין עין־גדיס ווײַנגערטנער איז מײַן געליבטער מיר.

כפר — ציפּערבלומען. זען געזעניוס־ב., כפר, ז' 360. בכרמי עין־גדי — אין עין־גדיס ווײַנגערטנער. זען פּסוק 8.

15. הנך יפה רעיתי הנך יפה עיניך יונים.

ביסט שיין, געליבטע מײַן, ביסט שיין, דײַנע אויגן זײַנען טויבן.

הנך יפה — ביסט שיין. גראָס איז מוסיף — פֿאָרוואָר: פֿאָרוואָר, דו ביסט שיין. מאַרגאָליס זעצט כּסדר איבער 'הנה': behold. יהואָש זעצט אָפּט איבער הנה: זע, און זייער אָפּט לאָזט ער עס נישט־איבערגעזעצט. זען בראשית טז, 11; כ, 3; דברים לא, 16; שופטים יג, 5, 7; מלכים א, כ, 36; שיר השירים ד, 1.

עיניך יונים — דײַנע אויגן זײַנען טויבן. אַ סך מאָדערנע לייענען דאָ און אין פּרק ד, 1: עיניך כיונים. זיי האַלטן אַז דער כ פֿון כיונים איז אַרויסגעפֿאַלן צוליב דעם כ פֿון עיניך (האַפּלאָגראַפֿיע). זען קיטעל־קאָהלע.[236]

16. הנך יפה דודי אף־נעים אף־ערשנו רעננה.

ביסט שיין, געליבטער מײַן, און ליבלעך, גרין אויך איז אונדזער געלעגער.

רעננה — גרין. פֿ״גל איוב טו, 32. זען אויך געזעניוס־ב., רענן, ז' 768.

[הערות, ז' 287] אף־ערשנו רעננה, גרין אויך איז אונדזער געלעגער. לויט אייניקע איז ערש דאָס אייגענע ווי דאָס אַראַבישע עריש:[237] גרין אויך איז אונדזער צווײַגבײַדל, אונדזערע הויזבאַלקנס זײַנען צעדערן אאַז״וו.

17. קרות בתינו ארזים רהיטנו ברותים.

אונדזערע הויזבאַלקנס צעדערן, אונדזערע וואַנטברעטער ציפּרעסן.

ברותים — ציפּרעסן. אַזוי זעצן איבער אַלע. זען געזעניוס־ב., ברות, ז' 114.

כאָטש יעדער וואָרט אין דעם פּסוק איז פֿאַרשטענדלעך, דאָך ווערט ער פֿאַרשידן געטײַטשט און איבערגעזעצט. אַ טייל זאָגן, אַז שולמית, די העלדין פֿון שיר השירים, באַרימט זיך, אַז איר פּאַלאַץ איז געבויט פֿון צעדערן און ציפּרעסן. אַנדערע אומגעקערט, אַז זי זאָגט, זי וווינט אין וועלדער און ציפּרעסן און צעדערן זײַנען איר פּאַלאַץ. קינג דזשיימס זעצט איבער: The beams of our house are cedar, and our rafters of fir, אָבער טאָרטשינער פֿאַרטײַטשט: Der Häuser Balken sind die Zedern uns, und unsere Täfelung-Zypressen!

---

[236] בײַ אַלע עמענדאַציעס, אַפֿילו בײַ די ריכטיקסטע, טאָר מען נישט אַרויסלאָזן פֿון אויג דעם כּלל, אַז דיכטערס פֿון אַלע צײַטן און אַלע ליטעראַטורן האָבן זיך נישט געלאָזט פֿענטען דורך גראַמאַטיקאַלישע געזעצן. דאָס איז די באַקאַנטע licentia poetica, די פּאָעטישע פֿרײַהייט, וואָס זיי האָבן דאָס געמאַכט פֿאַר זייערס אַ קנין.

[237] זען געזעניוס־ב., ערש, ז' 622.

קהלת א

1. דברי קהלת בן־דוד מלך בירושלם.

די ווערטער פֿון קהלת דעם זון פֿון דודן, דעם מלך אין ירושלים.

דברי קהלת — די ווערטער פֿון קהלת און נישט: די רייד. אַזוי זעצט איבער יהואָש אומעטום דברים און דברי. אַזוי זעצן אויך איבער קינג דזשיימס, צונץ, גרעץ,[238] מאַרגאָליס און טאָרטשינער.

[הערות, ז׳ 295] קהלת, אַ סימבאָלישער נאָמען וואָס זאָל באַטײַטן איינער וואָס רעדט פֿאַר אַ פֿאַרזאַמלונג (קהל), אַ דרשן אָדער אַ רעדנער; אָדער: איינער וואָס זאַמלט חכמה און קלוגע שפּרוכן.[239] סעפּ[טואַגינטאַ] זעצט עס איבער עקלעזיאַסטעס, פּרעדיקער. מערק דעם „ה" אין אמרה קהלת = אמר הקהלת, ז, 27.[240]

2. הבל הבלים אמר קהלת הבל הבלים הכל הבל.

נישטיקייט פֿון נישטיקייטן, זאָגט קהלת, נישטיקייט פֿון נישטיקייטן, אַלץ איז נישטיקייט.

אמר קהלת — זאָגט קהלת. אַזוי זעצן אויך איבער קינג דזשיימס, בודע, זיג־פֿריד, טאָרטשינער, סמיט און מאַרגאָליס. לוטער, גרעץ, זלאָטניק[241] און גראָס זעצן איבער אין עבֿר. זען אויבן תּהלים סח, 23.

3. מה־יתרון לאדם בכל־עמלו שיעמל תחת השמש.

וואָס פֿאַר אַ נוץ האָט דער מענטש פֿון זײַן גאַנצער מי וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון?

יתרון — נוץ. אַזוי זעצט אויך איבער גרעץ.[242] דאָס רובֿ זעצט מען איבער יתרון — געווין.[243]

בכל עמלו — פֿון זײַן גאַנצער מי, פּונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען מכל עמלו. אַזוי זעצן אויך איבער לוטער, קינג דזשיימס, מאַרגאָליס און סמיט. גרעץ זעצט איבער: bei all seiner Qual; ענלעך טאָרטשינער.

---

[238] *Kohelet,* קהלת, oder der Salomonische Prediger, übersetzt und kritisch erläutert von H. Grätz. Leipzig, 1871.

[239] זען מדרש קהלת רבתי א, ב: קהלת למה נקרא שמו קהלת שהיו דבריו נאמרין בהקהל; רשי מאַכט: קהלת על שם שקיהל חכמות הרבה. ענלעך אבן עזרא: ונקרא כן על לשון החכמה שנקהלה בו. פֿ״גל אַ. כהנא, ז׳ קנא. די געלערנטע גייען זיך פֿונאַנדער אין דערקלערן דעם מקור און דעם באַטײַט פֿון קהלת. לויט טאָרטשינערן (קובץ מזעי לזכר משה שור, ניו־יורק, תשה, 155) איז קהלת אַן אַרכאַיִש העברעיִש וואָרט מיט דעם באַטײַט מלך, וואָס איז במשך פֿון דער צײַט געוואָרן אַ פּרט־נאָמען פֿאַר מלך, ווי פּרעה אין עגיפּ־טיש. זען אויך די טענות קעגן דער דאָזיקער דערקלערונג פֿון גרשון בריגי אין תּרביץ, שנה כא, ספר ב (ירושלים, תשי), 101—105 און טאָרטשינערס ענטפֿער, דאָרטן, ז׳ 208.

[240] זען געזעניוס־ק.־ק., 122, ז׳ 393.

[241] יהודה לייב זלאָטניק, קהלת דער מענטש און דאָס בוך, מאָנטרעאָל, 1929.

[242] זען גרעץ, 189.

[243] לוצאַטאָ שרײַבט: ומלת יתרון אין לה ריע במקרא וכאן ענינה תועלת. זען מחקרי היהדות, חלק שני (ורשה, תּרעג), 72.

תחת השמש — אונטער דער זון. דער דאָזיקער אויסדרוק איז כאַראַקטע־ריסטיש פֿאַר קהלת. ער איז פֿאַראַן אין קהלת פֿינף און צוואַנציק מאָל. אבן ג׳נאח לייענט אָנשטאָט תחת השמש — תחת השמים.[244] עס לוינט זיך צו ציטירן די פֿרײַע פּאַראַפֿראַזירטע איבערזעצונג פֿון דאָזיקן פסוק בײַ זלאָטניקן: וואָס, מישטיינס געזאָגט, האָט דער מענטש פֿון זײַן גאַנצער האָרעוואַניע, וואָס ער פּראַצעוועט און האָרעוועט זײַנע גאַנצע פֿאַר יאָר, נעבעך?[245]

4. דור הולך ודור בא והארץ לעולם עמדת.

אַ דור פֿאַרגייט, און אַ דור קומט, און די ערד באַשטייט אויף אייביק.
דור הולך — אַ דור פֿאַרגייט. אַזוי זעצט שוין איבער לוטער. ענלעך בודע און טאָרטשינער.

5. וזרח השמש ובא השמש ואל־מקומו שואף זורח הוא שם.

און די זון גייט אויף, און די זון גייט אונטער, און יאָגט צו איר אָרט אַוווּ זי גייט אויף.
וזרח השמש — און די זון גייט אויף. אַלע זעצן איבער דעם העברעיִשן עבֿר מיט הווה. פּ״גל אויבן פסוק 2 און אויך קיטעל־קאַהלע, וואָס לייגט פֿאָר צו לייענען דאָ: וזורח השמש, ווײַל די צווייטע העלפֿט פֿון פסוק איז אין הווה. זלאָטניק זעצט אויך איבער אין עבֿר: עס האָט אויפֿגעשײַנט די זון. זורח הוא שם — אַוווּ זי גייט אויף. אַזוי זעצן איבער אַ סך. סמיט זעצט איבער די צווייטע העלפֿט פֿון זאַץ: and hastens to the place where he arose. לויט אים איז ׳זורח הוא שם׳ אַ רעלאַטיוו־זאַץ און נישט קיין המשך פֿון אינדי־קאַטיוון זאַץ.[246] אַזוי האָט עס אויך פֿאַרשטאַנען רשי, וואָס שרײַבט: לשוב אל מקום אשר זרחה אתמול משם.

6. הולך אל־דרום וסובב אל־צפון סובב סבב הולך הרוח ועל־סביבותיו שב הרוח.

דער ווינט גייט קיין דרום, און פֿאַרדרייט זיך קיין צפֿון, רונד אַרום, רונד אַרום גייט ער, און צו זײַנע געדרייען קערט זיך אום דער ווינט.

[הערות, ז׳ 295] הרוח, דער ווינט. ערליך וויל לייענען הירח,[247] די לבֿנה, אין פּאַראַלעל צו דער זון אין פסוק פֿאַר דעם: די לבֿנה גייט קיין דרום אאַז״וו. רונד אַרום גייט זי, און צו אירע געדרייען אאַז״וו.

לוטער, קינג דזשיימס, סמיט, מאַרגאָליס און יהואָש הייבן אָן דעם זאַץ מיט „דער ווינט״, בכדי מען זאָל נישט מיינען אַז דער סוביעקט אין פסוק 6 איז דער זעלבער וואָס אין פסוק 5, ד״ה השמש. די אַלטע איבערזעצונגען און מיטל־עלטערישע גראַמאַטיקערס און מפֿרשים ווי אבן ג׳נאח און רשי האָבן טאַקע גע־

---

[244] ספר הרקמה, שטז, 10.
[245] זלאָטניק באַצייכנט נישט זײַן איבערזעצונג פֿון קהלת אין ייִדיש פֿאַר אַן איבער־זעצונג. ער שטרײַכט אונטער: די רייד פֿון קהלת... איבערגעגעבן אין ייִדיש.
[246] זען געזעניוס־ק.־ק., 155, ז׳ 485 א״וו.
[247] זען *Randglossen*, באַנד 7, ז׳ 55.

האַלטן אַז דער סוביעקט אין פּסוק 6 איז די זון.[248] און אַזוי באַנעמט עס אויך גרעץ. אָבער שוין דער אבן עזרא האָט געהאַלטן אַז דער סוביעקט איז רוח און ער שרײַבט: וכל הפסוק הוא בענין הרוח. אַ סך זעצן איבער די ערשטע העלפֿט פֿון זאַץ מיטן נייטראַלן פּראָנאָם ׳עס׳, בכדי מען זאָל עס קענען אויסטײַטשן הן אויף דער זון און הן אויפֿן ווינט. זען בודע, זיגפֿריד. טאָרטשינער זעצט איבער: Fährt gegen Süden, kreist nach Norden, ער מײַדט אויס אַ פּראָנאָם, בכדי מען זאָל דעם פּסוק אויסטײַטשן הן אויף דער זון און הן אויפֿן ווינט.

7. כל־הנחלים הלכים אל־הים והים איננו מלא אל־מקום שהנחלים הלכים שם הם שבים ללכת.

אַלע טײַכן גייען צום ים, און דער ים ווערט ניט פֿול; צו דעם אָרט וווּהין די טײַכן גייען, אַהין גייען זיי ווידער.

כל הנחלים — אַלע טײַכן. נחל איז אייגנטלעך נישט קיין טײַך, נאָר קלענער פֿון אַ טײַך. יהואָש אַליין זעצט אָפּט איבער נחל — באַך (זען דברים ח, 7; ישעיה יא, 15 א״אַ). אָבער דאָ האָבן גרעץ, סמיט, מאַרגאָליס און יהואָש איבערגעזעצט נחל — טײַך, ווײַל פֿון צוזאַמענהאַנג זעט מען, אַז עס רעדט זיך וועגן טײַכן, ווײַל נאָר וועגן טײַכן קאָן מען זאָגן אַז זיי גייען צום ים. טאָרטשינער און גראָס האָבן דאָ איבערגעזעצט וואָרט בײַ וואָרט: נחל — באַך. זען געזעניוס־ב., נחל, II, ז׳ 496.

8. כל הדברים יגעים לא־יוכל איש לדבר לא־תשבע עין לראות ולא־תמלא אזן משמע.

אַלע ווערטער ווערן מיד, קיין מענטש קען עס נישט אַרויסרעדן; דאָס אויג קען זיך נישט אָנקוקן זאַט, און דאָס אויער קען זיך נישט אָנהערן פֿול.

כל־הדברים — אַלע ווערטער. דבר האָט אין העברעיִש צוויי באַטײַטן: זאַך און וואָרט. צוליב דעם דער אונטערשייד אין די איבערזעצונגען פֿון כל־הדברים. תרגום השבֿעים: logoi; די וווּלגאַטאַ: Cunctae res; לוטער: Alle Dinge; קינג דזשיימס: All things; גרעץ: Alle Dinge. אַזוי אויך בודע. מאַרגאָליס זעצט איבער: All things; טאָרטשינער: Alle Reden; גאָרדיס: All things. פּ״גל באַרטאָן.[249]

אַלע איבערזעצונגען זעען אין וואָרט ׳יגעים׳ דעם באַטײַט: מיד ווערן. מאַרגאָליס זעצט אָבער איבער: toil to weariness, ד״ה מיד מאַכן. אַזוי טײַטשט אויך אבן ג׳נאח: כלומר שהם דברים מיגעים.[250] צונץ זעצט צוליב דעם טאַקע איבער: all die treibenden Dinge, פּונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען: כל הדברים המיגעים.

אין דער אײַנטיילונג פֿון פּסוק איז יהואָש נאָכגעגאַנגען נאָך דער מסורה וואָס האָט אַן אתנחתּא אונטער לדבר. גראָס גייט נאָך מאַרגאָליסן און זעצט איבער:

[248] Wilhelm Bacher, *Aus der Schrifterklärung des Abulwalid Merwan Ibn Ganah,* Leipzig, 1889, p. 109.

[249] *A Critical and Exegetical Commentary of the Book of Ecclesiastes,* by George Aaron Barton (The International Critical Commentary), 74.

[250] ספר הרקמה, רפב, 13; שכח, 1.

כל־הדברים — אַלע זאַכן, און צוליב דעם שטעלט ער אַ פּונקט־קאָמע נאָך יגעים און פֿאַרבינדט 'לא יוכל איש לדבר' מיט דער צווייטער העלפֿט פּסוק.

9. מה־שהיה הוא שיהיה ומה־שנעשה הוא שיעשה ואין כל־חדש תחת השמש.

וואָס איז געווען דאָס וועט זײַן, און וואָס איז געשען דאָס וועט געשען, און ניטאָ קיין נײַס אונטער דער זון.

כדי צו פֿאַרגלײַכן לוינט זיך דאָ צו ציטירן די וואָרט בײַ וואָרט־איבערזעצונג פֿון גראָסן: וואָס עס איז געווען איז דאָס וואָס סע וועט זײַן, און וואָס עס איז געטון געוואָרן איז דאָס וואָס סע וועט געטון ווערן; און עס איז גאָרנישט נישט נײַ אונטער דער זון. ס'איז דאָ שטאַרק קאַנטיק בובערס השפּעה.

10. יש דבר שיאמר ראה־זה חדש הוא כבר היה לעלמים אשר היה מלפננו.

פֿאַראַן אַ זאַך וואָס מע זאָגט דערויף: זע, דאָס איז אַ נײַס; איז עס שוין געווען אין אַלטע צײַטן וואָס זײַנען געווען פֿאַר אונדז.

יש דבר שיאמר — פֿאַראַן אַ זאַך וואָס מע זאָגט דערויף. אַזוי זעצן איבער אַלע. דער תּרגום השבֿעים, די ווולגאַטאַ און די פּשיטא האָבן דאָ געלייענט: יש שידבר ויאמר. זען באַרטאָן, 75.

אשר היה מלפננו — וואָס זײַנען געווען פֿאַר אונדז. אַ סך האַנטשריפֿטן לייענען דאָ: אשר היו מלפננו. זען קיטעל־קאַהלע.[251]

11. אין זכרון לראשנים וגם לאחרנים שיהיו לא־יהיה להם זכרון עם שיהיו לאחרנה.

ניטאָ קיין זכר פֿון די פֿריִערדיקע, און פֿון די שפּעטערדיקע וואָס וועלן ערשט זײַן, אויך פֿון זיי וועט קיין זכר ניט זײַן צווישן די וואָס וועלן זײַן נאָך שפּעטער.

די חדר־איבערזעצונג פֿון 'עם שיהיו לאחרנה' איז געווען כאָטש (אָדער הגם) זיי וועלן זײַן צו לעצט. פֿ"גל נחמיה ה, 18. די איבערזעצונג: עם — בײַ, צווישן, איז די אָנגענומענע פֿון אַלע מפֿרשים און איבערזעצערס. זען בראשית כג, 4; שמואל ב, יג, 23; תּהלים קכ, 5 א"אַ. פֿ"גל אויך געזעניוס־ב., עם, ז' 596.

12. אני קהלת הייתי מלך על־ישראל בירושלם.

איך קהלת בין געווען אַ מלך איבער ישׂראל אין ירושלים.

דער פּסוק איז זייער אַ לײַכטער, דאָך ווערט ער פֿאַרשיידן איבערגעזעצט. גרעץ למשל זעצט איבער: Ich Kohelet bin König über Israel in Jerusalem *geworden*, לויט גרעצן וויל קהלת זאָגן אַז ער איז נאָך איצט אויך מלך איבער ישׂראל אין ירושלים. ווײַל היה האָט אויך דעם באַטײַט פֿון ווערן.[252]

---

[251] די קאָרעקטור אין העברעיִשן טעקסט איז לאַוו דווקא אַ מוז. עס איז מעגלעך אַז לכתּחילה איז געווען 'היה', צוליב דער אַנאַלאָגיע צו היה אין זאַץ 'כבר היה לעולמים'. זען אויבן ז' 72.

[252] זען גרעץ, 56, הערה, דאָרט. זען אויך געזעניוס־ב. היה, ז' 178.

13. ונתתי את־לבי לדרוש ולתור בחכמה על כל־אשר נעשה תחת השמים הוא ענין רע נתן אלהים לבני האדם לענות בו.

און איך האָב אָפּגעגעבן מײַן האַרץ צו זוכן און צו פֿאָרשן מיט חכמה וועגן אַלץ וואָס געשעט אונטער די הימלען. דאָס איז אַ שלעכטער ענין וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשנקינדער זיך צו פֿאַרנעמען דערמיט.

לענות בו — זיך צו פֿאַרנעמען דערמיט. אַזוי טײַטשן די מיטל־עלטערישע מפֿרשים[253] און אַזוי זעצן איבער אויך די אַלטע ווערסיעס, קינג דזשיימס, מאַר־גאָליס, סמיט און טאָרטשינער. לוטער, גרעץ, בודע א״אַ זעצן איבער: זיך צו פּלאָגן אָדער מאַטערן. ענה האָט אין העברעיִש אַ סך באַטײַטן און איינער פֿון זיי איז אויך צו פּײַניקן. זען אבן עזרא צום פסוק: ויש אומרים שהוא מלשון עינוי. דער נוסח פֿון די בבֿלישע ייִדן אין דעם פסוק איז געווען לענות אין פיעל וואָס האָט נאָר איין באַטײַט און דאָס איז פּײַניקן.[254]

14. ראיתי את כל־המעשים שנעשו תחת השמש והנה הכל הבל ורעות רוח.

איך האָב געזען אַלע טועכישן וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון, ערשט אַלץ איז נישטיקייט און ווינטיאָגעניש.

רעות רוח — ווינטיאָגעניש. די דאָזיקע איבערזעצונג איז זיך סומך אויף הושע יב, 2, ווו עס שטייט: אפרים רעה רוח ורדף קדים און רעה איז דאָרט אַ סינאָנים צו רדף. אבן ג׳נאח זעט אין רעות רוח דעם זעלבן באַטײַט ווי אין רעיון רוח, הײַנו: אַ פּוסטער געדאַנק.[255] די פשיטא זעצט איבער רעות רוח — טורפא דרוחא, דער תּרגום: תבירות רוחא, די וווּלגאַטאַ afflictio spiritus. ענלעך זעצט איבער רשי: שבר רוח. קינג דזשיימס גייט נאָך רשין און זעצט איבער: vexation of spirit. בודע זעצט איבער: Weiden des Windes. טאָרטשינער: Hüten von Wind. פֿ״גל גרעץ, 198 און געזעניוס־ב., III, רעה, 766. זען ווײַטער פסוק 17.

15. מעות לא־יוכל לתקן וחסרון לא־יוכל להמנות.

אַ קרומקייט וואָס מע קען ניט אויסגלײַכן, און אַ פֿעלער וואָס קען ניט גוט געמאַכט ווערן.

מעות לא־יוכל לתקן — אַ קרומקייט וואָס מע קען ניט אויסגלײַכן. יהואָש לאָזט דעם טעקסט אַזוי ווי ער איז,[256] בעת די אַנדערע איבערזעצערס פֿאַרבעסערן די וואָקאַליזאַציע פֿון וואָרט ׳לתקן׳ און זיי לייענען: להתקן[257] [אין נפֿעל].

לא יוכל להמנות — קאָן ניט גוט געמאַכט ווערן. יהואָש לייענט: להמלאות. פֿ״גל חגיגה ט. ע״ב: האי להמנות להמלאות מבעי ליה. גרעץ און קיטעל־קאַהלע

[253] רשי: לענות להתנהג בו; אבן עזרא: ופירוש לענות בו מעניין.
[254] זען געזעניוס־ב., III, ענה, ד׳ 604.
[255] זען אבן ג׳נאח, ספר השרשים, 482; פֿ״גל אבן עזרא צום פסוק.
[256] מעגלעך אַז די וואָקאַליזאַציע לתקון איז אַרויסגערופֿן דורך דער אַנאַלאָגיע פֿון חסרון. זען אויבן ד׳ 72.
[257] זען כהנא און קיטעל־קאַהלע.

זעצן איבער: ergänzt werden. אַלע אַנדערע איבערזעצונגען זײַנען וואָרט בײַ וואָרט: קינג דזשיימס: be numbered. ענלעך אויך סמיט און מאַרגאָליס. אויך גראַס זעצט איבער: געציילט ווערן.

16. דברתי אני עם־לבי לאמר אני הנה הגדלתי והוספתי חכמה על כל־אשר־היה לפני על־ירושלם ולבי ראה הרבה חכמה ודעת.

איך האָב געטענהט מיט מײַן האַרצן אַזוי צו זאָגן: אָט האָב איך געהאַט חכמה גרעסער און מער איידער אַלע וואָס זײַנען געווען פֿאַר מיר אין ירושלים, און מײַן האַרץ האָט געזען פֿיל חכמה און קענטשאַפֿט.

הגדלתי והוספתי חכמה — אָט האָב איך געהאַט חכמה גרעסער און מער. ווי מען זעט, גייט יהואָש נאָך דער מסורה, וואָס שטעלט אונטער הגדלתי אַ מהפך און פֿאַרבינדט דאָס וואָרט מיט חכמה. אַזוי זעצן אויך איבער: לוטער, קינג דזשיימס, מאַרגאָליס און טאָרטשינער. גרעץ און סמיט רעכענען זיך דאָ נישט מיט דער מסורה. גרעץ זעצט איבער: Ich bin doch grösser geworden. סמיט לייענט גדלתי און זעצט איבער: I am great. גראַס: זע, איך האָב מיך געגרייסט. פֿ״גל מיט זײַן איבערזעצונג פֿון איכה א, 9: כי הגדיל אויב.

על ירושלם — אין ירושלים. יהואָש גייט דאָ נאָך די אַלטע איבערזעצונגען און אַ סך האַנטשריפֿטן וואָס לייענען: בירושלים.[258] אַלע אַנדערע זעצן איבער ווערטערלעך: איבער ירושלים. צווישן בירושלים און על ירושלים איז פֿאַראַן אויך אַן אונטערשייד אין אינהאַלט. ׳בירושלים׳ שליסט אײַן אַלע קלוגע מענטשן פֿון ירושלים און ׳על ירושלים׳ איז שייך נאָר צו מלכים וואָס האָבן געקיניגט איבער ירושלים.

17. ואתנה לבי לדעת חכמה ודעת הללות ושכלות ידעתי שגם־זה הוא רעיון רוח.

און איך האָב אָפּגעגעבן מײַן האַרץ צו פֿאַרשטיין חכמה, אויך פֿאַרשטיין משוגעת און נאַרישקייט — בין איך געוואָר געוואָרן אַז דאָס אויך איז ווינט־יאָגעניש.

לדעת חכמה ודעת הללות ושכלות — צו פֿאַרשטיין חכמה, אויך פֿאַרשטיין משוגעת און נאַרישקייט. דאָס איז די אָנגענומענע איבערזעצונג און אַזוי טײַטשן אויך די מיטל־עלטערישע מפֿרשים. אַזוי זעצן אויך איבער: לוטער, מאַרגאָליס און טאָרטשינער. דער תּרגום השבֿעים, די פּשיטאַ, די וווּלגאַטאַ, דער תּרגום באַנעמען ודעת נישט ווי אַן אינפֿיניטיוו פֿון ווערב ׳ידע׳, נאָר ווי אַ סובסטאַנטיוו, ווײַל דעת גייט אַלע מאָל צוזאַמען מיט חכמה. זען סוף פּסוק 16.

רעיון רוח — ווינטיאָגעניש, אַזוי ווי רעות רוח אין פּסוק 14. אַזוי באַנעמען עס אויך די אַלטע איבערזעצונגען און די מיטל־עלטערישע מפֿרשים. זען דעם רד״ק, ספר השרשים, 356. אבן ג׳נאח און אבן עזרא פֿאַרטײַטשן רעיון

[258] זען קיטעל־קאַהלע.

רוח: געדאַנק. אבן ג׳נאח שרײַבט:... וענין הכל [הײַנו: רעיון לב און רעות רוח] המחשבה והעיון וההרהור,[259] און אבן עזרא שרײַבט: רעיון רוח רעיון הבל.

18. כי ברב חכמה רב־כעס ויוסיף דעת יוסיף מכאוב.

וואָרעם אין פֿיל חכמה איז פֿיל פֿאַרדראָס, און מערט מען קענטשאַפֿט, מערט מען ווייטאָג.

ויוסיף דעת יוסיף מכאוב — און מערט מען... יהואָש זעצט איבער יוסיף (דריטע פּערזאָן איינצאָל אָן אַ סוביעקט) מיט דעם אומפּערזענלעכן פּראָנאָם מען. אַנדערע זעצן איבער מיט אַ רעלאַטיוון פּראָנאָם: ווער עס מערט וויסן מערט ווייטאָג.[260] זלאָטניק פּאַראַפֿראַזירט דעם פּסוק זייער גראָטן: מער פֿאַרשטאַנד — מער ערגערניש, מער וויסן — מער קרענקעניש.

קורצער סך־הכּל

מיר האָבן געפּרוּווט צו אַנאַליזירן נאָר אַ קליינעם טייל פֿון יהואָשעס תּנך־איבערזעצונג, בסך־הכּל פֿינף פּרקים, און דאָס נאָר פֿון די פּאָעטישע און די דידאַקטישע טיילן פֿון תּנך. מיר האָבן נישט צוגעצויגן צום פֿאַרגלײַך נישט די דערציילערישע טיילן און נישט די אַרכעאָלאָגישע טיילן פֿון תּנך, ספּעציעל פֿון חומש, ווו יהואָש האָט צום ערשטן מאָל געמוזט שאַפֿן אַ מאָסע נײַע ווערטער פֿאַר אַ סך אויסדרוקן.

די פֿינף אַנאַליזירטע פּרקים האָבן אונדז געוויזן ווי קאָמפּליצירט און שווער יהואָשעס אויפֿגאַבע איז געווען. מיר האָבן געזען ווי כּמעט יעדער זאַץ אָדער כּמעט יעדעס וואָרט ווערט געטײַטשט פֿון פֿאַרשיידענע איבערזעצערס. מיר באַ־גרײַפֿן פֿאַר וואָס יהואָש איז געזעסן „שבֿעה נקיים" איבער יעדן אויסדרוק, איבער יעדן זאַץ וואָס ער האָט געהאַט איבערצוזעצן. מען מוז יעדער מאָל פֿרעגן, פֿאַר וואָס האָט יהואָש אַזוי איבערגעזעצט און נישט אַנדערש. עס איז אַלע מאָל דאָ אַ טיפֿער גרונט דערפֿאַר.

פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט תּמיד מוז מען מסכּים זײַן מיט יהואָשעס טײַטשן. דער תּנך, ווי יעדער אַלטער טעקסט, פֿאַרמאָגט אויסדרוקן, וואָס זייער באַטײַט איז פֿאַרלוירן געגאַנגען. סעמיטישע פֿילאָלאָגן באַמִיען זיך דורך פֿאַרגלײַכן מיט אַנדערע שפּראַכן אַרויסצוקריגן די באַטײַטן. נישט שטענדיק זײַנען די פֿילאָלאָגן אייניק. חוץ דעם מוז מען דאָך צוגעבן, ווי קאָנסערוואַטיוו און ווי סקעפּטיש מען זאָל נישט זײַן לגבי טעקסטקריטישע השערות, אַז דער תּנכישער טעקסט איז במשך פֿון יאָרטויזנטער אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרדאָרבן געוואָרן דורך קאָפּיסטן. אויף דעם זאָגן עדות די גרויסע צאָל וואַריאַנטן צום מסורה־טעקסט פֿון תּנך, וואָס געפֿינען זיך אין די אַלטע ווערסיעס און אויך אין ש״ס און אין מדרש,[261] און צוליב דעם האָבן זיך מיטל־עלטערישע מפֿרשים דערלויבט צו מאַכן

---

[259] ספר השרשים, 482.

[260] אַזוי דער תּרגום: ודמוסיף מנדעה... מוסיף כאב. און די וואָלגאַטאַ: et qui addit scientiam addit et laborem.

פֿ״גל אויך געזעניוס־ק.־ק., 3, 144, ז׳ 460. זען אויך דאָרטן, 107, ז׳ 315.

[261] דער תּנך־פֿאָרשער משה סיסטער שרײַבט: יש להניח שכתבי־היד התנכיים עשירים בשבושים, אשר הוכנסו ע״י המעתיקים בלא יודעים ובלי כונה במשך מאות בשנים של העתקה מכתב יד לכתב יד... אל לנו לזלזל בתיקונים משוערים. יש להתיחס בדרך ארץ

טעקסטקריטישע עמענדאַציעס. אַפילו אַזאַ קאָנסערוואַטיווער פאָרשער ווי שד״ל, וואָס ער האָט דאָך געגלייבט אין תּורה מן השמים האָט געהאַלטן אַז „אַן אַבסאָלוט בלײַבן ריין פון יעדן פעלער און פון יעדער קאָרומפּירונג איז במשך פון די דורות, וואָס אונדזערע ספרים האָבן דורכגעמאַכט, נישט געווען מעגלעך. מיר זעען דאָך נאָך הײַנט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין איינציק בוך וואָס זאָל זײַן ריין פון דרוקפעלערן. אַזוי איז עס אויך געווען אין דער אַלטער צײַט, בעת עס האָבן עקסיסטירט נאָר האַנטשריפטן״.[262]

דער תּנך לאָזט צוליב דעם איבער אַ סך מעגלעכקייטן פאַר אויסטײַטשערס און איבערזעצערס. אויך די מיטל־עלטערישע מפרשים זײַנען נישט אייניק געווען אין זייערע פירושים אויפן תּנך.

דער אַנאַליז האָט דערוויזן אַז יהואָש האָט באַנוצט די אַלטע איבערזעצונגען פון תּנך: דעם תּרגום השבֿעים, די וולגאַטאַ און די פּשיטאַ, שוין אָפּגערעדט פון די אַראַמישע תּרגומים. ער האָט אויך אַרײַנגעצויגן דעם שומרונישן נוסח פון חומש. יהואָש איז ספּעציעל געפאָרן קיין ארץ־ישׂראל בכדי זיך צו באַקענען מיט דער דאָרטיקער לאַנדשאַפט און צו לערנען די מינהגים פון די אַראַבער און די אַראַבישע שפּראַך. יהואָש האָט באַנוצט די אַראַבישע איבערזעצונג פון תּנך פון סעדיה גאָון. מיר געפינען זייער אָפט אַראַבישע ווערטער אין זײַנע הערות צו דער איבערזעצונג. ער האָט אויך באַנוצט די ווערק פון אַלע וויכטיקסטע מיטל־עלטערישע מפרשים און גראַמאַטיקערס.

ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט די ווערק פון די מאָדערנע תּנך־וויסנשאַפטלערס הן ייִדישע און הן נישט־ייִדישע. גאַנץ אָפט ציטירט ער אין זײַנע הערות לוצאַטאָן און אויך דעם ראַדיקאַלן ייִדישן טעקסטקריטיקער אַרנאָלד ערליך. זייער אַ סך האָט ער געשעפּט פון דעם פירוש מדעי פון אַבֿרהם כּהנא. פון די נישט־ייִדישע קאָמענטאַרן האָט יהואָש באַנוצט די צוויי דײַטשע זאַמלונגען פון האַנט־קאָמענטאַרן צום תּנך פון וו. נאָוואַק און ק. מאַרטי.[263]

יהואָש האָט זיך אָבער אין ים פון קאָמענטאַרן און איבערזעצונגען נישט פאַרלוירן. בדרך כּלל קאָן מען זאָגן, אַז זײַן איבערזעצונג איז אַ קאָנסערוואַטיווע: ער האַלט זיך בײַ דעם טעקסט פון דער מסורה. ווען ער גייט נאָך טעקסטקריטישע פאַרבעסערונגען איז עס באַזירט אויף אַלטע איבערזעצונגען און ס׳רובֿ שוין אַקצעפּטירט פון אַנדערע אויטאָריטאַטיווע געלערנטע.[264] עס איז גענוג צו פאַרגלײַכן יהואָשעס איבערזעצונג פון די קאַפּיטלעך תּהלים, שיר

לפרי־חקירה בשטח הטקסט התנכי ולקבל או לדחות מתוך העמקה ובדיקה זהירה הצעות תיקונים שונים (משה סיסטר, מבעיות הספרות התנכית, הוצאת המרכז לחינוך, תל־אביב, תשז, 4, 7);

Robert Pfeiffer, *Introduction to the Old Testament,* 74 ff, 84 ff; V. Aptowitzer, *Das Schriftwort in der rabbinischen Literatur;* S. Zeitlin, in: *Jewish Quarterly Review,* N. S. v. XLI (1950), 22 ff.

[262] „אפס גם זאת, הנקיון הגמור מכל משחת ומום קל בעוצם הדורות אשר חלפו על ספרינו היה מן הנמנעות, וכמו שאנו רואים גם היום כי אין גם אחת מן המקראות אשר בדפוס אשר תהיה נקיה משגיאות קלות כן קרה הדבר גם בימי קדם בספרים כתב יד״.

[263] זען לעקסיקאָן פון מפרשים און פירושים פון ד״ר מרדכי קאָסאָווער אין יהואָשעס הערות צום תּנך, ניו־יאָרק, תּשי. קאָסאָווער האָט נאָר אויסגערעכנט די מפרשים וואָס יהואָש דערמאָנט מיטן נאָמען אין זײַנע הערות. דאָס איז אָבער נאָר אַ קליינער טייל פון די מקורים וואָס יהואָש האָט באַנוצט.

[264] עס לוינט זיך דאָ צו דערמאָנען שד״לס אײַנשטעלונג צו טעקסטקריטיק, וואָס מוז קלינ־

השירים און קהלת, וואָס מיר האָבן אַנאַליזירט, מיט גרעצס איבערזעצונג פֿון די דאָזיקע פּרקים בכדי צו זען ווי ווײַט יהואָש איז געבליבן געטרײַ דער מסורה.

אויך אין די טײַטשן איז יהואָש געבליבן קאָנסערוואַטיוו. אָבער נישט תּמיד האָט ער געקאָנט נאָכגיין דעם טראַדיציאָנעלן טײַטש. ער האָט זיך געמוזט רעכענען מיט די דערגרייכונגען פֿון דער סעמיטישער פֿילאָלאָגיע און דער תּנך־וויסנשאַפֿט. צוליב דעם קלינגען אַ מאָל יהואָשעס טײַטשן פֿרעמד פֿאַר די וואָס זײַנען געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אויף די טראַדיציאָנעלע טײַטשונגען פֿון תּנך, דאָס הייסט אויף רשי צום חומש און אויף די מצודות צו די אַנדערע ספֿרים.

יהואָש איז קיינעם נישט נאָכגעגאַנגען בלינד. ער האָט טאַקע באַנוצט אַ סך אַנדערע פּירושים און איבערזעצונגען, דער עיקר מאַרגאָליסן, אָבער נאָך אַ לאַנגן יִשובֿ הדעת און נאָכפֿאָרשן האָט ער זיך אַלע מאָל דערשלאָגן פֿאַר וואָס יענער זעצט איבער אַזוי און נישט אַנדערש.

יהואָש האָט געפֿירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט גרויסע געלערנטע און האָט זיך מיט זיי שואל עצה געווען וועגן פֿאַרשיידענע פֿראַגעס וואָס ער האָט נישט געקאָנט אַליין פֿאַרענטפֿערן.[265]

יהואָשעס איבערזעצונג פֿאַרדינט אַ בכּבֿודיקן אָרט אין דער יִדישער ליטעראַטור. זי איז די ערשטע וויסנשאַפֿטלעכע תּנך־איבערזעצונג אויף יִדיש און זי קאָן פֿאַרנעמען אַן אָרט צווישן די בעסטע תּנך־איבערזעצונגען אין דער וועלט בכלל.

גען ווי אַ וואָרענונג צו יעדער איינעם וואָס פֿאַרנעמט זיך דערמיט. אין אַ בריוו שרײַבט שד״ל: „... ואנחנו בני ישראל מה נעשה בגלוי פירושים כאלה המחליפים הקריאה?... שתי שמירות נשמור בזה. אחת, נשמור נפשינו מאד לבלתי הרוס לפרוץ חומת הקריאה הנושנה בלא הכרח עצום... ואף לא אחרי בקשת הסיוע בשאר לשונות הקדם ארמית וערבית. והשנית נשמור נפשינו מאד מהחליף הנוסח הנושן אם גם החדש לא יעצור כח להאיר מחשכי הכתוב ולהוציאו מאפלה לאור גדול״. — אין אַ בריוו צו יהושע העשל שור, דעם אַרויסגעבער פֿון החלוץ שרײַבט שד״ל אין דער דאָזיקער פֿראַגע: „ודרך כלל אזהירך ידידי לבלתי תמהר לשלח יד בהגהת הכתובים כי הוא ענין הצריך ידיעה רחבה ועמוקה בדרכי הלשון. ואף מי שקנה לו ביגיעת שנים הרבה הידיעה הזאת (ולא רבים יחכמו) צריך שיחקור חקירה אחרי חקירה אם באמת אין הכתוב מתישב יפה בלא תקון, ואם באמת התקון העולה על דעתו יועיל להבנת הכתוב ולשומו נאות ומתוקן יותר מבתחלה״ (זען כרם חמד, מחברת שלישית, 1838, ז׳ 227; אגרות שד״ל, ז׳ 368).

[265] זען למשל זײַן בריוו צו ד״ר חיים העלער, פֿון 12טן יאַנואַר 1922: „ליבער רבי העלער: ... אפֿשר וועט איַער בקיאות אַרויסהעלפֿן. מיר ווילט זיך זייער — ווי עס פּאַסט זיך לויטן צוזאַמענהאַנג — איבערזעצן: כי אם להלחם בו התחפש (דברי הימים ב, לה, 22) ׳נאָר ער האָט געזוכט מלחמה צו האַלטן מיט אים׳. פֿאַרשטעלן, ווי מען טײַטשט געוויינטלעך אויס, פּאַסט זיך קוים אין טעקסט. האָט איר אפֿשר אַ שטיקל אַסמכתּא פֿאַר מײַן אויסטײַטש? (אין נ. ב. מינקאָווס באַדן, באַנד 3, נומ׳ 3—4 (1936—1937).

זען אויך ד. פּרסקי, „כדבר איש אל רעהו״, (הדאר, תּרצז, גליון ח, יא בטבת): יהואָש צלצל אל ביאליק ושאל אותו כי יבאר לו תומ״י מה פירוש הפסוק: הלא אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ (בראשית ד, 7).

ייִדן אין די פּאָליציייִשע באַריכטן פון לאָס־אַנדזשעלעס, 1947—1933

פון ניסן גאָלדבערג

ייִדן אין לאָס־אַנדזשעלעס ווערן פּראָפּאָרציאָנעל ווינציקער אַרעסטירט פון פּאָליציי איידער די באַפעלקערונג אין אַלגעמיין. וואָס עס זאָל ניט זײַן די סיבה דערפון ווייסן מיר, אַז סײַ אַמעריקאַנער ייִדן סײַ ייִדן בכלל האָבן אַ נידעריקערע ראַטע פון פאַרברעכערישקייט איידער אַנדערע.[1] היות דער סאָציאַלער אויפפיר פון ייִדן אין לאָס־אַנדזשעלעס איז אין דעם פרט זייער נאָענט צום אויפפיר פון אַנדערע ייִדן קען גרײַלעך געמאָלט זײַן אַז די אויספירן פון אונדזער איצטיקן אַנאַליז פון די פּאָליצייִשע באַריכטן זאָלן חל זײַן אין אַ געוויסער מאָס אויף ייִדן אין אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט אויך.

---

[1] זען ל. הערש, פאַרברעכערישקייט פון ייִדן און ניט־ייִדן אין פּוילן, ווילנע 1937, 49 זז'; ל. הערש, „ייִדישע און ניט־ייִדישע פאַרברעכערישקייט אין פּוילן, 1932—1937," ייִוואָ־בלעטער, ב' XX, נומ' 2, זז' 181—198.

Aschaffenburg, Gustav, *Crime and Its Repression,* p. 52-54; Bonger, Willem A., *Race and Crime;* Goldberg, N., "The Law-Abiding American Jew," in *National Jewish Monthly* (July-August, 1945) 322-23, 333; Hersh, Liebman, "Jewish and Non-Jewish Criminality in Poland, 1932-1937," in *Yivo Annual of Jewish Social Science,* vol. i (1946) 178-94; Levinger, Lee J., "A Note on Jewish Prisoners in Ohio," in *Jewish Social Studies,* vol. ii (1940) 209-12; Linfield, Harry S., "Jewish Inmates of the State Prisons of the United States," in *American Jewish Year Book,* vol. xxxiii, p. 203-204; Maller, Julius, "The Maladjusted Jewish Child," in *Jewish Social Service Quarterly,* vol. ix, 285-295; Rosenberg, Louis, *Canada's Jews,* ch. 30; Wassermann, Rudolf, *Beruf, Konfession und Verbrechen.*

פאַראַן אַ פאָרשונג וואָס קומט צום אויספיר, אַז אין יאָר 1938 האָבן די לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדן געהאַט אַ ביסל אַ העכערע פאַרברעכערישקייט־ראַטע איידער ניט־ייִדן. די פאָרשערס ווייסן אָבער ניט אָן, ווי אַזוי זיי זײַנען געקומען צו זייערע אויספירן. אַ פנים אַז זיי האָבן ניט דערשאַצט די צאָל ייִדן אין קרײַז (קאַונטי) לאָס־אַנדזשעלעס, אָדער אפשר זײַנען דאָרטן פאַראַן אַנדערע טעותים. זען:

Lemert, Edwin M., and Rosberg, Judy, "The Administration of Justice to Minority Groups in Los Angeles County," in *University of California Publications in Culture and Society,* vol. ii, no. 1, p. 4.

1

די איצטיקע אויספֿאָרשונג נעמט אַרום דעם פּעריאָד פֿון 1טן יולי 1933 ביזן 31סטן דעצעמבער 1947, אַ משך פֿון 14 און אַ האַלב יאָר. פֿאַר די אַלע יאָרן געפֿינען מיר אין די יערלעכע באַריכטן פֿונעם פּאָליציי־דעפּאַרטעמענט פֿון דער שטאָט לאָס־אַנדזשעלעס ידיעות וועגן דער עטנישער צוגעהעריקייט פֿון די אַרעסטירטע דערוואַקסענע (18 יאָר און העכער); דער טעכנישער טערמין איז אָפּשטאַם.[2] די דאָזיקע „אָפּשטאַם"־טאַבעלעס רעכענען אויס 47 עטנישע גרונטגרופּעס: אויב טאַטע־מאַמע זײַנען פֿון פֿאַרשיידענע גרופּעס איז דאָס אויך פֿאַרצייכנט. הייסט עס אַרעסטירטע פֿון ייִדישן אָפּשטאַם זײַנען קלאַסירט אונטערן קעפּל ייִדן,[3] אין דער צײַט וואָס מענטשן פֿון געמישטן אָפּשטאַם זײַנען באַצייכנט: פּויליש און ייִדיש, דײַטש און ייִדיש אאַז"וו. יעדערע פֿון די דאָזיקע גרונט־גרופּעס און געמישטע גרופּעס איז נאָך צעטיילט אויף אימיגראַנטן און הי־געבוירענע, און יעדערע פֿון די אונטערגרופּעס איז ווידער קלאַסירט לויט געשלעכט. וועגן זייער עלטער, בילדונג אָדער באַשעפֿטיקונג איז קיין אינפֿאָרמאַציע ניטאָ. בכן געפֿינען מיר אין די באַריכטן די ווײַטערדיקע ידיעות וועגן ייִדישע אַרעסטירטע: די צאָל הי־געבוירענע און פֿרעמד־געבוירענע ייִדן פֿון 18 יאָר און עלטער, וואָס זײַנען פֿאַרהאַלטן געוואָרן אונטער איטלעכער פֿון די אויסגערעכנטע באַשולדיקונגען, צעטיילט לויטן געשלעכט, פֿאַר דער צײַט פֿון 1טן יולי 1933 ביזן 31סטן דעצעמבער 1947. אין די אַנדערע יערלעכע באַריכטן איז אַזאַ עטנישע קלאַסיפֿיקאַציע ניטאָ. פֿאַר די יוגנטלעכע הפֿקרניקעס (דעלינקווענטן) איז פֿאַראַן אַן עטנישע קלאַסיפֿיקאַציע פֿאַר די יאָרן 1941—1947.

מען דאַרף פֿאַרשטיין אַז די טאַבעלעס וואָס מיר ריידן אַרום ווײַזן די צאָל אַרעסטירטע פּערזאָנען, ניט די צאָל געזעץ־ברעכונגען וואָס זײַנען באַוווּסט דער פּאָליציי און וואָס זײַנען פֿאַרצייכנט אין די אייַנהייטלעכע פֿאַרברעך־באַריכטן פֿונעם פֿעדעראַלן אויספֿאָרש־ביוראָ.[4] בדרך כּלל איז די צאָל געזעץ־ברעכונגען וואָס זײַנען דערגאַנגען צו דער פּאָליציי גרעסער איידער די צאָל אַרעסטן. אָט ווייסן מיר וועגן לאָס־אַנדזשעלעס, אַז אין דעם פּעריאָד וואָס מיר נעמען אַרום זײַנען פֿאַרצייכנט געוואָרן 7,195,798 געזעץ־ברעכונגען, אַרײַנרעכענענדיק פֿאַרשולדיקונגען קעגן די פֿאַרקער־תּקנות, אָבער אַרעסטן זײַנען געמאַכט געוואָרן מער ניט ווי 1,340,954, אין 18.6% פֿון אַלע פֿאַלן. פֿאַרקערט ווידער אין די צאָל אַרעסטירטע גרעסער איידער די צאָל פֿון יענע קעגן וועמען עס ווערט פּאַקטיש פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס; און געוויינטלעך ווערן ניט אַלע וואָס קומען אין געריכט אַרײַן אײַנגעפֿונען פֿאַר שולדיק. די איצטיקע שטודיע, לאָמיר דאָס איבערחזרן נאָך אַ מאָל, איז געבויט אויף די טאַבעלעס פֿון אַרעסטן און האָט צו טאָן מיט געזעץ־ברעכונגען פֿאַר וועלכע עס קומט אַרעסט און ווו מען האָט געכאַפּט די בעלי־דבֿר, ניט מיט די פֿאַרמישפּטע.

---

[2] descent.

[3] Jewish.

[4] Federal Bureau of Investigation, *Uniform Crime Reports*.

לויט ווי די באַריכטן זאָגן, ווערן די אַרעסט־טאַבעלעס „צונויפֿגעשטעלט אויפֿן סמך פֿון די אַרעסטירטע פּערזאָנען און ניט לויט דער צאָל געזעץ־ברע־כונגען, אין וועלכע מען באַשולדיקט אַ יחיד.״ אויב מען פֿאַרהאַלט עמעצן און מען וואַרפֿט אים אויף מער ווי איין עוולה, ווערט ער אַרײַנגענומען אין דער טאַבעלע אויפֿן סמך פֿון דער סאַמע ערנצטער באַשולדיקונג.

2

די פּראָפּאָרציע ייִדן צווישן די אַרעסטירטע דורך דער לאָס־אַנדזשעלעסער פּאָליציי איז אַ גאַנץ קליינע; זי איז קלענער איידער די אַרעסט־ראַטע אויף וועל־כער מיר ריכטן זיך. די אַלגעמיינע סבֿרא איז, אַז אויב אַלצדינג איז „נאָרמאַל״, דאַרף די פּראָצענטיקע פֿונאַנדערטיילונג לויטן עטנישן אָפּשטאַם, ראַסע, רעליגיע, אויסבילדונג, באַשעפֿטיקונג, סאָציאַל־עקאָנאָמישן מעמד, געבוירנשאָפֿט, עלטער און געשלעכט פֿון די אַרעסטירטע אין אַ געוויסער שטאָט זײַן פּיל־ווינציק די זעלביקע ווי אין דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג אין אַלגעמיין. אָט דאָס רופֿן מיר בײַ אַ גרופּע די טעאָרעטישע אַרעסט־ראַטע, די ראַטע אויף וועלכער מען ריכט זיך. יעטווידער אָפּנייג פֿון דער דאָזיקער נאָרמע בײַ וועלכער עס איז גרופּע מיינט, אַז זי האָט אָדער אַ העכערע אָדער אַ נידעריקערע אַרעסט־ראַטע איידער די באַפֿעלקערונג אין אַלגעמיין. אַנטקעגן דער טעאָרעטישער אַרעסט־ראַטע שטייט הייסט עס די פּאַקטישע אַרעסט־ראַטע פֿון אַ גרופּע, אויסגערעכנט אויפֿן סמך פֿון די פּאָליציייִשע באַריכטן. איז ווען עס גייט וועגן די לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדן איז זייער פּאַקטישע אַרעסט־ראַטע מערניט אַ קליינער חלק פֿון דער ראַטע, אויף וועלכער מען וואָלט זיך געמעגט ריכטן.

כּדי אויסצורעכענען אָט די טעאָרעטישע ראַטע דאַרפֿן מיר וויסן וואָס פֿאַר אַ פּראָצענט ייִדן באַטרעפֿן אין דער באַפֿעלקערונג פֿון לאָס־אַנדזשעלעס. מען שאַצט, אַז אין 1932 האָט די שטאָט געהאַט 75,000 ייִדן, 5.8% פֿון דער באַ־פֿעלקערונג אין אַלגעמיין, און אַז אין 1936 זײַנען געווען 80,000 ייִדן, 6.1%. די שאַצונג פֿאַר 1937 רעדט וועגן 6.2% ייִדן אין שטאָט. אין 1939 האָט מען געשאַצט די צאָל ייִדן אויף 100,000 (6.9%) און אין 1941 130,000 (8.4%). אין 1948 איז שוין די געשאַצטע צאָל געווען 225,000 אָדער 11.6% פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג.[5] מיט אַנדערע ווערטער, דער פּראָצענט ייִדן איז

[5] די געזונט־אָפּטיילונג פֿון דער שטאָט לאָס־אַנדזשעלעס פּובליקירט אין אירע יערלעכע באַריכטן שאַצונגען פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג צום 1טן יאַנואַר פֿון איטלעכן יאָר. די געשאַצטע צאָל ייִדן פֿאַר די יאָרן 1932—1941 האָט צונויפֿגענומען ד״ר שמואל ק. קאָהס אין זײַן אַרבעט, „די לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדישע קהילה״, אין *The Jewish Review*, ב׳ II, ז׳ 91.
אין זײַן בריוו פֿון 29סטן סעפּטעמבער 1949 צו ד״ר מאַקס ווײַנרײַך, וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר פֿון ייִוואָ, שרײַבט ה׳ טשאַרלז זיבעל, דירעקטאָר פֿונעם אָפּטייל פֿאַר פֿאָרשונג און פּלאַנירונג בײַם לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדישן קהילה־ראָט, אַז די שאַצונג פֿאַר 1948 איז אַ „קאָנ־סערוואַטיווע און 250,000 איז אפֿשר נעענטער צום אמת.״ ער גיט צו אַז די שאַצונג איז באַזירט אויף „די אינטענסיווע קאָנטאַקטן פֿון אונדזער פּערסאָנאַל אין דער צײַט פֿון אונדזערע געלטזאַמלונגען פֿאַרן וועלפֿערפֿאָנד און אויף דעם אויסערגעוויינטלעך גיכן וווקס פֿון אונדזער

פֿון 5.8% אין 1932 געשטיגן ביז 11.6 אין 1948; די שאַצונגען ווײַזן, אַז אין משך פֿון דעם דאָזיקן פּעריאָד איז זייער צאָל קיין מאָל ניט אַראָפּ נידעריקער ווי 5.8%.

אויב מיר נעמען נאָר די ווײַסע באַפֿעלקערונג וועט דער פּראָצענט ייִדן אויסקומען נאָך גרעסער. אָנגענומען אַז אין 1930 האָט לאָס־אַנדזשעלעס געהאַט בערך 65,000 ייִדן, האָבן זיי באַטראָפֿן בײַ 5.6% פֿון דער גאַנצער ווײַסער באַפֿעלקערונג. דאָס אייגענע אויב עס זײַנען געווען אין 1940 בײַ 115,000 ייִדן האָבן זיי אויסגעמאַכט 8.2%. און אויב עס איז ריכטיק די שאַצונג אַז פֿון 1,654,866 ווײַסע זײַנען אין יאַנואַר 1946 געווען 198,000 ייִדן, האָבן ייִדן הייסט עס באַטראָפֿן 12% פֿון דער ווײַסער באַפֿעלקערונג.[6]

וואָס שייך דער אימיגראַנטישער גרופּע האָבן אין 1930 פֿון די 232,874 פֿרעמד־געבוירענע ווײַסע 19,715 אָנגעגעבן ייִדיש פֿאַר זייער מוטערשפּראַך. הייסט עס, די דאָזיקע גרופּע האָט באַטראָפֿן 8.5% פֿון אַלע ווײַסע אימיגראַנטן. אין 1940 האָט די פֿאָלקסציילונג געוויזן, אַז ייִדיש איז די מוטערשפּראַך פֿון 20,760 פֿון די 215,248 פֿרעמד־געבוירענע ווײַסע, אָדער 9.6%.[7] אַזוי ווי נישט אַלע ייִדישע אימיגראַנטן האָבן דאָך אָנגעגעבן ייִדיש פֿאַר זייער מוטערשפּראַך מעגן מיר רעכענען אויף פֿעסט, אַז דער פּראָצענט ייִדן צווישן די ווײַסע אימיגראַנטן איז פֿאַקטיש געווען גרעסער.

זעען מיר הייסט עס, אַז אין די 40ער יאָרן איז דער פּראָצענט ייִדן אין לאָס־אַנדזשעלעס געווען גרעסער איידער אין די 30ער יאָרן. אין 1932 האָבן זיי באַטראָפֿן אַרום 5.8% פֿון דער באַפֿעלקערונג, אין 1948 — שוין 11.6%.

גרונט־רשימה, . . . מיר האָבן גענומען אונדזער גרונט־רשימה, אָפּגעשאַצט איר פּינקטלעכקייט אויפֿן סמך פֿון ספּעציפֿישע לאָקאַלע מוסטערונגען און זײַנען דערגאַנגען צו אַ צאָל וואָס שטײַגט אַריבער די 225,000." הגם די פֿאַרלאָזלעכקייט פֿון דער דאָזיקער שאַצונג איז ניט באַוווּסט מעגן מיר אָבער אָננעמען אַז דער פּראָצענט ייִדישע באַפֿעלקערונג איז אין משך פֿונעם לעצטן צענדלינג יאָרן געוואַקסן.

[6] U. S. Bureau of the Census, *16th Census, Population,* vol. ii, p. 629; *Special Census of Los Angeles,* January 28, 1946, Series P—SC, No. 186.

די שאַצונגען וועגן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿאַר 1930, 1940 און 1946 זײַנען געבויט אויף די ווײַטערדיקע אינטערפּאָלאַציעס. היות דער באַריכט איז געווען, אַז די צאָל ייִדן איז געוואַקסן פֿון 70,000 אין 1931 ביז 75,000 אין 1932 האָבן מיר משער געווען, אַז אין 1931 זײַנען געווען אין שטאָט בערך מיט 5,000 ייִדן מער איידער מיט אַ יאָר פֿריִער. דאָס אייגענע האָבן מיר געזען, אַז אין די יאָרן 1939—1941 זײַנען צוגעקומען אַרום 30,000; האָבן מיר משער געווען, אַז 50% פֿון דעם דאָזיקן צוּוווּקס גייט אויפֿן יאָר 1939־1940. לסוף שאַצט מען, אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז געוואַקסן פֿון אַרום 130,000 אין 1941 ביז 225,000 אין 1948, אַ צוּוווּקס פֿון 95,000 אין זיבן יאָר צײַט. דירעקטע אינטערפּאָלאַציע גיט די צאָל 198,000 פֿאַרן יאָר 1946. היות ווי דער געשאַצטער צוּוווּקס אין משך פֿון די דאָזיקע יאָרן איז דער עיקר געווען אַ רעזולטאַט פֿון אינעווייניקסטער וואַנדערונג, איז אַ ספֿק צי ס׳איז פֿאַראַן וועלכע ס׳איז לאָגישע באַרעכטיקונג פֿאַר ניצן דעם געאָמעטרישן מיטן און ניט דעם אַריטמעטישן. דער לייענער דאַרף דאָ גוט געדענקען, אַז די דאָזיקע אינטערפּאָלאַציעס זײַנען בערכדיקייטן, באַזירט אויף שאַצונגען.

[7] U. S. Bureau of the Census, *16th Census, Population, Mother Tongue*, p. 34.

אין 1930 זײַנען בלויז 5.6% פֿון דער ווײַסער באַפֿעלקערונג געווען יידן, אין 1946 אַרום 12%. און מיר מעגן אָננעמען, אַז צום ווינציקסטן אַ צענטל פֿון אַלע ווײַסע אימיגראַנטן זײַנען געווען יידן. אויפֿן סמך פֿון די דאָזיקע שאַצונגען וואָלט מען זיך געמעגט ריכטן, אַז דער פּראָצענט יידן צווישן די אַרעסטירטע זאָל זיך פֿאַרגרעסערן פֿון אַרום 5.8% אין 1933 ביז 11.6% אין 1947 און ביז אַרום 12% פֿון די ווײַסע וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אין 1946. מיר וואָלטן זיך אויך געריכט, אַז צום ווינציקסטן אַ צענטל פֿון די אַרעסטירטע ווײַסע אימיגראַנטן זאָלן זײַן יידן.

טאַבעלע 1

די צאָל יידן, אַרעסטירטע אין לאָס־אַנדזשעלעס *

יאָרן	אַלע יידן			הי־געבוירענע			אימיגראַנטן		
	אַלע	מענער	פֿרויען	אַלע	מענער	פֿרויען	אַלע	מענער	פֿרויען
1933—30, 1934	1,626	1,523	103	1,171	1,104	67	455	419	36
1934—30, 1935	1,361	1,270	91	1,003	941	62	358	329	29
1935—30, 1936	1,301	1,230	71	983	937	46	318	293	25
1936—30, 1937	1,157	1,093	64	913	860	53	244	233	11
1937—31, 1938	2,062	1,944	118	1,680	1,582	98	382	362	20
1939	1,446	1,349	97	1,131	1,062	69	315	287	28
1940	1,335	1,242	93	1,037	970	67	298	272	26
1941	933	855	78	746	681	65	187	174	13
1942	787	735	52	616	568	48	171	167	4
1943	648	617	31	521	496	25	127	121	6
1944	862	816	46	673	641	32	189	175	14
1945	845	786	59	690	633	57	155	153	2
1946	1,144	1,084	60	998	947	51	146	137	9
1947	1,293	1,214	79	1,107	1,045	62	186	169	17
ך־הכל	16,800	15,758	1,042	13,269	12,467	802	3,531	3,291	240

וויט: *Los Angeles Police Department, Annual Report, 1934—1937*.

געפֿינען מיר אָבער, אַז די פּאַקטישע אַרעסט־ראַטע פֿון יידן איז געווען נאָר אַ קליינער חלק פֿון דעם אויף וואָס מיר האָבן זיך געריכט. אין קיין יאָר זעען מיר ניט, אַז יידן זאָלן זײַן מער ווי 2% פֿון אַלע אַרעסטירטע.[8] אין זעקס פֿון די 14.5 יאָר איז די צאָל יידן צווישן די אַרעסטירטע געווען אונטער איין פּראָצענט. דער פּראָצענט יידן צווישן די אַרעסטירטע ווײַסע האָט זיך געוואַקלט צווישן 1.2 און 2.7; אין 6 פֿון די 14.5 יאָר האָבן זיי באַטראָפֿן ווינציקער ווי 1.5%.

[8] דאָס איז אַפֿילו ווינציקער איידער דער פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג וואָס האָט אין 1940 אָנגעגעבן יידיש ווי איר מוטערשפּראַך. אַפֿילו ווען מיר זאָלן אָננעמען אויף אַ ווײַלע, אַז די צאָל יידן אין 1940 איז אידענטיש מיט דער צאָל פּערזאָנען, וועמענס מוטערשפּראַך ס׳איז געווען יידיש, האָבן די דאָזיקע 35,280 הי־געבוירענע און פֿרעמד־געבוירענע פּערזאָנען באַטראָפֿן 2.3% פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג און 2.5% פֿון דער ווײַסער באַפֿעלקערונג אין 1940.

נאָך מער, פֿון די 1,340,954 פּערזאָן וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן פֿון 1טן יולי 1933 ביזן 31סטן דעצעמבער 1947 זײַנען בלויז 16,800 געווען ייִדן. דאָס הייסט, אַז זיי האָבן באַטראָפֿן נאָר 1.25% פֿון אַלע אַרעסטירטע פּערזאָנען און ניט מער ווי 1.80% פֿון די 934,598 אַרעסטירטע ווײַסע.[9] דאָס אייגענע אויב מיר נעמען די 87,069 ווײַסע אימיגראַנטן וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אין די באַטראַכטע 14.5 יאָר זײַנען מערניט 3,531, ד"ה 4.06%, געווען ייִדן. אין 8 פֿון די דאָזיקע יאָרן האָבן זיי באַטראָפֿן אונטער 4%; קיין מאָל האָבן זיי ניט באַטראָפֿן מער ווי 6%. מען מעג צוגעבן, אַז די ייִדישע אימיגראַנטן האָבן באַטראָפֿן מערניט 1.85% פֿון דער אַלגעמיינער צאָל 191,123 וואָס זײַנען אַרעס־טירט געוואָרן (זען טאַבעלע 2).

עס קען זיך אויסווײַזן, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק. 61.4% פֿון אַלע אַרעס־טירטע און 66.1% פֿון אַלע אַרעסטירטע ווײַסע זײַנען פֿאַרהאַלטן געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג פֿון שיכּרות — פֿאַר טרינקען אין גאַס אָדער אין אַן עפֿנטלעכן פּלאַץ, פֿאַר זײַן שיכּור אויף פֿרעמדן פּריוואַטן אייגנס, אין אויטאָ אד"גל — אין דער צײַט וואָס מערניט 16.7% אַרעסטירטע ייִדן זײַנען פֿאַר־האַלטן געוואָרן אונטער אַזוינע באַשולדיקונגען. אַזוי ווי די אויבן געבראַכטע דורכשניטן זײַנען באַזירט אויף אַלע אַרעסטן אָדער גענעץ־ברעכונגען האָבן זיי דערפֿאַר אַ טענדענץ אַראָפּצודריקן די אַרעסט־ראַטע בײַ ייִדן, ספּעציעל זייער פּראָצענט צווישן די אַרעסטירטע אונטער מער ערנצטע באַשולדיקונגען.

צי דער דאָזיקער אַרגומענט איז באַרעכטיקט אָדער ניט, איז אָבער אַפֿילו ווען מען רעכנט אַראָפּ שיכּרות זעען מיר אַז דער פּראָצענט ייִדן צווישן אַלע אַרעסטירטע אין דער צײַט פֿון 1טן יולי 1933 ביזן 31סטן דעצעמבער 1947 איז געווען מערניט 2.7. זייער אַרעסט־ראַטע האָט זיך געוואַקלט צווישן 1.52 און 3.94. אין 6 פֿון די דאָזיקע 14.5 יאָר איז די אַרעסט־ראַטע פֿון ייִדן געווען אונטער 2.20%. זיי האָבן באַטראָפֿן מערניט 4.42% צווישן די ווײַסע וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אונטער אַלע באַשולדיקונגען אַחוץ שיכּרות. די אַרעסט־ראַטע פֿון ייִדן האָט זיך דאָ געוואַקלט פֿון 3.19 ביז 5.71 פּראָצענט; אין 5 פֿון די דאָזיקע 14.5 יאָר איז זי געווען אונטער 4%. ממילא ווײַזט זיך אַרויס אַז אַפֿילו ווען מען נעמט אַראָפּ אין גאַנצן די אַרעסטירטע צוליב שיכּרות איז נאָך אַלץ דער פּראָצענט ייִדן צווישן די אַרעסטירטע געווען אַ סך קלענער איידער מען וואָלט זיך געמעגט ריכטן.

נאָך אַ טענה קען זײַן, אַז אַ געוויסע צאָל ייִדן זײַנען אפֿשר אַרײַנגעפֿאַלן צווישן די פּאָליאַקן, רוסן אָדער אין וועלכער עס איז אַנדער עטנישער גרופּע. כּדי אויסצוגעפֿינען וואָס פֿאַר אַ האָפּט עס האָט די דאָזיקע טענה האָבן מיר גענומען דעם פּראָצענט ווײַסע אימיגראַנטן וואָס האָבן אין 1940 אָנגעגעבן ייִדיש, פּויליש און רוסיש ווי זייער מוטערשפּראַך און דאָס צוגעגלײַכט צום פּראָצענט

[9] אויב מיר זאָלן צוגעבן די 210 פּערזאָן וואָס שטאַמען פֿון געמישטע עלטערן וועלן די פּראָצענטער פֿאַר ייִדן צווישן די אַרעסטירטע זײַן 1.27 און 1.82. אַזוי ווי די צאָל פֿון אַזוינע פּערזאָנען איז קליין זײַנען זיי ניט אַרײַנגענומען געוואָרן אין דעם איצטיקן אַנאַליז.

טאַבעלע II

דער פּראָצענט ייִדן צווישן אַרעסטירטע אין לאָס־אַנדזשעלעס

יאָר	פּראָצענט ייִדן צווישן אַלע אַרעסטירטע									פּראָצענט ייִדן צווישן אַרעסטירטע ווײַסע								
	אַלע ייִדן			הי־געבוירענע			אימיגראַנטן			אַלע ייִדן			הי־געבוירענע			אימיגראַנטן		
	אַלע	מענער	פֿרויען	אַלע	מענער	פֿרויען	אַלע	מענער	פֿרויען	אַלע	מענער	פֿרויען	אַלע	מענער	פֿרויען	אַלע	מענער	פֿרויען
יולי 1, 1933—יוני 30, 1934	1.93	1.98	1.38	1.69	1.77	0.98	3.00	2.88	5.68	2.48	2.52	2.06	2.02	2.08	1.44	5.95	5.78	9.28
יולי 1, 1934—יוני 30, 1935	1.61	1.64	1.31	1.45	1.49	0.98	2.36	2.26	4.75	2.16	2.16	2.05	1.79	1.82	1.52	4.95	4.80	7.84
יולי 1, 1935—יוני 30, 1936	1.55	1.56	1.32	1.42	1.45	0.94	2.16	2.06	4.87	2.05	2.07	1.74	1.74	1.77	1.22	4.64	4.48	7.94
יולי 1, 1936—יוני 30, 1937	1.50	1.52	1.19	1.43	1.45	1.09	1.90	1.89	2.10	1.97	2.00	1.58	1.74	1.76	1.43	3.93	3.98	3.06
יולי 1, 1937—דעצ' 31, 1938	1.80	1.84	1.31	1.72	1.77	1.17	2.25	2.22	3.05	2.36	2.41	1.78	2.13	2.18	1.59	4.45	4.46	4.35
1939	2.00	2.02	1.74	1.84	1.88	1.34	2.94	2.79	6.75	2.68	2.70	2.41	2.33	2.37	1.83	5.84	5.63	9.62
1940	1.70	1.72	1.44	1.56	1.60	1.13	2.47	2.35	5.22	2.32	2.33	2.08	2.00	2.03	1.62	5.84	4.92	7.74
1941	1.16	1.16	1.13	1.10	1.11	1.03	1.50	1.46	2.38	1.60	1.60	1.59	1.42	1.42	1.43	3.19	3.18	3.39
1942	0.87	0.88	0.78	0.81	0.81	0.79	1.18	1.20	0.74	1.25	1.26	1.11	1.09	1.08	1.11	2.75	2.85	1.10
1943	0.85	0.88	0.51	0.79	0.82	0.45	1.25	1.25	1.25	1.30	1.36	0.69	1.14	1.20	0.60	3.00	3.11	1.75
1944	0.85	0.89	0.49	0.77	0.81	0.36	1.41	1.37	2.27	1.38	1.45	0.72	1.17	1.24	0.53	3.90	3.93	3.54
1945	0.73	0.76	0.49	0.67	0.69	0.51	1.18	1.23	0.27	1.19	1.24	0.78	1.05	1.08	0.80	2.86	3.10	0.41
1946	0.83	0.85	0.52	0.81	0.84	0.47	0.98	0.97	1.17	1.28	1.32	0.83	1.20	1.24	0.76	2.30	2.35	1.76
1947	0.90	0.92	0.72	0.86	0.89	0.60	1.25	1.19	2.32	1.43	1.45	1.16	1.31	1.34	0.98	2.92	2.88	3.41
אין דורכשניט	1.25	1.28	0.95	1.15	1.19	0.79	1.85	1.79	2.90	1.80	1.83	1.39	1.57	1.60	1.15	4.06	4.03	4.36

פּאָליאַקן, רוסן און ייִדן צווישן די פרעמד־געבוירענע ווײַסע וואָס זײַנען אַרעס־טירט געוואָרן אין די יאָרן 1939—1941. די פּאָליאַקן און רוסן האָבן באַטראָפן 7% פון די ווײַסע אימיגראַנטן און 7.8% פון די אַרעסטירטע פרעמד־געבוירענע ווײַסע. אויב מיר זאָלן צוגעבן צו זיי די וואָס האָבן אָנגעגעבן ייִדיש ווי זייער מוטערשפּראַך זײַנען די פּראָצענטער 16.6 און 12.5. זעען מיר שוין, אַז אַפילו אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז אַלע רוסן און פּאָליאַקן וואָס זײַנען אין יענער צײַט אַרעסטירט געוואָרן זײַנען געווען ייִדן איז זייער אַרעסט־ראַטע נאָך אַלץ געווען מער ניט ווי 72.25% פון זייער טעאָרעטישער ראַטע. דעריבער מעגן מיר זאָגן, אַז אויב אַפילו אַ געוויסע צאָל אַרעסטירטע ייִדן זאָל האָבן פאַרלייקנט זייער ייִדישקייט בשעתן אַרעסט איז דאָס נאָך אַלץ ניט קיין דערקלערונג פאַרן גרויסן חילוק צווישן זייער פאַקטישער און טעאָרעטישער אַרעסט־ראַטע.

טאַבעלע III

פּראָצענט ייִדן צווישן אַרעסטירטע אין לאָס־אַנדזשעלעס, חוץ פאַר שיכּרות

צײַט	פּראָצענט ייִדן צווישן: אַלע אַרעסטירטע — אַלע	מענער	פרויען	אַרעסטירטע ווײַסע — אַלע	מענער	פרויען
יולי 1, 1933—יוני 30, 1936	3.35	3.52	1.97	4.68	4.81	3.36
יולי 1, 1936—דעצעמבער 31, 1938	3.28	3.40	2.04	4.55	4.69	3.08
1941—1939	3.54	3.72	2.23	5.26	5.48	3.53
1944—1942	1.89	2.01	0.94	3.56	3.89	1.45
1947—1945	1.88	2.02	0.89	3.91	4.26	1.69
אין דורכשניט	2.70	2.85	1.52	4.42	4.65	2.54

ניט ווינציקער וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט, אַז דער פּראָצענט ייִדן צווישן די אַרעסטירטע איז געפאַלן הגם די פּראָפּאָרציע פון ייִדן אין דער באַפעלקערונג איז געוואַקסן. אין דער צײַט פון 1טן יולי 1933 ביזן 31סטן דעצעמבער 1941 האָבן ייִדן באַטראָפן 1.66% פון אַלע אַרעסטירטע און אין די יאָרן 1942—1947 מערניט 0.84% — אַ ירידה פון 49.4% אין דער אַרעסט־ראַטע; דאָס אייגענע האָבן ייִדן באַטראָפן 2.21% פון אַלע ווײַסע אַרעסטירטע אין די ערשטע 8.5 יאָר, אָבער ניט מער ווי 1.31% אין די יאָרן 1942—1947, אַן אָפּקום פון 40.7%. וואָס שייך די אימיגראַנטן איז דער ייִדישער חלק אין די ערשטע 8.5 יאָר געווען 4.77, און אין דער צווייטער טייל פונעם פּעריאָד 2.91, אַן אַראָפּפאַל אויף 39%. די טענדענץ באַרג־אַראָפּ האָט זיך אָנגעהויבן אין 1940 און האָט אָנגעהאַלטן ביז 1947, ווען דער חלק ייִדן איז צוריק אַ ביסל געוואַקסן.

אָט די פאַרמינערונג האָט זיך קודם־כּל געגומען פון אַן אָפּקום אין דער אַבסאָלוטער צאָל אַרעסטירטע ייִדן. אויב מיר זאָלן נעמען פאַר אונדזער באַזיס די צאָל אַרעסטן אין די באַריכטן פון די ערשטע דרײַ פון די דאָזיקע 14.5 יאָר וועלן מיר באַקומען די ווײַטערדיקע אינדעקסן: אויב מיר שליסן אויס ייִדן, איז דער אינדעקס פון די ווײַסע פאַר 1945—1947 געווען 131.8, בשעת ווען פאַר ייִדן איז ער געווען מערניט 76.5.

עס איז טאַקע אמת, אַז די צאָל אַרעסטירטע ווײַסע איז געוואַקסן, אָבער די פֿאַקטן וואָס מיר פֿאַרמאָגן זאָגן ניט עדות, אַז די אַרעסט־ראַטע איז פֿאַקטיש געוואַקסן מחמת די ווײַסע באַפֿעלקערונג איז אויסגעוואַקסן פֿון 1,170,700 אין 1930 ביז 1,654,866 אין 1946 — אַ צוּוואוקס פֿון 41.4%. היות ווי די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז געווען אַרײַנגערעכנט בײַ די דאָזיקע ציילונגען איז דער פֿאַקטישער צוּוואוקס אַחוץ ייִדן מסתּמא ניט געווען מער ווי 32%.[10] דער דאָזיקער צוּוואוקס גיט דעריבער צו פֿאַרשטיין, ביז אַ מאָס, פֿון וואַנען עס נעמט זיך אין די יאָרן 1945—1947 אַ גרעסערע צאָל אַרעסטן איידער אין 1933 ביז 1936. בײַ ייִדן איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. די שאַצונג איז דאָך, אַז זייער צאָל איז געוואַקסן פֿון 75,000 אין 1932 ביז 225,000 אין 1948; אָבער די צאָל אַרעסטירטע ייִדן איז געפֿאַלן פֿון 4,288 אין די יאָרן 1933—1936 ביז 3,282 אין 1945—1947, אַן אָפּקום אויף 23.5%. דאָס אייגענע איז די צאָל פֿרעמד־געבוירענע ווײַסע אימיגראַנטן — אויב מען נעמט אַרויס ייִדן, וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אין 1945—1947 — געווען 85.7% פֿון דער צאָל אַרעסטירטע אין 1933—1936; בײַ ייִדן איז דער פּראָצענט געווען מערניט 43.1. ווײַזט זיך אַרויס, הייסט עס, אַז דער אָפּקום אין דער צאָל אַרעסטירטע ייִדן האָט געפֿירט צו דער פֿאַרמינערונג פֿון זייער פּראָפּאָרציע, און ניט דער צוקום אין דער צאָל ניט־ייִדישע אַרעסטירטע.

פּונקט ווי בײַ אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס זײַנען פֿון צווישן ייִדן אויך אַרעסטירט געוואָרן אַ סך מער מאַנסבילן איידער פֿרויען. אָבער בײַ ייִדן איז די אי־בערוואָג פֿון מאַנסבילן נאָך גרעסער. בײַ ייִדן זײַנען צווישן די אַרעסטירטע געווען אין דורכשניט 93.80 מאַנסבילן; בײַ דער גאַנצער ניט־ייִדישער גרופּע איז דער פּראָצענט מאַנסבילן געווען מערניט 91.80, בײַ די ניט־ייִדישע ווײַסע 91.95%. דער חילוק איז טאַקע נאָר אַ קליינער, אָבער אין איטלעכן פֿאַל איז ער סטאַ־טיסטיש באַטײַטיק. דערפֿון איז געדרונגען (אויב מיר זאָלן אָננעמען אַז די פֿאַרהעלטעניש אין דער צאָל מאַנסבילן און פֿרויען איז אין בײדע פֿאַלן די זעלביקע), אַז ייִדישע פֿרויען זײַנען ניט אַזוי עלול אָפּצוטאָן געזעץ־ברעכונגען וואָס פֿירן צו אַרעסט ווי פֿרויען פֿון אַנדערע עטנישע גרופּעס.

טאַבעלע IV

פּראָצענט מענער צווישן אַרעסטירטע אין לאָס־אַנדזשעלעס

צײַט	ייִדן			ווײַסע, חוץ ייִדן		
	אַלע	הי־געבוירענע	אימיגראַנטן	אַלע	הי־געבוירענע	אימיגראַנטן
יולי 1, 1933—יוני 30, 1936	93.82	94.46	92.04	92.91	92.63	95.23
יולי 1, 1936—דעצעמבער 31, 1938	94.35	94.18	95.05	92.65	92.46	94.37
1939—1941	92.78	93.10	91.62	92.08	91.85	94.22
1942—1944	94.38	94.20	95.07	91.06	90.91	92.71
1945—1947	93.97	93.92	94.25	91.34	91.31	91.69
אין דורכשניט	93.80	93.96	93.20	91.95	91.77	93.70

[10] מען שאַצט, אַז 65,000 פֿון די 1,170,700 ווײַסע אין 1930 און 198,000 פֿון די 1,654,866 אין 1946 זײַנען געווען ייִדן. די צאָל ניט־ייִדן איז הייסט עס געוואַקסן פֿון אַן ערך 1,105,700 ביז 1,456,866 ד"ה 31.8%.

דער דורכשניטלעכער פּראָצענט מאַנסבילן צווישן ייִדן הי־געבוירענע און פֿרעמד־געבוירענע איז געווען בערך דער זעלביקער: 93.96 אין ערשטן פֿאַל, 93.20 אין צווייטן. דער חילוק איז סטאַטיסטיש ניט קיין באַטײַטיקער. בײַ ניט־ייִדישע ווײַסע איז דער פּראָצענט בײַ הי־געבוירענע געווען 91.77, בײַ פֿרעמד־געבוירענע 93.70, און דער חילוק איז סטאַטיסטיש יאָ באַטײַטיק. עס קען גע־מאָלט זײַן אַז דאָ האָט צו זאָגן אַ חילוק אין דער פֿאַרהעלטעניש אין די געשלעכטן.

פֿון אַלע ייִדן וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן זײַנען בערך אַ פֿינפֿטל, 21 פּראָצענט, געווען פֿרעמד־געבוירענע; בײַ ניט־ייִדישע ווײַסע איז דער פּראָצענט געווען מערניט 9.1.[11] דער חילוק האָט זיך מסתּמא גענומען פֿון דעם וואָס צווישן ייִדן איז דער פּראָצענט אימיגראַנטן בכלל אַ גרעסערער.

דער פּראָצענט אימיגראַנטן צווישן אַרעסטירטע ייִדן איז געפֿאַלן פֿון 26.4 פּראָצענט אין 1933—1936 ביז 14.8 אין 1945—1947. דער דאָזיקער אָפּקום פֿאַלט מסתּמא צונויף מיטן איבערבײַט אין דער הי־געבוירנקייט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. און ווען די פּראָפּאָרציע הי־געבוירענע איז געוואַקסן איז מסתּמא אויך געוואַקסן דער פּראָצענט ייִדן אין יענע עלטער־גרופּעס וואָס האָבן הויכע פֿאַרברעך־ראַטעס אָדער אַרעסט־ראַטעס. ניט געקוקט דערויף איז אָבער זייער אַרעסט־ראַטע, ווי ס'איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, גאָר געפֿאַלן.

טאַבעלע V

פּראָצענט הי־געבוירענע צווישן אַרעסטירטע אין לאָס־אַנדזשעלעס

צײַט	ייִדן	ווײַסע, חוץ ייִדן
יולי 1, 1933—יוני 30, 1936	73.62	89.57
יולי 1, 1936—דעצעמבער 31, 1938	80.55	90.09
1939—1941	78.46	90.20
1942—1944	78.80	91.44
1945—1947	85.16	92.87
אין דורכשניט	78.98	90.89

די ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט אויך געהאַט זייער אַ נידעריקע ראַטע פֿון יוגנטלעכער געזעץ־ברעכונג. מערניט 1.30% פֿון אַלע יוגנטלעכע (אונטער 18 יאָר און אויך פֿאַרלאָזענע און אָפּהענגיקע קינדער) וואָס זײַנען אַרעסטירט גע־וואָרן אין די יאָרן 1941—1947 זײַנען געווען ייִדן. זיי האָבן אָבער באַטראָפֿן 2.44% פֿון די ווײַסע יוגנטלעכע וואָס האָבן עובֿר געווען אויפֿן געזעץ. ס'איז אַ ספֿק צי מען קען די דאָזיקע נידעריקע אַרעסט־ראַטע דערקלערן מיט דער נידעריקערער ייִדישער געבורטיקייט. די אַרעסט־ראַטע איז אָבער געשטיגן פֿון 2% פֿון דער ווײַסער גרופּע אין 1941—1943 ביז 2.67% אין 1944—1947. ייִדישע בחורים האָבן באַטראָפֿן 2.54% פֿון די ווײַסע בחורים, ייִדישע מיידלעך האָבן באַטראָפֿן בלויז 2% פֿון די ניט־ייִדישע.

[11] דאָס איז אַ פּנים ווינציקער ווי די טעאָרעטישע ראַטע. אַ דערקלערונג קען אפֿשר צושטעלן דער פֿאַקט אַז בײַ אימיגראַנטן איז רעלאַטיוו גרעסער די צאָל מענטשן אין עלטער פֿון 50 און העכער, אַ גרופּע פֿון וועלכער מען דאַרף זיך ריכטן אויף ווינציקער געזעץ־ברעכונגען איידער מצד ייִנגערע מענטשן.

פֿון די ווײַסע יוגנטלעכע געזעץ־ברעכערס וואָס זײַנען אין 1942—1947 אויסגעפֿאָרשט אָבער ניט אַרעסטירט געוואָרן זײַנען 3.72% געווען יידן — אַ גרעסערער פּראָצענט איידער צווישן די אַרעסטירטע. יידישע בחורים זײַנען אין דער דאָזיקער גרופּע געווען 4%, מיידלעך בלויז 3%. אויב מיר נעמען צונויף די ביידע גרופּעס (הן בלויז אויסגעפֿאָרשטע, הן אַרעסטירטע) וועט זיך אַרויס־ווײַזן אַז ניט מער ווי 2.67% פֿון די ווײַסע געזעץ־ברעכערס און 1.46% פֿון אַלע אונטער 18 יאָר — זײַנען געווען יידן.

דער אַנאַליז ביז איצט האָט אונדז געוויזן זייער בולט, אַז אין 1933—1947 האָבן יידן אין לאָס־אַנדזשעלעס געהאַט אַ סך אַ נידעריקערע אַרעסט־ראַטע איידער אי די אַלגעמיינע אי די ווײַסע באַפֿעלקערונג. חוץ דעם איז די יידישע אַרעסט־ראַטע געגאַנגען אויף אַראָפּ.

3

זייער ווינציק יידן אין לאָס־אַנדזשעלעס זײַנען באַגאַנגען ערנצטע געזעץ־ברעכונגען. פֿאַרשולדיקונגען קעגן געזעץ ווערן ס׳רובֿ צעטיילט אויף צוויי ברייטע קאַטעגאָריעס: ערנצטע און אַנדערע. די ערשטע ווידער ווערן אונטערגעטיילט אויף פֿאַרברעכנס קעגן פּערזאָן און קעגן אייגנס. ערנצטע פֿאַרשולדיקונגען קעגן פּערזאָן זײַנען כּולל קרימינעלע אופֿנים פֿון הריגת נפֿש (מאָרד, דאָס טייטן מחמת אַ פֿאַרזען, דאָס טייטן אָן אַ פֿאַרזען), אַ שווערער אָדער בייז־כּוונהדיקער איבער־פֿאַל [12] און פֿאַרגוואַלדיקונג. רויבערײַ, אײַנברעכערײַ, גנבֿה און גנבֿות פֿון אויטאָס זײַנען די ערנצטע געזעץ־ברעכונגען קעגן פֿאַרמעגן.[13] נאָר 3.5 פּראָצענט פֿון אַלע ווײַסע וואָס מען האָט אַרעסטירט פֿון 1טן יולי 1933 ביזן 31סטן דעצעמבער 1947 און באַשולדיקט אין ערנצטע געזעץ־ברעכונגען זײַנען געווען יידן. בכן ווײַזט זיך אַרויס אַז זייער פֿאַקטישע אַרעסט־ראַטע איז געווען ניט מער ווי אַ קליינע בראָכצאָל פֿון דער ראַטע וואָס מען האָט זיך געקענט ריכטן אויף איר.

עס איז טשיקאַווע וואָס אַ קלענערער פּראָצענט יידן זײַנען באַשולדיקט גע־וואָרן אין ערנצטע געזעץ־ברעכונגען קעגן פּערזאָנען לגבי געזעץ־ברעכונגען קעגן אייגנס. צווישן ווײַסע וואָס מען האָט אַרעסטירט בײַם באַשולדיקן אין פֿאַר־ברעכנס קעגן פּערזאָנען זײַנען געווען 2.98 פּראָצענט יידן און קעגן פֿאַרמעגן — 3.61 פּראָצענט. דער אונטערשייד צווישן די ביידע פּראָצענטער און דער אונטער־שייד אין דער פּראָפּאָרציע צווישן יידן און אַנדערע ווײַסע וואָס מען האָט אַרעס־טירט בײַם באַשולדיקן אין הריגת נפֿש, איבערפֿאַל און פֿאַרגוואַלדיקן איז סטאַ־טיסטיש באַטײַטיק. דאָס ברענגט צום אויספֿיר אַז מצד יידן וואָס וווינען אין לאָס־אַנדזשעלעס קען מען זיך ווינציקער ריכטן אויף ערנצטע געזעץ־ברעכונגען קעגן פּערזאָנען ווי מצד אַנדערע ווײַסע.

---

[12] אין דער פֿאָרשונג ווערן אַרײַנגערעכנט אַהער אַלע מינים איבערפֿאַלן, אַפֿילו שלעגערײַען וואָס האָבן ניט קיין קרימינעלן כאַראַקטער.

[13] מחמת געוויסע שינויים אין אופֿן קלאַסיפֿיצירן געזעץ־ברעכונגען מצד דעם לאָס־אַנדזשע־לעסער פּאָליציי־דעפּאַרטעמענט, גייען אַהער אַרײַן אויך: פֿאַרשווענדונג, שווינדל, דאָס קריגן, קויפֿן און באַזיצן געגנבֿעטע זאַכן.

טאַבעלע VI

פּראָצענט ייִדן צווישן אַרעסטירטע ווײַסע אין לאָס־אַנדזשעלעס, 1933—1947, לויט געזעץ־ברעכונגען [1]

געזעץ־ברעכונג	פּראָצענט ייִדן צווישן: אַלע ווײַסע	ווײַסע מענער	ווײַסע פֿרויען
הריגת נפֿש [2]	3.3	3.4	2.4
איבערפֿאַל [3]	3.0	3.0	2.9
פֿאַרגוואַלדיקונג	2.8	2.8	0.0
רויבערײַ	3.8	4.0	1.3
אײַנברעכערײַ	3.0	2.9	3.1
גנבֿה [4]	3.9	3.8	4.7
פֿעלשונג און נאָכמאַכונג	5.2	5.3	4.5
געזעצן וועגן נאַרקאָטישע מיטלען	6.8	8.2	1.5
געזעצן וועגן אַלקאָהאָל	6.9	7.5	2.7
שיכּרות	0.5	0.5	0.4
פֿירן אַן אויטאָ שיכּורערהייט	0.7	0.8	0.5
פֿאַרקער־תּקנות [5]	1.7	1.6	1.9
סעקס [6]	2.8	4.1	1.4
געזעץ־ברעכונג קעגן פֿאַמיליע [7]	3.1	3.2	1.0
געווער [8]	2.7	2.8	0.0
שלעפּערײַ	1.4	1.4	1.9
שטערן די אָרדענונג	3.6	3.4	4.8
מוניציפּאַלע תּקנות	10.8	11.4	5.7
אַנדערע [9]	8.4	8.7	4.7

[1] די קלאַסיפֿיקאַציע פֿון געזעץ־ברעכונג אין 1945—1947 איז ניט געווען אין גאַנצן די זעלביקע וואָס פֿריִער. מיר האָבן געפּרוּווט, וויפֿל עס האָט זיך געלאָזט, אויסגלײַכן די ביידע גענג ציפֿערן.

[2] איז כּולל מאָרד, דאָס דערהרגענען מחמת אַ פֿאַרזען און דאָס דערהרגענען אָן אַ פֿאַרזען.

[3] איז כּולל אַלע מינים איבערפֿאַלן, שווערע און אויך אַנדערע.

[4] דאָ ווערט אַרײַנגענומען אויך דאָס גנבֿענען אויטאָס, דאָס קריגן און באַזיצן גע־גנבֿעטע זאַכן, ווי אויך פֿאַרשווענדונג און שווינדל.

[5] נעמט אַרײַן אויך דאָס עובֿר זײַן אויף אַלע תּקנות וועגן אויטאָס, לאַסט־אויטאָס און ענלעכע.

[6] איז כּולל ניאוף, אוממאָראַלישע מעשׂים פֿאַר די אויגן פֿון קינדער, אומאָנשטענדיק אַנטפּלעקן נאַקעטקייט, אומאָנשטענדיק שרײַבן, מאָלן, שפּילן פֿאַר אַן עולם, סעקסועלע פּער־ווערזקייטן, משכּבֿ־זכר, פּראָסטיטוציע און קאָמערציאַליזירטע זינד.

[7] שלאָגן דאָס ווײַב אָדער אַ קינד, אַכזריות בנוגע קינדער, דאָס ניט פֿאַרזאָרגן די משפּחה, דאָס אַוועקוואַרפֿן אַ קינד.

[8] דאָס טראָגן אָדער באַזיצן געווער, אַרויסשטעלן זיך מיט געווער.

[9] איז כּולל אַזאַרטשפּיל, דאָס ניט־קרימינעלע פֿאַרהאַלטן, דאָס עובֿר זײַן אויף פֿעדעראַלע געזעצן.

זיי האָבן באַטראָפֿן 4.72% פֿון אַלע ווײַסע וואָס זײַנען פֿאַרהאַלטן געוואָרן אונטער אַלע אַנדערע באַשולדיקונגען אַחוץ שיכּרות. דערפֿון איז געדרונגען אַז זיי זײַנען גיכער עלול אָפּצוטאָן קלענערע געזעץ־ברעכונגען איידער ערנצטע. אָבער אַפֿילו אין דעם פֿאַל איז זייער פֿאַקטישע אַרעסט־ראַטע געווען אַ סך קלענער איידער מען וואָלט זיך געמעגט ריכטן. צווישן די ווײַסע וואָס זײַנען געווען באַשול־דיקט אין שיכּרות איז דער פּראָצענט ייִדן געווען בלויז 0.46; די קאַטעגאָריע שליסט אײַן דאָס טרינקען אין גאַס אָדער אין אַן עפֿנטלעכן פּלאַץ, דאָס זײַן שיכּור אויף אַ פֿרעמדן פּריוואַטן אייגנס אָדער אין אַן אויטאָ, אָבער נעמט ניט אַרײַן דאָס פֿירן אַן אויטאָ שיכּורערהייט.

אַ מער פּרטימדיקער אַנאַליז ווײַזט, אַז אַרום 11% פֿון די וואָס זײַנען באַשולדיקט געוואָרן אין עובֿר זײַן אויף די מוניציפּאַלע תּקנות[14] זײַנען געווען ייִדן. צווישן די דאָזיקע געזעץ־ברעכונגען זײַנען פֿאַררעכנט: עובֿר זײַן אויף די באַשטימונגען וועגן פּעדלען, וועגן לאָמבאַרדן,[15] וועגן ליציטאַציעס,[16] קאַנאַ־ליזאַציע, וועגן אָפּהיטן פּאַרקן, פֿאַרשטעלן דעם טראָטואַר, אויסטיילן פֿלוג־בלעטלעך, פּיקעטירן און פֿאַראַדירן אָן אַ דערלויבעניש און ענלעכע באַשול־דיקונגען. דער פּראָצענט ייִדן וואָס האָט עובֿר געווען אויף איטלעכע פֿון די דאָזיקע תּקנות באַזונדער קען מען ניט אויסגעפֿינען, מחמת די דאָזיקע תּקנות־ברעכערס זײַנען ניט קלאַסירט לויט זייער עטנישן אָפּשטאַם. זיי האָבן באַטראָפֿן אַ צוועלפֿטל פֿון דער גרופּע „אַנדערע" וואָס נעמט אויך אַרײַן אַזאַרטשפּיל.[17] אין 1945—1947 האָבן זיי באַטראָפֿן 17.7% פֿון די ווײַסע וואָס זײַנען באַשולדיקט געוואָרן אין אַזאַרטשפּיל. אַרום 7% פֿון די וואָס מען האָט באַשולדיקט אין עובֿר זײַן אויף די געזעצן וועגן אַלקאָהאָל זײַנען געווען ייִדן. זיי האָבן באַטראָפֿן 6.8% פֿון די 3,350 ווײַסע וואָס זײַנען באַשולדיקט געוואָרן אין עובֿר זײַן אויף די געזעצן וועגן נאַרקאָטישע מיטלען. ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַז מערניט 5.2% פֿון די וואָס מען האָט באַשולדיקט אין פֿעלשונג און נאָכמאַכונג זײַנען געווען ייִדן און אַז פֿון די 369 ווײַסע וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אין 1945—1947 אונטער באַשולדיקונגען פֿון שווינדל[18] און פֿאַרשווענדונג[19] זײַנען מערניט 3.3% געווען ייִדן. בײַ אַלע אַנדערע געזעץ־ברעכונגען זײַנען ייִדן געווען פֿון 0.5 ביז 3.9 פּראָצענט פֿון אַלע ווײַסע. הייסט עס אַז מיט זייער קליינע אויסנעמען איז דער פּראָצענט ייִדן וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין איינער פֿון די דאָזיקע געזעץ־ברעכונגען געווען אַ סך קלענער איידער מען וואָלט זיך געריכט.

דערצו נאָך איז בײַ ייִדן געפֿאַלן דער פּראָצענט פֿון אַרעסטירטע וואָס מען האָט באַשולדיקט אין ערנסטע געזעץ־ברעכונגען. ייִדן זײַנען געווען 4.13 פּראָצענט פֿון ווײַסע וואָס מען האָט אַרעסטירט פֿאַר הריגת־נפֿש, איבערפֿאַל און פֿאַר־גוואַלדיקונג אין די יאָרן 1933—1941 און נאָר 1.86 פּראָצענט אין די יאָרן 1942—1947. אויך בנוגע געזעץ־ברעכונגען קעגן פֿאַרמעגן (פֿאַר רויבערײַ, אײַנ־ברעכערײַ, גנבֿה, גנבֿה פֿון אויטאָס, פֿאַרשווענדונג און שווינדל, אויך פֿאַר באַקומען און באַזיצן געגנבֿעטע זאַכן) איז דער פּראָצענט ייִדן געפֿאַלן פֿון 4.33 ביז 2.47 אין די יאָרן 1942—1947. בײַ פֿאַרברעכנס קעגן פּערזאָן איז דאָס פֿאַלן פֿון דעם פּראָצענט ייִדן קאָנטיקער ווי בײַ געזעץ־ברעכונגען קעגן פֿאַרמעגן. אָבער אומעטום איז עס גאַנץ קאָנטיק, הן אין אַבסאָלוטע, הן אין רעלאַטיווע צאָלן, הגם דער פּראָצענט ייִדן צווישן די ווײַסע אין לאָס־אַנדזשעלעס איז שטאַרק

---

14 Municipal Code.

15 pawnbroker.

16 auctioneer.

17 gambling.

18 fraud.

19 embezzlement.

געוואַקסן במשך פֿון דער זעלביקער צײַט. בנוגע שיכּרות איז אויך געפֿאַלן דער פּראָצענט ייִדן — פֿון 0.54 פּראָצענט אין די יאָרן 1933—1941 ביז 0.36 אין 1942—1947. אָבער ווען מיר נעמען אַלע אַנדערע געזעץ־ברעכונגען איז ניטאָ אַזאַ באַטײַטיק פֿאַלן פֿון דעם פּראָצענט: זיי האָבן אויסגעמאַכט 4.97 צווישן די ווײַסע אין די פֿריערע יאָרן און 4.35 אין די שפּעטערע יאָרן.

ווי מע וואָלט געמעגט זיך ריכטן, איז דער אָפּווײַך־מוסטער בײַ ייִדישע פֿרויען ניט דער זעלביקער ווי בײַ מענער. ייִדישע פֿרויען זײַנען רעלאַטיוו באַ־גאַנגען אַ גרעסערע צאָל ערנצטע געזעץ־ברעכונגען קעגן פֿאַרמעגן ווי ייִדישע מענער. ייִדישע מענער זײַנען געווען 3 פּראָצענט צווישן די ווײַסע מענער וואָס מען האָט באַשולדיקט אין פֿאַרברעכנס קעגן פּערזאָן, און ייִדישע פֿרויען זײַנען געווען נאָר 2.8 פּראָצענט פֿון די ווײַסע פֿרויען פֿון אָט דער קאַטעגאָריע. אָבער בנוגע געזעץ־ברעכונגען קעגן פֿאַרמעגן זײַנען ייִדישע מענער געווען 3.6 פּראָ־צענט פֿון די ווײַסע מענער און ייִדישע פֿרויען 3.8 פּראָצענט פֿון די ווײַסע פֿרויען. דערפֿאַר איז שיכּרות געווען בײַ ייִדישע פֿרויען נאָך זעלטענער ווי בײַ ייִדישע מענער — נאָר 0.36 פּראָצענט בײַ פֿרויען אין פֿאַרגלײַך צו 0.46 פּראָצענט בײַ מענער. און נאָך אַ שטריך: צווישן די וואָס מען האָט באַשולדיקט אין אַלע אַנ־דערע געזעץ־ברעכונגען זײַנען געווען צווישן ווײַסע פֿרויען נאָר 2.31 פּראָצענט ייִדישע פֿרויען, און צווישן ווײַסע מענער — 5.05 פּראָצענט ייִדישע מענער. דאָס אַלץ זאָגט אונדז אונטער אַז בנוגע געוויסע געזעץ־ברעכונגען קען מען זיך בײַ ייִדישע פֿרויען ריכטן אויף ווייניקער פֿאַלן ווי בײַ ייִדישע מענער און ווי בײַ ניט־ייִדישע פֿרויען. אָבער ווען איז דאָס אַלץ גערעדט געוואָרן? ווען מיר נעמען אָן אַז די פּראָפּאָרציע צווישן פֿרויען און מענער איז בײַ ייִדן די זעלביקע ווי בײַ דער ווײַסער באַפֿעלקערונג בכלל.

כּדי אויסצוגעפֿינען אויף אַ קלאָרן אופֿן אין וואָס ייִדישע פֿרויען שיידן זיך אונטער פֿון ייִדישע מענער אין זייער ביידנס אָפּווײַך־מוסטער פֿון דער אַל־געמיינער באַפֿעלקערונג, איז דאָס גלײַכסטע צו פֿאַרגלײַכן די פּראָצענטועלע פֿונאַנדערטיילונג נאָך די מינים געזעץ־ברעכונגען מצד ייִדישע מענער און מצד ייִדישע פֿרויען. עס איז אינטערעסאַנט אַז אין דער גרופּע „אַנדערע" געזעץ־ברעכונגען האָבן מיר 37 פּראָצענט פֿון אַלע אַרעסטירטע ייִדישע מענער און בלויז 21.7 פּראָצענט פֿון אַלע אַרעסטירטע ייִדישע פֿרויען. דאָס רובֿ איז דאָ פֿאַראַן די באַשולדיקונג אין אַזאַרטשפּיל. פֿיר צענטל פֿון אַלע אַרעסטירטע ייִדישע מענער אין די יאָרן 1945—1947, ווען מען האָט אַזאַרטשפּיל אויסגעטיילט באַזונדער, זײַנען אין דעם באַשולדיקט געוואָרן, אָבער ניט מער ווי 16.2 פּראָצענט פֿרויען. ווען עס קומט צו שיכּרות, האָט מען פֿאַר דעם פֿאַרהאַלטן 17 פּראָצענט פֿון אַלע אַרעסטירטע ייִדישע מענער, אָבער ניט מער ווי 13.6 פּראָצענט פֿון אַלע אַרעס־טירטע ייִדישע פֿרויען. פֿאַרן עובֿר זײַן אויף מוניציפּאַלע תּקנות איז דער פּראָ־צענט בײַ מענער געווען 12.3 און בײַ פֿרויען 10.8.

מער ווי אַ פֿינפֿטל צווישן די אַרעסטירטע ייִדישע פֿרויען — 22 פּראָצענט — און ניט מער ווי 4.6 פּראָצענט פֿון די אַרעסטירטע ייִדישע מענער האָט מען

באַשולדיקט אין ברעכן געזעצן וואָס האָבן צו טאָן מיטן סעקסועלן לעבן. אין אָט דער גרופּע גייען אַרײַן: פּראָסטיטוציע, קאָמערציאַליזירטע זינד, אַלע פאָרמען פון סעקסועלער פּערווערזיע, ניאוף, משכּבֿ־זכר, דאָס אומאָנשטענדיקע אַרויס־שטעלן נאַקעטקייט, אומנאַטירלעכע מעשׂים פאַר די אויגן פון קינדער און אַנדערע געזעץ־ברעכונגען פון דעם מין, אָבער ניט פאַרגוואַלדיקונג. נאָך אַ באַזונדערן אַרײַנבליק אין דעם ענין געפינט מען, אַז אין די יאָרן 1945—1947, ווען מען האָט אויסגעטיילט באַזונדער פּראָסטיטוציע און קאָמערציאַליזירטע זינד, האָט מען אין דעם באַשולדיקט אַ צענטל פון אַלע אַרעסטירטע ייִדישע פרויען, און בלויז אַ האַלבן פּראָצענט אַרעסטירטע ייִדישע פרויען האָט מען באַשולדיקט אין אַלע אַנדערע מינים סעקס־פאַרברעכנס. ווען עס קומט צו ייִדישע מענער זײַנען די פּראָצענטער פאַר די ביידע קאַטעגאָריעס סעקס־פאַרברעכנס געווען 1.2 און 2.3. דאָ האָבן מיר אַ פּנים די אָפּשפּיגלונג פון צווייִקער באַציִונג צו מאַן און פרוי בנוגע סעקסועלן לעבן.

אַ רעלאַטיוו גרעסערע צאָל ייִדישע פרויען איידער ייִדישע מענער האָט מען אַרעסטירט ווי באַשולדיקטע אין גנבֿה — 15.1 פּראָצענט בײַ פרויען און 5.5 פּראָצענט בײַ מענער. דערפאַר זײַנען פאַראַן אַ סך מענער צווישן די באַשולדיקטע אין רויבערײַ און אײַנברעכערײַ. פעלשונג און נאָכמאַכונג איז מער בײַ פרויען ווי בײַ מענער, דאָס אייגענע אויך — איבערפאַל און שטערן די אָרדענונג.

טאַבעלע VII

פּראָצענטועלע פונאַנדערטיילונג צווישן ייִדן, אַרעסטירטע אין לאָס־אַנדזשעלעס, 1933—1947, לויט געזעץ־ברעכונגען

געזעץ־ברעכונג	אַלע	מענער	פרויען	הי־גע־בוירענע	אימי־גראַנטן
הריגת־נפש	0.3	0.3	0.3	0.3	0.4
איבערפאַל	1.6	1.6	2.2	1.4	2.5
פאַרגוואַלדיקונג	0.4	0.4	0.0	0.4	0.3
רויבערײַ	4.4	4.6	1.2	5.1	1.7
אײַנברעכערײַ	3.4	3.4	2.6	3.8	2.0
גנבֿה	6.1	5.5	15.1	6.0	6.6
פעלשונג און נאָכמאַכונג	2.4	2.3	3.8	2.5	1.9
געזעצן וועגן נאַרקאָטישע מיטלען	1.4	1.4	1.0	1.6	0.6
געזעצן וועגן אַלקאָהאָל	1.4	1.4	1.1	1.3	1.6
שיכּרות	16.6	16.9	13.6	17.0	15.5
פירן אַן אויטאָ שיכּורערהייט	1.1	1.1	0.9	1.1	0.9
פאַרקער־תּקנות	0.9	0.9	0.8	0.9	0.9
סעקס	5.7	4.6	22.0	5.4	6.7
געזעץ־ברעכונג קעגן פאַמיליע	0.6	0.6	0.1	0.5	1.0
געווער	0.2	0.2	0.0	0.2	0.2
שלעפּערײַ	4.8	5.1	0.8	5.5	2.3
שטערן אָרדענונג	0.7	0.6	2.0	0.6	1.0
מוניציפּאַלע תּקנות	12.2	12.3	10.8	11.0	16.5
אַנדערע	35.8	36.8	21.7	35.4	37.4
סך־הכּל	100.0	100.0	100.0	100.0	100.0

טאַבעלע VIII

נטיות בנוגע געזעץ־ברעכונגען ביי ייִדן, אָרעסטירטע אין לאָס־אַנדזשעלעס, 1933—947

געזעץ־ברעכונג	מענער				
	יולי 1, 1933— יוני 30, 1936	יולי 1, 1936— דעצ' 31, 1938	1941—1939	1944—1942	1947—1945
ערנצטע געזעץ־ברעכונג	15.04	19.52	16.39	14.90	14.49
קעגן פּערזאָן	2.26	2.83	2.23	1.61	2.66
קעגן פאַרמעגן	12.78	66.78	14.16	13.29	11.83
שיכּרות	18.20	16.69	13.64	17.39	21.76
אַנדערע	66.76	13.70	69.97	67.71	63.75
סך־הכּל	100.00	100.00	100.00	100.00	100.00

געזעץ־ברעכונג	פֿרויען				
	יולי 1, 1933— יוני 30, 1936	יולי 1, 1936— דעצ' 31, 1938	1941—1939	1944—1942	1947—1945
ערנצטע געזעץ־ברעכונג	22.64	24.18	16.04	24.81	22.23
קעגן פּערזאָן	3.02	1.10	2.61	1.55	3.54
קעגן פאַרמעגן	19.62	23.08	13.43	23.26	18.69
שיכּרות	14.34	9.34	7.09	18.60	22.22
אַנדערע	63.02	66.48	76.87	56.59	55.55
סך־הכּל	100.00	100.00	100.00	100.00	100.00

די נטיה אויף אַראָפּ אָדער אַרויף אין דער צאָל געזעץ־ברעכונגען איז ניט די זעלביקע ביי מענער און פֿרויען. דער פּראָצענט וואָס מען האָט באַשולדיקט אין הריגת־נפֿש, איבערפֿאַל און פֿאַרגוואַלדיקונג איז געגאַנגען אויף אַראָפּ: פֿון 1טן יולי 1933 ביזן 31סטן דעצעמבער 1941 איז עס געווען 2.42 פּראָצענט פֿון אַלע אַרעסטירטע מענער, און אין די יאָרן 1942—1947 איז עס געווען 2.23, הגם אָט דער אונטערשייד איז סטאַטיסטיש ניט באַטייַטיק. ביי ייִדישע פֿרויען איז דאָ געווען אַ פֿאַרקערטע ריכטונג: פֿון 2.38 פּראָצענט פֿון אַלע אַרעסטירטע ייִדישע פֿרויען אין דער ערשטער העלפֿט פֿון דער תּקופֿה וואָס מיר אַנאַליזירן צו 2.75 פּראָצענט אין דער צווייטער העלפֿט, אָבער אויך דאָ איז דער אונטער־שייד סטאַטיסטיש ניט באַטייַטיק. ווען מיר באַטראַכטן געזעץ־ברעכונגען קעגן פֿאַרמעגן, זעען מיר אַז אין די פֿריִערע יאָרן איז דער פּראָצענט ביי ייִדישע מענער געווען גרעסער ווי אין די שפּעטערע זעקס יאָר: פֿון 14.36 פּראָצענט ביז 12.43 פּראָצענט, אָבער ביי ייִדישע פֿרויען איז געווען אַ געוויסע נטיה אויף אַרויף: פֿון 18.18 צו 20.49 פּראָצענט. אָבער דער חילוק איז נאָך ניט גענוג גרויס אַז מע זאָל באמת קענען ריידן וועגן אַ נטיה אויף אַרויף. הן ביי ייִדישע מענער הן ביי ייִדישע פֿרויען איז געווען אַ שטאַרקע און בפֿירושע נטיה אויף אַרויף אין דער צאָל אַרעסטירטע פֿאַר שיכּרות. אין די יאָרן 1933—1941 איז עס געווען ביי מענער 11.40 פּראָצענט פֿון אַלע אַרעסטירטע, ביי פֿרויען — 10.35 פּראָצענט; אין די יאָרן 1942—1947 האָבן מיר פֿאַר ייִדישע מענער 19.95 פּראָצענט און

אַר ייִדישע פֿרויען 20.80 פּראָצענט. דאָ זעען מיר בײַ בײדע געשלעכטער די
צלביקע נטיה. אין דער גרופּע „אַנדערע" געזעץ־ברעכונגען איז סטאַטיסטיש
אַטײַטיק דער אָפּקום אין דעם פּראָצענט באַשולדיקטע ייִדישע פֿרויען: פֿון
6 פּראָצענט אין די פֿרי̇ערע יאָרן ביז 56 פּראָצענט אין די שפּעטערע. הגם
ט אין אַזאַ גרויסער מאָס, איז אין דער זעלביקער צײַט געפֿאַלן אויך דער
ראָצענט בײַ די „אַנדערע" געזעץ־ברעכונגען וואָס מען האָט אין זיי באַשולדיקט
דישע מענער.

קומען מיר בכן צום אויספֿיר אַז אַ באמתער חילוק אין דער נטיה אויף אַראָפּ
דער אַרויף אין דער צאָל אַרעסטן פֿון ייִדישע מענער און פֿרויען איז קאָנטיק
אָר בנוגע געזעץ־ברעכונגען קעגן פֿאַרמעגן — רעלאַטיוו געשטיגן בײַ די פֿרויען
ון געפֿאַלן בײַ די מענער.

געבוירנשאַפֿט איז געווען נאָך אַן אַנדער פֿאַקטאָר. ייִדישע אימיגראַנטן
ײַנען רעלאַטיוו פֿאַראַן אין אַ גרעסערער צאָל צווישן די וואָס מען האָט באַ־
ולדיקט אין געזעץ־ברעכונגען קעגן פּערזאָן און אייגנס ווי הי־געבוירענע. אויב
יר זאָלן אָננעמען אַז אַ העלפֿט ייִדן פֿון לאָס־אַנדזשעלעס איז געבוירן געוואָרן
ין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס דאָס איז גאַנץ קאָנסערוואַטיוו גענומען,[20]
אָבן הי־געבוירענע ייִדן אויסגעמאַכט אין 1930 אַן ערך 3.5 פּראָצענט פֿון דער
י־געבוירענער ווײַסער באַפֿעלקערונג, אין 1940 — אַרום 5 פּראָצענט און
ין 1946 אַ פּנים 7 פּראָצענט. אָבער זיי האָבן אויסגעמאַכט ניט מער ווי 2.36 פּראָ־
ענט צווישן הי־געבוירענע ווײַסע וואָס מען האָט זיי באַשולדיקט במשך פֿון
ער צײַט וואָס מיר באַטראַכטן אין ערנצטע געזעץ־ברעכונגען קעגן פּערזאָן,
ון זיי זײַנען געווען 3.22 פּראָצענט פֿון די וואָס מען האָט באַשולדיקט אין
ויבערײַ, אײַנברעכערײַ און גנבֿה. אָבער אַז מיר קומען צו ייִדישע אימיגראַנטן
יז דאָרטן דער פּראָצענט אַ העכערער — 8.66 און 9.66 פּראָצענט פֿון די ווײַסע
ימיגראַנטן, וואָס מען האָט זיי באַשולדיקט אין די דערמאָנטע צוויי גרופּעס
אַרברעכנס. הייסט עס, אַז די שער, דאָס פֿונאַנדערגיין זיך צווישן דער פֿאַקטישער
ין טעאָרעטישער אַרעסט־ראַטע איז בײַ הי־געבוירענע ייִדן אַ סך גרעסער ווי
ײַ ייִדן־אימיגראַנטן. לאָמיר אָבער ניט פֿאַרגעסן אַז אויך בײַ ייִדישע אימיגראַנטן
יז די פֿאַקטישע אַרעסט־ראַטע אַ סך קלענער ווי די טעאָרעטישע. די פּראָ־
ענטער בײַ ייִדישע אימיגראַנטן (8.66 פּראָצענט געזעץ־ברעכערס קעגן פּערזאָן
ן 9.66 פּראָצענט — קעגן פֿאַרמעגן) ווײַזן נאָך ניט אַז ייִדישע אימיגראַנטן זײַנען
ער נוטה צו פֿאַרברעכנס קעגן פֿאַרמעגן אײדער קעגן פּערזאָן, אָבער בײַ הי־

---

[20] מען האָט געשאַצט אַז 63 פּראָצענט פֿון ייִדן אין מינעאַפּאָליס (אין יאָר 1936), פּאַסייק
ין טרענטאָן (אין יאָר 1937), באָפֿאַלאָ, ניו־לאָנדאָן, נאָרוויטש, פּיטסבורג, סאַן־פֿראַנציסקאָ
ין סטאַמפֿאָרד (אין 1938) זײַנען געווען הי־געבוירענע. זען:

Robison, S. M., ed., *Jewish Population Studies,* p. 11, 23, 39, 59, 71, 93, 1
166, 170; Graeber, I. and Britt, S. H., eds., *Jews in a Gentile World,* p. 204-205

פֿאַראַן אויך אַ באַריכט אַז 69 פּראָצענט פֿון ייִדן אין נואַרק זײַנען אין 1947 געווען הי־
בוירענע. זען:

Robison, S. M., *The Jewish Population of Essex County,* Part I, p.

געבוירענע ייִדן זײַנען די אונטערשיידן סטאַטיסטיש באַטײַטיק און דאָ קענען מיר באמת אָננעמען אַז הי־געבוירענע ייִדן זײַנען גיכער מסוגל צו געזעץ־ברע־כונגען קעגן פֿאַרמעגן ווי צו געזעץ־ברעכונגען קעגן פּערזאָן.

די צאָל ייִדן וואָס מען האָט באַשולדיקט אין שיכּרות איז זייער קליין. אין דער גרופּע הי־געבוירענע זײַנען געווען נאָר 0.4 פּראָצענט ייִדן צווישן אַלע אַמעריקאַנער־געבוירענע ווײַסע; אין דער אימיגראַנטן־גרופּע זײַנען געווען 0.9 פּראָצענט אימיגראַנטן־ייִדן. די פֿאַקטישע אַרעסט־ראַטע איז דאָ ווייניקער ווי אַ צענטל לגבי דער ראַטע וואָס מיר וואָלטן זיך געמעגט ריכטן אויף איר.

צווישן די אַרעסטירטע פֿאַר קלענערע געזעץ־ברעכונגען זײַנען בײַ די הי־געבוירענע ווײַסע געווען 4 פּראָצענט ייִדן און בײַ די ווײַסע אימיגראַנטן 12 פּראָצענט ייִדן. בײַ די הי־געבוירענע ייִדן האָבן מיר דאָ ווידער אַ סך אַ נידעריקערע פֿאַקטישע ראַטע איידער די טעאָרעטישע, און בײַ די ייִדישע אימיגראַנטן פֿאַלט דאָ כמעט צונויף די פֿאַקטישע ראַטע מיט דער טעאָרעטישער.

טאַבעלע IX

פּראָצענט ייִדן צווישן ווײַסע, הי־געבוירענע און אימיגראַנטן, אַרעסטירטע אין לאָס־אַנדזשעלעס, 1947—1933

געזעץ־ברעכונג	הי־געבוירענע ווײַסע: % ייִדן צווישן הי־געבוירענע ווײַסע	הי־געבוירענע ווײַסע: % ייִדישע מענער צווישן הי־געבוירענע ווײַסע מענער	הי־געבוירענע ווײַסע: % ייִדישע פֿרויען צווישן הי־געבוירענע ווײַסע פֿרויען	ווײַסע אימיגראַנטן: % ייִדן צווישן ווײַסע אימיגראַנטן	ווײַסע אימיגראַנטן: % ייִדישע מענער צווישן ווײַסע אימי־גראַנטן־מענער	ווײַסע אימיגראַנטן: % ייִדישע פֿרויען צווישן ווײַסע אימי־גראַנטן־פֿרויען
הריגת־נפֿש	2.6	2.7	1.8	9.3	9.4	8.3
איבערפֿאַל	2.3	2.3	1.6	8.8	8.3	14.3
פֿאַרגוואַלדיקונג	2.5	2.5	0.0	7.1	7.2	0.0
רויבערײַ	3.7	3.8	1.4	6.7	7.0	0.0
אײַנברעכערײַ	2.8	2.7	2.8	6.2	6.2	6.0
גנבֿה	3.2	3.2	3.5	13.5	13.2	14.5
פֿעלשונג און נאָכמאַכונג	4.6	4.7	4.2	14.7	15.2	10.4
געזעצן וועגן נאַרקאָטישע מיטלען	6.5	7.9	1.5	11.3	12.9	3.1
געזעצן וועגן אַלקאָהאָל	6.3	7.0	2.2	9.9	10.2	6.8
שיכּרות	0.4	0.4	0.4	0.9	0.9	0.4
פֿירן אַן אויטאָ שיכּורערהייט	0.7	0.7	0.5	2.0	2.0	1.0
פֿאַרקער־תּקנות	1.4	1.3	1.9	8.4	8.8	0.0
סעקס	2.3	3.3	1.3	8.5	9.6	4.3
געזעץ־ברעכונג קעגן פֿאַמיליע	2.3	2.3	1.1	13.2	13.5	0.0
געווער	2.3	2.4	0.0	6.9	7.1	0.0
שלעפּערײַ	1.3	1.3	1.9	2.3	2.3	2.8
שטערן אָרדענונג	2.8	2.6	4.2	9.9	10.1	8.6
מוניציפּאַלע תּקנות	9.0	9.7	3.8	21.1	21.0	22.3
אַנדערע	7.3	7.7	3.2	16.9	17.3	12.4

אַ פּרטימדיקער אַנאַליז וועגן הי־געבוירענע און אימיגראַנטן ווערט גע־געבן דאָ אין טאַבעלע IX. די הי־געבוירענע ייִדישע מענער זײַנען געווען מער ווי

5 פּראָצענט צווישן הי־געבוירענע ווײַסע מענער אין אַזעלכע אַרעסטפֿאַלן: פֿאַרן עובֿר זײַן אויף מוניציפּאַלע תּקנות, פֿאַרן ברעכן געזעצן וועגן נאַרקאָטישע מיטלען, געזעצן וועגן אַלקאָהאָלישע משקאות און „אַנדערע" געזעץ־ברעכונגען. זיי האָבן אויסגעמאַכט מער ווי 3 אָבער ווייניקער ווי 5 פּראָצענט אין די פֿאַלן פֿון: גנבֿה, רויבערײַ, סעקס און פֿעלשונג און נאָכמאַכונג, זיי זײַנען געווען פֿון 2 ביז 3 פּראָצענט צווישן די וואָס זײַנען באַשולדיקט געוואָרן אין איבערפֿאַל, ברעכן אַחריות קעגן דער משפּחה, טראָגן אָדער באַזיצן געווער, פֿאַרגוואַלדיקונג, שטערן די אָרדענונג, הריגת־נפֿש און אײַנברעכערײַ.

אין דעם אָפּווײַך־מוסטער פֿון די ייִדן איז געווען אַ חילוק צווישן אימיגראַנטן און הי־געבוירענע. צווישן ווײַסע אימיגראַנטן זײַנען געווען מער ווי אַ צענטל ייִדן אין די פֿאַלן פֿון: מוניציפּאַלע תּקנות, „אַנדערע", פֿעלשונג און נאָכמאַכונג, געזעץ־ברעכונגען קעגן משפּחה, גנבֿה, נאַרקאָטישע מיטלען, אַלקאָהאָל, שטערן די אָרדענונג. צווישן 6 ביז 10 פּראָצענט ייִדישע אימיגראַנטן זײַנען געווען צווישן די אַרעסטירטע ווײַסע אימיגראַנטן פֿאַר: סעקס, הריגת־נפֿש, פֿאַרקער־תּקנות, איבערפֿאַל, פֿאַרגוואַלדיקונג, געווער, רויבערײַ, אײַנברעכערײַ.

פֿאַראַן אויך אונטערשיידן צווישן מענער און פֿרויען, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דעם מאָמענט הי־געבוירנקייט. אַ רעלאַטיוו גרעסערע צאָל הי־געבוירענע ייִדישע פֿרויען זײַנען געווען צווישן די הי־געבוירענע ווײַסע פֿרויען לגבי די זעלביקע גרופּעס בײַ מענער אין די פֿאַלן פֿון: פֿאַרקער־תּקנות, שלעפּערײַ, אײַנברעכערײַ, גנבֿה און שטערן די אָרדענונג. צווישן די אימיגראַנטן האָבן ייִדישע פֿרויען אַ רעלאַטיוו גרעסערע צאָל ווי ייִדישע מענער אין די באַשולדיקונגען פֿאַר: שלעפּערײַ, איבערפֿאַל, גנבֿה, מוניציפּאַלע תּקנות.

די טאַבעלע VII ווײַזט שוין ביז וואָסער מאָס דער אָפּווײַך־מוסטער פֿון די הי־געבוירענע ייִדן איז ענלעך צום אָפּווײַך־מוסטער פֿון די ייִדישע אימיגראַנטן. עס איז ניטאָ קיין סטאַטיסטיש באַטײַטיקער אונטערשייד אין די פֿאַלן: הריגת־נפֿש, פֿאַרגוואַלדיקונג, גנבֿה, אַלקאָהאָלישע משקאות, פֿירן שיכּורערהייט אַן אויטאָ. אָבער אויפֿן סמך פֿון די זעלביקע באַריכטן פֿון דער לאָס־אַנדזשעלעסער פּאָליציי זײַנען די הי־געבוירענע ייִדן גיכער עלול איידער די ייִדישע אימיגראַנטן אויף: רויבערײַ, אײַנברעכערײַ, פֿעלשונג און נאָכמאַכונג, ברעכן געזעצן וועגן נאַרקאָטישע מיטלען, שיכּרות און שלעפּערײַ. אָבער פֿון דער צווייטער זײַט זײַנען די ייִדישע אימיגראַנטן גיכער עלול ווי הי־געבוירענע ייִדן אויף: איבערפֿאַל, געזעץ־ברעכונגען בנוגע סעקס (אַהער קומט אויך אַרײַן פּראָסטיטוציע און קאָמערציאַליזירטע זינד), געזעץ־ברעכונג קעגן משפּחה, שטערן די אָרדענונג, עובֿר זײַן אויף מוניציפּאַלע תּקנות און „אַנדערע" געזעץ־ברעכונגען.

צוגאָב־ידיעות האָבן מיר פֿאַר די יאָרן 1945—1947, ווען עטלעכע מינים „אַנדערע" געזעץ־ברעכונגען האָט מען אויסגעטיילט באַזונדער. אַ העלפֿט פֿון די 459 ייִדישע אימיגראַנטן און נאָר 38.7 פּראָצענט פֿון 2,625 הי־געבוירענע ייִדן (מאַנסבילן) האָט מען אַרעסטירט במשך פֿון די דרײַ יאָר מיט דער באַשולדיקונג אין אַזאַרטשפּיל. אויף אַזאַ אופֿן זעען מיר אַז אַזאַרטשפּיל איז צווישן ייִדן געווען

מער פֿאַרשפּרייט ווי צווישן ווײַסע ניט־ייִדן, און אַז צווישן ייִדישע אימיגראַנטן איז אַזאַרטשפּיל געווען מער פֿאַרשפּרייט ווי צווישן הי־געבוירענע ייִדן. אָבער ווען מיר קומען צו דער גרופּע גנבֿה פֿון אויטאָס — געפֿינען מיר דאָרטן סך־הכּל 0.2 פּראָצענט ייִדישע אימיגראַנטן און 1.1 פּראָצענט הי־געבוירענע ייִדן, אַגבֿ אַן אונטערשייד ניט קיין צופֿעליקער.

פֿון די 170 הי־געבוירענע ייִדישע פֿרויען וואָס מען האָט אַרעסטירט אין די יאָרן 1945—1947 האָט מען אַ נײַנטל — 11.2 פּראָצענט — באַשולדיקט אין פֿאַרשווענדונג און שווינדל, און אַ זיבעטל — 14.7 פּראָצענט — אין פּראָסטיטוציע און קאָמערציאַליזירטע זינד, אָבער קיין איינע פֿון די 28 אַרעסטירטע ייִדישע אימיגראַנטישע פֿרויען איז אין די זאַכן ניט באַשולדיקט געוואָרן. אַ פֿערטל פֿון אָט די פֿרויען האָט מען באַשולדיקט אין אַזאַרטשפּיל, וואָס אין דעם איז ניט באַשולדיקט געוואָרן קיין איינע פֿון די הי־געבוירענע ייִדישע פֿרויען. הגם מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט קליינע צאָלן, זאָגן זיי דאָך אונטער געוויסע אונטערשיידן.

די אַנדערשקייטן אין די פֿאַרשיידענע אָפּווײַך־מוסטערן דאַרף מען צום טייל צושרײַבן אויפֿן חשבון פֿון עלטער. די הי־געבוירענע זײַנען בלי־ספֿק אַ סך אַ גרעסערער חלק צווישן די וואָס זײַנען אין עלטער פֿון 19 ביז 29 איידער די אימיגראַנטן. אָט די עלטער־גרופּע האָט תּמיד אַ גרעסערן פּראָצענט צווישן די וואָס באַרויבן, ברעכן זיך אַרײַן און פֿאַרגוואַלדיקן. די זעלביקע עלטער־גרופּע גיט אויך מער עלעמענטן וואָס ווערן באַשולדיקט אין שיכּרות, פֿירן אַן אויטאָ שיכּורערהייט און שלעפּערײַ. חוץ עלטער זײַנען דאָ פֿאַראַן נאָך אַזעלכע פֿאַקטאָרן ווי: אונטערשייד אין באַשעפֿטיקונג, אין פֿאַמיליע־צושטאַנד און אין בילדונג.

מיר זעען אַז עס האָט זיך געביטן דער אָפּווײַך־מוסטער בײַ די הי־געבוירענע ייִדן. דער פּראָצענט פֿון באַשולדיקטע אין געזעץ־ברעכונג קעגן פּערזאָן איז געפֿאַלן פֿון 2.26 פּראָצענט אין די יאָרן 1933—1941 ביז 1.89 אין די יאָרן 1942—1947. אָבער אָט דער אָפּקום אין פּראָצענט איז ניט סטאַטיסטיש באַטײַטיק. בכן קען מען ניט זאָגן בפּה מלא אַז דאָ איז פֿאַראַן אַ בפֿירושע נטיה אויף אַראָפּ. דער פּראָצענט פֿון באַשולדיקטע אין רויבערײַ, אײַנברעכערײַ און גנבֿה איז געפֿאַלן פֿון 15.69 אין די פֿריִערע יאָרן ביז 13.83 אין די שפּעטערע יאָרן. אָט דער אונטערשייד איז יאָ סטאַטיסטיש באַטײַטיק. אָבער דער פּראָצענט פֿון באַשולדיקטע אין שיכּרות איז אין די זעלביקע צײַטאָפּשניטן געשטיגן פֿון 14.83 צו 21.22 — דאָ זעען מיר זייער אַ קלאָר גיין אויף אַרויף. ווען מיר נעמען צונויף אַלע אַנדערע געזעץ־ברעכונגען, האָבן מיר פֿאַר די פֿריִערע יאָר דעם פּראָצענט 67.22 און פֿאַר די שפּעטערע — 63.06, אַ סטאַטיסטיש באַטײַטיק אונטערשייד.

איצט אַז מיר ווענדן זיך צו די אימיגראַנטן און מיר באַטראַכטן דעם חילוק אין די שפּעטערע יאָרן (1942—1947) לגבי די פֿריִערע (פֿון 1טן יולי 1933 ביז 31סטן דעצעמבער 1941), זעען מיר דאָ אַ שטײַגן אין פּראָצענט פֿון באַשולדיקטע אין פֿאַרברעכנס קעגן פּערזאָן — ס׳איז געוואָרן 4.0% בעת פֿריִער איז עס געווע

נאָר 2.93%, אָבער אָט דער אונטערשייד איז סטאַטיסטיש ניט באַטײַטיק. דאָ איז שווער צו זאָגן אַז מיר האָבן אַ בפֿירושע נטיה אויף אַרויף. אָבער עס איז יאָ סטאַטיסטיש באַטײַטיק דער אָפּקום אין פּראָצענט פֿון באַשולדיקטע אין רויבערײַ, אײַנברעכערײַ און גנבֿה — פֿון 10.95 פּראָצענט אין די פֿריִערע יאָרן ביז 8.52 פּראָצענט אין די שפּעטערע יאָרן. דער אונטערשייד צווישן 15.92 פּראָצענט וואָס מען האָט אין די פֿריִערע יאָרן באַשולדיקט אין שיכּרות ביז 14.27 פּראָצענט באַשולדיקטע פֿאַר דער זעלביקער זאַך אין די שפּעטערע יאָרן איז ניט גענוג גרויס אַז מע זאָל דאָ קענען אָנווײַזן אויף אַ בפֿירושער נטיה. דאָס אייגענע לאָזט זיך זאָגן וועגן דעם אונטערשייד צווישן 70.20 פּראָצענט פֿון באַשולדיקטע אין אַלע אַנדערע געזעץ־ברעכונגען לגבי דעם שפּעטערדיקן פּראָצענט 73.20.

טאַבעלע X

נטיות בנוגע געזעץ־ברעכונגען בײַ הי־געבוירענע ייִדן און אימיגראַנטן, אַרעסטירטע אין לאָס־אַנדזשעלעס, 1947—1933

געזעץ־ברעכונג	הי־געבוירענע				
	יולי 1, 1933— יוני 30, 1936	יולי 1, 1936— דעצ' 31, 1938	1941—1939	1944—1942	1947—1945
צטע געזעץ־ברעכונגען	16.57	20.55	17.12	16.52	15.21
עגן פּערזאָן	2.41	2.39	1.99	1.27	2.29
עגן פֿאַרמעגן	14.16	18.16	15.13	15.25	12.92
רות	19.01	12.69	12.22	18.56	22.93
ערע	64.42	66.76	70.66	64.92	61.86
סך־הכּל	100.00	100.00	100.00	100.00	100.00

געזעץ־ברעכונג	אימיגראַנטן				
	יולי 1, 1933— יוני 30, 1936	יולי 1, 1936— דעצ' 31, 1938	1941—1939	1944—1942	1947—1945
נטע געזעץ־ברעכונגען	12.55	16.61	13.62	11.49	13.55
עגן פּערזאָן	2.03	4.15	3.25	2.87	5.13
עגן פֿאַרמעגן	10.52	12.46	10.37	8.62	8.42
־ות	15.03	16.61	16.62	13.35	15.20
־רע	72.42	66.78	69.76	75.16	71.25
סך־הכּל	100.00	100.00	100.00	100.00	100.00

ווען מיר נעמען צונויף אַלץ וואָס מיר האָבן ביז איצט אַרויסגעבראַכט באַקומט זיך קלאָר און דײַטלעך אַז ייִדן אין לאָס־אַנדזשעלעס פֿאָלגן אויס די געזעצן אין אַ גרעסערער מאָס ווי די אַלגעמיינע ווײַסע באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט. די אַרעסט־ראַטע בײַם באַשולדיקן אין געזעץ־ברעכונגען הן קעגן פּערזאָן הן קעגן פֿאַרמעגן איז די גאַנצע צײַט אַ סך אַ נידעריקערע ווי מיר וואָלטן געקענט זיך ריכטן. באַזונדער בולט איז עס בנוגע שיכּרות און בנוגע ערנצטע געזעץ־ברעכונגען. ווען מיר קומען צו אַנדערע, צו קלענערע געזעץ־ברעכונגען,

ווערט דער חילוק צווישן דער טעאָרעטישער און דער פּאַקטישער אַרעסט־ראַטע אַ קלענערער.

מיר האָבן אויך געזען אַז דער אָפּווײַך־מוסטער איז פֿאַרשיידן בײַ מענער און פֿרויען. אַ רעלאַטיוו גרעסערע צאָל פֿרויען האָט מען באַשולדיקט אין גנבֿה, סעקסועלע געזעץ־ברעכונגען, פֿעלשונג און נאָכמאַכונג און שטערן די אָרדענונג. געבווירנשאַפֿט איז ווידער אַ באַזונדער פֿאַקטאָר. אַ לפֿי־ערך גרעסערע צאָל הי־געבוירענע האָט מען אַרעסטירט פֿאַר אײַנברעכערײַ, רויבערײַ, פֿעלשונג און נאָכמאַכונג, שיכּרות, שלעפּערײַ, פֿאַר עובֿר זײַן אויף די געזעצן וועגן נאַר־קאָטישע מיטלען, בעת אַ גרעסערן פּראָצענט צווישן די אימיגראַנטן האָט מען אַרעסטירט פֿאַר איבערפֿאַל, שטערן די אָרדענונג, פֿאַרן זײַן עובֿר אויף מוני־ציפּאַלע תּקנות און פֿאַר עטלעכע אַנדערע קלענערע געזעץ־ברעכונגען.

דער אַלגעמיינער היוצא מדבֿרינו: די אַרעסט־ראַטע פֿון לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדן איז נאָר אַ בראָכצאָל פֿון יענער ראַטע אויף וועלכער מען וואָלט געמעגט זיך ריכטן.

4

דער סאָציאַלער אויפֿפֿיר פֿון אַ יחיד באַקומט זיך ווי אַ שותּפֿישער רעזולטאַט פֿון אַ סך פֿאַרשיידענע פֿאַקטאָרן. מע דאַרף זיך רעכענען מיטן משפּחהדיקן הינ־טערגרונט, מיט דער קולטורעלער ירושה, מיט דער סאָציאַלער סבֿיבֿה, מיטן מעמד פֿון דעם יחיד, זײַנע נייגונגען, זײַן אינטעליגענץ, זײַן עמאָציאָנעלער צופּאַסיקייט, זײַנע שטרעבונגען, אידעאַלן, אינטערעסן און ווערטן. ייִדן, צי זיי לעבן אין לאָס־אַנדזשעלעס צי אַנדערש ווו, זײַנען ניט קיין יוצא־מן־הכּלל. זייערע שטעלונגען און זייער אויפֿפֿיר זײַנען אויך רעזולטאַטן פֿון אַ סך פֿאַקטאָרן וואָס ווירקן אויף זיי. מיר ווייסן אָבער ניט ביז וואָסער מדרגה געוויסע פֿאַקטאָרן האָבן אַ כּוח צוריקצוהאַלטן ייִדן פֿון געזעץ־ברעכונגען אין אַ גרעסערער מאָס ווי ניט־ייִדן. דעריבער זאָל מען אויפֿנעמען ניט מער ווי השערות, ווי היפּאָטעזן, אַ טייל פֿון דעם וואָס מיר ברענגען ווײַטער. די אַנדערע דערקלערונגען זײַנען אָבער באַזירט אויף פֿאַקטן וואָס מען קען זיי קאָנטראָלירן.

מע דאַרף נעמען אין באַטראַכט צוויי גענג פֿאַקטאָרן. ווי מיטגלידער פֿון אַ באַזונדערער קולטור־גרופּע ווערן ייִדן באַווירקט, לכל הפּחות ביז צו אַ גע־וויסער מדרגה, פֿון אייגענע טראַדיציעס, פּירונגען, ווערטן און סאַנקציאָנירונגען. און דערבײַ זײַנען דאָך ייִדן אַ מיעוט־גרופּע און קענען בכן ניט אָפּטמאַכן מיט דער האַנט די באַציִונג פֿון דעם רובֿ צו זיי און די מיגלעכע תּוצאות פֿון זייערע שלעכטע מעשׂים פֿאַר אַלע ייִדן. אין דער זעלביקער צײַט ווערן די אײַנשטעלונגען און דער אויפֿפֿיר פֿון ייִדן באַווירקט פֿון די אַלגעמיינע לעבנס־תּנאים און פּראָ־צעסן וואָס ייִדן און ניט־ייִדן זײַנען כּמעט אין אַ גלײַכער מאָס אונטערגעוואָרפֿן אונטער זיי.

עלטער איז איינער פֿון אָט די אַלגעמיינע פֿאַקטאָרן. בעתן צענזוס פֿון 1940 זײַנען אין לאָס־אַנדזשעלעס געווען מענער אין עלטער פֿון 18 ביז 29 — 26.6 פּראָצענט פֿון דער גאָרער דערוואַקסענער מענלעכער באַפֿעלקערונג. אָט די

רופּע האָט אָבער אין די יאָרן 1939—1941 געגעבן 65 פּראָצענט פֿון אַלע
רעסטירטע מענער אין עלטער פֿון 18 יאָר און מער וואָס מען האָט באַשול־
יקט אין אײַנברעכערײַ, רויבערײַ, גנבֿה, און 47.8 פּראָצענט פֿון אַלע מענער
ין דערמאָנטן עלטער וואָס מען האָט באַשולדיקט אין הריגת־נפֿש, איבער־
אַל און פֿאַרגוואַלדיקונג. פֿון דער צווייטער זײַט זײַנען געווען אין לאָס־
נדזשעלעס מענער עלטער פֿון 40 יאָר — 50.4 פּראָצענט פֿון דער גאָרער
ערוואַקסענער מענלעכער באַפֿעלקערונג, אָבער אָט די גרופּע האָט געגעבן ניט
ער ווי 12 פּראָצענט באַשולדיקונגען אין ערנצטע פֿאַרברעכנס קעגן פֿאַרמעגן
ון 22.2 פּראָצענט באַשולדיקונגען אין הריגת־נפֿש, איבערפֿאַל און פֿאַרגוואַלדי־
ונג. און די מיטעלע גרופּע, אין עלטער צווישן 30—39, וואָס האָט אויסגעמאַכט
2 פּראָצענט פֿון דער גאָרער דערוואַקסענער מענלעכער באַפֿעלקערונג — האָט
עגעבן פֿאַר די דערמאָנטע צוויי גרופּעס געזעץ־ברעכונגען 23 און 30 פּראָ־
ענט. און צו דער גלײַכער צײַט האָט אָט די מיטעלע גרופּע געגעבן אַ דריטל
— 32.7 פּראָצענט — באַשולדיקטע אין פֿעלשונג און נאָכמאַכונג, אַ דריטל —
32. פּראָצענט — באַשולדיקטע אין עובֿר זײַן אויף געזעצן וועגן אַלקאָהאָלישע
ושקאות; די זעלביקע גרופּע האָט צוגענומען פֿאַר זיך 42.8 פּראָצענט פֿון אַלע
אַשולדיקטע אין געזעץ־ברעכונגען קעגן פֿאַמיליע און 30.6 פּראָצענט פֿון די
ואָס האָבן עובֿר געווען אויף געזעצן וועגן נאַרקאָטישע מיטלען. זעען מיר
ון דעם אַז אָפּווײַכונגען אין אויפֿפֿיר בײַטן זיך מיטן עלטער, און דאָס איז
אָך אַגבֿ פֿאַרבונדן מיט געוויסע סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע פֿאַקטאָרן און
ראָצעסן.

עס איז אָבער אַ גרויסער ספֿק צי מע קען די גאָר נידעריקע אַרעסט־ראַטע
ון לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדן דערקלערן מיט דער אייגנאַרטיקער עלטער־פֿאַר־
ײַלונג. לויט איין אָפּשאַצונג [21] זײַנען אין יאָר 1941 געווען צווישן אַלע לאָס־
נדזשעלעסער ייִדישע מענער און פֿרויען פֿון 20 יאָר און העכער גאַנצע 44.5
ראָצענט אין עלטער פֿון 45 יאָר און העכער. בנוגע דער אַלגעמיינער באַ־
עלקערונג האָבן מיר די זיכערע דאַטע פֿון צענזוס 1940 אַז די זעלביקע עלטער־
רופּע איז באַשטאַנען פֿון 42.9 פּראָצענט. ווען מיר קומען צו דער עלטער־
רופּע צווישן 25 און 44 יאָר, גיט די זעלביקע אָפּשאַצונג — פֿאַר ייִדן 44.9
ראָצענט און די צענזוס־דאַטע איז 46.2 פּראָצענט. אָבער אָט די אונטערשיידן
ײַנען ניט גרויס גענוג אַז זיי זאָלן עס קענען דערקלערן דאָס פֿונאַנדערגיין
ך צווישן דער פֿאַקטישער און טעאָרעטישער אַרעסט־ראַטע פֿון לאָס־אַנדזשע־
עסער ייִדן.

בכלל גענומען איז פֿאַראַן אַ מיטשײַכות (קאָרעלאַציע) צווישן בילדונג
ון אַרעסטן. דער צענזוס 1940 דערציילט אונדז אַז פֿון אַלע לאָס־אַנדזשעלעסער
ענער וואָס זײַנען געווען עלטער פֿון 25 יאָר האָבן 18.4 פּראָצענט דורכגעמאַכט
ין אָדער מער יאָרן אין קאַלעדזש און 39.6 פּראָצענט זײַנען געגאַנגען אין הײַ־

[21] Kohs, Samuel C., "The Jewish Community of Los Angeles," in *The Jewi* *Review*, vol. ii, p. 98.

סקול אָדער זי פֿאַרענדיקט. אָבער צווישן די אַרעסטירטע אין די יאָרן 1941—1939 זייַנען פֿאַראַן נאָר 8.4 פּראָצענט וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף קאַלעדזש־בילדונג און נאָר 34.2 פּראָצענט וואָס האָבן אָנגעגעבן הייַסקול־בילדונג. ביי די וואָס האָבן זיך געלערנט אין אַ קאַלעדזש איז די אַרעסט־ראַטע געווען נאָר אַ בראָכטייל פֿון דער צאָל וואָס מען האָט געקענט זיך ריכטן אויף איר.

ניט ווייניקער ווערט איז דער פֿאַקט אַז די גרופּע מיט קאַלעדזש־בילדונג איז גיכער מסוגל אויף געוויסע מינים געזעץ־ברעכונגען ווי אַנדערע גרופּעס. אין די יאָרן 1941—1939 האָט די גרופּע מיט קאַלעדזש־בילדונג (אין עלטער פֿון 18 יאָר און העכער) געגעבן 6.3 פּראָצענט צווישן די באַשולדיקטע אין רויבעריי, איינברעכערייַ און גנבֿה און 7.5 פּראָצענט צווישן די באַשולדיקטע אין הריגת־נפֿש, איבערפֿאַל, פֿאַרגוואַלדיקונג, אָבער אין דער זעלביקער צייַט האָט די גרופּע צוגעשטעלט גאַנצע 22.1 פּראָצענט באַשולדיקטע אין פֿעלשונג און נאָכמאַכונג. פֿאַר די לעצט דערמאָנטע געזעץ־ברעכונגען האָט די הייַסקול־גרופּע צוגעשטעלט 46.4 פּראָצענט פֿאַלן. דאָס שטויסט צום אויספֿיר אַז מענטשן מיט קאַלעדזש־ און הייַסקול־בילדונג זייַנען גיכער מסוגל צו אַזוי צו זאָגן „ווייַס־קאָלנערדיקע" געזעץ־ברעכונגען איידער די אַנדערע גרופּעס.

הגם מיר האָבן ניט קיין פֿעסטע דאַטעס וועגן בילדונגס־מעמד פֿון לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדן, מעג מען דאָך אָננעמען אַז זיי האָבן אַ העכערן פּראָצענט גראַדויִרטע פֿון הייַסקולן און קאַלעדזשן איידער די אַלגעמיינע ווייַסע באַפֿעלקערונג. דאָס איז אַוודאי ריכטיק בנוגע דער הי־געבוירענער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די הנחה שטיצט זיך אָט אויף וואָס: לויט אַ שטודיע פֿון 1946 זייַנען אין אַמעריקאַנער קאַלעדזשן, אוניווערסיטעטן און פּראָפֿעסיאָנאַלן־שולן געווען 9.2 פּראָצענט ייִדן, און אין די זעלביקע מינים שולן אין קאַליפֿאָרניע זייַנען געווען 5.2 פּראָצענט ייִדן.[22] אַזוי אַרום איז די ייִדישע סטודענטן־ראַטע אַ סך אַ העכערע ווי מען וואָלט געקענט זיך ריכטן. עס איז אויך פֿאַראַן אַ באַריכט פֿון 1947 אַז 68 פּראָצענט ייִדן וואָס האָבן געענדיקט הייַסקול האָבן אָנגעגעבן בקשות אַרייַנצוטרעטן אין אַ קאַלעדזש, בעת נאָר 35 פּראָצענט ווייַסע פּראָטעסטאַנטן און נאָר אַ פֿערטל קאַטוילישע גראַדויִרטע פֿון הייַסקול האָבן דאָס געטאָן.[23] אויף אַזאַ אופֿן דאַרפֿן מיר נעמען אין חשבון אַז דער העכערער פּראָצענט

[22] Shostek, Robert, *Two Hundred Thousand Jewish Collegians*, Tables II and XIIIa.

[23] Roper, Elmo, *Factors Affecting the Admission of High School Seniors to College*, p. XV.

די פֿאָרשונג ווייַזט אויך אַז אַ העכערער פּראָצענט פֿון גראַדויִרטע פֿון הייַסקולן וואָ לעבן אין גרויסע שטעט דערלאַנגען בקשות אָנצוקומען אין אַ קאַלעדזש, און אַז קינדע פֿון מענטשן פֿון אינטעליגענטע פּראָפֿעסיעס און פֿון די וואָס פֿאַרנעמען עקזעקוטיווע אַמט זייַנען אין אַ רעלאַטיוו גרעסערער צאָל צווישן די אַפּליקאַנטן אָנצוקומען אין אַ קאַלעדזש היות ייִדן לעבן אין גרויסע שטעט, אַזעלכע וואָס האָבן מער ווי אַ מיליאָן איינוווינערס, או זייַנען שטאַרק פֿאַרטראָטן צווישן די אינטעליגענטע פּראָפֿעסיעס, איז פֿון דעם שוין געדרונגע אַז זיי האָבן אַ רעלאַטיוו גרעסערע צאָל קאַלעדזש־גראַדויִרטע.

מיט קאַלעדזש־בילדונג צווישן ייִדן האָט צום טייל משפּיע געווען אויף דער נידעריקערער אַרעסט־ראַטע פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג, ווי אויך אויף אַ באַזונדער נידעריקערער ראַטע בנוגע געוויסע געזעץ־ברעכונגען.

די אַנדערשקייט אין פֿונאַנדערטיילונג לויט באַשעפֿטיקונג קען געבן נאָך אַ מיגלעכע דערקלערונג פֿאַר דער נידעריקער אַרעסט־ראַטע פֿון ייִדן. די פּאָליצייִשע באַריכטן גיבן אונדז אינפֿאָרמאַציע וועגן באַשעפֿטיקונג נאָר אין געוויסע יאָרן — פֿון 1טן יולי 1936 ביזן 31סטן דעצעמבער 1939. געפֿינען מיר אויס אַז צווישן די אַרעסטירטע זײַנען געווען 3.2 פּראָצענט פּראָפֿעסיאָנאַלן (דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, צאָנדאָקטוירים, געשוואָרענע בוכהאַלטערס א״אַ), 8.7 פּראָצענט אַגענטן און אָנגעשטעלטע, און צווישן זיי די וואָס זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיט האַנדל נאָר 1.9 פּראָצענט. הגם מיר ווייסן ניט צי דער אופֿן קלאַסיפֿיצירן וואָס די לאָס־אַנדזשעלעסער פּאָליציי האָט אָנגעווענדט פֿאַלט צונויף מיט דעם אופֿן קלאַסיפֿיצירן פֿון דעם צענזוס־ביוראָ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קען מען דאָך ניט מיינען אַז דער מיגלעכער חילוק אין קלאַסיפֿיצירן זאָל אַזוי פֿיל משפּיע זײַן אויף דער אַנדערשדיקער אַרעסט־ראַטע. לויטן צענזוס 1940 [24] זײַנען געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן און האַלב־פּראָפֿעסיאָנאַלן 9.7 פּראָצענט פֿון אַלע אַרבעטס־כּוחות, בעת פֿאַרקויפֿערס, אָנגעשטעלטע און ענלעכע גרופּעס האָבן געגעבן 20.5 פּראָצענט. מיר מעגן מיט זיכערקייט אָננעמען אַז אָט דיביידע באַשעפֿטיקונג־גרופּעס גיבן אַ קלענערע אַרעסט־ראַטע ווי די אַנדערע. (דאָ ווערט גערעדט בלויז וועגן מאַנסבילן.)

בשעת מיר האָבן צו טאָן מיטן פֿאַקטאָר באַשעפֿטיקונג, דאַרפֿן מיר נעמען אין באַטראַכט דעם באַזונדערן אָפּוויַיך־מוסטער בנוגע אויפֿפֿיר וואָס איז דאָ פֿאַראַן. אין דער דערמאָנטער צײַט, פֿאַר וועלכער מיר האָבן ידיעות וועגן באַשעפֿטיקונג פֿון די אַרעסטירטע, האָבן צווישן די ערנצטע געזעץ־ברעכונגען קעגן פּערזאָן די פּראָפֿעסיאָנאַלן געגעבן 3.1 פּראָצענט, די אַגענטן און אָנגעשטעלטע 7.6 פּראָצענט און די האַנדלס־גרופּע 3.4 פּראָצענט. בײַ באַשולדיקונגען אין ערנצטע געזעץ־ברעכונגען קעגן פֿאַרמעגן איז די באַטייליקונג פֿון די דרײַ גרופּעס געווען — 3.1, 9.9 און 2.1 פּראָצענט. אָבער די גרופּע פּראָפֿעסיאָנאַלן האָט געגעבן 10.3 פּראָצענט צווישן מענער, באַשולדיקטע אין פֿעלשונג און נאָכמאַכונג, אַגענטן און אָנגעשטעלטע האָבן געגעבן גאַנצע 30.2 פּראָצענט און די האַנדלס־גרופּע 5 פּראָצענט. אָט די לעצטע גרופּע האָט אויסגעמאַכט 5.8 פּראָצענט פֿון די וואָס האָבן עובֿר געווען אויף געזעצן וועגן נאַרקאָטישע מיטלען און אַלקאָהאָל און 6.2 פּראָצענט צווישן די וואָס האָבן געבראָכן די מוניציפּאַלע תּקנות. דאָס אַלץ פֿירט צום געדאַנק אַז עס איז פֿאַראַן אַ מיט־שײַכות, אַ קאָרעלאַציע, צווישן דער עקאָנאָמישער טעטיקייט און די מינים געזעץ־ברעכונגען.

די פֿונאַנדערטיילונג לויט באַשעפֿטיקונגען איז בײַ ייִדן אַנדערש ווי בײַ

---

[24] U. S. Bureau of the Census, *16th Census, Population,* vol. iii, Part 2, pp. 302-303, 329, 331.

אַנדערע עטנישע אָדער רעליגיעזע גרופּעס. דאָס איז חל אויף ייִדן פֿון לאָס־אַנדזשעלעס ווי אויף ייִדן אומעטום. וואָס די סיבה זאָל ניט זײַן, זײַנען ייִדן אומעטום רעלאַטיוו מער פֿאַרטראָטן אין דער גרופּע פּראָפֿעסיאָנאַלן, אין האַנדל, צווישן אָנגעשטעלטע און ענלעכע גרופּעס. לויט אַ געוויסער אָפּשאַצונג [25] האָבן די דערמאָנטע גרופּעס אויסגעמאַכט גאַנצע 30 פּראָצענט צווישן ייִדישע מענער אין לאָס־אַנדזשעלעס וואָס זײַנען געווען אין 1941 עקאָנאָמיש אַקטיוו. אָבער ייִדן האָבן געגעבן אַ קלענערן פּראָצענט לגבי די אַלגעמיינע אַרבעטס־כּוחות, ווען עס איז געקומען צו געניטע, האַלב־געניטע און שוואַרצע אַרבעטערס. ווען מע נעמט דאָס אין באַטראַכט איז ניט קיין חידוש וואָס ייִדן האָבן אויך געגעבן אַן אַנדער מין אַרעסט־ראַטע ווי די אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג און אַז זייער אָפּוויַך־מוסטער אין אויפֿפֿיר איז אַן אַנדערער.

אָבער ווען מע נעמט שוין דאָס אַלץ אין באַטראַכט, בלײַבט פֿאַרט אומ־באַקאַנט ביז צו וואָסער מדרגה דאַרף דער אייגנאַרטיקער ייִדישער אָפּווײַך־מוסטער אין אויפֿפֿיר צוגערעכנט ווערן אויפֿן חשבון פֿון בילדונג און פֿונאַנדער־טייל לויט באַשעפֿטיקונגען. מיט אַנדערע ווערטער לאָמיר עס אַזוי פֿאָרמולירן: מיר ווייסן ניט צו וואָסער מדרגה עס איז ענלעך אָדער עס ווײַכט אָפּ דער אויפֿפֿיר־מוסטער פֿון ייִדישע פּראָפֿעסיאָנאַלן לגבי ניט־ייִדישע פּראָפֿעסיאָנאַלן, אָדער פֿון ייִדישע ביוראָ־אָנגעשטעלטע לגבי ניט־ייִדישע ביוראָ־אָנגעשטעלטע. פּונקט אַזוי ווייסן מיר אויך ניט ביז וואָסער מדרגה עס איז ענלעך אָדער עס ווײַכט אָפּ דער אויפֿפֿיר פֿון ייִדן וואָס האָבן גראַדויִרט קאָלעדזשן, לגבי ניט־ייִדן וואָס האָבן גראַדויִרט קאָלעדזשן. מיר קענען בלויז זאָגן, אַז הגם מיר פֿאַר־מאָגן ניט קיין פֿאַרלאָזלעכע ידיעות וועגן דעם בילדונגס־מעמד און באַשעפֿ־טיקונג־מוסטער פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג בכלל און ס׳איז ניטאָ קיין באַזונ־דערע אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם בנוגע אַרעסטירטע ייִדן — וואַרפֿט זיך דאָך אין די אויגן די ענלעכקייט צווישן דעם אָפּווײַך אין אויפֿפֿיר פֿון ייִדן און קאָלעדזש־גראַדויִרטע, ווי אויך די ענלעכקייט אין דעם זעלביקן פּרט צווישן ייִדן און פּראָפֿעסיאָנאַלן, אָנגעשטעלטע און ענלעכע מינים אַרבעטערס, ווי אויך באַשעפֿ־טיקטע בײַם האַנדל.

ערשט נאָך דעם ווי מיר האָבן באַטראַכט אָט די אַלגעמיינע פֿאַקטאָרן לוינט זיך צוריקצוקערן צו די באַזונדערע ייִדישע שטריכן. ניט זעלטן זעען מיר אַז אַ שיכּורער פֿירט זיך אויף אַנדערש ווי אַ ניכטערער. לאָמיר זשע געדענקען אַז זייער אַ קליינע צאָל ייִדן האָט מען אַרעסטירט פֿאַר שיכּרות. פֿאַראַן אויך זייער ווייניק ייִדן וואָס זײַנען פּאַציענטן־אַלקאָהאָליקער אין שפּיטאָלן פֿאַר גײַסטיק קראַנקע.[26] אויף וויפֿל דאָס עובֿר זײַן אויף געזעצן באַגלייט דעם אַלקאָהאָליזם, איז דער פֿאַקט, וואָס ייִדן האָבן אַ קלענערע נייגונג צום ביטערן טראָפּן [27] איידער

---

[25] Kohs, S. C., "The Jewish Community of Los Angeles," in *Jewish Review*, vol. ii, p. 118, 122.

[26] *The Jewish People: Past and Present*, vol. ii, p. 32.

[27] מען דערקלערט עס אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים, מיט טראַדיציע, מינהגים, אײַנשטעלונגען.

די אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג, אַ טיילווײַזע דערקלערונג פֿאַר דער נידעריקער אַרעסט־ראַטע.

נאָך אַ דערקלערונג קען זײַן די באַוווּסטע איבערגעגעבנקייט פֿון ייִדישע עלטערן צו זייערע קינדער. פֿון וואַנען דאָס זאָל זיך ניט האָבן גענומען, אָבער מיר זעען אַז ייִדישע עלטערן לייגן זייער אַ סך אַכט, זײַנען זייער שטאַרק פֿאַרזאָרגט וועגן דער אינטעלעקטועלער, סאָציאַלער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג פֿון זייערע קינדער, רעלאַטיוו אין אַ גרעסערער מאָס ווי אַנדערע עלטערן. ייִדישע עלטערן מיִען זיך מער אײַנצופֿלאַנצן אין די קינדער געהויבענע אידעאַלן און סאָציאַל ניצלעכע צוועקן און צילן אין לעבן. און ווײַל ייִדישע עלטערן האָבן ווייניקער קינדער, קענען זיי אָפּגעבן מער זאָרג און לייגן מער אַכט אויף יעדער קינד באַזונדער. דאָס פֿירט צום פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס די צאָל יוגנט־לעכע הפֿקרניקעס (דעלינקווענטן) איז בײַ ייִדן קלענער ווי בײַ אַנדערע עטנישע גרופּעס און אויך פֿאַר וואָס עס זײַנען דאָ בײַ דערוואַקסענע ייִדן ווייניקער געזעץ־ברעכערס.

אַמאָליקע יאָרן האָבן ייִדן זיך געהאַט צוריקגעהאַלטן פֿון געוויסע שלעכטע אויפֿפֿירן עס זאָל ניט קומען צו קיין חילול השם. יעדער פֿאַרברעכן איז געווען אַ מין גאַט־לעסטערונג. איצט האָבן מיר וועלטלעכע ייִדן וואָס מיִען זיך צוריק־צוהאַלטן פֿון געוויסע מעשׂים איבער דעם מה יאמרו הגוים, איבער דעם אַז דער נאָמען ייִד זאָל ניט ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט, איבער דעם וואָס זיי ווילן אָפּהיטן און אויפֿהיטן דעם גוטן שם פֿון דעם פֿאָלק ישׂראל, פֿון זייער גרופּע. אויף אַזאַ אופֿן האָט דאָס געפֿיל פֿון צוגעבונדנקייט צום אייגענעם פֿאָלק אַ צוריקהאַלטנדיקע ווירקונג, וואָס פֿירט אין לעצטן סך־הכּל אויך צו אַ נידע־ריקערער אַרעסט־ראַטע.

אַ פּנים אַז בײַ ייִדן איז שטאַרקער דאָס געפֿיל פֿון סאָלידאַרישקייט: כּל ישׂראל חבֿרים. בדרך כּלל איז בײַ ייִדן פֿאַראַן מער אַחדות, מער גרייטקייט מיט־צוהעלפֿן אַ ברודער אין נויט. ייִדן, בני רחמנים, זײַנען גיכער גרייט דורך צדקה צו העלפֿן אַ געפֿאַלענעם. די רדיפֿות אין פֿאַרלויף פֿון לאַנגע דורות, די גלות־דערפֿאַרונגען, האָבן פֿאַרפֿעסטיקט די געפֿילן פֿון צונויפֿגעבונדנקייט צווישן זיך אין אַ גרעסערער מאָס ווי דאָס איז קאָנטיק בײַ אַנדערע גרופּעס. אַליין קרבנות פֿון רדיפֿות, קרבנות פֿון פֿאַרברעכנס און פֿון ברוטאַלן כּוח, גיבן ייִדן איבער די קינדער און די מיטגלידער פֿון זייער גרופּע די וויכטיקייט און דעם ווערט פֿון היטן געזעצן, און אין דער זעלביקער צײַט זײַנען ייִדן פֿאַראינטערעסירט און באַמיִען זיך אַז די ניט־ייִדישע שכנים זאָלן האַלטן אַז דער ייִדישער אויפֿפֿיר איז עטיש און מאָראַליש און שטייט אין דעם פּרט אויף אַ העכערער מדרגה ווי דער ניט־ייִדישער.

עס איז אויך מיגלעך אַז די שטאַרקערע נטיה בײַ ייִדן ניט צו ברעכן דאָס געזעץ איז אין אַ געוויסן זינען אַ רעזולטאַט פֿון זייערע אויסגעפּרוווטע און לאַנגאַ־ניקע עטישע סטאַנדאַרדן, מאָראַלישע ווערטן און סאָציאַלע אידעאַלן.

מדינת ישׂראל וועט בקרובֿ קענען ווערן די לאַבאָראַטאָריע אויף צו טעסטירן די וויכטיקייט פֿון די ספּעציעל ייִדישע פֿאַקטאָרן וואָס מיר האָבן דאָ דערמאָנט. אַזאַ טעסטירן וועט קענען באַשטעטיקן אָדער אָפּוואַרפֿן די ווערטיקייט פֿון די הנחות וואָס מיר גיבן זיי גיכער ווי השערות. ווען מיר וועלן האָבן פֿאַר זיך פּאָליציי־, געריכט־ און תּפֿיסה־באַריכטן פֿון דאָרטן, וועלן מיר אויך קענען וויסן אויף וויפֿל עס זײַנען ענלעך די אײַנשטעלונגען און דער אויפֿפּיר פֿון ייִדן, געבוירן און דערצויגן אין מדינת ישׂראל, צו אײַנשטעלונגען און צום אויפֿפּיר פֿון ייִדן וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן און דערצויגן געוואָרן אין די תּפֿוצות, ווי צוגעהעריקע צו אַ מיעוט־גרופּע. יעמאָלט וועלן ווערן אויך קלאָרער די סיבות פֿון ווייניקער געזעץ־ברעכונגען בײַ ייִדן.

דאָס אַשכּנזישע ייִדנטום אין איטאַליע

פֿון ד״ר משה אַבֿיגדור שולוואַס

א

אין דער צווייטער העלפֿט דרייַצנטן יאָרהונדערט האָט דאָס איטאַליענישע ייִדנטום אָנגעהויבן אַדורכצומאַכן אַ פּראָצעס וואָס האָט זיך געצויגן בערך דרייַהונדערט יאָר און איז געוואָרן דאָס גרעסטע געשעעניש אין זייַן צווייטויזנט־יעריקער געשיכטע. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט אַ גרויסן חלק אין דער אויספֿורעמונג פֿון דעם אינעווייניקסטן ייִדישן גורל פֿון איטאַליענישן ייִדנטום ביזן הייַנטיקן טאָג. געמיינט איז דאָ דער פּראָצעס פֿון פֿאַרוואַנדלט ווערן פֿון אַ קולטורעל איינהייטלעכן ייִדישן קיבוץ (איטאַליאַני) אין אַ קולטורעל צוזאַמענגעזעצטן ייִדישן קיבוץ (איטאַליאַני, אַשכּנזים, ספֿרדים, לעוואַנטינער).

דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ צייַט ווען דאָס איטאַליענישע ייִדנטום איז געוואָרן שטאַרק אייַנגעשרומפּן נומעריש און געאָגראַפֿיש. ביז דעם צוועלפֿטן יאָרהונדערט בערך קען מען געפֿינען ייִדן כּמעט אין גאַנץ איטאַליע.[1] איצט אָבער בייַט זיך דאָס בילד. דאָס צפֿון־איטאַליענישע ייִדנטום ווערט פֿאַרשוווּנדן צוליב סיבות און בייַ אומשטאַנדן וואָס זייַנען נאָך ווייַט נישט אויפֿגעקלערט. דאָס דרום־איטאַליענישע ייִדנטום ווערט פּשוט פֿאַרטיליקט אין אַן אויסראָטקאַמף וואָס די ערשטע מלכים פֿון דער אַנזשו־דינאַסטיע (Anjou) פֿירן קעגן אים.[2] עס בלייַבן דעמאָלט צוויי גרופּעס ייִדן אין איטאַליע: דאָס ייִדנטום אין צענטראַל־איטאַליע, דער עיקר אין רוים און אין זייַן סבֿיבֿה, און דאָס ייִדנטום אין סיציליע. דאָס סיציליִשע ייִדנטום איז געגאַנגען זייַנע אייגענע וועגן און איז באמת נישט געווען קיין חלק פֿון דעם איטאַליענישן ייִדנטום.[3]

---

[1] זען דעם פּרוּוו צו געבן אַ פּאַנאָראַמע־בילד פֿון דער דעמאָלטיקער ייִדישער איטאַליע אין דעם בוך A. Milano, *Gli Ebrei in Italia nei secoli XI e XII*, טשיטאַ די קאַסטעלאָ, 1938, וווּ דער באַריכט פֿון ר׳ בנימין פֿון טודעלאַ, וואָס איז אויסגעפֿאָרן איטאַליע בערך 1160, ווערט באַנוצט ווי אַן אויסגאַנגפּונקט.

[2] N. Ferorelli, *Gli Ebrei nell'Italia meridionale*, Torino, 1915, p. 53;
מ. ד. א. קאַסוטאָ אין דעם דייַטשן ספֿר היובֿל פֿאַר הערמאַן כּהן, בערלין, 1912, ז׳ 389 א״וו און אין דעם ספֿר הזכּרון פֿאַר אָשר גולאַק און שמואל קליין, ז׳ 139 א״וו; די שטודיע פֿון יהושע סטאַר אין *Speculum*, ז׳ 203 א״וו.

[3] זען מייַן רעפֿעראַט אויף דעם ערשטן יודאַיִסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, אָפּגעדרוקט אין סיני, 11, ז׳ מד.

איז דערפֿאַר געבליבן בלויז די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון דער געגנט אַרום רוים, מסתמא נישט זייער גרויס אין צאָל, אָבער אַלט איינגעזעסן און מיט אַ גרויסער דעמאָגראַפֿישער עקספּאַנסיע־יכולת.[4]

אין דער צווייטער העלפֿט דרײַצנטן יאָרהונדערט הייבן אָן די רוימישע ייִדן (מיר רופֿן זיי ווײַטער: איטאַליאַני) זיך אויסצושפּרייטן קיין דרום און קיין צפֿון. דער שטויס פֿאַר דער דאָזיקער אויסשפּרייטונג איז דורך און דורך אַ ווירטשאַפֿטלעכער. אָבער אַזוי ווי דאָס איז נישט געווען אַ דראַנג צוליב ווירטשאַפֿטלעכער נויט, נײַערט אַ דראַנג צו ווירטשאַפֿטלעכער עקספּאַנסיע — דאָ רעדט זיך וועגן אַ מעגלעכקייט צו גרינדן בענק וואָס לײַען אויס אויף משכנות — איז דאָס געווען נישט קיין מאַסן־אויסשפּרייטונג, נאָר אָן „עמיגראַציע" פֿון איינציקע מענטשן אָדער משפּחות. די איטאַליאַני האָבן אַזוי אַרום געמאַכט דעם ערשטן שריט צו אַ ווידערקאָלאָניזירונג פֿון איטאַליע דורך ייִדן.[5] אָבער די אמתדיקע ווידערקאָלאָניזאַציע איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ גרויסער אימיגראַציע פֿון פֿרעמדע, נישט־איטאַליענישע, ייִדן וואָס זײַנען געקומען פֿון דרײַ זײַטן: די אַשכּנזים פֿון צפֿון, פֿראַנצויזישע און שפּאַנישע ייִדן פֿון מערבֿ און לע־וואַנטינישע ייִדן פֿון מיזרח. די ערשטע זײַנען געקומען די אַשכּנזים פֿון דײַטש־לאַנד,[6] און כאָטש מיר זײַנען נאָך זייער ווײַט פֿון צו וויסן זייער צאָל, קען מען אָבער פֿעסטשטעלן, אַז זיי זײַנען צווישן די נײַע ייִדן זיכער געווען די נומעריש גרעסטע גרופּע, און אפֿשר טאָקע זײַנען זיי אויך איבערגעשטיגן אין צאָל די איטאַליאַני. איין זאַך איז זיכער: די אַשכּנזישע אימיגראַציע קיין איטאַליע האָט צוריק קאָלאָניזירט מיט ייִדן צפֿון־איטאַליע, פֿון דאַלמאַציע און איסטריע ביז דער גרענעץ פֿון פֿראַנקרײַך. די ספֿרדים, אַז זיי זײַנען געקומען אין פֿאַרלויף פֿון דעם גאַנצן זעכצנטן יאָרהונדערט, האָבן בלויז פֿאַרגרעסערט די שוין עק־סיסטירנדיקע קהילות, אָבער זיי האָבן — מיטן אויסנעם פֿון ליוואָרנאָ — קיין נײַע קהילות כּמעט נישט געגרינדעט.

די רעזולטאַטן פֿון דער אַשכּנזישער אימיגראַציע קיין איטאַליע און דער גורל פֿון דעם אַשכּנזישן ייִדנטום אין איטאַליע געהערן צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פֿון דער איטאַליעניש־ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע. דער מחבר

---

[4] די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין רוים איז ביזן הײַנטיקן טאָג דער מענטשן־רעזערוואַר פֿון דער ייִדישער איטאַליע און כּמעט דער איינציקער פּלאַץ, וווּ די געבוירטן שטײַגן אַריבער די טויטפֿאַלן. פֿ"גל: R. Bachi, *La demografia degli Ebrei Italiani negli ultimi cento anni*, רוים, 1931, ז' 69.

[5] בנוגע דעם פּראָצעס פֿון דער דאָזיקער באַנק־קאָלאָניזאַציע פֿ"גל אויך: Vittore Colorni, *Il prestito ebraico e comunità ebraiche nell'Italia centrale e settentrionale*, 1935.

[6] די לעוואַנטינער ייִדישע סוחרים וואָס זײַנען אפֿשר געקומען שוין זייער פֿרי קיין ווע־נעציע (זען C. Roth, *Venice*, פֿילאַדעלפֿיע, 1930, ז' 10 א"וו) זײַנען געווען איינציקע מענטשן און האָבן דאָרט געוווינט בלויז צײַטווײַליק. די אמתדיקע אימיגראַציע פֿון לעוואַנטינער ייִדן איז פֿאָרגעקומען אין זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט, צו גלײַך מיט דער ספֿרדישער אי־מיגראַציע.

פֿון דעם דאָזיקן אַרטיקל טוט תּפֿילה, אַז ער זאָל זוכה זײַן צו מאַכן אַ גרונטיקע שטודיע וועגן דעם אַשכּנזישן ייִדנטום אין איטאַליע. דערווײַל ווערן דאָ צוזאַמענגעשטעלט אַ ריי פֿאַקטן, אויף וועלכע דער מחבר האָט זיך אָנגעשטויסן זאַמלענדיק מאַטעריאַל צו אַ בוך וועגן דעם אינעווייניקסטן לעבן פֿון איטאַליענישע ייִדן אין דער תּקופֿה פֿון רענעסאַנס, און עס ווערט געצויגן פֿון זיי אַ צאָל אַלגעמיינע מסקנות. פֿאַר איינס וועט זיך דער מחבר באַמיִען אָנצווײַזן אויף די הויפּטפּראָבלעמען וואָס רוקן זיך אַרויס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער טעמע.

ב

די ערשטע גרוסן וועגן דעם באַווײַזן זיך פֿון גרופּעס אַשכּנזישע ייִדן אין איטאַליע זײַנען פֿון די לעצטע יאָרן פֿון דעם דרײַצנטן יאָרהונדערט. עס איז אָנצונעמען, אַז נאָך אַ געוויסע צײַט פֿריִער האָבן זיי אָנגעהויבן קומען קיין איטאַליִע, אָבער די ערשטע גענויע ידיעות וועגן זיי זײַנען פֿון די יאָרן 1294 און 1296. אין 1294 טרעפֿן מיר אַשכּנזישע ייִדן אין טרעוויזאָ און אין יאָר 1296 אין טשיווידאַל.[7] אין דעם שטח צווישן די דאָזיקע צוויי שטעט, וועלכער פֿאַרנעמט אַ חשובֿן טייל פֿון דער טעריטאָריע פֿון דער רעפּובליק ווענעציע, ליגן פֿיל קליינע שטעטלעך, וואָס פֿון אַ שפּעטערער צײַט ווייסן מיר, אַז זיי האָבן געהאַט אַשכּנזישע קהילות. און היות ווי דיווירטשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען אין די דאָזיקע אַלע ערטער זײַנען געווען פּונקט די זעלביקע ווי אין טשיווידאַל און טרעוויזאָ, מעג מען מיט פֿיל זיכערקייט אָננעמען, אַז צום סוף דרײַצנטן יאָרהונדערט זײַנען שוין דאָרט געווען פֿיל מער אַשכּנזישע קהילות ווי די וואָס מיר ווייסן וועגן זיי.

פֿון דעם זעען מיר אַרויס, אַז סוף דרײַצנטן יאָרהונדערט האָט די אַשכּנזישע אימיגראַציע דערגרייכט בלויז צו די צענטראַלע שטחים פֿון דער רעפּובליק ווענעציע. אמת, מיר געפֿינען אויך איינציקע אַשכּנזישע ייִדן אין מער דרומדיקע געגנטן פֿון איטאַליע. אין דער דיכטער־סבֿיבֿה פֿון עמנואל הרומי, למשל, געפֿינט זיך אויך דער פּאָעט „יעקבֿ האַשכּנזי"[8], און עמנואל האָט זיך, ווי באַקאַנט, אַרומגעדרייט אַלע זײַנע יאָרן אין דרום־איטאַליע און מיטל־איטאַליע. אָבער דאָס זײַנען נאָר איינציקע פֿאַלן.

אין פֿאַרלויף פֿון פֿערצנטן יאָרהונדערט ווערט די אימיגראַציע פֿון אַשכּנזישע ייִדן קיין איטאַליע וואָס אַ מאָל שטאַרקער, דאָס הייסט, מען טרעפֿט אָן אין ייִדישע און נישט־ייִדישע מקורים וואָס אַ מאָל מער ידיעות וועגן זיי. צווישן די אַשכּנזים אין איטאַליע אַליין טאַקע איז געווען לעבעדיק די טראַדיציע, אַז דאָס פֿערצנטע יאָרהונדערט, און דער עיקר זײַן צווייטע העלפֿט, איז די הויפּטצײַט פֿון זייער קומען. ר' אליה קאַפּסאַלי (Capsali) פֿון קרעטע, וואָס האָט

[7] Colorni, *op. cit.*, p. 33.

[8] מחברות עמנואל הרומי, ווילהעלמערס אויסגאַבע, לעמבערג, 1870, ז' 161.

געלערנט אין דער אַשכּנזישער ישיבֿה פֿון ר׳ יהודה מינץ אין פּאַדוע און וואָס דערציילט אונדז אין זײַנע ספֿרים פֿיל וויכטיקע ידיעות וועגן דער אַשכּנזישער איטאַליע, זאָגט אַז די אַשכּנזים זײַנען געקומען פֿאַר „ק״ל שנה ויותר״.[9] דאָס הייסט בערך צווישן 1360 און 1380.

עס איז אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז די קאָלאָניזאַציע פֿון די אַשכּנזים אין אי־טאַליע איז געגאַנגען פֿון צפֿון צו דרום. אין דער סבֿיבֿה פֿון וועראָנע, למשל, געפֿינען מיר די אַשכּנזישע ייִדן פֿאַרשפּרייט אין די קליינע שטעטלעך נאָך ביזן יאָר 1408, ווען ווענעציע האָט אַנעקסירט די שטאָט.[10] ווײַטער קיין דרום אָבער געפֿינען מיר די אַשכּנזים ערשט אַ ביסל שפּעטער: אין מאַנטוע אין פֿאַרלויף פֿון פֿופֿצנטן יאָרהונדערט, אין פֿעראַרע ערשט צום סוף פֿון דעם יאָרהונדערט און אין רוים ערשט אין אָנהייב זעכצנטן יאָרהונדערט.[11] אַ באַזונדער חשובֿ קאַפּיטל פֿאַר זיך איז פּאַדוע. פּאַדוע איז געווען דער צום מערסטן צפֿונדיקער פּונקט פֿון דער עקספּאַנסיע־עמיגראַציע פֿון די איטאַליאַני פֿון דער סבֿיבֿה פֿון רוים און דאָ האָבן זיך די אַשכּנזים צוזאַמענגעטראָפֿן מיט די איטאַליאַני. מיר האָבן אַ דאָקומענט פֿון יאָר 1432,[12] אין וועלכן עס איז פֿאַראַן אַ גענויע רשימה פֿון די ייִדישע באַנקירן (זיבן אין צאָל) אין דער שטאָט מיט אַלע מענטשן וואָס געהערן צו זייערע משפּחות און זייער באַאַמטן־שטאַב. די מערהייט זײַנען נאָך דעמאָלט די איטאַליאַני, און זייערע פֿאַמיליע־נעמען זאָגן עדות אויף זייער אָפּשטאַמונג פֿון פֿאַרשיידענע ערטער אין מיטל־איטאַליע. באַטראַכט מען אָבער די נעמען פֿון די אַשכּנזישע ייִדן, זעט מען, אַז דאָס זײַנען נישט מענטשן וואָס זײַנען אָקערשט געקומען פֿון דײַטשלאַנד. זיי זײַנען אַ צווייטער דור, וואָס האָט אָנגענומען די נעמען פֿון די איטאַליענישע שטעט, אין וועלכע זיי האָבן יעמאָלט געלעבט, אָדער לכּל הפּחות האָבן זיי געלעבט נאָך זייער אָנ־קומען פֿון דײַטשלאַנד אַ לענגערע צײַט אין אַנדערע שטעט אין איטאַליע, מער צפֿונדיקע, און זײַנען ערשט פֿון דאָרט געקומען קיין פּאַדוע.

דאָס גלײַכע קען מען זען אין די מער מערבֿדיקע טיילן פֿון צפֿון־אי־

[9] *REJ* 79, p. 33.

[10] פֿ״גל דעם חשובֿן דאָקומענט וואָס שלום באַראָן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין זײַן שטודיע „סכסוך קהילות בוירונה״, סעפּאַראַט פֿון דעם ספר היובל פֿאַר שמואל קרויס, ירושלים, תּרצ״ז, ז׳ ט.

[11] פֿאַר מאַנטוע פֿ״גל די שטודיע פֿון וויטאָרע קאָלאָרני אין: *Rivista Mensile di Israel*, באַנד 9, ז׳ 219; פֿאַר פֿעראַרע: A. Pesaro, *Memorie storiche sulla comunità israelitica ferrarese*, פֿעראַרע, 1878, ז׳ 17; אין רוים געפֿינען מיר אין 1511 דעם רבֿ ר׳ ישׂראל (איסרלין) אַשכּנזי, אַ תּלמיד פֿון ר׳ יהודה מינץ. פֿ״גל מאַרקאָ מאָרטאַראַ, מזכרון חכמי איטליה, פּאַדוע, 1886, ז׳ 5. ר׳ ישׂראל איסרלין ווערט דערמאָנט אין דעם ספר הפּסקים, אָפּגעדרוקט אין ווענעציע, 1519 (געפֿינט זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק), דף כ״ג ע״ב. פֿ״גל אויך ר׳ יהודה מינץ, שאלות ותשובות, סימן י״ד. אליהו בחור איז געקומען קיין רוים אַ קורצע צײַט שפּעטער.

[12] אָפּגעדרוקט בײַ A. Ciscato, *Gli Ebrei in Padova (1300-1800)*, פּאַדוע, 1901, ז׳ 242 א״ו.

טאַליע: לאָמבאַרדיע, פּיעמאָנט און מאָנפעראַטאָ. ייִדן געפינען זיך גרופּעסווײַז אין די שטעט און אין זייער פיל קליינע שטעטלעך און דערפער,[13] הגם נישט אַזוי פיל ווי אין די מער מיזרחדיקע שטחים. אַז דאָס זײַנען רובא דרובא און אפשר אַלע אַשכּנזישע ייִדן זײַנען דאָ אַ סך באַוויזן,[14] און אויך דאָרט לאָזט זיך באַמערקן אַ ווײַטערע אויסשפּרייטונג פון די אַשכּנזים מער קיין דרום. אַ קלאַסישער בײַשפּיל איז דער פאַקט, אַז בשעת מען האָט אין 1597 פאַרטריבן ייִדן פון לאָמבאַרדיע (אַשכּנזים) האָבן זיי אויסגעוואַנדערט קיין מאָדענע, רעדזשאָ, מאַנטוע און פּיעמאָנט.[15] אַן ענלעכע דערשײַנונג זעען מיר נאָך פריִער, אין 1510, בשעת דער הויפּטצענטער פון די אַשכּנזישע ייִדן אין איטאַליע, און דער עיקר אין פּאַדוע, האָט געקריגן אַ שווערן קלאַפּ דורך דער מלחמה פון דער ליגע פון קאַמבריי קעגן װענעציע. דעמאָלט זײַנען פיל ייִדן אַוועק פון פּאַדוע און פון איר סביבה קיין פעראַרע און מאַנטוע (און אַ טייל זײַנען אויך צוריק קיין דײַטשלאַנד!).[16]

נעמט מען אין באַטראַכט אַלע אויבן דערמאָנטע דערשײַנונגען, קען מען אין דער אַשכּנזישער קאָלאָניזאַציע פון איטאַליע אונטערשיידן דרײַ פּאַזעס. צו ערשט קומען ייִדן פון דײַטשלאַנד און גרינדן אַ גרויסע צאָל קליינע און גרעסערע קהילות. אין דער צווייטער סטאַדיע וואַנדערן אויס אַ טייל אַשכּנזים פון זייערע נײַע היימען, כּדי צו זוכן אַ היים נאָך ווײַטער אין דרום. די דריטע סטאַדיע באַשטייט פון אַ שפּעטערער דויערנדיקער אימיגראַציע פון דײַטשלאַנד, וואָס זי שאַפט ניט מער קיין נײַע קהילות, אָבער זי פאַרשטאַרקט דעם אַשכּנזישן עלעמענט אין דעם לאַנד בכלל און אין די שטעט מיט אַ געמישטער ייִדישער באַפעלקערונג בפרט. אַ טיפּישער בײַשפּיל איז פּאַדוע. צו ערשט האָבן זיך דאָרט באַזעצט איטאַליאַני. דערנאָך זײַנען געקומען אַשכּנזים, אָבער אַרום 1430 זײַנען די איטאַליאַני נאָך געווען די שטאַרקערע גרופּע. שפּעטער ווערן די אַשכּנזים די מערהייט און צום סוף פון דעם יאָרהונדערט איז פּאַדוע דורך און דורך אַן אַשכּנזישע קהילה, אַפילו די חשובסטע אַשכּנזישע קהילה אין איטאַליע (אין װענעציע איז נאָך יעמאָלט די קהילה נישט געווען). די דאָזיקע דערשײַנונג איז אָן אַ ספק אַ רעזולטאַט פון אַ כּסדרדיקער אימיגראַציע פון פרישע אַשכּנזישע עלעמענטן.

די אַשכּנזישע אימיגראַציע איז געגאַנגען ווי אַ כוואַליע פון צפון קיין דרום, און אין דעם טאָל פון פּאָ האָט זי זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די איטאַליאַני

---

[13] זען למשל בײַ F. Glissenti, *Gli Ebrei nel Bresciano*, ברעשיע, 1890 אין פאַרשיידענע ערטער און דאָס גלײַכן בײַ C. Inveruizzi, *Gli Ebrei a Pavia*, פּאַוויִע, 1900. דער מאַטעריאַל וועגן ייִדן אין לאָמבאַרדיע איז נאָך ווײַט נישט גענוג באַקאַנט געוואָרן.

[14] גענוג צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז דווקא אין מערבֿ האָט זיך דער אַשכּנזישער נוסח התּפילה דערהאַלטן ביזן הײַנטיקן טאָג פיל עקשנותדיקער ווי אין מיזרח.

[15] זען דעם באַריכט פון דעם אומבאַקאַנטן קראָניקער וועלכער באַצייכנט זיך ווי דער „מגיה", געדרוקט צום סוף פון דעם עמק הבכא פון ר' יוסף הכּהן. פ"גל צווייטע אויסגאַבע, קראָקע, 1892, ז' 184 א"וו.

[16] באַריכט פון אליה קאַפּסאַלי, *REJ*, 79, ז' 56.

וואָס זײַנען געקומען פֿון מיטל־איטאַליע. דאָס האָט אָן שום ספֿק אָפּגעשוואַכט דעם ווײַטערן אַשכּנזישן דראַנג קיין דרום, ווײַל וואָס מער קיין דרום געפֿינען מיר ווייניקער אַשכּנזים. אָבער זיי זײַנען דאָ אין די חשובֿערע שטעט (אַנקאָנע, פּעזאַראָ). אַנדערע דערגייען אַפֿילו ביז נעאַפּאָל און ברינדיזי.[17] אָבער דאָס זײַנען בלויז יחידים אָדער קליינע גרופּעס. אין אַנקאָנע, למשל, איז די צאָל אַשכּנזים געווען אַזוי קליין, אַז זיי זײַנען נישט געווען אין שטאַנד צו אָרגאַניזירן אַ שול לויט נוסח אַשכּנז און האָבן געדאַוונט אין דער שול פֿון די איטאַליאַני.[18] אין רוים, ווו די אַשכּנזים האָבן יאָ געהאַט אַן אייגענע שול, איז גענוג געווען דער צווישנפֿאַל פֿון יאָר 1557, ווען די אינקוויזיציע האָט דאָרט קאָנפֿיסקירט פֿאַרשיידענע העברעיִשע ספֿרים, אַז די שול זאָל געשלאָסן ווערן און קיין מאָל מער נישט ווערן געעפֿנט.[19]

די אָקערשט געשילדערטע פֿאַקטן פֿירן צו אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיקער מסקנא, וואָס שטעלט אין אַ קלאָר ליכט דעם כאַראַקטער פֿון דער אַשכּנזישער אימיגראַציע קיין איטאַליע: דאָס איז געווען אַ קאָלאָניזאַטאָרישע אימיגראַציע. דאָרט ווו איר כוואַליע האָט אָנגעטראָפֿן „יודנריינע" שטעט און געגנטן, דאָרט האָט זי געגרינדעט נײַע קהילות. ווען זי איז אָבער געקומען צו די שטחים וואָס זײַנען געווען באַזעצט דורך איטאַליאַני איז זי בדרך כּלל געבליבן שטיין, און בלויז יחידים און קליינע גרופּעס זײַנען געגאַנגען ווײַטער קיין דרום.

זייער שווער איז צו ענטפֿערן קלאָר אויף דער פֿראַגע: פֿאַר וואָס זײַנען אַשכּנזישע ייִדן געגאַנגען קיין איטאַליע. די אַלגעמיין אָנגענומענע מיינונג איז, אַז די רדיפֿות אין דײַטשלאַנד האָבן געשאַפֿן די דאָזיקע אימיגראַציע[20] און אַז צוליב דער נאָענטקייט פֿון איטאַליע איז לפֿי ערך גרינג געווען אַהין צו גיין. דאָס וואָלט געווען ריכטיק נאָר ווען מען וואָלט אין איטאַליע געטראָפֿן בלויז ייִדן פֿון די דרומדיקע געגנטן פֿון דײַטשלאַנד. ס'איז אָבער נישט אַזוי. אָט דער־ציילט אונדז ר' יהודה מינץ[21] וועגן אַשכּנזישע ייִדן אין רוים, וואָס זייערע קרובֿים וווינען אין ווײַסנבורג, דאָס הייסט (משמעות) אין עלזאַס. וועגן די אַשכּנזים אין

---

[17] ר' יעקבֿ לאַנדוי, דער בעל האגור, איינער פֿון די טיפּישסטע אַשכּנזישע רבנים אין איטאַליע, האָט געלעבט אין נעאַפּאָל און דאָרט זײַנען אויך געווען פֿאַרשיידענע אַשכּנזישע דרור־קערס. פֿ״גל וועגן נעאַפּאָל די הקדמה צום ספר האגור און J. Bloch, *Hebrew Printing in Naples*, ניו־יאָרק, 1942, און וועגן ברינדיזי: E. Vernale, *Gli Ebrei nel Salento*, לעטשע, 1933, ז' 7.

[18] פֿ״גל די שטודיע פֿון הרבֿ חיים ראָזענבערג אין *Rivista Mensile di Israel*, באַנד 10, ז' 312 (המשך פֿון דער הערה נומ' 1 פֿון ז' 311).

[19] A. Berliner, *Censur und Confiskation hebräischer Bücher im Kirchenstaate*, בערלין, 1890, ז' 5.

[20] אַ באַשטעטיקונג פֿון דער דאָזיקער מיינונג קען מען געפֿינען אין דעם דאָקומענט וואָס שלום באַראָן האָט אָפּגעדרוקט וועגן וועראָנע, ז' ט.

[21] שאלות ותשובות, סימן יד.

מאַנטוע ווייסן מיר, אַז זיי שטאַמען פֿון שפּײַער, ערפֿורט, נירנבערג און הײַדל־בערג.[22] מיר זעען, הייסט עס, אַז על כּל פּנים זײַנען ייִדן געקומען פֿון זייער אַ גרויסן טייל דײַטשלאַנד (פֿון טירינגען ביז עלזאַס), בכן אויך פֿון געגנטן וואָס זײַנען ווײַט פֿון דער אַלפּן־גרענעץ מיט איטאַליע. די מיינונג אַז די נאָענטקייט פֿון איטאַליע האָט אַהין געקערעוועט די ייִדישע עמיגראַציע פֿון דײַטשלאַנד איז דערפֿאַר ניט געניגנדיק צו דערקלערן די דערשײַנונג.

אויך דאַרף מען נישט פֿאַרגעסן, אַז די ייִדישע וואַנדערונג פֿון דײַטשלאַנד קיין איטאַליע האָט זיך אָנגעהויבן גראָד דעמאָלט, ווען צוליב דער ענדגיל־טיקער מפּלה פֿון די האָהענשטויפֿן איז די פֿאַרבינדונג צווישן דײַטשלאַנד און איטאַליע געוואָרן דראַסטיש איבערגעריסן. ניט געקוקט דערויף זעען מיר אָבער די דאָזיקע עמיגראַציע וואָס אַ מאָל שטאַרקער ווערן, און מיר טרעפֿן אין איטאַליע ייִדן פֿון אַזעלכע געגנטן אין דײַטשלאַנד וואָס זײַנען גענוג ווײַט פֿון דער אַלפּן־גרענעץ. מוז מען קומען צום באַשלוס, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ קאָמפּלעקס פּאָליטישע, ווירטשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע סיבות (מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן די מעגלעכקייטן פֿאַר אַ סאָציאַלן אויסגלײַך וואָס דער רענעסאַנס האָט געשאַפֿן פֿאַר דעם אינדיווידועלן מענטש!) וואָס דאַרפֿן נאָך גענוי אויס־געפֿאָרשט ווערן, כּדי צו געבן אַ צופֿרידנשטעליקע דערקלערונג פֿון דעם פֿע־נאָמען פֿון דער עקספּאַנסיע פֿון דעם אַשכּנזישן ייִדנטום אין דער ריכטונג קיין דרום (דאָ איז אויך ווערט דערמאָנט צו ווערן די מיטצײַטלערישע אַשכּנזישע עמיגראַציע קיין ביזאַנץ און אין די באַלקאַנישע לענדער, וועלכע איז נאָך בכלל נישט געוואָרן אויסגעפֿאָרשט).

מען טאָר, נאַטירלעך, אויך נישט פֿאַרגעסן, אַז בשעת דער דריטער פֿאַזע פֿון דער אַשכּנזישער אימיגראַציע קיין איטאַליע (זען אויבן) איז אויך דאָס פּוילישע ייִדנטום געשטאַנען אין אַ גענוג ענגן קאָנטאַקט מיטן איטאַליענישן ייִדנטום. דעמאָלט האָט גומפּרעכט פֿון שעבערשין געשריבן פּאָעמעס אין ווע־נעציע, און ר׳ מרדכי יפֿה, דער בעל הלבֿושים, איז געווען אין איטאַליע און ר׳ יעקבֿ סאָרעזינאַ פֿון קראָקע האָט זיך באַזעצט אין קאַסטעלאַצאָ און שפּעטער אין ווענעציע[23] און מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע קאַצענעלענבויגן זײַנען גע־קומען פֿון ווענעציע קיין פּוילן.

נישט קיין ווייניקער שווערע פּראָבלעם שטעלט מיט זיך די פֿראַגע וועגן דער צאָל אַשכּנזישע ייִדן וואָס זײַנען געקומען קיין איטאַליע און וועגן זייער פּראָפּאָרציע צו די איטאַליאַני. אין דעם דאָזיקן פּונקט ווייסן מיר באמת נאָך זייער ווייניק. פֿון ר׳ אליה קאַפּסאַליס דערציילונג[24] באַקומט מען דעם אײַנ־

---

[22] פֿ״גל דעם דערמאָנטן אַרטיקל פֿון וויטאָרע קאָלאָרני וועגן די ייִדן אין מאַנטוע, באַנד 9, ז׳ 219.

[23] זען די הקדמה צו זײַן סדר הניקור, ווענעציע, 1595.

[24] *REJ*, באַנד 79.

דרוק, אַז אין צפֿון־איטאַליע האָבן געלעבט מאַסן אַשכּנזישע ייִדן, אָבער דאָס איז בלי ספֿק אַ טיילווײַזע גוזמא, ווי אַלץ וואָס ער שרײַבט וועגן דעם ייִדישן צענטער אין צפֿון־איטאַליע. ער האָט מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען דעם חורבן וואָס די דאָזיקע וועלט האָט געליטן דורך דער מלחמה פֿון דער ליגע פֿון קאַמבריי, און אַלץ וואָס איז געווען ביז דעם חורבן האָט אים אויסגעזען שיין און גרויס. אַז די צאָל אַשכּנזישע ייִדן אין איטאַליע איז נישט דערגאַנגען אין די צענער טויזנטער זעט מען אויך פֿון דעם באַריכט פֿון ר׳ שׂמחה לוצאַטאָ אין זײַן באַרימטן ספֿר *Discorso circa il stato degli Ebrei*. אין זײַן צײַט (1637) זײַנען אין גאַנץ איטאַליע פֿאַראַן בסך הכּל אַ דרײַסיק טויזנט ייִדן, און דאָס איז דאָך שוין געווען נאָך דעם ווי אין 1492 זײַנען געקומען די ספֿרדים און אין פֿאַרלויף פֿון זעכצנטן יאָרהונדערט זײַנען נאָכגעקומען פֿיל אָנוסים וואָס זײַנען צוריק געוואָרן ייִדן און אויך נאָך דעם ווי די קהילה אין ליוואָרנאָ איז געוואָרן געגרינדעט. הייבט מען אָן צוזאַמענצושטעלן די ציפֿער וועגן ייִדן אין די פֿאַר־שיידענע קהילות, אַזוי ווײַט ווי זיי זײַנען באַקאַנט, קען מען טאַקע זייער גענויע צאָל אין גאַנץ איטאַליע נישט אַרויסבאַקומען, אָבער מען זעט, אַז ר׳ שׂמחה לוצאַטאָס שאַצונג איז נישט ווײַט פֿון אמת.

וויפֿל זײַנען הייסט עס געווען אַשכּנזים? צי זײַנען זיי געווען שטענדיק ווינציק אין צאָל, אָדער זייער צאָל איז ראַדיקאַל פֿאַרקלענערט געוואָרן צוליב דער רעעמיגראַציע קיין דײַטשלאַנד אין 1510, וועגן וועלכער קאַפּסאַלי דער־ציילט אונדז? דער איינציקער וועג צו געפֿינען אַ טיילווײַז צופֿרידנשטעליקע תּשובֿה אויף אָט דער פֿראַגע, איז די מיפֿולע אַרבעט פֿון צוזאַמענזוכן אַלע מעגלעכע קליינע פּרטים און פּרווון מאַכן אַ חשבון.

ג

קומענדיק קיין איטאַליע האָבן די אַשכּנזים זיך דאָרט צוזאַמענגעטראָפֿן מיט אַנדערע ייִדישע „שבֿטים". קודם־כּל זײַנען דאָ געווען, ווי געזאָגט, די איטאַליאַנער, די אַלט אײַנגעזעסענע ייִדן, אַפֿשר די ערשטע ייִדן אין אייראָפּע. ווײַטער זײַנען דאָ געווען אַ היפּש ביסל ייִדן פֿון פּראָוואַנס, וואָס זײַנען כּלל וכלל נישט געשטאַנען אין אַזעלכע נאָענטע באַציִונגען צום אַשכּנזישן ייִדנ־טום ווי די צפֿון־פֿראַנצייזישע ייִדן. סוף פֿופֿצנטן יאָרהונדערט האָבן אָנגעהויבן אַרײַנצוקומען גרויסע גרופּעס ייִדן פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל (איינציקע זײַ־נען געקומען נאָך פֿריִער, דער עיקר קיין דרום־איטאַליע), און לעוואַנטינישע ייִדן זײַנען אויך נישט געווען קיין זעלטנהייט אין איטאַליע.

אין אָט דעם דאָזיקן קיבוץ־גליות האָבן די אַשכּנזים פֿאַרנומען זייער אַ חשובֿן פּלאַץ, הן נומעריש הן וואָס שייך זייער אײַנפֿלוס אויף דער פֿורעמונג פֿון דעם ייִדישן עפֿנטלעכן און קולטורעלן לעבן. שווימט טאַקע אַרויף די פֿראַגע: ווי אַזוי זײַנען געווען די באַציִונגען צווישן די אַשכּנזישע ייִדן און די אַנדערע מינים ייִדן?

מיר ווילן באַלד זאָגן, אַז עס לאָזט זיך פֿעסטשטעלן דער ווײַטערדיקער פּרינציפּ: דאָרט ווו די אַשכּנזים זײַנען אַן איבערוויגנדיקע מערהייט שאַפֿט זיך אַ געוויסע שפּאַנונג צווישן זיי און די איטאַליאַני. דאָרט אָבער ווו עס עקסיסטירן דרײַ גרופּעס — אַשכּנזים, ספֿרדים און איטאַליאַני — האַלטן די אַשכּנזים מיט די איטאַליאַני און שאַפֿן אַ שותּפֿישן פֿראָנט קעגן די ספֿרדים.

אָט די דאָזיקע דערשײַנונג איז נישט קיין צופֿאַל. זי באַזירט זיך אויף דעם פֿאַקט, אַז סײַ די איטאַליאַני סײַ די אַשכּנזים זײַנען יורשים פֿון דעם אַלטן ארץ־ישׂראלדיקן ייִדישן קולטור־צענטער, בשעת די ספֿרדים זײַנען יורשים פֿון דער טראַדיציע פֿון בבֿל אין דער ייִדישער קולטור. נאָך מער: איטאַליע איז געווען דער וועג, דורך וועלכן ארץ־ישׂראלדיקע ייִדישע קולטור האָט געוואַנדערט קיין אַשכּנז.[25]

אָט דער בשותּפֿותדיקער עלעמענט אין דעם נוסח התּפֿילה און אין די מינהגים האָט גורם געווען, אַז ווו עס איז געווען אַן אַשכּנזישער מיעוט וואָס איז נישט געווען בכּוח צו אָרגאַניזירן אַ שול לויט נוסח אַשכּנז — האָט ער זיך אָנגעשלאָסן צו דער איטאַליאַני־שול און קיין מאָל נישט צו דער ספֿרדישער שול. דאָס גלײַכע זעען מיר בײַ קליינע גרופּעס איטאַליאַני וואָס לעבן אין ערטער ווו עס ריוואַליזירן צווישן זיך גרויסע גרופּעס ספֿרדים און אַשכּנזים. די איטאַליאַני שליסן זיך שטענדיק אָן צו די אַשכּנזים.

נאַטירלעך קומען פֿאָר סיכסוכים צווישן אַשכּנזים און איטאַליאַני, און טייל מאָל דערכאַפּן זיך די אַשכּנזים און שפּאַלטן זיך אָפּ פֿון דער איטאַליאַנישער שול און גרינדן אַן אַשכּנזישע. אָבער דער פּרינציפּ איז און בלײַבט: די אַשכּנזים און איטאַליאַני פֿילן זיך נעענטער צו אַנאַנד איידער צו די ספֿרדים. אַ באַלערנדיקן בײַשפּיל זעען מיר אין פֿעראַרע.[26] אין 1492 באַשטייט דאָרט די מערהייט פֿון איטאַליאַני און די אַשכּנזים זײַנען אַ מינאָריטעט. פּלוצלינג קומט אָן אַזאַ גרויסע מאַסע ספֿרדים וואָס זײַנען אָקערשט פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון שפּאַניע, אַז דער דוכּס מוז לאָזן פֿאַרגרעסערן כּמעט אויף טאָפּל די שטאָט. די ספֿרדים בויען זיך, נאַטירלעך, אַ שול פֿאַר זיך, אָבער די אַשכּנזים דאַווענען אין דער איטאַליאַנישער שול. דאָס דויערט אַזוי ביז 1532, ווען די אַשכּנזים בויען זיך אַן אייגענע שול. פֿערציק יאָר מאַכן די אַשכּנזים שבת פֿאַר זיך, ביז עס קומט דאָס גרויסע אומגליק אין 1571 און פֿעראַרע ווערט חרובֿ דורך אַן ערדציטערניש.[27] דעמאָלט פֿאַראייניקן זיך צוריק די אַשכּנזים און איטאַליאַני אין איין קהילה, אָבער די ספֿרדים בלײַבן ווײַטער אָפּגעזונדערט. אַגבֿ, כּמעט

[25] זען וואָס איך האָב געשריבן וועגן דעם אין מײַן בוך רומא וירושלים, תולדות היחס של יהודי איטליה לארץ־ישראל, ירושלים, תש״ד, ז׳ 3.

[26] פֿ״גל וועגן דעם ווײַטערדיקן דאָס שוין דערמאָנטע בוך פֿון אַבֿרהם פּעזאַראָ, זז׳ 16, 17, 19, 31. פֿאַר אַנקאָנע פֿ״גל די שוין דערמאָנטע שטודיע פֿון ראָזענבערג, *Rivista Mensile di Israel*, באַנד 10, ז׳ 312.

[27] דאָס איז די ערדציטערניש וואָס איז אַזוי שיין באַשריבן געוואָרן דורך ר׳ עזריה מן האדומים אין דעם ערשטן קאַפּיטל פֿון דעם מאור עינים.

אין דער זעלבער צײַט ווען די אַשכּנזים גרינדן אין פֿעראַרע זייער אייגענע שול (1532) בויען אויף די אַשכּנזים אין מאַנטוע זייער אייגענע שול (1530).[28] ווײַזט אויס, אַז יעמאָלט האָט זיך דער אַשכּנזישער עלעמענט אין דעם פּאָ־טאָל פֿאַרשטאַרקט און געקענט אַ טראַכט טון וועגן זעלבשטענדיקייט. און עס איז אויך נאַטירלעך, אַז דאָרט ווו די אַשכּנזים און איטאַליאַני זײַנען גלײַך שטאַרקע גרופּעס, ברעכן טאַקע אויס סיכסוכים וועגן דעם נוסח התּפילה.[29] מען הערט אויך טייל מאָל אַ פּאָר נישט־פֿרײַנדלעכע ווערטער פֿון אַן איטאַליאַני אויפֿן חשבון פֿון די אַשכּנזים. בערך אין 1550 פּרוווט אַן איטאַליאַני אָפּצוהאַלטן זײַנעם אַ פֿרײַנד פֿון גיין לערנען אין דער אַשכּנזישער ווענעציע און שרײַבט צו אים: „שמעתי אומרים ג״ט פסול [אַן אַנצוהערעניש אויף דעם וואָרט געטאָ] הוא זה אשר בוויניציה ועם טמא שפתים הרבה בתוכו, עזי נפש שונאים עם לועז...״[30] אָבער דאָס איז נאָך גאָרנישט אַנטקעגן דער בפֿירושער שׂינאה וואָס דער גרויסער ספֿרדישער קראַניקער ר׳ יוסף הכּהן, דער מחבר פֿון עמק הבכא, ווײַזט אַרויס לגבי די אַשכּנזים אין איטאַליע. לויט זײַן מיינונג האָבן זיי שלעכטע מאַנירן און זײַנען שולדיק אין אַ ריי אומגליקן און גירושים וואָס האָבן יעמאָלט געטראָפֿן אין איטאַליע. קיין מאָל פֿאַרגעסט ער נישט צוצושרײַבן צום נאָמען פֿון דעם שולדיקן, אַז ער איז אַן אַשכּנזי.[31] אַ געוויסע שפּאַנונג צווישן די אַשכּנזים און די איטאַליאַני לאָזט זיך אויך באַמערקן, ווען עס ברעכט אויס אַ סיכסוך וועגן געשעפֿטן אָדער בעניני אישות, אין וועלכן איין צד איז אַן איטאַליאַני און דער צווייטער צד אַן אַשכּנזי. אין אַזאַ פֿאַל זוכט דער אַשכּנזישער טייל שוץ בײַ די אַשכּנזישע רבנים און דער איטאַליאַנישער צד בײַ די איטאַליאַנישע רבנים. עס לאָזן זיך הערן באַשולדיקונגען וועגן פּאַרטייִישקייט. ר׳ יצחק בן עמנואל דע־לאַטעס, אַן איטאַליאַניזירטער רבֿ פֿון פּראָוואַנסאַלישן אָפּשטאַם, באַשולדיקט צוויי מאָל די אַשכּנזישע רבנים, אַז זיי האַנדלען נישט ערלעך, און שרײַבט:[32] „שכן דרכם [דאָס הייסט פֿון די אַשכּנזישע רבנים אין איטאַליע]... לסייע לאשכנזים... בין עושק או עשוק ולחוב ללועזים...״ אָבער די אַלע קליינע צווישנפֿאַלן קענען נישט פֿאַרטונקלען דעם פֿאַקט, אַז אין דעם קיבוץ־

[28] M. Stern, *Urkundliche Beiträge über die Stellung der Päpste zu den Juden*, העפֿט איינס, קיל, 1894, ז׳ 74.

[29] אַן ענלעכער פֿאַל ווערט דערציילט דורך ר׳ עזריאל דאיינה אין אַ תּשובֿה, פֿון וועלכער ש. אַסף האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אויסצוג אין זײַן אַרבעט שאלות ותשובות ר׳ עזריאל דאיינה, ז׳ 26.

[30] פֿאַרעפֿנטלעכט דורך אַלעקסאַנדער מאַרקוס אין זײַן שטודיע „ר׳ יוסף איש ארלי בתור מורה וראש ישיבה בסיינה״ ספר היובל לכבוד לוי גינצבורג למלאות לו שבעים שנה, ניו־יאָרק תש״ו, ז׳ רצ״ט, עם לועז = איטאַליאַני.

[31] פֿ״גל *REJ*, 16, ז׳ 35; עמק הבכא, זז׳ 122, 141, 143 און 148.

[32] שאלות ותשובות ר׳ יצחק בן עמנואל מלאטאש, ווין, 1860, ז׳ 149 א״וו. זען אויך אין דעם ספֿר אלה הדברים, מאַנטוע 1566, די תּשובֿה וועגן דעם גט צווישן דעם פּאָר־פֿאָלק שמואל פֿון פּערודזשע (Perugia) און תּמר תּמרי פֿון ווענעציע.

גליות אין איטאַליע זײַנען די אַשכּנזים און איטאַליאַני געשטאַנען זייער נאָענט צו אַנאַנד און אַז די קרובֿישאַפֿט פֿון זייערע גײַסטיקע אינטערעסן איז געווען גאָר אַ בולטע.

אָט דער פֿאַקט האָט, נאַטירלעך, געמוזט פֿירן צו אַ טיילווײַזער אַסימי־לאַציע פֿון די אַשכּנזים צווישן די איטאַליאַני, הגם מיר גלייבן, אַז די אַשכּנזים זײַנען אין צאָל נישט געווען קלענער פֿון די איטאַליאַני. אַז די איטאַליאַני זאָלן זײַן די „שטאַרקערע" האָט מיטגעהאָלפֿן דער פֿאַקט, אַז זיי האָבן גע־רעדט איטאַליעניש אָדער אַ ייִדיש־איטאַליענישן דיאַלעקט, און די אַשכּנזים, כאָטש זיי האָבן זייער לאַנג גערעדט ייִדיש (זען אין ווײַטערן קאַפּיטל), האָבן דאָך געמוזט קענען איטאַליעניש. דער אַשכּנזישער קורסיוו האָט זיך טאָקע געהאַלטן אין שרײַבן זייער לאַנג, ביזן אַכצנטן יאָרהונדערט, אָבער די אַשכּנזים האָבן וואָס אַ מאָל מער באַנוצט דעם איטאַליענישן קורסיוו. דער מחבר פֿון דעם דאָזיקן אַרטיקל דרוקט איצט אין דעם *Hebrew Union College Annual* אַ כּתבֿ־יד פֿון היסטאָרישן אינהאַלט, געשריבן אין דער רעפּובליק ווענעציע דורך אַן אַשכּנזישן ייִד אין דעם לעצטן דריטל פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט, און ער איז געשריבן אין אַ ווונדערלעכן אַשכּנזישן קורסיוו. אָבער פֿון דעסט וועגן איז דער אַרײַנפֿיר צו דעם חיבור געשריבן אין איטאַליענישן קורסיוו. דאָס ווײַזט אויף די אינעווייניקסטע אַסימילאַציע־טענדענצן בײַ די אַשכּנזישע ייִדן. דאָס גלײַכע האָט אויך אַגבֿ געטראָפֿן מיט די פּראָוואַנסאַלישע ייִדן אין אי־טאַליע. אָבער בײַ די ספֿרדים אין איטאַליע טרעפֿן מיר אַזעלכע דערשײַנונגען נישט. פֿאַרקערט, בײַ זיי האָט זיך באַהאַלטן אין געוויסע שטעט אַפֿילו דאָס שפּאַניאָלישע לשון כּמעט ביזן הײַנטיקן טאָג (ליוואָרנאָ). און אַז דער ספֿרדי גדליה ׳ן יחייא, דער מחבר פֿון שלשלת הקבלה, האָט איבערגעשריבן אַ חיבור פֿון זײַן פֿאָטער (צווייטע העלפֿט זעכצנטן יאָרהונדערט) און האָט באַשלאָסן אים איבערצושרײַבן אין איטאַליענישן קורסיוו, איז ער זיך מתנצל און באַטאָנט אויסדריקלעך, אַז דאָס טוט ער, כּדי אויך די נישט־ספֿרדישע ייִדן אין איטאַליע זאָלן האָבן די מיגלעכקייט דעם חיבור צו לייענען.[33] דערפֿון איז אָבער אויך בפֿירוש געדרונגען, אַז אַ ל ע ייִדן אין איטאַליע האָבן באַנוצט, אָדער לכל הפּחות געלייענט, דעם איטאַליענישן קורסיוו.

באַטראַכט מען די פֿראַגע פֿון די באַציִונגען צווישן די אַשכּנזישע און ספֿרדישע ייִדן אין איטאַליע, קומט מען, בערך, צו די ווײַטערדיקע רעזולטאַטן: די ספֿרדים האָבן זיך קאָנצענטרירט אין אַזעלכע ערטער, ווו דער הויפּט־עלע־מענט איז געווען אַן איטאַליענישער (דרום־איטאַליע, טאָסקאַנע, די מיטל־אַדריאַטישע פּאָרטן און פֿעראַרע) און די אַשכּנזים זײַנען געווען אַ מיעוט (אַנ־קאָנע און פֿעראַרע, למשל) אָדער בלויז יחידים (פֿאַרשיידענע קהילות אין טאָסקאַנע). אויב עס איז דאָרט געקומען צו אַ קאַמף, איז דער קאַמף אויסגע־שפּילט געוואָרן כּמעט אָן דער אַרײַנמישונג פֿון די אַשכּנזים. צו אַן אמתדיקן

[33] זען קרית ספר, באַנד 3, ז׳ 237.

צוזאַמענשטויס צווישן אַשכּנזים און ספֿרדים איז געקומען אין וועראָנע, איינע פֿון די צום מערסטן חשובֿע אַשכּנזישע קהילות. אין ווענעציע איז באַשטאַנען די אָנפֿירונג פֿון דער קהילה פֿון 7 מיטגלידער, וואָס דרײַ פֿון זיי זײַנען געווען אַשכּנזים, דרײַ ספֿרדים און איינער אַ לעוואַנטינער.[34] די אַשכּנזים זײַנען הייסט עס געווען אין אַ מינאָריטעט, כאָטש זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן רובֿ פֿון דער באַפֿעלקערונג. די סיבה דערפֿון איז געווען דער פּרינציפּ, לויט וועלכן דאָס וואַלרעכט צו דער קהילה־אָנפֿירונג איז געווען רעזערווירט בלויז פֿאַר די מיט־גלידער וואָס האָבן געצאָלט אַ באַשטימטן מינימום קהילה־שטײַער. אַזוי אָבער ווי צווישן די ספֿרדים איז די צאָל רײַכע געווען אַ גרעסערע ווי צווישן די אַשכּנזים, איז ממילא פֿאַרקלענערט געוואָרן דער אײַנפֿלוס פֿון די אַשכּנזים אויף דער פֿירונג פֿון דער קהילה.

עס איז דערפֿאַר פֿאַרשטענדלעך, אַז בשעת עס האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן ספֿרדים אין דער ריין אַשכּנזישער וועראָנע, האָבן די ראָשים פֿון דער קהילה זייער שטאַרק געזאָרגט דערפֿאַר, אַז די ספֿרדים זאָלן נישט קריגן קיין השפּעה אויף דער קהילה. אַפֿילו בשעת די קהילה האָט געמוזט מסכּים זײַן, אַז אַ טייל פֿון די ספֿרדים זאָלן זיך מאַכן אַ ספֿרדישן מנין, האָט מען גענוי פֿעסטגעשטעלט די נעמען פֿון די וואָס מעגן דאַוונען אין דעם דאָזיקן מנין. אַנ־דערע ספֿרדים האָבן ווײַטער געמוזט דאַוונען אין דער (אַשכּנזישער) הויפּט־שול. בשעת דער ספֿרדישער עלעמענט האָט זיך אָבער פֿאַרשטאַרקט און איז דערגאַנגען ביז 25 פּראָצענט פֿון די שטײַער־צאָלערס און האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף פֿאַר זײַן גלײַך־באַרעכטיקונג, איז די דאָזיקע גלײַך־באַרעכטיקונג נאָר דערגרייכט געוואָרן מיט דער הילף פֿון דער ווענעציאַנער רעגירונג, וואָס אין אירע קרײַזן האָבן די ספֿרדים פֿון דער הויפּטשטאָט געהאַט אַ גרויסן אײַנפֿלוס.[35]

ד

ווי האָט אויסגעזען דאָס אינעווייניקסטע לעבן פֿון די אַשכּנזישע ייִדן אין איטאַליע? מיט אַנדערע ווערטער: ווי ווײַט האָבן זיי אײַנגעהאַלטן זייער אַשכּנזישן לעבנס־שטייגער, און ווי ווײַט איז דער דאָזיקער לעבנס־שטייגער געביטן גע־וואָרן אין דער נײַער סבֿיבֿה?

ווי די ערשטע פֿראַגע שווימט אַרויף די שפּראַכפּראָבלעם: ווי ווײַט האָבן די אַשכּנזישע ייִדן אין איטאַליע גערעדט ייִדיש און ווי לאַנג האָבן זיי גערעדט ייִדיש. עס איז נישטאָ קיין שום ספֿק, אַז אין דער בליצײַט פֿון דער אַשכּנזישער אימיגראַציע, ביז דער מלחמה פֿון דער ליגע פֿון קאַמבריי און אַ קורצע צײַט נאָך איר, איז ייִדיש געווען די הויפּטשפּראַך פֿון די אַשכּנזישע ייִדן אין אי־

[34] C. Roth, *Venice*, p. 129.

[35] זען די דאָקומענטן וואָס ישעיה זאָנע האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין ציון („אבני בנין לתולדות היהודים בוירונה"), יאָרגאַנג 3, ז' 143 א"וו.

טאַליע. נאָך מער: ייִדיש האָט אַפילו באַאײַנפלוסט דעם העברעיִש אין צפון־איטאַליע, פּונקט ווי אין מיטל־עלטערישן דײַטשלאַנד און אין פּוילן. אַז ר' אליה קאַפּסאַלי, אַ גאַסט פון קרעטע, וויל דערציילן, אַז אין דער ישיבֿה אין פּאַדוע האָט מען זיך מתפלפל געווען מינדלעך, באַנוצט ער נישט דאָס וואָרט „בעל פּה", נאָר „מבחוץ",[36] דאָס הייסט, ער האָט איבערגעזעצט מעכאַניש דאָס ייִדישע וואָרט „פון אויסנווייניק".

פיל קען מען אויך לערנען פון אַזאַ פאַקט: אויב מען באַטראַכט די ליטע־ראַטור אין ייִדיש־איטאַליענישן דיאַלעקט,[37] זעט מען, אַז זי באַשטייט כמעט בלויז פון ליטורגישער אָדער ביבלישער ליטעראַטור: סידורים, מחזורים און איינציקע תּפילות. אויב מען באַטראַכט אָבער די ליטעראַטור אין ייִדיש, זעט מען, אַז אַחוץ דער ליטורגישער ליטעראַטור, געפינען מיר רעליגיעזע חיבורים פון נישט־ליטורגישן אינהאַלט און שיינע ליטעראַטור. דער אויספיר פון דער דאָזיקער דערשײַנונג איז אַ קלאָרער: די איטאַליאַני וואָס האָבן גערעדט אויף איטאַליעניש אָדער אויף איינעם פון די ייִדיש־איטאַליענישע דיאַלעקטן האָבן באַפרידיקט זייער אַלגעמיינעם לייען־חשק אין איטאַליעניש. זיי האָבן בלויז געדאַרפט איבערזעצן די העברעיִשע ליטורגישע ליטעראַטור אויף דעם ייִדיש־איטאַליענישן דיאַלעקט, כדי צו מאַכן מיגלעך צו פאַרשטיין די תּפילות פאַר פרויען אָדער יענע מענער וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין לשון־קודש. אַנ־דערש אָבער איז געווען די לאַגע בײַ די אַשכּנזים: בײַ זיי זײַנען געווען טיילן באַפעלקערונג וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען איטאַליעניש אַזוי פיל כדי צו קענען לייענען אין דער דאָזיקער שפּראַך. זיי האָבן זיך דערפאַר געניייטיקט אין אַ נישט־ליטורגישער רעליגיעזער און אויך וועלטלעכער ליטעראַטור אין ייִדיש. פאַר אונדזער טעמע איז דערפון געדרונגען: אַשכּנזישע ייִדן האָבן גערעדט ייִדיש, און נאַטירלעך צום טייל אויך פאַרשטאַנען איטאַליעניש. עס איז אויך אָנצונעמען, אַז אין אַ לאַנד פון קיבוץ־גליות האָט העברעיִש אויך פאַרנומען אַ באַשטימט אָרט ווי אַ פאַרשטענדיקונגס־שפּראַך. טאַקע דער אויבן דערמאָנטער ר' אליה קאַפּסאַלי דערציילט אונדז, אַז בשעת עס האָט זיך אין דער ישיבֿה אין פּאַדוע באַוויזן אַ פראַנצייזישער תּלמיד חכם ר' חיים קאַרמי איז לשון־קודש געווען די שפּראַך, אין וועלכער ר' יהודה מינץ האָט מיט אים גערעדט אין לערנען.[38] דערבײַ מוז גענומען ווערן אין אַכט, אַז די אַשכּנזים האָבן זייער אויסשפּראַך פון לשון־קודש צוגעפּאַסט צו דער אויסשפּראַך פון די איטאַליאַני — נאָך אַ ראיה אויף זייער נייגונג צו אַסימילאַציע מיט די לעצטע. אויף דעם דאָזיקן געביט זײַנען די ספרדים געווען פיל זעלבשטענדיקער, און אין טאָג־טעגלעכן רעדן נאָך הײַנט די ספרדים אַרויס דעם צ ווי אַ ס.

עס איז אויך זיכער, אַז ייִדיש האָט מען גערעדט אין איטאַליע ביז טיף אין דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט אַרײַן. אין 1595 האָט אַ פּוילישער אימיגראַנט

[36] *REJ*, 79, 34.

[37] אַ רשימה פון דער דאָזיקער ליטעראַטור געפינט זיך אין *REJ*, 80, ז' 63 א"וו.

[38] *REJ*, 79, 35.

(פֿון קראָקע) ר׳ יעקבֿ סאַרעזינאַ אַרויסגעגעבן אין װענעציע אַ האַנטבוך פֿאַר מנקרים, גיט ער דאָרטן אָן די געהעריקע טערמינאָלאָגיע אין ייִדיש, איטאַליע־ניש און דזשודעזמע. ער וויל, זאָגט ער, אַז דאָס האַנטבוך זאָל ווערן באַנוצט דורך אַלע ייִדן אין איטאַליע, „... כל עיר ועיר עם ועם כלשונו".[39] דערפֿון איז אַ ראיה, אַז מען האָט נאָך טאַקע גערעדט דעמאָלט ייִדיש אין איטאַליע. אַז מען האָט פֿאַרשטאַנען ייִדיש אין איטאַליע דרײַסיק יאָר שפּעטער זעען מיר דערפֿון, וואָס ר׳ יעקבֿ הײַלפּרין האָט אין זײַן נחלת יעקב (פּאַדוע 1623) באַנוצט אַ סך ייִדישע ווערטער.[40] און דער עיקר: אין זײַן ספֿר *Historia dei riti ebraici*,[41] וואָס ברענגט אַ באַשרײַבונג פֿון דעם ייִדישן לעבן אין איטאַליע, שרײַבט ר׳ יהודה אַריה מאָדענע אויסדריקלעך, אַז די אַשכּנזישע ייִדן אין איטאַליע רעדן „דײַטש".

עס איז הייסט עס זיכער, אַז מען האָט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט פֿאַר־שטאַנען און אויך גערעדט ייִדיש אין איטאַליע. אָבער וואָס מער מיר גייען אַרײַן טיפֿער אין דעם דאָזיקן יאָרהונדערט הערן מיר וועגן דעם גאָרנישט מער אין דער ליטעראַטור. נאָך מער: ווײַזט אויס, אַז שוין וויניקע יאָרן נאָך דעם ווי לעאָן מאָ־דענע האָט געשריבן דאָס אויבן דערמאָנטע, האָט ייִדיש אין איטאַליע זיך געגעבן אַזאַ שטאַרקן רוק אַראָפּ, אַז אַפֿילו די כוואַליע פּוילישע אימיגראַנטן וואָס זײַנען געקומען צוליב די גזירות ת״ח האָבן נישט גורם געווען קיין אויפֿלעבונג פֿון ייִדיש. עס איז דערפֿאַר נישטא קיין ספֿק, אַז כאָטש מען האָט פֿאַרשטאַנען און גע־רעדט ייִדיש, האָט זיך פֿאַרווירקלעכט אַ כּסדר פּראָגרעסירנדיקער פּראָצעס פֿון פֿאַרגעסן די שפּראַך. עס איז כּמעט זיכער, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך אָנ־געהויבן נאָך אין מיטן זעכצנטן יאָרהונדערט. אין אַ דעמאָלטיקן בריוו,[42] אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן נעמען אַ מלמד, ווערט געגעבן אַזאַ עצה: „... בהתנותך תנאי עם כ״מ מלמדך יצ״ו ללמד תורה שבכתב בלשון אשכנז ותורה שבעל פה בלשון לועזי..." דערפֿון איז צו דרינגען, אַז קינדער אין דער היים האָבן נאָך גערעדט ייִדיש און מען האָט מיט זיי געלערנט חומש אין ייִדיש. ווי זיי זײַנען אָבער אונטערגעוואַקסן און אָנגעהויבן לערנען גמרא, איז דער לימוד געווען אין איטאַליעניש. אַ רמז אויף דער פֿאַרקלענערטער ידיעה פֿון ייִדיש געפֿינט מען אפֿשר אויך אין דעם נאָכוואָרט פֿון אַבֿרהם בת־שבֿע[43] צו פּאַריז און ווינע,[44] אַז עס וועט שווער זײַן פֿאַרשיידענע מענטשן צו פֿאַרשטיין דעם ספֿר, אָבער אַז זיי וועלן זיך אַרײַנלייענען, וועלן זיי אים פֿאַרשטיין.

---

[39] זען די הקדמה צום סדר הניקור פֿון ר׳ יעקבֿ סאַרעזינאַ, װענעציע, 1595.

[40] סימן א׳: גג שאנו קוראים בל״א טאַך; סימן מ״ב: העלזליך.

[41] אַרויס צום ערשטן אין װענעציע, 1638. פּ״גל צווייטער טייל, קאַפּיטל איינס, פּאַראַגראַף איינס.

[42] *REJ*, 105, 56.

[43] Bassevi.

[44] דער ציטאַט געפֿינט זיך בײַ מאַקס עריק, געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון די עלטסטע צײַטן ביז דער השׂכּלה־תּקופֿה, וואַרשע, 1928, ז׳ 437 א״וו.

רעדנדיק וועגן ייִדיש אין איטאַליע מוז מען נאַטירלעך אויך דערמאָנען, אַז די אַשכּנזים אין איטאַליע האָבן אַריינגעבראַכט אין דער ייִדישער שפּראַך איטאַליענישע ווערטער, וואָס זיינען אַזוי פאַרייִדישט געוואָרן, אַז נאָר פילאָלאָגן קענען דערקענען זייער אָפּשטאַם. אָבער מיר מוזן די דאָזיקע פּראָבלעם איבערלאָזן פאַר די פילאָלאָגן און זיך באַגנוגענען מיט פעסטשטעלן דעם פאַקט.[45]

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז צוליב דער מציאות פון אַשכּנזישע ייִדן האָט העברעיִש געדינט אין איטאַליע ווי אַ פאַרמיטלונג־שפּראַך צווישן ייִדן פון פאַרשיידענעם אָפּשטאַם. מיר ווילן צוגעבן, אַז דאָס איז אויך, וויוזט אויס, דער טעם, פאַר וואָס מען געפינט נישט ביי אַזעלכע בפירוש אַשכּנזישע קהילות ווי ווענעציע (אין איר ערשטער צייט) און ווראָנאַ קיין כּרוזים אין ייִדיש, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי די קהילות אין פוילן אָדער אין דייטשלאַנד. אָבער טעכנישע טערמינען האָט מען יאָ באַנוצט אין ייִדיש, למשל אין דער פּראַגמאַטיקע פון ווענעציע פון 1543,[46] אָדער אין דערמאָנטן סדר הניקור פון ר׳ יעקבֿ סאַרעזינאַ, וועלכער באַשטעטיקט, אַז די ניקור־טערמינאָלאָגיע וואָס מען באַנוצט אין ווענעציע איז די ייִדישע טערמינאָלאָגיע. עס איז אויך כּדאַי צוצוגעבן, אַז ביזן היינטיקן טאָג באַנוצט מען אין גאַנץ איטאַליע דאָס וואָרט יאָרצייט וואָס מען האָט עס איבערגענומען פון די ייִדיש ריידנדיקע ייִדן.

גענוג עקשנותדיק האָבן זיך די אַשכּנזישע ייִדן געהאַלטן ביי דער אַשכּנזישער פאָרעם פון זייערע נעמען. נישט נאָר וואָס אין די תּשובֿות פון ר׳ יוסף קאָלאָן (מהרי״ק), געשריבן געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פופצנטן יאָרהונדערט, אָדער אין די תּשובֿות פון ר׳ יהודה מינץ, שוויבלט און גריבלט פון נעמען ווי מענדלין און יוסלין (דאָס גלייכע אויך פרויען־נעמען), נאָר אַפילו אין דער גאַנצער ליטעראַטור וואָס איז אויפגעקומען אין שייכות מיט דער מחלוקה וועגן דער מיקווה אין ראַוויגאָ (אויסלאָז פון דעם זעכצנטן יאָרהונדערט)[47] טרעפט מען אויך זייער פיל ריין אַשכּנזישע נעמען־פאָרמען. אויך אין דעם כּתבֿ־יד ספּור הצרות שעברו באיטליה, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין לעצטן דריטל זיבעצנטן יאָרהונדערט, געפינט זיך אַזאַ נאָמען ווי „אַהרן הנקרא זעליקמאַן״, דאָס הייסט, אַז נאָך יעמאָלט האָבן ייִדישע טאָג־טעגלעכע נעמען געגנומען די אייבערהאַנט איבער דעם „אמתן״ נאָמען. נאָך אַ מער וויכטיקן ביישפּיל זעען מיר אין דעם נאָמען „מרדכי המכונה גומפּריכט מבאסאן״[48] (געבוירן בערך 1540). כאָטש

[45] פ״גל, למשל, מאַקס ווינרייך, בילדער פון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע, ווילנע, 1928, ז׳ 143 אין דעם פּאַראַגראַף וועגן „אַ מעשׂה מדנצק״, און שטאַפּלען, בערלין, 1923, ז׳ 80.

[46] זען ישעיה זאָנע, אבני בנין לתולדות היהודים בוירונה, צווייטער טייל, קובץ על יד (נייע סעריע), באַנד 3, ז׳ קנ״ט (דאָס וואָרט „קימפּטרינס״). פּראַגמאַטיקעס הייסן אין איטאַליע די תּקנות פון די קהילות וואָס זיינען אויסן געווען צו באַגרענעצן דעם לוקסוס אין אַלע זיינע פאָרמען.

[47] זען דאָס שייכדיקע קאַפּיטל אין דעם צווייטן חלק פון לודוויג בלויס דייטשן אַריינפיר צו כתבי הרב יהודה אריה ממודינא, בודאַפּעשט, 1906.

[48] משבית מלחמות, ווענעציע, שס״ו, דף פ״ט, ע״ב.

אין איטאַליע האָט יעדער מרדכי געהייסן אין יענער צײַט אַנדזשעלאָ, און קיין שום העברעיִשער נאָמען איז נישט אַזוי עקשנותדיק פֿאַרביטן געוואָרן ווי מרדכי אויף אַנדזשעלאָ, האָט אַן אַשכּנזישער ייִד דאָך דערהאַלטן די ביז הײַנט באַקאַנטע קאָמבינאַציע מרדכי־גומפּרעכט.

דאָס אַלץ איז אָבער נוגע בלויז פֿערזאָן־נעמען. די פֿאַמיליע־נעמען פֿון די אַשכּנזישע ייִדן זײַנען זייער גיך געוואָרן איטאַליעניש. דער גרעסטער טייל ייִדן אין דײַטשלאַנד האָט נישט געהאַט קיין פֿאַמיליע־נעמען און זײַנען בלויז באַצייכנט געוואָרן לויט זייערע וווינערטער. דעם זעלביקן מינהג האָבן די אַשכּנזישע ייִדן אָנגענומען אין איטאַליע, און דערפֿאַר זײַנען אין זייערע פֿאַמיליע־נעמען געבליבן אַזוי ווייניק אויפֿווײַזן פֿון זייער אַשכּנזישן אָפּשטאַם. אָבער עס קען זײַן אַ חזקה, אַז יעדער איטאַליענישער ייִד וואָס זײַן פֿאַמיליע־נאָמען איז אידענטיש מיט דעם נאָמען פֿון אַ צפֿון־איטאַליענישער שטאָט איז אַן אַשכּנזישער ייִד.[49] עס זײַנען נאָך פֿאַראַן עטלעכע אויסנעמען, ווי למשל דער נאָמען Tedeschi, וואָס באַטײַט „אַשכּנזי״, און די צום מערסטן באַקאַנטע אַשכּנזישע פֿאַמיליע־נעמען מאָרפּורגאָ און אָטאָלענגי: די דאָזיקע משפּחות שטאַמען פֿון מאַרבורג און פֿון עטלינגען.[50]

קוקט מען אָוועק פֿון דער שפּראַך און פֿון די נעמען, האָט זיך דאָס אינעוווייניקסטע לעבן פֿון די אַשכּנזים שטאַרק צוגעפּאַסט צו דער נײַער סבֿיבֿה, און דאָס צוליב זייער נאָענטער באַציִונג צו דעם רענעסאַנס־לעבן וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפֿן קומענדיק קיין איטאַליע. אָבער די דאָזיקע וויכטיקע פּראָבלעם וועלן מיר באַהאַנדלען ווײַטער אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

צום באַדויערן איז אָבער דערווײַל נישט גרינג צו קומען צו קלאָרע אויספֿירן וועגן דער פֿראַגע, ווי ווײַט די הויפּט־אינסטיטוציעס פֿון דעם ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, די קהילה און דער ראַבינאַט, האָבן באַוויזן צו פֿאַרבלײַבן אויך אין איטאַליע אין זייער אַשכּנזישער פֿאָרעם. דערווײַל ווייסט מען באמת נישט זייער פֿיל וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון די קהילות אין איטאַליע בכלל. איין זאַך איז זיכער: אין דער תּקופֿה ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אימיגראַציע פֿון די אַשכּנזים, איז די קהילה אין איטאַליע נישט געווען קיין שטאַרקע אינסטיטוציע. ערשטנס האָבן די אינדיווידואַליסטישע נייגונגען פֿון די רענעסאַנס־מענטשן נישט דערלאָזט צו בויען אַ קהילה וואָס זאָל זיי צו פֿיל באַגרענעצן. ווי אַ צווייטע סיבה פֿאַר דער אָפּשוואַכונג פֿון דער קהילה־אינסטיטוציע האָט געדינט דער פֿאַקט, וואָס דאָס איטאַליענישע ייִדנטום איז מער נישט געווען געקנאָטן פֿון איין טייג; און די פֿאַרשיידענע גרופּעס האָבן אַרויסגעוויזן פּאַרטיקולאַריסטישע נייגונגען. ערשט שפּעטער, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרײַנטרײַבן ייִדן אין די געטאָס, האָט די

[49] פֿאַמיליע־נעמען פֿון ייִדן אין איטאַליע אין אונדזער דור זײַנען געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט דורך שמואל שערף אין זײַן ספֿרל: *I cognomini degli Ebrei d'Italia*, פֿלאָרענץ, 1925.

[50] איטאַליענישע שרײַבונג: Morpurgo, Ottolenghi. וועגן די מאָרפּורגאָס איז דאָ אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפֿיע, געשריבן דורך עדגאַרדאָ מאָרפּורגאָ, *La famiglia Morpurgo di Gradisca*, פּאַדווע, 1909. אין דער דאָזיקער מאָנאָגראַפֿיע טרעפֿן מיר נאָך טאַקע מענטשן וואָס האָבן געהייסן מאַרפּורק און האָבן געלעבט אין דײַטשלאַנד.

קהילה געקריגן אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַ גרעסערע חשיבות. איינע פון די סיבות פון דער שטאַרקייט פון דער קהילה אין ווענעציע איז טאַקע געווען דאָס, וואָס דאָ האָט עקסיסטירט אַ געטאָ זינט 1516, דאָס הייסט אַ האַלב יאָרהונדערט פריִער ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די געטאָ־באַוועגונג אין די איטאַליענישע לענדער.

וואָס איז געווען די ראָלע פון די אַשכּנזים אין דעם דאָזיקן אָפּשוואַך־פּראָצעס פון דער קהילה? ווי ווײַט האָבן זיי „אויסגענוצט" די געלעגנהייט, כּדי צו דערהאַלטן זייער אייגענע קהילות־טראַדיציע אין די ערטער ווו זיי האָבן געוווינט אַליין, און ווי אַזוי האָבן זיי באַאײַנפלוסט דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי פון די קהילות אין די מקומות מיט אַ געמישטער ייִדישער באַפעלקערונג? כּדי צו ענט־פערן אויף די דאָזיקע פראַגעס, מוז מען ערשט צונויפנעמען די מאַטעריאַלן, און דאָ טרעפט אָן דער פאָרשער אויף גרויסע שוועריקייטן, קודם־כּל צוליב דעם פאַקט וואָס פון די איטאַליענישע פּינקסים, אי פון די קהילות אי פון די חבֿרות, איז ביז איצט כּמעט גאָרנישט געוואָרן פאַרעפנטלעכט.

דאָס איינציקע וואָס מען קען זאָגן איז: דאָס אַשכּנזישע ייִדנטום אין איטאַליע האָט קיין מאָל נישט געשאַפן אַזאַ מין קהילה־אינסטיטוציע ווי דאָס אַשכּנזישע ייִדנטום אין פּוילן. די קהילה אין פּוילן, כאָטש זי איז געווען באַהערשט דורך אַריסטאָקראַטישע שיכטן, איז דאָך געווען באַזירט אויף דער ייִדישער מאַסע, זי איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן לטובֿת די רעליגיעזע און סאָציאַלע אינטערעסן פון די מאַסן. די איטאַליענישע קהילה אין די נײַ קאָלאָניזירטע מקומות איז זייער אָפט געווען אַ קהילה געשאַפן דורך אַן איינציקער משפּחה לטובֿת אירע אייגענע רעליגיעזע נויטן. עס איז ערשט נייטיק געווען די גרינדונג פון די געטאָס, כּדי די כּוחות וואָס האָבן געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיזירן די קהילה זאָלן באַקומען אַ שאַנס פון נצחון.[51]

כאָטש מען קען נאָך אויך נישט אַרויסזאָגן קיין גאַנץ זיכערע מסקנות וועגן דעם כאַראַקטער פון רבנות אין איטאַליע בכלל און אין דער אַשכּנזישער איטאַליע בפרט, קען מען אָבער מיט פיל זיכערקייט זאָגן, אַז די ראַבינאַט־אָרגאַ־ניזאַציע „הישיבֿה הכּללית", וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר גרויסע שטחים אין איטאַליע, איז צום גרויסן טייל אַ רעזולטאַט פון אַשכּנזישן אײַנפלוס. צווישן די אַשכּנזים זײַנען געווען פיל מער גדולי תּורה ווי צווישן די איטאַליאַני, און זיי האָבן געשטרעבט אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג אין ענינים פון פּראַקטישן רעליגיעזן לעבן. דער אויסוועג איז געווען דאָס אויפקומען פון דער ישיבֿה כּללית, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע לומדים וועלכע זײַנען דערגאַנגען צו אַ באַשטימטן גראַד רבנישער אויטאָריזאַציע (מורנו, חבֿר הרבֿ אאַז"וו), און ווו דער פּאַקטישער רבֿ אָדער די פּאַקטישע רבנים זײַנען געווען „ערשטע צווישן גלײַכע". די פאָרעם פון דער ישיבֿה כּללית ווי אַ ראַבינאַט־אינסטיטוציע איז געווען די אי־דעאַלסטע פאַר אַ לאַנד מיט אַ נישט־איינהייטלעכער ייִדישער באַפעלקערונג. דאָ האָבן געקענט זיצן איינער לעבן דעם אַנדערן איטאַליאַני, ספרדים און לעוואַנ־

[51] פ"גל מײַן שטודיע, „לתולדות קהילות רוויגו (לבעית התהוות הקהילות באיטליה)", סיני, יאָרגאַנג 10 (אַרויס אויך ווי אַ סעפּאַראַט).

טינער, און אַז דער עלטסטער אין יאָרן איז געווען דער פּאָרזיצער, איז דאָס ממילא געווען אַ קריטעריע וואָס האָט נישט דערוועקט קיין צו שאַרפֿע אָפּאָזיציע פֿון מערהייט־גרופּעס אָדער מיעוט־גרופּעס. גאַנץ גלאַט איז אָבער די זאַך נישט אָפּגעגאַנגען, ניט געקוקט אויף דער עקסיסטענץ פֿון דעם קאָלעקטיוון ראַבינאַט, און דאָ הערן מיר שוין גרוסן וואָס זײַנען ספּעציעל אינטערעסאַנט פֿאַר אונדזער טעמע. אין מאַנטוע האָט עקסיסטירט אַ באַזונדערער אַשכּנזישער ראַבינאַט. אין אַ פּאָלעמישן פּסקים־ספֿר לייענען מיר: „... אנחנו בני ישיבת אשכנזים פה מנטובה...״ און דאָרט גייט טאַקע אין ענינים פֿון הלכה למעשׂה, וואָס זיי זײַנען נישט געווען קיין זאַך פֿון אַקאַדעמישער פֿאָרשונג אין אַ ישיבֿה, נאָר אַ זאַך פֿון אַ פּסק־דין, דאָס הייסט, אַז די „ישיבֿת אַשכּנזים״ איז געווען אַ ראַבינאַט, אַן אַשכּנזישער ראַבינאַט אין אַ שטאָט מיט אַ געמישטער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

אינטערעסאַנט איז צו באַטראַכטן די פֿאַרהעלטענישן אין דער ישיבֿה כּללית אין ווענעציע. פֿון איין זײַט האָבן דאָרט עקסיסטירט טענדענצן צו געבן די אַשכּנזי־שע מיטגלידער דאָס דעצידירנדיקע וואָרט. קעגן דעם הערט מען אַ קלאָרע טענה מצד איינעם פֿון די גרויסע תּלמידי־חכמים צווישן די איטאַליאַני, ר׳ יהודה סאַלטאַראַ, וועלכער שרײַבט: „ואם כמדומה למרנא שהנשיאות באשכנזים יאות ומנע ה׳ האיטלקיים והמזרחיים [לעוואַנטינער] והמערביים [52] מכבוד, חלילה ליה לומר כזאת...״[53] אָבער מיט עטלעכע יאָר שפּעטער טרעפֿן מיר אונטערגעשריבן אויף אַ ראַבינאַט־אַקט אויפֿן ערשטן אָרט אַ לעוואַנטינער תּלמיד־חכם.[54]

מיר קענען נישט פֿאַרענדיקן אונדזערע באַמערקונגען וועגן דער ראַבינאַט־אָרגאַניזאַציע, ניט דערמאָנענדיק, אַז אין דער רעגיאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פֿון די ייִדישע קהילות אין די פֿאַרשיידענע מדינות שפּילט דער רבֿ גלילי אַ גרויסע ראָלע. עס זײַנען דאָ פֿאַרשיידענע סיבות פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, אָבער וואָס שייך די אַשכּנזישע שטחים אין דער ייִדישער איטאַליע מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די גרינדונג פֿון דער רבנות גלילית האָט נישט געהאַט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע צו שאַפֿן אַ מין דאַך־אָרגאַניזאַציע לשם צענטראַלי־זאַציע. פֿאַרקערט, דער רבֿ גלילי איז אַרויסגעוואַקסן פֿון די ערשטע נויטווענדי־קייטן פֿון רעליגיעזן לעבן, ווען די קהילה איז נאָך נישט געווען גענוג אָרגאַניזירט, און די איינציקע ייִדן וואָס זײַנען אָקערשט געקומען פֿון יענער זײַט אַלפּן און האָבן זיך באַזעצט אין קליינע שטעטלעך, האָבן זיך געמוזט ווענדן מיט זייערע רעליגיעזע ענינים צום רבֿ אין דער נאָענטער שטאָט. ממילא איז יעמאָלט דער דאָזיקער רבֿ געוואָרן אַ רבֿ פֿאַר דעם גאַנצן גליל.[55]

---

[52] געמיינט די ספֿרדים, ponentini. מערבֿ איז אין איטאַליעניש ponente. די ספֿרדים זײַ־נען געקומען קיין איטאַליע פֿון מערבֿ.

[53] מקוה ישראל, ווענעציע, שס״ז, דף ט, ע״א.

[54] שלמה דע־ראָסי, השירים אשר לשלמה (נײַע אויסגאַבע), פֿראַנקפֿורט־מײַן, 1925, דף ו, ע״א.

[55] דאָס דערקלערט דעם פֿאַקט, אַז צום מהרי״ק ווענדן זיך מיט אָנפֿרעגן נישט בלויז רבנים, נאָר אויך פֿיל סתּם ייִדן און טאַקע גאַנצע קהילות. דאָס גלײַכע, כאָטש אין אַ קלע־נערער מאָס, טרעפֿן מיר אין די תּשובֿות פֿון ר׳ יהודה מינץ.

דאָס קומען פֿון די אַשכּנזים קיין איטאַליע האָט נאַטירלעך אויך געבראַכט דאָס תּורה־לערנען צו אַ נײַעם גרויסן אויפֿבלי. צפֿון־איטאַליע איז אין די יאָרן ביז דער מלחמה פֿון דער ליגע פֿון קאַמברײַ געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטער נעץ ישיבֿות.[56] דער אַשכּנזישער אײַנפֿלוס אויף די איטאַליאַני איז אין דעם פּרט גע־ווען אַ געוואַלדיקער, ווײַל נאָך פֿריִער איז די איטאַליענישע תּורה־וועלט געשטאַ־נען אונטער אַ שטאַרקן אײַנפֿלוס פֿון דער קלאַסישער אַשכּנזישער הלכה (בעלי התּוספֿות, מהר"ם פֿון ראָטנבורג און אַנדערע). איצט האָבן די איטאַליענישע ייִדן אויסגענוצט די געלעגנהייט און געלערנט תּורה מיט חשק בײַ די אַשכּנזים. אַפֿילו אַזאַ פּראָמינענטער רעפּרעזענטאַנט פֿון די איטאַליאַני ווי ר' יהודה בן יחיאל, גערופֿן מעסער לעאָן, אַליין אַ באַרימטער ראָש־ישיבֿה, האָט געשיקט זײַן זון לערנען אין דער אַשכּנזישער ישיבֿה אין פּאַדוע,[57] פּאַדוע איז געווען אַ מין אי־טאַליעניש וואָלאָזשין. דאָרט האָט עקסיסטירט די ישיבֿה מער ווי הונדערט יאָר, און אין דער שפּיץ פֿון איר זײַנען געשטאַנען אַ ריי ראָשי־ישיבֿות וואָס האָבן רע־פּרעזענטירט אַן איינהייטלעכע תּורה־טראַדיציע, טאָקע די בפּירוש אַשכּנזישע טראַדיציע אין לערנען. אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון פּאַדוע האָט זיך אין איטאַליע פֿאַרשפּרייט דער לימוד פֿון תּוספֿות און דער פּילפּול אין גאָר אַ ברייטער מאָס. עס זײַנען נאַטירלעך אויך געווען ישיבֿות בײַ די איטאַליאַני, אָבער די איטאַליאַני האָבן אָפּגעגעבן פֿיל צײַט אויף די לימודי־חול און דעם לימוד פֿון אַ שיינעם העברעיִשן בריוונסטיל. איז ממילא דער לימוד התּורה בײַ זיי געווען באַגרענעצט. אין פּאַדוע האָט מען געלערנט בלויז תּורה, ווי אין די דײַטשע און פּוילישע ישיבֿות.

אַ געוויסער איבערבײַט איז פֿאָרגעקומען אין פֿאַרלויף פֿון דעם זעכצנטן יאָרהונדערט. דער אַשכּנזישער תּורה־צענטער איז טיילווײַז חרובֿ געוואָרן צוליב דער מלחמה פֿון דער ליגע פֿון קאַמברײַ, און ער האָט זיך שוין מער נישט דער־כאַפּט צו זײַן פֿריִערדיקער בליִונג. דערקעגן איז שטאַרקער געוואָרן בײַ די איטאַליאַני דער דראַנג צום תּורה־לערנען, בפּרט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון דעם יאָרהונדערט, ווען דאָס רעליגיעזע געפֿיל בײַ די איטאַליענישע ייִדן האָט זיך שטאַרק געהויבן. נאָך אַנדערש ווערט דאָס בילד אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, ווען די ספֿרדים גרינדן אַ ריי חשובֿע ישיבֿות און די לעוואַנטינער ייִדן פֿאַר־שטאַרקן דעם חשק פֿאַר תּורה־לערנען און פֿאַר קבלה. יעמאָלט האָבן שוין די אַשכּנזים נישט מער דעם כמעט־מאָנאָפּאָל אויף תּורה, וואָס זיי האָבן געהאַט פֿריִער, כאָטש פּאַדוע און אַנדערע אַשכּנזישע ערטער בלײַבן אויך ווײַטער חשובֿע ערטער פֿון תּורה.

עס איז נאָך כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אין איטאַליע זײַנען געשריבן געוואָרן עטלעכע פֿון די חשובֿסטע אַשכּנזישע הלכה־ספֿרים, אַ שטייגער דער לקט יושר,

[56] זען די באַשרײַבונג פֿון אליה קאַפּסאַלי, *REJ*, 79, 33.

[57] דאָס און דאָס ווײַטערדיקע האָב איך אַרומגערעדט אין מײַן אויספֿירלעכער שטודיע: „לימוד התורה אצל יהודי איטאליה בתקופת הריניסאנס", חורב, ב' 10, ז' 105 א"וו. אויך אין אַ רעפֿעראַט אין דעם היסטאָריקער־קרײַז בײַם ייִוואָ דעם 11טן אַפּריל 1948.

דער אגור, די תשובֿות פֿון מהר״י מינץ און מהר״ם מפּאַדוע. אויך אויף דעם דאָ־זיקן געביט, פּונקט ווי אויף דעם געביט פֿון דער ייִדישער שפּראַך, האָבן די אַשכּנזישע ייִדן אין איטאַליע אויפֿגעטאָן אַ היפּש ביסל אין די גרענעצן פֿון דער אַשכּנזישער קולטור.

ה

עס איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס די אַשכּנזישע אימיגראַציע קיין איטאַליע פֿאַלט צוזאַמען אַזוי בולט מיטן רענעסאַנס. מיר האָבן שוין אויבן קורץ אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז איינע פֿון די סיבות, וואָס האָבן געצויגן דײַטשע ייִדן קיין אי־טאַליע, איז געווען דער אויסקוק אויף סאָציאַלער גלײַכהייט, וועלכער האָט זיך געעפֿנט פֿאַר זיי אין רענעסאַנס־איטאַליע.

דער רענעסאַנס איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ קולטור פֿון די סאָציאַל העכערע קלאַסן. ער האָט אָבער געהאַט אין זיך אַן אימאַנענטן דעמאָקראַטישן זינען און האָט אַן שום איבערטראַכט צוגעלאָזט צום טיש מענטשן וואָס האָבן זיך אַרײַנגעפּאַסט אין זײַן רעם, כאָטש זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַריסטאָקראַטישע טראַדיציע. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע מענטשן האָבן געהערט ייִדן. זײַנען זיי געווען רײַך אָדער פֿעיִק, האָבן זיך פֿאַר זיי געעפֿנט אין רענעסאַנס־איטאַליע פֿיל טויערן און זיי זײַנען געוואָרן צוגעלאָזט צו נעמען כּמעט אַ פֿולן אָנטייל אין לעבן.

פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט זײַנען די אַשכּנזישע ייִדן געוואָרן זייער אַ פּאַסיקער עלעמענט פֿאַר דער רענעסאַנס־געזעלשאַפֿט. זייער אימיגראַציע איז געווען פֿאַרבונדן מיט באַנקגרינדונגען, אַזוי אַז אין זייערע הענט האָט זיך קאָנ־צענטרירט אַ גרויס עשירות. ר׳ אליה קאַפּסאַלי, דער ווערטפֿולסטער אינפֿאָר־מאַטאָר וועגן די אַשכּנזישע ייִדן אין צפֿון־איטאַליע אין דער צײַט ביז 1510, שטרײַכט אונטער כּסדר זייער אויסערגעוויינטלעך עשירות,[58] און ר׳ אָשר משולם (Anselmo del Banco), דער באַרימטער פֿירער פֿון די אַשכּנזישע ייִדן און מו־טיקער קעמפֿער קעגן דער גרינדונג פֿון געטאָ אין ווענעציע, איז דורך זײַנע מיט־צײַטלערס באַטראַכט געוואָרן ווי דער רײַכסטער ייִד אין איטאַליע.[59] דער צוגאַנג צו דער רענעסאַנס־קולטור איז דערפֿאַר געשטאַנען פֿאַר זיי אָפֿן.

ווי האָבן די אַשכּנזישע ייִדן אויסגענוצט די דאָזיקע מעגלעכקייט? זיי האָבן זי אויסגענוצט אין גאַר אַ גרויסער מאָס און האָבן זיך מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן אימפּעט געכאַפּט צו געניסן פֿון די העכערע לעבנס־פֿאָרמען וועלכע זײַנען פֿאַר זיי אין דער אַלטער היים געווען פֿאַרריגלט אויף זיבן ריגלען.

אָבער עס מוז באַטאָנט ווערן: דער צוגאַנג צו דער רענעסאַנס־קולטור איז

---

[58] זען REJ. דאָרט, ז׳ 28. זען אויך ז׳ 36 פּרטים וועגן דער משפּחה משולם (del Banco). פּרטים וועגן דעם עשירות פֿון דער פֿאַמיליע משולם ברענגט אויך דער באַקאַנטער ווענעציאַ־נישער זכרונות־שרײַבער מאַרינאָ סאַנוטאָ (Marino Sanuto), באַנד 55, ז׳ 30.

[59] ספר הפּסקים, ווענעציע, רע״ט, דף י״ב, ע״ב.

בײַ די אַשכּנזים געווען אַן אַנדערער ווי בײַ די איטאַליאַני.[60] די איטאַליאַני זײַנען געווען אַלט אײַנגעזעסן אין איטאַליע, אינעם זיץ פֿון דער אַלטער רוימישער קול־טור. פֿאַר זיי איז די רענעסאַנס־קולטור וואָס האָט פֿון דאָס נײַ אַנטדעקט די קלאַסישע וועלט געווען אַ נאַטירלעכער המשך פֿון אַ קולטור וואָס איז געווען בײַ זיי פֿאַר די אויגן. צווישן זיי האָט דערפֿאַר גענומען די איבערהאַנט די נייגונג און בענקשאַפֿט צו דער קולטור פֿון דער קלאַסישער וועלט — די גריכיש־רוימישע און אויך ייִדישע. צווישן זיי האָט געהערשט אַ גרויסע וויסנשאַפֿטלעכע אַקטיווי־טעט, פֿון זיי זײַנען אַרויסגעקומען דער גרעסטער טייל ייִדישע הומאַניסטן און צווישן זיי איז בולט די אַלגעמיינע רענעסאַנסישע שטרעבונג צו דערגרייכן אַ מדרגה פֿון שלמות.

אַנדערש איז געווען מיט די אַשכּנזישע ייִדן. זיי זײַנען געקומען פֿון אַ גאַנץ אַנדערן קולטורקרײַז און פֿון אַ תּקופֿה, אין וועלכער ייִדן זײַנען געווען באַזײַטיקט נישט בלויז פֿון אַנטייל אין דער אַלגעמיינער קולטור, נאָר אויך פֿון יעדער באַ־רירונג מיט דער נישט־ייִדישער באַפֿעלקערונג. דערפֿאַר זײַנען פֿון צווישן זיי נישט אַרויסגעקומען קיין גרויסע לאַטײַן־קענערס, געלערנטע דאָקטוירים, קאָפּיסטן פֿון אַלטע כּתבֿ־ידן, דיכטערס און הומאַניסטן. די אַשכּנזים האָבן זיך אָנגעכאַפּט קודם־כּל אין די דרויסנדיקע זײַטן פֿון דער רענעסאַנס־קולטור, אין די רײַכערע לעבנס־פֿאָרמען, אין דער שטרעבונג צו דרויסנדיקער פּראַכט, און זיי, מער ווי די אַנדערע ייִדן, האָבן פֿון זיך אַרויסגעגעבן דעם טיפּ פֿון דעם „רענעסאַנס־מענטש״, דעם תּקיף, דעם קעמפּער, וואָס גייט אומפֿאַרמאַטערלעך צו זײַן ציל און וואָס איז פֿול מיט ברויזנדיקע לײַדנשאַפֿטן.

מיר ווילן דאָס אילוסטרירן מיט עטלעכע איינציקע פֿאַקטן. איינער פֿון די גרויסע אַשכּנזישע גבֿירים, יוסף קאַסטעלפֿראַנקאָ, אין ברעשיע, אַ מעצענאַט וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ גרויסע ישיבֿה אויף זײַן חשבון, האָט געלאָזט אָפּ־שרײַבן דעם תּלמוד אויף פּאַרמעט אויף אַזאַ פּרעכטיקן אופֿן, אַז עס האָט אים געקאָסט אַ פֿאַרמעגן. נפֿתּלי הירץ ווערטהיים פֿון פּאַדוע האָט זיך געבויט אין זײַן הויז אַ פּריוואַטע שול, וואָס אירע ווענט זײַנען געווען אין גאַנצן באַדעקט מיט גאָלד, ביז מען האָט אים געמסרט און די מאַכט האָט עס אים פֿאַרבאָטן, כּדי די שול זאָל נישט זײַן צו שיין. ער האָט אָבער באַוויזן אויף אַנדערע אופֿנים צו מאַכן זײַן שול פּרעכטיק. אַז מען לייענט דעם באַריכט וועגן דער לוויה פֿון ר׳ יהודה מינץ אין פּאַדוע, שטוינט מען זעענדיק די אויסוויייניקסטע פּראַכט, מיט וועלכער זי איז געוואָרן אַדורכגעפֿירט, און מען קען זיך נישט דערמאָנען, אַז ערגעץ ווו אין דער ייִדישער וועלט, ביז 1800, זאָל מען האָבן אײַנגעאָרדנט פֿאַר אַ רבֿ אָדער פֿאַר אַ ראָש־ישיבֿה אַזאַ מין לוויה. פֿיל מער דערמאָנט די שיל־דערונג באַריכטן וועגן פֿירשטלעכע לוויות.[61]

די צום מערסטן באַמערקווערדיקע בײַשפּילן פֿון ברויזנדיקע רענעסאַנס־

[60] זען דעם באַריכט פֿון מײַן רעפֿעראַט אויף דעם ערשטן יודאַיִסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, זומער, תּש״ב, אָפּגעדרוקט אין סיני, יאָרגאַנג 11, ז׳ מ״ה.

[61] פֿ״גל די דערציילונגען פֿון אליה קאַפּסאַלי, *REJ*, דאָרט, אין פֿאַרשיידענע ערטער.

מענטשן געפֿינען מיר טאַקע אויך צווישן די אַשכּנזים. מיר באַזיצן גענויע באַ־שרײַבונגען וועגן דעם באַנקיר יונתן פֿינצי פֿון רעדזשאָ,[62] און מיר זעען אים אין אַלע לעבנס־סיטואַציעס, ווי ער מאַכט זײַנע געשעפֿטן און ווי ער קעמפֿט, ווי ער לעבט און ווי ער אינטריגירט קעגן זײַנע קעגענערס. דאָס בילד אין זײַן גאַנצקייט איז ווי דאָס בילד פֿון איינעם פֿון די באַרימטע „לײַדנשאַפֿטלעכע" מענטשן פֿון רענעסאַנס. קעמפֿעריש איז ר' אַבֿרהם מינץ, וואָס איז דער נאָכפֿאָלגער פֿון זײַן פֿאָטער ר' יהודה מינץ ווי אַ רבֿ אין פּאַדוע,[63] און דאָס גלײַכן דער אויבן דערמאָנ־טער נפֿתּלי הירץ ווערטהיים וואָס האָט געפֿירט אַ קאַמף קעגן ר' יהודה מינץ, ווײַל ר' יהודה מינץ האָט אים נישט דערלויבט אויפֿצוהענגען אין שול אַ פּרוכת, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעהאַפֿטן זײַן הערב אין אַ פּלאַסטישער פֿאָרעם. דער מהר"ם פֿון פּאַדוע דערציילט אונדז וועגן דעם, אַז הירץ ווערטהיים „מרוב עשרו ותקפו" האָט נישט געקוקט אויף דעם רבֿ „ובחוזק יד שם אותו [דעם פּרוכת] בבית הכנסת ויצא הזקן [ר' יהודה מינץ] מבית הכנסת בחרי אף ונתרבו הקטטות מאוד בגלל אלה..."[64] אַן ענלעכער טיפּ איז געווען ר' אָשר משולם, אָבער ער איז געווען פֿיל מער פּערזענלעכקייט, און זײַנע לײַדנשאַפֿטן האָבן געפֿונען אַן אויסדרוק אין זײַן פּאָליטישן קאַמף קעגן דער גרינדונג פֿון געטאָ אין ווענעציע. ביז זײַן סאַמע טויט, 16 יאָר נאָך דער גרינדונג פֿון געטאָ, האָט ער נישט אויפֿ־געהערט צו קעמפֿן פֿאַר אַ פֿרײַער באַזעצונג פֿון ייִדן אין דער גאַנצער שטאָט.[65]

איך קען דאָ ליידער נישט מאריך זײַן וועגן דער באַציִונג צווישן דער ייִדי־שער און נישט־ייִדישער וועלט, וואָס דאָס איז איינער פֿון די חשובֿסטע פּונקטן בײַם כאַראַקטעריזירן די ייִדישע רענעסאַנס־געזעלשאַפֿט אין איטאַליע. איך וויל נאָר קורץ פֿעסטשטעלן, אַז אויף דעם דאָזיקן געביט ווי אויף פֿיל אַנדערע געביטן, זײַנען נישט רוים און פֿלאָרענץ די ייִדישע הויפּטשטעט, נאָר ווענעציע, די אַשכּנזישע ווענעציע. און קעגן ווענעציע קודם־כּל האָבן זיך געווענדט די ייִדישע פֿירערס וואָס זײַנען געווען באַזאָרגט צוליב דעם צו שטאַרקן אײַנטונקען זיך אין דער פֿרעמדער קולטור. עס זײַנען דאָ וועגן דעם פֿיל ידיעות, און דאָ ווילן מיר בלויז ברענגען די אַלץ זאָגנדיקע מיינונג פֿון ר' עזריאל דאיינה (Dajjena), איינער פֿון די גרויסע רבנים און אַליין אַ רענעסאַנס־מענטש: „ולא שמעתי קריה אשר שגבה ידה בחוקת הגויים וערכאות של גויים כמו וינציאה העיר ההוללה בעושר וכבוד, ראשיה שרי עם קודש אשר מעולם אנשי שם, כנעניה נכבדי ארץ, איככה יוכלו לראות החטאים האלה בנפשותם..."[66]

---

[62] A. Balletti, *Gli Ebrei e gli Estensi,* Modena, 1913, p. 20 sq.

[63] זען דעם ספר הפסקים, ווענעציע, רע"ט און די שטודיע פֿון אַלעקסאַנדער מאַרקס: "A Jewish Cause Célèbre", אָפּגעדרוקט אין דעם דײַטשן ספר הזכרון פֿאַר צבֿי פּרץ חיות, ווין, 1932, ז' 149 א"וו, און פֿון דאָס נײַ אין זײַן בוך: *Studies in Jewish History and Booklore*, ניו־יאָרק, 1944, ז' 107 א"וו.

[64] פּ"גל שאלות ותשובות אבקת רוכל, סימן ס"ה.

[65] C. Roth, *Venice,* p. 45.

[66] דעם דאָזיקן ציטאַט געפֿין איך אין מײַנע נאָטיצן, אָבער בײַ מיר איז ליידער נישט נאָטירט דער מראה־מקום צו אים.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז די צאָל הומאַניסטן איז בײַ די אַשכּנזים געווען קלענער ווי בײַ די איטאַליאַני. אָבער אויך צווישן די אַשכּנזים זײַנען געווען הומאַניסטן. געווען נאָטירלעך צו דערמאָנען דעם נאָמען פֿון אליהו בחור. ער איז טאַקע געווען אַ הומאַניסט דורך און דורך, און נישטאָ אין זײַן גאַנצן לעבנס־שטייגער און אין זײַן שאַפֿונג עפּעס וואָס עס זאָל נישט אַרײַנפּאַסן אין דעם באַגריף פֿון דעם הומאַניסט. אַז ער איז נישט געווען פֿאַראייניצלט באַווײַזן די פּאַשקעווילן וואָס ער האָט געשריבן קעגן זײַנע שׂונאים.[67]

מיט דעם נאָמען אליהו בחור איז אויך פֿאַרבונדן די דערשײַנונג וואָס הייסט ייִדישע ליטעראַטור אין צפֿון־איטאַליע. דאָ איז נישט דאָס אָרט צו געבן אַ באַשרײַבונג פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור. אָבער אויף איין פּונקט מוזן מיר זיך דאָך אָפּשטעלן. עס מוז באַטאָנט ווערן דער ענגער צוזאַמענהאַנג פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור מיטן רענעסאַנס. דאָס בבֿא־בוך און פּאַריז און וויענע זײַנען באַאַרבעטונגען פֿון איטאַליענישע ראָמאַנען. אליהו בחור האָט נישט נאָר גענומען דעם מאַטעריאַל פֿאַר זײַנע ראָמאַנען פֿון דער איטאַליענישער ריטער־עפּיק; ער האָט אויך באַאַרבעט דעם מאַטעריאַל אויף דעם זעלבן שטייגער ווי אַריאָסטאָ האָט עס געמאַכט און האָט אַרײַנגעפֿירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור די ליטעראַרישע פֿאָרעם פֿון דעם סטאַנצן־ראָמאַן. דורך דעם האָט אליהו בחור אויפֿגעשטעלט אַ קאָנטאַקט צווישן ייִדישע לייענערס אין דעם גאַנצן אַשכּנזישן שטח מיט דער קולטור פֿון רענעסאַנס, אַ פֿאַקט וואָס האָט אַ געוואַלדיקן אַלגעמיין ייִדישן קולטור־היסטאָרישן באַטײַט.

ו

וואָס זשע איז געוואָרן פֿון דעם אַשכּנזישן ייִדנטום אין איטאַליע און וואָס איז פֿון אים געבליבן?

דער ענטפֿער איז אַ געוויס קלאָרער: אין דעם פֿאַרלויף פֿון די יאָרהונדערטער איז אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט ספּעציפֿישער אַשכּנזישער קולטור. געבליבן איז בלויז דער אַשכּנזישער נוסח התּפֿילה וועלכער איז ביזן הײַנטיקן טאָג גילטיק אין אַ ריי קהילות. אָבער אויך דער נוסח התּפֿילה האָט נישט אומעטום באַוויזן זיך צו דערהאַלטן. ווענעציע למשל, וואָס זי איז געווען די הויפּטשטאָט פֿון דעם אַשכּנזישן ייִדנטום אין איטאַליע, דאַוונט הײַנט לויטן ספֿרדישן נוסח.

פֿיל שווערער איז צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשען און ווען עס איז געשען. באַטראַכט מען דאָס בילד פֿון דעם ייִדישן לעבן אין איטאַליע ווי עס האָט זיך געביטן אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע דריטהאַלבן הונדערט יאָר, קריגט מען דעם אײַנדרוק, אַז אין פֿאַרלויף פֿון די דורות איז פֿאָרגעקומען אַ כּסדרדיקע אָפּשוואַכונג פֿון דעם אַשכּנזישן אינהאַלט אין לעבן פֿון די אַשכּנזישע ייִדן אין איטאַליע. מיר האָבן שוין אין די פֿריִערדיקע קאַפּיטלען דאָ און דאָרט אָנגעוויזן אויף די אַסימילאַציע־טענדענצן און טיילווײַז אויף זייערע

[67] למשל דאָס ליד „המבֿדיל“, אָפּגעדרוקט פֿון נ. שטיף, צײַטשריפֿט, יאָרגאַנג 1, ז׳ 150.

סיבות. די הויפּט־סיבה איז זיכער דער איבערדרײַס פֿון די דירעקטע באַציִונגען צווישן די אַשכּנזישע ייִדן אין איטאַליע און דײַטשלאַנד. דער איבערדרײַס איז נאַטירלעך נישט געווען קיין פּלוצעמדיקער. גידעמאַן[68] מיינט, אַז דער גירוש פֿון ייִדן פֿון קאַרינטיע און שטײַערמאַרק, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין 1496, איז די סיבה פֿון דעם איבערדרײַס. עס קען זײַן, אַז דער דאָזיקער גירוש האָט טאַקע געהאַט אַ געוויסן אײַנפֿלוס. אָבער ער איז ווײַט נישט גענוג צו דערקלערן די זאַך אין גאַנצן. מיר דוכט זיך, אַז זייער אַ וויכטיקער פּונקט אויף דעם וועג פֿון זיך אָפּרײַסן פֿון דײַטשלאַנד איז געווען די מלחמה פֿון דער ליגע פֿון קאַמברײ קעגן דער רעפּובליק ווענעציע. ערשטנס, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, האָבן ייִדן צוליב דעם אומגליק צוריקגעוואַנדערט קיין דײַטשלאַנד. דאָס האָט זיכער געווירקט אָפּשוואַכנדיק אויף דעם פֿאַרנעם פֿון דער אימיגראַציע קיין איטאַליע. אָבער נאָך עפּעס: מען האָט יעמאָלט די אַשכּנזישע ייִדן צוליב זייער צוזאַמענהאַנג מיט דײַטשלאַנד חושד געווען אין אונטערשטיצן דעם דײַטשן אָנפֿאַלער. דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, אַז ייִדן אין איטאַליע זאָלן אָנהייבן קריטיש באַטראַכטן זייערע באַציִונגען מיט ייִדן אין דײַטשלאַנד. צו דעם דאָזיקן נעגאַטיוון גרונט איז נאָך צוגעקומען אַ פּאָזיטיווער. ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער אינוואַזיע פֿון דער אַרמיי פֿון דער ליגע פֿון קאַמברײ איז, ווי באַקאַנט, געגרינדעט געוואָרן די ייִדישע קהילה אין ווענעציע. און אַז די דאָזיקע גרויסע קהילה איז געגרינדעט געוואָרן, האָט אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען די אַזוי כאַראַקטעריסטישע געטרײַשאַפֿט און ליבע פֿון ייִדן צו דער ווענעציאַנער רעפּובליק, וואָס זי איז פֿיל מאָל געקומען צום אויסדרוק אין די שריפֿטן פֿון לעאָן מאָדענע, ר׳ שׂמחה לוצאַטאָ, ר׳ דוד מן התּפּוחים און אַנדערע. איז דערפֿאַר פֿאַרשטענדלעך, אַז ייִדן האָבן אויפֿגעהערט צו זײַן דײַטשע ייִדן און געוואָרן ווענעציאַנער ייִדן. און אַז אין פֿאַרלויף פֿון די דורות איז אויך דער גרויסער אײַנוואַנדערער־שטראָם געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, איז ממילא דער צוזאַמענבונד צווישן דער אַשכּנזישער איטאַליע און דײַטשלאַנד איבערגעריסן געוואָרן.

ווי אַ רעזולטאַט פֿון אָפּרײַסן זיך פֿון דעם הויפּטשטאַם פֿון דעם אַשכּנזישן ייִדנטום איז געקומען דער איבערגאַנג צו רעדן בלויז איטאַליעניש (זיכער אויך נישט אויף איין מאָל, נאָר ביסלעכווײַז), דאָס פֿאַרלאָזן די הבֿרה אַשכּנזית אין העברעיִש, און זיכער אויך דאָס פֿאַרלירן און פֿאַרגעסן אַ ריי מינהגים און פֿאַרמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. דאָס זײַנען אַלץ זאַכן וואָס מוזן ערשט גרונטיק אויסגעפֿאָרשט ווערן.

הײַנט צו טאָג זײַנען אין איטאַליע געבליבן בלויז אַ צוויי צענדליק קהילות, אין וועלכע מען דאַוונט נוסח אַשכּנז.[69] אָבער דער אײַנפֿלוס פֿון דער אַשכּנזישער

[68] התורה והחיים, באַנד דרײַ, ז׳ 200.

[69] לויט דעם לוח (*Lunario israelitico*) פֿון סערווי (Servi), אַרויסגעגעבן אין 1928, דאַוונט מען נוסח אַשכּנז אין אַכצן שטעט, דערפֿון 16 אין צפֿון־איטאַליע, דער עיקר קליינע מקומות אין פּיעמאָנט און מאָנפֿעראַטאָ. דער דאָזיקער לוח איז נישט קיין מקור אויף וועלכן

איַינוואַנדערונג קיין איטאַליע איז, היסטאָריש גענומען, פֿון גרעסטן באַטיַיט. דער אַשכּנזישער עלעמענט האָט דערפֿילט זיַין היסטאָרישע מיסיע, ראַטעווענדיק דאָס איטאַליענישע ייִדנטום פֿון דער סכּנה פֿון אונטערגאַנג מיט הונדערטער יאָרן צוריק און געבנדיק אים דעם כאַראַקטער פֿון אַן עטניש צוזאַמענגעזעצטן ייִדישן קיבוץ. און אין זיַין עטנישער צוזאַמענגעזעצטקייט ליגט אפֿשר דער סוד פֿון דעם גרויסן קולטורעלן און סאָציאַלן אויפֿטו פֿון דעם היסטאָרישן איטאַליענישן ייִדנטום.

די שטעט און פּראָווינצן אין איטאַליע וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם אַרטיקל

Istria	איסטריע
Ancona	אַנקאָנע
Brindisi	ברינדיזי
Brescia	ברעשיע
Dalmazia	דאַלמאַציע
Venezia	ווענעציע
Verona	וועראָנע
Toscana	טאָסקאַנע
Treviso	טרעוויזאָ
Cividale del Friuli	טשיווידאַל
Lombardia	לאָמבאַרדיע
Livorno	ליוואָרנאָ
Modena	מאָדענע
Mantova	מאַנטווע
Monferrato	מאָנפֿעראַטאָ
Napoli	נעאַפּאָל
Padua	פּאַדווע
Piemonte	פּיעמאָנט
Pesaro	פּעזאַראָ
Ferrara	פֿעראַרע
Castelazzo	קאַסטעלאַצאָ
Rovigo	ראָוויגאָ
Reggio vel Emilia	רעדזשאָ

מען קען זיך פֿאַרלאָזן, אָבער אַן אַלגעמיינעם איַינדרוק מעג מען באַקומען אויפֿן סמך פֿון זיַינע מיטטיילונגען. די גרעסטע קהילה וועלכע איז געבליבן אַשכּנזיש איז וועראָנע. ווענעציע דאַוונט איצט נוסח ספֿרד און פּאַדווע נוסח איטאַליאַני.

לעגענדע און אמת וועגן די חסידישע דרוקערײַען

וועגן דעם כאַראַקטער פֿון די ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און ליטע ביז 1836

פֿון ח. ליבערמאַן

א

פֿאַראַן אַ פֿאַרשפּרייטע מיינונג, אַז די ייִדישע דרוקערײַען אין פּוילן און רוסלאַנד אין 18טן יאָרהונדערט זײַנען געגרינדעט געוואָרן מערסטנס פֿון חסידים. ד"ר אַבֿרהם אליהו הרכּבֿי שרײַבט וועגן דעם:

איינס פֿון די... מעכטיקע פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען פֿון חסידיזם אין דער צווייטער העלפֿט פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אין אָנהייב איצ־טיקן איז געווען דאָס גרינדן אַ היפּשע צאָל דרוקן אין וואָלין, פּאָדאָליע, אין קיִעווער און מאָהילעווער גובערניעס, וווּ ס'האָבן זיך געדרוקט דער עיקר חסידישע... חיבורים.[1]

בערך דאָס זעלבע שרײַבט אויך שאָול גינזבורג:

ווי באַוווּסט, האָט די אַנטשטייונג פֿון דעם חסידיזם שטאַרק מיטגעווירקט צו דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן דרוקוועזן אין פּוילן און רוסלאַנד. די נײַע רעליגיעז־געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג וואָס האָט אין גיכן געקראָגן אַ גרויסע פֿאַרשפּרייטונג און ארויסגערופֿן אַן אייפֿעריקן ווידערשטאַנד פֿון אירע קעגנער האָט זיך, נאַטירלעך, גענייטיקט אין געדרוקטן וואָרט אַלס מיטל פֿון פּראָפּאַגאַנדע און פּאָלעמיק.[2] אויסנוצן דערויף די מתנגדי־שע דרוקערײַען איז, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, געווען אוממיגלעך. דעריבער האָבן די חסידים גענומען גרינדן אייגענע דרוקערײַען, איבער הויפּט אין יענע געגנטן, וווּ זייער ווירקונג איז געווען שטאַרק — אין וואָלין, פּאָ־

---

[1] *Сборник в пользу начальных еврейских школ,* С-Петербург, 1896, стр. 164.

[2] דאָס איז ניט ריכטיק. חסידים האָבן אין יענע צײַטן נאָר געדרוקט חסידישע ספֿרים, אָבער ניט קיין פּאָלעמיק. חסידים האָבן שריפֿטלעך גאָרניט געענטפֿערט, ניט אויף דעם ערשטן אַנטי־חסידישן קונטרס זמיר עריצים אין יאָר 1772 און ניט אויף די שפּעטער געדרוקטע אַנטי־חסידישע ווערק פֿון יאָר 1798. ווי ד"ר י. צינבערג באַמערקט (געשיכטע פֿון ליטעראַטור בײַ ייִדן, ב' 8, צווייטער בוך, ז' 105) האָבן חסידים נאָר אָנגעווענדט פּאַסיווע שוצמיטלען: זיי פֿלעגן אויפֿקויפֿן די אַנטיחסידישע ווערק און זיי פֿאַרברענען. ערשט אין דער צווייטער העלפֿט 19טן יאָרהונדערט, אין אַ רויִקער אַטמאָספֿער, ווען די מחלוקת חסידים־מתנגדים האָט זיך שוין געהאַט אײַנגעשטילט, איז אַרויס אַ חסידיש פּאָלעמיש ווערק א"ט מצרף העבודה.

דראָליע, אין קיִעווער און מאָהילעווער גובערניעס אד"גל. זייערע קעגנער האָבן אויך ניט געשוויגן. אזוי זײַנען אין סוף 18טן און אָנהייב 19טן י"ה אנטשטאַנען חסידישע און מתנגדישע דרוקערײַען אין פּיל שטעט.[3]

קומט אויס, הייסט עס, אַז די דרוקערײַען אין אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד זײַנען געגרינדעט געוואָרן דורך חסידים און די דרוקערײַען אין ליטע — דורך מתנגדים. אין זייערע אָפּטע מסירות צו דער רוסישער רעגירונג אויף חסידים, פּלעגן די משׂכּילים אין יענע צײַטן אָנווײַזן אויף דעם און שרײַבן, אַז די דאָזיקע דרוקערײַען זײַנען נעסטן פֿון פֿינצטערניש, פֿון וואַנען עס פֿאַרשפּרייט זיך פֿאַנאַטיזם צווישן דער יִדישער מאַסע.[4]

צי איז די דאָזיקע פֿאַרשפּרייטע מיינונג אַ באַגרינדעטע, אָדער אפֿשר איז עס ניט מער ווי עמעצנס אַ השערה וועלכע וואַנדערט אַרום ניט קיין קאָנטראָלירטע?

איך וויל פּרוּוון ענטפֿערן אויף דער דאָזיקער זייער וויכטיקער קולטור־היסטאָרישער פֿראַגע אויפֿן סמך פֿון דער פּראָדוקציע פֿון די דאָזיקע דרוקערײַען, אויף וויפֿל דאָס לאָזט זיך בײַם איצטיקן מצבֿ פֿון דער ביבליאָגראַפֿיע.[6] צוליב די ספּעציפֿישע באַדינגונגען אין פּוילן און גאַליציע (ווי דער פֿאַרבאָט צו דרוקן חסידישע ספֿרים אין גאַליציע, דאָס שפּעטיקע אַרײַנדרינגען פֿון חסידות קיין פּוילן א"אַנד) וועל איך יענע לענדער אויסטיילן אין אַ באַזונדער אַרבעט; דאָ וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און ליטע.

ח. ד. פֿרידבערג אין זײַן תולדות הדפוס העברי בפולניא גיט אַ רשימה פֿון עטלעכע און פֿופֿציק שטעט, ווו עס האָבן עקסיסטירט יִדישע דרוקערײַען אין יענע יאָרן. פֿון זיי זײַנען אין אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און ליטע לויטן אַלף־בית (דאָרטן ווו דער אונטערשייד איז אַ גרויסער גיבן מיר אין קאַנטיקע קלאַמערן דעם אויסלייג וואָס מען געפֿינט, ניט אין גאַנצן אויסגעהאַלטן אַגבֿ, אויף די ספֿרים גופֿא):

אַלעקסניץ, אָסטרע [אוסטרהא], באָסלעוו [באהוסלאוו], באַרדיטשעוו, ביאַליסטאָק, בילזורקע, ברעזיץ (אויך: פּאָדברעזיץ), דובנע, דובראָוונע, האַראָדנע [הור־

---

[3] צוקונפֿט, 1932, ז' 589. — זען אויך די רוסיש־יִדישע ענציקלאָפּעדיע ב' 14, ז' 853 א"וו.

[4] עס איז קיין ספֿק ניטאָ, אַז די ווענדונגען פֿון די משׂכּילים צו דער מאַכט האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער גזרה פֿון ניקאָלײַ דעם ערשטנס ממשלה אין 1836 צו פֿאַרמאַכן אַלע יִדישע דרוקערײַען אין רוסלאַנד און צו דערלויבן סך־הכּל צוויי: איינע אין ווילנע און איינע אין קיִעוו (די קיִעווער דרוק איז ניט צו שטאַנד געקומען; אַנשטאָט דעם האָט זיך אין 1847 געעפֿנט אַ דרוק אין זשיטאָמיר). וועגן מסירות אויף יִדישע דרוקערײַען אין רוסלאַנד זען:
Пережитое, III, стр. 14; С. Боровой, *Нариси з гісториі еврейскоі книги на Украіни*, 2; *Восход*, 1903, 6, стр. 131-132; *Еврейская Старина*, 1 (1909), стр. 251—255; *Ibid*, 7 (1915), стр. 95.

[5] וויכטיקע אינפֿאָרמאַציע וואָלט זיך געוויס געפֿונען אין די קיִעווער צענזור־אַרכיוון, וואָס דער פֿאַרשטאָרבענער נחום שטיף האָט וועגן זיי געשריבן, אַז זיי האָבן אים געגעבן אַזעלכע מאַטעריאַלן וואָס „קלינגען ווי אַן אַנטדעקונג" (פֿון נאָענטן עבֿר, ווילנע, 1937, ז' 335). צום באַדויערן זײַנען די דאָזיקע מאַטעריאַלן ביז איצט ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן און עס איז ניט באַוווּסט צי זיי זײַנען געבליבן גאַנץ.



מאַפּע פון די שטעט וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם אַרטיקל.

ראַדנאַ], ווילנע, זאַסלאַוו, זשיטאָמיר, ליאַדי, מאָהילעוו (בײַם דניעסטער), מאָהילעוו (בײַם דניעפּער), מינסק, מינקאָוויץ, מעזריטש, מעזשבוזש [מעזיבוז], מעזשיראָוו, סודילקאָוו, סלאַוווטע, סלאָפּקאָוויץ, פּולנאָע [פּולנאה], פּריצק [פּאריצק], קאַליס, קאָפּוסט, קאָריץ, קופּיל,[6] קרעמעניץ, ראַדוויל, שׂדה־לבֿן, שקלאָוו. אַחוץ די דאָזיקע שטעט וואָס זײַנען דערמאָנט בײַ פֿרידבערגן זײַנען נאָך געווען דרוקערײַען אין בעלילאָווקע, בראַצלאַוו און סקראַליוווקע [סקראַליבקאַ סמוך לבּרדיטשובֿ].

37 פּונקטן — אַ גאַנץ נישקשהדיקע צאָל! אויב מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז אין טייל שטעט האָט אין געוויסע צײַטן עקסיסטירט אײנצײַטיק מער ווי איין דרוקערײַ רופֿט אַזאַ צאָל אַרויס בײַ אונדז אַ געפֿיל פֿון צופֿרידנקייט. אָט דאָס הייסט אַן עם הספֿר! און דאָס ניט אין אַ לאַנד, וווּ ייִדן האָבן געלעבט אין עושר און אין כּבֿוד. אַדרבּא, ייִדן אין יענע מקומות האָבן געלעבט אין גרויס דחקות, אַחוץ געציילטע גבֿירים; דערצו האָבן זיך נאָך געשאָטן אויף זייערע קעפּ פֿאַרשיידענע גזרות פֿון דער רעגירונג — און דאָך אַזאַ גרויסע באַדערפֿעניש אין געדרוקטן וואָרט!

עס ווערט אונדז אָבער קשהדיק די פּראָפּאָרציע פֿון די דרוקערײַען אין די אויבן דערמאָנטע דרײַ מדינות. פֿון די 37 שטעט מיט ייִדישע דרוקערײַען קומט אויס אויף אוקראַיִנע 28, ווײַסרוסלאַנד 5 און ליטע 4. אוקראַיִנער ייִדן זײַנען אונדז גאָרניט באַקאַנט פֿאַר אַזעלכע לומדים. אין דער נײַער ליטעראַטור האָט מען זיי גאָר געקרוינט מיטן נאָמען „עמך". פֿאַר אַ מדינה מיט גרויסע לומדים און גאונים, מיט גרויסע ישיבֿות איז אונדז באַקאַנט דער עיקר ליטע, מיט ווילנע, „ירושלים דליטא", אין דער שפּיץ, טיילווײַז אויך ווײַסרוסלאַנד. האָט דאָך געדאַרפֿט זײַן אין פֿלוג פֿאַרקערט: אויפֿן ערשטן פּלאַץ אין דער צאָל דרו־

---

[6] אין יאָר 1894 איז אַרויס אין פּעטערבורג אַ בראָשור, אין העברעיִש און רוסיש, א"ט: *Список еврейских изданий, напечатанных в России и в Царстве Польском, предназначенных для выставки.*
רשימת הספרים העברים שנדפסו בארץ רוסיא ומלכות פולין הנועדים לבא בשערי המצבה. קיין מחבר איז ניט אָנגעגעבן, נאָר שמואל ווינער אין זײַן הקדמה צום קהלת משה, אות ב, ד' 9, שרײַבט, אַז ער האָט דאָס אָנגעשריבן דעם העברעיִשן טעקסט און ד"ר אַ. א. הרכּבֿי האָט געמאַכט הוספֿות און שינויים ווי אויך די רוסישע איבערזעצונג. אין דער דאָזיקער בראָשור רעכענען צו די מחברים קופּיל צו „מלכות פולין" און זיי שרײַבן, אַז עס איז באַוווסט נאָר איין ספֿר געדרוקט אין קופּיל, דאָס איז אַ מחזור מכל השנה, 1796. דאָס איז אַ טעות. אין דעם שטעטל איז געדרוקט געוואָרן אין זעלביקן יאָר אַ צווייטער ספֿר, חידושי מהרש"א, פֿון וועלכן עס איז צו זען, אַז קופּיל, וווּ עס איז געווען די ייִדישע דרוקערײַ, געפֿינט זיך אין אוקראַיִנע, ניט אין פּוילן. אין דער הסכּמה פֿון ר' זאבֿ וואָלף מטשארנאוסטרא צו אָט דעם צווייטן ספֿר שטייט צוו"אַנד: „שהדפיסו פה ק"ק קופּיל בגבולי...", הייסט דאָס אַז קופּיל איז געווען לעבן טשאַרנאָאָסטרע. אויף די שער־בלעטער פֿון די בײדע ספֿרים איז אָנגעגעבן „תחת ממשלת האדון הגדול החסיד יאסניא וועלמאזני סווערינז וויסלאצקי" און אין „גדולת ר' וואלף מטשארנאוסטרא", געדרוקט אין יוסף פּערלס יודישע כּתבֿים, ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ, ווילנע, 1937, לייענען מיר ז' 221: „...מוז מען אַ גיי טאָן און נעמען בײַם אַלטן וויסלאָצקי אין קופּיל (וואָס איז נאָך דעמאָלט אַ דאָרף געווען) אַ פּדיון שבֿויים... זײַן וועג איז ע"פּי רובֿ אויסגעקומען איבער טשאַרנאָאָסטרע..." זעען מיר אויך, אַז קופּיל איז געווען לעבן טשאַרנאָאָסטרע אין אוקראַיִנע. אין דער ייִדיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע איז אָנגעגעבן אַ שטעטל קופּיל אין וואָלין, און ס'איז אויך געוויזן אויף דער מאַפּע פֿון וואָלינער גובערניע, דאָרטן.

קערײַען האָט געדאַרפֿט גיין ליטע, אויפֿן צווייטן — ווײַסרוסלאַנד און ערשט אויפֿן דריטן די בעל־הבתּישע אוקראַיִנע.

און דאָ קומט ווי געוווּנטשן דער ענטפֿער — חסידים! דאָס האָבן חסידים געגרינדעט די גרויסע צאָל דרוקערײַען פֿאַר זייערע ספּעציעלע חסידישע אינ־טערעסן, און ממילא דאַרף שוין יאָ שטימען די פּראָפּאָרציע. די כּמעט הונדערט־פּראָצענטיק חסידישע אוקראַיִנע האָט זיך געניטיקט אין אַ גרעסערער צאָל דרו־קערײַען; דאָס האַלב חסידישע ווײַסרוסלאַנד און די מתנגדישע ליטע האָבן זיך גע־קענט באַנוגענען מיט אַ קלענערער צאָל.

לאָמיר אָבער אַרײַנקוקן אין דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון די דרוקערײַען און זען, צי די דאָזיקע טעאָריע שטימט מיט דער ווירקלעכקייט. דערבײַ מוז מען באַמערקן, אַז די ביבליאָגראַפֿיע פֿון די ייִדישע דרוקערײַען אין מיזרח־אייראָפּע איז הײַנט צו טאָג ווײַט פֿון שלמות. די קומעדיקע ביבליאָגראַפֿיע וועט מסתּמא די צאָלן וואָס איך ברענג דאָ קאָרעגירן. דאָך, וואָס שייך אונדזער ענין, וועט דאָס קיין גרויסע שינויים ניט אַרײַנטראָגן, אַ פּאָר ספֿרים מער צי ווייניקער אין יעדער שטאָט, דער אָדער יענער ספֿר איז געדרוקט ניט דאָ, נאָר דאָרטן, ניט אין דעם יאָר נאָר אין יענעם — דאָס אַלגעמיינע בילד וועט בלײַבן דאָס זעלביקע. די ציפֿער וואָס איך באַנוץ דאָ זײַנען גענומען מערסטנס פֿון פֿרידבערגס אויבן דערמאָנטן תולדות הדפוס און פֿון זײַן בית עקד ספרים, אַחוץ דעם אויך פֿון קרית ספר (9, ז׳ 432; 11, זז׳ 95, 384; 19, ז׳ 277; 20, ז׳ 45; 21, ז׳ 214).

קודם כּל לאָמיר אַרויסנעמען פֿון דער רשימה יענע שטעט, אין וועלכע די דרוקערײַען האָבן קיין קיום ניט געהאַט, ווו מען האָט באַוויזן אין גאַנצן אָפּצו־דרוקן אַ דרײַ־פֿיר ספֿרים, אָדער אַפֿילו גאָר איין און איינציק ספֿר, און די דרו־קערײַ האָט זיך געשלאָסן. די דאָזיקע בין־לילה־הי׳־ובין־לילה־אָבד־דרוקערײַען האָבן, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקענט האָבן קיין אײַנפֿלוס אויף דעם ייִדישן דרוק־וועזן אין אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, אויב אַפֿילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז חסידים זיי געגרינדעט. אַזעלכע דרוקערײַען זײַנען געווען 16, פֿון זיי 13 אין אוקראַיִנע און 3 אין ווײַסרוסלאַנד.

ווײַסרוסלאַנד: 1) דובראָוונע — 5 ספֿרים; 2) ליאָדי — 1; 3) מאָהילעוו — 1.

אוקראַיִנע: 1) באָסלעוו — 4 ספֿרים; 2) בילזורקע — 5; 3) בעלילאָווקע — 1; 4) ברעזיץ — 6; 5) זאַסלאַוו — 4; 6) מעזריטש — 3; 7) סלאַפּקאָוויץ — 3; 8) סקראַליווקע — 1; 9) קאַליס — 3; 10) קופּיל — 2; 11) קרעמעניץ [7] — 1; 12) ראַדוויל — 6; 13) שׂדה לבֿן — 3.

ליתר בטחון וועלן מיר נאָך צוגעבן, אַז אַרום און אַרום האָבן זיך אין די אַלע 16 שטעט אָפּגעדרוקט 5־6 חסידישע ספֿרים, און אַפֿילו אין אַזאַ שטאָט ווי ליאַדי, דאָס וויגעלע פֿון חסידות־חב״ד, ווו עס האָט געהאַט זײַן רעזידענץ דער רבֿ מליאַדי ר׳ שניאור זלמן, איז דער איינציקער ספֿר וואָס איז דאָרטן געדרוקט

[7] פֿרידבערג פֿאַרצייכנט אַפֿילו צוויי ספֿרים, אָבער ער מאַכט אַ טעות: דער ספֿר נחל אשכול איז געדרוקט אין דובנע, ניט אין קרעמעניץ.

געווען ניט דער תניא, נאָר שוין אַ געדרוקטער אַלטער הלכה־ספר[8] (טאַקע מיט דער הסכמה פֿון דעם רבֿ מליאַדי). מיר קענען אַזוי אַרום רויִק אַרויסנעמען די דאָזיקע שטעטלעך פֿון דער רשימה ווי ניט־וויכטיקע פֿאַר אונדזער ענין.

בלייבט שוין אונדז אין סך־הכּל לערך צוואַנציק שטעט מיט ייִדישע דרוקערייען וועלכע האָבן עקסיסטירט לפּי־ערך אַ לענגערע צייט. דערבײַ דאַרף מען אויך האָבן אין זינען, אַז ניט אין אַלע צוואַנציק שטעט האָבן די דרוקערייען עקסיסטירט אין איין און דער זעלבער צײַט, און בשעת, למשל, אין סודילקאָוו איז געגרינדעט געוואָרן די דרוקערײַ, איז שוין די ערשטע דרוקערײַ אין דער רייִ, אין אַלעקסניץ, געווען אַרום פֿערציק יאָר געשלאָסן. מיט די אַלע באַוואָרע־נישן מאַכט שוין די רשימה ניט אַזאַ אימפּאָזאַנטן אײַנדרוק.

ב

נאָך דעם ווי מיר האָבן אַרויסגענומען פֿון דער רשימה די אויבן דערמאָנטע דרײַ דרוקערייען אין ווײַסרוסלאַנד, בלײַבן אונדז דאָרטן נאָר צוויי שטעט, שקלאָוו און קאָפּוסט. דאָרטן האָבן די דרוקערייען עקסיסטירט לאַנגע יאָרן ביז דער סאַמע גזרה פֿון 1836. אין שקלאָוו האָט מען אָנגעהויבן דרוקן ייִדישע ספֿרים נאָך אין 1783,[9] און אַזוי אַרום האָט מען דאָרטן געדרוקט ספֿרים איבער פֿופֿציק יאָר. אין קאָפּוסט איז די דרוקערײַ געגרינדעט געוואָרן אין 1804 און זי האָט פֿונקציאָנירט איבער דרײַסיק יאָר. אין דיביידע שטעט איז טאַקע אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ גרויסע צאָל ספֿרים.

פֿון דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון שקלאָווער און קאָפּוסטער דרוקערייען זעען מיר, אַז מען האָט טאַקע געדרוקט דאָרטן חסידישע ספֿרים אויך, אָבער אויס־שליסלעך חב״דישע און נישט פֿון אַנדערע חסידישע ריכטונגען.[10]

אָבער אַפֿילו חב״ד האָט ווינציק געדרוקט, הגם אַ סך געשריבן. אַנשטאָט דרוקן האָט חב״ד געהאַט אָרגאַניזירט אַ סיסטעם קאָפּיסטן אָדער „שרײַבערס״, ווי מען האָט זיי גערופֿן. צו ערשט אין ליאָזנע, ווו דער חב״ד איז געגרינדעט גע־וואָרן, שפּעטער אין ליאַדי, וווּהין ר׳ שניאור זלמן, דער גרינדער פֿון חב״ד, האָט אַריבערגעפֿירט זײַן רעזידענץ,[11] דערנאָך אין ליובאַוויטש, וווּהין ר׳ שניאור זלמנס זון, דער מיטעלער רבי ר׳ בער, האָט אַריבערגעפֿירט די רעזידענץ פֿון

---

[8] עמודי גולה, געדרוקט צום ערשטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 1510, איבערגעדרוקט אין ליאַדי אין יאָר 1805.

[9] וועגן די ערשטע גרינדערס פֿון דער שקלאָווער דרוקערײַ וועט קומען צו רייד שפּעטער.

[10] מיטן אויסנעם פֿון דער ערשטער אויסגאַבע פֿון דעם שבחי בעש״ט, געדרוקט אין קאָפּוסט 1815, און פרי הארץ, דאָרטן, 1814, וועמענס מחבר ר׳ מענדעלע וויטעבסקער די חב״ד־חסידים האַלטן פֿאַר אַ זייעריקן, און מיטן אויסנעם פֿון נועם אלימלך, געדרוקט אַנאָנים אין שקלאָוו (אָן דרוקאָרט און אָן יאָר). דער נועם אלימלך איז לויט מײַן מיינונג געדרוקט געוואָרן ספּעציעל פֿאַר גאַליציע (זען מײַן אַרטיקל וועגן די שקלאָווער דרוקערייען אין קרית ספר, כה, ז׳ 315 א״וו).

[11] אין 1801.

חב״ד,[12] זײַנען געזעסן שרײַבערס און איבערגעשריבן דעם רבינס תּורות. דער סדר דערבײַ איז געווען אַזאַ. דער רבי פֿלעגט פֿריִער זאָגן די תּורה פֿאַר די חסידים, שפּעטער האָט ער אַליין זי פֿאַרשריבן[13] און איבערגעגעבן דעם הויפּט־שרײַבער וועלכער האָט דאָס איבערגעשריבן; אַלע איבעריקע שרײַבערס האָבן געמאַכט דערפֿון קאָפּיעס, וויפֿל יעדערער האָט באַוויזן, און האָבן דאָס פֿאַר־קויפֿט חסידים. האָט אַ חסיד ניט געהאַט קיין קליינגעלט אויף צו קויפֿן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און אַליין איבערגעשריבן די תּורה. פֿאַרנדיק אַהיים האָט דער חסיד מיטגענומען איינע אָדער עטלעכע אַזעלכע געשריבענע תּורות. אין זײַן ווינאַרט האָבן אים שוין אָפּגעוואַרט די שטעטלדיקע חסידים, און ער האָט שוין געמוזט יעדערן געבן צו מאַכן אַ קאָפּיע פֿאַר זיך. שפּעטער איז געפֿאָרן אַ צווייטער חסיד פֿון דעם זעלבן שטעטל און האָט מיטגעבראַכט אַן אַנדער תּורה, און ווײַטער האָבן אַלע חסידים זיך געלאָזט מאַכן קאָפּיעס. ווען עס האָט זיך אָנ־געקליבן אַ גרעסערע צאָל תּורות האָט מען דאָס געלאָזט אײַנבינדן אין אַ ביכל,[14] און אַזוי אַרום האָט זיך יעדער חסיד אין משך פֿון עטלעכע יאָר צונויפֿגעשטעלט אַ ביבליאָטעק פֿון חסידישע תּורות.

די דאָזיקע סיסטעם האָט אָבער געהאַט איר חסרון: דאָס פֿיל מאָל איבער־שרײַבן איינס פֿון צווייטן האָט געמוזט ברענגען צו אַ פֿאַרגרײַזונג פֿון די תּורות, און דאָס האָט טאַקע גורם געווען, אַז דער רבֿ מליאַדי זאָל איבערגעבן צום דרוק דעם תּניא, וואָס פֿריִער איז ער אַ לאַנגע צײַט געווען פֿאַרשפּרייט אין אַ גרויסער צאָל געשריבענע קאָפּיעס.[15] וואָס שייך די איבעריקע זײַנע תּורות האָט דער רבֿ מליאַדי אַוועקגעזעצט אַ צאָל מגיהים אונטער דער השגחה פֿון זײַן ברודער, הרבֿ ר׳ יהודה לייב,[16] אויך האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז יעדער חסיד וואָס וועט קומען צו פֿאָרן צו אים זאָל מיטנעמען מיט זיך אַלע געשריבענע כּתבֿים וואָס ער האָט און איבערגעבן די מגיהים. זיי וועלן דאָס מגיה זײַן און אומקערן די

---

[12] אין 1814. ליובאַוויטש איז פֿאַרבליבן דער צענטער פֿון חב״ד ביז נאָך סוכּות תּרעו (1915), ווען דער רבי, ר׳ שלום בער שניאורסאָן, איז צוליב די מלחמה־געשעענישן אַריבער קיין ראָסטאָוו־דאָן.

[13] חוץ דעם רבֿ מליאַדי אַליין, וועלכער האָט זײַנע תּורות — מיטן אויסנעם פֿון דעם תּניא און נאָך עטלעכע פֿראַגמענטן — אַליין ניט געשריבן. זײַנע תּורות פֿלעגן פֿאַרשרײַבן די ערשטע יאָרן זײַן ברודער, הרבֿ ר׳ יהודה לייב יאַנאָוויטשער, שפּעטער זײַנע זין, און־ער פֿלעגט זיי קאָרעגירן. זײַן זון און ממלא־מקום, דער מיטעלער רבי ר׳ בער, און זײַן אייניקל ר׳ מענדעלע, דער צמח צדק, פֿלעגן אַליין שרײַבן זייערע תּורות.

[14] צום אונטערשייד פֿון אַ געדרוקטן ספֿר האָבן אײַנגעבונדענע געשריבענע תּורות געהייסן ביכלעך. אין די שפּעטערע יאָרן, ווען עס איז אויפֿגעקומען די נײַע העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור־ווערק וועלכע האָבן אויך געהייסן ביכלעך, פֿלעגט מען מוזן צולייגן צום וואָרט ביכל דאָס וואָרט חסידות אָדער כּתבֿים, און מען פֿלעגט זאָגן אַ ביכל חסידות אָדער אַ ביכל כּתבֿים.

[15] זען די הקדמה צום תּניא.

[16] אַ ייִנגערער ברודער פֿון דעם רבֿ מליאַדי. ער איז געווען אַ לענגערע צײַט זײַן סעקרע־טאַר, שפּעטער געוואָרן רבֿ אין יאַנאָוויטש, וויטעבסקער קרײַז; ער איז דער מחבר פֿון שארית יהודה, ווילנע, תּרא.

כתבים שוין אויספֿאַרריכטע. דערבײַ האָט מען געמוזט אָפּגעבן אַ שבֿועה, אַז מען האָט אַלץ מיטגעבראַכט און אין דער היים איז גאָרנישט געבליבן; אויך האָט מען געמוזט דערציילן, ווער איך שטעטל עס האָט געשריבענע תּורות און איז ניט געקומען צו פֿאָרן. ווער עס האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפֿן אָט דער פֿאָראָרדע־נונג, דעם האָט מען ניט אַרײַנגעלאָזט צום רבין. אַזוי אַרום האָט דער רבֿ מליאַדי דערגרייכט, אַז זײַנע ברייט פֿאַרשפּרייטע תּורות זײַנען קאָרעגירט געוואָרן.[17]

לויט אָט דער סיסטעם האָט זיך חב״ד וויניק געניטיקט אין אַ דרוקערײַ. פֿאַרקערט, פֿון אַ געדרוקטן ספֿר איז מען גאָרניט געווען צופֿרידן, און ווען עס פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט אַרויס פֿון דרוק אַ חב״דישער ספֿר פֿלעגט מען אים ניט גערן קויפֿן. עס האָט געפֿעלט דער רייץ און די אויפֿלעבונג וואָס מען האָט גע־האָט בײַם קומען פֿון רבין און מיטברענגען אַ נײַע תּורה; ווען חסידים, נײַגעריקע, זײַנען געקומען פֿרעגן, וואָס פֿאַר אַ תּורה מען האָט געבראַכט און יעדערער האָט געוואָלט זײַן דער ערשטער אויף איבערשרײַבן. מיט יעדער חסיד וואָס איז גע־קומען פֿון רבין האָט זיך די זאַך איבערגעחזרט: אַ נײַער רייץ און אַ נײַע אויפֿ־לעבונג. אַ געדרוקט ספֿר אָבער האָט יעדערער דאָך געקענט קריגן בײַם מוכר־ספֿרים ווען ער האָט געוואָלט, און אַ לענגערע צײַט, איידער עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ צווייטער ספֿר האָט מען ניט געהאַט קיין נײַס. קלאָגט זיך טאַקע דער מיטעלער רבי ר׳ בער, דעם רבֿ מליאַדיס זון און ממלא־מקום, אויף זײַנע חסידים, אַז אַ געשריבענע תּורה קויפֿן זיי גערן און צאָלן די העכסטע פּרײַזן און אַ געדרוקטן ספֿר ווילן זיי ניט קויפֿן אַפֿילו פֿאַר די ביליקסטע פּרײַזן.[18]

אַרום און אַרום האָט דער חב״ד אָפּגעדרוקט ביז דער גזרה פֿון 1836 16 ספֿרים; פֿון זיי איז דער תּניא געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין וואָלין, אין סלאַוויטע, און איין ספֿר אין גאַליציע.[19] בלײַבט אונדז אין גאַנצן 14 חסידישע ספֿרים וואָס זײַנען געדרוקט געווען אין שקלאָוו און קאָפּוסט; ליתר שׂאת לאָמיר נאָך צולייגן עטלעכע איבערדרוקן וואָס זײַנען מסתּמא געווען, הגם די ביבליאָ־גראַפֿיע פֿאַרצייכנט זיי ניט, און לאָמיר שוין רעכענען צוואַנציק ספֿרים. אויב מיר טיילן דאָס אויף די איבער פֿופֿציק יאָר וואָס די דרוקערײַען האָבן עקסיסטירט אין שקלאָוו און די איבער דרײַסיק יאָר — אין קאָפּוסט, זעען מיר גלײַך, אַז עס איז אַן אַבסורד צו מיינען, אַז די דאָזיקע דרוקערײַען זײַנען געגרינדעט גע־וואָרן דורך חסידים צוליב פּראָפּאַגאַנדע און פּאָלעמיק.

וואָס ס׳איז נוגע שקלאָוו, קענען מיר נאָך צוגעבן, אַז הגם די דרוק איז דאָרטן געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1783, האָט פֿון דעסט וועגן דער רבֿ מליאַדי דעם תּניא געלאָזט צום ערשטן מאָל דרוקן אין דער ווײַטער סלאַוויטע, ניט געקוקט

[17] זען „תּקנות דליאזנא" געדרוקט אין גנזי נסתרות, ירושלים, תּרפּ״ד, 3טער טייל, זז׳ טו—טז.

[18] „...ידעתי טבע אנ״ש שבדברים שבכתב שגם שמלאים טעות לא יחוסו על כל הוצאה רבה להשיגם וכאשר יבואו אותן הדברים בעצמן בדפוס לא יחושו... לקנות גם במקח היותר זול וגם אותו שקונה כורכו יפה ומניחו בקרן זוית למשמרת כשיפנה ישנה ולא ימצא פנאי לעולם..." דרך חיים, קאָפּוסט, תּקע״ט, צום סוף פֿון דער הקדמה.

[19] אור הגנוז לצדיקים, געדרוקט אין זשאָלקווע, תּק״ס.

דערויף וואָס פֿון ליאָזנע, ווו דער רבֿ מליאַדי האָט יעמאָלט געוווינט, איז קיין שקלאָוו מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. עס קענען דערויף זײַן צוויי השערות: אָדער ווײַל די טעכניק פֿון דער שקלאָווער דרוק איז געווען זייער אַ נידעריקע, אָדער אַז אין שקלאָוו זײַנען נאָך די מתנגדים געווען גענוג שטאַרק ניט צו דער־לאָזן דרוקן דאָרטן דעם תּניא. ערשט שפּעטער, אין יאָר 1803, ווען דער רבֿ מליאַדי האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט זײַנע צוויי אַרעסטן און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אויפֿשטײַג פֿון חב״ד, ווען שקלאָוו אַליין איז געוואָרן האַלב חב״דיש, האָט ער דאָרט אָפּגעדרוקט זײַן סידור נוסח חב״ד און אין 1806 איבערגעדרוקט דעם תּניא.

ג

מיר גייען איצט אַריבער צו די דרוקערײַען אין אוקראַיִנע.

די ערשטע ייִדישע דרוקערײַ אין אוקראַיִנע איז געגרינדעט געוואָרן אין די זעכציקער יאָרן פֿון 18טן יאָרהונדערט אין אַלעקסניץ, אַ קליין שטעטעלע אין וואָלין, ניט ווײַט פֿון דער גרענעץ מיט גאַליציע.[20] זי האָט עקסיסטירט ביז 1776, ווען דער באַזיצער, צבֿי הירש בר' אַרי' ליב מרגליות, האָט זי אַריבערגעפֿירט קיין קאָריץ.

די אַלעקסניצער דרוקערײַ האָט ניט געקענט זײַן קיין חסידישע, ווײַל דער ערשטער חסידישער ספֿר אויף דער וועלט, דער תּולדות יעקב יוסף (אָדער ווי חסידים רופֿן אים, דער תּולדות), איז ערשט אַרויס אין קאָריץ אין יאָר 1780 שוין פֿיר יאָר נאָך דעם ווי די דרוקערײַ אין אַלעקסניץ איז געווען געשלאָסן. נאָך מער, מיר קענען אפֿשר אָננעמען, אַז די דאָזיקע דרוקערײַ איז געווען אַנטיחסידיש.

אין 1772 איז אַרויס פֿון דרוק אַ קליין ווערק א״ט זמיר עריצים וחרבות צורים, אַ שאַרפֿער אַנטיחסידישער פּאַמפֿלעט[21] מיט די ערגסטע זילזולים אויף חסידים און זייערע פֿירערס — ריכטיקער געזאָגט אויף זייערע קומעדיקע פֿירערס. עס האָט נאָך יעמאָלט געלעבט דער מעזריטשער מגיד, דעם בעש״טס תּלמיד און ממלא־מקום, בײַ וועמען די קומעדיקע חסידישע פֿירערס ווי ר' נחום טשערנאָ־בילער, ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער רבֿ מליאַדי א״אַ זײַנען אַליין געווען תּלמידים.

דער דאָזיקער פּאַמפֿלעט האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם קעגן חסידים. לויט דעם עדות פֿון דעם רבֿ מליאַדי איז יעמאָלט געווען אַזאַ עת צרה פֿאַר די רביים

---

[20] הגם עס האָט שוין עקסיסטירט אַ ייִדישע דרוק אין טורקא נאָך פֿאַר אַלעקסניץ, איז אָבער אַ ספֿק, ווו די דאָזיקע טורקע געפֿינט זיך. ווינער־הרכּבֿי, אין דער אויבן דערמאָנטער בראָשור (הערה 6), פֿאַרצייכענען 2 טורקעס, איינע אין וואָלין און די צווייטע אין פּוילן, און לאָזן די זאַך מיט אַ פֿרעגצייכן. לויט מ. באַלאַבאַן (סאָנטשינאָ־בלעטער, 3, ז' 18) זאָל דאָס גאָר זײַן אין גאַליציע, אין סאַמבאָרער קרײַז.

[21] ש. דובנאָוו, תולדות החסידות, תּל־אָבֿיבֿ, דבֿיר, תּרץ, ז' 417.

אין וואָלין, אַז זיי האָבן אַזש ניט געקענט אײַנזיצן אין זייערע היימען.[22] און אָט דער אַנטיחסידישער פּאַמפֿלעט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין מרגליותעס דרוקערײַ אין אַלעקסניץ![23]

מוזן מיר אַזוי אַרום די דאָזיקע דרוקערײַ אַרויסנעמען פֿון אונדזער רשימה, און עס בלײַבן אונדז נאָר 14 שטעט אין אוקראַיִנע מיט ייִדישע דרוקערײַען וועלכע מיר קענען נעמען אין באַטראַכט ווי חסידישע.

קודם אָבער לאָמיר אַרײַנקוקן אין דער ביבליאָגראַפֿיע. וויפֿל איז בכלל אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף דער וועלט חסידישע ספֿרים ביז דעם יאָר 1836, ווען די גזרה אויף די דרוקערײַען אין רוסלאַנד איז אַרויס? יוסף פּערל[24] רעכנט אויס, אין יאָר 1819 19 חסידישע ספֿרים און זאָגט דערבײַ „וכאלה לאלפים ורבבות". פֿאַרשטייט זיך, אַז דער „לאלפים ורבבות" איז נאָר אַ גוזמא אויף אָנצושרעקן די משׂכּילים. ווײַזט אויס אָבער, אַז ער רעכנט נאָר די קלאַסישע חסידישע ספֿרים וועלכע ער האָט געהאַלטן פֿאַר גאָר שעדלעך.[25] פֿרידבערג אין בית עקד ספרים פֿאַרצייכנט איבער זעכציק ספֿרים מיט אַ חסידישן אינהאַלט[26] וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן ביז 1836. פֿון זיי זײַנען אַרום צוואַנציק געדרוקט אין גאַליציע און פּוילן און זיי גייען ניט אַרײַן אין אונדזער שטח. בלײַבט אויף אוקראַיִנע אַרום פֿערציק חסידישע ספֿרים; צו דעם פֿאַרצייכנט נאָך פֿרידבערג אַן ערך דרײַסיק איבערדרוקן פֿון די זעלבע ספֿרים, צוזאַמען זיבעציק. לאָמיר נאָך זײַן ברייטהאַרציק און צולייגן אויפֿן חשבון פֿון פֿרידבערגס בלויז, וואָס זיי זײַנען געוויס דאָ, נאָך דרײַסיק ספֿרים, האָבן מיר צוזאַמען אַ הונדערט חסידישע ספֿרים וועלכע זײַנען געדרוקט געוואָרן אין אוקראַיִנע ביז 1836. זינט דער ערשטער חסידישער ספֿר אויף דער וועלט, דער תּולדות, איז אַרויס אין יאָר 1780, זײַנען אַוועק 56 יאָר; אין דורכשניט קומט בכן אויס ווייניקער ווי צוויי ספֿרים אַ יאָר. ווען מיר זאָלן דאָס צעטיילן אויף די 14 שטעט וווּ עס זײַנען גע־

---

[22] „...וכתבו אז מווילנא קונטרס זמיר עריצים ...והיתה מזה צרה גדולה לכל הצדיקים דוואלין ולא יכלו לישב בבתיהם ונאספו כולם לק"ק ראוונע בעת ההיא לרבינו הגדול נ"ע [מעזריטשער מגיד] לטכס עצה..." בית רבי, באַרדיטשעוו, 1902, ז' 85.

[23] די דאָזיקע אויסגאַבע איז הײַנט איינע פֿון די גרעסטע ביבליאָגראַפֿישע זעלטנקייטן. קיין מחבר איז ניט אָנגעגעבן. לויט דובנאָווס השערה זאָל דאָס זײַן דער סעקרעטאַר (סופֿר) פֿון דער בראָדער קהילה און די פֿאַרלעגערס זאָלן זײַן די קהילות פֿון ווילנע מיט בראָד בשותּפֿות, און מיט דעם זאָל זיך דערקלערן, פֿאַר וואָס דאָס איז געדרוקט אין אַלעקסניץ, ניט ווײַט פֿון בראָד. מילא, דאָס וואָס ס'איז געדרוקט אין אַלעקסניץ דאַרף קיין דערקלערונג ניט, ווײַל דאָס איז יעמאָלט געווען די איינציקע דרוקערײַ אויף גאַנץ אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און ליטע. וואָס שייך דעם מחבר און די פֿאַרלעגערס האָבן מיר אַ באַגלייבטן עדות פֿון יענער צײַט, דעם רבֿ מליאַדי; ער שרײַבט „וכתבו אז מווילנא..." (זען הערה 22) און דערמאָנט ניט בראָד, וואָס דאָס ווײַזט, אַז ווילנע איז געווען דער עיקר.

[24] מגלה טמירין, ווין, תּקעט, הקדמה א.

[25] מיט אַ פּאָר יאָר פֿריִער, אין זײַן ווענדונג צום גאַליצישן גובערנאַטאָר, האָט ער אָנגעגעבן נאָר 14 ספֿרים, צווישן זיי 2 קבלה־ספֿרים. זען ר. מאַהלער, דער קאַמף צווישן השׂכּלה און חסידות אין גאַליציע, ייִוואָ, ניו־יאָרק, 1942, ז' 147.

[26] דאָ גייען ניט אַרײַן די חב"ד־ספֿרים, וועגן וועלכע מיר האָבן געשריבן אין אָנהייב אַרטיקל.

ווען דרוקערײַען אין אוקראַיִנע, צווישן זיי אַזעלכע, ווו עס איז געווען אײנצײַטיק מער ווי איין דרוקערײַ, ווײַזט זיך באַלד אַרויס, אַז די גאַנצע מעשׂה מיט חסי־דישע דרוקערײַען איז אַ דימיון. שאָול גינזבורגס ווערטער, אַז „דער חסידישער באַוועגונג האָבן די ייִדישע דרוקערײַען געהאַט צו פֿאַרדאַנקען די שטאַרקע אַנט־וויקלונג וואָס זיי האָבן באַקומען אין וואָלין־פּאָדאָליע"[27] האָבן לחלוטין ניט קיין גרונט. אַ שײַנע אַנטוויקלונג האָבן זיי דאָס באַקומען דורך דער חסידישער באַוועגונג וועלכע האָט אָפּגעדרוקט אין מער ווי פֿערצן דרוקערײַען אין דורכ־שניט ווייניקער ווי צוויי ספֿרים אַ יאָר!

ד

מיר ווילן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף אַלע שטעט, ווו עס זײַנען געווען ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַיִנע, נאָר בלויז אויף עטלעכע מער וויכטיקע, בפֿרט איז כּדאַי צו באַטראַכטן די, וועמענס באַזיצערס עס זײַנען געווען באַוווסטע חסידים און פֿון וועלכע מיר האָבן ממילא זיך געקענט ריכטן, אַז זייערע דרו־קערײַען זאָלן זײַן בפֿירוש חסידישע.

די צווייטע שטאָט אין אוקראַיִנע, ווו עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ייִדישע דרוקערײַ, איז געווען אין קאָריץ, אין וואָלין. ווי דערמאָנט איז דאָרטן אָפּגע־דרוקט געוואָרן דער ערשטער חסידישער ספֿר אויף דער וועלט, דער תולדות יעקב יוסף,[28] נאָך דעם ווי צבֿי הירש מרגליות האָט אין יאָר 1776 אַהין אַריבערגע־פֿירט זײַן דרוקערײַ פֿון אַלעקסניץ.

און דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ קוריאָז: דער זעלביקער מרגליות וואָס האָט אין 1772 אָפּגעדרוקט דעם ערשטן אַנטיחסידישן פּאַמפֿלעט האָט מיט אַכט יאָר שפּעטער אָפּגעדרוקט דעם ערשטן חסידישן ספֿר. דער קוריאָז ווערט נאָך גרעסער, ווען מיר לייענען וואָס פֿרידבערג שרײַבט וועגן דער סיבה, פֿאַר וואָס מרגליות האָט אַריבערגעפֿירט זײַן דרוקערײַ פֿון אַלעקסניץ קיין קאָריץ.[29] לויט פֿרידבערגן זאָל מרגליות האָבן געווען אַ פֿעיִקער געשעפֿטסמענטש מיט אַ ווײַטן קוק. ער האָט דערשפּירט, אַז די חסידישע באַוועגונג וועט זיך ברייט פֿונאַנדער־וואַקסן און עס וועט געוויס זײַן אַ גרויסער נאָכפֿרעג אויף חסידישע ספֿרים. זײַ־נען אָבער די אַלעקסניצער בעלי־בתּים געווען מתנגדים און האָבן אויך זייערע קינדער ניט געלאָזן צושטיין צו די חסידים. האָט ער בלית ברירה אַריבערגע־פֿירט זײַן דרוקערײַ קיין קאָריץ, שוין אַ חסידיש שטעטל, האָט צוגענומען פֿאַר אַ שותּף זײַן איידעם, שמואל בר' יששכר בער[30] און אָנגעהויבן דרוקן חסידישע

---

[27] צוקונפֿט, 1932, ז' 589.

[28] דער מחבר, ר' יעקבֿ יוסף הכּהן מפּולנאה, איז געווען דעם בעש"טס אַ תּלמיד. דער ערשטער חסידישער ספֿר האָט בשעתו אַרויסגערופֿן אַ גרויסן שטורעם און מען האָט אים אין פֿיל שטעט עפֿנטלעך געברענט.

[29] תולדות הדפוס העברי בפולניא, ז' 61.

[30] שמואל בר' יששכר בער, אָדער ווי מען האָט אים שפּעטער גערופֿן, שמואל מדפּיס, אַ פּיאָניר פֿון דעם ייִדישן דרוקוועזן אין מיזרח־אייראָפּע, האָט אָנגעהויבן זײַן דרוקערשע טע־

ספֿרים. נאָך דעם ווי פֿרידבערג ברענגט די רשימה פֿון די ספֿרים וואָס זיי האָבן געדרוקט אין קאָריץ פֿאַרענדיקט ער מיט זײַן מליצהדיקן סטיל, אַז „כמעט כולם ספרים אשר בלשון חסידים יתקדשו, ובקרב קדושים יתהללו״. מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז דאָס דרוקן חסידישע ספֿרים אין זײַן דרוקערײַ אין קאָריץ איז ניט געווען קיין צופֿעליקע זאַך, נאָר ער האָט ספּעציעל אַריבערגעפֿירט זײַן דרוקערײַ קיין קאָריץ מיט דער כוונה צו דרוקן חסידישע ספֿרים. און דאָס אַלץ נאָך דעם ווי ער האָט אין אַלעקסניץ אָפּגעדרוקט דעם זמיר עריצים!

ווײַטער דערציילט אונדז פֿרידבערג, אַז ווען יצחק סאַטאַנאָוו [31] אין בערלין האָט דערהערט, אַז מען האָט אין אוקראַיִנע אָנגעהויבן דרוקן חסידישע ספֿרים, האָט ער אין 1780 פֿאַרלאָזט בערלין און איז געקומען אַהיים, קיין אוקראַיִנע, האָט דאָרטן אָפּגעדרוקט אין קאָריץ צוויי ספֿרים, און פֿון דעם ריווח וואָס ער האָט באַקומען פֿאַר די צוויי ספֿרים האָט ער דערנאָך, אומקערנדיק זיך אין 1783 קיין בערלין, אָפּגעדרוקט זײַנע אייגענע חיבורים.[32] נאָך ווײַטער הערן מיר פֿון פֿרידבערגן, אַז דער קריסטלעכער דרוקער און פֿאַרלעגער פֿון ייִדישע ספֿרים, יאָהאַן אַנטאָן קריגער, וועלכער האָט געהאַט אַ ייִדישע דרוקערײַ אין נאָווידוואָר,[33] האָט אין יאָר 1782 געעפֿנט אַן אָפּטיילונג פֿון זײַן ייִדישער דרוקערײַ אויך אין קאָריץ, אויך מיטן צוועק צו דרוקן ספּעציעל קבלה און חסידישע ספֿרים. זײַ־

טיקייט ווי אַ שותּף בײַ זײַן שווער צבֿי הירש מרגליות אין קאָריץ; שפּעטער איז ער אַריבער מיט אים קיין שקלאָוו, פֿון דאָרטן האָט ער זיך אומגעקערט קיין אוקראַיִנע און איז יאָרן לאַנג געווען שטאַרק טעטיק אין פֿאַרלעגערײַ און דרוק. ער האָט געגרינדעט דרוקערײַען אין פֿאַרשיידענע שטעט, ווי למשל אין באַרדיטשעוו, פּולנאָע, אָסטרע, און ער האָט דערצויגן אין אוקראַיִנע אַ דור ספּעציאַליסטן: זעצערס, פּרעסן־ציִערס אד״גל. ריכטיק שרײַבן וועגן אים די באַרדיטשעווער רבנים: „כי הוא החל להיות גבור וחכם באומנות הדפוס במדינתנו וממנו הושתלו המדפיסים במדינתנו, ועל המדינות בו יאמר כי הוא אבי כל תופש מלאכת הדפוס״. ניט לאַנג פֿאַר זײַן טויט האָט ער איבערגעדרוקט דעם רמבמס משנה תורה אין באַרדיטשעוו. עס האָט אָבער גראָד אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה אין שטאָט, און כמעט די גאַנצע אויפֿלאַגע איז פֿאַרברענט געוואָרן; דאָס האָט אים רויִנירט. צוליב זײַנע פֿאַרדינסטן אויפֿן געביט פֿון דרוקוועזן האָט מען אים געוואָלט געבן אַ שאַנס, ער זאָל מאַכן אַ צווייטע אויפֿלאַגע, בכדי ער זאָל קענען זיך צוריק אַרויפֿאַרבעטן. ער האָט דאָס אָבער ניט באַוויזן און איז געשטאָרבן אין 1817 (זען וועגן דעם אין די הסכמות צום חלק שני און חלק שלישי פֿון דער רמבם־אויסגאַבע, באַרדיטשעוו, תקע״ט). דאָס וואָס פֿרידבערג שרײַבט וועגן אים (תולדות הדפוס העברי בפולניא, ז׳ 95), אַז אין 1820 האָט ער אָפּגעקויפֿט דעם שריפֿט פֿון דער ראַדווילער דרוקערײַ און אין 1821 האָט ער אָפּגעקויפֿט די אויסשטאַטונג פֿון דער מאָהילעווער דרוקערײַ און האָט נאָך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געדרוקט אַ ריי ספֿרים (פֿרידבערג רעכנט אַפֿילו אויס די טיטלען פֿון די דאָזיקע ספֿרים) איז אַזוי אַרום פּשוט דבֿרים בטלים.

ר׳ שמואל האָט געשטאַמט פֿון אַ מיוחסדיקער פֿאַמיליע, ער איז געווען אַ קרובֿ צו דעם באַרימטן גאָון ר׳ מאיר מרגליות, דער מאיר נתיבים.

[31] אַ משׂכּיל פֿון מענדעלסאָנס חדר. וועגן אים: י. קלוזנר, היסטוריי׳ של הספרות העברית החדשה, כרך ראשון, ירושלים, תּרץ, זז׳ 144—155.

[32] תולדות..., ז׳ 61, הערה 2.

[33] וועגן יאָהאַן אַנטאָן קריגער זען: ע. רינגעלבלום, „יאָהאַן אַנטאָן קריגער, דער נײַהאָפֿער דרוקער פֿון העברעיִשע ספֿרים״, ייִוואָ־בלעטער, VII (1934), 88. זען אויך ייִוואָ־בלעטער, V (1933), ז׳ 340.

ענדיק אַ גבֿיר האָט ער אָװעקגעשטעלט זײַן דרוקערײַ אויף אַ ברייטער האַנט, און מרגליות מיט זײַן איידעם האָבן ניט געקענט קאָנקורירן מיט אים; זײַנען זיי מושווה געוואָרן מיט אים, אַז זיי וועלן פֿאַרלאָזן קאָריץ, און זײַנען אַוועק קיין שקלאָוו,[34] ווו זיי האָבן געעפֿנט אַ דרוקערײַ. איינער פֿון די תּנאים, אויף וועלכע זיי זײַנען מושווה געוואָרן מיט קריגערן, איז געווען, אַז אַ געוויסע צאָל יאָרן זאָלן זיי ניט דרוקן קיין חסידישע ספֿרים, און אַזוי אַרום האָט קריגער געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף דעם דאָזיקן אַרטיקל.[35]

פֿון דעם אַלעם באַקומט זיך אַ וווּנדערלעך בילד. ניט חסידים האָבן גאָר געגרינדעט דרוקערײַען אויף דרוקן חסידישע ספֿרים, נאָר מתנגדים „מיט אַ ווײַטן קוק", משׂכּילים אַזש פֿון בערלין; אַפֿילו אַ קריסט פֿון אונטער וואַרשע — אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן דרוקן ספֿרים פֿאַר חסידים. טשיקאַווע ביז גאָר, אויב עס וואָלט אמת געווען.

ח

מיר וועלן פּרוּוון אויפֿקלערן די זאַך.

קודם כּל דאַרפֿן מיר נעמען אין אַכט, אַז צבֿי הירש מרגליות איז ניט געווען קיין פֿאַרלעגער, נאָר אַ דרוקער. אויב מיר זוכן בײַ אַ פֿאַרלעגער אַ געוויסע אידעאָלאָגיע אָדער לכּל הפּחות אַ סיסטעם, דאַרפֿן מיר דאָס ניט זוכן בײַ אַ דרוקער. מען האָט אים צוגעשיקט אין 1772 קיין אַלעקסניץ פֿון דער ווילנער קהילה דעם זמיר עריצים, האָט ער דאָס אָפּגעדרוקט; דער בעל התּולדות האָט אים צוגעשיקט אין 1780 קיין קאָריץ דעם תּולדות, האָט ער ווײַטער אָפּגעדרוקט. זײַן דרוק אין אַלעקסניץ אין 1772 איז געווען די איינציקע אין גאַנץ אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און ליטע, דאָס זעלבע זײַן דרוקערײַ אין קאָריץ אין 1780, און עס איז דעריבער ניט קיין וווּנדער, וואָס סײַ די מתנגדישע קהילה אין ווילנע און סײַ דעם בעש"טס תּלמיד האָבן גענוצט זײַן דרוקערײַ.

די גאַנצע געשיכטע וואָס פֿרידבערג שרײַבט וועגן דעם „ווײַטן קוק" און וועגן אַריבערפֿירן די דרוקערײַ קיין קאָריץ ספּעציעל בכדי צו דרוקן חסידישע ספֿרים איז מער ניט ווי איינע פֿון יענע בויך־סבֿרות וועלכע ער גיט אָפּט אין זײַן תולדות הדפוס העברי בפולניא אַנשטאָט געשיכטע. אין דעם איז אַפֿילו קיין לאָגיק ניטאָ. מען וואָלט נאָך געקענט פֿאַרשטיין, ווען מרגליות וואָלט זיך אַליין געזעצט שרײַבן חסידישע ספֿרים, מיטן אויסקוק, אַז עס וועט אויף זיי זײַן אַ גרויסער נאָכפֿרעג, אָדער ווען חסידישע ספֿרים וואָלטן שוין געווען אָנגעשריי־

---

[34] דער פֿאַרשטאָרבענער ביבליאָגראַף אַ. טויבער האָט דאָ אַ ביסל פֿאַרפּלאָנטערט דעם סדר. לויט אים קומט אויס, אַז מרגליות איז געווען פֿריִער אין קאָריץ, דערנאָך אין אַלעקסניץ, און פֿון דאָרטן ערשט איז ער אַוועק קיין שקלאָוו; זען קרית ספר, א, ז׳ 302. פֿון טויבערן האָט עס אויך אָפּגעשריבן א. יערי, קרית ספר, כ"א, ז׳ 102, אָבער אין קרית ספר, כ"ב, ז׳ 50, שרײַבט ער שוין ריכטיק.

[35] „... ולכן נכונה ההשערה, כי המדפיסים נטלו עליהם לחובה בהתפשרם עם האדון קריגר, לבל ידפיסו במשך שנות מספר שום חיבור מספרות החסידים והחסידות, ובאמת הוא הי׳ אז היחידי שהדפיס בלבדו כל הספרים במקצוע ...", תולדות ..., דאָרטן.

בענע און ער וואָלט זיך אָנגענומען צו דרוקן זיי מיטן געדאַנק, אַז עס וועט זײַן אַ גוטער מאַרק אויף זיי; דאָס וואָלט געהייסן אויסגענוצט די קאָניונקטור. אָבער קיין חסידישע ספרים האָט ער ניט געשריבן, קיין געשריבענע ספרים חסידישע זײַנען נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט ניט געווען און אַריבערפירן זײַן דרוק אין אַ צווייטער שטאָט מיט אַן אויסרעכענונג, אַז חסידים וועלן ווען עס איז שרײַבן ספרים און ער וועט זיי דרוקן, וואָלט זיך מער געפאַסט פאַר אַ מנחם־מענדל ווי פאַר אַ פעיִקן געשעפטסמאַן.

קוקן מיר אַרײַן אין פרידבערגס רשימה פון די ספרים וואָס מרגליות האָט אָפּגעדרוקט אין קאָריץ צווישן 1776 און 1782,[36] זעען מיר 13 אָדער 14 ספרים,[37] צווישן זיי נאָר 3 אָדער 4 חסידישע.[38] די איבעריקע זײַנען: איין לומדישער,[39] איין מוסר־ספר,[40] איין ספר מינהגים [41] און 7 קבלה־ספרים.[42] און אָט דאָ ליגט פרידבערגס טעות: ער מישט צונויף קבלה מיט חסידות. קבלה־ספרים האָט מען שוין געלערנט און געדרוקט הונדערטער יאָרן איידער חסידים זײַנען געווען אויף דער וועלט, און אויך נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים האָבן מתנגדים געקעמפט נאָר קעגן חסידות, ניט קעגן קבלה; קבלה האָבן מתנגדים אויך געלערנט און געדרוקט. ניט קיין אַנדערער ווי דער ווילנער גאָון אַליין האָט געשריבן קבלה־ספרים, און מתנגדים האָבן זיי געדרוקט אין די מתנגדישע דרוקערײַען אין האַראָדנע (גראָדנע) און ווילנע.[43] מתנגדישע רבנים האָבן געגעבן הסכמות צו דרוקן קבלה־ספרים.[44] אַדרבא — דאָס וועט מסתמא זײַן פאַר אַ סך אַ חידוש — דער בעל שם טוב האָט גאָרניט געהייסן לערנען קיין קבלה![45] און אַפילו די משׂכּילישע דרוקערײַ אין טאַרנאָפּאָל, וועגן וועלכער יוסף פערל באַרימט זיך, אַז זי האָט ניט אָנגענומען

---

[36] זען אויך: אַ. טויבער, „דפוסי קארעץ", קרית ספר, א, ז' 222—225; 302—305.

[37] דער פערצנטער ספר איז דער צפנת פענח, געדרוקט אין 1782. עס איז אָבער ניט אָנגעגעבן דער נאָמען פון דער דרוקערײַ; אַזוי ווי אין דעם זעלבן יאָר האָט שוין קריגער איבערגענומען די דרוקערײַ, קען דאָס זײַן דער לעצטער ספר וואָס איז געדרוקט בײַ מרגליותן, אָדער דער ערשטער וואָס איז געדרוקט געוואָרן בײַ קריגערן.

[38] דער אויבן דערמאָנטער תולדות יעקב יוסף; בן פורת יוסף, דעם זעלבן מחברס, און לקוטי אמרים, דעם מעזריטשער מגידס. וועגן דעם פערטן ספר, צפנת פענח, פונעם בעל־התולדות, איז שוין, ווי אויבן געזאָגט, אַ ספק, צי ער איז געדרוקט בײַ מרגליותן אָדער בײַ קריגערן.

פאַרבײַגייענדיק וויל איך דאָ באַמערקן, אַז אין דעם לקוטי אמרים, געדרוקט אין יאָר תקמ"א, איז אויף דער צווייטער זײַט פון שער פאַראַן אַ התנצלות, וו עס שטייט אָט וואָס: „מחמת גודל המהירות שהי' מלאכה זו נחפז מאד מלאכת הדפוס של הספר הק' הזה מחמת קול השמועה של גזירת אדונינו המלך ושריו יר"ה בנידון הדפוס לא הי' שום פנאי להשיג הסכמות. . ." טאָמער וייס ווער עס איז, וועגן וועלכער שמועה דאָ גייט בעט איך זיך אָפּרופן.

[39] חן טוב, ר' הלל אבד"ק קאָפּוסט, אַ פירוש אויף מסכתות, און פרקי אָבות.

[40] ראשית חכמה, ר' אליהו די וידאש, שוין פיל מאָל געווען געדרוקט פריִער.

[41] ספר מנהגים, ר' אײַזיק מטירנא, שוין פיל מאָל געווען געדרוקט פריִער.

[42] פון זיי 5 וואָס זײַנען שוין געווען געדרוקט מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק.

[43] ווי למשל דער ספר יצירה מיטן גאָונס פירוש, דער ספרא דצניעותא מיט זײַן פירוש.

[44] זען הוספה ו צום סוף פון דעם אַרטיקל.

[45] זען וואָס עס שרײַבט וועגן דעם דער רבי, דער צמח צדק, אין זײַן ספר דרך מצותיך, ז' 230.

צום דרוקן קיין חסידישע ספרים,"[46] האָט פֿון דעסט וועגן קבלה־ספרים יאָ געדרוקט,"[47] הגם משׂכּילים האָבן דאָך שוין געקעמפֿט קעגן קבלה אויך. מרגליות האָט אַזוי אַרום געקענט רויִק זיצן אין אַלעקסניץ און דרוקן די זעלביקע קבלה־ספרים וואָס ער האָט געדרוקט אין קאָריץ, און אַפֿילו די דרייַ־פֿיר חסידישע ספרים האָט ער אויך געקענט דרוקן אין אַלעקסניץ. די פֿאַרלעגערס איז גאָר קיין נפֿקא מינה ניט געווען, ווו די דרוקערייַ איז; קיין אַנדער דרוקערייַ איז, ווי אויבן געזאָגט, ניט געווען. אײַ, דער דעת הקהל? איז, ערשטנס, פֿון וואַנען ווייס דאָס פֿרידבערג, אַז דווקא אַלעקסניץ איז געבליבן מתנגדיש? אָט שרייַבט גאָר ש. דובנאָוו פונקט דעם היפּוך.[48] און, צווייטנס, וואָס פֿאַר אַ ממשות האָט געקענט האָבן אַלעקסניצער דעת הקהל? אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז אין שקלאָוו האָט אַ מדפּיס יענע יאָרן געמוזט זיך רעכענען מיטן דעת הקהל און דער רבֿ מליאַדי האָט ניט געקענט דרוקן דעם תּניא אין שקלאָוו, איז דאָך דאָס געווען אַן עיר ואם בישׂראל. שקלאָווער קהילה איז יעמאָלט געווען פֿון די חשובֿסטע, עס האָבן דאָרטן געוווינט גרויסע גאונים און כּלל־טוערס. שקלאָוו איז טאַקע אויך געווען די פֿעסטונג פֿון וואַנען די מתנגדים האָבן אָנגעפֿירט דעם קאַמף קעגן חסידים; דאָס האָט שקלאָוו אויפֿמערקזאַם געמאַכט ווילנע אויף דער חסידישער סכּנה און מעורר געווען ווילנע אַרויסצוגיין אין קאַמף קעגן איר. מעגן מיר משער זייַן, אַז עס האָט טאַקע ניט געקענט געמאָלט זייַן, אַז אַ דרוקער זאָל אָפּדרוקן דאָרטן אַ חסידישן ספֿר אַפֿילו ווען ער זאָל וועלן. אָבער וואָס, מישטיינס געזאָגט, פֿאַר אַ ממשות האָט געקענט האָבן דער דעת הקהל פֿון די אַלעקסניצער פֿאַר צענדליגג בעלי־בתּים? אַ שטעטעלע אַ העק, וואָס ווען מען האָט דערמאָנט דעם נאָמען האָט מען געמוזט צולייגן „הסמוכה לבראד", כּדי מען זאָל כאָטש האָבן אַ השׂגה ווו דאָס געפֿינט זיך!

די סיבה פֿון אַריבערפֿירן די אַלעקסניצער דרוקערייַ קיין קאָריץ דאַרף מען

[46] „אנו רואים שמי שידפיס שארי ספרים בלשון אשר קוראים אותו יפה המה אבדו הרבה מעות והכריחו לעזוב את הדפוס, כמו שראינו בדפוס דק"ק צידון הרבה [′צידון הרבה′ איז בייַ יוסף פערלען דער פֿאַרמאַסקירטער נאָמען פֿון טאַרנאָפּאָל;ביידע האָבן די זעלבע גימטריא — 372] אשר התחילו לדפוס שם שארי ספרים, ולא הדפיסו ספרים הקדושים מצדיקי זמננו...", מגלה טמירין, ווין, 1918, דף ב, עמוד ב.

[47] ווי, למשל, ר′ שמשון אָסטראָפּאָלערס לקוטי שושנים, זען: א. מ. הברמן, „הדפוס העברי בטארנאפאל", עלים לביבליוגרפיה, II, ז′ 27.

[48] זען *Chasidiana*, הוספה להעבר, כרך ב′, פטרוגרד, תּרע"ח, ז′ 8: „...הספרים שנדפסו באלעקסניץ, על גבול וואלין וגליציה, נמצאו אז ברשותם של החסידים, שמשלו שם בכיפה בעירות הקטנות (רק הכרכים הגדולים כמו בראד, לבוב וקראקא לא נכנסו עדיין לחוג השפעתם) והם יכלו לעשות עם המדפיס והודפס [דאַרף זייַן. והדפוס] כטוב בעיניהם..." ליידער גיט אונדז דאָ דובנאָוו אויך ניט קיין געשיכטע נאָר אַן אייגענע סבֿרה. וואָרעם וואָלט טאַקע האָבן יעמאָלט געווען אַזוי ווי דובנאָוו שילדערט, וואָלט מסתּמא מרגליות ניט ריזיקירט אָפּצודרוקן אין זייַן דרוקערייַ אַזאַ שאַרף אַנטיחסידיש ווערק ווי דער זמיר עריצים. מיר האָבן אויף דעם אַן עד־ראיה, דעם רבֿ מליאַדי (זען אויבן הערה 22). ווען די לאַגע וואָלט געווען אַזאַ ווי דובנאָוו שרייַבט, וואָלטן זיי געקענט רויִק זיצן אין זייערע היימען. בכלל זייַנען אין יענער צייַט חסידים נאָך געווען נרדפֿים, ניט קיין רודפֿים.

זוכן ניט דאָ. ריכטיק וואָלט מען דאָס געקענט אויפֿקלערן נאָר דורך אַרכיוו־מאַטעריאַלן. לויט מײַן השערה האָט דאָס אפֿשר אַ צוזאַמענהאַנג מיטן שטעמפּל־געזעץ וואָס איז אַרויס טאַקע יענעם יאָר, אין 1776.[49] לויט דעם דאָזיקן געזעץ האָט מען באַדאַרפֿט שטעמפּלען אַלע ייִדישע ספֿרים וואָס גייען אַרויס פֿון דרוק און צאָלן פֿאַר יעדער ספֿר 1 זילבערנעם גראָשן (ניט־ייִדישע ביכער זײַנען געווען פּטור פֿון דעם). די אַלעקסניצער דרוקערײַ איז באַגאַנגען אַ ריי פֿאַלש־קייטן מיט דעם דאָזיקן שטײַער, מען האָט זי צוגעצויגן צום געריכט, באַשטראָפֿט מיט 800 גילדן און קאָנפֿיסקירט די ספֿרים.[50] עס איז דעריבער זייער מיגלעך, אַז דאָס אַריבערקלײַבן זיך קיין קאָריץ אין יענעם יאָר איז געווען נאָכן באַגיין די אומגעזעצלעכקייט, כּדי צו פֿאַרווישן די שפּורן.

איצט די געשיכטע מיט יצחק סאַטאַנאָוון. מיר האָבן דאָ ווײַטער פֿרידבערגס טעות, וואָס ער מישט צונויף קבלה מיט חסידות. די צוויי ספֿרים וועלכע ער האָט אָפּגעדרוקט אין קאָריץ האָבן גאָרניט צו טאָן מיט חסידות. דאָס זײַנען די ספֿרים עץ חיים און פּרי עץ חיים, די קלאַסישע ספֿרים פֿון קבלת האר״י, וועלכע איז שוין אַ פּאָר הונדערט יאָר געווען פֿאַרשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט, סײַ אין מיזרח און סײַ אין אייראָפּע, און מיטן אָפּדרוקן זיי האָט יצחק סאַטאַ־נאָוו ניט געדאַרפֿט וואַרטן ביז וואַנען ער האָט דערהערט, אַז אין אוקראַיִנע דרוקט מען חסידישע ספֿרים. אַדרבא, ווען ער דרוקט זיי אָפּ מיט יאָרן פֿריִער וואָלט ער געהאַט נאָך מער רווח, ווײַל יעמאָלט האָט מען נאָך אין דײַטשלאַנד אויך געקויפֿט קבלה־ספֿרים... די גאַנצע מעשׂה איז נאָר פֿרידבערגס אַ פֿאַנ־טאַזיע.[51]

ו

מיר קומען איצט צו צום צווייטן פּעריאָד פֿון דער קאָריצער דרוקערײַ, ווען זי האָט געהערט צום קריסטלעכן דרוקער יאָהאַן אַנטאָן קריגער. פֿון דער רשימה ספֿרים וועלכע קריגער האָט געדרוקט קאָנען מיר זעען, אַז פֿרידבערג איז גערעכט, ווען ער שרײַבט, אַז קריגער האָט אָוועקגעשטעלט די דרוקערײַ מיט אַ ברייטער האַנט. פֿאַר דער קורצער צײַט וואָס די דאָזיקע דרוקערײַ האָט עק־

---

[49] זען ע. רינגעלבלום, „דער שטעמפּל אויף ייִדישע ספֿרים אין פּוילן אין 18טן יאָרהונ־דערט״, ייִוואָ־בלעטער, ב׳ V (1933), ז׳ 123.

[50] זען ע. רינגעלבלום, „די ציילונג פֿון די ייִדישע ספֿרים אין פּוילן אין יאָר 1776״, דאָרטן, ז׳ 339. לויט רינגעלבלומען איז דער פּראָצעס פֿאָרגעקומען ערשט אין יאָר 1780, אָבער יעמאָלט האָט געקענט געמאָלט זײַן, אַז אַ פּראָצעס זאָל זיך ציִען לאַנגע יאָרן. עס שטימען אָבער ניט די נעמען פֿון די דרוקערס; דער איינציקער דרוקער אין אַלעקסניץ איז געווען דער אויבן דערמאָנטער מרגליות. געמישפּט האָט מען אָבער דרײַען, און מרגליות איז ניטאָ צווישן זיי; זאָל עס אפֿשר זײַן טאַקע ווײַל ער איז אַנטלאָפֿן, און די דרײַ זײַנען אפֿשר געווען נאָר די פֿאַרלעגערס (וועלכע מען האָט אין יענע צײַטן אויך גערופֿן מדפּיסים)? איך זאָג דאָס נאָר בתּור השערה; די זאַך דאַרף נאָך אויפֿגעקלערט ווערן.

[51] זען הוספֿה II צום סוף פֿון דעם אַרטיקל.

סיסטירט — פֿון 1782 ביז 1786 — האָט ער באַוויזן אָפּצודרוקן אַרום פֿערציק ספֿרים.[52] טוען מיר אָבער אַ קוק אין דעם אינהאַלט פֿון די ספֿרים, ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין גאַנצן זײַנען צווישן די פֿערציק ספֿרים דאָ צוויי־דרײַ חסידישע. די איבעריקע זײַנען מערסטנס קבלה־ספֿרים; טיילווײַז שוין געווען געדרוקט, וואָס קריגער האָט זיי נאָר איבערגעדרוקט, טיילווײַז געדרוקט פֿון מאַנוסקריפּטן — אָבער אַלץ אַלטע קבלה־ספֿרים, געשריבן מיט לאַנגע יאָרן צוריק, וועלכע מען האָט געקענט דרוקן אין אַלע צײַטן און אין אַלע לענדער און מען האָט ניט געדאַרפֿט וואַרטן אויף חסידים.

פֿרידבערג האָט אַגבֿ ניט באַמערקט, אַז ער איז דאָ סותר זיך אַליין: אויב עס איז געווען אַן אָפּמאַך, אַז מרגליות טאָר ניט דרוקן דעם סאָרט ספֿרים וואָס קריגער וועט דרוקן, זײַנען זיי דאָך שוין אויס קאָנקורענטן; הײַנט צו וואָס האָט מרגליות באַדאַרפֿט אַריבערפֿירן זײַן דרוקערײַ קיין שקלאָוו? חוץ דעם קענען מיר בכלל ניט אָננעמען קאָנקורענץ פֿאַר אַ מאָטיוו אויף שליסן מרגליותעס דרו־קערײַ אין קאָריץ. ס'איז דאָך ניט געווען קיין לאָקאַלע אונטערנעמונג צו באַ־זאָרגן קאָריצער בעלי־בתּים מיט ספֿרים, די דרוקערײַ איז דאָך געווען באַ־שטימט פֿאַר דעם ייִדישן ספֿרים־מאַרק בכלל, און דער דאָזיקער מאַרק, אין אוק־ראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און ליטע, איז געווען אַ גאַנץ גרויסער און האָט געקענט באַזאָרגן מיט אַרבעט ניט נאָר צוויי דרוקערײַען. אַפֿילו אין די שפּעטערע יאָרן, ווען אין רוסלאַנד זײַנען שוין געעפֿנט געוואָרן מערערע ייִדישע דרוקערײַען, איז נאָך אַלץ געווען אַ דוחק אויף ספֿרים און מען פֿלעגט אַרײַנפֿירן אַ סך ספֿרים פֿון אויסלאַנד. מיר קענען אַזוי אַרום ניט אײַנשטימען מיט פֿרידבערגן אַפֿילו בײַ די דרוקערײַען פֿון די שפּעטערע יאָרן, ווו ער גיט אָן קאָנקורענץ ווי אַ מאָטיוו פֿאַר שליסן זיך, און מכּל שכּן קען קיין רייד ניט זײַן וועגן קאָנקורענץ צווישן צוויי ייִדישע דרוקערײַען אויף גאַנץ רוסלאַנד, ווי עס זײַנען געווען די קאָריצער. די גאַנצע געשיכטע וואָס פֿרידבערג שרײַבט וועגן דעם אָפּמאַך האָט קיין שום גרונט ניט. דעם טעם, פֿאַר וואָס מרגליות איז אַוועק קיין שקלאָוו, מוז מען זוכן ערגעץ אַנדערש. קיין חסידישע ספֿרים האָט קריגער אויך כּמעט ניט געדרוקט, און קבלה־ספֿרים האָט מרגליות אויך געדרוקט.[53]

ערשט אין דעם דריטן פּעריאָד פֿון דער קאָריצער דרוקערײַ, ווען זי האָט געהערט צו אַבֿרהם בן יצחק אײַזיק מקאָריץ, האָבן זיך דאָרטן אָפּגעדרוקט אַן ערך צען חסידישע ספֿרים. נעמען מיר אָבער אין באַטראַכט, אַז די דרוקערײַ האָט עקסיסטירט אַרום צוואַנציק יאָר און האָט באַוויזן אין גאַנצן אָפּצודרוקן אַרום דרײַסיק ספֿרים, צווישן זיי צען חסידישע, קענען מיר שוין ניט זאָגן, אַז די חסידישע באַוועגונג האָט גורם געווען צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער דאָזיקער דרוקערײַ.

---

[52] זען אַ. טויבער, „דפּוסי קאָרעץ", קרית ספר, א, ז' 305; ב, ז' 64.

[53] זען א. יערי, „הדפוס העברי בשקלאוו", קרית ספר, כב. איבעריקנס האָט פֿרידבערג דאָס מאָל אַליין געזאָגט, אַז ס'איז אַ השערה, הגם ער האַלט, אַז „נכונה ההשערה".

ז

אין פֿאַרבינדונג מיט יאָהאַן אַנטאָן קריגער וויל איך זיך דאָ אָפּשטעלן אין קורצן אויף אַ באַשולדיקונג וואָס פֿרידבערג רוקט אַרויס קעגן חסידים. שרײַבנדיק וועגן קריגערס דרוקערײַ אין נאָווידוואָר (נײַהאָף) דערציילט ער, אַז אין 1785 איז קריגער צוגעטראָטן איבערצודרוקן דעם ש״ס. ער האָט שוין אָנגעזאַמלט הסכמות פֿון די פּוילישע רבנים, ער האָט אָבער באַוויזן נאָר אָפּצודרוקן די מסכת ברכות. פֿאַר אַ סיבה ברענגט פֿרידבערג, אָן שום ראַיות, אַז צוליב חסידות האָט מען אין פּוילן שוין ניט געקענט דרוקן קיין ש״ס.[54] וועגן דעם וועט מיר אפֿשר אויסקומען צו ריידן באַריכות אין אַ צווייטער אַרבעט. וועגן די ייִדישע דרוקערײַען אין פּוילן און גאַליציע. דאָ וויל איך נאָר באַמערקן אין קורצן אָט וואָס. דער פֿאַרגלײַך צווישן דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון די אוקראַיִנער דרוקערײַען מיט די ליטווישע, אין ווילנע און האָראָדנע, ווײַזט אונדז אָן אײַנטערעסאַנטע זאַך. די ליטווישע — בפֿירוש מתנגדישע — דרוקערײַען האָבן זיך ניט אָריענטירט אויף די לומדישע קרײַזן, און כּמעט די גאַנצע דרוק־פּראָדוקציע איז געווען אַ בעל־הבתישע (חוץ אַ קליינער צאָל ספֿרים פֿון לאָקאַלע מחברים). קיין ש״סן,[55] קיין שאלות ותשובֿות, קיין ספֿרים פֿון ראשונים האָט מען דאָרטן ניט געדרוקט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ס׳איז געווען געווען אַ נויטווענדיקייט אין דעם.[56] און דווקא די חסידישע אוקראַיִנע האָט געדרוקט ש״סן, שאלות ותשובֿות, הלכה און פּילפּול (מערסטנס אין סלאַוווטע און סודילקאָוו). מיר דאַרפֿן נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז אין 1785, ווען קריגער איז צוגעטראָטן צו דרוקן דעם ש״ס אין נאָווידוואָר, איז נאָך חסידות אין פּוילן געווען אין די וויקעלעך. דער איינציקער חסידישער רבי אין פּוילן און גאַליציע איז געווען יעמאָלט ר׳ מלך, דער נועם אלימלך, וועלכער האָט געוווינט אין ליזשענסק, מיזרח־גאַליציע, און האָט קיין גרויסע צאָל חסידים אין פּוילן ניט געהאַט.[57] דער פֿאַרדינסט פֿאַר אײַנפֿלאַנצן חסידות אין פּוילן איז גאָר דער הויפּט זײַן תּלמידס, ר׳ יעקבֿ יצחק הורוויצעס, אָדער, ווי חסידים רופֿן אים, דער לובלינער חוזה; שפּעטערדיקע חסידישע רבישע דינאַסטיעס אין פּוילן און גאַליציע שטאַמען כּמעט אַלע פֿון די

---

[54] „...כי השעה בלתי מוכשרת להדפיס את התלמוד כלי [כולו] מחסרון קונים, יען עיני בני ישראל אשר במדינה היו צופיות אז אך ורק על למודי הקדושים אשר בארץ המה, אשר לקחם ותורת פיהם הפיץ גם הוא באמצעות בית דפוסו אשר ערך בעיר קארעץ בוואָליניען...", זען תולדות..., ז׳ 63. וועגן דעם „אשר לקחם ותורת פיהם הפיץ גם הוא" האָב איך שוין געוויזן, אַז עס גייט דאָ אין גאַנצן אין צוויי־דרײַ חסידישע ספֿרים וועלכע קריגער האָט אָפּגעדרוקט אין קאָריץ.

[55] ערשט אין 1835, סך־הכּל אַ יאָר פֿאַר דער גזרה פֿון שליסן די דרוקן, איז ווילנע צוגעטראָטן צו דרוקן דעם ש״ס. דאָס איז דער באַרימטער ש״ס, צוליב וועלכן עס האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט די גרויסע מחלוקת צווישן סלאַוווטער און ווילנער דרוקערײַען. די דאָזיקע מחלוקת האָט מסתּמא אויך געהאַט אַ חלק אין דער קומענדיקער גזרה.

[56] זען תולדות רבינו חיים מוואלאזין, ווילנע, תּרס״ט, ז׳ 33.

[57] „...הגם שהיו חסידי הרבי ר׳ אלימלך זלה״ה בימים ההם אולם היו נמצאים אחד בעיר ושנים במשפחה...", נפלאות הרבי מלובלין, דריטע אויסגאַבע, וואַרשע, 1911, דף 10, שפּ׳ 4.

תּלמידים פֿון דעם רבי פֿון לובלין. זײַן טעטיקייט אָבער איז דער עיקר געווען ערשט שפּעטער, אין די ערשטע יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט, און אויך ער האָט נאָך געהאַט אויסצושטיין פֿון אַ שטאַרקן מתנגדישן ווידערשטאַנד.[58] זאָגן, אַז אין 1785 האָבן ייִדן אין פּוילן אָוועקגעוואָרפֿן די גמרות און גענומען לערנען נאָר ר' מלכּס תּורות אָדער די פֿיר חסידישע ספֿרים וואָס זײַנען שוין צו יענער צײַט געווען געדרוקט, און מען האָט שוין ניט געדאַרפֿט קיין ש"סן, איז פּשוט לעכערלעך.

שווער צו וויסן, פֿאַר וואָס קריגערס פּראָיעקט צו דרוקן דעם ש"ס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. רינגעלבלום האָט אַרויסגעזאָגט אַ פֿאַר השערות וועגן דעם.[59] איך וואָלט נאָך צוגעלייגט, אַז קריגער אַליין האָט זיך קאַליע געמאַכט מיט זײַן ביטע צו דער פֿינאַנצמאַכט אַרויסצוגעבן אַ פֿאַראָרדענונג וואָס זאָל אַרויפֿלייגן אַ צוואַנג אויף ייִדן צו קויפֿן דעם ש"ס בײַ אים. הגם די פֿינאַנץ־קאָמיסיע האָט קיין צוואַנג ניט אַרויפֿגעלייגט, נאָר געבעטן אירע באַאַמטע, זיי זאָלן „דורך די איי־דלסטע מיטלען משפּיע זײַן אויף די קהילות", האָבן אָבער ייִדן אַלע מאָל פֿײַנט געהאַט, אַז אַ פֿרעמדע מאַכט זאָל זיך מישן אין זייערע אינעווייניקסטע רעליגיעז־שטייגערישע ענינים און עס איז גענוג געווען, אַז די פֿרעמדע מאַכט זאָל רע־קאָמענדירן ייִדן צו קויפֿן דעם ש"ס נאָר בײַ קריגערן, אַז ייִדן זאָלן דאָס ניט טאָן.

ח

די דריטע שטאָט אין אוקראַיִנע, ווו עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ייִדישע דרוקערײַ, איז געווען פּריצק (פּויליש: Poryck), אויך אין וואָלין. די דרוקערײַ איז געגרינדעט געוואָרן אין 1786 דורך דרײַ שותּפֿים. די גרינדערס זײַנען טאַקע געווען חסידים, און ניט סתּם חסידים. איינער פֿון זיי, ר' שלמה בר' אַבֿרהם לוּיצקער, איז געווען אַ תּלמיד בײַם מעזריטשער מגיד און אויך זײַנער אַ קרובֿ. דאָס איז ער געווען דער ערשטער וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם מעזריטשער מגידס תּורות[60] מיט זײַנער אַ הקדמה נאָך מיט פֿינף יאָר פֿריִער איידער די פּריצקער דרוק האָט זיך געעפֿנט. ער אַליין איז אויך געווען דער מחבר פֿון אַ חסידישן ספֿר, דברת שלמה, אָבער אָפּגעדרוקט געוואָרן איז דאָס ערשט מיט יאָרן שפּע־טער, אין 1848, אין זשאָלקווע. אין דער פּריצקער דרוק, הגם זי האָט געהערט צו חסידים, איז קיין איין חסידישער ספֿר ניט געדרוקט געוואָרן!

פֿרידבערג פֿאַרצייכנט יאָ איין חסידישן ספֿר פֿון פּריצק. אין זײַן בית עקד ספרים (ז' 414, נומ' 2071) לייענען מיר: „מרגליות התורה, [מאת] ר' צבי הירש בר' שמואל זיינוויל, פשטים על התורה בדרכי החסידים, פאריצק תקמ"ח". קוקן מיר אָבער אַרײַן אין די הסכּמות פֿון דעם דאָזיקן ספֿר, זעען מיר, אַז דער מחבר איז גאָר געווען דעם ווילנער גאָונס אַ תּלמיד, איינער פֿון די זיבן תּלמידים וואָס

[58] וועגן ר' מלכן און זײַן תּלמיד, דעם לובלינער, זען דובנאָוו, תולדות החסידות.

[59] יִוואָ־בלעטער, ב' VII (1934), זז' 96—98.

[60] לקוטי אמרים, קאָריץ, תקמ"א.

האָבן אָפּגעדרוקט זײַנע ווערק נאָך זײַן פּטירה.[61] אַ שיינע מעשׂה איז דאָס: דעם ווילנער גאָונס אַ תּלמיד האָט אָנגעשריבן אַ חסידישן ספֿר! פֿרידבערג מאַכט דאָ אָבער אַ טעות דורך דעם וואָס ער פֿלאָנטערט ווידער קבלה מיט חסידות. דער מרגליות התורה איז ניט קיין חסידישער ספֿר נאָר אַ קבלה־ספֿר. מיט חסידות האָט ער גאָרניט צו טאָן; בן־יעקבֿ פֿאַרצייכנט עס טאַקע, אוצר הספרים, ז׳ 372, ווי אַ קבלה־ספֿר.[62]

מיט אַ יאָר דרײַסיק שפּעטער, ווען די דרוקערײַ האָט שוין געהערט צו אַנ־דערע בעלי־בתּים, האָט מען דאָרטן אָפּגעדרוקט בסך־הכּל 3 חסידישע ספֿרים.

נעמען מיר די דרוקערײַ אין מעזשבוזש, די שטאָט פֿון דעם בעש״ט. דער נאָמען אַליין דערמאָנט שוין אין חסידות, און דער באַזיצער פֿון דער דרוקערײַ, ר׳ יעקבֿ פּנחס, איז געוויס געווען אַ חסיד; ער איז געווען אַן אײדעם פֿון דעם בעש״טס אייניקל, דעם באַרימטן ר׳ ברוכל מעזשבוזשער.[63] אין דער צײַט וואָס די דרוקערײַ האָט עקסיסטירט איז מעזשבוזש געווען די רעזידענץ פֿון דעם באַרימטן אַפּטער רבֿ, דער „אוהבֿ ישׂראל״, מיט וועמענס הסכּמות עס זײַנען געדרוקט געוואָרן דאָס רובֿ ספֿרים אין מעזשבוזש. און נאָך דעם אַלעמען פֿאַר־צייכנט פֿרידבערג דאָרטן נאָר 3 חסידישע ספֿרים! די דאָזיקע דרוקערײַ האָט אָבער בכלל ניט געהאַט קיין גרויסן פֿאַרנעם.

נעמען מיר שפּיראָס באַרימטע דרוקערײַ אין סלאַוווטע, וואָס וועגן איר באַזיצער שרײַבט יוסף פּערל, אַז ער איז רײַך געוואָרן פֿון דרוקן חסידישע ספֿרים.[64] ר׳ משה שפּיראָ, דער גרינדער פֿון דער דרוקערײַ, איז אויך ניט געווען אַ חסיד סתּם, נאָר ר׳ פּנחס קאָריצערס אַ זון. אין דער רשימה ספֿרים וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן בײַ די שפּיראָס אין משך פֿון קאָרגע דרײַסיק יאָר געפֿינען מיר כּמעט ניט קיין חסידישע ספֿרים; מיר געפֿינען ש״סן, הלכה־ספֿרים, שולחן ערוך, שאלות ותּשובֿות א״אַנד. יוסף פּערל האָט דאָ געמאַכט אַ טעות, די עט־לעכע חסידישע ספֿרים וואָס זײַנען געדרוקט אין סלאַוווטע זײַנען געדרוקט אין אַ פֿריִערדיקער דרוקערײַ;* זי איז אָבער אויך ניט רײַך געוואָרן פֿון זיי. שפּיראָ איז רײַך געוואָרן ניט פֿון חסידישע ספֿרים, נאָר פֿון די פּראַכטפֿולע ש״סן און

[61] צווישן די דאָזיקע זיבן תּלמידים שטייט ער דער זעקסטער אין דער ריי. זען די הקדמה צו מגיני ארץ, שקלאָוו, תּקס״ג.

[62] אַגבֿ זעען מיר דאָ אַ פֿײַנע טאָלעראַנץ פֿון חסידים: איך קען זיך ניט פֿאָרשטעלן, אַז אין יענע יאָרן זאָל אַ חסידישער מחבר קענען אָפּדרוקן אַ ספֿר אין ווילנע.

[63] „...אותן אנשים שאינם יודעים את הרב הנ״ל [געמיינט דעם דרוקער ר׳ יעקבֿ פּנחס] אני מודיע להם שהוא חתן הצדיק ר׳ ברוך טולטשינער, וזוגתו נקראת אדל על שם אם הצדיק ר׳ ברוך...״, יוסף פּערל, מגלה טמירין, ווין, תּקע״ט, דף כב, הערה א.

[64] „...ובפרט שראינו בחוש שכל אותן המדפיסים והמחברים מספרי צדיקי זמננו נעשו בעזרת השם עשירים מופלגים, ובפרט המדפיס דק״ק סלאוויטא שיחי׳״, מגלה טמירין, הקדמה, דף ב, עמוד ב. יוסף פּערל רופֿט ניט אָן בפּירוש דעם נאָמען שפּיראָ, אָבער ס׳איז קלאָר, אַז ער מיינט אים, ווײַל די פֿריִערדיקע דרוקערײַ איז ערשטנס ניט געווען קיין רײַכע, און צווייטנס, איז זי אין דער צײַט פֿון דעם מגלה טמירין שוין געווען עטלעכע יאָר געשלאָסן.

* זען צושריפֿט צום סוף פֿון אַרטיקל, ז׳ 208.

אַנדערע לומדישע ספֿרים,[65] און פֿון דער טעכנישער הייך (גוטע קאָרעקטור אד״גל), אויף וועלכער ער האָט אַוועקגעשטעלט זײַן דרוקערײַ.[66] זײַנע ש״סן זײַנען געווען זייער פּאָפּולער אין גאַנץ רוסלאַנד און פּוילן ווי אויך אין אַנדערע מדינות, און אַפֿילו מתנגדים האָבן בײַ אים באַשטעלט ש״סן.[67] עס זעט אויס, לויט דער ביבליאָגראַפֿיע, אַז אין גאַנצן אומפֿאַרדינט איז די דאָזיקע דרוקערײַ געווען פֿאַרהאַסט בײַ די משׂכּילים וועלכע האָבן איר געמאַכט אַ רעפּוטאַציע ווי אַ פֿאַרשפּרייטערין פֿון פֿינצטערניש און פֿאַנאַטיזם. אמת, די שפּיראָס האָבן ניט געוואָלט דרוקן קיין השׂכּלה־ספֿרים, אָבער דאָס האָט אויך ניט געוואָלט די מתנגדישע דרוקערײַ אין ווילנע. די עטלעכע השׂכּלה־ספֿרים וואָס ווילנע האָט יאָ געדרוקט זײַנען געווען, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ נייטראַלן אינהאַלט, ווי למשל נפֿתּלי הירץ וויזלס ספֿר המדות, דעם ריב״לס אפס דמים און ענלעכע.

נעמען מיר אַזאַ חסידישע שטאָט ווי באַרדיטשעוו, די שטאָט פֿון ר׳ לוי יצחק, מיט וועמענס הסכּמות עס זײַנען געדרוקט די מערסטע ספֿרים אין דער באַרדיטשעווער דרוקערײַ (נאָך זײַן הסתּלקות — מיט די הסכּמות פֿון זײַן זון ר׳ ישׂראל) איז צווישן 56 ספֿרים געדרוקטע אין באַרדיטשעוו אין משך פֿון דרײַסיק יאָר געפֿינען מיר אין גאַנצן 14 חסידישע, ד״ה בלויז אַ פֿערטל.[68]

ט

אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם ייִדישן דרוקוועזן אין אוקראַיִנע האָבן געשפּילט די דרוקערײַען אין סודילקאָוו. אַרום צוואַנציק יאָר האָט מען דאָרטן געדרוקט, און די לעצטע עטלעכע יאָר פֿאַר דער גזרה פֿון 1836 האָבן דאָרטן איינצײַטיק עקסיסטירט דרײַ דרוקן. מען האָט אַרויסגעלאָזן אַ גרויסע צאָל ספֿרים, מערסטנס לומדישע, איבערגעדרוקט אַלטע הלכה־ספֿרים. שאלות ותשובֿות, פּילפּול־ספֿרים, פּירושים א״אַנד.[69] ריכטיק האָט באַמערקט דער פֿאַרשטאָרבענער ביבליאָגראַף

---

[65] פֿרידבערג, תולדות הדפוס העברי בפולניא, ז׳ 78: „... מבית הרב ר׳ משה שפירא יצאו לאור... זה אחר זה ספרים תורנים חשובים...״ — ניט קיין אַנדערער ווי דער באַרימטער ווילנער רבֿ ר׳ אַבאלע פּאַסוואָלער שרײַבט וועגן שפּיראָס דרוקערײַ אין סלאַוועטע: „מדפיסי סלאוויטא אשר כבר ידוע שמן שמיא זכו להו להפיץ ולהרבות תורה כמה וכמה שנין ועבידו דלא תשתכחה תורה מישראל״. זען זײַן הסכּמה צום סלאַוועטער ש״ס, 1836, מסכת שבת.

[66] די שפּיראָס האָבן אַגבֿ אויך פֿאַרדינסטן פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך: זיי האָבן עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט שיינע אויסגאַבעס פֿון דעם המגיד, פֿון צאינה וראינה א״אַנד.

[67] „... ספרי ש״ס לא היו נמצאים בעולם כלל כי אם אצל יחידי סגולה, גבירים מפורסמים, ואפילו בביהמד״ר מעיירות גדולות לא נמצא ש״ס שלם... וכשיסד רבה״ק [=רבינו הקדוש, געמיינט ר׳ חיים וואַלאָזשינער] את הישיבה [געמיינט די וואַלאָזשינער ישיבֿה] ויתבקשו גמרות הרבה והוצרכו לשלוח לעיירות גדולות ולקבץ גמרות... ובראות הרב מסלאוויטע נ״ע שהשסי״ן נצרכים בעולם, הדפיס כמה מאות שסי״ן גדולים וקטנים. ומחמת שהיו חביבים בעולם נתפזרו בכל העולם...״ תולדות רבינו חיים מוואלאזין, ווילנע, תרס״ט, ז׳ 33. ערשט מיט צענדלינגער יאָרן שפּעטער זײַנען געוואָרן פּאָפּולער די ש״סן פֿון האַלמנה והאַחים ראָם אין ווילנע.

[68] אברהם יערי, „הדפוס העברי בבארדיטשוב״, קרית ספר, כא, זז׳ 102—103.

[69] תולדות..., ז׳ 103: „... מן רשימת הספרים שנדפסו בסדילקאב נוכח לדעת כי המד־פיסים עבדו בשנים האחרונות יומם ולילה בלי הרף והספרים יצאו מעיר כעשב השדה ובכללם חבורים חשובים להגדיל תורה ולהאדירה...״

אַ. טויבער, אַז אין סודילקאָוו זײַנען געדרוקט געוואָרן 99% שאלות־ותשובֿות און חידושים,[70] ד"ה אַז חסידישע ספֿרים האָט מען כּמעט גאָרניט געדרוקט דאָרטן. דאָך אָבער איז באַשערט געווען סודילקאָוו צו פֿיגורירן אין אַ באַשולדיקונג וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן קעגן חסידים, און טאַקע אַ וואָגיקע באַשולדיקונג, ווען דאָס זאָל געווען זײַן אמת.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ צו דער ייִדיש־דײַטשער צײַטונג *Der Orient* (1843, 61) שרײַבט איינער אַן אַנאָנימער משׂכּיל פֿון זשאָלקווע צוו"אַנד אָט וואָס:

די מערסטע דרוקערס און אַרויסגעבערס ביזן באַוווּסטן אוקאַז [געמיינט די גזרה פֿון 1836 וועגן פֿאַרמאַכן די ייִדישע דרוקן אין רוסלאַנד] האָבן געהערט צו די חסידים, און די דאָזיקע פֿלעגן זיך אין זייער אומפֿאַר־אַנטוואָרטלעכער הפֿקרות נעמען דאָס רעכט [אײַנצושטעלן] אַן אייגענע צענזור כּדי איבערצוהיפּערן דאָס וואָס עס האָט ניט געשטימט מיט זייער סיסטעם פֿון פֿאַרפֿינצטערונג, מיט זייער פּאַרטיי[־אינטערעס]...[71]

פֿאַר אַ בײַשפּיל ברענגט דער אַנאָנימער משׂכּיל טאַקע סודילקאָוו. אין 1833 זײַנען דאָרטן איבערגעדרוקט געוואָרן (פֿון דער ערשטער אויסגאַבע, ווענעציע, 1595) די שאלות־ותשובֿות ר' בצלאל אשכּנזי און עס איז אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן אַזאַ וויכטיקע תּשובֿה ווי די תּשובֿה ג', דאָס איז די באַרימטע תּשובֿה פֿון ר' בצלאלס רבין, דעם רדב"ז, וועגן די קאַראַימער; דאָס איז אַ חסידיש שטיקל אַרבעט. דער שרײַבער גיט שוין דערבײַ אַ גאַנצן צעטל מיט שאלות־ותשובֿות, איבערגעדרוקטע אין סודילקאָוו, וועלכע ער שטעלט אַוועק אונטערן חשד פֿון חסידישער צענזור, און בכלל עצהט ער ניט צו באַנוצן זיך מיט ספֿרים פֿון חסידישע דרוקערײַען, ניט קאָנפֿראָנטירנדיק זיי פֿריִער מיט די עלטערע אויס־גאַבעס.

יצחק ריבקינד, אין זײַן רעצענזיע אויף פֿרידבערגס תולדות הדפוס העברי בפולניא,[72] האָט טענות צו פֿרידבערגן, הלמאַי ער האָט אַזאַ וויכטיקע זאַך ניט אָנגעוויזן אין זײַן ווערק. דערבײַ זאָגט ער אַרויס אַ השערה, אַז דער אַנאָנימער קאָרעספּאָנדענט זאָל זײַן דער זשאָלקווער רבֿ, ר' צבֿי הירש חיות. אויך צינבערג האָט אַרײַנגענומען די דאָזיקע באַשולדיקונג אין זײַן געשיכטע פֿון דער ליטעראַ־טור בײַ ייִדן (באַנד 8, צווייטער בוך, ז' 81), אָננעמענדיק, ווײַזט אויס, ריבקינדס השערה, אַז דער אַנאָנימער משׂכּיל איז געווען דער זשאָלקווער רבֿ, ר' צבֿי הירש חיות.[73]

---

[70] מחקרים ביבליוגרפיים, ירושלים, תּרצ"ב, ז' 17.

[71] Die meisten Drucker und Editoren bis zu dem bekannten Ukas gehörten zu den Chassidim und diese erlaubten sich nach unverantwortlicher Willkür eine eigene Zensur um das, was ihrem System der Verfinsterung ihrer Partei nicht zusagte, wegzulassen.

[72] קרית ספר, יא, ז' 100.

[73] איך גלייב ניט, אַז די השערה זאָל זײַן ריכטיק. אין דער קאָרעספּאָנדענץ שטייט:
. . . gehört auch die treffliche Arbeit unseres Kreisrabbiners in seinen עטרת צבי sowie sein תפארת למשה . . . zu den besten Dankadressen an Sir Moses Montefiore gehört. . . .

צי זאָל ר' צבֿי הירש חיות האָבן געווען אַזוי אומטאַקטיש?

דער קאָרעספּאָנדענט האָט אָבער ניט געדאַרפֿט אָנקומען צו די שאלות ותשובות ר׳ בצלאל: אין די שאלות ותשובות הרדב״ז גופֿא, וועלכע זײַנען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין 1836 אין דער זעלביקער סודילקאָוו, פֿעלט אויך די דאָזיקע תשובֿה.[74] אין דעם זעלביקן סודילקאָווער איבערדרוק פֿעלן אויך די „שאלות ותשובות מן השמים״, וואָס אין דער ערשטער אויסגאַבע, פֿון שו״ת הרדב״ז, חלק ה, ליוואָרנע, תקע״ח, זײַנען זיי יאָ פֿאַראַן; און מיר געפֿינען נאָך עטלעכע קלענערע השמטות.

אָבער אַדרבא, וואָס פֿאַר אַ מאָטיוו האָבן חסידים געקענט האָבן בײַם אויסמעקן די תשובֿה וועגן די קאַראַימער? אין וואָס פֿאַר אַ סתירה איז די תשובֿה מיט דער חסידישער אידעאָלאָגיע? אין דער זעלבער צײַט זעען מיר, אַז אין די שאלות ותשובות נודע ביהודה וואָס זײַנען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר וואָס די שו״ת ר׳ בצלאל אין דער זעלבער סודילקאָוו, האָט די „חסידישע צענזור״ יאָ „דורכגעלאָזן״ די באַוווּסטע אַנטיחסידישע תשובֿה, ווו דער נודע ביהודה שרײַבט זײַן באַרימטן פּאַראַפֿראַז: „והחסידים יכשלו בם״.[75] ווו וואָלט דאָ געווען די לאָגיק צו לאָזן דעם נודע ביהודהס אַנטיחסידישע תשובֿה און אויסמעקן דעם רדב״זס אַנטיקאַראַימישע? און, דוכט זיך, וואָס קען זײַן מער פּאַסיק פֿאַר דער חסידישער אידעאָלאָגיע ווי די שאלות־ותשובֿות מן השמים?[76] פֿאַר וואָס האָט מען דאָס אויסגעמעקט?

דעם שליסל אויפֿצוקלערן די זאַך גיט אונדז אַ הוספֿה וואָס איז דאָ אין דער סודילקאָווער אויסגאַבע און איז ניטאָ אין דער ערשטער אויסגאַבע. די הוספֿה באַשטייט אין גאַנצן פֿון איין וואָרט. אין אַ תשובֿה, ווו דער רדב״ז שרײַבט, אַז די מחמדאַנער זײַנען ניט קיין עובֿדי עבֿודה זרה, איז אין דער סודילקאָווער אויסגאַבע צוגעלייגט צום וואָרט „הישמעאלים״ אויך „והנוצרים״. די קריסטן זײַנען, הייסט עס, אויך ניט קיין עובֿדי עבֿודה זרה.[77] עס איז קיין ספֿק ניט בײַ מיר, אַז דאָס איז די אַרבעט פֿון ניקאָלײַ דעם ערשטנס צענזור וועלכע האָט אין יענע צײַטן דערגרייכט ווילדע פֿאָרמען. דער זעלבער צענזאָר וואָס האָט אַרײַנגעשטעלט דעם „והנוצרים״ האָט אויך אויסגעמעקט, מעג מען רעכענען, די תשובֿה וועגן די קאַראַימער און די „שאלות ותשובות מן השמים״.

ווען מיר קוקן אַרײַן אין דער דאָזיקער תשובֿה זעען מיר, אַז ניקאָלײַס צענזאָר האָט זי ניט געקענט דורכלאָזן. עס איז גענוג צו ציטירן דעם ווײַטערדיקן זאַץ וואָס דער רדב״ז ברענגט פֿון רמבם:

...ודע שמסורת בידינו מרבותינו ...שזמננו זה זמן הגלות שאין בו דיני נפשות אין זה אלא בישראל שעבר עבירת מיתה אבל המינין

---

[74] אין דער ערשטער אויסגאַבע, ווענעציע, תק״ט, איז דאָס אין חלק שני, תשובֿה תשצ״ו.

[75] פּאַראַפֿראַזירט פֿון דעם פּסוק „ופושעים יכשלו בם״ (הושע יד, 10). זען אויך: בית רבי, באַרדיטשעוו, 1902, ז׳ 177, הערה 3.

[76] חב״ד־חסידים האָבן אין די שו״ת מן השמים געפֿונען אַפֿילו אַ רמז אויף זייער יום־טובֿ יט כסלו. זען בית רבי, ז׳ 67.

[77] חלק שלישי, תשובֿה תקכ״ח.

והצדוקין והבייתוסין כפי רוע דעותיהם הורגים אותם לכתחילה כדי שלא יפסידו את ישראל ויאבדו האמונה...

בכלל איז דער כאַראַקטער פֿון דער גאַנצער תּשובֿה אַזאַ וואָס ניקאָלײַס צענזאָר האָט דאָס געמוזט פֿאַרבראַקירן.

אין יאָר 1882 איז אַרויס אין וואַרשע אַ נײַע אויסגאַבע פֿון די שו״ת הרדב״ז, אין וועלכער די אַרויסגעבערס שרײַבן, אַז זיי האָבן ניט געניצט די סודילקאָווער אויסגאַבע, ווײַל זי איז זייער אַ פֿאַרדאַרבענע, און האָבן איבערגעדרוקט פֿון דער ערשטער אויסגאַבע. זיי האָבן אַרײַנגענומען אַ סך זאַכן וואָס זײַנען ניט געווען אין דער סודילקאָווער אויסגאַבע; מערסטנס טאַקע וועגן ענינים וואָס האָבן צו טאָן מיט די באַציִונגען צווישן ייִדן און גויים, וואָס דאָס ווײַזט, אַז דאָס זײַנען געווען צענזור־השמטות. אָבער די תּשובֿה וועגן די קאַראַימער פֿעלט אין דער דאָזיקער אויסגאַבע אויך — הייסט עס, אַז אַפֿילו אַלעקסאַנדער דעם דריטנס צענזור האָט דאָס אויך ניט דורכגעלאָזן.

עס קומט אויס, אַז די „חסידישע צענזור״ אין סודילקאָוו האָט עקסיסטירט נאָר אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון דעם אַנאָנימען משׂכּיל. אַגבֿ ווײַזט זײַן קאָרעספּאָנדענץ, אַז ער האָט געהאַט אַ שוואַכע השׂגה פֿון דעם וואָס עס טוט זיך אין רוסלאַנד. אין יאָר 1843 ווײַזט ער אַרויס אַ שטאַרקע שׂימחה פֿון דעם שליסן די „חסידישע״ דרוקערײַען, אין דער צײַט, ווען די משׂכּילים אין רוסלאַנד גופֿא האָבן שוין שטאַרק חרטה געהאַט, וואָס זיי האָבן מיטגעהאָלפֿן דערצו. צווישן די געשלאָסענע דרוקערײַען רעכנט ער אויס אַ דרוקערײַ אין בריסק, וואָס דאָס איז גאָר אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אָדער דרוקערײַען וואָס זײַנען שוין געווען געשלאָסן מיט לאַנגע יאָרן פֿריִער, נאָך איידער די גזרה איז אַרויס.[78]

ו

די איינציקע אמתע חסידישע דרוקערײַ, וואָס זי איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן ספּעציעל פֿון חסידים לשמו ולשמה, צוליב דרוקן חסידישע ספֿרים, איז געווען די דרוקערײַ אין בראַצלאַוו. ר׳ נתן, ר׳ נחמן בראַצלאַווערס געטרײַער תּלמיד, האָט זי אײַנגעאָרדנט בײַ זיך אין הויז אין בראַצלאַוו ספּעציעל אויף צו דרוקן ר׳ נחמנס ספֿרים.[79] די דאָזיקע דרוקערײַ האָט עקסיסטירט פֿינף יאָר און האָט אָפּגעדרוקט 7־8 ספֿרים, אַלע ר׳ נחמנס. אָבער גראָד די דאָזיקע דרוקערײַ איז ניט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט אין פֿרידבערגס תולדות הדפוס העברי בפולניא.

*

וואָס שייך די דרוקערײַען אין ליטע קען מען יוצא זײַן מיט עטלעכע ווערטער. די דאָזיקע דרוקערײַען זײַנען געווען מתנגדישע. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין

---

[78] זען די הוספֿה III צום סוף פֿונעם אַרטיקל.

[79] זען זײַן ספֿר ימי מהרנ״ת, וווּ ער באַשרײַבט די צרות וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין איבער דער דרוקערײַ. באַריכות וועגן דער דאָזיקער דרוקערײַ זען: א. יערי, „הדפוס העברי בברסלב״, קרית ספר, יג, ז׳ 528.

אַקטיוון אַנטיחסידישן כאַראַקטער, נאָר אַ פּאַסיוון: קיין חסידישע ספרים האָט מען דאָרטן ניט געקענט דרוקן (ביז דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, ווען ווילנע האָט שוין אויך אָנגעהויבן דרוקן חסידישע ספרים), מען האָט אָבער אויך ניט געדרוקט קיין אָפענע פּאָלעמיש־אַנטיחסידישע ספרים.[80] לויט פּנחס קאָנס אויספאָרשונגען[81] זײַנען גאָר די דרוקערײַען אין האָראָדנע און ווילנע לכתחילה געגרינדעט געוואָרן פון קריסטן און לאַנגע יאָרן זײַנען ייִדן נאָר געווען פאַר־לעגערס וואָס האָבן אָפּגעגעבן דרוקן ייִדישע ספרים אין די קריסטלעכע דרוי־קערײַען.

וואָס נוגע די ייִדישע דרוקערײַען אין ביאַליסטאָק און מינסק זײַנען זיי געווען פון אַ קליינעם פאַרנעם און האָבן געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג אויפן ייִדישן דרוק־וועזן אין ליטע.

הוספות

I

טאָפּעלע הסכּמות

אויף דעם קבלה־ספר ארבע מאות שקל כסף, געדרוקט אין קאָריץ תקס"ד, האָבן געגעבן הסכּמות סײַ ר' חיים וואָלאָזשינער סײַ ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער. עס איז אָבער טשיקאַווע, אַז אויף די עקזעמפּלאַרן, ווו עס איז געדרוקט ר' לוי יצחקס הסכּמה, איז ניטאָ ר' חיים וואָלאָזשינערס און פאַרקערט. ה' יצחק ריב־קינד איז מיט דער מיינונג (ספר היובל לכבוד פרופ' אלכסנדר מאַרכס, נ"י, תשג, ז' 31), אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן ספּעציעל צוליב חסידים און מתנגדים, ד"ה, אַז אין מתנגדישע געגנטן האָט מען פאַרקויפט די עקזעמפּלאַרן מיט ר' חיים וואָלאָזשינערס הסכּמה און אין חסידישע געגנטן האָט מען פאַרקויפט די עק־זעמפּלאַרן מיט ר' לוי יצחק באַרדיטשעווערס הסכּמה. איך גלייב אָבער ניט, אַז דאָס זאָל זײַן ריכטיק, וואָרעם מה נשתּנה? וואָס עפּעס דווקא דער ספר? עס זײַנען דאָ נאָך ספרים, ווו זייערע ביידנס הסכּמות זײַנען געדרוקט צוזאַמען, ווי למשל דער ספר תולדות אדם וחוה, געדרוקט אין קאָפּוסט תקסח, א"אַנד. און ווי־דער וואָס האָט מען דאָ פאַרדינט? אַנשטאָט ר' לוי יצחקס הסכּמה פיגורירט אַ הסכּמה פון דעם קאָריצער רבֿ, אויך אַ חסיד. וואָלט דאָך שוין, פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט, געלוינט בעסער איבערצולאָזן די הסכּמה פון ר' לוי יצחקן וועל־כער איז געווען מער אויטאָריטעט ווי דער קאָריצער רבֿ. דאָ מוז זײַן עפּעס אַן אַנדער סיבה. אַן ענלעכער פאַל איז דאָ אין דעם ספר אהלי יהודה, געדרוקט אין יעסניץ 1719, וואָס אין פאַרשיידענע עקזעמפּלאַרן זײַנען זײַנען געדרוקט פאַר־שיידענע הסכּמות. דאָרטן איז דאָס געטאָן געוואָרן צוליב פאַרשפּאַרן דרוק־הוצאות; זען אין דעם ספר די ספּעציעלע מעלדונג וועגן דעם.

---

[80] די אַנטיחסידישע ספרים פון 1798 זײַנען געדרוקט אין אַ קריסטלעכער דרוקערײַ אין וואַרשע. זען מײַן נאָטיץ „לתולדות הדפוס בוואַרשא" אין ספר היובל לכבוד פרופ' אלכסנדר מרכס, ניו־יאָרק, 1943, ז' 20.

[81] פּנחס קאָן, „די התחלה פון ייִדישן דרוקוועזן און די ערשטע ייִדישע זעצער אין גראָדנע און ווילנע", יובֿל־בוך פון פּראָפ' פאַראיין פון דרוקער־אַרבעטער אין ווילנע, 1936; אַרויס אויך אַ סעפּאַראַטער אָפּדרוק.

II

וועגן דער באַציִונג פֿון משׂכּילים צו קבלה

לויט צינבערגן איז יצחק סאַטאַנאָוו פֿערזענלעך טאַקע געווען פֿרײַנדלעך צו קבלה און האָט געהאַלטן, אַז זי קען זיך אײַנלעבן מיט „חקירה" (געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, באַנד 7, ערשטער בוך, זז' 224—231), אָבער עס בלײַבט אַ קוריאָז, וואָס אַ משׂכּיל אַ גדול האָט אָפּגעדרוקט צוויי קבלה־ספֿרים. איינעם פֿון זיי, דעם עץ חיים, האָט אַגבֿ שפּעטער אַ צווייטער משׂכּיל, יוסף פּערל, גאָר אַרײַנגעשטעלט אין דער רשימה פֿון די ספֿרים וועלכע מען דאַרף פֿאַרבאָטן צו דרוקן, וואָס ער האָט צוגעשטעלט צום גאַליצישן גובערנאַטאָר (זען מאַהלער, דער קאַמף צווישן השׂכּלה און חסידות אין גאַליציע, ניו־יאָרק, ייִוואָ, 1942, ז' 147). וועגן מיר לייענען אָבער סאַטאַנאָווס כאַראַקטעריסטיק בײַ ד"ר קלויזנערן (זען הערה 31) איז דער וווּנדער ניט אַזוי גרויס.

בײַ די משׂכּילים, הגם זיי האָבן געקעמפֿט אויך קעגן קבלה, איז די באַציִונג צו קבלה בכלל געווען אַ מילדערע ווי צו חסידות. אַזוי זעען מיר, אַז יוסף פּערל אין מגלה טמירין ברענגט אָפּשפּעטנדיקע ציטאַטן נאָר פֿון חסידישע ספֿרים, הגם פֿון דעם סאָרט ליצנות האָט ער געקענט געפֿינען אַ היפּשע צאָל ציטאַטן אויך אין קבלה־ספֿרים. אויך, ווי שוין אויבן געזאָגט, האָט ער אין דער טאַרנאָפּאָלער דרוקערײַ ניט געלאָזט דרוקן קיין חסידישע ספֿרים, און אַ קבלה־ספֿר האָט ער פֿון דעסט וועגן געלאָזט אָפּדרוקן. אין זײַן מסירה צום גאַליצישן גובערנאַטאָר האָט ער צוגעשטעלט אַ רשימה פֿון 14 חסידישע ספֿרים וועלכע מען דאַרף פֿאַרבאָטן, און צווישן זיי האָט ער אַרײַנגעשטעלט נאָר 2 קבלה־ספֿרים (מאַהלער, דצ"ו). דאָס לאָזט זיך אפֿשר דערקלערן מיט דעם, וואָס קבלה, הגם זי איז געווען הונדערטער יאָרן שטאַרק פֿאַרשפּרייט, איז זי דאָך געווען צוטריטלעך נאָר צו יחידים; די מאַסע האָט ניט געהאַט קיין צוטריט צו קבלה (סײַדן נאָר דורך די תּפֿילות אָדער קמיעות אד"גל), אַזוי ווי זי האָט ניט געהאַט קיין צוטריט צו לומדות. חסידות אָבער איז געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג וואָס האָט געשטערט דאָס אַרײַנדרינגען פֿון דער השׂכּלה אין די מאַסן, און דערפֿון — דער גרויסער האַס צו חסידות. איבעריקנס האָט דאָך סאַטאַנאָוו געהאַט דערבײַ, לויט פֿרידבערגן, גוטע כּוונות, פֿאַר דעם רווח פֿון די קבלה־ספֿרים האָט ער דאָך אָפּגעדרוקט זײַנע השׂכּלה־חיבורים און אַזוי אָרום איז זײַן משׂכּילישער געוויסן מסתּמא רויִק געווען; ער אַליין שרײַבט אָבער, אַז ער האָט דאָס געטאָן „לזכות את הרבים"! אַן ענלעכן פֿאַל האָבן מיר אין אַ שפּעטערער עפּאָכע, ווען דער אַסימילאַטאָר אַר־געלבראַנד, אַ דרוקער און פֿאַרלעגער אין וואַרשע, האָט געדרוקט דעם ש"ס און מיט דעם רווח געדעקט דעם היזק וואָס ער האָט געהאַט פֿון אַרויסגעבן אַ פּוי־לישע ענציקלאָפּעדיע (זען י. שאַצקי, ייִדישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פּוילן, ניו־יאָרק, ייִוואָ, 1943, ז' 130).

III

סודילקאָווו און די רוסישע צענזור

די סודילקאָווער דרוקערײַען זײַנען אין צענזור־ענינים געווען אונטערגע־וואָרפֿן דעם ווילנער צענזור־קאָמיטעט. אויף די צענזור־דערלויבענישן וועלכע מען פֿלעגט געווייִנטלעך דרוקן אויף דער צווייטער זײַט פֿון די שער־בלעטלעך, פֿלעגט זיך אין יענע יאָרן אונטערשרײַבן לעוו באָראָווסקי, אַ פּראָפֿעסאָר אין ווילנער אוניווערסיטעט, אַ קריסט. ער האָט אָבער קיין העברעיִש ניט געקענט, און זײַן אונטערשריפֿט איז געווען בלויז פֿאָרמעל. דער פֿאַקטישער צענזאָר אויף ייִדישע

ספרים איז געווען דער באַוווּסטער משׂכּיל טוגענדהאָלד (זען ייִוואָ־בלעטער, VI (1934), ז׳ 167). אויב חסידים האָבן ניט געקענט האָבן קיין אידעאָלאָגישע מאָ־טיוון אַרויסצוּוואַרפן די באַרימטע תּשובֿה וועגן די קאַראַיִמער, האָט דאָס אָבער דער משׂכּיל טוגענדהאָלד יאָ געקענט האָבן, וואָרעם וואָס דען האָבן די משׂכּילים געפּריידיקט יענע יאָרן, אויב ניט דאָס אַוועקוואַרפן דעם תּלמוד און אומקערן זיך צום תּנך? אַזוי אַרום האָט געקענט זײַן אַן אידעאָלאָגישע נאָענטקייט צווישן די משׂכּילים און די קאַראַיִמער. דער משׂכּילישער ראַציאָנאַליזם האָט אויך ניט געקענט באַנעמען אַזאַ זאַך ווי שו״ת מן השמים, און זייער הוראַ־פּאַטריאָטיזם האָט געקענט צושטעלן דעם וואָרט „והנוצרים״ צום רדב״זס „הישמעאלים״.

וועגן דעם הוראַ־פּאַטריאָטיזם פֿון משׂכּילישן צענזאָר זען י. צינבערג, „די צאַרישע צענזור און די בבֿא־מעשׂה״, ייִוואָ־בלעטער, IV, ז׳ 188.

וועגן טוגענדהאָלדן ווייסן מיר, אַז ער האָט אויך ניט געשוינט זײַנע אייגע־נע חבֿרים משׂכּילים. קלאָגט זיך טאַקע אויף אים מרדכי אַהרן גינצבורג, אַז „...כבוד ידידנו הרב הצענזאר בבקורתו הקשה מרפה את ידי ... פסל דברים אשר לא מצא כל מחמיר בהם שמץ פסול...״ דביר, 2, וואַרשע, 1883, ז׳ 83.

איך וויל אָבער ניט באַשולדיקן קײנעם אָן געהעריקע דערווײַזן, און אין שײַכות מיט אונדזער ענין איז גענוג, אַז טוגענדהאָלד האָט דאָס אַלץ געטאָן ווי אַן אָפֿיציעלער צענזאָר, ניט שטיצנדיק זיך דערבײַ אויף זײַן משׂכּילישער אי־דעאָלאָגיע.

עס זײַנען שוין געדרוקט אַ סך קוריאָזן פֿון ניקאָלײַ דעם ערשטנס צענזור. וויל איך דאָ דערציילן עפּעס וואָס איך האָב געהערט אין יאָר 1926 אין לענינגראַד פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם באַרימטן ביבליאָגראַף שמואל ווינער (איך געדענק אָבער ניט, צי ער האָט דאָס דערציילט ווי אַ פֿאַקט אָדער אפֿשר ווי אַן אַנעקדאָט). נאָכן פּוילישן אויפֿשטאַנד האָט די רוסישע רעגירונג צוגענומען בײַ פּוילן דאָס רעכט צו האָבן איר אייגענע וואַלוטע. אין יענעם יאָר האָט מען געדרוקט אין פּוילן אַ הגדה של פּסח, האָט דער צענזאָר אַרויסגעוואָרפֿן דעם חד גדיא, ווײַל עס שטייט דאָרטן „דזבין אבא בתרי זוזי״, און זוז טײַטשט מען דאָך ׳גילדן׳, איז עס דאָך פּוילישע וואַלוטע.

באַמערקונג פֿון מחבר: דעם אַרטיקל האָב איך געשריבן אין 1943. וועגן משה שפּיראָס דרוקערײַ (ז׳ 200) האָב איך זיך געשטיצט אויף פֿרידבערגס תולדות הדפוס העברי בפולניא, ז׳ 77, ווּ עס ווערט געזאָגט, אַז שפּיראָס דרוק איז שוין געווען די צווייטע אין סלאַוווּטע און איז געעפֿנט געוואָרן אין תּקס״ח. פֿון מאַטעריאַלן וואָס זײַנען מיר לעצטנס אויסגעקומען צו זען קומט אויס, אַז שפּיראָס דרוק האָט זיך געעפֿנט מיט אַ 16 יאָר פֿריִער און איז געווען די ערשטע אין סלאַוווּטע. עס איז דעריבער מיגלעך, אַז די עטלעכע חסידישע ספֿרים וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אין סלאַוווּטע אָן דעם נאָמען פֿון דרוקער זײַנען טאַקע געדרוקט געוואָרן בײַ שפּיראָן. פֿאַר אונדזער ענין איז עס אָבער ניט וויכטיק, ווײַל עס האַנדלט זיך אין גאַנצן וועגן אַ פֿינף ספֿרים (גענויער וועגן דעם זען מײַן נאָטיץ, „לתולדות הדפוס העברי בסלאוויטא״, קרית ספר, כז, ז׳ 117).

דאָס רעליגיעזע לעבן פֿון די פֿאַלאַשאַס

פֿון וואָלף לעסלוי

אין די געגנטן אויף צפֿון פֿון דער אָזערע טאַנאַ אין עטיאָפּיע וווינט אַן עדה פֿון ייִדישן גלויבן, וואָס מען רופֿט זיי פֿאַלאַשאַס. איך שאַץ זייער צאָל אויף אַ צוואַנציק — פֿינף און צוואַנציק טויזנט נפֿשות. זייער אָפּשטאַם און געשיכטע שטעלן אַוועק היפּש האַרבע פּראָבלעמען. צי וואַקסן זיי פֿון ייִדן אָדער זיי זײַנען אַ טייל פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג וואָס האָט זיך מגייר געווען? אויב דאָס ערשטע — ווען זײַנען זיי געקומען? אויב דאָס צווייטע — ווער און ווען האָט זיי געמאַכט פֿאַר ייִדן? פֿאַראַן באַריכטן וועגן דעם לעבן פֿון דעם דאָזיקן שבֿט און השערות וועגן זייער עבֿר, אָבער די באַריכט־אָפּגעבערס האָבן ניט דערציילט גענוג און זײַנען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ מין מיסיאָנערישער טענדענץ; דאָס פֿאַרקלענערט שטאַרק דעם וויסנשאַפֿטלעכן ווערט פֿונעם פֿריִערדיקן מאַטעריאַל. איבער דעם האָט דער מחבר פֿון דעם דאָזיקן אַרטיקל באַשלאָסן צו לייגן ספּעציעל אַכט אויף די פֿאַלאַשאַס בעת דער צען־חדשימדיקער עקספּעדיציע קיין עטיאָפּיע, וואָס ער האָט אונטערגענומען[1] אין 1946 צו שטודירן די לשונות, דעם פֿאָלקלאָר און די טראַדיציאָנעלע געשיכטע פֿון דעם לאַנד.

אין דעם איצטיקן אַרטיקל שטעל איך זיך בלויז אַ באַגרענעצטן ציל:[2] איך גיב דאָ איבער אַ טייל פֿון דער אינפֿאָרמאַציע וואָס איך האָב צונויפֿגענומען וועגן דעם רעליגיעזן לעבן פֿון די פֿאַלאַשאַס. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דאָס וואָס עס גילט אין איין אָרט איז ניט דווקא חל אויף אַלע אַנדערע ערטער און אַז אַן אונטערשייד צווישן מײַן באַריכט און פֿריִערדיקע באַריכטן קען זיך נעמען פֿון דעם וואָס מינהגים בײַטן זיך: מער ווי איין מאָל האָב איך געהערט אויף מײַן נסיעה, אַז דער אָדער יענער אײַנפֿיר האָט נאָך געגאָלטן בשעת מײַן אינפֿאָרמאַנט איז געווען יונג.

---

[1] אונטערן פּאַטראָנאַט פֿון דער גוגנהיים־פֿונדאַציע און פֿונעם ווײַקינג־פֿאָנד. אַן אַלגעמיינעם באַריכט פֿון מײַן נסיעה האָב איך געגעבן אין מײַן אַרטיקל:
"A Year of Research in Ethiopia," *Word* 4 (1948), 212-225.

[2] אַן אַלגעמיינעם „באַריכט פֿון אַ רײַזע צו די פֿאַלאַשאַס" האָב איך געלייענט אויף דער 22סטער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ אין ניו־יאָרק דעם 20סטן יאַנואַר 1948. — אַ ניט־ספּעציאַליזירטן איבערבליק, וואָס ער איז כּולל אויך געוויסע פֿאַקטן וועגן דעם רעליגיעזן לעבן, האָב איך געגעבן אין *Commentary*, מאַרץ 1949.

דער נאָמען פּאַלאַשאַ קען צום בעסטן אַרויסגעפּירט ווערן פֿון עטיאָפּיש: פֿאַללאַסאַ, ׳אויסוואַנדערן׳; ער שטימט, הייסט עס, אַן ערך מיטן העברעישן „בני הגולה״. די פּאַלאַשאַס אין די דערפֿער פֿון געגנט אַרום גאָנדער ניצן ניט דעם דאָזיקן נאָמען. זיי רופֿן זיך אַליין בעטאַ איסראַעל,[3] אָדער מיטן כושיטישן נאָמען קיילאַ. ס׳ווייזט אויס דעריבער, אַז מיטן נאָמען פּאַלאַשאַ האָבן די אַלט־געזעסענע אָנגערופֿן די נײַ צוגעקומענע.

איך בין אַרויסגעפֿאָרן פֿון גאָנדער דעם 8טן אַפּריל 1946 באַלייט פֿון מײַן קוכער, צוויי פּירערס פֿון צווישן די פּאַלאַשאַס און עטלעכע באַדינערס פֿון מײַנע פּירערס. ווען מיר זײַנען געפֿאָרן רײַטנדיק אויף אונדזערע מוילאייז־לען ניט מער ווי אַ שעה האָבן אונדז אויפֿן שפּיץ פֿון אַ בערגל איבערגענומען צוויי יונגע פּאַלאַשאַס מיט ביקסן. דאָס איז געווען דער אַוואַנגאַרד. נאָך מיט אַ שעה שפּעטער האָבן אונדז באַגעגנט אַ פּופּציק פּאַלאַשאַס, יונגע און אַלטע, באַוואָפֿנטע מיט ביקסן און שטעקנס. די גאַנצע געגנט פֿון אוזאַבאַ, אויף דרום־מיזרח פֿון גאָנדער, איז באַזעצט פֿון פּאַלאַשאַס, און די ידיעה פֿון מײַן אָנקומען איז מיר משמעות געגאַנגען פֿאָרויס. אַרומגערינגלט פֿון דער דאָזיקער ערנוואַך זײַנען מיר אַוועק ווײַטער איבער טײַכן און טאָלן און בערג. קורץ איידער מיר זײַנען אָנגעקומען אין דאָרף אַמבוואָראַ, ווו איך האָב געהאַט בדעה זיך אָפּ־צושטעלן, האָט איינער פֿון די באַלייטערס אַ טרומייט געטאָן, זײַנען פֿון אַלע זײַטן אַרויס מאַנסבילן מיך מקבל פּנים זײַן.

ענדלעך האָבן מיר דערזען דאָס דאָרף. די ערשטע האָבן מיך אויפֿגע־נומען די כּהנים (זען ווײַטער), אָנגעטאָן אין צערעמאָניעלע מלבושים, מיט זונשירעמס אין די הענט. זיי האָבן געזאָגט זייערע תּפֿילות (זען ווײַטער) און דערצו געקלאַפּט אין די פּויקן און אין אַ גאָנג. די אַלטע פֿרויען פֿון דאָרף זײַנען אויך געקומען; לויטן אָנגענומענעם עטיאָפּישן מינהג האָבן זיי אויס־געשריגן פֿריידגעשרייען וואָס האָבן געקלונגען ווי איל־איל־איל־איל. מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט פֿאַר אַ געצעלט, און איך האָב זיי געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איך בין אויסן נאָר איינס — באַקענען זיך מיט זייער שטייגער לעבן און דערציילן וועגן דעם דער וועלט. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט זייער הילף און גע־האַלטן וואָרט.

עס איז געווען פּסח, האָט ממילא קיינער ניט געאַרבעט אין גאַנצן דאָרף. מיר פֿלעגן זיך אויפֿקלײַבן אַלע טאָג אין זייער מקום־קדוש (זען ווײַטער), כּהנים, יונגע־לײַט און אַלטע לײַט, און זיי פֿלעגן ענטפֿערן אויף מײַנע פֿראַ־געס אַזוי גוט ווי זיי האָבן געקענט. איך בין צוגעפֿאָרן אין די דערבײַיקע דערפֿער און בין קיין מאָל ניט צוריקגעקומען פֿון דאָרט אָן אַ ציג, הינער אָדער אייער וואָס מען פֿלעגט מיר ברענגען במתּנה. איך האָב אין יענע מקומות פֿאַר־בראַכט אַרום צוויי וואָכן, און נאָך דעם ווי איך האָב זיך אומגעקערט קיין

[3] ס׳איז ניט שווער צו דערקענען די ענלעכקייט מיטן העברעישן „בית ישׂראל״; אָבער דער נאָמען איז ניט גענומען פֿון העברעיש, נאָר ער איז פֿון דער ריידשפּראַך אַמהאַריש, אַ סעמיטישע שפּראַך.

גאַנדער האָב איך נאָך געמאַכט אַ צווייטע נסיעה צו די פֿאַלאַשאַס אין דער געגנט פֿון סעקעלט.

דער מאַסגיד

די פֿאַלאַשאַס וווינען אָדער אין באַזונדערע דערפֿער אָדער אין אײנעם מיט דער עטיאָפּישער באַפֿעלקערונג; אָבער אין די געמישטע דערפֿער שטייען זייערע שטיבלעך באַזונדער. מען קען זאָגן אויף זיכער, אַז אַ פֿאַלאַשאַ־דאָרף שטייט לעבן אַ טײַך, וואָרעם זיי דאַרפֿן זיך וואַשן זייער אָפֿט אין שײַכות מיט זייערע רעליגיעזע פּירונגען. אַ פֿאַלאַשאַ־דאָרף זעט אויס ניט אַנדערש ווי אַן אַנדער יישובֿ אין לאַנד: קײַלעכדיקע אָדער לענגלעכע שטיבלעך פֿון געצוויַג, יאָ געדעקט אָדער ניט געדעקט מיט ליים און באַלייגט מיט גראָבע גראָזן, און די זעלביקע תּבֿואה־שפּײַכלערס פֿון געטריקנטן ליים אַרום די שטיבלעך. ניטאָ קיין קוימענס, ניטאָ קיין פֿענצטער; אַ טיר איז די איינציקע עפֿענונג. פֿאַראַן אָבער שטיבלעך וואָס מערניט די פֿאַלאַשאַס האָבן זיי: דער מקום־קדוש, „דאָס שטיבל פֿון דער יולדת" און „דאָס שטיבל פֿון בלוט אָדער קללה". אין דעם דאָזיקן לעצטן שטיבל איזאָלירן זיך אויף זיבן טעג די פֿרויען ווען זיי האָבן זייער צײַט.

דער צענטער פֿון רעליגיעזן לעבן איז דער מקום־קדוש, וואָס זיי אַליין רופֿן אים מאַסגיד.[4] אַזאַ הויז איז פֿאַראַן כמעט אין יעדער דאָרף מיט פֿאַלאַשאַס, אויב נאָר ס'איז דאָ כאָטש איין כהן. אין אויסזען איז קיין חילוק ניטאָ פֿון אַ מאַסגיד ביז אַ פּשוט וווינשטיבל. פֿאַרשיידענע רײַזנדערס האָבן דערציילט, אַז אויפֿן דאַך פֿון מאַסגיד איז צוגעקלעפּט אַ שטיק ליים, אָבער איך האָב אַזוינס ניט געפֿונען. אַ מאָל איז דער מאַסגיד באַרינגלט מיט אַ פּלויט, אָבער ס'איז לאַוו דווקא.

געווענדט אין דער גרייס קען אַ מאַסגיד האָבן צוויי אָדער פֿיר אַרײַנגאַנגען; אויב צוויי איז איינער אין דער ריכטונג אויף ירושלים, דער צווייטער אַנט־קעגן, אויף דער מערבֿ־זײַט. סײַ כהנים סײַ סתּם פֿאַלאַשאַס מעגן אַרײַנגיין דורך ביידע טירן; נאָר אויב אין דעם דאָרף זײַנען פֿאַראַן מאָנאַכן (זען ווײַטער) און זיי גייען אַרײַן פֿון דער מיזרחדיקער זײַט טאָרן סתּם מענטשן ניט ניצן דעם זעלביקן אַרײַנגאַנג.

די מאַסגידן וואָס איך האָב געזען האָבן געהאַט איין חדר אָדער צוויי. דער מאַסגיד אין אַטשאַרגאַ, סעקעלטער געגנט, ווו עס וווינען מאָנאַכן, האָט איין חדר וואָס איז אין מיטן איבערגעטיילט פֿון אַ ליימוואַנט ווי אַ מענטש די הייך. דער מאַסגיד אין גאַנאַ, אין דער אייגענער געגנט, איז געבויט פֿון שטיין און איז צעטיילט אויף צוויי טיילן: דער דרויסנדיקער איז קײַלעכדיק, און אי־

[4] דאָס איז אַן אַראַביש וואָרט, און עס איז אַ סבֿרא, אַז די פֿאַלאַשאַס האָבן דאָס איבער־גענומען פֿון אַראַבער וואָס וווינען בשכנות. דער טײַטש וואָרט־בײַ־וואָרט איז: 'דאָס הויז ווו מען שפּרייט זיך אויס'. בײַ די קריסטן־עטיאָפּיער איז דאָס וואָרט ניטאָ; זיי רופֿן זייער תּפֿילה־הויז 'דאָס הויז פֿון די קריסטן'.

נעווייניק איז אַ קוואַדראַטישער שטח וואָס מען רופֿט קעדעסטאַ קעדוסאַן (׳קודש קדשים׳). דאָ אין דעם קודש קדשים געפֿינען זיך די תּורה און די צערעמאָ־ניעלע הלבשה פֿון די כּהנים, און נאָר די כּהנים מעגן אַהער אַרײַנגיין. ווו ס׳איז קיין קודש קדשים ניטאָ ליגט די תּורה אויף אַ פּאָליצע וואָס איז צו־געפּעסטיקט היפּש הויך אויף דער מיזרח־וואַנט אָדער הענגט אַראָפּ פֿונעם סופֿיט; די הלבשה געפֿינט זיך יעמאָלט בײַם כּהן אין שטוב, צוזאַמען מיטן שעכטמעסער און אַנדערע ריטועלע אָביעקטן.

אינעווייניק איז דער מאָסגיד דעקאָרירט מיט פֿאַרשיידנקאָליריקע פֿאַר־האַנגען. שבת און יום־טובֿ שפּרייט דער דיאַקאָן[5] אויס גראָז און קרײַטעכצער אויף דער ערד, און דאָס גיט אַ פֿײַנעם פֿרישן ריח.

קיין עזרת נשים איז ניטאָ, אָבער נאָר מיידלעך און אַלטע פֿרויען גייען אַרײַן אין שול; יונגע חתונה־געהאַטע פֿרויען הערן די תּפֿילה אין דרויסן בײַם אַרײַנגאַנג.

דער מאָסגיד איז אַ הייליק אָרט. ווען איך האָב געוואָלט אַרײַנגיין אין מאָסגיד אין אַטשאַרגאַ, ווו עס ווינען מאָנאַכן, האָב איך ניט געטאָרט טרעטן אויף דער ערד איידער מען האָט אונטערגעלייגט אַ ברעט. מײַנע יונגע פֿאַלאַשאַ־באַלייטערס האָט מען בכלל ניט אַרײַנגעלאָזט אינעווייניק: זיי זײַנען געווען אַרויסגעפֿאָרן פֿון זייער היימדאָרף, האָבן די מאָנאַכן שוין געקוקט אויף זיי ווי אויף ניט קיין ריינע פֿאַלאַשאַס.

אויף דער צפֿונדיקער זײַט פֿון מאָסגיד שטייט דער מזבח. פֿריִער איז ער משמעות געווען אַרומגערינגלט פֿון פֿיר שטיינער, אָבער איצט איז דאָס שוין ניטאָ.

כּהנים און נזירים

די עבֿודה אין שול און בײַם מזבח ווערט דורכגעפֿירט פֿון די כּהנים. די כּהונה גייט ניט אַריבער בירושה און איז ניט צוגעפּעסטיקט צו באַשטימטע משפּחות. קהל באַשליסט, ווער עס זאָל זײַן אַ כּהן (אַרויסגערעדט: קאַהען). ווען מען לייגט פֿאָר עמעצן פֿאַר אַ כּהן, איז דער „גרויסער כּהן" צוזאַמען מיט די אַנדערע כּהנים בודק זײַן כאַראַקטער און זײַן לומדות. אויך קוקט מען אַרײַן אין דעם קאַנדידאַטס יִחוס ביזן זיבעטן דור. וועגן דעם קאַנדידאַט גופֿא איז שוין אָפּגערעדט, נאָר אויב ווער עס איז אין זײַן משפּחה האָט זיך פֿאַר־זינדיקט מיט ניאוף אָדער געהאַט עפּעס אַ מום, קען ער קיין כּהן ניט ווערן. נאָך דעם ווי מען האָט דעם כּהן אויסגעקליבן און באַשטעטיקט ברענגט ער אַ ציג, מכפּר צו זײַן אויף זײַנע זינד, און אַ שעפּס פֿאַר די כּהנים; די ציג פֿאַרברענט מען, און דעם שעפּס עסן אויף די כּהנים און די דיאַקאָנען. איידער מען בענטשט אַ כּהן ברענגט ער אַן אָקס אין מאָסגיד אַרײַן, קוילעט אים אַליין, און אַלע צוזאַמען, מאַנסבילן און פֿרויען, עסן דאָס פֿלייש אין אַ

[5] דאָס איז דער אַפּיציעלער נאָמען בײַ די פֿאַלאַשאַס (ער שטאַמט פֿון גריכיש, ד״ה פֿון דער קריסטלעכער ספֿערע). דער דיאַקאָן איז בײַם כּהן אַן אַרויסהעלפֿער און אַ תּלמיד.

שטיבל בשכנות פֿון מאַסגיד. מענטשן גיבן געלט, יעדערער וויפֿל ער קען, לכּבֿוד דער געשעעניש. דער גרויסער כּהן טוט אָן דעם נײַ אויסגעקליבענעם כּהן אַ טורבאַן אויפֿן קאָפּ, טוט אים אָן אַ העמד, און מיט דעם קען דער נײַער כּהן זיך נעמען צו דער כּהונה.

אָנגעטאָן איז דער כּהן ווי די אַנדערע פֿאַלאַשאַס: ענגע הויזן, ווײַסע אָדער כאַקי; אַ העמד ביז די קני, און איבער דעם אַ טאָגע (שאַמאַ). קיינער צווישן די פֿאַלאַשאַס אַחוץ דעם כּהן טראָגט ניט קיין טורבאַן, און אין דעם איז ער געגליכן צום עטיאָפּישן פּריסטער; אָבער דער עטיאָפּישער פּריסטער טראָגט חוץ דעם אַ צלם אין האַנט און דער כּהן פֿון די פֿאַלאַשאַס האָט ניט קיין שום אַנדער סימן פֿון כּהונה אַחוץ דעם טורבאַן.

בײַ טייל פֿונקציעס זײַנע העלפֿט דעם כּהן אַרויס דער דיאַקאָן; אויב ער איז ראָוי קען ער מיט דער צײַט אַליין ווערן אַ כּהן. ער פֿירט למשל די תּפֿילות אין איינעם מיטן כּהן; ער שנײַדט דאָס ברויט וואָס מען ברענגט בתּורת געגענונג (זען ווײַטער) אום שבת אָדער אום יום־טובֿ. ער גרייט צו דעם בעל־חי צום קרבן אאַז״וו.

איטלעכע גרעסערע קהילה האָט אַ „גרויסן כּהן“. מען קלײַבט אים אויס לויט די מעלות פֿון זײַן פּערזענלעכקייט און לויט זײַן לומדות. אויב ס'איז פֿאַראַן אַ מאָנאַך אין דאָרף נעמט ער איבער די פֿונקציע פֿון אַ גרויסן כּהן.

די כּהנים און דער גרויסער כּהן האָבן צו טאָן אַ סך פֿאַרשיידענע זאַכן. דער כּהן, און צום אָפֿטסטן דער גרויסער כּהן, פֿירט די טעגלעכע תּפֿילות אין מאַסגיד און די תּפֿילה פֿון פֿאַרגעבונג (בײַם אָפּענעם קבֿר); אין די גע־העריקע טעג מאַכט ער די הזכּרה נאָך אַ טויטן. ער איז אויך מתפּלל פֿאַר די קראַנ־קע, ער בענטשט דאָס קינד נאָכן ברית, די פּרוי וואָס גייט אַרויס פֿון דעם „שטיבל פֿון קללה“, חתן־כּלה נאָך דער חופּה און יעדער איינעם וואָס טוט אָן אַ נײַעם מלבוש.

דער כּהן אַרבעט אויך פֿון היונה וועגן אַזוי ווי אַלע דאָרפֿסמענטשן (מער־ניט וואָס עס שטייט אים ניט אָן צו זײַן אַ שמיד), נאָר פֿאַר טאָן זײַנע רע־ליגיעזע פֿונקציעס באַקומט ער געצאָלט: אָדער אין מזומן געלט, אָדער מיט אַ שטאַנג זאַלץ וואָס איז שווה־כּסף. אויך באַקומט ער די ערשטע מאָס קערנער נאָכן דרעשן, און ער פֿאַרזוכט דער ערשטער פֿון פֿרישן ביר און פֿון ברויט וואָס ווערט געבאַקן באַלד נאָכן גערעטעניש.

דער מאָנאַך שפּילט אויך אַ היפּשע ראָלע אין רעליגיעזן לעבן. ס'איז קיין ספֿק ניט, אַז די מאָנאַכנשאַפֿט איז אויפֿגעקומען אונטער אַ קריסטלעך־עטיאָפּישער השפּעה.[6] לויט דער מסורה בײַ די פֿאַלאַשאַס זײַנען די ערשטע „מאָנאַכן־בערג“ (מאָנאַסטירן) געשאַפֿן געוואָרן בײַ זיי מיט אַ פֿינף הונדערט יאָר צוריק. די מאָנאַכן לעבן אָדער אין אַ מאָנאַסטיר, אָדער אין באַזונדערע שטיבלעך בײַ די ראַנדן פֿון די דערפֿער, אַרומגערינגלטע מיט אַ קליינער שטיי־

[6] דאָס וואָרט פֿאַר מאָנאַך בײַ די פֿאַלאַשאַס, מענאָ׳קסיע, איז פֿונעם זעלביקן גריכישן שורש ווי „מאָנאַך“.

נערנער וואַנט. אויב ניט רעכענען דעם טורבאַן טראָגן ניט די מאָנאַכן קיין שום ספּעציפישע הלבשה.

יעדער איינער וואָס וויל זיך אָפּזאָגן פון עולם־הזה קען ווערן אַ מאָנאַך. רעקרוטירן רעקרוטירן זיך די מאָנאַכן פון צווישן די פריערדיקע באַדינערס ביי אַנדערע מאָנאַכן. אַ מאָנאַך האָט ניט חתונה, ער האָט אַפילו ניט קיין מגע־ומשא מיט אַנדערע פאַלאַשאַס; אַפילו ביי דער אַרבעט האַלט ער זיך ווי ווייט מיגלעך איזאָלירט.

די עבודה

די תפילה איז טייל מאָל אונטערן פרייען הימל, נאָר בדרך כלל אין מאַסגיד. אין דער וואָכן איז דער גרויסער כהן, אָדער אַן אַנדער כהן, דער איינציקער וואָס ריכט אָפּ אַלע תפילות. געוויינטלעך איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַנדערע כהנים אָדער קהל זאָלן אויך מיטזינגען. אָבער ס'איז ניט אָנגענומען. אום שבת און יום־טוב קומט די עדה יאָ אין מאַסגיד אַריין; איז אָדער מען איז מתפלל צוזאַמען מיטן כהן, אָדער מען הערט זיך איין אין זיינע ווערטער. מען איז מתפלל מיטן פּנים צו ירושלים. יעדערער וואָס קומט אַריין אין מאַסגיד דרייט זיך אויס צו מיזרח־זייט און ער שפּרייט זיך אויס מיטן פּנים אויף דער ערד. שבת און יום־טוב טרעפט אַ מאָל, אַז איין כהן אָדער צוויי זאָגן די תפילות און קהל ענטפערט. די עלטערע פרויען אין שול שרייען אַרויס פון צייט צו צייט שאַרפע געשרייען איל־איל און שפּרייטן זיך אויס אויף דער ערד. אין דער צייט פון דער תפילה שטייען סיי די כהנים סיי דער עולם; אָבער אין דעם אָרט ווו די כהנים זיינען מתפלל איז פאַראַן אַ באַנק, מען רופט זי „דאָס רואָרט", און דאָרטן מעגן זיך די כהנים צוזעצן צווישן איין תפילה און דער צווייטער אָדער נאָכן ענדיקן די עבודה.

פאַראַן זעקס פאַרשיידענע תפילות ביי טאָג און פיר ביי נאַכט; איטלעכע האָט איר ספּעציעלן נאָמען לויט די אָנהייבווערטער. די שפּראַך פון די תפילות איז געעז, אַלט־עטיאָפּיש; אין טייל תפילות געפינט מען נאָך אָבער פּסוקים אין קוואַרינייאַ (איינס פון די לשונות אין דער כושיטישער אַגאַו־גרופּע), די אַלטע כושיטישע שפּראַך וואָס די פאַלאַשאַס האָבן פאַר צייטנס גערעדט. אין דער וואָכן איז מען מתפלל אויף אויסנווייניק; שבת און יום־טוב קענען די כהנים ניצן אַ תפילה־בוך, אָבער ס'איז ניט געדרוקט, נאָר געשריבן אויף פאַרמעט. יום־טוב בעת די תפילות פּויקט דער כהן אין אַ פּויק און קלאַפּט אין אַ גאָנג מיט אַ שטיק אייזן; דערביי מאַכט ער ריטמישע באַוועגונגען.

מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז פריער פלעגן די פאַלאַשאַס צודעקן דעם קאָפּ בעת דער תפילה; איצטער טוען דאָס נאָר די כהנים, און אַפילו ביי זיי טרעפט, אַז זיי זאָלן אַראָפּנעמען אין מיטן תפילה דעם טורבאַן. ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן טוען זיי אָן זייערע פילקאָלירקע צערעמאָניעלע מלבושים. איין געלעגנהייט אַזאַ האָב איך צוגעזען ווען די כהנים זיינען געקומען מיך מקבל פּנים זיין. די דיאַקאָנען האָבן דערביי געטראָגן זונשירעמס פאַר די כהנים.

אויך טראָגן זיי שירעמס אין דער צײַט פֿון תּפֿילות אין דרויסן בײַ ספּעציעלע יום־טובֿים, אַ שטייגער בײַם תּענית פֿון תּחנונים (זען ווײַטער).[7]

אַן אַנדער וויכטיקער רעליגיעזער אײַנפֿיר זײַנען די קרבנות. אין דער געגנט ווו איך בין געווען ברענגט מען קרבנות מערניט איין מאָל אַ יאָר, דהײַנו פֿערצן טאָג אין ניסן, ערבֿ פּסח. אויב אָבער ערבֿ פּסח געפֿאַלט אויף שבת זײַנען קיין קרבנות ניטאָ. דער קרבן קען זײַן אַן אָקס אָדער אַ שעפּס אַן ער אָדער אַ באָק. דער קרבן טאָר ניט האָבן קיין שום מום, ווי אין חומש שטייט. דער גרויסער כּהן מאַכט די ברכה איבערן קרבן, און דער פּשוטער כּהן פֿירט אַוועק דעם בעל־חי צום „שטח פֿון קרבנות" און שעכט אים מיט אַ צוויישנײַדיקן מעסער וואָס דינט מערניט פֿאַר דעם. ער טונקט אײַן בלע־טער פֿון צוויי (אַנדערע זאָגן: פֿון פֿיר) פֿאַרשיידענעביימער אין דעם קרבנס בלוט און באַשפּרענגט דערמיט דעם „שטח פֿון קרבנות" און דעם אַרײַנגאַנג צום מאַסגיד. מען ציט אַראָפּ בײַם קרבן די הויט. די הויט, דאָס בלוט, די אינגעווייד און די ביינער פֿאַרברענט מען; די אַש וואַרפֿט מען אַוועק אין אַן אָרט ווו קיינער גייט ניט. נאָך דעם וואַשט מען און מען קאָכט דאָס פֿלייש און מען צעטיילט עס צווישן די כּהנים און דעם עולם. מען מוז אַלץ אויפֿעסן דעם זעלביקן טאָג. פֿרויען נעמען ניט קיין אָנטייל אין ברענגען די קרבנות.

חוץ די קרבנות זײַנען אויך פֿאַראַן „געגנענונגען". אַלע שבת אין דער פֿרי, און אויך אין לבֿנהדיקע אָדער יאָריקע יום־טובֿים (זען ווײַטער), ברענ־גען די פֿרויען ברויט און ביר אין מאַסגיד אַרײַן ווי „געגנענונגען". איידער די פֿרויען נעמען זיך באַקן דאָס דאָזיקע ברויט וואַשן זיי זיך פֿריִער אין גאַנצן אין טײַך.

אַ טייל פֿון דער עבֿודה אין מאַסגיד איז דאָס לייענען די תּורה (אָריט אויף עטיאָפּיש). דער טעקסט איז, פּונקט ווי די תּפֿילות, אויף געעז, און איז אידענטיש מיטן הייליקן טעקסט פֿון די קריסטלעכע עטיאָפּיער. געשריבן איז דאָס אויף פּאַרמעט. אויב ס'איז ניטאָ קיין געניטער סופֿר פֿון צווישן די פֿאַלאַשאַס קען מען דאָס געבן צו שרײַבן אַ ניט־ייִדישן שרײַבער; נאָר יעמאָלט וועלן די כּהנים דאָס איבערקוקן כּדי צו זען, צי האָט מען ניט אַרײַנגעשטעלט אָנצו־הערענישן אויף קריסטוסן און מאַריען. אין איינעם פֿון די מאַסגידן האָב איך אַפֿילו געפֿונען אַ תּנך אויף געעז וואָס איז געווען געדרוקט אין דײַטשלאַנד; צום לייענען אום שבת אָדער יום־טובֿ ניצט מען אָבער נאָר אַ געשריבענעם ספֿר.

קיין סדרות פֿון דער וואָך זײַנען ניטאָ. שבת אָדער יום־טובֿ לייענט דער כּהן עפּעס אַ פּרשה וואָס האָט אַ שײַכות צו דעם ספּעציעלן טאָג. היות די פּשוטע מענטשן פֿאַרשטייען ניט קיין געעז זעצט דאָס אַן אַנדער כּהן איבער אויף אַמהאַריש, די גערעדטע שפּראַך.

בײַ גאָר וויכטיקע געלעגנהייטן שווערט מען בײַ דער תּורה.

די פֿאַלאַשאַס ווייסן ניט פֿון דער גמרא אָדער פֿון וועלכע עס איז אַנ־

[7] אין עטיאָפּישן קריסטלעכן קלויסטער טראָגט מען אויך זונשירעמס בעתן גאָטסדינסט.

דערע נאָכביבלישע ספֿרים אַחוץ עטלעכע אַפּאָקריפֿן. דער יסוד פֿון זייער אמונה איז דער תּנך, און חוץ דעם האַלטן זיי הייליק דעם ספֿר פֿון די יובֿלים. דעם ספֿר חנוך קענען זיי אויך. די אַלע הייליקע שריפֿטן קומען צו די פֿאַלאַשאַס פֿון די עטיאָפּיער. אין אַ געוויסן זינען יאָ ייִדיש איז דער ספֿר וואָס רופֿט זיך די מצוות פֿון שבת. דער שבת קומט דאָ אויס ווי אַ מין הייליק באַשעפֿעניש. קיין איינער פֿון מײַנע אינפֿאָרמאַנטן האָט מיר ניט אָנגערופֿן קיין איין ספֿר, וואָס זײַן נאָמען זאָל ניט געווען זײַן פֿאַרצייכנט דורך פֿריִערדיקע פֿאָרשערס; אָבער מען מוז זאָגן, אַז בײַם הײַנטיקן שטאַנד פֿון דער פֿאָרשונג איז נאָך ניט געקומען די צײַט צו געבן אַן אויסשעפּיקן באַריכט וועגן די רעליגיעזע שריפֿטן פֿון די פֿאַלאַשאַס.

לשון־קודש קענען בלויז די געציילטע פֿאַלאַשאַס וואָס האָבן זיך געלערנט מחוץ אַביסיניע און די וואָס זײַנען געגאַנגען אין דער (איצט שוין פֿאַרמאַכ־טער) פֿאַלאַשאַ־שול אין אַדיס־אַבעבאַ. אין אַמבוואָראַ, דאָס דאָרף ווו איך בין געשטאַנען, איז דער אָרטיקער שוללערער געקומען מיך באַגריסן מיט זײַנע תּלמידים, קינדער פֿון פֿינף ביז דרײַצן יאָר, און זיי האָבן פֿון אַ סידור געלייענט פֿאַר מיר לשון־קודש, דערנאָך האָבן זיי געזונגען „התקווה". ווער עס קען נישט קיין אַמהאַריש, אויף דעם מוז זייער אויסשפּראַך פֿון די העברעיִשע קאָנ־סאָנאַנטן מאַכן אַ מאָדנעם אײַנדרוק. עטלעכע לשון־קודשע ווערטער זײַנען פֿון דעסט וועגן באַקאַנט יעדער פֿאַלאַשאַ. זיי באַגעגענען זיך אָדער אין די תּפֿילות אָדער אין תּנך, אַ שטייגער אדוני, גדול, צבאות, אל שדי, אלהי, תורה, גוים און די נעמען פֿון די חדשים, ניסן, אָב, תמוז (אַרויסגערעדט: טאַמאָס).[8]

פֿריִער האָבן די פֿאַלאַשאַס גערעדט אַן אַנדער שפּראַך, אַ כּושיטישע, אַגאַו, און מען ניצט זי נאָך אַלץ אין אַ סך תּפֿילות און ברכות. די כּהנים ריידן ס'רובֿ אַרויס די ווערטער ניט פֿאַרשטייענדיק זיי. טייל יום־טובֿים און תּעניתים האָבן נאָך אַלץ די אַלטע אַגאַו־נעמען. אין געגנט פֿון אוזאַבאַ האָב איך געטראָפֿן אַן אַלטן כּהן וואָס האָט געשטאַמט פֿונעם דיסטריקט פֿון סעמיען; ער האָט נאָך אַלץ גערעדט אַגאַו.

יום־טובֿים און תּעניתים

די פֿאַלאַשאַס האָבן אַ צווייִקן לוח: אַ זונעניאָר און אַ לבֿנה־יאָר. דאָס זונענ־יאָר, פּונקט ווי בײַ די עטיאָפּיער, האָט 365 טעג, צעטיילט אויף צוועלף חדשים צו דרײַסיק טעג יעדערער און דערצו פֿינף אָדער זעקס צוגאָבטעג. די יום־טובֿים רעכנט מען אויס, אַחוץ איינעם, לויטן לבֿנה־יאָר: צוועלף חדשים, איינער איבער איינעם, צו דרײַסיק און נײַן און צוואַנציק טעג; יעדער פֿערטער יאָר האָט דרײַצן חדשים.

דער פֿאַלאַשאַ־לוח פֿון יום־טובֿים זעט אויס אַזוי:

לבֿנה־פֿײַערונגען. דעם 1טן טאָג אין חודש — יום־טובֿ פֿון דער לבֿנה; דעם

---

[8] דער גרעסטער טייל פֿון די ווערטער, אויב ניט אַלע, זײַנען פֿאַראַן אין דעם אַלטן טעסטאַמענט אויף געעז, וואָס עס ניצן די קריסטן־עטיאָפּיער אויך.

10טן — יום־טובֿ פֿון צענטן; דעם 12טן — יום־טובֿ פֿון צוועלפֿטן; דעם 15טן — יום־טובֿ פֿון פֿופֿצנטן; דעם 29סטן — תּענית פֿון מאַלייאַ.

חודשדיקע פֿײַערונגג. יום־טובֿ אַרפֿע אַסאַרט.

יאָריקע פֿײַערונגען. אין 1טן חודש: דעם 14טן טאָג אין חודש — תּענית־פּסח; פֿון 15טן ביזן 21סטן — פּסח. אין 3טן חודש: דעם 12טן טאָג אין חודש — יום־טובֿ פֿון שניט. אין 4טן חודש: פֿון 1טן ביזן 10טן טאָג אין חודש — תּענית תּמוז. אין 5טן חודש: פֿון 1טן ביזן 17טן טאָג אין חודש — תּענית אָבֿ; דעם דריטן שבת — שבת שבתון. אין 6טן חודש: דעם 10טן טאָג אין חודש — תּענית „אונדזער יום־כּיפּור"; דעם 18טן — יום־טובֿ פֿונעם אַכצנטן. אין 7טן חודש: דעם 1טן טאָג אין חודש — יום־טובֿ פֿון „דאָס ליכט האָט זיך באַוויזן" אָדער „אַבֿרהמס געדעכעניש". דעם 10טן — יום־כּיפּור; פֿון 15טן ביזן 22סטן — סוכּות. אין 8טן חודש: דעם 29סטן טאָג אין חודש — דער טאָג פֿון תּחנונים. אין 9טן חודש: דעם 12טן טאָג אין חודש — תּענית פֿון שניט; דעם 13טן און 14טן טאָג — תּענית אסתּר. אין 11טן חודש: פֿון 11טן ביזן 13טן טאָג אין חודש — תּענית אסתּר.

איצטער אַ פּאָר אויפֿקלערונגען.

בײַם יום־טובֿ פֿון דער לבֿנה זײַנען די כּהנים די איינציקע וואָס זאָגן די תּפֿילות.

דער חודשדיקער יום־טובֿ פֿון צענטן איז לזכּרון פֿון יום־כּיפּור וואָס ווערט אָפּגעריכט דעם 10טן טאָג אין 7טן חודש. דער יום־טובֿ פֿון צוועלפֿטן איז לזכּרון דעם יום־טובֿ פֿון שניט, וואָס ווערט אָפּגעריכט דעם 12טן טאָג אין 3טן חודש. דער יום־טובֿ פֿון פֿופֿצנטן איז לזכּרון פֿון פּסח, וואָס ער ווערט אָפּגעריכט דעם 15טן טאָג אין 1טן חודש, און פֿון סוכּות וואָס ווערט אָפּגעריכט דעם 15טן אין 7טן חודש.

דאָס זײַנען אַלץ לבֿנה־יום־טובֿים. אַחוץ ספּעציעלע תּפֿילות ווערן קיין אַנדערע צערעמאָניעס ניט דורכגעפֿירט. די יום־טובֿים לזכּרון זײַנען אַ ראָיה, ווי שטאַרק די פֿאַלאַשאַס היטן אָפּ זייערע עיקרדיקע יום־טובֿים: מען דער־מאָנט כּסדר כּדי חלילה ניט צו פֿאַרגעסן.

וועגן דער פֿײַערונג פֿון אַרפֿע אַסאַרט האָב איך זיך ניט געקענט דער־פֿרעגן קיין פּרטים. דאָס ערשטע וואָרט איז מסתּמא פֿון כּושיטישן אָפּשטאַם; דאָס צווייטע באַטײַט 'צען'.

פּסח (פֿאַסיקאַ) געדויערט זיבן טעג. דער ערשטער און דער לעצטער טאָג רופֿן זיך הייליקע; קיין שום אַרבעט טאָר מען אין די טעג ניט טאָן. חול־המועד האָט ניט קיין באַזונדער נאָמען. אַרבעטן אַרבעט מען אויך ניט, נאָר מען מעג גיין אָדער פֿאָרן צו גאַסט פֿון איין דאָרף אין צווייטן. ערבֿ פּסח ברענגט מען אַ קרבן. אַלע טעג פּסח זאָגט מען ספּעציעלע תּפֿילות, דערבײַ פּויקט מען אין פּויק און מען קלאַפּט אין גאָנג. מען עסט ניט און טרינקט ניט קיין זאַך וואָס איז געזײַערט אָדער וואָס איז געשטאַנען איבער נאַכט. פֿאַראַן אַ ספּעציעל פּסח־ברויט (קיטאַ) וואָס איז אַנדערש ווי דאָס ברויט פֿון אַ גאַנץ יאָר. טרינקען טרינקט מען אָדער קאַווע אָדער אַן אַנדער געטראַנק — מען רופֿט עס טשילקאַ — פֿון

וואַסער געמישט מיט פֿלאַקס אָדער אַנדערע זוימען. מילך טרינקט מען פּסח בלויז באַלד נאָכן מעלקן; ווי נאָר זי ווערט שמאַנטיק רעכנט זיך דאָס פֿאַר געיוירן און מען קען עס מער ניט ניצן; גיט מען דאָס אַוועק די בהמות אָדער מען גיסט עס אויס. מוצאי פּסח ברענגט מען דאָס ערשטע ביר און דאָס ערשטע ברויט אין מאַסגיד אַרײַן און מען גיט עס די כּהנים ווי אַ געזעגענונג.

דער יום־טובֿ פֿון שניט, 12 טעג אין 3טן חודש, הייבט זיך אָן מיט אַן אָוונט פֿריִער. אין דעם יום־טובֿ ברענגט יעדערער אין מאַסגיד אַרײַן אַ מאָס תּבֿואה אָדער געבאַקן ברויט, און דער כּהן בענטשט עס. דער עולם עסט צוזאַמען מיט די כּהנים אין מאַסגיד און מען פֿאַרבעט זיך איינס דאָס אַנדערע אויפֿן מאָלצײַט.

אין דעם טאָג פֿון שבת שבתון (בײַ זיי הייסט עס יאַסאַנבאַט סאַנבאַט אָדער זאַבאַראַבו סאַנבאַט) זאָגט מען באַזונדערע תּפֿילות, אַ שטייגער „משהס תּפֿילה", שטיקער פֿון שמות, תּהילים קאַפּיטל קי"ט און דאָס בוך „תּלמידים", אַ מאַגישער טעקסט.

דער יום־טובֿ פֿון אַכצנטן (אין 6טן חודש) איז מזכּיר צו זײַן די פּטירה פֿון די דרײַ אָבֿות: דעם טאָג לייענט מען „דאָס לעבן פֿון אַבֿרהמען, יצחקן און יעקבֿן".

דער יום־טובֿ פֿון „דאָס ליכט האָט זיך באַוויזן" אָדער „אַבֿרהמס געדע־כעניש" (טאַזקאַראַ אַבראַהאַם) איז דער טאָג פֿון דער עקדה, און מען לייענט ווידער „דאָס לעבן פֿון אַבֿרהמען, יצחקן און יעקבֿן". אַמאָליקע צײַטן פֿלעגט מען בלאָזן שופֿר, נאָר הײַנט ניט. ס'איז דער אָנהייב פֿון יאָר, אַן אַנאַלאָגיע צו ראָש־השנה.

סוכּות איז אַ זכר פֿון זיצן אין סוכּות נאָכן אַרויסגיין פֿון מצרים. אין אַ סוכּה זיצט מען אָבער ניט, וואָרעם די פֿאַלאַשאַס האַלטן, אַז די שטיבלעך, אין וועלכע זיי וווינען, זײַנען אין דער בחינה פֿון סוכּות. זיי נעמען בלעטער פֿון פֿאַרשיידענע ביימער (פּאַלמעס, אַ מין טרויער־ווערבעס און ענלעכע) און שפּרייטן זיי אויס אויף דער ערד אין די הײַזער און אין מאַסגיד. אין משך פֿון גאַנצן יום־טובֿ אַרבעט מען ניט, און דער ערשטער און דער לעצטער טאָג הייסן הייליקע, פּונקט ווי פּסח. דעם לעצטן טאָג טראָגן די כּהנים אָדער די דיאַקאָנען די תּורה, און דער עולם טאַנצט אין מאַסגיד.

צום ערלעכסטן היט מען אָפּ שבת. פֿאַראַן אַ ספּעציעלער ספֿר: די מצוות פֿון שבת. דער שבת איז אַזוי ווי אַ לעבעדיק הייליק באַשעפֿעניש וואָס טראָגט פֿאַרשיידענע נעמען: לײַכטנדיקער, באַלעבנדיקער, דערפֿרייענדיקער, געליבטער, היטנדיקער. דער שבת נעמט זיך כּסדר אָן בײַ גאָט אי פֿאַר צדיקים אי פֿאַר רשעים. אין זײַן ריידן מיט גאָט דערמאָנט ער אָפּט אין דעם ברית צווישן זיי ביידן, און ער בעט גאָט מוחל זײַן די רשעים אויב נאָר זיי האַלטן ערלעך דעם שבת.

גרייטן דעם שבת הייבן די פֿרויען אָן פֿרײַטאָג פֿאַר נאַכט. זיי וואַשן זייערע מלבושים און זיך אַליין אין טײַך, און ערשט נאָך דעם מעגן זיי צוגרייטן דאָס ביר, מאָלן די תּבֿואה און באַקן דאָס ברויט. די מאַנסבילן אַרבעטן אויך

פֿרײַטאָג נאָך ביז האַלבן טאָג, און דערנאָך וואַשן זיי זייער קערפּער און די מלבושים. מיטן זונפֿאַרגאַנג פֿאַרלעשט מען פֿײַער אין די הײַזער. די פֿולע פֿינצטערקייט אין דאָרף פֿרײַטאָג צו נאַכט האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם.

די ערד אין מאַסגיד איז פֿאַרשפּרייט מיט גראָזן און בלעטער, און די כּהנים מיטן עולם קלײַבן זיך אויף כּדי תּפֿילה צו טאָן. שבת הערט מען ניט קיין פּויק און קיין גאַנג. אין דער פֿרי ברענגט מען די כּהנים פֿאַר אַ געזעגענונג ברויט און ביר; זיי בענטשן דאָס, זיי עסן דאָס, און ערשט נאָך דעם מעג דער עולם נעמען עסן.

שבת איז ניטאָ קיין שום אַרבעט: ניט שעפּן וואַסער, ניט צינדן פֿײַער, ניט קאָכן קאַווע. מען עסט קאַלטס. סעקסועלע באַציִונגען זײַנען פֿאַרווערט פֿרײַטאָג צו נאַכט. שבת איז מען ניט מל קינדער, מען ברענגט ניט צו קבֿורה און מען פֿאַסט ניט, סײַדן יום־כּיפּור (זען ווײַטער). שבת גייט מען ניט אַרויס צו גאַסט אין אַנדערע דערפֿער, און די אָנגענומענע באַגריסונג איז: סאַנבאַט סאַלאַם, סאַנבאַט סאַלאַם (פֿאַרגלײַך: שבת שלום, שבת שלום).

אין אַ תּענית עסט מען גאָרניט ביז נאָך זונפֿאַרגאַנג. אַרבעטן מעג מען, אַחוץ אין די גרויסע תּעניתים. פֿאַר די תּעניתים זײַנען פֿאַראַן ספּעציעלע תּפֿילות.

וואָך אײַן וואָך אויס ריכטן אָפּ די כּהנים און עלטערע מענטשן דעם „תּענית פֿון דאָנערשטאָג". דאָס דאַרף דערמאָנען אין עזראס רייד צו די ייִדן אין גלות.

נײַן און צוואַנציק טעג אין יעדער חודש איז אויך אַ תּענית; ער רופֿט זיך „תּענית מאַלייאַ" און ער דערמאָנט, זאָגט מען, אינעם מולד. מאַלייאַ איז אַ כּושיטיש וואָרט וואָס באַטײַט: „מיטל וואָס דינט אָפּצוהיטן".

איצטער קומען די יאָריקע תּעניתים.

דער תּענית פּסח (עטיאָפּיש: סאָמאַ פֿאַסיקאַ) איז ערבֿ פּסח. דער תּענית תּמוז (סאָמאַ טאָמאָס) ווערט אָפּגעהיט בלויז פֿון כּהנים און עלטערע מענטשן. דער טעם פֿון דעם תּענית איז ניט באַוווּסט. דער תּענית אָבֿ איז אַ זכר פֿון חורבן בית־המיקדש. די כּהנים גייען אַרויף אויף אַ בערגל לעבן מאַסגיד, און דאָרטן טוען זיי תּפֿילה און שפּרייטן זיך אויס אויף דער ערד. דער טאָג פֿון „אונדזער יום־כּיפּור" (אַנאַקעל אַסטאַרי [9] אָדער אַנאַקעל אַסטאַראַיאַ) דאַרף דער־מאָנען אין יום־כּיפּור ממש, וואָס ווערט אָפּגעריכט מיט אַ חודש שפּעטער.

יום־כּיפּור (אַסטאַסריאָ [10]) — דער וויכטיקסטער תּענית — אַפֿילו אויב ער געפֿאַלט אויף אַ שבת ווערט ער אָפּגעהיט. מען הייבט אָן פֿאַסטן מיט אַן אָוונט פֿריִער. די כּהנים בענטשן דעם עולם און בעטן, מען זאָל אַלעמען מוחל זײַן

---

[9] דאָס ערשטע וואָרט איז כּושיטיש און באַטײַט ׳אונדזער׳; דאָס צווייטע איז אַמהאַריש און באַטײַט ׳פֿאַרגעבונג׳.

[10] דער טײַטש איז: ׳פֿאַרגעבונג׳; מען רופֿט אויך דעם טאָג: אַסטאַראַיאַ, אַסטאַריאַ, אַס־טאַרי.

די זינד. מענטשן קושן זיך און זאָגן איינס צום אַנדערן: „זײַ מיר מוחל, זײַ מיר מוחל". די גאַנצע נאַכט און דעם גאַנצן טאָג האַלט מען אין איין תּפֿילה טאָן. פֿאַרן ענדיקן די תּפֿילות מאַכט מען עמען, אַ מין יזכּור (דאָס וואָרט איז פֿון כּושיטישן אָפּשטאַם און באַטײַט דוכט זיך ‚דערמאָנונג'): אויף מזכּיר צו זײַן די טויטע שיט מען אויס אַ זשמעניע הירזש אויף די שטיינער און מען לאָזט דאָס איבער פֿאַר די פֿייגל. נאָכן ענדיקן די תּפֿילות ברענגט מען דאָס עסנ־וואַרג אין מאַסגיד אַרײַן, די כּהנים בענטשן דאָס און מען זעצט זיך עסן. אַמאָ־ליקע יאָרן פֿלעגט מען מוצאי יום־כּיפּור בלאָזן שופֿר, אָבער הײַנט ניט.

אויפֿן תּענית פֿון תּחנונים האָב איך ניט געקענט געוואָר ווערן קיין שום טעם. יענעם טאָג טראָגן מאַנסבילן, פֿרויען און קינדער אַרויס פֿון דאָרף שטיי־נער אויף די פּלייצעס. מען קומט צו צו אַ בערגל; דאָרטן לייגט מען אויס די שטיינער אין אַ ראָד אַרום די כּהנים, און דער גאַנצער עולם ריכט אָפּ תּפֿילות. דאָס טראָגן שטיינער דאַרף מען מסתּמא אויסטײַטשן ווי אַן אַקט פֿון מכניע זײַן זיך צו גאָט. דעם גאַנצן טאָג זאָגט מען תּפֿילות און מען לייענט ספּעציעלע טעקסטן: די מצוות פֿון שבת, עזרא, עטלעכע נבֿיאים און אַזוי ווײַטער. דרײַ מאָל אין משך פֿון טאָג, דהײַנו 9, 12 און 3 אַ זייגער, מאַכט מען דעם עמען וואָס איז אָקערשט דערמאָנט געוואָרן אין שײַכות מיט יום־כּיפּור. פּונקט ווי אין אַלע וויכטיקע יום־טובֿים און תּעניתים ברענגט מען דאָ אויך דאָס ברויט און ביר אין מאַסגיד אַרײַן, די כּהנים זאָלן דאָס בענטשן.

ווי מיר האָבן געזען פֿון לוח, פּראַוועט מען תּענית אסתּר אַזש צוויי מאָל: אין 9טן חודש און אין 11טן. דער אמתער תּענית איז אין 11טן חודש, פֿון 11טן ביזן 13טן טאָג; דער טעם דערויף איז דער וואָס ווערט געגעבן אין דער מגילה. מען זאָגט תּפֿילות און מען טיילט אויס מתּנות צו אָרעמע־לײַט. בײַ די פֿאַלאַשאַס קומט אויס, אַז דער 11טער חודש שטימט מיטן יִדישן חודש אָדר, הגם אין דער אמתן איז דאָך גאָר אָדר דער צוועלפֿטער חודש. לויטן קלאַנג איז דער נאָמען אָדר געגליכן צום עטיאָפּישן חודש העדאַר, וואָס דאָס איז דער דריטער חודש אין יאָר, נאָר בײַ די פֿאַלאַשאַס איז משמעות אויסגעקומען, אַז דאָס איז דער 9טער חודש — האָבן זיי אין 9טן חודש אַרײַנגעטראָגן צוויי טעג תּענית אסתּר, דעם 13טן און דעם 14טן. אָבער ס'ווײַזט אויס, אַז דער תּענית אסתּר אין 9טן חודש איז אַן אויסגעוואָרענער מינהג, הײַנט היט מען אים שוין ניט אָפּ.

די אַלע יום־טובֿים, תּעניתים און מיצוות זאָגן עדות, ווי שטאַרק אַרײַנ־געטאָן דער פֿאַלאַשאַ איז אין זײַן אמונה. גאָט איז פֿאַר אים „דער גאָט פֿון ישׂראל, דער אינו נראה, דער באַשעפֿער פֿון הימל און ערד". דער פֿאַלאַשאַ גלייבט אין גן־עדן און גיהנום, אין מלאָכים, אין תּחית־המתים און אין דעם גרויסן יום־הדין. אויך גלייבט ער אין משיחן. משיחס נאָמען איז טעאָדאָר („גאָטס מתּנה") און ער שטאַמט אָפּ פֿון דוד המלך. איידער ער וועט קומען וועלן אַלע מלכותן זיך שלאָגן איינס מיטן צווייטן, און דערנאָך וועט קומען משיח און וועט געוועלטיקן פֿערציק יאָר אין ירושלים און פֿערציק יאָר אין עטיאָפּיע.

פּרץ אין העברעיִש

הוספות און מילואים צו דער פּרץ־ביבליאָגראַפיע *

פון אַ. ר. מלאכי

ו. ליטעראַטור וועגן פּרצן:

אובסי, א., „טפוסי הנשים בספורי י. ל. פּרץ”, התורן, יאָרג׳ 7, נומ׳ 30 (ג חשון, תּרפ״א).

אוירבוך, צ. [אַלכּסנדר כאַשין], „י. ל. פּרץ (רשימה חטופה)”, התורן, ב׳ 3, העפט 3־4 (ניסן־אייר, תּרע״ה), זז׳ 89—91.

אורכוב, ד״ר ש., „יצחק ליבוש פּרץ (למלאות עשרים שנה למותו)”, העולם, יאָרג׳ 23 (כ״ט ניסן, תּרצ״ה).

אחד הקוראים, „משלחן הקריאה”, המגיד לישראל, יאָרג׳ 8, נומ׳ 5 (כ״ט שבט, תּרנ״ח).

[אין אַ רעצענזיע אויף די ספרי שעשועים ווערט וועגן פּרצעס סקיצע „גם זה חלום” געזאָגט: „דעם דאָזיקן לייט־אַרטיקל האָט געשריבן דער ליטעראַרישער ריז, דער יחיד במינו י. ל. פּרץ אין וואַרשע. עס איז מיר אוממיגלעך איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן פּאָעטישן בילד צוליב אַ פּשוטן טעם, ווײַל איך קען ניט איבערשרײַבן דאָ זײַנע אַלע רייד פון אָנהייב ביזן סוף. אָבער דאָס קאָן איך יאָ זאָגן, אַז איך האָב דעם ׳גם זה חלום׳ געלייענט איין מאָל און אים ניט פאַרשטאַנען. אַ צווייטן מאָל — און ניט געוווּסט וואָס דער שרײַבער וויל. האָב איך אָבער געלייענט אַ דריטן מאָל און באַגריפן, — כ׳האָב באַגריפן, אַז ער איז חעכער פון יעדן לויב; איך האָב באַגריפן, אַז אין אונדזער גאַנצער יונגער ליטעראַטור זײַנען ניטאָ צען בילדער ווי דאָס בילד ׳גם זה חלום׳”. איך האָב באַגריפן... אָבער וואָס זאָל איך צו פיל רעדן? איך וויל האָפן, אַז נאָך דעם ווי מען וועט די סקיצע לייענען פאַמעלעך וועט זי מאַכן אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויף יעדן פאַרשטענדיקן לייענער פונקט ווי זי האָט געמאַכט אויף מיר. און איך וויל האָפן, אַז אויב די ביכלעך וועלן זיך געהעריק פאַרשפּרייטן וועט דאָס בילד מאַכן אַ שטאַרקן אײַנדרוק אין אונדזער גאַנצער ליטעראַטור.]

אַלף [אליעזר שטיינמאַן], „העברי החדש”, נתיבות (תּרע״ג), זז׳ 320—321.

[אין אַ רעצענזיע אויף דעם זאַמלבוך, אויך וועגן פּרצעס דראַמע „סחופי זרם” און „מפי העם” וואָס איז דאָרט געדרוקט.]

אמרי [פײַגנבערג], רחל, „מה שהיה (מרשימת מסעותי על פני ערי פולין ועיירותיה בשנת 1928). 1. בעיר מולדתו של י. ל. פּרץ”, העולם, יאָרג׳ 33, נומ׳ 12 (כ״ח כסלו, תּש״ה).

[וואָס די שרײַבערין האָט געהערט וועגן פּרצן פון זאַמאָשטשער תּושבים.]

אָסמאַן, ישׂראל, „רשימות ספרותיות”, היום (ניו־יאָרק), יאָרג׳ 1, נומ׳ 5 (ג. מנחם אָבֿ, תּרס״ט).

[אַ רעצענזיע אויף פּרצעס פאָלקסטימלעכע געשיכטן.]

אסתּרזאָן, א. נ. [אורי־ניסן גנסין], „שברי לוחות”, המגיד, יאָרג׳ 10, נומ׳ 12 (א ניסן, תּרס״א).

---

* סוף פון אַרטיקל אין ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XXVIII, 1, זז׳ 157—164.

[אין אַ רעצענזיע אויף דעם לוח אחיאסף, תרס״א, שטעלט ער זיך אויך אָפּ אויף פּרצעס סקיצע „עסקי קהל״ וואָס איז דאָרט געדרוקט.]

באַדער, גרשום, „באזני אשה (מכתב ספרותי)״, זר פרחים, העפֿט 1 (תרנ״ו).

[אַטאַקירט דוד פֿרישמאַנען פֿאַר זײַן בייזער קריטיק אויף פּרצעס העוגב.]

ברש, אָשר, „י. ל. פרץ״ [רעפֿעראַט], הפועל הצעיר, יאָרג׳ 8, נומ׳ 16 (כ סיון, תרע״ה).

ביסקאָ, אַ. ל., „אגרות בקורת״, המגיד, יאָרג׳ 10, נומ׳ 27־28, 36 (ג אָבֿ, תרס״א; כ״ז תשרי, תרס״ב).

[אַ קריטיק אויף פּרצעס העברעיִשע שריפֿטן וואָס דער פֿאַרלאַג „תושיה״ האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן.]

בן־אביגדור, „מספר זכרונותי״, הצפירה [יאָרג׳ 43?], נומ׳ 2, 3, 4, 8, 10 (י״ד, כ״א אָדר; כ״ז ניסן; י״א אייר, תרע״ז).

[וועגן באַגעגענישן מיט פּרצן אין וואַרשע.]

בן־אליעזר, מ., „פרץ, יצחק ליבוש״, אנציקלופדיה לספרות ישראלית וכללית, ב׳ 4 (1943), זז׳ 1522—1531.

בן־דוד, י. ל., „שיחה בעולם הספרות״, הצפירה, יאָרג׳ 20, נומ׳ 228 (כ״ב מרחשון, תרנ״ד).

[אין אַ קריטיק אויף דעם ערשטן באַנד לוח אחיאסף זײַנען דאָ עטלעכע פּאַראַגראַפֿן וועגן פּרצעס סקיצע „במעון קיץ״ וואָס איז אין דעם זאַמלבוך געדרוקט. צווישן אַנדערן ווערט געזאָגט: „אַ קליינע פּערל, אָבער ווי טײַער זי איז.״]

[בן־יהודה, אליעזר,] „בת קול ממה״ע״, האור, יאָרג׳ 7, נומ׳ 7 (כ״ג כסלו, אלף ותתכ״ב לחורבן [תרנ״א]).

[ברענגט אַ ציטאַט פֿון פּרצעס פֿעליעטאָן „אבן ואבן איפה ואיפה״ וואָס איז געווען גע־דרוקט אין הצפירה מיט אַ הקדמה: „דער מחבר פֿון דעם מאמר, הער י. ל. פּרץ, ברענגט אַ סך בײַשפּילן פֿון לעבן, וואָס פֿון זיי זעען מיר, אַז יעדער מענטש האָט אַן אַנדער וואָג און מאָס פֿאַר זיך. מיר וועלן ברענגען איין בײַשפּיל וואָס איז ענלעך צו די פּאַסירונגען אין אונדזער שטאָט״ (ירושלים).]

בן־פלא, מ., „ציונים לסופרים״ (רשימות קצרות לימי־זכרון. ג. י. ל. פרץ ליום זכרונו הי״ח: ביום י״ט ניסן)״, בדרך, יאָרג׳ 2, נומ׳ 15 (כ״ד ניסן, תרצ״ג).

בן־ציון, ש., „ואלי אילן (על קברו של י. ל. פרץ)״, הפועל הצעיר, יאָרג׳ 8, נומ׳ 16 (כ סיון, תרע״ה).

בן־שמאי, מאיר הלל, „בנתיב הרננה והגזרה (מסה ביצירת י. ל. פרץ)״, דברי סופרים, מאסף סופרי ארץ־ישראל (תש״ב), זז׳ 350—363.

בעל מקרא, „בספרותנו העתית״, הזמן, יאָרג׳ 1, נומ׳ 17 (כ אָדר, תרס״ג).

[וועגן ברײַנינס „מכתב גלוי אל המשורר י. ל. פרץ״ און פּרצעס פֿעליעטאָנען אין הצופה.]

ברדיטשבסקי, מיכה יוסף, „חסידות״, כתבי, בשדה ספר, חלק שלישי (תרפ״א).

[קאַפּיטל ה, זז׳ מ״ה—מ״ז, אַ נעגאַטיווע קריטיק אויף פּרצעס בוך חסידות (10טער באַנד פֿון זײַנע העברעיִשע שריפֿטן). דער אַרטיקל איז פֿריִער געווען געדרוקט אין התקופה, ב׳ 19.]

ברקוביץ, י. ד., הראשונים כבני אדם, ב׳ 1 (תרצ״ח).

[זכרונות און דערציילונגען וועגן שלום־עליכמען און זײַנע בני־דור. צוויי קאַפּיטלען (4, 5) וועגן די באַציִונגען צווישן פּרצן און שלום־עליכמען.]

ברא, א., „החיים והספרות״, המליץ, יאָרג׳ 41, נומ׳ 6 (א שבֿט, תרס״א).

[אין אַ קריטיק אויף דעם לוח אחיאסף, תרס״א, געפֿינט זיך אַ פּאַראַגראַף וועגן פּרצעס „עסקי קהל״.]

ברענער, י. ח., „מתוך הפנקס״, הד הזמן, יאָרג׳ 2, נומ׳ 46 (15 מאַרץ 1908).

[אין דעם פֿעליעטאָן איז פֿאַראַן אַ פּאַראַגראַף וועגן פּרצן.]

ב[רענער], י. ח., „רשמי קורא (א)״, הפועל הצעיר, יאָרג׳ 5, נומ׳ 21 (אָבֿ, תרע״ב).

[וועגן פּרצעס פֿאָלקס־מעשׂיות, ליד און דראַמע „סחופי זרם״ וואָס זײַנען געדרוקט אין העברי החדש.]

Gamma [מ. בן־אליעזר], „מעל שלחן הסופרים", III, הד הזמן, יאָרג' 3, נומ' 231 (כ"א מרחשון, תר"ע).

[רעצענזיע אויף פּרצעס פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן.]

Gamma [מ. בן־אליעזר], „שיחות קטנות, I. לשיטתו...", הזמן, יאָרג' 2, נומ' 100 (ט"ו סיון, תרע"ב).

[וועגן פּרצעס מיטאַרבעטערשאַפֿט אין הײַנט.]

גאָלדין, א. א., „י. ל. פּרץ בקיוב", הד הזמן, יאָרג' 4, נומ' 100 (ח אייר, תר"ע).

[קאָרעספּאָנדענץ וועגן פּרצעס באַזוך אין קיִעוו אויף דעם אָוונט וואָס איז לכּבֿוד אים אײַנגעאָרדנט געוואָרן. פּרץ האָט דאָרט גערעדט אין העברעיִש.]

גאָלדין, עזרא, „שיחת חולין של תלמידי חכמים", כנסת הגדולה, ב' 3 (תרנ"א).

[אין אַ קריטיק אויף שלום־עליכמס פֿאָלקס־ביבליאָטעק זאָגט ער (ז' 206) וועגן „מאָניש": „איבער יעדן לויב איז די דאָזיקע באַלאַדע, עס איז קיין גלײַכן ניטאָ צו איר צווישן אַלע לידער וואָס זײַנען ביז איצט געשריבן אין ייִדיש. זי באַזיצט פּראַכט און שיינקייט, אַ לײַכט־שוועבנדיקע פֿאַנטאַזיע, אַ שטאַרקע שפּראַך, וווּנדערלעכע בילדער אאַז"וו. די פֿאָלקס־ביבליאָטעק מעג מיט רעכט שטאָלצירן מיט אַזאַ ליד".]

גאָרעליק, ש., „י. ל. פּרץ", מסות (תל־אָבֿיבֿ תרצ"ג), זז' 176—178.

גרינבוים, יצחק, „כתבי עתנו", השלח, ב' 14, העפֿט 7 (תמוז, תרס"ה), זז' 90—92.

[אַ קריטיק אויף פּרצעס יודישע ביבליאָטעק.]

גרינבוים, י., „י. ל. פּרץ (קטעים מזכרונותי)", קול העם, נומ' 1 (1916), זז' 14—19.

גרינבלאַט, נתן, „פּרץ־פּרישמאַן", מאזנים, ב' 11, העפֿט 3־4 (תמוז־אָבֿ, ת"ש), זז' 310־311.

Deba [דוד באַגאַן], „בספרות העתית", הדור, יאָרג' 2, נומ' 23 (ז אָבֿ, תרס"ד).

[וועגן פּרצעס פֿעליעטאָנען אין הצופה, וועגן דער באַנײַונג פֿון הדור.]

דזובאַס, אַבֿרהם יצחק, זכרונות מנעורי ועד הנה (לאָנדאָן, תש"ד).

[דער מחבר, אַן אַלטמאָדישער משׂכּיל און מחבר פֿון ספֿרי־דרוש, דערציילט (אויף ז' 11), אַז אין זײַן יוגנט איז ער, אויף דער עצה פֿון אַ וואַרשעווער משׂכּיל, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז פּרץ איז שטאַרק מקרבֿ יונגע אָנפֿאַנגערס, געגאַנגען צו אים ווײַזן זײַנע העברעיִשע שירים, אָבער ווײַל ער האָט געטראָגן אַ היטל און געהאַט לאַנגע פּאות האָט פּרץ אים זייער בייז אויפֿגענומען, מיט כּעס אַ שלײַדער געטאָן די שירים און אויסגעשריִען: „דײַנע לידער טויגן צו גאָרניט, זיי זײַנען ווילדע טרויבן", און איז אַרויס פֿון צימער, איבערלאָזנדיק אים אַלייִן. „אַ פֿאַרשעמטער בין איך פֿון אים אַוועק און געזאָגט צו זיך: אויב אַ גרויסער דיכטער ווי [פּרץ] באַזיצט ניט קיין מענטשלעכקייט און אַנטלויפֿט פֿון לאַנגע פּאות ווי דער ס"ם פֿון ווײַרעך, וויל איך מיט אַזעלכע דיכטערס ניט האָבן צו טאָן, און אַנשטאָט צו זײַן אַ שוטה אין גראַמען וועל איך בעסער שרײַבן חידושי תורה. נאָך דעם האָב איך באַקומען צו לייענען זײַן אַרטיקל, אין וועלכן ער לאַכט אָפּ פֿון דעם שטרײַמל און דעם רבֿ פֿון זײַן שטאָט, האָב איך אים שוין דערקענט לויט זײַנע מעשׂים".]

הורוויץ, ש"י, „אלינו כותבים", הדור, יאָרג' 2, נומ' 29 (י"ט אלול, תרס"ד).

[אין אַ פּאָלעמיק מיט מ"ג (משה גלאָמבאָצקי־בן־אליעזר), וועגן זײַן אַרטיקל „לשאלת קיום היהדות", שרײַבט ער אויך וועגן פּרצעס שטעלונג צו דעם דאָזיקן אַרטיקל אין הצופה.]

ה—ל ז—ך [האַנדעלזאַץ?], י. א., „מי שאחזו קורדיקוס", המליץ, יאָרג' 41, נומ' 111 (ב סיון, תרס"ג).

[וועגן פּרצעס אומפֿאַרשטענדלעכע אַרטיקלען אין הצופה און ברײַנינס „מכתב גלוי" צו פּרצן וועגן דעם.]

הלוי [לעווין], ד"ר שמריהו, „על קברו של פּרץ", התורן, ב' 3, העפֿט 3־4 (ניסן־אייר, תרע"ה), זז' 107—109.

המבקר [ש. ל. ציטראָן?], „מן הספרות העתית" (די יודישע וועלט, יאַנואַר 1913), הזמן, יאָרג' 3, נומ' 39 (כ אָדר א, תרע"ג).

[אין אַ רעצענזיע אויף דעם נומער, אַ פּאַראַגראַף אויף פּרצעס „דין תורה מיטן ווינט" וואָס איז דאָרט געדרוקט.]

המבקר התמידי [ד״ר י. מ. זאַלקינד?], „משוק הספרים״, היהודי, יאָרג׳ 16, נומ׳ 27 (י״ט תמוז, תרע״ב).

[אין אַ קריטיק אויף דעם זאַמלבוך העברי החדש ווערט וועגן פּרצעס דערציילונגען געזאָגט: „אין דער בעלעטריסטישער אָפּטיילונג באַטייליקט זיך איבער הויפּט י. ל. פּרץ, אָבער די זאַכן וואָס ער האָט אין דעם זאַמלבוך פֿאַרעפֿנטלעכט קענען בשום אופֿן ניט פֿאַררעכנט ווערן ווי פֿון זײַנע בעסטע שאַפֿונגען״.]

המשקיף [יוסף קלויזנער], „השקפה עברית״, השלח, ב׳ 19, העפֿט 4 (מרחשון, תרס״ט).

[אין דעם דאָזיקן איבערבליק, זז׳ 375—377, וועגן פּרצעס שטעלונג אויף דער טשער־נאָוויצער קאָנפֿערענץ צו העברעיִש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך.]

הסוקר, „העברי החדש״, הזמן, יאָרג׳ 2, נומ׳ 114 (כ״א סיון, תרע״ב).

[אין אַ קריטיק אויף דעם זאַמלבוך, עטלעכע פּאַראַגראַפֿן וועגן פּרצעס דראַמע „סחופי זרם״ און „אגדות העם״ וואָס זײַנען דאָרט געדרוקט.]

העלער, ד״ר י. א., „י. ל. פרץ״, חזון התרבות (ניסן, תש״ה).

העפּטמאַן, י., „יצירתו של פרץ (שרטוטים)״, הצפירה, [יאָרג׳ 43?], נומ׳ 7 (כ ניסן, תרע״ז).

ווײַסנבערג, י. מ., „התשלום (לזכרון פרץ)״, היום (וואַרשע), יאָרג׳ 1, נומ׳ 87 (כ סיון, תרפ״ה).

זעצער, ש. צ., „פיליטון ספרותי״, הצפירה, יאָרג׳ 33, נומ׳ 2 (י״ח טבת, תרס״ו).

[אין אַ קריטיק אויף דעם זאַמלבוך קולטור אַ פּאַראַגראַף וועגן פּרצעס „שיר השירים״ וואָס איז דאָרט געדרוקט.]

חז״ס [חיים זעליג סלאָנימסקי], „להחכם הנכבד ה׳ גלאָבוס״, הצפירה, יאָרג׳ 19, נומ׳ 190 (כ״ד אלול, תרנ״ב).

[אין דעם ענטפֿער שרײַבט דער עלטערער רעדאַקטאָר פֿון הצפירה: „און דאָס וואָס איר האָט צום לעצט זיך אויסגעדריקט אין שפּאַס, אַז די דאָזיקע רייד זײַנען ווערט געזאָגט צו ווערן אין הצפירה ווי דער פּעליעטאָן „שמעיה הגבור״ וואָס [איז געדרוקט] אין נומער (183) [!] —איר ווייסט דאָך, אַז זינט די הצפירה איז געוואָרן אַ טאָגבלאַט און איז אַרויס פֿון אַ רשות היחיד פֿאַלט מער ניט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר די אַרטיקלען וואָס דרוקן זיך אין איר אויף מיר אַליין, סײַדן אויף די וואָס מײַן נאָמען איז אויף זיי אונטערגעשריבן.״ די תשובה איז געשריבן געוואָרן אין דער צײַט ווען עס איז אָנגעגאַנגען אַ מחלוקת צווישן סלאָנימסקין און סאָקאָלאָוון, ווער עס זאָל פֿאַרוואַלטן די הצפירה, און סלאָנימסקי פּלעגט, להכעיס סאָקאָלאָוון, מעקן און אויסשנײַדן גאַנצע שטיקער פֿון פּרצעס דערציילונגען וואָס פֿלעגן זיך דרוקן אין הצפירה.]

חיניץ, נחום, „י. ל. פרץ בסלוצק (קטעי זכרונות)״, העולם, יאָרג׳ 21, נומ׳ 13 (ג ניסן, תרצ״ג).

[גיט אויך איבער פּרצעס רעדע אויפֿן אָוונט וואָס די סלוצקער אינטעליגענץ האָט אײַנ־געאָרדנט לכּבֿוד פּרצן.]

י., „ביבליוגרפיה״, הזמן, יאָרג׳ 2, נומ׳ 164 (כ״ב מנחם אָבֿ, תרע״ב).

[אין אַ רעצענזיע אויף די אידישע וועלט, נומ׳ 4, אַ פּאַראַגראַף וועגן פּרצעס דראַמאַטישער פּאָעמע „אין שול אַרײַן״.]

יאַצקאַן, ש. י., „פנקס ספרותי״, המליץ, יאָרג׳ 41, נג׳ 88, 90, 92, 95 (י״ז, י״ט, כ״א, כ״ה אייר, תרס״א).

[אַ באַגײַסטערטע אָפּשאַצונג פֿון פּרץ דעם שרײַבער און דיכטער צו זײַן 50יאָריקן יובילײ. יאַצקאַן דריקט אויך אויס די מיינונג, אַז „לויט זײַן טאַלענט קען פּרץ ניט זײַן און וויל אויך ניט זײַן אַ ׳זשאַרגאָנישער׳ שרײַבער, און זײַן ריכטיקער פּלאַץ איז אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, אַפֿילו ווען ער אַליין וועט ניט שרײַבן העברעיִש און אַנדערע וועלן [זײַנע שאַ־פֿונגען] איבערזעצן. דערויף קענען עדות זאָגן די וואָס קאָנען און פֿאַרשטייען באמת דעם גײַסט פֿון אונדזערע מאַסן אין דער איצטיקער צײַט״.]

יאַצקאַן, ש. י., „פנקס ספרותי״, המליץ, יאָרג׳ 41, נג׳ 189, 190, 192 (כ״א, כ״ב, כ״ד אלול, תרס״א).

[אַ קריטיק אויף פּרצעס חסידות (פּערטער באַנד פון זייַנע שריפטן אין פאַרלאַג „תּושיה").
ברענגט אויך אַ פּאַראַלעל צווישן פּרצן און בערדיטשעווסקין.]
י. ה., „לזכרונו של י. ל. פרץ", היום (וואַרשע), יאָרג' 1, נומ' 87 (כ ניסן, תּרפ"ה).
יוד, א., „שיחות ע"ד הספרות", הזמן, יאָרג' 4, נג' 39, 40, 47 (א [ב], י"א, י"ב אָדר,
תּרע"ד).
[וועגן די פּראָבלעמען פון טויט אין פּרצעס שאַפונגען.]
ייבין, ה., „יסודות יצירתו של פרץ", העולם, יאָרג' 6, נג' 9, 10 (ג, י תּמוז, תּרע"ב).
כהן, מרדכי, „י. ל. פרץ (ליובל החמישים)", המגיד, יאָרג' 10, נומ' 18 (כ אייר, תּרס"א).
כהנא, א., „מהיכן לקח פרץ החומר לספורו 'אם לא למעלה מזה'?", כתובים, יאָרג' 1,
נומ' 30 (ד ניסן, תּרפ"ז).
[באַמערקט, אַז דעם מאַטעריאַל פאַר דער דערציילונג „אויב ניט נאָך העכער" האָט פּרץ
גענומען פון אַ מעשׂה וועגן דעם „נעמיראָווער מנקר" ר' ישׂראל משה. ווי ער גיט איבער
האָט ער אין שבֿט תּר"ף געהערט די דערציילונג פון דעם מנקרס אַן אוראייניקל, אַ יונג
מיידל וואָס האָט דאָס געהערט פון איר פאָטער.]
—ל. [הלל צייטלין], „ביבליוגרפיה", הזמן, יאָרג' 4, נומ' 119 (כ"א סיון, תּרס"ו).
[אַ קורצע רעצענזיע אויף פּרצעס דערציילונגען וואָס זייַנען אַרויס אין פאַרלאַג „קולטור"
אין מינסק.]
לחובר, פ., „העברי החדש", הצפירה, יאָרג' 38, נומ' 146 (כ"ז תּמוז תּרע"ב).
[אין אַ קריטיק אויף דעם דאָזיקן זאַמלבוך געפינט זיך אַ פּאַראַגראַף וועגן פּרצעס דראַמע
„סחופי זרם".]
לחובר, פ., „וורשה", כנסת, ב' 8 (תּש"ג-תּש"ד).
[אין אַן איבערבליק איבער וואַרשע ווי אַ קולטור- און ליטעראַטור-צענטער אַ פּאַראַגראַף
וועגן פּרצן.]
לובעצקי, י. א., „מרשות היחיד שלי", הזמן, יאָרג' 4, נומ' 32 (כ"ג שבֿט, תּרע"ד).
[וועגן פּרצעס רעפעראַט אין ווין אויף דער טעמע „וואָס יִדן האָבן צוגעטראָגן צום רע-
נעסאַנס אין אייראָפּע".]
לעווי, דוד, „בקרת של פגעים", הצפירה, יאָרג' 21, נג' 204, 205 (י"ח, י"ט אלול, תּרנ"ד).
[אַן ענטפער אויף אַבֿרהם זינגערס בייזער קריטיק אויף פּרצעס החץ און העוגב
וואָס איז געווען געדרוקט אין המליץ. דער שרייַבער איז געווען פּרצעס אַ בן-עיר און האָט אים
געקענט פון זאַמאָשטש.]
לפידות [לייזעראָוויטש], י. א., „עם גלוי הזמן (למלאות שנה למות י. ל. פרץ)", קול העם,
נומ' 1 (1916), זז' 14—19.
מ., „מאין לקח פרץ את החומר ל'אם לא למעלה מזה'?", כתובים, יאָרג' 1, נומ' 32 (כ"ה
ניסן, תּרפ"ז).
[אין אַ באַמערקונג אויף אַ. כהנאס אַרבעט ווייַזט ער אָן, אַז פּרץ האָט זיך באַנוצט מיט
אַ דערציילונג וועגן ר' משה לייב סאַסעווער וואָס ווערט געבראַכט אין ספר עשר צחצחות פון
דעם בוקאַרעשטער רבֿ ר' ישׂראל.]
מרגשיש, ש., „בקורת (א. העברי החדש)", התורן, ב' 1, העפט 3 מנחם אָבֿ, תּרע"ג.
[אין אַ קריטיק אויף דעם זאַמלבוך העברי החדש, אויף ז' 134, אַ פּאַראַגראַף וועגן פּרצעס
דראַמע „סחופי זרם" און די לעגענדעס „מפי העם" וואָס זייַנען דאָרט געדרוקט.]
מלאכי, א. ר., „ראשיתו של פרץ", הדואר, יאָרג' 24, נומ' 22 (ל ניסן, תּש"ה).
נאָמבערג, ה. ד., „בחיים ובספרות, ה. שלשלת הזהב", הד הזמן, יאָרג' 1, נומ' 94
(כ"ח טבֿת [תּרס"ח]).
[אַ קריטיק אויף פּרצעס גאָלדענע קייט.]
נאָמבערג, ה. ד., „בחיים ובספרות, ח. מהלך חדש", הד הזמן, יאָרג' 2, נומ' 13 (כ"ה שבֿט
[תּרס"ח]).

[אין דעם פֿעליעטאָן עטלעכע פּאַראַגראַפֿן וועגן פּרצן ווי אַן אָנזאָגער פֿון דער נײַער ריכטונג אין דער העברעיִשער ליטעראַטור אין די נײַנציקער יאָרן און וועגן זײַן קאַמף קעגן דעם דעמאָלט הערשנדיקן רעאַליזם.]

נאָמבערג, ה. ד., „בחיים ובספרות, ו. הבחירות בוואַרשה", הד הזמן, יאָרג׳ 2, נומ׳ 4 (י״ד שבֿט [תּרס״ח]).

[אין דעם פֿעליעטאָן קומט אַ פּאַראַגראַף וועגן פּרצן ווי אַ באַאַמטער אין דער וואַרשעווער גמינע און וועגן דער באַציִונג פֿון די פּירערס פֿון דער גמינע צו אים בשעת זײַן יובילײ אין 1901.]

נאָמבערג, ה. ד., „בחיים ובספרות", הד הזמן, יאָרג׳ 2, נומ׳ 46, (ג אָדר [תּרס״ח]).

[אין אַ קריטיק אויף דעם פֿעברואַר־העפֿט פֿון די ליטעראַרישע שריפֿטן אַ פּאַראַגראַף וועגן פּרצעס דראַמע וואָס איז דאָרט געדרוקט.]

נײַמאַרק, ב. צ., „עלילת דם (זכרונות)", הארץ, יאָרג׳ 20, נומ׳ 5367 (י״ב ניסן, תּרצ״ז).

[וועגן דעם משומד פּולוס מאיר און פּרץ.]

ניגר, ש., „י. ל. פרץ וכתביו העברים (למלאת שלשים שנה למותו)", התקופה, ב׳ 30־31 (תּש״ו), זז׳ 439—502.

[ניסענבוים, יצחק,] „רשימות ביבליוגרפיות", הצפירה, יאָרג׳ 38, נומ׳ 116 (כ״ג סיון, תּרע״ב).

[אין אַ רעצענזיע אויף דעם זאַמלבוך העברי החדש ווערט געזאָגט וועגן פּרצעס דראַמע „סחופי זרם": „אומנאַטירלעך און כּמעט אַ קאַריקאַטור איז די דראַמע אין דרײַ אַקטן „סחופי זרם" פֿון י. ל. פּרץ, אָבער זײַנע דרײַ דערציילונגען „מפי העם" זײַנען שיין".]

סאָלאָווייטשיק, יוסף דוב הלוי, „איש ההלכה", תלפיות, יאָרג׳ 1, העפֿט 3־4 (ניסן, תּש״ד— תּשרי, תּש״ה).

[אין הערה 102 (זז׳ 715־716) ברענגט ער אַן אויסצוג פֿון פּרצעס רײַזעבילדער ווי דאָס קינד זאָגט: „אוי וואָלט איך געוואָלט משיח זאָל קומען! וואָס איז? איך וויל די לבֿנה זאָל שוין גרעסער ווערן!" און טײַטשט דאָס אויס ווי די בענקשאַפֿט פֿון דער גאַנצער כּנסת ישׂראל אויסגעלייזט צו ווערן פֿון גלות.]

[סאָקאָלאָוו, נחום,] „קרית ספר", הצפירה, יאָרג׳ 14, נומ׳ 38 (ב׳ דר״ח אָדר, תּרמ״ז).

[אין אַ קריטיק אויף דעם וואָסכאָד באַרירט ער אויך די אַרטיקלען פֿון „קריטיקוס" (שמעון דובנאָוו) און שרײַבט בנוגע זײַן נעגאַטיווער באַציִונג צו פּרצן: „אין איין זאַך האָט דער ה׳ קריטיקוס אונדז געמאַכט צו לאַכן. מיט דעם הויך פֿון זײַן מויל איז ער מבֿטל דעם ווערט פֿון די לידער און דערציילונגען פֿון ה׳ פּרץ און זאָגט אויף זיי, אַז זיי זײַנען ניט פֿאַר־שטענדלעך פֿאַר קיין מענטש אין דער וועלט און אויך פֿאַר דעם מחבר גופֿא, און ווי אַ באַווײַז דערפֿאַר איז דער פֿאַקט וואָס ער, ה׳ קריטיקוס, האָט זיי ניט פֿאַרשטאַנען. וועגן דעם איז מען ניט מחויבֿ אײַנצושטימען. זײַנע רייד, אַז קיין שום מענטש האָט די לידער און דערציילונגען ניט פֿאַרשטאַנען זײַנען במחילת כּבֿודו אַ פּשוטער ליגן. מיר ווייסן, אַז אַפֿילו חדר־ייִנגלעך האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, און אויב מיר זײַנען ניט קיין כּשרע עדות פֿאַר דער ריכטערשטול פֿון ה׳ קריטיקוס, זאָל ער אָבער אַרײַנקוקן אין דער איזראַעליטאַ, וועט ער געפֿינען אַ ריכטיקן אורטייל, אַז די דערציילונגען זײַנען אויסגעצייכנט און גרויס אין זייער ווערט. אָבער וועגן זײַן אַרויסזאָגונג, אַז ער, ה׳ קריטיקוס, האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס ער האָט געלייענט, וועלן מיר זיך ניט מתווכּח זײַן מיט אים און וועלן אים גלייבן, און דעריבער וועלן מיר אים אַן עצה געבן: אונדזער האַר, ראָש בית־דין, דער ריכטער פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָס לייגט זײַן ריכטשנור אויף פֿעלקער און מענטשן צוזאַמען, דינגט זיך אַ רבין וואָס זאָל יעדן טאָג לערנען מיט אײַך אַ פּרשה חומש און אַ פּרק משניות, און זאָל ער אײַך אויסלערנען לייענען אַ בוך, ווײַל אין דעם אורטייל וואָס איר האָט אַרויסגעטראָגן אויף די לידער פֿון ה׳ פּרץ און זײַנע דערציילונגען האָט איר זיך אַליין געפּסלט מיט אײַער מום, און אײַער קענען העברעיִש איז בײַ אונדז זייער שטאַרק אין חשד."]

[סאָקאָלאָוו, נחום,] „בשוק הספרים והסופרים", הצפירה, יאָרג׳ 21, נומ׳ 195 (תּרנ״ד).

[אַ קורצע נאָטיץ וועגן דעם אַרויסגיין פֿון „די טרייסט, אַ בלעטל אויף שבת נחמו" פֿון י. ל. פּרץ.]

[סאָקאָלאָוו, נחום,] „בשוק הספרים והסופרים", הצפירה, יאָרג' 21, נומ' 216 (ז תּשרי, תּרנ"ה).

[אַ קורצע נאָטיץ וועגן דעם אַרויסגיין פֿון די בלעטלעך השופר און הושענה.]

[סאָקאָלאָוו, נחום,] „בשוק הספרים והסופרים", הצפירה, יאָרג' 22, נומ' 28 (י"ט שבֿט, תּרנ"ה).

[אַ נאָטיץ וועגן דעם אַרויסגיין פֿון דעם דריטן באַנד פֿון פּרצעס יודישע ביבליאָטעק, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט: „אין דעם באַנד געפֿינען זיך זאַכן פֿון אַ וועלטלעכן און נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכן אינהאַלט און זאַכן וואָס זײַנען נוגע צו חכמת ישראל. אַלע אַרטיקלען זײַנען גאַנצע און גרויסע און ווי עס ווײַזט אויס האָט דער רעדאַקטאָר זיך ניט באַמיט צו באַקומען גרויסע נעמען, נאָר געזוכט צו געבן שלמותדיקע זאַכן."]

[סאָקאָלאָוו, נ.,] „בשוק הספרים והסופרים", הצפירה, יאָרג' 22, נומ' 181 (ב אלול, תּרנ"ה).

[אַ קורצע רעצענזיע וועגן די יום־טובֿ־בלעטלעך.]

סאָקאָלאָוו, נחום, „יוסיל המשוגע", התקופה, ב' 26־27 (תּר"ץ), זז' 61—143.

[אין די דאָזיקע זכרונות ווערט אויך דערציילט וועגן פּרצעס אָנטייל אין דער סטאַטיסטישער אויספֿאָרש־רײַזע אין פּוילן וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן פֿון יאַן בלאָך.]

סלאָסטש, נחום, „הספרות והעם", הזמן (ילקוט ספרותי), וואַרשע (תּרנ"ו).

[אין דעם אַרטיקל, ז' 141, ווערט וועגן פּרצן געזאָגט: „אין דער לעצטער צײַט האָט אַ שרײַבער מיט גרויס טאַלענט, י. ל. פּרץ, גענומען פֿאַרשפּרייטן ביכער און בראָשורן צווישן פֿאָלק, ביכער, וואָס ווען דאָס פֿאָלק וואָלט אַפֿילו געהאַט אַן אינטערעס אין זיי, וואָלטן זיי גע־בראַכט פֿיל שאָדן און שלעכטס געטאָן, בשעת אַזעלכע בראָשורן אין העברעיִש וואָלטן געבראַכט גרויס נוצן, זיי וואָלטן דערוועקט נײַע געדאַנקען צווישן אונדזער יוגנט אין דער פּראָווינץ, וואָס די מערסטע פֿון זיי האָבן ניט קיין שום באַגריף פֿון דעם נײַעם לעבן און די באַוועגונגען וואָס באַשעפֿטיקן איצט די גאַנצע קולטורעלע וועלט. דער דאָזיקער שרײַבער מאַכט אַ גרויסן טעות, ווען ער מיינט, אַז ער איז אַ פֿאָלקסשרײַבער. ער איז טאַקע אַן אָנגענעמער דיכטער און אָריגינעלער טאַלענטירטער שרײַבער, וואָס נאָר די אינטעליגענטן און די וואָס זײַנען באַהאַוונט אין די אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן קענען אים אָפּשאַצן. אָבער דאָס פֿאָלק פֿאַרשטייט ניט זײַן שרײַבן; דאָס פֿאָלק קען אים ניט פֿאַרשטיין און דערגרונטעווען זיך צו זײַנע כּוונות; דאָס פֿאָלק פֿאַרשטייט נאָר זײַנע שפּאַסן, אָבער זײַן האַרץ פֿאַרנעמט עס ניט; און אַזאַ לייענען ברענגט נאָר פֿיל שאָדן. ווען ער וואָלט געשריבן אין העברעיִש וואָלט ער געהאַט אַ גאַנץ אַנדער סאָרט לייענער. אוןכאָטש מיר שטימען ניט אײַן מיט זײַנע מיינונגען, זײַנען מיר אָבער כּלל ניט קעגן דעם זיי צו פֿאַרשפּרייטן; זיי מוזן זײַן אַ „קעגנסם" צו די אַלע מיינונגען וואָס עס האָבן צווישן אונדז פֿאַרשפּרייט די נאַציאָנאַליסטן און די קאָנסערוואַטיוון."]

פּ., „ליד קברו של פּרץ", היום (וואַרשע), יאָרג' 1, נומ' 87 (כ ניסן, תּרפּ"ה).

פּאָדלישעווסקי, אַ., „פּגישתי הראשונה עם י. ל. פּרץ", היום (וואַרשע), יאָרג' 1, נומ' 87 (כ ניסן, תּרפּ"ה).

פּײַגנבערג, רחל, „בעירו של פּרץ", העולם, יאָרג' 19, נומ' 9 (י"ד אָדר, תּרצ"א).

[אין אירע אײַנדרוקן פֿון אַ באַזוך אין זאַמאָשטש ברענגט די שרײַבערין עטלעכע עפּיזאָדן פֿון פּרצעס קינדעריאָרן און זײַנע ערשטע יִדישע לידער וואָס זי האָט געהערט פֿון ד"ר גע־ליבטער און פּרצעס שוועסטער.]

פֿ[ײַנשטיין], מ[שה], „יצחק ליבוש פּרץ", קובץ ספּורים ממנדלי עד ביאליק, ז' 76.

[אַ קורצע ביאָגראַפֿישע נאָטיץ ווי אַ הקדמה צו פּרצעס דערציילונגען וואָס זײַנען אין דעם בוך געדרוקט.]

פֿיכמאַן, יעקבֿ, „פּרץ", מעברות, ב' ו, העפֿט 1 (תּר"ף), זז' 66—72.

פֿ[יכמאַ]ן, י[עקבֿ], „לאגרות פרץ", מאזנים, ב׳ VIII, העפֿט 1 (תּשרי — חשון, תּרצ״ט), זז׳ 96־97.

פֿיכמאַן, יעקבֿ, „עם פרץ", הדואר, יאָרג׳ 24, נומ׳ 31 (י״א תּמוז, תּש״ה).

פינלס, ש. י., „י. ל. פרץ (עשרים וחמש שנים לפטירתו)", גליונות, ב׳ 10, העפֿט 9 (אָדר ב — ניסן, תּ״ש), זז׳ 133—137.

פּערלמאַן, ש., „בקורת", הדור, יאָרג׳ 2, נומ׳ 16 (י״ז סיון, תּרס״ד).

[אין אַ קריטיק אויף אַבֿרהם רייזענס זאַמלבוך פּראָגרעס עטלעכע פּאַראַגראַפֿן וועגן פּרצעס „ארבע אבנים טובות" און דעם ליד „הנביא" וואָס זײַנען דאָרט געדרוקט.]

פֿרידמאַן, ד. א., „לעת עתה", כתובים, יאָרג׳ 1, נומ׳ 32 (כ״ה ניסן, תּרפ״ז).

[אַ קאַפּיטל מיטן נאָמען „פּרץ בחומת השתיקה" אין שײַכות מיט דער אויסגאַבע פֿון פּרצעס שריפֿטן דורך דעם „דבֿיר"־פֿאַרלאַג.]

פתח שין — ש. [צבֿי שאַרפֿשטיין], „מגדולי עמנו (טרגיקומדיות), א., י. ל. פרץ", המצפה, יאָרג׳ 5, נומ׳ 37 (כ״ב אלול, תּרס״ח).

[ערשטער אַקט פֿון אַ פּאַראָדיע אויף פּרצעס רעדע אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ.]

ציטראָן, ש. ל., „השקפה ספרותית", המגיד, יאָרג׳ 12, נומ׳ 15 (כ״ז ניסן, תּרס״ג).

[אין אַ קריטיק אויף דעם לוח אחיאסף, תּרס״א, שרײַבט ער אויך וועגן פּרצעס סקיצע „עסקי קהל" וואָס איז דאָרט געדרוקט.]

ציטראָן, ש. ל., „יצחק ליבוש פרץ (זכרונות)", השלח, ב׳ 32, העפֿט 4—6 (אייר—תּמוז, תּרע״ז), זז׳ 331—339.

ציטראָן, ש. ל., „רשימות לתולדות העתונות העברית", העולם, יאָרג׳ 18, נומ׳ 1 (ג טבֿת, תּר״ץ).

[אין 20סטן קאַפּיטל פֿון דער געשיכטע פֿון הצפירה עטלעכע פּאַראַגראַפֿן וועגן פּרצעס מיט־אַרבעטערשאַפֿט אין דער דאָזיקער צײַטשריפֿט.]

צייטלין, אַהרן, „י. ל. פרץ, גאון הקצור (למלאות כ״ה שנים למותו)", הדואר, יאָרג׳ 19, נומ׳ 35 (כ״ז תּמוז, תּ״ש).

צייטלין, הלל, „יוסף חיים ברנר", התקופה, ב׳ 14־15 (טבֿת—סיון, תּרפ״ג).

[אין קאַפּיטל ח, „חלומות ונוער", זז׳ 615—634, וועגן פּרצעס באַציִונג צו ברענערן.]

צלאל, ח. ב. [יוסף חיים ברענער], „י. ל. פרץ (אחר מטתו)", הפועל הצעיר, יאָרג׳ 8, נומ׳ 16 (כ סיון, תּרע״ה).

צ׳פמאן, אברהם, „בעל המתוס (לשנת העשרים לפטירתו של י. ל. פרץ)", גליונות, ב׳ 3, נומ׳ 2 (סיון, תּרצ״ה), זז׳ 111—119.

קבק, ד״ר א. א., „י. ל. פרץ (רשימה של בקורת)", השלח, ב׳ 37 (סיון, תּר״ף), זז׳ 243—252.

קיסרי, א., „במות", כתובים, יאָרג׳ 1, נומ׳ 32 (כ״ה ניסן, תּרפ״ז).

[וועגן די פּרץ־אָונטן און דער אויפֿפֿירונג פֿון זײַנע שאַפֿונגען אין תּל־אָבֿיבֿ.]

קלוזנר, יוסף, „ספרי שעשועים", הצפירה, יאָרג׳ 25, נומ׳ 17 (ט שבֿט, תּרנ״ח).

[וועגן פּרצעס ליד „שוא כסות עינים" וואָס איז געדרוקט אין 3טן העפֿט ספרי שעשועים.]

קלוזנר, יוסף, „ספרותנו (ג)", השלח, ב׳ 7, נומ׳ 6 (תּמוז, תּרס״א), זז׳ 540—547.

[אַ קריטיק איבער דעם דריטן באַנד פֿון פּרצעס שריפֿטן אין העברעיִש.]

קלוזנר, יוסף, „על הנסתרות", הצופה, יאָרג׳ 1, נומ׳ 55 (י״ט אָדר, תּרס״ג).

[אַן ענטפֿער אויף ברײַנינס „מכתב גלוי להמשורר י. ל. פרץ", דערקלערט און פֿאַר־טײַטשט פּרצעס שאַפֿונגען.]

קלוזנר, ד״ר יוסף, „מקום לטעות", הצופה, יאָרג׳ 1, נומ׳ 76 (י״ז ניסן, תּרס״ג).

[וועגן ברײַנינס קריטיק אויף פּרצן.]

קלוזנר, ד״ר יוסף, תולדות הספרות העברית החדשה (תּר״ף).

[אין קאַפּיטל 6, זז׳ 70־71, וועגן פּרץ דעם דיכטער און נאָוועליסט.]

קלוזנר, יוסף, דרכי לקראת התחיה והגאולה (ירושלים, תּש״ו).

[אין 10טן קאַפּיטל, זז׳ 99—119, ווערן איבערגעגעבן פאַרשיידענע עפּיזאָדן וועגן פרצן אין די יאָרן 1903—1914; זײַן מיטאַרבעט אין השלח און הצופה און די באַציִונגען צווישן פרצן און פרישמאַנען אין יענער צײַט.]

קליינמאַן, משה, „י. ל. פרץ הסופר והעסקן", השלח, ב׳ 32, נומ׳ 3 (תּרע"ה?), זז׳ 257—269.

קרוהלואי, „ווארשה", הד הזמן, יאָרג׳ 2, נומ׳ 218 (כ"ו תשרי, [תּרס"ט]).

[קאָרעספּאָנדענץ וועגן פרצעס רעפעראַט אין וואַרשעווער „הזמיר", „די יידישע שפּראַך און די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ", ס׳ווערט איבערגעגעבן דער פולער אינהאַלט פון דעם רעפעראַט.]

[קרעפּעל יונה,] „ירחונים ומאספים", ירושלים, יאָרג׳ 2, העפט 1־2 (תּמוז־אָב, תּרס"ח).

[קורצע רעצענזיע אויף פרצעס יודישע ביבליאָטעק.]

ראַבינאָוויטש, א. ז., „י. ל. פרץ", הפועל הצעיר, יאָרג׳ 8, נומ׳ 16 (כ סיון, תּרע"ה).

ראַבינאָוויטש, יעקבֿ, „י. ל. פרץ", הפועל הצעיר, יאָרג׳ 8, נומ׳ 16 (כ סיון, תּרע"ה).

ראַבינאָוויטש, יעקבֿ, „הערות", גליונות, ב׳ 5, העפט 6 (אָבֿ, תּרצ"ז).

[אין פערטן קאַפּיטל, ז׳ 547, ווערט געזאָגט: „בײַ אונדז איז דאָ אַ קדמונדיקע דער־שײַנונג: העברעיִשע שרײַבערס פאַרלאָזן אונדזער ליטעראַטור און גייען פּיטערן אין די פעלדער פון אַן אַנדערער ליטעראַטור. עס האָט דערגרייכט צו אַזאַ צושטאַנד, אַז י. ל. פרץ, למשל, אַ שרײַבער וואָס האָט געשריבן אַזאַ פּײַנעם העברעיִש, האָט פאַרגעסן זײַן לערנען, און די „מפּי העם" זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן פון אַנדערע".]

ראַבינזאָן, ד"ר מ., „ספורי העם של י. ל. פרץ", הזמן, יאָרג׳ 2, נומ׳ 1 (כא תּשרי, תּרע"ב).

[ראַווניצקי, י. ח.?] „ידיעות ספרותיות", השלח, ב׳ 3, העפט 42 (תּמוז, תּרס"א), זז׳ 572־573.

[אַ גרעסערע נאָטיץ וועגן פרצן צו זײַן פּופּציקיאָריקן יובילײ.]

רבניצקי, י. ח., „י. ל. פרץ בקראקא (מספר זכרונותי)", דור וסופריו, ב׳ 2, (תּרצ"ח), זז׳ מ"ט—נ"ב.

ר׳ בנימין [יהושע פעלדמאַן־ראַדלער], „גלגול של ניגון", על הגבולין (תּרפּ"ג), זז׳ 226—228.

[כאַראַקטעריסטיק פון פרצן, געשריבן נאָך זײַן טויט. געדרוקט צום ערשטן אין הפועל הצעיר, 1915.]

רבולוב, מנחם, „כנסת", השלח, ב׳ 33, העפט 5־6 (טבֿת, תּרע"ח).

[אין דער דאָזיקער קריטיק, זז׳ 310־311, עטלעכע פּאַראַגראַפן וועגן פרישמאַנס נעקראָלאָג־אַרטיקלען וועגן פרצן.]

ריבולוב, מנחם, „על פרץ וירושתו", הדואר, יאָרג׳ 24, נומ׳ 22 (ל ניסן, תּש"ה).

רף־רף [יעקבֿ ראַבינאָוויטש], „י. ל. פרץ", הדים, ב׳ 3, העפט 4 (אייר־סיון, תּרפּ"ד), זז׳ 84—86.

רף־רף [יעקבֿ ראַבינאָוויטש], „הצגות ׳אוהל׳", הדים, ב׳ 4, העפט 5־6 (אָדר ב, תּרפּ"ז), זז׳ 171־172.

[וועגן דער דראַמאַטיזאַציע און אויפפירונג פון פרצעס מעשיות אין דעם „אהל"־טעאַטער אין ארץ־ישראל.]

שופמן, ג., „שתים שלש שורות", העולם, יאָרג׳ 15, נומ׳ 51, (ח טבֿת, תּרפּ"ט).

[אַ קורצע נאָטיץ וועגן פרצעס זכרונות אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פון מ. ז. וואַלפאָווסקי.]

שופמן, ג., „שתים שלש שורות", העולם, יאָרג׳ 19, נומ׳ 11 (י"ז טבֿת, תּרצ"א).

[אין אַ נאָטיץ „ווארשה בשנת תרס"א" גיט ער איבער וועגן זײַן באַזוך בײַ פרצן און פרצעס מיינונג וועגן שאָפּמאַנס דערציילונג „הערדל", וואָס ער האָט פאַר פרצן געלייענט פון מאַ־נוסקריפּט. אין מיטן לייענען האָט זיך פרץ אויפגערעגט און געזאָגט: „דאָס איז אַן איבער־זעצונג פון רוסיש, עס איז כלל ניט קיין העברעיִש. ווען איך וואָלט געווען אויף בן־אַבֿיגדורס אָרט, וואָלט איך די דערציילונג ניט אָנגענומען צום דרוקן". אין זײַנע זכרונות וועגן פרצן ברענגט שאָפּמאַן צווישן אַנדערע זאַכן, אַז „פרצעס אויסשפּראַך אין רוסיש איז געווען זייער אימפּאָזאַנט. אַפילו טשערניכאָווסקי וואָלט אין זײַן רעדן קיין שום פּגימה ניט געפונען".]

שטיינבערג, יעקבֿ, „י. ל. פּרץ", הפועל הצעיר, יאָרג׳ 8, נומ׳ 16 (ה סיון, תּרע"ה).

שטיינמאַן, א., „מחשבות בזמנן", קולות, ב׳ 7, נומ׳ 3 (תּרפּ"ג).

[אין דעם אַרטיקל, ז׳ 115, אַ פּאַראַגראַף וועגן י. ל. פּרץ.]

שטיינמאַן, א., „ילקוט התמהון", העולם, יאָרג׳ 20, נומ׳ 3 (י"ג שבֿט, תּרצ"ב).

[אין קאַפּיטל ב, „אילו ענינים קטנים", אַ באַמערקונג וועגן דער „אָריגינאַליטעט" פֿון פּרצעס באַנטשע שווייַג, אַז דער זעלבער מאָטיוו געפֿינט זיך אין מאַקס נאָרדויס פּאַראַדאָקסן.]

שפּירא, ד"ר חוה, „י. ל. פּרץ, האדם והמספּר (למלאות שלש שנים לפטירתו", ג חוה"מ של פּסח, תּרע"ה—תּרע"ח), השלח, ב׳ 34, העפֿטן 3־4, 5־6 (ניסן־אייר, סיון־תּמוז, תּרע"ח), זז׳ 347—354; 501—510.

[דער גרעסטער טייל פֿון ערשטן קאַפּיטל ברענגט פּערזענלעכע זכרונות וועגן פּרצן. די שרייַבערין גיט אויך איבער פּרצעס באַציִונג צו אַמעריקע און ארץ־ישׂראל: „צוויי יאָר פֿאַר זייַן טויט האָט מען אים פֿאָרגעלייגט צו באַזוכן אַמעריקע. ער האָט דעם פֿאָרשלאָג אָפּגעוואָרפֿן. אַמעריקע האָט פֿאַר אים קיין צוציקראַפֿט ניט געהאַט. אָבער ווען איך האָב זיך אומגעקערט פֿון מייַן רייַזע אין ארץ־ישׂראל, האָט ער מיך געהאַלטן אין איין אויספֿרעגן וועגן איר: דאָס לאַנד האָט אַ באַזונדער חן געהאַט אין פּרצעס אויגן, כאָטש ער איז קיין ציוניסט ניט געווען. אין דעם לעצטן יאָר פֿון זייַן לעבן האָט ער זיך געגרייט פֿאָרן דאָרט, אָבער עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און דער טויט איז אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג."]

שפּיראָ, ד"ר חוה, „דמות האשה בספרותנו", התקופה, ב׳ 26־27 (תּר"ץ).

[אויף זז׳ 624־625 וועגן פּרצעס שילדערונגען פֿון דער ייִדישער פֿרוי.]

* [ש. ל. גאָרדאָן?] „יצחק ליבוש פּרץ (תּמונתו ותולדותיו)", עולם קטן, יאָרג׳ 1, נומ׳ 2 (תּרס"א), שפּאַלט 68—73.

[פּרצעס ערשטע ביאָגראַפֿיע פֿאַר קינדער; אין אַרטיקל ווערט געבראַכט אַ מעשׂה פֿון פּרצעס קינדעריאָרן „המפתח החלוד" וואָס פּרץ האָט דעם שרייַבער דערציילט.]

* „דברי סופרים", המליץ, יאָרג׳ 41, נומ׳ 93 (כ"ג אייר, תּרס"א).

[אויסצוגן פֿון בעל־מחשבֿותעס און ברייַנינס אַרטיקלען וועגן פּרצן אין וואָסכאָד און די וועלט.]

* „רשימות ספרותיות", הזמן, יאָרג׳ 1, נומ׳ 93 (י"ב טבֿת, תּרס"ד).

[אין אַ נאָטיץ וועגן דעם אָקטאָבער־נומער פֿון השלח ווערט געזאָגט אויף פּרצעס דערציילונג „העופות והגווילים" וואָס איז דאָרט געדרוקט: „פּרצעס וועג און זייַנע חסידישע מעשׂיות זייַנען באַקאַנט אַלע אינטעליגענטע לייענערס, אָבער מיר זייַנען שטאַרק מסופּק, אויב דאָס פֿאָלק קען פֿאַרשטיין זייַנע רייד. זייער ווייניק ווילן זיך פֿאַרטיפֿן און פֿאַרשטיין אַזעלכע פֿאַעזיעס און מליצות, און עס זייַנען שוין אַוועק די טעג, אַז די לייענערס זאָלן וועלן געפֿינען רמזים אין יעדער זאַך וואָס איז פֿאַר זיי שווער."]

* „הגרגר", הצופה, יאָרג׳ 2, נומ׳ 342 (י"ד אָדר, תּרס"ד).

[אין דעם פּורים־בלאַט אַ פּאַראָדיע אויף פּרצעס אַ פֿעליעטאָן.]

* „על שלחן המערכת", הצפירה, יאָרג׳ 31, נומ׳ 47 (כ"ב אָדר, תּרס"ד).

[קורצע נאָטיץ וועגן דער דערשייַנונג פֿון פּרצעס דיא יודישע ביבליאָטעק.]

* „י. ל. פּרץ, תולדותיו ומותו", הפועל הצעיר, יאָרג׳ 8, נומ׳ 16 (כ סיון, תּרע"ה).

[אַ קורצע ביאָגראַפֿיע און פּרטים וועגן פּרצעס טויט און זייַן לוויה.]

* „פּרץ, יצחק ליבוש", אנציקלופּדיה כללית, ב׳ 6 (1937), זז׳ 157—160.

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס

פֿאָרשונגען פֿון לעצטן חורבן

בלעטער פֿאַר געשיכטע, פֿערטליאָר־שריפֿט, ייִדישער היסטאָרי־שער אינסטיטוט בײַם צ״ק פֿון ייִדן אין פּוילן, באַנד I, וואַרשע, יאַנואַר—דעצעמבער 1948, העפֿט 1, 208 זז׳, העפֿט 2, 140 + XII זז׳, העפֿט 3־4, 286 + X זז׳. רעדאַקציע־קאָלעגיע: אַ. אײַזנבאַך, נ. בלומענטאַל, ר. גערבער, י. טרונק, י. קערמיש.

די בלעטער פֿאַר געשיכטע (מיר וועלן ווײַטער ניצן די ראָשי תּבֿות: בלפֿג) זײַנען אַ לאָגישער המשך פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון „ייִדישן היסטאָרישן אינ־סטיטוט״ (ייִה״אָ) אין וואַרשע (פֿריִער „צענטראַלע ייִדישע היסטאָרישע קאָ־מיסיע אין פּוילן״ (צייִה״ק), מיטן זיצאָרט אין לאָדזש). אין 1945 האָט די צייִה״ק אָנגעהויבן אַרויסגעבן ביכער וועגן דעם לעצטן חורבן. די ערשטע פּובליקאַציעס זײַנען געווען וועגן מעטאָדאָלאָגישע פּראָגעס. דערנאָך איז גע־קומען אַ סעריע אויסגאַבעס פֿון דאָקומענטן, גבֿיות עדות, טאָגביכער און זכרונות, פֿאָטאָגראַפֿישע מאַטעריאַלן, היסטאָרישע מאָנאָגראַפֿיעס און ליטע־ראַרישע שאַפֿונגען אין די געטאָס (אַן ערך 40 ביכער). געפֿעלט האָט אָבער אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די וויסנשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען און די לויפֿנדיקע אַרבעט פֿון דער אינסטיטוציע. שוין אין 1945 איז אויפֿגע־קומען אַ פּראָיעקט צו גרינדן אַ צײַטשריפֿט און ערשט אין 1948 איז דער פּלאַן פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

דאָס איז אָבער נישט די ערשטע און נישט די איינציקע פּעריאָדישע אויס־גאַבע וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער פֿאָרשונג פֿון אונדזער חורבן. אין די ייִוואָ־בלעטער איז געווען געדרוקט אַ סך אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן דעם ענין. חוץ דעם זײַנען צוויי נומערן ייִוואָ־בלעטער (באַנד XXX, 1947) אָפּגעגעבן געוואָרן די יאָרן פֿון אומקום. אין מערבֿ־אייראָפּע באַשעפֿטיקן זיך צוויי צײַט־שריפֿטן מיט דער סיסטעמאַטישער אויספֿאָרשונג פֿון די חורבן־יאָרן: אין לאָנ־דאָן גייט אַרויס (זינט נאָוועמבער 1945) די צוויי־חדשים־שריפֿט *Wiener Library Bulletin* מיט אַרטיקלען און ביבליאָגראַפֿישע רעפֿעראַטן וועגן נאַציזם, אַנטיסעמיטיזם, ראַסיזם, נאַצישע ייִדן־רדיפֿות, קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אחוץ דעם באַהאַנדלט די צײַטשריפֿט אויך אַנדערע פּראָבלעמען פֿון הײַנטצײַטיקער ייִדישער און אַלגעמיינער געשיכטע. אין פּאַריז — ווו עס געפֿינען זיך עטלעכע

ייִדישע פֿאָרשונגס־צענטערס — פֿירט דער „צענטער פֿאַר היינטצייטיקער ייִדישער דאָקומענטאַציע,” אונטער דער אָנפֿירונג פֿון יצחק שניאורסאָן, אַ סיסטעמאַטישע, ערנצטע פֿאָרשאַרבעט. דער דאָזיקער צענטער האָט ארויסגעגעבן זינט אַפּריל 1945 אַ בולעטין און פֿון אויגוסט 1946 אָן אַ חודש־שריפֿט, *Le Monde Juif*, וואָס גיט זיך אָפּ דער עיקר מיט דער געשיכטע פֿון די פֿראַנצייזישע ייִדן בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין מיטל־אייראָפּע האָט די צייטשריפֿט פֿון לעצטן חורבן, ארויסגעגעבן פֿון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע אין מינכן, געגעבן אַ וואָגיקן צושטייער צו דער געשיכטע פֿון די יאָרן פֿון אומקום. עס זיינען ס״ה ארויס 10 נומערן (אויגוסט 1946—דעצעמבער 1948) מיט אַ ווערטפֿולן מאַטעריאַל. די קאָמיסיע האָט אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן אין 1949 און אירע ארכיוון און מיטאַרבעטערס געפֿינען זיך איצט אין ישׂראל.

די רעדאַקציע פֿון די בלפֿג האָט זיך געשטעלט אַ סך ברייטערע צילן ווי די פֿריִער דערמאָנטע צייטשריפֿטן. זי וויל פֿאָרשן די געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן „אין ברייטסטן זינען פֿון וואָרט”. פֿאַקטיש זיינען אין די ערשטע פֿיר נומערן געדרוקט בלויז אַרבעטן און מאַטעריאַלן פֿון דער חורבן־תּקופֿה. די איינציקע אַרבעט אויף אַן אַנדערער טעמע שטאַמט פֿון אַ זייטיקן מיטאַרבעטער, דעם באַקאַנטן היסטאָריקער נ. מ. געלבער, און רעפּרעזענטירט בכן נישט די אַקטועלע פֿאָרש־טעמאַטיק פֿון ייִה״אָ.

די רעדאַקציע איז צוגעטרעטן צו איר אַרבעט מיט אַ געפֿיל פֿון ייִראת הכּבֿוד פֿאַר דער רייכער קולטורעלער ירושה פֿון דעם אַמאָליקן, פֿאַרמלחמהדיקן דריי און האַלב מיליאָניקן ייִדיש־פּוילישן ייִשובֿ. אַן אויסדרוק פֿון אָט אָ דעם פּיעטיזם איז געווען דאָס אָננעמען דעם נאָמען בלעטער פֿאַר געשיכטע, וואָס ער שטאַמט פֿון היסטאָריקער־קרייז ביים וואַרשעווער ייִוואָ־אָפּטייל. אַ צווייטער אויסדרוק פֿון ייִראת־הכּבֿוד איז דער יזכּור פֿאַר אומגעקומענע ייִדישע היסטאָריקערס מיט וועלכן עס עפֿנט זיך דער ערשטער נומער. אגבֿ, וואָלט אַזאַ פֿייערלעכער יזכּור געדאַרפֿט זיין מער פֿולקום. אחוץ די 22 אויסגערעכנטע נעמען אין דער רשימה קומען מיר אויפֿן זינען אַ ריי אַנדערע וואָס זיינען פֿאַרזען געוואָרן. דערלויב איך מיר דאָ צו ברענגען אַ צוגאָב־רשימה (לויטן א״ב): אהרן אייזנשטיין, אַ. י. גאָלדשמידט, מאַקסימיליאַן גאָלדשטיין (די צוויי לעצטע — פֿאַרוואַלטערס פֿון ייִדישע מוזייען אין ווילנע און לעמבערג, רעספּעקטיוו), פּינחס זעליג גליקסמאַן, לעאָפּאָלד האַלפּערן, אַ. ש. הערשבערג, ישעיה וואַרשאַווסקי, דוד ווגרם, מ. טויבער, חייקל לונסקי, אָזיאַש מאַהלער, רבֿקה נאָטיק, טולאָ נוסענבלאַט, ראובֿן פֿאַהן, אריה ראַסין, לעאָן שטרייט. עס איז אויך וויכטיק צו געדענקען די נעמען פֿון די וואָס זיינען געווען טעטיק אין פֿעלד פֿון ליטעראַטור, קולטור־געשיכטע און פֿאָלקלאָר: קאַראָל דרעזדנער, ישׂראל וויינלעז, יוסף זעליקאָוויטש, חיים חיות, שמואל לעהמאַן, נח פּרילוצקי, זעליג קלמנאָוויטש, זלמן רייזען, משה שאַליט און אַ סך אַנדערע.

אַ גרויסן טייל פֿון ערשטן באַנד בלפֿג פֿאַרנעמען מאַטעריאַלן פֿון דעם

אָקערשט אויסגעגראָבענעם רינגעלבלום־אַרכיוו („עונג שבת"־אַרכיוו). ווי אַן אַרײַנפֿיר צו די דאָזיקע מאַטעריאַלן זײַנען די צוויי אַרבעטן פֿון אהרון אײַזנבאַכן: „וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען אין וואַרשעווער געטאָ" און „איבער־זיכט איבער די מאַטעריאַלן פֿון אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו" (די צווייטע אַרבעט אונטער דעם פּסעוודאָנים: א. באַך). ביידע אַרבעטן זײַנען זייער וויכ־טיק און אינטערעסאַנט, די ערשטע איז אָבער צו פּרטיותדיק און נישט אַלע מאָל זײַנען די באַהאַנדלטע פּרטים עיקרדיק. אײַזנבאַכן פֿעלט דער סוד הצימצום, ער ברענגט באריכות אַלע פֿאָרשפּראָיעקטן, אַנקעטעס, פֿרעגבויגנס און פּלענער פֿון „עונג שבת", שילדערט געננוי אין אַלע דעטאַלן די אַרבעט־מעטאָדן איבערן געטאָ־אַרכיוו, הגם זיי האַלטן ניט אין זיך קיין שום נײַ־ס פֿון מעטאָדאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. ער לאָזט זיך אַרײַן אין לאַנגע, נישט־נייטיקע אַרײַנפֿירן צו יעדער טעמע. די ביידע אַרטיקלען וואָלטן באַדאַרפֿט צונויפֿגעגאָסן ווערן אין איינעם, ד"ה אין אַ רעזאָנירטן, סיסטעמאַטישן קאַטאַלאָג פֿון די זאַמלונגען, מיט אַ קורצן אַרײַנפֿיר וועגן דער געשיכטע, די פֿאָרשמעטאָדן און דער טעמאַטיק פֿון „עונג שבת". בײַם איצטיקן מצבֿ מוז דער לייענער אַליין אַרויסשעפּן דעם תּמצית פֿון דעם ברייט צעצויגענעם אַרטיקל און אַליין קאַטאַ־לאָגירן און סיסטעמאַטיזירן די צעוואָרפֿענע מאַטעריאַלן.

פֿון די מאַטעריאַלן גופֿא ווערט אויפֿן ערשטן אָרט געבראַכט אַ ברייטער אויסצוג פֿון רינגעלבלומס טאָגביכער פֿון די יאָרן 1941—1942 (העפֿט 1, זז' 5—45). עס איז איבעריק צו זאָגן וואָס פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכן און עמאָציאָנעלן ווערט עס האָבן פֿאַר אונדז די נאָטיצן פֿון דעם אומפֿאַרגעסלעכן און העלדישן גרינדער און אָנפֿירער פֿון „עונג שבת". רינגעלבלום ע"ה איז געווען אַ שאַרפֿער באַאָבאַכטער און תּמיד געהאַט דעם מוט צו זאָגן דעם אמת. ער האָט אויך געהאַט חוש פֿאַר פֿאָלקלאָר און הומאָר. זײַנע נאָטיצן גיבן אַ טיפֿן אײַנבליק אין אַ ריי סאָציאַלע פֿראַגעס און ברענגען אַ סך אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן פֿון פֿאָלקלאָריסטישער און סאַטירישער פֿאָלקסשאַפֿונג. דער אופֿן ווי אַזוי די טאָגביכער זײַנען געדרוקט געוואָרן רופֿט אַרויס געוויסע ספֿקות. עס ווערט ניט געגעבן אַ טייל פֿון די טאָגביכער וואָס זאָל אַרומנעמען לכל־הפּחות אַ קורצן צײַטאָפּשניט אין גאַנצן, נאָר עס ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט בלויז געקליבענע קאַ־פּיטלעך פֿון דער גאַנצער צײַט. קיין אינהאַלט־איבערזיכט פֿון די דורכגעלאָזטע קאַפּיטלעך ווערט נישט געגעבן, אַזוי אַז מען קען זיך נישט אָריענטירן ווי גרויס איז דער גאַנצער כּתבֿ־יד, וואָס איז אַדורכגעלאָזט געוואָרן אאַז"וו, און כּידוע, איז יעדער אָפּקלײַב אַ סוביעקטיווער, אַפֿילו בײַם בעסטן ווילן צו אָביעקטיוויקייט מצד דער רעדאַקציע. אמת, אין די אַרײַנפֿיר־ווערטער פֿון דער רעדאַקציע איז פֿאַראַן אַ לײַכטער רמז פֿון אַ צוזאָג, אַז די טאָגביכער וועלן געדרוקט ווערן בשלמות. עס רעדט זיך אין אַרײַנפֿיר כּהאי לישנא: „מיר פֿאַר־עפֿנטלעכן דאָ דערווײַל אַ טייל נאָטיצן פֿון ד"ר ע. רינגעלבלום". אָבער אין די ווײַטערדיקע העפֿטן געפֿינען מיר נישט קיין המשך און עס ווערט אויך נישט דערמאָנט וועגן דרוקן די טאָגביכער אין בוכפֿאָרעם.

פֿון אַנדערע מאַטעריאַלן פֿון רינגעלבלום־אַרכיוו איז כּדאַי אָנצוּווײַזן אויף צוויי אַרבעטן וואָס באַשרײַבן וויכטיקע און עד היום ווייניק אויסגע־פֿאָרשטע קאַפּיטלעך פֿון ייִדישן ווירטשאַפֿטלעכן און סאָציאַלן לעבן אין וואַרשע: די אַרבעט פֿון יונגן, טאַלענטירטן עקאָנאָמיסט מנחם לינדער ע"ה („אַ יאָר ייִדישע סאָציאַלע אַליינהילף") און פֿון יעזשי ווינקלער ע"ה („די געטאָ קעמפֿט קעגן ווירטשאַפֿטלעכער פֿאַרקנעכטונג"). צו דעם זעלבן מין גע־הערט אויך דער אינטערעסאַנטער רעפּאָרטאַזש פֿון פּ. טיקאָטשינסקי („וואָ־לגוּוקע, אַלטוואַרג — דער איינציקער האַנדל ביי די ייִדן אין וואַרשע אין דער געטאָצײַט 1940־1941").

דער פּראָדוקטיווסטער שרײַבער צווישן די מיטאַרבעטערס פֿון „עונג שבת" איז ווײַזט אויס געווען הרבֿ ש. הובערבאַנד ע"ה, ווי עס זאָגן עדות די גרויסע צאָל כּתבֿ־ידן זײַנע וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין דעם רינגעלבלום־אַרכיוו. היות ווי די ידיעות וועגן זײַנע אַרבעטן אין אײַזנבאַכס אַרטיקל „וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען" זײַנען זייער צעוואָרפֿן, ברענגען מיר דאָ אַ סיסטעמאַטישע רשימה פֿון הובערבאַנדס וויכטיקסטע כּתבֿ־ידן: 1) מלחמה־איבערלעבונגען פֿון אַ ייִדישן ציווילמאַן, 88 זז'; 2) די מאָראַלישע לײַדן און מאָראַלישע ירידה פֿון דער ייִדישער פֿרוי בעת דער מלחמה, 22 זז' (נישט־פֿאַרענדיקט; דער רעשט איז אַ פּנים געגאַנגען לאיבוד); 3) תּליות, 21 זז'; 4) דער חורבן פֿון ייִדישע קהילות אויף די נײַ פֿאַרנומענע סאָוועטישע גע־ביטן, 2 בענד; 5) חורבן פֿון ייִדישע קהילות (אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע), 42 זז'; 6) יום־טובֿים בעת דער מלחמה, 75 זז'; 7) דאָס רעליגיעזע לעבן בעת דער מלחמה, 129 זז'; 8) פּוילישע רביים און גוטע־ייִדן בעת דער מלחמה, 10 זז'; 9) דער חורבן פֿון שולן, בתּי־מדרשים, בית־החיימס, 117 זז'; 10) קידוש השם, 42 זז'.

ווי מיר זעען באַהאַנדלט הרבֿ הובערבאַנד אַ ריי טעמעס, צו וועלכע מיר פֿאַרמאָגן עד היום ווייניק מאַטעריאַלן און מקורים. עס איז נישט מיגלעך צו שאַפֿן זיך אַ בילד פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער קוואַליטעט פֿון הובערבאַנדס אַרבעטן, ווײַל ביז איצט האָט די רעדאַקציע בלבֿג פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון זײַן רײַכער ירושה בלויז אַ קורצן מעמאָראַנדום וואָס טראָגט אַ ריין פֿאָרמעלן כאַראַקטער („אָפּראַטעוועט די רעשטלעך פֿון ייִדישע קולטור־אוצרות אין פּוילן", אין בלבֿג, העפֿט 2, זז' 105—110). פֿון דעסט וועגן גלייב איך, אַז עס וואָלט כּדאַי געווען אָפּצודרוקן די פֿאַרבליבענע כּתבֿים פֿון הרבֿ הובערבאַנד אין אַ באַ־זונדערן באַנד.

זייער אינטערעסאַנט זײַנען די ענטפֿערס אויף אַן אַנקעטע פֿון „עונג שבת" צווישן די ייִדישע שרײַבערס אין געטאָ. פֿון די סך־הכּל אַכט אָפּגעראַטעוועטע ענטפֿערס האָט די רעדאַקציע אָפּגעדרוקט זעקס (פֿון הלל צייטלין, ש. סטופּ־ניצקי, אַ. איינהאָרן, אינזש. ה. ראָזען, ד"ר י. מילייקאָווסקי און אַן אַנאָנים); עס פֿעלן נאָך די ענטפֿערס פֿון יהושע פּערלע און מנחם שטיין. די אַנקעטע באַרירט גאָר וויכטיקע און אָנגעווייטיקטע פֿראַגעס: נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע

זײַטן פֿון געטאָ־לעבן, אַסימילאַציע (פּאָלאָניזאַציע) אין געטאָ, די משומדים אין געטאָ, די ירידה פֿון רעליגיעזן לעבן, די דעמאָראַליזאַציע, די צוקונפֿט־פּערספּעקטיוון נאָך דער מלחמה. פֿון די ענטפֿערס, וואָס זײַנען זייער פֿאַרשיידן און שטאַרק אינדיווידועל, זעט מען, אַז שוין יעמאָלט זײַנען געוויסע דער־שײַנונגען אין געטאָ־לעבן געווען אַן אָביעקט פֿון לײַדנשאַפֿטלעכע דיסקוסיעס און חילוקי דעות. ווי מיר זעען, זײַנען כּמעט אַלע מאַטעריאַלן פֿון רינ־געלבלום־אַרכיוו וואָס זײַנען איבערגעדרוקט אין בלפֿג נישט קיין רוי־מאַ־טעריאַלן, נאָר מאָנאָגראַפֿישע אָדער אַנאַליטישע אַרבעטן.

א באַדײַטנדיקן טייל פֿון בלפֿג האָט די רעדאַקציע אָפּגעגעבן פֿאַר מאָנאָגראַ־פֿישע אַרבעטן פֿון די מיטאַרבעטערס פֿון ייִה״אָ. צווישן די דאָזיקע אַרבעטן צייכנט זיך באַזונדער אויס ישעיה טרונקס: „ייִדישע אַרבעט־לאַגערן אין וואַרטע־לאַנד״. די אַרבעט איז באַזירט אויף רײַכע ייִדישע מקורים (על פּי רובֿ גבֿיות־עדות) און אַמטלעכע דײַטשע מאַטעריאַלן. טרונקס באַציִונג צו די דײַטשע מקו־רים איז א פֿאָרזיכטיקע און א קריטישע. „קענענדיק די גוואַלטיקע דײַטשע צבֿי־עות און אָפּנאַרערײַ — שרײַבט טרונק — . . . מוז מען זיך צו זייערע דאָקומענטן באַציִען מיט געכּפֿלטן אומצוטרוי״. איז טאַקע א חידוש, פֿאַר וואָס ער לאָזט זיך צו מאָל אַרײַנציִען און אָפּנאַרן דורך דײַטשער כּלומרשטער גענויקייט. אַזוי למשל ציטירט ער און אַנאַליזירט די דײַטשע סטאַטיסטיק פֿון טויט־סיבות בײַ ייִדישע לאַגעריסטן (העפֿט 1, ז׳ 160), הגם עס איז גוט באַקאַנט אַז די דײַטשע קראַנקייט־סטאַטיסטיק פֿון די לאַגערן איז געווען א פֿיקטיווע כּדי צו פֿאַרדעקן די אמתע טויט־סיבה פֿון רובֿ לאַגעריסטן: די דײַטשע פּײַני־קונגען. טרונק האָט אין גאַנצן נישט באַהאַנדלט אין זײַן אַרבעט פּראָבלעמען פֿון דעם צוזאַמענלעבן צווישן די לאַגעריסטן ווי אויך אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע, קולטורעלע און רעליגיעזע דערשײַנונגען אין לאַגער־לעבן. אין די ייִדישע גבֿיות־עדות איז פֿאַראַן גענוג מאַטעריאַל פֿאַר די דאָזיקע פּראַגעס. עס פֿעלט אויך א מאַפּע פֿון וואַרטעלאַנד מיט אָנגעצייכנטע ייִדישע אַרבעט־לאַגערן.

גוטע און גרינטלעכע אַרבעטן האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט: ט. ברוסטין־בערנשטיין („די איבערבאַזעצונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין וואַרשעווער געטאָ אין די יאָרן 1941־1942״), א. וואָלף־יאַסני („די ענדגילטיקע ליקווי־דאַציע פֿון לאָדזשער געטאָ״) און דאָראַ אַגאַטשטיין („די ׳ענטיודונג׳ פֿון דער הויפּטשטאָט פֿון גענעראַל־גאָווערנעמענט אין יאָר 1940־1941״ — וועגן קראָקע). אָבֿ איז די פּליטים־ציפֿער (64.000) אין אַגאַטשטיינס אַרבעט א גאַנץ פֿאַנטאַסטישע און ווערט נישט באַגרינדעט מיט קיין שום דאָקומענטאַציע אָדער סטאַטיסטישן אַנאַליז. דער טעטיקייט־באַריכט פֿון דער ייִדישער קהילה אין קראָקע אין יאָר 1940 (וועלכן אַגאַטשטיין האָט נישט אויסגענוצט) גיט אָן 11,000 פּליטים. די דאָזיקע ציפֿער שטימט בערך אויך מיט די דײַטשע מקורים (קראַקויער צײַטונג פֿון 14טן דעצעמבער 1941 — 9.500 פּליטים). אין יאַסנים אַרבעט ווערט די אָנגעוויטיקטע רומקאָווסקי־פּראָבלעם באַאַרבעט מיט א שטאַרק פֿאַראײַנפֿאַכטער מעלאָדראַמאַטישער טעכניק. דער מחבר

האָט ניט אויסגענוצט די פֿאַראַנענע ליטעראַטור (די אַרבעטן פֿון י. טאַבאַקס־בלאַט, בענדעט הערשקאָוויטש, י. נירנבערג און אַנדערע). בנוגע דער רומקאָווסקי־פּראָבלעם איז נאָך כּדאַי צו דערמאָנען דעם אינטערעסאַנטן, פּסיכאָלאָגיש־סאָציאָלאָגישן עסיי פֿון סאָל פּ. בלום אין קאָמענטאַרי (מאַרץ 1949).

די אַרבעט פֿון רפֿאל גערבער, „די פּוילישע דעמאָקראַטיע און דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", רופֿט אַרויס פֿאַרשיידענע באַוואָרענישן און ספֿקות. גערבערס אַרטיקל ברענגט נײַע, אינטערעסאַנטע פּרטים. ער שעפּט זײַנע מאַטעריאַלן פֿון דער אונטערערדישער פּרעסע און פֿון פּריוואַטע אײַנפֿאָרמאַציעס פֿון פּוילישע אונטערערדישע קעמפֿערס. אויף וויפֿל די דאָזיקע מאַטעריאַלן, פֿון זייער אַ סוביעקטיוון כאַראַקטער, זײַנען באַווירקט פֿון זײַטיקע, פּאַרטיי־פּאָליטישע כּוונות אָדער דורך אַפּאָסטעריאָריסטישער אינטערפּרעטאַציע, דאָס איז אַן ענין פֿאַר אַ גענויען קריטישן אַנאַליז, פֿאַר וועלכן דאָ איז נישט דאָס אָרט. גערבער וויל באַווײַזן אַז בלויז די לינק־סאָציאַליסטישע גרופּעס האָבן געגעבן ממשותדיקע הילף דעם אויפֿשטאַנד און ער באַווײַזט... גראָד דעם היפּוך דערפֿון. ער וואַרפֿט פֿאָר למשל דער RPŻ (Rada Pomocy Żydom — ראַט צו העלפֿן ייִדן) בײַ דער דעלעגאַטור פֿון דער לאָנדאָנער רעגירונג אין וואַרשע, אַז ער האָט געגעבן בלויז אינדיווידועלע הילף ייִדן אויף דער אַרישער זײַט, אָבער ער איז „נישט געווען קיין הילפֿאָרגאַן פֿאַרן קעמפֿנדיקן געטאָ" (ז' 49). און וואָס האָבן לויט גערבערן געטאָן די לינק־סאָציאַליסטישע גרופּעס? זיי האָבן „געלײַסטעט אַקטיווע הילף פֿאַר ייִדן" אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים: „אַרויסציִען יחידים פֿון געטאָ, אויסגעפֿינען פֿאַר זיי אַ מקום מיקלט און איבערנעמען איבער זיי די השגחה" (דאָרט). די לינק־דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ, „האָט געלײַסטעט אינדיווידועלע הילף פֿאַר ייִדן דורך אויסגעפֿינען פֿאַר זיי וווינונגען און האָבן איבער זיי השגחה אויף דער אַרישער זײַט" (ז' 50); די הילף פֿון רפּפּ"ס (פּוילישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי — אַ קאָמוניזירנדיקע גרופּע) „איז באַשטאַנען אין אויסבאַהאַלטן ייִדן אויף דער אַרישער זײַט און אײַנאָרדענען ייִדישע קינדער אין פּוילישע משפּחות" (ז' 54). איך בין שטאַרק מסופּק, אויב אַ לייענער וואָס איז נישט „מאַרקסיסטיש געשולט" לויט גערבערס שיטה, וועט פֿאַרשטיין דעם חילוק צווישן דער טעטיקייט פֿון רפּ"זש און די „פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע גרופּעס". גערבער דערציילט ווײַטער אַז די לינק־דעמאָקראַטישע גרופּעס האָבן געהאָלפֿן דער געטאָ מיט מיליטערישע אינסטרוקטאָרן. ער ברענגט אָבער וועגן דעם נישט קיין שום פּרטים. ער ברענגט אויך בלויז אַן אַלגעמיינע באַמערקונג וועגן צושטעלן געווער פֿאַר דער געטאָ (ז' 53). די באַשרײַבונגען וואָס ער גיט וועגן אַקטיווע אַרויסטרעטונגען לטובֿת דער קעמפֿנדיקער געטאָ פֿאַרשטאַרקן נאָך דעם אײַנדרוק אַז זײַן באַשרײַבונג איז נוגע זייער אַ קליינעם קרײַז, וועלכער האָט געהאַט די בעסטע כּוונות צו העלפֿן אָבער וועמענס פֿאַקטישע מיגלעכקייטן צו העלפֿן זײַנען געווען גאָר קליינע. אָט למשל באַשרײַבט גערבער עטלעכע קאַמפּ־אַקציעס פֿון די פּפּ"ר־גרופּעס, וואָס זײַנען געווען דער קולמינאַציע־פּונקט פֿון

זייער טעטיקייט לטובֿת דער קעמפֿנדיקער געטאָ. אין איינער פֿון די דאָזיקע פּפּ"ר־אַקציעס נעמען אָנטייל „אַ צענדלינג ייִנגלעך" (ז' 61). אויך די צאָל געטאָ־קעמפֿערס וואָס די פּפּ"ר האָט געהאָלפֿן ראַטעווען דורך די קאַנאַלן איז געווען זייער קליין — 68. פֿון דער קליינער גרופּע איז געלונגען אַריבערצופֿירן אין די וועלדער בלויז 40. דאָ האָט זיי די פּפּ"ר אויך נישט געקאָנט געבן קיין גענוגנדיקע שוץ. נאָך צוויי חדשים האָט זיי די דײַטשע זשאַנדאַרמעריע געפֿונען און אויסגעהרגעט.

שוואַך איז די אַרבעט פֿון נ. בלומענטאַל: „די ייִדישע שפּראַך אין קאַמף קעגן נאַצי־רעזשים". אין דער אמתן שטימט נישט דער נאָמען פֿון דער אַרבעט מיט איר אינהאַלט. דער מחבר באַהאַנדלט על פּי רובֿ אַנעקדאָטן, ווערטלעך, וויצן אין דער פּוילישער און דײַטשער שפּראַך וואָס דײַטשן, פּאָליאַקן און טייל־ווײַז אויך ייִדן האָבן באַנוצט אין דער נאַצי־תּקופֿה. די צוזאַמענגעשטעלטע מאַ־טעריאַלן ווערן באַהאַנדלט אָן אַ לאָגישער קאָנסטרוקציע. די אינטערפּרעטאַציע פֿון דעם ווידערשטאַנד־עלעמענט אין דעם אָנגעזאַמלטן הומאָריסטישן מאַטעריאַל איז ניט איבערצײַגנדיק. בלומענטאַל ציטירט, למשל, אַ באַקאַנט דײַטשיש ליד און צוויי אַנטיהיטלעריסטישע פּאַראָדיעס פֿון דעם ליד, וואָס דײַטשע אָפּאָזיציאָנעלע זעלנערס האָבן געבראַכט מיט זיך קיין פּוילן. בלומענטאַל, וועלכער איז אין דער דײַטשער אָקופּאַציע־צײַט געווען אין רוסלאַנד, איז זיכער נישט באַקאַנט מיט דעם ענין, ווײַל ער מאַכט דעם מאָדנעם אויספֿיר, אַז ייִדן האָבן געשאַפֿן די פּאַראָדיעס און גיט נאָך צו: „און ווי מ'גיט איבער, זאָלן אויך נאַיווע דײַטשע זעלנערס האָבן דעם נוסח געזונגען — אין גוטן מוט, נישט פֿאַרשטייענדיק, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קעגנערישן מאָטיוו" (ז' 113). ניין, דער תּם איז אין דעם פֿאַל נ. בלומענטאַל. צו מיינען אַז דײַטשע זעלנערס האָבן „אין גוטן מוט" געזונגען: „צו ערשט קראַפּירט דער פֿירער און דאַן אויך די פּאַרטיי" און האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ „קעגנערישער מאָטיוו" איז שוין אַפֿילו מער ווי נאַיוו. בלומענטאַל ציטירט נאָך אַנדערע דײַטשע וויצן ווי אַ באַווײַז פֿון „קאַמף פֿון דער ייִדישער שפּראַך קעגן נאַציזם". פֿאַראַן אין דער דײַטשער שפּראַך אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן דײַטשע אַנטינאַצי־וויצן (למשל: פּויל ראַנגע, *Der Flüsterwitz in der Nazizeit*; ר. הערמעס, *Witz contra Nazi*; וואָקס פּאָפּולי, *Die Hitlerei im Folksmund* אאז"וו). ווען בלומענטאַל וואָלט זיך באַקענט מיט דער דאָזיקער ליטעראַטור וואָלט ער אײַנגעזען, אַז אַ סך פֿון זײַנע וויצן שטאַמען נישט פֿון ייִדן און שוין זיכער האָבן זיי גאָרנישט צו טאָן מיט דער ייִדישער שפּראַך.

דער מעטאָד צו פֿאַרייִדישן די פּוילישע וויצן איז אויך אַן איינפֿאַכער. בלומענטאַל דערציילט עטלעכע וויצן וואָס האָבן קורסירט צווישן פּאָליאַקן און פֿון דאָרט געפֿונען זייער וועג אין געטאָ און ער אַרגומענטירט אַזוי: „אגבֿ, אַ טייל פֿון די וויצן געפֿינען מיר אויך אויף דער אַרישער זײַט און ס'איז דעריבער שווער פֿעסטצושטעלן צי זייער מקור איז אַ ייִדישער צי נישט. בײַ אַ גרויסן טייל אָבער לאָזט זיך דערקענען די ספּעציפֿיש ייִדישע צונג"

(ז' 114). אַזאַ ליטעראַטור־קריטישער מעטאָד צו דערקענען אַ ייִדישע שאַפונג איז שוין אַ ביסל צו פשוט.

ווײַטער רעדט בלומענטאַל אַרום די די קריפּטאָנימען וואָס ייִדן האָבן באַנוצט אין זייער קאָרעספּאָנדענץ. ווידער האַנדלט זיך דאָ בלויז וועגן דײַטשישן און פּוילישן שפּראַכשטאָף, ווײַל ייִדיש האָט מען צוליב דער צענזור בכלל נישט געטאָרט שרײַבן. דאָ האָט בלומענטאַל געהאַט די מיגלעכקייט דורכצופירן אַ גוטן פאַרגלײַך מיט ייִדיש און העברעיִש פון אַמאָליקע צײַטן. ווי באַקאַנט האָבן ביידע שפּראַכן אַ גאָר אַלטע טראַדיציע פון אַ לשון סגי נהור מיט אָנצוּ־הערעניש און רמזים — שפּראַכפאָרמען וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין משך פון הונדערטער יאָרן אין תקופות פון רדיפות און אונטערדריקונג, וואָס זײַנען אַרײַן אין דער ליטעראַטור, אַפילו אין די שו"ת, אין לומדישע און חסידישע ספרים, אין תפילות און תחינות אד"גל. די דאָזיקע פּראָבלעם האָט בלומענטאַל בכלל נישט באַרירט.

פון בלומענטאַלס אַרבעט איז צו זען אַז די אַרכיוון פון ייִה"אָ פאַרמאָגן אַ רײַכן מאַטעריאַל וועגן ייִדישער פאָלקסשאַפונג אין דער נאַציצײַט. אָבער סײַ דער אָפּקלײַב פון דעם מאַטעריאַל, סײַ די באַאַרבעטונג איז ווײַט נישט קיין געלונגענע. די גרויסע שפע מאַטעריאַלן וועט מוזן וואַרטן אויף אַ קאָמפּעטענטן פאָרשער. עס איז כדאַי צו דערמאָנען אַז אויך מחוץ פּוילן זײַנען געדרוקט געוואָרן אַ רײ אַרבעטן וועגן ייִדישן פאָלקלאָר, ייִדישער שפּראַך און פאָלקסליד אין דער נאַציצײַט. מיר קענען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן בפרטיות אויף דער דאָזיקער ליטעראַטור, מיר ווילן בלויז אָנווײַזן אויף צוויי גוטע אַרבעטן אין דעם געביט. דאָס זײַנען: די גרינטלעך באַאַרבעטע זאַמלונג פון קאַצעט־ און געטאָ־לידער פון ש. קאַטשערגינסקי, אונטער דער רעדאַקציע פון ה. לייוויק (זען ז' 249) און די ערשטקלאַסיקע אַרבעט פון ישׂראל קאַפּלאַן, „דאָס פאָלקס־מויל אין נאַציקלעם" (מינכן, 1947 און 1949). בלומענטאַל האָט די דאָזיקע ליטעראַטור בכלל ניט דערמאָנט.

די איינציקע אַרבעט וואָס באַהאַנדלט אַ פריִערדיקע תקופה איז נ. מ. געלבערס: „די ייִדן־פראַגע אין קאָנגרעס־פּוילן אין די יאָרן 1815—1830". די אַרבעט ברענגט וויניק נײַס. אין ערשטן טייל ווערן איבערגעחזרט באַקאַנטע פאַקטן וועגן דער ליטעראַרישער דיסקוסיע אַרום דער ייִדן־פראַגע (געוועזן באַ־האַנדלט געניי אין י. שיפּערס „די ייִדן פון קיניגרײַך פּוילן בעתן נאַוועמבער־אויפשטאַנד"). נײַ זײַנען נאָר די אויספירלעכע ציטאַטן פון קאָזשמיאַנס און מילערס (צוויי הויכע רעגירונגס־באַאַמטע) ראַפּאָרטן וועגן דער ייִדן־פראַגע. דער קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים, די שטעלונג פון דער רעגירונג צום דאָזיקן קאַמף, ווערט בײַ געלבערן גאַנץ אַנדערש געשילדערט ווי למשל בײַ שיפּערן אָדער אין י. שאַצקיס געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע. אַפילו די דאַ־טעס בײַ געלבערן שטימען נישט מיט די אַלגעמיין אָנגענומענע. אַזעלכע סתירות וואָלט דער מחבר געדאַרפט אויפקלערן אין זײַן אַרבעט. די אינטע־רעסאַנטע ידיעה וועגן אַ וויכוח צווישן חסידים און מתנגדים אין יאָר 1824 אין וואַרשע וואָס איז אַ נײַס אין אונדזער היסטאָרישער ליטעראַטור ווערט

געבויט אויף אַ צײַטונגס־אַרטיקל. אַזאַ ענין וואָלט פֿאַרלאַנגט אַ מער איבער־צײַגעוודיקע דאָקומענטאַציע. דער קאַפּיטל וועגן דער מיסיאָנערישער טעטיקייט איז איבעריק, ווײַל ער ברענגט קיין נײַס נישט און דערצו איז ער אַ ביסל פֿאַרפֿלאָנטערט. אַרומרײדנדיק דאָס ייִדישע שולוועזן פֿאַרזעט געלבער די יסודותדיקע אַרבעט פֿון י. שאַצקי וועגן דעם ענין. דאָס זעלבע איז נוגע דער ראַבינער־שול (אַרבעטן פֿון י. שאַצקי און אהרון סאַוויצקי). צום קאַפּיטל קיאַריני דאַרף באַמערקט ווערן אַז סוף 20ער יאָרן האָט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט געלייענט לעקציעס וועגן יודאַיִסטישע לימודים אַן אַנדערער געלערנטער פֿון איטאַליע, דער ביבליאָגראַף און פֿילאָלאָג סעבאַסטיאַנאָ טשיאַמפּי. אַגבֿ איז ער געווען נישט קיין קלענערער שׂונא ישׂראל פֿון קיאַרינין, ווי עס איז צו זען פֿון זײַן רײַזע־טאָגבוך, *Viaggio in Polonia nelle state del 1830,* Firenze 1831, און פֿון זײַנעם אַ נישט־געדרוקטן כּתבֿ־יד: „די געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן" (געפֿינט זיך אין לעמבערגער אוניווערסיטעט).

די קאַפּיטלעך וועגן דעמאָגראַפֿישע און ווירטשאַפֿטלעכע ענינים זײַנען אין געלבערס אַרבעט שטאַרק פֿאַרעלטערט. וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען איז אין די לעצטע 2־3 צענדליגג יאָר אַנטשטאַנען אַ רײַכע ליטעראַטור וואָס דער מחבר האָט נישט אויסגענוצט. גענוג בלויז אויסצורעכענען די וויכטיקסטע אַרבעטן פֿון ייִדישער און פּוילישער ווירטשאַפֿטלעכער און סאָציאַלער געשיכטע פֿון: י. שאַצקי, י. לעשטשינסקי, פֿ. פֿרידמאַן, אַ. אײַזנבאַך, י. וואַרשאַווסקי, י. בערנשטיין, ב. ד. ווײַנריב, י. גליקסמאַן, ב. וואַסיוטינסקי, ס. קעמפּנער, ה. גראָסמאַן, י. וואָבלי, וו. סטושעלעצקי, אַ. וואָיטשיצקי א"אַ, וועלכע דער מחבר האָט פֿאַרזען. אַגבֿ, געלבערס אייגענע אַרבעט וואָס איז געווען געדרוקט אין יאָר 1930 אין דער פּויליש־ייִדישער צײַטונג כווילאַ (לעמבערג, נאָוו־דעצ' 1930 און אָנהייב 1931) דוכט זיך מיר צו זײַן אַ סך גרינטלעכער איידער די אָפּהאַנדלונג אין בלפּג. געלבערס אַרבעט איז מסתּמא געשריבן געוואָרן מיט אַ סך יאָרן צוריק און איז איצט געדרוקט אָן אַן ענדגילטיקער רעדאַקציע.

די רעצענזיעס אין דעם זשורנאַל זײַנען ברייט פֿאַרמאָסטענע קריטישע אָפּהאַנדלונגען. די רעצענזיעס פֿון הערש וואַסערן וועגן די וואַרשעווער טאָג־ביכער פֿון הלל זײַדמאַן און יאָנאַס טורקאָוו צייכענען זיך אויס מיט זייער אַ רויִקער זאַכלעכקייט און באַהאַוונטקייט. בלפּג ברענגט אויך פֿאָטאָקאָפּיעס און פֿאָטאָסטאַטן פֿון רעוואָלוציאָנערע אויפֿרופֿן אין לאָדזשער געטאָ, פֿון הלל צייטלינס אַ בריוו א"אַ. די טעכנישע אויספֿירונג פֿון די פֿאָטאָגראַפֿיעס (פֿון די מוזעאַלע אָביעקטן פֿון ייִה"אָ) איז נישט צופֿרידנשטעליק.

אין דער אָפּטיילונג מאַטעריאַלן איז כּדאַי אָנצוּווײַזן אויף אַ וויכטיקן אינטערוויו, דורכגעפֿירט פֿון יוסף קערמיש מיט דעם טרויעריק באַרימטן „באַ־זיגער" פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד, גענעראַל פֿאָן סטרופּ.

ניט געקוקט אויף די אָנגעמערקטע חסרונות איז בלפּג אַ וויכטיקע דער־גרייכונג. זי איז איינע פֿון די בעסטע וויסנשאַפֿטלעכע צײַטשריפֿטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער חורבן־פֿאָרשונג.

ד"ר פֿיליפּ פֿרידמאַן

ביאַליסטאָקער געטאָ

1. Dr. Szymon Datner, *Walka i zagłada białostockiego ghetta*, Łódź, 1946, 48 pp., Książki Wojewódzkiej Żydowskiej Komisji Historycznej w Białymstoku, no. 1.

2. ד. קלעמענטינאָווסקי, לעבן און אומקום אין ביאַליסטאָקער געטאָ, ניו־יאָרק, 1946, 92 זז׳.

3. סראָלקע קאָט, כורבן ביאַליסטאָק, בוענאָס־אײַרעס, 1947, 148 זז׳.

נאָך דעם ווי ב. מאַרק האָט אין דער מאָסקווער אייניקייט [1] אין 1945 איבערגעגעבן, אויפֿן סמך פֿון גבֿית־עדות, וועגן דעם „אויפֿשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ", זײַנען וועגן ביאַליסטאָק אונטער די דײַטשן אַרויס די אויבן פֿאַרצייכנטע דרײַ ביכלעך.*

ד"ר דאַטנער האָט זיך כּמעט די גאַנצע צײַט, פֿון 1941 ביז 1943, אַליין געפֿונען אין געטאָ. אין זײַן באַשרײַבונג האָט ער זיך חוץ דעם אויך באַנוצט מיט די מאַטעריאַלן פֿון דער צענטראַלער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע און פֿון דער וואָיעוואָדישער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין ביאַליסטאָק. ער דערציילט די געשעענישן פּשוט, זאַכלעך; נאָר אין איינציקע ערטער פּרוּווט ער געבן אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז אָדער אַן אייגענעם אויספֿיר. מיר באַקומען דעריבער פֿון אים אַ קלאָרע כראָניק פֿון די געשעענישן, וואָס דאָס איז געוויינטלעך וויכטיק ביז גאָר: ער גיט אונדז די ווערטיקסטע ידיעות וועגן לעבן און טויט פֿון די ביאַליסטאָקער ייִדן, מיט אַ סך נעמען און דאַטעס.

קלעמענטינאָווסקיס אַרבעט דערגענצט אונדז אַ ביסל צו די איבערמענטשלעכע דילעמעס, וואָס די דײַטשע אויסראָט־מעטאָדן האָבן אַוועקגעשטעלט פֿאַר זייערע קרבנות. דער גרויל פֿילט זיך צום מערסטן אין די איבערלעבונגען פֿון פֿרוי פֿאַלק, וואָס אויף איר עדות זאָגן איז דאָס בוך דער עיקר באַזירט. זי און די עטלעכע אַנדערע געראַטעוועטע, פֿון וועמען קלעמענטינאָווסקי האָט באַקומען זײַן מאַטעריאַל, האָבן ניט אַלץ געזען, אָבער אַ סך געהערט; זײַנען דאָרט, אין פֿאַרגלײַך מיט דאַטנערן, פֿאַראַן אַ סך אומבאַשטימטקייטן און אויך אומפּינקטלעכקייטן.[2]

קאָט אין זײַן באַריכט איז נאָר אויסן צו דערציילן, וואָס מיט אים אַליין האָט פּאַסירט. ער איז געווען אין געטאָ ביז מיט עטלעכע טעג פֿאַר דער ליקווידאַציע, דערנאָך איז ער אַוועק „אין וואַלד".

---

[1] אויך אין *Nowe Widnokręgi*.

* די דאָזיקע רעצענזיע איז געשריבן געוואָרן אין 1947. זינט דעמאָלט זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן נאָך אַנדערע אַרבעטן וועגן ביאַליסטאָקער געטאָ. — רעד׳.

[2] למשל: קלעמענטינאָווסקי גיט איבער (ז׳ 23), אַז אין געטאָ „איז .... קיין הונגער נישט געווען; איינער האָט אַרויסגעהאָלפֿן דעם צווייטן". די דאָזיקע אידיליע, וואָס לכתּחילה זעט זי אויס שטאַרק אָפּגעפֿרעגט, זעט טאַקע אויס היפּש אַנדערש בײַ קאָטן: די אַרבעטערס אין פֿאַבריקן האָבן באַקומען 250 גראַם ברויט אויף צוויי טעג, און בײַם טויער פֿון געטאָ זײַנען שטענדיק געשטאַנען מענטשן וואָס האָבן געבעטן אַ ביסל פּראָדוקטן בײַ די אַרבעטערס וואָס זײַנען געקומען מחוץ דער געטאָ. וועגן דער צאָל ווידערשטענדלערס זאָגט קלעמענטינאָווסקי (ז׳ 68): „2,000 ייִדישע מאַקאַבייער", אין דער צײַט וואָס דאַטנער רעדט וועגן 300.

אַרום און אַרום באַקומען מיר אין די דרײַ באַשרײַבונגען אַ בילד וועגן גזרות און טעראָר, וועגן ווידערשטאַנד (פּריִער פּאַסיוו און דערנאָך אַקטיוו), וועגן דער ראָלע און טעטיקייט פֿון יודענראַט, וועגן דער באַציִונג (זייער אַ ביטער קאַפּיטל!) פֿון שכנים־פּאָליאַקן. זייער ווינציק דערוויסן מיר זיך וועגן טאָג־טעגלעכן אינעווייניקסטן לעבן אין געטאָ כּל־זמן מען האָט געלעבט. קלע־מענטינאָווסקי זאָגט נאָר, אַז קיין גרעסערע קולטור־אַרבעט האָט זיך אין געטאָ ניט געלאָזט פֿירן, נאָר עס איז געווען אַ יתומים־הויז, אַ מושבֿ־זקנים, אַ שולע, פּראָפֿעסיאָנעלע קורסן.

דאַטנערס ביכל אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז צום בעסטן די סיסטעמאַטישקייט פֿון דײַטשן טעראָר וואָס האָט נאָך ביזן אײַנפֿירן די געטאָ אומגעבראַכט דורך פֿאַרברענען, צעשיסן און דעפּאָרטירן פֿיל, פֿיל טויזנטער פֿון דער 60טויזנט־קעפּיקער עדה. נאָך דעם ווי מען איז אין ביאַליסטאָק געוווּיר געוואָרן וועגן פּאָנאַר, דעם מאַסן־קבֿר פֿון ווילנער ייִדן, און וועגן דער גרויסער שחיטה אין סלאָנים דעם 14טן נאָוועמבער 1941, איז די געטאָ־באַפֿעלקערונג געווען פּסיכיש אַזוי געבראָכן, אַז וועגן קיין עפֿעקטיוון מאַסן־ווידערשטאַנד האָט שוין איצט אוודאי ניט געקאָנט זײַן קיין רייד. געהאָפֿט האָט מען אויף ישועות פֿון דרויסן. ניט געקוקט אויף אַלע פֿאַרבאָטן האָט מען זיך פֿאָרט צוגעשלאָגן צו צײַטונגען [3] און מען האָט זיך געשפּײַזט מיט אײַנריידענישן. דער פּויפּס וועט זיך אָננעמען, די נייטראַלע לענדער וועלן זיך אָננעמען, דער אינטער־נאַציאָנאַלער רויטער קרייץ וועט באַוועגן היטלערן צו בײַטן זײַן פּאָליטיק. נאָך סטאַלינגראַד איז צוגעקומען די האָפֿענונג, אַז די דײַטשן אַליין, זעענדיק אַז די שפּיל איז פֿאַרן טײַוול, וועלן מאַכן אַ רעוואָלוציע. אַזוי ווי די ראַיעל־קייט פֿון די פֿאַרשיידענע קלאַנגען האָט מען ניט געקאָנט קאָנטראָלירן, האָט מען וווּנטשן אָנגענומען פֿאַר פֿאַקטן. אין דער מפּלה פֿון דײַטש איז מען געווען זיכער ביזן לעצטן מאָמענט — די פֿראַגע איז נאָר געווען, צי וועט מען דער־ציִען ביז וואַנען די רויטע אַרמיי וועט אָנקומען פֿון אָריאָל און בעלגאָראָד ביז ביאַליסטאָק.

אין שײַן פֿון די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע פֿאַקטאָרן דאַרף מען אָפּשאַצן די פֿראַגעס פֿון ווידערשטאַנד און פֿון דער האַלטונג פֿון יודענראַט.

גרופּעס יונגטלעכע האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ באַוואָפֿנטן קאַמף נאָך סוף 1941. די וויכטיקסטע מניעה איז געווען דאָס וואָס די ייִדישע באַ־פֿעלקערונג האָט נאָך געהאָפֿט. ווײַטער אָבער איז ניט געווען קיין געוועער און עס איז געווען די פֿאַרמלחמהדיקע צעשפּליטערונג אויף פּאַרטייִשע גרופּעס. סוף 1942 פֿאַראייניקן זיך אַלע גרופּעס אין צוויי קאָלעקטיוון: אין בלאָק אַ נייען אַרײַן דער השומר הצעיר און דער בונד,[4] און אין צווייטן, אין

[3] די פּאַראַגראַפֿן וועגן פּרעסע זײַנען פֿון די געציילטע בײַ דאַטנערן, ווו מען דערפֿילט דאָס פֿאָלק.

[4] די דאָזיקע גלידערונג גיט דאַטנער אויף ז׳ 27, אָבער מיט עטלעכע זײַטלעך ווײַטער דער־מאָנט ער אויך דעם אָנטייל פֿון קאָמוניסטן אין די קאַמפֿן.

בלאָק ב, החלוץ, דרור, הנוער הציוני, בית״ר און השומר הצעיר. אַ דאַנק דעם אָנטייל פֿון השומר הצעיר אין ביידע אָרגאַניזאַציעס האָט ער נעקאָנט שפּילן די ראָלע פֿון אַ פֿאַרבינדער. אָבער ביז דער „ערשטער אַקציע" (פֿעברואַר 1943) איז נאָך קיין צוזאַמענשלוס ניט געווען און די זעלבשוץ איז אײַנגע־בראָכן געוואָרן. אַקטן פֿון שטעלן זיך אַנטקעגן זײַנען אָבער פֿאַרצייכנט פֿון אַט דער פֿעברואַר־אַקציע אויך, און מען וואָלט זיי אַלע געדאַרפֿט צונויפֿנעמען מיט אַ מאַקסימום פּרטים. אויפֿן ערשטן אָרט דאַרף מען דאָ דערמאָנען יצחק מלמדן, אַ 30־יאָריקן סלאָנימער אַרבעטער, וואָס האָט שוין געהאַט צוגעזען די שחיטה בײַ זיך אין שטאָט.[5] ער האָט אָפּגעגאָסן אַן עס־עס־מאַן מיט אַלעם, און ווען די דײַטשן האָבן נעמאָלדן, אַז אויב מען וועט אים ניט אַרויסגעבן, וועלן זיי אויסקוילן פֿינף טויזנט ייִדן, האָט ער זיך פֿרײַוויליק איבערגעגעבן צו זיי אין די הענט.[6]

ערשט נאָך דער פֿעברואַר־קאַטאַסטראָפֿע נעמט זיך אַנטוויקלען די ווידער־שטאַנד־באַוועגונג אויף אַ ביסל אַ גרעסערן פֿאַרנעם,[7] און אין אויגוסט 1943, ווען די דײַטשן זײַנען געקומען אומברענגען די געטאָ אין גאַנצן, האָבן די קעמפֿערס שוין אַטאַקירט די ערשטע. די אומגלײַכע שלאַכט האָט זיך געצויגן פֿון דער נאַכט פֿון 15טן אַנטקעגן 16טן אויגוסט ביזן 26סטן אויגוסט; אויף מאָרגן איז דער גרופּע לעבן געבליבענע געראָטן אַרויסצוגיין אין וואַלד און צושטיין צו די פּאַרטיזאַנערס. אגב, די גאַנצע צײַט איז ניט געווען קיין איין איינציקער פֿאַרראַט.

די דאָזיקע צווייטע — און לעצטגילטיקע — שחיטה פֿון דער איבערגעבלי־בענער געטאָ־עדה איז געקומען, ווי עס ווײַזט אויס, אין גאַנצן אומגעריכט אַפֿילו פֿאַר דער אָרטיקער געשטאַפּאָ: אויף דורכצופֿירן די ליקווידאַציע האָט מען אַראָפּ־געבראַכט ספּעציעלע עס־עס־אָפּטיילן צוזאַמען מיט אוקראַיִנער און ליטווינער. ממילא איז שוין קלאָר, אַז וועגן די הכנות צו דער אויסראָטונג האָט מען גאָרניט

---

[5] וועגן דער שחיטה אין סלאָנים זען די גבֿית־עדות פֿון מרדכי יאַוש [ייִאוש?] אין: *"Akcje" i "wysiedlenia,"* część I, opracował dr. Józef Kermisz, Łódź, Centralna Żydowska Komisja Historyczna, 1946, pp. 199—210.

אַן אַנדער באַשרײַבונג פֿון חורבן סלאָנים געפֿינט זיך אין אַרכיוו פֿון ייִוואָ.

[6] זען הרבֿ אַ. בורשטין, „דער ביאַליסטאָקער קדוש יעקבֿ [!] מלמד ז״ל", פֿון לעצטן חורבן (מינכן), נומ׳ 1 (אויגוסט 1946), ז׳ 7.

אין מאָרגן־פֿרײַהייט פֿון אָקטאָבער 26, 1947 (ניט אָנגעוויזן, פֿון וואַנען ס׳איז איבערגע־דרוקט) געפֿינט זיך אַ נאָטיץ, אַז די אַמאָליקע קופּיעצקע גאַס אין ביאַליסטאָק הייסט איצטער יצחק מלמד־גאַס. זען אויך די פֿאַקטן וועגן העניע לעווין און נאָך 13 קעמפֿערס פֿאַרפּײַניקטע אין געשטאַפּאָ בײַ דאַטנערן ז׳ 34.

[7] צו אַ צוזאַמענגאַס פֿון די ביידע קאָלעקטיוון איז ערשט געקומען נאָך דעם ווי ס׳זײַנען צו זיי דערגאַנגען, אין יולי 1943, גרוסן וועגן דעםווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אַחוץ וואָס ס׳זײַנען געווען אומשטימיקייטן פֿון אַ פּאַרטייִשן כאַראַקטער איז מען זיך אויך פֿונאַנדערגעגאַנגען וועגן אַן עיקרדיקער אַקטועלער פּראָבלעם: קעמפֿן אין געטאָ גופֿא אָדער אַרויסרײַסן זיך אין וואַלד אַרײַן.

געוווּסט אין יודענראַט, וואָס זײַן פּאָרזיצער, אינזשעניר באַראַש, איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיך פֿון יעדער גזרה דערוויסן בײַ צײַטנס.

דער יודענראַט ווערט געשילדערט בולט פֿון אַלע דרײַ מחברים. זײַן טעטיקייט וואַקלט זיך די גאַנצע צײַט צווישן פּערמאַנענטן אויספֿירן דעם רצון פֿון דײַטש און צײַטווײַליקן פֿאַרלײַכטערן דאָס לעבן אין געטאָ. עס זעט אויס, אַז אינזשעניר באַראַש, דער פּאָרזיצער פֿון יודענראַט און פֿרי־ערדיקער ראָש־הקהל (אַ געבוירענער פֿון בילסק) האָט געגלייבט, אַז מיט נאָכגעבן דעם דײַטש און מיט אינטענסיווער אַרבעט וועט מען זיך פֿאַרט ראַטעווען: ביאַליסטאָק האָט דאָך גרויסע פֿאַבריקן און ברענגט נוצן דער דײַטשער קריגס־אינדוסטריע. האָבן געאַרבעט אַלע וואָס האָבן נאָר געקאָנט, פֿון 17 ביז 70, אין דרײַ שיכטן 24 שעה אַ מעת־לעת. מען האָט געקראָגן אַ ביסל עסן, אָבער דער עיקר איז געווען דער „שײַן" וואָס האָט געזאָלט שיצן קעגן טויט. אין פֿעברואַר 1943 זײַנען די דײַטשן געקומען מיט דער פֿאָדערונג אויף אַ רשימה פֿון 6,000 „נים־אַרבעטנדיקע" ייִדן אַרויסצופֿירן זיי פֿון געטאָ. אַלע האָבן געוווּסט וואָס דאָס הייסט. אָבער באַראַש, וואָס אַלע דרײַ מחברים ריידן וועגן אים מיט פֿאַראַכטונג, האָט צוגעשטעלט די רשימה, ווײַל ער האָט געמיינט, אַז מיט דעם וועט ער ראַטעווען די איבערגעבליבענע פּופּציק טויזנט.[8] ער און זײַן „אָרדנונגסדינסט" און אַ פּאָר צענדלינג מוסרים[9] זײַנען נעגאַנגען פֿאָרויס און אויסגערופֿן די נעמען פֿון דער רשימה. אויף באַראַשן האָט מען שפּעטער אין געטאָ געזאָגט, אַז ער האָט „איבערגעשניטן די באַנד", ד"ה ער האָט געעפֿנט די אַקציע; פֿריִער, ווען ער איז געווען בכּוח אָפּצושרײַען גזרות, זײַנען די געטאָ־אײַנוווינערס גרייט געווען צו קוקן אויף אים ווי אויף אַ רעטער. דאַטנער שרײַבט: „באַראַשעס פֿאַרברעכן איז, וואָס ער האָט גע־גלייבט דעם דײַטש און אָפּגענאַרט די מאַסן וואָס האָבן אין אים געגלייבט".

סימע קאַפּלאַן

אַ געשיכטע פֿון ייִדן אין ביאַליסטאָק

אַ. ש. הערשבערג, פּנקס ביאַליסטאָק, אַרויסגעגעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר געשיכטע פֿון ביאַליסטאָק, רעד' יודל מאַרק, ניו־יאָרק, 1949—1950, 1טער באַנד 480 זז', 2טער באַנד 380 זז'.

דאָס דאָזיקע ווערק טראָגט אַן אונטערקעפּל: גרונט־מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין ביאַליסטאָק ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס נעמט אַרום די צײַט פֿון 1658 און אפֿשר נאָך פֿריִער, ווען ביאַליסטאָק

---

[8] מענטשן וואָס האָבן געקענט באַראַשן פֿון פֿאַר דער מלחמה וואָלטן געדאַרפֿט דערציילן וועגן אים מער פּרטים: אויב מיר ווילן פֿאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פֿונעם אומקום דאַרפֿן מיר זיך פֿלײַסן צו פֿאַרשטיין אויך דעם טיפּ פּערזענלעכקייט.

[9] אַנדערע מוסרים האָבן געהאַט לעבנסשײַנען, ווי די דײַטשן האָבן מיטן פּולן מויל אָנגעוויזן די פּראָפֿעסיע: „פֿאַררעטער".

איז געװען אין גבֿול פֿון דער טיקטינער קהילה, און פֿאַרענדיקט זיך מיטן יאָר 1934.

דאָס בוך איז אַ סך מער װי דאָס באַשײדענע אונטערקעפּל זאָגט, אָבער אין דער זעלבער צײַט איז דאָס נאָך ניט קײן פֿולע געשיכטע פֿון ייִדן אין בֿיאַליסטאָק, ניט געקוקט אויף דעם װאָס אַ רײ ענינים װערן אין דעם בוך באַהאַנדלט כּמעט אויף אַ מאָנאָגראַפֿישן אופֿן. דער פֿאַרשטאָרבענער מחבר האָט זיכער ניט פּרעטענדירט אויף אַזאַ פֿולער מאָנאָגראַפֿיע. האָט ער טאַקע זײַן װערק אַ נאָמען געגעבן פּנקס ביאַליסטאָק, דאָס מײנט אַ קהילה־בוך, אַ בוך װאָס אַנטהאַלט ידיעות, דאָקומענטן, באַשרײַבונגען פֿון פּערזענלעכקײטן, היסטאָרישע געשעענישן, אינסטיטוציעס, חבֿרות אאַז״װ, װי דאָס פֿלעגט אַ מאָל געמאַכט װערן, אויף אַ פּרימיטיװן אופֿן, אין די אַלטע פּינקסים. אָבער װאָס פֿאַר אַ געװאַלדיקער חילוק! דער פּנקס ביאַליסטאָק שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ נײַעם, אַ מאָדערנעם טיפּ פּינקס. די אַלטע קהילה־פּינקסים באַשטײען בדרך כּלל פֿון פּראָטאָקאָלן, תּקנות, רשימות פֿון טוערס, באַריכטן װעגן הכנסות און הוצאות פֿון די קהילה־אינסטיטוציעס אד״גל. אמת, פּנקס ביאַליסטאָק פֿאַרמאָגט אויך אַזאַ מין מאַטעריאַל, אָבער ער איז ניט אַ פּראָדוקט פֿון אַ קהילה־מזכּיר אָדער אַ שמשׂ. דער מחבר איז געװען אַ מאָדערנער שרײַבער, אַ כּלל־טוער. אַ סך פֿון די קאַפּיטלעך זײַנען פֿאַרשאַרבעטן אויפֿן סמך פֿון מקורים; אַנדערע קאַפּיטלעך זײַנען געשריבן אויפֿן סמך פֿון פּערזענלעכע זכרונות. דער מחבר האָט דער עיקר אויסגענוצט אַלטע פּינקסים, זכרונות פֿון מיטצײַטלערס, שאלות ותּשובֿות, מצבֿות, הסכּמות אויף רבנישע ספֿרים, סטאַטיסטישע און עקאָנאָמישע מאַטעריאַלן און אויספֿאָרשונגען אין רוסישע, פּױלישע און דײַטשישע פּובליקאַציעס, װי אויך די העברעיִשע, ייִדישע און רוסיש־ייִדישע פּרעסע און אַנדערע מקורים, װאָס ס׳װאָלט פֿאַרנומען צו פֿיל פּלאַץ אויפֿצוצײלן און כאַראַקטעריזירן זײ אין די ראַמען פֿון דער רעצענזיע.[1] געשריבן זײַנען די צװײ בענד פּשוט, פֿאָלקסטימלעך, לעבעדיק, אַזױ אַז אַ דורכשניטלעכער לײענער קען האָבן אַ פֿאַרגעניגן װען ער באַקענט זיך מיט דעם רײַכן, פֿילזײַטיקן אינהאַלט.

דער מחבר איז במשך פֿון העכער 50 יאָר געװען אַרײַנגעטאָן אין די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, פֿילאַנטראָפּישע און קולטורעלע פּראָבלעמען, װעלכע ער באַהאַנדלט אין אַזאַ ברײטן פֿאַרנעם. געקומען איז ער קײן ביאַליסטאָק אין 1880, װען ער איז אַלט געװען אַרום 20 יאָר.[2] דאָרטן איז ער געװאָרן אַ טוכפֿאַבריקאַנט. ער איז געװען טעטיק אין דער חובֿבֿי־ציון־באַװעגונג װאָס האָט אין ביאַליסטאָק געהאַט אַזאַ גלענצנדיקן פֿירער װי ר׳ שמואל מאָהילעװער. אָבער הערש־

---

[1] ס׳איז מיר אַ װוּנדער, װאָס עס װערט ניט ציטירט אין דעם בוך די אַרטיקלען־סעריע פֿון י. כאַראַש אין דעם זשורנאַל װאָסכאָד, 1901, איבער די אינדוסטריעלע צענטערס אין דעם תּחום המושבֿ.

[2] אין דעם אַרטיקל װעגן הערשבערגן אין *Encyclopaedia Judaica*, באַנד VII, שפּ׳ 1211 איז אָבער געזאָגט אַז ער איז געבוירן געװאָרן אין 1858.

בערג איז ניט געווען סתם א מיטגליד פון דער באַוועגונג, נאָר איז אַוועק קיין ארץ־ישׂראל צו זען וואָס טוט זיך דאָרט. אָפּגעוועזן אין לאַנד אָנדערטהאַלבן יאָר האָט ער אָנגעשריבן א ריי קריטישע ארטיקלען וועגן דעם דעמאָלטיקן מצבֿ פון דער קאָלאָניזאַציע. שרײַבן, פאָרשן, וויסנשאַפטלעך פאָרשן, איז געווען א וויכטיקער עלעמענט אין הערשבערגס נאַטור. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער ארבעט.

אייגנטלעך וואָלט כּדאַי געווען לענגער זיך אָפּצושטעלן אויף הערשבערגס ליטעראַרישער און וויסנשאַפטלעכער ארבעט. דער פּלאַץ איז אָבער צו ענג צו געבן דאָ אַן אָפּשאַצונג פון זײַנע אויפטוען אפילו בלויז אין פעלד פון יידישער קולטור־געשיכטע און עקאָנאָמיק, וואָס פאַרנעמען דעם וויכטיקסטן פּלאַץ אין זײַנע ארבעטן. ער האָט געהאַט גרויסע פּלענער אָבער צום באַדויערן זײַנען ניט אַלע זײַנע פּלענער רעאַליזירט געוואָרן. צוויי טעמעס האָבן אים שטאַרק באַשעפטיקט: א) דאָס יידישע קולטור־לעבן אין דער תּקופה פון דער משנה און פון תּלמוד און ב) די געשיכטע פון דער יידישער ראַסע און קולטור פון די עלטסטע צײַטן ביז צום סוף פון דער תּלמודישער תּקופה. פאַרעפנטלעכט געוואָרן איז נאָר איין טייל פון דעם ווערק דאָס יידישע קולטור־לעבן און א מאָנאָגראַפיע א"נ: ההלבשה העברית הקדומה, חקירה בארכיאולוגיה העברית בתקופת כתבי הקדש (תושיה, וואַרשע, תּרע"א) און אַחוץ דעם א ריי שטודיעס אין פאַרשיידענע צײַטשריפטן. א סך מאַנוסקריפּטן זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען. דאָס וואָלט אַגבֿ אויך געווען געטראָפן מיט דעם פּנקס ביאַלי־סטאָק, ווען דער מחבר וואָלט ניט געווען געפאָלגט די עצה פון ד"ר הערמאַן פראַנק, וויצעפאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון ביאַליסטאָק, און אריבערגעשיקט דעם מאַטעריאַל קיין ניו־יאָרק אין 1938.

דער ערשטער באַנד הייבט זיך אָן מיט אַן אַרײַנפיר פון דער געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון ביאַליסטאָק, וואָס פאַרדינט א האַרציקן יישר־כּוח פאַר דעם שיין אַרויסגעגעבענעם און וויכטיקן היסטאָרישן ווערק, און מיט א פאָרוואָרט פון דעם רעדאַקטאָר, יודל מאַרק. העגעך הערשבערג האָט אָנגעשריבן א פאָר וואַרעמע ווערטער וועגן זײַן פאָטער. דער היסטאָריקער ישׂראל הײַלפּערין האָט אָנגעשריבן א ביאָגראַפישע שטודיע וועגן אבֿרהם שמואל הערשבערגן ז"ל. ער גיט אַן אָפּשאַצונג פון זײַן וויסנשאַפטלעכער ארבעט און א ביבליאָגראַפיע פון זײַנע וויכטיקערע היסטאָרישע און ציוניסטישע שריפטן.

אין דעם אַרײַנפיר צום ווערק באַקאָנט אונדז הערשבערג ווי אַזוי ער איז געקומען צו שרײַבן דעם פּנקס ביאַליסטאָק און סקיצירט קורץ די וויכטיקסטע מקורים. ער שטעלט זיך אָפּ לענגער אויף דעם פּוילישן בוך וועגן ביאַליסטאָק פון הענריק מאָשטשיצקי, וואָס איז אַרויס אין 1933, און ווײַזט אָן אויף די סתירות דאָרטן. ווײַטער גיט דער מחבר אַן איבערבליק איבער די אויפטוען אויף דעם געביט פון פאָרשן געשיכטע פון יידישע קהילות אין פּוילן און אין שכנישע לענדער. דאָס איז א ביבליאָגראַפיע וואָס נייטיקט זיך אין א פאָר אויסבעסערונגען און דערגאַנצונגען.

די קאַפּיטלען איינס ביז פינף און קאַפּיטל זיבן אין דעם ערשטן באַנד זײַנען אָפּגעגעבן דער געשיכטע פֿון ביאַליסטאָקער קהילה ביז אין מיטן 19טן יאָרהונדערט. די קאַפּיטלען זײַנען היסטאָריש די ווּיכטיקסטע אין דעם ווערק. די קאַפּיטלען זעקס און נײַן אַנטהאַלטן ביאָגראַפֿיעס פֿון רבנים, דיינים, גדולי תּורה, ראָשי ישיבֿות אאַז״וו. קאַפּיטל צען באַהאַנדלט ביאַליסטאָקער משׂכּילים. קאַפּיטל אַכט איז אַן אינטערעסאַנטער צושטײַער צו דער געשיכטע פֿון לעבנס־שטייגער ביז די 60ער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט און דערגאַנצט פּאַסיק דעם היסטאָרישן טייל. מיר דערוויסן זיך פֿון דעם קאַפּיטל וועגן צוויי אינטערעסאַנטע פּינקסים פֿון צוויי אַלטע חבֿרות — חבֿרה תּורה און חבֿרה חייטים — וואָס הערשבערג האָט באַנוצט.

קאַפּיטל עלף באַשרײַבט די פּאָפּציקיאָריקע הערשאַפֿט פֿון דעם תּקיף יחיאל בער וואָלקאָוויסקי איבער דער קהילה, אָבער הערשבערג ווײַזט אָן אַז ער איז ניט געווען דער ערגסטער פֿון די אַמאָליקע אַליין־הערשערס איבער ייִדישע קהילות. אַנדערע שטעט האָבן געהאַט אומפֿאַרגלײַכלעך ערגערע תּקיפֿים. די קאַפּיטלען 12—15 באַהאַנדלען רעליגיע, פֿילאַנטראָפּיע, דערציִונג, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אַנשטאַלטן און חבֿרות ביז פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה (די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון די אַנשטאַלטן און געזעלשאַפֿטן ווערן באַשריבן אין צווייטן באַנד).

צום סוף פֿון ערשטן באַנד קומען דרײַ הוספֿות וואָס וועלן באַזונדער אינטערעסירן דעם ספּעציאַליסט אין ייִדישער געשיכטע־פֿאָרשונג. הוספֿה 1 איז אַ קאָפּיע פֿון די ערשטע מקורים אין טיקטינער פּינקס וועגן ביאַליסטאָקער קהילה. הוספֿה 2 איז אַ קאָפּיע פֿון דעם פּוילישן טעקסט פֿון בראַניצקיס סטאַטוט פֿאַר ביאַליסטאָקער קהל, אויסגעשטעלט אין 1777. הוספֿה 3 שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ פּרוּוו צו מאַכן זיך אַ לפֿי־ערכדיקן באַגריף וועגן אַ ריי ניפֿטרים פֿון די נוסחאות אויף זייערע מצבֿות. דאָס איז אַ דערגאַנצונג צו אַ גרויסער צאָל נוסחאות אין די קאַפּיטלען 9, 10 א״אַ, וואָס אַנטהאַלטן ביאָגראַפֿיעס פֿון ביאַלי־סטאָקער חשובֿע פּערזענלעכקייטן.

הערשבערג איז געווען אַ טעקסטיל־פֿאַבריקאַנט, און דערפֿאַר זײַנען טאַקע די ערשטע דרײַ קאַפּיטלען אין דעם צווייטן באַנד פּנקס ביאַליסטאָק (וועגן דער טעקסטיל־אינדוסטריע) די בעסטע אין דעם גאַנצן ווערק. קאַפּיטל איינס גיט אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער דער ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטריע ביז 1880. קאַפּיטל צוויי באַהאַנדלט דעם וווּקס פֿון דער אינדוסטריע אין די יאָרן 1880—1900 און קאַפּיטל דרײַ באַלײַכט די אַנטוויקלונג פֿון דעם ביאַלי־סטאָקער ייִדישן אַרבעטער, אָנהייבנדיק מיט די ערשטע ידיעות וועגן ייִדישע טעקסטיל־אַרבעטערס אין 1828, ביז צום יאָר 1900, ווען די צאָל אַרבעטערס איז שטאַרק אויסגעוואַקסן און ווען די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען זײַנען געוואָרן היפּש קאָמפּליצירט. די ערשטע צוויי קאַפּיטלען זײַנען באַזירט אויף סאָלידע היסטאָרישע מאַטעריאַלן. וואָס נעענטער דער מחבר קומט צו נײַערע צײַטן באַזירט ער זיך אויף פּריוואַטע ידיעות און

אייגענע אָפּשאַצונגען. דאָ טרעפט מען שוין אַ פּאָר אומפּינקטלעכקייטן. דאָס איז, למשל, נוגע די א"ב־רשימה פֿון פֿאַבריקאַנטן און לווינקעטניקעס ביז צום יאָר 1900 (זז׳ 54—73). די אַרויסגעבערס ווײַזן אָן אַז די רשימה איז ניט תּמיד גענוי און מאַכן עטלעכע אויסבעסערונגען אויפֿן סמך פֿון אינפֿאָרמאַציעס פֿון אַלטע ביאַליסטאָקער תּושבֿים.

קאַפּיטל זיבן פֿון צווייטן באַנד הייבט זיך אָן מיט אַן אַרײַנפֿיר וואָס גיט אַ סך היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן שולן אין דער תּלמודישער עפּאָכע, וועגן מיקווה און חבֿרה קדישא אין דער ייִדישער טראַדיציע. דערנאָך גייט ער אַריבער צו באַשרײַבן דעם איבערבוי פֿון אַלטע קהילה־אַנשטאַלטן אין ביאַליסטאָק אין די יאָרן פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין דעם דאָזיקן באַנד ווערן באַהאַנדלט די שטורעמדיקע יאָרן 1900—1907, דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם אין 1905, די ערשטע וועלט־מלחמה א"אַ.

אַ קריטיקער פֿון פּנקס ביאַליסטאָק האָט מיט רעכט באַצייכנט דעם מחבר ווי אַן „ענציקלאָפּעדיע וועגן ביאַליסטאָק". און אַזוי ווי אַן ענציקלאָפּעדיע נעמט אַרײַן אין זיך גוטע און ווייניקער גוטע אַרבעטן, אַזוי געפֿינען זיך אויך אין דעם ווערק פֿעלערן און אומפּינקטלעכקייטן. דער קריטיקער איז שמואל לייב ראַבינאָוויטש, אַן אַלטער ביאַליסטאָקער תּושבֿ וואָס וווינט איצט אין לאָנדאָן. ער האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין ביאַליסטאָקער לעבן (פּסח־נומ׳ 1949), „דער צוויי פּנימדיקער העשל מעדאַלטשיק און זײַן זון, ד"ר שמערל הײַלפּערן, דער משומד".[3] דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער צוגאָב צום פּנקס ביאַלי־סטאָק. ראַבינאָוויטש בעסערט אויס אַ פּאָר אומפּינקטלעכקייטן אין די ידיעות וואָס הערשבערג האָט געבראַכט וועגן דעם רוסישן שפּיאָן העשל הײַלפּערן־מעדאַלטשיק, וואָס האָט געפֿירט אַ טאָפּלט לעבן — אין ביאַליסטאָק האָט ער זיך געפֿירט ווי אַ פֿרומער ייִד, אין דער וועלט, אין זײַנע באַציִונגען מיט די רוסישע מלוכה־לײַט און אויף זײַנע נסיעות איבער דער גאָרער וועלט, פֿלעגט ער אויפֿטרעטן ווי אַן „אייראָפּעער". ווײַטער ווערן אויסגעבעסערט אומפּינקטלעכקייטן וועגן העשלס זון, ד"ר שמואל הײַלפּערן. ראַבינאָוויטש מאַכט אויך מיט רעכט אויפֿמערקזאַם אויף דעם פּלאָנטער אין די באַציִונגען צווישן „די אפֿשר הונדערט הײַלפּערנס אין ביאַליסטאָק, וואָס האָבן גאָרניט אָפּגעשטאַמט פֿון העשל מעדאַלטשיק". ער שטעלט קשיות וועגן אַ צאָל הײַלפּערנס וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין ייִדישן ביאַליסטאָק, זיי אָבער האָבן ניט געפֿונען אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג אין דעם בוך.

אַזוי למשל, וועגן העשל ב"ר דוד הײַלפּערן, וואָס ער ווערט קורץ דער־מאָנט אויף ז׳ 380 פֿון ערשטן באַנד. ער האָט אויסגעהאַלטן מיט יערלעכע בײַשטײַערונגען די צווייטע כּיתּה אין דער ישיבֿה וואָס דער באַנקיר אליהו מײַלאַך האָט עטאַבלירט אין אַ שטענדיקן בנין. אָט דער העשל הײַלפּערן ווערט

---

[3] וועגן אים זײַנען פֿאַראַן נײַע פּרטים אין דעם רוסישן בוך פֿון אַ. ס. ניפֿאָנטאָוו, „רוסלאַנד אין 1848" (מאָסקווע, 1949), זז׳ 106, 127. — רעד׳.

ניט דערמאָנט אין דעם זוכצעטל. (זײַן אייניקל איז מײַן פֿרוי רחל ווישניצער.)

צום סוף וויל איך מאַכן אַן אַלגעמיינע באַמערקונג.

אין 18טן יאָרהונדערט, ווען ייִדן אין די אַזוי גערופֿענע קיניגלעכע שטעט אין פּוילן און ליטע, ווי למשל קראָקע, לעמבערג, לובלין, ווילנע און וואַרשע, האָבן זיך שווער געראַנגלט מיט די שטאָטישע מאַגיסטראַטן אינעם קאַמף פֿאַר זייער עקאָנאָמישער עקסיסטענץ, און זײַנען אויסגעשטאַנען צרות און רדיפֿות, זעט מען אָבער אין די פּריוואַטע, פּריצישע שטעט און שטעטלעך אַן אַנדער בילד: אין בראָד, טשאָרטקעוו, באַרדיטשעוו, ראָוונע און אין ביאַלי־סטאָק האָבן די פּריצים, די בעלי־בתּים פֿון די דאָזיקע שטעט, אַרויסגעוויזן אַ חוש פֿאַר די עקאָנאָמישע אינטערעסן פֿון זייערע שטעט און פֿון זייערע אײַנוווינערס אָן אונטערשייד פֿון גלויבן און נאַציאָנאַליטעט. אָט די ווירטשאַפֿט־לעכע אינטערעסן האָבן דיקטירט די גרויסע פּריצים אײַנצוהאַלטן אַ נייטראַלע, אָפֿט פֿרײַנדלעכע פּאָליטיק לגבי ייִדן. פּאָטאָצקי האָט געגעבן ייִדן אין בראָד אַ גרויסע הלוואה און אַ דאַנק דעם האָבן בראָדער ייִדן אַנטוויקלט אַן אינטער־נאַציאָנאַלן האַנדל. ראַדזיוויל האָט שטאַרק באַשיצט די ייִדן אין באַרדיטשעוו. ליובאָמירסקי האָט געהאָלפֿן ייִדן אין ראָוונע אויפֿצובויען אַ נײַ לעבן נאָך די גזרות פֿון 17טן יאָרהונדערט. דער טשאָרטקעווער פּאָטאָצקי האָט געגעבן ייִדישע בעלי־מלאָכות אַ פּריווילעגיע צו גרינדן אַן אייגענעם צעך. וואָס בראַניצקי האָט אויפֿגעטאָן פֿאַר ביאַליסטאָק ווערט דערציילט אין פּנקס ביאַלי־סטאָק.

אין די דערמאָנטע שטעט און אויך אין אַ סך אַנדערע פּריצישע שטעט האָבן ייִדן געקאָנט פֿרײַער לעבן און זיך מפֿרנס זײַן פֿון מיסחר און מלאָכה אָן דער סכּנה אַטאַקירט צו ווערן מצד די מאַגיסטראַטן און קריסטלעכע צעכן.

די בראַניצקים האָבן געלייגט דעם יסוד פֿאַר ביאַליסטאָקס עקאָנאָמישן וווּקס. אין 19טן יאָרהונדערט איז די שטאָט געוואָרן אַ וויכטיקער אינדוסטריע־לער צענטער. ייִדן ווי אונטערנעמערס און אַרבעטערס האָבן אַ סך בײַגע־שטײַערט צום וווּקס פֿון דער שטאָט. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט איבערגע־ריסן די קייט פֿון דער אַנטוויקלונג, אָבער נאָך דער מלחמה איז געקומען אַ נײַע תּקופֿה פֿון אויפֿבלי. ביאַליסטאָק האָט געשפּילט אַ היפּשע ראָלע אין דעם געזעלשאַפֿטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פֿון ייִדישן קיבוץ אין פּוילן. ביאַליסטאָק האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי וויסנשאַפֿטלערס און כּלל־טוערס. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אָפּגעווישט אַ גרויסן ייִדישן קיבוץ וואָס האָט אין בערך אַ קורצער צײַט אַזוי פֿיל באַוויזן אויפֿצוטאָן. פּנקס ביאַליסטאָק וועט דערציילן קומענדיקע דורות וועגן איינעם פֿון די וויכטיקסטע צענטערס פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

ד״ר מ. ווישניצער

אָפּגעראַטעוועטע שאַפֿונגען פֿון געטאָס און לאַגערן

לידער פֿון די געטאָס און לאַגערן, טעקסטן און מעלאָדיעס געזאַמלט פֿון ש. קאַטשערגינסקי, רעדאַקטירט פֿון ה. לייוויק, ציקאָ, ניו־יאָרק, 1948, XXXIX+436 זז׳.

שוין אין די אָקופּאַציע־צײַטן פֿלעגט מען ווי באַוווּסט אויסבאַהאַלטן און פֿאַרזיכערן פֿאַר דער צוקונפֿט ליטעראַרישע אַרבעטן, געשריבענע דורך ייִדן במשך פֿון די חורבן־יאָרן. געטאָן האָבן דאָס סײַ אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס סײַ יחידים. נאָך דער מלחמה האָט מען אָנגעהויבן זאַמלען און פֿאַרעפֿנטלעכן די אָפּגעראַטעוועטע שאַפֿונגען. די צענטראַלע ייִדישע היסטאָרישע קאָמיסיע אין פּוילן האָט למשל אַרויסגעגעבן אויף ייִדיש אַ באַנד לידער פֿון מ. געבירטיק (סיברענט) און צוויי פּאָעמעס פֿון ש. שאַיעוויטש (לך לך), ווי אויך אַ ריי פּובליקאַציעס אין דער פּוילישער שפּראַך און צווישן זיי אַ גרויסע לידער־אַנטאָלאָגיע: „דאָס ליד וועט בלײַבן גאַנץ.״ חוץ דעם זײַנען נאָך אין דעם זעלבן פֿאַרלאַג אַרויס עטלעכע אַרבעטן וואָס זײַנען אויף דער גרענעץ צווישן זכרונות און בעלעטריסטיק. אין אַנדערע לענדער זײַנען אַרויס: י. קאַצענעלסאָנס דאָס ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק (פּאַריז, 1945), דאָס געזאַנג פֿון ווילנער געטאָ (פּאַריז, 1947, געזאַמלט דורך ש. קאַטשערגינסקי), אַ פּאָר זאַמלונגען אין בוקאַרעשט, רומעניע, א״אַ. עס האָבן אויך אַרויסגעגעבן זייערע שאַפֿונגען מחברים וואָס האָבן איבערגעלעבט די אָקופּאַציע (אַ. סוצקעווער, י. שפּיגל א״אַ).

איצט איז צו די אויסגערעכנטע אויסגאַבעס צוגעקומען די גרויסע און וויכטיקע זאַמלונג: לידער פֿון די געטאָס און לאַגערן וואָס נעמט אַרום בײַ 250 שאַפֿונגען.

די אַרבעט פֿון זאַמלען איז נישט געווען קיין לײַכטע. ש. קאַטשערגינסקי דערציילט אונדז:

> איך האָב... [געזאַמלט] וואָרט נאָך וואָרט, שורה נאָך שורה, ליד נאָך ליד... כ׳האָב זיך צוזאַמענגעטראָפֿן מיט ייִדן פֿון די פֿאַרשיידנסטע געטאָס, לאַגערן, טויטהײַזער, ייִדן פֿון וואַלד. כ׳בין געגאַנגען צו זיי פֿאַר טאָג, כ׳בין געקומען צו זיי שפּעט אין דער נאַכט. כ׳בין געפֿאָרן צו זיי אין גרעסערע און קלענערע ייִשובֿים. כ׳האָב זיך אויך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט געראַטעוועטע ייִדן אין אַנדערע לענדער (דײַטשלאַנד, רומעניע, פֿראַנקרײַך א״אַ).

אין זײַן הקדמה צו דער זאַמלונג גייט קאַטשערגינסקי נישט אַרײַן אין פּרטים. ער אַנאַליזירט נישט דעם ווערט פֿון די שאַפֿונגען און נישט די באַדינגונגען אין וועלכע זיי זײַנען אַנטשטאַנען. ער באַגרענעצט זיך מיט אַן אַלגעמיינעם איבערבליק. חוץ דער הקדמה פֿון דעם זאַמלער געפֿינט זיך אין בוך אַן עסיי פֿון ה. לייוויק, וואָס האָט רעדאַקטירט דעם באַנד. עס איז כּדאַי צו באַמערקן אַז לייוויק האָט אַרײַנגעגעבן אין דעם בוך אַ ריי לידער וואָס ער האָט געזאַמלט בשעת זײַן רײַזע איבער די דײַטשע לאַגערן. אויך אין זײַן

עסיי איז נישט פֿאַראַן קיין אַנאַליז פֿון די לידער. לייוויק רעדט אַרום די וויכטיקערע מאָטיוון פֿון די שאַפֿונגען און שטעלט פֿעסט אויפֿן סמך פֿון זייער תּוכן:

די ליבשאַפֿט צום פֿאָלק, צו זײַן פּײַן, צו זײַנע טרערן איז גוואַלדיק גרויס אין אַלע געטאָ־ און קאַצעט־לידער. די ליבשאַפֿט גייט אַזש אַריבער אין אַן אָנסופֿיקער צערטלעכקייט צום געטאָ אַליין, צו די געטאָ־טויערן, צו ענגע מויערן. ס'שלאָגט אָפּ פֿון די לידער מיט דער הייליקער פֿאַר־שוואַרנקייט פֿון על נהרות בבֿל.

די געזאַמלטע טעקסטן זײַנען איַינגעטיילט אין פֿיר גרופּעס: 1) זאָג נישט קיין מאָל; 2) געטאָ־לעבן; 3) טרעבלינקע און 4) קאָנטעראַטאַק. די אַנטאָלאָגיע איז אַזוי אַרום געסדרט לויט טעמעס און נישט לויט מחברים. דערבײַ קומט אויף זייער אַ וויכטיקע פֿראַגע, דהײַנו: ווי אַזוי זאָל מען אָפּשאַצן די שאַפֿונגען פֿון דעם מין? וועלכע מאָסן זאָל מען אין דעם פֿאַל אָנווענדן?

די דאָזיקע פּראָבלעם איז אויפֿגעשוווּמען באַלד נאָך דער מלחמה, בעת מען איז צוגעטראָטן זאַמלען די חורבן־ליטעראַטור. איין צד האָט געטענהט אַז בנוגע די דאָזיקע „גיהנום־לידער" קען מען ניט „אָנווענדן קיין אָנגענומענע ליטעראַרישע מאָסן." דאָס איז אַגבֿ אויך די שטעלונג פֿון דעם צוזאַמענשטעלער פֿון דער זאַמלונג וואָס מיר באַטראַכטן דאָ.

„דאָס האַרץ לאָזט נישט" — שרײַבט לייוויק אין זײַן הקדמה — „אַפֿילו אויפֿן אומבאַהאָלפֿנסטן ליד זאָגן: ס'איז שלעכט." דאָס איז די סיבה פֿאַר וואָס עס זײַנען אַרײַן אין דעם בוך אַלע לידער וואָס ס'איז געלונגען צונויפֿ־צוזאַמלען.

אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז אַ שלעכטע שאַפֿונג איז תּמיד שלעכט, און די ספּעציפֿישע באַדינגונגען אין וועלכע אַזעלכע לידער זײַנען אויפֿגעקומען קענען ניט דינען ווי אַן אויסרייד. אויך דאָ דאַרפֿן גילטן קודם־כּל די אַזוי גערופֿענע ליטעראַרישע מאָסן.

איך מוז זיך מודה זײַן, אַז איך שטים ניט איַין מיט די פֿאָרמולירונגען פֿוןביידע צדדים, ווײַל די עצם פּראָבלעם ווערט פֿון ביידע שטאַנדפּונקטן ניט אָנגערירט.

ש. קאַטשערגינסקי שרײַבט, אַז דער מין שאַפֿונג פֿאַרמאָגט אַ דאָקומענ־טאַרישן ווערט קודם־כּל צוליב דער ליטעראַרישער דירעקטקייט, און הגם „די פֿאָרעם איז ניט קיין געהובלטע, אַ פּשוטע, אָבער זי איז אַן אוממיטלבאַרע."

איך מיין, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט אין דער „ניט־געהובלטער פֿאָרעם." דער ענין איז אַ סך אַ טיפֿערער. אַ סך מחברים, וואָס האָבן זיך ניט אויסגע־אַרבעט קיין אייגענע פֿאָרעם, האָבן איבערגענומען פֿאַרטיקערהייט די גלאַטע פֿראַזעס, די „שיינע אויסדרוקן," די רעטאָרישע זאַצן און אַנדערע מיטלען פֿון דער גראַמען־מלאָכה. דווקא זיי באַנוצן גאָר אָפֿט די „קײַלעכדיקע ווערטלעך." די „שיינע," די „דערהויבענע" אויסדרוקן זײַנען בײַ זיי תּמיד שטאַרקער פֿון די דירעקטע איבערלעבענישן. דערפֿאַר קלינגען זייערע לידער ווי געגראַמטע

פּראָזע. מען געפינט אין זיי ווערטער און אויסדרוקן וואָס זײַנען נייטיק נאָר צוליב דעם גראַם אָדער דעם ריטעם.

עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק אָנצוּווענדן לגבי די דאָזיקע לידער די „אײַנגעשטעלטע" ליטעראַרישע קריטעריעס. אין אַזעלכע לידער דאַרף מען זוכן ניט נאָר עלעמענטן פון פּאָעזיע, נאָר אַלץ וואָס איז אַנדערש ווי אין אַ פּראָטאָקאָל־באַשרײַבונג. עס קען זײַן אַ קרייצונג פון רעפלעקסן פון פאַר־שיידענע ווירקלעכקייט־פלאַכן (ווי למשל אין דעם ליד פון טרעבלינקע „שלאָף מײַן קינד"), ווי אַ ניואַנס פון געפיל, אַ גוט באַמערקטער פּרט, אַ שפּאָטישער אָדער אַ געמיינער אויסדרוק. אָבער אַזאַ צונויפמיש פון עלעמענטן איז דער עצם מהות פון דער איבערלעבונג און ניט קיין פוסטע רעטאָריק. אין דעם פּרט איז אויך ניטאָ קיין „געהויבלטע פאָרעם." גראָד פאַרקערט: דווקא דאָס ניט רעכענען זיך מיט פאָרעם ברענגט אָפּט מאָל אַרויס פּאָעטישע אויסגע־פינערישקייט.

אין דעם פּוילישן ליד פון דעם יאַנאָווער טויטלאַגער איז פאַראַן אַזאַ מין צונויפמיש פון טראַגישקייט און וווּלגאַרקייט. דאָס שאָקירט דעם לייענער, אָבער אין דער וווּלגאַרקייט שטעקט דער אמת פון דער סבֿיבֿה און דער דירעקטער אויסדרוק־כּוח וואָס דאָס ליד פאַרמאָגט.

חוץ דעם פאַרמאָגט אַזאַ ליד אַ נאַטירלעכע „געדיכטקייט," אויב דעם מחבר געלינגט אַרײַנצוגעבן אין עטלעכע פערזן דעם גאַנצן אינהאַלט פון זײַן איבערלעבעניש. אין דער צײַט פון דער אָקופּאַציע זײַנען אויסערגעוויינטלעכע דערשײַנונגען געווען אַ וואָכעדיקע זאַך, ממילא קען מען דאָ טעמאַטיש ניט איבעראַשן. דערפאַר מוז מען דורכפירן אַ געוויסע סעלעקציע פון די דאָזיקע דערשײַנונגען; טייל פון זיי אונטערשטרײַכן, אַנדערע אפילו נישט דערמאָנען.

אין דער זאַמלונג געפינט זיך אַ צאָל לידער וואָס זײַנען אינטערעסאַנט. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז לגבי דעם פאָרנעם פון דער זאַמלונג איז זייער צאָל אַ גאַנץ קליינע. די מערהייט לידער זײַנען אפילו נישט קיין דערציילונגען, נאָר געוויינטלעכע געגראַמטע פּראָטאָקאָלן.

ווי אַזוי לאָזט זיך דאָס אויפקלערן?

כּדי צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע מוז מען באַרירן אַן אַנדער ענין: די זאַמלונג איז געבויט, ווי שוין דערמאָנט, לויט טעמעס און נישט לויט מחברים. דאָס איז אַ ריכטיקער צוגאַנג. ערגער איז אָבער, וואָס אפילו אין דער רשימה ווערן די מחברים בכלל נישט דערמאָנט; דאָס האָט מען באַדאַרפט טאָן צוליב פּשוטער אָריענטאַציע. ווען די אַרויסגעבערס וואָלטן געמאַכט אַזאַ רשימה וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ גרויסע צאָל טעקסטן שטאַמט פון עטלע־כע „פּראָדוקטיווע" מחברים. דער דאָזיקער פאַקט רעדט פאַר זיך גופא, דאָס הייסט, אַז על פּי רובֿ זײַנען די שאַפונגען אויפגעקומען נישט ווי אַ פּועל יוצא פון אַ דירעקטן שעפערישן אימפּולס. אין דעם פּרט זײַנען שטענדיק די פּראָדוקטיווסטע דווקא די מענטשן וואָס קאָנצענטרירן זיך נישט אויף איין באַשטימטן אָפּשניט פון דער ווירקלעכקייט אָדער אויף באַשטימטע איבער־לעבענישן, נאָר זיי באַרירן די טעמעס זייער אויבנאויפיק.

דער זאַמלער דערציילט אַז ער האָט גענומען אין אַכט נאָר אַזעלכע לידער וואָס זײַנען געזונגען געוואָרן; דער דאָזיקער פּרינציפּ ווערט אָבער נישט תּמיד דורכגעפֿירט. פֿאַרקערט, אין דער זאַמלונג געפֿינט זיך אַ גרויסע צאָל שאַפֿונגען וואָס האָבן מיט געזאַנג גאָרנישט צו טאָן. ווײַטער דערקלערט ש. קאַטשערגינסקי אַז ער האָט נישט אַרײַנגעשטעלט אין דער זאַמלונג די שאַפֿונגען פֿון „אָנערקענטע דיכטערס,” אָבער מיר געפֿינען פֿאָרט אין דעם בוך אַ גאַנצע ריי לידער פֿון באַקאַנטע דיכטערס. דאָס איז אויך שייך די איבער־זעצונגען פֿון פּויליש. אגבֿ האָט מען אין יעדן איינעם פֿון די פֿיר אָפּטיילן אינעם בוך אַרײַנגעשטעלט שאַפֿונגען וואָס פּאַסן זיך ניט אַרײַן אין דעם שייכדיקן אָפּטייל. עס דאַכט זיך דעריבער אַז מען האָט געגעבן אַלץ וואָס האָט זיך צופֿעליק געפֿונען אין דער טעקע.

צופֿעליקייט הערשט אויך אין דעם אויסקלײַב און אין ציטירן די מקורים. געבירטיקס ליד „ס'ברענט” ווערט ציטירט לויט אַ צופֿעליקן מקור, הגם דער טעקסט פֿונעם ליד לויט דעם געפֿונענעם כּתבֿ־יד פֿונעם מחבר איז שוין לאַנג געווען געדרוקט און איבערגעדרוקט, און מען ווייסט, אַז לויטן דאָזיקן טעקסט האָבן דאָס ליד געזונגען די מיטגלידער פֿון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין רע־זולטאַט באַקומט זיך אַ גאַנץ איבערגעדרייטער טעקסט: מען האָט קאַליע גע־מאַכט דעם ריטעם, מען האָט געביטן די ווערטער און דעם סדר פֿון די פֿערזן — און דאָס אַלץ דערפֿאַר, וואָס דער צופֿעליקער מענטש וואָס האָט דעם טעקסט איבערגעגעבן האָט שלעכט געהערט, אָדער האָט שוין געהאַט פֿאַרגעסן.

עס זײַנען אויך פֿאַראַן טעותים אין די דערקלערונגען צו די לידער, אַפֿילו אין פּרטים וואָס זײַנען באַקאַנט. אָבער בדרך כּלל זײַנען די דערקלערונגען זייער גוטע און דאָס איז ש. קאַטשערגינסקיס פֿאַרדינסט.

אַ גרויסער אויפֿטו איז דאָס צונויפֿזאַמלען די מעלאָדיעס. אין דעם פּרט איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ פּיאָנירישע אַרבעט. די נאָטן האָט פֿאַרשריבן און צוגעגרייט צום דרוק דער קאָמפּאָזיטאָר מיכל געלבאַרט. עס איז אַ שאָד, וואָס מען האָט זיך נישט באַמיט די מעלאָדיעס צו אידענטיפֿיצירן. נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער גרעסטער טייל ניגונים זײַנען נישט אָריגינעלע נאָר איבער־גענומענע — וואָלט דאָס אָבער געווען וויכטיק פֿעסטצושטעלן.

און נאָך איין ענין: דער זאַמלער ווי אויך דער רעדאַקטאָר האָבן אָנגע־שריבן אַלגעמיינע הקדמות און דאָס איז געווען נייטיק. עס איז אָבער אַ שאָד וואָס אין דער זאַמלונג געפֿינט זיך ניט אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון די ביזאַיצטיקע אַרבעטן וואָס זײַנען אַרויס אויף דעם געביט.

מיט די דאָזיקע באַמערקונגען בין איך נישט אויסן צו פֿאַרקלענערן דעם ווערט פֿון דעם בוך. פֿאַרקערט: איך האַלט עס פֿאַר אַ ווערטפֿולן צו־שטײַער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור. דער זאַמלער, דער רעדאַקטאָר און אויך דער פֿאַרלאַג האָבן געאַרבעט מיט אַן אמתדיק פּיעטעט־געפֿיל.

מיכאל מ. באָרוויטש (פּאַריז)

די אַנטוויקלונג פֿון דער בוכקולטור בײַ ייִדן

תולדות הספר העברי, מאת א. מ. הברמן, הוצאת ראובן מס, ירושלים, תש"ה, 128 זז'.

דאָס דאָזיקע ביכל איז דער ערשטער פּרוּוו פֿון אַ געשיכטע פֿון העב־רעיִשן ספֿר געשריבן ניט ווי אַ טרוקענע ביבליאָגראַפֿישע רשימה, נאָר ווי אַ קולטור־היסטאָרישע מאָנאָגראַפֿיע. הגם די ליטעראַטור וועגן ייִדישן בוך איז זייער אַ רײַכע, דאָך האָט ביז איצטער קיינער ניט געפּרוּווט צו געבן אַ סינ־טעטיש בילד פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער בוכקולטור בײַ ייִדן. האַבערמאַן, דער מחבר פֿון דער דאָזיקער מאָנאָגראַפֿיע, איז אַ באַקאַנטער ביבליאָגראַף און קען די שײַכותדיקע ליטעראַטור אויסגעצייכנט. אין טייל קאַפּיטלעך האָט ער אַפֿילו אַרײַנגעפֿלאָכטן דעם שײַכותדיקן ניט־ייִדישן מאַטעריאַל און אַזוי אַרום אַרויסגעבראַכט מער בולט דעם אונטערשייד פֿון ייִדישן דרוקוועזן און דעם ניט־ייִדישן. אין דער דאָזיקער קאָמפּאַקטער מאָנאָגראַפֿיע וועט דער לייענער געפֿינען זייער גוט צוגעפּאַסטע ציטאַטן, גענומען פֿון הקדמות פֿון זעלטענע העברעיִשע און ייִדישע ספֿרים, וואָס אילוסטרירן זייער בולט די טעכניק, די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, די פֿאַרלעגערישע שוועריקייטן און אַפֿילו די פּרײַזן פֿאַר דרוקן, האָנאָראַרן און אַנדערע וויכטיקע פּרטים וואָס זײַנען שייך בוך־פּראָדוקציע. מיט רעכט באַטראַכט דער מחבר די גע־שיכטע פֿון ייִדישן ספֿר ווי אַן אינטעגראַלן טייל פֿון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע. דער מחבר לאָזט אַזוי אָפֿט רעדן די מחברים גופֿא, אַז די אָפּטע, לאַנגע און באמת אינטערעסאַנטע ציטאַטן פֿאַרשאַפֿן ממש אַ פֿאַרגעניגן בעת מען לייענט זיי און אַזוי באַקומט זיך אַ קאָלירפֿולע אַנטאָלאָגיע פֿון קולטור־היסטאָרישע דאָקומענטן.

אין דעם בוך געפֿינט זיך אַ שלל ידיעות וועגן יעדער קלייניקייט וואָס האָט נאָר אַ שײַכות מיטן ענין דרוקן. אַזוי אַרום קען מען זיך דערוויסן וועגן דעם ענין קאָרעקטור בײַ ייִדן אַ מאָל, צענזור־שוועריקייטן, ביכער־פֿאַרקויף, בוך־מעצענאַטן, גנבֿות פֿון ביכער, ביבליאָטעקן, קאַטאַלאָגן, אײַנבינדערײַ אאַז"וו. די ווערטפֿולע הערות דערגאַנצן דעם לעבעדיק געשריבענעם טעקסט. די ביבליאָ־גראַפֿיע אין דעם בוך איז אַ רײַכע, הגם ווײַט ניט קיין פֿולע. די רעפּראָדוקציעס פֿון אַלטע ספֿרים זײַנען זייער אינטערעסאַנט און זאָגן עדות אויף דעם עסטע־טישן מעמד פֿון ייִדישע דרוקערײַען אַ מאָל.

אויף זז' 98—103 האָט דער מחבר געגעבן אַ רשימה פֿון ייִדישע דרוקע־רײַען מיט דער דאַטע פֿון זייער אויפֿקום. אין דער דאָזיקער רשימה זײַנען פֿאַראַן עטלעכע טעותים, וואָס ס'איז כּדאַי זיי דאָ צו קאָרעגירן.

אוסטרהא דאַרף זײַן 1793 און ניט 1794.

איזמיר (סמירנאַ) — 1658 און ניט 1657.

אַנווירשאַ (אַנטווערפּן) — 1564 און ניט 1566.

בולוניאַ (Bologna) גיט דער מחבר אָן 1477 און 1537; עס איז אָבער אויך באַקאַנט אַן אינקונאַבל פֿון 1482.

גיסאַ (Giessen) האָט געהאַט אַ דרוקערײַ שוין אין 1657 און ניט ערשט 1714.

האַמבורג — 1586 (C.B. 276).

עס פֿעלט אין גאַנצן האַנאָווער — 1757.

מאָהילעוום זײַנען פֿאַראַן צוויי: בײַם דניעסטער און בײַם דניעפּער. דאָס האָט מען באַדאַרפֿט אויפֿקלערן.

נאָווידוואָר פֿון 1591 איז ניט דער זעלבער נאָווידוואָר פֿון 1781.

עס פֿעלן אויך: קיניגסבערג — 1759, טריעסט — 1799, פֿאָסאַנאָ — 1796.

אויך ווענן אַנדערע דרוקערײַען לאָזט זיך „אָפּדינגען" דאָס יאָר פֿון אויפֿקום. אָבער דאָס זײַנען קלייניקייטן. די כראָנאָלאָגיע פֿון ייִדישן דרוקוועזן איז נאָך אַלץ ניט פֿעסטגעשטעלט דעפֿיניטיוו, ניט געקוקט אויף דעם וואָס מיר האָבן אַ גוטע התחלה אויף דעם געביט.[1]

אַזאַ מאָנאָגראַפֿיע וועט זיכער גאָר אין גיכן האָבן אַ נײַע, אַ פֿאַרגרעסערטע אויסגאַבע און דעריבער קען מען האָפֿן אַז די קליינע טעותים וועלן פֿאַרריכט ווערן. אָבער מיט דעם ווערט דער ענין ניט דערלידיקט. עס זײַנען פֿאַראַן נאָך אַנדערע ענינים וואָס פֿאָדערן אַ מער פּרטימדיקע באַשרײַבונג ווי מען געפֿינט עס אין דעם בוך. לאָמיר נעמען, למשל, דעם טיראַזש פֿון ספֿרים. גראָד די ידיעות ווענן דער צאָל געדרוקטע עקזעמפּלאַרן זײַנען קולטור־היסטאָריש אינטערעסאַנט. בפֿרט נאָך ווען מען זאָל אָנגעבן די סיבות פֿאַר אַ קליינעם טיראַזש פֿון אַ ספֿר איז שוין דער ענין סאָציאָלאָגיש זייער וויכטיק.

אין דער הקדמה צום ספֿר חמדת צבי, געדרוקט אין מאָהילעוו בײַם דניעפּער אין 1825, ווערט אָנגעגעבן אַז ער איז געדרוקט אין 450 עקזעמפּלאַרן. ווענן טיראַזש פֿון לעמבערגער דרוקן געפֿינט מען פּרטים אין *Zeitschrift für hebräische Bibliographie*, 1866, VIII, 59. ווענן דער דרוקער־משפּחה האַליטש (האַבערמאַן, ז' 66) זײַנען פֿאַראַן נײַע מאַטעריאַלן פֿון יאַן פּטאַשניק אין *Kwartalnik Historyczny*. ווענן דער טעכניק פֿון פֿאַרקויפֿן ספֿרים ווערט דערצײַלט אַז אין פּויזן האָט יעדער ייִד וואָס האָט געצאָלט 100 גילדן שטײַער געמוזט קויפֿן 2 עקזעמפּלאַרן פֿון אבן השוהם פֿון אליקום געץ (אין 1733). זען: *Jahrbuch*, Fr. a. M. II, 345. ברילינג ברענגט (*MGWJ*, 1936, 268), אַז אין 1752 האָט דער פֿאַרקויף פֿון ש"ס אַרײַנגעבראַכט קיין פּרײַסן מער ווי אַ טאָן און אַ האַלב גאָלד. אַקערמאַן ברענגט אין *Geschichte der Juden in Brandenburg*, 1906, 25 אַז אין יאָר 1446 האָט מען פֿאַר אַ תּנך באַצאָלט 33 פֿלאָרין. אַ גרויסער פּרײַז פֿאַר אַ ספר יצירה ווערט געברענגט אין *REJ*, 27, 32. אויך ווענן טיפּן פֿון ייִדישן ביכער־קויפֿער געפֿינט מען אין *REJ*, 42, 277-79, און ווענן רעכט צו דרוקן אַ ספֿר, דאָרט, 41, 264. ווענן ייִדישע דרוקערײַען

---

[1] Aron Freimann, *A Gazeteer of Hebrew Printing*, New York Public Library, 1946, 86 pp.

האַבערמאַן האָט דאָס ביכל ניט געקענט זען, ווײַל זײַן אַרבעט איז אַרויס מיט אַ יאָר פֿריִער.

אין האָלאַנד איז פֿאַראַן אַן אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל. למשל, וועגן קאָנ־טראַקטן מיט דרוקערס בײַ J. G. van Dillen, *Bronnen voor de geschiedenis van het bedrijfsleven*, II, 1933 און אויך בײַ שודטן (Schudt, III, 204), ווו עס ווערט דערציילט אַז אין דער דרוקערײַ פֿון Athias זײַנען געווען צוועלף דרוקמאַשינען. וועגן פּרײַזן פֿון תּלמוד אין איטאַליע אין 16טן י"ה געפֿינט מען אַ פּאָר וויכטיקע פֿאַקטן בײַ: M. Stern, *Urkundliche Beiträge über die Stellung der Päpste zu den Juden*, 1893, I, 146, 148. אויך וועגן צענזור־עניינים, פּרײַזן, רשימות פֿון ספֿרים איז פֿאַראַן אַ וואָגיקער מאַטעריאַל. ייִדישע צוואות ברענגען אַ סך פּרטים וואָס זײַנען שייך דער קולטור־היסטאָרישער ראָלע פֿון ספֿר.

אַ גרינטלעכע געשיכטע פֿון ייִדישן בוך וואָס זאָל אַרײַננעמען אַלע מיגלעכע אַספּעקטן פֿון קולטור־געשיכטלעכן, עקאָנאָמישן און סאָציאַל־פּאָליטישן קוקווינקל דאַרף זײַן אויף דעם סדר־היום פֿון די היסטאָריקערס אין מדינת ישׂראל.

די דאָזיקע ציטירטע אַרבעט פֿון האַבערמאַנען באַרעכטיקט צו דערוואַרטן דווקא פֿון אים אַזאַ סינטעטישע און דעפֿיניטיווע מאָנאָגראַפֿיע. מאַטעריאַל איז פֿאַראַן גענוג. אויך די צאָל פּרט־פֿאָראַרבעטן איז ניט קיין קליינע. מען קען און מען מוז צוטרעטן שרײַבן אַזאַ אַרבעט. בײַ די אומות העולם גייען אַזעלכע ווערק אַרויס זייער אָפֿט און ווערן שטאַרק געלייענט און גענוצט.

ד"ר יעקבֿ שאַצקי

די אימיגראַנטן פֿאַרן מישפּט פֿון די אַמעריקאַנער היסטאָריקערס

Edward N. Saveth, *American Historians and European Immigrants, 1875-1925*, New York, Columbia University Press, 1948, 244 pp.

דאָס בוך וואָס מיר האָבן פֿאַר זיך, אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע פֿון קאָ־לאָמביע, רעדט אַרום די באַציִונג פֿון דער אַמעריקאַנער היסטאָריאָגראַפֿיע צו דער אייראָפּעיִשער אימיגראַציע אין משך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט. און ס'איז ניט אַבי עפּעס אַ האַלבער יאָרהונדערט, נאָר אַ פּעריאָד פֿון אַ וועלט־היסטאָרישן באַטײַט: ער האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן קוואָטע־געזעץ (1924) און מיט פֿאַקטיש פֿאַרמאַכן די טויערן פֿון אַמעריקע. אַ פֿאָרשונג וואָס פֿאַרטיפֿט זיך אין דעם פּעריאָד און אין אינטערפּרעטירן זײַן היסטאָריאָגראַפֿיע וואָלט דעריבער דער עיקר געדאַרפֿט זײַן אָנגעשפּיצט אויף דעם דאָזיקן אויסלאָז. אַלע געשעענישן און אַלע מיינונגען פֿון דער צײַט, אַרײַנגערעכנט די מיינונגען פֿון די היסטאָ־ריקערס, דאַרף מען קודם אַנאַליזירן מיט איין ציל: ווי אַזוי איז אַמעריקע דערגאַנגען צו דעם דאָזיקן ראַדיקאַלן איבערבײַט אין איר אימיגראַציע־פּאָליטיק. מען דאַרף זען צו פֿאַרשטיין דאָס קוואָטע־געזעץ ווי אַ פּראָדוקט פֿון דער צײַט. אויב מיר טוען זיך אַרײַן ספּעציעל אין שטודירן די היסטאָריאָגראַפֿיע פֿון דעם פּעריאָד, דאַרפֿן מיר פֿרעגן, ווי אַזוי די היסטאָריקערס האָבן געהאָלפֿן

פֿורעמען די עפֿנטלעכע מיינונג פֿון אמעריקע וועגן דער פּראָבלעם אימיגראַציע און ווי גרויס ס'איז זייער חלק אין פֿאַרמאַכן די טויערן. וואָרעם מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט איינעם פֿון יענע זעלטענע פֿאַלן, ווען מענטשן וואָס האָבן געשריבן געשיכטע האָבן פֿאַר איינס אויך געמאַכט געשיכטע. אַ שטימונג קעגן דעם אימיגראַנט איז שוין געווען בײַם עולם אין משך פֿון צוויי הונדערט יאָר; איצטער האָט זיך אָט די שטימונג קריסטאַליזירט אין דער געזעץ־געבונג, און די היסטאָריקערס האָבן דערצו אויך צוגעלייגט אַ האַנט. ווי גרויס איז געווען זייער ראָלע בײַם משפּיע זײַן אויף דער עפֿנטלעכער מיינונג? ווי ווײַט האָבן די געלערנטע פּשוט אומקריטיש איבערגעחזרט פֿאָראורטיילן וואָס זײַנען געווען אײַנגעוואָרצלט בײַ די מאַסן? אָט דאָס האָט די דאָזיקע אויספֿאָרשונג געדאַרפֿט באַווײַזן.

צום באַדויערן מוז מען זאָגן, אַז סאַוועטס בוך גיט אונדז בלויז אַ קליין ביסל מאַטעריאַל צו פֿאַרענטפֿערן די דאָזיקע פֿראַגעס, און דאָס אויך נאָר אומדירעקט, ווײַל די מיינונגען פֿון די היסטאָריקערס וואָס ער ציטירט דאַרף מען נאָך ערשט אויסטײַטשן. דעם ענין אויספֿורעמונג פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג שליסט ער אויס לכתּחילה מיט דעם וואָס דאָס קוואָטע־געזעץ — איך קען דאָס ממש ניט פֿאַרשטיין — ווערט אַפֿילו ניט דערמאָנט; הייסט עס, דער מחבר האַלט, אַז צו זײַן טעמע האָט עס ניט.

אויב מען גייט מיט דעם גאַנג שאַפֿט זיך אַ ווידעראַנאַנד וואָס עס איז שווער תּופֿס צו זײַן. אַמאָליקע צײַטן האָט דער אמעריקאַנער עולם פֿײַנט גע־האַט און מבֿטל געווען דעם אימיגראַנט, און די היסטאָריקערס האָבן זיך אויך געהאַט זייערע טעאָריעס, פֿאַר וואָס דער אימיגראַנט פֿון אַנדערע פֿעלקער האָט גאָר אַ קנאַפּע ווערדע אַנטקעגן דעם אַנגלאָסאַקס. פֿון דעסט וועגן האָט אָבער יעמאָלט פּאַקטיש געקאָנט אַרײַנקומען קיין אמעריקע ווער עס האָט נאָר געוואָלט. דערנאָך איז געוואָרן פֿאַרקערט: אַ סך היסטאָריקערס זײַנען געוואָרן דורכגעדרונגען מיט הויכע געדאַנקען, מען הייבט אָן קוקן אויף אי־מיגראַציע ווי אויף אַ וויכטיקער סאָציאַלער פּראָבלעם, מען נעמט אַפֿילו האַלטן פֿון די קולטורן פֿון די אימיגראַנטן־פֿעלקער — און די טויערן פֿון אמעריקע פֿאַרמאַכן זיך און בלײַבן פֿאַרמאַכט. וואָס נאָך בלײַבט איבער פֿאַרן פֿאָרשער פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונגען, אויב ער שטעלט זיך ניט אָפּ פֿריִער פֿאַר אַלץ אויף דעם דאָזיקן ווידעראַנאַנד? אויב מען טיילט אָפּ די פּאַקטישע געשיכטע פֿון דער אימיגראַציע פֿונעם קאַמף קעגן איר, בלײַבן שוין קיין סך ענינים ניט איבער. ריכטיק זאָגט ראָי ל. גאַריס: „ממש יעדער אַרגומענט, יעדער מיטל פֿון באַגרענעצן און יעדער מין אויספֿאָרשן וואָס מען האָט גענוצט די לעצטע יאָרן איז אין פֿאַרשיידענע צײַטן גענוצט אָדער רעקאָמענדירט געוואָרן אין אונדזער געשיכטע אין משך פֿון מער ווי הונדערט יאָר."[1]

[1] Roy L. Garis, *Immigration Restriction. A Study of the Opposition to and Regulation of Immigration into the United States*, New York, Macmillan, 1927. p. X.

ווי באַלד די הויפּטפּראָבלעם איז געבליבן אויסן מוז דער מחבר צו־פּאַסן די מעטאָדאָלאָגיע פֿון זײַן שרײַבן צו דעם וואָס עס איז אים איבערגע־בליבן. אויב דער היסטאָריקער ווערט ניט אַרײַנגעשטעלט אין דער רעם פֿון די צײַט־געשעענישן און מען זעט ניט, ווי אַזוי ער ווירקט אויף זיי און ווערט פֿון זיי באַווירקט, מוז מען לייגן די עיקר וואָג אויף אַנדערע פֿאַקטאָרן. אויף אַזאַ אופֿן רוקט זיך אַרויס אויפֿן ערשטן פּלאַן די „באַציִונג" [2] פֿונעם היסטאָרי־קער, ניט דער טעזיס, מיט וועלכן ער קומט אַרויס (זז' 9, 200). אויף אויס־צוטײַטשן אַ היסטאָריקערס שטעלונג ווערט אויסגענוצט זײַן ביאָגראַפֿיע. אַוודאי קען מען אויף דעם אופֿן אויך דערגיין צו אינטערעסאַנטע אויספֿירן, און ד"ר סאַוועט באַווײַזט זײַן געזונטן חוש מיט אויסגעפֿינען אַ צאָל ביאָגראַפֿישע פּרטים און מיט געבן אַ צאָל גראָטעסקע אָפּשאַצונגען. אָבער אָפּט זעט דאָס אויס ווי אַוועקפֿירן דעם גאַנצן ענין אויף זײַטיקע וועגן, און ערטערווײַז קומען נאָך צו שוועריקייטן פֿון אויסטײַטשן, וואָס נאָר דער פּסיכאָלאָג וואָלט זיך געקענט אַן עצה געבן מיט זיי. אָט שרײַבט סאַוועט:

> עס איז שווער צו באַשטימען, ביז וואָס פֿאַר אַ גראַד פּיסקס באַציִונגען צו פֿעלקער און מלוכות זײַנען געווען דער רעזולטאַט פֿון אַן אינטעלעקט־טועלער איבערצײַגונג און אין וואָסער מאָס זיי זײַנען אַרויסגעוואַקסן פֿון טיף אײַנגעוואָרצלטע געפֿילן און סימפּאַטיעס. בלי שום ספֿק האָט איינס דערגאַנצט דאָס אַנדערע. דער אינטעלעקטועלער פּראָצעס אַליין האָט ניט געדאַרפֿט ברענגען פּיסקן צום אויספֿיר, אַז די אַמעריקאַנער אינסטי־טוציעס זײַנען ענגליש לויט זייער אָפּשטאַם (ז' 41).

ווי אַזוי קען דער היסטאָריאָגראַף פּסקענען, וווּהין עס האָט דעם היסטאָ־ריקער געדאַרפֿט פֿירן דער אינטעלעקטועלער פּראָצעס? און צי וואָלט ניט געווען בעסער איבערצולאָזן די פֿראַגע און פּשוט אויפֿווײַזן, אין וואָס די מיינונג פֿון דעם היסטאָריקער איז געווען ניט־לאָגיש אָדער ניט־אויסגעהאַלטן?

אָבער אויב מיר גייען זיך אַזוי שטאַרק און פּרינציפּיעל פֿונאַנדער מיטן מחבר וועגן דעם ווי אַזוי אַוועקצושטעלן די פּראָבלעם, מינערט דאָס בשום אופֿן ניט אונדזער חובֿ אַרויסצוהייבן זײַנע פּאָזיטיווע אויפֿטוען. ער ברענגט גוטע זאַכלעכע פּרט־קאַפּיטלעך וואָס ריידן אַרום די שיטות פֿון פֿאַרשיידענע היסטאָריקערס, אַ שטייגער „די טעאָריע פֿון די גערמאַנישע אָנהייבן;" אַנדערע גוטע קאַפּיטלעך זײַנען יענע, וווּ אַן ענין ווערט גערעקט אין גאַנצן דורך דער שרײַבערשער ביאָגראַפֿיע פֿון אַ היסטאָריקער. דער ענין „גערמאַנער און אימי־גראַנטן" למשל ווערט זייער קלאָר באַלויכטן דורך די פּרקים: „דזשאַן פּיסק. דזשאַן וו. בוירדזשעס. העגרי קאַבאָט לאָדזש." אין אַזוינע גרופּירונגען ווײַזט ד"ר סאַוועט ספּעציעל אַרויס זײַן גליקלעכע האַנט. ער איז אויסגעצייכנט באַ־האַוונט אין די היסטאָרישע שריפֿטן וואָס ער רעדט אַרום. ער איז אַ בריה אין אויסשפּירן ביאָגראַפֿישע פֿאַקטן; דאָס העלפֿט אים דערגרונטעווען זיך צו אַ סך אייגנצלהייטן, וואָס אַניט וואָלט מען צו זיי ניט צוגעקומען. אויך דאַרף מען אים אָפּגעבן דעם שבֿח, אַז זײַן שפּראַך איז אַ לויטערע און האַלט די גאַנצע צײַט פֿאַראינטערעסירט דעם לייענער.

---

[2] attitude.

גוט געטראָפֿן האָט דער מחבר מיט זײַן קאַפּיטל וועגן דעם גערמאַנישן היפּאָטעז אין אַנגלאָסאַקסישן קולטורקרײַז. שפּעטער גייען ווײַטערדיקע קאַפּיטלען, פֿון „די אײראָפּעיִשע פֿעלקער אין דעם אַמעריקאַנער וואַלד" ביז „גרענעץ [„פֿראָנטיר"] און שטאָטישער שמעלצטאָפּ", און דערנאָך אַן אַנאַליז פֿון די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען און פֿון דער פּאָזיציע פֿון די אימיגראַנטן אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט. כּסדר ווערט דערבײַ דער ענין צונויפֿגעפֿלאָכטן מיט דער שרײַבערשער ביאָגראַפֿיע פֿונעם היסטאָריקער, און דאָס איז גוט אַזוי. אוודאי וועלן מיר אײַנשטימען מיטן מחבר (ז' 149), אַז רוזוועלטס און ווילסאָנס גלויבן אין דעם „שטאָטישן שמעלצטאָפּ" איז געוואַקסן פֿון זייער פּאָליטישן אינטערעס אין אַזוינע טעאָריעס.

צום סוף גייט דעם מחברס פּרוּוו אויסצומאָלן, ווי אַזוי די אימיגראַנטישע גרופּעס גופֿא האָבן אָפּגעשאַצט זייער ראָלע אין אַמעריקע. דאָס קאַפּיטל רופֿט זיך „פֿיליאָפּיעטיזם", וואָס מען וואָלט בערך געקאָנט איבערגעבן מיט „כּיבוד אָבֿ". מען האָט אָפֿט באַשולדיקט די היסטאָריקערס פֿון די פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס, אַז דער עיקר גייט זיי אין גרייסן און הייבן דעם צושטײַער פֿון זייערע אָבֿות צו אַמעריקע, און אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס ריכטיק. אָבער ד"ר סאַוועטש זעט אויך, אַז „אַ היפּש ביסל געזונטע וויסנשאַפֿט געפֿינט זיך אויך אין די דאָזיקע בענד" (ז' 214).

פֿון דעם מחברס טעאָרעטישע יסודות איז צום וויכטיקסטן צו דערמאָנען, אַז די געשיכטע פֿון אימיגראַציע איז בײַ אים ניט נאָר אַ טייל פֿון דער געשיכטע פֿון אַמעריקע, נאָר אויך אַ טייל פֿון דער געשיכטע פֿון די אימיגראַנטן־פֿעלקער גופֿא. אַ שאָד נאָר וואָס ער לאָזט זיך גאָרניט אַרײַן אין די באַציִונגען פֿון די אימיגראַנטישע קיבוצים צווישן אַנאַנד; דאָ באַנוגנט ער זיך מיט פֿאַררופֿן זיך אויף אָסקאַר האַנדלינס בוך וועגן באָסטאָן.[3]

ד"ר רודאָלף גלאַנץ

רעליגיעזע און קולטורעלע שינויים אין אַ ייִדישער קהילה אין אַמעריקע

Albert I. Gordon, *Jews in Transition,* University of Minnesota Press, Minneapolis, Minn., 1949, 329 pp.

דער מחבר איז ביז ניט לאַנג צוריק געווען דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פֿון די „יונײַטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקאַ" און האָט זיך איצט אומגעקערט צום אַקטיוון ראַבינאַט; פֿריִער איז ער זעכצן יאָר נאָך אַנאַנד געווען ראַבײַ אין דער סינאַגאָגע „עדת ישורון" אין מינעאַפּאָליס. אין משך פֿון יענער צײַט האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אַנטראָפּאָלאָגיע, משמעות ווי אַ סטודענט אין דעם מינעסאָטער אוניווערסיטעט וואָס געפֿינט זיך אין יענער שטאָט. ער האָט זײַן מאַטעריאַל געקליבן צען יאָר און האָט געשריבן דאָס בוך ווי:

[3] Oscar Handlin, *Boston's Immigrants, 1790-1865,* Cambridge, Harvard University Press, 1942.

אַ שטודיע וועגן די שינויים וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין די גלייבונגען, פֿירונגען און אינסטיטוציעס פֿון די אייראָפּעיִשע ייִדן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין מינעאַפּאָליס, מינעסאָטאַ. דאָס בוך גיט זיך אָפּ מיט די צופּאַסונגען [1] אין די תּחילתדיקע קולטור־פֿורעמס פֿון ייִדן ווי אַ רעזולטאַט פֿון קאָנטאַקט מיט די קולטורן פֿון אַנדערע פֿעלקער; און אויך מיט דער פֿראַגע, פֿאַר וואָס און ווי אַזוי די דאָזיקע צופּאַסונגען זײַנען פֿאָרגעקומען.

דער ערשטער טייל אַנאַליזירט גאַנץ פּרטימדיק די געשיכטע פֿון דער קהילה. אַ סך מאַטעריאַל איז גענומען פֿון ערשטיקע מקורים. אויך האָט דער מחבר אויסגענוצט לעבנס־געשיכטעס און צונויפֿגעשטעלט אַ סכום פֿאַקטן וועגן דעם, אין וואָסערע געגנטן פֿון שטאָט מינעאַפּאָליסער ייִדן וווינען. דאָ קומט אויך אַ קאַפּיטל וועגן באַציִונגען צווישן ייִדן און ניט־ייִדן מיט אַ ספּעציעלן טראָפּ אויף דער רעאַקציע פֿון ייִדן אויף פֿאַראורטיילן קעגן זיי. פֿון גערינכטאַקטן האָט גאָרדאָן צונויפֿגעשטעלט אַ הוספֿה א״נ: „בײַט פֿון נעמען בײַ ייִדן אין מינעאַפּאָליס (1901—1945)״; דאָ געפֿינען מיר דאָקומענטירט אַ ביסל פֿון יענע טשיקאַווע כירורגישע אָפּעראַציעס וואָס ייִדן פֿירן דורך איבער זייערע געירשנטע נעמען.

אַ צווייטער טייל, און בעצם דער עיקר אין בוך, גיט זיך אָפּ מיט באַשרײַבן די עוואָלוציע פֿון מינהגים, גלייבונגען און סאָציאַלע פֿורעמס פֿונעם אַמעריקאַנער ייִד. דער מחבר איז ספּעציעל אַרײַנגעטאָן אין כאַראַקטעריזירן שינויים אין רעליגיע און מיצוות־מעשׂיות. ער רעדט אַרום כּשרות, ברית, בר־מיצווה, חתונה, לוויות, יום־טובֿים, דעם סדר פֿון דאַוונען אין סינאַגאָגע — אַלץ כּדי צו ווײַזן, וואָס עס איז דער חילוק פֿון הײַנט ביז דעם גאַנג אין מיזרח־אייראָפּע סוף פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דער אויספֿיר איז, אַז די גרויסע שינויים וואַקסן פֿון דעם ייִדנס פֿאַרלאַנג אַרײַנצופּאַסן זיך אין דער אַמעריקאַנער סבֿיבֿה און פֿאַרט אויפֿצוהיטן זײַן קולטורעלע און גײַסטיקע באַזונדערקייט.

אין אַן אָפּטיילונג וואָס רופֿט זיך: „אָט זײַנען די דורות״ שפּרייט גאָרדאָן אויס פֿאַר אונדז די לעבנס־געשיכטעס פֿון פֿיר משפּחות. די דאָזיקע געשיכטעס אילוסטרירן מסתּמא, ווי אַזוי דער יחיד זעט דעם קאָנטאַקט פֿון די צוויי קולטורן. דעם מחבר איז געראָטן צו באַקומען אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון דרײַ דורות אין יעדערער פֿון די משפּחות; הייסט עס מיר זעען פֿאַר זיך אַ היפּשן משך צײַט. דער אויספֿיר איז, אַז די ייִדן פֿון מינעאַפּאָליס קען מען צעטיילן אויף „ייִדן וואָס זאָגן יאָ״ [2] און „ייִדן בײַם ראַנד,״ [3] און אַז די צווייטע קאַטעגאָריע איז בײַ די הײַנטיקן טאָג גרעסער. לעבן אין צוויי קולטורן, האַלט גאָרדאָן, איז אַ שווערע זאַך, אָבער ייִדן האָבן געמאַכט און וועלן מאַכן די צופּאַסונגען וואָס מען דאַרף, און ממילא וועלן ייִדן בלײַבן ייִדן.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן פֿון אַן אוניווערסיטעטישן פֿאַרלאַג, ס'האָט אַ פּנים ווי אַ ספּעציאַליסט וואָלט געהאַט געגעבן דערויף השגחה און ס'איז געשריבן

[1] adaptations.
[2] affirmative Jews.
[3] marginal Jews.

מיט פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטלעכע קליפּערלעך. ווײַזט אויס דער מחבר וויל, מען זאָל עס אָננעמען פֿאַר אַן ערנצטן צושטײַער צו ייִדישער סאָציאַלער וויסנשאַפֿט; וועלן מיר עס באַטראַכטן פֿון דעם שטאַנדפּונקט און באַלד זאָגן פֿאָרויס, אַז אין אַלגעמיין דערגרייכט דער באַנד ווײַט ניט דעם ציל וואָס ער שטעלט זיך. פֿאַר וואָס?

דאָס ערשטע, וואָס וועגן דעם דאַרף מען דורכקומען, איז דער ענין מעטאָדאָלאָגיע. גאָרדאָן זאָגט אונדז, אַז ער האָט דער עיקר גענוצט די טעכניק פֿונעם „אָנטייל־נעמענדיקן אַכטגעבער,"[4] ווי די אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגן רופֿן עס. ער מיינט, אַז ער האָט אויסגעמיטן „...דעם מין סוביעקטיווקייט, פֿון וועלכן אַזאַ שטודיע וואָלט געקאָנט לײַדן." צום באַדויערן איז דאָס ניט אַזוי. אינעם אָנגענומענעם טײַטש פֿון דעם טערמין קומט דער פֿאָרשער מיט די געהעריקע רעקאָמענדאַציעס אין דער שטאָט אַרײַן, פֿאַרברענגט דאָרטן אַ יאָר ביז דרײַ יאָר, פֿאָרט אַוועק צוריק און שרײַבט אָן זײַן אויספֿאָרשונג (אָדער לכל־הפּחות דעם לעצטגילטיקן נוסח) בײַ זיך אין דער היים. זײַנע קאָלעגן, און שפּעטער דער ברייטערער עולם אויך, וועלן סוף־כּל־סוף געוווּיר ווערן דעם נאָמען פֿון דער שטאָט; אפֿשר וועלן זיי אַפֿילו דערקענען דעם אָדער יענעם יחיד וואָס איז באַשריבן געוואָרן; אָבער איינס איז זיכער: דער אָנטייל־נעמענדיקער אַכטגעבער איז ניט קיין שטענדיקער, אַפֿילו ניט קיין רעלאַטיוו שטענדיקער עלעמענט אין שטאָט. ער לאָזט ניט איבער בײַם אַוועקפֿאָרן קיין פּערזענלעכע אָדער משפּחה־דיקע בינדונגען וואָס זאָלן קענען שפּעטער משפּיע זײַן אויף זײַן פּרעזענטאַציע.

אינעם איצטיקן פֿאַל זײַנען אַ סך פֿון די דאָזיקע עלעמענטאַרע באַוואָרענישן ניט אָפּגעהיט געוואָרן. דעריבער געפֿינען מיר אַזאַ דערקלערונג אַ שטייגער:

> אַלע גרופּירונגען אין דער ייִדישער קהילה, ניט געקוקט אויף אַ סך אונטערשיידן אין איבערצײַגונגען און צונויפֿשטעל, קאָאָפּערירן אין אַ הויכער מאָס און דערגרייכן, לויט דער אָפּשאַצונג פֿונעם כּלל, אַ צופֿרידנשטעליקע מדרגה. זעלטן דערלאָזט מען, אַז אונטערשיידן אין רעליגיעזע ענינים, אין גלויבן אָדער אין מיצוות־מעשׂיות, אָדער אונטערשיידן אין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן מעמד זאָלן פֿאַרשטערן אַ קאָאָפּעראַטיווע אַקציע דאָרטן ווו ס'גייט וועגן דעם ווויל־זײַן פֿון דער גאַנצער קהילה.

אַנדערע אַכטגעבערס גיבן איבער פֿון אַנדערע קהילות גאָר אַנדערע רעזולטאַטן, און עס קומט דעריבער אויפֿן געדאַנק, אַז די דאָזיקע פֿאָרמולירונג וואַקסט פֿון דעם מחברס פֿאַרלאַנג ניט אײַנצורײַסן מיטן שטאָטישן עולם. די שבֿחים אויפֿן אַדרעס פֿונעם אָרטיקן רעפֿאָרם־ראַבײַ און זײַן קאָנגרעגאַציע (ז' 152) נעמען זיך אפֿשר אויך פֿונעם זעלביקן מקור. די ווײַטערדיקע ניט־דאָקומענטירטע ווערטאָפּשאַצן מוזן אויך פֿאַררעכנט ווערן אין דער אייגענער קאַטעגאָריע:

מען דאַרף אויך דערמאָנען וועגן דער רעליגיעזער אָנפֿירערשאַפֿט אין דער קהילה. מינעאַפּאָליס האָט מזל: זי האָט גענאָסן פֿון רבנישע מנהיגים,

[4] participant observer.

וואָס ניט געקוקט אויף זייער איבערגעגעבנקייט צו ספּעציפישע אינסטי־טוציעס און שיטות האָבן זיי אַלע מאָל מיטגעאַרבעט איינער מיטן אַנדערן כּדי צו בויען אַ בעסערע ייִדישע קהילה.

די ייִדישע קהילה אינטערעסירט זיך הײַנט ווינציק מיט פּראַגעס וועגן דעם, פון וואָסער לאַנד דער אָדער יענער מענטש שטאַמט אָדער צו וואָסער רעליגיעזער שיטה ער געהער. זי פאַרלאַנגט מערניט, עס זאָל זײַן אַ גרייטקייט צו דינען די באַדערפעניש פון דער קהילה ווי אַ גאַנצ־הייט.

ס'איז וויכטיק, אַז דער אַנטייל־נעמענדיקער אַכטגעבער זאָל זיך ניט פאַר־בינדן צו ענג מיט וועלכן עס איז ספּעציעלן אינטערעס, ווײַל דאָס וועט פאַר־ענגערן זײַן זעפעלד און אויסשליסן געוויסע שטחים פון זײַן פאָרשונג. מהאי טעמא איז גאָרדאָנס מאַטעריאַל וועגן דעם אָרט פון ראַבינאַט אין דער קהילה (זז' 170—172) שוואַך ביז גאָר. פּונקט אַזוי איז ניט זאָרגעוודיק באַאַרבעט זײַן בילד פון דער עקאָנאָמישער ראָלע פון ייִדן אין מינעאַפּאָליס, און אויף וויפל עס ווערן אַרײַנגעפירט מאָראַלישע אַספּעקטן איז דאָס בילד אידעאַליזירט. מען מעג משער זײַן למשל, אַז אינדיווידועלע ייִדן זײַנען געווען פאַרמישט אין שוואַרצן מאַרק און דער עיקר אין דעם „גרויען" מאַרק, בפרט ווען גראַד יענע צווײַגן פון עקאָנאָמישן לעבן, אין וועלכע ייִדן זײַנען שטאַרק פאַרטראָטן, זײַנען עלול אַרײַנצוציִען אין אַזוינע מינים טעטיקייטן. וועגן דעם איז אין בוך קיין סימן ניטאָ; עס זעט אויס ווי דער מחבר וואָלט אין דעם פאַל אָפּגעלאָזט זײַן ראָלע פון אַן אַנטייל־נעמענדיקן אַכטגעבער און אָנשטאָט דעם אַרײַנגענומען אין זינען דעם ענין „געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען," ד"ה דעם אײַנדרוק כּלפּי חוץ. פּונקט אַזוי איז ניטאָ קיין שום מאַטעריאַל וועגן דער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון מינעאַפּאָליסער ייִדן. צי האָט דאָ געהאַט צו זאָגן די מורא, אַז „מען" וועט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם „דזשויִש וואָוט"?

וועגן פאַרברעכערישקייט בײַ דערוואַקסענע לייענען מיר:

הריגות און פאַרברעכנס פון לײַדנשאַפט זײַנען צווישן ייִדן אין מינע־אַפּאָליס כּמעט ווי ניט באַוווּסט. אין משך פון די לעצטע דרײַסיק יאָר איז מערניט איין ייִד פאַרמישפּט געוואָרן פאַר מערדערײַ, און כאָטש ער איז עטלעכע יאָר געווען אַן אײַנוווינער פון מינעאַפּאָליס האָט מען אים בדרך־כּלל ניט געהאַלטן פאַר אַ מיטגליד פון דער מינעאַפּאָליסער קהילה.

בשעת דעם „נאָבעלן עקספּערימענט" פון פּראָהיביציע זײַנען עטלעכע ייִדן, באַגלײַך מיט אַנדערע שטאָטבירגערס, געווען „בוטלעגערס." די ייִדישע קהילה האָט מיט אַ דערווידער געקוקט אויף זייערע מעשׂים.

אַז די אַלגעמיינע פאַרברעכערישקייט בײַ ייִדן איז זייער נידעריק איז באַוווּסט, און דאָס איז אַ וויכטיקער פאַקט.* מיטן אויסנעם פון איין פאַר־בײַגייענדיקער אָנצוהערעניש (ז' 66) איגנאָרירט דער מחבר דאָס פעלד, אין וועלכן ייִדישע געזעץ־ברעכונג ווײַזט זיך אַרויס שטאַרקער: די „ווײַסקאָלנערדי־

* זען די אַרבעט פון ניסן גאָלדבערגן וועגן לאָס־אַנדזשעלעס אין איצטיקן באַנד. — רעד'.

קע" געזעץ־ברעכונגען.[5] דאָ קען די סטאַטיסטיק אַליין — און עס זעט זיך ניט, אַז דער מחבר זאָל האָבן געניצט וועלכע עס איז סטאַטיסטיק — ניט געבן קיין געטרײַע אָפּשפּיגלונג פֿון דעם פֿענאָמען.

לפֿי־ערך געראָטן איז די באַשרײַבונג פֿונעם ייִדישן רעליגיעזן לעבן אין שטאָט און פֿון די פֿאַרשיידענע אָרטאָדאָקסישע שולן, קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס און רעפֿאָרמירטע טעמפּלען. אָבער דערפֿאַר איז גאָר שוואַך די אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם לעבן פֿון כּל המיני אָרגאַניזאַציעס. אחוץ סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג געפֿינען מיר וועגן דעם גאַנץ ווייניק. אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז די ראָלע פֿון פֿרײַוויליקע אָרגאַניזאַציעס (און ספּעציעל פֿון די געלטזאַמלערישע) איז געוואַלדיק גרויס — אַזוי גרויס, אַז ערטערווײַז האָט די רעליגיעזע סטרוקטור באַקומען אַ פּנים פֿון אַ צוגאָב, ניט פֿאַרקערט. מען מוז משער זײַן, אַז דעם מחברס פּראָפֿעסיאָנעלע פּאָזיציע האָט געבראַכט דערצו, ער זאָל דאָס דאָזיקע פֿעלד כּמעט אין גאַנצן פֿאַרזען.

איצט איז שוין קיין חידוש ניט, פֿאַר וואָס גאָרדאָן איז ניט געווען בכּוח אויסצונוצן די טעכניק פֿון אָנטייל־נעמענדיקן אַכטגעבער אויף אַ געהעריקן אופֿן. אוודאי האָט ער געהאַט גוטע געלעגנהייטן צו אָבסערווירן און אוודאי איז געווען גוט, וואָס אַ דאַנק זײַן פּאָזיציע האָט ער זיך געקענט פֿאַרנעמען מיט זײַן אַרבעט און ניט געדאַרפֿט אַרויסקוקן אויף ספּעציעלע פֿאָנדן פֿאַר פֿאָרשונג; אָבער דער רעזולטאַט איז ניט קיין סך מער ווי אַ דורכגעטראַכטע סעריע אַרטיקלען. מיר לייענען אין דער הקדמה:

> די ייִדן פֿון מינעאַפּאָליס זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַן אָביעקט פֿון דער שטודיע קודם־כּל דערפֿאַר וואָס דער מחבר, ווי אַן אײַנוווינער פֿון דער שטאָט, האָט געהאַט די מיגלעכקייט צו שטודירן יעטוועדער פֿאַזע פֿון איר לעבן.

אונדז דוכט זיך, אַז דער מחבר גופֿא האָט געדאַרפֿט זען די באַגרענעצונג פֿון זײַנע מיגלעכקייטן, וואָס נעמט זיך פֿון זײַן אַן אײַנוווינער אין שטאָט, אַ ראַבינער אין אַ פּראָמינענטער קאָנגרעגאַציע, אַ טוער אין צווישנרעליגיעזע באַציִונגען, אַן אָנגעזעענער עסקן בכלל.

דאָס פֿירט אַרויף דעם רעצענזענט אויף נאָך אַ מחשבֿה. וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט איז בדרך כּלל געבויט אויף פֿריִערדיקער אַרבעט. דער פֿאָרשער באַקענט זיך מיט דעם פֿאַראַנענעם מאַטעריאַל וועגן דעם ענין, און דער איצטיקער שטאַנד פֿון וויסן וועגן דער פּראָבלעם איז זײַן אויסגאַנגפּונקט. ס'איז טאַקע אמת, אַז בײַ ייִדישער סאָציאַלער פֿאָרשונג איז צונויפֿשטעלן אַזאַ אינווענטאַר ספּעציעל שווער, אָבער באַגיין זיך אָן דעם קען מען ניט. מען זעט תּיכּף, אַז אַ היפּש

---

[5] וועגן דער דאָזיקער ספּעציפֿישער טיפּ געזעץ־ברעכונג פֿאַרגלײַך למשל:

E. H. Sutherland, "White Collar Criminality," *American Sociological Review* 5 (1940), 1-12; "Crime and Business," *Annals of the American Academy of Political and Social Science* 217 (1941), 112-118; "Is White-Collar Crime Crime?", *American Sociological Review* 10 (1945), 132-139; J. S. Wallerstein, C. J. Wyle, "Our Law-Abiding Law Breakers," *Probation*, April, 1947.

ביסל פֿון דעם וואָס גאָרדאָן וויל דערגיין איז שוין באַהאַנדלט געוואָרן אין אַנדערע ערטער; טייל אויספֿירן, און די טעכניק אוודאי, וואָלטן אים גוט צו ניץ געקומען.[6] גאָרדאָן פֿאַררופֿט זיך אויך ניט קיין איין מאָל אויף דער זשורנאַלן־ליטעראַטור (ייִוואָ־בלעטער, דזשויִש סאָשל סטאַדיס, דזשויִש רעוויו; אין אַלגעמיינע סאָציאַל־וויסנשאַפֿטלעכע זשורנאַלן וואַרפֿן זיך אויך דורך אַרטיקלען אויף ייִדישע טעמעס). ער איז יאָ באַקאַנט מיט דעם ייִדישן קהילה־איבערקוק (*Jewish Communal Survey*) פֿון מינעאַפּאָליס, אָבער ענלעכע איבערקוקן פֿון אַנדערע שטעט וואָלטן אים גאָר שטאַרק אַרויסגעהאָלפֿן אין פֿאָרמולירן פֿראַגעס. ער גיט אַפֿילו ניט קיין אָנצוהערעניש וועגן אַן אויספֿאָרשונג פֿון די צווישנגרופּנדיקע באַציִונגען אין מינעאַפּאָליס, וואָס איז אפֿשר דער בעסטער מקור. דאָס איז דער איבערקוק וואָס איז אַדורכגעפֿירט געוואָרן 1946—1948 פֿון אַ פֿינף הונדערט מינעאַפּאָליסער אײַנוווינערס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון סאָציאַלע פֿאָרשערס פֿון פֿיסק־אוניווערסיטעט אין נאַשוויל, טענעסי. מען האָט געניצט אינטערוויוען, פֿרעגבויגנס און אָבסערוואַציעס. עס לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז דער דאָזיקער גרויסער סכום מאַטעריאַלן, אויפֿגעקליבן מיטן מעטאָד וואָס מען רופֿט צײַטנווײַז „אַליין־איבערקוק פֿון אַ שטאָט,"[7] וואָלט פֿאַרטיפֿערט טייל קאַפּיטלעך פֿון בוך.

גראָד האָט מינעאַפּאָליס געוויסע סיטואַציעס וואָס קענען דאָרטן שטודירט ווערן אויסגעצייכנט, און דאָס אַרײַנקוקן אין זיי וואָלט געהאַט אַ סך אַ ברייטערן אינטערעס ווי נאָר פֿאַר אָרטיקע מענטשן. אַ שטייגער דערמאָנט דער מחבר אָפּט די מינעאַפּאָליסער תּלמוד־תּורה; אין די לעבנס־געשיכטעס געפֿינען מיר זי אויך מער ווי איין מאָל.[8] די דאָזיקע תּלמוד־תּורה האָט טאַקע אַ שם איבערן גאַנצן לאַנד; מען קוקט אויף איר ווי אויף אַ מוסטער. איצט גיט צו צו דעם וואָס דער מחבר זאָגט:

> מינעאַפּאָליס האָט לפֿי־ערך אַ סטאַבילע באַפֿעלקערונג. פֿאַראַן ווינציק וואָגלערישקייט אין שטאָט. דאָס איז ריכטיק וועגן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אויך. די צאָל ייִדישע משפּחות וואָס קומען אַריבער פֿון די

---

[6] איך כאַפּ אַרויס עטלעכע שטודיעס אויף טראַף. וועגן דער פּראָבלעם פֿון פֿאָראורטיילן און שפּאַנונגען צווישן גרופּעס איז פֿאַראַן אַ גוטער צונויפֿנעם אין Robin M. Williams, Jr., *The Reduction of Inter-group Tension*, New York, Social Science Research Council, 1947. מייערס (Henry J. Meyer) דיסערטאַציע אין מישיגאַנער אוניווערסיטעט: *The Structure of the Jewish Community in the City of Detroit* איז פֿון די בעסערע פֿאָרשונגען אויף דעם פֿעלד. וועגן יוגנט־פּראָבלעמען זײַנען פֿאַראַן לפֿי־ערך ניט ווינציק אַרבעטן, וואָס פֿון צווישן זיי וויל איך אַרויסהייבן מערניט איינע, וועגן ייִדישן סטודענטישן לעבן אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט; דער מחבר פֿון אָט דער שטודיע, וואָס זי איז געמאַכט געוואָרן אין .M. I. T אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם קורט לעווין, איז סײַמאָן נ. הוירמאַן (Herman).

[7] community self-survey.

[8] אַגבֿ געפֿינען מיר ניט קיין שום באַטראַכטונג וועגן אינטערפּרעטירן אויטאָביאָגראַפֿישע דאָקומענטן; פֿון דער גרויסער ליטעראַטור וועגן דעם וואָלט געווים געקענט זײַן אַ פּעולה פֿאַר דעם בוך.

מיזרחדיקע און גרעסערע צענטערס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז רעלאַטיוו אומבאַטייַטיק.

הייסט עס מיר האָבן דאָ אַלע באַדינגונגען פֿאַרן אחר־המעשׂהדיקן עקס־פּערימענט, כּדי צו דערגרייכן קאָרעלאַציעס וואָס זייַנען גלייַכוועדטיק צו אַ קאָנ־טראָלירטן עקספּערימענט. די פּראָבלעם: די השפּעה פֿון אַן אינטענסיווער העב־רעיִשער שולבילדונג אויפֿן שפּעטערדיקן שטייגער לעבן. אַ סך פֿריִערדיקע גראַ־דויִרטע פֿון דער מינעאַפּאָליסער תּלמוד־תּורה מוזן איצט זייַן נאָענט צו אָדער אריבער די פֿערציק, און ס'איז פֿאַראַן אַ גוט אָרגאַניזירטער פֿאַראיין פֿון אביטוריענטן. מען וואָלט געקאָנט מאַכן אַ שטודיע וועגן דעם שפּעטערדיקן גאַנג פֿון זייער ייִדישן לעבן, און פֿאַר קאָנטראָל־גרופּעס וואָלט מען געקאָנט ניצן גראַדויִרטע פֿון רעפֿאָרמירטע זונטאָגשולן, מענטשן אָן שום ייִדישער שולבילדונג אאַז"וו. דאָס וואָלט אונדז געבראַכט די ערשטע פֿאַרלאָזלעכע שטודיע וועגן דעם, צי איז פֿאַראַן אַ השפּעה (און אויב יאָ, איז וואָסערע) פֿון ייִדישער שולבילדונג אויף דער לעבנס־אָרגאַניזאַציע פֿון אַמעריקאַנער ייִדן. אויפֿן סמך פֿון פֿאַרבייַגייענדיקע ידיעות וואָס דאָס בוך ברענגט קומט דער רעצענזענט צום באַשלוס, אַז די טעטיקייט פֿון דער מינעאַפּאָליסער תּלמוד־תּורה האָט ניט אָנזיכטיק פֿאַרגרעסערט דעם אינטערעס אין ציוניזם, אין לערנען העב־רעיִש, אין קויפֿן ביכער אויף ייִדישע שפּראַכן אָדער פֿון אַ ייִדישן אינהאַלט, אין שטאַרקן די אָרטאָדאָקסישע שול און די קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגע. עפּעס זעט זיך ניט, אַז אין דעם אַלעם זאָל מינעאַפּאָליס זייַן אַ יוצא מן הכּלל. די אינסטיטוציע האָט ווייַזט אויס יאָ גורם געווען, אַז אַ צאָל יחידים זאָל זיך אַרייַנטאָן פּראָפֿעסיאָנעל אין ייִדישער קהילה־אַרבעט. ווייַטער האָט זי אַרויס־גערופֿן אַן אינטענסיווע צוגעבונדנקייט בייַ אַ טייל גראַדויִרטע; אָבער גראָד דאָס איז ניט קיין אויסנעמזאַך. מיר געפֿינען דאָס אייגענע בייַ אַזוינע וואָס האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אין ייִדישע יתומים־הייַזער, אָדער אין קלובן פֿאַר יינגלעך, אָדער „סעטלמענט"־הייַזער. געוויינטלעך קען מען אויף אַזאַ אייַנדרוק ניט בויען צו פֿיל; אויף צו קומען צו אַן אויספֿיר אויף אַן אמת וואָלט מען געמוזט פּרוּוון איזאָלירן אַנדערע פֿאַקטאָרן וואָס פֿורעמען דעם אויפֿפֿיר, און דערנאָך ערשט וואָלט מען געדאַרפֿט פּרוּוון זיי באַהערשן פֿאַר די צילן וואָס מען שטעלט אוועק ווי סאָציאַל געווּנטשענע.

נאָך צוויי וויכטיקע פּראָבלעמען וואָס האָבן זיך דעם רעצענזענט געוואָרפֿן אין די אויגן. ערשטנס: מינעאַפּאָליס האָט זיך פֿאַרדינט דעם נאָמען „די הויפּט־שטאָט פֿון אַנטיסעמיטיזם אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן" (קאַפּיטל 3: „דער ייִד און זייַן שכן"); לכּל הדעות זייַנען פֿאַראַן עטלעכע לפֿי־ערך עקסטרעמע פֿאַלן פֿון ייִדישער סעגרעגאַציע אין שטאָט; טאָ וואָס איז די אמתע ווירקונג דערפֿון? צווייטנס: ייִדן אין מינעאַפּאָליס זייַנען אין קאָנטאַקט מיט דער סקאַנ־דינאַווישער קולטור, וואָס זי איז גאָר אַנדערש ווי זייער אייגענע און איז אַנדערש ווי דער אַמעריקאַנער דורכשניט אויך. ווי אַזוי לייגט זיך אויס דער ייִדישער שטייגער לעבן אין אָט דער קולטורעלער פֿאַרשיידנקייט?

מיר האָבן זיך דאָ געפֿלייַסט אָנצוצייכענען די פֿאָדערונגען וואָס מען דאַרף

זיך שטעלן אין ייִדישער סאָציאַלער פאָרשונג. די אונטערשטע שורה איז, אַז נאָר דאָס בעסטע קען זײַן גענוג גוט. אי די מעטאָדאָלאָגישע שוועריקייטן אי די האַרבקייט פֿון צונויפֿנעמען דעם מאַטעריאַל פֿאָדערן דעם מאַקסימום קלאָר־קייט אין פֿאָרמולירן די פּראָבלעמען און אין פֿאָרשן ממש. אָבער עס איז כּדאַי, ווײַל גוטע פֿאָרשונגען וועלן העלפֿן דעם ייִדישן כּלל פֿאַרענטפֿערן אַ סך ווייטיקע געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבעס.

מאַרשאַל סקלאַר

די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן

Melech Epstein, *Jewish Labor in U. S. A.*, New York, 1950, xii + 456 pp.

דאָס איז באמת אַ „זעלטן" בוך. גאָר זעלטן געפֿינט מען אַ בוך וווּ דער מחבר קאָפּירט כּמעט וואָרט בײַ וואָרט גאַנצע פּאַראַגראַפֿן פֿון אַן אַנדער ווערק און ער דערמאָנט אַפֿילו ניט מיטן ריכטיקן נאָמען דאָס ווערק פֿון וואַנען ער קאָפּירט. גאָר זעלטן געפֿינט זיך אַ מחבר וואָס ווען ער דערמאָנט שוין יאָ דעם מקור פֿון וואַנען ער האָט אַזוי ברייטלעך קאָפּירט, טוט ער עס אָפּט אויף אַזאַ אופֿן, אַז דער לייענער אָדער רעצענזענט קען דעם מקור ניט לײַכט געפֿינען, סײַדן ער טוט אַ היפּש ביסל דעטעקטיוו־אַרבעט.

כּדי צו דאָקומענטירן גענוי די אויבן דערמאָנטע טענות וואָלט איך גע־דאַרפֿט אַ סך מער פּלאַץ ווי ס'איז מיר דאָ דערלויבט. אָבער אַ פּאָר בײַשפּילן וועלן זײַן גענוג צו באַווײַזן די ריכטיקייט פֿון דער אָפּשאַצונג. דער מחבר באַהאַנדלט אין זײַן בוך דעם מצבֿ פֿון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער תּקופֿה פֿון 1882 ביז 1914. דער ערשטער טייל פֿונעם בוך, אַרום 150 זז', באַהאַנדלט די יאָרן פֿון 1882 ביז אַרום 1890. דאָס איז מער־ווייניקער די זעלבע תּקופֿה וואָס איז זייער אויספֿירלעך באַהאַנדלט אין די צוויי בענד פֿון דער געשיכטע פֿון דער ייִדי־שער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן (ניו־יאָרק, 1943—45), אַרויסגעגעבן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט—ייִוואָ. אונטער דער רעדאַקציע פֿון אליהו טשעריקאָווער ע"ה. דער מחבר שטיצט זיך גאָר שטאַרק אויף דעם ווערק און קאָפּירט גאַנצע פּאַראַגראַפֿן, איבער הויפּט פֿון באַנד II.

מיר גיבן דאָ נאָר עטלעכע אויסצוגן. לינקס איז דער טעקסט פֿון מלך עפּשטיינס בוך און קעגן איבער, רעכטס — דער שייכדיקער טעקסט פֿון דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פֿ"ש:

Epstein, p. 23:	געשיכטע..., ב' II, ז' 222:
The very first agricultural colony on American soil was founded at the end of 1881 on Sicily Island, Louisiana. Its members belonged mostly to the group that came from Yelizavetgrad, where the first	די ערשטע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניע פֿון רוסישע ייִדן איז געגרינ־דעט געוואָרן סוף 1881 אויף דעם סיציליע־אײַנדזל (Sicily Island), אין שטאַט לויִזיאַנאַ. די קאָלאָניסטן האָבן געהערט בעיקר צו דער יעליסאַוועט־גראַדער גרופּע, וואָס איז געקומען קיין

אַמעריקע נאָך פֿאַרן „עם עולם“. דער איניציאַטאָר פֿון אָט דעם ערשטן עקספּערימענט איז געווען הערמאַן ראָזענטאַל (מיט יאָרן שפּעטער — דירעקטאָר פֿון דער סלאַווישער אָפּטיילונג אין דער ניו־יאָרקער ביבליאָטעק), שוין יעמאָלט אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ באַטײַטיקער בילדונג, גוואַלדיקער ענערגיע און גרויסער פּראַקטישער דערפֿאַרונג.

זז׳ 47־48:

פֿ. זאָרגע שרײַבט, אַז אין יענער צײַט איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ מאָדע צו געהערן צום אינטערנאַציאָנאַל. די דאָזיקע מאָדע האָט אַרײַנגעצויגן אויך אַזעלכע עלעמענטן, וואָס זײַנען אין תּוך געווען ווײַט פֿון סאָציאַליזם און אַרבעטער־קאַמף. דער איניציאַטאָר צו גרינדן ספּעציעלע אַמעריקאַנער סעקציעס איז געווען סטעפֿען פּ. ענדריוז, דער באַקאַנטער ראַדיקאַלער סאָציאַלער רעפֿאָרמער, אַבאָליציאָניסט און אַנאַרכיסטישער אינדיווידואַליסט. אין זײַנע ווערק איז ענדריוז אַרויסגעטראָטן מיט אַ נײַער טעאָריע, וואָס ער האָט אָנגערופֿן „פּאַנטאַרכיע“ — וועגן דער אומבאַגרענעצטער סוּווערעניטעט פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און דער שאַפֿונג פֿון אַן אַלוועלטלעכער הוּמאַניטאַרער רעגירונג. אין 1869 האָט ער געהאָלפֿן גרינדן די גרופּע „נײַע דעמאָקראַטיע“, מיט אַ פּראָגראַם פֿון „וואָלונטאַרן סאָציאַליזם“ און מיט דער פֿאָדערונג פֿון אַ פֿאָלקס־רעפֿערענדום, און האָט זיך פֿאַרבונדן מיטן אינטערנאַציאָנאַל אין לאָנדאָן. אין 1870־1871 האָט זיך די „נײַע דעמאָקראַטיע“ רעאָרגאַניזירט אין די סעקציעס 9 און 12 פֿון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זײַנען באַשטאַנען ניט פֿון אימיגראַנטן, נאָר פֿון אַמעריקאַנער געבוירענע. די פֿאַקטישע פֿירערס פֿון דער סעקציע 12, וואָס איז באַשטאַנען פֿון ענדריוזעס אָנהענגערס, זײַנען געווען וויקטאָריאַ וווּדהאָל און טענעסי קלעפֿלין — צוויי שוועסטער, וואָס מיט זיי האָט זיך אין יענע יאָרן ניט ווייניק געטומלט אין אַמעריקע.

זז׳ 246־247:

פֿון סוף די 70ער יאָרן האָבן אין דער אַלגעמיינער ציגאַרן־מאַכער־יוניאָן,

pogroms had struck. The leader was Herman Rosenthal, already in his middle years, a man with considerable education, great capacity for hard work and extensive experience.[b]

[b] H. Rosenthal later became the head of the Slavic Division of the New York Public Library.

p. 59:

Sorge relates that it became the vogue among native radicals to belong to the International. This vogue attracted elements that had little concern for labor affairs. The initiator of the native American section was Steven P. Andrews, the noted social reformer, former abolitionist and anarchist individualist. Andrews advanced a new theory called pantarchy—the unlimited sovereignty of the human personality and the formation of a world-wide humanitarian government. He assisted in the organization of a group, The New Democracy, with a program of voluntary socialism—and the demand for a referendum. This group was also affiliated with the International in London. Andrews and his friends were definitely not the kind of men Marx would have approved of.

In 1870-71 this native group was divided into Sections 9 and 12 of the International. The leaders of Section 12 were Victoria Woodhull and Tennessee Claflin, two sisters who caused quite a furore in the country.

p. 76:

At the end of the seventies, there was quite a strong union of

וואָס איז יעמאָלט געווען אַ גאַנץ שטאַרקע אין ניו־יאָרק, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע עטלעכע ייִדן: אַדאָלף שטראַסער פֿון אונגערן, זײַן פֿרײַנד סעמיועל גאָמפּערס, וואָס זײַנע על־טערן האָבן געשטאַמט פֿון האָלאַנד, און לודוויג יאַבלאָנאָווסקי, אַ דײַטשער ייִד. שטראַסער און גאָמפּערס זײַנען געווען די פֿירערס פֿון דער „אינטער־נאַציאָנאַלער ציגאַרן־מאַכער־יוניאָן" (גאָמפּערס, ווי באַקאַנט, איז שפּעטער געוואָרן פּרעזידענט פֿון דער „אַמערי־קען פֿעדערײשן אָוו לייבאָר") און יאַבלאָנאָווסקי איז געווען דער פֿירער פֿון דער סאָציאַליסטישער אָפּאָזיציע קעגן דער יוניאָן פֿאַר איר קאָנסער־וואַטיזם; ער האָט געגרינדעט די „פּראָגרעסיווע ציגאַרן־מאַכער־יוניאָן", וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון די דײַטשע סאָציאַליסטן (שפּעטער האָבן זיך די ביידע יוניאָנס פֿאַראייניקט).

די ערשטע ציגאַרן־מאַכערס אין אַמעריקע זײַנען געווען האָלענדער און דײַטשן, ניט־ייִדן און אויך ייִדן; די מיזרח־ייִדישע אימיגראַנטן האָבן זיך דאָס פֿאַך אויסגעלערנט בײַ אָט די האָלענדישע און דײַטשע ייִדן. פֿאַר אַ פּאָר צענדליק דאָלאַר און פֿאַר אַ פּאָר וואָכן אַרבעטן בחינם האָט מען זיך לפֿי־ערך גיך געקענט אויסלערנען די דאָזיקע מלאָכה.

ז׳ 367:

אַ סך פֿון די אַריבערגעקומענע רוסיש־ייִדישע אינטעליגענטן האָבן זיך יעמאָלט גענומען צו די לײַכטערע נאָדלפֿאַכן, ווי נייען אייבערהעמדער אָדער קינדער־הייזלעך (ניפּענטס). זיך אויסצולערנען די מלאָכה פֿון נייען אייבערהעמדער האָט גענומען לפֿי־ערך אַ קורצע צײַט. דערצו נאָך האָבן סטו־דענטן, וואָס האָבן ניט געוואָלט גיין אַרבעטן אין די העמדער־פֿאַבריקן, גע־קענט טון די אַרבעט בײַ זיך אין דער היים און אײַנצײַטיק שטודירן. עס איז בלויז נייטיק געווען אײַנצוצאָלן די ערשטע ראַטע און אַרײַננעמען אַ ניימאַשין; דערנאָך האָט מען שוין געקענט אַרבעטן בײַ זיך אין צימער אָדער אוועקגיין ווי אַ „באָרדער" צו אַ קאָנטראַקטאָר. דעריבער טאַקע האָט

cigar workers in New York. A few Jews played leading parts in it: Adolf Strasser, from Hungary, his friend, Samuel Gompers, whose parents hailed from Holland, and Ludwig Yablonowsky, from Germany. The first two were the leaders of the International Cigar Workers Union, the third headed the socialist opposition to the conservatism of the union. Yablonowsky organized an opposition union, the Progressive Cigar Workers, which was under the influence of the German Socialists. Later the two unions merged.

The first cigar makers in America were Dutchmen and Germans, Jews and non-Jews. The Eastern European immigrants learned the trade from the Dutch and German Jews. For thirty or forty dollars and a few weeks apprenticeship without pay, one could master making cigars and cigarettes of the more inexpensive brands.

p. 119:

Many of the young intellectuals and semi-intellectuals became shirt makers or knee pants tailors. These two needle trades were relatively easy to learn. In addition, students who did not want to work in the shops could take shirts to their rooms and study while working. The only expense involved was the first installment on a sewing machine. This accounts for many men

אָט דער פֿאַך צוגעצויגן צו זיך, בעת זייער יוגנט, אַזעלכע שפּעטער באַרימטע סאָציאַליסטן און זשורנאַליסטן ווי מ. הילקוויט (הילקאָוויץ), מ. זאַמעטקין, לויִ מילער און אַ סך אַנדערע.

who later became leaders having been shirt makers in their youth: M. Hillquit, M. Zametkin, Louis Miller and others.

ז' 368:

אַ צווייטער פּרוּוו צו אָרגאַניזירן די העמדער־נייערס איז געמאַכט געוואָרן אָנהייב 1886. דעם 2טן מאַרץ יענעם יאָר איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרזאַמלונג ווּ אַלעקסאַנדער יאָנאַס, רעדאַקטאָר פֿון דער דײַטשער ניו־יאָרקער פֿאָלקסצײַטונג, אַב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין און ד"ר מערקין האָבן געזען אויפֿצוקלערן דעם עולם די וויכטיקייט און נייטיקייט פֿון אַ יוניאָן. דעם 19טן מאַרץ האָט די יוניאָן באַשלאָסן אָפּצושאַפֿן די קאָנטראַקטאָר־סיסטעם און צו אָרגאַניזירן אַ מין פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון וואָס זאָלן אַרבעטן דירעקט פֿאַר די גרויסע פֿאַבריקאַנטן. און כּדי צו פֿאַרקלענערן די קאָנקורענץ אין פֿאַך, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די יוניאָן זאָל קאָנטראָלירן און באַגרענעצן דעם צופֿלוס פֿון נײַע אַרבעטער אין דער אייבערהעמדער־אינדוסטריע.

דרײַ וואָכן שפּעטער, דעם 9טן אַפּריל, האָבן די אַרבעטער אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אויסצושליסן די קאָנטראַקטאָרן פֿון זייער יוניאָן; יעדע פֿאַבריק זאָל האָבן אַ פֿאָרשטייער פֿון די אַרבעטער אויף השגחה צו געבן, אַז דער פֿאַבריקאַנט היט אָפּ די רעגולאַציעס פֿון דער יוניאָן.

p. 120:

A second attempt was made early in 1886. A meeting was held on the second of March of that year. Alexander Jonas, editor of the German *New Yorker Volkszeitung,* Ab. Cahan, M. Zametkin and Dr. Merkin were the speakers. In the same month, the new union, prompted by the young intellectuals, decided to abolish the contracting system and instead to form producers' cooperatives which should work directly for the manufacturers. As a means of lessening the competition between these cooperatives it was agreed that the union should control and limit the influx of new workers into the trade.

Three weeks later, on April 9, a resolution was passed to expel the contractors from the union, and to demand that each factory admit a representative of the workers to see to it that the employers carry out the regulations of the union.

זז' 293־294:

דעם הויכפּונקט האָט די וואַלקאַמפּאַניע אין ייִדישן קוואַרטאַל דערגרייכט דאָנערשטיק אָוונט, דעם 28סטן אָקטאָבער, פֿיר טעג פֿאַר די וואַלן. יענעם אָוונט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מאַסן־מיטינג (אין קאָבורגער זאַל, 10 סטענטאָן־גאַס), וואָס די ייִדישע וואַלקלובן האָבן אָרגאַניזירט. די ערשטע רעדע האָט געהאַלטן דער באַקאַנטער רוסיש־דײַטשער סאָציאַליסט סערגיי שעוויטש, אָבער דאָ איז אַרײַנגעקומען אין זאַל הענרי דזשאָרדזש אַליין, וואָס האָט באַלד באַקומען דאָס

p. 151:

Four days before the elections, the Jewish Henry George clubs held a rally at Coburger Hall, 10 Stanton Street. Henry George entered while Serge Schewitsch was speaking. He asked for the floor. Sensing the mood of his listeners, the founder of the single tax theory compared the events which 3,500 years ago had freed the Jews from slavery to the present movement which was aimed against slavery

וואָרט. פֿאַרשטייענדיק מיט וואָס צו נעמען דעם ייִדישן עולם, האָט ער אין זײַן רעדע בערך אַזוי געזאָגט: די געשעעניש, וואָס האָט מיט פֿיר טויזנט יאָר צוריק געפֿירט צו דעם, אַז ייִדן זאָלן זיך וועלן באַפֿרײַען פֿון שקלאַפֿערײַ (געמיינט — יציאת מצרים), האָט געפֿירט צו דער איצטיקער באַוועגונג; דאָס איז אַ באַוועגונג קעגן שקלאַפֿערײַ און פֿאַר באַפֿרײַונג פֿון פֿאָלק; איר צוועק איז דורכצופֿירן אַ סאָציאַלע טראַנספֿאָרמאַציע, אַז יעדער האָרעפּאַשניק זאָל קריגן זײַן חלק. ווען ער וועט ווערן מעיאָר, וועט ער ניט זײַן ביכולת צו מאַכן באַלד אַ סוף צו אַלע סאָציאַלע צרות, אָבער ער וועט זען אײַנפֿירן אַ ריי סאָציאַלע רעפֿאָרמען, וואָס וועלן מיט דער צײַט פֿירן צו דעם איבערבוי פֿון דער געזעלשאַפֿט. וויסנדיק, אַז ער רעדט צו אימיגראַנטן, האָט ער מוסיף געווען: מען וויל בײַ אונדז באַגרענעצן די אײַנוואַנדערונג; „אַמעריקע דאַרף זיך שעמען!” — עס איז דאָ גענוג לאַנד און פּלאַץ פֿאַר מיליאָנען נײַע אימיגראַנטן.

טויזנטער ניו־יאָרקער ייִדן זײַנען געווען אַרײַנגעצויגן אין דער וואַלקאַמפּאַניע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען ניט יחידים, נאָר אַ גרויסע מאַסע מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע אימיגראַנטן זײַנען געווען אַזוי אַקטיוו אין אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער אַקציע און האָבן געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט די אַמעריקאַנער פֿאַר אַ ראַדיקאַלן קאַנדידאַט.

and for the freedom of the people. He continued, "Our aim is to carry out a social transformation to enable each toiler to receive his just share. If I will be elected mayor it will be impossible for me to immediately do away with all social evils. However, I will inaugurate a series of reforms which will eventually lead to the rebuilding of society." Still cognizant of his audience, Henry George went on to say, "There is a trend in our country to restrict immigration. America should be ashamed of itself! There is enough land and room for millions of new people."

Thousands of Jews were active in the campaign. For the Eastern Europeans this was the first political battleground on American soil in common with their neighbors.

זז׳ 331־332:

די ייִדישע סאָציאַליסטן געהער דער פֿאַרדינסט פֿון אויפֿהייבן אין אַמעריקע אַ באַוועגונג קעגן דעם אַזוי גערופֿענעם אויסליווערונג ־ אָפּמאַך, וואָס וואַשינגטאָן האָט געשלאָסן מיט דער רוסישער רעגירונג וועגן אַרויסגעבן יענע אימיגראַנטן, וואָס ווערן באַשולדיקט פֿון דער רוסישער רעגירונג אין האָבן באַגאַנגען געוויסע פֿאַרברעכנס. נאָך אין 1873 האָבן די פֿאַראייניקטע שטאַטן געזוכט צו שליסן אַזאַ אָפּמאַך, אָבער פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען איז יעמאָלט גאָרניט אַרויסגעקומען. איצט, אַז די רעוואָלוציאָנערע

p. 165:

To these socialists belongs the credit for arousing public indignation against the so-called Extradition Treaty that Washington concluded with the Czarist Government which stipulated that those immigrants who were charged by the Russian Government with various crimes had to be extradited. The United States had entered into such an agreement with the Czarist Government as early as 1837 [sic], but that treaty re-

mained on paper. Fifty years later, when the number of Russian political refugees had increased tremendously, the sinister implications of the new treaty, that was signed March 28, 1887, became a real threat.

באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט זיך פֿאַרשטאַרקט און די צאָל רוסישע פּאָליטישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע האָט זיך פֿאַרגרעסערט, האָט רוסלאַנד, אין סעפּטעמבער 1886, באַנײַט די פֿאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט דעם אָפּמאַך פֿון 28סטן מאַרץ 1887.

According to the treaty, both countries had to deliver not only those persons who were convicted of crimes but also those merely charged with them.

לויט דעם דאָזיקן אָפּמאַך האָבן ביידע מלוכות זיך מתחייבֿ געווען אַרויסצוגעבן ניט בלויז יענע פּערזאָנען, וואָס זײַנען שוין פֿאַרמישפּט געוואָרן פֿאַר איינעם פֿון די חטאים, וואָס ווערן ווײַטער אויסגערעכנט, נאָר אויך אַפֿילו יענע, וואָס זײַנען נאָר אָנגעקלאָגט געוואָרן אין איינעם פֿון אָט די חטאים. אויסגעקומען איז בכן, אַז מען וואָלט באַדאַרפֿט אַרויסגעבן אויך יענע פּערזאָנען, וואָס האָבן געהאַט נאָר די כּוונה צו באַגיין אַ חטא.

p. 166:

The moving spirit of the league was Lazar Goldenberg, the noted Russian-Jewish revolutionary who, in 1876, had, together with Aaron Lieberman, launched the first Jewish socialist organization in London, the Society of Hebrew Socialists.

ז' 333:

דער איניציאַטאָר און דער רוח־החיה פֿון דער ליגע איז געווען דער גוט באַקאַנטער רוסיש־ייִדישער רעוואָלוציאָנערער טוער לאַזאַר גאָלדענבערג, וואָס האָט נאָך אין 1876 אין איינעם מיט אהרן ליבערמאַנען געגרינדעט אין לאָנדאָן דעם גאָר ערשטן ייִדישן סאָציאַליסטישן פֿאַראיין, די אַזוי גערופֿענע „אגודת הסוציאַליסטים העבֿרים".

די דאָזיקע ציטאַטן באַווײַזן קלאָר, אַז דער מחבר האָט זיך פֿאַרשפּאָרט אַ היפּש ביסל אַרבעט און, פּשוט גערעדט, „געבאָרגט" פֿרײַ פֿון דער ייִוואָ־אויסגאַבע. אמת, אין זײַן אַרײַנפֿיר דערמאָנט ער, אין געציילטע, אַלגעמיינע ווערטער, דעם ייִוואָ (אין ראָשי־תּיבֿות, ניט: ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט), אָבער אין זײַן בוך דערמאָנט ער אין ערגעץ ניט דאָס ווערק בײַם נאָמען. דאָרט ווו ער ווײַזט אָן אין טעקסט, אין הערות, דעם מקור, דערמאָנט ער ניט דאָס ווערק גופֿא, נאָר דעם נאָמען פֿון אַ קאַפּיטל פֿון מחבר אין דער ייִוואָ־אויסגאַבע (ז' 443, קאַפּיטל 2, הערות 4, 6. די ייִוואָ־אויסגאַבע איז אַ קאָלעקטיווע אַרבעט און באַשטייט פֿון פֿאַרשיידענע מחברים), אָדער ער ווײַזט אָן סתּם אויף „מאַטיריאַלס אָוו ייִוואָ" (ז' 444, קאַפּיטל 5, הערה 3), „פּאָבליקיישן אָוו ייִוואָ" (ז' 443, קאַפּיטל 2, הערות 5, 6). אין איין הערה ווײַזט ער אָן „קוואָטעד פֿראָם ייִוואָ, וואָל' 2, 1945" (ז' 446, קאַפּיטל 10, הערה 4), גלײַך ווי ייִוואָ גופֿא איז אַ בוך פֿון עטלעכע בענד. אַנדערע אומפּינקטלעכקייטן חזרן זיך איבער אין אַנדערע הערות בנוגע אַנדערע ווערק וואָס דער מחבר באַנוצט אין זײַן אַרבעט: אָדער דער נאָמען פֿונעם מחבר איז פֿאַר־

גרײַזט, אָדער דער נאָמען פֿון ווערק איז ניט איבערגעגעבן גענוי, אָדער די זײַטלעך ווערן ניט אָנגעגעבן. און אַ מאָל געפֿינט מען ניט אין מקור דעם אָנגעוויזענעם מאַטעריאַל. אַזוי, למשל, ציטירט עפּשטיין פֿון אַ רעזאָלוציע פֿון די פּאַראיִיניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן (ז׳ 183) און ווײַזט אָן ווי דעם מקור ה. בורגינס געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, ז׳ 167, אָבער דאָרט איז די רעזאָלוציע ניטאָ. זי איז אָבער יאָ פֿאַראַן אין דער אויס־גאַבע פֿון ייִווֹאָ (באַנד II, ז׳ 416).

אינטערעסאַנט איז אויך, אַז ווען דער מחבר ווײַזט אָן אָדער ציטירט פֿון אָריגינעלע מקורים זײַנען די אָנגעוויזענע זײַטלעך אָדער די ציטאַטן גופֿא אָפֿט מאָל די זעלביקע ווי אין די אַנדערע סעקונדערע ביכער מיט וועלכע דער מחבר באַנוצט זיך. אַזוי, למשל, דערמאָנט די געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פּ״ש (באַנד II, ז׳ 17) אַ בוך: William MacLure, *Opinions on Various Subjects*, New Harmony, Ind., 1831, און גיט איבער דעם הויפּטאינהאַלט פֿונעם בוך און ווײַזט אָן זז׳ 18, 32—33, 47. דער־מאָנט אויך עפּשטיין דאָס בוך, ווײַזט אָן אויף די זעלביקע זײַטלעך, און פֿאַרגרײַזט דעם טיטל (ז׳ 444, קאַפּיטל 4, הערה 3). דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל. נאָר אין פֿאַל פֿון אויסערגעוויינטלעכער צופֿעליקייט אָדער טעלעפּאַטיע קען זיך טרעפֿן אַז צוויי מחברים, איבערקוקנדיק ביכער פֿון עטלעכע הונדערט זײַטן זאָלן צופֿעליק אַרויסנעמען פּונקט די זעלביקע ציטאַטן, אָדער געפֿינען דעם תּמצית פֿון אַ בוך אויף פּונקט די זעלביקע זײַטלעך.

עפּשטיינס בוך שווימלט מיט גרײַזן און אומפּינקטלעכקייטן. אַזוי, למשל, פֿון ספר מסעות שמעון, ציטירט אין דער ייִווֹאָ־אויסגאַבע (באַנד I, ז׳ 236), ווערט בײַ עפּשטיינען Sefer Masoyes Shimshin, וואָס ער זעצט איבער אין ענגליש ווי Travelogue of Shimin (ז׳ 444, קאַפּיטל 5, הערה 1); טשערנאָוויץ אין 1908 געפֿינט זיך לויט עפּשטיינען אין דעם בוקאָווינער טייל פֿון רומעניע (ז׳ 352); אין איין ציטאַט פֿון אַכט־נײַן שורות, גענומען פֿון אַ ווערק פֿון דזשייקאָב ריס, האָב איך אָנגעציילט פֿינף אומפּינקטלעכקייטן (ז׳ 92); כאָטש דער מחבר ווײַזט אָן אויף J. A. Riis, *How the Other Half Lives* ווי דעם מקור פֿון דעם ציטאַט, האָט ער מסתּמא גענומען דעם ציטאַט ניט פֿון ריסן נאָר פֿון Louis Levine, *The Women's Garment Workers* (נ״י, 1924), ז׳ 19, ווײַל ער חזרט איבער לעווינס טעות אין איבערגעבן דעם מקור: דער ציטאַט גע־פֿינט זיך אויף ז׳ 124 פֿון ריס׳ בוך און ניט אויף ז׳ 108 ווי לעווין און עפּשטיין גיבן אָן; און נאָך אַ סך אַנדערע גרײַזן און אומפּינקטלעכקייטן זײַנען צעוואָרפֿן איבערן טעקסט.

אָפּגעזען פֿון די אויבן דערמאָנטע „קליינקייטן״ פֿון וויסנשאַפֿטלעכער עטיק און פּראָצעדור, איז עפּשטיינס בוך ניט מער ווי אַ מיטלמעסיקע פּאָפּולאַריזאַציע געשריבן אין אַ גאַנץ פּליסיקן סטיל, איבער הויפּט ווען ער באַהאַנדלט די נעענטערע תּקופֿה פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט

וועלכער דער מחבר איז זעט אויס בעסער באַקאַנט פֿון אייגענער פּראַקטיק ווי אַ לאַנגיאָריקער זשורנאַליסט. דער צוגאַנג איז דורכויס אַ זשורנאַליסטישער און דער הויפּטגעוויכט איז אויף די פֿאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען און מחלוקתן צווישן די ראַדיקאַלע פֿליגלען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער מחבר שענקט רעלאַטיוו גאָר ווייניק אויפֿמערקזאַמקייט די פּראָבלעמען פֿון טאָג־טעגלעכן אַרבעטער־לעבן.

דאָס בוך אַנטהאַלט גאָר ווייניק נײַעס פֿאַר דעם עלטערן ייִדיש־לייענענדיקן דור וואָס האָט אַליין מיטגעלעבט אַ טייל פֿון דער תּקופֿה. פֿאַר דעם ייִנגערן, ענגליש־רעדנדיקן דור, ברענגט דאָס בוך מאַטעריאַלן וואָס זײַנען פֿאַר אים נײַ. אָבער מחמת דעם וואָס דער מחבר קאָנצענטרירט זיך שטאַרק אויף די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע זײַטן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, שאַפֿט דאָס בײַ דעם ניט־אינפֿאָרמירטן לייענער אַן איינזײַטיקן און פֿאַלשן אײַנדרוק, אַז דאָס לעבן פֿון די ייִדישע אַרבעטערס איז געווען איין קייט פֿון קאַמפּאַניעס, דעמאָנסטראַציעס און אָרגאַניזאַציאָנעלע מאַנעוורעס.

ס'איז אַ שאָד און אַן עוולה, וואָס די אַרבעטער־פֿירערס און כּלל־טוערס וואָס האָבן געשאַפֿן די מיטלען אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע ווערק, האָבן ניט איבערגעגעבן די אַרבעט אין די הענט פֿון אַ געשולטן היסטאָריקער, אָדער לכל הפּחות ניט געזען, אַז אַ וויסנשאַפֿטלעך דיסציפּלינירטער פֿאַכמאַן זאָל איבערקוקן די אַרבעט איידער זי איז אַרויסגעקומען אין דער עפֿנטלעכקייט.

ד״ר נתן רײַך

בלוט־אונטערשיידן צווישן ייִדן און ניט־ייִדן און צווישן פֿאַרשיידענע ייִדישע גרופּעס

The Journal of the American Medical Association, v. 136, no. 5, January 31, 1948, p. 344.

די דאָקטוירים גורעוויטש, סאַדאָווסקי, בזשעזשינסקי און פּאָלישוק פֿון דעם ראָטשילד־הדסה־אוניווערסיטעט־שפּיטאָל אין ירושלים האָבן דורכגעפֿירט אַן אויספֿאָרשונג וועגן דער אָפֿטקייט פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם RH־פֿאַקטאָר אין בלוט פֿון ייִדישע פּרויען. דער דאָזיקער פֿאַקטאָר, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן אין 1940 דורך די צוויי ייִדישע דאָקטוירים לאַנדשטיינער און ווינער (אַמעריקע), איז גורם אַ געוויסע רעאַקציע (אַגלוטינאַציע) פֿון מענטשלעכן בלוט מיטן בלוט פֿון אַ מאַלפּע פֿון דער משפּחה רעזוס. עס איז פֿעסט־געשטעלט געוואָרן, אַז אַן ערך 85 פּראָצענט פֿון דער ווײַסער באַפֿעלקערונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַרמאָגן אָט די אייגנשאַפֿט און 15 פּראָצענט זײַנען RH־נעגאַטיוו.

אין געוויסע פֿאַלן, ווען די מוטער איז RH־נעגאַטיוו און דער פֿאָטער איז RH־פּאָזיטיוו, קענען געבוירן ווערן קינדער וואָס לײַדן פֿון אַ שווערער און זייער געפֿערלעכער בלוט־חולאַת, וואָס רופֿט זיך „עריטראָבלאַסטאָזיס פֿע־

טאַלים." איינער פֿון די סימנים פֿון דער קראַנקייט באַשטייט אין דעם, אַז די הויט פֿון די קינדער באַקומט אַ געלבלעכן קאָליר.

די אויספֿאָרשונג פֿון די אויבן דערמאָנטע דאָקטוירים האָט באַוויזן, אַז ייִדישע פֿרויען האָבן אַ פֿיל נידעריקערע פּראָפּאָרציע פֿון RH־נעגאַטיווע רעאַקציעס. בעת אין אַמעריקע באַטרעפֿן זיי גאַנצע 15 פּראָצענט, האָט מען אין ראָטשילד־הדסה־שפּיטאָל געפֿונען בלויז 9.6% RH־נעגאַטיווע פֿרויען. אַמעריקאַנער סטאַטיסטיק באַווײַזט, אַז אויף יעדע 438 געבורטן איז איין קינד קראַנק אויף עריטראָבלאַסטאָזיס פֿעטאַלים. במשך פֿון 8 יאָר זײַנען אין ירושלימער שפּיטאָל געבוירן געוואָרן 12,645 קינדער. בלויז 6 פֿון זיי האָבן געהאַט די דאָזיקע קראַנקייט — איינס אויף 2,107. אין אַמעריקע רעכנט מען, אַז פֿון 2 ביז 4 פּראָצענט קינדער, וואָס ווערן געבוירן פֿון RH־נעגאַטיווע מאַמעס, לײַדן פֿון אָט דער בלוטקראַנקייט; אין דער ירושלימער פֿאָרשונג פֿאַלט אויס איין פֿאַל אויף 210 געבורטן פֿון RH־נעגאַטיווע מאַמעס.

עס איז אינטערעסאַנט אַז בײַ אייראָפּעיִשע ייִדישע פֿרויען איז דער דאָזיקער פּראָצענט פֿיל העכער ווי בײַ די תּימנער און פּערסיש־קורדישע ייִדישע פֿרויען. פֿון 44 תּימנער ייִדישע פֿרויען איז נאָר איינע (2.3 פּראָצענט) געווען RH־נעגאַטיוו און בײַ די פּערסיש־קורדישע ייִדישע פֿרויען איז דער פּראָצענט געווען קוים 1.5. פֿון 310 געבורטן בײַ תּימנער ייִדישע פרויען און פֿון 1,739 געבורטן בײַ פּערסיש־קורדישע ייִדישע פֿרויען איז ניט פֿאַרצייכנט געוואָרן קיין איין פֿאַל פֿון עריטראָבלאַסטאָזיס פֿעטאַלים.

די דאָזיקע פֿאָרשונגען זײַנען אינטערעסאַנט צוליב צוויי סיבות. ערשטנס איז דאָס איינער פֿון די זעלטענע פֿאַלן, ווען בפֿירושע ראַסן־אונטערשיידן צווישן ייִדן און ניט־ייִדן קענען וויסנשאַפֿטלעך דעמאָנסטרירט ווערן. צווייטנס האַלט די מעדיצינישע וועלט, אַז מיטן אויפֿדעקן דעם RH־פֿאַקטאָר און פֿעסטשטעלן דעם מעכאַניזם, ווי אַזוי די קראַנקע קינדער ווערן געבוירן, איז געעפֿנט געוואָרן אַ ברייט פֿעלד פֿון פֿאָרשונגען, וואָס קענען אפֿשר אויפֿקלערן די סיבה פֿון אַ ריי אַנדערע אײַנגעבוירענע קראַנקייטן.

עס וואָלט גוט געווען, ווען די פֿאָרשונג אין ירושלים זאָל פֿאַרגליכן ווערן מיט פֿאָרשונגען צווישן ייִדן אין אַנדערע לענדער און עס זאָל אויך אַדורכגעפֿירט ווערן אַ פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע סעמיטישע פֿעלקער פֿון נאָענטן מיזרח.

ד״ר עמנואל פּאַט

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

צו דער דעמאָגראַפיע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין קאָוונער ליטע ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה *

מיר זײַנען ניט רײַך אין אָפֿיציעלע סטאַטיסטישע ידיעות וועגן לעבן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין קאָוונער ליטע צווישן ביידע וועלט־מלחמות. אַ ביסל אַזעלכע ידיעות זײַנען אָבער יאָ פֿאַראַן, און אויף זייער סמך קען מען זיך שוין מאַכן אַ געוויסן באַגריף וועגן דעם גרונט־כאַראַקטער פֿון דער דעמאָגראַפֿיע פֿון אָט דעם אַ מאָל אַזוי דינאַמישן און שעפֿערישן ייִדישן קיבוץ ערבֿ זײַן פֿולשטענדיקן חורבן אונטער דער היטלערישער אָקופּאַציע.

לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1923 זײַנען אין ליטע (מיט מעמל) געווען בסך הכּל 157,527 נפֿשות פֿון ייִדישן גלויבן אָדער 7.26 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון דער מדינה. צו ייִדישער נאַציאָנאַליטעט האָבן זיך אָנערקענט 154,321 פּערזאָן אָדער 98 פּראָצענט פֿון דער צאָל מענטשן פֿון ייִדישן גלויבן. אַזאַ אויסערגעוויינטלעך הויכער פּראָצענט באַשטעטיקט דאָס בילד וואָס מע מאַכט זיך בכלל פֿון דעם טיפֿן נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן און קנאַפּער אַסימילאַציע פֿון די ליטווישע ייִדן. פֿון די אָנגעהעריקע צום ייִדישן גלויבן זײַנען 75,538 געווען מענער און 81,989 פֿרויען, אַזוי אַז אויף 100 נפֿשות פֿון מענלעכן געשלעכט זײַנען געווען 108.5 פֿון ווײַבלעכן. די איבערוואָג פֿון פֿרויען איז געווען בײַ ייִדן ניט פֿיל קלענער ווי בײַ דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג בכלל (109.8).

אויך לויט דער אַלגעמיינער צאָל חתונות איז פּראָפּאָרציאָנעל קיין גרויסער חילוק צווישן דער ייִדישער און ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג ניט געווען, אַזוי אַז די צאָל ייִדישע חתונות האָט אין די יאָרן 1935—1937 באַטראָפֿן 6.6 פּראָצענט פֿון אַלע חתונות אין לאַנד. אמת, בעת דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1923 האָט די צאָל ייִדן אין דער מדינה באַטראָפֿן אַ ביסל אַ גרעסערן פּראָצענט (7.26); ווי מיר וועלן אָבער זען ווײַטער, האָט זיך פֿאַר דער צײַט (13 יאָר) פֿאַרגרעסערט נאָר די ניט־ייִדישע באַפֿעלקערונג, אַזוי אַז אַפֿילו בײַ אַ גלײַכער אָפּטקייט פֿון חתונות בײַ ייִדן און ניט־ייִדן האָט אין 1935—1937 דער פּראָצענט ייִדישע חתונות באַדאַרפֿט זײַן קלענער ווי 7.26.

לויט דעם עלטער האָבן די ייִדישע חתונה־האָבנדיקע פּערזאָנען אין ליטע ווי אין אַנדערע לענדער פֿון דעסט וועגן זיך אונטערגעשיידט פֿון די ניט־ייִדישע דערמיט, וואָס די ייִדישע זײַנען בדרך כּלל געווען צו דער חתונה עלטער. דער אונטערשייד איז באַזונדער נוגע געווען דעם ווײַבלעכן געשלעכט: בעת בײַ דער באַפֿעלקערונג בכלל זײַנען פֿולע 44 פּראָצענט פֿון אַלע חתונה־האָבנדיקע פֿרויען געווען ייִנגער ווי 25 יאָר, איז בײַ ייִדן געווען דער פֿאַל בלויז בײַ 30 פּראָצענט.

גענמישטע חתונות זײַנען בײַ ייִדן אין ליטע געווען זייער זעלטן: ווייניקער ווי אַ האַלבער פּראָצענט פֿון די חתונה־האָבנדיקע ייִדישע פֿרויען האָבן גענומען ניט־ייִדישע מענער (0.4

---

* אַלע ציפֿער וואָס זײַנען געבראַכט אין אָט דעם אַרטיקל זײַנען גענומען פֿון סטאַטיסטישן יאָרבוך פֿון ליטע (*Lietuvos Statistikos Metraštis*) פֿאַר דעם יאָר 1937 (קאָוונע 1938), אָדער אויסגערעכנט דורך מיר אויפֿן סמך פֿון די ציפֿער וואָס זײַנען דאָרטן אָנגעגעבן.

פּראָצענט אין 1935, 0.5 פּראָצענט אין 1936 און 0.2 אין 1937); אין די דערפֿער איז אין 1937 קיין איין געמישטע ייִדישע חתונה אויך ניט געווען.

גאָר גרויס איז געווען דער אונטערשייד צווישן דער ייִדישער און ניט־ייִדישער באַפֿעל־קערונג אין אַלע אַנדערע וויכטיקערע דעמאָגראַפֿישע פּרטים.

אין די יאָרן 1935—1937 האָט די דורכשניטלעכע צאָל ייִדישע לעבעדיק געבוירענע קינדער באַטראָפֿן יערלעך קנאַפּע 1900 (גענויער: 1898), בעת די אַלגעמיינע צאָל לעבעדיק געבוירענע אין דער מדינה איז דורכשניטלעך געווען 58,270 יערלעך, אָדער ייִדישע געבורטן זײַנען געווען בלויז 3.3 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל. נעמט מען אין באַטראַכט, אַז צו גלײַכער צײַט האָבן ייִדישע חתונות באַטראָפֿן 6.6 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל, און אַז בעת דער פֿאָלקסציילונג האָט די צאָל ייִדן געהאַט באַטראָפֿן 7.3 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג, קומט מען צום אויספֿיר, אַז די געבורטיקייט איז בײַ ייִדן אין ליטע ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען צוויי מאָל קלענער ווי בײַ דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג. דער פֿאַקט וואָס ייִדן זײַנען בעיקר אַ שטאָטישע באַפֿעלקערונג האָט דערבײַ קיין באַדײַטיקע ראָלע ניט געשפּילט, מחמת בײַ דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג איז די געבורטיקייט אויך אין די שטעט פּראָפּאָרציאָנעל געווען ניט קלענער ווי בכלל אין דער מדינה.

ענלעך צו דעם, וואָס מיר האָבן געזען בנוגע דעם עלטער פֿון די חתונה־האָבנדיקע פּערזאָנען, קען מען פֿעסטשטעלן, אַז דער פּראָצענט קינדער, וואָס שטאַמען פֿון יונגע עלטערן, איז בײַ ייִדן געווען באַדײַטיק קלענער ווי בײַ ניט־ייִדן: בעת בכלל בײַ דער באַפֿעלקערונג פֿון ליטע האָבן די נײַ געבוירענע קינדער, וואָס זייערע מוטערס זײַנען געווען ייִנגער פֿון 25 יאָר, באַטראָפֿן כּמעט אַ פֿינפֿטל (19.5 פּראָצענט) פֿון אַלע נײַ געבוירענע, האָבן זיי בײַ ייִדן באַטראָפֿן בלויז אַ נײַנטל (11.9 פּראָצענט) פֿון די נײַ געבוירענע.

עס איז כּדאַי אויך צו פֿאַרצייכענען, אַז ניט־לעגיטימע געבורטן זײַנען בײַ ייִדן אין ליטע געווען אַ סך זעלטענער ווי בײַ דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג. פֿאַר די יאָרן 1935—1937 האָבן אין ליטע בכלל די ניט־לעגיטימע אין דורכשניט באַטראָפֿן 6.9 פּראָצענט פֿון די נײַ געבוירענע קינדער, בעת צווישן ייִדישע נײַ געבוירענע האָבן זיי באַטראָפֿן בלויז 1.5 פּראָצענט, ד״ה כּמעט פֿינף מאָל זעלטענער ווי בײַ דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג.

אויך די שטאַרביקייט איז בײַ ייִדן געווען באַדײַטיק קלענער ווי בײַ דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג. פֿאַר דעם פּעריאָד 1935—1937 זײַנען בכלל אין ליטע דורכשניטלעך געשטאָרבן 33,765 מענטשן אַ יאָר, פֿון זיי 1,609 ייִדן; ייִדן האָבן בכן באַטראָפֿן 4.8 פּראָצענט פֿון די געשטאָרבענע. אַזוי ווי די גענויע צאָל ייִדן און ניט־ייִדן, וואָס האָבן צו יענער צײַט געלעבט אין ליטע, איז דורך דער אָפֿיציעלער סטאַטיסטיק ניט אָנגעגעבן, קען מען דעריבער גענוי ניט וויסן, אויף וויפֿל די ייִדישע שטאַרביקייט איז געווען קלענער פֿאַר דער ניט־ייִדישער; אָבער דער דערמאָנטער פּראָצענט ייִדן צווישן די געשטאָרבענע, וואָס איז באַדײַטיק גרעסער ווי צווישן די געבוירענע, אָבער דאָך אַ סך קלענער ווי צווישן דער באַפֿעלקערונג בעת דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1923, ווײַזט, אַז די שטאַרביקייט איז בײַ ייִדן געווען אַ קלענערע ווי בײַ דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג, נאָר דער אונטערשייד צווישן ייִדן און ניט־ייִדן איז אין דעם פּרט געווען באַדײַטיק קלענער ווי בנוגע געבורטיקייט.

דערפֿאַר אָבער קען מען גענוי פֿעסטשטעלן, אַז די קינדער־שטאַרביקייט איז בײַ ייִדן אין ליטע געווען אַ סך קלענער ווי בײַ ניט־ייִדן. אין משך פֿון דעם פּעריאָד 1935—1937 האָט די שטאַרביקייט פֿון קינדער אין ערשטן לעבנסיאָר אין ליטע בכלל באַטראָפֿן 12.4 פּראָצענט פֿון אַלע לעבעדיק געבוירענע קינדער, אָבער בײַ ייִדן האָט זי באַטראָפֿן בלויז 4.6 פּראָצענט, ד״ה דרײַ מאָל ווייניקער ווי בײַ דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון ליטע (און בערך אַזוי ווייניק ווי בײַ די קולטורעלסטע אומות פֿון דער וועלט צו יענער צײַט).

אָבער, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז פֿאַר דער זעלביקער צײַט די יערלעכע צאָל לעבעדיק געבוירענע בײַ ייִדן געווען 1,898 און דער סך־הכּל געשטאָרבענע 1,609; דער נאַטיר־לעכער צווווקס (דער עודף פֿון דער צאָל געבוירענע איבער דער צאָל געשטאָרבענע) האָט

בכן בײַ ייִדן באַטראָפֿן בלויז 289 נפֿשות אַ יאָר, בעת בײַ דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג האָט ער באַטראָפֿן 24,216 (24,505 אין דער מדינה בכלל); דער ייִדישער נאַטירלעכער צוווּקס איז בכן געווען בלויז 1.2 פּראָצענט פֿון דעם ניט־ייִדישן אָדער זעקס מאָל אַ קלע־נערער ווי דער פּראָצענט ייִדן בעת דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1923.

אַחוץ דעם האָבן ייִדן שטאַרק עמיגרירט פֿון ליטע. לויט דער אָפֿיציעלער ליטווישער סטאַטיסטיק האָבן אין דורכשניט פֿון דעם פּעריאָד 1935—1937 אויסגעוואַנדערט פֿון ליטע יערלעך 961 ייִדן און 571 ניט־ייִדן. כּמעט צוויי דריטל (63 פּראָצענט) פֿון דער עמיגראַציע פֿון ליטע איז אַזוי אַרום באַשטאַנען פֿון ייִדן, און אַרום טויזנט ייִדן האָבן יערלעך אויסגע־וואַנדערט פֿון דער מדינה.

וווּהין האָבן ייִדן צו יענער צײַט געוואַנדערט? לויט די דאַטעס פֿאַר דעם יאָר 1937 האָבן 35 פּראָצענט פֿון די ייִדישע עמיגראַנטן געוואַנדערט קיין דרום־אַפֿריקע, 29 פּראָצענט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע, 11 פּראָצענט קיין ארץ־ישׂראל, 9 פּראָצענט קיין אַרגענטינע, 7 פּראָצענט קיין אורוגווײַ און 9 פּראָצענט אין אַלע אַנדערע לענדער צוזאַמען. פֿאַר וואָס האָבן ייִדן פֿון קאָוונער ליטע זיך אַריבערגעפּעקלט בעיקר קיין דרום־אַפֿריקע, ווו זיי האָבן געשאַפֿן דעם מערקווערדיקן דרום־אַפֿריקאַנישן ייִדישן ישובֿ, איז פֿאַר מיר גופֿא אַ רעטעניש, הגם איך געהער אַליין צו אַ פֿאַמיליע, וואָס האָט נאָך מיט 60 יאָר צוריק אָנגעהויבן אויסצוּוואַנדערן קיין דרום־אַפֿריקע. עס וואָלט ווערט זײַן די פֿראַגע גענויער אויס־צופֿאָרשן.

נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, אַן אויסוואַנדערונג פֿון קרובֿ טויזנט (961) נפֿשות אַ יאָר בײַ אַ נאַטירלעכן צוווּקס פֿון קנאַפּע דרײַ הונדערט (289) באַטײַט אַ יערלעכע פֿאַרקלע־נערונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אויף קרובֿ 700 מענטשן (672). דערבײַ קאָן מען אָננעמען, אַז אין די פֿריִערדיקע יאָרן, ווען די אײַנוואַנדערונג קיין דרום־אַפֿריקע איז געווען פֿרײַער ווי ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז די ייִדישע עמיגראַציע פֿון ליטע געווען נאָך גרעסער (פֿאַר דעם דערמאָנטן פּעריאָד האָט די ייִדישע עמיגראַציע פֿון ליטע באַ־טראָפֿן 449 פּערזאָן אין 1937, 1,008 אין 1936 און 1,425 אין 1935), אַזוי אַז די פֿאַרקלע־נערונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז דעמאָלט מסתּמא געגאַנגען נאָך גיכער.

נעמט מען אָן, אַז זינט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1923 האָט די דורכשניטלעכע פֿאַרקלע־נערונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ליטע באַטראָפֿן 700 נפֿשות אַ יאָר, קומט מען צום אויספֿיר, אַז ערבֿ דער מלחמה, אין 1939, זײַנען שוין אין ליטע געווען בלויז 146,000 ייִדן און אַן ערך 148,000 אין 1936, אין מיטן פֿון דעם באַשריבענעם פּעריאָד (1935—1937). און דאָס ווידער באַטײַט, אַז צו יענער צײַט האָט באַטראָפֿן בײַ ייִדן אין ליטע:

די געבורטיקייט — 12.8 פּער טויזנט; די שטאַרביקייט — 10.9; דער נאַ־טירלעכער צוווּקס — 2.0 פּער טויזנט; די אויסוואַנדערונג — 6.5, און די פֿאַקטישע פֿאַרקלענערונג — 4.5 פּער טויזנט ייִדישע אײַנוווינערס. און דאָס ווידער האָט באַטײַט: אַ גאַר קליינע שטאַרביקייט (אַזעלכע ווי די שווייץ למשל האָט געהאַט מיט צען יאָר שפּעטער), אָבער גלײַכצײַטיק אַ גאַר קליינע געבורטיקייט (אַ באַדײַטיק קלענערע אַפֿילו ווי דאָס האָט פֿאַריז), און דעריבער בלויז אַ זעלטן קליינער נאַטירלעכער צוווּקס; אַז צוזאַמען מיט דעם איז נאָך געגאַנגען אַ שטאַרקע אויסוואַנדערונג האָט דאָס שוין באַטײַט אַן אַבסאָלוטע דעמאָגראַפֿישע ירידה פֿונעם ייִדישן ישובֿ אין דער מדינה. אונטערן צייכן פֿון אָט דער ירידה איז ער געשטאַנען, בעת עס האָט אויסגעבראָכן די היטלער־קאַטאַסטראָפֿע.

אָבער די אויסוואַנדערונג גופֿא האָט מעבֿר לים פֿאַרפֿלאַנצט דעם דאָזיקן צווײַג פֿון ייִדישן פֿאָלק, און אַזוי אַרום וועט ער, בײַ אַנדערע באַדינגונגען און אויף אַן אַנדער אופֿן, קענען ווײַטער צ־ען זײַן נאַציאָנאַלן המשך.

ל. הערש

אלול און תּשרי אין דער אַמאָליקער קראָקע

אַ גאַנצע וועלט איז הרובֿ געוואָרן צוזאַמען מיט אירע פֿירונגען, דאַרף מען איר שטעלן אַ געדענקשטיין. די ערשטע זכרונות פֿון מײַנע קינדעריאָרן זײַנען פֿאַרבונדן מיט מײַן געבורטשטאָט קראָקע, וויל איך דאָ אַ ביסל באַשרײַבן דאָס ספּעציפֿישע ייִדישע לעבן פֿון דער דאָזיקער עיר ואם בישׂראל. מער ווי אין יעדן אַנדערן חודש איז די דאָזיקע ספּעציפֿישקייט געקומען צום אויסדרוק אין די חדשים אלול און תּשרי. פֿאַרבײַגייענדיק וועל איך אויך איבערגעבן אַ ביסל אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם ייִדישן לעבן אין מײַנע קינדערשע יאָרן בכלל.

מײַן ייִדישע וועלט איז יעמאָלט באַשטאַנען פֿון בלויז עטלעכע גאַסן וועלכע האָבן זיך געצויגן פֿון דער הויכער גאַס (אָדער ווי זי האָט געהייסן אויף פּויליש: די ברייטע גאַס) איבער דער אַזוי גערופֿענער יאָזעפֿס־גאַס, וועלכע איז אַ מאָל געווען ווי אַ פֿאַרלענגערונג פֿון דער ייִדישער גאַס, ביז צום קאָזמאַרק,[1] די הויפּטגאַס פֿון קראָקעווער ייִדישן קוואַרטאַל.

צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַ צענדלינג זײַטיקע געסלעך ווי אַ שטייגער: דאָס פֿינצטערע געסל, דאָס אָרעמע געסל, דאָס שמאָלע געסל, דאָס ר׳ אײַזיק־געסל, דאָס תּלמוד־תּורה־געסל, דאָס קופּה־געסל, די באָזע (העברעיִש: בזוי, ״פֿאַראַכט״, אַ בכּיוונדיקע קאָרופּציע פֿון ulica Bożego Ciała) און דער אַזוי גערופֿענער פּלאַץ, וואָס אויפֿן פּוילישן שניט האָט ער געדאַרפֿט הייסן די באַזאַר־גאַס.

אַרום יענע גאַסן האָבן זיך אויך געפֿונען די זעקס גרויסע קראָקעווער שולן, וואָס דרײַ פֿון זיי זײַנען אויפֿגעבויט געוואָרן פֿון אַלגעמיינע קהלשע פֿאָנדן, דהײַנו: די אַלטע שול (געגרינדעט אַרום 1450); די קופּה־שול (געגרינדעט 1595) און די הויכע שול (געגרינדעט 1610). די אַנדערע דרײַ שולן זײַנען געגרינדעט געוואָרן פֿון יחידים, דהײַנו: די רמ״אָ־שול איז אויפֿגעבויט געוואָרן פֿון ר׳ ישׂראל איסערליס, דעם רמ״אָס פֿאָטער, אין 1553 און האָט שטענדיק געהייסן די נײַע שול; די וואָלף פּאָפּער־שול, געגרינדעט פֿון ר׳ וואָלף באָטשאַן אין 1620, און אײַזיק ר׳ יעקעלעס שול, געגרינדעט 1640.

מײַנע בני־דור געדענקען נאָך די מויער פֿון דער אַמאָליקער געטאָ, וועלכע האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער הויכער גאַס. אַ טייל פֿון יענער מויער איז נאָך יעמאָלט געווען אַרײַנגענומען אין דער וואַנט פֿון דער אַלטער שול און זי האָט זיך געצויגן איבער דער וואָלף פּאָפּער־שול ביז צו דער קהלשער באָד. זי האָט אויך געדינט ווי אַ וואַנט צו די הײַזער וואָס האָבן אָפּגעשיידט די הויכע גאַס פֿון דעם דאַיוואָר, וועלכער איז יעמאָלט געווען אַ פֿעלד באַוואַקסן מיט תּבֿואה, און עס האָט זיך געצויגן ביז צום נײַעם בית־הקבֿרות און דעם אויסגאַנג פֿון די שטאָטישע קאַנאַלן, וואָס האָבן געפֿירט צו דער אַלטער ווײַסל.

במשך פֿון אַ יאָר אָדער צוויי האָט מײַן פֿאָטער געוווינט אין אַ הויז, וואָס איין וואַנט איז געווען די געטאָ־מויער, און אונדזער פֿענצטער איז געווען אין דעם מויער גופֿא.

אין יענער צײַט האָבן קראָקעווער ייִדן געוווינט שוין אויך אין די ווײַטערע גאַסן פֿונעם קאָזמאַרק אָדער אַפֿילו גאָר ווײַטער פֿונעם „שטראָדעמער" טייל פֿון שטאָט. יענע גאַסן האָבן אָבער ניט געטראָגן די ספּעציעלע ייִדישע צורה. מען האָט דאָרט, אַ שטייגער, ניט גערופֿן אין שול אַרײַן און ניט געוועקט צו סליחות. אַ ייִדיש ייִנגל וואָס האָט דאָרט אַהין פֿאַרבלאָנדזשעט איז געווען אין סכּנה מיט זײַנע פּאות. אין אַלגעמיין האָבן דאָרט ייִדן געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים, האָט זיך יעדערער געסטאַטקעוועט און זיך געהיט פֿאַר די גויִישע שכנים.

*

קראָקע איז לכתּחילה געווען אַ שטאָט פֿון מתנגדים. די ערשטע עטלעכע חסידים וואָס האָבן זיך פּלוצעם באַוויזן, כ״ה תּשרי תּקמ״ו (דעם 29סטן סעפּטעמבער 1785), האָט מען אַרײַנגעלייגט אין חרם, אומאָפּהענגיק פֿון ווילנער גאָונס חרם. עס איז יעמאָלט אָנגעקומען

---

[1] דער אָ אַרויסגערעדט ווי אַן u. דאָס זעלביקע ווײַטער, אין די ווערטער: „באָזע" און „שטראָדעמער."

אין קראָקע דער חסידישער רבי ר׳ קלמן נײַשטעטער, דער מחבר פֿונעם מאור ושמש אויף תּורה, און זיך געמאַכט אַן אייגן מנין אויף ימים־נוראים. אַזוי ווי מען האָט געהערט וועגן די ווילדע העוויות וואָס די חבֿרה האָט געמאַכט בײַם דאַוונען ראָש־השנה, האָט ערבֿ יום־כּיפּור צו כּל נדרי קהל אַרויסגעשיקט צוויי שמשים אויסצולעשן דאָרט די ליכט און צו צע־טרײַבן די חסידים מיט שטעקנס. בסך־הכּל האָט מען דאָרט געטראָפֿן, לויט ווי עס ווערט דער־ציילט, זיבן חסידים. צוויי ייִדן, נחותי דרגא, האָט מען געהאַט געדונגען צום דאַוונען, און צוזאַמען מיט ר׳ קלמן נײַשטעטער אַליין איז געווען פּונקט אַ מנין.

שפּעטער אָבער האָט זיך חסידות אין קראָקע שטאַרק פֿונאַנדערגעוואַקסן, און אין מײַנע קינדעריאָרן זײַנען שוין דאָרט געווען חסידים פֿון סאַנדזער, ראַדאָמסקער און דזשיקעווער גזע, חוץ אַ צענדליג בתּי־מדרשים, ווו מען האָט געדאַוונט נוסח ספֿרד. די נעמען פֿון די בתּי־מדרשים געדענק איך ניט מער, ווײַל איך האָב מיך געהיט ניט צו קומען אין זייערע ד אַמות.

מײַן טאַטע ע״ה איז געווען אַ פֿאַרביסענער מתנגד. ווען ער האָט אַ מאָל בײַ מיר אין דער האַנט דערזען דעם שבחי בעל שם טוב (איך בין יעמאָלט אַלט געווען עלף יאָר) איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַזאַ כּעס, ווי איך האָב דאָס בײַ אים קיין מאָל ניט געזען. ער האָט אַוועק־גענומען בײַ מיר דאָס ספֿרל, צעריסן עס אויף פּיצלעך, געטרעטן מיט די פֿיס, און מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש — דעם ערשטן און דעם לעצטן.

*

דער ערשטער אינטערעסאַנטער מינהג וואָס האָט זיך בײַ מיר אײַנגעקריצט אין זכּרון פֿון די קינדעריאָרן האָט גאָרניט צו טאָן מיט די חדשים אלול און תּשרי, ער איז אָבער כּדאַי דערמאָנט צו ווערן. אין דער אַלטער שול איז געווען אַ מינהג, אַז ווען דער עולם איז מוצאי־שבת אַהיימגעגאַנגען פֿון שול, האָט דער שמש געטיילט קליינע ליכטלעך. מסתּמא האָט דער דאָזיקער מינהג געשטאַמט פֿון דער צײַט, ווען די גאַסן אַרום דער שול זײַנען געווען פֿינצטער און עס איז געווען אַ סכּנה אַרויסצוגיין אָן אַ לאַמטערן. אין יענער צײַט, וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ, איז שוין געווען גאַז־באַלײַכטונג אין די גאַסן, אָבער מען האָט נאָך אַלץ געטיילט ליכטלעך דעם עולם. בעלי־בתּים פֿלעגן שוין די דאָזיקע ליכטלעך ניט מער נעמען, אָבער קינדער פֿלעגן זיי כאַפּן און אָנצינדן און אַזוי טראָגן איבערן וועג. איז אַ מאָל געקומען אַ גבאי אַ קמצן און צוליב עקאָנאָמישע טעמים בטל געמאַכט דעם מינהג.

*

באַלד ווי מען האָט נאָר דערהערט דעם ערשטן אלולדיקן בלאָז פֿונעם שופֿר איז נשתּנה געוואָרן די צורה פֿון די קראָקעווער ייִדן און עס איז אויף יעדערן אָנגעפֿאַלן אַ געפֿיל פֿון עפּעס אַ באַהאַלטענער אימה. פֿאַרשוווּנדן איז יעמאָלט יעדער פּרווו פֿון אַ לאַך, וואָס ער איז אַפֿילו אין אַנדערע צײַטן געווען גאָר אַ זעלטענע דערשײַנונג בײַ די קראָקעווער ייִדן.

אין די צוויי וואָכן פֿון נאָך שבת נחמו ביז ראָש־חודש אלול האָט געהערשט אַ ביסל אַ בעסערע שטימונג. די טרייסטווערטער פֿון די שבתדיקע הפֿטורות האָבן געגעבן אַ שטיקל האָפֿענונג פֿאַרן לעבן. אַחוץ דעם האָט די גרויסע צאָל חתונות וואָס פֿלעגן אַרײַנגעשטופּט ווערן אין די פּאָר וואָכן צווישן שבת־נחמו און ראָש־חודש אלול געהויבן די געמיטער; מען האָט זיי אָפּגעלייגט פֿון די דרײַ וואָכן פֿון שבֿעה־עשׂר בתּמוז ביז נאָך תּשעה־באָבֿ. מיטן ערשטן אלולדיקן בלאָז פֿונעם שופֿר איז דאָס אַלץ ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן — און מען האָט נאָר כּסדר געהערט זיפֿצן און קרעכצן, בהסכּם מיט דער טראַדיציע וואָס טײַטשט אויס די ראָשי תּיבֿות פֿון אלול — אוי לי, ווײ לי.

נאָכן דאַוונען אין דער פֿרי און בײַ נאַכט האָט מען יעמאָלט געזאָגט מיט גרויס כּוונה דאָס זיבן און צוואַנציקסטע קאַפּיטל פֿון תּהילים: „גאָט איז מײַן ליכט און מײַן הילף, פֿאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן? גאָט איז די פֿעסטונג פֿון מײַן לעבן, פֿאַר וועמען זאָל איך מיך פֿאָרכטן?״ פֿאַר וואָס עפּעס פּונקט דאָס קאַפּיטל, און בלויז אין די דאָזיקע טעג? האָט

מען מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז לויט אונדזערע מפֿרשים איז דאָס קאַפּיטל געצילט קעגן דעם יצר־הרע וואָס שאַרפֿט זיך אויף אונדז די ציין ספּעציעל אין די טעג פֿון אלול ביז נאָך הושענא־רבה.

די סליחות פֿלעגן בײַ אונדז בלויז חסידים זאָגן די ערשטע נאַכט אַרום צוועלף אַ זייגער, ווײַל דער פּיזמון פֿון יענע סליחות איז במוצאי מנוחה (די מתנגדים האָבן אויך די ערשטע סליחות געזאָגט פֿאַר טאָג). אַלע אַנדערע סליחות־טעג פֿלעגן בײַ אונדז חסידים אויפֿשטיין גלײַך מיט מתנגדים — צוויי שעה פֿאַר טאָג. אַזוי ווי דער טאָג הייבט זיך אָן יעמאָלט געווייִנטלעך אַרום זעקס אַ זייגער אין דער פֿרי, האָט מען געוועקט צו סליחות אַרום פֿיר פֿאַר טאָג.

אין פּוילן הייבט זיך שוין אָן אין די סליחות־טעג דער האַרבסט, די נעכט זײַנען קילע, אַפֿילו ווען די טעג זײַנען וואַרעמע — און עס פֿאַלט שוין דעמאָלט אַ געפֿרוירענער טוי וועלכער באַדעקט אַ מאָל די גאַסן ווי שניי. כאָטש מײַן טאַטע האָט מיך זייער ליב געהאַט און האָט שטענדיק געציטערט איבער מײַן געזונט, האָט ער מיך געוואָלט דערציִען ווי דער שולחן־ערוך הייסט — יתגבר כארי, אַז מען דאַרף זיך שטאַרקן ווי אַ לייב צו עבֿודת הבורא. אַזוי ווי ער האָט נאָר דערהערט, אַז מען וועקט צו סליחות, האָט ער מיך אַרויסגעריסן פֿון מיטן שלאָף, פֿון אונטער דער וואַרעמער פּערענע, און ער האָט מיך אַוועקגעשטעלט אַ באָרוועסן אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע.

געוועקט האָט מען יעמאָלט זינגענדיק: ייִדעלעך, כשרע ייִדעלעך, טײַערע ייִדעלעך, שטייטס אויף, שטייטס אויף צו סליחות! — דערנאָך האָט מען אָנגעקלאַפּט בײַ יחידי־סגולה אין דער טיר אָדער אין פֿענצטער.

אַחוץ סליחות פֿלעגט מען אויך וועקן אין אַנדערע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר, אויפֿצושטיין צו עבֿודת הבורא, אָט אַ שטייגער ווי עס פֿלעגט דאָס טאָן די חבֿרה שומרים לבוקר, וואָס פֿלעגן אויפֿשטיין זומער און ווינטער יעדן פֿאַר טאָג, כּדי אויסצוזאָגן גאַנץ תּהילים פֿאַר דעם דאַווענען. אָבער דאָס וועקן אַ גאַנץ יאָר האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדער פּנים ווי דאָס וועקן צו סליחות, ווײַל אַ גאַנץ יאָר האָט מען געקענט הערן וועקן און ווײַטער רויִק שלאָפֿן.

ערבֿ ראָש־השנה איז שוין דאָס וועקן צו סליחות צוגעגאַנגען אויף גאָר אַן ענערגישן אופֿן, ווײַל מען האָט שוין געוועקט דרײַ אַ זייגער. און געוועקט האָט מען אויף גאָר אַן אַנדערן נוסח: מען האָט יעמאָלט גערופֿן די אָבֿות, זיי זאָלן אויפֿשטיין בעטן פֿאַר ייִדן. דער נוסח פֿונעם דעמאָלטיקן וועקן איז געווען: אַבֿרהם, יצחק, יעקבֿ, יוסף, משה, אַהרן, דוד און שלמה, שטייטס אויף, ייִדן זײַנען אין גלות, שטייטס אויף צו די הייליקע סליחות!

דערנאָך האָט דער שמשׂ אָנגעקלאַפּט אינעם טויער פֿונעם אַלטן בית־הקבֿרות און ער האָט געוועקט.

— משה! האָט ער אַ געשריי געטאָן און געמיינט האָט ער דעם רמ״אָ (ר׳ משה איסערליס). דערנאָך האָט ער ווײַטער געגעבן אַ קלאַפּ מיט זײַן שטעקן אין טויער און גערופֿן: יואל! און געמיינט האָט ער דערמיט דעם ב״ח (ר׳ יואל סירקיס). דערנאָך האָט זיך ווײַטער איבער־געחזרט דאָס זעלבע, גערופֿן האָט ער: ליפּע! און געמיינט האָט ער דעם תּוספֿות יום־טובֿ (ר׳ יום־טובֿ ליפּמאַן העלער, וועמען דאָס פֿאָלק האָט פּשוט גערופֿן ליפּע). דערנאָך האָט ער ווידער געגעבן אַ קלאַפּ מיטן שטעקן און ער האָט גערופֿן: נטע! און געמיינט האָט ער דעם בעל מגלה עמוקות (ר׳ נתן נטע שפּיראָ); און ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט די דאָזיקע קלעפּ, האָט ער געשריגן: שטייטס אויף בעטן פֿאַר ייִדן!...

מיך פֿלעגט שטאַרק חידושן, ווי קומט עס, אַז אַ שמשׂ זאָל וועקן אַזעלכע גרויסע גאונים אָן דרך־ארץ און ער זאָל זיי אַפֿילו ניט רופֿן מיטן געווייִנטלעכן טיטל ר׳. האָט מען מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ווען מען וועקט איינעם פֿאַר טאָג, איז עס עפּעס אַן אַלטע טראַ־דיציע אים ניט צו רופֿן מיטן טיטל ר׳; פֿלעגט מען דערפֿאַר רופֿן יענע גרויסע רבנים בלויז בײַ זייערע נעמען.

דעם מקור פֿאַר דעם דאָזיקן מינהג האָב איך קיין מאָל ניט געפֿונען, פּונקט ווי איך

האָב ניט געפֿונען דעם טעם, פֿאַר וואָס מען וועקט עפּעס נאָר יענע עטלעכע גאונים, זיי זאָלן אויפֿשטיין צו סליחות, און מען וועקט ניט צענדליגגער אַנדערע גאונים וואָס ליגן אויף דעם זעלבן בית־הקבֿרות.

ראָש־השנה און יום־כּיפּור פֿלעגן מתנגדים אויפֿשטיין דרײַ אַ זייגער אין דער פֿרי, כּדי זיי זאָלן זיך קענען שטעלן דאַווגען מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג. מען האָט יעמאָלט ניט גערופֿן אין שול ווי אין אַ שבת אָדער אין אַן אַנדערן יום־טובֿ, ווײַל עס איז קיין צײַט ניט געווען. דאָס ימים־נוראָימדיקע דאַווגען האָט זייער לאַנג געדויערט, קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אויסצולאָזן דאָס מינדסטע ברעקל פֿון די פּיוטים, חוץ פֿון אַזעלכע, וואָס עס איז וועגן זיי אָנגעצייכנט אינעם מחזור: בקראָקע אין אומרים! אַחוץ דעם האָט מען מאריך געווען אין די געזאַנגען און אין די צערעמאָניעס בײַ תּקיעת שופֿר, אַזוי אַז דאָס דאַווגען האָט זיך קיין מאָל ניט געענדיקט פֿאַר צוויי אַ זייגער.

פֿאַר די תּקיעות האָט מען אויסגעקליבן אַ פֿרומען בעל תּוקע. ווען דער פּראָסטער עולם האָט צווישן די תּקיעות אָנגעהויבן זאָגן די תּפֿילות יהי רצון וואָס זײַנען אָנגעגעבן אין מחזור, האָבן יעמאָלט געוויינטלעך די לומדים גענומען קלאַפּן אין די שטענדערס און גע־וואָלט אָפּשטעלן די מתפּללים פֿון זאָגן די תּפֿילות, ווײַל בײַ די לומדים האָבן די דאָזיקע תּפֿילות צו פֿיל געשמעקט מיט אײַנגלײבעניש. מנצח געווען האָט דער פּשוטער עולם.

ערבֿ יום־כּיפּור [2] אין דער פֿרי האָט מען געזאָגט חייניקער סליחות ווי אַ יעדן אַנדערן טאָג פֿון די עשׂרת ימי תּשובֿה — און מען האָט זיך יעמאָלט מער אָפּגעגעבן מיט עסן, כּדי מקיים צו זײַן די מיצווה פֿון כל האוכל ושותה בערב יום־הכיפורים, מעלה עליו הכתוב כאילו מתענה תשיעי ועשירי — ווער עס עסט און טרינקט געשמאַק אום ערבֿ יום־כּיפּור, ווערט עס אים פֿאַררעכנט גלײַך ווי ער וואָלט געפֿאַסט בײדע טעג. האָט מען געגעסן דרײַ סעודות ביז צו דער סעודה המפֿסקת — בײַם פֿאַרפֿאַסטן.

באַזונדער כאַראַקטעריסטיש זײַנען געווען די מינהגים בײַ דער יום־טובֿדיקער סעודה פֿון פֿאַר נאַכט. יעמאָלט האָט יעדער בעל־הבית געמוזט האָבן אַ קאָפּשטיק פֿיש, כּדי צו קענען זאָגן די תּפֿילה: יהי רצון שאהיה לראש — עס זאָל זײַן דײַן ווילן, אַז איך זאָל דערהויבן ווערן צו אַ קאָפּ. חוץ דעם האָט מען נאָך געדאַרפֿט האָבן מערן־צימעס, אויף וועלכן מען האָט לויט אַ שפּראַך־סימבאָלישער ענלעכקייט (מערן — זיך מערן) געמאַכט די ברכה: יהי רצון שירבו זכיותינו — אונדזערע זכיות זאָלן זיך פֿאַרמערן. דערנאָך איז געקומען דאָס בענטשן די קינ־דער און געזעגענען זיך מיט אַלע קרובֿים, גלײַך ווי מען זאָל דאַרפֿן גיין צו אַ שווערן פּראָצעס. דערבײַ איז אויך קיינער ניט געווען קאַרג אויף טרערן.

צו מינחה פֿלעגט דער בעל־הבתּישער עולם קומען אין שול, אָנגעטאָן אין שטרײַמלעך און די יום־טובֿדיקע בגדים מיט אַ האָפֿערדיקער מינע, גלײַך ווי מען זאָל זײַן זיכער מיט אַ חתימה טובֿה, און מען האָט געטיילט נדבֿות אין דער קערה. דערבײַ פֿלעגט דער גבאי מכבד זײַן די בעלי־בתּים מיט אַ גלעזל מעד.

דאָס ערנצטע פּנים האָט מען ערשט אָנגעטאָן צו דער סעודה המפֿסקת; יעמאָלט האָט די מורא אָנגעהויבן זיך אַ ביסל פֿאַרשטאַרקן.

יום־כּיפּור בײַם לייענען האָט יעדערער פֿאַרגאָסן באָכן טרערן אויפֿן טויט פֿון אַהרנס צוויי זין, אַזוי ווי עס שטייט אין די הייליקע ספֿרים, אַז ווער עס וויינט אויפֿן טויט פֿון אַהרנס קינדער, בײַ דעם וועלן ניט שטאַרבן זײַנע קינדער בײַ זײַן לעבן. הגם מײַן טאַטע פֿלעגט אויך שטאַרק וויינען, האָבן זײַנע טרערן אַ פּנים ווייניק געהאָלפֿן: ער האָט באַגראָבן פֿינף קינדער.

מוצאי יום־כּיפּור פֿלעגט מען ניט תּיכּף גיין עסן, ווײַל מען האָט געמוזט פֿריִער מחדש

---

[2] איך רייד דאָ ספּעציעל וועגן קראָקעווער מינהגים וואָס זײַנען ניט געווען אײַנגעפֿירט אין אַנדערע שטעט. דעריבער דערמאָן איך דאָ ניט אַ שטייגער וועגן איבערבעטן ערבֿ יום־כּיפּור, וואָס וועגן דעם רעדט זיך שוין אין דער גמרא, אָדער וועגן כּפּרות שלאָגן וואָס איז אָנגענומען בכל תּפֿוצות ישׂראל, כאָטש דער בית־יוסף איז געווען קעגן (אָבער דער רמ״אָ האַלט דערפֿון שטאָל און אײַזן).

זײַן די לבֿנה. ווען די לבֿנה האָט זיך ניט אַזוי שנעל באַוויזן, האָט מען אויף איר געדולדיק געוואַרט אַפּילו ביז צען אַ זייגער און מען האָט ניט אָפּגעפּאַסט פֿאַר קידוש לבֿנה.

נאָך דעם עסן האָט מען זיך גענומען אויסמעסטן דעם פּלאַץ פֿאַר דער סוכּה, אַוועקשטעלן אַ ברעט אָדער אַרײַנשלאָגן אַ פּלעקל פֿאַר דער סוכּה. די טעג פֿון ממחרת יום־הכּיפּורים ביז סוכּות זײַנען באַזונדער געבענטשט פֿון גאָט: ייִדן גיבן יעמאָלט אָפּ דעם אייבערשטן זײַן גאַנציאָריקן טיטל האל הקדוש, און דער אייבערשטער רעכנט ניט דערפֿאַר די עבֿרות פֿון ייִדן, וואָס זיי טוען פֿון נאָך יום־כּיפּור ביז סוכּות.

סוכּות האָט געהאַט זײַן באַזונדערן חן. אין צענטער, פֿאַרשטייט זיך, איז געשטאַנען דאָס בויען די סוכּה. דעם נוי סוכּה, אויסצופּוצן די סוכּה, האָט מען געוויינטלעך איבערגעלאָזט צו די קינדער. זײַנען די קינדער געזעסן טאָג און נאַכט פֿאַר סוכּות און האָבן געקנייטשט די שטערנס, ווי אַזוי די סוכּה אויסצופּוצן. געוויינטלעך פֿלעגט מען דאָס טאָן מיט סיצפּאַפּיר, אויסגעאַרבעט אין פּאַפּירענע קייטן. אין אָרעמערע הײַזער איז די באַפּוצונג געווען דער עיקר אינעם סכך. דאָרט האָט יעדעס קינד געדאַרפֿט געבן אַ צושטײַער פֿון זײַן אייגן געלט. רײַכערע ייִדן פֿלעגן אַרומהענגען די ווענט מיט פֿאָרהאַנגען און דיוואַנעס.[3] אַנדערע, מיט אַ שיינעם כּתבֿ, פֿלעגן אויסשרײַבן די אושפּיזין, די יהי רצונס וכדומה מיט געכּתיבֿהטע אותיות.

די עיקר־ראָלע בײַ דער סוכּה האָט געשפּילט די ערשטע און אַ ביסל אויך די צווייטע נאַכט סוכּות. ווײַבער און טעכטער זײַנען יעמאָלט געקומען אין סוכּה צום קידוש, האָבן די בעלי־בתּים געפּרוווט איינער דעם אַנדערן אַריבערצושרײַען. דער פּראָסטער עולם האָט זיך געדרייט אַרום די לומדים, אַרײַנוואָרפֿנדיק אין שמועס אַ וואָרט אָדער צוויי, און זאָל דאָס ווײַב זען, אַז איר מאַן איז ניט אַבי ווער...

גרויס קינאה האָט געהערשט, ווען מען האָט דערלאַנגט דאָס עסן, דערבײַ האָט איטלעכער געכאַפּט אַ בליק אין זײַן שכנס טעלער, וואָס און וויפֿל יענער באַקומט צו עסן.

זיצן אין סוכּה איז יעדערער געזעסן זיבן טעג, ווי דער דין איז. נאָר וועגן שמיני־עצרת איז דער עולם געווען מחולק. טייל האָבן אָפּגעהיט צו זיצן אין סוכּה אום שמיני־עצרת בײַ נאַכט, און אין דער פֿרי האָבן זיי בלויז קידוש געמאַכט און אָפּגעזעגנט זיך מיט אַ יהי רצון, אַז אַזוי ווי זיי זײַנען געזעסן אַ גאַנץ יום־טובֿ אין סוכּה, זאָלן זיי זוכה זײַן צו זיצן אין דער סוכּה וואָס דער אייבערשטער וועט אַ מאָל מאַכן פֿון דער הויט פֿון דעם לויתן. אַנדערע פֿלעגן די שמיני־עצרת־נאַכט עסן בײַ זיך אין הויז און צו מאָרגנס פֿלעגן זיי זיצן אין סוכּה אַ גאַנצן טאָג, ביז זיי האָבן געדאַרפֿט גיין צו די הקפֿות.

הושענא־רבה איז אַ יום־טובֿ בײַ ייִדן בכל תּפֿוצות ישׂראל — און אין קראָקע איז דאָס געווען גאָר אַ באַזונדערער יום־טובֿ. דאָרט פֿלעגט מען זאָגן הושענא־רבה בײַ נאַכט ספּעציעלע סליחות וועלכע זײַנען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פֿון דעם בעל תּוספֿות יום־טובֿ בעת ער איז געווען רבֿ אין קראָקע.

די סיבה פֿאַר די דאָזיקע סליחות איז שוין לאַנג פֿאַרגעסן געוואָרן. מיגלעך, אַז דאָס איז צוליב עפּעס אַ געשעעניש אין דעם לעבן פֿון בעל תּוספֿות יום־טובֿ אַליין, וועלכער האָט דורכויס געוואָלט, אַז זײַנע פּערזענלעכע איבערלעבענישן זאָלן פֿאַרגעדענקט ווערן פֿון אַלע ייִדן. ס'איז אָבער אויך מיגלעך, אַז אַזוי ווי עס פֿלעגן יעמאָלט אָפֿט פֿאָרקומען אָנפֿאַלן פֿון די גויים אויף ייִדן אין שול, איז אפֿשר אַזאַ מין אָנפֿאַל פֿאָרגעקומען אין הושענא־רבה. האָט דער רבֿ געהייסן זאָגן סליחות. דערנאָך איז דאָס געוואָרן אַ חוק בײַ די קראָקעווער ייִדן צו זאָגן סליחות. אַ חידוש איז אָבער, וואָס אין דער אַלטער שול האָט מען קיין סליחות ניט געזאָגט.

אָנגעהויבן האָט מען די סליחות מיט אַ קדיש מיטן ניגון פֿון נעילה, דערנאָך האָט מען צונויפֿגענומען אַלע פּסוקים פֿון תּנ״ך וואָס הייבן זיך אָן מיטן וואָרט תּפֿילה, אַ שטייגער ווי: תפלה לדוד, תפלה למשה, תפלה לחבקוק הנביא וכדומה. אַחוץ דעם האָט מען דאָרט אויך אַרײַנגענומען די תּפֿילות אלהינו שבשמים, וועלכע זײַנען ווי אַ נאָכמאַכונג פֿון די תּפֿילות אבינו מלכנו און געפֿינען זיך אין די מחזורים פֿאַר יום־כּיפּור.

---

3 טעפּעכער.

שׂימחת־תּורה איז געפּראַוועט געוואָרן אין קראָקע אויף דעם זעלבן שטייגער ווי אין אַנדערע שטעט. אין דער פֿרי זײַנען ייִדן אַרומגעלאָפֿן בגילופֿינדיק איבער די גאַסן, אָבער שיכּור איז קיינער ניט געווען.

נאָך מיטאָג איז שוין געווען הפקר אַ וועלט. פֿלעגט דער עולם גיין גרופּעסווײַז פֿון איין בעל־הבית צום אַנדערן, און איידער מען איז נאָך אַרײַנגעקומען צו יענעם אין שטוב, האָט מען אויסגעליידיקט דעם שפּײַזאַלמער אין פֿאַרהויז און אַרויסגענומען פֿון דאָרט דאָס לעצטע ברעקל חלה אָדער אַנדערע געבעקסן; איבערגעלאָזט האָט מען בלויז דאָס מילכיקע געבעקס, ווײַל מען איז געווען פֿליישיק פֿונעם מיטאָג.

און אַז די נאַכט איז צוגעפֿאַלן און מען האָט שוין געהאַט אויסגעליידיקט אַלע שפּײַז־אַלמערס, האָט מען זיך אָוועקגעשטעלט טאַנצן אין גאַס, זינגענדיק דערבײַ כּלערליי יום־טובֿדיקע פּיוטים — און פּלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ ייִד מיטן טלית איבערן קאָפּ און אַ לולבֿ אין דער האַנט, שרײַענדיק הושענא צאן קדשים, און דער גאַנצער עולם צוזאַמען מיט אַ כאַליאַסטרע קינדער האָט אים אָפּגעענטפֿערט: מעו!...

גרשם באַדער

פֿון רעדאַקציע: מיר בעטן אונדזערע לייענערס וועלכע געדענקען ענלעכע מינהגים פֿון זייערע אַלטע היימען זיי צו פֿאַרשרײַבן און אונדז צושיקן. אַפֿילו אויב עס זײַנען ערגעץ ווו געווען די זעלביקע מינהגים, איז אויך וויכטיק צו וויסן, ווו וואָס עס איז געווען אַנ־גענומען — מכּל־שכּן אויב די פֿירונגען זײַנען געווען אַנדערע.

די פֿאָרשונג פֿון „מישׁשפּראַכיקע" ייִדישע פֿאָלקסלידער

אינעם אוצר ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿאַרנעמט אַן אַנזעעוודיק אָרט אַ גרופּע לידער, וואָס זייער שפּראַך איז אַ געמישטע. כּמעט אין יעדן ליד פֿון דעם טיפּ איז פֿאַראַן אַ געמיש פֿון העברעיִש, ייִדיש און אַ סלאַווישער שפּראַך (רוסיש, אוקראַיִניש, פּויליש, אָדער ווײַס־רוסיש).[1] לידער פֿון דעם מין האָב איך אָנגעציילט איבער הונדערט.

די ערשטע פּראָבלעם וואָס האָט זיך געשטעלט פֿאַר די עלטערע וויסנשאַפֿטלערס אונדזערע איז געווען דער אָפּשטאַם פֿון דער קאַטעגאָריע לידער. גינזבורג—מאַרעק, דובנאָוו, אַנ—סקי, פּרילוצקי האָבן אַרויסגעזאָגט מער אַלגעמיינע סבֿרות וועגן די סאָציאַלע שיכטן, פֿון וועלכע די לידער קענען שטאַמען, און וועגן די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון וואָס האָבן געבראַכט צו שאַפֿן אַזוינע לידער. שפּעטערדיקע פֿאָרשערס האָבן זיך סיסטעמאַטיש אַרײַנגעטאָן אין אַ טעקסט־אַנאַליז בכדי אויסצוגעפֿינען די פֿורעמס, לויט וועלכע די פֿאַרשיידנשפּראַכיקע עלעמענטן זײַנען אַרײַנגעפֿלאָכטן אין די לידער, און צוצוקומען נעענטער צו דער פּסיכאָלאָגישער מאָטיווירונג פֿונעם געמיש.

איך וואָלט וועלן איבערגעבן בקיצור די אויספֿירן פֿון די עטלעכע סטאַדיעס אין דער אויספֿאָרשונג פֿון די מישׁשפּראַכיקע פֿאָלקסלידער.

פּרעלימינאַרע סבֿרות

אַזוי ווי גינזבורג און מאַרעק האָבן די ערשטע אָנגעוויזן אויף דער קאַטעגאָריע מיש־שפּראַכיקע לידער, איז כּדאַי צו ציטירן זייער סבֿרא וועגן דעם אָפּשטאַם פֿון די לידער. „וואָס שייך דער אָנגעמערקטער אייגנאַרטיקער לידער־גרופּע", שרײַבן זיי,[2]

> דאַרפֿן מיר זוכן זייער מקור דער עיקר צווישן יענע שיכטן פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס צוליב די אָדער יענע סיבות פֿלעגן זיי האָבן נאָענטע באַציִונגען מיט דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג און פֿלעגן אָפּט באַנוצן זיך מיט איר שפּראַך. אַ קיצור, די דאָזיקע פֿאַרשיידנשפּראַכיקע לידער פֿלעגן שטענדיק אויסוואַקסן אין קאַנטן מיט אַ שיטערער

---

[1] עס זײַנען אויך פֿאַראַן מישׁשפּראַכיקע לידער מיט ליטווישע און סלאָוואַקישע פֿערזן. אין עטלעכע לידער זײַנען אויסגעמישט סלאַווישע שפּראַכן צווישן זיך גופֿא.

[2] *Еврейские народные песни в России.* Собраны и изданы под. ред. и с введением С. М. Гинзбурга и П. С. Марека. Изд. *Восхода,* СПБ, 1901 г., стр. XXIII.

ייִדישער באַפעלקערונג, און אין 19טן י״ה האָבן אין אַזאַ מין שאַפונג ניט קיין קליינעם חלק געהאַט ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן.

אַ פּנים, אַז אויף דער השערה האָט זיך סומך געווען ש. דובנאָוו, ווען ער האָט אין 1909 געשריבן אַז „אין דער ערשטער העלפט 19טן י״ה פלעגן די ייִדן, צעוואָרפענע איבער רוסישע דערפער (ייִשובניקעס, דאָרפסייִדן), ריידן און זינגען זייערע לידער אויף אַ משונהדיק לשון וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מישונג פון רוסישע און ייִדישע ווערטער, און גייט אָפט איבער אין ריין רוסיש.״[3]

די טעאָריע איז שוין דורך דער צייט ענדגילטיק אָפּגעפרעגט געוואָרן. די סאָוועטישע פאָלקלאָר־פאָרשערס האָבן דורכגעקוקט די רשימה פונקטן, ווו די מיששפּראַכיקע לידער זיינען פאַרצייכנט געוואָרן: אַרויסגעקומען איז אַ צעטל ערטער מיט גאָר געדיכטע ייִדישע ייִשובֿים. אַחוץ דעם ווייזט זיך אין אַ סך פון די לידער אַרויס אַ היפש ביסל לומדיש חריפות, אָבער אין ערגעץ ניט קיין עם־הארצות. אויב עס געפינען זיך גרייזן, שטעקן זיי דווקא אין די פרעמדשפּראַכיקע עלעמענטן, קיין מאָל ניט אין די ייִדישע אָדער לשון־קודשדיקע. אינטערעסאַנט איז אויך, אַז כאָטש די מיששפּראַכיקע לידער האָבן צו טאָן מיט פאַרשיידענע טעמעס, ווערט אָבער מיליטער־דינסט אין ערגעץ ניט דערמאָנט. די לידער קענען דעריבער ניט שטאַמען פון ייִשובֿניקעס אָדער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן.

ש. אַנ—סקי האָט דער ערשטער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טעמאַטיק פון די מיששפּראַכיקע לידער. „כאַראַקטעריסטיש איז דאָס,״ האָט ער פעסטגעשטעלט, „וואָס די פרעמדע שפּראַך ווערט באַנוצט צום אויסדריקן אַקוראַט טיף רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע שטימונגען!״[4] ער שטרייכט אונטער דעם מיסטיש־מוסר־השׂכּלדיקן כאַראַקטער פון די לידער.

נ. פּרילוצקי האָט געהאַלטן, אַז אין מאַמענטן פון דבֿקות ווערן די גרענעצן פון איין שפּראַך צו שמאָל.[5] זיין טעאָריע איז הייסט עס אַ פאַרקערטע ווי גינזבורג—מאַרעקס. לויט אים איז די צוויישפּראַכיקייט אָדער דרייַשפּראַכיקייט אַ רעזולטאַט פון עקסטאַז און ניט פון אומבאַהאָלפנקייט.

אינווענטאַר פון פּובליקירטע מיששפּראַכיקע לידער

דער אינווענטאַר איז צוזאַמענגעשטעלט לויט י. גאָלדבערגס רשימה, פּלוס די זאַמלונג פון מ. בערעגאָווסקי (זען ווייטער).

זאַמלונג	רעליגיעז־נאַציאָנאַלע (קאָמישע און ערנצטע)	אָפּלאַכ־לידער	ליבעלידער	קינדערלידער	אַנדערע	צוזאַמען
גינזבורג—מאַרעק	11	2	1	—	—	14
פּרילוצקי	17	—	—	—	—	17
כּהן [6]	2	—	2	2	—	6
באַסטאָמסקי [7]	6	3	1	3	—	13
קיפּניס [8]	19	2	—	—	—	21
בערעגאָווסקי	25	1	7	—	3	36
צוזאַמען	80	8[9]	11	5	3	107

[3] "Разговорный язык польско-литовских Евреев в XVI—XVII вв.", *Еврейская Старина*, 1, СПБ, 1909, стр. 22.

[4] ש. אַנ—סקי, געזאַמעלטע שריפטען ב׳ XV, פאַרלאַג „אַנ—סקי״, ווילנע—וואַרשע—ניו־יאָרק 1925; ז׳ 259 א״וו.

[5] ייִדישע פאָלקסלידער, געזאַמלט, דערקלערט און אַרויסגעגעבן פון נ. פּרילוצקי, ערשטער באַנד: רעליגיעזע און יום־טובֿדיקע, פאַרלאַג „ביכער פאַר אַלע״, וואַרשע 1911, זז׳ VIII—XX.

[6] י. ל. כּהן, ייִדישע פאָלקסלידער, בב׳ I און II.

[7] ש. באַסטאָמסקי, בייַם קוואַל.

[8] מ. קיפּניס, 60 פאָלקסלידער און 80 פאָלקסלידער, פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע.

[9] גאָלדבערגס ציפער 9, וואָס זי נעמט ניט אַרייַן בערעגאָווסקיס זאַמלונג, איז אַ פּנים אַ טעות, און ס׳וואָלט געדאַרפט זיין 7.

עס איז אַ פֿראַגע, צי די רובריקן וואָס איך האָב גענומען פֿון י. גאָלדבערגס אַרבעט זײַנען די פּאַסיקסטע. ער איז אַליין מודה, אַז זײַן רובריק „רעליגיעז־נאַציאָנאַלע“ נעמט אַרײַן לידער פֿון תּפֿילה, מוסר, מינהגים, מאכלים, שטייגער, העלדן פֿון תּנך א״אַ. זײַן אויספֿיר וועגן דער איבערוואָג פֿון לידער אין דער רובריק איז דעריבער אפֿשר אַן איבערגעטריבענער. מיגלעך, אַז די אונטערקאַטעגאָריעס וואָס עס פֿירט אײַן בערעגאָווסקי (זען ווײַטער) וואָלטן געווען אָביעקטיווער און פּרוכפּערדיקער.

י. גאָלדבערגס אַנאַליז

דעם ערשטן קריטישן אַנאַליז פֿון מישספּראַכיקע לידער האָט געמאַכט י. גאָלדבערג.[10]

גאָלדבערג הייבט אָן זײַן אַרבעט מיט אַן איבערצײַגיקן אָפּפֿרעג פֿון גינזבורג—מאַרעקס סבֿרות. ער ווײַזט אויך אָן, אַז אַנ—סקי און פּרילוצקי האָבן גענומען די לידער צו ערנצט און האָבן ניט גענוג געזען זייער הומאָריסטישע זײַט. ער גיט אַ רשימה פּובליקירטע מיש־שפּראַכיקע לידער. ער מאַכט אויך אַן אינטערעסאַנטן פֿאַרגלײַך מיט די מאַקאַראָנישע לידער וואָס זײַנען געווען פּאָפּולער אין מערבֿ־אייראָפּע. אַזוי ווי די מאַקאַראָניק איז אויפֿגעקומען אין אַ סטודענטיש־גלחישער סבֿיבֿה, אַזוי זײַנען אויך אונדזערע לידער, האַלט ער, געשאַפֿן געוואָרן צווישן לומדים און קלויזניקעס. אָבער בשעת אַ געמיש פֿון לאַטײַן מיט דער ריידשפּראַך רופֿט אַרויס בײַ די אומות־העולם אַ קאָמישן עפֿעקט, איז די מישונג פֿון ייִדיש מיט לשון־קודש בײַ אונדז אַזוי נאַטירלעך, אַז עס איז נייטיק אויך אַ געמיש מיט אַ ניט־ייִדישער שפּראַך כּדי עס זאָל אַרויסקומען קאָמיש. דערבײַ באַמערקט גאָלדבערג, אַז מחמת דעם מצבֿ פֿון בילדונג בײַ ייִדן זײַנען מישספּראַכיקע טעקסטן מיט העברעיִשע עלעמענטן אַ סך צוטריטלעכער פֿאַר דער ייִדישער מאַסע ווי די לאַטײַניש־מאַקאַראָנישע לידער אין מערבֿ־אייראָפּע.

נאָך אָט דעם אַרײַנפֿיר נעמט זיך גאָלדבערג פֿונאַנדערקלײַבן אין די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון וואָס שטעקן הינטער די לידער.

איין סאָרט מישספּראַכיקע לידער, זאָגט ער, שטאַמט פֿון אַ געפֿיל פֿון נצחון און אויס־פֿײַנערײַ; זיי זײַנען געווענדט כּלפּי חוץ. זאָלן גויים אויך וויסן, וואָסער סוף המן האָט געהאַט; אָדער זאָלן זיי הערן, ווי יאַנקל מיט די תּפֿילין, וואָס ער קען אַפֿילו ניט גוט רוסיש, האָט געראַטעוועט דעם פּריסטאַוו פֿון טויט. די לידער זײַנען קאָמיש צוליב אַזעלכע מאַקאַראָניזמען ווי:

נעגל־וואַסער אומיוואַיו,
טלית־תּפֿילין נאַקלאַדאַיו...

אָבער גלײַכצײַטיק קומט דאָ צום אויסדרוק אַ נאַציאָנאַלער שטאָלץ: נישקשה, מע לעבט, און לכּבֿוד שבת רײַבט מען טאַקע גוט אַרײַן אויך. נאָך קלערער קומט אַרויס דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו אין דעם ליד:

אָמר ה׳ ליעקבֿ:
— טאַק, טאַק, טאַק,
אַל תּירא, עבֿדי יעקבֿ.

טשיקאַווע איז די איבערזעצונג פֿון „עבֿדי יעקבֿ“ מיט „באַרין יעקבֿ“. די דרויסנדיקע וועלט, קומט אויס, דאַרף ניט וויסן וועגן יעקבֿס אינעווייניקסטע באַציִונגען מיטן רבונו של עולם; פֿאַר איר פֿיגורירט ער ווי אַ פּריץ. דער מאָטיוו שטעקט אַ פּנים אויך אין דעם וואַריאַנט פֿון אָט דעם מישספּראַכיקן ליד אין שלום־עליכמס דערציילונג „לג־בעומר“.

באַזונדער אַנאַליזירט גאָלדבערג די תּפֿילה־ און מוסר־לידער, וואָס זיי זײַנען דערעיקרשט געווענדט כּלפּי פּנים. איינער פֿון די מאָטיוון וואָלט דאָ געקענט זײַן „מולטיפּליקאַציע“, וואָס

---

[10] „די ייִדישע מישספּראַכיקע און פֿרעמדשפּראַכיקע פֿאָלקלידער“, צײַטשריפֿט פֿאַר ייִדי־שער געשיכטע, דעמאָגראַפֿיע און עקאָנאָמיק, ליטעראַטור־פֿאָרשונג, שפּראַכוויסנשאַפֿט און עטנאָגראַפֿיע, באַנד II—III. אינסטיטוט פֿאַר ווײַסרוסלענדישער קולטור, מינסק 1928, זז׳ 589—606.

דערויף האָט אָנגעוויזן פּרילוצקי. די גרענעצן פֿון איין שפּראַך ווערן אין מאָמענטן פֿון התלהבֿות צו ענג, וויל מען איבערהזרן דעם זעלביקן געדאַנק אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. גאָלדבערג ווײַזט אָבער אָן מיט רעכט, אַז התלהבֿות קען דאָך זײַן אויך אין ליבע אָדער אין פֿרײַהייטסקאַמף; פֿון דעסט וועגן זײַנען די מיששפּראַכיקע לידער על־פּי־רובֿ רעליגיעזע.* דאַרף מען דעריבער זוכן נאָך אַנדערע מאָטיוון.

אַ צווייטער מאָטיוו קען זײַן דער חשק צו וויצלען זיך אויפֿן חשבון פֿון הייליקע זאַכן; דורך אַ מישפּראַכיקן ליד קען מען דאָס טאָן און פֿאָרט ניט אַרײַנפֿאַלן אין חילול־הקודש. דאָס איז, ווײַזט אויס, דער געדאַנק פֿונעם פֿאָלקסליד וואָס שלום־עליכם האָט אַרײַנגעגעבן אין דער דערציילונג „בײַם קעניג אַחשוורוש": „גאַדאָ זגאַט', קאַק גוליאַט'" אאַז"וו.

בײַ חסידים האָט זיך געטראָפֿן אין מאָמענטן פֿון התלהבֿות אַרײַנצופֿאַלן „בבֿחינת עשׂו". די גוטברודערישע גראָבלעכקייט ווערט נאָך דרייסטער, מען הייבט אָן זיך אויפֿפֿירן גוייִשלעך; ר' אַהרן קאַרלינער פֿלעגט אַפֿילו אין אַזעלכע רגעס שרײַען: „זשאַרו פּאָדאַוואַי!" („גיב צו היץ!"). פֿון אַזעלכע שטימונגען, ווען ריידן גוייִש ווערט נאַטירלעך, קענען שטאַמען אַ ריי מישפּראַכיקע לידער, למשל:

אָטצאַ וו דאָמו פּאַקינו,
טאַי דאָ טשערנאָביל פּאַיעדו, פּאַיעדו,
וואָט כאַראָשאַ, וואָט סלאַוונאַ,
עי, נאַשאַ יעווריסקאַיאַ סלוזשבאַ טשערנאָבילסקאַיאַ,
או — כאַ — כאַ!

גוואַלדיק אינטערעסאַנט פֿון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט זײַנען אַזעלכע מישפּראַכיקע לידער, וואָס זייער מאָטיוו איז תּיקון. אין זיי איז צוזאַמענגעפּאָרט רעליגיעזער עקסטאַז מיט אינטעלעקטועלער פּיקחות. אין די לידער ווערן אַרײַנגעטײַטשט רמזים און מוסר־השׂכּלען. אין טייל לידער ווערט דער מוסר־השׂכּל אַרײַנגעטײַטשט אין דער סיטואַציע. אַזאַ ליד איז למשל די מעשׂה מיטן מאַלעץ מאַרקאָ, וואָס עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער איז גאָר דער יצר־הרע;[11] אָדער דאָס ליד „רויז, רויז, ווי ווײַט ביסטו."[12] אַהער געהער אפֿשר אויך דאָס ליד „טשאַס דאָ דאָמו, טשאַס" און „פּיוו יאַ ווסיו נידיליו". אינטערעסאַנט, אַז די שורה פֿונעם אוקראַיִנישן אָריגינאַל: „פּערעד זשינקאָי אָטוויטשאַטי" („פֿאַר דער פֿרוי זיך פֿאַרענטפֿערן") איז דאָ פֿאַרביטן געוואָרן אויף „חשבון צדק אָטדאַוואַטי" („געבן חשבון צדק"). אין אַנדערע לידער פֿון דעם טיפּ ווערן אַרײַנגעטײַטשט רמזים ניט אין דער סיטואַציע, נאָר אין די ווערטער גופֿא. אין איין באַוווּסטן ליד אַזאַ ווערט די פֿראַזע „קאַטאַרינאַ מאַלאָדיצאַ, פּאָידי סיודאַ" אויסגעטײַטשט: „כּת רינה, מלא דיצה, פּדית [אָדער פּודה] שדי". אין אַ צווייטן ליד ווערט דער זאַץ „צי טוט קראַוועץ מיעשקאַ" געטײַטשט אַזוי: „ציא [=צין] איז בגמטריא ק"א; די תּורה דאַרף מען לערנען ק"א פּעמים; טות איז דער טײַטש טלית ותּפֿילין; קרובֿץ איז דער טײַטש קול רינה ותּשובֿה באהלי צדיקים" אאַז"וו.

גאָלדבערג פֿאַרענדיקט זײַן אַרבעט מיט אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן די וועלטלעכע לידער. דער פּאַראָדישער עפֿעקט ליגט דאָ, מיינט ער, סײַ אין דער שפּראַכמישונג, סײַ אין דעם קאָנטראַסט פֿון פּאַטעטישע ניגונים מיט אומוויכטיקע ווערטער. אין עטלעכע קינדערלידער געפֿינט ער אַ טענדענץ צו „הינטערשׂכלדיקער שפּראַך" (заумный язык). לסוף פֿאַרגלײַכט ער צוויי וואַריאַנטן פֿון אַ מישפּראַכיק ליד. אינעם ערשטן וואַריאַנט זײַנען געמישט ייִדישע מיט רוסישע סטראָפֿעס; אינעם צווייטן וואַריאַנט איז די שפּראַך בלויז ייִדיש, אָבער עס איז אויסגעמישט רוסישע טעמאַטיק מיט ייִדישער קאָמפּאָזיציע.

* עס איז דאָ אפֿשר כּדאַי צו דערמאָנען זיך, אַז די אַזוי גערופֿענע „אַלטע שבֿועה" פֿון ערבֿ און אָנהייב בונד ענדיקט זיך מיט די רוסישע ווערטער: „ווּפּעריאָד, ווּפּעריאָד, ראַ־באָטשי נאַראָד!" („פֿאָרויס, פֿאָרויס, אַרבעטפֿאָלק!"). אויך מוז מען אַ קלער טאָן, צי איז ניט די גרעסערע מאָס דײַטשמעריש אין ליבעלידער אַ רעזולטאַט פֿון ענלעכע פּסיכאָלאָגישע פֿאַקטאָרן. — רעד'.

[11] אַנ—סקי, דצ"וו, זז' 183—184.

[12] קיפּניס, 80 פֿאָלקסלידער, ז' 140.

מ. בערעגאָווסקיס אויספאָרשונג

אויף אַ העכערער מדרגה שטייט די אויספאָרשונג פון מיששפּראַכיקע לידער, וואָס עס האָט געמאַכט משה בערעגאָווסקי,[13] אַחוץ וואָס ער האָט געגעבן ביז גאָר וויכטיקע טעקסטן. איינע פון די הויפּט־מעלות פון זײַן אַרבעט איז זײַן אינטערעס צו די מעלאָדיעס פון די לידער. כאָטש דער מחבר איז מודה, אַז קיין מוזיקאָלאָגישע אויספאָרשונג פון ייִדישער פאָלקסמוזיק איז נאָך ניט בנימצא, גיט ער אָבער איבער וויכטיקע אײַנדרוקן וואָס קענען דינען ווי וועגווײַזערס פאַר ווײַטערדיקער אַרבעט. שוין אין אַרײַנפיר צום אַרטיקל שטעלט ער פעסט, אַז עס וואַרפט זיך אין די אויגן די ייִדישלעכקייט פון די 66 מעלאָדיעס צו די מיששפּראַכיקע לידער וואָס זײַנען פּובליקירט געוואָרן — ווי געמישט דער טעקסט זאָל ניט זײַן. דאָס זאָגט עדות אויף דער סטאַבילקייט פונעם מוזיקאַלישן געשמאַק בײַ די דיכטערס פון די לידער.

בערעגאָווסקי באַטראַכט די ראָלע פון די פאַרשיידענע שפּראַכן פון שטאַנדפּונקט פון זייער פונקציע אין די לידער. אין איין גרופּע לידער האָבן די פאַרשיידנשפּראַכיקע עלעמענטן פּאַראַלעלע אָדער אַנאַלאָגישע פונקציעס (בײַ גאָלדבערגן הייסט עס „מולטיפּליקאַציע”), למשל:

איך הער אַ געשריי און אַ גוואַלד,
דער פאָטער זוכט די קינדער אין וואַלד.
סלישו וו ליסו הוקאַיע.
באַטקאָ סוואָיך דיטי שוקאַיע.

דאָ זײַנען די שורות 3 און 4 פּשוט אַן איבערזעצונג פון די שורות 1 און 2. אין אַן אַנדער גרופּע לידער דערגאַנצט אַן עלעמענט אויף איין שפּראַך די עלעמענטן אויף אַ צווייטער שפּראַך. אין אַ דיאַלאָג רעדט, למשל, דער פּויער ווײַסרוסיש און דער ייִד ייִדיש. אויב עס ווערט אַרײַנגעטײַטשט אַ מוסר־השׂכל אין אַ סיטואַציע, האָט אויך דער ייִדישער עלעמענט אַ דערגאַנצנדיקע פונקציע:

מאַטקאַ קאַזאַלאַ, קאַזאַלאַ, קאַזאַלאַ
אָזשעכוּוו אורוואַט׳.
יאַק וויסאָקיע דזשעוויטשקי,
יאַק ניזקיע כלאָפּאַטשקי,
ניע מאָגאָן דאָסטאַט׳.

די מאַמע האָט געהייסן, געהייסן, געהייסן
די ניסעלעך רײַסן.
אוי, ווי הויך זײַנען די ביימעלעך,
אוי, ווי קליין זײַנען די ייִדעלעך,
זיי קאָנען ניט דערגרייכן.

דאָ אין סלאַווישן טעקסט: הויכע מיידלעך, קליינע ייִנגלעך, אין ייִדישן: ביימעלעך און ייִדעלעך.

אין אַ דריטער גרופּע איז די פונקציע פון די שפּראַכן ווידער אַן אַנדערע: אַ סלאַווישער טעקסט ווערט העברעיִזירט (פ״גל „קאַטאַרינאַ” און „צי טוט קראַוועץ מיעשקאַ?”).

בערעגאָווסקי ווײַזט זייער ריכטיק אָן אויף דעם, אַז דער געמיש פון שפּראַכן איז ניט קיין מעכאַנישער. ער נעמט ווי אַ בײַשפּיל דאָס ליד „ושם נאַידיאָם אַדוננו, ושם נאַידיאָם בוראנו, ושם נאַידיאָם גואלנו” וכדומה. דער דיכטער האָט געמוזט זײַן אַ למדן וואָס האָט געקענט די אַקראָסטיכישע פּיוטים. ער האָט זיכער געקענט גענוג לשון־קודש צו קענען זאָגן „ושם נ מ צ א אַדוננו...”. אַ סימן, אַז דער „נאַידיאָם” איז דאָ געניצט צוליבן קלאַנגעפעקט. צו דעם קען מען נאָך צוגעבן, אַז אַן אַנאַליז פון דער מעלאָדיע וועט אפשר ווײַזן, אַז דער גראַם פון „ושם” מיט „נאַידיאָם” איז ספּעציעל עפעקטפול.

[13] Мусій Береговский, "Чужомовні й різномовні пісні в евреїв України, Білоруси й Польщі", *Етнографичний Вісник*, VI (1930), 9, стр. 37—51.
דערצו 24 זײַטן מיט נאָטן.

בערעגאָווסקי איז מסכּים מיט גאָלדבערגס אינטערפּרעטאַציע פֿון דער קאָמישקייט פֿון מאַקאַראָניק, און ער אָנערקענט אויך „בחינת עשׂו“ ווי אַ סיטואַציע אין וועלכער מישׁשפּראַכיקע לידער האָבן געקענט באַשאַפֿן ווערן. וועגן דער סבֿרא, אַז לידער ווי „קאַטאַרינאַ“ און „צי טוט קראַוועץ מיעשקאַ?“ זײַנען אַזוי חריפֿותדיק, אַז זיי מוזן זײַן מתנגדיש־משׂכּילישע פּאַראָדיעס, האָט בערעגאָווסקי ניט קיין פֿעסטע מיינונג. ער ווײַזט אָבער אָן, אַז אויב זיי זײַנען פּאַראָדיעס איז אַ סימן, אַז עס זײַנען געווען עכטע לידער אַזוינע וואָס זײַנען געווען פּאָפּולער בײַ חסידים.

אויב מען זאָל מאַכן אַ סיסטעמאַטישע מוזיקאָלאָגישע אויספֿאָרשונג אַפֿילו פֿון די פּאָר הונדערט ייִדישע פֿאָלקסלידער וואָס זײַנען פּובליקירט געוואָרן, מיינט בערעגאָווסקי, וואָלט מען אויסגעפֿונען, אַז עס זײַנען פֿאַראַן עטלעכע מוזיקאַלישע גרונטטיפּן, וואָס יעדערער פֿון זיי האָט זיך זײַן קאַנאָן און אָפּעריר̈ט מיט אַ ספּעציפֿישן גאַנג אויסדרוקן, אינטאָנאַציעס, מעלאָדישע ווענדונגען און צוזונגען. אין די וועלטלעכע לידער, זאָגט ער פֿאָרויס, וועט מען געפֿינען אַן אַנדער קאַנאָן ווי אין די רעליגיעזע. אַחוץ דעם וועט מען מסתּמא אויך קענען אַבסטראַהירן אַלגעמיינע מוזיקאַלישע שטריכן פֿונעם ייִדישן פֿאָלקסליד. דאָס איז אַן אַרבעט אויף להבא. דערווײַל קען מען שוין אָבער פֿעסטשטעלן, אַז „אַפֿילו אַזעלכע לידער, ווי ׳טשאַס דאָ דאָמו, טשאַס׳, ׳העי, פּיוו יאַ או ניעדיליו׳, ׳מיקיטקאַ׳ און אַנדערע, וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אונטער דעם דירעקטן אײַנדרוק און אײַנפֿלוס פֿון אוקראַיִנישע פּראָטאָטיפּן, זײַנען אַזוי איבערגעאַנדערשט און איבערגעפֿורעמט געוואָרן, אַז ווען ניט די אוקראַיִנישע ווערטער אָדער געוויסע סימנים, אַז דאָס און דאָס ליד איז געשאַפֿן געוואָרן אונטערן דירעקטן אײַנדרוק פֿון אַ ליד פֿון אַ פֿרעמדן פֿאָלק, וואָלט מען ניט געקענט געפֿינען קיין שום שײַכות צווישן דעם ליד און אַן אוקראַיִנישן ליד מיט דעם זעלביקן נאָמען“ (ז׳ 46).

דאָ באַרירט אויך בערעגאָווסקי די וויכטיקע פֿראַגע וועגן דער ריכטונג פֿון דער השפּעה. „דאָס ייִדישע ליד“, שרײַבט ער, „האָט געמוזט ווי עס איז משפּיע זײַן דאָס ליד פֿון דער סבֿיבֿה — וואָס דאָס איז ווערט אַ ספּעציעלע אויספֿאָרשונג.“ ער קריטיקירט דעם אויספֿיר פֿון ד. רעוווצקין,[14] אַז דאָס ליד „מיקיטקאַ“ איז אַ פּאַראָדיע אויף אַן אוקראַיִנישער דומע, און האָט די אײַגנשאַפֿטן פֿון אַ דומע; פֿאַקטיש „געהערן די מיטלען, מיט וועלכע עס באַנוצט זיך . . . די פּאַראָדיע, פּונקט אַזוי צו דער אוקראַיִנישער דומע ווי צום סינאַגאָגאַלן מעלאָס.“

אַזוי ווי עס פֿעלט פֿאַר קאָמישע עפֿעקטן אַ קאַנאָן (ווי עס איז יאָ פֿאַראַן פֿאַר ערנצטע לידער), ווערן אויסגענוצט די קאָנטראַסטן פֿון צווייִשפּראַכיקייט. בערעגאָווסקי ווײַזט באַשײַמפּערלעך, ווי וואָכעדיקע טעקסטן ווערן צוגעפּאַסט צו טראַדיציאָנעלע ניגונים (פֿ״גל „אַ פּאַסטעכל“) און פֿאַרקערט (פֿ״גל „פּיוו יאַ או ניעדיליו“).

בערעגאָווסקי באַמערקט, אַז אין די וועלטלעכע מישׁשפּראַכיקע לידער זײַנען קיין העברעיִשע עלעמענטן ניטאָ. אינטערעסאַנט איז אויך, אַז אין אַלע לידער, וווּ אַ ייִד ווענדט זיך צו אַ גוי, רעדט ער אויף גויִיש.

פֿאָרשפּראָבלעמען אויף להבא

פֿון די פֿאַראַנענע אַרבעטן ווערט ערשט קלאָר, וויפֿל עס בלײַבט נאָך צו פֿאָרשן אויפֿן פֿעלד פֿון מישׁשפּראַכיקע לידער.

די טעכניק פֿון קאָמיזם איז נאָך אַלץ ניט זייער קלאָר. די פֿונקציעס פֿון פֿאַרשיידנשפּראַכיקע עלעמענטן מוז מען ערשט אַנאַליזירן. דערבײַ דאַרף מען זיך ניט באַגרענעצן אויף די לידער. ערשטנס וואָלט מען געדאַרפֿט פֿאַרגלײַכן קאָמישע שפּראַכמישונגען אין דער גערעדטער שפּראַך, פֿונעם טיפּ „סימסאָט כּפּרות“, אָדער „ער איז אַ מענטש וואָס קאַטאָרי וועלכער . . .“. צווייטנס וואָלט מען געדאַרפֿט פֿאַרגלײַכן דעם מישׁשפּראַכיקן הומאָר וואָס איז אויפֿגעקומען אין אַמעריקע. קיין מאָטיוון פֿון „תּיקון“ אָדער „בחינת עשׂו“ וועט מען דאָ

[14] Д. Ревуцький, "Сучасна пародія на українську думу", *Етнографічний Вісник,* I (1925), 1, стр. 69—71.

ניט געפֿינען, אָבער די טעכניק פֿון קאָמישער שפּראַכמישונג קען מען באַטראַכטן אונטער אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז. מאַטעריאַלן וואָס מען האָט צוגעגרייט פֿאַר הומאָריסטישע פּראָגראַמען אין זומערקעמפּן וואָלטן געווען פּאַסיק.

די אויספֿאָרשונג פֿון די מעלאָדיעס האַלט נאָך אויך בײַם סאַמע אָנהייב. איידער מען קען ענדגילטיקריידן וועגן קעגנזײַטיקע השפּעות פֿון סלאַווישע און ייִדישע פֿאָלקסלידער און וועגן אַנדערע דיאַכראָנישע פּראָבלעמען, מוז מען האָבן אַ סינכראָנישע באַשרײַבונג פֿון ייִדישער פֿאָלקסמוזיק. ניט נאָר פֿעלט דערווײַל אַזאַ באַשרײַבונג, נאָר עס פֿעלן אַפֿילו די מעטאָדן. ווען עס וועט שוין יאָ קומען צו רייד וועגן השפּעות, וועט מען קענען דיס־קוטירן די השערה, אַז דווקא דורך די מישׁשפּראַכיקע לידער, וואָס זיי זײַנען געווען מער ווי האַלב פֿאַרשטענדלעך פֿאַר די סלאַוון, איז געגאַנגען אַ ייִדישער אײַנפֿלוס אויף זייער מוזיק.

אין דעם צוזאַמענהאַנג בעט זיך אַ קריטישער פֿאַרגלײַך פֿון די לידער מיט קרובֿישע דערשײַנונגען בײַ ניט־ייִדן. מישׁשפּראַכיקע לידער זײַנען למשל אויך פֿאַרצייכנט געוואָרן בײַ דײַטשן אין סלאַווישע לענדער.[15]

אַ וויכטיקע עובֿדא וואָלט געווען צונויפֿצונעמען אַלע ייִדישע מישׁשפּראַכיקע לידער אין איין זאַמלונג מיט אַ פֿאַרלאָזלעכן טעקסט: אין די ייִדישע אַרבעטן און זאַמלונגען זײַנען די סלאַווישע טעקסטן אָפֿט פֿאַרגרײַזט; אין בערעגאָווסקיס אוקראַיִנישן אַרטיקל איז די טראַנס־קריפּציע פֿון די ייִדישע טעקסטן ניט קיין געראָטענע.[16] צוזאַמענגעמען אַלע לידער אין איינעם און אויסשטימען זיי וואָלט געווען אַ שטיקל תּיקון, און בעצם וועט דערמיט ערשט געשאַפֿן ווערן דער באַזיס פֿאַר ווײַטערדיקער פֿאָרשונג.

אוריאל ווײַנרײַך

בן־עמי און דראַהאָמאַניוו

צווישן די גאָר פֿרײַקע געדרוקטע זאַכן פֿון מאַרק ראַבינאָוויטשן (1854—1932), וואָס האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים בן־עמי, געפֿינען זיך פֿיר אַרטיקלען וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין רוסישן זשורנאַל *Вольное Слово* וואָלנאָיע סלאָוואָ איז געווען אַן אָרגאַן פֿון דער ראַדיקאַלער ריכטונג, וואָס איז אַרויס אין זשענעוו, שווייץ, אין די יאָרן 1881—1883. פֿינאַנצירט דעם זשורנאַל האָט איינער אַרקאַדי מאַלשינסקי, און הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען מיכײַלאָ דראַהאָמאַניוו (דראַגאָמאַנאָוו), דער גוט באַקאַנטער אוקראַיִנישער נאַציאָנאַליסט און ליבעראַל.

אָט זײַנען די קעפּלעך פֿון ראַבינאָוויטשעס אַרטיקלען אין אַן איבערזעצונג:

נומ׳ 37, מײַ 15, 1882: די ווירקונג פֿון די אַנטי־ייִדישע אומרוען אויף ייִדן.

נומ׳ 38, יוני 1, 1882: די יווירונג אין דער ייִדישער מאַסע אונטער דער ווירקונג פֿון די בלוטיקע געשעענישן פֿון דער לעצטער צײַט.

נומ׳ 42, אויגוסט 1, 1882: פֿון דער ייִדישער סבֿיבֿה.

נומ׳ 43, אויגוסט 15, 1882: צי שטערט ייִדן דער תּלמוד אָדער דאָס לעבן צו פֿאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט?

אליהו טשעריקאָווער ע״ה האָט אין זײַן שטודיע: „רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיעס פֿון דער רוסיש־ייִדישער אינטעליגענץ״ [1] זיך סומך געווען אויף בן־עמיס ערשטן

---

[15] בײַשפּילן געפֿינען זיך אין:
Paul Schmidt, "Deutsches Volkstum im Spiegel des slawischen Volkslieds," *Deutsche Erde*, 13 (1914/15), pp. 41-46; Ad. K. Gauss, "Vom zwei- und mehrsprachigen Volkslied bei den Donaudeutschen," *Das deutsche Volkslied*, 46 (1944), pp. 49ff.

[16] kowejd, cheschbejn, asoj, cat—פֿאַר די ווערטער: כּבֿוד, חשבון, אַזוי, כּת.

[1] געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, II, ניו־יאָרק, ייִוואָ, 1945, ז׳ 152.

אַרטיקל בײַם באַשרײַבן די זעלבשוץ וואָס האָט זיך געשאַפֿן אין אַדעס בעתן פּאָגראָם פֿון 3טן—5טן מײַ 1881. אַ. מענעס, אין זײַן אַרבעט וועגן דער עם־עולם־באַוועגונג, כאַראַקטעריזירט בן־עמיס צווייטן אַרטיקל ווי אַן „אויטענטישן דאָקומענט וועגן דעם אויפֿקום פֿון עם־עולם;" אַן אויסצוג דערפֿון איז געדרוקט אין די הוספֿות צום באַנד.[2]

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט בן־עמי זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן עפּיזאָד אין זײַן לעבן אין אַ בלאַט זכרונות וואָס ער האָט געדרוקט אין זשורנאַל יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ אין פּעטערבורג.[3] דאָרטן גיט ער איבער דעם ענין מיט היפּש פּרטים. דראַהאָמאַניוו ווידער האָט אין קורצן אָנגערירט זײַנע באַציִונגען מיט דעם ייִדישן יונגן־מאַן אין אַ בריוו צו מאַלשינסקין; ער איז אָפּגעדרוקט אות־באות אין ד. זאַסלאַווסקיס אַ בוך וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע אין 1931.[4]

דער בריוו איז געשריבן פֿרילינג 1882 פֿון פּאַריז. דראַהאָמאַניוו איז געווען אַוועקגעפֿאָרן אַהין כּדי אויסצוזוכן נײַע מיטאַרבעטערס פֿאַר זײַן זשורנאַל. אין וואַל דע נאָטר־דאַם, האָט ער געגעבן צו וויסן, האָט ער געמאַכט אַ וויזיט בײַ אָווסיאַניקאָ־קוליקאָווסקין[5] און ניקאָלײַ זשעבוניאָוון, אַ נאַראָדניק.

דאָרטן האָב איך אויך געטראָפֿן אַ ייִדן, דעם געוועזענעם אַדעסער סטודענט ראַבינאָוויטשן, פֿון יענע ייִדן וואָס זײַנען פֿאַר אונדז צום מערסטן אינטערעסאַנט, ד"ה אַזאַ וואָס פּריידיקט, אַז מען מוז „גיין אין ייִדישן פֿאָלק אַרײַן." ער שטייט זייער נאָענט צום ענין פֿון אַריבערפֿירן ייִדן קיין אַמעריקע און האָט מיר דערציילט עטלעכע אינטערעסאַנטע פֿאַקטן. איך האָב אים געבעטן זיי אָנשרײַבן פֿאַר מיר דערווײַל אויף גיך, ווי מאַטעריאַל פֿאַר אַ נאָטיץ, — און שפּעטער, נאָך דעם ווי איך וועל אָנשרײַבן אַן אַרטיקעלע וועגן דער ייִדישער פֿראַגע און די סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד, האָט ער צוגעזאָגט פֿון זיך אָנצושרײַבן וועגן דעם סיסטעמאַטיש. אין אַלגעמיין ריכט איך זיך אויף נוצן פֿאַר דער צײַטונג פֿון אַלע דרײַ דערמאָנטע פּערזאָנען, און דער עיקר דערפֿאַר וואָס די אַלע דרײַ, יעדערער אויף זײַן שטייגער, שטייען אויפֿן אָרטיקן רעאַלן באָדן בײַ אַ גענוג ברייטן אַלגעמיינעם קוק.[6]

וואָס דראַהאָמאַניוו האָט פּונקט געהאַט אין זינען מיט זײַנע ווערטער: „יענע ייִדן וואָס זײַנען אונדז צום מערסטן אינטערעסאַנט" ווערט קלאָר פֿון בן־עמיס זכרונות. בײַ דראַהאָמאַניוון איז אויסגעקומען, שרײַבט ער, אַז

די ראָלע... פֿון דער ייִדישער אויפֿגעקלערטער יוגנט דאַרף זײַן צו גיין אין איר אייגן פֿאָלק אַרײַן און דורך אויפֿקלערונג און דורך אויסוואָרצלען אַלע ייִדישע „פֿאָראורטיילן" (רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פֿירונגען) צוגרייטן זיי צום גרויסן כּבֿוד צונויפֿצוגיסן זיך מיט די קינדסקינדער פֿון די העלדן פֿון נעמיראָוו און פֿון דער אומאַנער שחיטה.[7]

דראַהאָמאַניווס אַנטי־ייִדישע שטימונגען זײַנען די הויפּטטעמע אין בן־עמיס זכרונות. ווײַטער זײַנען דאָרטן פֿאַראַן צו ביסלעך ביאָגראַפֿישע פֿאַקטן וועגן לאַוראָוון, זשעליאַבאָוון (זײַן אַנטיסעמיטיזם אין די פֿריִקע יאָרן), גערצענען (זײַן ייִדישע מוטער) א"אַנד.

וואָלנאַיאַ סלאָוואָ האָט געהאַט נאָך אַן אַנדער מיטאַרבעטער פֿון ייִדישן אָפּשטאַם: פּאַוועל אַקסעלראָד (1850—1928), דער שפּעטערדיקער פֿירער פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין זײַן אויבן דערמאָנטער שטודיע האָט טשעריקאָווער באַמערקט, אַז אי בן־עמי אי אַקסעלראָד האָבן אויפֿגעהערט אַרבעטן פֿאַר דראַהאָמאַניווס זשורנאַל צוליב זײַן אַנטי־ייִדישער שטעלונג (ז' 175). וועגן בן־עמין איז דאָס ריכטיק. נומ' 45 וואָלנאַיאַ סלאָוואָ, דאַטירט דעם 15טן

---

[2] דאָרטן, ז' 210 און זז' 471—474.

[3] "Мои сношения с Драгомановым и работа в "Вольном Слове", *Еврейская Старина*, 1915, стр. 347—367; 1916, стр. 75—101.

[4] Д. Заславский, *Взволнованные лоботрясы*, Москва, 1931.
לכתּחילה געדרוקט אין זשורנאַל *Былое*, 1924.

[5] שפּעטער געוואָרן דער פֿירנדיקער היסטאָריקער פֿון דער רוסישער ליטעראַטור.

[6] זאַסלאַווסקי, ז' 57.

[7] יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ 1915, ז' 364.

סעפּטעמבער 1882, האָט געבראַכט דעם רעדאַקטאָרס אַן אַרטיקל א״נ: „די ייִדן־פֿראַגע אויף אוקראַיִנע,״ וואָס האָט אַרויסגערופֿן בן־עמיס כּעס. בן־עמי איז יעמאָלט געווען אין זשענעוו און איז געווען מיט דראַהאָמאַניוון גוטע־פֿרײַנד. ס׳איז צווישן זיי פֿאָרגעקומען אַ הייסע דיסקוסיע וועגן דעם ענין, און בן־עמי האָט באַשולדיקט דעם אוקראַיִנער, אַז ער איז פֿול מיט בלינדער שׂינאה קעגן ייִדן. דראַהאָמאַניוו האָט פּראָטעסטירט, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס, אַז ס׳איז זײַן חובֿ צו קעמפֿן קעגן ייִדן ווי אַן עלעמענט וואָס איז שעדלעך פֿאַרן אוקראַיִנישן פֿאָלק. דערנאָך, שרײַבט בן־עמי,

> האָט ער מיר פֿאָרגעלייגט, אָבער אַזוי ווי ניט־ווילנדיק, אַז איך זאָל מײַנע קעגנטענות פֿירברענגען אין אַן אַרטיקל. איך האָב ניט אין גאַנצן צוגעזאָגט, נאָר איך האָב געהאַט אין זינען דאָס צו טאָן. איז אָבער אונטערגעקומען אַ פֿאַקט וואָס האָט געביטן אַלצדינג.[8]

דער פֿאַקט, אויף וועלכן בן־עמי ווײַזט אָן, איז געווען אָט וואָס: אין וואָלנאָיע סלאָוואָ איז געווען געדרוקט אַ סעריע באַריכטן פֿון דעם ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט פֿון זשורנאַל וועגן דער אַנטיסעמיטישער קאָנפֿערענץ וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין דרעזדן אין סעפּטעמבער 1882. בן־עמי איז געוואָרן אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט באַשלאָסן ניט צו האָבן מער מיט וואָלנאָיע סלאָוואָ קיין שום עסקים.

אָבער מיט אַקסעלראָדן איז געווען עפּעס אַנדערש. ער האָט געשריבן אין דעם זשורנאַל, כּמעט פֿון סאַמע אָנהייב, וועגן דער אייראָפּעיִשער אַרבעטער־באַוועגונג. צו זײַן אַרטיקל אין נומ׳ 35 (אַפּריל 15, 1882) איז צוגעגעבן אַ לאַנגע הערה פֿונעם רעדאַקטאָר וואָס פּאָלעמיזירט מיטן מחבר. אין נומ׳ 37 געפֿינען מיר אַ קורצע באַמערקונג, אַז די איבערבליקן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט איבערגענומען אַן אַנדער מיטאַרבעטער. אַקסעלראָד איז זיך צעגאַנגען מיט וואָלנאָיע סלאָוואָ צוליב דראַהאָמאַניווס אַרטיקל אין נומער 34 ("Обаятельность Энергии"). אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע דערציילט אַקסעלראָד, אַז „דער דאָזיקער אַרטיקל האָט אויסער־געוויינטלעך אויפֿגערעגט זאַסוליטשן, פּלעכאַנאָוון און דײַטשן און געמאַכט פֿאַר מיר זייער שווער — ניט צו זאָגן פּסיכאָלאָגיש אוממיגלעך — זיך ווײַטער צו באַטייליקן אין וו״ס״.

אָבער ס׳קען אויך געמאָלט זײַן, אַז אַקסעלראָדס חבֿרים פֿון דער אָרגאַניזאַציע „טשאָרני פּערעדיעל״ האָבן געפּרעסט אויף אים. פֿרילינג 1882 האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן צו לאַוראָוון:

> דאָ האַלטן אַלע, אַז דאָס (וואָלנאָיע סלאָוואָ) איז איגנאַטיעווס[9] אַן אָרגאַן. מיך פֿאַרדריסט שרעקלעך, וואָס פּאַוועל [אַקסעלראָד] אַרבעט דאָרטן מיט. צי די באַשולדיקערס פֿון וו״ס זײַנען גערעכט אָדער ניט גערעכט איז אַן אַנדער פֿראַגע, נאָר ווי באַלד דער עולם קוקט אויף דעם מיט חשד פֿאַלט אויף פּאַוועלן אַ געוויסער שאָטן. דאָ אין קלאַראַן[10] פֿאַרמישפּטן אים אַלע.[11]

זאַסלאַווסקי זאָגט אין זײַן מאָנאָגראַפֿיע, אַז די חבֿרים האָבן געגעבן אַקסעלראָדן די ברירה: אָדער „טשאָרני פּערעדיעל״, אָדער וואָלנאָיע סלאָוואָ — האָט ער אויסגעקליבן די אָרגאַ־ניזאַציע. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, זעט זיך ניט, אַז אַקסעלראָדס אָפּרוקן זיך פֿונעם זשורנאַל זאָל האָבן געהאַט וועלכע עס איז שײַכות צו דראַהאָמאַניווס אַנטי־ייִדישער ליניע.

נאָך איין באַמערקונג. אין זײַנע זכרונות באַשרײַבט בן־עמי דעם זשורנאַל וואָלנאָיע סלאָוואָ ווי אַ ראַדיקאַלן, אָבער בשום־אופֿן ניט קיין רעוואָלוציאָנערן אָרגאַן.[12] פֿון פּלעכאַנאָווס אָקערשט ציטירטן בריוו זעט זיך אַרויס, אַז אַנדערע האָבן חושד געווען, אַז דער זשורנאַל ווערט פֿינאַנצירט פֿון דער רוסישער פּאָליציי. ס׳איז קיין חידוש ניט, וואָס בשעת מעשׂה זײַנען צו בן־עמין די דאָזיקע קלאַנגען ניט דערגאַנגען. אָבער ס׳איז מאָדנע, וואָס אין 1915—1916 האָט ער ניט געוווּסט, אָדער זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, וועגן דעם טעזיס וואָס עס האָט געהאַט אַרויסגע־

---

[8] דאָרטן, 1916, ז׳ 86.

[9] דער מיניסטער פֿאַר אינעווייניקסטע ענינים.

[10] אַ שטאָט אין שווייץ, ניט ווײַט פֿון זשענעוו.

[11] זאַסלאַווסקי, ז׳ 53.

[12] ס׳איז געווען דער אָרגאַן פֿון Общество земского союза и самоуправления.

שטעלט דער היסטאָריקער פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג באָגוטשאַרסקי:[13] אַז וואָלנאַיע סלאָוואָ איז געגרינדעט און אויפֿגעהאַלטן געוואָרן, צוליב צילן פֿון קאָנטררעוואָלוציאָנערן שפּיאָנאַזש, דורך דער געהיימער מאָנאַרכיסטישער ליגע וואָס האָט זיך גערופֿן „די הייליקע דרוזשינע.‟[14] שפּעטערדיקע פּובליקאַציעס האָבן באַשטעטיקט די דאָזיקע השערה און באַוויזן, אַז מאַלשינסקי איז געווען אַן אַגענט פֿון דער ליגע. דעם סוד האָט מען געהאַט אײַנגעוויקלט אין אַזוי פֿיל שלייערן, אַז אַפֿילו דראַהאָמאַניוו אַליין האָט וועגן דעם קיין השגה ניט געהאַט.

אַבֿרהם יאַרמאָלינסקי

אַ ייִדישע צײַטונג אין פּראָג אין יאָר 1775

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין די לעצטע יאָרן איז אַ סך אויפֿגעטאָן געוואָרן בנוגע אויספֿאָרשן דעם עבֿר פֿון דער ייִדישער פּרעסע, זײַנען נאָך פֿאַראַן וויכטיקע בלויזן, וואָס דער היסטאָריקער דאַרף נאָך אויספֿילן.[1] די דאָזיקע בלויזן דערקלערן זיך מיט דעם, וואָס די בעסטע רעגיאָנאַלע פּרעסע־ביבליאָגראַפֿיעס פֿאַרשווײַגן על פּי רובֿ די פּעריאָדישע שריפֿטן, וואָס זײַנען געדרוקט מיט העברעיִשע אותיות. היות ווי די דאָזיקע פּעריאָדישע שריפֿטן האָבן קיין אַריכת ימים ניט געהאַט, זײַנען זיי נעלם געוואָרן נאָך איידער עס זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן די צענטראַלע פּרעסע־אַרכיוון אין די גרויסע אייראָפּעיִשע שטעט. די באַרימטע ייִדיש־זאַמלערס פֿון 18טן י״ה האָבן געקליבן אַלץ וואָס איז געווען געדרוקט אין אַ בוכפֿאָרעם. פֿאַר צײַטונגען, כּרוזים, קהילה־מודעות האָבן זיי קיין חוש ניט געהאַט. צוליב דעם וואָס דאָס פֿעלד פֿון ייִדישער פּעריאָדיקאַ און געלעגנהייט־שריפֿטן איז פֿאַרוואָרלאָזט געוואָרן קומט אויס אָפֿט מאָל זיך אָנצושטויסן אויף אומבאַקאַנטע פּרטים וועגן ייִדישע צײַטונגען וואָס זײַנען אין קיין שום ייִדישער ביבליאָגראַפֿיע ניט פֿאַרצייכנט.

פֿון אַן אַלגעמיינער ביבליאָגראַפֿישער רשימה באַקומען מיר אַ חשובֿן צושטײַער צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פּרעסע, וואָס כּידוע ציט זי זיך פֿון יאָר 1686. אין יאָר 1827 איז אין אַ דײַטש־ביימישן זשורנאַל פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל א״נ: „אַן איבערבליק איבער די צײַטשריפֿטן וואָס זײַנען ביז איצט דערשינען אין ביימען.‟ דער מחבר, פּראָפֿעסאָר יאָהאַן העלבלינג פֿאָן הירצענפֿעלד, דערציילט אַז אין יאָר 1775 איז אין פּראָג אַרויסגעגאַנגען אַ ייִדישע צײַטונג.[2] דעם טיטל פֿון דער דאָזיקער צײַטונג גיט ער אָן אויף לאַטײַניש, *Nova Judaica Pragensia*. דערבײַ ווײַזט ער אָן אַז זי איז געווען געשריבן אין „דער טעווטאָניש־ראַבינישער שפּראַך,‟ וואָס האָט אין דער לאַטײַנישער נאָמענקלאַטור פֿון 18טן י״ה געמיינט: ייִדיש־דײַטש.

לויט דער ווײַטערדיקער אינפֿאָרמאַציע פֿון דעם זעלבן מקור האָט די דאָזיקע צײַטונג אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אָנהייב אויגוסט 1775. זי איז אַרויס צוויי מאָל אַ וואָך אין קוואַרטאָ־פֿאָרמאַט; יעדער נומער איז באַשטאַנען פֿון אַ האַלבן בויגן. ווען זי האָט אויפֿגעהערט אַרויסצוגיין און וויפֿל נומערן עס זײַנען אַרויס ווערט צום באַדויערן ניט אָנגעגעבן.[3] עס ווערט אויך

[13] В. Я. Богучарский, *Из истории политической борьбы в 70-ых и 80-ых г. г.* XIX в., Москва, 1912, гл. 12.

[14] "Священная дружина".

[1] זען די ביבליאָגראַפֿיע צו מײַן אַרטיקל וועגן דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פּרעסע: אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, ייִדן ג, 279—284.

[2] Prof. Joh. Helbling v. Hirzenfeld, "Übersicht der in Böhmen bisher erschienenen Zeitschriften," *Monatschrift der Gesellschaft der vaterländischen Museums in Böhmen*, Juli 1827, 14-29.

[3] דער גאַנצער טעקסט פֿון זײַן אינפֿאָרמאַציע איז אין לאַטײַן, בעת בײַ אַנדערע טיטלען איז די אינפֿאָרמאַציע געשריבן אין דײַטש און דער טיטל אין דער שפּראַך פֿון אָריגינאַל. ניט אַנדערש נאָר פּראָפֿעסאָר הירצענפֿעלד האָט די דאָזיקע ידיעה גענומען פֿון אַן אַלטער

ניט דערציילט ווער עס האָט רעדאַקטירט די דאָזיקע צײַטונג. דערפֿאַר אָבער גיט דער מחבר אָן דעם נאָמען פֿון דעם דרוקער, וואָס איז מסתמא אויך געווען דער אַרויסגעבער. ער האָט געהייסן שענפֿעלד.

פֿערדינאַנד פֿאָן שענפֿעלד (1750—1821) פֿאַרנעמט אַ בכּבֿודיקן אָרט אין דער געשיכטע פֿון בײמישן דרוק־ און צײַטונגס־וועזן. זײַן פֿאָטער, יאָהאַן שענפֿעלד, איז שוין געווען אַן אייגנטימער פֿון אַ גרויסער דרוקערײַ אין פּראָג. דער זון האָט אַזוי אַנטוויקלט דעם פֿאָטערס געשעפֿט, אַז אין יאָר 1780 האָבן בײַ אים געאַרבעט 17 דרוקמאַשינען. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן פֿאַרשיידענע פּעריאָדישע שריפֿטן אויף דײַטש און אויף בײמיש. אויף בײמישע צײַטונגען איז יעמאָלט געווען אַ קליינער נאָכפֿרעג. די בײמישע אַדללײַט זײַנען געווען אין פּרט פֿון קולטור און שפּראַך דײַטשן, דער בײמישער המון האָט בכלל ניט געקענט לייענען. בעת אין 1719 האָט דער דרוקער קאַרל פֿראַנטישעק ראָזענמילער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ טשעכיש בלאַט, האָט עס לאַנג ניט געקענט עקסיסטירן. אויך שפּעטער האָט מען געמאַכט עטלעכע פּרוּוון, אָבער מיט ווייניק הצלחה. אין די יאָרן 1772—1782 איז בכלל ניט אַרויס קיין איין פּעריאָדישע שריפֿט אין בײמיש.[4]

היות די טשעכן האָבן געקענט בעסער דײַטש איידער זייער אייגן לשון, זײַנען דײַטשע צײַטשריפֿטן געוואָרן די טרעגערס פֿון דעם בײמישן נאַציאָנאַלן געדאַנק. זיי האָבן אין דעם פּרט אויפֿגעטאָן זייער אַ סך.[5] די דײַטש־בײמישע זשורנאַליסטן זײַנען יעמאָלט על פּי רובֿ געווען געשטימט פֿרײַנדלעך צו ייִדן. אין יענע יאָרן איז דײַטש געוואָרן די קולטורשפּראַך אין געוויסע קרײַזן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין פּראָג, און די דאָזיקע קרײַזן האָט מען געוואָלט געווינען פֿאַר דעם בײמישן נאַציאָנאַלן געדאַנק. איינער פֿון די אָנפֿירערס פֿון דער בײמישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון דײַטש איז געווען דער פּאָ־ליהיסטאָר מיקולאַש פֿאָיגט (1733—1787), אַ גרויסער חסיד פֿון משה מענדעלסאָנען. נאָר אין אַ סבֿיבֿה פֿון טאָלעראַנץ קען אויפֿקומען אַ מענדעלסאָן, האָט ער געשריבן, און דעריבער זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו „וועקן טאָלעראַנץ לכל הפּחות אין דער רעפּובליק פֿון די געלערנטע”. ער האָט אַגבֿ אָנגעשריבן אַ געשיכטע פֿון ייִדן אין בײמען, וואָס איז קיין מאָל ניט געווען געדרוקט.[6]

שענפֿעלד האָט מיט די ערנצטערע פּעריאָדישע פּובליקאַציעס קיין שום שײַכות ניט געהאַט. אַ בריה אַן אַרויסגעבער, האָט ער קודם כּל געוואָלט באַפֿרידיקן דעם ברייטן עולם. אים האָט אַ צײַטשריפֿט אינטערעסירט דער עיקר ווי אַ געשעפֿט. דערפֿאַר איז ער געווען גרייט אַרויסצוגעבן שריפֿטן אין וועלכן עס איז לשון, אויב עס וועט זיך אויף זיי געפֿינען אַ קונה. אויך די פּאָליטישע קאָניונקטור האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין זײַנע פֿאַר־לעגערישע חשבונות. גראָד איז אין פּראָג אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקע בראָשורן־מלחמה וועגן דער ייִדן־פֿראַגע. ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן האָבן זיך באַוויזן בראָשורן פֿאַר און קעגן

רשימה, וואָס איז געווען געשריבן אין לאַטײַן. אַזעלכע רשימות זײַנען צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אין פּראָג סוף 18טן י״ה, אָבער זעלטן ווען געדרוקט.

צוליב דער זעלטנקייט פֿון דעם מקור ציטירן מיר דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף פֿון אָריגינאַל:

Nova Judaica Pragensia, lingua teutonico-rabbinica; edi coeperunt in typogr. F. n. a Schoenfeld a 1775 initio mensis Augusti, singulisque hebdomadis bis media plagula in 4 distribuitur. Desierunt.

אין דער רשימה בלעטער פֿון 18טן י״ה, וואָס ווערט געבראַכט אין אַ נאַצישן זשורנאַל, ווערט די דאָזיקע צײַטשריפֿט ניט דערמאָנט, זען:

Josef März, *Die Anfänge des Zeitungswesens in Böhmen,* Böhmen und Mähren, 1942, Heft 3, 92-94.

[4] Josef Volf, "Zánik jedinych českých novin na konci roku 1771," *Časopis Narodniho Musea,* XCVII (1923), 229-236.

[5] Arnošt Kraus, *Časopisy 1770-1774 a české probuzení,* Praha, 1909.

[6] Josef Hanuš, *Mikuláš Adankt Voigt, český buditel a historik,* Praha, 1910, 17, 21, 95.

ייִדן. דער ערשטער רעדאַקטאָר פֿון שענפֿעלדס דײַטשע בלעטער איז געווען איינער אויגוס־טין ציטע (Zite, 1750—1785), אַ פֿאַרביסענער אַנטיסעמיט, וואָס איז אַרויס מיט בראָשורן קעגן דער ייִדן־עמאַנציפּאַציע. ווי אַ פֿאַרטיידיקער פֿון ייִדן איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן דער זשורנאַליסט לעאָפּאָלד אַלאָיס האָפֿמאַן (1748—1806). שענפֿעלד האָט דערזען אַז די חשובֿסטע דײַטשע און בײמישע געלערנטע זײַנען פֿאַר אַ ייִדן־עמאַנציפּאַציע. האָט ער אָפּגעזאָגט ציטען און אָנגעשטעלט האָפֿמאַנען.[7] דער דאָזיקער שענפֿעלד האָט משמעות דערשמעקט אַז עס וועט לוינען אַרויסצוגעבן אַ שריפֿט אויף ייִדיש, און װעלכער מען וועט קענען איבערגעבן די ייִדישע נײַס וואָס האָבן גראָד צו יענער צײַט ניט געפֿעלט, בפֿרט וועגן דער בראָשורן־מלחמה, וואָס איז געווען געפֿירט אין אַזאַ האַרבן דײַטש, אַז ניט יעדער איינער האָט עס געקענט פֿאַרשטיין.

עס זײַנען געווען אויך אַנדערע סיבות פֿאַר וואָס גראָד שענפֿעלד איז געוואָרן דער אַרויסגעבער פֿון אַ ייִדיש בלאַט אין פּראָג. חוץ אַן אויסקוק אויף געשעפֿט האָט אים בכלל אינטערעסירט דאָס ייִדישע לשון אין בײמען. זײַן פֿילזײַטיקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פֿון בײמישן לעבן האָט אים פֿאַקטיש געמאַכט פֿאַר אַ לאָקאַלן קולטור־טרעגער, וואָס וויל באַלאַנסירן צווישן די נאַציאָנאַלע עקסטרעמען, וואָס האָבן זיך שוין צו יענער צײַט אָנ־געהויבן אויסצופּיקן.[8]

אין 1788 האָט שענפֿעלד אַרויסגעגעבן אַ „ניצלעכן האַנט־לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער שפּראַך", מיט זייער אַן אינטערעסאַנטער הקדמה פֿון דעם דעמאָלטיקן צענזאָר פֿאַר ייִדישע דרוקן אין פּראָג, דעם גלח לעאָפּאָלד טירש.[9] אין דער רשימה פֿון די בלעטער וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן פֿיגורירן זייער אַ סך נעמען פֿון וועלכע נאָר די דײַטשע אָבערפּאָסט אַמטצײַטונג האָט געהאַט אַריכת ימים (1780—1813).[10]

אַרויסגעבן אַ צײַטונג אין פּראָג איז ניט געווען אַזוי לײַכט. קודם כּל איז דער קאָל־פּאָרטאַזש געווען בדרך כּלל פֿאַרבאָטן. אויף צײַטונגען האָט מען זיך באַדאַרפֿט אַבאָנירן. דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען אַז דער טיראַזש איז געווען אַ קליינער. אַרויס־געבן אַ צײַטונג אויף ייִדיש אין אַ צײַט ווען דווקא אין פּראָג איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף קעגן „דעם גראָבן ייִדישן מונדאַרט"[11] איז געווען ניט פֿון די לײַכטע זאַכן. שענפֿעלד האָט ווינציק ריזיקירט, מחמת דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ דרוקערײַ אין וועלכער עס האָבן זיך געדרוקט אויך ייִדישע ספֿרים. אַזוי למשל איז אין יאָר 1777 בײַ אים אַרויס אַ הגדה

---

[7] A. Przedak, *Geschichte des deutschen Zeitschriftenwesens in Böhmen,* Heidelberg, 1904, 49. *Československá Vlastivěda,* Písemnictvi, 1933.

[8] וועגן דעם שרײַבט אויספֿירלעך Josef Volf אין זײַן:
Geschichte des Buchdrucks in Böhmen und Mähren bis 1848, Weimar, 1928, 134-138.
און אין זײַנע צוויי פּרט־אַרבעטן: "Z dějin nevydaných novin", "Schönfeld contra Haase", ביידע געדרוקט אין: *Časopis Národního Musea,* 1923.

[9] *Nutzliches Handlexikon der jüdischen Sprache,* Prag, 1788, 129 pp.
אין פֿרײַמאַנס ביבליאָגראַפֿיע פֿון פּראָגער דרוקן (*Soncino-Blätter,* III, 218) ווערט ניט ריכטיק אָנגעגעבן אַז דאָס דאָזיקע בוך איז אַרויס אין יאָר 1780.

[10] ווערט געבראַכט בײַ Przedak, דצ״וו, און אויך בײַ:
J. B. Dlabač, "Nachricht von den in böhmischer Sprache verfassten Zeitungen," *Abhandlungen der Böhmischen Gesellschaft für Wissenschaften,* 1803, Historischer Teil, 1-31.
די פֿולסטע נײַע רשימה זען:
Josef Volf, *Dějiny novin v Čechách do r. 1848,* Praha, 1930.

[11] *Jahrbuch der Gesellschaft für Geschichte der Juden in der ČS. Republik,* VI, 1934, 196.
די טשעכן האָבן באַקעמפֿט די ייִדישע שפּראַך אין בײמען. לויטן געזעץ פֿון יאָר 1781 האָבן ייִדן געמוזט פֿירן די האַנדלסביכער אויף דײַטש. אַ טשעכישער היסטאָריקער אינטער־פּרעטירט דעם דאָזיקן געזעץ, אַז היות ער איז ניט געווען געווענדט קעגן בײמיש איז דאָס ניט באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַ גזרה. מען האָט סײַ ווי פֿאַרשטאַנען, שרײַבט ער, אַז ייִדן

של פּסח מיט אַ ייִדישער איבערזעצונג.[12] גראָד צו יענער צײַט זײַנען אַרויס אַ סך ייִדישע ספֿרים בײַ ייִדישע דרוקערס אין פּראָג. ער האָט דעריבער געוואָלט פּרוּוון זײַן מזל מיט אַ פּעריאָדישער שריפֿט אויף ייִדיש, וואָס איז געווען ניט קיין גרעסערע ריזיקע ווי אַן ענלעך בלאַט אויף ביימיש.

אַלע טשעכישע היסטאָריקערס פֿון דער פּרעסע אין ביימען הזרן איבער די דאָזיקע ידיעה וועגן דער ערשטער ייִדישער צײַטונג אין פּראָג.[13] קיינער פֿון זיי גיט אָבער ניט צו קיין נײַע פּרטים, וואָס דאָס באַווײַזט אַז זיי האָבן די דאָזיקע צײַטונג ניט געזען. בעת אין דער טשעכישער ליטעראַטור וועגן דער פּרעסע ווערן רעפּראָדוצירט די סאַמע זעלטענע עפּעמערישע פּעריאָדיקאַ פֿון 18טן י"ה, וואָס זײַנען אַרויס אין ביימען אין אַלע לשונות, ווערט אָבער די פּראָגער יודישע נײַעס ניט רעפּראָדוצירט, אַ סימן אַז אין פּראָגער אַרכיוון און ביבליאָטעקן האָט זיך די דאָזיקע צײַטונג שוין מער ניט אויפֿגעהיט.[14]

בכל אופֿן איז נישטאָ קיין שום ספֿק אַז אַזאַ צײַטונג האָט עקסיסטירט און אַז זי איז געווען די ע ר ש ט ע ייִדישע צײַטונג אין ביימען און די פֿ ע ר ט ע צײַטונג אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פּרעסע בכלל.[15]

ד"ר יעקבֿ שאַצקי

אַן אומבאַקאַנטער מקור צו יעקבֿ פֿראַנקס ביאָגראַפֿיע

דעם 24סטן פֿעברואַר 1760 האָט מען יעקבֿ פֿראַנקן פֿאַרשיקט קיין טשענסטאָכאָוו. דאָס איז געווען דער פּסק־דין פֿון דעם קאַטוילישן גײַסטלעכן געריכט אין וואַרשע, וואָס האָט אים געפֿונען שולדיק אין „שענדן" די קאַטוילישע רעליגיע. ער האָט געזאָלט בלײַבן זיצן אין דער טשענסטאָכאָווער תּפֿיסה „אויף שטענדיק", אונטער דער השגחה פֿון דעם פּוילינער אָרדן, די אַפּוטרופּסים איבער דעם טשענסטאָכאָווער קלויסטער.

אין דער דאָזיקער תּפֿיסה האָט זיך יעקבֿ פֿראַנק געפֿילט ווי אין אַ „גן־עדן". ער האָט זיך געלאָזט ווילגיין, געפֿירט אַן אויסגעלאַסן לעבן, אויפֿגענומען פֿאַרשיידענע דעלעגאַציעס פֿון זײַנע אָנהענגערס וואָס האָבן אים געבראַכט רײַכע מתּנות. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז 1769.[1]

אין יענעם יאָר האָט טשענסטאָכאָוו אָנגעהויבן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פּויּ־לישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, באַקאַנט אין דער געשיכטע ווי די באַרער קאָנפֿעדעראַציע.[2]

וועלן זייערע ביכער ניט פֿירן אויף טשעכיש נאָר אויף דײַטש, ממילא איז דער ענין געווען פֿאַר זיי אַ פֿרעמדער. זען:

Jan Heidler, *Čechy a Rakousko v politických brožurách předbřeznových*, Praha, 1920, 122.

[12] פֿרײַמאַן, דצ"ו, 202. אַגבֿ פֿעלט אין דער דאָזיקער ביבליאָגראַפֿיע זייער אַ סך ייִדישע אויסגאַבעס פֿון פּראָג, ווי למשל דער ייִדישער ראָבינזאָן קרוזאָ (1784) און אַ רײ הגדות של פּסח. אַ מער פֿולשטענדיקע רשימה פֿון הגדות איז פֿאַרצייכנט בײַ:

Čeněk Zíbrt, *Ohlas obřadních písni velikonočních*, Praha, 1928, 30-37.

[13] למשל, וואָלף אין *Československá Vlastivěda*, 423.

[14] הירצענפֿעלד שרײַבט (זען הערה 2) אַז די מלוכה־ביבליאָטעק אין פּראָג פֿאַרמאָגט אַלע צײַטונגען, וואָס זײַנען אַרויס אין ביימען זינט 1744. דאָס מיינט אַז אין יאָר 1827 איז די ייִדישע צײַטונג נאָך געווען בנימצא. די ייִדישע לומדישע קרײַזן האָבן זיך מיט אַזעלכע ענינים דעמאָלט ניט אינטערעסירט, האָבן זיי די צײַטונג ניט פֿאַרצייכנט.

[15] אין 1798 איז אין פֿראַנקפֿורט־מײַן אויפֿגעקומען אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט א"נ יודישע נאַכריכט. דער פּלאַן איז געקומען פֿון לעמלע גײַגער, אַ פּרנס פֿון דער קהילה. עס איז אָבער פֿון דעם גאָרניט געוואָרן. מסתּמא האָט די שפּראַך פֿון דעם געפּלאַנטן וואָכנבלאַט געזאָלט זײַן דײַטש, אָבער זיכער געדרוקט מיט ייִדישע אותיות. זען:

Jahrbuch der Jüdisch-Literarischen Gesellschaft, Frankfurt a. M., XIX (1928), 260.

[1] A. Kraushar, *Frank i Frankiści*, Warszawa, 1893.

[2] W. Konopczyński, *Konfederacja barska*, Bibljoteka Narodowa, No. 102, Kraków, 1-XLVI.

די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו קעמפֿן קעגן רוסלאַנד, וואָס האָט מיט דער הילף פֿון די פּוילישע מאַגנאַטן געוואָלט איבערנעמען דעם „פּראָטעקטאָראַט“ איבער פּוילן. די באַרער קאָנפֿעדעראַטן האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס אומצוטרוי צו די פֿראַנקיסטן און זיי חושד געווען אין רוסאָפֿילישע שטימונגען. פֿראַנק גופֿא האָט געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות מחמת דעם וואָס די פּוילישע זעלנערס האָבן געוואָרפֿן אַן אויג אויף זײַן שיינער טאָכטער אַוואַטשאַ (חוה), וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן קאַפּיטאַל אין זײַנע מיאוסע געשעפֿטן.

ווען עס איז שפּעטער געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די רוסן און פּאָליאַקן און די רוסישע אַרמיי האָט באַלאַגערט די טשענסטאָכאָווער פֿעסטונג איז געשטאָרבן פֿראַנקס אַ זון און אַ ביסל שפּעטער זײַן פֿרוי. אין דער פֿעסטונג איז זייער שווער געווען צו געפֿינען שפּײַז און דאָס האָט נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט די באַציִונגען צווישן די פּוילישע זעלנערס און די פֿראַנקיסטן.

דערווײַל האָט די רוסישע אַרמיי מיט גראַף גאָליצינען בראָש אַרומגערינגלט די פֿעסטונג. אַכצן טעג האָט זיך אַ קליינע פּוילישע אַרמיי פֿאַרטיידיקט קעגן דעם שׂונא. עס איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען, ווי זיך אונטערצוגעבן. דעם 19טן אויגוסט 1772 האָט זיך טשענסטאָכאָוו אונטערגעגעבן צו די רוסן.[3]

פֿראַנק האָט זיך תּיכּף געמאָלדן צום רוסישן קאָמענדאַנט, דעם גענעראַל אַלעקסאַנדער ביביקאָוו, און געבעטן אים אַרויסלאָזן פֿרײַ. דער גענעראַל איז אויף דעם אײַנגעגאַנגען. אַזוי אַרום איז פֿראַנק נאָך 13 יאָר תּפֿיסה געוואָרן אַ פֿרײַער מענטש און איז טאַקע באַלד אַוועקגעפֿאָרן צו זײַנע רײַכע „חסידים“ אין מערן.

אין 1772 איז קאַרדינאַל יאָזעף גאַראַמפּי באַשטימט געוואָרן פֿאַרן פֿאָרשטייער פֿון וואַטיקאַן אין וואַרשע. משמעות, אַז ער איז געווען באַקאַנט מיט דער פֿראַנקיסטישער באַוועגונג, און איר פֿירער, יעקבֿ פֿראַנק, האָט אים שטאַרק אינטערעסירט.

דעם 6טן מײַ 1776 האָט גאַראַמפּי באַזוכט דעם טשענסטאָכאָווער מאָנאַסטיר און זיך נאָכגעפֿרעגט אויף פֿראַנקן. די אינפֿאָרמאַציע וואָס ער האָט באַקומען וועגן אים האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַזוי וויכטיק, אַז ער האָט עס פֿאַרצייכנט אין זײַן טאָגבוך, געפֿירט אויף איטאַליעניש. די היסטאָריקערס פֿון פֿראַנקיזם האָבן דעם דאָזיקן מקור אין גאַנצן פֿאַרקוקט. דערפֿאַר איז כּדאַי דאָ צו ברענגען דעם אָריגינעלן טעקסט[4] און אַן איבערזעצונג אויף ייִדיש:

Richiesi quel che ne fu del neofito Frank già quivi relegato. Questo sentiva la S. messa ogni giorno e mostravasi divoto; nel resto della gironata studiava libri ebraici e scrivea. Il generale Bibicow, allorchè fu qui, si compiacqué molto della sua conversazione, come se ne compiaceva il principe Galliczin, e piu ancora della figlia che Frank avea seco, la quale però non si discostáva mai dal fianco del padre ed era onestissima. Bibicow tornato poi a Varsavia mandò l'ordine, acciò Frank fosse rilasciato, e così seguì. ora è nei stati austriaci e si tratta sfarzosamente, giacchè dai suoi seguaci raccoglie frequenti contribuzioni.

[איבערזעצונג]

איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט, ווי אַזוי האָט זיך אויפֿגעפֿירט דער משומד (neofito) פֿראַנק, וואָס איז שוין באַפֿרײַט געוואָרן. ער האָט יעדן טאָג געהערט די הייליקע מעסע און האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן זייער איבערגעגעבן [דער רעליגיע]. די

[3] M. Kwasieborski, *Częstochowa za czasów Konfederacji barskiej,* Częstochowa, 1921, 18 ff.
יעקבֿ שאַצקי, „געשיכטע פֿון ייִדן אין טשענסטאָכאָוו“, אין: טשענסטאָכאָווער ייִדן, ניו־יאָרק, 1947, זז׳ 2—31.

[4] J. Ph. Dengel, *Nuntius Josef Garampi in preussisch Schlesien und in Sachsen im Jahre 1776.* Quellen und Forschungen aus italienischen Archiven und Bibliotheken, Vol. 5, Rom, 1903, pp. 223-268.
די שטעלע גופֿא געפֿינט זיך אויף ז׳ 239.

איבעריקע צײַט פֿון טאָג האָט ער שטודירט העברעיִשע ספֿרים און האָט געשריבן. דער גענעראַל ביביקאָוו, בעת ער איז דאָ געווען, האָט געהאַט הנאה פֿון שמועסן מיט אים. דאָס זעלבע אויך דער פּרינץ גאַליצין. נאָך מער האָבן זיי [הנאה געהאַט] פֿון זײַן טאָכטער, וואָס ער, פֿראַנק, האָט געהאַט מיט זיך. זי האָט אָבער קיין מאָל ניט אָפּגעלאָזן דעם טאַטן און איז געווען זייער אַן ערלעכע. ביביקאָוו האָט זיך שפּעטער אומגעקערט קיין וואַרשע און האָט אַרויסגעשיקט אַ באַפֿעל צו באַפֿרײַען [פֿראַנקן] און אַזוי איז טאַקע געשען. איצט געפֿינט ער זיך אין דער עסטרײַכישער מלוכה און לעבט בהרחבֿה, ווײַל ער זאַמלט צונויף פֿון זײַנע אָנהענגערס אָפּטע בײַשטײַערונגען.

די אינפֿאָרמאַציע וועגן פֿראַנקס שטודירן „העברעיִשע ספֿרים" איז זייער פּיקאַנט, הגם ווײַט ניט ריכטיק. פֿראַנק גופֿא דערציילט וועגן דעם גאָרניט. דאָס בילד פֿון דער טאָכטער, וואָס רירט זיך ניט אָן דעם טאַטן, איז היסטאָריש ריכטיק. הגם די קוואַליפֿיקאַציע פֿון איר אָרנטלעכקייט איז שטאַרק איבערגעטריבן.

ד"ר יעקבֿ שאַצקי

אויף די שפּורן פֿון די מאַטעריאַלן פֿון יאַן בלאָכס סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישער עקספּעדיציע

כּידוע האָט פּרץ אָנטייל גענומען אין דער עקספּעדיציע וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון דעם וואַרשעווער באַנקיר און סאָציאַל־עקאָנאָמיסט יאַן בלאָך (1836—1902), און פֿון דער דאָזיקער נסיעה זײַנער זײַנען אַרויסגעוואַקסן די רײַזעבילדער.

ווען בלאָך איז געשטאָרבן האָט די אַלמנה עמיליאַ קראָנענבערג־בלאָך צונויפֿגעזאַמלט דעם מאַנס אַרכיוו און אים דעפּאָנירט צײַטווײַליק אין דעם אַרכיוו פֿון דער משפּחה קראָנענבערג. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די וואַרשעווער עפֿנטלעכע ביבליאָטעק,[1] האָט זי געשאָנקען דער ביבליאָטעק דעם גאַנצן אַרכיוו וואָס איז באַשטאַנען פֿון איבער 400 פֿאַסציקלען. אין דעם דאָזיקן אַרכיוו האָבן זיך אָפּגעהיט אַ סך דאָקומענטן וועגן ייִדישע ענינים, אָבער די מאַטעריאַלן פֿון דער עקספּעדיציע, אין וועלכער פּרץ האָט זיך באַטייליקט, זײַנען דאָרטן ניט געווען.

אין יאָר 1934 האָט דער ייִוואָ אין ווילנע זיך געווענדט צו פּראָפֿעסאָר שמואל דיקשטיין (1851—1940) מיט אַן אָנפֿרעג, וואָס עס איז געשען מיט די דאָזיקע מאַטעריאַלן. דיקשטיין איז געווען אין דעם קאָמיטעט וואָס האָט געהאָלפֿן באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן.

אויף דעם האָט דיקשטיין געענטפֿערט, אַז ער ווייסט ניט.

„אויף וויפֿל איך געדענק, האָט ער געשריבן, האָט מען אים געוואָלט אַרײַנלייגן אין די קעלערן פֿון קהילה־אַרכיוו אָדער אין דער יודאַיִסטישער ביבליאָטעק בײַ דער גרויסער סינאַגאָגע אין וואַרשע, אָבער קאָנטראָלירן דאָס קען איך ניט."[2]

די בײדע אינסטיטוציעס האָבן די דאָזיקע מאַטעריאַלן ניט באַקומען. דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פֿון בלאָכס ייִדישן סטאַטיסטישן ביוראָ שמואל אַדאַלבערג (1867—1939) האָט דערציילט דעם שרײַבער פֿון די דאָזיקע שורות, אַז בלאָך האָט זיי צוגענומען צו זיך. ווי עס לאָזט זיך איצט אויס האָט בלאָך דעם דאָזיקן מאַטעריאַל אין גאַנצן אָדער געוויסע טיילן אויסגעליִען . . . הערצלען.

מיט בלאָכן האָט זיך הערצל באַקענט דורך בערטאַ זוטנער. בײדע זײַנען זיי געווען פֿאַראינטערעסירט אין דער רודף־שלום־באַוועגונג וואָס די פֿרוי זוטנער האָט אָנגעפֿירט און וואָס איר קרוין איז געווען דער שלום־פּאַלאַץ אין האַג (האָלאַנד), אַ מתּנה פֿון בלאָכן און דעם צאַר ניקאָלײַ דעם צווייטן.[3]

הערצל האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט בלאָכן אין יוני 1889, טאַקע אין האָלאַנד. אין זײַנע טאָגביכער נאָטירט ער, אַז בלאָך האָט אויף אים געמאַכט אַ גוטן

[1] Biblioteka Publiczna m. Warszawy.

[2] ייִוואָ־בלעטער, XII (1937), ז' 316.

[3] Tulo Nussenblatt, *Ein Volk unterwegs zum Frieden* (*Herzl-Zuttner*), Wien, 1933.

אײַנדרוק: „דאָס איז אַ קלוגער, געבילדעטער אַלטער יִדישער סוחר.״ ער דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט ניט, אַז בלאָך איז געווען אַ משומד, בעת ער טוט עס מיט אַנדערע. משמעות, אַז הערצל איז געווען אונטערן אײַנדרוק, אַז אַ מענטש מיט אַזעלכע טיפֿע אינטערעסן פֿאַר יִדישע ענינים איז זיכער אַ ייִד. אין אַ צווייטער פֿאַרנאָטירונג וועגן בלאָכן שרײַבט הערצל, אַז דאָס איז אַ מערקווערדיקער מענטש, ענערגיש אַזוי ווי ער וואָלט אַלט געווען ניט 65 יאָר, נאָר 35.[4]

הערצל האָט געבעטן, בלאָך זאָל אינטערווענירן בײַ וויטען, אַז מען זאָל ניט שטערן די אַרבעט פֿון דער יִדישער קאָלאָניאַל־באַנק אין רוסלאַנד. בלאָך האָט אים צוגעזאָגט און האָט אַפֿילו זיך באַמיט, ניקאָלײַ דער צווייטער זאָל הערצלען באַוויליקן אַן אוידיענץ.

דעם 29סטן דעצעמבער 1900 האָט בלאָך באַזוכט הערצלען אין ווין. זיי האָבן אַרומגערעדט דעם ענין פֿון וויסנשאַפֿטלעך אויספֿאָרשן דעם אַנטיסעמיטיזם. אין אַ בריוו צו הערצלען, דאַטירט דעם 13טן נאָוועמבער 1901, ד״ה קנאַפּע צוויי חדשים פֿאַר זײַן טויט, האָט בלאָך פֿאָרגעלייגט הערצלען אַ פּלאַן וועגן אַרויסגעבן זײַנס אַ בוך וועגן דער ייִדן־פּראַגע. אין דעם דאָזיקן בוך וואָס האָט געזאָלט אַרויסגיין אויף דײַטש האָט בלאָך געהאַט בדעה צו אַנאַליזירן „וואָס זײַנען די עקאָנאָמישע סיבות וואָס רופֿן אַרויס אָדער די רדיפֿות אויף ייִדן אָדער דאָס באַשיצן.״ [5] אַזאַ בוך האָט בלאָך ניט אָנגעשריבן. מסתּמא האָט ער געהאַט בדעה איבערצוזעצן אויף דײַטש דעם אַרײַנפֿיר צום ערשטן באַנד פֿון זײַן גרויסן פֿינפֿבענדיקן ווערק וועגן דעם עקאָנאָמישן און מאָראַלישן מצבֿ אין רוסלאַנד און אין פּוילן, וואָס איז אַרויס אין 1896. צוליב אַ שׂרפֿה אין דער דרוקערײַ איז די גאַנצע אויפֿלאַגע מיטן אויסנאַם פֿון 25 עקזעמפּלאַרן, וואָס זײַנען צופֿעליק געווען בײַם אײַנבינדער, פֿאַרברענט געוואָרן. בלאָכס אַ מיטאַרבעטער, אַ רוסישער פּובליציסט און סטאַטיסטיקער, אַנדריי פּאַוולאָוויטש סובאָטין (1852—1906), האָט דעם יִדישן מאַטעריאַל פֿון דעם דאָזיקן ריזיקן ווערק, אויף וועלכן בלאָך האָט געאַרבעט אַכט יאָר, אַנאַליזירט אין אַן אויספֿירלעכער אַרבעט וואָס האָט בשעתּו געמאַכט אַ רושם און איז סומירט געוואָרן אין אַ ריי דײַטש־יִדישע צײַטשריפֿטן.[6]

הערצל האָט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וואָס בלאָך האָט אָנגעזאַמלט און געבעטן זיי אים אויסלײַען. בלאָך האָט אים צוגעשיקט די דאָזיקע מאַטעריאַלן. הערצל האָט פֿאַרשטאַנען, ווי וויכטיק עס איז צוצוגיין צו דער יִדישער פּראָבלעם ריין וויסנשאַפֿטלעך. זײַן ערשטער סעקרעטאַר שאָול רפֿאל לאַנדוי (1870—1944) איז געווען אַ סאָציאַל־עקאָנאָמיסט. אין יאָר 1898 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן רעפּאָרטאַזש וועגן דעם יִדישן אַרבעטער אין פּוילן.[7] דער צווייטער נאָענטער מיטאַרבעטער הערצלס איז געווען אַלפֿרעד נאָסיג, דער ערשטער ציוניסטיש־יִדישער סטאַטיסטיקער.[8]

ממילא איז קלאָר, אַז הערצל האָט בײַ דעם גאַנצן גלויבן זײַנעם אין דיפּלאָמאַטישער שתּדלנות ניט פֿאַרקוקט די וויכטיקייט פֿון סאָציאַל־עקאָנאָמישע אַרגומענטן. פֿאַר אַזעלכע אַרגומענטן איז גראָד בלאָכס מאַטעריאַל געווען אַ וויכטיקער מקור.

לאָזט זיך אויס, אַז הערצל האָט די דאָזיקע מאַטעריאַלן געגעבן צו באַאַרבעטן אַ געוויסן ד״ר אַ. נײַפֿעלד.

ווען בלאָך איז געשטאָרבן האָט די אַלמנה זיך געווענדט צו הערצלען און געבעטן אומקערן די דאָזיקע מאַטעריאַלן.

---

[4] *Herzls Tagebücher*, II, p. 320.

[5] Nussenblatt, pp. 145-176.

[6] *Еврейская Библиотека*, X (1903), стр. 62—123; *Помощь*, 1903, стр. 507—510.

[7] S. R. Landau, *Unter jüdischen Proletariern*, Wien, 1898.
מער פּרטים אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע:
Sturm und Drang in Zionismus, Wien, 1937.

[8] A. Nossig, *Materialen zur Statistik des jüdischen Stammes*, 1887; *Jüdische Statistik*, 1903.
נאָסיג האָט אין 1903 געגרינדעט אַ פֿאַרבאַנד פֿאַר סטאַטיסטיק פֿון ייִדן.

דעם 22סטן אָקטאָבער 1903 האָט הערצל איר געענטפֿערט, אַז ער האָט די מאַטעריאַלן געגעבן צו באַאַרבעטן דעם אויבן דערמאָנטן נײַפֿעלד, און אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט בלאָכס הסכּמה.

דער דאָזיקער נײַפֿעלד, שרײַבט הערצל, איז געווען אין אַמעריקע און האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין בערלין. הערצל זאָגט צו, אַז ווי נאָר ער וועט די מאַטעריאַלן צוריקבאַקומען וועט ער זיי אָפּשיקן קיין וואַרשע.

די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעפֿונען. וועגן דער פּערזאָן ד״ר א. נײַפֿעלד ווייסט מען קיין זאַך ניט. עס איז אָבער פֿעסטגעשטעלט געוואָרן איין וויכטיקער פּרט: די מאַטעריאַלן פֿון דער ייִדישער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע פֿון יאַן בלאָכן האָבן זיך געפֿונען בײַ הערצלען. אפשר וועלן מיט דער צײַט זיך לאָזן פֿעסטשטעלן מער פּרטים וועגן דעם גורל פֿון די זאַמלונגען אין וועלכע פּרץ האָט געהאַט אַ האַנט.

טעקסט פֿון הערצלס בריוו

Alt-Aussee 22 Oktober 1903

Sehr geehrte gnädige Frau,

Die statistischen Materialien die mir Ihr seliger Herr Gemahl seinerzeit zuschickte habe ich mit seinem Wissen einem jungen Gelehrten namens Dr. A. Neufeld zur Bearbeitung übergeben. Hr. Dr. Neufeld, der inzwischen in Amerika war, befindet sich derzeit in Berlin. Ich habe ihm sofort schreiben lassen und werde mich bemühen die Materialien wieder zur Stelle zu schaffen, worauf ich Ihnen dieselben nach Warschau zuschicken werde.

Ich hoffe, Sie befinden sich wohl und indem ich Sie bitte mich Ihren verehrten Toechtern bestens zu empfehlen bin ich

mit hochachtungsvollem Grusse

Ihr ergebener

Herzl.

הערצלס בריוו דרוקן מיר אָפּ לויט אַ קאָפּיע, וואָס איז אונדז צוגעשיקט געוואָרן פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל און וואָס געפֿינט זיך אין ראובֿן ברײַנינס אַרכיוו.

איך דאַנק פֿרײַנד מלך ראַוויטשן פֿאַר אינפֿאָרמירן מיך וועגן דעם דאָזיקן בריוו און דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער ביבליאָטעק פֿאַר דער צוגעשיקטער קאָפּיע.

ד״ר יעקבֿ שאַצקי

אַרכיוו פֿון „סערפּ״ אין ייִוואָ

צווישן די אַרכיוון וואָס זײַנען געראַטעוועט געוואָרן דורכן ייִוואָ געפֿינט זיך אויך דער אַרכיוו פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „סערפּ״ — „ייִסאָפּ״ (ייִדישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי), דער אַזוי גערופֿענער „ראַטנערס אַרכיוו״ וואָס איז פֿון גאָר גרויסן ווערט פֿאַר פֿאָרשערס פֿון דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

מאַרק באָריסאָוויטש (מרדכי) ראַטנער (1871—1917) איז געווען איינער פֿון די וויכטיקסטע טוערס אין „סערפּ״. נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער געלעבט אין אויסלאַנד, ווו ער האָט אָנגעזאַמלט די דאָזיקע רײַכע קאָלעקציע דאָקומענטן צו דער געשיכטע פֿון דער פּאַרטיי פֿאַר די יאָרן 1907—1914. נאָך זײַן טויט זײַנען די דאָקומענטן אָפּגעהיט געוואָרן דורך בן־אַדירן, אַ. קיהנען און ד. ראָזענבליטן. די לעצטע יאָרן האָבן די דאָקומענטן זיך געפֿונען בײַ ראָזענבליטן („סערפּאָוו״) וואָס האָט קורץ פֿאַר דער מלחמה איבערגעגעבן אין פּאַריז די דאָקומענטן א. טשעריקאָווערן פֿאַרן ייִוואָ. אין 1941 איז ראַטנערס אַרכיוו אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע אַרכיוון פֿון פּאַריז קיין ניו־יאָרק.

מיר גיבן דאָ אַ קורצע באַשרײַבונג פֿון די דאָקומענטן:

דאָקומענטן וועגן דער פֿאַראייניקונג־קאָנפֿערענץ פֿון „פּועלי־ציון״ און „ייִסאָפּ״: פּראָטאָקאָל

פֿון דער קאָנפֿערענץ (27סטן אָקט׳ 1908); אַ נאָטיץ וועגן דער קאָנפֿערענץ; פּראָטאָקאָלן פֿון
די זיצונגען פֿון 19טן און 25סטן נאָוו׳ 1909, 25סטן פֿעבר׳, 20סטן אַפּריל, 23סטן סעפּט׳
און 18טן נאָוו׳ 1910; אַ בריוו פֿון „פּועלי־ציון“ (20סטן אָקט׳ 1909); רעזאָלוציע פֿון „ייִסאַפּ“
וועגן פֿאַראייניקונג (ניט דאַטירט); צוויי בריוו פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „ייִסאַפּ“
(אויגוסט און אָקטאָבער 1940); אַ בריוו פֿון צ״ק פֿון „פּועלי־ציון“ צום צ״ק פֿון „סערפּ“
(13טן אויגוסט 1910); אַ בריוו פֿון „ייִסאַפּ“ צו דער אַמעריקאַנער גרופּע וועגן פֿאַראייניקונג
אין אַמעריקע (24סטן פֿעבר׳ 1910); הוספֿה צום פּראָטאָקאָל פֿון 16טן סעפּט׳ 1910; דער־
קלערונג פֿון דער פּ״צ־דעלעגאַציע (דער פּראָטאָקאָל גופֿא געפֿינט זיך נישט אין אַרכיוו); פּראָטאָ־
קאָלן; אַ ליידיקער בויגן פּאַפּיר מיט שטעמפּלען: פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „ייִסאַפּ“, מערבֿ־
אייראָפּעיִשער ליגע פֿון דער ציוניסטיש־סאָצ׳ אַרבעטער־פּאַרטיי, אַלוועלטלעכן פֿאַרבאַנדס־ביוראָ
„ייִסאַפּ“ — „פּועלי־ציון“; דערקלערונג פֿון דער מערבֿ־אייראָפּעיִשער ליגע „צסאַפּ“ וועגן פֿאַר־
אייניקונג; אַ בריוו פֿון ווינער „פּועלי־ציון“ צו ראַטנערן (1טן יאַנ׳ 1911); כּתבֿ־יד פֿון אויפֿרוף
פֿון דעם „קאָאָרדינירונגס־קאָמיטעט פֿאַר דער ייִדישער סעקציע אינעם סאָציאַליסטישן אינטער־
נאַציאָנאַל“, אונטערגעשריבן פֿון בערטאָלדי, מ. באָריסאָוו און מ. שטענדיגער (1טן מײַ
1911); אַ בריוו פֿון שלמה קאַפּלאַנסקי, „יושבֿ ראָש פֿון קאָאָרדינירונגס־קאָמיטעט“; רעזאָלוציע
פֿון „סערפּ“, „פּועלי־ציון“ און „צסאַפּ“ צום ביוראָ פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל;
פֿאַרשיידענע נאָטיצן און צײַטונגס־אויסשניטן וועגן דער פֿאַראייניקונג; אַ בריוו פֿון פּאָל
קאָברינס וועגן ראַטנערס בײַזײַן אויף אַ „פּועלי־ציון“־קאָנפֿערענץ (23סטן סעפּט׳ 1909).

דאָקומענטן וועגן דער דריטער קאָנפֿערענץ פֿון 1910: אַ בריוו פֿון ראַטנערן וועגן סדר־
היום; סדר־היום; צירקולאַר וועגן צוגרייטן די קאָנפֿערענץ; רשימות פֿון דעלעגאַטן; פּראָ־
טאָקאָלן (ס״ה 187 בלעטלעך); צירקולאַר נומ׳ 1 פֿון יולי 1910 צוזאַמען מיט שוואַרצשריפֿטן
פֿון פֿאַרשיידענע רעדאַקציעס און אַ צושריפֿט „אונדזער אַדרעס“ [פֿאַר אויסלאַנד]; רעזאָ־
לוציעס פֿון דער קאָנפֿערענץ: עמיגראַציע, אויטאָנאָמיע און טעריטאָריאַליזם, נאַציאָנאַל־עקאָנאָ־
מישע פּאָליטיק, קהילה־פּאָליטיק, אָרגאַניזאַציע, קולטור־פֿראַגע, שבת־ און זונטאָג־רו פֿאַר
אָנגעשטעלטע, ייִדישע פֿאָלקסשול, פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג א״אַנד. פֿאַרשיידענע רעדאַקציעס
פֿון די רעזאָלוציעס, ס״ה 15 דאָקומענטן; באַגריסונגען צו דער קאָנפֿערענץ.

דאָקומענטן וועגן פּראָוואָקאַטאָר סאַשאַ ראָזענבערג: אויפֿרוף מיט בילדער (3טן פֿעבר׳
1910); פּראָטאָקאָלן פֿון פּאַרטיי־געריכט (20סטן—28סטן יאַנ׳ 1910); פֿאָרמולירונג פֿון די באַ־
שולדיקונגען קעגן סאַשאַ ראָזענבערגן פֿאַרן פּאַרטיי־געריכט (1טן פֿעבר׳ 1910); רעזאָלוציע
פֿון פּאַרטיי־געריכט; בריוו פֿון באָריס סאַווינקאָוון (20סטן יולי 1909), טשערנאָוון, ב. סאַ־
ווינקאָוון (ניט דאַטירט) און ניקאָלײַען (1910); דערקלערונג פֿון דער ס״ר־דעלעגאַציע (3טן
נאָוו׳ 1909); אַ ניט־דאַטירטע נאָטיץ; אַ טעלעגראַם פֿון אינסברוק קיין בערן, וואָס איז
געלעגן צווישן די פּראָטאָקאָלן פֿון פּאַרטיי־געריכט, אַדרעסירט צו וו. פֿאַבריקאַנט (25סטן
סעפּט׳ 1908); אַ ליידיקער קאָנווערט מיטן אויפֿשריפֿט „ענין ראָזענבערג“ מיט אַדרעסן;
חשבון פֿון די הוצאות פֿון פּאַרטיי־געריכט (710 פֿראַנק); בורצעווס צײַטונג *Общее Дело*
(15טן אָקט׳ 1909) מיט אַ נאָטיץ וועגן דעם ענין; אַ קאָנווערט מיט אַ דאָקומענט וועגן דעם
ענין מיט ראַטנערס אַ צושריפֿט אין רוסיש: „נישט עפֿענען אָן אַ דערלויבעניש פֿון די ריכטערס
איבערן ענין ראָזענבערג“. (דער דאָקומענט איז געעפֿנט געוואָרן אין ייִוואָ דעם 25סטן פֿעברואַר
1946 אין בײַזײַן פֿון אַ. קיהן, רבֿקה טשעריקאָווער, דוד ראָזענבליט און ז. שײַקאָווסקי.)
4 בריוו פֿון סאַשאַ ראָזענבערגן צו יוסף ברעגמאַנען (19טן יאַנ׳ 1910, 20סטן יאַנ׳, אָן אַ יאָר,
2 בריוו נישט דאַטירט); אַ קאָנווערט מיט סאַשאַס כּתבֿ, דאַטירט 1908; אַ בריוו פֿון סאַשאַ
ראָזענבערגן צו י. עפּרויקינען נאָכן פּאַרטיי־אורטייל (נישט דאַטירט); 4 בריוו פֿון אים צו אַלעק־
סאַנדערן (מאַרץ, אָקט׳ 1908, 22סטן נאָוו׳, אָן אַ יאָר, איין בריוו נישט דאַטירט); 3 בריוו
צו וואָלאָדיען (8טן אָקט׳ 1908, 2 בריוו נישט דאַטירט); אַ טעלעגראַם צו עפּרויקינען (3טן
פֿעבר׳ 1910).

קאָרעספּאָנדענצן, באַריכטן: ס״ה 59 קאָנווערטן מיט בריוו, באַריכטן, אַנקעטעס, צירקו־
לאַרן אאַז״וו פֿון רוסלאַנד און אויסלאַנד. בריוו פֿון בורצעוון, זשיטלאָווסקין, באָראָכאָוון,

ראַטנערן, י. עפּרויקינען, גערשונין, פּרוי קריטשעװסקי, נחום שטיף, װאָלאָדיע פּאַבריקאַנט, יוסף ברעגמאַן; בריװ פֿון קלמנען (זעליג הירש קלמנאָװיטש) צו אַלעקסאַנדערן (י. עפּרויקין) װעגן דער ייִדישער שפּראַך א״אַנד ענינים („אַרבעטער פֿאָדערן: גיט אונדז אַלץ אויף ייִדיש!" „די ייִדישע מאַסע װעט נאָך מיט פֿאַראַכטונג שפּײַען אויף איטלעכן ייִדן װאָס װעט רעדן און שרײַבן רוסיש". „מען באַדאַרף זיך אָפּזאָגן אין גאַנצן, אָפּשנײַדן דעם קראַנקן אבֿר" (װעגן דער אַסימילירטער אינטעליגענץ); יוסף ברעגמאַנס אַ בריװ װעגן אַ פּראָיעקט אַרויס־צוגעבן אַ צײַטונג פֿון אַלע פּאַרטייען אונטער דער רעדאַקציע פֿון ראַטנערן, דובנאָװן, פּאָר־טוגאַלאָװן, ברוידען, אַנ—סקין, טעפּליצקין, טריװאַסן, סעװן, פּערלמאַנען (ניט דאַטירט).

פֿאַרשיידענע כּתבֿ־ידן: ס״ה 19 קאָנװערטן מיט אַרטיקלען, רעפֿעראַטן, נאָטיצן, דערונטער: װ. ד. (װאָלאָדיע דאַלמאַן), װעגן דעצענטראַליזאַציע; מ. סאַמוילאָװ, װעגן די נאַציאָנאַלע אויפֿ־גאַבעס, מיט אַ באַגלייטװאָרט געחתמעט: שמעון, װאָס ער האָט די אַרבעט רעדאַקטירט; ראַטנערס נאָטיצן צו אַ רעפֿעראַט: „אויטאָנאָמיזם און טעריטאָריאַליזם", כּתבֿ־יד פֿון אַן אַרטיקל אויף דער זעלביקער טעמע; א. װאַראָנאָװ, „די פּאַרטיי און די פּראָפֿעסיאָנעלע באַװעגונג;" כּתבֿ־יד פֿון מ. זילבערפֿאַרבס דיסערטאַציע, *Die Verwaltung d. jüd. Gemeinden in Russland*, געדרוקט אין פּעטערבורג, 1911; ראַטנערס נאָטיצביכלעך אאַז״װ.

דאָקומענטן פֿון אַנדערע פּאַרטייען: ס״ה 49 דאָקומענטן.

ש.

אַ קינדערשפּיל אין ישׂראל

„הבה נבנה מקדש"

דאָס איז געװען זומער 1942, טעג, װען דער דײַטשער גענעראַל ראָמעל איז געשטאַנען פֿאַר די טויערן פֿון אַלעקסאַנדריע און עס האָט אויסגעזען, אַז אָט־אָט רײַסט ער זיך אַרײַן אין ארץ־ישׂראל.

צװישן איין אַנטילופּט־אַלאַרם און דעם צװייטן, מיט װעלכן מען האָט געװאָרנט די תּל־אָבֿיבֿער אײַנװוינערס פֿאַר דער סכּנה פֿון איטאַליעניש־דײַטשע אַעראָפּלאַנען, האָב איך זיך צופֿעליק געפֿונען לעבן אַ פֿרײַען פּלאַץ, אין שכונת נורדוי, נישט װײַט פֿון ים־ברעג.

קינדער האָבן זיך דאָרט געשפּילט, און די שפּיל האָט געצויגן מײַן אויפֿמערקזאַמקייט. מחמת זי איז געװען אַנדערש פֿון אַלע קינדערשפּילן װעלכע כ'האָב װען עס איז געזען. און אפֿשר האָט מיך פֿאַראינטערעסירט דער בלויזער פֿאַקט, װאָס קינדער שפּילן זיך אין אַזאַ קריטישן מאָמענט און לאַכן, זינגען און טאַנצן גלײַך װי גאָרניט. געװיס, איך האָב אָבסערװירט די שפּיל פֿון אָנהייב ביזן סוף און פֿאַרנאָטירט דעם געזונגענעם טעקסט.

דער טעקסט איז נישט קיין רײַכער, אָבער ער צייכנט זיך אויס דערמיט, װאָס ער איז נישט אין גאַנצן פֿאַרפֿיקסירט און גיט דעריבער די שפּילערס אַ געלעגנהייט צו דערגאַנצן די װערטער לויט זייער פֿאַרשטאַנד און װילן:

1.— הבה נבנה מקדש! טרללה
(לאָמיר בויען אַ הייליקטום, טראַלאַלאַ)

2.— בונים תבחרו לכם, טרללה
(קלויבט אײַך אויס בויערס, טראַלאַלאַ)

3.— נבחר את..., טרללה
(מיר קלויבן אויס..., טראַלאַלאַ)

4.—ומה תשלמו לה? טרללה
(און װאָס װעט איר איר באַצאָלן? טראַלאַלאַ)

5.— נשלם לה..., טרללה
(מיר װעלן איר באַצאָלן אַ..., טראַלאַלאַ)

6.— וזה עוד לא די לנו, טרללה
(און דאָס איז נאָך בײַ אונדז נישט גענוג, טראַלאַלאַ)

7.— נשלם לה..., טרללה
(מיר וועלן איר באַצאָלן אַ..., טראַלאַלאַ)

8.— עכשיו תקבלו אותה, טרללה
(איצט וועט איר זי באַקומען, טראַלאַלאַ)

דער טעקסט, ווי מיר זעען, איז אין פֿאָרעם פֿון אַ דיאַלאָג. ער באַשטייט פֿון 8 שורות: 5 פֿולע און 3 נישט־פֿולע (3, 5, 7). די 3 שורות ווערן אָנגעפֿילט דורך די זינגענדיקע קינדער מיט פֿריִער אויס נישט־באַשטימטע ווערטער, ביי יעדער קאָן מיט אַנדערע. צו דער שורה 3 ווערט צוגעגעבן אַ נאָמען פֿון אַ קינד וואָס נעמט אָנטייל אין שפּיל און צו די שורות 5, 7 — דער פּריַיז וועלכן מען לייגט פֿאַר פֿאַר דעם נייַעם בויער. אַ פּרייַז נישט אין געלט, נאָר אין שווה־כּסף: פֿאַרשיידענע גוטע און שלעכטע זאַכן, לויטן ווערט פֿון בויער.

די שפּיל, ווי מיר וועלן באַלד זען, האָט אין זיך 3 הויפּטשטאַפּלען:

דער משׂא־ומתּן איבער אַ בכּבֿודיקן בויער;
דער משׂא־ומתּן איבער אַ נאַרמאַלן (דורכשניטלעכן) בויער;
דער משׂא־ומתּן איבער אַ דערונטערדיקן בויער.

דער לעצטער שטאַפּל טיילט זיך ווידער אין צוויי:

א) אַ בויער, וואָס איין גרופּע שפּילערס זייַנען אים משפּיל און די צווייטע גרופּע שיצט אים;

ב) אַ בויער וועלכער ווערט דערנידעריקט דורך אַלע אָנטייל־נעמערס אין שפּיל.

דער אַלגעמיינער סדר פֿון שפּיל

אַ גרופּע קינדער, 12—15 בערך, מערער מיידלעך, אין עלטער פֿון 8—10 יאָר, שילערס פֿון דער 3טער—4טער כּיתּה פֿאָלקסשול, אָרדענען זיך אייַן אין אַ ראָד. זיי נעמען זיך אָן האַנט ביי האַנט און איין קינד גייט אַרייַן אין מיטן ראָד און הייבט אָן זינגען:

— הבה נבנה מקדש, טרלללה.

די קינדער אין ראָד חזרן איבער דעם פֿערז, דרייענדיק די ראָד אַ מאָל רעכטס, אַ מאָל לינקס. מען ענדיקט דעם פֿערז און מען בלייַבט אַ ווייַלע שטיין שטיל, די קינדער וועלכע זייַנען אויסגעשטעלט אין ראָד ווענדן זיך צום קינד אין דער מיט און לייגן אים פֿאָר:

— בונים תבחרו לכם, טרלללה.

אויך דעם פֿערז זינגט מען עטלעכע מאָל און מען דרייט זיך דערביי רעכטס און לינקס. דאָס קינד אין מיטן ראָד שווייַגט בשעת מעשׂה, קוקט זיך גוט אַרום, קלייַבט דערווייַל אויס דעם געוווּנטשענעם בויער, און ווען די ראָד ענדיקט זינגען, הילכט עס אַרויס:

— נבחר את דליה, טרלללה.

1. אַ משׂא־ומתּן וועגן אַ בכּבֿודיקן בויער.

די ראָד שווייַגט, הערט אויס און טראַכט:

אויב דו ביסט יאָ אַזאַ חכם און ווילסט דווקא דליהן צו דער אַרבעט, ווילן מיר וויסן, וואָס וועסטו איר באַצאָלן דערפֿאַר. הייבט די ראָד אָן זינגען:

— ומה תשלמו לה? טרלללה.

דאָס קינד אין מיטן ראָד פּרוּווט זיך מאַכן לכתּחילה אַ שוואַכע אָדער באַליידיקנדיקע פּראָפּאָזיציע און הייבט אָן זינגען אַ שמייכלדיקס:

— נשלם לה סמרטוט עם נפט, טרלללה.

(מיר וועלן איר באַצאָלן אַ שמאַטע אייַנגעטונקען אין נאַפּט.)

איצט גייט אַרייַן די שפּיל אין ברען און צעפֿלאַקערט זיך. די קינדער הייבן זיך אָן היצן, זינגען העכער ווי ביז איצט, דרייען די ראָד שטאַרקער. דער משׂא־ומתּן ווערט אַ לע־

בעדיקער. איר האָט געהערט אַ חוצפּה? פֿאַר דליהן גיט זי אַ שמאַטע מיט נאַפּט. און דאָ הילכט אַרויס אַ פּראָטעסט:

— וזה עוד לא די לנו, טרלללה.

דערווײַל זײַנען מיר נאָך אירע אַפּוטרופּסים, און פֿאַר דעם פּרײַז וועסטו זי נישט באַקומען. דאָס קינד אין מיטן ראָד זעט, אַז ס׳האָט צו שטאַרק איבערגעצויגן דאָס שטריקל, ווערט עס ווייכער און פּרוּווט באָטן מער:

— נשלם לה בובה יפה, טרלללה.

(מיר וועלן איר באַצאָלן אַ שיינע ליאַלקע.)

אָבער מיט אַ טאָן פֿון אָפּוואַרפֿן די פּראָפּאָזיציע און זיכערקייט אין דערפֿאָלג וואָס וועט קומען, זינגט מען הילכיק אויס:

— וזה עוד לא די לנו, טרלללה.

דער צד שכּנגד זעט, אַז דאָ וועלן קיין חכמות נישט העלפֿן, פֿאַר אַ ליאַדע וואָס וועט ער דעם בויער נישט באַקומען; און מען מוז ענדיקן דעם משׂא־ומתּן, עס איז אַ שאָד די צײַט, קומט שוין אַ פֿאָרשלאָג וועלכער לייגט זיך אויפֿן שׂכל:

— נשלם לה שתהיה מלכּה, טרלללה.

(מיר וועלן זי באַלוינען דערמיט, וואָס זי וועט ווערן אַ מלכּה.)

קעגן אַזאַ לוין קענען שוין די אַפּוטרופּסים זיך נישט אַקעגנשטעלן און זינגען אויס מיט נצחון און הסכּמה:

— עכשיו תקבלו אותה, טרלללה.

דער נײַער בויער פֿאַרלאָזט די ראָד און שטייט צו צום בויער אין מיטן ראָד. זײַנען שוין דאָ צוויי בויערס.

ביז די שפּיל וועט זיך באַנײַען איז דאָ כּדאַי צו מאַכן אַ וויכטיקע באַמערקונג:

נישט אַלע מאָל צאָלט מען דעם בויער מיט אַ ממשותדיקער זאַך, מיט אַ חפֿץ, ווי למשל אַ ליאַלקע, אַ שטיקל קוכן אאַז״וו. אָפֿט מאָל, נאָר דווקא אין פּאָזיטיווע מאָמענטן, שלאָגט מען אויך פֿאָר: שתהיה מלכּה אָדער שתהיה ילדה טובה — זי זאָל זײַן אַ מלכּה, אַ גוט קינד אאַז״וו.

ווי מיר האָבן געזען איז די שפּיל פֿאָרגעקומען אין די ביטערע מלחמה־יאָרן, דעריבער איז נישט קיין וווּנדער, אַז דער העכסטער פּרײַז איז בײַ די קינדער געווען: נשלם לה שתגמר המלחמה — מיר וועלן זי באַלוינען מיט דעם, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן.

II. די אונטערהאַנדלונג וועגן אַ נאָרמאַלן בויער.

די ראָד האָט זיך ווידער אויסגעשטעלט און די צוויי קינדער אין מיטן — די בויערס — האָבן זיך אָנגענומען האַנט בײַ האַנט. און אָנגעהויבן אויף ס׳נײַ:

— הבה נבנה מקדש, טרלללה.

— בונים תבחרו לכם, טרלללה.

האָט געענטפֿערט די גרויסע ראָד:

— נבחר את נורית, טרלללה.

די ערשטע פּראָפּאָזיציע:

— נשלם לה עכבר צלוי, טרלללה.

(מיר וועלן איר באַצאָלן אַ געבראָטענע מויז.)

דער ערשטער פֿון דער גרויסער ראָד:

— וזה עוד לא די לנו, טרלללה.

די צווייטע פּראָפּאָזיציע:

— נשלם לה טבעת זהב, טרלללה.

(מיר וועלן איר באַצאָלן אַ גאָלדן פֿינגערל.)

דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש: איר זענט געווען אָרנטלעכע מענטשן און האָט געהעכערט דעם פּרײַז, וועלן מיר מיט אײַך נישט אײַנרײַסן:

— עכשיו תקבלו אותה, טרללללה.

די מחנה בויערס איז אין אַ גוטער שעה געוואַקסן מיט נאָך איינעם.

אַחוץ עסנוואַרג, ווי אַ געבראָטענע מויז, און להבדיל עוגה עם שוקולד — אַ קיכל מיט שאָקאָלאַד, אָדער אוז מטוגן — אַ געבראָטן גענדזל, האָבן די קינדער אויך אַ נטיה צו קליידונג: נשלם לה שמלת משי — ...אַ זײַדן קליידל, פּרוה יפה — ...אַ שיין פוטערל אאַז״וו. טייל מאָל לייגט מען אויך פֿאָר בית נהדר — אַ שיין הויז, אָדער אַפילו ארמון בדולח — אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ.

ווו,א. מען וויל אַ בויער בחצי חינם.

די בויערס וועלכע אַנגאַזשירן נײַע חבֿרים איז מיאוס געוואָרן צו צאָלן גוטע פּרײַזן — זיי קענען דאָך, חס ושלום, בדיל הדל ווערן, דעריבער הערט מען איצט כּמעט בלויז אומפּאַסיקע פֿאָרשלאָגן:

— נשלם לה פח אשפה, טרללללה.

... אַ בלעך מיט מיסט; ווען עס קומט דער אָפּזאָג, ווערט מען אַ ביסל ווייכער און מען איז שוין גרייט צו באַצאָלן אַ — — — צעריסן קליידל.

— נשלם לה שמלה קרועה, טרללללה.

דאָס גילט אויך ניט, אָבער קיין געהויבענער פֿאָרשלאָג וועט שוין דאָ נישט קומען.

— נשלם לה פרוסת לחם, טרללללה.

מילא, מיט אַ שטיקל ברויט קען מען אויך דערהאַלטן די נשמה אין אַ נויט. ס׳איז דאָך מלחמה, קיין גרויסע האָפֿענונגען אויף אַ לײַטישן פּרײַז האָט מען שוין סײַ ווי סײַ נישט. מען איז שוין מיד טאַנצנדיק און זינגענדיק. איז דעריבער:

— עכשיו תקבלו אותה, טרללללה.

דאָס אינעווייניקסטע רעדל פֿון די בויערס איז שוין געגנוג גרויס. בויערס צום מיקדש איז שוין ברוך השם דאָ גענוג. קיין כּוח איז שוין נישטאָ, עס ווערט שפּעט, און מען דאַרף פֿאַרענדיקן די שפּיל. אָבער ענדיקן סתּם אַזוי קען מען נישט. מען דאַרף אָפּטאָן עפּעס אַ קונץ, אַ שפּיצל. דעריבער טראַגט מען אַרײַן אַ נײַעם ניואַנס אין שפּיל, וועלכן מען האָט ביז איצט נישט אויסגענוצט און מען האָט אים געלאָזן צום סיום.

ווו,ב. פֿאַרראָטן אויף ביידע פֿראָנטן.

איצט איז געקומען אַ קונדס־שטיק, כאָטש כ׳בין זיכער, אַז מען האָט פֿריִער וועגן דעם ניט געהאַט אָפּגערעדט.

— הבה נבנה מקדש, טרלללללה,

גייט איצט ווי אַ מיזמור, אין אַ גיכערן טעמפּאָ ווי פֿריִער. די קינדער פֿלײַסן זיך מאַכן אַן אָנשטעל, אַז די שפּיל פֿירט זיך נאָרמאַל, מען מאַכט תּמימותדיקע פּנימלעך, מען פֿירט די רעדלעך אַ מאָל רעכטס, אַ מאָל לינקס. ווען מען קומט צום

— בונים תבחרו לכם, טרללללה,

קלערט די ראָד אין מיטן נישט קיין סך און רופֿט אויס מיט באַהאַלטענער שׂימחה:

— נבחר את עליזה, טרללללה.

— ומה תשלמו לה? טרללללה.

אָבער די פֿראַגע איז נאָר למראית־עין, ווײַל די תּשובֿה ליגט שוין אויפֿן שפּיץ צונג:

— נשלם לה בקבוק שבור, טרללללה.

(מיר וועלן איר באַצאָלן אַ צעבראָכן פֿלעשל.)

דאָ בעט זיך דער פסוק: „און דאָס איז נאָך ביַי אונדז נישט גענוג״, אָבער דאָ גיט פּלוצלינג אַ דונער אויס:

— עכשיו תקבלו אותה! טרללללה.

פֿאַר אַ שבֿרי־כּלי האָט מען פּאַרקויפֿט אַ בויער צום מיקדש! וואָס טוט מען אָבער נישט. אַז מען וויל יענעם אָפּטאָן אַ שפּיצל?

ביַי דעם לעצטן בויער איז שוין נישט פֿאַרגעקומען די אָנגענומענע פּראָצעדור פֿון אַריבער־גיין פֿון איין צד צום צווייטן. מיט די לעצטע קלאַנגען פֿון טרללללה האָט מען צעשלאָסן די הענט, און מיט האַרציק געלעכטער און הנאה איז מען זיך צעגאַנגען יעדערער אין זיַין זיַיט מיט אַ „שלום״.

יעקבֿ צדקוני (תּל־אָבֿיבֿ)

מילואים צו דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון אליהו טשעריקאָווער, ייִוואָ, ניו־יאָרק, 1948

צום אָפּטייל: ביכער און אַרטיקלען

צו ז׳ 9, נומ׳ 1:

אָפּרוף פֿון אַ. גורשטיין, סך־הכּלען פֿון דער מענדעלע־פֿאָרשונג, ציַיטשריפֿט, מינסק, 1928, ב׳ וו־ווו, שפּ׳ 517־518.

צו ז׳ 36:

329-a. Aufklärung (Haskala)
III. Osteuropa (Litauen, Weissrussland, Ukraine, Polen und baltische Länder)
Encyclopaedia Judaica, Verlag "Eschkol," Berlin, 1929, Vol. III, pp. 673-679.

צו ז׳ 37:

342-a. Gergel, Nachum
Encyclopaedia Judaica, 1931, Vol. VII, p. 294.

342-b. Gesellschaft für Geschichte und Ethnographie der Juden
Encyclopaedia Judaica, 1931, Vol. VII, pp. 348-349.

342-c. Gesellschaft für jüdische Literatur in Russland
Encyclopaedia Judaica, 1931, Vol. VII, p. 349.

342-d. Gesellschaft für jüdische Volksmusick
Encyclopaedia Judaica, 1931, Vol. VII, p. 349.

343-a. Ginsburg, Saul
Encyclopaedia Judaica, 1931, Vol. VII, p. 423.

346-a. Hersch, Pessach Liebman
Encyclopaedia Judaica, 1931, Vol. VII, p. 1210.

348-a. Jaschunski, Josef
Encyclopaedia Judaica, 1931, Vol. VIII, p. 887.

348-b. Jefroikin, Israel
Encyclopaedia Judaica, 1931, Vol. VIII, p. 915.

348-c. Jehoasch
Encyclopaedia Judaica, 1931, Vol. VIII, pp. 916-917.

348-d. Hirsch, Baron Maurice de
Encyclopaedia of the Social Sciences, New York, 1932, Vol. VII, pp. 354-355.

348ה. ווער איז שולדיק? וועגן די פּאָגראָמען פֿון דער פֿרײַוויליקער אַרמיי אין אוקראַינע
פֿרימאָרגן, ריגע, 10טן מאַרץ 1932.
סוף פֿון אַרטיקל. די דאָטע פֿון ערשטן טייל ניט באַקאַנט.

צו ז׳ 38, נומ׳ 361:

אָפּרוף פֿון ב. סלוצקי, וויסנשאַפֿט און רעוואָלוציע, נומ׳ 2 (6), קיִעוו, אַפּריל־יוני 1935, ז׳ 192—193.

צו ז׳ 38:

363-a. Die Anfänge des jüdischen Socialismus
Danziger Echo, 23 December, 1935.

צו ז׳ 41:

390א. אונדזער קולטור־אויפֿשטײַג
אידישע פֿאָלקסצײַטונג, ריאָ דע זשאַניירא, 9טן אויגוסט 1938.
וועגן ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט — ייִוואָ, ווילנע.

צו ז׳ 42, נומ׳ 404:

טיילן פֿונעם אַרטיקל זײַנען געוואָרן איבערגעזעצט אין ענגליש דורך אַבֿרהם ג. דוקער אין זײַן אַרבעט:
"Assimilation in the Soviet Union," *Jewish Survival in the World Today,* Hadassa, New York, 1940, pp. 59-63.

צו ז׳ 42, נומ׳ 405:

אַ קיצור א״נ: צי דאַרף מען גיין צוריק אין געטאָ? איז איבערגעדרוקט אין פֿאָרויס, נומ׳ 10 (38), וואַרשע, 28סטן אַפּריל 1939.

צום אָפּטייל: מאַנוסקריפּטן פֿון ניט־געדרוקטע אַרבעטן

צו ז׳ 47:

450-а Большевики

18 ז״, 1934, מיט אַ דײַטשער איבערזעצונג א״נ Bolschewiken (Juden), וואָס זי איז געווען באַשטימט פֿאַר דער *Encyclopaedia Judaica*. עס האָט געדאַרפֿט געדרוקט ווערן אונטער Sozialismus (זען אָפּשיקונגען אין די בב׳ 4 און 10: Bolschewismus s. Kommunismus; Kommunismus s. Sozialismus), אָבער נאָכן 10טן באַנד האָט זיך די ענציקלאָפּעדיע אָפּגעשטעלט.

צום אָפּטייל: ביכער רעדאַקטירטע פֿון אליהו טשעריקאָווער

צו ז׳ 49, אָפּרופֿן:

ד״ר י. שאַצקי, ייִדישע מעמואַרן פֿון דער וועלט־מלחמה און פֿון דער רוסישער רעוואָ־לוציע, די צוקונפֿט, נומ׳ 7 (יולי), 1926, ז׳ 430; נומ׳ 8 (אויגוסט), 1926, ז׳ 485.

צו ז׳ 52, אָפּרופֿן:

נחמן מײַזיל, וואָס גאזעטא פּאָלסקא האָט געשריבן וועגן דער ייִדן־פֿראַגע אין פּוילן מיט 106 יאָר צוריק, הײַנט, וואַרשע, 9טן מײַ 1937.

נ. מ. דער גרויסער אינטערעס פֿאַר ייִדן אין אַמאַליקן פּוילן, היינט, נומ׳ 123, 1937.
זכריה שוסטער, קאַרל מאַרקס האָט זיך באַקלאָגט פֿאַרן היסטאָריקער גרעץ, אַז אים געפֿעלט ניט זײַן טאָכטערס חתן, דער טאָג, ניו־יאָרק, 16טן מײַ 1937.
ד״ר אַ. מוקדוני, ביכער און שרײַבער, מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, 26סטן מײַ און 9טן יוני 1937.
יעקבֿ באָטאָשאַנסקי, צווישן ביכער און מחברים, די פּרעסע, בוענאָס־אײַרעס, 9טן יוני 1937.
Dr. A. Ch., "Historische Schriften" des Jiddischen Wissenschaftlichen Instituts (Jwo) in Wilna, Neue Folge, *Jüdische Pressezentrale,* Zürich, 11 June, 1937.
אַ. ל. שוסהיים, אַ נײַער בוך היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, די אידישע צייטונג, בוענאָס־אײַרעס, 21סטן יוני 1937.
ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן, היסטאָרישע שריפֿטן פֿונעם ייִוואָ, ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, נומ׳ 46, 12טן נאָוועמבער 1937.
צבֿיון, ייִדישע אינטערעסן, פֿאָרווערטס, ניו־יאָרק, 27סטן נאָוועמבער 1937.
שנײַדערס האָבן אַ מאָל געקראָגן געשמיסן צוליב קומען אין שול אין סאַמעטענע יאַרמלקעס, אין: נײַע פּרעסע, פּאַריז, 27סטן דעצעמבער 1937.
Dr. J. Meitlis, Jüdische Geschichtsforschung, *Jüdische Rundschau,* Berlin, No. 24, 25 März 1938.
קורא ותיק, ביבליוגרפיה, העולם, תל־אביב, 13טן אַפּריל 1939.
דער אַרטיקל פֿון פּראָפֿ׳ מאיר באַלאַבאַן אין נאַש פּשעגלאָנד איז געדרוקט געוואָרן דעם 11טן יולי 1937.
דער אַרטיקל פֿון נחמן מײַזיל אין היינט איז געדרוקט געוואָרן דעם 7טן מײַ 1937.

צו ז׳ 53, אַ פּ ר ו פֿ ן:

ד״ר מאַקס ווײַנרײַך, די ערשטע ייִדישע סאָציאַליסטן אין דער אַלטער היים, פֿאָרווערטס, ניו־יאָרק, 12טן פֿעברואַר 1939 און ווילנער טאָג, 7טן מאַרץ 1939.
די ייִדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, 3טער באַנד היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, אין: די אידישע צייטונג, בוענאָס־אײַרעס, 22סטן פֿעברואַר 1939.
ד״ר אַ. מוקדוני, ביכער און שרײַבער, מאָרגען־זשורנאַל, 8טן און 22סטן מאַרץ 1939.
Notas bibliograficas, *Judaica,* Buenos-Aires, No. 2-3, 1939, pp. 117-118.
קורא ותיק, העולם, תל־אביב, 16טן מאַרץ 1939.
משה קליינמאַן, התנועה הסוציאליסתית היהודית, הארץ, תל־אביב, 14טן אַפּריל 1939.
וו. שולמאַן, פֿון העלדישע יחידים צו העלדישע מאַסן, פֿאָרויס, וואַרשע, נומ׳ 9 (37) און נומ׳ 10 (38), 14טן און 28סטן אַפּריל 1939.
ד. ש., לאחד במאי, דבר, תל־אביב, 30סטן אַפּריל 1939.
חנן, ייִדישע פּיאָנערן פֿון דער רעוואָלוציע, אונזער לעבן, ביאַליסטאָק, נומ׳ 115, 19טן מײַ 1939.
ש. ניגער, זכרונות פֿון ייִדישע סאָציאַליסטן, דער טאָג, ניו־יאָרק, 25סטן יוני און 2טן יולי 1939.

Koppel S. Pinson, Book Reviews, *Jewish Social Studies,* Vol. III, No. 4, October 1941, pp. 424-428.

צו ז׳ 54, נומ׳ 461:

ש. סטופּניצקי, קריעת ים־סוף (באַטראַכטונגען), מאָמענט, וואַרשע, 9טן אַפּריל 1939.
הלל צייטלין „אויפֿן שיידוועג״, מאָמענט, 9טן אַפּריל 1939; דער שפּיגל פֿון איצטיקער ייִדישערווירקלעכקייט, מאָמענט, 14טן אַפּריל 1939; דער קלאָרער שפּיגל פֿון אונדזער איצטיקער ווירקלעכקייט, מאָמענט, 21סטן אַפּריל 1939.

י. טשערניכאָוו, „אויפֿן שיידוועג״, אונדזער טאָג, ווילנע, 14טן און 21סטן אַפּריל 1939; אַ בונדיסט וועגן ייִדישן קיום. אַ. מענעס: „אונדזער וועג און אונדזער גורל״ — אין זאַמלבוך אויפֿן שיידוועג, אונדזער טאָג, 28סטן אַפּריל 1939; די עקאָנאָמישע באַגרינדונג פֿון ייִדישן מיטל־עלטער (וועגן אַ. מענעסעס אַרטיקל „אונדזער וועג און אונדזער גורל״ אין זאַמלבוך אויפֿן שיידוועג), אונדזער טאָג, 5טן מײַ 1939; טענות צום היסטאָרישן מאַטעריאַליזם (וועגן אַ. מענעסעס אַרטיקל „אונדזער וועג און אונדזער גורל״ אין זאַמלבוך אויפֿן שיידוועג), אונדזער טאָג, 2טן יוני 1939; אַ פֿאַרמיטלערישע מינאָריטעט. אויספֿירן (וועגן מענעסעס „אונדזער וועג און אונדזער גורל״ אין זאַמלבוך אויפֿן שיידוועג), אונדזער טאָג, 23סטן יוני 1939.

„אויפֿן שיידוועג״, אין: נײַע פּרעסע, פּאַריז, 21סטן אַפּריל 1939.

משה שטאַרקמאַן, וועגן ביכער און מענטשן, דער טאָג, ניו־יאָרק, 22סטן אַפּריל 1939.

„אויפֿן שיידוועג״, אין: אידישע פּרעסע, ריאָ דע זשאַניירא, 24סטן אַפּריל 1939 (איבער־געדרוקט די הקדמה צום ערשטן זאַמלבוך אויפֿן שיידוועג).

וו. וועוויאָרקע, אין דער ליטעראַרישער וועלט, נאָטיצן וועגן שרײַבער און ביכער, פּאַריזער הײַנט, 28סטן אַפּריל 1939.

י. מ. נײַמאַן, „אויפֿן שיידוועג״, הײַנט, וואַרשע, 28סטן אַפּריל 1939.

Leo Finkelstein, W poszukiwaniu punktu wyjścia (Na marginesie książki *Ojfn Szejdweg*), *Nasz Przegląd*, Warszawa, 30 Kwietnia 1939.

ד״ר אַ. מוקדוני, אַלטע פֿילאָסאָפֿיעס פֿאַר די נײַע פּראָבלעמען אין אונדזער לעבן, מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, 30סטן אַפּריל 1939; ביכער און שרײַבער, מאָרגען־זשורנאַל, 17טן מײַ 1939.

זכריה שוסטער, וועגן און קעגן „אויפֿן שיידוועג״, אינזיך, ניו־יאָרק, נומ׳ 2, באַנד 9, אַפּריל־מײַ 1939, זז׳ 46—50.

פּאַריז גיט אַ וויכטיקן צושטײַער צו דער ייִדישער ליטעראַטור, אין: דער וועג, מעקסיקע, 1939 (איבערגעדרוקט די הקדמה צום ערשטן זאַמלבוך אויפֿן שיידוועג).

אַ. גאָליצין, עמאַנציפּאַציע און געטאָ, נײַע פּרעסע, פּאַריז, 7טן מײַ 1939.

צוריק צו רעליגיע? אין: אידישע פֿאָלקסצײַטונג, ריאָ דע זשאַניירא, 10טן מײַ 1939.

ד. נײַמאַרק, „אויפֿן שיידוועג״, פֿאָרויס, נומ׳ 11 (39), וואַרשע, 12טן מײַ 1939.

ז. קלמנאָוויטש, אַ ייִדישע נשמה איז ניט אָפּצושאַצן, דער פּיאָנער, וואַרשע, 26סטן מײַ 1939. (אַן ענטפֿער אויף דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל פֿון ד. נײַמאַרקן).

ש. ק., וואָס טון? אידישע פֿאָלקסצײַטונג, ריאָ דע זשאַניירא, 10טן מײַ 1939; „אויפֿן שיידוועג״, אידישע פֿאָלקסצײַטונג, ריאָ דע זשאַניירא, 16טן מײַ 1939.

חנן, „אויפֿן שיידוועג״ (רעצענזיע), אונדזער לעבן, ביאַליסטאָק, נומ׳ 109, 12טן מײַ 1939.

לעבעדיגער, דעם אמת זאָגנדיק (פֿעליעטאָן), מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, 12טן מײַ 1939.

קלמן מרמר, אַ חשבון מיט זיך אַליין, מאָרגן־פֿרײַהייט, ניו־יאָרק, 14טן מײַ 1939.

יעקבֿ לעשצינסקי, זיי זוכן אַן ענטפֿער אויף די ברענענדע ייִדישע פֿראַגן פֿון איצטיקער צײַט, פֿאָרווערטס, ניו יאָרק, 2טן מײַ 1939. טיילווײַז איבערגעדרוקט אין פּאַריזער הײַנט, 14טן מײַ 1939; דאַרף אַ ייִד איצט זײַן אַ פּירער אין פּאָליטיק? פֿאָרווערטס, 9טן מײַ 1939; Jacob Lestschinsky, "The Jew at the Crossroads," *The Congress Bulletin*, New York, June 2 and 9, 1939; „אויפֿן שיידוועג״, דער אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, 9טן יוני 1939; „על פרשת דרכים״, דבר, תל־אביב, 28סטן יוני 1939.

ברוך קרופּניק, שוב על פרשת דרכים, הארץ, תל־אביב, 19טן מײַ 1939.

ג. אַראָנסאָן, אויפֿן ראַנד פֿון אַ פּאַריזער זאַמלבוך, אונדזער שטימע, פּאַריז, 19טן און 26סטן מײַ 1939.

ש. ניגער, ווו האַלטן מיר אין דער וועלט? אַ סך־הכּל פֿון אונדזערע געזעלשאַפֿטלעכע שטימונגען, דער טאָג, 20סטן מײַ 1939; איזאָלאַציע אָדער קאָאָפּעראַציע? צום סך־הכּל פֿון אונדזערע געזעלשאַפֿטלעכע שטימונגען, דער טאָג, 27סטן מײַ 1939; געלייענט און געשריבן, דער טאָג, ניו־יאָרק, 28סטן מײַ 1939.

יוסף שלאָסבערג, ייִדן אָן געטאָס, דער אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, 2טן יוני 1939.

M. B. Вишняк, "Oifn Scheidweg—Au Carrefour," *Русские Записки,* Париж, Июнь 1939; "Духовные поиски", *Сегодня,* Рига, 3 июня 1939.

B. Zangen, Żydowska myśl polityczna na rozdrożu, *Nasza Opinia,* Lwów, 11 czerwca 1939.

ד"ר ל. זשיטניצקי, „אויפֿן שיידוועג" — אַן אינטערעסאַנטער זאַמלבוך, די פּרעסע, בוענאָס־אײַרעס, 14טן יוני 1939.

י. האָרן, וווהין רופֿט די ייִדישע אינטעליגענץ? וועגן זאַמלבוך אויפֿן שיידוועג, אין: מאָרגנצײַטונג, בוענאָס־אײַרעס, 16טן יוני 1939.

צבֿיון, ייִדישע אינטערעסן, פֿאָרווערטס, ניו־יאָרק, 1טן יולי 1939.

מ. קאָכאַנסקי, אין אָפּגרונט פֿון פּעסימיזם, פֿאָלקסוואָרט, 7טן יולי 1939.

Dr. B. Raptschinsky, Aan den tweesprong, *De Yoodsche Middenstander,* 21, VII, 1939.

גרשון פּאָמעראַנץ, „אויפֿן שיידוועג", דער שפּיגל, נומ' 322, בוענאָס־אײַרעס, 26סטן יולי 1939.

אוריה קאַצענעלנבאָגן, אויף אַ שיידוועג, צי פֿאַר אַ תּהום? פֿרײַע אַרבעטער־שטימע, ניו־יאָרק, נומ' 31, 4טן אויגוסט 1939; האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק אַ מיסיע? (לייענענדיק דאָס זאַמלבוך אויפֿן שיידוועג), פֿרײַע אַרבעטער־שטימע, נומ' 34, 25סטן אויגוסט 1939.

וו. ווענויאָרקע, אין דער ליטעראַרישער וועלט, נאָטיצן וועגן שרײַבער און ביכער, פּאַריזער הײַנט, 22סטן אויגוסט 1939.

לאַזאַר קאַהאַן, דער זוכנדיקער ייִדישער געדאַנק, אונזער עקספּרעס, וואַרשע, 2טן יוני 1939; איבערגעדרוקט אין אידישע צײַטונג, בוענאָס־אײַרעס, 13טן סעפּטעמבער 1939.

ד"ר אַ. מוקדוני, ביכער און שרײַבער, מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, 20סטן סעפּטעמבער 1939.

אַ. ב., אויפֿן שיידוועג, נומ' 2, אידישע פּרעסע, ריאָ דע זשאַניירא, 29סטן סעפּטעמבער 1939.

ר. מאַהלער, אויפֿן שיידוועג — צי אויף אָפּוועגן? פּראָלעטאַרישער געדאַנק [טאָראָנטאָ], 15טן אָקטאָבער 1939.

ד"ר ל. זשיטניצקי, אויפֿן שיידוועג — צווייטער זאַמלבוך, די פּרעסע, בוענאָס־אײַרעס, 6טן דעצעמבער 1939.

צו ז' 55, אָ פּ ר ו פֿ ן:

Boris Sapir, in: *American Historical Review,* Vol. XXXIX, No. 4, July, 1944.

צום אָפּטייל: אַרטיקלען וועגן אליהו טשעריקאָווערן

צו ז' 59:

יוחנן טברסקי, משפטו של שלום שורצברד, הדאר, גליון היובל למלאת לו 25 שנים, ניו־יורק, סיון, תש"ז (23סטן מײַ 1947), זז' 792—793.

יוחנן טברסקי, מעולם לעולם, רומאן, הוצאת „דביר", תל־אביב, תש"ח, קאַפּיטלעך: מ, מא, מב, מג, זז' 245—289.

פֿון רעדאַקציע

די מיטאַרבעטערס פֿון דעם באַנד:

ד״ר צבֿי מ. אָרלינסקי איז פּראָפֿעסאָר פֿון תּנך אין ייִדישן אינסטיטוט פֿאַר רעליגיע, ניו־יאָרק; מחבר פֿון אַ צאָל שטודיעס וועגן תּנך און אַרכעאָלאָגיע.

גרשם באַדער, פּיאָניר פֿון ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע אין גאַליציע; מחבר פֿון אַ צאָל ביכער וועגן ייִדישער געשיכטע.

מיכאל מ. באָרוויטש איז דער דירעקטאָר פֿון דעם פֿאָרשטענטער ביים פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע ייִדן אין פֿראַנקרייַך.

ניסן גאָלדבערג איז אינסטרוקטאָר פֿאַר סאָציאָלאָגיע אין ישיבֿה־אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק; מיט־אַרבעטער פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס.

ד״ר רודאָלף גלאַנץ, היסטאָריקער; מיטאַרבעטער פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס.

ד״ר ליבמאַן הערש איז פּראָפֿעסאָר פֿון סטאַטיסטיק אין זשענעווער אוניווערסיטעט; מיט־אַרבעטער פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס.

אוריאל ווייַנרייַך איז אַ דאָקטאָראַנט פֿון קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט אין לינגוויסטיק.

ד״ר מאַרקווישניצער איז פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישער געשיכטע אין ישיבֿה־אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק; מחבר פֿון אַ צאָל ביכער וועגן ייִדישער געשיכטע; פֿאָרזיצער פֿון היסטאָריקער־קרייַז ביים ייִוואָ.

ד״ר אַבֿרהם יאַרמאָלינסקי איז הויפּט פֿון דעם סלאַווישן אָפּטייל אין דער ניו־יאָרקער שטאָטישער ביבליאָטעק.

חיים ליבערמאַן איז ביבליאָטעקאַר פֿון דער ביבליאָטעק פֿון ליובאַוויטשער רבין.

וואָלף לעסלוי איז פּראָפֿעסאָר פֿון סעמיטישע שפּראַכן אין דעם אַזיאַטישן אינסטיטוט, ניו־יאָרק; מחבר פֿון אַ צאָל ביכער און שטודיעס וועגן די מיזרח־ייִדן און זייערע שפּראַכן.

א. ר. מלאכי, ביבליאָגראַף און ליטעראַטור־היסטאָריקער; מחבר פֿון אַ צאָל שטודיעס.

ד״ר דאָראָטי טילדן ספּוירל איז אַסאָציִיִרטער פּראָפֿעסאָר פֿון פּסיכאָלאָגיע אין דעם „אַמעריקען אינטערנעשאָנעל קאָלעדזש" אין ספּרינגפֿילד, מאַס.

מאַרשאַל סקלאַר איז אַ דאָקטאָראַנט פֿון קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט אין סאָציאָלאָגיע.

ד״ר עמנואל פּאַט, דאָקטאָר־מעדיצין; מיטאַרבעטער פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס.

ד״ר קאָפּל ש. פּינסאָן, אַסיסטענט־פּראָפֿעסאָר פֿון געשיכטע אין קווינז־קאָלעדזש; מיטגליד פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער קאָלעגיע פֿון ייִוואָ.

ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן, היסטאָריקער; דירעקטאָר פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר, ניו־יאָרק; מחבר פֿון אַ צאָל שטודיעס וועגן ייִדישער געשיכטע.

יעקבֿ צדקוני, לאַנגיאָריקער קאָרעספּאָנדענט פֿון ייִוואָ, וווינט איצט אין ירושלים.

סימע קאַפּלאַן איז אַ לאַנגיאָריקע ייִדישע קולטור־טוערין אין ניו־יאָרק.

ד״ר יהודה ראָזענטאַל איז דער ביבליאָטעקאַר אין „קאָלעדזש אָװ דזשויִש סטאַדיס" אין שיקאַגאָ. מחבר פֿון אַ צאָל שטודיעס וועגן תּנך.

ד״ר נתן רייַך איז אַסיסטענט־פּראָפֿעסאָר פֿון עקאָנאָמיק אין האָנטער־קאָלעדזש, ניו־יאָרק, מיטגליד פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער קאָלעגיע פֿון ייִוואָ.

ד״ר יעקבֿ שאַצקי, היסטאָריקער, מיטגליד פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער קאָלעגיע פֿון ייִוואָ.

ד״ר משה אבֿיגדור שולוואַס איז פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישער געשיכטע און ליטעראַטור אין באַלטימאָרער העברעיִשן קאָלעדזש; מחבר פֿון אַ צאָל ביכער און שטודיעס וועגן ייִדישער געשיכטע.

תּיקון־טעות

צו: בינה סילווערמאַן ווייַנרייַך, „דרייַ לידער פֿון די פּאָגראָמצייַטן אין רוס־לאַנד", ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XXXIII (1949):

ז׳ 240 (נאָטן), שורה 3, טאַקט 4: אַנשטאָט g דאַרף זייַן b. שורה 6, טאַקט 3: אַנשטאָט g דאַרף זייַן b.

אָנגעקומען אין רעדאַקציע

יידישע שפּראַך, זשורנאַל פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון דער יידישער כּלל־שפּראַך, בענד IX און X, ניו־יאָרק, ייוואָ, 1949, 1950, 64 + 64 זז׳.

יחיאל שטערן, חדר און בית־מדרש, ניו־יאָרק, ייוואָ, 1949, 128 זז׳.

ידיעות פֿון ייוואָ, ננ׳ 36—40, ניו־יאָרק, ייוואָ, 1950־1951.

נחום סטוטשקאָוו, דער אוצר פֿון דער יידישער שפּראַך, אונטער דער רעד׳ פֿון מאַקס ווײַנרײַך, ניו־יאָרק, ייוואָ, 1950, 1,000 זז׳.

ביבליאָגראַפֿיע פֿון אליהו טשעריקאָווער, ניו־יאָרק, ייוואָ, 1948, 64 זז׳.

אויף נײַע וועגן, אַלמאַנאַך, דרײַסיק יאָר סאָוועטיש־יידיש שאַפֿן, נ״י, „איקוף“, 1949, 431 זז׳.

אונדזערס, זאַמלונג פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק, רעדאַקטירט פֿון אַ. ליס און אַ. ריוועס, תּל־אָבֿיבֿ, 1949, 104 זז׳.

מנשה אונגער, פּשיסכע און קאָצק, בוענאָס־איירעס, 1948, 231 זז׳.

דאָס אידישע וואָרט, וואָכנצײַטונג, צענטראַל־אָרגאַן פֿון דער אַגודת־ישׂראל־באַוועגונג אין אַמעריקע, ערשטער יאָרג׳, נומ׳ 1, פֿעברואַר 11, 1949.

ל. אָליצקי, משלים־בוך, לאָדזש, פֿאַרלאַג יידיש בוך, 1949, 262 זז׳.

אַ. אַלמי, מאָמענטן פֿון לעבן, בוענאָס־איירעס, 1938, 253 זז׳.

אָפּאַטאָשו־ביבליאָגראַפֿיע, העפֿטן 1, 2, ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן פֿון מלאַוער־בענדינער י. אָפּאַטאָשו־בראַנטש 639 אַרבעטער־רינג, 1937—1947.

י. אָקרוטני, אַ בוים אין ווינט, לאָדזש, פֿאַרלאַג „דאָס נײַע לעבן“, 1948, 96 זז׳.

י. אָקרוטני, אונדזער שול, לערנבוך פֿאַרן 3טן קלאַס, וואַרשע, צענטראַל־קאָמיטעט פֿון יידן אין פּוילן, 1949, 120 זז׳.

נח מישקאָווסקי, מײַן לעבן און מײַנע רײַזעס, 2 בענד, מעקסיקע, 1947.

דוד ספֿאַרד, שרײַבער און ביכער, 1טער באַנד, לאָדזש, פֿאַרלאַג יידיש בוך, 1949.

אַ ייד פֿון קלעמענטאָוו דערציילט... אויסגאַבע פֿון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע בײַם צ״ק פֿון פּוילישע יידן, נומ׳ 36, וואַרשע־לאָדזש־קראָקע, 1947, 124 זז׳.

דאָס יידישע ראַדאָם אין חורבֿות, אָנדענקבוך, ערשטער טייל, אַרויסגעגעבן דורכן קאָמיטעט פֿון די ראַדאָמער יידן אין שטוטגאַרט, שטוטגאַרט, 1948, 277 זז׳.

אָרט־ביולעטין, אַרויסגעגעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט „אָרט“ אין קובאַ, האַוואַנאַ, יאָרבאַריכט 1948־1949.

פּ. לוביאַנקער, פֿיר יאָר הסתּדרות־טעטיקייט, תּל־אָבֿיבֿ, הוצאת מחלקת ההסברה של הועד הפועל, 1949, 62 זז׳.

ש. טענענבוים, שניט פֿון מײַן פֿעלד: עסייען, דערציילונגען, מיניאַטורן, ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן מיט דער קאָאָפּעראַציע פֿון דעם ש. טענענבוים־בוך־קאָמיטעט, 1949, 624 זז׳.

מ. ל. טערקעלטויב, אין קאַמף פֿאַרן לעבן (מײַנע איבערלעבונגען אַלס ייד אויף אַרישע פּאַפּירן, 1939—1943), ערשטע אויפֿלאַגע, מאַטריצירט אין 200 עקזעמפּלאַרן, מינכן, 1949, 89 זז׳ (מימעאָגראַפֿירט).

מלך טשעמני, אוזבעקיסטאַן, מינכן, 1949, 158 זז׳.

נחמן מײַזיל, הירש גליק און זײַן ליד „זאָג נישט קיינמאָל“, נ״י, „איקוף“, 1949, 63 זז׳.

ש. מיצמאַכער, אין וואָגל, טאָראָנטאָ, אַרויסג׳ פֿון דעם נאַציאָנאַלן קולטור־ און שול־קאָמיטעט בײַ דעם פֿאַראייניקטן יידישן פֿאָלקס־אָרדן אין קאַנאַדע, 1949, 39 זז׳.

יוסף גאַר, אומקום פֿון יידישער קאָוונע, מינכן, פֿאַרבאַנד פֿון ליטווישע יידן, 1948, 424 זז׳.

מאיר בער גוטמאַן, פֿאַרוואָלקנטע טעג, בערגן־בעלזן, פֿאַרלאַג „אַליין“, 1949, 183 זז׳.

ישׂראל טאַבאַקסבלאַט, עבֿדים היינו... זכרונות פֿון די קאַצעטלאַגערן, פּאַריז, פֿאַרלאַג פֿון יידישן פֿאָלקספֿאַרבאַנד אין פֿראַנקרײַך, 1949, 206 זז׳.

די גאָלדענע קייט, פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, אונטער דער רעדאַקציע פֿון אַבֿרהם סוצקעווער און אַבֿרהם לעווינסאָן, אַרויסגעגעבן פֿון

הסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל, תל־אָבֿיבֿ, נומ׳ 1, ווינטער 1949, 240 זז׳.

י. גאָלדקאָרן, ליטעראַרישע סילועטן, מינכן, 1949, 92 זז׳.

י. ש. הערץ, די ייִדן אין אוקראַינע פֿון די עלטסטע צײַטן ביז נאָך ת״ח ות״ט, ניו־יאָרק, אונזער צײַט, 1949, 262 זז׳.

אַבֿרהם שמואל הערשבערג, פּנקס ביאַליסטאָק, גרונט־מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון די ייִדן אין ביאַליסטאָק ביז נאָך דער ערשטער מלחמה, רעד׳ יודל מאַרק, ב׳ 1, 480 זז׳, ב׳ 2, 380 זז׳, ניו־יאָרק, געזעלשאַפֿט פֿאַר געשיכטע פֿון ביאַליסטאָק, 1949.

ד״ר אַ. מוקדוני, יצחק לייבוש פּרץ און דאָס ייִדישע טעאַטער, ניו־יאָרק, „איקוף״, 1949, 271 זז׳.

דוד האָפֿנונג, דער וועג פֿון פּײַן, דערציילונגען, לאָדזש, פֿאַרלאַג ייִדיש בוך, 1949, 119 זז׳.

בלעטער פֿון פּײַן און אומקום (מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן חורבן), מעלבורן, ייִוואָ־קאָמיטעט, 1949, 105 זז׳.

אליהו גאָזשאַנסקי, דער מענטש האָט געזיגט, אַ כראָניק פֿון אַ שטאָט, וואַרשע־תּל־אָבֿיבֿ, פֿאַרלאַג ייִדיש בוך און תרבות לעם, 1949, 218 זז׳.

אַ. גאָלאָמב, געקליבענע שריפֿטן, ב׳ 6: דעם מאָרגן אַנטקעגן, מעקסיקע, 1948, 282 זז׳.

אַ.ביין (ייִדיש: יחיאל מנקר), די געשיכטע פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל, תּל־אָבֿיבֿ, מחלקת החלוץ בײַ דעם ועד הפּועל פֿון דער הסתּדרות אין ארץ־ישׂראל, 206 זז׳ (סעריע יסודות).

פּ. בינעצקי, אַ פֿענצטער צו דער וועלט (לידער), לאָדזש, ייִדיש בוך, 1948, 70 זז׳.

שלמה ביקל, עסייען פֿון ייִדישן טרויער, נ״י, פֿאַרלאַג ר. י. נאָוואַק, 1948, 254 זז׳.

יאָסל בירשטיין, אונטער פֿרעמדע הימלען, לידער, הילע און צייכענונגען: יאָסל בערגנער. מעלבורן, „קדימה״־יוגנט־אָרגאַניזאַציע, 1949, 75 זז׳.

נתן קאָזשען געדענק־בוך, טאָראָנטאָ, אַרויסג׳ פֿון ה. און מר״ס קאָזשען, 1948, 91 זז׳.

ש. קאַטשערגינסקי, צווישן האַמער און סערפּ (צו דער געשיכטע פֿון דער ליקווידאַציע פֿון דער ייִדישער קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד), פּאַריז, אַרויסג׳ דורך אַ גרופּע פֿרײַנד פֿון ווילנע, 1949, 95 זז׳.

לוי אַראַגאָן, דאָס רוימישע רעכט עקסיסטירט נישט מער, דערציילונג, ייִדיש: ב. שלעווין, פּאַריז, ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק, 1949, 60 זז׳.

י. צודיקער, אין די נעגל פֿון טויט (פֿון די איבערלעבונגען פֿון פֿרוי רחל ב. אָסטזשעגאַ), בוענאָס־אײַרעס, לאַנדסלײַט־פֿאַראיין פֿון סטאָק אין אַרגענטינע, 1947, 122 זז׳.

ח. ש. קאַזדאַן, מעטאָדיק פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, בוענאָס־אײַרעס, פֿאַרלאַג ייִדבוך בײַ דער געז׳ פֿאַר ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע, 1950, 348 זז׳.

אליעזר ארי׳ פינקלשטיין, הפרושים ואנשי כנסת הגדולה, ניו־יאָרק, הוצאת בית המדרש לרבנים באמריקה, תּש״י, 116 זז׳.

אליעזר ארי׳ פינקלשטיין, מבוא למסכתות אבות ואבות דרבי נתן, ניו־יאָרק, הוצאת בית המדרש לרבנים באמריקה, תּשי״א, רסא + 48 זז׳.

צ. מ. רבינוביץ, המגיד מקוז׳ניץ, חייו ותורתו, תל־אביב, „תבונה״, תּש״ז, 156 זז׳.

ירחון סטטיסטי לישראל, הקריה, ערוך על ידי הלשכה המרכזית לסטטיסטיקה, כרך א׳, תמוז תש״ט.

מ. ד. קאסוטו, מנח עד אברהם, פירוש על סדר נח, ירושלים, הוצאת ספרים על שם י״ל מאגנס, האוניברסיטה העברית, תש״ט, 166 זז׳.

חיים אורמיאן, תולדות הרעיון המדיני, ילקוט מקורות, ירושלים, הוצאת בית הספר התיכון בירושלים, תּש״ט, 176 זז׳.

פרץ אלופי, חורבן איישישוק, ירושלים, תּש״י.

אריסטוטלס, המטפיסיקה לאריסטו, ספר א, והוא, דברי אריסטו על הפילוסופים שקדמו לו, תורגם מיונית בידי ח״י רות, מהדורה שניה, ירושלים, חברה להוצאת ספרים על־יד האוניברסיטה העברית, תּש״ט, 112 זז׳.

ראובן ליף, אוצר אלף־ביתים מימי קדם עד זמננו, ניו־יאָרק, הוצאת הסטודיה של ראובן ליף, 1950, 70 טאָוולען מיט דערקלערונגען אין העברעיש, יידיש און ענגליש.
ישראל גולדשטיין, שנה בישראל, דברים ומעשים — בשרות העם, בעריכת יצחק נימצוביץ, תל־אביב, תש"ט, 70 זז'.
נפתולי דור, קורות תנועת העבודה הציונית צעירי ציון התאחדות ברוסיה הסוביטית, ליובל כ"ה שנה לתנועה, תר"פ 1920—תש"ה 1945, מהדורה שניה, תל־אביב, הוצאת משלחת חוץ לארץ של צעירי ציון התאחדות ברוסיה, תש"ז, 351 זז'.
בן־ציון פעלדשוה, מלון־כיס עברי־גרמני, שטוטגרט, הוצאת מחלקת התרבות ע"י הועד המקומי במחנה הנידחים בשטוטגרט, התש"ז, 127 זז'.
חבורי אברהם יערי, רשימה ביבליוגרפית ערוכה בידי אורי בן־חורין, ירושלים, על־ידי קבוצת ידידים, תש"ט, 28 זז'.
מנחה ליצחק, למלאת עשרים וחמש שנה לכהונת הספרן בישראל, ביבליוגרפיה של כתבי יצחק ריבקינד, ערוכה בידי מרדכי קוסובר, אברהם דוקר, ניו־יאָרק, איגוד הספרנים היהודים, תש"ט, 96 זז'.
משה אָביגדור שולוואַס, לימוד התורה אצל יהודי איטליה בתקופת הריניסאנס, חורב, אלול תש"ח, זז' 105—128.
שיתוף, ירחון מרכז הקואופרציה למלאכה, חרושת ושירותיהם ציבוריים, תל־אביב, ספטמבר 1948.
צבי שאַרפשטיין, תולדות החנוך בישראל בדורות האחרונים, כרך שלישי: בין שתי מלחמות העולם, ניו־יורק, הוצאת „עוגן", תש"ט.

Uriel Weinreich, *College Yiddish*, New York, Yivo, 1949, 400 pp.

Yivo Annual of Jewish Social Science, Vol. IV, 1949, 320 pp.; Vol. V, 1950, 320 pp., Yivo, New York.

News of the Yivo, No. 36-40, New York, 1950-1951.

Jewish Social Research in America: Status and Prospects, edited by Harry L. Lurie and Max Weinreich, Yivo, New York, 1949, 160 pp.

Rufus Learsi, *Israel: A History of the Jewish People*, Cleveland and New York, The World Publishing Company, 1949, 715 pp.

Joseph Heller, *The Zionist Idea*, New York, Schocken Books, 1949, 246 pp.

Gdal Saleski, *Famous Musicians of Jewish Origin*, New York, Bloch Publishing Co., 1949, 716 pp.

Karl Schwarz, *Jewish Artists of the 19th and 20 Centuries*, New York, Philosophical Library, 1949, 273 pp.

Julian Morgenstern, *As a Mighty Stream. The Progress of Judaism through History*, Philadelphia, The Jewish Publication Society of America, 1949, 422 pp.

Guido Kisch, *In Search of Freedom. A History of American Jews from Czechoslovakia*, with a foreword by Jan Masaryk, New York, Bloch Publishing Co., 1949, xvi + 372 pp.

Hebrew Union College Annual, Cincinnati, 1949, vol. xxii.

Solomon Goldman, *In the Beginning*, New York, Harper & Brothers, 1949, xiv + 892 pp.

Funk and Wagnall's Standard Dictionary of Folklore, Mythology and Legend, Vol. 1: A-I, Maria Leach, Editor, New York, Funk and Wagnalls Company, 1949.

רעדאַקציאָנעלע קאָלעגיע: יודל מאַרק, שמואל ניגער, יעקב שאַצקי.
אַ טייל מאַטעריאַל איז צוגעגרייט און רעדאַקטירט געוואָרן פֿון מ. ווײַנרײַך.

G. BADER describes some customs and practices in the city of Cracow during the months of Elul and Tishre, which stressed the penitential aspect of the period and the link with the past.

URIEL WEINREICH summarizes the result of several studies of multilingual Jewish folksongs.

A. YARMOLINSKY discusses the relations between Ben-Ami and Drahomaniv, the editor of the *Volnoe Slovo,* and the reasons that led Ben-Ami to sever his relations with that publication.

JACOB SHATZKY reports about a Yiddish semi-weekly that appeared in Prague in 1775; calls attention to a hitherto unknown Italian source for the biography of Jacob Frank, and traces the materials on Jewish statistics gathered by Jan Bloch to the possession of Herzl and, later, to a certain Dr. Neufeld.

S. reports on the SERP archives.

JACOB TSIDKONI discusses an Israeli children's game.

Addenda to the Tcherikower Bibliography.

Editorial Notes.

Publication Received.

PERETZ IN HEBREW

By A. R. Malachi (pp. 221-230)

A bibliography of works about Peretz in Hebrew.

REVIEWS (pp. 231-273)

PHILIP FRIEDMAN discusses the *Bleter far geshikhte* (Studies in History), a quarterly published by the Jewish Historical Institute of the Central Committee of the Jews of Poland, pointing to a lack of critical discrimination in the sources utilized by some of the authors.

SIMA KAPLAN reviews three books on the extermination of the Bialystok Jews: Dr. Szymon Datner, *Walka i Zagłada Białostockiego Ghetta* (The Battle and Extermination of the Bialystok Ghetto), D. Klementinowski, *Lebn un umkum in bialistoker gheto* (Life and Death in the Bialystok Ghetto) and Srolke Kot, *Khurbn bialistok* (The Destruction of Bialystok), noting some of the discrepancies in the three accounts.

MARK WISCHNITZER analyzes A. S. Hershberg's *Pinkes bialistok* (Chronicles of Bialystok), adding biographical details about the author.

M. M. BORWICZ discusses the anthology *Lider fun di getos un lagern* (Songs of the Ghettoes and Camps), compiled by S. Kaczerginski and H. Leivick, pointing out that the compilers were too liberal in their method of selection.

JACOB SHATZKY comments on A. M. Haberman's *Toledot Hasefer Haivri* (The History of the Jewish Book), noting a few omissions and minor errors.

RUDOLF GLANZ evaluates Edward N. Saveth's *American Historians and European Immigrants.* He misses in the reviewed book a discussion of the effect of the American historians on the restrictive immigration law of 1924.

MARSHALL SKLARE reviews Albert I. Gordon's *The Jews in Transition,* pointing to a slight apologetic tendency in the book.

NATHAN REICH reviews Melech Epstein's *Jewish Labor in U. S. A.,* comparing it with an earlier Yivo publication in the field.

EMANUEL PATT discusses the studies of the Rh factor by four scientists as published in the *Journal of the American Medical Association.*

MISCELLANEA (pp. 274-320)

L. HERSCH contributes a chapter on the demography of the Jews in Lithuania on the eve of World War II, noting the rise in Jewish emigration and the decline in the Jewish birthrate.

JEWS IN THE POLICE RECORDS OF LOS ANGELES, 1933-1947

By Nathan Goldberg (pp. 129-156)

A statistical analysis of the official records indicating that in the period under investigation the Jews had a much lower ratio of criminality than the non-Jewish population of that city and that Jewish criminality was on the decline. Breaking down Jewish criminality into several categories, the author establishes that the Jewish share in heavy transgressions is much smaller than in the minor offenses.

THE ASHKENAZIM IN ITALY

By M. A. Shulvass (pp. 157-181)

Italian Jewry consisted of four distinct groups: the indigenous *Italiani*, the Sephardim, the Levantines and the Ashkenazim. The last began to migrate southward toward the end of the thirteenth century, and generally remained in the northern districts. Although there were some minor conflicts between Italiani and Ashkenazim, the two groups formed a united front against the Sephardim in the struggle for the control of the respective communities. Numerically inferior, the Ashkenazim have succeeded for a time in gaining the spiritual and religious hegemony over Italian Jewry.

THE HASSIDIC PRINTING HOUSES: FACT AND FICTION

By Kh. Liberman (pp. 182-208)

The author confutes the current notion that the Jewish printing presses in the Ukraine and in some parts of White Russia toward the end of the 18th and the beginning of the 19th centuries were the products of the Hassidic movement, by pointing out that the Hassidic publications of these establishments comprised only a small portion of their total output.

THE RELIGIOUS LIFE OF THE FALASHAS

By Wolf Leslau (pp. 209-220)

An account of a ten-month stay among the Falashas in Ethiopia, pointing up the similarities to and differences from traditional Jewish observance. The religion of the 25,000 Falashas tends to asceticism, abounding in fast days and retaining a modified form of a monastic order. The sacrificial ritual is observed once a year, on Passover. The number of festivals and their dates do not correspond to the traditional Jewish festivals.

ABSTRACTS

DUBNOW'S THEORY OF NATIONALISM RE-EVALUATED

By Koppel S. Pinson (pp. 9-20)

The significance of the Second Commonwealth in Jewish history lies in the struggle between political and spiritual nationalism. Dubnow conceives of Jewish nationalism as belonging in the latter category. He also draws a sharp distinction between state and nation and envisages the future state as multinational.

RECENT RESEARCH IN BIBLE AND ARCHEOLOGY

By Harry M. Orlinsky (pp. 21-48)

An analysis of the significance of archeology for the study of the Bible and the history of the biblical period, and a critical survey of the recent literature on the subject.

THE JEWISH STEREOTYPE, PERSONALITY AND PREJUDICE

By Dorothy Tilden Spoerl (pp. 49-58)

A study by means of the Bogardus Test of Social Distance of 736 students at American International College, Springfield, Mass., regarding their prejudices, the stereotypes in which they are embodied and the relation of these to personality. The stereotypes of the Jew against which resentment was expressed were: unscrupulous business conduct, aggressiveness, clannishness, religious aloofness. A test of personality traits, based on Allport-Vernon's Study of Values, Kuder Preference Record, and Bell Adjustment Inventory shows no significant correlation between these stereotypes and Jewish character.

THE YIDDISH TRANSLATION OF THE BIBLE BY YEHOASH

By Judah Rosenthal (pp. 59-128)

On the basis of the notes to the Bible left by Yehoash, the author traces the method of Yehoash in his translation. Yehoash ranged over the wide field of biblical exegesis, embracing Jewish as well as non-Jewish sources, and in their evaluation demonstrated a respect for Jewish tradition combined with an earnest quest for objectivity.

Koppel S. Pinson: Dubnow's Theory of Nationalism Re-evaluated...... 9-20
English Abstract 316
Nathan Reich: Melech Epstein, *Jewish Labor in U. S. A*.............. 265-272
English Abstract 314
S.: The Archives of SERP.................................. 298-300
English Abstract 313
Jacob Shatzky: An Unknown Source for the Biography of Jacob Frank... 294-296
English Abstract 313
M. A. Shulvass: The Ashkenazim in Italy.......................... 157-181
English Abstract 315
M. Wischnitzer: A. S. Hershberg, *Pinkes bialistok*.................. 243-248
English Abstract 314
A. Yarmolinsky: Ben-Ami and Drahomaniv 288-291
English Abstract 313

5. LITERATURE, LINGUISTICS, FOLKLORE, THEATRE, ART:

Addenda to the Tcherikower Bibliography.......................... 304-308
G. Bader: *Elul* and *Tishre* in Old Cracow.......................... 277-282
English Abstract 313
Kh. Liberman: The Hassidic Printing Houses: Fact and Fiction........ 182-208
English Abstract 315
A. R. Malachi: Peretz in Hebrew................................ 221-230
English Abstract.. 314
Jacob Shatzky: M. Haberman, *Toledot Hasefer Haivri*................ 253-255
English Abstract 314
Jacob Shatzky: A Jewish Newspaper in Prague in 1775.............. 291-294
English Abstract 313
Jacob Tsidkoni: An Israeli Children's Game 300-304
English Abstract 313
Uriel Weinreich: The Study of Macaronic Yiddish Folksongs.......... 282-288
English Abstract 313

6. PHILOSOPHY, RELIGION:

Wolf Leslau: The Religious Life of the Falashas.................... 209-220
English Abstract 315

7. PSYCHOLOGY, EDUCATION:

Dorothy Tilden Spoerl: The Jewish Stereotype, Personality and Prejudice 49-58
English Abstract 316

TABLE OF CONTENTS

1. GENERAL:

Books Received.. 310-312
M. M. Borwicz: *Lider fun di getos un lagern*....................... 249-252
English Abstract 314
Editorial Notes.. 309
Erratum 309
Sima Kaplan: 1. Dr. Szymon Datner, *Walka i Zagłada białostockiego Ghetta;*
2. D. Klementynowski, *Lebn un umkum in bialistoker geto;*
3. Srolke Kot, *Khurbn bialistok* 240-243
English Abstract 314
Jacob Shatzky: Tracing the Materials of Jan Bloch's Statistical Expedition 296-298
English Abstract 313

2. BIBLICAL RESEARCH AND ARCHEOLOGY:

Harry M. Orlinsky: Recent Research in Bible and Archeology......... 21-48
English Abstract 316
Judah Rosenthal: The Yiddish Translation of the Bible by Yehoash.... 59-128
English Abstract 316

3. DEMOGRAPHY, ECONOMICS AND STATISTICS, SOCIOLOGY:

Rudolf Glanz: Edward N. Saveth, *American Historians and European Immigrants* 255-258
English Abstract 314
Nathan Goldberg: Jews in the Police Records of Los Angeles, 1933-1947 129-156
English Abstract 315
L. Hersch: On the Demography of the Jews in Lithuania on the Eve of World War II.. 274-276
English Abstract 314
Emanuel Patt: *The Journal of the American Medical Association,* Vol. 136, No. 5..272-273
English Abstract 314
Marshall Sklare: Albert I. Gordon, *Jews in Transition*............... 258-265
English Abstract 314

4. HISTORY:

Philip Friedman: *Bleter far geshikhte*............................ 231-239
English Abstract.. 314

YIVO BLETER

Journal of the Yiddish Scientific Institute

VOLUME XXXIV

New York, 1950

ייִוואָ בלעטער

טריפֿט פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

באַנד XXXV

ניו־יאָרק, 1951

דאָס אַחריות פֿאַר די וויסנשאַפֿטלעכע שטאַנדפּונקטן
װאָס װערן אַרויסגעזאָגט אין די אויסגאַבעס פֿון ייִוואָ
טראָגן די מחברים גופֿא

Copyright, 1951, by the YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE—YIVO

Printed in the United States of America

281

געדרוקט אין דער דרוקערײַ פֿון פּ. מאַליניאַק, 270 לאַפֿאַיעט־גאַס, ניו־יאָרק 12, נ״י. WO4-1318-9

אינהאַלט:

מ. ווײַנרײַך

אַשכּנז: די ייִדיש־תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע........... 7—17

זעליג קלמנאָוויטש ז"ל

אַ טאָגבוך אין ווילנער געטאָ .... 18—92

יעקבֿ שאַצקי

ספֿרדים אין זאַמאָשטש .... 93—120

שלמה נאָבל

ר' יחיאל־מיכל עפּשטיין — אַ דערציִער און קעמפֿער פֿאַר ייִדיש
אין 17טן יאָרהונדערט ....121—138

ז. שײַקאָווסקי

די קאַמפֿן אַרום דער וואַלסיסטעם אין די ייִדישע קהילות אין פֿראַנק־
רײַך, 1850—1880 ....139—164

אַבֿרהם ג. דוקער

יוזעף בערקאָוויטש דער טאָוויאַניסט ....165—174

חיים גינינגער

אַ נײַס אין דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע (וועגן דעם אוצר פֿון
דער ייִדישער שפּראַך) ....175—192

מ. ווײַנרײַך

צו ח. גינינגערס אַרטיקל וועגן אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך ....192—198

זכרונות און בריוו:

ש. שרעבערק

די יובֿיליי־אויסגאַבע פֿון מענדעלעס ווערק (זכרונות פֿון אַ פֿאַר־
לעגער און 13 בריוו פֿון מענדעלען) ....199—221

יצחק ריבקינד

א. מ. דיקס בריוו ....222—228

מ. וו.

משה־לייב ליליענבלום־מאַטעריאַלן ....229—239

אסתּר האַלפּערן

זכרונות וועגן וואַרשעווער ייִדישע מוכרי־ספֿרים און ביכער־זאַמלערס 240—244

ב. ליבער

זכרונות וועגן אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען ....245—251

רעפּעראַטן און רעצענזיעס:

יעקבֿ שאַצקי
אַ טרייסטבוך פֿאַר אַנוסים: אליהו ליפּינער, בײַ די טײַכן פֿון פּאָר־טוגאַל ....252—259

יעקבֿ לעשטשינסקי
ייִדישע וואַנדערונגען אין די לעצטע הונדערט און פֿופֿציק יאָר:
Mark Wischnitzer, *To Dwell in Safety* ....259—264

שיקל פֿישמאַן
אַ ווערטערבוך פֿון פֿאָלקלאָר, מיטאָלאָגיע און לעגענדע:
Standard Dictionary of Folklore, Mythology and Legend ......264—272

פֿיליפּ פֿרידמאַן
אַ מאָנומענט פֿאַר אַן אומגעקומענער ייִדישער קהילה: פּנקס מלאַווע 272—275

יעקבֿ שאַצקי
דער וועד אין פּוילן: פּנקס ועד ארבע ארצות ....275—280

לעאָ שפּאַל
אַ געשיכטע פֿון ייִדן אין אַמעריקע:
Anita Libman Lebeson, *Pilgrim People* ....280—281

יעקבֿ שאַצקי
מוזיק־קולטור בײַ ייִדן: דב שטוק, המנגן המופלא ....281—286

פֿיליפּ פֿרידמאַן
די קינדער־טראַגעדיע אונטער דעם נאַצי־רעזשים אין איראָפּע:
Dorothy Macardle, *Children of Europe* ....286—290

י. הירשהויט
די נאַציסטישע מאָרדווירטשאַפֿט אין דעם אָשוויענטשימער גיהנום:
פֿיליפּ פֿרידמאַן, אָשוויענטשים ....291—293

מאַטעריאַלן און נאָטיצן:

א. שטיינהאַרט
צו דער געשיכטע און ליטעראַטור פֿון די רומענישע „פֿוסגייערס".. 294—298

י. ליפּשיץ
אַן ענגלישער באַריכט וועגן פּוילן פֿון 1598 ....298—299

חנה גאָרדאָן־מלאָטעק
אַ גילגול פֿון מיכל גאָרדאָנס די באָרד ....299—311

פֿון רעדאַקציע ....311—312

אַנגעקומען אין רעדאַקציע ....312—314

ענגלישע קיצורים ....315—316

די אַרטיקלען אין דעם הײַנטיקן נומער:

מ. ווײַנרײַך, אַשכנז: די ייִדיש־תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע (זז׳ 7—17)

די ייִדיש־תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע דעקט זיך היסטאָריש מיט דער העגע־מאָניע פֿון אַשכּנזישן ייִדנטום אין דער ייִדישער געשיכטע, און טעריטאָריעל מיט זײַן באַוועגונג פֿון מערבֿ צו מיזרח. געשלאָסן כּלפּי חוץ, איז דאָס אַשכּנזישע ייִדנטום אינע־ווייניק געווען שטאַרק דיפֿערענצירט און האָט אַרויסגעגעבן פֿון זיך אַזעלכע ווידעראַנאַנדיקע באַוועגונגען ווי חסידות, מתנגדות, השׂכּלה, ציוניזם און ייִדישן סאָציאַליזם. אירע כאַראַקטע־ריסטישע סימנים זײַנען: דאָס דערהייבן דעם לימוד פֿון תּורה צו דער מדרגה פֿון העכסטן ווערט, דעמאָקראַטישקייט פֿון תּורה־לערנען, דאָס לייגן די הויפּטוואָג גיכער אויף אינעווייניקסטע מעלות איידער אויפֿן דרויסנדיקן עפֿעקט, אַ רײַך דינאַמיש שטייגער לעבן אד״גל.

זעליג קלמנאָוויטש ז״ל, אַ טאָגבוך אין ווילנער געטאָ (זז׳ 18—92)

דאָס טאָגבוך הייבט זיך אָן דעם 22סטן יוני 1942 און ענדיקט זיך דעם 31סטן אויגוסט 1943. דער גרויסער ייִדישער געלערנטער און איינער פֿון די הויפּטבויערס פֿון ייִוואָ ברענגט דאָ אַרויס זײַן קוק אויף ייִדן, ייִדישקייט, ייִדישן גורל און ער גיט אַ בילד פֿון דעם גײַסטיקן לעבן אין ווילנער געטאָ אונטער דעם דרוק פֿון חורבן און אומקום.

יעקבֿ שאַצקי, ספֿרדים אין זאַמאָשטש (זז׳ 93—120)

דער מחבר דערציילט וועגן אויפֿקום פֿון דעם קליינעם ספֿרדישן ייִשובֿ אין פּוילן אין דער צווייטער העלפֿט זעכצנטן יאָרהונדערט און זײַן שפּעטערדיקן צעפֿאַל. ער באַשרײַבט דאָס לעבן פֿון די זאַמאָשטשער ספֿרדים אונטערן שוץ פֿון יאַן זאַמאָיסקי.

שלמה נאָבל, ר׳ יחיאל־מיכל עפּשטיין — אַ דערציִער און קעמפֿער פֿאַר ייִדיש אין 17טן י״ה (זז׳ 121—138)

ר׳ יחיאל־מיכל עפּשטיין איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פֿון דאַוונען אויף ייִדיש, מחמת נאָר אויף דעם אופֿן קאָנען אַרויסגעברענגט ווערן די סאַמע אינטימסטע און ריינסטע געפֿילן פֿונעם דאַוונער. ער האָט אויך געזאָרגט וועגן רעפֿאָרמירן די ייִדישע דערציִונג דורך נעענטער ברענגען צווישן זיך דעם חדר, די היים און דעם בית־מדרש. פֿון זײַנע כּתבֿים ווערט מען גלײַכצײַטיק באַקאַנט מיט אַ סך ייִדישע מינהגים און מיטן שטייגער לעבן פֿון יענער צײַט.

ז. שײַקאָווסקי, די קאַמפֿן אַרום דער וואַלסיסטעם אין די ייִדישע קהילות אין פֿראַנקרײַך, 1850—1880 (139—164)

דער קאַמף פֿון די אָרטאָדאָקסישע ייִדן צו דעמאָקראַטיזירן די וואַלן צו די קהילות און די קעגנערשאַפֿט דערצו מצד די רעפֿאָרם־ייִדן, וואָס האָבן געשטרעבט צו פֿאַרשטאַרקן די מאַכט פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע אויפֿן חשבון פֿון די פּראָווינציעלע קהילות.

אַבֿרהם ג. דוקער, יוזעף בערקאָוויטש דער טאָוויאַניסט (זז׳ 165—174)

דער אָנטייל פֿון דעם זון פֿונעם באַרימטן ייִדיש־פּוילישן פּאַטריאָט בערעק יאָסעלעוויטש אין דער פּוילישער משיחישער טאָוויאַנסקי־באַוועגונג. צו דער באַוועגונג האָבן אויך געהערט די באַרימטע פּוילישע פּאָעטן־קלאַסיקערס אַדאַם מיצקעוויטש און יוליוש סלאָוואַצקי.

חיים גינינגער, אַ נײַס אין דער יִדישער לעקסיקאָגראַפיע (וועגן דעם אוצר פֿון דער יִדישער שפּראַך (זז' 175—192)

דער אַרטיקל שטעלט זיך קודם־כּל אָפּ אויף די מעלות פֿון אוצר, אַ שטייגער: זײַן נאָרמירנדיקער ווערט, די רײַכע טעכנישע טערמינאָלאָגיעס. ווײַטער ווײַזט ער אָן אויף געוויסע חסרונות: די קלאַסיפֿיציר־סיסטעם איז נישט אויסגעהאַלטן; ניט פֿאַראַן גענוג גראַמאַטישע אָנווײַזונגען; ניט גענוג אָפּגעהיטן אין פּרט פֿון דיאַלעקטישע ווערטער; טייל מקורים זײַנען אויסגעלאָזט געוואָרן.

מ. ווײַנרײַך, צו ח. גינינגערס אַרטיקל וועגן אוצר פֿון דער יִדישער שפּראַך (זז' 192—198)

דער רעדאַקטאָר פֿון אוצר ענטפֿערט אויף טייל קריטישע באַמערקונגען פֿון ח. גינינגערן. ער וואַרפֿט אָפּ די הנחה פֿון רעצענזענט, אַז אַלע דײַטשע עלעמענטן דאַרפֿן באַזײַטיקט ווערן פֿון דער שפּראַך. ער רעדט אַרום דעם באַטײַט פֿון באַגריף „אַמעריקאַניזם", ווי ער ווערט גענוצט אין אוצר, א"אַ.

ש. שרעבערק, די יובילײַ־אויסגאַבע פֿון מענדעלעס ווערק (זכרונות פֿון אַ פֿאַר־לעגער און 13 בריוו פֿון מענדעלען) (זז' 199—221)

דער באַקאַנטער יִדישער פֿאַרלעגער אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן דערציילט פּרטים וועגן דער יובילײַ־אויסגאַבע פֿון מענדעלעס ווערק. עס ווערן געבראַכט דרײַצן בריוו פֿון מענדעלען, געשריבן אין די יאָרן 1911—1912.

יצחק ריבקינד, א. מ. דיקס בריוו (זז' 222—228)

פֿיר בריוו פֿון די יאָרן 1843—1852 פֿון דעם באַקאַנטן פֿאָרגייער פֿון דער מאָדערנער יִדישער ליטעראַטור. די בריוו האָבן אַ שײַכות צום לעבן פֿון ווילנער קרײַז משׂכּילים.

מ. וו., משה לייב ליליענבלום־מאַטעריאַלן (זז' 229—239)

עס ווערט געבראַכט מ. ל. ליליענבלומס אַ בריוו צו מאָריס ווינטשעווסקין פֿון 1907, וווּ ער רעדט אַרום ווינטשעווסקיס מיינונג וועגן אים, אַז ער איז מער ייִד ווי סאָציאַליסט. ווײַטער ווערט געגעבן זײַנס אַן אַרטיקל געשריבן לכּבֿוד דעם 25יאָריקן יובֿל פֿון טאָגעבלאַט, וווּ ער רעדט אַרום פּראָבלעמען פֿון יִדישער עמאַנציפּאַציע און שטרײַכט אונטער די נאַציאָנאַלע אַחריות פֿון אַ יִדישער צײַטשריפֿט.

אסתּר האַלפּערן, זכרונות וועגן וואַרשעווער יִדישע מוכרי־ספֿרים (זז' 240—244)

די טאָכטער פֿון אַן אָנגעזעענעם יִדישן מוכר־ספֿרים אין וואַרשע דערציילט וועגן אינ־טערעסאַנטע טיפּן פֿון וואַרשעווער יִדישע מוכרי־ספֿרים אין די יאָרן 1894—1919.

ב. ליבער, זכרונות וועגן אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען (זז' 245—251)

זכרונות וועגן דעם באַגינען פֿון יִדישן טעאַטער און וועגן זײַן וויכטיקסטן פּיאָניר, אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען.

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס (זז' 252—293)

מאַטעריאַלן און נאָטיצן (זז' 294—314)

אַשכּנז: די ייִדיש־תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע *

פֿון מ. ווײַנרײַך

עטלעכע מאָל האָט געטראָפֿן אין דער ייִדישער געשיכטע, אַז גורלדיקע אַנטוויקלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אויף אַ פּיצעלע שטח: אין ארץ־ישׂראל ווען דאָס פֿאָלק איז געוואָרן, אין פּאָדאָליע ווען חסידות איז אויפֿגעקומען. אַזאַ מעשׂה־בראשית זעען מיר אויך מיט גוטע טויזנט יאָר צוריק בײַ די טײַכן רײַן און מאָזל, אין דעם לענדעלע וואָס מען האָט בײַ ייִדן גערופֿן לותּיר [לאָטער]. די וויכטיקסטע פּונקטן אין און אַרום לותּיר זײַנען געווען מײַנץ, וואָרמס, שפּײַער, מעץ. דאָ איז מיט גוטע טויזנט יאָר צוריק בײַ אַ קליינטשינקער גרופּע ייִדן געבוירן געוואָרן די ייִדישע שפּראַך. עס הייבט זיך אָן אַ פּרינציפּיעל נײַ קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע.

דאָס נײַע איז געווען ניט נאָר די שפּראַך אַליין. נײַ איז געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך פֿון לעבן און טראַכטן. די ייִדישע קהילות אין לותּיר און אין די אַרומיקע טעריטאָריעס האָבן געהאַלטן אין וואַקסן, און די גײַסטיקע קעפּ פֿון די קהילות האָבן געזען, אַז מען מוז זיך שטעלן אויף אייגענע פֿיס, אַז מען קען מער ניט ציִען די יניקה פֿון דער ווײַטנס, פֿון די אײַנגעדאָרטע ישיבֿות אין בבֿל און ארץ־ישׂראל. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער נײַער ייִדישער קיבוץ פֿאַר זיך, וואָס איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן אונטערן נאָמען אַשכּנזיש ייִדנטום. געווען אַ דעקלאַראַציע פֿון אומאָפּהענגיקייט אויך. אונדזער דעקלאַראַציע פֿון אומאָפּהענגיקייט איז דער חרם דרבנו גרשם — די תּקנה וואָס האָט אויך יורי־דיש געמאַכט אַ סוף צו פּאָליגאַמיע און דערמיט אָפּגעריסן די ייִדישע אייראָפּע פֿון אָריענט. וואָס פֿאַר אַ טיפּע סימבאָלישע ווערדע דער דאָזיקער אַקט האָט געהאַט בײַ ייִדן זעט מען אַרויס פֿון דעם פֿאַקט, וואָס רב גרשם, אַ שטילער ראָש־ישיבֿה, איז אַרײַן אין דער טראַדיציע מיטן שטאָלצן נאָמען „דאָס ליכט פֿון גלות" — רב גרשם מאור הגולה.

הייסט עס די ייִדיש־תּקופֿה און די תּקופֿה פֿון אַשכּנז זײַנען הײַנו־הך — אונ־דזערע לעצטע טויזנט־עלף הונדערט יאָר. די תּקופֿה בעט זיך, מען זאָל זי פֿאַר־שטיין. אויף צו פֿאַרשטיין דאַרף מען זי אַנאַליזירן. און איך זאָג אויס בפֿרהסיא, אַז פֿון דעם אַנאַליז וויל איך לערנען ניט נאָר וועגן דעם געוועזן, נאָר אויך וועגן הײַנט און וועגן מאָרגן.

וואָרעם פֿון וואַנען וואַקסט בכלל אונדזער חשק צו „גריבלען זיך", ווי מען

---

* רעפֿעראַט געלייענט אויף דער 25סטער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ דעם 13טן יאַנואַר 1951.

רופֿט עס, אין געשיכטע? אין טעם דערויף האָבן נאָך די רוימער געוווּסט: געשיכטע איז די לערערין פֿון לעבן; איז דעם רבינס רייד מוז מען דאָך תּופֿס זײַן. אָבער אויב געשיכטע איז יאָ די לערערין, טאָ פֿאַר וואָס האָבן מענטשן אַזעלכע פּויערשע קעפּ? ווײַל דער עבֿר ענטפֿערט אויף אונדזערע קשיות נאָר אויב מיר ווייסן וואָס צו פֿרעגן.

קומען מיט קשיות צום עבֿר מיינט ניט סתּם אַרויפֿלייגן נאָך אַ מאָל אויפֿן טיש די באַוווּסטע פֿאַקטן. אַפֿילו אויסגראָבן אַ נײַעם פֿאַקט איז ניט שטענדיק דער עיקר. פֿאַקטן פֿאַר זיך זײַנען אַזוי ווי צאָלן אין דער אומענדלעכער רײ. און אַז מיר וועלן שוין ציילן ווי אַ וואַסער 1, 2, 3, 4 — באַדײַ ביז אַ ביליאָן, הייסט שוין דאָס פֿאַרנומען זיך מיט מאַטעמאַטיק? מאַטעמאַטיק הייבט זיך אָן מיט 2x2 איז 4, 6 געטיילט אויף 3 איז 2, דער קוואַדראַט־וואָרצל פֿון 16 איז ±4; מיט אַנדערע ווערטער, שײַכותן צווישן די פֿאַקטן, ניט די פֿאַקטן אָפּ־געריסענערהייט. אין געשיכטע איז דאָס דער טײַטש: שאַצן די פֿאַקטן לויט זייער ווערדע, אויססדרן זיי, אויפֿדעקן המשכדיקייטן, וואָס ביז איצטער האָט מען אויף זיי קיין אַכט ניט געלייגט. בײַ אַ יחיד טרעפֿן אויך געוויסע מאָמענטן, ווען ער נעמט איבערטראַכטן וועגן די אַוועקגעגאַנגענע יאָרן: בשעת מען קומט צו צו אַ באַשטימטן עלטער, בשעת מען לעבט איבער אַ פּסיכישע אויפֿרודערונג. דאָס אייגענע בײַ אַ כּלל אין צײַטן פֿון קריזיס און איבערבראָך. אויב אַזוי פֿאַרשטייט מען שוין, פֿאַר וואָס אַזאַ כּלל־ייִדישע אינסטיטוציע ווי דער ייִוואָ איז געבוירן געוואָרן אין דעם אומרו צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. און על אַחת כּמה וכּמה זוכן מיר אַזאַ קאָלעקטיוון חשבון־הנפֿש הײַנט, ווען דורך אונ־דזער אומגליק איז אַמעריקע געוואָרן דער גרעסטער ייִדישער קאָנטינענט, ווען נאָך אַזאַ לאַנגן הפֿסק האָט זיך צווישן די מלוכות צוריק באַוויזן אַ ייִדישע מלוכה. מיר ווילן וויסן, וואָס עס באַטײַטן די טויזנט־עלף הונדערט יאָר ייִדיש־תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע. אָבער מיר ווילן אויך וויסן: צי איז חלילה אויס? פֿון 1939 ביז 1945 האָט דער שׂונא צעהאַקט די קרוין פֿון אַשכּנז און אונטערגע־גראָבן די סאַמע וואָרצלען פֿון אונדזער בוים, און דאָס וואָס עס איז פֿיזיש איבערגעבליבן פֿון ייִדן אין מיזרח־איירָאָפּע ווערט איצט פֿאַרברענט אין כּאַמ־סין פֿון טאָטאַליזם. אָבער וואָס האָט מען צו אונדז, וואָס מיר ווילן זיך חלילה ניט מיאש זײַן אין ווידערוווּקס? מיר ווילן ניט זײַן ווי יענע וואָס זאָגן שוין יתגדל ויתקדש נאָך דער מאַמען נאָך איידער זיי האָבן זיך דערוואָרט אויף יציאת־נשמה. אָבער מיר ווילן אויך ניט זײַן ווי די, וואָס פֿון דעם „אולי ירחם“ אַליין איז זיי שוין גוט. מיר ווילן פֿאַרשטיין. צי איז אַ ווידערוווּקס מיג־לעך? און אויב יאָ מיגלעך, איז וואָס דאַרפֿן מיר טאָן דערצו? מתּוך די דאָזיקע פּראָבלעמען פֿון הײַנט קומען מיר מיט נײַע קשיות צו דער אַלטער לערערין געשיכטע.

די געאָגראַפֿישע איבערפּלאַנצונג איז גראָד ניט די שווערסטע פּראָבלעם. ס׳איז אַ קאַרדינאַלער פֿאַקט, אַז מער ווי איין מאָל אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק האָט שוין דאָס געטראָפֿן, און איין מאָל אין דער געשיכטע פֿון אַשכּנזישן ייִדנטום אויך. די ביזאַנטיקע העכער טויזנט יאָר ייִדיש־תּקופֿה צעטיילן זיך,

לויטן געאָגראַפֿישן סימן, אין צוויי כּמעט גלײַכע אָפּשניטן: דער מערבֿדיקער און דער מיזרחדיקער. ביז אַרום 1500 זײַנען אונדזערע מיטלפּונקטן אין צענטראַל־אייראָפּע: מײַנץ און וואָרמס, רעגנסבורג, פּראָג. דער נאָמען אַשכּנז איז געאָגראַפֿיש מאָטיווירט, וואָרעם אַשכּנז איז אין יענער צײַט דער ייִדישער נאָמען פֿאַר דײַטשלאַנד. אָבער אַרום דעם יאָר 1500 הייבט זיך אָן אַ צווייטער אָפּשניט; דער שווערפּונקט טראָגט זיך אַריבער קיין מיזרח־אייראָפּע, די צענטערס פֿון אַשכּנז זײַנען גאָר איצט קראָקע, לובלין, מעזביזש, ווילנע, וואַרשע. איר געדענקט, ווי עס האָט וועגן אָט דער מיזרח־אייראָפּעיִשער תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע גערעדט פֿאַר אונדז פֿון דער ייִוואָ־פּלאַטפֿאָרמע מיט פֿינף יאָר צוריק אַבֿרהם יהושע העשל. דווקא אין דעם דאָזיקן מיזרח־אייראָפּעיִשן אָפּשניט, ווייסן מיר דאָך, איז אַשכּנז באמת גרויס געוואָרן. וואָס איז דאָ געשען? מיר האָבן זיך געהאַט עמאַנציפּירט פֿון טעריטאָריע, געאָגראַפֿיע איז מגולגל געוואָרן אין געשיכטע. לאָמיר ניט אָפּלערנען דערפֿון קיין גרינגע גזרה־שווה, אַז אַרום 1950 וועט זיך פֿאַרלויפֿן דאָס אייגענע וואָס אַרום 1500; אָבער איינס ווייסן מיר יאָ: עס קען געמאָלט זײַן. און מיט דעם דאָזיקן טאָמער לאָמיר זיך איצט אַ קער טאָן צוריק צו יענעם ברעקעלע ערד, ווו אַשכּנז איז מיט העכער טויזנט יאָר צוריק געבוירן געוואָרן.

די ערשטע פֿאָר הונדערט יאָר שפּרייט זיך אויס די באַנײַטע ייִדישקייט גאָר־גאָר פּאַוואָליע. פֿראַנקפֿורט, אויגסבורג קומען אַרויף אויף דער ייִדישער מאַפּע ערשט אין 13טן יאָרהונדערט. אָבער סוף 16טן יאָרהונדערט איז שוין אונדזער מיזרחדיקער גרענעץ דער דניעפּער און די דווינע, און אויף צפֿון גרייכן מיר ביז אין דענמאַרק אַרײַן, אויף מערבֿ ביז אַמסטערדאַם. 1750 וויל דער דײַטשער פּראָטעסטאַנטישער פּראָפֿעסאָר קריזאַנדער פֿאַרנאַרן סטודענטן אויף זײַנע ייִדישקורסן אין רינטעלער אוניווערסיטעט, גיט ער זיי אָן אין נדן: „ייִדן באַרימען זיך, אַז מיט ייִדיש קען מען אויספֿאָרן די גאַנצע וועלט“. קריזאַנדער זאָגט, אַז ס'איז אמת: ער האָט געהערט פֿון באַגלייבטע עדות, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן ייִדיש־ריידערס אַפֿילו אין אַמעריקע, אויפֿן אינדזל דזשאַמייקאַ. וועגן מעקסיקע און בוענאָס־אײַרעס און ניו־יאָרק האָט ער נאָך יעמאָלט ניט געוווּסט. אַזוי זײַנען מיר אין טויזנט יאָר דערגאַנגען פֿון לותיר ביז אומעטום.

און פּונקט ווי מען איז געוואַקסן אין שטח אַזוי איז מען געוואַקסן אין צאָל. וויפֿל זײַנען זיי געווען אין גאַנצן, די וואָס האָבן געלייגט די פֿונדאַמענטן? מײַנץ און וואָרמס, דיביידע גרעסטע קהילות יעמאָלט, האָבן אין 11טן יאָרהונדערט, ביז די שחיטות פֿון ערשטן קרייצצוג, געהאַט אַרום טויזנט ייִדן יעדערע. פֿראַנקפֿורט־מײַן האָט אין 1241 געהאַט סך־הכּל בײַ 200 ייִדן. אַפֿילו אין 18טן יאָרהונדערט האָט מעץ, אַן עיר ואם בישׂראל, געהאַט אַרום און אַרום עפּעס איבער 2,000 ייִדישע נפֿשות, און פּראָג, די גרעסטע פֿון אַלע קהילות ביז דער עמאַנציפּאַציע, האָט געהאַט אַ 10,000 ייִדן. איר פֿאַרשפּאָרט צו טראַכטן וועגן ניו־יאָרק; ערבֿ דער לעצטער מלחמה זײַנען אין פּוילן אַליין געווען 35 שטעט מיט העכער 10,000 ייִדן; אין דער קאַטעגאָריע פֿון די 10,000 זײַנען געווען אַזוינע פּונקטן ווי זאַמאָשטש, וולאָצלאַוועק, סטרי.

דער אומקום פֿון 1939—1945 האָט אונדז דערלאַנגט דעם אימהדיקן קלאַפּ, און ס'איז ניט דער איינציקער באַרג־אַראָפּ וואָס דאָס אַשכּנזישע ייִדנטום האָט געליטן. געגוג צו דערמאָנען די קרייצצוגן, דעם שוואַרצן טויט, כמעלניצקין, פּעטליורען. אָבער ווען מען גיט אַ קוק הינטערווײַלעכץ אויף די גאַנצע טויזנט יאָר אַשכּנזיש ייִדנטום ביז 1939 איז דאָס פּאָרט אַ תּקופֿה פֿון עקספּאַנסיע, אי אין שטח אי אין צאָל, אָן אַ גלײַכעניש אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע. אַדרבא, זאָגט אַליין: אין 1650 זײַנען געווען אויף דער וועלט, שאַצט מען, פֿון אַ מיליאָן ביז אַ מיליאָן מיט דרײַ פֿערטל ייִדן, ספֿרדים און אַשכּנזים האַלב אויף האַלב. ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיר געהאַט בײַ 17 מיליאָן און די אַשכּנזים האָבן באַטראָפֿן, שאַצט מען, 92% פֿון ייִדישן פֿאָלק.

די וועלט זאָגט: ווער עס האָט אַ סך פֿון דעם קומט אַ סך. לאָמיר ווײַטער אָנכאַפּן פֿאַר אַ געמעל אונדזערע ספֿרדישע ברידער. זיי האָבן זיך באַוויזן אויף דער היסטאָרישער סצענע אַ ביסל פֿריִער, און אין די עלטערע צײַטן איז זייער גלאַנץ געווען אַ גרעסערער. אָבער זייער נאַציאָנאַלער כּוח־גבֿרא איז גיך געפֿאַלן, כאָטש יחידים־גדולים האָבן ניט געפֿעלט. די פּראָפּאָרציע צווישן זייער שפּראַך, דזשודעזמע, און אונדזער ייִדיש איז משמעות די זעלביקע ווי צווישן ספֿרד און אַשכּנז בכלל. על־כּל־פּנים, די כּלל־ישׂראלדיקע ענערגיע האָט בײַ די ספֿרדים צום לעצטן מאָל געגעבן אַ פֿלאַקער אויף אין דער משיחישער מפּיל־באַוועגונג פֿון שבתי־צבֿי.

להיפּוך צו דעם איז אַשכּנז כּסדר פֿול מיט לעבן און פֿאַרנעמט וואָס ווײַטער אַלץ מער דעם אויבנאָן אין כּלל־ישׂראל. אויבן אָן מיינט קודם־כּל אין דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, וואָס אין 18טן יאָרהונדערט איז זי צוריק יונג געוואָרן אין חסידות. אָבער איידער מיר ריידן וועגן דעם לאָמיר כאָטש בתורת קאַטאַלאָג פֿאַרצייכענען נאָך קאָלעקטיווע שאַפֿונגען וואָס האָבן זיך טיף אַרײַנגעגראָבן אין דער אַשכּנזיש־ייִדישער געשיכטע זינט דעם 18טן יאָרהונדערט: השׂכּלה; מוסר; דער ציוניזם; די אויטאָנאָמיסטישע אַרבעטער־באַוועגונג; דער אויפֿבוי פֿון די גרויסע ייִדישע צענטערס אין אַמעריקע. פֿון ציוניזם איז אַרויסגעוואַקסן מדינת ישׂראל — פּרינציפּיעל אַ קיבוץ־גליות, פֿאַקטיש כּמעט דורכויס אַ שאַפֿונג פֿון אַשכּנזישן ייִדנטום. הײַנט ווו איז די ייִדישע ליטעראַטור וואָס איז אין איינע הונדערט יאָר געוואָרן אַזאַ טײַערער נאַציאָנאַלער קנין און ממילא זײַנען שוין, אין רעטראָספּעקט, אַלע אירע פֿריִערדיקע סטאַדיעס אויך געוואָרן שטאַרק חשובֿ? און די מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור? מען דערציילט, אַז אין די 80ער יאָרן איז יהודה־לייב גאָרדאָן געווען אין בערלין און אַוועק מיט אַ וויזיט צום אַלטן צונצן. צונץ, דער גרויסער ביז איצט ניט איבערגעשטיגענער קענער פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור פֿון מיטל־עלטער, האָט אים אַ פֿרעג געטאָן: „אַזוי? אַ העברעיִשער פּאָעט? אין וואָסער יאָרהונדערט האָט איר געלעבט?” מיר לאַכן פֿונעם וויץ און מיר שטייען פֿאַרחידושטע פֿאַרן נס, וואָס די נײַ־העברעיִשע ליטעראַטור, אין 19טן יאָרהונדערט אַ פּראָבלעם אַפֿילו פֿאַר גאָרדאָנען גופֿא, איז אין 20סטן יאָרהונדערט אַ פֿאַקט ניט אָפּצופֿרעגן.

בײַם רעגיסטרירן אונדזער האָב און גאָב פֿאַר דער געשיכטע דאַרפֿן מיר

אַוודאי ניט אויסשליסן דאָס וואָס מיר האָבן געגעבן דער אַלגעמיינער געזעל־שאַפֿט. מיט די ביאָגראַפֿיעס פֿון פֿיל־פֿיל הונדערטער יחידים וואָס האָבן פֿאַר־נומען ערטער אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיק, פּאָליטיק, וויסנשאַפֿט, קונסט פֿילט מען דאָך אָן בענד; און ווי אַזוי קען מען פֿאַרזען אונדזער קאָלעקטיוון חלק בײַם אויפֿבויען די קליידער־אינדוסטריע אין 19טן יאָרהונדערט און די פֿילם־אינדוסטריע אין 20סטן, און אין פֿריִערדיקע צײַטן בײַם אויפֿבויען דעם האַנדל און די קרעדיט־סיסטעם, בײַם אויפֿבויען דאָס שטעטל אין מיזרח־אייראָפּע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע ניט נאָר אין דער ייִדישער, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער סאָציאַלער סטרוקטור?

געפּלעפּטע שטייען מיר פֿאַר דעם דאָזיקן קוועלברונעם וואָס שטאַרקט זיך אָן אויפֿהער און עס ווילט זיך פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס די וואַקסנדיקע פֿאַרשיידנ־מיניקייט פֿון אַשכּנז האָט זיך ניט געענדיקט מיט קיין אויפֿרײַס. אין פֿריִער־דיקע צײַטן, ווייסן מיר דאָך, זײַנען יאָ געווען אָפּשפּאַלטונגען: שומרון איז אַוועק פֿון ירושלים, די קראָים פֿון די גמרא־ייִדן, און אויך די שבתי־צבֿיניקעס און די פֿראַנקיסטן זײַנען געבליבן מחוץ למחנה. אָבער דער דראַמאַטישער צווייקאַמף צווישן דעם גאון און שניאור־זלמנען האָט דאָס פֿאָלק בלויז צע־וויגט ביז די טיפֿענישן, ניט צעריסן; מיט איינע הונדערט יאָר שפּעטער האָבן די מנהיגים פֿון דער אָרטאָדאָקסיע געקענט צוריק זײַן אין איינעם און האָבן געוויס געטראַכט: אלה ואלה דברי אלהים חיים. נאָך מער: פֿאַר אונדזערע אויגן זײַנען אין עטלעכע הונדערט קהילה־פֿאַרוואַלטונגען אין פּוילן געזעסן בײַ איין טיש אָרטאָדאָקסן, פֿאָלקיסטן, ציוניסטן, פּועלי־ציוניסטן, בונדיסטן, און כאָטש מען האָט זיך רק געריסן איז דאָס פֿאָלק ווי אַ גאַנצהייט דווקא געוואָרן פֿעסטער. ווו שטעקט דער סוד פֿון דער דאָזיקער בייגעוודיקייט? ער שטעקט, האַלט איך, אין דעם „תּחילתדיקן פֿורעם‟, אין די פֿונדאַמענטן וואָס די אַשכּנזישע ראשונים האָבן פֿאַרלייגט. איך וועל זאָגן אַ שטיקל האַרבע עבֿרי, אָבער איך וועל באַלד פֿאַרטײַטשן דעם פּסוק: אַשכּנז האָט זיך לעגיטימירט ניט האָרי־זאָנטאַל, נאָר ווערטיקאַל.

איטלעכער גאַנג אין לעבן מוז זיך מיט עפּעס לעגיטימירן, דאָס הייסט פֿון ערגעץ אַרויספֿירן זײַן ייִחוס און באַרעכטיקונג. אין פֿאַרשיידענע צײַטן זײַנען געווען בײַ אונדז שיטות וואָס האָבן געוואָלט אויפֿווײַזן, אַז ייִדישקייט איז „בהסכּם מיט‟: בהסכּם מיט אַריסטאָטעלעסן, בהסכּם מיטן ראַציאָנאַליזם, בהסכּם מיטן קאַנטיאַניזם, בהסכּם מיטן מאַרקסיזם, בהסכּם מיט דער טעאָריע פֿון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, בהסכּם מיטן עכטן אַמעריקאַניזם. איר זעט, מעשׂה שׂטן זײַנען דאָס אַלץ דרויסנדיקע מאָסן; די סקאַלע ווערטן רוקט זיך אַרײַן, קען מען זאָגן, האָריזאָנטאַל, פֿונעם מיטצײַטישן אַרום. אַשכּנז איז אַנ־דערש. אַשכּנז לעגיטימירט זיך ווערטיקאַל, מיט פֿריִערדיקע דורות ייִדן, ווי דער ספר חסידים שרײַבט מיט אַ זיבן הונדערט יאָר צוריק: „אַ מענטש זאָגט צו זײַנע זין: ׳אַזוי טו איך, אַזוי פֿלעגט מײַן טאַטע טאָן׳ — כּדי זיי [די זין] זאָלן אויך אַזוי טאָן‟. אָט דער וועג פֿון ווערטיקאַלער לעגיטימירונג האַלט אויף די גאָלדענע קייט: אַשכּנז לעגיטימירט זיך מיט בבֿל און ארץ־ישׂראל און רופֿט

איר לעבנס־שטייגער דרך־הש״ס פּונקט ווי פֿריִער האָט זיך די גמרא לעגיטי־מירט מיט דער משנה, די משנה מיטן תּנך, דער תּנך מיט מתּן־תּורה. ווער נאָך האָט אַזוי גוט ווי רב גרשם פֿאַרשטאַנען, אַז מען לעבט אין אַ נײַער וועלט. זײַן ענטפֿער איז געווען: מען דאַרף אין די נײַע באַדינגונגען אַרײַן אַריבער־ראַטעווען וואָס מער פֿון פֿריִער. האָט ער גענומען זאָרגן וועגן רעקאָנסטרויִרן קאָרעקטע טעקסטן פֿון משנה און גמרא. די טעקסטן האָט ער געדאַרפֿט פֿאַר זײַן ישיבֿה, וואָרעם נאָר דורך אַ לערן־אינסטיטוציע קען טראַדיציע פֿאָרמו־לירט ווערן און אָנוואַקסן און זיך פֿאַרשפּרייטן, און ער האָט טאַקע באַגליקט — אַ תּלמיד פֿון זײַנע תּלמידים איז געווען רשי. אָבער ווי באַלד די המשכדיקייט איז געווען באַוואָרנט האָט שוין ניט אויסגעמאַכט צו דעקרעטירן מאָנאָגאַמיע, וואָס דאָס איז דאָך געווען אַזאַ בולטער אָוועקגאַנג פֿון דער ביבלישער טראַ־דיציע און אַזאַ בולטע צופּאַסונג צום אַרום — אַ סימן האָבן מיר, אַז אין אָריענט האָט זיך דער חרם דרבנו גרשם ניט אָנגענומען.

די פֿאָרמל איז בשום־אופֿן ניט געווען: אַלץ וואָס פֿון דרויסן איז טריף. אָט ציטירט מען דאָך כּסדר פֿון ספר חסידים: „אַזוי ווי דער מינהג בײַ ניט־ייִדן, אַזוי זײַנען די מינהגים פֿון ייִדן אין דעם גרעסטן טייל ערטער”. אָבער דאָס ברענגט דער ספֿר נאָר ווי אַ פֿאַקט, ער ייִחוסט זיך ניט, וואָס ייִדן זײַנען „בהסכּם מיט”. די פֿאָרמל איז געווען, קען מען זאָגן: ווי איך בין אַ ייִד. זאָל זײַן פֿון דרויסן, אַבי ס'איז ניט קעגן ייִדישקייט; און אין אָפּמעסטן וואָס יאָ און וואָס ניט איז מען געווען גאַנץ ליבעראַל. מען האָט איבערגענומען פֿון דרויסן דאָס רויוואַרג פֿון דער ריידשפּראַך, אַ סך נעמען, ניגונים צו תּפֿילות, די פֿאָרעם פֿון בשׂמים־ביקסלעך, מינהגים, אײַנגלייבענישן און וואָס ניט. אָבער דאָס איז ניט געווען קיין שום נײַס, דאָס איז באמת געווען דער דרך־הש״ס. אַרמיש, דאָס לשון פֿון דער הייליקער גמרא, איז דאָך אַוודאי געקומען צו אונדז פֿון דרויסן. און מען קען זאָגן נאָך מער: איבערנעמען קולטור־עלעמענטן און זיי פֿאַראייגענען איז ניט קיין פֿענאָמען פֿון אַ גלות; קיין אַנדער קולטור־אַנטוויקלונג בײַ אַ פֿאָלק קען בכלל ניט געמאָלט זײַן, און דאָס איז אויך דער וועג פֿון ייִדן פֿון אָנהייב אָן, פֿון די עלטסטע תּנכישע צײַטן. אונדזער גרויסער אויפֿטו אין דער וועלט־געשיכטע ווערט חס־ושלום דורך דעם אויף אַ האָר ניט געמינערט. אַנדערע האָבן בײַ אונדז גענומען ניט ווינציקער: אין אַלטערטום, אין מיטל־עלטער, אין דער נײַער צײַט. די מאָס איז ניט, וואָס מען האָט גענומען, נאָר וואָס מען האָט סוף־כּל־סוף דערפֿון געמאַכט. געדענקט דאָס ווערטל: אַ ברויז און אַ קלויז — די זעלביקע קלעצער. ניט דער קלאָץ איז דער עיקר, נאָר דער תּכלית.

דער תּכלית פֿון אַשכּנז, דער רוקנביין פֿון דער געזעלשאַפֿט, איז געווען דאָס לערנען. ייִדן האָבן געוויס אויך געוואָלט עולם־הזה און האָבן געוויס אויך געהאַט גענוג שׂכל צו פֿאַרשטיין, אַז מיט געלט איז בעסער ווי אָן געלט; אָבער אַזוי ווי אַמעריקאַנער טעקסטביכער פֿלעגן אַ מאָל דערציילן וועגן דעם שיכ־פּוצער וואָס האָט זיך אַרויפֿגעאַרבעט ביז אַ מיליאָנער, אַזוי איז אונדזער אי־דעאַלער טיפּ יהודה פֿון רעגנסבורג: ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ לופּץ, אַ פּוסטע

כּלי, און געוואָרן דער גרויסער רב יהודה חסיד. ווען בײַ לײַטן האָט אַפֿילו אַ קיניג ניט דווקא געמוזט קענען אונטערשרײַבן זײַן נאָמען האָבן ייִדן אויף אַ פֿרײַוויליקן באַזיס, אָן שום שטיצע פֿון מלכות, אויפֿגעבויט אַ סיסטעם אַלגעמיינע פֿאָלקסבילדונג, און כּמעט יעדער ייִנגל איז געגאַנגען אין חדר. דורך אַ סיסטעם סטיפּענדיעס — יעמאָלט האָט מען עס גערופֿן עסן טעג — האָבן טויזנטער אָרעמע בחורים אין איטלעכן דור פֿאַרפֿולט די ישיבֿות. בײַ ניט־ייִדן איז אויך געווען קעסטט פֿאַר אַ יונג פֿאַרפֿאַלק, אָבער ווי אַ ריין עקאָנאָמישע אינסטיטוציע, ניט כּדי דער איידעם זאָל קענען לערנען נאָך אַ פּאָר יאָר. און וואָס האָט מען געלערנט? אין מיטל־עלטער איז אַ הויפּט־באַשעפֿטיקונג בײַ ייִדן געווען אויסצולײַען געלט אויף פּראָצענט, און ייִדן זײַנען דאָך כּידוע גרויסע פּראַקטיקערס. אָבער ניט אין חדר און ניט אין דער ישיבֿה האָט מען ניט געלערנט פּראָצענט־רעכענונג און בוכהאַלטעריע. אין דער גמרא האָט מען זיך אַרײַנגעטיפֿט, אין דער גמרא האָט מען אַרײַנגעטײַטשט אַלע מיטצײַטישע פּראָבלעמען. צום רבֿ איז מען געגאַנגען ניט נאָר פֿרעגן אַ שאלה וועגן מיל־כיקס און פֿליישיקס, נאָר אויך שואל־עצה זײַן זיך וועגן געשעפֿט. די שפּראַך וואָס אַשכּנז האָט זיך באַשאַפֿן, די ייִדישע שפּראַך, גיט אונדז אַ השׂגה וועגן דעם ספּעציפֿיש ייִדישן סאָציאַלן לייטער: אַ גראָבער יונג, אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, אַ שיינער ייִד, אַ ייִד אַ למדן, אַ גדול בתּורה. און די שפּראַך האָט צוריק געהאָלפֿן פֿורעמען דאָס לעבן: תּורה איז די בעסטע סחורה האָט מען איבערגעגעבן פֿון דור צו דור. אַז דאָס וועפּט זיך ניט אויס אַזוי גיך זעען מיר דאָך הײַנט אין אַמעריקע: אַ נײַער גילגול פֿון דעם אַלטן לערן־חשק טרײַבט די יוגנט בײַ ייִדן אין די אוניווערסיטעטן אַרײַן מער ווי בײַ וועלכער עס איז אַנדער נאַציאָנאַלער גרופּע דאָ אין לאַנד.

ווי באַלד די יסודות פֿון דעם נוסח אַשכּנז זײַנען שוין געווען פֿעסט און דאָס אַלגעמיינע גערעם איז שוין געווען אײַנגעשטעלט האָט מען זיך שוין אין די אָנגעצייכנטע גרענעצן געקענט פֿאַרגינען גאַנץ ברייטע וואַריאַציעס. עד־היום קומט אויס צו הערן, אַז ביז דער השׂכּלה איז געווען „געטאָ", און געטאָ, ווייסט איר דאָך, איז פֿאַרגליווערטקייט. ס'איז אַ באָבע־מעשׂה, ניט מער. אין דעם גבֿול פֿון דער טראַדיציאָנעלער אַשכּנזישער קולטור האָבן זיך געקענט אײַנלעבן גאַנץ היפּשע ניואַנסן, וואַריאַנטן און אַפֿילו ווידעראַנאַנדן. בײַם פּסקענען לויטן דין זײַנען געווען מקילים און מחמירים. דער מינהג אין דאַווענען האָט געקענט זײַן אַן אַנדערער פֿון וואָרמס ביז מײַנץ און פֿון ווילנע ביז גראָדנע. אַוודאי האָט מען געבויט אויף רב גרשמען אַזוי ווי זײַנע רייד וואָלטן געקומען פֿון באַרג סיני, אָבער אויף רבנו תּם דערציילט מען, אַז אין אַ שאלה וועגן לייגן תּפֿילין האָט ער זיך געשטעלט קעגן משה רבינו. אַוודאי דרײַ מאָל אַ טאָג „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", און שבת פֿיר מאָל, אָבער ווען אין דרום־איטאַליע האָט זיך פֿאַרפֿונדעוועט לומדות, האָט מען געזאָגט גאַנץ רויק: „מבארי תצא תורה ודבר ה' מאוטראנטו", און אַ צווייט מאָל הערן מיר: „כי מצרפת תצא תורה ודבר ה' מאשכנז"; און ווילנע, ירושלים דליטא, איז ניט די איינציקע שטאָט אין אייראָפּע, וואָס האָט זיך זינט דעם מיטל־עלטער דערדינט צום

עפּיטעט ירושלים. אַזוינס קען אויסקומען אויסטערליש הײַנט, אָבער ניט אין דעם דרך־הש״ס, וואָרעם אין אַ מדרש געפֿינען מיר שוין בבֿל אָנגערופֿן ארץ־ישׂראל, און אין דער גמרא קידושין שטייט שוואַרץ אויף ווײַס, און אין כּתובות אַ צווייט מאָל: „אַלע לענדער זײַנען טייג לגבי ארץ־ישׂראל, אָבער ארץ־ישׂראל איז טייג לגבי בבֿל״. אַוודאי האָט יעדער ייִד געגלייבט, אַז די אותו רגע קען קומען משיח, אָבער ווען עס זײַנען געקומען די כּלומרשטע רעאַליזירערס, פֿון דוד אלראָי און דוד ראובֿני ביז שבתי־צבֿי, האָבן זיך די גדולי־התּורה געשטעלט ווי אַ וואַנט אַנטקעגן. פֿון דעם אויסדרוק חסיד שוטה ווייסן מיר, אַז מען קען אין פֿרומקייט אויך אַריבערכאַפּן די מאָס. גאָר גרויסע לומדים שרײַבן לכּבֿוד פּורים פּאַראָדיעס אויף קאַנאָניזירטע טעקסטן. אַזוינע שפּריכווערטער ווי האוחז ביד איז די בעסטע תּפֿילה אָדער טאָמער איז אַ ייִדענע קומען דווקא פֿון דער וועלט פֿון תּלמיד־חכם, און אַפֿילו דער ייִד וואָס האָט אויסגעשריִען פֿון גרויס קלעמעניש: דײַן מזל, גאָט, וואָס דו ווינסט אַזוי הויך, אַניט וואָלט מען דיר אַלע שויבן אויסגעזעצט איז אויך ניט פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר אַ כּופֿר־בעיקר. מען האָט דעם גרעסטן אַראָפּפֿאַל פֿאַר די גאונים, „וואָס פֿון זייערע וואַסערן טרינקען מיר״, אָבער דער גרויסער ר׳ יצחק פֿון קאָרבייל האָט ניט נאָר דעם בײַנאָמען חסיד, נאָר צוליב זײַן לאַנגער נאָז רופֿט מען אים אויך אין די ספֿרים דער בעל־החוטם. טייל גדולים זײַנען מער נוטה צו אַסקעטיזם, אַנדערע צו לעבנספֿרייד; טייל צו ראַציאָנאַליזם, אַנדערע צו קבלה. שמד איז דאָך דאָס ערגסטע, אָבער אַפֿילו אין דער באַציִונג צו משומדים, און ספּעציעל צו אַזוינע וואָס זײַנען אויסגעקומען, איז פֿאַראַן אַ היפּשע אַמפּליטודע. אַלץ ווידעראַנאַנדן איינער טיפֿער פֿון צווייטן. אונדזער קולטור, און דאָס רייד איך וועגן דער טראַ־דיציאָנעלער אַשכּנזישער קולטור, ביז דער השׂכּלה, איז געווען אַן אײַנשליסיקע, אָבער ניט קיין טאָטאַליסטישע. דער עצם פּרינציפּ פֿון לערנען, פֿון פֿרעגן און אָפּפֿרעגן, איז דאָך מחייבֿ, אַז אין אַ סך זאַכן איז ניטאָ קיין דאָגמאַטישער יאָ/ניין, נאָר: ס׳איז אַ בויך־סבֿרא, טאָמער פֿאַרקערט, וואָס איז דערפֿון געדרונגען, יש אומרים, ס׳קאָן געמאָלט זײַן, אַ סבֿרא, משמעות, אפֿשר טאַקע.

מיר זעען דאָ נאָך אַנאַנד, ווי די שפּראַך פֿון אַשכּנז, ייִדיש, האָט מיט־געלעבט מיטן לעבן פֿון אַשכּנז. אָבער אַשכּנז האָט דאָך פֿון דער ערשטער רגע געהאָט צוויי לשונות: די אַלטע, די קיין מאָל ניט טויטע שפּראַך, לשון־קודש, און די נײַע, ייִדיש. טאָ וואָס איז געווען די פֿונקציע פֿון די צוויי לשונות? דאָס פֿרעג איך אַלץ וועגן דער טראַדיציאָנעלער סיסטעם, ביז דער השׂכּלה. אַ מאָל ענטפֿערט מען: אַזוי ווי העברעיִש איז דאָך לשון קודש, איז ייִדיש אַ פּנים לשון חול. אָבער אויב חול, טאָ ווי אַזוי קענען געמאָלט זײַן אויף ייִדיש די תּחינות, לוי יצחקס קדיש, דאָס נאַכט־לייענען, גאָט פֿון אַבֿרהם און אַפֿילו רבותי, מיר וועלן בענטשן? ניין, דער ענטפֿער איז אַן אַנדערער.

די גאַנצע סיסטעם אַשכּנז איז געווען באַזירט אויף קאַנאָניזירטע טעקסטן. אויב אַזוי איז קיין חידוש ניט, וואָס די שפּראַך פֿון די דאָזיקע טעקסטן איז געווען לשון הקודש, און ווײַל דער פֿיקסירטער טעקסט, דער כּתובֿ, איז דער אויסגאַנגפּונקט, איז לשון־קודש פּרינציפּיעל דער מעדיום פֿון שרײַבן בכלל.

קודם־כּל מיינט דאָך דאָס ווײַטער חיבורים וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט קדושה, און דאָס גייט שוין אַריבער אין דער וואָכעדיקער ספֿערע אויך. אויף ייִדיש קומט די פֿיקסירונג בכּתבֿ גאַנץ פּאַמעלעך: זי הייבט זיך אָן מיט באַשיידענע גלאָסעס אין די הייליקע טעקסטן, און נאָר צו ביסלעך קומט אויף די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור. אונדזערע סוחרים, ביז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַרײַן, האָבן זיך געשריבן געשעפֿטלעכע בריוו אויף לשון־קודש, אָדער אויף אַ כּמו־לשון־קודש, אַזוי גוט ווי זיי האָבן געקענט. אָבער ווען די צוויי קאָרעספּאָנדענטן־סוחרים האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי תּיכּף גערעדט ווײַטער וועגן זייערע עסקים אויף ייִדיש. בײַ לומדים דאָס אייגענע: זייערע שאלות־ותּשובֿות האָבן זיי געשריבן אויף לשון־קודש; אָבער פֿאַרשטייט זיך, אַז מפֿלפּל געווען האָט מען זיך אויף ייִדיש, ווי שווער די הלכה זאָל ניט זײַן. ניט נאָר דער גאַנצער וואָכעדיקער האַנדל־וואַנדל, נאָר אויך דאָס גאַנצע לערנען בעל־פּה איז דורך ייִדיש, פֿון ערשטן פּסוק פֿון ויקרא ביז דער האַרבסטער מסיכתּא. פּראַקטיש האָט דאָס געהייסן, אַז אַ רבֿ האָט געקענט געפֿינען אַ רבנות אויף דעם גאַנצן גרויסן שטח פֿון ייִדיש, פֿון אָסטרע און סלוצק ביז מעץ און אַמסטערדאַם. גײַסטיק האָט דער סימביאָז פֿון ייִדיש און לשון־קודש אין דער אַשכּנזישער טראַדיציע געבראַכט דערצו, אַז דאָס רבנישע לשון־קודש איז פּאַק און פֿול מיט „ייִדישיזמען", און פֿאַרקערט ווידער ייִדיש איז געוואָרן אַ פֿולער אויסדרוק אי פֿאַרן טאָג־טעגלעכן גשמיותדיקן לעבן, אי פֿאַרן דרך־השׂ"ס. ווי זאָגט מענדעלע: „דאָס אייגענע גלעזל, וואָס אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר איז אַזעלכס פּראָסט אַ קעלישיקל — הלילה הזה, די נאַכט פֿון פּסח, איז עס אַ כּוס".

דער אויספֿיר איז אויף דער האַנט. מער מיט קדושה איז אַוודאי פֿאַרבונדן העברעיִש, און אַזוי אויך דער העברעיִשער עלעמענט אין ייִדיש; אָבער שטענדיק און דורכויס? הייבט זיך ניט אָן. ס'איז טאַקע רבונו של עולם און רבונא דעלמא כּולא און הקדוש ברוך הוא, אָבער אויך גאָט, גאָטעניו, דער אייבערשטער, זײַן ליבער נאָמען. נאָר להבֿדיל חזיר איז דאָס איינציקע וואָרט אויף ייִדיש, סײַדן מען זאָל נאָך צוגעבן דבֿר־אַחר — ווײַטער פֿון לשון־קודש. איך גיי מיט אײַך אין געוועט: בײַם ווילנער גאון וואָלט מברשת, דאָס העברעיִשע וואָרט פֿאַר 'באַרשט', ניט געווען חשובֿער ווי בענטשליכט, און ריינקייט, דער סינאָנים פֿאַר ספֿר־תּורה, כּאָטש ניט פֿון העברעיִש, וואָלט בײַ אים געווען מער אָנגעלייגט איידער קולנוע, דאָס העברעיִשע וואָרט פֿאַר 'קינאָ'. מיר דאַרפֿן זיך גאָרניט וועטן אויך. אין 16טן יאָרהונדערט, ווען פּויזן האָט געשטורעמט קעגן דעם מורה נבוכים, אָדער אין 18טן, ווען ווילנע האָט געשטורעמט קעגן דעם תּולדות יעקב יוסף, איז קיינעם ניט געקומען אויפֿן זינען מלמד זכות צו זײַן: שאַט, ס'איז אָן בייז, די ספֿרים זײַנען דאָך געשריבן אויף לשון־קודש. הייסט עס דער תּוך איז מכריע, ניט דער שפּראַכיקער לבֿוש.

אַוודאי איז בײַם למדן די תּחינה ניט אַזוי חשובֿ ווי דער סידור און די צאינה־וראינה ניט אַזוי חשובֿ ווי דער עין יעקב, אָבער דער עין יעקב ווידער איז ניט אַזוי חשובֿ ווי דער משניות. הייסט עס ניט קדושה קעגן וואָכעדיקייט, נאָר גראַדאַציעס פֿון קדושה און גראַדאַציעס פֿון וואָכעדיקייט. איין מאָל ווען

דער מהרי״ל זיך אַ קרים טאָן, וואָס מען זינגט געטלעכע לידער אויף ייִדיש, ווײַל זיי ריידן נאָר וועגן אמונה, ניט וועגן היטן די מיצוות, קען נאָך דער געמיינער עולם מיינען, אַז ס׳איז רעכט אָן די דינים אויך; און אַן אַנדערש מאָל ווידער וועט נחמן בראַצלאַווער לערנען זײַנע חסידים, אַז מתפלל זײַן צו גאָט דאַרף מען גאָר בלשון אַשכּנז. אין אַלגעמיין ווערן מיט דער צײַט די גרענעצן בײַם ניצןביידע לשונות אַ היפּש ביסל פּליסיקע. ניט דווקא לשון־קודש אָדער מאַמע־לשון, נאָר, אין פֿאַרשיידענע סיטואַציעס, לשון־קודש און מאַמע־לשון. ניט געווען אין אונדזער עלטערער טראַדיציע און אויך ניט אין חסידות קיין טאָטאַליסטישע שפּראַכן־דאָגמע. שפּעטער, ווען עס זײַנען געקומען אַחד־העם און זשיטלאָווסקי, די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ און ברית עברית עולמית, האָט די קינאת שפּראַכן גאָר געהאָלפֿן: העברעיִסטן האָבן מיט מער אימפּעט געבויט העברעיִשע שולן און ייִדישיסטן מיט מער אימפּעט ייִדישע שולן; העברעיִסטן די העברעיִשע ליטעראַטור און ייִדישיסטן די ייִדישע ליטעראַטור. שלעכט, לאָזט זיך אויס, איז נאָר ווען קיינעם אַרט ניט, — אָדער ווען איינער פֿון די צדדים רופֿט צו הילף דעם פּאָליציאַנט.

*

וואָס זשע זײַנען מיר דערגאַנגען בײַם דורכגיין זיך איבער די העכער טויזנט יאָר ייִדיש־תּקופֿה? איך נעם דאָס צונויף אין פּונקטן:

1. אַשכּנז איז איינע פֿון די פּרוכפּערדיקסטע תּקופֿות אין דער ייִדישער געשיכטע.

2. די טראַדיציאָנעלע אַשכּנזישע ייִדישקייט איז קיין מאָל ניט געווען טאָטאַליסטיש. אַדרבא, זי האָט פֿון אָנהייב אָן געהאַט אין זיך פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס. דער רוקנביין פֿון דער געזעלשאַפֿט איז דאָס לערנען, און לערנען איז דער טײַטש אָפּוועגן און קומען צו אַ באַשלוס. ס׳איז אַזוי ווי מען וואָלט אײַנגעטענהט מיטן בן־אָדם: קוק אַליין, ווו דער חמר שטייט.

3. דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פֿאַר דער אַשכּנזישער ייִדישקייט איז דאָס וואָס זי זוכט אירע מאָסן אין די פֿאַרגאַנגענע ייִדישע דורות, זי לעגיטימירט זיך ווערטיקאַל; און דווקא ווײַל זי איז זיכער מיט איר דרך־הש״ס קען זי גרינג פֿאַראייגענען דאָס פֿרעמדע וואָס זי נעמט איבער פֿון דרויסן.

4. די דאָזיקע עלאַסטישקייט אין דעם „תּחילתדיקן פֿורעם" האָט מיגלעך געמאַכט, אַז זינט דעם 18טן יאָרהונדערט זאָלן אויפֿקומען אַזוי פֿיל נײַע פֿאַר־מען אַשכּנזישע ייִדישקייט. אַ מאָל איגנאָרירן זיי איינס דאָס אַנדערע, אַ מאָל טאָלערירן זיי זיך און אַ מאָל קעמפֿן זיי צווישן אַנאַנד — אָבער אַפֿילו קעמפֿנדיק לעבט מען זיך אײַן אונטער איין דאַך.

5. די טיפֿע אינעווייניקסטע ווידעראַנאַנדן, לאָ די וואָס זיי האָבן אונדזער קיבוץ ניט אויפֿגעריסן, האָבן זיי אים גאָר פֿאַרפֿעסטיקט. אַפֿילו דער סטראַשוניק פֿון יענע משׂכּילים, אַז זיי זײַנען געקומען לשקץ כל קדשי ישראל, אַפֿילו דער גרילץ פֿון משיח און יודנטום ביידע געשטאָרבן זײַנען נאָר סטי־

מולאַנטן אין געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף כּל־זמן עס מישט זיך ניט אַרײַן קיין אַדמיניסטראַטיווע מאַשין.

6. די ייִדישע שפּראַך איז געבוירן געוואָרן, געוואַקסן און מיטגעגאַנגען מיט אַשכּנז. זי איז אַן אויסדרוק פֿון דעם לעבן פֿון אַשכּנז און פֿאַר איינס אַ מיטפֿורעמער פֿון דעם דאָזיקן לעבן.

7. אין דער קולטור און שפּראַך פֿון אַשכּנז זײַנען פֿאַראַן ווונדערלעכע איבערצײַטישע ווערטן אי פֿון אַ ייִדישן אי פֿון אַן אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט. ס׳וואָלט געווען פֿאַר אונדזערע קינדער און קינדסקינדער אַ קולטורעלע קאַטאַסטראָפֿע, ווען די דאָזיקע ווערטן זאָלן אַוועקגיין מיטן בלוט און רויך פֿון ייִדישן אומקום אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

8. די געשיכטע באַווײַזט, אַז טעריטאָריאַלע איבערפֿלאַנצונגען פֿון ייִדיש־קייט זײַנען מיגלעך. דאָס ייִדנטום אין מיזרח־אייראָפּע האָט גענומען וואַקסן גראָד אין אַ צײַט, ווען דאָס ייִדישע לעבן אין צענטראַל־אייראָפּע איז געווען אונטערגעשווענקט דורך גזרות און גירושים. די בליונג פֿון אַשכּנז איז געווען דווקא ניט אויף דער טעריטאָריע ווו אַשכּנז איז געבוירן געוואָרן.

9. עס קען דעריבער יאָ געמאָלט זײַן, אַז דורך מאָביליזירונג פֿון קאָ־לעקטיווער ייִדישער ענערגיע זאָלן די טויזנט יאָר אַשכּנזישע ייִדישקייט האָבן אַ המשך. אפֿשר איז נאָך די ייִדיש־תּקופֿה ניט פֿאַרענדיקט. עס זײַנען לעת־עתּה געווען אין איר צוויי אָפּשניטן: דער צענטראַל־אייראָפּעיִשער און דער מיזרח־אייראָפּעיִשער. עס קען דאָך געמאָלט זײַן, אַז אָקערשט פֿאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אָנגעהויבן אין ווייען אַ נײַער אָפּשניט, דער דריטער אָפּשניט אין דער ייִדיש־תּקופֿה.

10. אין אונדז אַלייך, אין אונדזער פֿאַרשטיין דאָס לעבן, אין אונדזער פֿעיִקייט צו לערנען פֿון עבֿר, אין אונדזער אָנגעצילטן ווילן איז אין אַ היפּשער מאָס געווענדט, וואָס מען וועט זאָגן וועגן דעם דאָזיקן דריטן אָפּשניט אויף אַן אַנדער יובֿל־קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ, אויף דער הונדערטסטער יובֿל־קאָנפֿע־רענץ אין יאָר 2025.

אַ טאָגבוך אין ווילנער געטאָ

פֿון זעליג קלמנאָוויטש ז״ל

די ייִוואָ־בלעטער האָבן ביז איצט געדרוקט אַ טייל פֿון דעם עזבֿון פֿון זעליג הירש קלמנאָוויטש ז״ל. אין באַנד XXX, נומ׳ 2, זז׳ 169—172, האָבן מיר פֿאַרעפֿנט־לעכט דעם אַרטיקל „דער גײַסט אין געטאָ״; אין באַנד XXXIII, זז׳ 49—64, האָבן מיר אָפּגעדרוקט די דערגאַנצונגען צו זײַן אַרבעט „י. ל. פּרצעס קוק אויף דער ייִדישער ליטעראַטור״ (דער הויפּטטייל פֿון דער אַרבעט איז געווען געדרוקט אין די גאָלדענע קייט). איצט גיבן מיר די איבערזעצונג פֿון דעם טאָגבוך וואָס ז. קלמנאָוויטש האָט געפֿירט אין ווילנער געטאָ און וואָס איז אויף אַ וווּנדערלעכן אופֿן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

ווען קלמנאָוויטש איז שוין געווען פֿאַרשיקט קיין עסטלאַנד האָט הערמאַן קרוק געפֿונען דאָס טאָגבוך אין קלמנאָוויטשעס שטוב און עס באַהאַלטן אין דער געטאָ־ביבליאָטעק. נאָך דער ליקווידאַציע פֿון געטאָ האָט דער סטרוזש פֿון הויז אַרײַנגענומען צו זיך ווי הייך־מאַטעריאַלן אַ טייל ביכער און שריפֿטן פֿון דער ביבליאָטעק. שוין נאָך דער באַפֿרײַונג האָט דאָרטן אַבֿרהם סוצקעווער צווישן אַנדערע ווערטפֿולע מאַטעריאַלן געפֿונען אויך דאָס טאָגבוך און עס איבערגעשיקט אין ייִוואָ.

דאָס טאָגבוך האָט ז. קלמנאָוויטש געפֿירט אויף העברעיִש. בלויז געוויסע שטעלן זײַנען אויף ייִדיש. די דאָזיקע ייִדישע שטעלן ווערן געגעבן צווישן די ספּעציעלע צייכנס > < און זײַנען פֿאַראַן אויף די זײַטן: 32, 33־34, 35, 47, 50—53, 54־55, 56, 59—61.

אַלע הערות זײַנען פֿון דער רעדאַקציע. זיי זײַנען געמאַכט אויפֿן סמך פֿון דער אינפֿאָרמאַציע וואָס מען קען באַקומען פֿון די ביכער וועגן ווילנער געטאָ און פֿון אָנווײַזונגען פֿון די פֿרײַנד: דינה אַבראַמאָוויטש, אַדעלע באַי, מ. ווײַנרײַך, אַבֿרהם כּהן, נחמה לובאָצקי־דלוגי, קאַטיאָ מגיד, אַבֿרהם מעלעזין, מינע סווירסקי, רחל פּופּקאָקרינסקי און ליבע שילדקרעט־דאַווידאָוויטש. מיר דאַנקען די דערמאָנטע פֿרײַנד פֿאַר זייער מיטהילף.

וועגן ז. קלמנאָוויטשן זען: ז. רייזען, לעקסיקאָן, באַנד 3, זז׳ 693—696; ייִוואָ־בלעטער, באַנד XXVI, נומ׳ 1, זז׳ 4—5; און אין די ווערק וועגן ווילנער געטאָ פֿון מ. דוואָרזשעצקי, אַ. סוצקעווער, ש. קאַטשערגינסקי און ר. קורצ׳אַק.

הײַנט, אַ יאָר נאָך דעם ווי די לעצטע מלחמה האָט אויסגעבראָכן, הייב איך אָן צו פֿאַרשרײַבן מײַנע זכרונות פֿון די פֿאַרגאַנגענע טעג. אַ שאָד וואָס איך האָב ניט געהאַט דעם מוט צו פֿאַרשרײַבן ווען די געשעענישן זײַנען נאָך געווען ווי לעבעדיק. איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועט זען די דאָזיקע זכרונות עמעצער וואָס דאַרף זיי ניט זען. און דער וואָס ווייס ניט פֿון קיין פּחד און וועט זיך דערוועגן און אײַנשטעלן דאָס לעבן, וועט קאָנען אויפֿהיטן פֿאַר דעם קומענדיקן דור די גענויע באַשרײַבונג פֿון דעם וואָס איז געשען



זעליג־הירש קלמנאָוויטש ז״ל (1881—1944)

לרשום את [illegible]
[illegible] כמלאות שנה לספר "המלחמה" באחרונה אני מתכונן
[illegible] הימים שעברו. אבל שלא כרצוני אין בנפשי לרשום [illegible] המאורע
[illegible] מאורעות נראים כמו חיים. [illegible] הייתי שמח ורואה מי שאיני
[illegible] להוציא את הרשימות. מי שלא ידע פחד ומי שהעיז וסכן
[illegible] נפשו – הוא יצליח לשמור לדור ובא את הספר המכונן על הקורות
[illegible] בשנה זו. הרגלתי אמונה שאנו הולכים וקרבים לגמר המלחמה,
[illegible] והיה לספר בגלוי מה שאנו רושמים בסתר. ומה שאני מתאר
היום בלשון מעורפל אוכל להמשיך ולגמור בלשון מפורשת.

יום ב' בבקר. ~~[illegible]~~ יום המנוחה שלנו
במשטר הסובייטי. עבודתי – עבודת מגיה בביהדפוס אינה מייגעת,
אך אינה מעניינת ולא נוגעת עד הלב. לפני ימים אחדים נסבה
השיחה על מצב הרוח ונמצא [illegible] ספר, שבעבודתו בחדר יושב
[illegible] יהודי אחד מאנשי המשטרה, [illegible] המשטרה, והוא הבטיח שמלחמה
לא תהיה. [illegible] הרבה [illegible] הבל ורעות רוח. אף על פי כן,
[illegible], הייתי מכבר שאלתי ואת אשתי ישלחו לקזחסטן עם כל ההמון
המאורגנים [illegible] לשם. – כשנגשתי, בלי חשוב הרבה, אל הרעיון, [illegible]
[illegible]: באחד הגנים [illegible] מספר ידבר: הקומיסר לעניני [illegible].
והנו נרגש לי, שדבר [illegible] מאד מתרחש. תמול שלשום דברו על
תמרונות של הגנה מהתנפלויות מן האויר: [illegible] אך לא
הוזמנו לפועל. והנה שהיום או מחר יצאו הסירנות

דאָס ערשטע זײַטל פֿון קלמנאָוויטשעס טאָגבוך

מיט אונדז אין דער דאָזיקער צײַט. מײַן האָפֿענונג איז שטאַרק אַז מיר דער־נענטערן זיך צום סוף פֿון דער מלחמה און מען וועט שוין קענען דערציילן עפֿנטלעך דאָס, וואָס מיר פֿאַרשרײַבן דאָ באַהאַלטענערהייט. און דאָס וואָס איך היב אָן הײַנט אין צער און קלעם, וועל איך קענען ממשיך זײַן און ענדיקן אין פֿרייד און דערלײַכטערונג.

זונטיק אין דער פֿרי.[1] עס איז דער מנוחה־טאָג אין דעם סאָוועטישן רעזשים. מײַן אַרבעט, אַ קאָרעקטאָר אין דער דרוקערײַ,[2] מאַטערט מיך ניט אויס, אָבער זי איז אויך ניט אינטערעסאַנט און רירט מיך ניט אָן. מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז געקומען צו רייד וועגן דעם מצבֿ, און חיים לעווין[3] האָט דערציילט, אַז בײַ זיי אין דירה וווינט אין אַ צימער אַ ייִדישער יונגער־מאַן, אַ הויכער באַאַמטער פֿון דער פּאָליציי, און ער האָט צוגעזאָגט אַז עס וועט קיין מלחמה ניט זײַן. „די באַריכטן פֿון ענגלישן ראַדיאָ זײַנען אָן אויסגעטראַכטע מעשׂה". און דאָך, האָב איך געענטפֿערט, וואָלט מיר געווען ניחא אַז מען זאָל מיך מיט מײַן פֿרוי שיקן קיין קאַזאַכסטאַן צוזאַמען מיט אַלע פּאַרטריבענע אַהין.[4] ווען איך בין סתּם אַזוי צוגעגאַנגען צום ראַדיאָ, האָב איך פּלוצעם דערהערט: אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועט ריידן דער קאָמיסאַר פֿאַר אויסלענדישע ענינים,[5] און עפּעס האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט אַז עס איז זייער אָן ערנצטער ענין. נעכטן און אייערנעכטן האָט מען גערעדט וועגן דעם ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן פֿון לופֿט־אַטאַקעס. מען האָט גערעדט וועגן דעם, אָבער מען האָט דאָס ניט דורכגעפֿירט. מען האָט זיך געריכט אַז הײַנט אָדער מאָרגן וועלן די סירענעס געבן דעם צייכן. אָבער דער קאָמיסאַר רעדט מיט זייער אַ ציטערנדיקער שטים, וואָס דאָס איז גאָרניט ווי זײַן דרך איז; דער שׂונא האָט אונדז די נאַכט באַפֿאַלן, אָן שום מלחמה־דערקלערונג, אָן שום פֿאָדערונגען, אָנגעפֿאַלן פֿון דער לופֿט אויף גראָדנע, קיִעוו, סעוואַסטאָפּאָל און נאָך אַנדערע שטעט. ערשט הײַנט אין דער פֿרי האָט דער אַמבאַסאַדאָר דערלאַנגט אַ קריגס־דערקלערונג. אין מיטן די ווערטער פֿון ראַדיאָ, דערהערן זיך קלאַנגען פֿון אויפֿרײַסן, און עראָפּלאַנען פֿליִען איבערן הימל. מיר ווייסן ניט צי זײַנען דאָס אונדזערע אָדער דעם שׂונאס, אָבער אין איינס זײַנען מיר זיכער — עס איז געקומען די שעה וואָס איז מכריע, די ליבע שותּפֿים זײַנען געוואָרן שׂונאים. עס דערנענטערט זיך דער טאָג, ווען די מענטשהייט וועט אויסגעלייזט ווערן פֿוןביידע צו־זאַמען און ווידער ווערן די זעלביקע גוטהאַרציקע מענטשהייט וואָס מיר האָבן געקאָנט אין אונדזער יוגנט. עס איז אויך קלאָר אַז די איבערגאַנג־תּקופֿה וועט

---

[1] ס'איז זונטיק דער 22סטער יוני 1941.

[2] זעליג קלמנאָוויטש ז"ל איז דורך דער סאָוועטישער מאַכט, וואָס האָט פֿאַרנומען ווילנע אין יוני 1940, אַראָפּגעזעצט געוואָרן פֿון זײַן אַמט אין ייִוואָ. ער איז געוואָרן אַ קאָרעקטאָר אין דער דרוקערײַ וואָס האָט געהאַט געהערט צו ב. קלעצקין.

[3] געוועזענער רעדאַקטאָר פֿון דער טאָגצײַטונג אין ווילנע די צײַט. ער האָט געוווינט אויף זאַוואַלנע גאַס.

[4] זען: חיים לזר (ליטאַי), חורבן ומרד, תּל־אָבֿיבֿ, 1950, ז' 18.

[5] וויאַטשעסלאַוו מאָלאָטאָוו.

זײַן אַ שווערע. מיר זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פֿון האַרבע האַרן און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל באַשיצן און מציל זײַן.

דאָס ערשטע געפּיל איז געווען אַ פּחד פֿאַר דעם אָנפֿאַל. דער אָנפֿאַל האָט זיך אָנגעהויבן אין אָוונט. עס איז ניטאָ קיין באַהעלטעניש. מיר זײַנען אַרונטער אין קעלער; דאָרטן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די אײַנוווינערס פֿון דעם הויז.[6] מען האָט אָבער מורא טאָמער וועט אַ באָמבע טרעפֿן דאָס הויז און מיר וועלן באַגראָבן ווערן אונטער דער חורבֿה. גייען מיר צוריק אין אונדזערע דירות. אָבער די ווענט און פֿענצטער ציטערן פֿון די אויפֿרײַסן. מיר זײַנען געבליבן אין קאָרידאָר און האָבן זיך געפּרוּווט אָנלענען אין דער וואַנט. איבער אונדזערע קעפּ האָט זיך געטראָגן דאָס גרילצן און זשומען פֿון די עראָפּלאַנען וואָס האָבן געשלײַדערט די באָמבעס; זיי האָבן זיך געדרייט איבער אונדז, און דער זשום האָט זיך געהערט אין אַ שטענדיקן ריטעם, וואָס האָט אַרײַנגעדרונגען אין די טיפֿענישן פֿון דער נשמה און האָט געוועקט אַ פֿינצטערע אימה. אויפֿגעהערט האָט איעדער געדאַנק. עס איז בלויז געבליבן דער טעמפּער אינסטינקט. סכותה לראשי ביום נשק.[7]

עס האָט גענומען טאָגן, איבער אונדז איז געקומען אַ שטילקייט. מיר זײַנען אַרויף אין אונדזערע דירות און זיך געלייגט, פֿאַרשטייט זיך, אין די מלבושים. טייל האָבן אָנגעהויבן דרעמלען און טייל זײַנען אָוועקגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן שלאָף, אויסגעמאַטערט פֿון די פּלאָגענישן פֿון דעם טאָג און פֿון דער נאַכט, און פּלוצעם: עס האָבן אַ טרייסל געטאָן די ווענט און עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג פֿון צעבראָכענע שויבן, דאָס עלעקטרישע ליכט האָט זיך געגעבן אַ צינד אָן און איז באַלד אויסגעגאַנגען. אין גרויס בהלה זײַנען מיר צוריק אַרונטער מיט די טרעפּ אין פּחד. אַז דאָס הויז וועט אויף אונדז אומ־פֿאַלן. אונדזער הויז האָט טאַקע די באָמבע ניט געטראָפֿן, זי האָט אָבער יאָ געטראָפֿן דאָס שכנישע הויז.

(איך האָב פֿאַרגעסן צו דערציילן: מ. רייזען,[8] וואָס האָט זיך באַהאַלטן לעצטע וואָך אויסער דער שטאָט, אין ניעמיעזש,[9] אין מורא פֿאַר ען־קאָ־ווע־דע אַז מען וועט זי פֿאַרטרײַבן פֿאַר די זינד פֿון איר מאַן און זון, איז אַרויס פֿון דאָרטן אין דער פֿרי בעת דער אַטאַקע און זי האָט געזען ווי אַזוי מען האָט באָמבאַרדירט דעם עראָדראָם).

אין דער פֿרי פּרוּוון מענטשן אַרויסגיין אין גאַס. עס קומען אַרײַן שכנים און קרובֿים. די רוסן אַנטלויפֿן אין אײַלעניש. די פֿרויען פֿון די אָפֿיצירן, וואָס וווינען אין די דירות איבער אונדז, קלאָגן: „וואָס וועט מיט אונדז געשען?

[6] ז. ק. האָט געוווינט אויף קיִעווער גאַס נומ׳ 7.

[7] פֿון תהלים, קמ, 8 — „האָסט באַשירעמט (אָדער: זאָלסט באַשירעמען) מײַן קאָפּ אין טאָג פֿון וואָפֿן״.

[8] מרים רייזען, די פֿרוי פֿון זלמן רייזען, וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט אים אַרעסטירט און שפּעטער אומגעבראַכט.

[9] ניעמיעזש, 6 קילאָמעטער פֿון ווילנע. עס איז ד״ר צמח שאַבאַדס גוט. דאָרטן האָט יעמאָלט געלעבט ד״ר שאַבאַדס אַלמנה.

מען האָט אונדז אָפּגענאַרט. ווו זײַנען אונדזערע אָדלערס?״ זיי צלמען זיך, קניִען און גיבן זיך איבער אין דער שוץ פֿון זייער גאָט. אָבער אין רחמים בדין. עס גייט אַרום אַ קלאַנג אַז אויף סלאָוואַצקע גאַס, אין הויז פֿון ד״ר זאַרצין, איז פֿאַראַן אַ זיכערער שוצקעלער. דאָרט פֿאַרזאַמלען זיך אַלע שכנים, דאָרטן ווינען די מחותּנים פֿון די אײַנוווינערס קעגן איבער אונדז. מיר[10] האָבן באַשלאָסן צו גיין אַהין צו באַשיצן זיך פֿון דער סכּנה. מיר זײַנען געלאָפֿן דורך דער פּוסטער גאַס. אויפֿן וועג האָבן מיר באַגעגנט איינצלנע זעלנערס, וואָס האָבן זיך אַ פּנים געאײַלט צום וואָקזאַל. מיר האָבן געזען בחורים און מיידלעך מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, לויפֿנדיק פֿון אימה פֿאַרן שׂונא. אויף אַלע טראָטואַרן איז צעבראָכן גלאָז. נאָך אַ מאָל אַ זשום פֿון עראָפּלאַנען. מיר דריקן זיך צו צו דער וואַנט. אָבער עס ווײַזט אויס אַז זיי מיינען ניט אונדז. מיר זײַנען געקומען צום טויער פֿון דעם הויז ווו אַהין מיר האָבן געוואָלט. אין טויער האָבן מיר געטראָפֿן צוויי פֿון שלומס האַדעוואַניקעס.[11] זיי זײַנען צעטומלט. ווו אַהין זאָלן זיי זיך קערן? זיי האָבן אויך געפּרוּווט אַנטלויפֿן. ווו זײַנען זיי איצט?

מיר זײַנען געבליבן אין קעלער אַ גאַנצן טאָג. פֿאַר נאַכט האָט אויסגע־בראָכן אַ שׂריפֿה אויף אונדזער גאַס אין דעם קינאָ פֿון די באַן־באַאַמטע. עס איז אַרויס אַ קלאַנג אַז דאָס פֿײַער האָט זיך פֿאַרשפּרייט און איז שוין געקומען ביז צו אונדזער הויז. עס איז געווען אַ פֿאַלשער קלאַנג. נאָר אונדזערע שכנים האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים. מיר האָבן געוואַרט און זיי זײַנען שוין מער ניט געקומען צוריק [צו אונדז אין קעלער]. עס ווײַזט אויס אַז מען קאָן שוין קומען אַהיים. מיר זײַנען אויך אַרויס. בײַ נאַכט זײַנען מיר צוריק אין קעלער [פֿון אונדזער הויז]. ...[12] איז צוריקגעקומען.

אויך די דריטע נאַכט, פֿון דינסטיק אויף מיטוואָך, זײַנען מיר געבליבן וואַרטן אויף אַ באַגעגעניש מיט די זיגערס. מיר האָבן זיך צוגעגרייט אויף אַלעם בייזן. איך בין געבליבן אין צימער. איך האָב מורא געהאַט זיך צו באַווײַזן אין דרויסן. די פֿרויען פֿלעגן אַרויסגיין פֿון צײַט צו צײַט צו ברענגען עפּעס עסן. דער עיקר האָבן אונדז אונדזערע פּוילישע שכנטעס אַרויסגעהאָלפֿן צו באַקומען גרינסן און אַנדערע זאַכן. עס זײַנען געקומען באַקאַנטע אויף באַזוך — דער פּליט פֿון בערלין און זײַן פֿרוי, זאַלי און גערדאַ.[13] זיי האָבן דער־ציילט, אַז די זעלנערס, די זיגערס, באַציִען זיך פֿרײַנדלעך צום פֿאָלק, טיילן

[10] ז. ק. און זײַן פֿרוי ריוועלע.

[11] שלום איז ז. ק.׳ס זון. זײַנע האַדעוואַניקעס אָדער תּלמידים — אַ גרופּע פֿון „השומר הצעיר״.

[12] די שטעל אין אָריגינאַל איז אומקלאָר, מסתּמא איז עס די פֿרוי ידי׳ אָדער י״ד שעפּטל (אויך דער פֿאַמיליע־נאָמען איז ניט זיכער).

[13] אַ ייִדיש פּאָרפֿאָלק פֿון בערלין. בעת דעם גירוש פֿון ייִדן, פּוילישע בירגערס, פֿון דײַטשלאַנד זײַנען זיי צוזאַמען מיט טויזנטער ייִדן אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דעם באַרימטן זבאָנשין, פּוילן. שפּעטער זײַנען זיי געקומען קיין ווילנע און געוווינט בײַ קלמנאָוויטשן אין זײַן פֿריִערדיקער דירה אויף קליין־סטעפֿאַן־גאַס נומ׳ 3.

פּאַפּיראָסן, שטייען אין די ייִדישע גאַסן, אין שולהויף האָבן זיי געמאַכט אַ פּלאַץ פֿאַר זייערע וועגענער, אָבער זיי טשעפּען קיינעם ניט.

איך האָב זיך געוווּנדערט. אָבער די זאַך איז פּשוט: דאָס זײַנען פּשוטע זעלנערס, סאָלדאַטן פֿון פֿראָנט. זיי האָבן אין זינען די מלחמה. מען האָט זיי געגעבן אַ באַפֿעל אַז זיי זאָלן זיך באַציִען פֿרײַנדלעך צו די אײַנוווינערס פֿון די אײַנגענומענע ערטער און זיי האָבן אויסגעפֿירט דעם דאָזיקן באַפֿעל. אָפּ־צורעכענען זיך מיט ייִדן איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדערן שטאָב, און ער וועט שוין טאָן וואָס עס איז אויף אים אַרויפֿגעלייגט געוואָרן, גרינטלעך, מיט דער גאַנצער סיסטעמאַטישקייט און פּינקטלעכקייט פֿון דער דײַטשער מאַשין. עוד חזון למועד.

פֿאַר אונדזער הויז שטייען וועגענער. אין דער גאַס גייען פֿאַרבײַ גאַנצע מחנות זעלנערס, אויף אויטאָמאָבילן, וועלאָסיפּעדן, גאָר אָן אַ שיעור. טייל מאָל שטעלן זיי זיך אָפּ רוען פֿאַר אונדזערע פֿענצטער. זיי האָבן זיך אויסגעקליבן ווי אַן אָפּרואָרט די נאָענטע שול, דעם מכּבי־פּלאַץ און דעם מאַרק. אויף אונדז קוקן זיי זיך אַפֿילו ניט אום. אין די הײַזער גייען זיי אויך ניט אַרײַן. זיי האָבן אויך איבערגענומען דאָס הויז פֿון די באַנאַרבעטערס, דאָרטן האָט מען געזונגען אַ גאַנצע נאַכט. ווײַזט אויס אַז מען האָט אויך געטרונקען. דעם בראָנפֿן וואָס איז געווען אין געשעפֿט פֿון אונדזער הויז האָבן די זעלנערס צוגענומען. עס איז דאָך זייערס אין רעכט פֿון זיגערס. אַבי זיי זאָלן אונדז ניט טשעפּען.

אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט די וואָך. עס איז אַריבער יוני און זיך אָנגע־הויבן יולי. עס האָבן זיך באַוויזן מודעות פֿון דער מאַכט, פֿון דער מיליטערישער מאַכט. עס האָט זיך באַוויזן אַ ליטווישער שטאָט־קאָמיטעט. עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ פּאָליציי. די ערשטע טעג האָבן מיר ניט גע־הערט וועגן גוואַלדטאַטן. בלי ספֿק זײַנען זיי געווען. עס זײַנען געווען אַרעסטן. עס האָט זיך באַוויזן אַ מודעה וועגן ערבֿניקעס, 40 ייִדן און 10 פּאָליאַקן. צווישן די ייִדן איז דער אָרעמער הערשל — דער סטרוזש פֿון ייִוואָ.[14] די ערבֿניקעס זײַנען ניט מענטשן וואָס מע קען זיי. דינסטיק אָדער מיטוואָך באַווײַזט זיך פּלוצעם זלמן מײַזנער.[15] ער איז געווען אַרעסטירט פֿון דער ען־קאַ־ווע־דע פֿאַר דעם חטא פֿון אימיגראַציע. מען האָט אים אַוועקגעזעצט אין אַ וואַגאָן מיט נאָך הונדערטער אַרעסטאַנטן. כּדי זיי צו פֿירן קיין רוסלאַנד, אָבער די שומרים האָבן געמאַכט פּליטה און זיי איבערגעלאָזן אַליין, האָבן זיי אויפֿגעבראָכן די טירן און אַנטלאָפֿן. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אויך צוריק־געקומען רחל טשערניכאָוו.[16] זי איז געווען אַרעסטירט אין ווילייקע איבער

---

[14] צוזאַמען מיט די איבעריקע ערבֿניקעס האָט מען אים גענומען אין תּפֿיסה (לוקישקעס) און פֿון דאָרטן — אין פּאָנאַר, ווו מען האָט אים אומגעבראַכט.

[15] זען: ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XXVI, נומ׳ 1, זז׳ 13־14. זלמן מײַזנער איז פֿון וואַרשע גע־לאָפֿן קיין ווילנע. אין דעם איז באַשטאַנען זײַן „חטא פֿון אימיגראַציע".

[16] די פֿרוי פֿון יוסף טשערניכאָוו, וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט אים אַרעסטירט און שפּעטער אומגעבראַכט.

די זינד פֿון איר מאַן. עס איז געווען אַן אַטאַקע אויף דער שטאָט. פֿון ווילייקער תּפֿיסה האָט מען באַוויזן אַרויסצונעמען די מענער. די פֿרויען און די קראַנקע מענער זײַנען געבליבן, זײַנען זיי אַנטלאָפֿן און צוריקגעקומען צו פֿוס. אויפֿן וועג האָבן די ווײַסרוסישע פּויערים אַרויסגעוויזן סימנים פֿון פֿײַנדשאַפֿט צו די ייִדן. מיט דער הילף פֿון פּוילישע פֿרויען זײַנען צוויי פֿרויען, פֿרוי צ.[17] און אַ מיידל פֿון ביאַליסטאָק, אָנגעקומען פֿון ביאַליסטאָק קיין ווילנע. עס איז זיי ניט געווען לײַכט זיך אײַנצואָרדענען איבער דעם וואָס זיי האָבן ניט געהאַט קיין געהעריקע דאָקומענטן. זיי האָבן זיך באַזעצט אין דעם צימער וווּ זי האָט געוווינט אין דער צײַט פֿון די גדולים.[18] אָבער אירע רוטעג זײַנען געווען געציילטע, ווי מיר וועלן דאָס ווײַטער זען.[19] זאָל זי דערמאָנט ווערן צום גוטן וואָס דורך דער דערציילונג פֿון אירע לײַדן האָט זי אַרײַנגעגעבן אין מײַן האַרץ אַ געפֿיל פֿון גלויבן און בטחון. אָ, וויפֿל די פֿרוי האָט געליטן און וויפֿל צרות זי האָט זיך אָנגעזען אין די לעצטע יאָרן. אָבער דעם ווילן צו לעבן האָט זי ניט פֿאַרלאָרן, און אָט דער ווילן איז איר בײַגעשטאַנען צו בלײַבן לעבן אין דער תּפֿיסה פֿון די גדולים, ניט געקוקט אויף איר קראַנג־קייט. זי האָט דערציילט: בעת דער לופֿט־אַטאַקע זײַנען אַלע פּוילישע פֿרויען — עטלעכע צענדלינג — אין איר תּפֿיסה־צימער געפֿאַלן אויף די קני און געבעטן צו זייער גאָט, און זי האָט זיי מקנא געווען וואָס זי קאָן זיך ניט מצרף זײַן צו זייער גלויבן.

אויבן האָב איך דערמאָנט גוואַלדטאַטן. איך דערמאָן זיך ניט צי מען האָט אין יענע טעג דערציילט וועגן אַזעלכע זאַכן. דאַכט זיך מיר אַז עס איז כּמעט קיינער פֿון דרויסן צו אונדז ניט אַרײַנגעקומען. נאָר זלמן פֿלעגט אַרײַן און אַרויס, און ער איז אויך ניט געגאַנגען ווײַט. בלויז נאָך דעם האָב איך געהערט וועגן ייִדן וואָס מען האָט געהרגעט אויפֿן בית־הקבֿרות. און אַ סך שפּעטער האָב איך געפֿונען אין די שריפֿטן פֿון דער חבֿרה קדישא פֿון דער קהילה אַז דעם 24סטן אָדער 26סטן יוני זײַנען געהרגעט געוואָרן צוויי אָדער דרײַ מענטשן, אָנגעשטעלטע אויפֿן בית־הקבֿרות, מען האָט זיי דערשאָסן. איך האָב אויך געהערט אַז אויף נאָוואָגראָדער גאַס איז מען אָנגעפֿאַלן און דער־הרגעט ייִדן. אָבער שפּעטער האָב איך גאָרניט געהערט, ביז דעם אַרײַנגיין אין געטאָ.[20]

נאָך איין עפּיזאָד. דינסטיק זײַנען געקומען עדיאַ[21] און איר מוטער. זונטיק האָט עדיאַס מאַן באַשלאָסן, נאָך אַ ביסל אַרומוואַנדערן, אַוועקצוגיין.

---

[17] עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אויסצוגעפֿינען ווער דאָס איז געווען.

[18] גדולים באַטײַט באָלשעוויקעס, אַן אויסדרוק פֿאַר זיי נאָך פֿון סאַמע אָנהייב פֿון סאָוועטישן רעזשים אין רוסלאַנד. מיטן וואָרט גדולים ווערן ווײַטער באַצייכנט אין טאָגבוך הן די סאָוועטישע מאַכט, הן קאָמוניסטן בכלל.

[19] שפּעטער ווערט וועגן די צוויי פֿרויען ניט דערציילט.

[20] דאָס איז געשען דעם 6טן סעפּטעמבער 1941. דער זאַץ איז אַ מאָדנער: טויזנטער ווילנער ייִדן זײַנען אומגעקומען ביז מען איז אַרײַן אין געטאָ.

[21] עדיאַ פֿרומקין, די טאָכטער פֿון ד״ר אַלטער פֿרומקין (זען ווײַטערדיקע הערה).

ער איז אַוועקגעגאַנגען. ווען די יונגע פֿרוי איז געקומען, האָט זי אים געזוכט און שטאַרק עגמת־נפֿש געהאַט דערפֿון. אָבער זי האָט געדאַרפֿט זאָרגן וועגן זיך און וועגן איר מוטער. האָבן מיר באַשלאָסן אַז זיי זאָלן דאָ ניט בלײַבן, נאָר זאָלן צוריקגיין אַהיים און זײַן צוזאַמען מיט אַלטערן.[22] די זאַך איז ניט געווען אַזוי גרינג. מיר האָבן צונויפֿגעקליבן דאָס ביסל געלט וואָס מיר האָבן געהאַט און זיי געגעבן. זיי האָבן געדונגען אַ פֿורמאַן פֿון די פֿורמאַנעס פֿון שטאָט, ער זאָל מיט זיי פֿאָרן ביז ווי ווײַט מען קאָן. אויב עס וועט נייטיק זײַן, זאָלן זיי געווען גרייט צו גיין צו פֿוס, פּונקט ווי זיי זײַנען געקומען פֿון דרוזגעניק. אין אַ טאָג צען אָדער מער נאָך דעם איז געקומען אַ ליטווינער, זייערער אַ באַקאַנטער, און איבערגעגעבן אַ צעטל פֿון זיי און דערציילט וועגן זיי. זיי זײַנען מיט שוועריקייט אָנגעקומען אין זייער היים. אָבער די היים האָבן זיי געפֿונען אַן אויסגעליידיקטע. אַלץ האָט מען צעראַבירט. אַלטער איז ניט געווען. ער איז נעלם געוואָרן. אין די ערשטע טעג, ווען די באַנדעס האָבן געקעמפֿט מיט דעם אָפּטרעטנדיקן מיליטער, האָבן זיי זיך געוואָרפֿן אויף די ייִדישע הײַזער און אַ סך ייִדן אויסגעהרגעט, אפֿשר טויזנטער. צווישן זיי איז אַ פּנים אויך געפֿאַלן אַ קרבן אַלטער. אַזוי איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אַ גוטהאַרציקער מענטש, פֿול מיט לעבן און הומאָר. זיבן און דרײַסיק יאָר האָב איך אים געקאָנט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס יאָר. דאָס איז געווען דער ערשטער קרבן — און דער סוף איז נאָך אַלץ ניטאָ. עד מתי אלהי הרוחות?

עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין די ליטווישע צײַטונג.[23] עס איז נייטיק געווען צו וויסן וואָס איז דער ציל פֿון די נײַע האַרן, ווי אַזוי האָבן זיי בדעה אויסצופֿירן זייער פּראָגראַם לגבי אונדז, וואָס מיר זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין זייער נעץ אַרײַן אין די הונדערטער און טויזנטער. ווי אַזוי וועלן זיי אויספֿירן די פֿאָרויס אָנגעצייכנטע פּראָגראַם? מיר האָבן געוווּסט אַז זי וועט זײַן אַ ביטערע. אָבער דעם טעם און די מאָס פֿון דער ביטערניש האָבן מיר נאָך ניט געוווּסט. אַ שרעק האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען. דער טעם פֿון עסן איז בײַ מיר פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון מויל. אַ מערכה וואָס עס איז ניט געווען קיין אַפּעטיט צום עסן, וואָרעם עס איז שווער געווען צו באַקומען עסנוואַרג. מען האָט שוין אָנגעהויבן צו טרײַבן ייִדן פֿון די רייען, עס איז פֿאַרבאָטן געווען אַרײַנצוגיין אין אַ קראָם. שפּעטער האָט מען אויך באַשטימט ספּעציעלע קראָמען פֿאַר ייִדישע קונים. אמת, די קריסטן האָבן געהאָלפֿן. זיי האָבן פֿון אונדזערט וועגן געקויפֿט און אויך פֿאַרקויפֿט אונדז אין דער שטיל. אַ דאַנק זיי דערפֿאַר. די מענטשלעכע באַציִונג פֿון די שטאָטישע בירגערס האָט אונדז אונטערגעהאָלפֿן. מיר דאַרפֿן זײַן זייער דאַנקבאַר פֿאַר דעם דאָזיקן געפֿיל.

עס איז אַרויסגעקומען די נײַע ליטווישע צײַטונג. מען דאַרף זען וואָס די דאָזיקע מענטשן האָבן צו זאָגן. עס איז קלאָר — זיי זײַנען געטרײַע דינערס וואָס פֿילן אויס דאָס געבאָט פֿון זייערע האַרן. אָבער אויך וועגן זייערע

[22] ד״ר אַלטער פֿרומקין, לערער פֿון דער העברעיִשער רעאַל־גימנאַזיע אין קאָוונע, וואָס איז געבליבן שטעקן אין דרוזגעניק, וווּהין ער איז געפֿאָרן אויף וואַקאַציע.

[23] אַ פּנים *Laikas*.

אייגענע געפילן הערן מיר פון זיי. עס האָט זיך אַרויסגעריסן די איינגעהאַל־טענע שׂינאה, די טעמפּקייט איז אַנטפּלעקט געוואָרן. עס איז קיין חידוש ניט. דערציילונגען וועגן דער באַפרייונג פון דער רויטער קנעכטשאַפט. באַוואָפנטע גרופּעס, וואָס האָבן זיך שטילערהייט אָרגאַניזירט אין די לעצטע טעג, האָבן איינגענומען די שטעט. דערציילונגען וועגן אַכזריותדיקע מעשׂים פון דעם סאָוועטישן רעזשים. קודם־כּל האָב איך זיך ניט געגלייבט, אָבער עס איז געקומען פרוי צ.[24] און עס איז געקומען אַ באַקאַנטער פון קאָוונער געגנט און זיי האָבן דאָס אַלץ באַשטעטיקט. ס'איז געווען אַזוי: מען האָט געשאָסן מיט מאַשינ־ביקסן אויף דעם לאַגער פון די געפאַנגענע, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט מיטנעמען. מען האָט געפייניקט מענטשן מיט שטעכעדיקע דראָטן אַרום דעם האַלדז. דער כּושי האָט ניט געביטן זײַן קאָליר. און דאָס איבערגיין פון רויטע אויף ייִדן איז פּשוט און גרינג: מיר זײַנען באַפרײַט געוואָרן אויך פון די ייִדן. לאָמיר זיך קליגן און וויסן וואָס צו טאָן. מען האָט אָנגעהויבן אָפּצוזאָגן ייִדישע אַרבעטערס פון אַלע שטעלן און אַרבעטן, — מען דאַרף זיך אָפּשיידן פון זיי. די נײַע ליטע גייט אַרײַן אין קרײַז פון דער נײַער אייראָפּע. דער גרויסער פירער אין זײַן גרויס גענאָד נעמט אונדז אָן און מיר דאַרפן זײַן ווערט דורך מקיים זײַן די תּורה זײַנע. און זי איז אַ תּורה פון לעבן פאַר אונדז. לאָמיר זיך באַפרײַען פון דער קנעכטשאַפט פון די רויטע ייִדן. מיט אַ געפיל פון צושטימונג און צופרידנקייט וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט דרוקט מען בריוו פון דער פּראָווינץ: דאָ און דאָרט פאַרענטפערט מען די ייִדישע פראַגע אויף אַ קאָנקרעטן און ראַדיקאַלן אופן.

אַזוי שטייט דאָרט בפירוש. ווען איך האָב געלייענט די דאָזיקע ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען זייער באַטײַט. איך ווייס ניט וואָס אַנדערע האָבן זיך גע־טראַכט, בעת זיי האָבן דאָס געלייענט, אָבער די מעשׂים וואָס האָבן געטראָפן אין די קומענדיקע חדשים, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו „פאַרענטפערן" די ייִדישע פראַגע אויך אין די גרעסערע שטעט, אין ייִשובֿים פון טויזנטער און צענער טויזנטער, האָבן באַשײַמפּערלעך באַוויזן וואָס זיי זײַנען און וואָס זייערע מעשׂים זײַנען און וואָס מיר זײַנען פאַר זיי. זאָלן זיי זײַן וואָס זיי זײַנען, אָבער מיר — נתן אותי אלהים בידי לא אוכל קום.[25]

אמת, זינדיקן האָבן מיר געזינדיקט — קעגן זיך אַליין. די שולד איז אונדזערע. מיר האָבן ניט געזען די צייכנס פון דער צײַט. הערן האָבן מיר געהערט, אָבער פאַרשטיין האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען. ווען דער צורר איז געקומען צו דער מאַכט, האָט איינער פון די שרײַבערס געשריבן: שפּאַרט זיך ניט אײַן דווקא צו בלײַבן צווישן אונדז, עס וועט זיך אײַך ניט אײַנגעבן. זוכט זיך אויס אַ פּלאַץ מעבֿר לים, מיר וועלן אײַך העלפן אין דעם. פון

[24] אפשר די זעלביקע פרוי וואָס איז פריִער דערמאָנט (זען הערה 17), אָדער אפשר פרוי טשערניכאָוו.

[25] איכה, א, 14, „גאָט האָט מיך געגעבן אין די הענט [פון די] וואָס איך קען ניט אויפשטיין [קעגן זיי]". דער פּסוק זאָגט: „נתנני אדני..." ז. ק. ציטירט דאָ, ווי אויך ווײַטער אין אַ סך אַנדערע שטעלן, על־פּי זכרון.

דער ווײַטנס וועלן מיר אפשר זײַן גוטע־פרײַנד. איר זײַט ניט ערגער אָדער נידעריקער, נאָר איר זײַט פרעמדע, מיר ווילן אײַך מער ניט לײַדן צווישן אונדז. מיר ווערן פֿאַרפֿעסטיקט, מיר ווערן איצטער ווי פֿון איין שטיק, ווי מיר זײַנען דאָס נאָך קיין מאָל ניט געווען. אײַער זײַן אין אונדזער מיט שטערט. אַרויס פֿון דאַנען! קיינער משלנו, פֿון אַלע אונדזערע פֿירערס, האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף די דאָזיקע אויפֿריכטיקע ווערטער, אַפֿילו ניט די ציוניסטן. זיי האָבן ניט געגלייבט אַז ארץ־ישׂראל וועט קאָנען אויפֿנעמען די דײַטשע ייִדן — וואָס וועגן זיי האָט זיך עס יעמאָלט גערעדט. עמיגראַציע האָט יעמאָלט געמיינט זוכן אַן אַנדער טעריטאָריע, און דאָס האָבן זיי ניט געוואָלט. אַ פּאַר־שטיקטן אָפּקלאַנג האָבן דער דאָזיקער רוף און מעשׂים, וואָס זײַנען געשען יעמאָלט אין דײַטשלאַנד, געפֿונען בײַ די רעשטלעך פֿון די טעריטאָריאַליסטן[26] און בײַ יחידים, וואָס האָבן זיך מצרף געווען צו זיי דאָ און דאָרט, — די אָרעמע גרופּע „פֿרײַלאַנד”. אַפֿילו צו קיין לײַטישן אָרגאַן האָט די דאָזיקע „באַוועגונג” זיך ניט דערשלאָגן. מיט וואָס האָט זיך דאָס וועלט־ייִדנטום יעמאָלט פֿאַרנומען? עס האָט כּלומרשט דערקלערט אַ מלחמה דעם ביטערן שׂונא. מיט קמיעות און השבעות און חרם האָט מען געמיינט צו ברעכן זײַן מאַכט. מען האָט זיך אים געשטעלט אַנטקעגן און דערוועקט זײַן כּעס. און מען האָט ניט דערזען אויף וויפֿל דער דאָזיקער מענטש, און דער עיקר דאָס דאָזיקע פֿאָלק, האָבן דערוועקט סימפּאַטיע, און וויפֿל האָפֿענונגען עס האָבן אָנגע־קניפּט אין דער דאָזיקער באַוועגונג אַלע פֿעלקער פֿון אייראָפּע. זי וועט ברענגען די באַפֿרײַונג פֿון דער אימה פֿאַר רעוואָלוציע וואָס האַלט אין קומען. אונדזערע מענטשן האָבן ניט פֿאַרשטאַנען אַז זיי קעמפֿן ניט קעגן דעם שׂונא, נאָר קעגן דער גאַנצער אויפֿגעקלערטער וועלט. אמת, עס האָבן טאַקע זיך געהערט דאָ און דאָרט שיינע ווערטער און זיסע רייד לטובֿתנו, מען האָט גע־שריבן אַרטיקלען, מען האָט געלייענט דעקלאַראַציעס, אָבער קיינער האָט ניט קיין ריר געטאָן מיט אַ האַנט, ניט אויפֿגעהויבן קיין פֿינגער קעגן דער באַוועגונג. מיר זײַנען געבליבן אַליין אויף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס. ער האָט אויך געפֿונען אין פּוילן ווילע תּלמידים, וואָס זײַנען געגאַנגען אין זײַנע פּוסטריט. דאָרטן האָבן זיי ניט באַוויזן דורכצופֿירן זײַן פּראָגראַם תּיכּף ומיד, אָבער זיי האָבן זיך דערנענטערט צום ציל טריט בײַ טריט. און מיר — וואָס? די פֿירערס און די ראָשי־המדבּרים און די שרײַבערס פֿון די צײַטונגען? 'פֿאַר אונדזערע פּאָזיציעס וועלן מיר קעמפֿן, און זאָל קומען וואָס עס וועט קומען. מיר האָבן דאָס רעכט אויף עקסיסטענץ, מיר זײַנען בירגערס, אין נאָמען פֿון יושר און גערעכטיקייט אאַז"וו אאַז"וו. מיר וועלן פֿון דאַנען ניט אָפּטרעטן — און דער נצחון מוז קומען'. און מיר האָבן זיך אײַנגעגראָבן מיט אַלע אונדזערע כּוחות אין דעם באָדן וואָס האָט זיך געטרייסלט אונטער אונדזערע פֿיס. און מיר האָבן ניט פֿאַרויסגעזען אַז אין אונדזער לאַגע צווישן האַמער און קאָוואַדלע וועלן מיר אַרויס בשן ועין. איצט איז קלאָר די זאַך אַז מען האָט ניט גע־

---

[26] ז. ק. האָט דאָ אין זינען בן־אַדירס בראָשור פֿאַרן געשיכטלעכן יום־הדין, פּאַריז, 1940.

דאַרפֿט קעמפֿן פֿאַר פֿאַרלוירענע פּאָזיציעס, וואָס עס איז ניט געווען קיין שום האָפֿענונג זיי צו האַלטן, אַז מען האָט זיך ניט געטאָרט אײַנעקשנען. איצט איז קלאָר פֿאַר אַלעמען וואָס עס איז געווען דאָס געבאָט פֿון דער געשיכטע, וואָס עס איז געווען דאָס וואָרט פֿון גאָט דורך מעשׂים און ניט דורך חזיונות, דורך ממשותדיקע געשעענישן און ניט דורך ווערטער פֿון נבֿואה. די געשעענישן האָבן גערופֿן: ייִדיש פֿאָלק, גיי אַרויס פֿון דער איבערקערעניש! און מיר — מיר האָבן עס ניט פֿאַרשטאַנען.

זונטיק דעם 26סטן יולי.[27] שוין אַ היפּשע צײַט ווי איך האָב ניט געהאַט קיין צײַט צו פֿאַרשרײַבן. די פֿאַרגאַנגענע וואָך זײַנען מענטשן פֿאַרבעטן געוואָרן צום קאָמענדאַנט[28] צו באַטראַכטן אַ פּלאַן פֿון אויפֿשטעלן „אַ מאָנומענט דעם געטאָ".[29] מענטשן ווילן „פֿאַרבלײַבן אין דער געשיכטע". זיי זײַנען דערצו באַרעכטיקט. עס ווערן צונויפֿגעשטעלט אַלבאָמען: 1) אַן אַלבאָם פֿון אַקטיאָרן, 2) אַן אַלבאָם פֿון שאַפֿונגען, 3) מען האָט אַנאָנסירט פּרעמיעס פֿאַר לידער, פּראָזע, דראַמע. מען רעדט אַז עס זײַנען אָנגעקומען איין און צוואַנציק טויזנט מעטער האָלץ און מען דאַרף עס צעהאַקן. מען וועט בעטן 400 יונגע־לײַט; ווער עס וועט אַליין קומען וועט באַקומען אַ קוואַדראַט־מעטער האָלץ יעדן חודש.

דאָנערשטיק און פֿרײַטיק האָט מען ווידער געזוכט אַלטע און שוואַכע לײַט, און פֿרײַטיק האָט מען גענומען פֿון שפּיטאָל האָפֿענונגסלאָזע קראַנקע, עס ווײַזט אויס העכער 80 אַזעלכע. זיי האָבן פֿאַרלאַנגט, אַזוי דערציילט מען, אַן ערך 300 מענטשן.[30] און דער ענטפֿער איז געווען: מיר האָבן ניט מער. די יונגע־לײַט און פֿרויען פֿון דער פּאָליציי וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די אַלטע האָבן קיין מנוחה ניט. די זאַך איז קלאָר. איך האָב קיין ווערטער ניט אויסצודריקן דעם צער פֿון די פֿאַרמישפּטע. אײַערנעכטן האָט מען אַהיים געשיקט 6 אַלטע מענער און פֿרויען.

דער שינוי אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון געטאָ[31] הייבט אָן, ווי איך האָב

[27] אין יאָר 1942. עד כּאַן — פֿאַרשריבן דעם 22סטן יוני 1942. די כּוונה איז געווען צו פֿירן אַ באמתן טאָגבוך, אָבער שוין צווישן דער ערשטער און צווייטער פֿאַרשרײַבונג זײַנען אַוועק פֿינף וואָכן.

[28] דער קאָמענדאַנט פֿון דער ייִדישער פּאָליציי יעקבֿ גענס. אומעטום ווײַטער אין טאָג־בוך ווערט ער אָנגערופֿן — דער קאָמענדאַנט. וועגן אים זייער אַ סך מאַטעריאַל אין אַלע ביכער וועגן ווילנער געטאָ.

[29] ז. ק. האָט אין זינען דעם געטאָ־אַרכיוו און דעם געטאָ־מוזיי. זען: ד"ר מאַרק דוואָר־זשעצקי, ירושלים דליטא, אין קאַמף און אומקום, פּאַריז, 1948, ז' 243; אַבֿרהם סוצקעווער, ווילנער געטאָ, בוענאָס־אײַרעס, 1947, זז' 109—110; דינה אַבראַמאָוויטש, „ווילנער געטאָ־ביב־ליאָטעק", זאַמלבוך ליטע, בוך איינס, נ"י, 1951, זז' 1675—1676.

[30] דאָ ווערט דערציילט וועגן דער „אַקציע פּאָספּעשקי", דעם 16טן און 17טן יולי. מען האָט די אַלטע לײַט אײַנגערעדט אַז מע פֿירט זיי אויף דאַטשע קיין פּאָספּעשקי, אַ פֿאָרשטאָט פֿון ווילנע.

[31] אַנשטאָט דעם ייִדנראַט איז די השגחה איבערן געטאָ פֿאָרמעל אַריבער צום קאָמענדאַנט, מיטן טיטל „געטאָ־פֿאָרשטייער". ס'איז געשען דעם 15טן יולי 1942. זען: דוואָרזשעצקי, דצ"וו, ז' 142.

זיך געריכט, אַרויסצוווײַזן זיך בשײַכות מיט מײַן מצבֿ. דער פֿרײַנד פֿון פֿריִערדיקע יאָרן [32] מוז ווײַזן אַז ער איז ניט נושׂא פּנים. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט דער ענין קלאָרער ווערן.

אין ייִוואָ האָט מען אָנגעהויבן אַרײַנצולייגן אין קעסטלעך די ביכער וואָס דער הער ביבליאָטעקאַר [33] האָט אויסגעקליבן. אַרום 90 קעסטלעך זײַנען גרייט. מען האָט געבראַכט אַ סך פֿון דער רוסישער ליטעראַטור — מאַטעריאַל אויף פּאַפּיר. צו וואָס מען פֿירט אים ניט גלײַך אין דער פֿאַבריק, פֿאַרשטיי איך ניט. „והמשכיל ידום" [34] — מיר דאַרפֿן ניט וויסן וועגן די דאָזיקע ענינים. איצטער גרייט מען זיך צו אַן אויסשטעלונג. עס וועלן קומען חשובֿע געסט פֿון דער הויפּטשטאָט. מאָרגן וועט מען אָנהייבן אונדז ברענגען דעם מוזיי.[35]

פֿרײַטיק דעם 31סטן [יולי]. אַ גאַנצע וואָך האָב איך קיין צײַט ניט געהאַט צו פֿאַרשרײַבן. מיר האָבן געאַרבעט ביז 6 אַ זייגער. מיר האָבן זיך געגרייט צו דער אויסשטעלונג. עס זײַנען דאָ געווען פֿאַרשיידענע אויסריידן. ביני לביני זײַנען פֿאָרגעקומען פֿאַרשיידענע שווערע געשעענישן, און עס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, וואָס ס'איז כּדאַי זיי צו פֿאַרשרײַבן, און איך וועל זיי פֿאַרשרײַבן טאַקע שטאַרק בקיצור, ווײַל עס ווערט שפּעט. דינסטיק האָט מען ליקווידירט דעם מושבֿ־זקנים און דעם שפּיטאָל,[36] 84 מענער און פֿרויען, צווישן זיי אַן 80יאָריקע זקנה פֿון אַ קריסטלעכן מושבֿ־זקנים, וואָס האָט זיך געשמדט נאָך מיט 65 יאָר צוריק. עס איז אוממיגלעך אַרײַנצודרינגען אין [דעם האַרץ] פֿון מענטשן וואָס פֿירן דורך אַזאַ מין באַפֿעל. דער אייבערשטער זאָל אָפּהיטן.

אַ זיצונג פֿון קאָמיטעט [37] פֿאַר דעם מוזיי פֿון געטאָ, אַוועקצושטעלן אַ מאָנומענט פֿאַר געשעענישן און מענטשן. די אויסשטעלונג איז געקומען געבן אַ באַווײַז פֿון דעם קולטורעלן כּוח פֿון ייִדישן פֿאָלק. די טוערס האָבן באַשלאָסן: פּונקט ווי בלעם, געוואָלט האָט ער שילטן און בעל כּרחו האָט ער געבענטשט. אַפֿילו דער ווינקל פֿון די גדולים טוט אונדז אויך קיין בושה

---

[32] באַנק־דירעקטאָר אַהרן לאַנגבאַרט.

[33] עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אויסצוגעפֿינען מיט זיכערקייט ווער ס'איז געווען דער דײַטש וואָס ז. ק. האָט אים דאָ אין זינען.

[34] עמוס, יג, 5, המשכיל בעת ההיא ידם כי עת רעה היא. תּרגום יהואָש: „דערום שווײַגט דער פֿאַרשטענדיקער אין אַזאַ צײַט, ווײַל אַ בייזע צײַט איז דאָס".

[35] משמעות דעם מוזיי פֿון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט אָדער דעם אַנסקי־מוזיי.

[36] די אַקציע פֿון 28סטן יולי 1942. ווערט ניט דערמאָנט ניט בײַ דוואָרזשעצקי, דצ"וו, „דאַטן", זז' 497—500, ניט בײַ ש. קאַטשערגינסקי, חורבן ווילנע, ניו־יאָרק, 1947, „כראָנאָלאָגיע פֿון טויט", זז' 29—32. דער שפּיטאָל וואָס ווערט דאָ דערמאָנט איז אַ פּנים דער שפּיטאָל פֿאַר משוגעים.

[37] אין דעם קאָמיטעט זײַנען געווען: געגס, הערמאַן קרוק, ז. קלמנאָוויטש, בליאַכער און נאָך אַ פּאָר מיטגלידער.

ניט אָן.[38] עס איז שווער זיך אויסצומאָלן וואָס ווען די דאָזיקע מענטשן פֿילן ווען זיי ווען אין גיכן זען די קולטורעלע אויפֿטוען פֿון די אייביקע קנעכט. לעת־עתּה זײַנען מיר באמת אייביקע קנעכט. דער יונגער אָדון[39] מאַכט זיך אַזוי ווי ער וואָלט זיך אינטערעסירט און אָנערקענט יעדן קליינעם פּרט. אָבער ווער ווייס וואָס ער האָט אין זינען? עס ווײַזט אויס אַז ער איז ניט קיין געזונטער. און דער עיקר, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט דער יחיד אין דעם פּלאָנטער פֿון געשעענישן? פֿאַרשטייט זיך אַז פֿאַר אַ יחיד ווי איך אין מײַן מצבֿ איז אַפֿילו אַ סבֿר פּנים יפֿות אויך עפּעס.

הער כּספּי[40] איז דאָ. אין געטאָ טראָגן זיך אַרום פֿאַרשיידענע קלאַנגען וועגן אים: אַ ייִד וואָס אויף אים זײַנען ניט חל די ייִדישע געזעצן איז אַ סימן אַז עפּעס שלעכטס איז אין אים פֿאַרבאָרגן. איך וויל אַפֿילו גאָרניט איבערחזרן די רייד וואָס מען זאָגט וועגן אים. אַ פּחד האָט אַרומגענומען די מענטשן, אַזוי אַז דער קאָמענדאַנט האָט אָנגעזאָגט דער פּאָליציי אַז זי זאָל באַרויִקן די געמיטער. קיין שום סכּנה לויערט ניט. אַן אַנדער קלאַנג דערציילט אַז 300 יונגע גדולים דאַרף ער צושטעלן![41] אַזוי איז שוין דער שטייגער פֿון די וואָס פֿאַבריצירן קלאַנגען. לעת־עתּה קאָנען מיר נאָך האָפֿן. מיר וועלן דאָ איבעררײַסן. שבת.

זונטיק דעם 2טן אויגוסט. מיר גייען אַרײַן אין צוועלפֿטן חודש וואָס מיר זײַנען אײַנגעשפּאַרט אין דער תּפֿיסה. פֿאַרשטייט זיך אַז מיר דערנענטערן זיך צו דער פֿרײַהייט. אָבער זי איז נאָך אײַנגעהילט אין אַ נעפּל. מיר מוזן שטאַרקן אונדזער גײַסט, אָבער דערווײַל ווערן אָפּגעטאָן מעשׂים וואָס עס איז פֿאַר זיי ניטאָ קיין צוריק. אַזוי האָט מען אויסגעליידיקט די ביבליאָטעקן.[42] די ביכער וואַלגערן זיך ווי מיסט אין דעם מאַגאַזין, און דער אָדון האָט דער־קלערט אַז די וואָך וועט ער באַקומען וועגענער צו פֿירן דאָס „פּאַפּיר" אין דער פֿאַבריק, און אַז מען דאַרף מאַכן פּלאַץ אין דעם מאַגאַזין פֿאַר אַ נײַעם טראַנספּאָרט. די אַרבעטערס ראַטעווען פֿון פֿאַרטיליקונג אויף וויפֿל זיי קע־

[38] ז. ק. האָט משמעות געוואָלט דאָ זאָגן אַז דער טייל פֿון דער אויסשטעלונג דאָמינירט ניט איבער די אַנדערע טיילן און טראָגט ניט קיין ייִדישן שטעמפּל.

[39] ווילי שעיפֿער. ער ווערט ווײַטער אויך אָנגערופֿן: דער יונגער.

[40] כּספּי־סערעבראָוויטש, אַ זשורנאַליסט פֿון קאָוונע. אַ מיטגליד פֿון דער רעוויזיאָניסטי־שער פּאַרטיי און אַ באַטייליקטער אין אַן אומלעגאַלער ליטוויש־פֿאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, איז ער אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים געווען אַרעסטירט. באַפֿרײַט דורך די דײַטשן, האָט ער באַקומען דאָס רעכט צו וווינען מחוץ געטאָ. קאָוונער ייִדן האָבן זיך געשראָקן פֿאַר זײַן פֿאַרבינדונג מיט געסטאַפּאָ. זען: יוסף גאַר, אומקום פֿון דער ייִדישער קאָוונע, זז' 113—114. אַ קורצע צײַט נאָך זײַן באַווײַזן זיך אין ווילנע איז כּספּי מיט דער משפּחה דערשאָסן גע־וואָרן פֿון געסטאַפּאָ.

[41] ד"ה עס איז געווען אַ קלאַנג אַז כּספּי איז געקומען אַרויסגעבן 300 יונגע קאָמור־ניסטן.

[42] זען: אַבֿרהם סוצקעווער, דצ"ו, זז' 113—116; רחל פּופּקאָ־קרינסקי, „מײַן אַרבעט אין ייִוואָ אונטער די דײַטשן", ייִוואָ־בלעטער, ב' XXX, נומ' 2, ז' 217.

נען.[43] אַ ברכה זאָל אויף זיי קומען וואָרעם זיי שטעלן אײַן דאָס לעבן, זאָלן זיי באַשיצט ווערן אונטער די פֿליגל פֿון דער שכינה און דער אייבערשטער זאָל אויף זיי רחמנות האָבן, און אויף דער גאַנצער גניזה אונדזערער.[44] ער זאָל אויך רחמנות האָבן אויף אונדזער שארית הפליטה און זאָל אונדז לאָזן זען בשלום ווען עס וועט אַנטפּלעקט ווערן דאָס וואָס מען האָט פֿאַרבאַהאַלטן.

די אויסשטעלונג איז מכּלומרשט אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון אַן אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט — און אפֿשר אַפֿילו מיט אַ באַהאַלטענער סימפּאַטיע פֿאַר אונדז און פֿאַר אונדזער גורל. אַפֿילו דער ווינקל פֿון די גדולים טראָגט אויף זיך ניט אונדזער שטעמפּל. אין קאָרידאָר הענגען בילדער פֿון אַרבעטערס. דאָס אַלץ איז אונדזער אַרבעט, אָבער זיי האָבן דאָך דערויף אַכטונג געגעבן און אַלץ נאָכקאָנטראָלירט. עס ווײַזט אויס אַז עס זײַנען טאָקע אין אונדזערע קאָלעקציעס ניטאָ קיין זאַכן וואָס שטעכן דאָס אויג. דער יונגער האָט אויסגעקליבן חפֿצים, ביכער און כּתבֿים וואָס פֿאַרשאַפֿן תּענוג דעם אויג. צי איז זײַן כּוונה געווען צו מאַכן אַ גוטן אײַנדרוק? אָדער איז דאָס אין דער בחינה וואָס אַפֿילו דער שלעכטער מלאך זאָגט בעל כּרחו אָמן? אָדער גאָר עפּעס אַ געפֿיל פֿון מענטש־לעכקייט האָט זיך אויפֿגעוועקט אין דעם מענטשנס האַרץ? אַז עס קומען אַרײַן נײַע, מיִען זיי זיך ניט צו קוקן אויף אונדז, ניט צו טרעפֿן זיך מיט די בליקן. זיי זײַנען פֿאַר אונדז ווי זאַכן אָן לעבן און אַזוי זײַנען מיר אויך פֿאַר זיי. זיי זײַנען די מאַשין וואָס דריקט, טרעט, צעברעקלט, דער האַמער וואָס קלאַפּט, און מיר זײַנען דער קלאָץ, דער טויטער שטיין, דאָס צעבראָכענע גלאָז אאַז״וו. בלויז ווען דער מענטש דערנענטערט זיך צום מענטש, ווען דער מענטש קוקט אַרײַן דעם מענטשן אין די אויגן, — דערוועקט זיך אפֿשר אין אים דאָס געפֿיל פֿון טויט וואָס קומען וועט ער קומען און ער דערזעט אַז סײַ אויף אים סײַ אויף זײַן קרבן וואַרט איין גורל. דעמאָלט דערוועקט זיך אין אים אַ פֿונק פֿון רחמנות אויף זיך אַליין און אויף זײַן קרבן. מכּל־שכּן אַז מענטשן טרעפֿן זיך טאָג־אײַן טאָג־אויס, מען רעדט און מען העלפֿט זיך בײַ דער אַרבעט, איז גאָר אוממיגלעך אַז דאָס מענטשלעכע געפֿיל זאָל ניט דורכברעכן. די אויסשטעלונג, אַנהייבנדיק מיט אַ סטאַטוע פֿון אַנטאָקאָלסקין, און אויסלאָזנדיק מיט אַ קליין סידורל פֿון אַ ווילנער דרוק, ווײַזט קלאָר אַז מיר זײַנען אויף דעם קולטורעלן פֿעלד אַ גרויס פֿאָלק. אונדזער פֿרישקייט איז נאָך ניט אַוועק. מיר זײַנען אַ באַזונדער פֿאָלק. איין פֿאָלק אויף דער וועלט.

פֿון פֿינף ביז זיבן זײַנען פֿאָרגעקומען שפּילן אין פּילקע אויף דעם פּלאַץ.[45] אַ וואָסערע טויזנט מענטשן אָדער מער זײַנען געקומען זען די שפּיל,

[43] זען: אַ. סוצקעווער, דצ״וו, זז׳ 115—117; רחל פּופּקאָ־קרינסקי, דאָרטן, זז׳ 217—222; דוואָרזשעצקי, דצ״וו, ז׳ 320.

[44] די גניזה איז געווען אין יִיוואָ־בנין גופֿא. זען: רחל פּופּקאָ־קרינסקי, דאָרטן, זז׳ 219—220. עס איז אויך געווען אַ גניזה אין געטאָ, אָרגאַניזירט פֿון הערמאַן קרוק.

[45] דער פּלאַץ בײַם בנין אויף סטראַשון־גאַס 6 איז געוואָרן אָפּגערייניקט פֿון חורבֿות און ניוועלירט ספּעציעל פֿאַר ספּאָרט־אונטערנעמונגען און יוגנט־פֿאַרווײַלונגען.

דאָס רובֿ יונגע חבֿרה. עס זײַנען אָבער אויך געווען עלטערע. געווען זײַנען אויך פֿאָרשטייערס פֿון אונדזער רעזשים, דער געוועזענער פֿאָרזיצער פֿונעם ראַט[46] און אָפֿיצירן פֿון דער פּאָליציי. די צוקוקערס האָבן אַפּלאָדירט און געשריִען לכּבֿוד די זיגערס, ניט געקוקט דערויף וואָס די קולות האָבן גע־קאָנט געהערט ווערן אין דער גאַס פֿון די שׂונאים, וואָרעם בלויז אַ וואַנט טיילט דאָ אָפּ.

דאָנערשטיק דעם 13טן [אויגוסט]. אַ היפּשע צײַט, כּמעט צוויי וואָכן, וואָס איך האָב ניט געקאָנט שרײַבן. עס זײַנען געווען כּמה וכּמה שטערונגען. די אויסשטעלונג איז אַריבער בשלום. זי האָט נושׂא חן געווען בײַ די אַדונים. זיי קלײַבן זיך ממשיך צו זײַן די אַרבעט. איצטער קומען וועגענער צוויי אָדער דרײַ מאָל אַ וואָך און פֿירן אַוועק די בלעטער און דאָס אָוועקגע־וואָרפֿענע פּאַפּיר וואָס ווערט געשיקט אין דער פֿאַבריק. דאָס וועט געדויערן וואָכן און אפֿשר חדשים. נעכטן זײַנען געקומען זען די אַרבעט און די אויס־שטעלונג די העכסטע אָפֿיצירן. זיי האָבן געשטעלט פֿראַגעס, און דער עיקר: מיט וואָס האָסטו זיך פֿאַרנומען פֿריִער? מיר איז געשטעלט געוואָרן די פֿראַגע: פֿאַר וואָס עפּעס האָסטו ניט געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה? ווּ ביסטו געווען בעת דער רעוואָלוציע? בדרך כּלל זײַנען די דאָזיקע פֿראַגעס, פֿאָרמעל גענומען, גאַנץ ערנצטע און זאַכלעכע. פֿאַרשטייט זיך אַז דער גיפּט איז אין זיי. דער הויכער אָדון[47] זעט אויס ווי אַ זומפּבושל. צי שרעקן אים ניט טייל מאָל וויזיעס אין דער נאַכט? אין אַזאַ פֿאַל וואָלטן זיי באַדאַרפֿט קומען. אל נקמות ה׳, אל נקמות הופיע!

אין געטאָ פּולסירט דאָס לעבן. קינדער גייען אַרויס אונטער דער אָנפֿירער־שאַפֿט פֿון זייערע לערערס שפּאַצירן אין וואַלד. עס גייען אויך מיט זיי מענער און פֿרויען. קינדער שפּילן זיך אויף דעם פּלאַץ.

דעם 8טן אויגוסט האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט דעם יונגן.[48] מען דאַרף אָרגאַניזירן די ייִדישע ליטעראַטור, צו ווײַזן איר תּוכן און מהות. „דאָס וועט קענען קאָנקרעט אונטערזאָגן ווי צו פֿאַרענטפֿערן די ייִדישע פֿראַגע״.

דעם 9טן אויגוסט — מען דאַרף מאַכן אַן איבערבליק איבער די געטאָס אין ליטע ביז סוף חודש. מען דאַרף שרײַבן אַן איבערבליק איבער דער ליטעראַטור וועגן די קראָים, וועגן דער געשיכטע פֿון די קראָים און זייער מצבֿ.

דעם 10טן אויגוסט איז געקומען דער קאָמענדאַנט מיט אַ דערלויבעניש פֿון דעם האַר איבער די ייִדן[49] צו בעטן ביכער צו לייענען. עס איז געגעבן געוואָרן אַ דערלויבעניש. דער יונגער וועט געבן. הײַנט איז ער אַוועקגעפֿאָרן.

---

[46] אַנאַטאָל פֿריד.

[47] הינגסט, דער קאָמיסאַר פֿון ווילנער געביט.

[48] ווילי שעיפֿער.

[49] מורער, דער רעפֿערענט פֿאַר ייִדישע ענינים בײַם געביט־קאָמיסאַר הינגסט. וועגן אים זען: סוצקעווער, דצ״ו, זז׳ 80—81; דוואָרזשעצקי, דצ״ו, ז׳ 317; קאַטשערגינסקי, דצ״ו, ז׳ 19.

אויף זײַן אָרט איז געקומען אַ נײַער, אַ ביסל מער נוח לבריות. עס איז גלײַך ווי דער פּחד פֿון אָדון איז אַוועק. מען וועט ברענגען אַ ביסל ביכער און אַנדערע זאַכן.

הײַנט האָבן מיר אָנגעהויבן אויסצושטעלן די ייִדישע ביכער. <געזען אַ בריוו פֿון אַ מיידל וואָס באַהאַלט זיך אויס בײַ אַ ליטווישן פּויער. הונדערטער האָבן זיך געראַטעוועט. גײַסטלעכע און פּויערים האָבן צוגענומען. פּויערים ווילן שוין פּטור ווערן פֿון די איצטיקע אַדונים ווי פֿון די פֿאַרצווייִיאַריקע. מען זאָגט נבֿיאות אַז באַלד.

געקומען די פֿרוי יפֿה.[50] נײַן חדשים זיך אויסבאַהאַלטן. אפֿשר וועט מען קאָנען זי אַרײַננעמען. ה.[51] האָט שוין גערעדט. געבליבן, אַז מען וועט האָבן אין זינען בעת יענער וועט קומען צוריק.

דער אָדון הגדול האָט בכבֿודו ובֿעצמו געמישט אין טאָפּ אין קיך צו זען, וואָס מע קאָכט. פֿאַר וואָס ניטאָ קיין פֿלייש? האָט ער געפֿרעגט.

בינתּים איז ווידער אַ פֿאַרטיע אַוועק אין וואַלד. מען גרייט דעם מוזיי. מען דערציילט, אַז עס קומען צו עטלעכע הײַזער צום געטאָ. דערווײַל גייט מען אויס נאָכן סוף. ער מוז קומען גיך.>

פֿרײַטיק דעם 21סטן [אויגוסט]. ווײַטער זײַנען געוועזן טעג פֿון שטערונגען. עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס איך באַנוץ זיך מיט יעדן אויסרייד אויף ניט צו פֿאַרשרײַבן. עס וועט קומען אַ צײַט און איך וועל חרטה האָבן, אָבער עס וועט שוין יעמאָלט זײַן צו שפּעט. עפּעס פֿילט זיך דער ערבֿ שבת. אַ מאָדנע זאַך. ייִדן און ייִדענעס לויפֿן, גרויסע און קליינע, מיט טעפּ אין די הענט צו שטעלן טשאָלנט. פֿאַרשטייט זיך אַז ניט לכּבֿוד שבת, נאָר ווײַל דאָס איז ביליקער און אויף מאָרגן האָט מען אַ געשמאַקע וואַרעמע סעודה. איך האָב ניט בדעה מקטרג צו זײַן. און ווער בין איך אַז איך זאָל ריידן שלעכטס אויף ברידער אין אַ צרה? נאָר איך פֿאַרשרײַב עס רויִק, בניחותא. עס איז אַ פֿאַקט און מען דאַרף עס פֿאַרצייכענען לזכּרון.

עס קאָכט זיך נאָך אַלץ אַרום דער אויסשטעלונג. געסט קומען זען און דער זשורנאַליסט מאַכט פֿאָטראַוועס פֿאַר זײַנע לייענערס, אָדער פֿאַר די וואָס האָבן אים געשיקט, און באַשרײַבט כּסדר וואָס ער האָט געזען און דערציילט וואָס עס וועט זיי געפֿעלן. לאָמיר האָפֿן אַז די וועלטראָד וועט אַלץ אומקערן אויף איר אָרט און אויך אונדזער בידנע אַרבעט וועט העלפֿן אַ ביסל אויסצוגלײַכן דאָס קרומע. די אַדונים האָבן באַזוכט דאָס געטאָ און געפֿונען אַלץ איז שיין און ריין, „ניטאָ גאָר אַזאַ געטאָ צווישן אַלע געטאָס". אַזוי. נאָך דעם ווי זיי האָבן פֿון אונדז אַוועקגערויבט אַלע מיגלעכקייטן פֿאַר אַ מענטשלעך לעבן,

---

[50] דינה יפֿה (יאַפֿע). זען: קאַטשערגינסקי, דצ"וו, ז' 197.

[51] דינה יפֿה איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער גרופּע וואָס האָט געאַרבעט אין ראָזענבערג־שטאַב, אין בנין פֿון ייִוואָ. ה. איז דאָ אפֿשר הערמאַן קרוק, הגם אומעטום ווערט ער באַצייכנט ה. ק. זען ווײַטער, הערה 58.

האָט דער אײַנוווינער פֿון געטאָ דאָך ניט אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג.[52] און ער האָט כּוח אין זײַן נשמה און שטאַרקייט אין זײַן האַנט און אַ ווילן צום לעבן וואָס איז גובֿר אַלע שוועריקייטן. און ווען דער טאָג פֿון שלום וועט קומען — צי זאָגט זיי דען ניט דאָס האַרץ אַ נבֿואה וועגן דעם סוף?

דעם 16טן בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין לאָקאַל פֿאַר דער יוגנט.[53] דאָס איז געווען זונטיק פֿאַר מיטאָג. דאָס קליינוואַרג פֿון קינדערגאָרטן־עלטער האָט געטאַנצט און געזונגען. און ווען עס איז געקומען מיטאָגצײַט האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט פֿאָרווײַז און זיך געגאַנגען געמיטלעך אויפֿן טראָטואַר — זײַן מאַיעסטעט דאָס קינד! אַזוי ווי עס פֿירט זיך בײַ די פּראָגרעסיווע פּעל־קער — צו זייער ספּעציעלער קיך. די קינדער זעען אויס שיין, ריין אָנגעטאָן און אַרומגעוואַשן — דאָס איז אויך איינער פֿון די ווונדער פֿון געטאָ.

די נײַס וועגן דער הויפּטשטאָט[54] ווירקן ווי אַ קלאַפּ מיט אַ האַק. איז דאָס אמת? אָדער אַ קאָשמאַר? הלוואַי זאָלן מיר באַלד זוכה זײַן אויסצוגעפֿינען. אויף צו מאָרגנס איז אַרײַנגעפֿאַלן דער מם[55] אין געטאָ אַרײַן — צו זוכן גרינסן. די שטאָטישע אַנשטאַלטן פֿאַר באַשפּײַזן די באַפֿעלקערונג האָבן גע־מסרט אַז די פּויערים ברענגען אַלע גרינסן אין געטאָ אַרײַן און די שטאָט בלײַבט אָן גרינסן. ער האָט געזוכט און געפֿונען בלויז עפּעס רעשטלעך, וואָרעם מען האָט שוין געהאַט פֿאַרקויפֿט די סחורה און דעם פּדיון פֿון פֿופֿציק טויזנט רובל האָט זיך אײַנגעגעבן נאָך צו באַהאַלטן איידער ער איז אַרײַן אין מאַגאַזין. — דער רעזולטאַט איז אָבער דאָך געווען: פּויערישע וועגע־נער טאָרן מער ניט אַרײַנקומען אין געטאָ אַרײַן און קאַרטאָפֿל און אַנדערע גרינסן זאָל דער וועכטער אַרײַנברענגען צו זיי.

<און דער ספּאָרטפּלאַץ בליט. שוין אָפּגערעדט פֿון זונטאָג, ווען עס קומען פֿאָר פֿאַרמעסטונג[ען]. איבער 1,000 מענטשן — דער עיקר יוגנט, פֿילט אים אָן. מען מאַכט גימנאַסטיק. בײַ די פֿאַרמעסטונגען דריקט מען אויס בײַפֿאַל אויפֿן קול — אַזוי ווי אויף דער פֿרײַ. — אַ וועג צום מענטש. — מײַן פֿרומער חבֿר קלאָגט: סטײַטש אַזוי פֿיל קלאָגן, אַזוי פֿיל טויטן — און דאָ הילולא וחינגאַ! אָט אַזוי איז דאָס לעבן, און מען מוז לעבן, כּל־זמן דער אייבערשטער שענקט. ער ווייס בעסער! — און ייִדישע קינדער טוען זיך אַרײַן אין ספּאָרט, זאָל דער אייבערשטער זיי שענקען כּוח.

מיר האָבן געקראָגן אַן ערלויבעניש — פֿון דעם מם, דער נאָך פֿון

---

[52] אין אָריגינאַל אַ וואָרטשפּיל: אחרי ששללו מאתנו כל תנאי חיי א נ ו ש יושב גיטו לא אמר נ ו א ש.

[53] ז. ק. האָט דאָ אין זינען די טאָגהיים אויף סטראַשון־גאַס. זען: דוואָרזשעצקי, דצ״וו, ז׳ 208. די קינדערקיך איז געווען אויף סטראַשון־גאַס 12; זען: דוואָרזשעצקי, דצ״וו, ז׳ 177.

[54] פֿון וואַרשע. עס זײַנען דערגאַנגען קיין ווילנע ידיעות וועגן „גירוש" פֿון וואַרשעווער ייִדן, וועגן דער גזירה וואָס איז געמאָלדן געוואָרן דעם 22סטן יולי 1942, און וואָס האָט אין די חדשים יולי—סעפּטעמבער פֿאַרצוקט איבער אַ פֿערטל מיליאָן קרבנות. זען: מלך נײַשטאַט, חורבן און אויפֿשטאַנד פֿון ייִדן אין וואַרשע, תּל־אָבֿיבֿ, 1948, I, זז׳ 69—98.

[55] דער מם איז מורעה. אַזוי ווערט ער כּסדר באַצייכנט אין טאָגבוך.

אונדזערע אַדונים — אַרײַנצופֿירן ביכער (בעת אין דער קליינער עיר הבירה[56] איז מען מתחייבֿ בנפֿשו פֿאַר האַלטן אַ בוך). מען לייגט שוין אָפּ. עס ווערן ייִדישע ביכער געפּאַקט אין קאָסטנס. מען סאָרטירט זיי. — אונדזער אָדון וויל אַן איבערבליק איבער אונדזער לעבן פֿריִער — סטאַטיסטיק. דאַרף מען צונויפֿנעמען ביכער און מאמרים אין דײַטש. — זיי פֿאַרלאַנגען אַ פּלאַן פֿון ווילנע מיט די אויפֿגעצייכנטע בתי־מדרשים. — זיי ווילן איצט וויסן, ווי גרויס איז געווען דער באַרג, נעבעך, וואָס זיי האָבן אָפּגעגראָבן?>

דאָנערשטיק דעם 27סטן [אויגוסט]. עס איז אוממיגלעך צו פֿאַרשרײַבן. אַ גאַנצן טאָג אין דרויסן, און אין אָוונט איז פֿינצטער. מען טאָר ניט אָנצינדן קיין ליכט. מען דאַרף פּרוּוון פֿאַרשרײַבן ראָשי־פּרקים אין דער פֿרי פֿאַר דער אַרבעט. פֿרײַטיק דעם 21סטן אויגוסט ווערט געכאַפּט דער שעף פֿון דעם קולטור־אָפּטייל,[57] ער מיט זײַן ווײַב, בעת זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען אין די פֿעלדער. ביז הײַנט האָט מען זיי נאָך ניט באַפֿרײַט. זונטיק דעם 23סטן זײַנען פֿאַרבעטן געוואָרן אויפֿן קאָנצערט אַן ערך 40 מענטשן פֿון די אַדונים. געקומען זײַנען ביכערמענטשן. זיי זײַנען אַרײַן אין דעם זאַל. נאָך עטלעכע זײַנען געבליבן אין דרויסן. אָבער דער הויפּט פֿון דער פּאָליציי האָט זיי ניט דערלויבט זיך אויסצומישן מיט דעם עולם. זיי זײַנען אַהיים געפֿאָרן צעטומלטע. — דער מם האָט געזאָגט אויף צו מאָרגנס אַז מען זאָל דערויף ניט לייגן קיין אַכט. דער אײַנדרוק איז געווען אַ שווערער, נאָר מיר זײַנען שוין געווינט דערצו און מיר חידושן זיך ניט. — ה. ק.[58] גרייט צו באַהעלטעניש אין דער שטאָט און אין די שולן. אַ דערציילונג פֿון דער געשיכטע פֿון שושנת העמקים.[59]

זונטיק דעם 6טן סעפּטעמבער. שוין מער ווי אַ וואָך ווי איך האָב ניט געהאַט קיין צײַט. עס זײַנען געווען געשעענישן וואָס עס איז אַ מיצווה זיי צו פֿאַרשרײַבן, אָבער ביז וואָס ווען גייען זיי פֿאַרבײַ און פֿאַרשווינדן פֿון זכּרון. — דער שטח פֿונעם געטאָ איז פֿאַרברייטערט געוואָרן מיט זעקס טויזנט מעטער. הײַנט איז געוואָרן אַ יאָר ווי מיר זײַנען דאָ. אַזוי ווי אַ טאָג פֿון טרויער. מען טאָר ניט שפּילן און מען טאָר ניט זינגען. אַפֿילו אויפֿן פּלאַץ שפּילט מען אויך ניט. — הײַנט איז אויך דער ערשטער סליחות־טאָג. פֿאַר

---

[56] אין קאָוונע.

[57] גריגאָרי (גרישע) יאַשונסקי, בונדישער טוער, געשפּילט אָנפֿירנדיקע ראָלע אין געטאָ.

[58] הערמאַן קרוק, בונדישער טוער, פֿאַרוו' פֿון דער געטאָ־ביבליאָטעק (געוו' ביבל' פֿון מפֿיצי השׂכּלה), איינער פֿון די אָנפֿירערס פֿון קולטור־לעבן אין ווילנער געטאָ. זײַן טאָגבוך, געפֿירט אין געטאָ פֿון סעפּטעמבער 1941 ביז אָנהייב 1944, געפֿינט זיך אין אַרכיוו פֿון ייִוואָ. זען: ידיעות פֿון ייִוואָ, נומ' 22 (סעפּטעמבער 1947); קאַטשערגינסקי, דצ״ו, ז' 211.

[59] משמעות האָט ה. ק. דערציילט ז. ק. וועגן באַהעלטענישן פֿאַר מענטשן און געווער. „שושנת העמקים" איז אַ פּנים פּאַוול ראָזענטאַל, וואָס האָט א״פ פּ. אַנמאַן, אָנגעשריבן ערצעהלונגען וועגן דעם ווי עס זײַנען פֿאָרגעקומען רעוואָלוציעס אין מערבֿ־אייראָפּע, זשענעוו, 1905, 88 זז'. דאָרטן דערציילט דער מחבר ווי מע מאַכט היימיש געווער, ווי מע באַהאַלט געווער אאַז״וו.

אָכט טאָגן מאָנטיק האָט געזאָלט קומען דער אָדון איבער אַלע אָדונים [60] צו זען אויב עס איז נייטיק צו פאַרברייטערן דאָס געטאָ — און ער איז ניט געקומען. — הײַנט האָבן מיר אָנגעהויבן באַטראַכטן וועגן אַ ליטעראַרישער פּרעמיע. ווײַטער שוידערלעכע ידיעות פון דער הויפּטשטאָט. — >מען שיקט מענטשן אין וואַלד אַרײַן אַרבעטן. מען האָט אויפגעקליבן ביז 200 מענטשן אַרבעטער אויפן באַן לעבן גרענעץ. — געכאַפּטער גרישע [61] זיך אויסגעלייזט. — גרוסן פון אַרבעטער. דער אָדון [האָט] מיר צוגעזאָגט אַרבעט אין די ביבליאָטעקן און קלויסטערס.<

דאָנערשטיק דעם 10טן [סעפּטעמבער]. מיט אַ פּאָר טעג פריִער, דעם 7טן, זײַנען פאַרשוווּנדן די צוקערקעס און די קיכעלעך און אַנדערע סחורות פון אונדזערע גאַסן. עס זײַנען בלויז געבליבן די היימיש־געמאַכטע פּאַפּיראָסן. די קראָמען זײַנען פאַרשלאָסן. שטעמפּלען אויף די סחורות. עס טראָגן זיך קלאַנגען אַז מען וועט ליקווידירן דאָס איצטיקע געלט. מען פאַרבאַהאַלט צוקער, מעל און אַנדערע זאַכן וואָס קענען שטיין. גאָלד איז אַרויפגעגאַנגען העכער פינף טויזנט פון דרײַ און אַ האַלב, און אַ טייל זאָגן אַז אַפילו ביז זיבן טויזנט.[62] — מען האָט ווידער אויסגערופן אַ שטרענגן פאַרבאָט אַרײַנצופירן וואָסערע עס איז שפּײַז. — דער יונגער [63] וויל זיך לערנען העברעיִש. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון פונאַנדערקלײַבן [די ביכער] אין אוניווערסיטעט. — זונטיק פאַר נאַכט האָט מען געקאָנט זען אין הויז פון דעם בעקער געבעקס. די מהומה האָט זיך אײַנגעשטילט. ווײַזט אויס אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון ספּעקולאַנטן. מען דערציילט אַז דער אָדון מם איז אַוועקגעפאָרן און נעכטן זײַנען געשטאַנען דרײַ דײַטשע פּאָליציאַנטן פאַרן טויער, הײַנט איינער. נעכטן און הײַנט אין דער פרי האָט מען ווידער פאַרקויפט קיכעלעך, און אַ גאַנצן טאָג צוקערקעס. מען דערציילט אַז נעכטן אין דער פרי און בײַ נאַכט האָט מען אַרײַנגעבראַכט שפּײַז אין דער קאָאָפּעראַטיווער קיך. — הײַנט די ערשטע לעקציע מיטן דײַטש. מאָרגן אין דעם אוניווערסיטעט. מען שמועסט אין געטאָ: דער זון פון בן־חיים [64] איז אַראָפּ פון זײַן גדולה, אַ סיכסוך צווישן אים און דעם קאָמענדאַנט. און די קינדער מאַכן גימנאַסטיק און שפּילן זיך. דער וועטער איז אַזוי ווי פון פריִען האַרבסט. די קינדער זײַנען האַלב אויסגעטאָן. זיי פאַרהאַרטעווען זיך. דער אייבערשטער זאָל זיי געבן געזונט. — די דײַטשקע [65] איז ווידער געקומען. אַ שפע פון באַהאַלטענעם לעבן. — הײַנט האָט מען געבראַכט פון מוזיי בילדער פון קינסטלערס. ה. ק. האָט באַדאַרפט אַרויסגיין אויפן בית־הקבֿרות אָפּצוראַטעווען עטלעכע מצבֿות. דער בית־

[60] היגסט.
[61] גרישע יאַשונסקי (זען הערה 57).
[62] פאַר אַ גאָלדן צאַריש צענערל האָט מען געצאָלט 7,000 רובל.
[63] ווילי שעיפּער.
[64] גרישע יאַשונסקי. זײַן פאָטער, יוסף יאַשונסקי, האָט געשריבן א״פ בן־חיים.
[65] אין ערגעץ איז ניט דערמאָנט קיין דײַטשקע וואָס האָט געהאָט צו טאָן מיט קאָנספּיראַטיווער אַרבעט.

הקבֿרות ווערט אין גאַנצן רויִנירט. דאָרטן אין דײַטשלאַנד איז געבליבן נאָר דער בית־הקבֿרות. דאָ איז נאָך פֿאַראַן לעבן.

דינסטיק דעם 22סטן [סעפּטעמבער]. פֿאַרבײַ זײַנען די ימים־נוראים. הײַ־יאָר זײַנען די ימים־נוראים ניט געווען ווי פֿאַר אַ יאָרן. אין דער גאַס האָב איך געהערט אַ ווערטל: „פֿאַר אַ יאָרן ניט פֿאַר הײַנט געדאַכט". הײַנט האָט מיר אַ ייִד [פֿאַרציילט] עפּעס פֿון די געשעענישן יום־כּיפּור תּש"ב.[66] ער איז בדרך נס ניצול געוואָרן פֿון אַרעסט אין שטאָט. געפֿירט האָט מען אים מיט זײַן פֿרוי און טאָכטער. שפּעטער, אין די דרײַ טעג פֿון אַרויספֿירן, האָט מען אים ווײַטער געכאַפּט און דורך אַ צופֿאַל איז ער ווײַטער אַרויס. אַזוי הענגט אונדזער לעבן אויף אַ האָר. אַ מאָדנע זאַך: אַלע געדאַנקען פֿאַרשווונדן, איך האָב פֿאַרגעסן וואָס איך האָב געוואָלט פֿאַרשרײַבן.

דעם 13טן [סעפּטעמבער] האָט זיך געענדיקט די פֿאַרהאַנדלונג וועגן די פּרעמיעס. דער ליטעראַטן־פֿאַראיין האָט באַקומען אַ נײַ־יאָר־ווונטש פֿון דעם קאָמענדאַנט. מײַן ענטפֿער: אַ דאַנק, הלוואַי זאָלן מיר בקרובֿ זוכה זײַן צו דער־ציילן אין אַלע תּפֿוצות ישׂראל וואָס דו ביסט געווען פֿאַרן געטאָ. ער האָט זיך צעלאַכט ווען ער האָט אים באַקומען. דער שטעל־פֿאַרטרעטער[67] האָט עס אָפּגעשאַצט ווי אַן איבעריקע שאַרפֿקייט. אויף אַ וואָך צײַט איז דער אָדון[68] אַוועקגעפֿאָרן. ער איז שוין צוריקגעקומען. און איצטער עולם כּמינהגו. די גאַנצע צײַט ברענגט מען אַרײַן.[69] איך האָב מורא. ווײַל איז דעם וואָס האָט מורא. — די קלאַנגען וועגן די קינדער פֿון דער דינסט[70] זײַנען פֿאַרשיידענע און משונהדיקע און קומען פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן. עפּעס איז דאָ דערבײַ, אָבער לעת־עתּה זעט מען נאָך ניט קיין שום שינוי. דעם רבֿס דרשה ערבֿ ראָש־השנה אין דער דירה פֿון אינ[טערנאַט][71] האָט אַרויסגערופֿן אַ געוויין בײַ די צוהערערס. אין מערבֿ־לאַנד[72] האָט מען אָנגעהויבן באַשיצן די קינדער. — נעכטן האָט מען געדאַוונט שחרית פֿון 5 ביז 7 אַ זייגער. בעת דער אַרבעט, ביז 5 אַ זייגער, טאָר מען ניט דאַוונען. פֿון 5 ביז האַלב 9 האָט מען געענדיקט מוסף — ביז נעילה. די מתפּללים שנדרן אַ סך פֿאַר עליות. אַזוי איז אויך אין בית־הכּנסת. בײַם טויער שטייען טייל מאָל דײַטשן. די אַרײַנברענגערס

---

[66] די אַקציע פֿון 1טן אָקטאָבער 1941; עס זײַנען אומגעקומען קרובֿ 4,000 ייִדן, זען: דוואָרזשעצקי, דצ"ו, זז' 89—93; רייזל קורצ׳אַק, להבות באפר, מרחביה, 1946, זז' 35—36.

[67] אַ פּנים ס. דעסלער. זען ווײַטער, הערה 113.

[68] אומקלאָר, צי עס רעדט זיך דאָ וועגן דעם אָדון איבער די ייִדן בכלל אָדער נאָר וועגן דעם אָדון אין ראָזענבערג־שטאַב.

[69] אומקלאָר וואָס מע ברענגט אַרײַן: שפּײַז אין געטאָ אַרײַן, צי ביכער אין בנין פֿון ייִוואָ.

[70] קינדער פֿון דער דינסט — פּאָליאַקן, ליטווינער, אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, חוץ דײַטשן; קינדער פֿון דער האַרינטע — דײַטשן. די אויסדרוקן טרעפֿן זיך ווײַטער עטלעכע מאָל.

[71] אויף שפּיטאָלגאַס 3 איז געווען אַן אינטערנאַט פֿאַר יתומים און פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער. דאָרטן פֿלעגט מען אויך דאַוונען. זען: דוואָרזשעצקי, דצ"ו, ז' 290.

[72] עס איז אַ פּנים דערגאַנגען צו ז. ק. אַ ידיעה וועגן ספּעציעלע מיטלען צו ראַטעווען קינדער, מיטלען וואָס מען האָט אָנגענומען אין מערבֿ — קען זײַן אין ריגע, קען זײַן אין וואַרשע.

ברענגען אַרײַן ניט בעת דאָס מיליטער גייט פֿאַרבײַ. מען ברענגט אַרײַן אַלצדינג וואָס דאָס מויל קאָן נאָר אַרויסריידן. — קלאַנגען וועגן ביאַליסטאָק, ראָדעם, קעלץ און אַנדערע מקומות. ווען וועט שוין קומען דער סוף?

דער יונגער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען העברעיִש, אָבער ער האָט ניט קיין צײַט. מיר ברענגען אין אָרדענונג קאַרטלעך פֿון דער ביבליאָגראַפֿיע.

זונטיק דעם 11טן אָקטאָבער. בעזרת השם הײַנט איז ר״ח חשוון. אַ פֿאַר־צויגענע האָפֿענונג. אָבער דער סוף דערנענטערט זיך פֿאָרט. עס זײַנען אַריבער וואָכן וואָס איך האָב גאָרניט פֿאַרשריבן. בקיצור וואָס עס איז איבערגעבליבן אין זכרון און אין נאָטיצביכל: דאָנערשטיק דעם 24סטן סעפּטעמבער. געזען אַ סוכּה אין דעם הויף פֿון דער כּשרער קיך. אַ סוכּה ווי געהעריק פֿון ברעטער און דעם סכך האָבן פּויערים געבראַכט. מען דערציילט נאָך וועגן וואָסערע פֿיר אָדער פֿינף סוכּות. וואַרעמע טעג. ווייניק רעגן. די געטאָמענטשן האָבן הנאה פֿון דעם יום־טובֿ. נאָר מען טאָר ניט אָנצינדן קיין ליכט אין דער סוכּה. עס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען אַז מען טרײַבט די קינדער פֿון דער דינסט אויף מיזרח, מסתּמא אויסגעטראַכטע. וואָרעם אין די לעצטע פּאָר טעג הערט מען זיי שוין ניט. אמת, אַז דאָ האָט זיך זייער צאָל פֿאַרקלענערט. צענדלינגער משפּחות פֿון באַאַמטע קומען אַריבער פֿון דער מערבֿדיקער הויפּטשטאָט[73] אַהער. מען זאָגט אַז דאָרטן באַזעצן זיך די קינדער פֿון דער האַרינטע, די וועמענס הײַזער זײַנען חרובֿ געוואָרן. ווער ווייס דעם אמת? עס הייבט זיך אָן די צוגרייטונג אויף ווינטער.

מאָנטיק דעם ערשטן טאָג חול־המועד איז געווען די לוויה פֿון יעקבֿ גערשטיין.[74] ער איז געשטאָרבן זונטיק 3 אַ זייגער. דאָס גאַנצע געטאָ איז געגאַנ־גען צו זײַן לוויה 5 אַ זייגער בײַ טאָג.

הײַנט איז אָנגעקומען אַ נײַער אָדון.[75] איך האָב אָנגעהויבן איבערזעצן דאָס רוסישע בוך פֿון דעם קאַראַיִמישן חכם.[76] אַ שמועס מיט דעם אָדון. ער וויל אַ מענטשלעכע באַציִונג. ער איז זיך מודה אויף די זינד פֿון זײַן פֿאָלק. דאָ זײַט איר זיכער. עס איז פֿאַראַן אַ געדאַנק פֿון קעגנזײַטיקייט. אַליין האָט ער געליטן. זײַן משפּחה לײַדט. ער האָט געהאָלפֿן אין ריגע. ער וועט העלפֿן מיט וואָס ער וועט נאָר קענען.

אויף צו מאָרגנס און אויך אַנדערע מאָל האָט ער געבראַכט ברויט. ווען ער איז אַליין גיט ער די האַנט בײַם באַגריסן זיך. ער קומט אַרײַן פֿאָרזיכטיק.

---

[73] ריגע. עס רעדט זיך וועגן קלאַנגען אַז דײַטשן וואָס זייערע הײַזער זײַנען חרובֿ גע־וואָרן ווערן געשיקט קיין ריגע, און פֿון דאָרטן שיקט מען קיין ווילנע און בכלל ווײַטער קיין מיזרח די אײַנוווינערס פֿון באַלטיקום.

[74] לערער און כאָרפֿירער פֿון ווילנער יִדישע שולן. זען: קאַטשערגינסקי, דצ״ו, זז׳ 184—185; ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XXVI, נומ׳ 1, זז׳ 7—8.

[75] אפֿשר שפּאָרקעט.

[76] דער קאַראַיִמישער חכם אין ווילנע האָט זיך גערופֿן שריה בן שפּשאל. וועגן דער באַציִונג פֿון די קראָים צו ייִדן און וועגן דער ראָלע פֿון ז. ק. אין ראַטעווען די קראָים זען: דוואָר־זשעצקי, דצ״ו, ז׳ 332.

ער האָט פֿאָרגעשלאָגן צו געפֿינען עפּעס אַן אויסרייד מיך אַרויסצונעמען פֿון געטאָ; אפֿשר האָב איך עפּעס אַ שטיקל הכשר אין דער משפּחה. פֿרוי יפֿה און איך זײַנעןביידע פֿאַרנומען מיט דעם איבערזעצן. ער איז צופֿרידן. וואָס דאַרפֿן מיר נאָך?

מען האָט אָנגעהויבן רעמאָנטירן דאָס הויז: מען האָט פֿאַרריכט די ליכט און מע וועט פֿאַרריכטן די באַהייצונג. חבֿרה האָט געקויפֿט קאַרטאָפֿל צום קאָכן. אויך דער הויפּט־אָדון האָט געקויפֿט זײַן חלק. נעכטן האָט מען ווײַטער געקויפֿט און געבראַכט אין געטאָ. מען ברענגט האָלץ צום הייצן. מען ברענגט ברעטער צו מאַכן קעסטלעך. אין די קעסטלעך לייגט מען אַרײַן ענגלישע ביכער, ביכער וועגן עטנאָגראַפֿיע, כּדי זיי אַריבערצופֿירן אין דער הויכשול.[77] דער הויפּט־ביבליאָטעקאַר איז געקומען. מיר ווײַזט אויס אַז ער איז עפּעס נערוועז און באַזאָרגט. איך האָב מורא אַז איצטער וועלן זיי זיך צוואַײַלן מיט דעם אָוועקפֿירן די קאַסטנס אויף מערבֿ. אין דער אמתן איז שוין כּמעט אַריבער אַ יאָר און אַפֿילו איין שטיקל פּאַפּיר איז נאָך ניט אַרויס אַהין. אַפֿילו דאָס פּאַפּיר צום דרוקן ווילן זיי אויך אַהינפֿירן.

פֿרײַטיק דעם 2טן אָקטאָבער האָב איך באַקומען אַ ביטערע בשׂורה וועגן אַ גרויסער קהילה.[78] שמים, בקשו רחמים עלי! (הײַנט איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז מען האָט דאָרט אַרויסגעגעבן 55 טויזנט סערטיפֿיקאַטן, דאָס הייסט בלויז אַן ערך 100 טויזנט נפֿשות, געווען זײַנען דאָרטן פֿינף הונדערט טויזנט אָדער זעקס הונדערט טויזנט.) רבונו של עולם, זכור רחמיך! מען זאָגט אַז אויך אויף דער פֿאַבריקשטאָט[79] וועט זיך אויסגיסן דער כּוס. מען דערציילט וועגן גזירות אויף שטעט און שטעטלעך אין דער פּראָווינץ. רחם בחסדך על עמך, צורנו.[80]

שׂימחת־תּורה אין אָוונט[81] בין איך געקומען אויף דער פֿאַרבעטונג פֿון רבֿ צו די הקפֿות אין אַ הויז וואָס איז פֿריִער געווען אַ שול און איצטער איז דאָס אַ מוזיקשול. די רעשטלעך ישיבֿה־בחורים און לערנערס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט. אויך אַ צאָל קינדער. מען האָט געזונגען און געטאַנצט. אויך דער קאָמענדאַנט און זײַנע העלפֿערס זײַנען געווען. מען האָט מיך מכבד געווען מיט דער ערשטער הקפֿה. אויך ה. ק. איז געקומען זען דעם ספּעקטאַקל. איך האָב געזאָגט אַ פּאָר ווערטער:

דאָס געזאַנג און דער טאַנץ זײַנען אַן עבֿודה. די שׂימחה איז אַ דאַנק דעם וואָס איז גוזר איבער לעבן און איבער טויט. דאָ אין מיטן פֿון דער קליינער

[77] ד״ה אין אַלפֿרעד ראָזענבערגס הויכשול (Hohe Schule) אין פֿראַנקפֿורט־מײַן. פּרטים אין: מ. ווײַנרײַך, היטלערס פּראָפֿעסאָרן, ייִוואָ, 1946, זז׳ 104—128.

[78] פֿון וואַרשע; זען הערה 54.

[79] לאָדזש.

[80] „דערבאַרעם זיך אין דײַן גענאָד אויף דײַן פֿאָלק, אונדזער פֿעלדז״, פֿון פּיוט.

[81] קאַטשערגינסקי, דצ״וו, ז׳ 209 דערציילט: „כ׳האָב [ז. קלמנאָוויטשן] געזען שׂימחת־תּורה אין בית־מדרש, ווי ער האָט אין דבֿיקות געטאַנצט מיט אַ ספֿר־תּורה אַרום דער בימה״. דאָס איז געווען אין ר׳ שאָולקעס קלויז, אויף שאַוולער גאַס 5. דעם נאָמען פֿון רבֿ ווייסן מיר ניט.

עדה אין דער אָרעמער און חרובֿער שול זײַנען מיר זיך מצטרף מיט כלל־ישׂראל. ניט נאָר מיט די וואָס זײַנען דאָ הײַנט און מיט די וואָס זײַנען אַוועק אויף יענער וועלט לחיי עולם הבאָ, מיט דעם קהל פֿון הייליקע און ריינע, מיט די צענדלינגער טויזנטער, — נאָר מיט אַלע דורות ייִדן וואָס זײַנען געווען פֿאַר אונדז. מיט דער דאָזיקער שׂימחה וואָס מיר פֿרייען זיך הײַנט דאַנקען מיר פֿאַר די פֿריִערדיקע דורות, די שיינע דורות וואָס עס איז כדאַי געווען צו לעבן אין זיי. מיר פֿילן אַז הײַנט מיט דעם געזאַנג זײַנען מיר מקדש שם שמים, פּונקט ווי אונדזערע אָבֿות אַבֿותינו האָבן דאָס געטאָן. און איך, אַ בלאָנדזשענדיקע ייִדישע נשמה, פֿיל דאָ מײַנע וואָרצלען. און איר, אין אײַער שׂימחה, פֿאַרדעקט דאָ די זינד פֿון אַ דור וואָס גייט פֿאַרלוירן. איך ווייס אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט לעבן. עס שטייט דאָך געשריבן: כימי שמים על הארץ [אַזוי ווי די טעג פֿון דעם הימל איבער דער ערד]. און אַפֿילו ווען מיר וואָלטן געווען דער לעצטער דור, וואָלטן מיר געקאָנט געבן אַ לויב און זאָגן דיינו, גענוג פֿאַר אונדז אַז מיר האָבן זוכה געווען צו זײַן די קינדער פֿון די דאָזיקע! און יעדער טאָג וואָס הקדוש ברוך הוא גיט אונדז אין זײַן גנאָד איז אַ מתנה, און מיר וועלן זי אָננעמען מיט שׂימחה און געבן אַ דאַנק זײַן הייליקן נאָמען.

נעכטן אָוונט איז געווען אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג וועגן הילף פֿאַרן ווינטער. מען וועט קלײַבן וואַרעמע קליידער פֿאַר די וואָס אַרבעטן אין די וועלדער און בכלל פֿאַר די באָרוועסע. ה. ק. מיינט אַז די פֿאַרזאַמלונג איז געווען אַ געלונגענע. — הײַנט אַ קאָנצערט פֿון דער מוזיקשול. עס לערנען אַ צאָל תּלמידים, 11 פּיאַנאָס, אַ 7 ביז 8 לערערס. די מיידלעך (דאָס רובֿ תּלמידים) צייכענען זיך אויס אויך אין אַ גרויסער שטאָט.[82] און דעם זעלביקן טאָג — 5 אַ זייגער אַ קאָנצערט פֿון דעם אָרקעסטער. 9 אַ זייגער ....[83] מען האָט באַדאַרפֿט אַריבער אין די נײַע הייזער וואָס זײַנען צוגעקומען, נאָר דער אָדון וויל זיי נאָך באַזוכן און עס איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף דעם קומענדיקן זונטיק.

[זונטיק] דעם 25סטן אָקטאָבער. הײַנט מוז איך פֿאַרשרײַבן. נעכטן האָט מען צונויפֿגעקליבן אַלע פּאָליציאַנטן און דער קאָמענדאַנט האָט געגעבן אַ סך־הכל פֿון די געשעענישן פֿון די לעצטע שרעקלעכע טעג.[84] אַ שרעק, אפֿשר דער מוראַדיקסטער פֿון אַלע נסיונות, אָבער קיין אויסוועג איז ניטאָ. געלויבט איז דער גאָט פֿון ישׂראל וואָס האָט אונדז געשיקט דעם דאָזיקן מענטש. פֿון די שטעט אין ווילנער קרײַז האָט מען צונויפֿגעזאַמלט אַחינו בני ישׂראל אין

---

[82] אין אָריגינאַל — מצטיינות גם בעיר גדולה. אפֿשר וואָלט געדאַרפֿט זײַן: וואָלטן זיך געקענט אויסצייכענען . . .

[83] די שטעל אין אָריגינאַל איז ניט מיגלעך דורכצולייענען.

[84] ס׳רעדט זיך דאָ וועגן דער ליקווידאַציע פֿון אַ צאָל ייִדישע שטעטלעך אין ווילנער פּראָווינץ, ספּעציעל וועגן דער אַקציע אין אָשמיאַן (אָשמענע) און וועגן דעם אָנטייל פֿון דער ייִדישער פּאָליצײ אין אָט די אַקציעס, וואָס דאָס ווערט אָנגערופֿן „דער מוראַדיקסטער פֿון אַלע נסיונות". זען: דוואָרזשעצקי, דצ״ו, זז׳ 414—416.

איין געטאָ. אין מײַן שטאָט [85] זײַנען געבליבן 30 מענטשן פֿון 800 נפֿשות. מען האָט געשיקט אונדזערע פּאָליציאַנטן מיט שײַנען צו פֿאַרטיילן צו די איבערגעבליבענע אַרבעטערס, און דאָס איבעריקע פֿאָלק, די „איבעריקע", איבערצוגעבן אין די הענט פֿון דער מאַכט צו טאָן מיט זיי ווי עס איז דער שטייגער פֿון די טעג. די יונגע־לײַט האָבן אויף זיך גענומען די דאָזיקע שווערע אויפֿגאַבע, זיי האָבן אָנגעטאָן די אָפֿיציעלע היטלען מיט דעם מגן־דוד אויף דעם קאַשקעט און זיי זײַנען אַהינגעפֿאָרן און געטאָן וואָס זיי האָבן געהאַט צו טאָן. דער רעזול־טאַט: מער ווי פֿיר הונדערט נפֿשות זײַנען אומגעקומען: אַלטע, שוואַכע, קראַנקע, ניט־אַנטוויקלטע קינדער. אויף דעם אופֿן זײַנען ניצול געוואָרן פֿופֿצן הונדערט פֿרויען און קינדער. ווען פֿרעמדע הענט וואָלטן זיך געווען באַטיי־ליקט אין דער דאָזיקער אַקציע חס ושלום, וואָלטן צוויי טויזנט געווען אומגעקומען.

דער קאָמענדאַנט האָט געזאָגט: „אמת, אונדזערע הענט זײַנען פֿאַרשמירט אין בלוט פֿון אונדזערע ברידער, אָבער מיר האָבן אויף זיך גענומען נעמען די דאָזיקע שרעקלעכע אויפֿגאַבע. ריין זײַנען מיר פֿאַר דער געשיכטע. מיר וועלן היטן דעם רעשט. ווער ווייס צי מען וועט נאָך פֿאַרלאַנגען קרבנות פֿון דאַנען, אַזוי ווי מען האָט פֿאַרלאַנגט דאָרטן. מיר וועלן זיי געבן בלויז אַלטע און קראַנקע. קינדער וועלן מיר ניט געבן, זיי זײַנען אונדזער האָפֿענונג. יונגע פֿרויען וועלן מיר ניט געבן. עס איז געווען אַ פֿאַרלאַנג אַז מיר זאָלן געבן אַרבעטערס. איך האָב געענטפֿערט: מיר וועלן ניט געבן, מיר דאַרפֿן זיי דאָ. זיי זײַנען אַרויס אין גאַס און געכאַפּט אַ טויזנט פּאָליאַקן און זיי געשיקט קיין ריגע. ווער קען גאַראַנטירן פֿאַר דער צוקונפֿט?" — אַ שווערע אימה האָט געהויערט אויף דער פֿאַרזאַמלונג, בעת ער האָט גערעדט. אל רחום וחנון! אל רחום וחנון!

אין פֿאַרגלײַך מיט די דאָזיקע פֿאָרקומענישן איבער דער גאַנצער ברייט פֿון לאַנד, וואָס לײַדט אונטער דעם דרוק פֿון די פֿאַרריסענע, ווי קליין און אָרעם זײַנען אונדזערע געשעענישן! — מען האָט צוגענומען דאָס פּאַפּיר אַוועק־צופֿירן עס קיין דײַטשלאַנד. איך האָב ניט באַמערקט צי מען האָט שוין אַוועק־גענומען די קאַסטנס און די פּאָליצעס. מען האַלט אין איין ברענגען וואָס איז איבערגעבליבן פֿון דעם קלעצקין־פֿאַרלאַג. ביכער און בלעטלעך וואָס טויגן בלויז פֿאַר דער פֿאַבריק. — מען קלײַבט געלט און קליידער פֿאַר די וואָס אַרבעטן אין וואַלד. מען זאָגט אַז מען האָט צונויפֿגעקליבן גענוג וואַרעמע קליידער. — עס גייען אַרום פֿאַרשיידענע קלאַנגען, און מען האָט געדאַרפֿט אַלץ פֿאַרשרײַבן, כּדי צו זען וואָס איז געווען דער מצבֿ אין דרויסן און ווי אַזוי ער האָט זיך אָנטפּלעקט אין דער פֿאַרשטעלונג פֿון געטאָ. — מען רעדט וועגן שלום צווישן די שכנים. אַ נאַרישקייט וואָס די פּען וויל אַפֿילו ניט אַרויסשרײַבן. איצט האָב איך שוין פֿאַרגעסן אַ פּאָר זאַכן וואָס איז כּדאַי געווען זיי צו פֿאַרשרײַבן בשעתו.

---

[85] עס איז ניט קלאָר וועלכע שטאָט ז. ק. האָט דאָ אין זינען.

[מאָנטיק] דעם 26סטן [אָקטאָבער]. אמת, אַ שאָד וואָס איך האָב ניט פֿאַר־שריבן אין דער ריכטיקער צײַט. אַ טרויער־אָוונט צום אָנדענק פֿון ד״ר גרשון.[86] אַן אָנשטענדיקער מענטש. נאָכן טויט פֿון זײַן פֿרוי האָט ער אויסגעטרונקען סם. ער איז אַלט געווען אַ וואָסערע 80 יאָר און אפֿשר מער. אַן ערלעכער און אַקטיווער מענטש. אויפֿן אָוונט האָט מען דערציילט וועגן זײַן ענווות און ערלעכקייט. אונטער זײַן השפּעה האָט זיך געשאַפֿן דער ערשטער ייִדנראַט. ווען ער האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש מיט זײַן שטעקן, האָט ער גובֿר געווען די וואָס האָבן געציטערט פֿאַר די אַדונים און פֿאַר די סכּנות פֿון דער צײַט. — נאָך דעם ווי דער ייִדנראַט האָט זיך אָרגאַניזירט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם אַמט פֿון פֿאָרזיצער, הגם ער האָט זיך באַטייליקט אין די זיצונגען און געאַרבעט מיט אַלע זײַנע כּוחות. ער האָט געהאַלטן אַז מיר מוזן עס טאָן. זײַן אָנדענק דערהייבט די מענטשן. אַ מאָדנע זאַך. מענטשן ווייסן אַז אַזוי און אַזוי איז ריכטיק און שיין זיך אויפֿצופֿירן און מענטשן לויבן דעם ענוו און דעם עוסק בצרכי ציבור באמונה, אָבער אַליין היט מען ניט שטאַרק אָפּ די דאָזיקע מצוות־עשׂה. צבֿיעות? ניין, אַלע ווייסן דאָך וווּ זיי זײַנען, מען קאָן דאָך ניט אויסבאַהאַלטן. זיי האַלטן זיך, ווײַל זיי שטופּן זיך — אפֿשר זײַנען זיי מער פּאַסיק פֿאַר זייער אויפֿגאַבע פֿון די ערלעכע און די תּמימים. דאָס רובֿ טראָגט אָבער זייער יאָך און שטעלט זיי אַרויס בײַ וואַלן, הגם מע ווייסט אַז — אין תּוכם כּברם. דער ענין איז אַ פֿאַרפּלאָנטערטער, ווי אַלע מענטשלעכע ענינים.

[דינסטיק] דעם 27סטן [אָקטאָבער]. הײַנט אָוונט בײַם קאָמענדאַנט האָבן די יונגע־לײַט דערציילט וואָס עס איז מיט זיי פֿאָרגעקומען, די מגילה פֿון יסורים, ווי אַזוי מען האָט איבערגעגעבן אין די הענט פֿון די רוצחים 400 נפֿשות. עס איז געקומען אַ באַפֿעל מיט אַ סטראַשוניק. זיי זײַנען געפֿאָרן אַהין. פֿאַרלאַנגט האָט מען מער ווי טויזנט. פֿאַרלאַנגט האָט מען פֿרויען און משפּחות מיט אַ סך קינדער. אָפּגעדונגען האָט מען אויף 600 און געגעבן האָט מען 400. שוין פֿון די וועגענער האָט מען אַראָפּגעראַטעוועט אַ 53 פֿרויען. מען האָט זיי צונויפֿגעזאַמלט אויף דעם פּלאַץ. די קינדער האָט מען איבערגעלאָזט אין די היימען. קודם האָט מען ניט געוווּסט גענוי וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אָבער דאָס האַרץ האָט נבֿיאות געזאָגט. צו ביסלעך איז אַלץ קלאָר געוואָרן. בעצם האָבן די ייִדן אַליין שוין מסכּים געווען נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעפֿונען אַז מען קאָן אָפּראַטעווען די איבעריקע. — דער [אָשמענער] רבֿ האָט געפּסקנט איבערצוגעבן די אַלטע לײַט. טייל אַלטע האָבן זיך אַליין געבעטן מען זאָל זיי נעמען. ס'איז געווען איין פֿרוי פֿון אַן ערך הונדערט יאָר אַלט. זיי האָבן געבעטן די פּאָליציי פֿון די קינדער פֿון דער דינסט, די זעלנערס פֿון דער האַרינטע, אָבער זיי האָבן זיך צו זיי ניט צוגעהערט. זיי האָבן געוואָלט געבן אויסלייזגעלט פֿאַר זייער לעבן, מען האָט דאָס ניט אָנגענומען. געבליבן זײַנען

[86] ד״ר גריגאָרי גרשון. די פֿאַרזאַמלונג איז געווען צום יאָרצײַט. זען: דוואָרזשעצקי, דצ״וו, ז' 42.

זייערע זאַכן, געבליבן איז שפּײַז. אויב די פֿרעמדע וואָלטן געווען דורכגעפֿירט די אַקציע, וואָלטן געווען מער קרבנות און מען וואָלט געווען צעראַבירט דעם פֿאַרמעג. אין בית־מדרש האָבן טייל געזאָגט תּהילים. פֿרויען האָבן געוויינט פֿאַרן אָרון־קודש.[87]

זונטיק דעם 1טן נאָוועמבער. ווידער שווערע און ביטערע טעג. ווידער פֿאַרבעט מען די פּאָליציי צו „אַראַנזשירן" די עניִים אין סווענציאַן. מען האָט מורא געהאַט אַז די אַקציע וועט דורכגעפֿירט ווערן אָן זיי, און יעמאָלט וואָלט די צאָל קרבנות געווען אַ סך גרעסער. אָבער דאָס מאָל איז עס געווען, ווי עס זעט אויס, אַן אומזיסטער שרעק. נאָר דאָ הייבט זיך אָן אַ נײַע שווערקייט. דער קאָמענדאַנט האָט אָנגעהויבן פֿאָדערן אַז ער און זײַנע העלפֿערס זאָלן ניט זײַן די איינציקע וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער דאָזיקער טעטיקייט. ער וויל ניט אַז אַנדערע זאָלן זאָגן: אונדזערע הענט זײַנען ריין. לכאורה, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אַז די גאַנצע אַחריות ליגט אויף אים און אַז ער אַליין וועט אָפּגעבן דין וחשבון פֿאַר דעם שופֿט העליון. אָבער למעשׂה וויל ער ניט אַז מיר זאָלן זײַן בלויז גײַסטיקע שותּפֿים מיט אים, ער וויל מיר זאָלן זײַן ממשות־דיקע שותּפֿים. נעכטן האָט מען אַרעסטירט דעם וואָס איז געווען פֿריִער זײַן געהילף,[88] ווײַל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון באַפֿעל אַרויסצוגיין מיט דער גרופּע פּאָליציי קיין ס. אויף דער אַקציע. און אין געטאָ זידט ווי אין אַ קעסל. פֿאַרזאַמ־לונגען, זיצונגען, באַראָטונגען. ער פֿאַרלאַנגט, ווײַזט אויס, אַז אַנדערע זאָלן זיך אויך באַטייליקן. אין דער אמתן זײַנען מיר דאָך סײַ ווי ניט ריין פֿון ייִדיש בלוט. מיר האָבן געקויפֿט אונדזער לעבן און אונדזער צוקונפֿט מיט דעם אומקום פֿון צענדלינגער טויזנטער. אויב מיר האָבן באַשלאָסן אַז מיר מוזן ממשיך זײַן ניט געקוקט אויף אַלץ און אויף אַלעמען, יעמאָלט מוזן מיר גיין ביז צום סוף. און דער גאָט וואָס איז מוחל וועט מוחל זײַן. דער אַלטער רבֿ[89] קאָן זײַן אַ בײַשפּיל: מען דאַרף ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. אַזוי איז דער מצבֿ און מיר קענען אים ניט בײַטן. פֿאַרשטייט זיך אַז אַ שיינע נשמה קען ניט פֿאַרטראָגן אַזעלכע מעשׂים, אָבער דער פּראָטעסט פֿון דער נשמה האָט בלויז אַ פּסיכאָלאָגישן ווערט און ניט קיין מאָראַלישן. אַלע זײַנען שולדיק, אָדער אפֿשר ריכטיקער — אַלע זײַנען ריין און הייליק, און נאָך מער פֿון אַלע — די וואָס פֿירן עס דורך בפּועל ממש. זיי מוזן זיך אײַנהאַלטן, זיי מוזן זיך שטאַרקן און גובֿר זײַן די לײַדן פֿון דער נשמה. זיי באַפֿרײַען אַנדערע און באַשיצן זיי פֿון צער.

---

[87] וועגן אַקציעס מיט דער הילף פֿון דער ייִדישער פּאָליציי פֿאַרגלײַכן רייזל קורצ׳אַק, דצ״וו, זז׳ 136—146; חיים לזר, דצ״וו, זז׳ 76—80.

[88] יוסף גלאַזמאַן, פֿירער פֿון די רעוויזיאָניסטן, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לעבן פֿון געטאָ אין דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע—פּפּ״אָ. זען: קאַטשערגינסקי, דצ״וו, זז׳ 295—296; דוואָרזשעצקי, דצ״וו, זז׳ 303, 305, 369—370, 436 א״אַ; חיים לזר, דצ״וו, זז׳ 25—26, 81—95 און נאָך אַ סך שטעלן דאָרטן (זען דאָרטן, „לוח השמות"). יוסף גלאַזמאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצופֿירן די אַקציע אין ס. — ד״ה אין אַלט־סוועגציאַן.

[89] אַ פּנים דער זעלביקער רבֿ פֿון אָשמיאַן (אָשמענע) וואָס ווערט פֿריִער דערמאָנט.

דאָנערשטיק האָט די פּאָליציי איבערגעגעבן צען נפשות (מערסטנס מייד־לעך) צו די גויים. דאָס איז געווען אַן אויסלייז פאַר די מענטשן וואָס מען האָט געכאַפּט אין דער סבֿיבֿה מיט עסנוואַרג, וואָס האָט באַטראָפן ביז אַ האַלבן מיליאָן. עס זײַנען געווען אַן ערך דרײַסיק מענטשן. מען האָט זייער שטרענג געמאַכט דאָס אַרײַנפירן. שוין אין די לעצטע דרײַ טעג האָט געפּעלט ברויט אין געטאָ. לגבי ברויט איז דאָ געניג קאַרטאָפל. מען צעטיילט עס. און דאָך וואַקסט דער יקרות. עס ווײַזט אויס אַז מען פאַרבאַהאַלט אויפן ווינטער, וואָרעם מען גלייבט ניט אַז די זאַך וועט זיך באַלד ענדיקן. — עס זײַנען אַרומגעגאַנ־גען קלאַנגען וועגן אַ שלום צווישן די שכנים אויפן מיזרח. דער ממשותדיקער סמך איז, ווײַזט אויס, געווען דער קלאַנג וועגן אַ פאַרהאַנדלונג מכוח באַ־גראָבן די טויטע, אַ קלאַנג וואָס איז שפּעטער אָפיציעל אָפּגעלייקנט געוואָרן. — נעכטן האָט אויסגעבראָכן אַ פײַער אינעם סקלאַד פון בענזין. מען האָט מורא געהאַט אַז דאָס איז אין דעם אָרט ווו אַחינו בני ישׂראל אַרבעטן. מעשׂה נס איז דאָס געווען אין אַן אַנדער ווינקל, און ייִדן האָבן זיך אויסגעצייכנט בײַם ראַטעווען און בײַם לעשן. — נעכטן זײַנען געקומען אַהער קאָרעספּאָנ־דענטן, זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין די וואַרשטאַטן. דער מם האָט זיך באַרימט מיט דער אַרבעט פון זײַנע קנעכט און צוגעזאָגט אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט דער פאַרנעם זיך פונאַנדערוואַקסן און מע וועט אויסאַרבעטן ווונדער־לעכע זאַכן. — אויך אונדזער אָדון האָט נעכטן געהאַלטן אַ רעדע וועגן אָר־דענונג בײַ דער אַרבעט. ער האָט באַוויזן אַז ער האָט זיך באַמיט צו געפינען אַרבעט. מאַטעריאַל איז דאָ איבער גענוג. ער האָט זיך באַמיט צו רעמאָנטירן דאָס הויז: די ליכט און די באַהייצונג. מען דאַרף צונויפקלײַבן מאַטעריאַל און אַרײַנלייגן אין די קעסטלעך און אָוועקשיקן. עס איז איצט דאָ אַרבעט אויף דרײַ פערטל יאָר און מער. ער האָט מיך געלויבט ספּעציעל פאַר מײַן התמדה און פאַר מײַן אַרבעט אויף דער איבערזעצונג.[90] ער האָט מיר צוגעגעבן אַ לעבל ברויט פאַר מײַן באַשפּײַזונג. אויך אַנדערע וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט האָבן באַקומען, צווישן זיי דער סטאָליער. — אין וועגענער און אויטאָמאָבילן ברענגט מען אַרײַן שפּײַז און האָלץ צום הייצן. אַ ידיעה פון דער הויפּטשטאָט אַז יצחק איש טובֿ[91] איז אַליין אַוועק פאַר דער קאַטאַס־טראָפע. — אַ קלאַנג וועגן דער רעדע פון דעם פויפּס.

דאָנערשטיק דעם 5טן [נאָוועמבער]. איך האָב ניט געהאַט קיין צײַט. אַ שאָד. די טעג זײַנען געשפּאַנט. די וואָגשאָל וואַקלט זיך אַהין און אַהער. מען האָט באַשטראָפט דעם סעקרעטאַר[92] פאַרשיקט צו ווערן אין וואַלד אַרײַן.

---

[90] ז. ק. האָט איבערגעזעצט פאַרן ראָזענבערג־שטאַב דאָס ווערק פון קאַראַ־מישן חכם, פאַלקאָוויטשעס בוך ייִדיש און נאָך אַנדערע זאַכן.

[91] יצחק גיטערמאַן, מיטגליד פון אויספיר־ביוראָ פון ייִוואָ. יצחק גיטערמאַן האָט טאַקע זיך געהאַט אַרויסגעכאַפּט פון וואַרשע, אָבער ער איז אויפן וועג קיין אַמסטערדאַם אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט אים צוריקגעשיקט קיין וואַרשע, ווו ער איז שפּעטער אומגעקומען. זען: ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XXVI, ז׳ 7.

[92] יוסף גלאַזמאַנען.

עס איז אַפֿילו געווען אַ סבֿרא אַז מען זאָל אים שיקן אין אַן אַרבעט־לאַגער. מאָרגן פֿאָרט ער אָפּ אין וואַלד אַרײַן. אין וואַלד (פֿערציק גרעבערס) האָט פֿאַסירט אַן אומריינע געשעעניש. מען האָט געבראַכט אַ פֿאַרווונדטן פּאָליציאַנט[93] (דעם קאָמענדאַנט פֿון דעם פּונקט). עס זײַנען אַרײַנגעקומען פּויערים, גערעדט רוסיש (טייל זאָגן דאָס זײַנען געווען פּאַרטיזאַנער), גענומען עפּעס און אים געשאָסן מיט אַ רעוואָלווער. ער האָלט בײַם שטאַרבן (טייל זאָגן אַז דאָס איז געווען אַ נקמה־אַקט פֿאַר זײַן שטרענגער און אַכזריותדיקער באַציִונג צו די ייִדישע אַרבעטערס).

קלאַנגען וועגן דער מפּלה פֿון שׂונא אין אַפֿריקע.[94] — קאַרטאָפֿל פֿאַראַן דאָ גענוג. — די דײַטשן ברענגען אַרײַן שפּײַז און האָלץ. זיי גיבן זייערע ייִדן בראָנפֿן צו טרינקען.[95] נעכטן איז געקומען דער יונגער דײַטש פֿון מינסק. ער זעט אויס שלעכט. ווען מיר זײַנען אין אָוונט געקומען אַהיים איז געווען פֿינצטער, קאַלט. מען הייצט ניט. 53 קאַסטנס מיט ביכער זײַנען גרייט צום אַוועקשיקן. מען ברענגט פֿון דער נאָענטער הויפּטשטאָט:[96] ג׳ במקום ט׳.[97] — די פּוילישע פֿרויען הייבן אָן אומצוקערן די זאַכן וואָס זיי האָבן גענומען צום באַהאַלטן. צי איז אַ נײַער גײַסט אײַנגעטראָטן? קלאַנגען וועגן גראָדנע.

שבת [צו נאַכט] דעם 7טן [נאָוועמבער]. דער פֿאַרווונדעטער פּאָליציאַנט איז געשטאָרבן. מאָרגן וועט זײַן די לוויה. קלאַנגען אַז מען האָט דערלויבט 80 פּאָליציאַנטן צו באַטייליקן זיך אין דער לוויה דורך די גאַסן פֿון דער שטאָט. זיי ווערן אָפּגעלייקנט. דאָ האָט מען אים אָפּגעגעבן גרויס כּבֿוד אויפֿן באַפֿעל פֿון קאָמענדאַנט. אַזוי דאַרף זײַן. די ידיעות וועגן שׂונאס מפּלה ווערן באַשטעטיקט אין אַ רעדע פֿון דעם סם.[98] די סיטרא אַחרא האָט נאָך אַלץ די שליטה. גאָטס הילף [קאָן קומען] כּהרף עין.

זונטיק דעם 8טן [נאָוועמבער]. דער סדר בײַ דער לוויה פֿון דעם פּאָליציאַנט. עס האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ גרויסער המון עם אויף דעם ספּאָרט־פּלאַץ. מען האָט געבראַכט דעם אָרון, בלומען, קרענץ. די פּאָליציי־וואַך, די אָפֿיצירן זײַנען אָנגעטאָן אין לעדערנע מאַנטלען. אַרום דעם אָרון ברענען פֿאַקלען. דער כאָר זינגט. שוין גאָרניט ענלעך צו אַ געוויינטלעכער ייִדישער לוויה. ווען מען וואָלט די ייִדישע תּפֿילה רעפֿאָרמירט אויף אַזאַ אופֿן, וואָלט זי איבערגעלאָזט אַ טיפֿערן רושם און געשטאַרקט די הערצער פֿון דער יוגנט. אמת, די רעפֿאָרמען האָבן ניט אָפּגעהיט פֿון אַסימילאַציע. אָבער דאָס רעלי־

---

[93] נתן שלאָסבערג. זען: דוואָרזשעצקי, דצ״וו, ז׳ 305.

[94] מאָנטגאָמעריס אָפֿענסיווע קעגן ראָמעלן האָט זיך אָנגעהויבן דעם 23סטן אָקטאָבער 1942. די דײַטשן האָבן געהאַלטן אין צוריקטרעטן.

[95] די לעצטע צוויי זאַצן האָבן משמעות צו טאָן נאָר מיט דער גרופּע וואָס האָט געאַרבעט אין בנין פֿון ייִוואָ, אָדער מיט אַ צאָל אַנדערע גרופּעס.

[96] פֿון קאָוונע.

[97] עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו דעשיפֿרירן אָט די אָנצוהערעניש.

[98] סם — קירצונג פֿון סמאל, טײַוול, דאָ — היטלער. היטלערס אַ רעדע האָט געהאַט באַשטעטיקט אַז די דײַטשן האָבן געליטן אַ מפּלה.

גיעזע געפֿיל איז אויפֿגעהיט געוואָרן מער בײַ די מערבֿדיקע. דעם אל מלא רחמים האָט מען איבערגעחזרט צוויי מאָל. עס האָבן גערעדט: דער קאָמענ־דאַנט, זײַן אַסיסטענט, הרבֿ יעקבֿזאָן,[99] פֿאָרשטייערס פֿון די אַרבעטערס. אַ קראַנץ בלומען פֿון די וואַלדאַרבעטערס. זײַן אָנדענק איז ווי פֿון אַ קדוש וואָס איז געפֿאַלן אויף דער וואַך. דער דאָזיקער צערעמאָניאַל באַקומט אַן איבעריקע חשיבֿות אין געטאָ מיט דעם וואָס ער ווײַזט נאָך אַ מאָל אַז לעבע־דיקע מענטשן ווינען דאָ. 20 פּאָליציאַנטן זײַנען נאָכגעגאַנגען דעם אָרון אין דער שטאָט.

זונטיק דעם 15טן [נאָוועמבער]. די וואָך איז אַרײַנגעקומען אַ וויכטיקע ווענדונג אין די וועלט־געשעענישן. די פּרוכט איז צײַטיק געוואָרן; וואָס עס איז צוגעגרייט געוואָרן די לעצטע צוויי יאָר הייבט אָן זיך צו אַנטפּלעקן ממשותדיק.[100] צווישן אונדז פֿאַרשטייט זיך פֿילט מען דאָס נאָך בכלל ניט. פֿאַרשטייט זיך אַז עס גייען אַרום קלאַנגען און מע מעסט און מע וועגט אַלץ. מען דערציילט דבֿרים כּהוויתם, נאָר מען גיט אַ ביסל צו צו זייער חשיבֿות.

אַ בריוו פֿון בעל־הבית פֿון „אָרט" צו זײַן זון.[101] זיי ווינען אין דער פֿרײַ־ערדיקער הויפּטשטאָט. אויך וועגן אַנדערע פֿון זייערע פֿרײַנד זײַנען דאָ ידיעות אַז זיי לעבן און זײַנען געזונט. און עס ווײַזט אויס אַז די מבֿשׂרים האָבן אַ ביסל מגזם געווען (קיין וווּנדער ניט: די נײַס איז גענוג שרעקלעך). — די טאָכטער פֿון ב. וו.[102] האָט חתונה געהאַט. עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן בײַ אים אין צימער זײַנע פֿרײַנד און באַקאַנטע, אַן ערך 40 מענטשן. מען האָט געשטעלט אַ חופּה כּדת משה וישׂראל, מען האָט געגעסן נאַשערײַען און גע־טרונקען מיט אַ פֿול מויל. אַ קורצע ווײַלע האָט מען זיך געפֿילט ווי פֿרײַע מענטשן. — די וואָך האָט מען אַרײַנגעבראַכט אַ סך קאַרטאָפֿל. עס איז זייער קאַלט און די פּרות ווערן קאַליע. מען צעטיילט צווישן די אײַנוווינערס אויפֿצוהיטן אויפֿן ווינטער. — בכלל איז מען איצטער ניט אַזוי שטרענג בײַם טויער, הגם מען זוכט נאָך גאַנץ גוט. טייל מאָל קומען אויך די שׂונאים צו זוכן און זיך צוקוקן. — מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצופֿירן די מאַטריצן פֿון ספֿרי רומל. עס ווערט אַוועקגעשיקט אויף בלײַ, פֿאַראַן מער ווי זעכציק טאָן. עס איז נאָך ניט געקומען די ריי פֿון די ביכער. — עס ווערט דאָ געמאַכט אַן אויסשטעלונג, פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר דעם נאָרדישן געדאַנק. אונ־דזערע מענטשן זעצן איבער און קאָפּירן די אויפֿשריפֿטן אין די היימישע שפּראַכן. און איך האַלט ווײַטער אין איבערזעצן דאָס בוך פֿון דעם קאַראַיִמישן חכם (ווי ענג איז זײַן קרײַז — ער שטאָלצירט מיט זײַן טערקיש־טאָטערישן

[99] דער רבֿ איז געווען אַ מיטגליד פֿון רעליגיעזן ראָט בײַם קולטור־אָפּטייל פֿון ייִדנראַט.

[100] דאָס ווערט געשריבן נאָכן דעסאַנט אין צפֿון־אַפֿריקע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אײַזענהאַוערן.

[101] אַ בריוו פֿון יוסף יאַשונסקין, דעם פֿירער פֿון „אָרט" אין וואַרשע, צו זײַן זון גרישע יאַשונסקי. וועגן יוסף יאַשונסקין זען: ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XXVI, זז׳ 11—12.

[102] אַ פּנים די טאָכטער פֿון ב. ווײַנער, וואָס איז געווען דער אָנפֿירער פֿון אַ שנײַדער־וואַרשטאַט מחוצן געטאָ.

יִחוס — ער פֿאַרשטייט זיך מער אויף פֿערד און כּלי־זיין ווי אויף אמונה, נאָר ער איז רעליגיעז אין דעם קריסטלעכן זינען). עס אַרבעט דאָ אַ ביורא פֿאַר קאָנטראָל. די באַאַמטע דערציילן פֿאַרשיידענע זאַכן וועגן דעם ביוראָ. בדרך־כּלל איז נייטיק געווען אַז עס זאָל זײַן אַ השגחה. די ווירטשאַפֿטלעכע טעטיקייט אַנטוויקלט זיך. געלט קומט צו אַלץ מער. אויך איז פֿאַראַן אַ פֿאַרמעג אין הפֿצים, — און דאָס אַלץ פֿאַרלאַנגט אַ שטאַרקע השגחה, וואָרעם די דרויסנדיקע כּוחות האָבן זיך באַצויגן דערצו ווי צו הפֿקר און דעריבער האָבן זיך אויך ס׳רובֿ מענטשן צוגעוווינט צו דעם געפֿיל פֿון הפֿקר; מײַנס איז מײַנס און דײַנס איז מײַנס. קאָלעקטיווער פֿאַרמעג — דער דאָזיקער באַגריף איז אונדז כּמעט ווי פֿרעמד. — הלוואַי זאָל אונדזער גרופּע בלײַבן אַזוי ווי זי איז, ביז עס וועט קומען דער טאָג פֿון באַפֿרײַונג.

מאָנטיק דעם 16טן [נאָוועמבער]. אַ קלאַנג אַז עס האָט רעזיגנירט דער פֿריִערדיקער פֿאַרזיצער פֿון דעם ראַט.[103] — מען האָט אַרעסטירט 8 פֿון די חבֿרים פֿון דעם פֿריִערדיקן געהילף פֿון קאָמענדאַנט.[104] דער פֿאַרוואַלטער פֿון טעכנישן אָפּטייל[105] פֿאַרלאָזט אויך זײַן שטעל. — די נערוון זײַנען צעשרויפֿט. די לעצטע נאַכט האָט מען דערוואַרט אַ רייניקונג. מען איז געשלאָפֿן אין די קליידער. מען מאַכט אַ רעגיסטראַציע פֿונעם געטאָ פֿאַר דעם מם. אין דער פֿרי איז ער אַרײַנגעקומען זען די אַרבעט פֿון די יונגע, מען האָט זיך פֿאַר אים געשראָקן און מען איז ניט געקומען. מען קלײַבט קאַרטאָפֿל — שלעכטע, פֿאַר־פֿוילטע און געפֿרוירענע. קיין מעל וועט מען זיי ניט געבן. — אַ דערציילונג וועגן דעם אָדון, דעם הויפּט פֿון די רוצחים.[106] אַן אַרבעטער שטאַפּט אויס פֿאַר אים חיות פֿון פֿעלן. די אַרבעט האָט בײַ אים אויסגענומען, און דער לוין — ער וועט שטאַרבן דער לעצטער. אַ וואַמפּיר! זײַן פּנים פֿון אַ רוצח פּאַסט אים. ער טרינקט בלוט און ווערט ניט זאַט. איך בין געפּלעפֿט. ווי לעבט אַזאַ מין מענטש? דער עצם געדאַנק אַז ניט ווײַט פֿון דאַנען זיצט בײַ אַ טיש פֿאַר אַן עלעקטרישן לאָמפּ אַזאַ משונהדיק באַשעפֿעניש, איז פּשוט שרעקלעך. מען קאָן אים ניט תּופֿס זײַן. עס איז נאָך אַזאַ מין זאַך ניט געווען. און פֿילט ער דען גאָרניט? קומען דען ניט שוואַרצע שאָטנס אים צו דערשרעקן און צו שטערן זײַן רו? צי וועט ניט עפּעס אַ ווערעמל אַרײַן אין זײַן מוח און אים אָנוועקלייגן? נוראים מעשיך, אלהים חיים. אל נקמות הופֿיע! עת לעשות.[107]

דינסטיק דעם 17טן [נאָוועמבער]. נעכטן האָט מען דערציילט אַז דער פֿאַר־זיצער האָלט בײַם רעזיגנירן. עס האָט זיך אויסגעלאָזן אַ ליגן. עמעצער

[103] אינזשעניר אַנאַטאָל פֿריד.

[104] ד״ה פֿון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי.

[105] אינזשעניר גריגאָרי גוכמאַן.

[106] דאָ אַ פּנים מאַרטין וויס. דער ווײַטערדיקער זאַץ אין אָריגינאַל איז ניט קלאָר און עס איז ניט זיכער צי דער אַרבעטער האָט טאַקע אויסגעשטאָפּט פֿעלן פֿון חיות.

[107] „שרעקלעך זײַנען דײַנע מעשׂים, לעבעדיקער גאָט. גאָט פֿון נקמות באַווײַז זיך! ס׳איז צײַט צו טאָן״ — צונויפֿגענומען פֿון טיילן פֿון פּסוקים: תהלים, סו, 3; צד, 1; קיט, 126.

פֿאַרשפּרייט קלאַנגען כּדי צו שאַפֿן אַ מהומה. דער קאָנטראָליאָר[108] אין געטאָ וואָס איז געווען אַ ממונה בײַ די אַרויסגעטריבענע בעלי־בתּים — האָט דעם כאַראַקטער פֿון אַ געהיים־פּאָליציאַנט. אָבער די זאַך איז נייטיק. — די וואָס פֿאַרשפּרייטן פֿאַלשע קלאַנגען וועלן דערפֿאַר באַצאָלן, אַזוי האָט הײַנט גע־זאָגט דער קאָמענדאַנט אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די פּאָליציאַנטן, זיי שטעלן אין סכּנה די עקסיסטענץ פֿון געטאָ. אייגנטלעך זײַנען זיי מחשבֿי קצין. דער קאָמענדאַנט איז אַרויסגעטראָטן אין אַ רעדע קעגן דעם סעקרעטאַר פֿאַר זײַן פּאַרטייִשקייט. עס איז אויך פֿאַראַן אַ באַשולדיקונג פֿון געלטשווינדל. <פֿאַראַן חבֿרה וואָס זײַנען פֿאַראינטערעסירט צו זייען מהומות. — פֿונאַנדער־געלאָזן דעם הילפֿס־קאָמיטעט,[109] באַשטימט אַ נײַעם. — אַרעסטירט און געשלאָגן רעוויזיאָניסטן. געפּוטעוועט מעשׂיות וועגן נסיעות קיין וואַרשע.> — הײַנט האָט מען איבערגעפֿירט קאָסטנס מיט ביכער, משמעות צו דער באַן. מער ווי 50. — מען ברענגט ביכער פֿון די סקלאַדן. קלאַנגען וועגן דע־מאָנסטראַציעס פֿאַר שלום אין דרום־לאַנד.[110] דאָ גייט אָן אַ מחלוקה אין דער הייל[111] — צוליב וואָס? די רעזולטאַטן? ווער וועט מאַכן אַ פּשרה? ווי קען מען לעשן דאָס פֿײַער פֿון מחלוקות?

דאָנערשטיק דעם 19טן [נאָוועמבער]. אַ ידיעה אַז מען האָט צוריקגע־בראַכט דעם סעקרעטאַר פֿון וואַלד און מען האָט אים אײַנגעזעצט אין תּפֿיסה. מען באַשולדיקט אים אין פֿאַרשווענדן געזעלשאַפֿטלעך געלט. עס ווײַזט אויס ווי עס וואָלטן געווען רדיפֿות קעגן דער באַקאַנטער פּאַרטיי. לטובֿת וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי? עס ווײַזט אויס אַז דער קאָמענדאַנט איז פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין דעם ענין. לאָמיר האָפֿן אַז עס וועלן דערפֿון ניט אַרויסקומען קיין פֿאַרדריי־ענישן כּלפּי חוץ.

אַ קלאַנג אַז די פּאַפּיר־פֿאַבריק אין דער נאָענטער סבֿיבֿה איז פֿאַר־מאַכט געוואָרן. דאָס פּאַפּיר פֿון ייִוואָ ווערט פֿאַרקויפֿט צו אַ פֿאַבריק וואָס איז וואַסערע צענדלינגער קילאָמעטער [פֿון דאַנען] און ווערט געפֿירט אַהין. איך האָב געטראַכט אַז די שוועריקייט אין אַריבערפֿירן איז געווען דער פֿאַקטאָר פֿאַר דעם אָפּהאַלט. עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַז די אַדונים האָבן לכתּחילה געוואָלט אַריבערפֿירן דעם מאַטעריאַל אין זייער לאַנד, נאָר צוליב דוחק אין טראַנספּאָרטאַציע־מיטלען האָבן זיי דערלויבט צו פֿאַרקויפֿן דעם דאָזיקן מאַטעריאַל צו אַ לאָקאַלער פֿאַבריק, וואָס האָט אירע אייגענע וועגענער. מען דערציילט אַז לויט דער רעדע פֿון דעם קאָמענדאַנט האָט אין אונדזער הויפּטשטאָט[112] אַ ייִד געשאָסן דעם אָדון וואָס האָט געפּרוּווט אים

---

[108] גרישע גינזבורג, דער הויפּט־בוכהאַלטער פֿון ייִדנראַט.

[109] זען: דוואָרזשעצקי, דצ״ו, זז׳ 377—379.

[110] אין איטאַליע.

[111] אונטערן נאַצי אין געטאָ. ס׳רעדט זיך וועגן פּאַרטייִשע חילוקי־דעות. מיטן אויסדרוק „באַקאַנטע פּאַרטיי״ ווערט דאָ ווײַטער באַצייכנט די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי.

[112] אין קאָוונע. זען: לייב גאַרפֿינקעל, „וויכטיקע מאָמענטן אין קאָוונער געטאָ״, זאַמלבוך ליטע, בוך איינס, ניו־יאָרק, 1951, זז׳ 1699—1700.

אָפּשטעלן בעת ער איז אַנטלאָפֿן מיט גאָלד און בריליאַנטן. מען האָט געטייט 60 ייִדן, די אויספֿאָרשונג ציט זיך נאָך. — אין דער פּוילישער צײַטונג אַן אַרטיקל וועגן אַן אָרגאַניזאַציע צו קעמפֿן מיט די בריונים־גרופּעס וואָס זײַנען פֿאַראַן אין דער סבֿיבֿה.

מיטוואָך דעם 25סטן [נאָוועמבער]. אַ טאָג פֿון מהומה אין די געצעלטן פֿון יעקבֿ. עס איז אַרויס אַ באַפֿעל צו רעגיסטרירן די וואָס עסן און אַרבעטן ניט. דער קאָמענדאַנט האָט דערקלערט אַז דער אויספֿירער פֿון דעם באַפֿעל, זײַן שטענדיקער געהילף,[113] האָט אַליין געביטן דעם באַפֿעל און צוגענומען פֿון אַלע באַאַמטע פֿון ייִדנראַט זייערע שײַנען און האָט זיי אַלעמען צונויפֿגעקליבן אין טעאַטער־זאַל. עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין דער גאַנצער געגנט וועגן שלעכטע גזירות. מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַהאַלטן. מען האָט פֿאַרשלאָסן די טויערן. באַלד איז דער באַפֿעל צוריקגעצויגן געוואָרן.

שבת [צו נאַכט] דעם 28סטן [נאָוועמבער]. אייערנעכטן זײַנען געשטאַנען אויס־געשטעלט שורות פֿאַרן טויער אין דער פֿינצטער און אין דער בלאָטע, און דער מם און פּאָליציאַנטן פֿון די אַדונים זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען און זיי באַ־לויכטן מיט לאַמטערנעס. אונדזערע האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל אַרונטער־צונעמען די היטלען. מען האָט בודק געווען מיט זיבן בדיקות. מען האָט גע־שלאָגן מכּות רצח אין קראָם,[114] דער עיקר די פֿרויען. — עס טראָגן זיך קלאַנגען אין דעם גאַנצן געטאָ אַז עס איז דאָ אַ באַפֿעל אויסצוראָטן אַלע אײַנוווינערס און מען האָט אָנגעהויבן צוגרייטן מאַלינעס.[115] — הײַנט, ווען דער מם איז געווען בײַם קאָמענדאַנט, האָט ער אים געזאָגט אַז עס איז ניט פֿאַראַן קיין שום יסוד פֿאַר די דאָזיקע אויפֿרייצנדיקע קלאַנגען. נעכטן האָט אונדזער אָדון[116] געשלאָגן איינעם פֿון די אַרבעטערס.

דינסטיק דעם 1טן דעצעמבער. נעכטן איז געווען אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די אויפֿזעערס אויף דער אַרבעט. דער קאָמענדאַנט האָט גערעדט. אַן אָרדענונג בײַ די אויפֿזעערס. באַראַטונג. זייערע פֿאַרשטייערס זאָלן אַמטירן יעדן טאָג. ער האָט באַרויִקט אַז עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. ער האָט געוואָרנט פֿאַר גניבֿות. נעכטן האָט מען געפֿונען בײַם טויער אַ סך געגנבֿעטע חפֿצים. דער דײַטש איז אַרײַנגעקומען און מען האָט פֿאַרטאָפּלט די שמיץ. פֿינף און

---

[113] סאַלעק דעסלער. וועגן אים זען: דוואָרזשעצקי, דצ״ו, זז׳ 304—305, 391—392 א״אַ; קאַטשערגינסקי, דצ״ו, ז׳ 81; רייזל קורצ׳אַק, דצ״ו, ז׳ 314; חיים לזר, דצ״ו, זז׳ 124—126, 161—163, 173—174, 187—188.

[114] בײַם טויער פֿון געטאָ, אין אַ ליידיקער קראָם, איז געווען אַ מין צײַטווײַליק אַרעסט־הויז. דאָרטן פֿלעגט מען שלאָגן — בײַם פֿאַרהאַלטן, בײַם געפֿינען עפּעס וואָס מע שמוגלט אַרײַן אין געטאָ.

[115] באַהעלטענישן. וועגן מאַלינעס זען: סוצקעווער, דצ״ו, זז׳ 127—143; קאַטשערגינסקי, דצ״ו, זז׳ 76—77 א״אַ; דוואָרזשעצקי, דצ״ו, זז׳ 94—100 א״אַ.

[116] ווילי שעיפּער, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט מיט זײַן איידלקייט, האָט איין מאָל געשלאָגן איינעם פֿון די שוואַרצאַרבעטערס וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן טראָגן די קעסט־לעך מיט די ביכער.

דרײַסיק פּראָצענט פֿון די באַאַמטע פֿון [ייִדנ]ראַט ווערן געשיקט אַרבעטן אין שטאָט. פּרויען ווערן באַפֿרײַט, ווײַל עס זײַנען דאָ אַ סך אַרבעטסלאָזע צווישן די גויעס. — שוין אַ פּאָר טעג ווי אַרבעטערינס פּאַקן פּאַפּיר פֿאַר דער פֿאַבריק. דער אָדון האָט געהייסן פֿאַרפּאַקן קאַסטנס. מען האָט אויפֿגעלאָדן ספֿרי רומל.

מאָרגן וועט קומען אַ נײַער אָדון[117] וואָס אינטערעסירט זיך אין ביבליאָ־גראַפֿיע פֿון דער רעליגיעזער ליטעראַטור אָדער דער ליטעראַטור פֿון דער געשיכטע פֿון רעליגיע. די זיצונג פֿון די באַאַמטע פֿון ראַט צו קאָנטראָלירן די וואָס באַהאַלטן זיך אויס איז ניט פֿאָרגעקומען.

מיר זיצן און קלאָגן אויף דער צוקונפֿט פֿון אָ ווונדערלעכער קולטור וואָס ווערט חרובֿ פֿאַר אונדזערע אויגן און אויף אַ פֿאָלק אַ בעל־כּשרונות און אַ בעל־זכיות אין עבֿר, וואָס איבער זײַן צוטרוי איז עס אַרײַנגעפֿאַלן אין נעץ פֿון רשעים און רוצחים און קריגט די שטראָף וואָס קומט אים. ווי וועלן אונדזערע נוגשים קענען בײַשטיין קעגן די נוגשים וואָס וועלן אויפֿשטיין אויף זיי?

מאָנטיק דעם 7טן [דעצעמבער]. די פֿאַרגאַנגענע וואָך זײַנען געווען אַ פּאָר געשעענישן וואָס זײַנען ווערט מען זאָל לייגן אַכט אויף זיי. מיטוואָך און דאָ־נערשטיק (דעם 2טן און 3טן) אַ שמועס מיטן נײַעם אָדון, אַ געלערנטער דאָקטאָר טעאָלאָגיע. אין דאָרפֿעט איז ער דער פֿאָרטרעטער פֿון דעם אינסטיטוט ווו מען גרייט צו אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿאַר די רעליגיעזע דערשײַנונגען אין די מיזרח־געביטן — פֿון אַלע רעליגיעס. פֿון אונדז וויל ער באַקומען די ייִדישע ביבליאָגראַפֿיע וועגן אַלע באַלטישע לענדער. עס האָט אים פֿאַרדראָסן וואָס דער ביבליאָגראַפֿישער אינסטיטוט [פֿון ייִוואָ] איז חרובֿ געוואָרן. איך האָב פֿאַר אים געלייענט פֿון דעם יאָרבוך. איך האָב אים געוויזן די מעטאָדן און די סיסטעם פֿון דער קאַרטאָטעק. ער האָט מיר פֿאָרגעשלאָגן איך זאָל אים העלפֿן צוגרייטן מאַטעריאַל פֿאַר זײַן אַרבעט אויף שמות א—ב, 10: דאָס געבוירן ווערן פֿון משה רבינו. איך דאַרף פֿאַר אים צוגרייטן דעם תּמצית פֿון אונדזערע טראַדיציאָנעלע מפֿרשים. איך האָב אים געראָטן אַז ער זאָל מאַכן דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג אונדזער אָדון. ער וויל מיך פֿאָרשלאָגן ווי אַן אַסיסטענט אין זייער אינסטיטוט: אויסצוטײַטשן און איבערצוזעצן די ווערק פֿון רמבם. ער האָט פֿאַרצייכנט מײַן עלטער, מײַן געבוירן־אָרט און מײַן אויסבילדונג. איך האָב געבעטן אַז דאָס זאָל געשען ערשט נאָך דעם ווי די מלחמה איז פֿאַרענדיקט. איצטער וויל איך ניט פֿאַרלאָזן מײַן אָרט.

און דאָ אין אונדזער מחנה זײַנען פֿאָרגעקומען פֿאַרשיידענע שינויים. — דער גאַנצער ענין מיט דעם סעקרעטאַר איז אָפּגעווישט געוואָרן און אין גאַנצן פֿאַרגעסן געוואָרן. מען האָט ניט געקאָנט געפֿינען אויף אים קיין חטא.

[117] ד״ר גאָטהאַרד. די מענטשן פֿון דער גרופּע וואָס האָט געאַרבעט אין ייִוואָ האָבן אים גערופֿן „דאָס חזירל״ (ער איז געווען נידעריק און זייער דיק). נאָך דער מלחמה האָט מען אים געפֿונען אין אַ פּליטים־לאַגער. זען: ש. קאַטשערגינסקי, „מען האָט אַרעסטירט דאָס חזירל״, אונדזער מאַמענט, רעגנסבורג, נומ׳ 16 (34), פֿון 14טן יולי 1947.

דער קאָמענדאַנט האָט געוואָלט באַשטימען אַ ספּעציעלן געריכט פֿון די פֿאָרשטייערס פֿון די אָרגאַניזאַציעס. אָבער דער דורכגעטריבענער משומד[118] האָט אים אָנגעוויזן אויף זײַן טעות און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם דאָזיקן פֿאָרלאַנג. דעם פֿרײַנד פֿון דעם סעקרעטאַר האָט ער באַשטימט אויף זײַן שטעל. און דער סעקרעטאַר גופֿא וויל אַרבעטן מחוץ לעיר. — עס איז פֿאָרגעקומען אַ פֿײַערונג פֿאַר דער פּאָליציי אין פֿאַרבינדונג מיטן יום־טובֿ חנוכּה, און עס זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן אויסצייכענונגען פֿאַר די פּאָליציאַנטן וואָס אַרבעטן אָן אויפֿהער פֿאַר דער גאַנצער צײַט פֿון דער עקסיסטענץ פֿון דער פּאָליציי. — קלאַנגען וועגן פֿינף וואַגאָנען וואָס שטייען פֿאַרזיגלט אויפֿן וואָקזאַל און קײנער ווייס ניט וועגן זיי. מען לאָזט ניט צו צו זיי קיין שום ילוד אשה.

מיטוואָך דעם 9טן [דעצעמבער]. אַ באַזוך פֿון אַ מיליטערישן אָפּיציר. אַ גוטן אײַנדרוק. נעכטן פֿאַר דעם טויער האָט מען פֿאַרהאַלטן די גאַנצע גרופּע און עס זײַנען געמאַכט געוואָרן רעוויזיעס בײַ אַ טייל צו געפֿינען מאַטעריאַלן וואָס מען ברענגט אַרײַן פֿון אונדזער אוצר און מען פֿאַרקויפֿט. טייל האָבן געכאַפּט פּעטש. דער אומגליקלעכער פּ.[119] איז קראַנק געוואָרן פֿון אויפֿרעגונג. ג.[120] האָט מורא אַז מען וועט בײַ אים צונעמען זײַנע ביכער. עס טראָגן זיך קלאַנגען אַז מען פֿאַרקויפֿט אַלטע ביכער אאַז"וו.

הײַנט האָט מען אויף מיר אַרויפֿגעלייגט די אויפֿגאָבע צוצושטעלן באַריכטן וועגן דער לאָקאַלער פּרעסע. וואָס איז די כּוונה?

דאָנערשטיק דעם 10טן [דעצעמבער]. מײַנע מענטשן אַרבעטן שוין אויף דער פּרעסע. — דאָס פּאַפּיר ווערט איבערגעגעבן אין מאַגאַזין איבערצואַרבעטן אויף אינדוסטריע־מאַטעריאַלן.

זונטיק דעם 13טן [דעצעמבער]. אַ פֿײַערונג לכּבֿוד דעם הונדערט טויזנטסטן בוך וואָס איז געלייענט געוואָרן אין ביבליאָטעק. פֿון די ביכער זײַנען נאָר 17.6 פּראָצענט ייִדישע און 2 פּראָצענט העברעיִשע, 70.4 פּראָצענט פּוילישע, און דער רעשט רוסישע און אַנדערע. די ציפֿערן זײַנען פֿון דעם 1טן אָקטאָבער. איצטער זײַנען שוין דאָ 140,000. די לעקציעס זײַנען גוטע. די רעדעס — איז ניט כּדאַי צו דערמאָנען.

שבת [צו נאַכט] דעם 19טן [דעצעמבער]. אייערנעכטן האָט די דײַטשע פּאָליציי אַרעסטירט וואָסערע 25 מענטשן אין גאַס; מען האָט געפֿונען בײַ זיי מעל און אַנדערע עסנוואַרג. נעכטן האָט מען זיי געבראַכט אַהער, דורך דער השתּדלות פֿון דעם קאָמענדאַנט. הײַנט איז געקומען דער מם און געהייסן זיי אומקערן, ביז ער וועט די זאַך אויספֿאָרשן. לויט די קלאַנגען האָט מען די מענטשן פּײַן אויפֿגענומען. פֿיר פֿון די מענטשן, אָנפֿירערס, זײַנען דאָ גע־

---

[118] שווער צו זאָגן וועמען ז. ק. האָט דאָ אין זינען בײַם רעטאָרישן ניצן דאָס וואָרט משומד. ס. דעסלער האָט געהאַט אַ שם פֿון אַ קנאַפּן חכם.

[119] ד"ר דניאל פֿײַנשטיין.

[120] ד"ר גאָרדאָן.

בליבן. אַ פֿאַלשער קלאַנג. — בלויז די וואָס מען האָט בײַ זיי געפֿונען זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן. די אַנדערע זײַנען אַרעסטירט.

זונטיק דעם 27סטן [דעצעמבער]. אַ וואָך אַריבער. די פֿאַרהאַלטענע וואָס זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן האָט דער מם ווידער געלאָזט אַרעסטירן. דער פּדיון פֿון פּופּציק איז אים ניט געווען גענוג. לויט דעם קלאַנג פֿאַרלאַנגט ער צוויי הונדערט און פֿופֿציק טויזנט קליינע.[121] ביני לביני האָט מען אַרעסטירט דעם הויפּט פֿון ,יז̇ר טויערוואַך.[122] וואָרעם דער מם האָט געלויערט און געכאַפּט אַ וואָגן מעל וואָס איז געגנבֿעט געוואָרן פֿון מיל. דער גויִשער בעל־עגלה האָט געטענהט אַז ער ווייס ניט ווער עס האָט אים געדונגען און אים געהייסן פֿירן דעם וואָגן אין געטאָ. מען דערציילט, אַז פֿריִער פֿאַר דעם האָבן דײַטשע פּאָליציאַנטן געכאַפּט אַ וואָגן מיט ברעטער. — דער ערשטער רעזולטאַט — מען ליקווידירט דעם קאָאָפּעראַטיוו וואָס באַשפּײַזט אונדז. און נאָך ערגערע רעזולטאַטן דערוואַרטן אונדז. די זאַך איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביז נאָך די חגאות. מאָרגן וועט זײַן די דעצידירנדיקע שעה.

הײַנט אין דער פֿרי אין קינדערהיים. פֿרויען וואָס אַרבעטן לאָזן איבער די קינדער פֿון 7 ביז 6. 150 קינדער פֿון 3 חדשים ביז 2 יאָר אַלט, [אַ גרופּע 2־3[יאָריקע], [אַ גרופּע] 3־6[יאָריקע] און נאָך איין גרופּע וואָס לערנט זיך שרײַבן און לייענען. רעדעס, פֿאָרשטעלונגען, די קינדער מאַרשירן אין ריי. אָבער עס פֿעלט דער יִדישער טעם. בײַ די געטאָ־אומשטאַנדן איז די אָרדענונג ווונדערלעך. די וויטאַליטעט פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק בײַם ברעג פֿון אומקום!

<ווער קלאָגט אויפֿן חורבן פֿון מיזרח־יִדנטום? דער חורבן איז אַ האַרטער פֿאַקט. מן הסתם האָבן אויך די וואָס האָבן אים פֿאָרויסגעזאָגט ניט געזען אים אין דער געשטאַלט. האָט מען דאָך פֿאַר 3־4 יאָר[ן] אין ציוניסטישן צענטראַלבלאַט געשריבן וועגן מרכז הגולה פּאַראַלעל מיטן מרכז האָרץ. אָבער דער חורבן איז דאָך געווען אַ געוויסע זאַך. זײַנע קאָנטורן אַזוי אָנזעעווודיק. אַוודאי, דאָס חידושדיק שרעקלעכע פֿאַר אונדזער מענטשלעכן געמיט איז די פּערזענלעכע פֿאַרטיליקונג פֿון מענטשלעכע לעבנס: אַלטע לײַט, קינדער, בלי־ענדיקע יוגנט, שוואַך און אַלט, אָבער אויך אין פֿולן כּוח. עס איז גאָר קיין ספֿק ניט: עס איז אַ ריס אין האַרצן. אָבער אָט קומען אום מיליאָנען אין אַלע עקן וועלט פֿון דער מלחמה, און ניט נאָר קאָמבאַטאַנטן נאָר אויך עופּעלעך און זקנים. די מלחמה האָט דעם חורבן אַרויפֿגעזעצט איר מאַסקע. דער חורבן אָבער איז דאָך געווען זיכער, אַפֿילו ווען די מלחמה וואָלט ניט אויסגעבראָכן. ער איז דאָך געגאַנגען זײַן וועג מיט אַ ברייטקייט. קיינער האָט ניט געפּרוווט זיך אײַנשטעלן. אַדרבא, ווער עס האָט געמיינט אײַנצוריעדן זיך און די וועלט, אַז ער בויט אויס אַנטקעגן, האָט גאָר אַליין געבראָכן. — דער פֿולער באַווײַז איז

[121] אין געטאָ האָט מען מאַרקן גערופֿן קליינע. אין די באַדינגונגען פֿון געטאָ איז דאָס אַ פֿאַנטאַסטישע סומע.

[122] אַ פּנים מאיר לעוואַס אָדער לעוו. זען: דוואָרזשעצקי, דצ״ו, זז׳ 305—306, 378.

געווען אין מיזרח.[123] עס איז אַלץ אײַנגעשלונגען געוואָרן אין איין גרויסן אימפּעט צו פֿאַרשווינדן. דאָס כּלומרשטע קולטור־לעבן איז געווען פֿורער אומזין און טריקעניש. אַז דער מיזרח איז דערגאַנגען אַהער, איז ניט געווען קיין פּוצה פּה ומצפּצף. אַלץ איז געווען פֿול מיט גליק. מען האָט געהאַט אַן אָרט, מען האָט זיך געפֿילט אינעווייניק. — אַוודאי האָט דער אָדער יענער אין זיך געטראַכט: עס פֿעלט עפּעס, אַן אַנדערער: עס גייט אָפּ ייִדישקייט. אָבער אַלץ איז געוואָרן אָפּגעווישט דורך דעם פֿאַקט פֿון פּשוטער עקסיסטענץ, מען ווערט ניט באַגרענעצט, מען איז אויך עפּעס, בפֿרט עפּעס אין דעם אַפּאַראַט, מען קאָן זאָגן אַ דעה. — און וואָלט די זאַך זיך געהאַלטן, וואָלט דאָך סײַ ווי פֿון שׂונאי ישׂראל קיין שׂריד ופּליט ניט געבליבן. חוץ, פֿאַרשטייט זיך, די יוגנט וואָס וויל אַהין. וואָלט ‧זי געקענט בפּועל ממש קומען אַהין, וואָלטן זיי גע־ראַטעוועט געוואָרן פֿאַרן פֿאָלק, און דאָס פֿאָלק דורך זיי. אָבער דאָס איבעריקע? די יחידים וואָלטן געבליבן גאַנץ, פֿאַרן פֿאָלק אָבער פֿאַרלאָרן. דאָס ייִדנטום אין מיזרח פֿאַרשווינדט. דער ענד־רעזולטאַט דער זעלביקער וואָס איצט.

וואָס איז בעסער? בעסער פֿאַר וועמען? די געראַטעוועטע יחידים זײַנען גע־ראַטעוועטע יחידים. צוויי טויזנט מיליאָנען מענטשן אויף דער ערד, צוויי טויזנט מיליאָנען $+x$. פֿאַרן פֿאָלק — דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אין דעם מיזרח־ייִדנטום געהאַט אויפֿבויענדיקע עלעמענטן. — די וואָס האָבן זיך געצויגן אַהין, האָבן זיי באַוויזן פֿאַקטיש צו קומען אַהין, האָבן זיי דאָרט געשטאַרקט דאָס פֿאָלק, ניט — וועט דאָס פֿאָלק זיי באַווייִנען. דער צער און דער טרויער וועלן זײַן גרויס, די פֿרייד פֿון דער גאולה וועט זײַן אין שוואַרצן געהילט. אָבער דער זעלביקער טרויער איז דאָך אויך פֿאַרן אונטערגאַנג פֿון יענע טיילן דורך שמד. און אויב מען וויל — נאָך גרעסער דער צער. דאָ איז געקומען די חיה רעה: טרף טורף יוסף. ווי וואָלט אָבער יעקבֿ באַדאַרפֿט קלאָגן ווען עס וואָלט אויסגעפֿירט געוואָרן חלילה דער ערשטער פּלאַן?[124] דאָ וואָלט דאָך דאָס פֿאָלק געמעגט שפּירן: אין מײַנע אבֿרים פֿליסט קראַנק, טריף בלוט; ניט קיין אויסנווייניקסטער שׂונא קומט און רײַסט פֿון מיר שטיקער. די שטיקער פֿוילן און פֿאַלן אָפּ אַליין. און אין דער געשיכטע וועט זיך לייענען אַ בלאַט: די אייניקלעך זײַנען געווען ניט געפֿאַלן לגבי די זיידעס. נאָר פֿײַער און שווערד האָט זיי באַצוווּנגען. אַ קללה דעם מערדער — אייביקער כּבֿוד דעם אומ־שולדיקן קרבן! דאָ אָבער, ווען ווילטאָג נאַרט אַריבער מענטשן אין דעם לאַגער פֿון דעם שטאַרקן — האָט עס פֿאַר דער געשיכטע קיין אינטערעס ניט. זי וועט ניט פֿאַרמישפּטן, אָבער דאָס שווײַגן איז שוין פֿאַרמישפּט. איר זײַט שוין ניטאָ. אָט ווי די אַלע — עמון, מואָבֿ, אדום, הונדערט קיניגרײַכן פֿון אַרם — [מען קען ניט איבערלייענען] — אַן עסק פֿאַר גרעבערס און עפּיגראַפֿיק־פֿאָרשערס. אײַער אָנדענק — געטאָמענטשן — וועט געשיכטע הויך האַלטן.

---

[123] אונטערן סאָוועטישן רעזשים.

[124] דער פּלאַן צו טייטן יוספֿן.

אײנער מינדסטן אויסדרוק וועט מען שטודירן, אײנער קאַמף פֿאַר מענטש וועט פֿאָעמעס אַרויסבאַגײסטערן, אײנער אומפּלייט און מאָראַלישע געפֿאַלנקייט צו מאָראַל מאָנען און וועקן. אײנערע רוצחים וועלן לעולמי עד אויפֿן פּראַנגער שטיין. די מענטשלעכע וועלט וועט מיט שרעק אויף זיי קוקן און פֿאַר זיך אַליין שרעקן און וועט פֿאַר זינד זיך סטאַרען אָפּצוהיטן. למה עשה ככה לעם הזה? וועט מען פֿרעגן. און דער ענטפֿער וועט זײַן: דאָס קומט דעם רשע, וואָס האָט דאָס מיזרח־ייִדנטום חרובֿ געמאַכט. אַזוי אַרום שלײַכט זיך דער חורבן אַרײַן אין דער וועלט־געשיכטע. דער אונטערגאַנג דורך דעם ליבן גלעט מאַכט קיין רושם ניט, און איז פֿאַר קיינעם גאָרניט. סוף־כּל־סוף וועט דאָס ייִדישע פֿאָלק אַליין פֿאַרגעסן אָט דעם צווײַג זײַנעם וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן. מען וועט זיך מוזן באַגיין אָן אים, מען וועט פֿון געזונטן שטאַם צווײַגן און בלעטער און בליטן אַרויסברענגען, מען האָט נאָך כּוח, מען לעבט. אָפּגעטריקנט, פֿאַרפֿוילט — עס טרעפֿט מיט יעדן בוים. טויזנטער יאָרן שטייען נאָך פֿאָר. קלאָגן אויף די געפֿאַלענע — אַוודאי, דאָס איז נאַטירלעך, בפֿרט אַז דאָס זײַנען אייגענע, נאָענטע. אָבער דאָס פֿאָלק דאַרף מען ניט צומישן. די קלאָגעניש אויף נאָענטע — טייל מענטשן טראָגן לאַנג דעם טרויער; דער גרעסטער טייל טרייסט זיך. די מענטשלעכע נאַטור — אַזוי איז די וועלט. וואָס די ערד דעקט צו ווערט פֿאַרגעסן. אין געטאָ גופֿא זעט מען שוין ווי מען פֿאַרגעסט. און עס קאָן אַנדערש ניט זײַן. עס איז געוויס קיין עוולה ניט. — דער אמתער מאָטיוו פֿון דעם טרויער איז דאָך די מורא פֿאַר דעם אייגענעם סוף. אויב יענע צענדליג־גער טויזנטער, טאָ מיט וואָס זײַנען מיר בעסער. עס דאַרף דאָך מיט אונדז אויך טרעפֿן. ווען עס וואָלט געווען אַ גאַראַנטיע אַז מיר לעבן איבער! דאָס איז דאָך ניטאָ, שטענדיק מורא האָבן קען מען ניט, ווערט דער שרעקגעפֿיל פֿראָיעצירט אין דעם טרויער אויף די געפֿאַלענע, אויף דעם צער איבער דעם חורבן פֿון ייִדנטום. פֿאַרשפּאָרט זיך מצער צו זײַן — דעם פֿאָלק וועט ניט שאַטן. עס וועט, האָפֿנטלעך, אַרויסגיין געשטאַרקט פֿון דעם נסיון. דאָס דאַרף ס'האַרץ פֿול מאַכן מיט פֿריידיקער דאַנקבאַרקייט צום האר פֿון דער געשיכטע.>

מאָנטיק דעם 28סטן [דעצעמבער]. הײַנט איז ווײַטער אַ טאָג פֿון שרעק, פֿון יענע געטאָטעג וואָס קריצן זיך אײַן אין גוף און אין נשמה. דער מם איז געקומען באַוואַכן דעם טויער. ער וויל וויסן וויפֿל געלט זײַנע קנעכט האָבן. מען האָט אָוועקגעזעצט וואַכן בײַ טישן. עס קומען אַרײַן גרופּעס נאָך גרופּעס און מען לאָזט זיי וויסן אַז זיי מוזן איבערגעבן דאָס גאַנצע געלט וואָס זיי האָבן. ווי אַ דוגמא קלײַבט מען אויס אַ פּאָר פֿון דער גרופּע און מען זוכט אין זייערע קעשענעס און זאַכן. בײַ וועמען מען געפֿינט עפּעס — דער גייט אין תּפֿיסה. אפֿשר זײַנען אויך געווען אַנדערע אופֿנים פֿון זוכן. — לויט די קלאַנגען זײַנען אויך געווען פֿאַלן ווען מען האָט געשלאָגן. פֿרויען האָט מען אויסגעטאָן נאַקעט. דעם מם איז געפֿעלן די אַרבעט פֿון דעם

יונגן פּאָליציי־פּירער[125] און ער איז פֿאַרבליבן אויף זײַן שטעל. דער שטורעם איבער די וועגענער האָט זיך אַ פּנים אײַנגעשטילט. הלוואַי זאָל עס אַזוי זײַן. שטענדיק שטייען מיר אויף דער שאַרף פֿון שווערד. זאָל גאָט זיך דערבאַרעמען איבער דער שארית הפליטה. דער קאָמענדאַנט איז געווען אויפֿגערעגט דעם גאַנצן טאָג. ער האָט ניט געוווּסט מיט וואָס ער קאָן זיך אויספּײַנען בײַם אָדון. — די פּאָליציאַנטן האָבן אַרײַנגעשושקעט אַז מען דאַרף ניט איבערגעבן דאָס זילבערגעלט.

איך האָב געלייענט די באַשרײַבונג פֿון איינעם פֿון די אָדונים פֿון אַ באַזוך אין געטאָ דעם 27סטן, אין ב.[126] דאָ איז קיין שטעכיקע דראָט ניטאָ. דאָס געטאָ נעמט אַרום אַלע געוויינטלעכע ייִדישע גאַסן. עס הערשט דאָרט אין אַלץ אַן אָרדענונג. פּאָליציי באַגלייטן די געסט. דער קאָמענדאַנט פֿון דער פּאָליציי איז אַ טיפּ ענלעך צו לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש.[127] די וואַרשטאַטן. פֿלײַסיקע און פֿעיִקע אַרבעטערס מאַכן שיינע חפֿצים. אויך פֿאַר לוין. קינדער אַרבעטן אויך. אין די גאַסן איז ריין. דאָ און דאָרט גרופּעס ייִדן. צווישן זיי שיינע קינדער, מיידעלעך וואָס זעען אויס ווי אַרישע. — רחמנותדיקע בריות! די פּאָליציי הערשט מיט אַ שטרענגער האַנט, אַפֿילו ביז עקזעקוציעס. עס איז אויך דאָ אַ תּפֿיסה. מיר זײַנען אַרונטער אין אַ קעלער. אַ געדאַנק איז דורכגעפֿלויגן: אפֿשר וועלן די ייִדן אונדז דאָ פֿאַרשפּאַרן לעבעדיקערהייט! אָבער זיי וועלן זיך ניט דערוועגן! וואָרעם יעמאָלט וואָלט ניט געבליבן קיין איין ייִד. — עס זײַנען דאָ געווען פֿינף און פֿופֿציק טויזנט, טייל פֿון זיי זײַנען אַנטלאָפֿן מיט די גדולים — און די איבעריקע ווו זײַנען זיי?... לויבט דעם ספּאָרטפּלאַץ און די באָד, דורך וועלכער עס גייען דורך דרײַ הונדערט מענטשן טעגלעך. דאָס באָדן זיך איז אַ פֿליכט, אויב ניט פֿאַרלירט מען די ברויטקאַרטע. עס איז דאָ פֿאַראַן אַ היים פֿאַר קינדער וואָס זייערע עלטערן זײַנען אומגעקומען אין די געשעענישן. די בעטן זײַנען צו שטאַרק ריין, אַ סימן אַז מען האָט זיך מיט זיי ניט באַנוצט — אַ מין פּאָטיאָמקין־דערפֿער. אין שפּיטאָל איז ניט ריין. די קראַנקע זײַנען שמוציק. אַ קינד מיט טובערקולאָז פֿון די ביינער, האָפֿענונגסלאָז. — אפֿשר וועט זיך מיר אײַנגעבן איבערצושרײַבן דעם דאָקומענט.

דאָנערשטיק דעם 31סטן דעצעמבער. <געוויינטלעך ווילט זיך אויף צו להכעיס דעם סילוועסטער־אָוונט ניט מיטמאַכן. הײַנט וואָלט איך בײַ אַ געלעגנהייט גראָד געגאַנגען. ווידער אַ מאָל אַ געלעגנהייט זיך אַרײַנצושליסן אין דער וועלט — זי האָט אמת געמעגט זײַן בעסער, אָבער פֿאָרט די מענטשנוועלט, וואָס דער שונא וויל אונדז אַרויסשטופּן פֿון איר, נאָר מיר מוזן אין איר בלײַבן. מיר ציילן דאָך די יאָרן — מעגן מיר צוזאַמען מיט אַלעמען וואָס ציילן די זעלביקע יאָרן פֿײַערן דעם נײַ־יאָר־טאָג. ווען איך וועל זײַן

---

[125] מאיר לעוואַס.

[126] ביאַליסטאָק.

[127] דער באַקאַנטער סאָוועטישער קאָמיסאַר.

אין ארץ־ישׂראל, וועל איך פֿאַר אַט דעם יום־טובֿ פּראָפּאַגירן. מען דאַרף רעכענען אַז אַ סך יום־טובֿן אים סײַ ווי סײַ.

עס געדענקט זיך דער סילוועסטער־אָוונט 1902 אין בערלין. ערשטער סעמעסטער. צוויי חדשים אין דער גרויסער שטאָט. שלעפּ זיך אַרום האַלבע נאַכט צווישן די דײַטשן, ווער אין גאַנצן, ווער האַלב שיכּור. מען איז זיך משׂמח — פֿאַר מיר אַ חידוש. געניטערע זאָגן, אַז עס איז אַ גאַנץ האַמעטנע פֿריילעכקייט, אין אַ מינכן איז אַ סך היימלעכער, אַ פּשיטא שוין אין פּאַריז, צי גאָר ניצע. — דאָס וועט שוין מער ניט זײַן. לכל הפּחות ניט אין אונדזער דור מער. — אַגבֿ, די דעמאָלטיקע שפּאַצירנדיקע בערלינער האָט זיך ניט געקאָנט חלומען, אַז זיי, זייערע קינדער און אייניקלעך וועלן אין פֿערציק יאָר אַרום האַלטן דאָרט ווו זיי האַלטן איצט. — מען האָט ניט געמוזט דווקא גלייבן, אַז די גאולה איז נאָענט, אָבער אַז מען וועט אַזוי אַכזריותדיק צו־ריקגעשלײַדערט ווערן — ווער מען האָט עס געקאָנט אײַנפֿאַלן? אָבער דעם קריזיס וועט די וועלט דורכגיין בשלום: די פֿאָרשטעלונגען פֿון דער יוגנט וועלן דאָך ווידער לעבעדיק ווערן. פֿאַרט איז דער מענטש בעסער ווי מען מיינט געוויינטלעך. די גויע, די מאַרקהענדלערין, וואָס נעמט בײַ דער ייִדישער פֿרוי וואָס קומט צו איר בגנבֿה קויפֿן, וועלוועלער: מחמת „זי איז געקריוודעט"; אָדער די פֿרוי וואָס באַגעגנט ייִדן אין גאַס און רופֿט זיי צוריק צו גאָט און טרייסט: בעט נאָר צו אים, ער וועט העלפֿן. די רשעות האָט זיך מיאוס געמאַכט דורך איר נאַקעטקייט. זי וועט זיך ווידער מוזן פֿאַרקריכן, און געוויס אַ סך טיפֿער און ווײַטער ווי פֿריִער. אָפֿן וועט זי שוין קיין מאָל דעם קאָפּ ניט קאָנען ווײַזן. זאָל דאָס זײַן אַ טרייסט?>

אייערנעכטן און נעכטן און הײַנט דרײַ טעג פֿון שטילקייט פֿון נאָך דעם שטורעם. ווײַזט אויס אַז קיין לעבנס האָט עס ניט געקאָסט. מען דער־ציילט וועגן אַ מיידל וואָס מען האָט זי פֿאַרמישפּט אויף 25 שמיץ, וועגן אַן אַלטן וואָס מען האָט אים פֿאַרמישפּט אויף איין סימבאָלישן שמיץ. אַ סך מענטשן האָבן סתּם אַזוי געכאַפּט פּעטש און קלעפּ. אָבער אַרעסטירט האָט מען קיינעם ניט. מען האָט דאָ אָנגעזאַמלט פֿינף און זעכציק טויזנט.[128] דער ראַט האָט פֿאַרדינט און אויך איינצלנע פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַ ביסל צוגעהאָלפֿן. עולם כּמינהגו. — די אויבן דערמאָנטע שריפֿט געפֿינט זיך שוין אויף אַ פּאַסיקן אָרט.[129]

זונטיק דעם 17טן [יאַנואַר 1943]. שוין אַ לאַנגע צײַט ווי איך האָב ניט פֿאַרשריבן, הגם עס זײַנען געווען „געשעענישן". אמת, ניט קיין „אויפֿטרייס־לענדיקע", אָבער דאָך אַזעלכע וואָס האָבן איבערגעלאָזט אַ רושם ניט בלויז אויף די וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שײַכות צו זיי, נאָר אויך אויף דעם גאַנצן ציבור. דער מם האָט געכאַפּט טויער־שמוגלערס, זעק מיט מעל, ברעטער, און דער עיקר האָט מען אַרויסגענומען געלט פֿון די קעשענעס פֿון די וואָס

---

[128] אַ פּנים 65,000 מאַרק. וועגן די פֿינאַנצן פֿון ייִדנראַט זען: דוואָרזשעצקי, דצ"וו, זז' 170—176.

[129] משמעות די באַשרײַבונג פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ.

גייען דורך דעם טויער. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך אויפֿגעלייזט. אַ רעוויזיע אין די דירות פֿון די לעדער־אַרבעטערס, פֿון וואַנען מען האָט אַרויסגענומען מער ווי 150 פֿעלן. מען ברענגט אַהער ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לאַגערן צו אַר־בעטן אויפֿן וואָקזאַל. מען בויט נײַע מאַגאַזינען, „בתּי מסכּנות" — אַן ערך צוויי טויזנט מענער און פֿרויען און אפֿשר גאָר מער אַרבעטן טאָג־אײַן טאָג־אויס, אַפֿילו זונטיק. — צום ערשטן יאָרטאָג פֿון טעאַטער־הויז האָט מען פֿרײַטיק אָוונט געהאַלטן דאָרטן שטילע רעדעס. אונדזערע מענטשן זײַנען פֿול מיט מוט און האָפֿענונג. די אַקטיוויטעט איז נייטיק, כּדי צו דערהאַלטן בײַם לעבן. הלוואַי זאָל דאָס זײַן די שעה פֿון אויסלייזונג! אפֿשר דאַרף מען איצטער ניט אַרויסזאָגן אַלץ וואָס דאָס האַרץ פֿילט. ווער ווייס וו אָ ס עס וועט קומען שפּעטער? נאָך אַ זאַך: אין דער מינוט העלפֿט די אַרבעט אינעווייניק. דער געדאַנק דאַרף צײַטיק ווערן. — זאָל דער יחיד מאַכן זײַן חשבון מיט דער וועלט. דער וואָס ווערט געצויגן נאָר נאָך הרגל און הווה האָט קיין תּקנה ניט. און אויב עס וועט זיך אויפֿהייבן אַ געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג, וועלן די אָפּגעשטאַנענע מיטגעשלעפּט ווערן מיטן שטראָם. — עס ווערט אין גאַנצן אָפּגעמעקט דער זכר פֿון די ווילנער אויסגאַבעס, אָבער דאָס איז ניט קיין אומנאַטירלעכע זאַך. סוף־כּל־סוף איז דאָך דער גאַנצער מאַגאַזין געווען גרייט דערויף — זאָלן מענטשן זאָגן: די מעשׂים פֿון די רשעים.

דער יונגער אָדון לערנט זיך העברעיִש און ייִדיש.[130] ער האָט געלייענט אַ צוויי־דרײַ זײַטלעך, ער הייבט אָן צו פֿילן דעם כּוח פֿון דער שפּראַך. „עס איז ווערט די מי". מיר זעצן איבער אַרטיקלען פֿון ליטווישע צײַטונגען, — פֿון זיי ווערט קלאָר דער געמיט־צושטאַנד אין לאַנד.

זונטיק דעם 24סטן [יאַנואַר]. <עס קאָכט דאָס קולטור־לעבן אין געטאָ. נעכטן אין אָוונט אַ פּרעמיערע פֿון כאָר, אַ רעפֿעראַט בײַ די ליטעראַטן, „שיילאָק און נתן". הײַנט אַ סיום פֿון מסכת קידושין פֿון דער ישיבֿה ע"ש ר' חיים עוזר אין שאָולקעס קלויז און אין אָוונט אין דער כּשרער קיך. די ביב־ליאָטעק פֿול לייענער — בײַ די ליטעראַטן רעדט מען אַרום וועגן סובסידיעס פֿאַר ווערק. בכלל האָפֿט מען אויף ישועות, הגם ניט גיך. יענע וואָך האָט דער צורר[131] ווידער געבושעוועט. געפֿאַלן קרבנות. — מען פֿירט כּסדר אַרויס מאַקולאַטור. דער אָדון וואַרפֿט אין מאַקולאַטור וואָס מער.>

דאָנערשטיק דעם 4טן פֿעברואַר. מען האָט באַדאַרפֿט פֿאַרשרײַבן אַ סך זאַכן, אָבער עס איז ניט געווען קיין חשק. הײַנט האָט פּאַסירט אַ זאַך וואָס מען דאַרף דערויף גרויס רחמים, עס זאָל ניט ברענגען צו אַן אַלגעמיינעם אומגליק. דער מם האָט אַרעסטירט דעם פֿריִערדיקן עלטסטן פֿון ראַט[132] — אַ מענטש וואָס מען האָט אים געהאַט אויפֿן אויג. ער איז אַרײַן אין זײַן ביוראָ און געזוכט אין זײַן שאַפֿע, געפֿונען דאָרטן ווײַן, מינים זיסיקייטן און

[130] ז. ק. באַצייכנט ייִדיש מיטן וואָרט יהודית.
[131] אַ פּנים מאַרטין ווײַס.
[132] אינזשעניר אַנאַטאָל פֿריד.

פּאַפּיראָסן. עס ווײַזט אויס אַז מען האָט אים אַרעסטירט. דער קאָמענדאַנט איז געווען אויפגערעגט. לעת־עתּה איז שווער צו וויסן צי מען קאָן אָפּשטעלן דאָס אומגליק וואָס שוועבט איבער אונדז. דער מנוּוול קען נאָך אויסזאָגן סודות. אָדער אפשר וועט ער זיך פאָרט שטאַרקן... די טעג זײַנען טעג פון האָפענונג און ציטערניש.[133]

זונטיק, פּורים, דעם 21סטן מאַרץ. עס זײַנען פאַרבײַ אַ סך טעג און עס איז ניט געווען קיין חשק צו פאַרשרײַבן. כשל כוח הסבל.[134] די טעג גייען פאַרבײַ גיך, און יעדער טאָג האָט זיך זײַנע גזירות. די אַדונים זוכן צרות אויף אונדז. מיר לעבן נאָך. טאָג־אײַן טאָג־אויס גייט מען אַרײַן אין די דירות צו זען אויב אַלץ איז כּשורה, צי עס איז עפּעס דאָ וואָס איז פאַרבאָטן — און פאַר אונדז איז דאָך אַלץ פאַרבאָטן. און אַרבעטן מוזן מיר. — די וואַר־שטאַטן פּראָדוצירן פאַרשיידענע חפצים. מען קליגט זיך צו געפינען רוי־מאַטעריאַלן. קינדער לערנען זיך פאַרשיידענע פאַכן, גייען אַרויס אַרבעטן בײַ די אַדונים אין שטאָט בײַ פאַרשיידענע פאַכן. מען אַרבעט עבֿודת פּרך אויף דער באַן. עס איז קאַלט. די ערד איז פאַרהאַרטעוועט פון פראָסט און מען דאַרף גראָבן, און די שוואַכע הענט פון די פרויען זײַנען ניט מסוגל אויף אַזאַ שווערער אַרבעט. מען שלאָגט זיי איבערן קאָפּ. — אין הויז פאַר־לאַנגט מען אַז עס זאָל זײַן ריין, און ריין זײַנען אויך די ציין.

נײַע שײַנען מיט נומערן (אַ בלעכל צו טראָגן אויף דעם האַלדז) פאַרטיילט מען צווישן די אײַנוווינערס אין געטאָ. זקנים און זקנות איבער זעכציק, אויב זיי אַרבעטן ניט, באַקומען ניט קיין שײַנען. עס ווערן געבאָרן חשדים, פּחדים. מען ליקווידירט די פּראָווינץ־ייִשובֿים אויס מורא פאַר די פּאַרטיזאַנער. מען איז משער וואָסערע פּופּצן טויזנט נפשות. מען צעטיילט זיי צווישן די דרײַ גרויסע געטאָס: ווילנע, קאָוונע און שאַוול. מען דערציילט אַז עס וועלן קומען אַהער אַ געוויסע צאָל.

אין אונדזער אַרבעטס־גרופּע ווי אַ מין פּאַראַליז. מען האָט שוין אַרויס־גענומען דאָס גאַנצע פּאַפּיר, דאָס הייסט אַלץ וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון דער ביבליאָטעק אאַז״וו — דאָס איז אַלץ שוין פאַרלוירן אויף אייביק. וואָס מען האָט אָפּגעראַטעוועט, וועט מען נאָך אפשר קענען צוריקבאַקומען. די טעג ציִען זיך און עס איז ניטאָ קיין אויסוועג. אויך די דאָזיקע האָפענונג הענגט אויף אַ האָר. אָט האָט מען אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרויסצונעמען די אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק. נאָך דעם ווי מען האָט זי פאַרמאַכט איבער דער זינד פון דעם פאָלק פון לאַנד וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט.[135] דאָרטן זײַנען פאַראַן די ביכער פון דער קהילה־ביבליאָטעק. מען הערט פון

[133] דאָ קלינגט אַן אָנצוהערעניש אויף די מיליטערישע געשעענישן אין יאַנואַר און אָנהייב פעברואַר 1943: די נצחונות אין צפון־אַפריקע און אין רוסלאַנד.

[134] „דער כוח פון לאַסטטרעגער איז אָפּגעשוואַכט", נחמיה, ד, 4.

[135] אין ערגעץ ווערט ניט דערמאָנט וועגן אַן אַנטקעגנשטעלן זיך די דײַטשן מצד קרײַזן אַרום דעם ליטווישן אוניווערסיטעט אין ווילנע.

אַ פּראָיעקט אַריבערצופירן די קעסטלעך אַהין און גאָר אויף גיך איינצופּאַקן די ביכער און צוגרייטן זיי אויף אַרויסצופירן. איבער די אָפּטע באַזוכן פון דעם אָדון איז אַרויס די גזירה אויף די ביכער. מען טאָר ניט האַלטן קיין בוך אין הויז, אַלץ מוז גיין אין דער ביבליאָטעק אַרײַן. מען האָט ליקווידירט דאָס ביכער־געשעפט. — די פאַרשטעלונגען אין טעאַטער קומען נאָך פאָר.

דעם 1טן דעם חודש איז געווען אַ באַראַטונג אין דעם הויז פון דעם קאָמענדאַנט וועגן דער פראַגע פון דערציִונג: ווי אַזוי אַרײַנצוברענגען אַ נאַציאָנאַלן גײַסט און צי עס איז מיגלעך אײַנצופירן רעליגיעזע לימודים. איך האָב אויסגעדריקט דעם ביטערן אמת אַז עס איז אוממיגלעך אַרײַנצוברענגען אַ נאַציאָנאַל געפיל אין שול, ווען עס איז ניט פאַראַן אין דעם לעבן פון קהל. — עס איז בלויז פאַראַן דער ווילן פון יחידים ממשיך צו זײַן זייער פיזיאָלאָגישע עקסיסטענץ — פאַר יעדן פּרײַז. און דער דאָזיקער ווילן פאַרדעקט אַלץ. יעדער נאַציאָנאַל געפיל איז אויסגעוועפּט געוואָרן. ווען די געטאָווענט וועלן פאַלן, וועלן זיך אַלע מענטשן צעשפּרייטן אין אַלע זײַטן מיט עקל. די יחידים, אויסנעמען, אין וועמען עס איז נאָך געבליבן אַ פונק ייִדישקייט, וועלן שטרעבן צום לאַנד פון די אָבות. דער רעשט — יעדערער וועט זיך גיין זײַן וועג. די לערערס באַקלאָגן זיך, כּנהוג. — מען איז נאָך ממשיך די סובסידיעס פאַר שרײַבערס. מען לייגט פאַר שמאַטעס. דאָס איז פאַרשטענדלעך. ניטאָ דאָ קיין שעפערס.

פון יענער זײַט דראָטפּראָנט זײַנען אָנגעקומען ידיעות וועגן אַ פּאָר מענטשן. עס האָט זיך דערוועקט די האָפענונג באַפרײַט צו ווערן. און פון דער אַנדערער זײַט קומען אָן קלאַנגען וועגן הריגות און וועגן אויסראָטונגען. און דעם סוף זעט מען נאָך אַלץ ניט.

זונטיק דעם 25סטן אַפּריל. מער ווי אַ חודש ווי איך האָב ניט פאַרשריבן. די געוויינטלעכע שוואַכקייט. וואָסערע צוויי וואָכן בין איך געווען קראַנק, דערפון פון 3טן אַפּריל ביז דעם 12טן אַפּריל אין שפּיטאָל. יעמאָלט זײַנען פאָרגעקומען די שרעקלעכע מעשׂים.[136] אַ פינף טויזנט (אָדער דרײַ טויזנט) זײַנען געפאַלן אין טאָל פון טויט. מען האָט גערופן די פּאָליציאַנטן זיי צו באַגראָבן. מען האָט געבראַכט אַהער זייערע קליידער, זייערע זאַכן און די רעשטן פון שפּײַז. דער נוגש האָט זיי געוויזן דאָס אָרט פון מאָרד. ער (לבן)[137] ווייס אַלץ. אַ שווערע אימה איז געפאַלן אויפן גאַנצן ייִשוב. אויך דער קאָמענדאַנט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, לויט ווי מען דערציילט. ווי דער־שלאָגן פון אַ דונער איז ער געשטאַנען פאַר די געשעענע פאַקטן. מה נאמר ומה נדבר? איצטער איז אונדזער ריי. מען זאָגט אונדז צו. מען גיט איבער באַשטעלונגען אויף אַ סך חדשים, אָבער ווער ווייס צי דאָס איז ניט דער

[136] דעם 5טן אַפּריל 1943 איז פאָרגעקומען די אַזוי גערופענע „קאָוונער אַקציע". זען: דוואָרזשעצקי, דצ״ו, זז׳ 420—428; חיים לזר, דצ״ו, זז׳ 92—101.

[137] מאַרטין ווײַס. וואָסער רושם עס מאַכט זײַן אַרײַנקומען אין געטאָ זען: ר. קורצ׳אַק, דצ״ו, זז׳ 90—91.

סוף... דאָס איז די צענטראַלע געשעעניש. אַ שווערער טרויער ציט זיך במשך פֿון אַ וואָך. שפּעטער — עולם כּמינהגו. פֿאַרלעזונגען, פֿאַרשטעלונגען, אַרבעט, פֿאַרשטייט זיך. מיר האָבן באַקומען די שײַנען און די בלעכענע נומערן. מיר זײַנען געצייכנטע. — נאָר דער אָדון איז אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ חודש — ימי פּגרא. ער פֿלעגט קומען כּמעט יעדן טאָג אין די הײַזער, געזוכט פֿאַר־באָטענע שפּײַז. עטלעכע מאָל האָט מען זיך געריכט אויף נײַע גזירות (עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די דאָקטוירים אַז מען וויל אַוועק־נעמען דעם שפּיטאָל). אַז מען כאַפּט עמעצן מיט שפּײַז, אַרעסטירט מען זײַן גאַנצע משפּחה. עס זײַנען געווען פֿאַלן פֿון הריגות. נאָך דער אַלגעמיינער הריגה האָט מען אַרויסגעלאָזט יחידים. די חיה רעה האָט זיך שוין אָנגעזע־טיקט מיט געגוג בלוט. — באמת וואָלט מען באַדאַרפֿט יעדן טאָג פֿאַרשרײַבן, אָבער איך האָב קיין כּוח ניט.

אין מײַן אייגענער אַרבעט איז אַלצדינג אין אָרדענונג. איך האָב אי־בערגעגעבן דעם מאַטעריאַל וועגן דער לעגענדע פֿון משה רבינו. איך גרייט איצטער צו אַ ביבליאָגראַפֿיע וועגן די קראָים. ער וויל אַז איך זאָל גיין אויפֿן בית־הקבֿרות קאָפּירן די אויפֿשריפֿטן פֿון די מצבֿות (מען קלײַבט זיך זיי אַוועקצונעמען). בכלל איז ניטאָ קיין דרוק בײַ דער אַרבעט דאָרט. — דער אוניווערסיטעט איז פֿאַרמאַכט און עס איז אוממיגלעך אַרײַנצוגיין אין דעם זאַל, ווו עס ליגן די ביכער פֿון ש״ש.[138]

פֿרײַטיק דעם 30סטן [אַפּריל]. די וואָס מען האָט אַרעסטירט אָנהייב וואָך, האָט מען באַפֿרײַט. ס׳רובֿ האָבן ניט געהאַט קיין שײַכות צום ענין. צוויי אָדער דרײַ האָבן זיך מודה געווען און אומגעקערט די גניבֿה. און די אַדונים האָבן זיי מוחל געווען. די טעג זײַנען טעג פֿון רו. הײַנט איז שוין אין שטאָט דער אָדון פֿון ייִשובֿ, ער איז צוריקגעקומען פֿון זײַן וואַקאַציע. מיר וועלן זען ווי אַזוי דער ייִשובֿ וועט פֿילן זײַן צוריקקומען. פּסח איז פֿאַרבײַ. עס זײַנען געווען סדרים אין דער כּשרער קיך. „אָוונטן" און פֿײַערונגען בײַ די „קינדער" און אַנדערע. בײַם צווייטן סדר האָב איך געזאָגט אַ פּאָר ווערטער.[139]

<פֿאַר אַ יאָרן האָט מען אין געטאָ צווישן געוויסע אינטעליגענטן־קרײַזן שטאַרק געזוכט אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, וואָס איז אַזוינס אַ ייִד? צי ווער איז אַ ייִד? — עס האָט די קשיא אַלעמען געוואַלדיק געאַרט. פֿרײַער האָט דער גרעסטער רובֿ פֿון זיי וועגן דער זאַך זיך ניט פֿאַרקלערט. מען האָט זיך געשפּירט ייִד, ווער מער ווער ווייניקער, צי אפֿשר גאָרניט געשפּירט. און אויב עמעצער האָט פֿון ייִדישקייט יאָ געליטן, האָט ער געפֿונען זיך אַ תּרופֿה ווי עס [איז], און בכלל זיך פֿאַרנומען מיט אַנדערע, מער ממשותדיקע זאַכן, ווי קלערן וועגן אַזאַ „אַבסטראַקטן" ענין. נאָר זײַנען אָט די פֿאַרשיידענע

---

[138] פֿון דער סטראַשון־ביבליאָטעק.

[139] די רעדע וואָס קומט דאָ ווײַטער האָט קלמנאָוויטש פֿאַרשריבן ערשט דעם 25סטן מײַ.

מענטשן צונויפֿגעטריבן און צונויפֿגעשפּאַרט געוואָרן אין די ווינציקער פֿון דלת אַמות פֿון געטאָ. מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן, פֿאַרשיידענע קול־טורן, פֿאַרשיידענע אינטערעסן און גלויבנס, פֿאַרשיידענע, אָפֿט סותרדיקע האָפֿענונגען און וועלענישן — זײַנען צונויפֿגענומען געוואָרן אין איינעם, אונטער איין רובריק: ייִדן. צונויפֿגעשפּאַרט ווי צו שטראָפֿן זיי דערפֿאַר: עס הייסט, זיי זײַנען באַגאַנגען אַ פֿאַרברעך, און דער פֿאַרברעך באַשטייט אין זײַן אַ ייִד. האָבן טאַקע אַ סך ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן וועגן דעם „פֿאַרברעך". זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס הייסט עס „זײַן אַ ייִד". און דעם אמת מוז מען זאָגן: פֿון די אַלע טראַכטענישן און קלערענישן איז כּמעט גאָרניט אַרויסגע־קומען. עס איז ניט געווען מיגלעך צו געפֿינען אַ קלאָרן און באַשטימטן ענט־פֿער אויף דער פֿראַגע: ווער איז אַ ייִד בײַ הײַנטיקע צײַטן? ווײַל נאָר איצט, אין אונדזערע דורות, די לעצטע 150 יאָר, איז דער באַגריף ייִד געוואָרן אַזאַ פֿילדײַטיקער. פֿריִער איז „ייִד" געווען גאָר אַ קלאָרער און איינטײַטשיקער באַגריף: אַ ייִד איז געווען דער וואָס האָט אָפּגעהיט ייִדישקייט און האָט גע־הערט צום כּלל־ישׂראל. איצט ווערן גערעכנט פֿאַר ייִדן, און רעכענען זיך אַליין פֿאַר ייִדן, גאָר פֿאַרשיידענע סאָרטן מענטשן, אויך אַזעלכע וואָס האַלטן גאָרניט קיין ייִדישקייט און האַלטן ניט פֿון ייִדישקייט, אָדער האָבן ניט קיין השׂגה וואָס איז דאָס ייִדישקייט. — נאָר אויך אין דעם פֿאַל האָב איך געקראָגן אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע „ווער איז אַ ייִד" פֿון אַ קינד, פֿון אַ געטאָקינד: מפּי עוללים ויונקים איז ווידער אַ מאָל באַשטעטיקט געוואָרן. — אַ רעליגיע־לערער פֿון דער געטאָשול האָט פֿאַר מיר דערציילט אַזאַ מעשׂהלע פֿון זײַן פּראַקטיק. עס קומען קינדער וואָס זײַנען ווילד פֿרעמד פֿון ייִדן, האָבן קיין מאָל ניט געהערט ניט אין דער היים, ניט אין שול, ניט אין גאַס וועגן ייִדישן עבֿר, ייִדישקייט. איצט אין געטאָ זײַנען אַ סך פֿון די קינדער גערן צו הערן די מעשׂיות פֿון דער אַלטער הייליקער געשיכטע, פֿון חומש. און אָט אַזאַ קינד, וואָס האָט פֿריִער געלערנט אין אַ פּוילישער שול, גערעדט אין שטוב פּויליש, מיט גרויס אינטערעס געלערנט די מעשׂיות פֿון חומש. אַז מען האָט אין דער פּרשה „תּולדות" געלערנט די מעשׂה פֿון יעקבֿ און עשׂו, האָט דאָס קינד זיך פּלוצעם אָפּגערופֿן: לערער, מיר זײַנען דאָך פֿון יעקבֿן, און זיי (ד״ה די וואָס טוען אונדז שלעכטס) זײַנען דאָך פֿון עשׂון, איאָ? איז גוט אַזוי, ווייל איך טאַקע געהערן צו יעקבֿן און ניט צו עשׂון. איך האָב וועגן אָט דער מעשׂה געטראַכט און האָב אײַנגעפֿונען, אַז איך קאָן פֿון איר אָפּלערנען אַ מע־טאָד, ווי אַזוי צו באַשטימען ווער עס איז אַ ייִד. — און אָט ווי אַזוי. דעם מענטשנס פֿאַנטאַזיע איז דאָך פֿרײַ, קיין שום צאַמען קאָנען זי ניט אײַנהאַלטן. קאָן זיך דאָך אַ געטאָמענטש אַ מאָל אין זײַן פֿאַנטאַזיע פֿאָרשטעלן, אַז מען גיט אים די ברירה אויסצוקלײַבן: ער קאָן זיך אויסטאָן פֿון זײַן ייִדישן, יורדישן, געשלאָגענעם „איך" און זיך אָנטאָן אין דעם „איך" פֿון דעם האַר איבערן געטאָ. שטעל איך די פֿראַגע: ווי וואָלט ער געטאָן? וואָלט ער זיך געוואָלט בײַטן, וואָלט ער גערן אָנגענומען די געשטאַלט פֿון דעם האַר, דעמאָלט מעגן

מיר אָננעמען אַז ער איז ניט קיין ייִד. ווײַל ער אָבער דורך פֿרײַען אויס־קלײַבן בלײַבן ייִד, דעמאָלט איז ער ייִד. — קלערנדיק ווײַטער: דאָס ייִדישע קינד האָט אינסטינקטיוו אויסגעקליבן דאָס זײַן אַ ייִד. עס שפּירט זיך נאַטיר־לעך אין דער היים צווישן ייִדן. דער דערוואַקסענער, וואָס איך שטעל מיר פֿאָר, אַז ער וועט מיט דער פֿרײַער ברירה אויסקלײַבן צו זײַן אַ ייִד, צי איז דאָס אינסטינקטיווע געפֿיל אַ גענוגער גרונד, אָדער עס קאָנען נאָך זײַן שׂכלדיקע מאָטיוון אויך?

מײַן איך, אַז יאָ. זײַן ייִד הייסט אין יעדער פֿאַל זײַן אין אַ הויכן מעמד. די צײַטווײַליקע פּײַן און שלעק וואָס פֿאַלן אויף ייִדן האָבן אַ זינען, זײַנען ניט סתּם אַזוי נגישות, דערנידעריקן ניט דעם ייִד. וואָרעם ייִד איז אַ טייל פֿון דער הייליקער דרײַאייניקייט — ישׂראל ואורײַתא וקודשא בריך הוא — דאָס הייסט דאָס ייִדישע פֿאָלק, דאָס מאָראַלישע געזעץ און דער באַ־שעפֿער פֿון דער וועלט. די דאָזיקע הייליקע דרײַאייניקייט גייט אין דער געשיכטע, זי איז אַ רעאַליטעט וואָס איז אומצאָליקע מאָל אויסגעפּרוווט געוואָרן. אונדזערע זיידעס האָבן זיך אָן דער דרײַאייניקייט געהאַלטן, אין איר כּוח געלעבט. און אויך איצט: דער ייִד, וואָס האַלט זיך ניט פֿאַר אָט דער דרײַ־אייניקייט, אויף דעם איז אַ רחמנות; ער בלאָנדזשעט אין עולם התּוהו, ער לײַדט און קאָן קיין פֿאַרענטפֿער פֿאַר די לײַדן ניט געפֿינען, ער קאָן פֿון פֿאָלק אָפּגעריסן ווערן, דאָס הייסט: ער קאָן זיך ווינטשן אומצובײַטן זײַן איך. דער ייִד אָבער וואָס האַלט זיך פֿעסט פֿאַר דער הייליקער דרײַאייניקייט, אויף דעם איז קיין רחמנות ניטאָ. ער איז אין אַ זיכערן פֿאַרבאַנד. אַוודאי, די געשיכטע שטורעמט איצט, עס גייט אַ מלחמה קעגן ייִד, אָבער די מלחמה איז דאָך ניט נאָר קעגן דעם איין גליד פֿון דער דרײַאייניקייט, נאָר קעגן דער גאַנצער: אויך קעגן דער אורײַתא און קדב״ה, קעגן מאָראַלישן געזעץ און קעגן באַשעפֿער. קען נאָך בײַ עמעצן זײַן אַ ספֿק וועלכער צד איז שטאַרקער? אין אַ מלחמה קאָן זיך טרעפֿן אַז אַ פּולק ווערט געשלאָגן. אַז [ער] פֿאַלט אַרײַן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. זאָלן זיך די געטאָיִדן באַטראַכטן ווי זאָלכע קריגס־געפֿאַנגענע. געדענקען דאַרפֿן זיי אָבער, אַז דער חייל אין גאַנצן איז ניט געשלאָגן און קען ניט געשלאָגן ווערן. דער פּסח מצרים איז אַ סימבאָל פֿון אַן אַמאָליקן נצחון פֿון דער הייליקער דרײַאייניקייט. מײַן ווונטש איז, מיר זאָלן אין איינעם דערלעבן דעם פּסח לעתיד.>

[דינסטיק דעם 26סטן מײַ 1943.] איך האָב געענדיקט שרײַבן די רעדע דעם 25סטן מײַ.[140] פֿאַרשטייט זיך אַז עס זײַנען ניט געבליבן גאָרניט פֿון די אויסדרוקן פֿון יענעם אָוונט. — אַ סך געשעענישן זײַנען פֿאַרבײַ און עס איז אַ שאָד וואָס איך האָב זיי ניט פֿאַרצייכנט בשעתו. אָבער וואָס געשען קען מען ניט אומקערן.

איך וועל פֿאַרצייכענען פֿון דעם וואָס איך געדענק:

געווען אין הויז פֿון חכם פֿון די קראָים. געפֿאָרן אין אויטאָמאָביל מיט די

[140] ד״ה אַ חודש נאָך דעם ווי די רעדע איז געהאַלטן געוואָרן.



אַ זײַטל פֿון טאָגבוך ווו עס געפֿינט זיך דער סוף פֿון ז. קלמנאָוויטשעס רעדע בײַם צווייטן סדר, פּסח תש״ג.

אַדונים. מען האָט באַדאַרפֿט עפּעס פֿאַרריכטן אין זײַן כתבֿ־יד. „כּיבוד״, קאָווע. אַ גרינגער שמועס. ער האָט געוויזן זײַן אַרכיוו. אָן אויסגעצייכנטער שטאָם במינו, דאָס איז געווען דעם 18טן, פֿאַר אַכט טאָגן דינסטיק.

ווען דער מם איז צוריקגעקומען פֿון זײַן וואַקאַציע האָט ער צוגעזאָגט אַז דער מצבֿ פֿון געטאָ איז זיכער: מען וועט אַרבעטן אין צוויי און דרײַ אָפּבײַטן. אָבער פֿאַר יעדער לײַכטער עבֿירה וועט מען שווער באַשטראָפֿט ווערן. די קליידער פֿון די געהרגעטע און זייערע מעבל און שפּײַז האָט מען אַהערגעבראַכט. פֿאַרשטייט זיך אַז די רוצחים האָבן זיך גענומען די בעסערע קליידער, און זייערע ייִדישע אַרבעטערס פֿאַרריכטן און רייניקן עס פֿאַר זייערט וועגן. אויך דאָ צעטיילט מען צווישן די וואָס נייטיקן זיך אַרבעטקליידער, וועש און אַנדערע זאַכן.

די קולטור־אַרבעט גייט מיט אַ שטאַרקערן טעמפּאָ: טעאָטער־פֿאָרשטע־לונגען, אָרקעסטערס, אַ כאָר, אַ ייִדישער און אַ העברעיִשער, אַ יוגנטקלוב, רעפֿעראַטן פֿאַר אַרבעטערס יעדן זונטיק, לעקציעס פֿון די דאָקטוירים, אַ העב־רעיִשער קרײַז, ליטעראַטן שרײַבן אַרטיקלען און באַקומען תּמיכה, מאָלערס מאָלן, דער ספּאָרטפּלאַץ איז ווי פֿריִער. דער צורר[141] היפּערט ניט איבער אַפֿילו קיין איין טאָג. ער שטייט בײַם טויער. ער קוקט דורך די צייכנס. ער לאָזט שלאָגן מכּות רצח דורך אונדזער פּאָליציי. דאָס איז דער סדר פֿון לעבן אין אונדזער געטאָ. פֿון דער ווײַטנס קומען אָן ידיעות וואָס טרייסלען אונדז אויף.“[142] דאָ צווישן די שכנים האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען אַז אויך פֿאַר אונדז איז באַשטימט דער ביטערער גורל. אָבער קאַלך דיר אין די אויגן, שׂטן!

[פֿרײַטיק] דעם 11טן יוני. אַ שאָד וואָס איך האָב ניט פֿאַרשריבן די שווערע געשעענישן בשעתו. יעדן טאָג געשעט עפּעס נײַס. אַ גרויסע אָנגעצויגנקייט הערשט. דער מצבֿ [פֿון געטאָ] זעט אויס צו זײַן גענוג זיכער. באַשטעלונגען זײַנען דאָ לרובֿ. די וואַרשטאַטן ברייטערן אויס זייער פֿאַרנעם. מען אַרבעט בײַ פֿאַרשיידענע פֿאַכן. מען פֿאַרריכט קליידער, שיך, שטרויענע סאַנדאַלן. מען פֿאַרלאַנגט אַרבעטערס. עס איז געווען אַ פֿאַרלאַנג אויף פֿינף טויזנט פֿאַר דער מערבֿדיקער הויפּטשטאָט.“[143] דרײַ טויזנט פֿאַר אַ שטאָט אין מיזרח. — מען האָט עס אָפּגעשטופּט. מען האָט ווײַטער אָפּגעזאָגט פֿון זייערע שטעלן אַ צאָל פֿון די וואָס אַרבעטן בײַ דער פֿאַרוואַלטונג. די מענער מוזן אַרבעטן אין שטאָט און די פֿרויען אין די וואַרשטאַטן. די אַרבעט — דאָס איז אונדזער לעבן ממש, אין פּשוטן זינען פֿון וואָרט. מיר באַמיִען זיך אויף אַזאַ אופֿן צופֿרידן צו שטעלן אונדזערע בעלי־בתּים. — פֿון לאַגער אין זשעזשמער“[144] האָט מען געשיקט פֿיר הונדערט מענטשן צום פֿראָנט, טויזנט פֿיר הונדערט

---

141 משמעות, מאַרטין ווײַס.

143 ז. ק. האָט אין זינען דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

142 ריגע. די שטאָט אין מיזרח וואָס ווערט דערמאָנט ווײַטער איז אפֿשר מינסק.

144 ליטוויש: Žiežmariai, אַ שטעטל אויפֿן וועג צווישן ווילנע און קאָוונע.

האָט מען געזאָלט אַהערברענגען, נאָר זיי האָבן זיך געפֿעדערט אין דער נײַער הויפּטשטאָט,[145] און מען האָט זיי געבראַכט אַהין. די האַרן טרייסלען זיך. —

אַ שווערע געשעעניש און עס איז אַ נס מן השמים וואָס זי האָט ניט דערפֿירט צו אַן אַלגעמיינעם אומגליק. דאָס איז געשען אייערנעכטן. די יונגעלײַט אין דער פּראָווינץ באַרימען זיך אַז זיי האָבן וואָפֿן. דאָנערשטיק אין דער פֿרי האָט אַ יונגער־מאַן געוואָלט אַרײַן אין לאַגער. מען האָט אים רעווידירט בײַם טויער, און מען האָט אָנגעטאַפּט אין זײַנע זאַכן עפּעס וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ חשד. מען האָט אים גענומען אין תּפֿיסה, און ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער, געשאָסן און געטייט אַ פּאָליציאַנט. דער קאָמענדאַנט וואָס איז אויף גיך אָנגעקומען צום אָרט פֿון דעם בייז האָט אים באַצאָלט זײַן שׂכר. נאָך אַ מאָל האָט ער אָפּגעראַטעוועט דאָס געטאָ פֿון אַ מאַוימדיקער סכּנה. אַל תּפֿתּח פּה ל... נאָך אַ מאָל האָט ער געוואָרנט און נאָך אַ מאָל אַז מען זאָל זיך ניט דערוועגן אַרײַנצוברענגען אַהער וואָפֿן. ער האָט אָנגעהויבן מאַכן רעוויזיעס. — נעכטן האָט מען געגעבן די פֿאָרשטעלונג „דער אייביקער ייִד”, וואָס וועקט אינטערעס. אין אָוונט איז געווען אַ פֿײַערונג אין דער ישיבֿה. רעדעס פֿון די רבנים און געזאַנג. די פֿרומע פֿילן זיך געקריוודעט. — קינדער גייען שפּאַצירן אין וואַלד אַרײַן יעדן טאָג. דער אָדון האָט פֿאָרגעלייגט גרינס פֿאַר דעם לאַגער.

פֿרײַטיק דעם 18טן יוני. אייערנעכטן, נאָך אַן איבעררײַס פֿון צוויי טעג — זייער חגא — האָט מיר מײַן אָדון פֿאָרגעלייגט אַז איך זאָל איבערזעצן בריוו פֿון ייִדיש. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערפֿילט דעם עול פֿון דער אַרבעט. און איך האָב כּמעט פֿאַרשאָלטן מײַנע קענטעניש. דאָס זײַנען בריוו וואָס זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די פֿרעמדע — בריוו פֿון קרובֿים וואָס איז אין זיי גאָרניט פֿאַראַן, אָבער זיי קענען פֿאָרט ברענגען אַן אומגליק אויף זייערע בעלי־בתּים. אפֿשר וואָלט מיגלעך געווען צו פֿאַרדעקן געוויסע פּרטים, אָבער איך בין ניט קיין בריה אויף דעם. איך האָב מורא, טאָמער וועט מען נאָכקאָנטראָלירן. איך האָב דאָס דערציילט דעם קאָמענדאַנט פֿון אונדזער פּאָליציי: דער ענין איז אים ניט געווען באַקאַנט. מען ווייס ניט צי עמעצער וועט לײַדן דערפֿון. בכלל איז שוין דער ענין אַ ביסל פֿאַרעלטערט, נאָך פֿון חודש אַפּריל. נעכטן איז די איבערזעצונג געווען גרייט. איך האָב דאָס געשיקט מיטן שאָפֿער צו מײַן אָדון, וואָס האָט געהאַט געסט און וועגן דעם פֿאַרגעסן. ער איז געפֿאָרן אויף אַ קאָנפֿערענץ און מיטגענומען די דאָקומענטן — אַזוי האָט איבערגעגעבן דער שאָפֿער. אַ האָפֿענונג אַז דער ענין וועט אַריבער בשלום.

הײַנט איז געווען אַ טאָג פֿון פֿרייד. דער אַסיסטענט איז אַרײַנגעקומען מיט אַ פֿריילעך פּנים. דער ייִוואָ לעבט — מעבֿר לים,[146] און ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ ידיעה פֿון אַ דאָרטיקער צײַטונג וועגן דער קאָנפֿערענץ אין

[145] ריגע, די הויפּטשטאָט פֿון דעם גאַנצן מיזרח־געביט אונטער די נאַציס.

[146] ווילי שעיפֿער האָט געלייענט וועגן דער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ אין אַ דײַטשישער צײַטשריפֿט און עס איבערגעגעבן. ז. ק. האָט געוויינט פֿאַר פֿרייד, אַזוי אינפֿאָרמירט אַבֿרהם סוצקעווער.

יאַנואַר ה״י. די אויפֿרעגונג איז געווען גרויס. איך האָב געבענטשט דעם אייבערשטן וואָס האָט מיך מזכּה געווען צו הערן בשׂורות טובֿות. באַזונדער האָב איך זיך געפֿרייט איבער דעם יונגן היסטאָריקער [147] וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון דער פֿראַנצייזישער אַרמיי. איך האָב דאָס דערציילט עטלעכע מענטשן וואָס זײַנען פֿריִער געווען נאָענט צום אינסטיטוט און זיי האָבן זיך אַלע געפֿרייט. איך האָב קיין ווערטער ניט אויסצודריקן די שטורעמדיקע געפֿילן. אַזוי, רבונו של עולם, הילצערנע בנינים ווערן אַרונטערגעריסן און דו בויסט אויף זייער אָרט שטיינערנע בנינים. אַלץ איז פֿון וועגן דײַן נאָמען, צי מע ווייס דאָס, צי דאָס איז פֿאַרהוילן פֿון דעם דרויסנדיקן אויג. דער שורש און דער עיקר, פֿאַרשטייט זיך, איז אין לאַנד פֿון די אָבֿות. אויך פֿון דאָרט קומען אָן דערפֿרייענדיקע ידיעות. דער בייזער מלאך דערציילט בעל כּרחו די שבֿחים פֿון הקדוש ברוך הוא.

דאָ אין געטאָ גייט אַלץ צו פּאַמעלעך. מען האָט מאָביליזירט נאָך אַרבעטערס און אַרבעטערינס פֿאַר די פֿרעמדע. די אַדונים זײַנען צופֿרידן. די לעצטע טעג הערט מען ניט וועגן נגישות. מען ברענגט אַרײַן גרינסן.

זונטיק דעם 27סטן [יוני]. נעכטן איז געווען אַן אויפֿטרייסלונג אין ייִדישן לאַגער. הײַנט אויך. דער קאָמענדאַנט און זײַנע מקורבֿים זײַנען אויפֿגערעגט. — די זאַך איז געווען אַזוי. דער צײַטווײַליקער קאָמענדאַנט [148] פֿון דער געהיים־פּאָליציי איז געקומען פֿאַרבעטן דעם פֿריִערדיקן סעקרעטאַר [149] פֿון דער פּאָליציי צו פֿאָרן אין וואַלד אַרײַן. מען איז אים חושד, אַז ער איז דער צענטער און דער אָנפֿירער פֿון די רעוויזיאָניסטן וואָס גרייטן זיך צו אַ פֿאַרטיידיקונג. דאָס פֿאַרשטייט זיך איז געפֿערלעך. אפֿשר זײַנען דאָ נאָך מענטשן וואָס זײַנען פֿאַר דעם דאָזיקן געדאַנק. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצודרייען. יעמאָלט האָט ער געשיקט דרײַ בחורים פֿון דער פּאָליציי און זיי האָבן אים גענומען מיט גוואַלד, אים געשלאָגן, און אַ געשמידטן אין קייטן האָבן זיי אים גענומען פֿירן אויף אַ וואָגן אין וואַלד אַרײַן. עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן פֿון זײַנע אָנהענגערס יונגע ייִנגלעך און מיידלעך, יעדער איינער מיט זײַן כּלי־זיין און עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. די מענטשן פֿון דעם געוועזענעם סעקרעטאַר האָבן מנצח געווען און אים באַפֿרײַט פֿון די קייטן. נאָך דעם איז ער אַליין געגאַנגען צום קאָמענדאַנט און געפֿאָרן אין וואַלד אַרײַן. אין אָוונט האָט זיך דער קאָמענדאַנט עפּנטלעך פֿאַרענטפֿערט אין דעם טעאַטער אַז דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן קעגן זײַן ווילן. דער באַאַמטער וועט באַשטראָפֿט ווערן. נאָר דער וואָס וויל אַוועק אין וואַלד אַרײַן זאָל בעסער מיטנעמען אויך זײַן משפּחה. — הײַנט אין אַ רעפֿעראַט פֿאַר די אַר־

[147] ז. ק. האָט דאָ אין זינען ז. שײַקאָווסקין וואָס האָט געלייענט אַ רעפֿעראַט אויף דער 17טער יערלעכער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ אין ניו־יאָרק, יאַנואַר 1943.

[148] רפֿאל אָסטער.

[149] יוסף גלאַזמאַן. וועגן דעם אינצידענט פֿאַרגלײַכן: דוואָרזשעצקי, דצ״וו, זז׳ 436—439; ר. קורצ׳אַק, דצ״וו, ז׳ 176; חיים לזר, דצ״וו, זז׳ 108—110.

בעטערס איז דער פּאַרמיטלער[150] ניט געווען צופֿרידן מיט אַ ליד פֿון האַלפּע־רין וואָס מען האָט דעקלאַמירט. און ווען מען האָט געוואָלט ממשיך זײַן, האָט דער קאָמענדאַנט געשלאָסן די זיצונג. פֿאַרשטייט זיך אַז ער האָט מורא, וואָרעם אַפֿילו ווענט האָבן אויערן. דערווײַל הערשט אַן אויפֿרעגונג. דער געוועזענער שעף פֿון דער קולטור־אָפּטיילונג,[151] דער דײַטשער דיכטער, איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פֿון זײַן שטעל. לפֿנים איז ער סוספּענדירט געוואָרן נאָך אויף צוויי וואָכן, אָבער אין דער אמתן האַלט מען אַז דאָס איז אַן אָפּזאָג. זײַן פּלאַץ פֿאַרנעמט לעת־עתּה דער העברעיִשער שרײַבער[152] וואָס איז פּרעמירט געוואָרן. אַ באַפֿעל אַז אַלע מענער זאָלן אָפּגאָלן די באָרד און די וואָנצעס, ווײַל עס איז אָנגעקומען גאַלזיף. — מען דערציילט אַז עס איז פֿאַרבאָטן צו האַלטן די הענט אין די קעשענעס. און אַ מעשׂה אַז הײַנט האָט דער קאָמענדאַנט געזוכט אין די קעשענעס בײַ עטלעכע מיידלעך און זיי געגעבן קלעפּ. די נערוון זײַנען אַזוי אָנגעשרויפֿט אַז מען קאָן שוין מער ניט איבערטראָגן. עס איז צײַט זיך צו באַפֿרײַען. — געזען הײַנט אַ באַקספּאַרמעסט: יוסי האָט געשלאָגן יוסין. דאָס איז געווען אויף אַ ניט־אָפּיציעלן אופֿן. איבער דעם שלעכטן וועטער איז ניט פֿאָרגעקומען די עפֿענונג פֿון פּלאַץ מיט דעם אַלעם וואָס געהערט דערצו. דאָס איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויפֿן קומענדיקן זונטיק.

מאָנטיק דעם 5טן יולי. די וואָך זײַנען געווען אויפֿטרייסלונגען, אָבער מען ווערט שוין ניט נתפּעל. די שווערע געשעענישן האָבן שוין מער קיין ווירקונג ניט. מען וואַרט שוין אויפֿן לעצטן טאָג. נאָך דעם צוזאַמענשטויס צווישן דער פּאָליציי און די מענטשן פֿון בית״ר האָט דער אָנפֿירער פֿון דעם קולטור־אָפּטייל באַקומען אַן אורלויב אויף צוויי וואָכן. עס איז אַפֿילו געווען אַ סבֿרא אַז ער גייט אין דעמיסיע. אָבער די חששים האָבן זיך ניט באַשטעטיקט. לויטן פֿאַרלייג פֿון דעם געוועזענעם עלטסטן פֿון ראַט[153] האָט מען געזאָלט אָפּשטעלן די סובסידיע פֿאַר דעם ליטעראַטן־פֿאַראיין, אָבער די מענטשן פֿון אַלגעמיינעם קאָמיטעט[154] האָבן ניט אָנגענומען דעם דאָזיקן פֿאַרשלאָג. ווי מען גיט איבער איז פֿאַראַן אַ גרויסע פֿינאַנציעלע דחקות איבער דעם פֿאַר־לוסט פֿון וואַרשטאַטן. און דאָס איז דער עיקר: דער בײַט אין פּערסאָנאַל פֿון דער ממשלה איבערן געטאָ. דעם מם האָט מען געשיקט אויפֿן פֿראָנט(?). עס איז נאָך ניט קלאָר ווער עס וועט פֿאַרנעמען זײַן אָרט. מען דערציילט: ער איז פֿאַרפֿאָרן אין אַ וואָגן מיט אַלע זײַנע טשעמאָדאַנעס (אַכצן פֿאַר שיך!) צום זייגער אין געטאָ, געקוקט, ניט געזאָגט קיין וואָרט, זיך אומגעקערט און אַוועקגעפֿאָרן. דערווײַל איז דער ממונה דער פּאָליציי־באַאַמטער פֿון די אַדו־

[150] אַהרן ברוידאָ.

[151] ד״ר לעאָן בערנשטיין. זען: דוואָרזשעצקי, דצ״וו, זז׳ 238, 390 א״אַ; חיים לזר, דצ״וו, זז׳ 148—150, 347.

[152] ישׂראל דימענטמאַן. זען: דוואָרזשעצקי, דצ״וו, זז׳ 270—271.

[153] אַנאַטאָל פֿריד.

[154] דער געזעלשאַפֿטלעכער הילפֿס־קאָמיטעט. זען: דוואָרזשעצקי, דצ״וו, זז׳ 183—185, 366—379 א״אַ.

נים.[155] עס איז שווער צו זאָגן עפּעס וועגן אים. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר די אָנפירערס פון די אַרבעט־גרופּעס. זיי געוואָרנט אַז זיי זאָלן אָפּהיטן אַלע חומרות. אַרויפגעלייגט די אַחריות אויף זיי גופא. אין געוויסע פאַלן וועלן זײַן פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן צווייטן אַלע מענטשן פון דער גרופּע, אויב זיי וועלן ניט דערציילן. לעת־עתּה האָבן מיר נאָך ניט געהערט וועגן קרבנות וואָס זאָלן זײַן איבער אים. ער האָט ליב דזשאַז, שפּילט אַליין און פירט אָן טענץ. לאָמיר האָפן אַז ער וועט ניט פּײַנט האָבן קיין מתּנה. ער האָט געסטראַשעט אַז אין פאַל פון אַנטלויפן וועלן אַלע אײַנוווינערס פונעם צימער טראָגן די אַחריות. אין ווײַסע־וואַקע[156] האָט ער געשאָסן 15 מענטשן איבער דעם אַנטלויפן פון איינעם.[157] — בלויז צו פאַרצייכענען אין וועמענס הענט מיר זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן — נאָך אַ שטריכעלע: אונדזער אָנפירער גיט צו פאַרשטיין אַ פרײַנד זײַנעם וואָס דאָס איז אַגדה. „דו ווייסט ניט? אין גריכיש אַגאַדאָס — מײַנט הייליק". דאָס איז דער מענטש אין וועמענס הענט עס איז איבערגעגעבן צו באַשליסן איבערן גורל פון קולטור־אוצרות. ער האָט שוין באַוויזן וואָס ער קען. ער האָט אַרײַנגעוואָרפן אין מיסטקאַרב אַ גרויסע צאָל זעלטענע ספרים. וואָס ס'איז איבערגעבליבן פון דער ייִוואָ־ביבליאָטעק איז אַוועק אין דער פאַבריק. — איך בין געווען בײַם סיום פון דעם לערניאָר. פאַרשטייט זיך אַז מען קאָן ניט פאַרלאַנגען אַ ספּעציעלע געהויבנקייט. אָבער גוטע אַרבעט. גאַנץ וויכטיקע אויפטוען.

פרײַטיק דעם 9טן יולי. די אָנגעצויגנקייט ווערט אַלץ שטאַרקער. עס הייבן זיך אָן באַווײַזן שרעקלעכע סימנים פון אַ קאַטאַסטראָפע. ווײַטער הריגות אין די אַרומיקע פּראָווינצשטעט. דאָ האָט מען הײַנט אין דער פרי אַרעס־טירט איינעם פון די בית״ר־קרײַזן, אַ פּאָליציאַנט וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט פון דער שטעל. מען האָט געזוכט דעם צווייטן תּכשיט.[158] עס איז גלוי וידוע אַז מוסרים האָבן אַ האַנט אין דעם. דער קאָמענדאַנט איז צעטומלט. אונדזער געהיים־פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט די ביבליאָטעק. מען היט די טריט פון דעם פאַרוואַלטער.[159] ווער ווייס וואָס עס וועט נאָך געשען? וואָס פּלאַנט דער נײַער אַדון? עס יוירט זײַן האַרץ מיט שלעכטס. — אַן אײַנוווינער אין שטאָט איז געקומען באַזוכן איינעם פון די פאַלשע פריידיקערס. זײַן בייז אויג וואָרפט אַן אַן אימה. און עס האָט דערציילט דער ערלעכער:[160] אַ טייל פון אונדזערע

---

155 קיטעל.

156 אַ 20 קילאָמעטער פון ווילנע. דאָרטן האָבן ייִדן געאַרבעט בײַ טאָרף.

157 דעם בחורס פאַמיליע־נאָמען איז געווען רעזניק, זײַן נאָמען האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אויסצוגעפינען. זען חיים לזר, דצ״וו, זז׳ 117—118.

158 די שטעל אין טאָגבוך איז ניט קלאָר. דאָרטן איז אַ פּנים געשריבן: חפשו אחרי העדי השני.

159 דער פאַרוואַלטער פון ביבליאָטעק איז געווען הערמאַן קרוק. זען הערה 58.

160 די שטעל איז ניט קלאָר. קען זײַן דאָס איז אַן אונטערגעהערטער שמועס צווישן אַ נאַצישן ראַסיסט און אַ דײַטש אָדער אַ ליטווינער.

טראַכטן, לאָזט זיי אָפּ, די דערשלאָגענע. זיי האָבן שוין באַקומען זייערס. וואָס האָבן מיר צו זיי? אָבער דער גיט אים צו פֿאַרשטיין: אויב מיר וועלן האָבן אַ מפּלה, וועלן זיי זײַן די ערשטע וואָס וועלן אויפֿשטיין און אונדז נקמה צו נעמען. דערפֿאַר איז דאָס אונדזער אויפֿגאַבע זיי צו פֿאַרטיליקן ביז צום לעצטן. דער רשע טראַכט בייז קעגן צדיק, און ער קריצט אויף אים זײַנע ציין. גאָט לאַכט פֿון אים, וואָרעם ער זעט אַז זײַן טאָג וועט קומען. די רשעים ציִען אַרויס די שווערד צו שעכטן דעם אָרעמאַן און דעם אבֿיון. צו שעכטן די וואָס זייער וועג איז גלײַך. וועט זייער שווערד אַרײַן אין זייער האַרצן, און אַלע זייערע ביינער וועלן צעבראָכן ווערן.[161] עס איז שוין געקומען די שעה. באו מים עד נפֿש! די רוצחים — דאָס איז זייער אייניציקע דאגה! זעען זיי דען ניט אַז אַלץ איז פֿאַרלוירן? דער ערלעכער זאָגט: מיר וועלן זײַן די ערשטע וואָס וועלן פֿאַלן. — די שמועסן וואָס זיי פֿירן צווישן זיך גופֿא: מיר וועטעראַנען זײַנען פֿאַרשטופּט געוואָרן אין אַ ווינקל, און די נײַע האָבן פֿאַרכאַפּט די מיזרח־וואַנט.

דעם אַרעסטירטן האָט מען באַפֿרײַט. הײַנט האָט דער וועכטער פֿון הויף אָפּגעשטעלט דעם הויפּט פֿון די אַרויסטראָגערס[162] און אַוועקגענומען בײַ אים בי־כער. ווי אַזוי מען האָט פֿאַרגלעט די זאַך — ווייס איך ניט. זיי ווייסן ניט קיין אָפּהאַלט און קיין מאָס. — און מיר אַלע טרעטן אויף דער שאַרף פֿון אַ שווערד. עורה ה׳, למה תישן? באַווײַז אונדז אַ צייכן צום גוטן! עס איז שוין געקומען די צײַט. פֿאַרבאָרג ניט דײַן פּנים פֿון מיר — ווײַל איך בין געגליכן צו די וואָס נידערן אַראָפּ אין גרוב. דערלײַכט מײַנע אויגן איך זאָל ניט אײַנשלאָפֿן צום טויט; מײַן פֿײַנד זאָל ניט זאָגן: איך בין אים בײַגע־קומען; מײַנע שונאים זאָלן זיך ניט פֿרייען אַז איך וועל אומפֿאַלן. אָבער איך פֿאַרזיכער מיך אויף דײַן חסד; מײַן האַרץ וועט זיך פֿרייען מיט דײַן הילף; איך וועל זינגען צו גאָט, וואָס ער האָט מיר גוטס געטאָן.

דינסטיק דעם 13טן [יולי]. טעג פֿון שווערע אויפֿטרייסלונגען און פֿול מיט אימה פֿאַרן גאַנצן ייִשובֿ. אין די אויבן דערמאָנטע אַרבעט־לאַגערן האָט מען אומגעבראַכט הונדערטער נפֿשות. מען האָט זיי אַרײַנגענומען אין שטאַל אַרײַן, זיי אויסגעדריקט אַ דאַנק פֿאַר דער גוטער אַרבעט... און דערבײַ האָבן זיך דערנענטערט די משחיתים, אַרומגערינגלט דעם בנין און דער מלאך מיט די טויזנט אויגן האָט באַקומען רשות...[163] אייערנעכטן און נעכטן האָבן אַלע געשמועסט, אַז מען וועט פֿונאַנדערטיילן די מענער פֿון די פֿרויען. עס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען אַז מען דאַרף האָבן „קעפּ". מען רעדט וועגן טויזנטער.

[161] תהלים, לז, 12—15. אָבער דאָרטן: וקשתותם תשברנה — זייערע בויגנס וועלן צעבראָכן ווערן, דאָ: וכל עצמותם תשברנה. אויך ווײַטער פֿון תהלים, כח, 1; יג, 4—6.

[162] משמעות שמערקע קאַטשערגינסקי. דער וועכטער האָט געהייסן ווירבליס, וועגן אים זען: רחל פּופּקאָ־קרינסקי, אין ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XXX, זז׳ 216—217.

[163] דאָ רעדט זיך וועגן פֿאַרברענגען די ייִדישע אַרבעטערס אין לאַגער פֿון בעזדאַן. זען: ר. קורצ׳אַק, דצ״ו, זז׳ 179—180; דוואָרזשעצקי, דצ״ו, ז׳ 475; ח. לזר, דצ״ו, זז׳ 118—120.

אין אָוונט האָבן זיך די וואָלקנס אַ ביסעלע אויפֿגעהויבן. אָבער די אָנפֿירערס פֿון די שבֿטים[164] האָבן אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם מצבֿ. אין דעם אַרבעט־אָפּטייל האָט מען אַ גאַנצע נאַכט אויסגעשטעלט רשימות פֿון אַרבעטערס אין די מיליטערישע אינסטיטוציעס. דערפֿון האָט מען געדרונגען אַז די איבעריקע וועט מען אויסראָטן. אין אַלע אָפּטיילן האָט מען אָפּגעשטעלט די אַרבעט. מענטשן שטייען אין גרופּעס און שמועסן. — דער אָדון[165] איז געווען נעכטן און אויך הײַנט. איך האָב ניט געהערט מען זאָל עפּעס דערציילן וועגן זײַנע מעשׂים. די אימה גייט אַרום איבער די גאַסן. עס זײַנען דאָ הבֿטחות אַז עס וועט קיין שלעכטס ניט געשען, אויב דאָס געטאָ וועט זיך אָפּהיטן און ניט טאָן קיין אומגעוווּנטשענע זאַכן. אָבער ווער ווייס וואָס איז געוווּנטשן, ווען אונדז אַלעמען — דעם צדיק און דעם רשע — דערוואַרט אין מישפּט... — ווײַזט אויס אַז עפּעס וועט געשען. עפּעס הענגט אין דער לופֿטן. עפּעס זייער שווערס וועט פֿאַלן אויף אונדזערע קעפּ. מען גרייט אָן באַהעלטעניש. אָבער ווי איז דאָס מיגלעך? איך באַמי זיך צו ווײַזן פֿאַר מײַנע שכנים אַז איך זאָרג זיך ניט וועגן דער צוקונפֿט. און אין דער אמתן, די לצרה בשעתה. ניט־ווילנדיק ווערט מען אָנגעשטעקט מיט דער שטימונג פֿון דער סבֿיבֿה. די לופֿט וואַרפֿט אויף דיר אָן אַ בהלה. די מענטשן זײַנען פֿאַרכמורעט. די אויגן קוקן אין ליידיקן חלל. איין מענטש דערוועקט טויטשרעק אין האַרץ פֿון צווייטן.

עס זײַנען דערווײַל צוגעקומען אין שטאָט די אַרבעטערס וואָס אַרבעטן אין די טאָרפֿגרובן[166] וואָס מיט אַ פּאָר טעג פֿריִער האָט מען פֿאַרלאַנגט אַז מען זאָל זיי צוריקשיקן אַהין. צי איז דאָס אַ סימן צום גוטן אָדער צום שלעכטן? די וואַך בײַם טויער האָט אַזוי ווי אויפֿגעהערט. מען זעט ניט קיין מענטש פֿון די אַדונים. מען ברענגט אַרײַן וויפֿל עס לאָזט זיך. עס ווערט אַ זול. הײַנט איז געשטאַנען אַ וואָגן מיט ברויט פֿון דער שטאָט און דער גוי האָט פֿאַרקויפֿט פֿאַר זיבן מאַרק אַ לעבל פֿון צוויי קילאָ. איז דאָס לטובֿה אָדער חלילה לרעה?... מענטשן פּרוּוון זיך קליגן און פֿאָרויסזען וואָס עס וועט זײַן. מיר דאַכט זיך אַז מען קאָן גאָרניט פֿאָרויסזען. דער שרעק מאָלט דאָס בילד פֿון דער צוקונפֿט. קיינער קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן די סכּנה וואָס הענגט איבער אונדז פֿון דעם אַרעסט פֿון לעצטן פֿרײַטיק. — עס איז געבליבן דער אײַנדרוק אַז זיי גלייבן אַז דאָס איז אַ בילבול. דער בילבול איז מיגלעך, אָבער דער היפּוך איז אויך מיגלעך. אויב מען מאַכט דעם אָנשטעל אַז מען גלייבט אין אַ בילבול, קען מען דערפֿון אַרויסדרינגען אַז אין דער איצטיקער מינוט שטייט ניט די פֿראַגע פֿון אַ שרעקאַקציע. אמת, יעדער מינוט קען די דאָזיקע

---

[164] ד״ה פֿון די פּאַרטייען.

[165] אַ פּנים קיטעל, דער ליקווידאַטאָר פֿון ווילנער געטאָ. זען: סוצקעווער, דצ״וו, זז׳ 144—147; דוואָרזשעצקי, דצ״וו, זז׳ 318—319, 481; ש. קאַטשערגינסקי, דצ״וו, זז׳ 18—19; ח. לזר, דצ״וו, זז׳ 116—119, 183, 185 א״אַ.

[166] אַ 14־15 קילאָמעטער פֿון ווילנע, אין רעשע, האָבן קרובֿ צו 100 ייִדן געאַרבעט איי טאָרפֿגרובן. זען: דוואָרזשעצקי, דצ״וו, ז׳ 476.

פֿראַגע אויפֿגעהויבן ווערן. פֿאַר אַן אויסרייד איז אַלץ גוט. עס זײַנען געווען רעגנדיקע טעג. ווען די הימלען זײַנען קלאָר איז די אַקציע מער אָנגענעם פֿאַר די וואָס פֿירן זי אויס. אפֿשר איז דאָס אויך לטובֿה. די אָנגעצויגנקייט דאָ האָט אפֿשר אַ פּעולה מיט דעם וואָס זי האָט ניט דערלאָזט צו אַן אויסדרוק פֿון שׂימחה אויף דעם שׂונאס בראָך. ער כאַפּט קלעפּ פֿון אַלע זײַטן.[167]

אין מײַן קליין וועלטל האָט דער סטרוזש געכאַפּט דעם בעל־זכּרון,[168] ווען ער האָט געוואָלט אַרויסשמוגלען ביכער. ער האָט אים געבראַכט צום אָדון. פֿאַרשטייט זיך אַז יענער איז אַרײַן אין כּעס, אָבער סוף־כּל־סוף זיך באַנוגנט מיט אַ סטראַשוניק. — עס קומען אויף פֿאַרשיידענע ענינים. ער וויל האָבן ידיעות וועגן דעם מצבֿ פֿון דעם אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום אין די טעג פֿון די גדולים. ער וויל זוכן אין ייִוואָ־אַרכיוו. ער האָט געזאָגט אַז די פּראָפּאַגאַנדע איז אים שוין דערעסן, ער וויל האָבן וויסנשאַפֿטלעכע ידיעות. — ער וויל אויספֿאָרשן דעם געזעלשאַפֿטלעכן מצבֿ אין די דערפֿער אונטער די פּאָליאַקן. אפֿשר הייבט ער זיך שוין אָן צוגרייטן אַ פּאָזיציע אין דעם רעזשים וואָס וועט קומען? אָבער וואָס גייט ער מיך אָן? פֿאַר מיר איז גענוג דער עול פֿון מײַן גורל. אין מײַן האַרץ, ווען איך בין אַליין, איז ניט פֿאַראַן קיין שמץ פֿון שרעק. עס הערשט אַן אַבסאָלוטער בטחון. אפֿשר איז דאָס גלײַכגילטיקייט? ניין, עס איז דאָ דער ווילן צו זען, און דער עיקר צו דערציילן די געשעענישן צו די ייִדן פֿון יענער זײַט געטאָ. ווי אַזוי וועט רעאַגירן די ייִדישע נשמה וואָס אויף איר איז ניט געפֿאַלן די שווערע האַנט? וואָס וועלן זײַן די רעזולטאַטן פֿאַר דעם לעבן פֿון דעם כּלל? צי וועט דער שווערער שמידן־האַמער צע־שמעטערן די קאָוואַדלע פֿון שטאָל? — אויפֿן פּלאַץ פֿאַר מיר שפּילן ייִנגלעך אין פּילקע. טייל מאָל קלײַבן זיי זיך צונויף אין גרופּעס און שמועסן. אפֿשר קוקן זיי אויס אויף אַ ליכטיקערער צוקונפֿט?

דער קאָמענדאַנט האָט „דערווײַל" אויפֿגעלייזט אַלע אָרגאַניזאַציעס: לע־רערס, אינזשענירן, אַפּטייקערס, דאָקטוירים, שרײַבערס. מען האָט מורא פֿאַר אַן עין הרע. דער נײַער רעזשים איז ניט קלאָר. ווער ווייס צי זיי וועלן זיך באַנוגענען מיט אַ מתּנה וואָס מען קאָן געבן, וואָס מען קאָן זי באַהייבן? אויף אַלע אַרבעטפּלעצער פֿילט זיך די שטימונג. די בעסערע צווישן זיי ווילן ניט גלייבן וואָס עס געשעט. אָבער, פֿאַרשטייט זיך, אַז מען וועט זיי דערקלערן אַז דאָס איז געווען אַ שוצמיטל קעגן אונטערערדישע גרופּעס, יעמאָלט וועט דער רובֿ מסכּים זײַן צו דער אַקציע בדיעבֿד און ניט שטערן די קומענדיקע אַקציעס צוליב דעם זעלביקן מאָטיוו. מיר קענען זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף קיינעם, נאָר אויף אונדזער פֿאָטער אין הימל. און אויב ער האָט פֿאַרבאָרגן זײַן פּנים, מוזן מיר מתפּלל זײַן אַז ער זאָל ווידער אויף אונדז רחמנות האָבן

[167] דאָס אײַננעמען סיציליע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 10טן יולי 1943. אויך אין רוס־לאַנד האָבן די דײַטשן געהאַלטן אין צוריקטרעטן.

[168] ד״ר דניאל פֿײַנשטיין.

און פֿאַרגיכערן די מפּלה פֿון צורר, און במהרה בימינו אים אַראָפּנידערן אין דער גרוב אַרײַן, וואָס ער האָט אַליין געגראָבן.

מיטוואָך דעם 14טן [יולי]. [נעכטן] פֿאַר נאַכט האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז עס איז געקומען רווח והצלה. טייל זאָגן אַז דאָס איז בלויז צײַטווײַליק. מען דערציילט אַז דער אויסלייזער [פֿון שרעק] איז געווען דער ראָש הבריונים[169] אַליין. ער האָט זיך געווענדט דירעקט צו דער הויפּטשטאָט — ווען דער קאָמענדאַנט איז געווען דערבײַ — און באַקומען אַ באַרויִקנדיקן באַפֿעל. דער ישובֿ בלײַבט אונטער זײַן האַנט און וועט ניט אַריבער צו נײַע האַרבע האַרן. מען דערציילט אויך, און הײַנט האָבן זיך ווײַטער איבערגעחזרט די דאָזיקע קלאַנגען, אַז די זעלנערס האָבן געבעטן אָדער בפּירוש פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אָפּשטעלן די רציחות.[170] לפֿי שעה האָבן גובֿר געווען די בעלי־רחמים. אָבער דאָס רובֿ אונדזערע מענטשן זײַנען אין גרויס שרעק, אין אימת מוות. עס איז שווער זיך צוצוהערן צו זייערע רייד. בײַ יעדער געלעגנהייט דער־מאָנט מען דאָס וואָרט „לעצטער". דווקא די וואָס זײַנען געווען זיכער אין די רויִקע טעג. — ווען זיי וואָלטן מורא געהאַט פֿריִער, וואָלטן מיר צו דעם איצטיקן מצבֿ ניט געקומען. אויך די נאַכט און הײַנט האָט געגאָסן אַ רעגן. אפֿשר איבער דעם האָט זיך דער נוגש ניט באַוויזן. דער אונטערדריקער האָט נאָך אַלץ ניט באַשטימט קײן הויפּט־אויפֿזעער [איבערן געטאָ]. צוליב דעם איז שווער צו וויסן צי דער נײַער מערדער וועט האָבן די אייבערהאַנט. — מען דערמאָנט לשבֿח דעם ממ! און מען חלומט וועגן אַ ישועה דורך דעם האַ![171] אַזוי איז שוין דער שטייגער פֿון דער וועלט. נײַע צרות מאַכן פֿאַרגעסן די אַלטע. אייערנעכטן און נעכטן האָט מען גערעדט אַז דער הויפּט פֿון די רוצחים[172] אין דעם מיזרח־געביט איז געפֿאַלן. הלוואַי אַז דער זעלבער גורל וואָס האָט באַפֿאַלן דעם רוצח מיט פֿערציק יאָר צוריק אין דער צפֿונדיקער פּאַלמירע,[173] זאָל אויך באַפֿאַלן אַרמילוס במהרה בימינו. אײַל צו מײַן הילף, גאָט פֿון מײַן ישועה. — פֿון די צוויי נאָענטע לאַגערן זײַנען אַהערגעקומען אַלע איבערגעבליבענע.

דאָנערשטיק דעם 15טן [יולי]. די אָנגעצויגנקייט איז אַ ביסל ווי אַריבער. אָבער נעכטן אָוונט האָבן מענטשן פֿון דער דריטער[174] פּאָליציי געבראַכט אַהער אין צוויי אויטאָמאָבילן די אַרבעטערס אויף דער נאָענטער באַן, זיי מיט זיי־

---

[169] הינגסט.

[170] אין געטאָ האָט מען געלייגט אַ סך האָפֿענונגען אויף די חילוקי־דעות צווישן דער מיליטערישער מאַכט און געסטאַפּאָ. מען האָט אין דער מיליטערישער מאַכט געזען אַ כּוח וואָס קען שיצן די ייִדן פֿון פֿולער אויסראָטונג. וועגן באמתן חילוק צווישן די ביידע מאַכטן בנוגע ייִדן זען: מ. ווײַנרײַך, דצ"וו, זז' 152—218.

[171] הינגסט.

[172] הײַנריך לאָזע.

[173] ז. ק. האָט דאָ אין זינען דעם אַטנטאַט אויף פּלעווען אין פּעטערבורג, דער „צפֿונדיקער פּאַלמיראַ" (דערזשאַווינס אַ מליצה).

[174] די געטאָ־פּאָליציי איז געווען אײַנגעטיילט אין פֿיר קאָמיסאַריאַטן אָדער באַצירקן.

ערע פֿאַמיליעס. די אויטאָמאָבילן וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס האָבן אָנגעוואָרפֿן אַן אימה. מען ווייס דאָך גאַנץ גוט וועמענס זיי זײַנען, און דאָך האָט מען געמיינט אַז זיי זײַנען געקומען נעמען מענטשן פֿון דאַנען. מען האָט זיך אָנגעהויבן באַהאַלטן, ביז עס איז קלאָר געוואָרן צוליב וואָס זיי זײַנען געקומען. טייל זאָגן, אַז איצטער איז שוין דער מצבֿ אַ זיכערער. אַנדערע ווידער מיינען אַז מען האָט בלויז אָפּגעלייגט דאָס אומגליק אויף אַ פּאָר טעג. — הײַנט האָט דער אָנפֿירער פֿון אונדזער גרופּע זיך געווענדט צום אָדון אַז ער זאָל אַזוי גוט זײַן און קלאָר מאַכן דעם מצבֿ. זײַן אַרבעט איז דאָך אוממיגלעך אָן אונדז. יענער האָט צוגעגעבן און צוגעזאָגט אויסצוגעפֿינען פֿון די אָדונים פֿון הויכן אַמט וואָס זײַנען זײַנע באַקאַנטע. רבונו של עולם, ווי אַזוי, אויף וואָסער אופֿן קאָן מען עפּעס אַרײַנברענגען אין האַרץ פֿון די מענטשן אַ ביסל מענטשלעכקייט, שטאַרקן זייער גײַסט, דערהייבן זייער אייגענעם ווערט אין זייערע אויגן? זיי נייטיקן זיך אין גלויבן! פֿון די שערי רחמים זאָל נידערן דער גלויבן אין זייערע פֿאַרשטיינערטע הערצער. זאָלן זיי אײַנזען און וויסן אַז זיי לעבן בלויז דורך אַ נס.

פֿרײַטיק דעם 16טן [יולי]. די לעצטע נאַכט איז געווען אַ שוידערלעכע נאַכט וואָס האָט נאָך איר גלײַכן ניט געהאַט. צוויי אַ זייגער האָבן זיך געהערט אין גאַס פּוסטריט און קולות. צעטומלטע און דערשראָקענע איז מען געלאָפֿן זיך באַהאַלטן. אַלע וואָס וווינען אין אונדזער דירה זײַנען אַנטלאָפֿן. געבליבן זײַנען מיר און דאָס פּאָרל מיטן קראַנקן מאַן. נאָך אַ האַלבער שעה האָט מען אָנגעזאָגט אַז מען מעג שוין צוריקקומען אַהיים. אָבער דאָס רובֿ אײַנוווינערס זײַנען געבליבן אין דרויסן. אַ ביסל שפּעטער האָט זיך ווײַטער אָנגעהויבן אַ בהלה. פֿינף אַ זייגער האָט מען אויסגערופֿן אַז די אַרבעטערס גייען אין שטאָט אַרײַן צו דער אַרבעט. דער שורש פֿון דער זאַך איז אַזוי: נאָך דעם ווי עס האָבן זיך שוין לפֿנים אײַנגעשטילט די געמיטער און עס זײַנען געקומען פֿון אַלע זײַטן קלאַנגען אַז עס איז לעת עתּה מער קיין סכּנה פֿאַר דעם געטאָ ניט פֿאַראַן, איז ווידער אָנגעקומען אַ פֿאַרלאַנג איבערצוגעבן דעם פֿאַרטרעטער פֿון ג.[175] אין דער פֿאַרטיידיקונג... עס איז פֿאַראַן אַ ווערסיע אַז דער קאָמענ־דאַנט האָט גערופֿן די מענטשן צו אַ באַראַטונג, און בעת דער זיצונג זײַנען אַרײַנגעקומען פֿרעמדע געהיים־פּאָליציי, און ער אַליין האָט אָנגעטײַט אויף אים און געזאָגט: אָט איז ער. מען האָט אים אַרעסטירט און געשמידט אין קייטן. אָבער די בחורים האָבן זיך צונויפֿגעקליבן און אים באַפֿרײַט. זיי האָבן זיך באַריקאַדירט אין אַ הויז און גענומען סטראַשען די פּאָליציאַנטן מיט וואָפֿן: ווער עס קומט צו וועט באַצאָלן מיט זײַן קאָפּ. אָבער סוף־כּל־־סוף האָט דער ראַציאָנעלער כּוח גובֿר געווען און מען האָט געשיקט פֿאַרשטייערס צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיטן קאָמענדאַנט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז

---

[175] ג. באַטײַט גדולים. ס׳רעדט זיך וועגן דער פֿאָדערונג אַרויסצוגעבן יצחק וויטענבערגן. זען: „דער וויטענבערג־טאָג אין ווילנער געטאָ“, יִיוואָ־בלעטער, ב׳ XXX, נומ׳ 2, זז׳ 188—213; חיים לזר, דצ״וו, זז׳ 122—127; ר. קורצ׳אַק, דצ״וו, זז׳ 182—188.

ער גיט זיך אַליין איבער. אָבער צוויי מאָל איז ער אַנטלאָפֿן און זיך פֿאַרשטעלט אין פֿרויענקליידער. (טייל זאָגן אַז דער פֿרעמדער רעזשים האָט אָנגעגעבן אַ צײַטטערמין, טייל זאָגן אַז מען האָט נאָך אַזאַ צײַטטערמין ניט געשטעלט.) טייל זאָגן אַז עס איז געווען אַ שיסערײַ, און עס זײַנען געפֿאַלן פֿאַרוווּנדטע, אַנדערע ווידער זאָגן אַז קיין שיסערײַ איז ניט געווען. ביז וואָס ווען איז פֿאַרבײַ אַ האַלבער טאָג, און ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך איבערגעגעבן. מיט דעם האָט זיך דער מצבֿ אַ ביסל באַרויִקט. פֿאַרשטייט זיך אַז די נאַכט איז אַריבער אָן שלאָף. דער שרעק אין צוזאַמענהאַנג מיט די קלאַנגען פֿון דער לעצטער וואָך האָט געהאַט איר ווירקונג אויף דעם עולם. אַלע ביוראָען זײַנען פֿאַרמאַכט, מען אַרבעט ניט, מען איז מיד און פֿאַרביטערט. יעדערער שרעקט זיך פֿאַר זײַן אייגענעם אויסזען. איינער איז פֿאַרביטערט ווײַל ער האָט געמוזט איבערגעבן אַ מענטשן צום טויט און אַ צווייטער איז פֿאַרביטערט ווײַל מען האָט איבערגעגעבן זײַנעם אַ קרובֿ אָדער באַקאַנטן. און ווער ווייס וואָס עס וועט זײַן מאָרגן? צי וועט זיך דער אַרעסטאַנט קענען קאָנטראָלירן און ניט אַרויסגעבן נײַע נעמען? עס איז פֿאַראַן אַ סבֿרא אַז דער צורר האָט שוין אַ רשימה פֿון 60 מענטשן. אָבער זיי אײַלן זיך ניט צו זוכן זיי, זיי האָבן צײַט. איז דאָס די שפּיל פֿון דער קאַץ? ווער קען אַרײַנדרינגען אין זייער סוד? מען דאַרף אָננעמען אַז אויך אין שטאָט איז די אַרבעט געווען אַרויסגעוואָרפֿן. בײַ אונדז, פֿאַרשטייט זיך, האָט מען כּמעט מיט דער האַנט ניט גערירט. דאָס איז דער געווינטלעכער מצבֿ. וואָס עס איז געווען אין אַנדערע מקומות, האָב איך ניט געהערט. וואָס קאָנען העלפֿן מענטשן אויפֿגערעגטע, דערשראָקענע און מידע פֿון שלאָפֿלאָזע נעכט? — די אָרגאַניזאַציע[176] קאָן ברענגען אַן אומגליק אויפֿן גאַנצן ייִשובֿ, איידער זי וועט אַרויסקומען מיט איר טעטיקייט. דערווײַל איז די אָרגאַניזאַציע געווענדט כּלפּי פּנים, שטערט די טעטיקייט פֿון קאָמענדאַנט. און ווו עס איז ניט פֿאַראַן קיין אַחדות אין מעשׂים, איז תּמיד פֿאַראַן אַ סכּנה פֿון וואָסער ניט איז צד, און עס וועט ניט זײַן קיין מנוחה ביז זי וועט זיך פֿונאַנדערלאָזן. אָבער זי וועט זיך ניט אויפֿלייזן. אירע מיטגלידער זײַנען שוין פֿאַרבונדן אין אַ חטא. דער פֿירער[177] איז אַ לײַכטזיניקער און אַ היסטערישער. אפֿשר איז דערבײַ אויך עפּעס פֿאַראַן אַ ביסל פֿון גאווה, אָבער די פּערזענלעכקייט איז דאָ אַ טפֿלע זאַך, דער עיקר איז די געוווינהייט פֿון דער דאָזיקער באַוווּסטער פּאַרטיי.[178] לאָמיר האָפֿן אַז ווען עס וועט פֿאַלן דער רעזשים פֿון שרעק, וועט אויך די דאָזיקע גרופּע פֿאַרשווינדן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, וואָרעם זי וועט ניט האָבן קיין אַחיזה אין טעג פֿון שאַפֿן און בויען.

---

[176] די פֿפּ״אָ. אַ סך פּרטים וועגן דער אָרגאַניזאַציע בײַ רייזל קורצ׳אַק, דצ״וו, בײַ חיים לזר, דצ״וו און אין דצ״וו פֿון דוואָרזשעצקי, סוצקעווער און ש. קאַטשערגינסקי.

[177] ז. ק. האָט אין זינען יוסף גלאַזמאַנען, דעם קאָמענדאַנט פֿון ערשטן באַטאַליאָן פֿון דער פֿפּ״אָ.

[178] פֿון די רעוויזיאָניסטן.

דער טאָג איז אַריבער בשלום. געלויבט איז דער אייבערשטער. עס קומט אָן דער שבת. אין דער גאַנצער וועלט, אָבער ניט דאָ, דאָ לאָזט מען אים ניט אַרײַן. פֿאַראַן ייִדן וואָס וואָלטן געוואָלט האַלטן שבת, ניט געקוקט אויף אַלע שטערונגען — אָבער דאָס רובֿ מענטשן קענען ניט און מען טאָר פֿון זיי עס ניט פֿאַרלאַנגען. אַ פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר מנוחת שבת וואָלט יאָ זיך אײַנ־געגעבן ווען די פֿרומע וואָלטן זיך געקליגט צו באַשווערן די ייִדן אַזוי: אויב הקדוש ברוך הוא וועט אונדז לאָזן לעבן און מיר וועלן אַרויס פֿון קלעם — וועלן מיר אָפּהיטן אַלע יאָרן דעם שבת ווי געהעריק.

זונטיק דעם 18טן [יולי]. וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אייערנעכטן שטײַגט איבער אַלץ וואָס עס איז פֿריִער פֿאָרגעקומען אין פּרט פֿון אינעווייניקסטער אָנגעשטרענגטקייט. ייִדן האָבן אויפֿגעהויבן די האַנט קעגן ייִדן. די וואָפֿן וואָס האָבן באַדאַרפֿט באַשיצן ייִדישע לעבנס האָבן גענומען ייִדישע לעבנס. עטלעכע זײַנען פֿאַרווונדט געוואָרן און עס איז פֿאַראַן אַ קלאַנג אַז איינער איז גע־שטאָרבן פֿון די ווונדן. די ייִנגלעך וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו באַשיצן דעם פֿאַרשוועכטן כּבֿוד פֿון דעם פֿאָלק האָבן אַליין פֿאַרשוועכט שם שמים. און עס איז ממש אַ נס מין השמים וואָס דער צורר איז דאָס ניט געוווירר גע־וואָרן בשעת מעשׂה. אויב ער וועט שפּעטער אויסגעפֿינען וועגן דעם, וועלן די רעזולטאַטן ניט זײַן אַזעלכע שווערע. מיר דאַכט זיך אַז שולדיק אין דעם זײַנען די עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטן. די אַנדערע עקסטרעמיסטן האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי איבער חולשת הדעת. דער בחור וואָס איז געפֿאַלן אַ קרבן[179] וועט בלײַבן אַ הייליקער. ער האָט זיך טאַקע באמת געוואָלט אויסהיטן פֿון די יסורים און דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבן. ער האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן די פּײַניקונגען פֿון דעם דאָזיקן טאָג, ער האָט אײַנגענומען סם ושבק חיים לכל חי. זאָל זײַן אָנדענק זײַן געבענטשט. פֿון טאָג צו טאָג ווערט מײַן געפֿיל פֿון שׂינאה צו דעם צד אַלץ מער אָפּגעשוואַכט.[180] אַ ייִדיש געפֿיל קלאַפּט אין זייער האַרץ. אפֿשר וועלן זיי חוזר בתשובֿה זײַן אויף דער פֿרײַ. לעת עתּה דאַכט זיך מיר אַז זיי פֿירן זיך אויף אַזוי ווי עס דאַרף צו זײַן. זייערע בעלי־ברית טוען וואָס עס איז אויף זיי אַרויפֿגעלייגט אויף ווי ווײַט זיי קענען — און זיי, די געפֿאַנגענע, מוזן לײַדן און שווײַגן. די זעלבשוץ איז אַ פֿאַלשע זעונג. זי האָט קיין שום טעם און קיין ווערט ניט. מכּל־שכּן קיין שום ממשות ניט. — מע טאָר ניט זאָגן אַז די אומגעקומענע זײַנען געשטאָרבן דעם טויט פֿון נבֿלים, הגם זיי זײַנען געגאַנגען צו דער שחיטה ווי לעמעלעך. דאָס לעבעדיקע ייִדישע פֿאָלק וועט זיי תּמיד גדענקען מיט כּבֿוד. זייער טויט וועט זײַן אַ דענקמאָל פֿאַר די פֿאַרברעכנס פֿון די מערדערס. זייער טויט איז אַ כּפּרה אויף די זינד פֿון דעם גאַנצן דור. זאָלן די מענטשן איבער דער גאָרער וועלט וויסן ווי אַזוי גאָטס פֿאָלק איז אויסגעהרגעט געוואָרן אָן שום זינד. אויף דער גאַנצער וועלט וועט מען זיי גדענקען און זייער אָנדענק וועט פֿאַרבלײַבן אַ צייכן

[179] יצחק וויטענבערג.

[180] צום צד פֿון די גדולים.

פֿאַר די קומענדיקע דורות, אַז טאָמער וועט זיך אין וואָסער עס איז צײַט דערוועקן דער גײַסט פֿון טיראַניע און וועט וועלן פֿאַרשפּרייטן זײַן הער־שאַפֿט איבער מענטשן, זאָל מען געדענקען וואָס דער טיראַן דער אַכזר האָט געטאָן צום פֿאָלק ישׂראל, און זיי זאָלן זיך שטאַרקן אונטערצודריקן דעם בייזן גײַסט, איידער ער פֿאַרשפּרייט זיך. כּבֿוד ויקר די קרבנות פֿון די חבֿלי גאולה! און דער פּרווו צו באַוואָפֿענען זיך איז דער רעזולטאַט פֿון ווילד־קייט, דער רעזולטאַט פֿון פֿולשטענדיקן פֿעלן פֿון געדאַנק. ער האָט נאָר אַ שליטה איבער דעם ברודער [דעם י״ד]. און דער צורר וועט שטיין אין אַ זײַט און לאַכן אויף דעם בראָך. אפֿשר וועלן זיי קליגער ווערן און פֿאַרזיכטיק זײַן לעתיד. יעמאָלט וועט די סכּנה, דאַכט מיר, בלײַבן הענגען, אָבער ניט אַרויס לפּועל.

נעכטן האָט אונדזער אָדון באַזוכט די אַדונים פֿון דעם אָרט און באַקומען פֿון זיי אַ הבֿטחה אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און עס איז לפֿי שעה קיין שום סכּנה ניט פֿאַראַן. די פּרטים וועט ער איבערגעבן מאָנטיק. — דאָנערשטיק האָבן גאָר וויכטיקע געסט באַזוכט אונדזערע וואַרשטאַטן. זיי האָבן אויסגע־דריקט זייער באַוווּנדערונג איבער אונדזער אַרבעט. אַזוי איז עס: אַפֿילו דער בייזער מלאך מוז בעל־כּרחו זאָגן אָמן אויף שעפֿערישער אַרבעט. אַרבעט און שאַפֿן זײַנען אונדזער לעבן. און לאָמיר אויסדריקן די התפּעלות לגבי אונדזער פֿאָלק וואָס די שעפֿערישע כּוחות האָבן זיך נאָך פֿון אים ניט אָפּגעטאָן. די האָפֿענונג איז גרויס אַז דער כּוח פֿון שעפֿערישקייט וועט אונדז בײַשטיין אין די טעג פֿון אונדזער באַפֿרײַונג אויפֿצובויען די חורבֿות פֿון אונדזער פֿאָלק אויף זײַן לאַנד און צו פֿאַראייניקן די צעשפּרייטע פֿון ישׂראל. זאָל אונדז גאָט אָפּהיטן פֿון די עקסטרעמיסטן. עס איז גאָרנישט מיגלעך צו דערגיין זיי־ערע געפֿילן: איז עס דאָס געפֿיל פֿון דעם כּלל אָדער פֿון דעם יחיד, וואָס איז שטאַרק אָנגעשפּיצט, וואָס האָט פֿאַרלאָרן דאָס געדולד און איז מער ניט מסוגל אַפֿילו צו טראַכטן. — די קיצונים אין ירושלים[181] האָבן געגלייבט אין זייער נצחון. זיי האָבן געוווסט אַז זיי זײַנען ווייניק אין צאָל, אָבער צי איז דען ניט מיגלעך פֿאַר גאָט איבערצוגעבן די וואָס זײַנען אַ סך אין די הענט פֿון די וואָס זײַנען ווייניק? ערשט נאָך דעם לעצטן קלאַפּ האָבן זיי באַשלאָסן אַז גאָט האָט פֿאַרוואָרפֿן זײַן פֿאָלק און וויל עס מער ניט לאָזן בלײַבן. יעמאָלט האָבן זיי זיך דאָס לעבן גענומען, כּדי די שׂונאים זאָלן איבער זיי ניט שפּעטן, און כּדי זייער נשמה זאָל צוריקגיין צו איר מקור. עס איז אוממיגלעך אַז אונדזערע עקסטרעמיסטן זאָלן גלייבן אַז זיי קענען מנצח זײַן. ווען זיי וואָלטן געוווען דורכגעדרונגען מיט אַ כּלל־געפֿיל, וואָלטן זיי געדאַרפֿט זײַן זיכער אַז די גאַנצע מענטשהייט האָט גענוג כּוח אַרונטערצווואַרפֿן די ממשלת הזדון. און אַפֿילו אויב עס וועט זיך פֿאַרזאַמען דער סוף, וועט ער אָבער פֿאָרט קו־מען. טאָ צו וואָס זשע דאַרפֿן זיי מאַכן אַן אויפֿשטאַנד אָן נוצן? דער גע־פֿאַנגענער האָט נאָר זײַן כּוח בלויז אין זײַן זײַן. דער כּלל פֿאַרלאַנגט פֿון

[181] אין דער צײַט פֿון חורבן בית שני.

אים ניט קיין מעשׂים, בלויז אַז ער זאָל אויפֿהיטן זײַן קיום מיט אַלע מיטלען. און טאָמער גיט זיך אַ מיש אַרײַן עפּעס אַן אַנדער געפֿיל, איז פֿאַראַן אַ חשש אַז דאָס איז פּחדנות, אַ דוחק אין לעבנס־ווילן. ווי אַזוי קאָן מען מאַכן אַז די יונגע זאָלן זיך פֿאַרטיפֿן אין דער דאָזיקער עובֿדא, [ווי אַזוי] וואָרענען זיי, זיי זאָלן ניט נאָכלויפֿן די איבערגעאײַלטע וואָס האָבן שוין ניט איין מאָל שלעכטס געטאָן דעם פֿאָלק און זײַנען עלול צו מאַכן אים שטרויכלען אין זײַן שעפֿערישער אַרבעט? קענען מיר דען פֿאַרגעסן די לאָזונג „צעברעכן" די הסתּדרות העובֿדים,[182] וואָס זיי האָבן אויסגערופֿן מיט קולי קולות? און הײַנט איז פֿון אַלע זייערע טראַכטענישן ניט געבליבן קיין ברעקעלע. עס איז ניטאָ קיין שום באָדן פֿאַר זייער פּראָגראַם, וואָס איז אפֿשר געווען באמת דער פּראָדוקט פֿון טיראַניע. ניט נאָר איבער דעם וואָס די האַנט פֿון טיראַניע, לויט דער נאַטור פֿון דער זאַך, איז געווענדט דער עיקר קעגן אונדז, נאָר דער עיקר צוליב דעם וואָס אונדזער גאולה וועט זיך אויסווירקן, אויך לויט דער נאַטור פֿון דער זאַך, אויף דעם באָדן פֿון מענטשלעכער פֿרײַהייט וואָס וועט אויפֿשטיין נאָך דעם ווי די טיראַניע וועט פֿאַלן. והיה ה׳ למלך על כל הארץ. ביום ההוא יהיה ה׳ אחד ושמו אחד. איין פּראָגראַם אָדער אַ פֿאַראייניקטע פּראָגראַם וועט זײַן אין בויען די צוקונפֿט.

דעם זעלביקן טאָג. קלאַנגען: די ווײַסע שטאָט[183] איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פֿון דער אַרמיי, אַ ייִשובֿ פֿון זעכציק טויזנט נפֿשות, בבחינת בטחון. מען פֿירט פֿאַרהאַנדלונגען אויך וועגן דעם היגן ייִשובֿ. הלוואַי זאָל עס אַזוי זײַן. — מען דערציילט: אַ מענטש וואָס האָט געווייַנטלעך אַרײַנגעבראַכט בראָנפֿן, אַ שיכּור, איז נעכטן 11 אַ זייגער בײַ דער נאַכט געקומען אָנגעטאָן אין דײַטשע בגדים מיט אַ רימען און אַ רעוואָלווער. דער ליטווינער האָט פֿאַרלאַנגט הונדערט טויזנט לאַ־יהרץ־געלט. דערווײַל האָט מען אים און זײַן פֿרוי און קינד אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה.[184] די זאַך איז געענדיקט. דעם ליטווינער האָט מען געמאַכט שטילשווײַגן. דער קאָמענדאַנט האָט הײַנט געהאַלטן אַ רעדע. ער וויל זיך אָפּזאָגן. עס איז שווער צו שטיין אויף דעם פּאָסטן.

פֿרײַטיק דעם 23סטן [יולי]. נעכטן איז געווען אַ „פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג" אין טעאַטער אויף דער פֿאַרבעטונג פֿון דעם אַסיסטענט.[185] דער קאָמענדאַנט האָט דערציילט דעם גאַנצן עולם וואָס עס איז געשען: דאַנקען גאָט, מיר האָבן אָפּגעראַטעוועט איין און צוואַנציק טויזנט נפֿשות.[186] מען באַמיט זיך צו באַקומען אַרבעט. דורך דער אַרבעט וועלן מיר צווינגען דעם בייזן מלאך אונטערצוגעבן

[182] ז. ק. האָט אין זינען דעם קאַמף פֿון די רעוויזיאָניסטן קעגן דער הסתּדרות העובֿדים אין ארץ־ישׂראל.

[183] ביאַליסטאָק.

[184] מען האָט דעם ליטווינער איבערגעגעבן אין די הענט פֿון דער ליטווישער פּאָליציי — גענס האָט אים אַרעסטירט. ס׳איז מאָדנע ווי אַזוי די ייִדישע פּאָליציי האָט געקענט האָבן אונטער איר רשות די פֿרוי און דאָס קינד פֿון דעם ליטווינער.

[185] ס. דעסלער. זען הערה 113.

[186] די צאָל ייִדן וואָס זאָלן האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט אין ווילנער געטאָ.

זיך צו אונדזער ווילן. די פּאַרטיימענטשן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ שׂטן. מען דאַרף זיי באַזײַטיקן, אויפֿלייזן די קלײַנזלעך. אין געטאָ טאָרן ניט גע־דענקט ווערן פֿרײַערדיקע חטאים, אָבער אויך פֿרײַערדיקע זכיותן האָבן ניט קיין שום ווערט, אויב זיי זײַנען ניט בכּוח אויפֿצוהיטן דאָס געטאָ. מיר מוזן פּאַרטיידיקן אונדזער לעבן. להבא, אויב עס וועט געשען עפּעס אַזוינס ווי עס איז געשען, וועל איך אָננעמען מיטלען.

די אַרבעט וועט אונדז בײַם לעבן דערהאַלטן. מען טאָר ניט גלייבן די דרויסנדיקע אײַנוווינערס,[187] וואָרעם זיי האָבן נאָר זייער אייגענעם אינטערעס אין זינען. מען טאָר ניט פֿאַרלאָזן דאָס געטאָ, זיך אָפּשיידן פֿון ציבור. עס איז געווען אַ האַרבע סכּנה, אָבער זי גייט פֿאַרבײַ.

מען דערציילט אַז מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט מען ווײַטער געכאַפּט אַ בחור מיט וואָפֿן. עס איז אַ נס וואָס די פּאָליציאַנטן זײַנען געווען אונדזערע. .... מען האָט אָפּגעזאָגט 14 יונגע־לײַט און מיידלעך וואָס געהערן צו דער פּאַרטיי,[188] ער וויל ניט אויפֿהאַלטן אַזעלכע וואָס קענען ברענגען שאָדן דעם ציבור אין געטאָ. — און אין דער אמתן, ווען די דאָזיקע מענטשן ריידן וועגן דעם „כּבֿוד", מישטיינס געזאָגט, וואָס זיי פּאַרטיידיקן, — ברענגען זיי שאַנד אויף די צענדליגער טויזנטער וואָס זײַנען אומגעקומען. באמת זײַנען די דאָזיקע הרוגי מלכות ניט ווינציקער אין חשיבֿות פֿון די וואָס האָבן זיך גענומען פֿאַרן וואָפֿן. מען קאָן דאָך ניט פֿאַרגלײַכן די הגנה אין ארץ־ישׂראל און אַפֿילו די זעלבשוץ בעת די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד מיטן מצבֿ דאָ. בלויז פּחדנים און צעטומלטע מענטשן קענען טראַכטן וועגן אַרײַנברענגען וואָפֿן אַהער. די הויפּטשטאָט[189] קען ניט דינען ווי אַ באַזע פֿאַר פֿאַרגלײַך. מיר ווייסן ניט די געשעענישן [דאָרט]. מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן אַז דאָרטן האָבן אונדזערע יונגע־לײַט פּאַרטיידיקט אַ מער כּללישן ענין ווי דאָס לעבן פֿון צוואַנציק טויזנט נפֿשות, ווו עס איז גאָר קיין האָפֿענונג ניט געווען, אַז מען זאָל קענען דורך דעם מיטל אָפּטאָן די סכּנה וואָס איז פֿאַר זיי געשטאַנען.

מאָנטיק דעם 26סטן [יולי]. די ידיעה וועגן דעם אַנטלויפֿן פֿון אָדלער[190] האָט דאָ ניט אַרויסגערופֿן יענע שׂימחה וואָס עס וואָלט געווען אויסגעבראָכן, ווען עס וואָלט ניט געהערשט אַזאַ מין טאָפּלטער און פֿאַרטאָפּלטער שרעק. מיר האָבן נאָך אַלץ מורא אַז מיר וועלן ניט זוכה זײַן צו זען מיט אונדזערע אויגן דעם סוף, אַז די צוררים וועלן זיך פּעדערן.... און נאָך איינס: בײַ נאַכט האָט מען ווידער אַרויסגעפֿירט מענטשן, אַלטע לײַט און די משפּחות פֿון די וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן. די פּאַרטיידיקערס זײַנען אַנטלאָפֿן און האָבן זייער נפֿש געראַטעוועט.

[187] ד"ה די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

[188] צו דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי.

[189] וואַרשע.

[190] דעם 5טן אויגוסט 1943 האָט די רויטע אַרמיי פֿאַרנומען די שטאָט אָריאָל (אויף רוסיש: אָדלער) בעת איר גרויסער זומער־אָפֿענסיווע. דער צוריקטריט פֿון די דײַטשן איז אין דער וועלט פֿון קלאַנגען פֿאָרגעקומען אין אַ גיכערן טעמפּאָ ווי אויף דער וואָר.

לויט די קלאַנגען האָט דער מערדער צו וויסן געטאָן אַז די אָרטיקע זײַנען נוטה אָנצונעמען מיטלען, נאָר מען האָט זיך באַראָטן מיט זייער צענטער. דער רשע טראַכט בייז... גאָט לאַכט פֿון אים, וואָרעם ער זעט אַז יבֿא יומו. דער טאָג קומט שוין.

דינסטיק דעם 27סטן [יולי]. אין דער גרויסער וועלט ווערט שוין קלאָר דער האָריזאָנט. אין דרום[191] איז אַ וואָפֿן־שטילשטאַנד. מען זעט שוין באַשײַמ־פּערלעך דעם שלום. און דאָ גייט אַרום אַ טויטשרעק. אייערנעכטן האָט מען גענומען אַחוץ די זקנים אויך 11 אָנפֿירערס פֿון די אַרבעט־גרופּעס. טייל פֿון זייערע מענטשן זײַנען געוועזן צווישן די אַנטלאָפֿענע. דער מערדער האָט געלאָזט אויסרופֿן אַז ער וועט ווײַטער אָרויספֿירן משפּחות און דירות און אַרבעטער־גרופּעס. עס איז שטרענג פֿאַרבאָטן צו גיין איינער אַליין. מען טאָר ניט אַרבעטן אויסער דער שטאָט. נעכטן אָוונט האָט מען געכאַפּט די מענטשן פֿון שטוב (עלף מענטשן?) איבער איין בחור.[192] איבער איין בחור זײַנען אומגע־קומען זײַן פֿאָטער, זײַן מוטער און זײַן שוועסטער. און ער אַליין איז הײַנט צוריקגעקומען. קענען זיי זיך ניט אײַנהאַלטן, גובֿר זײַן זייער פּחד? דער קאָ־מענדאַנט האָט אויף זיך גענומען אַ שווערע אויפֿגאַבע. האָב רחמנות, גאָט, אויף דעם שארית פֿון דײַן פֿאָלק. למה יאמרו הגויים, איה אלהים?

(מאָנטיק דעם 2טן אויגוסט.) דינסטיק דעם 3טן אויגוסט. ווען מיר זײַנען נעכטן אָוונט אַהיים געקומען פֿון דער אַרבעט — אַן אומגעריכטס: איבער הונדערט (הונדערט און פֿופֿציק?) אַרבעטס־אייַנהייטן זײַנען אויפֿגעלייזט געוואָרן, זײַ־נען אויס. צווישן זיי אויך אונדזער גרופּע. סך־הכּל מער ווי דרײַ טויזנט מענער און פֿרויען. זיי וועלן צוגעטיילט ווערן צו דער אַרבעט אויף דער באַן און צום בויען טראַנשייען. און די איבעריקע וועלן בלײַבן אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן פֿון געטאָ וואָס דאַרפֿן אויסגעברייטערט ווערן. פֿאַרשטייט זיך אַז אַזוינס ווערט באַגלייט פֿון קלאַנגען: טייל אָנפֿירערס פֿון די אייַנהייטן האָבן פּראָטעסטירט און געפּועלט אַז מען זאָל מבֿטל מאַכן די גזירה. אונדזערער — ווען ער האָט דערהערט וועגן דעם — האָט ער זיך געפֿילט באַליידיקט וואָס מען האָט אָוועקגענומען פֿון אים זײַנע קנעכט אָן זײַן וויסן. ער האָט צוגע־זאָגט אויף מאָרגן צו פּראָטעסטירן. עס איז פֿאַראַן אַ האָפֿענונג אַז ער וועט מבֿטל מאַכן די גזירה. אָן אונדז קאָן דאָך די אייַנהייט ניט עקסיסטירן. מע קען אונדז ניט פֿאַרבײַטן מיט גויים.[193] מיר וועלן זען וואָס עס וועט אַרויס־קומען פֿון זײַנע חלומות. מען מוז צוגעבן אַז די אייַנהייטן וואָס זײַנען וויכ־טיק פֿאַר דער געטאָ־ווירטשאַפֿט, זײַנען דאָס רובֿ געבליבן אויף זייער אָרט.

[191] אין איטאַליע. דרום און דרומדיקע מדינה באַטײַט אויך ווײַטער — איטאַליע. דאָס איז געשריבן געוואָרן נאָך דעם רעוואָלט קעגן מוסאָליניך. מען האָט יעמאָלט זיך געריכט אויף אַ באַלדיקן סוף צו דער מלחמה אין איטאַליע. כּידוע איז אין יולי 1943 ניט געקומען צו קיין וואָפֿן־שטילשטאַנד אין איטאַליע.

[192] מען האָט ניט געקענט אויסגעפֿונען מיט זיכערקייט דעם נאָמען פֿון דעם בחור.

[193] דער טעקסט איז ניט אין גאַנצן קלאָר. ד״ר מנחם ע. עדלשטיין לייגט פֿאָר צו לייענען: אין להמיר אותנו בנכרים.

די בהלה בנוגע שפּײַז וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נעכטן נאָך מיטאָג איז, ווײַזט אויס, פֿאַרבײַ. מען פֿאַרקויפֿט ברויט. אין דער פּרי איז דער שינוי ניט קענ־טיק אַ סך. נאָר איצט זײַנען געבליבן [אין געטאָ] אַ סך מענטשן, וואָס פֿריִער פֿלעגן זיי אַרויסגיין. נעכטן האָט מען זיי ניט צוגעטיילט צו נײַע אַרבעטפּלעצער, ווײַל מען האָט געוואַרט אפֿשר וועט זיך אײַנגעבן דורך זייערע אָנפֿירערס צוריקצוקערן צום פֿריִערדיקן מעמד. — און דער עיקר: דער טאָג איז דאָך שוין נאָענט, אַזוי נאָענט.

פֿיר אַ זייגער. דער אָנפֿירער פֿון דער גרופּע איז צוריקגעקומען פֿון שטאָט. מיר הענגען אין דער לופֿטן. דאָ איז די זאַך ניט באַשלאָסן געוואָרן. מען האָט געדאַרפֿט זיך ווענדן צום צענטער אַז ער זאָל פּוסק הלכה זײַן: וואָס איז די וויכטיקייט פֿון דער גרופּע וואָס גייט נאָך צום סוף און זאַמלט אײַן די רעשטלעך? אויב אַזוי — איז נאָך פֿאַראַן אַ שטיקל האָפֿענונג. און אויב ניט — רווח והצלה יעמד ממקום אחר. פֿאַרשטייט זיך אַז עס הערשט דערשלאָגנקייט. דער עיקר איז מען אויפֿגערעגט איבער דעם וואָס די ענינים אין דרויסן פֿירן זיך פֿאַמעלעך.

פֿרײַטיק דעם 6טן [אויגוסט]. ווײַטער אַ בהלה און אַ פֿינצטערע אימה. נעכטן זײַנען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אַז מען דאַרף האָבן טויזנטער אַרבעטערס קיין ריגע. מען וועט זיי אַריבערפֿירן מיט זייערע משפּחות. קוים וועט מען זיי אַרויסרײַסן פֿון זייער אָרט, וואַרט אויף זיי אַ גרויסע סכּנה. אַזוי איז גע־ווען דער מינהג אין אַנדערע שטעט. גרופּעסווײַז האָט מען זיי געפֿירט צו דער שחיטה. עמעצער האָט באַשלאָסן אַז ער וויס דאָס גאַנץ זיכער. נעכטן זײַנען אַ סך ניט אַרויסגעגאַנגען אַרבעטן אין דער שטאָט. די פּאָליציי האָט געוואָרנט אַז מען זאָל זיך ווײַטער ניט אַרויסדרייען פֿון דער אַרבעט. די וואָס וועלן זיך אַרויסדרייען וועט מען אַרעסטירן און איבערגעבן זיי צוזאַמען מיט זייערע משפּחות צום רעזשים. מען האָט די נאַכט זיך געריכט אויף אַרעסטן. ווער עס האָט געהאַט עפּעס אַ שטיקל צד, האָט זיך געוואָרפֿן אויף די אָנפֿי־רערס אַז מען זאָל אים אויסמעקן פֿון דער רשימה פֿון די וואָס דאַרפֿן אַרבעטן אין שטאָט. אין אָוונט האָט גערעדט דער קאָמענדאַנט: גלייבט ניט די פֿאַר־שפּרייטע קלאַנגען. לפֿי שעה איז קיין שום סכּנה פֿאַרן געטאָ ניטאָ. די וואָס זײַנען באַשטימט אויף אַרבעט — זאָלן גיין. די וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן וועלן באַשטראָפֿט ווערן כּנ״ל. — דער עולם איז זיך צעגאַנגען. און די פּאָליציי און דער אַרבעט־אָפּטייל זײַנען געבליבן צונויפֿצושטעלן די רשימות. אין דער רעדע זײַנען ניט אָפּגעלייקנט געוואָרן די קלאַנגען וועגן טויזנטער מענטשן. אין דער אמתן קען מען ניט זאָגן אַז עס איז אַ סכּנה פֿאַרן [גאַנצן] געטאָ. אפֿשר וועט ניט געשען קיין אומגליק מיט די אַרבעטערס; און אַפֿילו [אויב] עס וועט יאָ געשען אַן אומגליק, וועט אין געטאָ זײַן גרויס צער און טרויער און עס וועט שטײַגן די בהלה און די אימה, אָבער דאָס געטאָ וועט דערווײַל בלײַבן.

בײַ נאַכט זײַנען געווען אַרעסטן. אויך אין אונדזער הויף האָט מען גע־נומען מענטשן, וואָרעם מיר האָבן געהערט אַ טומל וואָס האָט אונדז אויפֿ־

געוועקט פֿון שלאָף. קוים אַ שעה שפּעטער האָבן מיר געהערט: מען האָט זיי אַלעמען באַפֿרײַט. אין דער פֿרי האָט מען דערציילט: עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין הויף פֿון קאָמענדאַנט אַן עולם מענער און פֿרויען און זיי האָבן געוויינט און געסטראַשעט, ביז ער האָט געגעבן אַ באַפֿעל מען זאָל באַפֿרײַען די אַרעסטירטע. ער האָט אָבער געוואָרנט אַז מען זאָל קומען צו דער אַרבעט, טאָמער ניט — וועט מען אַרעסטירן אויך די פֿאַמיליעס.

זעקס אַ זייגער בין איך געווען אויפֿן הויף און איך האָב געזען דעם קאָמענדאַנט מיט זײַנע מקורבֿים. זיי האָבן געשמועסט און אויסגעזען שטאַרק פֿאַרזאָרגט. ווײַזט אויס זיי האָבן ניט געשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. אין טעאַטער־זאַל האָבן זיך צונויפֿגעקליבן פּאָליציאַנטן. איך בין אַרויס אין גאַס. גרופּעס אַרבעטערס זײַנען געגאַנגען צו דער אַרבעט ווי געוויינטלעך, נערוועז, פֿון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַן אימה.

אַכט אַ זייגער. פּלוצעם געשרייען און געוויינען אין הויף. לויט די ידיעות איז אַזוי אין אַלע הײַזער. האָט פּאַסירט אַן אומגליק? די קלאַנגען: אַ ל ע גרופּעס זײַנען אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון סאָלדאַטן. דערנאָך האָבן זיך געהערט באַרויִקנדיקע אויסרופֿן: עס האָט גאָרניט פּאַסירט. די ידיעה וואָס איז די נאָענטסטע צום אמת: איין גרופּע פֿון צוויי טויזנט, וואָס איז געקומען צו דער אַרבעט אויף דעם וואָקזאַל, האָבן די סאָלדאַטן גענומען זיי ציילן און זיי אײַנטיילן אין [אונטער]גרופּעס, וואָס דאָס איז ניט געווען לויט דעם אײַנגעשטעלטן מינהג. עס האָט אויסגעבראָכן אַ בהלה און מען האָט גענומען לויפֿן. די זעלנערס האָבן אויסגעשאָסן אין דער לופֿט. עמעצער איז פֿון דאָרטן אַנטלאָפֿן און געקומען אָנזאָגן, און פֿון דעם האָט זיך אָנגעהויבן די בהלה. מען איז משער — פֿון ניט קיין פֿאַרלאָזלעכן קוואַל — אַז איצטער דאַרף מען באמת אַרבעטערס, ווײַל עס איז שניטצײַט. אויך קיין גראָדנע האָט מען געבראַכט 4,000 פֿון ביאַליסטאָק; פֿון קאָוונע האָט מען געפֿירט קיין לעטלאַנד. אָבער דאָ געדענקט מען נאָך די באַוווּסטע נסיעה קיין קאָוונע[194] און מען האָט מורא. בפֿרט וואָס לויט איין קלאַנג האָבן די אַרבעטערס געזען ליידיקע וואַגאָנען אָנקומען.

אַזוי איז דאָס לעבן בײַ אונדז אײַנגעהילט אין בהלה און אימה. און די טעג זײַנען טעג פֿון האָפֿענונג. אָט דערנענטערט זיך דער סוף. די דרומדיקע מלוכה איז אין גאַנצן כּמעט ווי געפֿאַלן. דער גאַנצער אינדזל איז אײַנגענומען געוואָרן. אויך אין מיזרח האָט מען אײַנגענומען די שטאָט אָדלער. נאָך אין אַ קורצער צײַט אַרום, אפֿשר אין געציילטע טעג, וועט פֿאַלן דער הויפּטצורר. און די אימה שטיקט די נשמה. אימים יהלכו.

איך האָב פֿאַרגעסן: די משרתים פֿון דער פּאָליציי פֿון די רשעים,[196] אַן ערך 30 מענטשן, זײַנען אַרײַס וווינען אויסערן געטאָ. דאָרטן איז פֿאַראַן אַ הויז מיט אַ גערטל אַזוי ווי אַ תּפֿיסה. דאָרטן וווינען די אינטערנירטע פֿרויען פֿון די גדולים. זיי אַרבעטן. די דאָזיקע אַרבעטערס וועט זײַן פֿאַרבאָטן יעטווידער

194 די אַקציע פּאָנאַר־קאָוונע. זען דאָס פֿאַרשריבענע דעם 25סטן אַפּריל.

195 ד״ה די גרופּע וואָס האָט געאַרבעט אין געסטאַפּאָ.

קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער וועלט, אַפילו מיטן געטאָ. עס זײַנען פֿאַראַן קלאַנגען אַז אויך אַנדערע גרופּעס וועט מען אײַנאָרדענען אויף דעם אופֿן. די קלאַנגען הערן ניט אויף. מענער און פֿרויען גלייבן אַז מען האָט טויזנטער נפֿשות געפֿירט צו דער שחיטה, אַז דער רוצח האָט אויסגעפֿירט זײַן בייזן פּלאַן. אויב אַזוי, איז דאָס די התחלה? איך וויל ניט גלייבן! ה׳ ישחק לו כי ראה כי יבא יומו.[196]

עלף אַ זייגער. ווײַזט אויס אַז די זאַך איז קלאָר געוואָרן. קלאָר געוואָרן? אַ מודעה אַז טויזנטער וועלן געשיקט ווערן אויף אַרבעט קיין ריגע אין דער באַקאַנטער גרופּע. עס גייען מיט אָנפֿירערס וואָס זײַנען דערויף באַשטימט. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן זיי צוריקקומען און איבערגעבן גרוסן און בריוו. די זאַכן פֿון די אָפּגעשיקטע וועט מען נאָכשיקן נאָך זיי. דאָס איז די אָפֿיציעלע ווערסיע: אַן ערך 350 מענטשן האָט מען אַרויפֿגעזעצט אויף וואַגאָנען אין דער פֿרי. עס ווײַזט אויס אַז דער צוזאָג וועגן טויזנטער וועט מקוים ווערן. מען פֿאַרלאַנגט תּיכּף נאָך 50. עס ווײַזט אויס אַז קיינער גלייבט ניט אין דער אָפֿיציעלער ווערסיע. געווייינען אָן אויפֿהער פֿון די וואָס זײַנען אַליין אָנגערירט געוואָרן. אויף אַ דירעקטן אופֿן האָבן די 2,000 אַ באַרירונג מיטן [גאַנצן] געטאָ און דאָס געטאָ איז פֿול געוואָרן מיט תּאניה ואניה.[197] און איך אין מײַן נאַיִווקייט גלייב נאָך אַלץ אַז די זאַכן זײַנען כּהוויתם. זיי וועלן פֿאָרן אויף אַרבעט אין די באַלטישע מדינות. וואָס וועט זײַן מיט זיי, ווען די אַרבעט וועט זיך ענדיקן? אָדער אפֿשר וועלן די אַרבעטס־באַדינגונגען זײַן אַזעלכע שווערע? ווער ווייס? און מײַן האַרץ איז זיכער אַז די ישועה וועט קומען איידער דעם רוצח וועט זיך אײַנגעבן אויסצופֿירן זײַן בייזן פּלאַן. ווער עס האָט זיך אַרויסגעדרייט איז אַנטלאָפֿן, און וועמען מען האָט געכאַפּט — זאָל אים דער אייבערשטער העלפֿן מיר זאָלן אים נאָך זען, ווען מיר וועלן באַפֿרײַט ווערן. באלהים חסיתי — לא אפחד.[198]

מאָנטיק דעם 9טן [אויגוסט]. עס איז קלאָר געוואָרן אַז עס זײַנען געווען געהרגעטע און פֿאַרווונדעטע. אַ פּאָר צענדליקער. מען האָט געשאָסן אין די אַנטלויפֿנדיקע. די וואָס דאָרשטן נאָך בלוט האָבן באַקומען זייער שׂכר. זייער בלוטיק אומרעכט זאָל פֿאַלן אויף זייער קאָפּ. פֿאַרשיידענע מעשׂיות וועגן דער באַציִונג פֿון די פֿרעמדע. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאָלפֿן אַנטלויפֿן און אַזעלכע וואָס האָבן זיי איבערגעגעבן דער מאַכט. לויט דער השערה זײַנען זיי געפֿאָרן אויף אַרבעט. מען האָט ניט קאָמפּלעטירט די צאָל. דער מצבֿ להבא איז ניט קלאָר מחמת כּמה טעמים. פֿאַרשיידענע מעשׂיות און אויסטראַכטע־נישן, ווי געווייינטלעך. וואָס איז מײַן סבֿרא? די אַדונים ווילן האָבן די אַרבעט פֿון די קנעכט. זיי פֿאַרלאַנגען אַז דאָס וואָס פֿעלט אויף די אַרבעטפּלעצער אין

[196] „גאָט לאַכט פֿון אים, ווײַל ער זעט — זײַן טאָג וועט קומען״, תהלים, לז, 13.

[197] איכה, ב, 5, לויט תּרגום יהואש: „קלאָגעניש און קלאָג״.

[198] „אין גאָט שיץ איך זיך, איך האָב ניט קיין מורא״, צונויפֿגענומען פֿון תהלים, יא, 1, און ישעיה, יב, 2; נאָענט צום נוסח פֿון דער הבֿדלה.

שטאָט זאָל אויסגעפּילט ווערן. אויב דער נוסח אַז מען דאַרף ניט מער אונדזער אַרבעט איז אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה, און אויב מען דאַרף אונדזער אַרבעט — איז דאָך אַ הכרח אַרויסצוגיין אין שטאָט אַרײַן. נעכטן האָבן זיך אַרויס־געלאָזן יחידים און אַרײַנגעבראַכט שפּײַז. פֿאַר ברויט האָט מען געדאַרפֿט האָבן ווײַזט אויס עפּעס אַ צד, אָבער מען האָט גאָרניט געהערט וועגן אַ דוחק אין ברויט. מען הערט אויך גאָרניט וועגן שטײַגן פֿון פּרײַזן. די פּרײַזן אין די קראָמען זײַנען געבליבן די זעלביקע וואָס פֿריִער. „מיר האָבן מורא פֿאַר גאָט", — זאָגן די פֿרויען.

אין דער פֿרי האָט געהערשט דערשלאָגנקייט. פּחדים זײַנען אַרומגעגאַנגען. עס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט דערציילונגען וועגן די וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן און וואָס עס איז מיט זיי געשען, וועגן דער קבֿורה פֿון די הרוגים, וועגן די פֿאַרוווּנדטע אין שפּיטאָל. נאָך מיטאָג האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן אַ בײַט אין דעם רעזשים פֿון די רשעים.[199] מען האָט מורא צו גלייבן. די קלאַנגען זײַנען דאָך מסתּמא אויסגעטראַכטע, ווי געווינטלעך. נאָר איצטער האָבן זיך די דאָזיקע קלאַנגען איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און באַקומען אַ מער קאָנקרעטע פֿאָרעם. דאָס פּנים האָט אַ ביסל אויפֿגעלײַכט. די האָפֿענונג האָט זיך דערוועקט. די שׂימחה איז אָבער פֿאַרשטערט איבער דער ציטערניש. מען וויל גלייבן און מען קען ניט גלייבן אַז די ישועה איז אַזוי נאָענט. און הגם זי איז נאָענט, זײַנען מיר פֿאָרט אין די הענט פֿון די מערדערס. און ווער ווייס וואָס זיי וועלן נאָך מיט אונדז אָפּטאָן אין דער קנאַפּער שעה פֿאַרן סוף. מיר קענען זיך ניט גלייבן וואָס אונדזערע אויערן הערן. למעשׂה: אויף מאָרגן פֿאַרלאַנגט מען די פּולע צאָל אַרבעטערס און אויב ניט וועט דאָס באַטראַכט ווערן ווי אַ מרידה. דער קאָמענדאַנט האָט געענטפֿערט: די אַרבעטערס גלייבן ניט. נאָר איך גיב איבער די וואָס שטייען אין מײַן רשות, פֿון די פּאָליציסטן און באַאַמטע, אַז זיי זאָלן אויספּילן די ערטער פֿון די וואָס פֿעלן. זײַן פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. מען האָט באַלד געמאַכט אַ פֿאַרטיילונג צווישן די פֿאַר־שיידענע ביוראָען און 250 מענער און פֿרויען פֿון די באַאַמטע זײַנען אַרויס צו דער אַרבעט. — דער קלאַנג וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט וועגן דעם בײַט אין לאַנד פּונעם שונא איז אַזוי אָנגענעם, אַזוי דערהייבנדיק. עס ווילט זיך זען ווי דאָס ווערט מקוים און בענטשן גומל. ווײַזט אויס אַז גאָט האָט דער־הערט דאָס קול פֿון אונדזערע תּחנונים. זאָלן גיכער קומען, זאָלן זיך אײַלן אָהער די טעג וואָס דאַרפֿן קומען, די טעג פֿון אויפֿטו, די טעג פֿון הצלה און אויפֿבוי. הײַנט רעגנט עס.

דינסטיק דעם 10טן [אויגוסט]. נעכטן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן ייִדן צו הערן די ווערטער פֿון דעם קאָמענדאַנט פֿון דער פּאָליציי פֿון די אָדונים.[200] ער האָט צוגעזאָגט אַז אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג. אַלע די וואָס זײַנען אָוועק־געפֿאָרן אויף אַרבעט זײַנען אָנגעקומען צום אָרט פֿון דער אַרבעט. אין אַ

[199] אין די אָנגעשטרענגטסטע מאָמענטן קומען קלאַנגען וועגן ישועה.

[200] נייגעבאַוער. זען: ח. לזר, דצ״ו, ז׳ 153.

פּאָר טעג אַרום וועלן די אַנפּירערס צוריקקומען, זיי וועלן ברענגען בריוו און נעמען די זאַכן פון די אַרבעטערס. די וואָס האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן און זײַנען אַנטלאָפן זײַנען באַשטראָפט געוואָרן. מער ווי 130 זײַנען דערהרגעט געוואָרן. זאָלן די אַרבעטערס גיין צו דער אַרבעט אין שטאָט אַרײַן. מער וועט מען שוין פון זיי ניט נעמען. (פון דעם איז צו דרינגען אַז פונעם געטאָ גופא וועט מען ווײַטער נעמען אַרבעטערס.) די באַדערפענישן פון דער מלחמה פאַרלאַנגען אַרבעטערס, און אויב ייִדן וועלן אַרבעטן, וועט מען זיי ניט אָנרירן. עס ווײַזט אויס, אַז די דאָזיקע ווערטער האָבן אַ ביסל באַרויִקט די געמיטער. אַ סך מענטשן זײַנען אַרויס צו דער אַרבעט. עס גייען אויך ווײַטער אַרויס די באַאַמטע פון געטאָ. די נעכטיקע קלאַנגען האָבן אָפּגעלייקנט די אייערנעכטיקע קלאַנגען. אָבער עפּעס איז פאָרט געשען אויף יענער זײַט מויער. די גאולה דערנענטערט זיך מיט גיכע טריט. עס זײַנען פאַרשפּרייט מודעות אַז די אַרבעטסלאָזע דאַרפן זיך פאַרשרײַבן. מען וועט זיי פונאַנדערטיילן אויף פאַרשיידענע אַרבעטפּלעצער. די מאַכט האָט צוגעזאָגט אַז עס וועט קיין שלעכטס ניט געשען. די קלאַנגען וועגן בײַט פון דעם רעזשים האָבן זיך איבערגעחזרט. דאָס מאָל רעדט מען וועגן אַ דיקטאַטור פון דרײַ. דער צורר אַליין[201] איז נעלם געוואָרן. הײַנט האָט מען געכאַפּט פון די שכנים. די כאַפּערס זײַנען אַרײַנגעקומען באַרויִקן די אַרבעטערס.

דאָנערשטיק דעם 12טן [אויגוסט]. קלאַנגען האָבן זיך פאַרשפּרייט אַז אין שטאָט נעמט מען אַרונטער די פענער און די האָקנקרייצן. פאַרשטייט זיך אַז דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס שׂימחה, אָבער ווײַזט אויס אַז זי איז פריצײַטיק. אַ מער באַגרינדעטער קלאַנג: מען פאַרלאַנגט נאָך פינף טויזנט אַרבעטערס פאַר די גראַפּיטגרובן. דאָס דורכפירן איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף דער קומענדיקער וואָך. הלוואַי זאָל קיין אומגליק ניט געשען. ווײַזט אויס אַז מען גייט טאַקע צו דער אַרבעט, וואָרעם עס האָבן זיך באַוויזן כלערליי מינים שפּײַזן. צי איז קאָמפּלעטירט געוואָרן די צאָל[?] צי זײַנען פאַרצייכנט געוואָרן די פאַרלאַנגטע אַרבעטערס? מודעות אַז ניט אַלע וואָס זײַנען מחויבֿ האָבן זיך טאַקע פאַרשריבן, און פון די פאַרשריבענע האָבן זיך אַ טייל אויך אַרויסגעדרייט. סטראַשונקעס פון שטראָף. נעכטן זײַנען צוריקגעקומען די אַנפּירערס פון די גרופּעס פון זייערע פּלעצער בײַם ים. דער לאַגער באַשטייט פון פינף און צוואַנציק טויזנט פון פאַרשיידענע פעלקער. עס זײַנען געקומען נײַן הונדערט. די באַראַקן זײַנען ריין. ברויט און זופּ.[202]

זונטיק דעם 15טן [אויגוסט]. אייערנעכטן איז אויפן פּלאַץ געווען אַ פאַרזאַמלונג פון דער פּאָליציי. עס ווײַזט אויס אַז דער מצבֿ איז קלאָר געוואָרן. אין אָוונט אין הויף פון ראַט האָט דער קאָמענדאַנט געהאַלטן אַ רעדע. דער מצבֿ האָט זיך אײַנגעפעסטיקט, נאָר מען דאַרף אַרבעטן. אַלע אַרבעטסלאָזע

---

[201] היטלער.

[202] פאַרגלײַכן די פאַרצייכענונגען זינט דעם 6טן אויגוסט מיט דוואָרזשעצקי, דצ״וו, זז׳ 449—458.

זײַנען מחויבֿ זיך צו פֿאַרשרײַבן און גיין אין שטאָט אַרײַן. עס איז פֿאַראַן אַ פֿאַרלאַנג אויף פֿינף טויזנט אַרבעטערס אין דרויסן. מען האָט זיך משתּדל געווען אַראָפּצונעמען אויף ווי ווײַט מיגלעך. אויב עס וועט ניט זײַן קיין נס, וועלן מיר מוזן שיקן פֿון אונדזערע מענטשן. זאָלן זיי פֿאָרן אָן בהלה. מען וועט אויסקלײַבן די וואָס דאַרפֿן פֿאָרן. ווער עס וועט באַקומען אַ באַפֿעל וועט דאַרפֿן אַרויספֿאָרן. מען וועט אויסקלײַבן אײנצלנע יחידים. די וואָס אַרבעטן אין געטאָ וועלן באַקומען שײַנען. מען וועט אויפֿהערן כאַפּן.

עס זײַנען פֿאַראַן נאָך סימנים אַז דער באַפֿעל אויסצוראָטן איז שוין מער ניט אין קראַפֿט. נאָר יחידים וואָס וועלן ניט זײַן פֿאָרזיכטיק וועלן לײַדן. — טייל מאָל קומען אַפֿילו אונדזערע אַדונים אין געטאָ צו זען וואָס עס טוען זייערע אַרבעטערס. זיי האָפֿן אַז די אײנהייט וועט ווײַטער עקסיסטירן... בין כּך ובֿין כּך דאַרף מען — גאולה. כּשל כּח הסבל. חושה לעזרתי אלהי ישועתי.[203]

דאָנערשטיק דעם 19טן [אויגוסט]. קיין ישועות זײַנען נאָך ניט געקומען אין אונדזער לאַגער... שווערע טעג. קיין מהומה איז ניט קענטיק. דאָס לעבן פֿליסט זײַן געוויינטלעכן שטראָם. אָבער אין האַרץ נאָגט דער וואָרעם פֿון אומקום. מען פֿירט אויס די גזירה אויף אַרבעטערס. מען פֿירט פֿאַמיליע־מיטגלידער און נײַע אַרבעטערס צום מערבֿ־ברעג. מען פֿירט זיי צו דער אַרבעט. אָבער אַלע — אַרײַנגענומען די אָנפֿירערשאַפֿט און פֿאַרשטייט זיך די אַרבעטערס גופֿא — גלייבן אַז דאָס וועט זיך ענדיקן מיט אויסראָטונג. מען זאָגט אַפֿילו צו אַז דאָס געטאָ וועט בלײַבן, אָבער מען האָט מורא, אַז טאָמער וועט פֿאַרקלענערט ווערן זײַן אַרבעטסקראַפֿט און עס וועלן בלײַבן בלויז די שוואַכינקע, וועט עס ניט קענען עקסיסטירן, וואָרעם דעמאָלט וועט עס דאָך ניט קענען אויספֿילן זײַן אויפֿגאַבע וואָס איז אויף אים אַרויפֿגעלייגט געוואָרן מצד דער מאַכט. און נאָך אײנס: אַזוי ווי מען שאַפֿט אַן אינדוסטריע אין געטאָ גופֿא, וועט מען דאָך שוין מער ניט אַרויסגיין אין שטאָט אַרײַן און מען וועט ניט אַרײַנברענגען קיין שפּײַז, וועט דער הונגער אָנמאַכן אַ חורבן, — און דאָס איז ערגער ווי דערשלאָגענע פֿון שווערד... מען פּרוּווט זיך קליגן, אויפֿצוהאַלטן גלײַכגעוויכט בנוגע עלטער פֿון דעם ציבור דורך דעם וואָס מען שיקט פֿון דאַנען אויך אַלטע און קינדער, וואָס טויגן ניט פֿאַר אַרבעט. אויב אַלע שוואַכע וועלן דאָ בלײַבן, ווער וועט זיי מפֿרנס זײַן? בראָש פֿון קאָמיטעט פֿאַר אַרויסשיקן איז אָנגעשטעלט געוואָרן דער פֿריִערדיקער ראָש פֿון ראָט,[204] אַ מענטש האַרט ווי אַ קיזלשטיין, אין וועמען עס איז מגולגל געוואָרן די נשמה פֿון אַ ראָש־הקהל אין די צײַטן פֿון די כאַפּערס. נהרא נהרא ופשטיה.[205] סײַ ווי מוזן מיר נאָר האָפֿן אויף אַ ישועה פֿון הימל. נאָר דער וואָס האָט אויס־

---

[203] זען הערה 134. „אײַל צו מײַן הילף, גאָט פֿון מײַן ישועה" — תהילים, לח, 23. אָבער דאָרטן: חושה לעזרתי אדני תשועתי.

[204] אַנאַטאָל פֿריד.

[205] חולין, יח, ע"ב — „יעדער טײַך און זײַן שטראָם", ד"ה אין יעטווידן אָרט זײַנען פֿאַראַן באַזונדערע פֿירונגען.

דערוויילט ישׂראל זײַן קנעכט וועט אונדז שטאַרקן און אַרויסברענגען אויף דער פֿרײַ און ברענגען אונדז צו אונדזער ציל בשלום.

שלומס געבוירן־טאָג. ער איז שוין 23 יאָר אַלט. די יאָרן פֿון גליק זײַנען אַריבער אין איין רגע. באמת האָב איך זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן אויף מײַן גורל. אַלץ וואָס אַ מענטש ווי איך האָב געקאָנט געפֿינען אין לעבן — האָב איך געפֿונען. איך האָב כּמעט ווי ניט געהאַט קיין צער גידול בנים. ער איז אַליין אויפֿגעוואַקסן און געוואָרן אַ מענטש. איך קען זען אין אים אַ המשך פֿון מײַן גײַסטיק לעבן, מײַן יוגנט חזרט זיך איבער. — איך דערמאָן זיך אַז פֿאַר דעם אויסברעכן פֿון דער ערשטער מלחמה בין איך צוריקגעקומען פֿון אַ נסיעה פֿון אויסלאַנד, און אויך בײַם אויסברעכן פֿון דער איצטיקער מלחמה בין איך געקומען פֿון ארץ־ישׂראל.[206] און אַזוי ווי די ערשטע מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט אַ שלום, אַזוי וועלן מיר אויך האָבן שלום ווען די איצטיקע מלחמה וועט זיך ענדיקן. זאָל זי זיך ענדיקן מיט אַלע אירע קללות. ופדויי ה׳ ישובו ברינה.[207] — הײַנט ווידער אין יזוּא. די אַדונים זײַנען שטאַרק אַנטוישט. זייער וועלט האַלט בײַם אונטערגיין. זיי קריגן זיך איינער מיט דעם אַנדערן. על דאטפת אטפוך.[208] די אַרבעטשטעטל וועט מסתּמא אויפֿגעלייזט ווערן. מיר אַרבעטן נאָך איין וואָך ביז דעם 25סטן. דער מצבֿ איז — דער חורבן פֿונעם חורבן. די נעגאַציע פֿון דער נעגאַציע מוז פֿירן צו פּאָזיטיווס. אל יכלמו בי קויך, אלהי ישראל.[209]

מאָנטיק דעם 23סטן [אויגוסט]. הײַנט האָט מען ווידער געכאַפּט. אין דער פֿרי האָט מען פֿאַרשלאָסן די טויערן און דערלויבט אַרויסצוגיין און אַרײַנצוגיין נאָר די וואָס זײַנען געגאַנגען אין שטאָט אַרײַן און די וואָס האָבן געהאַט בלויע שײַנען, וואָס באַווײַזן אויף אַרבעט אין די ביוראָען פֿון געטאָ אָדער אין די וואַרשטאַטן. די אַרבעטסלאָזע אָדער די וואָס האָבן זיך דאָ „אײַנגעבירגערט" שפּעטער, ווי דאָס איז צו זען פֿון דעם נומער פֿון זייערע אידענטיפֿי־קאַציע־קאַרטלעך, האָט מען גענומען אויף אַרויסצופֿירן. מאָרגן גייט אַרויס די ערשטע גרופּע פֿון 2,000(?).[210] מען גרייט צו נאָך טויזנטער. טייל זײַנען מגזם די צאָל. מען ציטערט זייער פֿאַר דעם גורל פֿון די אַוועקגעשיקטע. מען ציטערט אויך פֿאַר דעם גורל פֿון די איבערגעבליבענע. אויב אַלע אַרבעטערס וועלן אַרויס אויף מערבֿ, וועט דאָך ממילא דאָס געטאָ אויפֿגעלייזט ווערן. הלוואַי זאָל דער גאַנצער ענין זיך ענדיקן בקרובֿ און בכי טובֿ — בײַ אונדז

---

[206] ז. ק. איז אין זומער 1939 געווען אין ארץ־ישׂראל. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן זיך דאָרטן צו באַזעצן. דאָרטן האָט שוין געלעבט זײַן איינציקער זון שלום.

[207] „און די אויסגעלייזטע דורך גאָט וועלן זיך צוריקקערן מיט געזאַנג", ישעיה, נא, 11 — ופדויי ה׳ ישובון ובאו ציון ברינה.

[208] „ווײַל דו האָסט דערטרונקען — וועסטו דערטרונקען ווערן", אבות, ב, ו.

[209] „זאָלן ניט פֿאַרשעמט ווערן די וואָס האָפֿן אויף דיר, גאָט פֿון ישׂראל", תהלים, סט, 7 — אל יבושו בי קויך אדני ה׳ צבאות, אל יכלמו בי מבקשיך, אלהי ישראל.

[210] דער פֿרעגצייכן איז אין אָריגינאַל. עס איז ניט קלאָר צי ז. ק. האָט געהאַט אין זינען צוויי טויזנט אָדער טויזנטער.

ענדיקט זיך שוין די אַרבעט. דאָס הייסט, טויזנטער ביכער ווערן אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן מיסט. דער העברעיִשער אָפּטייל וועט אויפֿגעלייזט ווערן. וואָס מען וועט קענען ראַטעווען וועט געראַטעוועט ווערן מיט גאָטס הילף. מיר וועלן דאָס אויס־געפֿינען ווען מיר וועלן צוריקקומען פֿרײַע מענטשן.

דאָנערשטיק דעם 26סטן [אויגוסט]. נעכטן איז אָוועקגעפֿאָרן אַ גרופּע צום אַרבעטסאָרט. מען האָט זיך געריכט אַז אונדזערע פּאָליציאַנטן וועלן זיי באַגלייטן. ווען די דאָזיקע באַגלייטונג איז אָפּגעשטויסן געוואָרן, האָט מען גענומען זיך שרעקן פֿאַרן גורל פֿון די וואָס פֿאָרן. אָבער פֿאַר נאַכט האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז זיי פֿאָרן בשלום, אַז די פּאָליציי האָט זיי איבערגע־געבן צו די באַאַמטע פֿון דעם אַרבעטסאָרט, און זיי וועלן קומען גאַנצערהייט. מיר דאַכט זיך אַז די זאַך איז געווענדט פֿון געמיט־צושטאַנד."[211] קומענדיקן חודש דאַרף מען אָנהייבן צו קלײַבן מענטשן פֿאַר דער צווייטער גרופּע. הלוואַי זאָלן זיי שוין מער קיין צײַט דערויף ניט האָבן, רבונו־של־עולם! עס ווערן פֿאַרשריבן פּרויען צו אַרבעטן אין די ניִוואַרשטאַטן און שטריקערײַ־וואַרשטאַטן. פֿון אונדזער גרופּע האָט מען צוגענומען אַלע אַרבעטסלאָזע. עס ווײַזט אויס אַז אונדזער גרופּע וועט אין גאַנצן אויפֿגעלייזט ווערן. אַ גאַנצע וואָך האָב איך אויסגעקליבן ביכער, און היפּשע טויזנטער האָב איך מיט מײַנע אייגענע הענט אַרײַנגעוואָרפֿן אין מיסט אַרײַן. אַ קופּע ביכער ליגט אויפֿן דיל פֿון לייענזאַל פֿון יִזוואָ — אַ בית־עולם פֿון ביכער, אַ ברידער־קבֿר, ספֿרים וואָס זײַנען גע־טראָפֿן געוואָרן פֿון מלחמת גוג ומגוג פּונקט ווי זייערע אייגנטימער. עס איז ניט נייטיק צו זאָגן אַז דאָס רובֿ ביכער איז אין גאַנצן אָפּגעניצט געוואָרן און האָט שוין גאָרניט געטויגט. אָבער אויך די נײַע, וואָס ווערן גענומען פֿון די בוכהאַנד־לונגען — זײַנען אפֿשר אין גאַנצן איבעריק, ווײַל קיין בעלן אויף זיי איז ניטאָ. נאָך בײַם פֿריִערדיקן רעזשים האָבן זיי שוין ניט געהאַט קיין אָרט אין לעבן. דאָס ביסל וואָס איך האָב אָפּגעקליבן — אפֿשר וועלן מיר זוכה זײַן און זיי אָפּראַטעווען. און אויב די ישועה וועט זיך אײַלן צו קומען, אפֿשר וועט מיגלעך זײַן אויך אויסצוקלײַבן פֿון דער קופּע אַ שארית הפּליטה. הלוואַי זאָל עס אַזוי זײַן!

מאָנטיק דעם 30סטן [אויגוסט]. נעכטן — אַ רעדע פֿון קאָמענדאַנט. די מאַמע [212] האָט געזאָגט: איך האָב געהערט אַז דו און אַלע אַרום דיר, אַן ערך 2,000 מענטשן, וועלן אַריבערפֿאָרן אין דער הויפּטשטאָט און איבערלאָזן אונדז אויף קלאָג און אונטערגאַנג. ווען דאָס וואָלט געווען אַן אַנדער פֿרוי, וואָלט זי געמעגט באַקומען 40 שמיץ און אַראָפּ אין גרוב אַרײַן. אָבער צוליב כּיבוד אם האָב איך געמוזט איר דערקלערן: שקר גמור, לא היה ולא נבֿרא. מיר אַלע בלײַבן דאָ. מען טאָר ניט אָנוואַרפֿן אַן אימה, עס איז געפֿערלעך. די וואָס גייען

[211] דער אָריגינאַל איז דאָ אומקלאָר.

[212] די מוטער פֿון דעם קאָמענדאַנט גופֿא, וואָס האָט געלעבט אין געטאָ און איבערגעלעבט איר זון. דאָ איז עס משמעות אַן אָראַטאָרישער אופֿן פֿון קאָמענדאַנט צו זאָגן: עס טראָגן זיך אַרום קלאַנגען.

אַרויס, גייען אַרויס צוליב פּחדנות — זיי פֿאַלן אַרײַן אין דער פּאַסטקע. דאָס איז געשען מיט די 20 גיבורים וואָס זײַנען געכאַפּט געוואָרן דורך צוויי גוים.[213] וואָס האָט זיי געהאָלפֿן דער וואָפֿן אין זייערע הענט? מען דאַרף וואַרטן גע־דולדיק. מען זעט שוין דעם סוף. דאָס שיקן מענטשן אויף אַרבעט אין צפֿון איז דערווײַל אָפּגעשטעלט געוואָרן. אויב עס וועט ווײַטער דורכגעפֿירט ווערן, וועט עס זײַן אויפֿן פֿרײַערדיקן אופֿן — מען וועט שיקן מענטשן וואָס זייער זײַן דאָ איז ניט אַבסאָלוט נייטיק. מיר מוזן זײַן אַ ייִשובֿ פֿון אַרבעטערס און אַזוי אַרום וועלן מיר געהאָלפֿן ווערן. עס ווײַזט אויס אַז די געמיטער האָבן זיך אַ ביסל באַרויִקט, אַזוי דערציילט מען. אָבער די אימהדיקע קלאַנגען הערן אַלץ ניט אויף. די נערוון זײַנען אָנגעשטרענגט ביז צום העכסטן גראַד, שוין מער ניט איבערצוטראָגן. אונדזער טרייסט זײַנען די קינדער. זיי קלײַבן זיך צונויף אויפֿן פּלאַץ, מאַכן גימנאַסטיק, שפּילן זיך, קוקן אויס אויף דער גאולה. — הײַנט איז אַ תּענית ציבור. יום־כּיפּור קטן. סליחות, תּהילים, שטראָפּרייד ווי געוויינטלעך. די פֿרומע האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, עס איז אַ גוטער סימן פֿאַר זיי און פֿאַר אונדז.[214]

*

חוץ דעם טאָגבוך, געשריבן אויף דער צווייטער זײַט פֿון אַ קבלה־ביכל פֿון ייִווא, זײַנען פֿאַרבליבן אַ צאָל בלעטלעך. די דאָזיקע בלעטלעך זײַנען צו אונדז נישט דערגאַנגען. מיר האָבן בלויז די איבערזעצונג, וואָס מען האָט געמאַכט אין ווילנע און וואָס ש. קאַטשערגינסקי האָט זיי אונדז איבערגעשיקט. מיר דרוקן די דאָזיקע איבערזעצונג בלויז מיט עטלעכע ממילאדיקע אויסבעסערונגען. מיר האָבן נישט די מיגלעכקייט צו פֿאַרגלײַכן די איבערזעצונג מיט דעם אָריגינאַל און מיר ווייסן נישט אויף וויפֿל זי גיט באמת געטרײַ איבער ז. קלמנאָוויטשעס טעקסט.

עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן דער מישמאַש אין דאַטעס. דער 15טער מײַ 1943, איז טאַקע געווען שבת, אָבער די ווײַטערדיקע דאַטעס רופֿן אַרויס ספֿקות. נאָך דער פֿאַרשרײַבונג פֿון 15טן מײַ קומען די דאַטעס: דער 17טער יוני, דער 19טער יוני, און שפּעטער פּלוצעם דער 20סטער מײַ, דערנאָך ווידער דער 26סטער יוני. נאָך ערגער איז וואָס עס שטימט ניט די דאַטע מיט דעם טאָג. דער 17טער יוני 1943 איז געווען אַ דאָנערשטיק און ניט קיין זונטיק. דער 19טער יוני איז געווען אַ שבת און ניט קיין דינסטיק. אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז דאָס איז געווען מײַ און מיר האָבן אַ טעות אין דער פֿאַרצייכענונג פֿון דעם חודש, איז אָבער דער 17טער מײַ געווען מאָנטיק און ניט זונטיק און דער 19טער מײַ איז געווען מיטוואָך און ניט דינסטיק. ווײַטער קומט די פֿאַרצייכענונג: מיטוואָך דער 20סטער מײַ. אין 1943 איז דער 20סטער מײַ געווען דאָנערשטיק. די לעצטע דאַטע איז דינסטיק דער 26סטער יוני; ווידער אַ מאָל איז עס אַן אוממיגלעכע דאַטע, ווײַל דער 26סטער יוני איז געפֿאַלן אין אַ שבת. וואָלטן די אַלע פֿאַרשרײַבונגען געשטאַמט פֿון 1942, וואָלטן

---

[213] גענס גיט דאָ זײַן נוסח פֿון דעם ווי יוסף גלאַזמאַן מיט זײַן פּאַרטיזאַנען־גרופּע האָט געפּרוּווט זיך אַרויסרײַסן אין וואַלד. זען: דוואָרזשעצקי, דצ״ו, זז׳ 446—448, ח. לזר, דצ״ו, זז׳ 128—137.

[214] ז. ק. איז געשיקט געוואָרן קיין עסטלאַנד די ערשטע וואָך פֿון חודש סעפּטעמבער, משמעות שוין דעם 1טן סעפּטעמבער. וועגן ז. קלמנאָוויטשן אין עסטלאַנד זען: ש. קאַטשער־גינסקי, דצ״ו, זז׳ 109—110.

איך יעמאָלט די טעג פֿון דער וואָך ניט צונויפֿגעפֿאַלן מיט די דאַטעס. אָבער לויט דעם אינהאַלט פֿון די פֿאַרשרײַבונגען קענען זיי ניט געמאָלט זײַן אין 1942.

הגם אין די דאָזיקע צוגאָבבלעטלעך איז בולטער דער פּערזענלעכער עלעמענט וואָס טרעט אָפּ שטענדיק אין הינטערגרונט בײַ קלמנאָוויטשן, קען ניט זײַן קיין ספֿק, אַז אויך די צוגאָבבלעטלעך שטאַמען פֿון אים, מחמת מיר האָבן דאָרטן די זעלביקע שטימונגען, מיינונגען און אָפּשאַצונגען. עס זײַנען אויך פֿאַראַן צום טייל די זעלביקע אויסדרוקן, אָבער מחמת דעם וואָס מיר האָבן דאָ נישט פֿאַר זיך דעם אָריגינאַל, לאָזט זיך נישט אַלץ אויסשטימען.

איבער די אַלע סיבות דרוקן מיר די דאָזיקע בלעטלעך באַזונדער און האָבן זיי נישט אַרײַנגענומען אויף די געהעריקע שטעלן פֿון דעם טאָגבוך.

מען אינפֿאָרמירט אונדז אַז אין ווילנער מוזיי זאָל האָבן געווען אַ טאָגבוך וואָס ז. ק. האָט געפֿירט אין עסטלאַנד. דאָס טאָגבוך האָט געהאַט אַן ערך 30 שמאָלע זײַטלעך. עס קען אויך זײַן אַז חוצן טאָגבוך איז געווען נאָך אַ קלענער נאָטיצביכל פֿון ווילנער געטאָ, וואָס פֿון דעם האָבן מיר דאָס ווײַטערדיקע.

שבת דעם 15טן מײַ [1943]. מיר זײַנען אַרויס אין דער באַשטימטער צײַט. די אַרבעט איז ווי געוויינטלעך. איך האָב אַרויסגענומען פֿון די שאַפֿעס אַ רוסישע ביבליאָטעק. כ׳האָב זיך צוריקגעקערט איינס אַ זייגער. די וואָס איז געווען די דירעקטאָרין פֿון טעאַטער־מוזיי[215] האָט מיר געבראַכט אַ האַלבן קעז. ניטאָ קיין געלט. נאָכן מאָגערן מיטאָג — שלאָף. אַ הייסער טאָג און ס׳איז שווער אַרויפֿצוואַרפֿן אויף זיך דעם ווינטער־מאַנטל. אין די הייסע טעג וועט באַזונדער שווער זײַן צו זיצן אַ גאַנצן טאָג אין אונדזער שטײַג. צוריקקערנדיק זיך האָב איך געטראָפֿן ה. ק. נעכטיקע קלאַנגען וועגן די שוידערלעכע געשעענישן אין די שטעטלעך זײַנען איבערגעטריבן. דאָס שטאַמט פֿון איינער אַ היסטערישער פֿרוי. אין עטלעכע טעג אַרום וועט דער ענין זיך אויפֿקלערן. ווען איך בין אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף, בין איך אַוועק אין ביבליאָטעק. איך האָב אַרײַנגעקוקט אין ביכער, און ס׳האָט מיך ווידער גע־כאַפּט אַ שלאָף. כ׳האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים. כ׳האָב געטראָפֿן דעם פֿאַר־כמורעטן, דערשראָקענעם און פֿאַרדאגהטן פּנים פֿון מישקען.[216] געהערט די מעל־דונג וועגן אײַננעמען קערטש.

דער „שטראָם" פֿון לעבן אָבער האָט זיך ניט געביטן. הײַנט אָוונט קומט פֿאָר אין ליטעראַטן־פֿאַראיין אַ לעקציע וועגן שלמה מולכו. מאָרגן בײַ טאָג — צום אָנדענק פֿון שלום־עליכם. אַלץ איז אין אָרדענונג. נעכטן, בעתן אויפֿנעם אין פּאָליציי, האָט דער קאָמענדאַנט צוגעזאָגט, אַז די לאַגע פֿון ווילנער געטאָ איז אַ זיכערע. ניט גערדאגהט. אין די „הויכע פֿענצטער" האָט מען נושׂא חן געווען. נעכטן האָט מען געזוכט אין די וואַסער־כּלים פֿון עטלעכע פּאָליציאַנטן וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט און מען האָט קיין פֿאַרבאָטנס ניט געפֿונען. — די היצן, די ענגשאַפֿט און דוחק זײַנען ניט אָפּצושאַצן. עס פֿעלט

---

[215] אומע אָלקעניצקי, זען: ייִוואָ־בלעטער, באַנד XXVI, נומ׳ 1, ז׳ 5.

[216] ש. קאַטשערגינסקי ווײַזט אָן אין די הערות צו די צוגעשיקטע צוגאָבבלעטער, אַז דאָס איז מישקע פּרענער, אַ שוואַרצאַרבעטער אין ראָזענבערגס שטאַב (אין בנין פֿון ייִוואָ).

אויס לופֿט צום אָטעמען. און דאָך אַ דאַנק גאָט, וואָס ער האָט אונדז געלאָזט לעבן און דערציִען ביז איצט.

זונטיק דעם [16טן מײַ].[217] די פֿײַערלעכע פֿאַרזאַמלונג צום אָנדענק פֿון ש"ע איז ניט געראָטן. דער עולם האָט זיך ניט געשטופּט צו קומען. עס זײַנען געווען תּלמידים. די פֿאָרלעזונג, וואָס האָט געדויערט אַ שעה צײַט, איז געווען לאַנגווײַליק. די מוזיק איז געווען ניט געלונגען. אַ דאַנק צו גאָט וואָס דער טאָג איז אַריבער בשלום. אין ביבליאָטעק זײַנען די ענינים אין אָרדענונג; כ'האָב אָנגעהויבן צוזאַמענצושטעלן אַ רשימה פֿון די העברעיִשע ביכער. די יוגנטלעכע באַקלאָגן זיך אויף דעם נײַעם דירעקטאָר. מאָרגן וועלן מיר זען. אַ גרוס פֿון קאָוונע — דאָרט לעבט מען פֿרײַער, הגם דער רעזשים איז אַ שטרענגער. דער פֿאָרטראָג אין ליטעראַטן־פֿאַראיין וועגן שלמה מולכו האָט אויך באַשווערט דעם צוזאַמענגעקליבענעם עולם, איבער דער היץ און דער ענגשאַפֿט. מען האָט געטיילט פֿלייש. ברויט איז אָבער ניטאָ, און די שפּײַז זעטיקט ניט. ריוועלע[218] שפּירט זיך ניט גוט איבער איר לעבער־ אָדער גאַל־־קראַנקייט. פֿון די שמועסן: וועגן גזירות זײַנען ניטאָ קיין קלאַנגען. אויפֿן ראַדיאָ לאָזט מען וויסן, אַז די רוסן האָבן גענומען כאַרקאָוו, אין קרים האָט מען אָנגעווענדט גאַז. די וואָס באַקלאָגן זיך זײַנען ניט גערעכט.

דינסטיק דעם [18טן מײַ].[219] נעכטן האָב איך ניט געהאַט קיין פֿרײַע צײַט צו פֿאַרצייכענען. איך בין שפּעט געקומען אַהיים, מחמת עס איז געקומען דער נײַער האַר[220] און איין אָוונט אַ זיצונג. דער האַר איז געקומען צוויי אַ זייגער, אין דער באַגלייטונג פֿון דרײַ פֿון זײַנע חבֿרים. ער האָט פֿאַרזאַמלט אַלע אַרבעטנדיקע און האָט געמאָלדן, אַז אויב מען וועט אַרבעטן ווי געהעריק, וועט דערווײַל גאָרניט געביטן ווערן — ער איז אַ יונגער און רעדט אַ סך. ער האָט געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט, אַז די צײַטונגען וועט מען שיקן קיין פֿראַנק־פֿורט־מײַן, אין אינסטיטוט פֿאַר ייִדן־פֿאָרשונג. לאָמיר האָפֿן, אַז עס וועט ניט דורכגעפֿירט ווערן. איך האָב אַראָפּגעטראָגן און געבראַכט אין אָרדענונג די צוויי רוסישע ביבליאָטעקן פֿון פּ. ע. און פֿון אידעלסאָנען. די גרופּע האָט ווײַטער געאַרבעט ווי געוויינטלעך. הײַנט איז אַ וואַרעמער טאָג. דער וועטער איז לויטער און ייִדן לויפֿן אַרײַננעמען לופֿט און אָפּרוען זיך. ווער ווייסט זיי שטערן? כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים מיט דער גרופּע. נאָך מיטאָג האָב איך געבראַכט אין אָרדענונג די רשימה ביכער אין ביבליאָטעק. קינדער האָבן זיך געמיט אַרויסצושלעפּן ביכער פֿונעם לאַגער, וואָס אויפֿן בוידעם. אונדזערע

---

[217] די דאַטע „זונטיק דעם 17טן יוני" בײַטן מיר אויף זונטיק דעם 16טן מײַ. יוני איז דאָ אַוודאי אַ טעות און מיר נעמען אָן, אַז עס איז גיכער פֿאַראַן אַ טעות אין דער דאַטע ווי אין דעם טאָג פֿון דער וואָך.

[218] ז. ק.'ס פֿרוי.

[219] די דאַטע „דינסטיק דעם 19טן יוני", בײַטן מיר אויף דינסטיק דעם 18טן מײַ.

[220] ש. קאַטשערגינסקי ווײַזט אָן, אַז ז. ק. מיינט דאָ געוויס דעם דײַטש שפּאָרקעט. לויט אַנדערע עדות קומט אויס אַז שפּאָרקעט איז פֿריִער אָנגעקומען אין ראָזענבערגס שטאַב.

פּאָליציאַנטן האָבן געלויערט, האָבן געכאַפּט אַ ייִנגל און אים אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה. צוויי קינדערלעך, איינער אַן ערך 5 יאָר אַלט, דער צווייטער — אַן ערך 4 יאָר, זײַנען געכאַפּט געוואָרן בײַ דער האַנט. שרעק, געוויין און תּחנונים. כ׳האָב זיי געטרייסט, געגלעט זיי איבער די קעפּלעך, נאָר זיי האָבן זיך ניט באַרויִקט. אַנטלויפֿן איז אוממיגלעך געווען, מחמת דער אַרויסגאַנג צום לייטער איז געווען פֿאַרשפּאַרט. זיי זײַנען תּיכּף ניט געוואָרן, ווי נאָר כ׳האָב זיי דערלויבט צו לויפֿן אַהיים. ווען מיר זײַנען נאָך דעם אַרײַנגעגאַנגען רעווידירן דעם לאָגער, האָבן אונדז אַרומגערינגלט ייִנגלעך און מיידלעך: „גיט אונדז אַ בוך פֿאַר מײַן מוטי... אַ דײַטש בוך, זי קען נאָר דײַטש!” ביז עס איז געקומען דער פּאָליציאַנט און האָט זיי צעטריבן.

די זיצונג האָט באַהאַנדלט די אוונטן. שבת צו נאַכט — אַ שבֿועות־אוונט,[221] אאַז״וו. אַ פֿאָרשלאָג צו זאָרגן וועגן דער פּרנסה פֿון די חבֿרים. די הילף דאַרף קומען דירעקט דורך שפּײַז, געלט וועט ניט העלפֿן מחמת עס איז אוממיגלעך צו קויפֿן. מען האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע וואָס זאָל פּרוּוון אײַנאָרדענען דעם דאָזיקן ענין.

הײַנט צוריקקערנדיק זיך האָב איך בײַם טויער געטראָפֿן ה. ק., אים און הויכגעשטעלטע הערן וואָס ווילן באַזוכן דאָס געטאָ. ער איז געווען בײַם דירעקטאָר. מען האָט גערעדט וועגן דער נעכטיקער באַגעגעניש. ער וויל אײַנלאָדן אַן איבערזעצער וואָס קען איבערזעצן פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן אויף דײַטש. ער האָט געבראַכט דאָס בוך פֿון לייב פֿעלדמאַן, די ייִדן אין דרום־אַפֿריקע, און פֿאַרגעלייגט איבערצוזעצן עס. מיר וועלן זוכן שפּראַכקענערס. די הערן האָבן פֿאַרשפּעטיקט און זײַנען געקומען 4 אַ זייגער. זיי האָבן באַזוכט דעם שפּיטאָל, אינטערנאַט און עטלעכע וווינונגען, ווי אויך די ביבליאָטעק און די באָד. ער האָט מיטגעטיילט, אַז אונדזער געטאָ האָט נושׂא חן געווען בײַ זיי.

זיבן אַ זייגער. אין באָד צום ערשטן מאָל. ריינקייט און מוסטערהאַפֿטע אָרדענונג. אויב עס וועלן ניט צושטיין צו מיר אומפּלייט פֿון מײַנע שכנים, וועט זײַן ווויל צו מיר. דווקא אין באָד האָט ב.,[222] וועלכן איך האָב געטראָפֿן דאָרטן, מיר פֿאָרגעלייגט אין נאָמען פֿון קאָמענדאַנט איך זאָל פֿעסטשטעלן די צײַט פֿון מײַן לעקציע. כ׳האָב אים געענטפֿערט, אַז איך בין גרייט אין יעדער צײַט, ווען ער וועט נאָר וועלן. איך דאַרף אים צושטעלן טעזיסן.

קלאַנגען אויף קלאַנגען אויף אַלע זײַטן: אַ שלום־פֿאָרשלאָג, אַ מפּלה פֿון שׂונא, אַ פֿאַרלאָרנקייט, שלאַקן. סימנים פֿון אויפֿשטאַנד? צי דען דערנענטערן מיר זיך טאַקע צום סוף? גאָט ווייס. זאָל ער שטאַרקן די הערצער פֿון אַלע די וואָס האָפֿן צו אים.

---

[221] אין דעם יאָר 1943 איז שבֿועות געפֿאַלן דעם 9טן און 10טן יוני.

[222] ש. קאַטשערגינסקי ווײַזט אָן אַז דאָס איז שבתי בליאַכער, אַן אַרטיסט, סעקרעטאַר פֿון שרײַבער־ און אַרטיסטן־פֿאַראיין אין געטאָ.

מיטוואָך דעם [19טן מײַ].[223] מיר האָבן ממשיך געווען אונדזער אַרבעט ווי תּמיד. מען האָט געשיקט אין דער דײַטשישער פּאָליציי סאָוועטישע ביכער און בראָשורן אין דער דײַטשער שפּראַך. פּרײַטיק וועט מען ברענגען קעסטלעך אַוועקצופֿירן די דרוקפּלאַטן. עס איז אײַנגעלאַדן געוואָרן אַן איבערזעצער פֿאַרן ביוראָ און עס איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן לעאָ בערגשטיינען דאָס איבערזעצן דאָס בוך די ייִדן אין דרום־אַפֿריקע. מען מיט זיך צו לייזן די פּראַגע פֿון אַ קיך פֿאַר די הונגעריקע ליטעראַטן און קינסטלערס. כ׳האָב איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנט אַ קאָנספּעקט פֿון אַ פֿאָרשלאָג. אַ קריגערײַ צווישן אונדזערע אַרבעטנדיקע וועגן גערעכטיקייט בײַם צעטיילן די פּראָדוקטן וואָס ווערן געקויפֿט. אַ פֿאָטער און זײַנע צוויי זין — וויפֿל חלקים קומט זיי? דער יחיד געפֿינט זיך געקריוודעט, אויב אַ משפּחה באַקומט דרײַ חלקים. און דער פֿאָטער טענהט: דרײַ אַרבעטנדיקע זײַנען דרײַ מײַלער. עס האָבן זיך געהערט זידלערײַען און זילזולים און סטראַשונקעס — ווי עס איז דער שטייגער אין געטאָ. און זייער באַגרינדונג איז: דאָ לעבט איטלעכער פֿאַר זיך אַליין. ווער ס׳איז שטאַרקער, יענער איז גובֿר און איז אַן אוחז ביד. און אַ צווייטער — היט זיך, וועסט אַרײַנפֿאַלן, ניטאָ קיין יחסנים! און אַ דריטער (פֿון די קינסטלערס): עס פֿעלן אײַך מענטשלעכע געפֿילן. מיט חדשים צוריק, ווען איר האָט געהאַט ברויט איבער גענוג און איך בין געווען הונגעריק, און ווען מײַנע אַ באַקאַנטע קריסטין האָט מיר איין מאָל געגעבן שפּײַז אין איר שטוב, זײַט איר אָנגעפֿאַלן אויף מיר און האָט אַוועקגעגזלט מײַן שפּײַז... און דער יוגנטלעכער משה גייט אַרום צווישן די אָנגעוואָרפֿענע ביכער און פּאַפּירן און האַלט אין איין כאַפּן, ווי עס שײַנט, אַן יעדן איבערקלײַב, נאָר צוליב דעם וואָס ער קען ניט קוקן בעת עס ליגט אַ זאַך. ניטאָ קיין בעל־הבית. הפֿקר. מען צעשטערט און מען צעברעכט אָן שום דערבאַרעמונג. אַלע זוכן צו צעברעכן. ווי עס שײַנט זײַנען זיי הונגעריק, אָבער עס דאַכט זיך זיי, אַז זיי זײַנען הונגעריק?

דינסטיק דעם [16טן יוני].[224] עס איז שוין אַן ערך אַ וואָך צײַט ווי איך האָב ניט געהאַט קיין צײַט צו פֿאַרשרײַבן מײַנע פֿאַרצייכענונגען, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די דאָזיקע טעג זײַנען דווקא געווען טעג פֿון קלאַנגען וועגן גרוילן, וואָס קומען פֿאָר ערגעץ אין דער ווײַטנס, ענלעך צו די טעג פֿון נאָוועמבער און דעצעמבער, און געשעענישן אין דער שטאָט גופֿא מיט די פּוילישע אײַנוווינערס. עס זײַנען געווען פֿאַרשיידענע שטערונגען — יום־טובֿ און שבת, און אַ סך אַרבעט ביז שפּעט, און זיצונגען. די קלאַנגען זײַנען געווען וועגן דעם, וואָס עס איז געשען דעם 8טן דעם חודש אין די שטעטלעך, אין ל. און וו.[225] עס זײַנען געפֿאַלן אַרום אַן אַכט טויזנט אומשולדיקע קרבנות. אַנדערע

[223] דאָ האָבן מיר די דאַטע געביטן פֿון דעם 20סטן מײַ אויפֿן 19טן מײַ.

[224] מיר האָבן די דאַטע געביטן פֿון „דינסטיק דעם 26סטן יוני" אויף דינסטיק דעם 16טן יוני.

[225] אַ פּנים לידע און ווילייקע.

מענטשן האָבן אויפֿגעציטערט דערהערנדיק וועגן דעם. דער ערשטער אויפֿ־טריט פֿון אָרקעסטער, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען מוצאי שבֿועות איז אין ציכן פֿון טרויער אָפּגעלייגט געוואָרן. מוצאי שבֿועות איז פֿאָרגעקומען אַ צוזאַמענקום לכּבֿוד יום־טובֿ, און זונטיק אַ העברעיִשער צוזאַמענקום. דער נײַער האַר פֿאָדערט אינטענסיווע אַרבעט. ער האָט געדאַרפֿט קומען דעם פֿאַר־גאַנגענעם פֿרײַטיק, נאָר ער האָט אָפּגעלייגט. מען האָט געוואַרט ער זאָל קומען מאָרגן, נאָר דערווײַל איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין מינסק. ער האָט זיך אַרויסגערעדט, אַז ער האָט באַשטעלט 400 קעסטלעך אַריבערצופֿירן די משׂא. מיר וועלן זען וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן. ביני לביני ווערן אַרעסטירט אײַנ־ווױנערס פֿון שטאָט. מען דערציילט אַז מען פֿירט זיי משפּחותווײַז לויטן נוסח פֿון די גדולים, אָדער מען פֿירט זיי טייטן ווי אונדז. אַן אָפּיציעלע מעלדונג...

ספרדים אין זאַמאָשטש

פון ד״ר יעקבֿ שאַצקי

1. דער אויפֿקום פֿון זאַמאָשטש

די שטאָט זאַמאָשטש איז אויפֿגעקומען אין יאָר 1580. אין באַזיץ פֿון דער רײַכער און אַלטער פּוילישער פֿעאָדאַלער מאַגנאַטן־משפּחה זאַמאָיסקי איז געווען אַ שטעטל וואָס מען האָט שפּעטער גערופֿן אַלט־זאַמאָשטש. מחמת אָפּטע אָנפֿאַלן פֿון די טאָטערן איז דאָס דאָזיקע שטעטל חרובֿ געוואָרן; אויף דעם אָרט איז געוואָרן אַ דאָרף וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען Skakówka. אין דעם דאָזיקן דאָרף איז געבוירן געוואָרן דער באַרימטסטער מיטגליד פֿון דער משפּחה זאַמאָיסקי, דער שפּעטערדיקער קאַנצלער פֿון פּוילן, גרינדער פֿון דער שטאָט זאַמאָשטש, דער גרעסטער קולטור־ און קונסט־מעצענאַט וואָס אַלט־פּוילן האָט בכלל געהאַט — יאַן זאַמאָיסקי (1542—1605).

אין 1571 נעמט יאַן זאַמאָיסקי איבער דעם גרעסטן טייל פֿון די ריזיקע פֿאַרמעגנס וואָס זײַן פֿאָטער האָט אים איבערגעלאָזט. זײַנע שטודיריאָרן האָט זאַמאָיסקי פֿאַרבראַכט אין אויסלאַנד. ער האָט זיך געלערנט אין שטראַסבורג (אַ קורצע צײַט) און פֿינף יאָר (1561—1565) אין איטאַליע. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט די פּראָמינענטסטע הומאַניסטן און געלערנטע וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם אַלטן אוניווערסיטעט אין פּאַדוע. זאַמאָיסקי האָט זיך צוגעקוקט צו דעם גײַסטיקן לעבן פֿון דער דאָזיקער שטאָט, צו דעם הומאַניסטישן גײַסט וואָס האָט געהערשט אין דעם אוניווערסיטעט, וואָס האָט אויפֿגענומען אַפֿילו ייִדן ווי סטודענטן — אַ זעלטענע דערשײַנונג אין 16טן יאָרהונדערט. ווען ער האָט פֿאַרגליכן דעם גײַסט אין פּאַדוע מיטן אַנטיהומאַניסטישן גײַסט פֿון דעם אַלטן יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט אין קראָקע, איז ער געפֿאַלן אויף אַ געדאַנק אויפֿצובויען אויף איינער פֿון זײַנע טעריטאָריעס אַ מין פּוילישע פּאַדוע, אַ שטאָט וואָס זאָל זײַן אין „איטאַליענישן נוסח״, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, ניט נאָר וואָס שייך אַרכיטעקטור, נאָר אויך וואָס שייך קולטור און בילדונג. אין אָנהייב האָט ער אַפֿילו געבראַכט איטאַליענישע געלערנטע, וואָס זאָלן אין פּוילן פֿאַרשפּרייטן דעם גײַסט וואָס האָט באַהערשט אַ טייל אייראָפּע. זאַמאָיסקיס אידעאַל איז געווען אַן אוניווערסיטעט וואָס זאָל געבן דער יוגנט פֿון דער שליאַכטע אַ הומאַניסטישע דערציִונג און אַ גרינטלעכע צוגרייטונג צום פּאָליטישן לעבן פֿון לאַנד און ניט סתּם טעאָלאָגיש־

סכאָלאַסטיש וויסן וואָס קראָקע האָט געגעבן און וואָס דער נײַער דור שליאַכטע האָט יעמאָלט שטאַרק קריטיקירט.[1]

אין 1578 האָט יאַן זאַמאָיסקי געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט אַן איטאַליע־נישן אַרכיטעקט Bernardo Morandi. לכתּחילה איז דאָס געווען אַ פּראָיעקט אויפֿצובויען אַ שלאָס טאָקע אין דעם דאָרף Skakówka. אַ יאָר שפּעטער האָט אַרום דעם דאָזיקן שלאָס אָנגעהויבן אויסוואַקסן אַ שטאָט. דעם 3טן אַפּריל 1580 איז זאַמאָשטש אָפֿיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ נײַע שטאָט אין די טערי־טאָריעס פֿון דער זאַמאָיסקי־משפּחה. די נײַע שטאָט האָט תּיכּף באַקומען די ברכות פֿון פּויפּס און פֿון דעם קיניג. לויט די פּלענער פֿון דעם בעל־הבית האָט זאַמאָשטש באַדאַרפֿט ווערן אַ נײַער ווירטשאַפֿטלעכער און קולטורעלער צענ־טער, קודם־כּל פֿאַר די ריזיקע שטחים וואָס ער גופֿא האָט פֿאַרמאָגט. די פֿעס־טונג וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרן אַרום דער דאָזיקער שטאָט האָט געזאָלט דינען ווי אַ צוציִונג פֿאַר די וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו פֿאַרבעטן זיך דאָרט צו באַזעצן: קודם־כּל מענטשן מיט קאַפּיטאַל, ווי סוחרים און בעלי־מלאָכות. זאַמאָיסקי האָט באַפֿרײַט די נײַע אײַנוווינערס פֿון צאָלן שטײַערן די ערשטע 25 יאָר. די קאָלאָניסטן, וואָס זײַנען געווען גרייט זיך צו באַזעצן און באַאַרבעטן שטיקער לאַנד, האָט ער באַפֿרײַט פֿון פּערזענלעכן באַדינען און אויך פֿון אָפּ־געבן אַ טייל אַרבעט לטובֿת דעם בעל־הבית.[2]

דעם 12טן יוני 1580 האָט דער מלך סטעפֿאַן באַטאָרי באַשאָנקען די שטאָט מיט אַ פּריווילעגיע, לויט וועלכער זאַמאָשטש האָט געהאַט דאָס רעכט צו האָבן דרײַ ירידים אַ יאָר, דאָס רעכט צו האָבן שפּײַכלערס פֿאַר די סחורות וואָס ווערן אַהין געבראַכט פֿון אַנדערע טיילן פֿון לאַנד (prawo składu). אויף דער צײַט פֿון ירידים איז אַפֿילו באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלער יריד־געריכט, וואָס זאָל פֿאַרענטפֿערן אַלע יורידישע קאָנפֿליקטן און טענות, וואָס געוויינטלעך וואַקסן זיי אַרויס פֿון מיסחר־טראַנזאַקציעס. די סוחרים וואָס האָבן געוואָלט נאָר דורכפֿאָרן זאַמאָשטש און ניט צאָלן קיין טראַנזיטצאָל האָבן זיך געמוזט מתחייבֿ זײַן אויסצושטעלן זייערע סחורות אויף דרײַ טעג אין זאַמאָשטש גופֿא, כּדי די דאָרטיקע תּושבֿים זאָלן קענען אײַנקויפֿן דאָס וואָס זיי ווילן. צווישן די דאָזיקע סוחרים זײַנען אָבער געווען אויך אַזעלכע וואָס זאַמאָשטש האָט בײַ זיי אַזוי נושׂא חן געווען, אַז זיי האָבן באַשלאָסן זיך דאָ צו באַזעצן. אין דער ערשטער תּקופֿה פֿון זאַמאָשטש ווי אַ שטאָט איז אַזאַ באַשלוס צו בלײַבן גע־ווען גאָר לײַכט דורכצופֿירן. אַזוי אַרום האָבן זיך אין זאַמאָשטש אָנגעהויבן אויסשיילן פֿאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס, לויט געוויסע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע סימנים. זיי זײַנען באַשיצט געוואָרן דורך ברייטע פּריווילעגיעס מצד יאַן זאַ־מאָיסקי. דאָס איז געווען נייטיק, כּדי מע זאָל קענען באַשליסן בײַ זיך צו

[1] St. Kot, *Publikacja nowych uniwersytetów w XVI wieku*, Królewiec i Zamość, 1929, 17; H. Barycz, *Historja Uniwersytetu Jagiellońskiego w epoce humanizmu*, Kraków, 1935.

[2] *Archiwum Jana Zamojskiego*, 1909, II, 392-394.

מאַכן דעם ריזיקאַלישן שריט — שאַפן זיך אַ נײַע היים אין אַ נײַער שטאָט, וואָס דאָס האָט געפּאָדערט ליקווידירן די געשעפטן און היימען, וואָס אַ סך פון די נײַע תּושבֿים האָבן פריִער געהאַט אין די מרחקים, אַפילו מחוץ פּוילן.

די ערשטע תּושבֿים אין זאַמאָשטש זײַנען געווען אַרמענער. געקומען זײַנען זיי פון דער ווײַטער טערקײַ. אין זאַמאָשטש האָבן זיי זיך באַזעצט אויף איין גאַס, משמעות לכתחילה צוגעטיילט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג גופא. דעם 30סטן אַפּריל 1585 גיט זיי זאַמאָיסקי אַ פּריווילעגיע, לויט וועלכער זיי ווערן באַפרײַט אויף צוואַנציק יאָר פון צאָלן וועלכע עס איז שטײַערן. צוויי יאָר שפּעטער ווערט שוין דערציילט וועגן אַרמענער־בעלי־הבתּים אין זאַמאָשטש. 1589 האָבן זיי זיך קאָנסטיטויִרט אין אַן אייגענער רעליגיעזער געמיינדע, מיט אַ מאַגיסטראַט און אַן אייגענעם געריכט. די אַרמענער האָבן געבראַכט קיין פּוילן די קונסט פון אויסאַרבעטן סאַפּיאַן, אַ מין קאָלירט לעדער, וואָס איז תּמיד געוואָרן אימפּאָרטירט קיין פּוילן טאַקע פון טערקײַ. חוץ דעם האָבן זיי, אין הסכּם מיט דער מאַגנאַטישער פּריווילעגיע, באַקומען דאָס רעכט צו האַנדלען מיט ווײַן, מעד, שנאַפּס און ביר.

אין 1589 האָבן זיך גריכן באַזעצט אין זאַמאָשטש. זיי האָבן אויך באַקומען אַ כּתבֿ וואָס האָט זיי קודם־כּל גאַראַנטירט פרײַהייט פון אמונה. ווי גריכיש־קאַטוילישע האָבן זיי אַ דאַנק דער פינאַנציעלער הילף פון זאַמאָיסקין, תּיכּף אויפגעבויט אַן אייגענע קירך. אויך אין האַנדל האָבן זיי קיין שטערונגען ניט געהאַט. זייערע אינעווייניקסטע ענינים האָבן זיי געפירט אויף אַן אויטאָנאָמישן אופן און געהאַט אייגענע ריכטערס און אַפילו שומרים, וואָס האָבן געהיט די גאַס וואָס זיי האָבן באַוווינט.

אין 1594 באַזעצן זיך טשעכן אין זאַמאָשטש, אויך אויף אַ יסוד פון אַ גאַראַנטירטער פּריווילעגיע.[8]

אַזוי אַרום האָבן עטלעכע נאַציאָנאַלע גרופּעס ביסלעכווײַז זיך באַזעצט אין זאַמאָשטש און זיך געפירט לויט זייערע אייגענע מינהגים און געווען טעטיק אין פאַרשיידענע פעלדער פון עקאָנאָמישן לעבן, בהסכּם מיט די רעכט און גאַראַנטיעס וואָס יעדע גרופּע האָט אויסגעפועלט בײַם בעל־הבית פון שטאָט. יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע האָט געהיט איר פּריווילעגיע ווי אַן אויג אין קאָפּ און זיך תּמיד אויף איר פאַררופן, ווען עמעצער פון אַן אַנדער גרופּע האָט גע־וואָלט משׂיג גבֿול זײַן זייער יורידיש געזיכערטע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. צאָלרײַכע רײַזנדערס וואָס האָבן בשעתו באַזוכט זאַמאָשטש קאָרגן ניט קיין לויב־ווערטער פאַר דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער שטאָט, מיט אירע פאַרשיידענע נאַ־

[8] Al. Tarnawski, *Działalność gospodarcza Jana Zamojskiego (1542-1605)*, Lwów, 1935.

װעגן די פּריװילעגיעס פון די יאָרן 1580—1604 זען די רעגעסטן פון Sochaniewicz, געדרוקט אין דעם זאַמלבוך: *Szymon Szymonowicz i jego czasy*, Zamość, 275 sq.; יעקבֿ שאַצקי אין ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XXVIII, ז׳ 40.

ציעס, שפּראַכן, רעליגיעס, מיט די אויטאָנאָמע רעכט וואָס יעדע גרופּע האָט און מיט די גאַסן־טעריטאָריעס וואָס יעדערע באַוווינט. אַ זאַמאָשטשער יריד האָט אויסגעזען ווי אַ קאָלירפֿולער טעפּעך, מיט מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן און פֿעלקער. יעדע גרופּע האָט דורכגעפֿירט אירע מיסחרים און מלאָכות אומגעשטערט. אין גאָר אַ קורצער צײַט האָט זאַמאָשטש צוגעצויגן נײַע אימיגראַנטישע גרופּעס פֿון דײַטשלאַנד, ענגלאַנד, מאָסקאָוויע, טערקײַ, פּערסיע, גריכנלאַנד, איטאַליע און אונגערן.

להיפּוך צו אַנדערע שטעט אין פּוילן, ווו די בעלי־מלאָכות האָבן אָפּגעהיט דעם קריסטלעך־קאַטוילישן כאַראַקטער פֿון זייער צעך און ניט צוגעלאָזט קיין אַנדערש־גלייביקע — האָט אין זאַמאָשטש פֿון אָנהייב אָן געהערשט טאָלעראַנץ. אין 1590 האָבן די קירזשנערס באַקומען אַן אייגענע „אָרדענונג" (porządek cechowy), וואָס גאַראַנטירט זיי אַ מאָנאָפּאָל וואָס שייך פּראָדוקציע און פֿאַרקויף אין שטאָט, חוץ בעת די ירידים, ווען פֿרעמדע קירזשנערס האָבן אויך געמעגט ברענגען און פֿאַרקויפֿן זייערע אויסאַרבעטונגען. עס איז אָבער געווען שטרענג פֿאַרבאָטן צו טאָן פֿאַרטאַטשנע אַרבעט, ד"ה פֿון ניט קיין מיטגליד פֿון צעך. אין פּאַראַגראַף XXXV פֿון דער „אָרדענונג" ווערט געזאָגט, אַז „מענטשן פֿון אַנדערע נאַציעס מעגן זיך אויך פֿאַרנעמען מיט קירזשנערײַ".

גאָר גיך וואַקסט די שטאָט אין דער לענג און אין דער ברייט. 1591 ציילט זאַמאָשטש 301 מויערן, 1596 — גאַנצע 400, אַלע אַגבֿ געבויט אין איטאַליעניש סטיל.

די דאָזיקע פּוילישע מיניאַטור פֿון פּאַדוע, פֿאַרפֿלאַנצט אין אַ „סאַרמאַטיש" לאַנד, אין זכות פֿון אַ קאַפּריז פֿון אַ מאַגנאַט, האָט אַלע מיטצײַטלערישע רײַזנדערס שטאַרק באַגײַסטערט. די שטאָט ווערט באַשריבן און באַזונגען.

אַן איטאַליענער וואָס האָט באַזוכט זאַמאָשטש אין יאָר 1593 שרײַבט אַזוי:

> די דאָזיקע שטאָט איז זייער שיין און איז אויסגעפּוצט אין אַן אמתן איטאַליענישן גוסט. זי האָט גוטע הײַזער, על־פּי־רובֿ געמויערטע.[4]

דער זעלבער איטאַליענער איז אַגבֿ געווען שטאַרק אַנטציקט פֿון דער רײַכער ביבליאָטעק וואָס זאַמאָיסקי האָט געשאָנקען דער דאָרטיקער אַקאַדעמיע, וואָס ער האָט געגרינדעט אין דעם זעלבן יאָר (1593).[5]

די מיטצײַטלערס האָבן באַוווּנדערט דעם טעמפּאָ, מיט וועלכן זאַמאָשטש

---

[4] דער דאָזיקער איטאַליענער האָט געהייסן Venozzi.
Niemcewicz, *Zbiór pamiętników*, Lipsk, 1839, II, p. 262;
זאַמאָשטש ווערט באַשריבן אין: Braun, *Theatrium Urbius, 1593-1615,* Cologne.
אין 1670 באַשטעטיקט דאָס אַ צווייטער רײַזנדער, Ulrich Werdun: „די שטאָט איז זייער שיין, האָט אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ, עלף טורעמס און דרײַ קירכן" (*Przewodnik naukowy i literacki*, 1876, IV, 569).

[5] St. Łempicki, *Działalność Jana Zamojskiego na polu szkolnictwa*, Kraków, 1920.

איז געבויט געוואָרן. דער פּאָעט קלאָנאָוויטש האָט אַפילו באַזונגען אין אַ לאַ־טייניש ליד ווי זאַמאָשטש וואַקסט פאַר זײַנע אויגן.

די מעשטשאַנעס האָבן זיך געפילט אין זאַמאָשטש אַ סך פרײַער ווי אין אַנדערע שטעט אין פּוילן. זאַמאָיסקי האָט זיי געגעבן די זעלבע רעכט וואָס די שליאַכטע האָט געהאַט. זיי זײַנען קודם־כּל געווען פרײַ פון צאָלן צאָל בײַם אַרײַנפירן סחורות. ער האָט אַפילו דערמוטיקט, אַז זיי זאָלן זייערע קינדער שיקן אין דער אַקאַדעמיע פון זאַמאָשטש, וואָס איז געעפנט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד אין יאָר 1593. אויף דער דאָזיקער דערעפענונג האָט יאַן זאַ־מאָיסקי געהאַלטן אַ פּראָגראַם־רעדע און געזאָגט אַזוי:

איך האָב פײַנט יענע לערערס, וואָס פאַרשטאָפּן די מוחות פון דער יוגנט מיט אומנייטיקע ספּעקולאַטיווע לימודים, וואָס אַנשטאָט אמתער אויפקלערונג פאַריאָגן זיי אין אַ תּהום, פאַרברייטערן ניט, נאָר פאַרקערט — דערשטיקן בילדונג און אמת.[6]

זאַמאָיסקיס אידעאַל איז געווען דעמאָקראַטיזאַציע פון בילדונג אין דעם זינען, אַז אויך די שליאַכטע און ניט נאָר די מאַגנאַטן זאָלן געניסן פון בילדונג, וואָס דאַרף קודם־כּל האָבן אַ פּראַקטישן ווערט. צו דעם צוועק האָט זאַמאָיסקי צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון פּוילן אײַנגעפירט דעם לימוד אַנאַ־טאָמיע מיט ספּעציעלע לערערס, אַראָפּגעבראַכט פון איטאַליע.[7]

דער צוזאַמענשטעל פון דעם לערער־פּערסאָנאַל אין דער זאַמאָשטשער אַקאַ־דעמיע איז געווען זייער אַ קאָלירפולער. מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער און אַפילו אמונות (חוץ, פאַרשטייט זיך, ייִדן) האָבן דאָרטן געלערנט. הגם צו לאַנג האָבן זיי ניט געקענט אײַנזיצן אין זאַמאָשטש, ווײַל קיין קולטור־לעבן ווי אין די אוניווערסיטעט־שטעט, פון וועלכע די דאָזיקע לערערס זײַנען געקומען, איז דאָ ניט געווען. אַפילו די פּאַליאַקן, וואָס האָבן זיך געלערנט אין איטאַליע און שפּעטער געוואָרן פּראָפעסאָרן אין זאַמאָשטש, האָבן דאָרט בדרך־כּלל לאַנג ניט געקענט אײַנזיצן. עס זײַנען צווישן זיי געווען אַ סך שיכּורים און, ווי איין מיטצײַטלער דריקט זיך אויס, אַפילו אונטערוועלט־טיפּן.[8]

אַרום דער אַקאַדעמיע איז געווען טעטיק אַ דרוקערײַ, וואָס האָט אַגבֿ שפּעטער געשפּילט אַ ראָלע אין דרוקן אַנטיסעמיטישע ווערק. עס זײַנען גע־ווען סטודענטן־היימען, און אַ סך קריסטלעכע פרויען האָבן געלעבט פון האַלטן אויף פּאַנסיאָן פרעמדשטאָטישע סטודענטן.[9]

---

[6] Niemcewicz, *Zbiór pamiętników,* IV, 112-113.

[7] "Pierwsze ślady naukowego wykładu anatomji w Polsce było w Zamościu, w roku 1593," A. F. Adamowicz (אַ ווילנער משומד), *Krótki zarys początków anatomji w Polsce,* Wilno, 1855, 109; St. Łempicki, "Jan Zamojski, mecenas medycyny," *Przewodnik naukowy i literacki,* Lwów, 1921, 60.

[8] "męty społeczne." Bielowski, *Szymon Szymonowicz, Pamiętnik Ak. Um., wydział historyczno-filozoficzny,* II, 118; Jan Ptaśnik, *Minerwa polska,* II, 1929, 3; Jan Riabinin, *Profesorowie Akademji Zamojskiego,* 1929.

[9] Al. Birkenmajer, *Typograficzny zasób Akademji Zamojskiego w roku 1617,* Kraków, 1936, 57 pp.

אַזוי אַרום האָבן די וואָס האָבן ניט געהאַנדלט און זיך ניט פֿאַרנומען מיט מלאָכה זיך מפֿרנס געווען פֿון פֿאַרשיידענע פֿונקציעס, שליחותן, אַרבעטן אַרום דער אַקאַדעמיע. אָבער דאָס איז געווען אַ גאָר קליינער מיעוט.

זאַמאָשטש איז געוואָרן אַ האַנדלסשטאָט צוליב דעם מיסחר מיט אָקסן, וואָס מען האָט געבראַכט פֿון וואָלעכײַ און פּאָדאָליע און טראַנספּאָרטירט קיין שלעזיע און דײַטשלאַנד. ייִדן האָבן געשפּילט אין דעם דאָזיקן האַנדל אַ וויכטיקע ראָלע, הגם זיי האָבן נאָך יעמאָלט ניט געטאָרט וווינען אין זאַמאָשטש.

די לעצטע וואָס האָבן באַקומען אַ פּריווילעגיע צו וווינען אין זאַמאָשטש זײַנען געווען ייִדן. דאָס איז געשען אין 1588. דאָס רעכט האָבן באַקומען ניט פּוילישע ייִדן, נאָר ספֿרדישע. דאָס גופֿא מאַכט די געשיכטע פֿון ייִדן אין זאַמאָשטש אויסטערליש און אינטערעסאַנט. כּדי דאָס צו פֿאַרשטיין, איז כּדאַי אין קורצן צו דערציילן וועגן ספֿרדישע ייִדן אין פּוילן און וועגן יאַן זאַמאָיסקיס אינטערעס פֿאַר זיי.[10]

2. ספֿרדישע ייִדן אין פּוילן

די פֿאַרשפּרייטע מיינונג, אַז נאָך גירוש ספֿרד (1492) איז אויך פּוילן געוואָרן טיילווײַז אַ מקום־מיקלט פֿאַר די גולי ספֿרד, לאָזט זיך היסטאָריש ניט באַשטעטיקן.[11] פֿון צײַט צו צײַט האָבן זיך אין פּוילן באַוויזן שפּאַנישע ייִדן, על־פּי־רובֿ דיפּלאָמאַטישע שליחים אָדער גאָר באַרימטע רופֿאים. דאָס זײַנען געווען קורצע באַזוכן אויף ספּעציעלע פֿאַרבעטונגען. אמת, עס האָט געטראָפֿן, אַז אַזעלכע צופֿעליקע אורחים זײַנען געבליבן און טעלעכע האָבן אַפֿילו געפֿונען זייער מקום מנוחה אין פּוילן. דאָס ביסל מצבֿות וואָס האָבן זיך אָפּגעהיט איז אָבער אַזוי קליין, אַז עס קען ניט זײַן קיין רייד וועגן אַ גרעסערן צושטראָם פֿון ספֿרדישע ייִדן קיין פּוילן.[12]

די דאָזיקע יחידי סגולה פֿון ספֿרד זײַנען בדרך כּלל געווען פֿון אַ העכערן

---

[10] אַ קולטור־היסטאָרישן אינטערעס האָט אַגבֿ דער פּרט וואָס Andreas della Aqua, דער אַרכיטעקט פֿון דער זאַמאָשטשער פֿעסטונג, איז געווען באַפֿרײַנדט מיטן ספֿרדישן מחבר און דרוקער ר׳ אַבֿרהם הכּהן פּימענטעל (Pimentel), צו וועלכן ער האָט געשריבן אַ בריוו, אַז ער וויל בײַ אים אין אַמסטערדאַם דרוקן זײַן טראַקטאַט וועגן אַרטילעריע (אין 1620). זען: Rocznik przemyski, 1927, VII, 193.

[11] בעת באַלאַבאַן שרײַבט, אַז ער וויל סקיצירן אַ „קליין בילדל פֿון דער האַנדלס־טעטיקייט פֿון די ספֿרדים אין פּוילן" (Skizzen und Studien zur Geschichte der Juden in Polen, בערלין, 1911, 12), ווערט דער דאָזיקער זאַץ פֿאַרוואַנדלט בײַ אַן אַנדער שרײַבער אין אַזאַ גוזמא:

"The arrival of the Portuguese Jews, who were granted special privileges by the Kings to carry on trade in Poland, swelled the number of the Jewish population, and led to a rapid development of Jewish communal life" (Meyer S. Lew, *The Jews of Poland*, London, 1944, p .84).

[12] סוכיסטבֿ, מצבת קודש, לעמבערג, 1863, IV, פֿאַרצייכנט צוויי מצבֿות אין לעמבערג מיט אַן אויפֿשריפֿט: „אשר הגלה מגלות ספרד".

סאָציאַלן שיכט; עטלעכע זײַנען אַפּילו נתעלה געוואָרן, געוואָרן קרובֿים למלכות און האָבן זוכה געווען אַרײַנגעוועבט צו ווערן אין אַ ראָמאַנטישער לעגענדע, מיט וועלכער די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע האָט זיך געשפּײַזט. אָבער קיין היסטאָרישע דאָקומענטאַציעס, וואָס זאָלן באַשטעטיקן אַז פּוילן האָט געהאַט גרעסערע ספֿרדי־שע גרופּעס, זײַנען לעת עתּה ניט בנימצא.

די עלטסטע ידיעה איז וועגן אַ שפּאַנישן ייִדן, אַ רופֿא ר׳ יצחק, וואָס איז אין יאָר 1472, בכן 20 יאָר פֿאַרן גירוש, געווען אין אַ פּערסישער דיפּלאָמאַ־טישער מיסיע קיין ווענעציע. אין 1473 איז דער דאָזיקער רופֿא־דיפּלאָמאַט געווען אין קאַפֿאַ (אין קרים, הײַנט פֿעאָדאָסיע), וואָס איז געווען אַ קאָלאָניע פֿון די גענועזער. יצחק דער שפּאַניער איז אויך געפֿאָרן אין שליחות צום מאָל־דעווישן וואָיעוואָדע סטעפֿאַן און פֿון דאָרטן קיין פּוילן צום קיניג קאַזימיר דעם פֿערטן, וואָס האָט זיך גראָד געפֿונען אין ליטע. עס שרײַבט וועגן אים דער פּוילישער כראָניקער יאַן דלוגאָש, וואָס מאַכט אים גאָר פֿאַר אַ גריך, בעת אין דעם בריוו פֿון פּערסישן שאַך ווערט ער אָנגערופֿן „דער רופֿא יצחק, פֿון שפּאַ־נישער נאַציע, לויט אמונה אַ ייִד, און אַ גרויסער דיפּלאָמאַט״.[13]

אַ צווייטער ספֿרדי, ר׳ יעקבֿ אַנזעלמי, דאָס מאָל פֿון ווענעציע, האָט קורץ פֿאַרן אונטערגאַנג פֿון דער קאָלאָניע קאַפֿאַ זיך באַזעצט מיט זײַן משפּחה און קרובֿים אין פּוילן.

פּוילישע ייִדן האָבן אין זייערע ווײַטע און ריזיקאַלישע מיסחר־נסיעות זיך אָפֿט באַגעגנט מיט ספֿרדישע ייִדן. צי זיי האָבן אָנגעשפּאַרט אין שפּאַניע, איז ניט באַקאַנט. אין די עטלעכע רײַזע־באַשרײַבונגען פֿון פּאָליאַקן וואָס האָבן באַזוכט שפּאַניע ווערן ייִדן אויך דערמאָנט, אָבער ניט קיין פּוילישע.

אין 15טן י״ה זײַנען די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער ייִדן געווען די איינציקע סוחרים וואָס האָבן אימפּאָרטירט קיין פּוילן סחורות פֿון אָריענטאַלישע לענדער. לעמבערג איז געוואָרן דער צענטראַלער פּונקט פֿאַר דעם דאָזיקן מיסחר און איז געווען אַזוי באַרימט, אַז אויף שפּאַנישע מאַפּעס פֿון 14טן און 15טן יאָרהונ־דערט ווערט די דאָזיקע שטאָט באַצייכנט ווי אַ וויכטיקער האַנדלספּונקט.[14]

אין די יאָרן 1467—1481 אימפּאָרטירן ספֿרדישע ייִדן קאָלאָניאַלע סחו־

---

[13] "Medicus Isaak natione Hispanus fide autem Hebreus ambassador magnus" (Jorga, *Annalele Academici Romane,* 1914, II, 37); G. Benhet, *La republica di Venezia et la Persia,* Torino, 1865; M. Dubiecki, *Kaffa i jej stosunek do Polski,* 1886.

י. ברוצקוס פֿאַרבײַט אים מיט אַן אַנדער רופֿא ר׳ יצחק וואָס איז געווען אין פּוילן אַ סך שפּעטער. זען: סאָציאַלע מעדיצין, 1931, נומ׳ 1־2. נײַסטע פּרטים בײַ:

Marian Małowist, *Kaffa-kolonia genueńska na Krymie,* Warszawa, 1947, pp. 226, 229.

[14] ספֿרדישע ייִדן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן זיך באַקענט מיט ייִדן פֿון רײַסן און פּוילן, וואָס זײַנען זינט 1521 דאָרטן געווען אין גרעסערע צאָלן.

„יהודים רבים המכונים רוסו יושבים בתרכיה מימי קדם ועד היום הזה״ — שרײַבט ר׳ אַבֿרהם רוסו (אויך אַ ייִד פֿון פּוילן). זען: רוזנס, דברי ימי ישראל בתגרמא, I, 177.

רות קיין פּוילן, ווי געווירצן, מיזרח־וויַינען א״אַ. אין די יאָרן 1515—1600 זײַנען פֿאַרצייכנט די נעמען פֿון 12 טערקישע ייִדן וואָס האָבן געפֿירט גרויסע אימפּאָרט־געשעפֿטן צווישן טערקײַ און פּוילן און געהאַלטן אַפֿילו ספּעציעלע שפּײַכלערס, בײַ וועלכע עס זײַנען געווען באַשעפֿטיקט פּוילישע ייִדן.

הגם על־פּי רובֿ זײַנען דאָס ספֿרדים, זײַנען זיי אָבער ניט קיין שפּאַנישע ייִדן. דירעקט פֿון שפּאַניע גופֿא באַלד נאָכן גירוש זײַנען ייִדן קיין פּוילן ניט געפֿאָרן. די וואָס זײַנען שפּעטער געקומען און אַ טייל פֿון זיי זיך אַפֿילו באַזעצט זײַנען געווען ניט מער ווי קליינע גרופּעס, אַפֿילו ניט גענוג אויף צו האָבן אַן אייגענע קהילה. זיי זײַנען געווען גולי ספֿרד אויף אַן אומדירעקטן אופֿן. דאָס זײַנען געווען קינדער אָדער אייניקלעך פֿון גולי ספֿרד, על־פּי רובֿ געבוירן אין לענדער מחוץ שפּאַניע. זיי זײַנען געווען גרויסע סוחרים, באַנקירן, אָבער על־פּי רובֿ רופֿאים, וואָס האָבן אין זכות פֿון זייער פֿאַך און אפֿשר אויך צוליב זייער אָפּשטאַם נושׂא חן געווען און גאָר גיך עולה לגדולה געוואָרן אין ייִדישן און אַפֿילו אין ניט־ייִדישן לעבן פֿון פּוילן.

די פּוילישע סטודענטן אין די איטאַליענישע אוניווערסיטעטן זײַנען ניט איין מאָל געקומען אין קאָנטאַקט מיט ייִדן־סטודענטן, בפֿרט אין דער שטאָט פּאַדווע, וווּ עס האָבן אויך שטודירט פּוילישע ייִדן, און ניט איינער פֿון זיי איז געקומען אַהיים מיט אַן אידעאַליזירט בילד פֿון אַ ספֿרדישן ייִד, וואָס איז אין זייערע אויגן געווען די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער רענעסאַנס־קולטור. ייִדישע רופֿאים אין איטאַליע, און צווישן זיי אַ סך גולי ספֿרד, האָבן געהאַט פּאַציענטן צווישן דער הויכער פּוילישער שליאַכטע. דאָס האָט אפֿשר גורם געווען דערצו אַז ניט איין פּוילישער מאַגנאַט האָט געוואָלט מיטברענגען מיט זיך קיין פּוילן אַ ייִדישן רופֿא פֿון איטאַליע.[15]

דער שם וואָס דער שפּאַנישער ייִד האָט געהאַט אין דער פּוילישער ליטעראַטור פֿון 16טן י״ה דריקט אויס צום בעסטן יאַן קאָכאַנאָווסקי (1530—1584), ווען ער לויבט דעם באַרימטן מחבר פֿון די „דיאַלאָגן וועגן ליבע״ (וואָס זײַנען אַרויס אין 1535), דון יהודה בן יצחק אַברבנאל (Leone Hebreo), פֿון וועלכן ער איז געווען באַאײַנפֿלוסט.[16] עס איז דערפֿאַר ניט קיין חידוש וואָס די איטאַליענישע פּרינצעסין באָנאַ, ווען זי קומט קיין פּוילן צו ווערן די פֿרוי פֿון אַ פּוילישן קיניג, ברענגט מיט זיך מיט דעם ספֿרדי שמואל בר משולם ווי אַ הויף־רופֿא (געווען אין פּוילן אין די יאָרן 1532—1547) און דעם איטאַליעניש אַשכנזי ר׳ שלמה פֿון אודינע (פּראַקטיקירט אין פּוילן 1548—1564). יאָרן

[15] Jacob Shatzky, "Jewish Medical Students of Padua," *Journal of the History of Medicine,* Volume V (1951), p. 4.

[16] Ch. W. Steckel, *Jan Kochanowski und das Judentum,* Breslau, 1938, 77. ער רעדט וועגן דעם „געלערנטן ייִדן לעאָנע״.

דער ערשטער פּוילישער היסטאָריקער יאַן דלוגאָש שרײַבט, אַז די פּאָליאַקן זאָלן זיך נעמען אַ מוסטער פֿון די שפּאַניער, וואָס האָבן ייִדן און אַראַבער אָפּגעגעבן די וויכטיקסטע אַמטן און אַזוי אַרום בײַגעשטײַערט צום וווקס פֿון דער מלוכה (ציטירט לויט *Kultura staropolska,* 1932, ז׳ 688).

נאָכן גירוש האָט מען אין שפּאַניע געשריבן, אַז עס איז ניט קיין חידוש וואָס קיניגלעכע פּאַלאַצן און מאַגנאַטישע הויפֿן ווילן האָבן דווקא שפּאַניש־ייִדישע רופֿאים. איינער פֿון די שפּאַנישע דאָקטוירים האָט אין 1575 כאַראַקטערי־זירט דעם ייִדן ווי אַ מענטשן וואָס איז לויט זײַן „כאַראַקטער און טעמפּע־ראַמענט ממש באַשטימט פֿון דער השגחה" צו זײַן אַ דאָקטאָר.[17]

עס איז דערפֿאַר ניט קיין חידוש וואָס די פּאָר ייִדן־דאָקטוירים, על־פּי רובֿ פֿאַרבעטעטע קיין פּוילן, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון שפּאַניע, האָבן גאָר גיך אויס־גענומען און געשאַפֿן דינאַסטיעס פֿון ייִדישע רופֿאים וואָס האָבן אויך געשפּילט אַ חשובֿע ראָלע אין דעם ייִדישן ציבור־לעבן פֿון לאַנד.

אַזאַ רופֿא, מסתּמא אַ געבוירענער אין שפּאַניע, איז געווען ר' יצחק בן אַבֿרהם. אין 1501 באַקומט ער אַ פּריווילעגיע פֿון קיניג יאַן אַלבערט, אַז ער איז באַפֿרײַט פֿון צאָלן שטײַערן. דאָס זעלבע טוט אין 1502 דער קיניג אַלעק־סאַנדער. אין 1504 וווינט ער אין קראָקע. ער איז הויף־רופֿא פֿון דרײַ פּוילישע הערשערס. ער איז באַפֿרײַט פֿון שטעלן זיך אין וועלכן עס איז געריכט, חוץ דעם קיניגלעכן. פֿאַר זײַנע קאָנסולטאַציעס באַקומט ער שטענדיקע שׂכירות. מען פֿלעגט אים אָנפֿאַרטרויען אַפֿילו דיפּלאָמאַטישע מיסיעס. אין 1507 פֿאָרט ער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער איז געשטאָרבן אַן ערך אין 1510.[18]

זײַן אײדעם איז געווען דער ספֿרדי ד"ר גרשון ראַפּאָפּאָרט, באַקאַנט אין די מקורים ווי דער רופֿא פֿון פּאָרטאָ (Rofe ob Porto; דער זיידע פֿון בעל איתן המזרחי). אין דער זעלבער צײַט מיט ד"ר שלמה האַשכּנזי איז קיין פּוילן געקומען ד"ר שלמה קליפֿאָראַ אָדער קאַלאַהאָראַ. אין די העברעיִשע מקורים הייסט ער: שלמה רופֿא ספֿרדי קליפֿאָראַ. ער איז געקומען קיין פּוילן צוזאַמען מיט זײַן פֿאָטער יוסף און זײַן ברודער משה, שפּעטער אַ מחבר. ער איז געווען אַ זון פֿון אַ שפּאַניש געבוירענעם ייִדן. אַליין איז ער געבוירן געוואָרן אין אַמס־טערדאַם און דאָרטן טאַקע שטודירט מעדיצין. אין קראָקע באַזעצט ער זיך אין יאָר 1560. אין יאָר 1570 ווערט ער באַשטימט פֿון קיניג זיגמונט־אויגוסט ווי זײַן רופֿא צוליב „די באַזונדערע מעדיצינישע ידיעות און פּראַקטישער דער־פֿאַרונג". צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי און קינדער ווערט ער באַפֿרײַט פֿון אַלע שטײַערן. זײַנע מעלות און זײַן ערלעכקייט ווערן געלויבט פֿון דעם קיניג סטעפֿאַן באַטאָרי אין דער באַנײַטער פּריווילעגיע, אַרויסגעגעבן אין 1578. ער קריגט אַפֿילו רעכט צו פֿירן מיסחרים און טויג זיך גאָר שטאַרק אויס אויף דעם דאָזיקן געביט. מיט זײַן זון אַבֿרהם און אַ ספֿרדישן ייִד שלמה חבֿיבֿי פֿירט ער גרויסע מיסחרים מיט זאַלץ און עקספּלואַטירט די נײַ אַנטדעקטע

[17] Juan de Dios Huarte, *Examen de Ingenios para las ciencias*, 1640, 174b. "por Judios en mi opinion son los que tienen habilidad natural para curar."
ער דערציילט אַפֿילו, אַז מען פֿלעגט (פֿאַרשטייט זיך געהיים) רופֿן אַ ייִדישן רופֿא אַזש פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

[18] אין די אַקטן הייסט ער: Jacob Isaac Hispanus; זען: בערשאַדסקי אין: *P. E. A.*, III, 28, 29, 61, 67; J. Lachs, *H. Baas-Festschrift*, 54-56.
יצחק שיפּער אין סאָציאַלע מעדיצין, 1929, נומ' 1־2, ז' 28.

זאַלצגרובן אין „רויט רײַסן". ער איז אויך אַ שטיקל באַנקיר און לײַט געלט אויף פּראָצענט.[19]

באַלאַבאַן שרײַבט, אַז ד"ר שלמה קאַלאַהאָראַ האָט זיך גוט געקענט מיטן רמ"אָ און געפֿירט מיט אים לאַנגע וויכּוחים וועגן עניני הדת, וואָס ווערן אָפּט דערמאָנט אין רמ"אָס שאלות ותּשובֿות. דאָס איז געווען די תּקופֿה ווען אין פּוילן איז פֿאָרגעקומען דער הייסער וויכּוח צווישן די אָנהענגערס פֿון דעם רמב"ם, צו וועלכע עס האָבן אויך געהערט די ייִדן פֿון שפּאַניע און איטאַליע, און זײַנע קעגנערס.

אַ דאַנק דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט — שרײַבט באַלאַבאַן — האָט זיך געביטן דעם רמ"אָס קוק אויף דער וועלט און האָט אים געמאַכט מער טאָלעראַנט בנוגע די מעשׂים און „כּפֿירות" וואָס האָבן זיך באַוויזן צו־זאַמען מיט דער נײַער תּקופֿה אויף דעם פּויליש־ייִדישן האָריזאָנט. דערפֿון שטאַמט דעם רמ"אָס ליבעראַליזם אין אַ סך פֿון זײַנע תּשובֿות.[20]

דער וועלט־באַרימטער מאַראַן, רופֿא אַמאַטוס (חבֿיבֿ) לוזיטאַנוס (1511—1568), האָט געשטאַמט פֿון פּאָרטוגאַל. קיניג זיגמונט־אויגוסט האָט אים דורך אַ ספּעציעלן שליח פֿאַרבעטן צו ווערן זײַן לײַב־רופֿא, בעת יענער האָט שוין געוווינט אין אַנקאָנאַ. ער האָט אָבער די פֿאַרבעטונג ניט אָנגענומען. אָבער זײַן קוזינס זון, וואָס האָט געהייסן משה בן אליהו מאָנטאַלטאָ, האָט זיך באַזעצט אין לובלין, ווו ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1637. דער דאָזיקער משה מאָנטאַלטאָ האָט אין לובלין אויסגעבויט אויף אייגענעם חשבון אַ שול, ווו מען האָט געדאַוונט על־פּי נוסח ספֿרד. ער האָט געהאַט אַ זון וואָס האָט שטודירט מעדיצין אין פּאַדוע און שפּעטער געוואָרן הויפֿדאָקטאָר אין פּוילן. היות ווי זײַן זיידע אליהו מאָנ־טאַלטאָ איז אויך געווען אַ דאָקטאָר (געשטאָרבן 1616 אין פֿראַנקרײַך), האָבן מיר דאָ דרײַ דורות פֿון פּראָמינענטע ספֿרדישע רופֿאים אין פּוילן.[21]

---

[19] M. Bałaban, "Kalahorowie," *Z historji Żydów w Polsce*, Warszawa, 1920, 90-103.

זײַן זון, אויך אַ רופֿא און אַ סוחר, ווערט דערמאָנט אין אַ בריוו פֿון יהודה אַריה מאָדענאַ (1610). שיפּער האָט בטעות צוגעשריבן דעם בריוו צו שלמה קאַלאַהאָראַן, וועלכער איז גע־שטאָרבן אין 1597. זען: בלוי, כּתבֿי הרבֿ יהודה אריה ממודינה, בודאַפּעשט, תּרס"ו, ז' פּ;
Dzieje handlu żydowskiego na ziemiach polskich, Warszawa, 1937, 85.

אַגבֿ, האָט יאַן זאַמאָיסקי פֿאַרבעטן ד"ר שלמה קאַלאַהאָראַ זיך צו באַזעצן אין זאַמאָשטש. וועגן זײַנע זאַלצגעשעפֿטן זען:

J. Turska, *Przemysł solny w woj. ruskim XVI w.*, Lwów, 1928.

[20] M. Bałaban, *Umysłowość i moralność żydowstwa polskiego XVI wieku*, Kraków, 1932, 23;

ש. א. הורודצקי, „השפּעת הרמבּ"ם על הרמ"א", ספר היובל לכבוד הרב יעקב פריימאַן, תּרצ"ז, 42—57.

[21] M. Bałaban, *Doktór Montalto, Studja historyczne*, Warszawa, 1927, 107-111; Idem, *Die Judenstadt von Lublin*, 1919, 25-27.

משה מאָנטאַלטאָ האָט געהאַט אַ ברודער אַ דאָקטאָר, יצחק מאָנטאַלטאָ, וואָס ער האָט אין

אַזעלכע משפּחות פֿון שפּאַנישן אָפּשטאַם וואָס האָבן אין פּוילן געהאַט דורות דאָקטוירים איז געווען ניט ווינציק. גענוג צו דערמאָנען די משפּחה חזק וואָס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין Fortis de Lima און האָט זיך מתחתן געווען מיט די קאַלאַהאָראַס, און אַ סך אַנדערע. ווײַל זיי זײַנען געווען חשובֿ אין זכות פֿון זייער פּראָפֿעסיע, סאָציאַלן מעמד און קהלן זיך אין ייִדישן לעבן, איז די געשיכטלעכע דאָקומענטאַציע וואָס שייך דעם סעקטאָר ספֿרדישע ייִדן אין פּוילן ווײַט ניט קיין אָרעמע. עס זײַנען אָבער אויך געווען אין פּוילן ספֿרדישע סוחרים, באַנקירן, גרויסע אונטערנעמערס, אָפֿט מאָל פֿון אַן אַוואַנטוריסטישן שניט. וועגן די וואָלאַכאָוויטשעס פֿון איטאַליע זײַנען אויך פֿאַראַן דאָקומענטן. איינער פֿון זיי, שלמה וואָלאַכאָוויטש, שרײַבט זיך אַפֿילו אונטער אויף אַ דאָקומענט Salomo Szafardi, ד״ה שלמה הספֿרדי. ער איז געווען אַ האַנדלס־אַגענט בײַם קיניגלעכן הויף, ממילא אַ רײַכער ייִד. עס האָבן מסתּמא ניט געפֿעלט קיין ספֿרדים פֿון די בינונים, ד״ה פֿון מיטעלן קלאַס. אפֿשר זײַנען אין לאָקאַלע פּינקסים ערגעץ פֿאַראַן שפּורן פֿון זייער עקסיסטענץ. אפֿשר זײַנען זיי ווי אַ נישטיקער מיעוט „אַסימילירט" געוואָרן מיט די אַשכּנזים און פֿאַרשוווּנדן אין דעם ברויזנדיקן מאַסן־לעבן פֿון ייִדן אין פּוילן. על כּל פּנים קען מען וועגן גרויסע צאָלן ספֿרדים אין פּוילן בדרך כּלל ניט רעדן, אַפּשיטא וועגן אַ ד י ר ע ק ט ע ר עמיגראַציע פֿון שפּאַניע אָדער פּאָרטוגאַל קיין פּוילן, אַזוי ווי מען איז געפֿאָרן קיין איטאַליע, פֿראַנקרײַך, טערקײַ און שפּעטער (שוין ווי מאַראַנען) קיין האָלאַנד.[22]

אָבער אין זכות פֿון אַן אייגנאַרטיקער פּאָליטישער קאָניונקטור גראָד אין טערקײַ האָט זיך אין איין שטאָט אין פּוילן, אין לעמבערג, אָנגעהויבן פֿאָרמירן אַ קאָלאָניע פֿון ספֿרדישע ייִדן וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס משפּיע געווען דעם אויפֿקום פֿון דעם ייִדישן ייִשובֿ אין זאַמאָשטש. די הויכע מאָראַלישע און געזעלשאַפֿטלעכע חשיבֿות, וואָס ספֿרדים האָבן זיך אויסגעאַרבעט אין דער פּוילישער ליטעראַטור און בײַ די פּריצים, האָט ניט ווייניק צוגעשפּילט צו דעם מערקווערדיקן מזל, וואָס יחידים־ספֿרדים האָבן געהאַט אין פּוילן און וואָס האָט גורם געווען דעם פּאַטערנאַליזם מצד מאַגנאַטן און מלוכה־פֿירערס, בעת די אייגענע, פֿון דורות אײַנגעוואָרצלטע ייִדן, האָבן קיין מאָל ניט זוכה געווען דערצו.

דער דאָזיקער אינטענסיווער קאָנטאַקט פֿון ספֿרדישע ייִדן מיט פּוילן דאַטירט זיך זינט דאָן יוסף נשׂיא (געשטאָרבן 1579) האָט אין זכות פֿון זײַן מעמד

1637 אַרויסגעגעבן אין אַמסטערדאַם די דריטע אויפֿלאַגע פֿון פּתרון חלומות פֿון דעם ספֿרדישן רופֿא שלמה בן יעקבֿ אַלמולי (ערשטע אויסגאַבע — 1516).

וועגן דעם רופֿא אַמאַטוס לוזיטאַנוס זען:

Maximano Lemos, *Amato Lusitano e o seu tempo*, Porto, 1904.

[22] וועגן לומדים און מחברים אין פּוילן, וואָס זײַנען געווען ספֿרדים, איז פֿאַראַן אַ בינטל פּרטים בײַ:

Louis Lewin, "Deutsche Einwanderungen in polnische Ghetti," *Jahrbuch*, Fr. a.M., V (1907), 147-148.

אין טערקישן הויף ווי אַ דיפּלאָמאַט, באַנקיר און ממש גלאָבאַלער סוחר, באַ־קומען אַ סך קאָנצעסיעס צו פֿירן מיסחרים אין פּוילן. דאָן יוסף נשׂיא האָט זיך באַזעצט אין טערקײַ אין 1552. ער איז פֿון אַ מאַראַן געוואָרן צוריק אַ ייִד און האָט אָנגעהויבן ביסלעכווײַז שפּילן אַ פֿירנדיקע ראָלע אין דער אימפּעריאַ־ליסטישער פּאָליטיק פֿון טערקײַ, אין דער צײַט פֿון דער ממשלה פֿון סולטאַן סולײמאַן דעם צווייטן (1520—1566) און זײַן זון סעלים דעם צווייטן (1566—1574). יוסף נשׂיא האָט געהאָלפֿן דורכפֿירן דעם פּויליש־טערקישן טראַקטאַט פֿון 1561, וואָס האָט פּוילן פֿאַרזיכערט שלום אויף אַ געוויסער צײַט, פֿאַרן פֿרײַ פֿון ניט שטערן דער טערקישער עקספּאַנסיע אין אייראָפּע. וואָס עס איז געווען יוסף נשׂיאס ראָלע אין די דאָזיקע פֿאַרהאַנדלונגען איז ניט אין גאַנצן קלאָר. על כל פּנים האָבן זײַנע פּאָליטישע פֿאַרדינסטן געמוזט זײַן גאָר וואָגיקע, אויב דער סולטאַן האָט אים באַשאָנקען מיט אַזוי פֿיל טובֿות און הנחות. אין יאָר 1562 האָט דער סולטאַן סולײמאַן פֿאַרווערט דעם אימפּאָרט פֿון ווײַן קיין קאָנס־טאַנטינאָפּאָל, אַפֿילו פֿאַרן געברויך פֿון ייִדן און קריסטן, אָבער פֿאַרן טראַנזיט אין אַנדערע לענדער זײַנען קיין מניעות ניט געווען. היות ווי די נײַ אײַנגענומענע טעריטאָריעס האָבן פּראָדוצירט אַ סך ווײַן און די אַרומיקע לענדער האָבן דאָס שטאַרק קאָנסומירט, איז אימפּאָרטירן ווײַן געוואָרן אַ גרויס געשעפֿט. דער הויף־דיפּלאָמאַט און באַנקיר יוסף נשׂיא האָט באַקומען פֿון סולטאַן אַ פֿירמאַן (אַ דערלויבעניש) צו עקספּאָרטירן ווײַן פֿון אינדזל קרעטאַ (קאַנדיע) קיין מאָל־דעווע און פֿון דאָרטן קיין פּוילן. מיט דער הילף פֿונעם טערקישן סולטאַן געלינגט אים צו באַקומען ברייטע האַנדל־קאָנצעסיעס אין פּוילן. אין דעם בריוו פֿון פּוילישן קיניג ווערט דערקלערט, אַז די דאָזיקע ברייטע הנחות אַרײַנצופֿירן סחורות קיין פּוילן אָן צאָל באַקומט יוסף נשׂיא מחמת דער סולטאַן גופֿא האָט עס אים געבעטן. ער באַטראַכט אַגבֿ די דאָזיקע פּריווילעגיע אויך ווי אַן אויסדרוק פֿון דאַנקבאַרקייט פֿאַר די טובֿות וואָס דער דאָזיקער יוסף נשׂיא האָט געטאָן זײַנע אַמבאַסאַדאָרן אין טערקײַ. דאָס איז געווען אין יאָר 1567. דערווײַל האָט יוסף נשׂיא געגעבן דעם פּוילישן קיניג אַ הלוואה פֿון 150,000 דוקאַטן, אַ סומע גאָר אַ גרויסע אין יענע צײַטן. ווען דער קיניג האָט שפּעטער דערקלערט דעם ספּעציעלן שליח פֿון דאָן יוסף נשׂיא, אַז ער קען די הלוואה דערווײַל ניט צו־ריקצאָלן, האָט ער געבעטן ווי אַ באַלוינונג צו פֿאַרלענגערן זײַנע האַנדל־קאָנ־צעסיעס. אַזוי אַרום האָבן קנאַפּע עלף יאָר אָנגעהאַלטן די דאָזיקע מיסחר־קאָנטאַקטן צווישן דעם פּוילישן מלך און דעם ייִדישן באַנקיר־דיפּלאָמאַט אין טערקײַ.[23]

---

[23] די וויכטיקסטע מקורים זײַנען:

A. Kraushar, *Historja Żydów w Polsce,* 1862, II, 318; M. Bersohn, *MGWJ,* 1869, 422-24; Schor, *ibidem,* 1897, 169-177, 228-237; M. Bałaban, *Żydzi lwowscy,* 1906, Dokumenty, 9, 10.

וועגן דער ראָלע פֿון יוסף נשׂיא אין די טערקיש־פּוילישע פּאָליטישע פּערטראַקטאַציעס קלערט אויף דער דאָקומענט, אָפּגעדרוקט פֿון:

ווי אַ פּועל־יוצא פֿון די דאָזיקע ברייטע, עקסטעריטאָריאַלע און דיפּלאָמאַטיש סאַנקציאָנירטע האַנדלס־הנחות האָבן זיך אין פּוילן באַוויזן טערקישע ייִדן, אַלע אַגענטן פֿון יוסף נשׂיא, און אָנגעהויבן אַרײַנפֿירן אָן צאָל פֿאַרשיידענע ווײַנען און אַנדערע מיזרח־פּראָדוקטן. דער צענטראַלער פּונקט פֿון די דאָזיקע געשעפֿטן איז געווען לעמבערג, ווײַל עס האָבן דאָרט געוווינט אַ סך גריכן און אַרמענער. דער אָנלויף פֿון טערקישע ייִדן האָט אַרויסגערופֿן אַ גוואַלטיקע אומצופֿרידנקייט ניט נאָר מצד די קריסטלעכע סוחרים, וואָס האָבן דערשפּירט די סכּנה פֿון קאָנקורענץ, קעגן וועלכער זיי האָבן זיך ניט געקענט ווערן, נאָר אויך מצד די דאָרטיקע ייִדן.

אין 1567 באַקומען צוויי אַגענטן פֿון יוסף נשׂיא, די טערקישע ייִדן חיים הכּהן און אַבֿרהם דע מאָסאַ, די אויסשליסלעכע רעכט צו אימפּאָרטירן ווײַנען קיין פּוילן. אַבֿרהמס ברודער, משה דע מאָסאַ, ווערט באַשטימט פֿאַרן פֿאַרטרעטער, מיטן זיצאָרט אין לעמבערג. דער דאָרטיקער שטאָטראַט און די סוחרים־חבֿרה האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן די ברייטע האַנדלס־קאָנצעסיעס וואָס די דאָזיקע טערקישע ייִדן האָבן באַקומען. דאָס וואָס זיי זײַנען געווען פֿרײַ פֿון צאָלן אַרײַנפֿיר־שטײַער און געהאַט דאָס רעכט צו דעפּאָנירן זייערע סחורות (prawo składu), בעת אַנדערע סוחרים האָבן געמוזט די ערשטע 14 טעג פֿאַרקויפֿן קודם־כּל צו די שטאָט־אײַנוווינערס און ערשט שפּעטער געקענט פֿאַרקויפֿן אין אַנדערע מקומות, — דאָס האָט געשטעלט אין סכּנה די עקאָנאָמישע זיכערקייט פֿון די לעמבערגער סוחרים וואָס האָבן געהאַנדלט מיט ווײַנען, ייִדן בתוכם. אַזעלכע פּריווילעגיעס האָבן אַנדערע קיין אַנדערע אויסלענדישע סוחרים אין פּוילן קיין מאָל ניט געהאַט. די לעמבערגער סוחרים האָבן אָבער בשום אופֿן ניט געוואָלט אָנערקענען די דאָזיקע אָפּמאַכן און קאָנצעסיעס. די טערקישע ייִדן גופֿא האָבן קיין סך ניט געקענט אויפֿטאָן. אמת, דער קיניג האָט זיך אַרײַנגעמישט און דערמאָנט די לעמבערגער שטאָטאַטעס, אַז מען קען די ייִדן־סוחרים ניט שטערן, מחמת דעם וואָס די קאָנצעסיעס, וואָס די דאָזיקע ספֿרדישע ייִדן האָבן באַקומען, זײַנען קודם־כּל אַן אויסדרוק פֿון דאַנקבאַרקייט וואָס פּוילן פֿילט לגבי טערקײַ. דערפֿאַר וועט יעדער אַקט פֿון סאַבאָטאַזש קעגן די דאָזיקע סוחרים באַטראַכט ווערן ווי אַ בונט, אַ מרידה. דער מלך האָט אויך געוואָרנט, אַז ער וועט שווער באַשטראָפֿן די שולדיקע וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן און לאָזן ניט דורכפֿירן די פּריווילעגיע, וואָס ער גופֿא האָט די דאָזיקע ייִדן געגעבן.

די לעמבערגער מעשטשאַנעס זײַנען אַרויס מיט גאָר אַנדערע דיבורים. זעענדיק, אַז קיין מיסחר־אַרגומענטן העלפֿן ניט, זײַנען זיי אַרויס מיט פּאַטריאָ־

J. M. Hirschberg, "Udział Józefa Nasi w pertraktacjach polsko-tureckich w r. 1562," *Miesięcznik Żydowski*, 1934, 426-39.

אַ סך ענינים קלערט אויף אַן אַלט, אָבער נאָך אַלץ וואָגיק בוך:

Julian Bartoszewicz, *Pogląd na stosunek Polski z Turcją i Tatarami*, Warszawa, 1860.

טישע טענות און אָנגעהויבן דערציילן, אַז אייגנטלעך זײַנען די דאָזיקע ייִדן ניט קיין סוחרים, נאָר בפֿועל ממש טערקישע שפּיאָנען. ווען אויך די בילבולים האָבן ניט געהאָלפֿן, האָט די שטאָט אַפּעלירט צום סיים וואָס האָט זיך גראָד צוזאַמענגעקליבן אין פּיעטריקאָוו. דאָרטן האָט מען, נאָך לאַנגע וויכּוחים, באַ־שלאָסן בטל צו מאַכן די דאָזיקע דיפּלאָמאַטיש־סוחרישע פּריווילעגיעס. אויף אַזאַ אַקט האָט אָבער דער קיניג ניט געוואָלט געבן זײַן חתימה, אַזוי אַז די פּריווילעגיעס זײַנען געבליבן אין קראַפֿט.[24]

יאַן זאַמאָיסקי, ווי דער מלוכה־קאַנצלער, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פּוילן קען זיך ניט דערלויבן עובֿר צו זײַן אויף דעם צוזאָג, געחתמעט אין אַן אָפֿיציעלן דאָקומענט. האָט ער זיך שטאַרק באַמיט, אַז די דאָזיקע ייִדן זאָלן קענען זיך פֿרײַ באַוועגן און האַנדלען בהסכּם מיט די פּונקטן פֿון דעם אָפּמאַך וואָס יוסף נשׂיא האָט באַקומען. אין לעמבערג גופֿא האָבן זיך די ספֿרדים אָבער געפֿילט זייער שלעכט. די דאָרטיקע ייִדן זײַנען דאָס מאָל געגאַנגען יד־אַחת דווקא מיט די פּוילישע מעשטשאַנעס, ווײַל אַזוי האָבן דיקטירט זייערע אינטערעסן, הגם יענע זײַנען תּמיד געווען אַנטי־ייִדיש, אָבער אין דער געשאַפֿענער לאַגע זײַנען די ייִדן געווען פּונקט אין דער זעלבער געפֿאַר פֿון איבערליציטירט צו ווערן, ווי עס זײַנען געווען די ניט־ייִדן.

די שׂינאה צו די טערקישע ייִדן איז אין לעמבערג געוואָרן זייער שטאַרק. זיי גופֿא האָבן עס גאָר גיך דערפֿילט. משה הכּהן דע מאָסאַ, דער לעמבערגער פֿאַרטרעטער, שרײַבט אין אַ בריוו צו זײַן ברודער, אַז די לעמבערגער סוחרים ווילן זיי ממש רויִנירן. אויך די ייִדישע סוחרים אין לעמבערג ווײַזן אַרויס זייער ווייניק ליבע צו זייערע אמונה־ברידער פֿון טערקײַ. אין אַ געוויסן פּרט זײַנען זיי דווקא מער קעגנעריש געשטימט ווי די גויִישע סוחרים. דערפֿאַר אָבער האָט דע מאָסאַ ניט געהאַט גענוג לויבווערטער וועגן דער באַציִונג פֿון יאַן זאַמאָיסקי צו אים און צו זײַנע חבֿרים. אין דעם דאָזיקן בריוו צום ברודער אין דער ווײַטער טערקײַ שרײַבט משה הכּהן אַזוי:

> ווען ניט די סימפּאַטיעס און דער חסד פֿון דעם הער קאַנצלער [ד"ה יאַן זאַמאָיסקי] וואָס האָט פֿאַר מיר דרך־ארץ און נעמט מיך אויף אין זײַן שטוב ניט ווי מען נעמט אויף אַ סוחר, נאָר ווי אַן אייגענעם, וואָלטן די לעמבערגער אונדז אויפֿגעגעסן לעבעדיקערהייט.

משמעות, אַז די דאָזיקע האַנדלס־מיסיע, דורכגעפֿירט פֿון די ברידער דע מאָסאַ, האָט געהאַט אַ פּעולה, אַז קיין פּוילן זאָלן פֿון דער ווײַטער טערקײַ קומען אַנדערע ייִדן און אויך פּרוּוון מזל אין געשעפֿטן. אין חודש מאַרץ 1568 שיקט דער טערקישער סולטאַן אַ בריוו צום פּוילישן קיניג מיט אַ פּראָטעסט וואָס „זײַנער" אַ ייִד, Gianamore, ווערט שטאַרק געשטערט מצד די אָרטיקע סוחרים, הגם ער האָט אַ בפֿירושע פּריווילעגיע צו פֿירן מיסחרים. ער בעט דעריבער

---

[24] וועגן דעם קאַמף גופֿא דערציילן באַריכות: באַלאַבאַן אין Żydzi lwowscy, 459-468 און אין:
Die Portugiesen in Lemberg, Skizzen und Studien, Berlin, 1911, 11-19; W. Łoziński, *Patrycyat i mieszczaństwo lwowskie, w XVI i XVII w.* 1892, 52 sq.

ניט שטערן דעם ייִדן און זײַן גרופּע, וואָס געהערט צו די וואָס פֿאַרדינען זײַן שטיצע, פּונקט ווי דאָן יוסף נשיא, אַ „מאָדעל פֿון אַ פּרינץ אין דער ייִדישער נאַציע". עס איז זײַן טבֿע, שרײַבט דער סולטאַן, צו באַלוינען די וואָס צייכענען זיך אויס מיט „זייער טרײַשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט צו אונדזער טראָן".[25]

דאָס איז משמעות געווען גאָר אַ נײַע טערקיש־ייִדישע עקספּעדיציע וואָס האָט געאַרבעט אין לעמבערג, אָבער זי האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע שווע־ריקייטן, אַז דער ייִד Gianamore האָט געמוזט פֿאַרמסרן פֿאַרן סולטאַן און יענער האָט געפֿאָדערט זײַנע רעכט לויטן אָפּמאַך. 1570 שיקט יוסף נשיא אַ ספּעציעלן שליח צום פּוילישן קיניג אין שײַכות מיטן חובֿ וואָס דער קיניג איז אים שולדיק געווען. קיין מזומן האָט דער קיניג ניט געהאַט און דערפֿאַר האָט ער פֿאַרלאַנגט די קאָנצעסיעס, ניט געקוקט אויף דער גרויסער אומצופֿרידנקייט וואָס זיי האָבן אַרויסגערופֿן בײַ די פּוילישע מעשטשאַנעס, ניט ווינציקער ווי בײַ די ייִדישע סוחרים.[26]

אונטער דעם האָגל פֿון קולות און בפֿירושדיקן סאַבאָטאַזש האָבן די אַגענטן פֿון יוסף נשיא ווײַטער געפֿירט זייערע מיסחרים. זיי האָבן געהאַט גרויסע קרעדיט־שוועריקייטן און געמוזט לײַען געלט אין לעמבערג. די גויִישע וואָכערערס האָבן אָבער געשונדן פֿון זיי די הויט. צו ייִדישע געלטלײַערס האָבן זיי מורא געהאַט זיך צו ווענדן.

די „כּלבֿים אונדזערע" — אַזוי רופֿט אָן משה הכּהן די לעמבערגער ייִדן — זיי האָבן טאַקע „געבילט". דער מאַגיסטראַט און די גויִישע סוחרים האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט, אָבער דער קיניג האָט זײַנס אויסגעפֿירט: דער האַנדל איז ווײַטער געגאַנגען. אָפּגעשוואַכט פֿון קאַמף, האָבן די לעמבערגער שטאָט־טאַטעס געמוזט אָפּשטעלן די אַטאַקן און געהאַפּט, אַז די דאָזיקע פֿרעמדע, ניט־געבעטענע טערקישע סוחרים־ייִדן וועלן סײַ ווי סײַ מוזן עקאָנאָמיש צו־זאַמענברעכן. די ספֿרדישע סוחרים האָבן אָנגעהויבן פֿילן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער די פֿײַנדלעכע אַטמאָספֿער. איזאָלירט פֿון דער ייִדישער עדה אין לעמבערג, וואָס האָט פֿון זיי געווײַכט, אָן לשון, אָן פֿרײַנד — האָבן זיי זיך דערפֿילט שטאַרק דערשלאָגן. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף טאָן עפּעס קאָנקרעטס טאַקע באַלד, ווײַל פֿון דער ווײַטנס האָט מען זיי ניט געקענט באַ־שיצן, בעת אין דער נאָענט האָט געוויִיט מיט שׂינאה און כּעס.

---

[25] Abraham Galante, *Don Joseph Nassi*, Constantinople, 1912, 28, (דער טערקישער טעקסט); געדרוקט אויך אין: *REJ*, 64, 240.

[26] וועגן דעם ספּעציעלן שליח פֿון יוסף נשיא ווערט דערציילט אין אַ בריוו פֿון אַן אי־טאַליענישן רבֿ: „שמעתי מאחורי הפרגוד איך כמ׳ יוסף נשיא יכ״ה שלח ציר מיוחד אל המלך מפולניא עם שרים ועבדים עמו ונעשה לו כבוד גדול ולכל העם אשר היה עמו — אבל לא נודע מחמת עסק מה היה שם הציר". זען:
Graetz, *Geschichte der Juden*, IX⁴, 536.
דאָס וואָס דער רבֿ האָט ניט געוווסט צוליב וואָס יוסף נשיא האָט געשיקט דעם פֿאַר־טרעטער ווערט אויפֿגעקלערט אין ליכט פֿון די דאָקומענטן.

שרײַבט דער אַגענט משה הכהן צו זײַן ברודער אין דער ווײַטער טערקײַ אַזוי:

איך האָב אויפֿגעהערט זיך צו זאָרגן, ווײַל מײַן איינציקע ישועה איז גאָט. ווען איך קען האָבן אַ בגד און אַ שטיקל ברויט, אַרט מיך קיין זאַך ניט און גאָרניט, ווײַל איך ווייס וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אומעטום וועל איך פֿאַרדינען מײַן שטיקל ברויט און סוף כּל סוף וועל איך דאָך עולה זײַן קיין ירושלים, בכדי דאָרטן צו לעבן. אַלע דײַנע פֿרײַנד זײַנען איצט שׂונאים דײַנע, זיי ווילן דיך פֿאַרניכטן, באַראַבעווען, פֿאַרשטיינערן.[27]

אין אַזאַ אַטמאָספֿער האָבן די דאָזיקע טערקישע ספֿרדים געלעבט, געהאַנדלט און געפֿירט אַ קאַמף אין משך פֿון קנאַפּע אַכט יאָר.

דער קאַנצלער יאַן זאַמאָיסקי האָט זיך באַמיט צו העלפֿן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. בעת ער האָט אין 1580 אויפֿגעבויט די שטאָט זאַמאָשטש איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק צו פֿאַרבעטן די דאָזיקע טערקישע ייִדן זיך דאָרטן צו באַזעצן, און אַזוי אַרום ווערן דער יסוד פֿאַר אַ דאָרטיקן ייִדישן ייִשובֿ. פֿון די מקורים איז ניט קלאָר, צי דאָס איז געווען זײַן אייגענער געדאַנק, אָדער דאָס האָבן די ספֿרדישע ייִדן אונטערגערוקט. דער תּנאַי איז אָבער געווען, אַז קיין פּוילישע ייִדן זאָל מען אַהין ניט אַרײַנלאָזן. דער קאַנצלער, וואָס האָט נאָך פֿון זײַנע שטודיריאָרן אין איטאַליע געהאַט אַ הויכע מיינונג וועגן די שפּאַנישע ייִדן, האָט זיכער אין דעם פּרט געטאָן דאָס וואָס איז אים געווען שטאַרק צום האַרצן. על כּל פּנים האָבן די ספֿרדים פֿון לעמבערג שטאַרק אונטערגעשטראָכן אין זייערע בריוו, אַז זאַמאָיסקיס בפֿירושע כּוונה איז ניט אַרײַנצולאָזן אין זאַמאָשטש קיין פּוילישע ייִדן. זאַמאָיסקי האָט אויך דערבײַ געמאַכט אַ חשבון, אַז די ספֿרדישע ייִדן וועלן, וווינענדיק אין שטאָט, ווײַטער קענען פֿירן מיסחרים אין פּוילן בכלל און אין לעמבערג בפּרט. אין 1587, ד"ה אַ יאָר איידער זאַמאָיסקי האָט אַרויסגעגעבן די אָפֿיציעלע פּריווילעגיע פֿאַר די ספֿרדישע ייִדן וואָס ווילן זיך באַזעצן אין זאַמאָשטש, איז משה הכהן דע מאָסאַ אַהין אַוועקגעפֿאָרן און איז שוין דאָרט געבליבן. דאָס איז זיכער געקומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם קאַנצלערס פֿאַרבעטונג. אים גופֿא איז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן דער געדאַנק פֿון אַ ייִדישער ספֿרדישער קאָלאָניע אין זאַמאָשטש, וואָס איז ניט ווײַט פֿון לעמבערג, אָבער ווײַט פֿון ייִדישע און אפֿשר ניט־ייִדישע קאָנקורענטן.

אין אַ בריוו קיין טערקײַ צו זײַנע פֿרײַנד, געשריבן אין 1587 שוין פֿון זאַמאָשטש, האָט משה הכהן געלאָזט וויסן:

איך זאָג אײַך, אַז די גרויסע אדונים און מלכים זאָרגן זיך אומעטום און בפּרט אין פּוילן דערפֿאַר, אַז זייערע אונטערטאַנען זאָלן ניט לײַדן קיין אומיושר, אַלץ איינס אויב דאָס איז אַ ייִד, אַ ציגײַנער אָדער אַ טאָטער.

נאָך אַזאַ גוזמא, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַן אומגעריכטער

[27] לויט באַלאַבאַנס *Skizzen*, ז' 16.

ישועה פֿון דער טאָפּלט פּײַנלעכער לאַגע, אין װעלכער ער האָט זיך געפֿונען אין לעמבערג, שרײַבט ער װײַטער אַזױ:

דער הער קאָנצלער װיל קאָלאָניזירן זײַן נײַ געגרינדעטע שטאָט. די דאָזיקע שטאָט האָט, װי די שטאָט לעמבערג, אַ סך מעלות, װײַל זי געפֿינט זיך אין צענטער פֿונעם לאַנד, אין אַ שײנער געגנט, סך־הכּל פֿיר מײַל פֿון אַ פּאָרט װאָס פֿירט קײן װאַרשע און קײן דאַנציק. דאָ זײַנען פֿאַראַן געװײנטלעך פֿרײַע פּלעצער בכדי אױפֿצושטעלן הײַזער און אױך געװײנטלעך פֿעלדער, װאָס אין לעמבערג זײַנען זײ גראָד טײַער. אױך איז דעם קאַנצלערס װוּנטש, אַז נאָר פֿרענקישע [ד״ה ספֿרדישע] ייִדן זאָלן זיך דאָ באַזעצן. ער װיל לחלוטין ניט האָבן קײן אײגענע ייִדן. די דאָרטיקע בירגערס האָבן אַ סך פּריװילעגיעס. דער אָדון גופֿא איז זײער אַ פֿײַנער מענטש, אַפֿילו שטײַנער האָבן אים ליב, אַפּשיטא — מענטשן. צו מיר האָט ער אַרױסגעװיזן אַ סך חסד, און ער האָט פֿאַר מיר באַשטימט אַ פּלאַץ, כּדי איך זאָל קענען זיך אױפֿשטעלן אַ הױז. דאָס דאַרף מיך קאָסטן 400 גולדן, אָבער עס װעט זײַן אַ שײן הױז! װי נאָר איך װעל פֿאַרקױפֿן מײַנע װײַנען, װעל איך זיכער צוטרעטן צום בױען פֿאַר זיך אַ הױז. אױב בײַ אײַך געפֿינען זיך אַזעלכע װאָס האָבן בדעה זיך צו באַזעצן אין זאַמאָשטש, װעלן זײ דאָ געפֿינען פֿאַר זיך פּלעצער און געניסן פֿון אַלע מענטשלעכע פֿרײַהײטן. דאָס איז חל ניט נאָר אױף די אונדזעריקע, נאָר בכלל אױף יעדן אײנעם אין טערקײַ.[28]

װאָס פֿאַר אַ פּעולה דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער בריװ האָט געהאַט לאָזט זיך ניט פֿעסטשטעלן. על כּל פּנים קען מען זיך משער זײַן, אַז אַ ביסל ספֿרדישע ייִדן זײַנען געקומען פֿון טערקײַ, פּונקט װי עס זײַנען געקומען אַרמענער פֿון דאָרטן און זיך באַזעצט אין זאַמאָשטש.

אײנס איז אָבער קלאָר, אַז בעת משה הכּהן האָט געשריבן דעם דאָזיקן בריװ צו זײַנע אמונה־ברידער אין טערקײַ, האָט ער שױן אױף דעם משמעות געהאַט זאַמאָיסקיס הסכּמה. ער און אױך אַנדערע ספֿרדים, װאָס האָבן זיך געפֿונען אין לעמבערג, זײַנען אָפּריִער פֿאַרבעטן געװאָרן פֿון זאַמאָיסקין װי יחידים. דער פֿאַקט, אַז עטלעכע פֿון זײ האָבן באַקומען אַזעלכע ברײטע הנחות כּדי עס זאָל זײ ציִען זיך צו באַזעצן אין דער נײַער שטאָט, האָט אין אַ גרױסער מאָס משפּיע געװען צו העלפֿן דעם גרינדער פֿון דער שטאָט צו פֿאַרגרעסערן די צאָל ייִדן, אָבער נאָר ספֿרדישע. באַשיצט פֿון דער קאָנקורענץ פֿון אײגענע און פֿרעמדע, ד״ה פֿון פּױלישע ייִדן און פֿון די קריסטלעכע סוחרים, האָבן די ספֿרדישע ייִדן געהאָפּט װײַטער צו פֿירן זײערע געשעפֿטן דװקא אין לעמבערג און אױסניצן זאַמאָשטש נאָר װי אַ װינפּונקט.

צונױפֿגעטראָפֿן האָט זיך די דאָזיקע מערקװערדיקע פֿאַרבעטונג קײן זאַמאָשטש גראָד מיטן מאָמענט װען די געשעפֿטן פֿון יוסף נשׂיאס אַגענטן זײַנען

[28] באַלאַבאַן, דצ״װ, זז׳ 14—15; שאָר, דצ״װ, ז׳ 177.

עס איז כּדאַי אױפֿצוקלערן, אַז פּאַקטיש זײַנען די דאָזיקע ספֿרדים ניט קײן טערקישע ייִדן, אַ טײל האָבן געשטאַמט פֿון איטאַליע און אַנדערע לענדער.

אין לעמבערג געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ און קיין דיפּלאָמאַטישע ישועה פֿון דעם הויכן פּראָטעקטאָר פֿון טערקײַ איז ניט געקומען און האָט אויך ניט געקענט קומען. פֿאַרטונקען אין חובֿות, האָבן די ספֿרדים ניט געהאַט קיין געלט אויסצוקויפֿן די סחורות, וואָס זיי האָבן געמוזט פֿאַרמשכּונען. משה הכּהן איז אַפֿילו איין מאָל געווען אַרעסטירט פֿאַר ניט צאָלן די חובֿות. עס האָבן ניט גע־האָלפֿן די פּראָטעסטן פֿון צוויי שליאַכטשיצעס וואָס האָבן אין זאַמאָיִסקיס נאָ־מען געבעטן אים צו באַפֿרײַען. אמת, משה הכּהן איז נאָך פֿיר טעג באַ־פֿרײַט געוואָרן, אָבער די לאַגע איז ניט פֿאַרבעסערט געוואָרן. געשען איז דאָס שוין נאָך דעם ווי ער האָט געוווינט אין זאַמאָשטש און איז געקומען קיין לעמ־בערג וועגן זײַנע געשעפֿטן.

אַזוי אַרום האָט זיך די ספֿרדישע קאָלאָניע אין לעמבערג אָנגעכאַפּט פֿאַרן געדאַנק משנה מקום צו זײַן און געהאָפֿט, אַז דאָס וועט אפֿשר משנה זײַן אויך זייער מזל אין מיסחרים.

די דאָזיקע קאָניונקטור, ממש צוגעטראָגן אויף טעלערלעך דער קליינער ספֿרדישער גרופּע, האָט אַזוי אַרום גורם געווען דעם אָפֿיציעלן אַקט פֿון שאַפֿן אַ ייִדישן ייִשובֿ אין זאַמאָשטש, וואָס זאָל באַשטיין נאָר פֿון ספֿרדישע ייִדן, אַן אַקט אַ יחיד במינו אין דער געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן.

3. דער ספֿרדישער ייִשובֿ אין זאַמאָשטש

דער געדאַנק זיך צו באַזעצן אין זאַמאָשטש, וואָס די צופֿעליקע ספֿרדישע אײַנוווינערס פֿון לעמבערג האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין אים און אים באַטראַכט ווי אַ שוץ קעגן די רדיפֿות און שיקאַנעס קעגן זיי — איז אין אַ סך פּרטים ענלעך צו דער געשיכטע מיטן ספֿרדישן ייִשובֿ אין דעם שטעטל גליקשטאַט, ניט ווײַט פֿון האַמבורג. דאָס דאָזיקע שטעטל איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1618 פֿון דעם דענישן קיניג Christian IV. אויך ער האָט געגעבן די ספֿרדים זייער אַ גינציקע פּריווילעגיע וואָס האָט צוגעצויגן צו יענער שטאָט אַ סך ספֿרדים וואָס האָבן געזוכט גליק. דערבײַ איז אויך געווען דער געדאַנק ווײַטער צו פֿירן מיסחרים אין האַמבורג כּל־זמן עס לאָזט זיך, און אויב די דאָזיקע געשעפֿטן וועלן ווערן אַלץ מער און מער צעשטערט, וועט גליקשטאַט ווערן דער מקום מיקלט פֿאַר די האַמבורגער ספֿרדים, פּונקט ווי זאַמאָשטש האָט עס געזאָלט ווערן פֿאַר דער ספֿרדישער קאָלאָניע אין לעמבערג.[29]

באַטראַכט אין דעם גײַסט, באַקומט גאָר אַ וויכטיקן באַטײַט די זאַמאָשטשער פּריווילעגיע פֿון 1588, וואָס דער פֿעלדאַלער מאַגנאַט יאַן זאַמאָיִסקי האָט מיט אַזאַ ברייטער האַנט געגעבן נאָר פֿאַר ספֿרדישע ייִדן. ווי די עלטסטע פּריווי־לעגיע פֿון דעם מין, וואָס ספֿרדים האָבן בכלל ווען עס איז באַקומען בעת עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ נײַע שטאָט, פֿאַרדינט דער דאָזיקער דאָקומענט אַן אויספֿירלעכע באַשרײַבונג.[30]

---

[29] Alfonso Cassuto, *Die portugiesischen Juden in Glückstadt,* Hamburg, 1930.

[30] דער דאָזיקער דאָקומענט איז צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין אַ נאָטיץ אין וואָכנבלאַט

זײַן פּריווילעגיע הייבט זאַמאָיסקי אָן מיטן פֿעסטשטעלן, אַז מען האָט אים געבעטן „אין נאָמען פֿון עטלעכע ייִדן פֿון דער שפּאַנישער און לוזיטאַנישער [ד״ה פּאָרטוגעזישער] נאַציע״ צו דערלויבן זיי זיך צו באַזעצן אין זאַמאָשטש, פּונקט ווי ער האָט עס דערלויבט אַנדערע גרופּעס.[31]

ער דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ באַראַטונג מיטן שטאָטישן מאַגיסטראַט און באַשלאָסן צו געבן ייִדן די זעלבע רעכט און פֿרײַהייטן וואָס עס פֿאַר־מאָגן די אַנדערע גרופּעס. די ייִדן דאַרפֿן זײַן נאָר שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע, הגם זיי מעגן קומען פֿון איטאַליע אָדער טערקײַ. „זיי וועלן האָבן די פֿרײַהייט אַרײַנצופֿירן און אַרויסצופֿירן אַלע זאַכן און מכשירים אָן שום מניעות״.

מען טאָר די דאָזיקע ייִדן ניט אויספֿרעגן וואָס שייך זייער אמונה, וואָס עס דאַרף זיי דערלויבט ווערן אָפּצוהיטן לויט „ייִדישע דינים ומינהגים״. די ייִדן טאָר מען ניט באַליידיקן, אָנטאָן צרות אָדער ברענגען שאָדן, און בכלל דאַרפֿן זיי זיך פֿילן אַזוי זיכער אין שטאָט, ווי אַ שליאַכטשיץ אָדער אַ סענאַטאָר פֿילט זיך אין לאַנד.

פֿאַר אַ פּלאַץ צו וווינען ווערט פֿאַר די ספֿרדים אויסגעטיילט אַ גאַס (די שוסטערגאַס) און אויך אַ זײַטיקע גאַס וואָס פֿירט צום קליינעם מאַרק, די זאַלצגאַס. אויף די דאָזיקע גאַסן מעגן זיי האָבן פּלעצער, בויען הײַזער און באַ־טראַכטן די דאָזיקע הײַזער ווי אַן „אייגענעם באַזיץ״ פֿאַר זיך און זייערע יורשים. די דאָזיקע הײַזער מעגן זיי פֿאַרמשכּונען, פֿאַרקויפֿן, איבערבויען אאַז״וו. „אין אַלע אַנדערע ענינים דאַרפֿן זיי לעבן אין זיכערקייט און הנאה האָבן פֿון זייערע היימען. מען טאָר זיי ניט באַליידיקן, ווי אויך ניט זייערע קינדער און ניט שטערן אין זייערע רעכט און פֿרײַהייט פֿון פֿאַרמעגן״.

עס ווערט זיי אויך דערלויבט אויסצובויען אַן אייגענע שול, אָבער ביז זיי וועלן זײַן בכּוח אויפֿצושטעלן אַ בית התּפֿילה פֿון שטיין, ווערט זיי דערלויבט זיך צונויפֿצוקומען אין אַ פּריוואַטער דירה און דאַוונען. זיי מעגן האָבן זייערע איי־גענע ספֿרים בדפֿוס אָדער בכּתבֿ. זיי מעגן אַראָפּברענגען מלמדים פֿאַר די קינ־דער זייערע און אויך זיי (ד״ה די מלמדים) מעגן האָבן די ספֿרים וואָס זײַנען

Jutrzenka (1861, נומ׳ 21, ז׳ 208). דער זאַמאָשטשער משׂכּיל יהושע אַלטבערג, פּרצעס אַ קרובֿ, האָט צוגעשיקט דעם פֿולן טעקסט דעם רעדאַקטאָר פֿון *Jutrzenka*, וואָס האָט אים אָפּ־געדרוקט, לײדער מיט אַ סך גרײַזן, אין נומ׳ 43 פֿון דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט. אַ קורצער רעגעסט געפֿינט זיך אין זאַמאָיסקיס אַרכיוו אין וואַרשע (B. O. Zamojskich, 1815, 92).

אַ רעפּראָדוקציע פֿון דעם טעקסט וואָס איז געווען געדרוקט אין יוטזשענקאַ גיבן מיר צום סוף פֿון דעם אַרטיקל.

די ערשטע געשיכטע פֿון ייִדן אין זאַמאָשטש האָט אָנגעשריבן אַלטבערג אין אַן אַרטיקל א״נ: "Gmina izraelska w Zamościu" (*Jutrzenka,* 1861, 20).

אין זעלביקן יאָר האָט דער דאָרטיקער גלח קולאַשינסקי געלאָזט וויסן, אַז ער שרײַבט אַ גע־שיכטע פֿון דער שטאָט זאַמאָשטש און זוכט ייִדישע מאַטעריאַלן.

[31] ניט אַנדערש, אַז די דאָזיקע בקשה איז געקומען בעל־פּה, ווײַל אין די דאָקומענטן פֿון די זאַמאָיסקיס געפֿינט מען ניט קיין שפּור פֿון אַזאַ בקשה בכּתבֿ.

נייטיק. בוי־מאַטעריאַל ווערט די ייִדן דערלויבט צו נעמען פֿון זאַמאָיסקיס וועלדער, און ציגל ווי אויך קאַלך און שטיינער וויפֿל זיי ווילן — אָן באַצאָלט.

אין פֿאַל די ייִדישע קאָלאָניע אין זאַמאָשטש וועט זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז עס וועט ווערן ענג אויף די פּאָר גאַסן, וואָס זײַנען לכתּחילה פֿאַר זיי באַשטימט, מעגן זיי זיך פֿונאַנדערשפּרייטן. „אויב מיט דער צײַט וועט זיך אָנזאַמלען אַזוי פֿיל פֿון דער דאָזיקער נאַציע, אַז עס וועט זײַן אוממעגלעך צו וווינען צווישן די שטאָטמויערן, וואָס זײַנען פֿאַר זיי באַשטימט געוואָרן, זאָל זיי דעריבער זײַן דערלויבט צו קויפֿן אַנדערע הײַזער אין די פֿאָרשטעט, אויסער דער שטאָט, מיטן רעכט צו בויען דאָרטן הײַזער". פֿאַר די דאָזיקע הײַזער וועלן ייִדן ניט דאַרפֿן צאָלן מער ווי עס צאָלן די דאָרטיקע שטאָטלײַט.

זאַמאָיסקי זאָגט צו מנדבֿ צו זײַן אַ פּלאַץ פֿאַר אַ בית־עלמין, בתּנאַי אַז די ייִדן גופֿא זאָלן דעם בית־עלמין אַרומצוימען מיט אַ הילצערנעם גדר.

וואָס שייך פֿירן מיסחרים, וואָס דאָס איז נאָך אַלעמען געווען דער הויפּט־נסיון זיך צו באַזעצן אין דער נײַער שטאָט, גיט די דאָזיקע פּריווילעגיע די ווײַטערדיקע הנחות:

די ספֿרדים באַקומען דאָס רעכט צו עפֿענען קראָמען אויפֿן גרויסן מאַרק, אין ראָטהויז און אין אַנדערע פּלעצער. עס ווערט זיי דערלויבט צו האַנדלען מיט צירונג, כּלים, טײַערע בגדים, גאָלדענע און זילבערנע חפֿצים, ווי אויך מיט רפֿואות און פּערפֿומען. די סחורות מעגן זיי אימפּאָרטירן פֿון וואַנען זיי ווילן און פֿאַרקויפֿן מעגן זיי דירעקט אָדער אומדירעקט אויף די ירידים.

אינטערעסאַנט איז דער פּאַראַגראַף וועגן די רעכט פֿון ייִדישע רופֿאים אין זאַמאָשטש. עס ווערט געזאָגט אין דער דאָזיקער פּריווילעגיע, אַז די „וואָס זײַנען געלערנט אין מעדיצינישער וויסנשאַפֿט, האָבן דערפֿאַרונג און האָבן אויך אַ דאָקטאָר־טיטל פֿון זאַמאָשטש,[32] מעגן זיך פֿאַרנעמען מיט מעדיצין, קורירן קראַנקע אָן שום מניעות. זיי מעגן אויך האַלטן אַפּטייקן אומגעשטערט, פּרעפּאַרירן מעדיקאַמענטן און זיי פֿאַרקויפֿן. זיי קענען אויך אומגעשטערט זיך פֿאַרנעמען מיט פֿעלדשערײַ, בתּנאַי אַז די שטאָטישע באָד וועט פֿון דעם ניט האָבן קיין היזק, ווײַל אַ טייל הכנסות פֿון דעם מין געהערט איר".[33]

[32] דער פּרט מיט ייִדן־דאָקטוירים גראַדויִרטע פֿון זאַמאָשטש איז ביז גאָר אינטערעסאַנט. קיין מעדיצינישער פֿאַקולטעט איז אין דער זאַמאָשטשער אַקאַדעמיע בכלל ניט געווען, הגם מען האָט געלערנט אַנאַטאָמיע לויטן איטאַליענישן (ד"ה פּראַקטישן) נוסח. 1598, ד"ה צען יאָר נאָכן אַרויסגעבן די דאָזיקע פּריווילעגיע, האָט זאַמאָיסקי זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אַ יונגן ייִדישן רופֿא טובֿיה און אים געוואָלט שיקן קיין פּאַדוע שטודירן כירורגיע. דער יונגער רופֿא האָט אָבער ניט געוואָלט פֿאָרן אַהין, ווײַל ער האָט געטענהט, אַז אָן ידיעות אין לאַטײַן וועלן אים די דאָזיקע לימודים קיין שום נוצן ניט ברענגען. זען:
St. Łempicki, *Działalność Jana Zamojskiego na polu szkolnictwa*, Kraków, 1920, 244.

[33] אין דער פּריווילעגיע וואָס די ספֿרדים האָבן באַקומען אין די צוויי טשעכיש־שלעזישע שטעטלעך Troppau און Jägerndorf אין יאָר 1625 איז זיי געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו האָבן אייגענע רופֿאים. זען:

וואָס שייך בגדים מעגן זיי זיך אָנטאָן ווי זיי ווילן און מען טאָר זיי ניט צווינגען צו טראָגן וועלכע עס איז דרויסנדיקע סימנים, וואָס מען וועט דער־קענען נאָך זיי אַז זיי זײַנען ייִדן, און „כּדי זיך צו קענען באַשיצן מעגן זיי טראָגן דאָס זעלבע געווער וואָס אַנדערע בירגערס מעגן טראָגן פֿאַר דעם זעלבן צוועק".[34]

אין די היימען זייערע מעגן די ספֿרדים בויען באַדפּלעצער פֿאַר די מיט־גלידער פֿון דער אייגענער משפּחה, אײַנגעשלאָסן די באַדינערשאַפֿט.

אין עניני מיסחר ווערן אָבער אַרײַנגעפֿירט אַ ריי באַגרענעצונגען וואָס זײַ־נען געווען אַ פּועל־יוצא פֿון די מיסחר־גאַראַנטיעס וואָס אַנדערע גרופּעס, ווי אַרמענער, גריכן א״אַ, האָבן באַקומען פֿון זאַמאָיסקין. אַזוי, למשל, איז האַנדלען מיט מיזרח־ און דרום־ווײַנען געווען אַ פּריווילעגיע פֿון די אַרמענער, דער האַנדל מיט שפּײַז־אַרטיקלען, ווי ברויט, פֿלייש, הינער איז געווען גאַראַנטירט די טשעכן, ממילא האָט מען די ספֿרדים פֿאַרווערט זיך אָפּצוגעבן מיט די דאָ־זיקע מיסחרים. אָן אויסנעם ווערט אָבער געמאַכט פֿאַר ווײַן, פֿאַרקויפֿט אין גרויסע קוואַנטומס.

די ספֿרדישע ייִדן מעגן זיך אָפּגעבן מיט מלאָכה, חוץ קירזשנערײַ, טעפּערײַ, שוסטערײַ. זיי קענען אויך ניט זײַן קיין קצבֿים. די דאָזיקע מלאָכות האָבן שוין געהאַט אייגענע צעכן, וואָס האָבן באַשיצט די אינטערעסן פֿון די דאָזיקע בעלי־מלאָכות.

זיי מעגן שעכטן פֿאַרן אייגענעם געברויך. דאָס טרפֿה פֿלייש ווערט זיי דערלויבט צו פֿאַרקויפֿן בעת די וואָך־ירידים, ווי אויך אין אַנדערע שטעט און דערפֿער פֿון „מײַן פּריצטום" (państwa mojego), ד״ה אויף די טעריטאָריעס וואָס זײַנען דאָס אייגנס פֿון די זאַמאָיסקיס.

זייער אינטערעסאַנט איז דער פּונקט וועגן דער ייִדישער קהילה־אָרגאַניזאַציע אין זאַמאָשטש:

> די אויבן דערמאָנטע ייִדן פֿון דער שפּאַנישער און לוזיטאַנישער נאַציע זאָלן ניט זײַן אונטערגעוואָרפֿן דער מאַכט פֿון אַנדערע ייִדן. זיי גופֿא וועלן באַשטימען זייערע ראָשים און שאַפֿן אַ קהילה פֿון לוזיטאַנישע און שפּאַנישע ייִדן, צו וועלכער אַ ייִד פֿון אַ צווייטער נאַציע וועט ניט קענען צוגעלאָזט ווערן אָן זייער דערלויבעניש.[35] אַזאַ [באַשלוס] וועט דאַרפֿן אָנגענומען ווערן פֿון די ראָשים פֿון דער סינאַגאָגע אָדער

Alfonso Cassuto, "Ein unbekanntes Dokument . . .," *Zeitschrift für die Geschichte der Juden in der Tschechoslowakei*, 1930, II, 87.

[34] Isaac da Costa, דער באַרימטער האָלענדישער פֿאָרשער פֿון ספֿרדישן אָפּשטאַם וואָס האָט אין 1860 אַרויסגעגעבן זײַן גענעאַלאָגיע פֿון ספֿרדישע משפּחות, שרײַבט אַזוי:

„אין איטאַליע און אין געוויסע טיילן אַפֿילו אין פּוילן האָט מען זיי [די ספֿרדים] געגעבן די זעלבע רעכט, וואָס עס האָבן אין אַ סך פּרטים געהאַט פֿריִער די קריסטלעכע אַדללײַט אין שפּאַניע, ווי למשל טראָגן אַ שווערד". ציטירט לויט:

Isaac da Costa, *Noble Families Among the Sephardic Jews*, London, 1936, 121.

[35] אין דער פּריווילעגיע פֿון 1625 (Cassuto, 86) ווערט בפֿירוש געזאָגט, אַז נאָר „העב־רעער פֿון לעוואַנט, איטאַליע אָדער אַפֿריקע" מעגן זיך באַזעצן, בשום אופֿן אָבער ניט „keine deutsche oder polnische Juden".

דורך אַ מערהייט לוזיטאַנער און שפּאַנישע ייִדן. דער נאָמען פֿון יעדן ייִדן דאַרף פֿאַרשריבן ווערן אין דעם פּינקס פֿון דער סינאַגאָגע. [די ייִדן] וועלן האָבן די מאַכט אויסצוקלייַבן די ראָשים לויט אייגענע מינהגים. די דאָזיקע ראָשים וועלן האָבן דעם כּוח הרשאה צו דערלײדיקן אַלע סיכסוכים, מישפּטים, שטראָפֿן די שולדיקע און די וואָס האָבן עובֿר געווען דעם דין, מחרים זייַן און אַפֿילו מגרש זייַן.

וואָס שייך שטאָטשטייַערן ווערן די ספֿרדישע ייִדן ניט אונטערגעוואָרפֿן דער שטאָט, ממילא דאַרפֿן זיי צאָלן שטייַערן וואָס זאַמאָיסקי גופֿא וועט באַשטימען.

די שטאָטלייַט קענען ניט ברענגען קיין ייִדן פֿאַרן שטאָטישן געריכט. אין יעדן ענין, מעג עס זייַן אַ ציווילער אָדער אַ קרימינעלער, דאַרף דער געקריוודעטער ניט־ייִד זיך קודם־כּל ווענדן צו זאַמאָיסקין גופֿא.

איך זאָג צו — דערקלערט זאַמאָיסקי אין דער דאָזיקער פּריווילעגיע — צו זייַן יושרדיק. איך וועל באַשטימען אַ געניטן און ערלעכן ריכטער, וואָס איז פֿרייַ פֿון חשדים און וועט אין די ענינים פֿון זייערע סיכסוכים מיט קריסטן מישפּטן הן אין ציווילע, הן אין קרימינעלע ענינים.

די פּריווילעגיע פֿאַרזיכערט די ספֿרדישע ייִדן פֿרייַהייט צו באַוועגן זיך. וויל עמעצער פֿון זיי פֿאַרלאָזן זאַמאָשטש, קען ער דאָס טאָן אומגעשטערט, בתּנאַי אַז ער וועט באַצאָלן אַלע חובֿות, אויב ער קומט עמעצן. ער מעג פֿאַרקויפֿן זייַן הויז און מיטנעמען זייַן גאַנץ פֿאַרמעגן.

ווייַטער דערקלערט זאַמאָיסקי, אַז ייִדן פֿון זייַן שטאָט זאַמאָשטש וועלן האָבן די זעלבע רעכט וואָס עס האָבן ייִדן אין קראָקע, פּויזן, לובלין און אַנדערע שטעט אין פּוילן, ווי אויך „סענאַטאָרן און די שליאַכטע פֿון דער פּוילישער קרוין״.

כּדי צו געבן דער דאָזיקער פּריווילעגיע אַ יורידישן ווערט, ווערט זי פֿאַרשריבן „וואָרט בייַ וואָרט״, כּדי „מייַנע יורשים זאָלן דאָס אויספֿירן לדורות״.

איך זאָג צו און גאַראַנטיר, אַז זיי מעגן אויף די באַשטימטע ערטער בויען הייַזער און פֿאַרמערן די שטאָטישע מיסחרים.

אָבער זיי דאַרפֿן „ניט זייַן פֿויל״.

ווי געזאָגט איז די דאָזיקע אויספֿירלעכע פּריווילעגיע די איינציקע בכלל וואָס ספֿרדים האָבן באַקומען אין פּוילן, בעת אין אַנדערע לענדער האָט עס שפּעטער אָפּט פּאַסירט.

בדרך כּלל איז דאָס געווען אַ ליבעראַלע פּריווילעגיע. דער חשבון איז אָבער געמאַכט געוואָרן אָן דעם בעל־הבית. אין דעם פּרט זייַנען די בעלי־בתּים געווען די פּאָטענציעלע תּושבֿים פֿון זאַמאָשטש פֿון דער ספֿרדישער גזע. וויפֿל ייִדן אין טערקייַ ס׳האָבן זיך אָפּגערופֿן אויף משה הכּהנס לויבבריוו וועגן די גוטע כּוונות פֿון זאַמאָיסקין בנוגע ספֿרדישע ייִדן איז שווער פֿעסטצושטעלן. משמעות אַז אַ ביסל ייִדן האָט זיך פֿאָרט באַזעצט אין זאַמאָשטש. מיר געפֿינען אַ פּאָר נעמען פֿון ווענעציאַנישע ייִדן און אַפֿילו פֿון אַנדערע, ווייַטערע מקומות. די דאָזיקע פּריווילעגיע איז פֿאַר דער ספֿרדישער קאָלאָניע אין זאַמאָשטש, וואָס איז אין תּוך גענומען געווען פֿאַראינטערעסירט צו האָבן אַ געזיכערטן צוריק־

טריט, אַ מקום מיקלט, כּדי צו קענען מיט ווייניקער ריזיקע פֿירן מיסחרים אין לעמבערג — פּונקט ווי די ספֿרדים אין גליקשטאָט האָבן עס געוואָלט טאָן וואָס שייך האַמבורג — געווען אַ ביסל צו שפּעט. דאָן יוסף נשׂיא האָט שוין ניט געלעבט. די שפּעטערדיקע ספֿרדים־אַגענטן וואָס זײַנען משמעות אויף איי־גענער אַחריות געקומען קיין פּוילן האָבן שוין קיין דיפּלאָמאַטישן שוץ ניט געפֿונען. 1605 שטאַרבט יאַן זאַמאָיסקי און מיט אים גייט אַוועק דער לעצטער פֿאַרטיידיקער פֿון די „טערקישע ייִדן".

די ספֿרדישע ייִדן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין זאַמאָשטש האָבן על־פּי רובֿ געפֿירט זייערע מיסחרים אין לעמבערג. דער זעלבער משה הכּהן מאָסאָ, אַגבֿ דער ערשטער זאַמאָשטשער ייִדישער תּושבֿ (זינט 1587), פֿיגורירט נאָך אין 1596 אין לעמבערגער אַקטן ווי אַ בעל־דבֿר אין האַנדלס־סיכסוכים מיט אַן אַרמענישן סוחר, ד"ה קנאַפּע נײַן יאָר נאָכן באַזעצן זיך אין זאַמאָשטש. 1597 ווערט פֿאַרנאָטירט, אַז צוויי זאַמאָשטשער ספֿרדים, בײדע פֿון ווענעציע, שלמה מאַרקוס און אַבֿרהם מזרחי, פֿאַרקויפֿן אַ הויז איינעם אײַזיק מעטקעפֿט, וואָס זאָל האָבן געווען אַן ענגלישער ייִד.[36] 1598 ווערן די דאָרטיקע ספֿרדים דער־מאָנט אין שײַכות מיט זייערער אַ בײַשטײַערונג פֿון 80 גולדן לטובֿת דעם בנין פֿון ראָטהויז.[37]

הגם די פּריווילעגיע זאָגט בפֿירוש, אַז מען טאָר ייִדן ניט באַליידיקן און טאָן עפּעס וואָס קען זיי ברענגען שאָדן, נעמט אָן די דאָרטיקע אַקאַדעמיע אַ געלט־ירושה, וואָס אַ פּראָפֿעסאָר האָט איבערגעלאָזט פֿאַר אַ „גמילת־חסדים־קאָסע" (mons pietatis), וואָס זאָל לײַען געלט אויף משכּנות אַלעמען אַחוץ ייִדן. די דאָזיקע קאָסע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1607, ד"ה סך־הכּל נײַנצן יאָר נאָך דעם ווי די ספֿרדים האָבן זיך באַזעצט אין זאַמאָשטש.[38]

די פּריווילעגיע פֿון 1588 רעכנט אויס פֿיר מלאָכות, מיט וועלכע די ספֿרדישע ייִדן קענען זיך ניט פֿאַרנעמען. אָבער 1621 גיט אַרויס דער זאַמאָשטשער צעך פֿון צירולניקעס תּקנות, לויט וועלכע ייִדן מעגן זיך פֿאַרנעמען מיט דער דאָזיקער מלאָכה גלײַך מיט ניט־ייִדן. אַזאַ תּקנה איז שוין זיכער ניט געווען

[36] A. Tarnawski, *Działalność gospodarcza Jana Zamojskiego*, Lwów, 1935, 384. ווי קומט אַן ענגלישער ייִד אין יענע צײַטן אין פּוילן, בעת ייִדן זײַנען נאָך ניט געווען צוריק אין ענגלאַנד (אָפֿיציעל) זינט 1290? איין היסטאָריקער רופֿט אים אָן Izaak Metkeft, אַ צווייטער — Izaak Midkeft. ער האָט אַ געלט־תּבֿיעה קעגן צוויי שאָטלענדישע סוחרים און שרײַבט צום קאַנצלער פֿון זיבנבירגן מכּוח אינטערווענץ. לויט אַלע וואַרשײַנלעכקייטן איז ער ניט קיין ייִד. די פֿראַגע איז אָבער וויכטיק צוליב דעם וואָס צוויי ספֿרדים האָבן אים פֿאַרקויפֿט זייער הויז אין זאַמאָשטש. זען:

M. Bałaban, *Żydzi lwowscy*, 467; Białkowski, *Rosprawy i studja*, Zamość, 1929, 178.

[37] Tarnawski, *op. cit.*, p. 325.

[38] דער דאָזיקער פּראָפֿעסאָר האָט געהייסן דרעזנער, שטודירט אין פּאַדוע ווי אַ סטיפּענדיאַט פֿון זאַמאָיסקין. די צוואה איז פֿון 1616. וועגן דער שׂינאה צו ייִדן זען:

Adam Burski, "Listy Prof. Ak. Zamojskiego (1597-1612)," *Biblioteka Warszawska*, 1884, II, 321-331; Jan Ptaśnik, in: *Minerwa Polska*, II, 1927, 7.

חל אויף ספֿרדישע ייִדן, ווײַל מען האָט אַזאַ ענין ניט געקענט אַרײַננעמען אין אַ תּקנה, מחמת על־פּי זייער פּריווילעגיע איז דאָס געווען אַ בפֿירוש קלאָרע זאַך. הייסט עס, אַז אין 1621 זײַנען שוין געווען ניט־ספֿרדישע ייִדן אין זאַמאָשטש.[39]

גאָר אינטערעסאַנט איז די געשיכטע מיט אַ ייִדישן דאָקטאָר (ניט רופֿא, נאָר טאָקע אַ דיפּלאָמירטן דאָקטאָר, וואָס זײַן נאָמען ווערט לײדער ניט אָנגעגעבן). דעם 13טן מײַ 1631 האָבן סטודענטן פֿון דער זאַמאָשטשער אַקאַדעמיע אַרויסגעגנבֿעט פֿון שטוב זײַנע אַ טאָכטער, אַ קינד פֿון עלף יאָר, און זי אָפּגעשמדט. עס איז בײַגעווען דערבײַ דער נײַער אָרדינאַט, ד״ה דער יונגער זאַמאָיסקי.[40] דער דאָזיקער פֿאַל איז געווען אין אַזאַ סתּירה מיט די גאַראַנטירטע רעכט, לויט דער פּריווילעגיע פֿון 1588, אַז עס איז אָן ספֿק געשען מיט אַ ניט־ספֿרדישן ייִדן. דאָס אַלץ קומט פֿאָר אַגבֿ נאָך 1605, ד״ה נאָכן טויט פֿון יאַן זאַמאָיסקי, דעם גרינדער פֿון זאַמאָשטש, ווען עס הייבט זיך בכלל אָן פֿילן אַ ירידה אין דער שטאָט. די אַקאַדעמיע וואָס האָט געוואָלט קאָנקורירן מיט קראָקע ווערט אײַנגעשרומפּן און ניוועלירט צו אַ ניט־וויכטיקער לערן־אינסטיטוציע. די „נאַציעס" וואָס האָבן געהאַט גאַראַנטירטע תּקנות און פּריווילעגיעס באַקלאָגן זיך אַז מען רודפֿט זיי און מען באַגרענעצט זיי אין די האַנדלס־פֿרײַהייטן, וואָס מען האָט זיי לכתּחילה געגעבן. דאָס טוען די גריכן, די אַרמענער, די שאָטלענדער. אַ סך פֿון זיי פֿאַרלאָזן בכלל זאַמאָשטש און באַזעצן זיך אין אַנדערע שטעט. די איטאַליענער גייען אַוועק קיין קראָקע, די גריכן קיין לעמבערג, די אַרמענער קעמפֿן נאָך אַ געוויסע צײַט פֿאַר זייערע רעכט, גאַראַנטירט אין דער פּריווילעגיע.

די פּוילישע שטאָטלײַט זײַנען פֿול מיט קינאה. זיי ווילן ווערן די פֿולע בעלי־בתּים פֿון דער שטאָט. די פּריווילעגיע פֿון ווײַן־מיסחר האָט גראָד שטאַרק אָנגערירט די ספֿרדישע ייִדן. פֿאַרקויפֿן צירונג און זײַדענע בגדים איז אין זאַמאָשטש ניט געווען וועמען. דאָס וואָס די שטאָט האָט געדאַרפֿט האָבן, האָבן צוגעשטעלט פּוילישע ייִדן פֿון די שכנותדיקע ערטער, וואָס האָבן אַגבֿ געהערט צו די זאַמאָיסקיס.

גרויס אָדער קליין אין צאָל, האָבן די ספֿרדישע ייִדן זיך אַרומגעקוקט, אַז דער זאַמאָשטשער גן־עדן איז ניט דאָס וואָס זיי האָבן געמיינט. קאָנקורירן מיט די אַרמענער אין זאַמאָשטש איז ניט געווען קיין לײַכטער ענין. צו קיין מלאָכה האָבן זיי זיך בכלל אין ערגעץ ניט גענומען, אַזוי אַז דאָס רעכט צו ווערן בעלי־מלאָכות האָט זיי גאָר ווינציק געקענט העלפֿן. די אויסלענדישע סוחרים האָבן זיך בכלל דערפֿילט ניט גוט אין דער פּוילישער סבֿיבֿה. יאַן זאַמאָיסקי פֿלעגט באַקומען בריוו פֿון זיי, בפֿרט פֿון די ענגלישע סוחרים וואָס האָבן זיך באַזעצט אין זאַמאָשטש און געהאַט דאָרטן ווי אויך אין אַנדערע שטעט פֿון פּוילן גרויסע קראָמען, אַז די שליאַכטע צאָלט ניט די חובֿות, און ווען זיי מאָנען דאָס געלט וואָס עס קומט זיי, שלאָגט מען זיי. אין געריכט קען אַן אויס־

---

[39] K. Sochaniewicz, *Teka Zamojska,* 1922, 62; Janusz Peter, *Przywilej cechu cyrulickiego w Zamościu; Teka Zamojska,* 2, 1939.

[40] Jan Kochanowski, *Dzieje Akademji Zamojskiego,* 1900, 87.

לענדישער סוחר ניט קריגן קיין גערעכטיקייט, ממילא פֿילן זיי, אַז מען דאַרף פֿון לאַנד אַוועק, אויב דער קאַנצלער גופֿא קען זיי ניט באַשיצן.

אויב די קריסטלעכע סוחרים האָבן ניט געקענט געפֿינען שוץ בײַ זאַמאָיסקין, אַפּשיטא ייִדן, אַפֿילו פֿון שפּאַנישן אָפּשטאַם, וואָס וועגן זיי האָט דער קאַנצלער געהאַט אַזאַ הויכע מיינונג.[41]

אַזוי אַרום וואָלט מען געקענט קומען צו אַן אויספֿיר, אַז איידער די ספֿרדישע קאָלאָניע אין זאַמאָשטש האָט זיך אײַנגעפֿונדעוועט, האָט זי שוין געהאַלטן בײַם פֿונאַנדערפֿאַלן זיך. ווי לאַנג אָבער עס האָט געדויערט ביז דער ספֿרדישער ייִשובֿ אין זאַמאָשטש איז בכלל אויפֿגעלייזט געוואָרן, לאָזט זיך לעת עתּה ניט פֿעסטשטעלן. איינס איז זיכער: אַרום 1600 פֿאַרשווינדן די נעמען פֿון ספֿרדישע ייִדן אין די לעמבערגער אַקטן.

עס ווערט אָנגעגעבן למשל, אַז די זאַמאָשטשער שול איז אויפֿגעבויט געוואָרן אין יאָר 1595. עס ווערט אַפֿילו דערציילט, אַז דעם באַלעמער האָט מנדבֿ געווען איינער ר׳ שמואל ברזל.[42] אויב דאָס איז מער ווי אַ מסורה, וואָלט עס געמיינט, אַז די קליינע עדה ספֿרדים (וועגן אַ גרויסער קהילה ספֿרדים קען בכלל ניט זײַן קיין רייד) האָט אויפֿגעבויט די דאָזיקע שול, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער אָביעקט פֿון קונסט־היסטאָריקערס אין פּוילן.[43]

עס זײַנען ניטאָ קיין שפּורן פֿון אַ ספֿרדישן בית־עלמין אין זאַמאָשטש און קיין איין נאָמען פֿון אַ ספֿרדישן רבֿ אין יענער שטאָט איז צו אונדז ניט דערגאַנגען.[44] פֿון דעם אַלעמען לאָזט זיך מער אָדער ווייניקער משער זײַן, אַז די געשיכטע פֿון ספֿרדישן ייִשובֿ אין זאַמאָשטש האָט זיך פֿאַרענדיקט אין די ערשטע פֿופֿציק יאָר פֿון זײַן אויפֿקום.

די רײַזנדערס וואָס האָבן באַזוכט זאַמאָשטש נאָך גזרת ת״ח (1648) דערמאָנען בכלל ניט קיין ספֿרדישע ייִדן. אין 1648 איז שוין זאַמאָשטש געווען אַ גרויסע ייִדישע קהילה פֿון בלויז אַשכּנזים, וואָס איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן בעת די יאָרן פֿון כמעלניצקיס גזרות, ווען פֿון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך ייִדן געראַטעוועט אין דער פֿעסטונג און אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פֿון טויט, הגם אַ סך זײַנען געשטאָרבן ווי קרבנות פֿון מגפֿות און הונגער.

אַזוי אַרום קען מען מיט אַ סך זיכערקייט אָנווײַזן, אַז אַרום 1630 פֿאַר־

---

[41] S. Staszic, *Uwagi nad życiem Jana Zamojskiego*, Kraków, 1926, 74.

[42] Altberg, in: *Jutrzenka*, 1861, 20.

דער זעלבער דאַ קאָסטאַ שרײַבט (דצ״וו, 81), אַז „אין פּוילן און אין רוסלאַנד זײַנען אפֿשר געבליבן אַ פּאָר [ספֿרדישע] יחידים און אפֿשר אַפֿילו איינצלנע משפּחות וואָס האָבן אָפּגעהיט זכרונות פֿון זייער דרומדיקן אָפּשטאַם, אָבער זיי האָבן קיין מאָל ניט פֿאַרמירט אַ סינאַגאָגע״.

אין דעם קאָנטעקסט קען סינאַגאָגע האָבן צוויי טײַטשן: אַ שול צום דאַוונען און אַ קהילה.

[43] M. Bałaban, *Zabytki historyczne Żydów w Polsce*, 51; Z. Głogier, *Budownictwo drzewne w Polsce*, Warszawa, 23; Szyszko-Bohusz, *Prace komisji historji sztuki*, Ak. Um., 1926, 21-23.

[44] הורוויץ, כתבי הגאונים, פּיעטריקאָוו, 1928, זז׳ 137—140, דערמאָנט אַלע רבנים, אָבער ווייסט ניט פֿון קיין ספֿרדישע.

שווינדן שוין די זאַמאָשטשער ספרדים. דאָס מיינט ניט, אַז דער אשכנזישער יִשוּבֿ האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעם ווי דער ספרדישער איז פֿאַרשווּנדן. על כּל פּנים דאַרף מען אָננעמען, אַז פּוילישע ייִדן זײַנען דאָרטן אַרײַן פֿריִער ווי סוחרים וואָס האָבן געווױנט אין די נאָענטסטע שטעט און שטעטלעך וואָס האָבן געהערט צו די זאַמאָיסקיס. אין דעם שכנותדיקן שעברעשין איז 1594 דער הויפּט־אַרענדאַר געווען יעקבֿ בן נתן. כּמעט אין אַלע גרויסע גיטער פֿון די זאַמאָיסקיס שפּילן ייִדן די הויפּטראָלע ווי אַרענדאַרן און סוחרים. אין זײַנע פּריוואַטע שטעט ווי טאָמאַשאָוו, טורבין א״אַ געפֿינען זיך ייִדן באַלד בײַם אָנ־הייב פֿון גרינדן די דאָזיקע שטעט.[45] אַזעלכע ברייטע פּריווילעגיעס ווי מען האָט געגעבן די ספרדים אין זאַמאָשטש האָבן זיי ניט געהאַט. על כּל פּנים זײַנען זיי אַהין אַרײַן און אויסגעפֿילט יענע פֿונקציעס וואָס זײַנען געווען נייטיק, און ממילא זיי געמאַכט מער אינטעגראַל אין דער אַלגעמיינער סטרוקטור פֿון דער שטאָטישער ווירטשאַפֿט אָן פּריווילעגיעס ווי די ספרדישע ייִדן זײַנען דאָס געווען מיט פּריווילעגיעס.

די צײַט ווען ספרדים זײַנען געווען אין זאַמאָשטש דאַרף דעריבער באַ־טראַכט ווערן ווי אַן אייגנאַרטיקער עפּיזאָד, וואָס האָט אין לעצטן סך־הכּל ניט געהאַט קיין השפּעה אויף דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן ייִשובֿ אין זאַמאָשטש און ניט איבערגעלאָזט קיין שום שפּורן פֿון זײַן עקסיסטענץ, חוץ צופֿעליקע נאָטיצן און דעם טעקסט פֿון דער פּריווילעגיע, וואָס אַ פּוילישער קאַנצלער, אַן „אוהבֿ ספרד״, האָט דער דאָזיקער עדה צוגעוואָרפֿן ממש ווי אַ מאַגנאַטישן קאַפּריז.[46]

---

[45] וועגן דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פֿון ייִדן אין זאַמאָיסקיס גיטער און לאַטיפֿונדיעס, אויספֿירלעך אין דעם ציטירטן בוך פֿון טאַרנאַווסקין. די רוסיש־ייִדישע ענציקלאָפּעדיע (VII, 667) אינפֿאָרמירט ניט ריכטיק, אַז יאַן זאַמאָיסקי האָט ניט צוגעלאָזט קיין ייִדן אין זאַמאָשטש.

[46] מיט אַ ראָמאַנטישער בענקשאַפֿט זוכט זיי אַרום אין יאָר 1816 אין זאַמאָשטש דער פּאָעט ניעמצעוויטש. ער שרײַבט אַזוי: Hiszpanów, Greków, Włochów już niema, dużo zato Żydów (קיין שפּאַניער [ספרדים], גריכן, איטאַליענער זײַנען שוין מער ניטאָ; דערפֿאַר אָבער אַ סך ייִדן, *Podróże historyczne po ziemiach polskich*, Paryż, 1858, 168).

1604 האָבן די אַרמענער נאָך געהאַט פֿאַבריקן פֿון סאַפֿיאַן, אָבער אָנהייב 18טן י״ה פֿאַרשווינדן זיי פֿון זאַמאָשטש. 1706 איז שוין ניטאָ קיין שפּור פֿון דער גריכישער סוחרים־קאָלאָניע. זען:

"Historia Kościoła Ormiańskiego Zamojskiego," *Starożytna Polska,* II, 801; M. M. Pieszko, *Zamość Gród Kanclersko-Hetmański,* Zamość, 1928, 10-11.

דער פּינקס פֿון זאַמאָשטשער חבֿרה־קדישא וגמילת־חסדים, וואָס די עלטסטע דאַטע איז תמ״ז (1687), הגם עס איז קלאָר, אַז עס איז געווען אַן עלטערער פּינקס, דערמאָנט לחלוטין ניט קיין ספרדים.

אפֿרים קופּער, „דער פּינקס פֿון דער זאַמאָשטשער 'חבֿרה קדישא וגמילת חסדים'", בלעטער פֿאַר געשיכטע, III, וואַרשע, 1950, זז' 79—88 (הקדמה).

הוספה

די זאמאשטשער פריווילעגיע פון 1588

(אפגעדרוקט אין *Jutrzenka*, 1861, נומ' 43, זז' 433—435)

„Jan na Zamościu Zamcyski Krolestwa Polskiego, Naywyszszy Kanclerz y Woysk Generał Belzki, Margeburski, Derpatowski, Knyszynski, Miedzyrzycki, Grodzinski, Jaworowski etc. Starosta. Znać daie tym listem Wszystkim i każdemu z osobna komu o tym wiedzieć należy teraźniejszego y Potomnego Wieku Ludziom. Że ia będąc proszony Jmieniem niektórych Żydów Nacyi Hyszpanskey y Lazytanskiey abym im moc mieszkania y obywania w Mieście moim Zamościu Pozwolił, których w Prawdzie z kilku Rodzaiami tak od Wschodu iako y Zachodu przychodzących tu przyimowano. Takci wspolną uczyniwszy radę z Magistratem y Zawicą Pomienionego Miasta mego Zamościa, aby ym ludniey w Rzeczy Kupieckie krzewić się y pomnażać mogło. Z Pozwoleniem tychże mieszczan Zamoyskich, Wolności y Mo-mieszkania w tym samym Mieście moim im pozwoliłem. Temi Prawami kondycyami Wolnościami. Gdy by do Zamościa Miasta mego Pomienieni Żydzi Luzytansky y Hyszpanscy, tak z Włoch iako tesz z Poddanstwa Tureckiego przyiechali tegoż Prawa Przywileiów Wolności Całości używać y zazywać bedą którego y Jnni Mieszczanie Zamoyscy. Bedą tesz mieli Wolność do niego przyiechać y nazad odiechać tak z Rodzaiem Rzeczami iako tesz y Sprzętami bez Żadnego Jmpedimentu, tak osób iak y Rzeczy iakichkolwiek albo tesz swoiey Familiy Żadna Jngvizycya przeciwko nim, albo ich Familiy o Większey ich Religy, postanowiona nie będzie, Ale wolno Wiarę swoię według Prawa i Postanowienia Żydowskiego czcić będą. Bespieczęstwa którego wszyscy inni Senatorów y Szlachty Poddani gdziekolwiek po Krolestwie zażywają tegoż y oni tesz zażywać będą, starać się według Praw Krolestwa będę aby od nikogo Potwarzą iaką albo Zelzywością albo tesz na Dobrach swoich uszczyrbkiem udręczeni niebyli. Naznaczam im tedy Vlice która się pospolicie Szewską nazywa, y bok albo strone, która pochodzi od tyiże Ulicy w Rynku mnieyszym, który się nazywa Solny naprzeciw Fundamentów, które na Skład Publicznych Przedaży założone są. Na którey to Ulicy y Stronie Rynku wolno im będzie Place y Domy budować, wystawiać, które im i Potomkom ich Wiecznemi czasy należyć będą z dozwoleniem tychże obligowania, Przedania, Przemienienia, według upodobania onych. W których to Domach swoich Gości, tak Żołnierzów, iako y innych przyimować będą powinni albo tesz obowiązani. W innych zaś wszystkich Rzeczach tym bespieczęstwem Żyć będą y Zazywać Domow swoich, aby Żadnym ani czci osób onych, ani Dzieci y Rodzaiu swego ani Dobr y Wolności onychże uciązeniem niebyli aggrawowani. Na tey że Ulicy wyż pomienioney: Wolno im będzie z Murów wybudować y stanowić pospolitą Bużnicę, wprzód zaś do kąd sobie Pospolitey tey niewystawią Synagogi, mogą się do Jakiego Domu Prywatnego zchodzić y w nim Ceremonie, y Religią swoję według Żydowskiego Postanowienia odprawować, bez żadnego czyiego kolwięk się sprzeciwienia. Xięgi tak Żydowskie tak Drukowane, iako też Ręką pisane, tak do czci Religy y do Pacierzy iako tesz y do Nauki Dziecinney Swoich y innych Żydów, którzy by to dla nauk przysłani byli należące Wolno ich y potrzeba mieć y onych zażywać mogą. Oprucz zaś tego, Wszystkim im na Budowanie pezwalam, Wolność matery, albo Drew na opał y wypalenie Cegły. Drzewa y Balki z Lasów moich Dziedzicznych wycinać y wywozić z Wiadomością iednak Dozorców moich y bez szkody Znacznych Drzew, (a osobliwie na wyrobienie Ulów, albo które się na nie zdać mogą). Częścią też daie im Wolność szukania sobie Cegły Wapna y kamienia Łamania, Za którę materyą, nic mi płacić nie będą. Jeżeli by zaś tak wiele tego Narodu napotym Żydów zgromadziło się, Zeby na mieyscach między Murami miasta naznaczonych wszyscy mieszkać niemogli, tym że za Miastem po Przedmieściu inne Domy kupować, y budować wolno sobie będzie. Domów zaś tak tych co między murami, iako tych które no Nowey Ulicy na Przedmieściu y Jnnych Ulicach więcey nie Płacić niebędą iak Mieszczanie Zamoyscy według Przywileiu Fundacyi Samey Miasta. Miesce zaś im odemnie wczesne y należy te dla chowania według Zwyczaju y obrzedu ich Umarłych wydzielone y naznaczone będzie. Które Parkanem Drewnianym ogrodziec im będzie się godziło. Handle y Przedazy iakokolwiek mogą bydź przez Królestwo Polskie y w tym Mieście moim tak że prowadzić będzie wolno, y w tym że Mieście moim, wolno im także będzie mieć y otwarzać Kramnice tak w Rynku wielkim iako y w Ratuszu, dla Przedaży Kleynotów, naczynia, Drogiego noszenia, y Jnnych Rzeczy Złotych y srebrnych; y Sukien Złotem albo srebrem tkanych, Jedwabnych y Wełnianych, także tesz Lekarstwy innych, Wonnych Perfum. Na ostatek jakiegokolwiek nazwiska tak Wschodnich Zachodnich y Północnych kupiec, iako inne Przedazy Żadnych niewyjąwszy, przedawać rozprzestrzeniać y po Jarmarkach Królestwa, tak przez się iako tesz przez Faktorów albo Namiestnikom

Swoich rozwodzić dla sprzedaży, iako tesz y dla innych Towarów Nakupu wolno będzie. Którzy zaś w Nauce Lekarskiey nauczeni y Biegli są y w niey Stopnia Doktorskiego dostąpili w Zamościu, w Medycynie się cwiczych y Chorych kurować bez Żadney Kontradykcyi bespiecznie mogą Tak tesz Apteki mieć Lekarstwa sposobić y przedawać, y Ceralictwo traktować bez przeszkody iednak Łazni Publiczney albo Dochodów iey należących. Sukien Pospolitych iakiegokolwiek koloru z Chrześcianami gdzie się im będzie podobało zażywać będą. Ani tesz do noszenia różney na sobie odziezy albo znaków przez które by się od innych różnili nigdy przyniewoleni bydź maią. Wszelkiego zaś rodzaiu Oręża którego inni obywatele zażywaią dla swoiey obrony mieć y nosić wolno mogą. W Domach swoich Łaźnie budować będą mogli w którychby Żony, Córki, y Służebnice ich według ich obrzędu, podług Miesiący y Czasów im opisanych, w Prawie y w Ceremoniach ich omywać się mogli tak żeby w nich od Chrześcian przeszkody nie mieli. Jednak bez Uszczerbku Pospolitey Łaźnyi ich Dochodów. Nie będą mogli dawać Małmazyi, Wina, Miodu, Piwa małą miarą alias Drobną do Przedaży, także tesz ani Chlebów, mięsa Kurcząt y innych do iedzenia Należytych Rzeczy Kupować niemogą na Przekup. Atoli iednak Wino którego kolwiek Rodzaju w Beczkach większych albo tesz w Kufach, przedawać mogą na Miescu pospolitym. Wszystkie Rzemiesła im oprócz Szewstwa y Kusnierstwa Rzeźnictwa y Gancarstwa przeciwko ich Cechom Przywylieów na Warstatach Oczywiście robić będzie się godziło, y Robotę Rzemiosła swego wystawiać y Przedawać, Buty zaś y Futra Cudzoziemskim Stroiem robić y przedawać wolno im będzie. Woły zaś y którekolwiek Nazwiska Bydło bić im wolno będzie, tak iednak aby z nich Mięso tylko Swoim Żydom przedawali: Jnne zaś którego według Prawa swego y ustawy zażywać się im niegodzi, podczas Dni Targowych Tyduiowych tak że y po innych Miasteczkach Wsiach Panstwa moiego przedawać, wolno im będzie. Pomienieni zaś Żydzi Nacy Hyszpanskiey y Łazytanskiey żadnym Jnnym Żydom władzy podlegać niemaią, ale samisz oni postanowią Starszych albo iedność z Żydów Lużytanskich y Hyszpanskich przez się do którego Drugiey Nacyi Żaden Żyd bez ich pozwolenia przypuszczony bydź niema dotąd aż, albo przez Starszych Synagogi będzie approbowany, albo też pomocą Większey Części tey społeczności Żydów Lazytanskich y Hyszpanskich przyięty. Aby Jmię iego w Xięgi Synagogi wpisane było. Będą mieli Władzę Obierania Sobie Starszych przez ich Mocy według Zwyczaiu ich którzy starsi będą mieli Moc Kontrowersye między niemi decydować Sentencye exegwować. Złych y występnych karać y tamże wyłączać, y z tąd wypędzać, y wyganiać. Podatków ani ciężarów żadnych od Miasta uchwalonych ponosić niebędą. Oprócz tych które odemnie na nich włożonę będą. Pomienionych Żydów, Żaden z mieszczanów moich, ani tesz Postronnych tak w sprawach potoocznych iako tesz kryminalnych do Jurisdykcyi Mieyskiey pociągać niebędzie, ale ieżeli by kto znał się bydź od nich w czym ukrzywdzony nieodwłocznie, Sprawiedliwość z nich uczynić obiecuię, albo ten który odemnie Sędzim naznaczony będzie, Nacznacze zaś im Sędziego, Męża dobrego biegłego niepodeyrzanego, który w Sprawach y kontrowersyach ich z Chrześcianami rozsądzać będzie, y wszystkie sprawy tak Potoczne iako y kryminalne Sądzić będzie. Świadectwa także tesz Żydów iako w prawie iest y Przysiegi słuchać będzie, Sentencye wydawać, y oneż Exegvować, Pomienionych zaś Żydów, aby ich bronił od Praw y wolności ich. Skargi żadne Sekretne przeciwnim Słuchane niebędą. Wolno im tesz Świadków według Prawa excipować y przeciwko ich Świadectwa obiekcye czynić. Jeżeli by kto z iakiey przyczyny Podeyrzany był; Niezabrania się tesz im aby z Prokuratorami, Obroncami y Przyiaciołami o bronieniu Swych Spraw znosili się któryby zaś z Pomienionych Luzytanskich y Hyszpanskich Żydów znowu gdzieindziey z tąd wyiechać y Siebie z Familią y Rzeczami swemi wywiść się Chciał, Wolno mu będzie Dom swoy przedać Zapłaciwszy wszystkie długi, wolno gdzie będzie chciał iść y wyiechać. Jeżeli by Zaś Kray z Pomienionych Żydów w Szczęściu iakimkolwiek trafunkiem podupaść miał, Exekucya iego nie będzie się rozciągała, do osób rzeczy y Handlów, albo Towarów czyich inszych, Posagów zaś Przywilyi extra J s Terrestre nad Jnne y prócz innych Długów Zapisany bydź ma. Będą zaś mieli Pomienieni Żydzi Wszelkie prawa które maią Krakowscy, Poznanscy, Lubelscy y Jnni Miast y Miasteczek Jego Królewskiey Mości y Jnych Senatorów y Szlachty Korony Polskiey iako w Statutach Królestwa y Przywileow Boleslai Ducis Halissiens y Jnnych Naiasnieyszych Królów Polskich Zamykaią się Co wszystko Że sam y Sukcessorowie moi Zachowamy obiecuie y obowiązuię się iako by Słowo w Słowo w ten Przywiley wpisani byli znowu wszystkie się w ten Przywiley Zaymykania ia y Sukcessorów moich, Że wiecznemi czasy zachowaią obiecuię y Ręczę. Tak iednak aby na Mieyscach naznaczonych Domy budowali y w tych kupiectwach Miasta pomnazali niebędąc w tym leniwemi. Co do lepszey wiary teraznieysze pismo Ręką moią podpisawszy Pieczęć moię przycisnąc Kazałem. Dan w Zamościu Feria Sexta ante Festum Carnis Primo prox Anno Domini Millesimo Quingentesimo octagesimo Octavo 1588.

ר׳ יחיאל־מיכל עפּשטיין – אַ דערציִער און קעמפער פאַר ייִדיש אין 17טן יאָרהונדערט

פון שלמה נאָבל

א

דער לייענער וועט באַלד געבן אַ פרעג: אַ קעמפער פאַר ייִדיש פון 17טן יאָרהונדערט, וואָס איז דאָ די רבותא? האָבן מיר דאָך יוסף בר יקר, דעם אַרויסגעבער פון דער ייִדישער איבערזעצונג פון סידור, וואָס שטעלט זיך איין פאַר ייִדיש נאָך אין 16טן יאָרהונדערט. עס איז אָבער גאָר אַ גרויסער חילוק צווישן ר׳ יחיאל־מיכל עפּשטיינען און זיין פאָרגייער. ווי יוסף בר יקר האָט זיך אַליין מודה געווען איז ער געווען איין עם־הארץ און טרופּפּא [הדיוט], בעת ר׳ יחיאל־מיכל איז געווען אַ ייִד אַ למדן און אַן אָדם חשוב. אין די הסכמות אויף זיינע ספרים, קיצור שני לוחות הברית (העברעיִש),[1] סדר תפלה דרך ישרה און דרך הישר לעולם הבא (ייִדיש), ווערט ער אָנגערופן פון די גדולים פון דער צייט „גברא רבא ויקירא, מנורה הטהורה", „האלוף התורני" און ענלעכע טיטלען. טאָקע אין דעם סאָציאַלן און קולטורעלן חילוק ליגט די חשיבות פון ר׳ יחיאל־מיכלס אויפטוען. מיט דעם וואָס ער, אַ ייִד אַ למדן, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר ייִדיש, האָט ער געהויבן די געזעלשאַפטלעכע מערכה פון דער שפּראַך און פאַר איר אויסגעקעמפט אַנערקענונג מצד דער אָנפירערשאַפט פון דער לומדישער וועלט.

---

[1] ר׳ יחיאל־מיכל איז געווען זייער אַ באַשיידענער מענטש. ער האָט דעם ספר אָנגערופן קיצור שני לוחות הברית, אָבער באמת איז דאָס ניט בלויז אַ קיצור פון דעם באַרימטן ווערק, נאָר אויך אַן אויסברייטערונג. דער מחבר האָט אַריינגענומען אין דעם ווערק גאָר אַ היפּש ביסל אייגענעם און גראָד זייער כאַראַקטעריסטישן מאַטעריאַל. די ייִדישע ליטעראַטור־געשיכטעס (צינבערג א״אַ) האַלטן זיך ביים טיטל פון דעם שער־בלאַט און גיבן אָן, אַז דאָס ווערק איז בלויז אַ קיצור. אָבער שוין דער אַב״ד פון אַמסטערדאַם שרייבט אין תס״ז אין זיין הסכמה צו דער צווייטער אויסגאַבע פון דעם ווערק, אַז „שכמעט התוספות מרובה על העיקר". עס וואָלט זייער כדאַי געווען צו מאַכן אַ פאַרגלייכנדיקע אויספאָרשונג פון די צוויי ווערק.

דער קיצור שני לוחות הברית איז אַרויס אין אַ ייִדישער איבערזעצונג אין פראַנקפורט־מיין אין ת״ף, אונטערן טיטל עץ חיים, און איז צוועלף מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. הגם אויפן שער־בלאַט ווערט געזאָגט, אַז דאש גאנצי ספר קיצור שני לוחות הברית איז אפ גשריבן עש איז נישט אוישן גבליבן פון אן פאנג ביז צום ענד, איז עס אָבער פאָרט שטאַרק געקירצט.

אין תנ״ז (1697) איז אַרויס זײַן סדר תפלה דרך ישרה, אַ סידור מיט אַ ייִדישער איבערזעצונג פֿון דעם רובֿ תּפילות[2] מיט אַ צוגאָב דינים און מינהגים. דער סידור ווערט שטאַרק געלויבט פֿון די אָנגעזעענע רבנישע אויטאָריטעטן. דער רבֿ הכּולל פֿון בערלין און דער פּראָווינץ זעט די מעלה פֿון דעם סידור אין דעם וואָס ער איז געשריבן „ברוב ענין וברוב בנין כל דין ודין בלשון דײַטש״. דער פֿראַנקפֿורטער רבֿ כאַראַקטעריזירט די שפּראַך פֿון סידור: „לשון צח וזך... לשון אשכנז״, און דער באַמבערגער רבֿ — ווי „אמרי נועם״.

אָבער די הויפּט־חשיבֿות פֿון דעם סידור באַשטייט אין דער נײַער שטעלונג צו ייִדיש, וואָס דער מחבר גופֿא ווײַזט אַרויס. אין דעם דאָזיקן סידור פֿאַר־שווינדט דער אַלטער, גוט באַקאַנטער אַפּאָלאָגעטישער נוסח, מיט וועלכן מען פֿלעגט אַרײַנפֿירן ייִדיש: פֿאַר גימייני לײַט און נשים. אַנשטאָט דעם לייענען מיר אויפֿן שער־בלאַט: איין תּפֿלה די דאָ גשטעלט איז מיט דינים און הנהגות וויא זיך דער בן אָדם זאָל נוהג זײַן עז זייא דער למדן אודר גמיינה בעלי בתּים און׳ נשים...״ מיר האָבן דאָ די ערשטע אָנצוהערעניש אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַז ייִדיש איז אַן ענין אויך פֿאַרן למדן. ר׳ יחיאל־מיכל עפּשטיין האָט אײַנגעזען, אַז די ייִדישע שפּראַך איז געוואָרן אַ רעליגיעזע און קולטורעלע נויטווענדי־קייט אין ייִדישן לעבן. עס הייבן אָן געשאַפֿן צו ווערן אויף ייִדיש זעלבשטענ־דיקע רעליגיעזע און קולטורעלע ווערטן, וואָס דער למדן קאָן זיך שוין מער ניט פֿאַרגינען זיי צו איגנאָרירן.

דעם קוק האָבן אויך אַנדערע געטיילט מיט אים. דער באַרימטער מקובל און למדן ר׳ נפֿתּלי כּהן, רבֿ הכּולל אין פּויזן און שפּעטער אין פֿראַנקפֿורט־מײַן, שרײַבט אין דער הסכּמה צו דער צווייטער אויסגאַבע פֿון סידור (תּס״ג), אַז קומענדיק אין 1703 קיין פֿראַנקפֿורט־אָדער אויפֿן יריד, האָט ער זיך דאָרט באַ־קאַנט מיט דעם סידור און ער איז נבֿהל ונשתּומם געוואָרן („ונבהלתי ונשתוממתי״), אַז אַזאַ מין ווערק געפֿינט זיך ניט אין פּוילן. הגם, זאָגט ער ווײַטער, עס איז נאָך דעמאָלט געווען אַן איסור איבערצודרוקן דעם סידור, האָט ער דעם איסור מתּיר געווען און תּיכּף געהייסן אים איבערדרוקן „לזכות את הרבים גם במדינת פולין״. לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז פּוילן איז יעמאָלט געווען די היים פֿון ייִדי־שער לומדות, און לויט דעם עדות זאָגן פֿון ר׳ נתן־נטע האַנאָווער „לא היה כל כך הרבה תורה בכל תפוצות ישראל כמו במדינת פולין״.[3] ד״ה פּוילן האָט איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע מדינות אין תּורה־קענטעניש. וואָס זשע האָט מען זיך דאָרט אַזוי שטאַרק גענייטיקט אין דעם סידור, אַז מען האָט אַזש מתּיר גע־ווען דעם איסור צו דרוקן? קנאַפּ סידורים און זאַמלונגען פֿון דינים און מינ־הגים אין העברעיִש זײַנען יעמאָלט געווען? מוזן מיר קומען צו דער מסקנא,

[2] אלעזר שולמאַן אין זײַן שפת יהודית־אשכנזית וספרותה, ז׳ 58, דערמאָנט דאָס ווערק, אָבער ער שטעלט צו אַ משונהדיקע הערה וועגן אויסשפּײַען בײַ עלינו לשבח, וואָס האָט גאָר קיין שײַכות ניט צום ענין און איז מסתּמא אָנגעגעבן געוואָרן אויף דער דאָזיקער שטעל על־פּי טעות. אויך זײַן צווייטע הערה איז אָנגעגעבן געוואָרן על־פּי טעות.

[3] ספר יון מצולה, בערלין, תּרפ״ג, ז׳ 56.

אַז ר׳ נפתלי כהן איז געווען אײַנשטימיק מיט ר׳ יחיאל־מיכל עפשטיינען אין זײַן קוק אויף דער ראָלע פון ייִדיש אין דעם רעליגיעזן און קולטורעלן לעבן. ער האָט אין דעם דאָזיקן ספר געזען אַ זעלבשטענדיקן קולטורווערט וואָס איז גאָר וויכטיק אויך פאַר ווילקענערס. מיר ווייסן טאַקע, אַז אין די פּאָפּולערע ייִדישע ספרים ווי לב־טוב, צאינה וראינה און אַנדערע האָבן מעיין געווען ניט נאָר „גימייני לײַט״, נאָר אַפילו אַזעלכע לומדים ווי ר׳ שעפטל הורוויץ, דער בעל ווי העמודים,[4] און אַנדערע.

יוסף בר יקר האָלט די וואָס דאַוונען און פאַרשטייען ניט וואָס זיי זאָגן פאַר אייטל טורן — סתם שוטים; אָבער קיין סכנת נפשות איז אין אַזאַ מין דאַוונען ניטאָ, און ייִדישע תפילות זײַנען פאַר אים ניט קיין אַבסאָלוטע נויט־ווענדיקייט. ר׳ יחיאל־מיכל עפשטיין איז אין דעם פּרט גאַנץ קאָנסעקווענט. ער זעט אין אַזאַ דאַוונען אַן אומערלעכקייט אין דער באַציִונג צווישן מענטש און גאָט, אַ חילול השם און אַפילו אַ שטיקל סכנה. ר׳ יחיאל־מיכל אילוס־טרירט דאָס בדרך משל:

ווען איינער זאלט שטין פֿאר איין שררה... איין הגמון אודר דוכס... מכל שכן פֿר איינם מלך אודר קיסר ווען איינער זעלט זיינע טיטל אונ׳ חשיבות ארצילן אודר העט וואז צו ביטן... און זעלט זעלכש זאגן אויף איין אזו איין לשון דש ערש ניט פֿאר שטייט וואס ער זאגט אונ׳ מן זאלט אין פֿראגן וואס ער זאגט... מן מעכט אין מיט גרוסי חרפות אונ׳ בושת אן שרייאן מכל שכן ווען איינער שטייט אונ׳ טוט תפלה אונ׳ לובט השם יתברך...[5]

הייסט עס, אַז תּפילות אויף ייִדיש זײַנען אַן אמתע לעבנס־פראַגע, פון וועלכער עס איז אָפּהענגיק דעם מענטשנס וווילזײַן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. פון דער דאָזיקער באַטראַכטונג ציט ר׳ יחיאל־מיכל עפשטיין זייער אַ געוואַגטע מסקנא. ווען ער רעדט מכוח געוויסע תּפילות באַשליסט ער, אַז ווער עס פאַרשטייט ניט די דאָזיקע תּפילות איז בעסער ער זאָל זיי בכלל לאָזן אונ׳ ניקש זאָגין.[6] און ווײַטער שטעלט ר׳ יחיאל־מיכל אַוועק ווי אַ כלל פאַר דעם ניט־למדן: וויא ווניגר דז זעלכי לייט תחינות זאגן וואס זי ניט פֿר שטיין ווי בעסר דז עז איזט.[7] אין זײַן דרך הישר לעולם הבא (פראַנקפורט־מײַן, 1704), אַ בוך פון דינים און הנהגות, טענהט ער, אַז אַ סך מאָל איז דאָס צו פיל זאָגן גאָר מעשה שטן (פרק ל״ג, סעיף א׳). דער בעל־דבר קומט און רעדט אָן דעם עולם מען זאָל פּלאַפּלען די הייליקע תּפילות און זייערע טיפע כוונות פאַרשוועכן.

די תּפילות אויף ייִדיש האָבן אויך אַ בעסערע פעולה. בהסכם מיט דעם דאָזיקן קוק, זאָגט ער אָן דער פרוי, אַז נאָך ליכט בענטשן זאָל זי זינגען דעם

---

[4] זען שמחה אַסף, מקורות לתולדות החנוך בישראל, תּל־אָביב, תּרפ״ה, ב׳ ו, ז׳ ס״ט.
[5] ספר תפלה דרך ישרה, צווייטע אויסגאַבע, פראַנקפורט־אָדער, תּס״ג, ז׳ י״ג, א.
[6] דאָרטן, ז׳ ט״ו, א.
[7] דאָרטן, ז׳ ס״ז, ב.

זמר „שלום עליכם" אין דער פֿאָרעם וואָס ער גיט אָן.[9] אויף טייטש איז פֿיל בעשר אלש אויף לשון הקודש ווייל זיא עש פֿר שטייט אזו ווערט זיא איער [גיכער] דער הערט. דעסט גלײַכן איז מער פּעולה צו זאָגן תּהילים אויף טײַטש, ווײַל מען פֿאַרשטייט בעסער די שבֿחים פֿון גאָט וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעזאָגט און אַזוי אַרום קומט מען צו דער אמתער התעוררות און ליבשאַפֿט צו גאָט.

יוסף בר יקר האַלט, אַז דאָס דאַוונען אויף ייִדיש איז בדלית ברירה. די תּפֿילה אויף העברעיִש איז אַ סך חשובֿער, ווײַל העברעיִש איז פֿאָרט דאָס זעמל־מעל. ר' יחיאל־מיכל שטעלט אַוועק די חשיבֿות פֿון ייִדיש אויף איין מדרגה מיט העברעיִש. ער זאָגט בפֿירוש אויף איין אָרט: ווען איין גימיינר בעל בית זעלכש אויף טייטש זאגט איז אזו פֿיל אלז דער למדן אויף לשון הקדש זאגט.[9] נאָך מער, בײַם אָפּריכטן דעם סדר איז אַפֿילו דער למדן מחויבֿ צו דערציילן דעם סיפּור פֿון יציאת מצרים אויף ייִדיש.

ר' יחיאל־מיכל האָט אײַנגעזען, אַז עס זײַנען דאָ פֿאַרשיידענע מדרגות פֿון הבֿנה, אָפּהענגיק פֿון דער פֿונקציע פֿון דער שפּראַך בכלל. די הבֿנה אין אַ פֿרעמדער שפּראַך, אַפֿילו ווען מען קען זי גאַנץ גוט, איז ניט די זעלבע ווי די הבֿנה אין דער שפּראַך אין וועלכער מען רעדט. עס פֿעלט דער פֿרעמדער שפּראַך היימישקייט און אינטימקייט, און בײַ די תּפֿילות, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק די עמאָציאָנעלע פֿונקציע פֿון דער שפּראַך, זײַנען די דאָזיקע עלעמענטן דער עיקר. אַ תּפֿילה אין וועלכער עס פֿעלן היימישקייט און אינטימקייט קאָן אין זיך קיין שלמות ניט האָבן. אויף דעם ווײַזט ער אָן אין אַ קאַפּיטל פֿון זײַן ווערק, ווו ער רעדט וועגן די פֿרעמדע מחשבֿות וואָס קומען צו אַ מענטש אין מיטן דער תּפֿילה און זײַנען אים מבֿלבל אין דער כּוונה. די דאָזיקע מחשבֿות זײַנען גאָרניט דעם מענטשנס שולד, זיי קומען פֿון די קליפּות. עס איז אָבער פֿאַראַן אַ סגולה דערויף, בדוק ומנוסה: וואש מן זאגט דאז מן עש פֿר שטייט אונ' האָט מחשבֿה אויף טייטש פֿון דען ווארט דא קומן זעלכי מחשבֿות ניט... אך ווער וואש זאגט אויף אזו איין לשון דאז מן עש פֿר שטיט דא קומן זיא אך ניט.[10] דאָס הייסט, הגם מען פֿאַרשטייט העברעיִש, איז דאָס ניט גענוג אויף צו פֿאַרטרײַבן די פֿרעמדע מחשבֿות. מען מוז דערצו מכוון זײַן דעם פּירוש המילות אין דער רעדשפּראַך, וואָס גיט ערשט דעם באַגריף די קאָנקרעטקייט און וואַרעמקייט וואָס פֿירן צו דער אמתער כּוונה בײַם דאַוונען. תּפֿילה אָן שום פּניות, אָדער דירעקטקייט אין דער באַציִונג צווישן דעם מתפּלל און דעם בורא, איז מיגלעך נאָר דורך דבֿרים היוצאים מן הלבֿ — אין דער שפּראַכלעכער פֿאָרעם פֿון די טאָג־טעגלעכע איבערלעבענישן.

אין שײַן פֿון ר' יחיאל־מיכלס שטעלונג צו ייִדיש דאַרף פֿאַר אונדז

---

[8] אַגבֿ, אַ פּאָעטישע פֿאָרעם, וואָס איך גיב דאָ איבער בשלמות: שלום־עליכם איר מלאכים דאז ביי אייך איז שלום דז איר טוט קומן מיט שלום אלז וויא אייך גיבאטן האט דער גאט דער דא איז גיהייליגט איין הער איבער שלום (דאָרטן, ז' פּ, ב).

[9] דאָרטן, ז' ל"א, א.

[10] דרך הישר לעולם הבא (פֿעלט דאַטע און אָרט פֿון דרוק), קאַפּיטל ל"ד.

קיין חידוש ניט זײַן וואָס אין דער צווייטער אויסגאַבע פון זײַן קיצור שני לוחות הברית האָט ער אַרײַנגעפּלאָכטן אַ יידיש קאַפּיטל אין דער מיט פון דעם העברעיִשן ווערק — דאָס ערשטע מאָל, אויף ווי ווײַט איך ווייס, אַז אַזאַ זאַך איז געשען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. ווידוי האָט ער אָוועקגעשטעלט אויף יידיש און מאָטיווירט דעם דאָזיקן שריט בזה הלשון: „כי מכוח שמבין מה שיתודה יתעורר לבכות ועי״ז יקובל תפלתו" — אַז מען פאַרשטייט וואָס מען איז זיך מתוודה, קומט מען צו געוויין און יעמאָלט ווערט די תפילה אָנגענומען."[11]

דורך ר׳ יחיאל־מיכל עפשטיינען קומען מיר צו אַ נײַער אַנטוויקלונג אין דער ראָלע פון יידיש אין יידישן קולטור־לעבן. דער דוּאַליזם פון לשון־קודש און עבֿרי־טײַטש ווערט שטאַרק אָפּגעשוואַכט. ר׳ יחיאל־מיכל נעמט אַוועק די מחיצה צווישן לשון־קודש און עבֿרי־טײַטש, און יידיש ווערט אויך קודש.

ב

די פראַגע פון יידישער דערציִונג האָט ניט געקאָנט בלײַבן פרעמד ר׳ יחיאל־מיכלען, אַ מענטש מיט אַזאַ וואַכיקייט פאַר רעליגיעזע און קולטורעלע ענינים. דער עיקר ווײַזט ער אַרויס אַ גרויסן אינטערעס אין יידישער דערציִונג אין די קלענערע יישובֿים. אין זײַן צײַט איז נאָך אַ באַטײַטיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין צענטראַל־אייראָפּע געווען צעוואָרפן אין קליינע קהילות אויף די יישובֿים. דער גורל פון די דאָזיקע קהילות האָט אים שטאַרק אָנגערירט. אין דער הקדמה צו זײַן קיצור שני לוחות הברית זאָגט ער, אַז ער קומט אויך געבן הוספות און מילואים צום אָריגינאַל, ווײַל דער מחבר, „דער גאון און חסיד ר׳ ישעיה הורוויץ, איז אויפגעצויגן געוואָרן אין גרויסע קהי־לות און האָט ניט געוווּסט פון די מינהגים אין די קלענערע יישובֿים", על כּן קומט ער דעם דאָזיקן חסרון ממלא זײַן. אַ געוויסע צײַט איז ר׳ יחיאל־מיכל געווען אַ מלמד.[12] דעם מצבֿ פון יידישן חינוך אין זײַן צײַט מאָלט ער אין שוואַרצע פאַרבן. מען לערנט ניט גענוג און ווי געהעריק, און די עם־הארצות וואַקסט פון טאָג צו טאָג. די באַשרײַבונג קלינגט ניט איבעריק פרעמד פאַר דעם הײַנטיקן יידישן אויער. איין טייל זאגן ווען מיין קינד קאן וואש איין יהודי קענען זאל דאש דאבֿנן אונ׳ לײַנען אונ׳ שרײבן איז גנוגן. דערויף שרײַבט ער אויס מיט צער: ווײַ אונ׳ ווינד זעלכי לײַטן,"[13] און שטעלט אויף פאַר „זעלכי לײַטן" אַ מינימום־פּראָגראַם פון יידישע ידיעות, וואָס נעמט אַרײַן משנה און גמרא.

ווער איז שולדיק אין דער ירידה פון יידישן חינוך? סײַ די עלטערן, סײַ

---

[11] קיצור שני לוחות הברית, אַמסטערדאַם, 1707, ד׳ ק״ח, ב; ק״י, ב.

[12] פילע זעלכי קינדר אונטער מיינר האנט האב גיהאט די קיין נשמה האבן גיהאט משניות אדער גמרא צו לערנען — דרך הישר לעולם הבא, הוראדנא, תקנ״א, ד׳ ב. ב.

[13] דאָרטן. עס איז שטאַרק צו באַדויערן וואָס שמחה אַסף האָט די דאָזיקע וויכטיקע מקורים ניט אויסגענוצט אין זײַן מקורות לתולדות החנוך בישראל.

די מלמדים. די עלטערן באַנוגענען זיך מיט אַ מינימאַלער ייִדישער דערציִונג און הייבן באַלד אָן טראַכטן וועגן אַ תּכלית פֿאַר זייערע קינדער, דהײַנו דער האנדלשאפֿט נאָך צו גיין. אַנשטאָט אַ ייִדישע דערציִונג זײַנען די עלטערן מער להוט צו געבן די קינדער אַ פּראַקטישע וועלטלעכע דערציִונג. עס דערגייט אַזוי ווײַט, אַז איין טייל דינגען זייא שון צו ניין יארן אן גלחות צו שרייבן.[14]

ר׳ יחיאל־מיכלס הויפּט־טענה צו די מלמדים איז וואָס זיי באַנוצן זיך מיט שלעכטע מעטאָדן בײַם לערנען. זיי לערנען די קינדער מעכאַניש טײַטשן וואָרט פֿאַר וואָרט און זיי לייגן קנאַפּ וואָג אויף דער הבֿנה פֿון דעם גאַנצן ענין. ווי אַ מוסטער פֿון אַ גוטער ייִדישער דערציִונג ווײַזט ר׳ יחיאל־מיכל אָן אויף די ספֿרדישע קהילות, אַ שטייגער די אַמסטערדאַמער קהילה. עס איז אָבער ניט בלויז די פֿראַגע פֿון דער קאָמפּעטענץ פֿון די מלמדים. עס זײַנען אויך דאָ מלמדים וואָס זײַנען אָפּנאַרערס. איין טייל לערנען אפֿילו ניט פֿליישיג [פֿלײַסיק], נייערט אוישן אויף דר בעלי בתּים אירן געלט,[15] ד״ה זיי מיינען נאָר צו באַקומען דעם שׂכר־לימוד פֿון די בעלי־בתּים. אויף אַזעלכע מלמדים שיט ער פּעך און שוועבל. ניט נאָר זיי באַגזלען די עלטערן, נאָר זיי פֿאַרדאַרבן די קינדער אויף אייביק. מלמדים פֿון דעם שניט זײַנען בכלל פֿאַרדאָרבענע מענטשן. זיי שטעלן זיך פֿאַר קיין זאַך ניט אָפּ. זיי גיבן זיך אַפֿילו אָן פֿאַר רבנים און מורי הוראה און זײַנען מכשיל דעם עולם מיט נבֿלות און טרפֿות. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך נאָר וועגן די קליינע קהילות אויף די ייִשובֿים. אין די שטעט איז אַזאַ זאַך אוממיגלעך געווען.

אין ר׳ יחיאל־מיכלס קריטיק אויף דער אָנגענומענער שיטה פֿון לערנען און אין דער דערציִערישער פּראָגראַם וואָס ער לייגט פֿאָר איז שטאַרק קאָנטיק די השפּעה פֿון די רעפֿאָרמען אין ייִדישן חינוך וואָס דער מהר״ל פֿון פּראָג האָט געוואָלט אײַנפֿירן מיט אַ הונדערט יאָר פֿאַר אים.[16] אַזוי ווי דער מהר״ל האַלט ער אויך, אַז מען דאַרף אַוועקשטעלן דעם ייִדישן חינוך אויף אַ ברייטן יסוד פֿון תּנך און משניות. די פּראָגראַם פֿון די לימודים דאַרף אַרומנעמען לכל הפּחות פֿיר סדרים פֿון דער משנה.[17] אין לימוד המשנה זעט ר׳ יחיאל־מיכל אַ הויכן דערציִערישן און מאָראַלישן ווערט, אָדער — ווי ער פֿאָרמולירט עס — אַ דערגרייכונג פֿאַר דער נשמה, וואָרעם דאָס וואָרט „משנה״ איז אַ פּערמוטאַציע פֿון דעם וואָרט „נשמה״.[18] ער איז אויך אַ שאַרפֿער קעגנער פֿון אַ ריין אינ־טעלעקטועלער דערציִונג וואָס שאַרפֿט בלויז דעם מוח. ער וואַרפֿט אָפּ דעם

---

[14] גלחות צו שרײַבן — צו שרײַבן לאַטײַנישע אותיות. עס איז דאָ כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין דער האָראָדנער אויסגאַבע פֿון תּקנ״א שטייט „פּויליש״ אַנשטאָט „גלחות״, דרך הישר לעולם הבא, קאַפּיטל ב, סעיף ט.

[15] סדר תפלה דרך ישרה, תּס״ג, אין דער הוספֿה, דיני ברכות, ז׳ ט״ז, א.

[16] מהר״ל, גור אריה, ואתחנן.

[17] קיצור שני לוחות הברית, ז׳ פּ״ב, א.

[18] דאָרטן.

פּילפּול ווי אַ פֿאַלשן און פֿאַרפֿירערישן לימוד וואָס קומט פֿון דער סיטרא אחרא, פֿון סמאל און לילית.[19]

אין דער יי̇דישער דערציִונג שטעלט ר׳ יחיאל־מיכל דעם טראָפּ אויפֿן פּראַקטישן אַספּעקט, ד״ה דעם לימוד וואָס פֿירט לידי מעשׂה, וואָס דאָס איז דאָך טראַדיציאָנעל דער עיקר. די דאָזיקע פּראַקטיש יי̇דישע דערציִונג דאַרף זיך אָנהייבן איידער דאָס קינד באַקומט אַ פֿאָרמעלע בילדונג אין חדר. אירע יסודות דאַרפֿן געלייגט ווערן אין דער היים. ווען אַ יי̇נגל ווערט אַלט דרײַ יאָר, אַ שטייגער, דאַרף מען אים מאַכן אַן אַרבע כּנפֿות, און דער פֿאָטער זאָל אים אויסלערנען די ברכה אויף ציצית און אויך אַנדערע ברכות און זען אַז ער זאָל זיי יעדן טאָג זאָגן. בכלל באַמיט זיך ר׳ יחיאל־מיכל צו אינטעגרירן דעם יי̇דישן חינוך צווישן די דרײַ שײַכותדיקע אינסטיטוציעס: דעם חדר, דער שול און דער היים. ער מאַכט דערבײַ אַ באַמערקונג, אַז ניט בלויז האָבן די עלטערן אַ דערציִערישע השפּעה אויף זייערע קינדער, נאָר די קינדער האָבן אויך אַזאַ השפּעה אויף די עלטערן, ד״ה די דערציִערישע השפּעה איז קעגנזײַטיק.[20] ...ווען די קינדר אין דער שול פֿלייסיג אמן זאגן דער מאנן זיא אירע עלטערן אוך דראן אמן צו זאגן.[21]

דער ציל פֿון יי̇דישן חינוך איז צו דערציִען גוטע יי̇דן. אַ גוטער יי̇ד מוז קודם־כּל אָפּהיטן די תּרי״ג מיצוות, און אין אָפּהיטן די מיצוות שפּילט אַ גרויסע ראָלע דער הרגל. על־כּן דאַרף דער מלמד ראשית־כּל באַקאַנען די תּלמידים מיט די מיצוות. ווען ער לערנט חומש זאָל ער לערנען מיט „חיבור״, וואָרעם ווען מן אזו מיט דיא קינדר לערנט פֿאר שטייט דער יונג דאז גאנץ חומש מיט אירן פּירוש און אך אלע דיא מצוות דיא אין דער תּורה שטינין.[22] ווײַטער דאַרף דער מלמד משפּיע זײַן אויף די תּלמידים, אַז זיי זאָלן די מיצוות ערלעך אָפּהיטן. ער דאַרף זיי בפּרטיות מדריך [זײַן] בדרך ישרה דז זי זאלן די תּפֿלה בכּוונה טון און׳ ...זי אוזן ווינינג לערנן וואש מן אין דער שול זאגט אוך די לבֿנה מקדש זיין אוך תּפֿלות הדרך אוזן ווינינג קענן.[23]

ר׳ יחיאל־מיכל שטרײַכט שטאַרק אונטער דעם סאָציאַלן מאָמענט אין דער דערציִונג: דאָס לערנען בחבֿרותא און די וויכטיקייט פֿון דערנענטערן דעם טעאָרעטישן לימוד צו דער יי̇דישערווירקלעכקייט. די מלמדים זאָלן די תּלמידים געבן אַ געלעגנהייט אַ ברכה צו מאַכן אין חדר און דוקא הויך, דאש איינער פֿון אנדרן לערנט.[24] דעסט גלײַכן זאָלן די קינדער חזרן בחבֿרותא.

היות ווי די יי̇דישע דערציִונג נעמט אַרום דאָס גאַנצע לעבן פֿון תּלמיד, זײַנען די פֿונקציעס פֿון דעם מלמד ניט באַגרענעצט בלויז אויף דעם חדר. זיי

---

[19] דאָרטן.

[20] דאָס איז לעצטנס אַ גאַנץ אָפֿטע דערשײַנונג אין יידישן לעבן אין אַמעריקע, ווען קינדער וואָס לערנען אין יי̇דישע שולן ברענגען אַרײַן אַ יי̇דישן גײַסט אין שטוב.

[21] דרך הישר לעולם הבא, קאַפּיטל ל״ב, סעיף ב.

[22] סדר תפלה דרך ישרה, תּס״ג, ז׳ י״ג, א.

[23] דרך הישר לעולם הבא, קאַפּיטל ל״ב, סעיף א.

[24] סדר תפלה דרך ישרה, תּס״ג, אין דער הוספה, ז׳ ט״ז, ב.

נעמען אויך אַרום די שול, די היים און אַפּילו די גאַס. אין שול איז דער מלמד מחויבֿ צו זען, אַז די תּלמידים זאָלן זיך אויפֿפֿירן ווי געהעריק און דאַוו־נען בכּוונה. ער דאַרף באַווירקן די תּלמידים, אַז אין דער היים זאָלן זיי זיך וואַשן צום עסן און ניט פֿאַרפֿעלן צו מאַכן די געהעריקע ברכות. זײַן אַ ייִד, לויט ר׳ יחיאל־מיכלען, מיינט בעצם זײַן אַ בעסערער מענטש. לייגט ער טאַקע גרויס וואָג אויף גוטע מאַנירן און אויסערלעכע אײַנדרוקן. אַזוי באַקלאָגט ער זיך זייער שטאַרק וואָס די מלמדים לערנען ניט די תּלמידים קיין דרך־ארץ, אַז ווען זיי גייען אַרויס פֿון חדר זאָלן זיי ניט אָנמאַכן קיין טומל אין גאַס און פֿאַרטייבן דעם עולם מיט זייערע געשרייען. אַ ייִד זײַן מיינט אויך, מן זאל בתּרבות עשין [עסן] ניט וויא איין זולל וסובֿא.[25] אַ וויכטיקער טייל פֿון ייִדישן חינוך איז דער ייִדישער שטייגער, ד״ה דער סכום מינהגים, מידות און אויפֿפֿירונגען וואָס זײַנען אָנגענומען און פֿאַרהייליקט געוואָרן בײַם פֿאָלק, אַפֿילו די ניגונים פֿאַר באַשטימטע תּפֿילות. אויף דעם דאָזיקן שטייגערישן לעבן ציט ער באַזונדער די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די מלמדים.

דערפֿאַר וואָס די מלמדים טראָגן אַזאַ גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע אַחריות האָבן זיי אויך געוויסע פּריווילעגיעס און קאָמפּענסאַציעס, אַפֿילו אין פּרט פֿון דין. קודם־כּל ווײַזט ר׳ יחיאל־מיכל אָן, אַז דעם מלמדס מערכה איז גאָרניט אַזאַ ביטערע ווי מען מיינט בדרך כּלל. ער דאַרף זיך ניט שלעפּן טאָג־אײַן טאָג־אויס איבער די ייִשובֿים צו זוכן חיונה. ער זיצט מער אָדער ווייניקער אויף אָן אָרט. אַחוץ דעם האָט ער נאָך אַנדערע ניט־מאַטעריעלע קאָמפּענסאַציעס. ער איז פּטור פֿון אַ געוויסן טייל פֿון דעם עול מיצוות. איז איינר איין מלמד איז פֿיל מיין מצוה מיט זיינע קינדר באמונה גלערנט אלז פֿיל תּפֿלה געטאן.[26] דעסט גלײַכן איז דער מלמד פּטור פֿון פֿאַסטן אַ תּענית־מיצווה, וואָרעם בעת דעם תּענית ווערט ער לײַכט אויפֿגערעגט און וועט נאָך די קינדר מיין שלאגן אלז זיא עש פֿר דינן.[27]

ג

דאָס שטייגערישע לעבן פֿאַרנעמט כּידוע אַ צענטראַל אָרט אין דער ייִדי־שער טראַדיציע. ווי חשובֿ עס זאָל ניט זײַן דער דין, איז רעכט, אַז די גמרא זאָל זאָגן, אַז „מנהג מבטל הלכה״.[28] אין דעם קאָמפּלעקס מינהגים און קאָנווענציאָנאַלי־טעטן זעט ר׳ יחיאל־מיכל דעם אויסדרוק פֿון דעם עכטן ייִדישן לעבנסטיל, דעם אַנאָנימען צושטײַער פֿון דעם גאַנצן קיבוץ צו דער שאַפֿונג פֿון זײַן קולטור־נוסח. און הגם ער זעט אויך די שאָטנדיקע זײַט פֿון אַן איבערגעטריבענער

[25] לויטן לב טוב (1620) דאַרף דער עיקר די מוטער השגחה געבן אויף די גוטע טישמאַנירן.

[26] דרך הישר לעולם הבא, קאַפּיטל ל״ב, סעיף א.

[27] די הנחה אַז דאָס קינד פֿאַרדינט געשלאָגן צו ווערן פֿון דעם מלמד איז בהסכּם מיט זײַן שטרענגן קוק אויף דיסציפּלין. ער האַלט אויך אַז בכלל וואָלטן די עלטערן געמעגט זײַן אַ ביסל פֿרײַער מיט דעם שטעקן.

[28] תלמוד ירושלמי, יבמות, רפ״ב.

פּיעטעט פֿאַר שטייגער, די סכּנה פֿון סטיליזאַציע, פֿון פֿאַרגליווערטקייט און פֿון אָפּטייטן דעם גײַסט, אָדער ווי ער דריקט עס אויס, אַז מנהג איז אותיות גהנם,[29] — באַשרײַבט ער דעם דאָזיקן שטייגער, בפֿרט די טיף אײַנגעוואָרצלטע ייִדישע מינהגים אין די ייִשובֿים, מיט גרויס ליבשאַפֿט און בפּרטיות. זײַנע ווערק זײַנען דערפֿאַר אַ וויכטיקער צושטײַער צו דער קענטעניש פֿון ייִדישן שטייגער לעבן פֿון זײַן צײַט און צום פֿאָלקלאָר בכלל.

ייִדישע פּרנסות און בכלל די גאַנצע ייִדישע מערכה זײַנען יעמאָלט געווען אַזעלכע, אַז עס איז אויסגעקומען ייִדן אַ סך אַרומצופֿאָרן. די דאָזיקע נסיעות זײַנען פֿאַרבונדן געווען מיט סכּנת נפֿשות. כּדי אָפּגעהיט צו ווערן פֿון שלעכטס האָט מען זיך באַנוצט מיט פֿאַרשיידענע סגולות און תּפֿילות. אַזוי האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ גאַנצער צערעמאָניאַל פֿון באַגלייטונגען, סגולות און תּפֿילות הדרך. אָט איז די הכנה פֿאַר אַזאַ מין נסיעה: דער נוסע באַקומט פֿון זײַנע פֿרײַנד אַ פּאָר מטבעות צו פֿאַרטיילן אויף צדקה, אַזוי אַרום ווערט ער איינער פֿון די שליחי מיצווה, וואָס, כּידוע, אינן ניזוקין. אָבער די מטבעות זאָלן זײַנע פֿרײַנד איין וויניג אן דער מזוזה קרום ביגן דר מיט דז מן ארקענט.[30] דערנאָך זאָל דער נוסע די מזוזה קושן, בעת ער שטייט מיטן רעכטן פֿוס אין דרויסן און מיטן לינקן פֿוס אינעווייניק. זײַנע פֿרײַנד טון אים לויה — באַגלייטן אים לכל הפּחות ביז צום טויער פֿון דער שטאָט. דערבײַ ווינטשן זיי אים אין דעם דאָזיקן נוסח: גייט לחיים ולשלום ולשׂמחה ולבֿרכה והצלחה וואו איר הין וואלט און [אָן] אלי ביזה ביגעגנים, און זאלט ווידר זוכה זיין צו קומען אין אייערה היים לחיים ולשׂמחה ולשלום אמן.[31] די באַגלייטערס וואַרטן ביז מען קאָן שוין דעם נוסע מער ניט זען און יעמאָלט קערן זיי זיך אום. זיי זאָגן דאָס העברעיִשע וואָרט „שׂדה" און דרייען זיך אויס צו די פֿיר זײַטן פֿון דער וועלט. אַזוי טוט מען דרײַ מאָל. מערניט בײַם דריטן מאָל זאָגט מען „השׂדה", וואָס דאָס איז בגמטריא „שדי".

דער נוסע גופֿא מאַכט מיט דער האַנט אָדער מיט דעם שטעקן אַ גראז (קרײַז) אַרום זיך, דרייט זיך דרײַ מאָל אַרום און זאָגט: „יוה"ך[32] ישמרני, יוה"ך יצילני, יוה"ך יעזרני". ווײַטער קומט אַ ספּעציעלע תּפֿילה בײַם אַרײַנגאַנג אין אַ וואַלד, ווו די סכּנה איז ספּעציעל גרויס. די תּפֿילה באַשטייט פֿון אַ פּערמוטאַציע פֿון דער פֿראַזע „שמך ה' ביער"[33] און אַנדערע פּסוקים ווו וואַלד ווערט דערמאָנט. דערנאָך זאָגט דער נוסע זיבן מאָל „ויהי נועם". ווען ער קומט צו

[29] סדר תפלה דרך ישרה, תּס"ג, ז' כ"א, א.

[30] דצ"ו, ז' ע"ו, ב. פּראָפֿעסאָר שׂמחה אַסף האָט מיך אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז דער באַטײַט פֿון אויסבייגן די מטבע איז געווען צו מאַכן אין איר אַ סימן ניכּר, ווײַל די דאָזיקע מטבע גופֿא האָט געמוזט פֿאַרטיילט ווערן אויף צדקה. פֿאַר וואָס דאָס בייגן מוז געמאַכט ווערן בײַ דער מזוזה האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן אויסצוגעפֿינען. אפֿשר פּשוט צוליב דעם וואָס די מזוזה איז פֿאַרבונדן מיט גיין און קומען.

[31] דצ"ו, ז' ע"ז, ב.

[32] יוה"ך איז סופֿי־תּיבֿות פֿון „כי מלאכיו יצוה לך" (תּהילים, צ"א, 11).

[33] עס איז כּדאַי צו דערמאָנען אַז די דאָזיקע תּפֿילות זײַנען זיך ניט סומך אויף קיין ביבלישער אָדער תּלמודישער טראַדיציע, נאָר ווײַזן קאָנטיקע סימנים פֿון גערמאַנישע השפּעות.

דעם פּסוק „כּי מלאכיו יצוה לך״ זאָל ער זיך אויסמאָלן אין געדאַנק, אַז „אַ מלאך רײַט אויף זייער אַ גרויס ווײַס פּערד צו זײַן רעכטער זײַט. דער מלאך איז אין גאַנצן נאַקעט און האַלט אין זײַן האַנט אַ בלויזע שווערד, און צו זײַן לינקער זײַט גייט אַ מלאך צו פֿוס מיט אַ שפּיז אין דער האַנט״.[34] אויב ער דערזעט פֿון דער ווײַטנס אַ שׂונא אָדער אימעצן, וואָס ער מיינט, אַז ער וועט אים שלעכטס טון, זאָל ער אויפֿהייבן די רעכטע האַנט און זאָגן געוויסע פּסוקים, און ווען ער קומט נעענטער זאָל ער אָנווײַזן מיט די פֿינגער אויף דעם שׂונא און זאָגן: „תפּול עליהם אימתה ופחד״ און שפּעטער אָנווײַזן אויף דעם הימל און זאָגן „בגדול זרועך ידמו כּאבן״.

בעת דער מאַן איז אונטערוועגס איז די פֿרוי אויך מתפּלל, אַז ער זאָל אָפּגעהיט ווערן פֿון גזלנים, חיות רעות, פֿר אלים שלים מזל, און זי ענדיקט מיט דעם אויבן דערמאָנטן נוסח פֿון „לחיים ולשלום״, אַ ביסל פֿאַרקירצט.

דעסט גלײַכן מאָלט ר׳ יחיאל־מיכל דעם שטייגער אין דער שול און אין דער היים און דערמאָנט דערבײַ גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים. אַזוי דערציילט ער וועגן אַ ספּעציעלער שול מיט אַ ספּעציעלן חזן, וווּ מען פֿלעגט דאַוונען בלויז מעריבֿ. די דאָזיקע אינסטיטוציע, וואָס ער זאָגט, אַז מען האָט ערשט מיט אַ פּאָר יאָר פֿריִער געהאַט אײַנגעפֿירט „אין ארץ אַשכּנז״, רופֿט ער אָן „בית הכּנסת של מעריבֿ״.[35]

הגם נאָך אין די לעצטע יאָרן פֿלעגט מען תּשעה באָבֿ אין אַ טייל מקומות זיך וואַרפֿן מיט בערשטלעך (בערעלעך), קלינגט זײַן באַשרײַבונג „וזורקין זה לזה באבנים וצרורות״ אַ ביסל משונהדיק. ר׳ יחיאל־מיכל איז זיך טאַקע שטאַרק מתרעם אויף די דאָזיקע „חוצפּות״ און „קלות ראש״. אָבער נאָך מער קלאָגט ער זיך אויף דעם „איבל״ וואָס קומט פֿאָר פּורים בײַם לייענען די מגילה. די חוצפּה דאז דו [דאָ] פֿרטריבן ווערט איז ניט צו שרייבן. אין איין טייל ישובֿים שיסן די יונגי חצופֿים מיט פּולפֿר.[36] אַ פּנים אַז דאָס איז געווען אַן אָנגענומענער מיטל צו פֿײַערן די פֿריילעכע יום־טובֿים, וואָרעם אויף אַן אַנדער אָרט דערציילט ער, אַז אויך שׂימחת תּורה פֿלעגט מען דאָס טאָן.

דער טומל אין שול דאַרף אונדז ניט שטאַרק חידושן. מען האָט דאָרט פֿאַרבראַכט זייער אַ סך שעהען. שבת און יום־טובֿ האָט מען זיך געשטעלט דאַוונען זיבן אויאר — זיבן אַ זייגער. אין פֿיורדאַ האָט מען אָרײַנגעכאַפּט נאָך אַ שעה: מען האָט זיך דאָרט געשטעלט דאַוונען זעקש אויאר. אין דער וואָכן האָט אויך דאָס דאַוונען לאַנג געדויערט. עס זײַנען געווען מקומות וווּ מען האָט געדוכנט יעדן טאָג.[37] אַחוץ דעם פֿלעגט מען ברענגען אַפֿילו גאַנץ קליינע קינדער אין שול. הגם מען האָט געפּרוּווט די קינדער אינטעגרירן אין דעם שולסיסטעם און אַפֿילו זיי צוגעטיילט ספּעציעלע פֿונקציעס — ראָש חודש האָבן זיי

[34] קיצור שני לוחות הברית, אַמסטערדאַם, 1707, ז׳ מ״ב, ב.
[35] סדר תפלה דרך ישרה, תּס״ג, ז׳ פּ, ב.
[36] דצ״ו, ז׳ ק״ה, א.
[37] קיצור שני לוחות הברית, אַמסטערדאַם, 1707, ז׳ נ״ב, ב.

אויסגערופן „יעלה ויבאו!" און אַנדערע מאָל „טל ומטר!" אָדער ענלעכע אויס־רופן, — האָבן זיי זיך פאָרט ניט אין גאַנצן אַריינגעפּאַסט און פלעגן טומלען.

דער שמש פלעגט רופן דעם עולם צום דאַווענען. נאָך דעם ווי דער שמש האָט געררופן האָט מען אָנגעצונדן אַ ליכט „בערך אַ פינגער די לענג". זיינען די גערופענע ניט געקומען ביז דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען, האָבן זיי געמוזט צאָלן קנס. טלית און תּפילין האָט מען געלייגט אין דער היים און אַזוי איז מען געגאַנגען איבער די גאַסן ביז צו דער שול.

שבת און יום־טובֿ האָט מען זיך פרי צונויפגעקליבן אין שול. פאַרן דאַווענען האָט מען מעבֿיר געווען די סדרה. כּדי ניט געשטערט צו ווערן דערין, איז געווען אַ מינהג אַז מען האָט געהאַט אַן אָנגעשריבן צעטל אין דעם חומש, און אַז אימעצער איז צוגעקומען און געוואָלט פאָרפירן אַ שמועס, האָט מען אים דערלאַנגט דאָס צעטל. אויפן צעטל איז געשטאַנען בזה הלשון: אהובי רבותי, זייט מיר מוחל דז איך לעת עתּה ניקש מיט מעלות כּבֿודכם מאג רידן דען ווען מאן די סדרה מעבֿיר איז זאל מן ניקש רידן דער צווישן.[38]

דער צענטראַלפּונקט פון דאַווענען איז געווען דאָס לייענען. אין קריאת־התּורה האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט צוויי מענטשן, — אַ בעל־קורא און אַ פאַר לייאַנער (פאַרלייענער). דער פאַרלייענער האָט געזאָגט דאָס וואָרט און דער בעל־קורא האָט אים נאָכגעזאָגט. דער פאַרלייענער האָט דאָס וואָרט געזאָגט גאַנץ הויך, אַזוי אַז דער עולם האָט אים געקאָנט הערן.

די עליות האָט מען פאַרקויפט. דער עיקר זיינען געווען בעלנים אויף אַ גוט פרשה — אַ פרשה אין וועלכער עס איז דאָ אַ גוטער אָנזאָג, ווי אַ שטייגער „ויתן לך", „ויושע ה'", „המלאך הגואל" אָדער די עשׂרת הדיברות וכדומה. בײַם אויפרופן צו דער דאָזיקער פרשה פלעגט דער שמש אויסרופן „גוט פרשה". ר' יחיאל־מיכל איז שטאַרק דערקעגן, דען ווען מען אויז רופט אום דער גוט פרשה אזו איז חס ושל' משמע די אנדרן פרשיות אין דער תּורה זיינן ניט גוט.[39]

פונקט ווי עס איז פאַראַן אַ „גוט פרשה" איז אויך פאַראַן דער היפּוך, אָבער קיין ספּעציעלער נאָמען פאַר דער דאָזיקער פרשה ווערט ניט דערמאָנט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז די תּוכחה. דער דאָזיקער וואָס מען רופט אים צו דער תּוכחה באַקומט גאָר אַ וויכטיקע קאָמפּענסאַציע. מען רופט אים אויף דעם צווייטן טאָג ראָש־השנה צו דער פרשה פון דער עקדה, וואָס דאָס איז אַ גרויסער כּבֿוד. נאָך דעם לייענען אין דער תּורה האָט מען געלייענט די הפטורה, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אויף אַ פּאַרמעט, אין דער פאָרעם פון אַ ספר תּורה, נאָר פאַרקלענערט.

אויף יום־טובֿ האָט מען פאַרפּוצט די שול. אויף די טסין פון די ספרי תּורה האָט מען אויסגעשטעלט אין זילבערנע אותיות דעם נאָמען פון דעם יום־

---

[38] דצ"ו, ז' ס"ד, א.

[39] סדר תפלה דרך ישרה, תס"ג, ז' ס"ב, א.

טובֿ, ווי אַ שטייגער פּסח, שבֿועות וכדומה.[40] יום־כּיפּור זײַנען געלייגט געוואָרן ספּעציעלע טעפּעכער אויפֿן דיל. פֿאַר כּל־נדרי האָט מען אויסגערופֿן אויף ייִדיש: הערט צו רבותי, איך ביט מחילה וועם איך וואז געטאן האב הן מיט מעשׂים הן מיט ווארטן. די גאַנצע נאַכט פֿון יום־כּיפּור איז מען געווען אין שול. אויב מען האָט זיך געוואָלט אַ ביסל צולייגן האָט מען דאָס געטאָן אין דער מערבֿ־זײַט פֿון שול אָדער אין דער עזרת נשים. שׂימחת תּורה האָט מען גע־טיילט די קינדער פּרות אין שול.

שטאַרק קאָנטיק איז אויך די השפּעה פֿון שבת און יום־טובֿ אויף דער היים. אײַנקויפֿן צרכי שבת האָט מען אָפּגעלייגט ביז אויף פֿרײַטאָג. בײַם קויפֿן אַ זאַך האָט מען צוגעגעבן: „איך קויף עס לכּבֿוד שבת". פֿרײַטאָג נאָך מיטאָג איז מען געגאַנגען אין מיקווה אַרײַן. די פּראָצעדור איז געווען אַזעלכע: מען האָט זיך פֿיר מאָל אונטערגעטונקען ביז צום האַלדז קעגן די פֿיר מיתות בית־דין און געזאָגט געוויסע פּסוקים. אין וואַסער האָט מען זיך געבוקט אויף מערבֿ און שפּעטער אויף מיזרח. אַרויסגעגאַנגען פֿון דער מיקווה איז מען הינטער־ווײַלעכץ און נאָך דעם האָט מען זיך ערשט געוואַשן אין הייס וואַסער. בײַם אָנטאָן די בגדי שבת האָט מען געזאָגט: „דאָס איז לכּבֿוד שבת". אויף שבת און יום־טובֿ איז געווען אַ ספּעציעלער מלבוש — איין שול מנטיל,[41] צו וועלכן עס איז געווען צוגעבנייט צום אַרבל די פֿאַציילע, כּדי מען זאָל זי ניט דאַרפֿן טראָגן. דער שבתדיקער און יום־טובֿדיקער טלית איז געווען אין גאַנצן ווײַס, אָן פּאַסן.

נאָך ליכט בענטשן האָבן די פֿרויען געלייענט די הפֿטורה פֿון ראָש־השנה, וווּ עס ווערט דערציילט ווי די צדקנית חנה, וואָס איז געווען אַן עקרה, איז געהאָלפֿן געוואָרן מיט אַ בן־זכר.[42]

שבת האָט מען געגעסן טשאָלנט. טשאָלנט האָט מען אַזוי געשטעלט: מען האָט אַוועקגעשטעלט די טעפּלעך אויף דעם אויוון און זיי באַדעקט מיט אַ קופּע הייס אַש, אין וועלכן עס האָבן זיך געפֿונען לעבעדיקע קוילן. דאָס אַש האָט די מאכלים געהאַלטן וואַרעם ביז דער שבתדיקער סעודה.

הגם ר׳ יחיאל־מיכל האָט זייער געוואָלט, אַז דער עולם זאָל פֿאַרברענגען דעם שבת מיט לייענען ספֿרי מוסר, הערן מיר אָבער, אַז דער עולם האָט גע־טאָן אַנדערע זאַכן. ער אַליין איז מתּיר שפּילן „בכדור שקורין באלין בל"א", ניט מער — ער וואָרנט אַז מען זאָל ניט נאָכלויפֿן דעם באַלעם מחוץ לעירובֿ.[43]

הבֿדלה האָט מען אַזוי געמאַכט: נאָך דעם ווי מען האָט אויסגעטרונקען דעם ווײַן פֿון כּוס האָט מען אין אים אַרײַנגעגאָסן אַ ביסל וואַסער און גע־טרונקען דערפֿון. דער נאָך האָט מען מיט דעם וואַסער אויסגעלאָשן דאָס הבֿדלה־

[40] קיצור שני לוחות הברית, אַמסטערדאַם, 1707, ז׳ ע׳, ב.

[41] דצ"וו, ז׳ ס"ד, א; ס"ה, א.

[42] דצ"וו, ז׳ ס"ז, א.

[43] דצ"וו, ז׳ ס"ט, ב.

ליכט און זיך דערמיט געוואַשן די אויגן און דערביַי דערמאָנט הונדערט און דריַיסיק מאָל אליהו הנבֿיא.

ראָש־חודש האָט מען געגעסן אַ ספּעציעלן מאכל. ר׳ יחיאל־מיכל דער־קלערט אָבער ניט וואָס דער מאכל איז געווען. אויב ראָש־חודש איז אויסגע־פֿאַלן אום שבת האָט מען אַחוץ די ספּעציעלע שבת־מאכלים געגעסן אויך אַ ראָש־חודש־מאכל. די לבֿנה האָט מען מחדש געווען אין די שבת־קליידער. תּשעה־באָבֿ איז מען געגאַנגען אויף קבֿר־אָבֿות. סוכּות האָט מען דעקאָרירט די סוכּה מיט מעלאָנען און אויף זיי האָט מען אויסגעקריצט אַזעלכע פּסוקים ווי „בסכות תשבו שבעת ימים״ וכדומה. ר׳ יחיאל־מיכל איז זיך שטאַרק מתרעם אויף דעם וואָס מען לאָזט פּסח צום סדר די קינדער גנבֿענען דעם אַפּיקומן.

בכלל האָט מען זיך אין יעדן פּרט באַמיט בכּיוון צו דיפֿערענצירן די שבתים און יום־טובֿים פֿון די וואָכנטעג. אַפֿילו דאָס קושן די מזוזה איז אַנדערש גע־ווען אום שבת ווי אין דער וואָכן. אין דער וואָכן האָט מען בײַם קושן די מזוזה געזאָגט: „ה׳ ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם״. אום שבת האָט מען געזאָגט: „זכור את יום השבת לקדשו״.

הגם ר׳ יחיאל־מיכל איז שטאַרק פֿאַראינטערעסירט געווען צו געבן אַפֿילו סעקולערע אַספּעקטן פֿון ייִדישן לעבן אַ ריין ייִדישן אויסדרוק און צו פֿאַר־גרעסערן די מחיצה צווישן דער ייִדישער און ניט־ייִדישער וועלט, איז אָבער די רעאַליטעט געווען אַ גאַנץ אַנדערע. ר׳ יחיאל־מיכל האַלט אין איין וואָרענען, אַז מען זאָל ניט גיין „בחוקות הגויים״. דאָס גייט אַזוי וויַיט ווי ניט אָנצורופֿן די טעג פֿון דער וואָך: זונטאָג, מאָנטאָג וכו׳ נאָר א׳ בשבת, ב׳ בשבת[44] אאַז״וו. פֿון דעסט וועגן הערן מיר, אַז די באַציִונגען צווישן ייִדן און ניט־ייִדן זיַינען געווען גאַנץ נאָענטע. ייִדן עסן און בענטשן אַפֿילו מזומן אין גויִישע היַיזער.[45] מען דאַוונט אין גויִישע היַיזער.[46] מען שעכט ביַי גויִישע קצבֿים, און אַ טייל פֿון די דאָזיקע קצבֿים קאָנען שריַיבן „בכתבֿ יהודות״.[47] מען לייענט „ספֿרים שלהם הן ציַיטונג״, הגם ר׳ יחיאל־מיכל האַלט, אַז אום שבת איז דאָס אַן איסור גמור. „טייל מאָל קומען גויים אין שול אַריַין זיך צוקוקן צו ייִדישע מינהגים״, דערפֿאַר דאַרף מען טאַקע זען אַז עס זאָל דאָרט ניט זיַין קיין טומל.[48]

ר׳ יחיאל־מיכל פֿאַרצייכנט געטריַי די גלייבעכצן און סגולות וואָס טראָגן אַן אמתן פֿאָלקס־כאַראַקטער. טייל פֿון די דאָזיקע אויפֿפֿירונגען זיַינען גאַנץ אַנדערש ווי די וואָס מיר זיַינען באַקאַנט מיט זיי פֿון נאָענטן עבֿר. דער וואָס ניסט זאָגט „לישועתך קויתי ה׳״. דער אַנדערער זאָגט „אסותא!״ און דערויף ענטפֿערט דער וואָס האָט געניאָסן „ברוך תהיה!״. אַז מען באַשליסט עפּעס צו טאָן זאָגט מען בשם ה׳ — אין גאָטס נאָמען, ניט ווי אונדזער „אים ירצה השם״.

---

[44] דצ״וו, ז׳ מ״ח, א.

[45] סדר תפלה דרך ישרה, תּס״ג, אין דער הוספֿה, ז׳ י״ב, ב.

[46] דצ״וו, ז׳ ט״ז, א.

[47] קיצור שני לוחות הברית, אַמסטערדאַם, 1707, ז׳ י״ח, ב.

[48] דצ״וו, ז׳ ס״ב, א.

אַז מען קומט אַרײַן אין אַ הויז און מען טרעפֿט די מענטשן בײַם עסן, זאָגט מען „ברכו יושבים!".

בײַ די אומות העולם זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע סגולות פֿאַר שלאָפֿלאָזי־קייט. מען ציילט שאָף, מען לייגט אונטערן קישן אַ צאָן פֿון אַ ציג אָדער פֿאַר־שיידענע קרײַטעכצער וכדומה.[49] וואָס האָט געטאָן אַ ייִד פֿון 17טן י"ה אַז ער האָט ניט געקאָנט שלאָפֿן? ער האָט איבערגעחזרט פֿיר פּסוקים פֿון תּנך און דערבײַ געטראַכט וועגן די סופֿי־תּיבֿות פֿון די דאָזיקע פּסוקים וואָס זײַנען „קרע שׂטן".

אויך זײַנען בײַ די אומות העולם פֿאַראַן פֿאַרשיידענע סגולות צו ברענגען הצלחה. מען טראָגט אַ פֿוס פֿון אַ קיניגל אָדער פֿון עפּעס אַן אַנדער חיהלה אין דער קעשענע. דער ייִד פֿון 17טן י"ה האָט צו דעם צוועק אַרומגעטראָגן אין דער קעשענע אַן אויסגעטריקנט שטיקל אַפֿיקומן.[50]

ר׳ יחיאל־מיכל זוכט אַפֿילו מאָטיוון פֿאַר געוויסע ייִדישע התנהגותן. אַזוי אַ שטייגער דערקלערט ער דאָס שאָקלען זיך בײַם לערנען אויף אַזאַ אופֿן: די תּורה איז געגליכן צו פֿײַער און שטייט קיין מאָל ניט שטיל, נאָר צאַפּלט; אַזוי דאַרף אויך דער לערנער ניט אײַנזיצן שטיל. די שבתדיקע חלות זײַנען לאַנג און קיין מאָל ניט קײַלעכדיק. זיי דאַרפֿן האָבן די פֿאָרעם פֿון דעם אות ו. אַז מען לייגט אויף זיי אַרויף ביידע הענט, ווי דער דין איז, באַקומט זיך די פֿאָרעם פֿון צוויי הייען, און דאָס אָפּגעשניטענע קלענערע שטיקל חלה האָט די פֿאָרעם פֿון אַ י. אַזוי אַרום האָבן מיר צוזאַמען דעם שם הויה.

גאָר אינטערעסאַנט זײַנען די געגראַמטע שפּראַכן וואָס האָבן זיך אויפֿגע־היט אין מויל פֿון פֿאָלק. אָט איז אַ שפּראַך וואָס מען האָט אים געזאָגט דרײַ מאָל פֿאַרן שלאָף:

דא ליג איך מיך אין גאטש נאמן נידר
מיט דר גאטש הילף וועל איך אויף שטיין מארגין פֿרי ווידר
מיט גיזונדהייט אין אלי מייני גלידר.[51]

אָדער אַ שפּראַך וואָס אַ טייל מענטשן האָבן געזאָגט מיט די קינדער צום סוף בענטשן:

איין קענלין [אַ פֿעסעלע] מיט וויין
מזל וברכה דריין
עשׂרת אלפֿים דריין.[52]

ד

ר׳ יחיאל־מיכלס ספֿרים זײַנען אַ וויכטיקער מקור פֿאַר דעם ייִדיש פֿון יענער צײַט, דער עיקר פֿאַר דער שפּראַך פֿון דער רעליגיעזער ספֿערע. אַזוי

[49] *Handwörterbuch des deutschen Aberglaubens,* Berlin-Leipzig, 1927—1942, II, p. 1586; VII, p. 629; IX, pp. 501, 902.

[50] קיצור שני לוחות הברית, ד׳ ע"ח, ב.

[51] סדר תפלה דרך ישרה, תּס"ג, ד׳ קכ"ה, ב.

[52] דצ"וו, אין דער הוספֿה, ד׳ ט"ז, א.

רעדט ער וועגן אַ פֿאַר ברכה און אַ נאָך ברכה. פֿאַר עשׂרת ימי תּשובֿה באַנוצט ער דעם אויסדרוק תּשובֿה־וואָך. אַנשטאָט גיין צו תּשליך הייסט דאָס בײַ אים גיין תּשליך מאַכן; ניט דעם סדר אָפּריכטן, נאָר דעם סדר געבן; ניט די לבֿנה מחדש זײַן, נאָר די לבֿנה מקדש זײַן. דער רבים פֿון חבֿר (אַ טיטל) איז בײַ אים חבֿרת, ניט חבֿרים. ער רעדט פֿון אַזאַ זאַך ווי די סוכּה בענטשן. דאָס הייסט אַרײַנגיין אין דער סוכּה און מאַכן אַ ברכה און שפּעטער אַרויסגיין און עסן אין הויז. מען געפֿינט בײַ אים אַ רשימה ייִדישע מאכלים, ווי אַ שטייגער פּורים קיכלעך, פּורים קרעפּלעך וכדומה.

אינטערעסאַנט איז, אַז פֿאַר אַ טייל באַגריפֿן, פֿאַר וועלכע מיר האָבן בלויז העברעיִשע ווערטער, באַנוצט ער זיך מיט אַנדערע, ניט־העברעיִשע. פֿאַר הוצאת און הכנסת התּורה באַנוצט ער זיך מיט אויז היבן און אין היבן.

אין ר׳ יחיאל־מיכלס ווערק האָבן מיר אַן אָנדײַט אויף דעם איבערגאַנג פֿון די u־קלאַנגען אויף i־קלאַנגען אין ייִדיש (העברעיִש). ער האַלט פֿאַר נייטיק צו וואָרענען אַז מען זאָל אַכטונג געבן בײַם דאַווענען אַז מען זאָל לייענען דעם שורוק ווי אַ מלופּום. טאָמער ניט, קען דערפֿון אַרויסקומען אַ מיכשול, למשל: כלם אהובים מיט דעם שורוק איז טייטש אלי זיין זיי גליבט און כלם מיט דעם חיריק איז טייטש פֿר דרבט.[53]

דער דאָזיקער פּרט פֿאַרלײַרט אַ היפּש ביסל פֿון זײַן וויסנשאַפֿטלעכן ווערט צוליב דעם וואָס מיר קאָנען די דאָזיקע לינגוויסטישע דערשײַנונג ניט גענוי לאָקאַליזירן. שטיינשנײַדער האַלט אַז ר׳ יחיאל־מיכל איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן און איז שפּעטער געווען רבֿ אין פּראָסטיץ, מערן. שלמה בירנבוים, אין זײַן אַרבעט „די היסטאָריע פֿון די אַלטע u־קלאַנגען אין ייִדיש",[54] קריגט אויף שטיינשנײַדערן און מיינט, אַז ער האָט געוווינט אין פֿראַנקן. אויפֿן סמך פֿון ר׳ יחיאל־מיכלס ווערק גופֿא איז שווער צו קומען צו אַ מסקנא פֿון וואַנען ער איז געווען און ווו ער האָט געוווינט. ער ציטירט די מינהגים פֿון פּוילן, מערן, פֿראַנקפֿורט־־מײַן, פֿיורדאַ און אַנדערע מקומות. עס זײַנען בײַ אים אויך פֿאַראַן אַ ריי סלאַווישע ווערטער: פּווידלא שקורין לוטווערין, אוגרקוס או קומרלינג בל״אַ.

---

[53] דצ״ו, ז׳ מ״ג, א.

[54] ייִוואָ־בלעטער, ב׳ VI, ז׳ 41. בירנבוימס ראַיות, אַז די הסכּמות אויף זײַנע ספֿרים קומען פֿון רבנים פֿון פֿראַנקן, און דערפֿאַר איז ער געווען אַ תּושבֿ פֿון פֿראַנקן, באַווײַזן נאָך ניט, אַז ער איז ניט געווען אויך אַ תּושבֿ פֿון פּראָסטיץ. ר׳ יחיאל־מיכל איז געווען אַ מלמד, ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, און די מלמדים פּונקט ווי די אַנדערע כּלי־קודש זײַנען געווען דער באַוועגלעכסטער עלעמענט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

בכלל איז דער גאַנצער ענין זייער אַ פֿאַרפּלאָנטערטער. י. פֿרײַמאַן, אין זײַן אַרבעט: "Geschichte der Juden in Prossnitz," *Jahrbuch der Jüdisch-Literarischen Gesellschaft*, XV, ז׳ 37, דערמאָנט אַ יחיאל־מיכל הלוי עפּשטיין און ציטירנדיק עיר תהלה גיט ער אָן, אַז ער איז געווען דער איידעם פֿון ר׳ מרדכי יפֿה, דעם בעל הלבוש. אין ב׳ XVI פֿון *Jahrbuch*, ז׳ 169 א״ו, ווײַזט ב. וואַכשטיין אָן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן צוויי פֿאַרשיידענע מענטשן מיט דעם זעלבן נאָמען, וואָרעם אויף דעם שער־בלאַט פֿון סדר תפלה דרך ישרה

ה

אַ פּאָר יאָר נאָך ר׳ יחיאל־מיכלס טויט אין תס״ז[55] פֿאַלט אויף אים דער חשד פֿון שבתי־צבֿיִזם. די ערשטע אָנצוהערעניש האָבן מיר פֿון תפ״ו. מען איז מכריז אין די אַה״ו־ (אַלטאָנע, האַמבורג, וואַנדזבעק) קהילות, אַז ווער עס האָט זײַן קיצור שני לוחות הברית זאָל ער אים ברענגען צום אַב״ד.[56] אַ פּנים אַז דעם ספֿר האָט מען יעמאָלט ניט דן געווען לגניזה. אין תקי״ב שרײַבט וועגן אים דער קנאי בן קנאי, ר׳ יעקבֿ עמדין, אין זײַן תורת הקנאות (ט״ז, א)[57] אַזוי: „ווי מיר האָבן געזען אַז עס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַן [שבתי צבֿיס] נעץ אַרײַן דער תּם און ירא שמים ר׳ מ. עפּשטײַן... און ער האָט אומשולדיקערהייט גע־שריבן...״

וואָס האָט דאָס ר׳ יחיאל־מיכל „אומשולדיקערהייט״ געשריבן וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ חשד בײַ ר׳ יעקבֿ עמדינען? אין תּנ״ט האָט ר׳ יחיאל־מיכל באַ־קומען אַ כּתבֿ וואָס עס האָט צוגעשיקט דער חבֿרונער שבתי־צבֿיניק ר׳ אַבֿרהם קונקי צו אַ פֿראַנקפֿורטער גבֿיר, און וועלכן ער האָט אים איבערגעגעבן אַ באַ־ריכט וועגן שבתי צבֿי. בײַ נאַכט, בײַם לייענען דעם כּתבֿ, איז דאָס ליכט אַרויסגעפֿאַלן פֿון גבֿירס האַנט און פֿאַרברענט אַ פּאָר זײַטלעך. דאָס איבעריקע איז אָנגעקומען צו ר׳ יחיאל־מיכלען און ער האָט דאָס איבערגעשריבן „למען יראה בו הדברים הנוראים״. פֿאַר דער דאָזיקער מאָטיווירונג האָט ר׳ יחיאל־מיכל באַקומען פֿון ר׳ יעקבֿ עמדינען דעם קאָמפּלימענט „פּתי יאמין לכל דבֿר״ — אַ נאַר גלייבט אַלץ.

ווײַטער שרײַבט דאָרט ר׳ יעקבֿ עמדין, אַז אין זײַן סדר תפלה האָט ר׳ יחיאל־מיכל אָוועקגעשטעלט בײַם סוף עלינו לשבח אַ רמז אויף שבתי צבֿי. דער רמז וואָס ר׳ יעקבֿ עמדין דערמאָנט באַציט זיך אויף דער פֿראַזע „הוא אלהינו אין אחר״ אַנשטאָט דעם נוסח וואָס איז איצט אָנגענומען — „הוא אלהינו אין עוד״. אמת, בײַ די שבתי־צבֿיניקעס איז געווען שטאַרק אָנגענומען אַ נוסח — „שבתי צבי הוא ולא אחר״,[58] אָבער אין די עלטערע סידורים זײַנען

ווערט בפֿירוש אָנגעוויזן, אַז ר׳ יחיאל־מיכלס שווער האָט געהייסן ר׳ יום טובֿ. הוגאָ גאָלד, אין זײַן בוך *Die Juden und Judengemeinden Mährens* (ז׳ 501), פֿאַררופֿט זיך אויף פּרײַ־מאַנען און וואַכשטיינען און גיט אָן אין דער רשימה פֿון פּראָסטיצער רבנים אַ יחיאל־מיכל הלוי בן אַבֿרהם עפּשטיין.

[55] בירנבוימס ספֿקות, אין דער אויבן דערמאָנטער אַרבעט, צי די פֿראַנקפֿורטער מצבֿה וואָס ווערט געבראַכט אין אבני זכרון (נומ׳ 1531) איז טאַקע פֿון אונדזער ר׳ יחיאל־מיכלען, ווײַל זי דערמאָנט ניט זײַנע ווערק, האָבן ניט קיין שטאַרקן יסוד. עס טרעפֿט אָפֿט, אַז אויף די מצבֿות פֿון מחברים ווערן ניט דערמאָנט זייערע ווערק.

[56] זען ש. אַסף, „אומבאַוווּסטע ייִדישע קהילה־דאָקומענטן״, ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XXXIII, ז׳ 120.

[57] עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין בן־יעקבֿס אוצר הספרים, ווען ער רעדט וועגן ר׳ יחיאל־מיכל עפּשטיין, איז אַרײַנגעפֿאַלן אַ טעות־הדפּוס. די זײַטן, וועלכע ער ציטירט פֿון תורת הקנאות זײַנען ניט ריכטיק. דעם דאָזיקן טעות־הדפּוס חזרט איבער די *Encyclopaedia Judaica*.

[58] קרית ספר, ירושלים, תּש״ב, ב׳ XVIII, ז׳ 400.

די נוסחאָות געווען פאַרשיידן. אין אַ סידור וואָס איז אַרויס רפ״ג שטייט „אין עוד״, אין אַ סידור פון רפ״ה שטייט „אין אחר״, אין ר׳ סעדיה גאָונס סידור שטייט „אין עוד״. אין אַ כתבֿ־יד פון מחזור וויטרי פון 13טן י״ה, אין באַזיץ פון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין אַמעריקע, שטייט גאָר „הוא אלהינו ואין עוד אחר״, און אַזוי שטייט אין דעם סידור וואָס די ספרדישע קהילות אין אַמעריקע באַנוצן ביזן הײַנטיקן טאָג. זעען מיר, אַז פון דעם „אין אחר״ קאָן מען גאָרניט דרינגען. אין זײַן עדות ביעקב (ז׳ ג, א) כאַראַקטעריזירט ר׳ יעקבֿ עמדין דעם סידור ווי סתם „ספרי מינין״.

צום סוף פון זײַן תורת הקנאות (ע״א, ב) קומט ר׳ יעקבֿ עמדין צוריק צו ר׳ יחיאל־מיכלען. ער רעכנט אויס אַלע ספרים וואָס זײַנען פאַרסמט געוואָרן פון דעם גיפט פון דעם „נחש״ און דערמאָנט נאָך אַ מאָל ר׳ יחיאל־מיכלס סידור און אויך, אַז עס איז פאַראַן אַ רמז אויף דעם שבתי־צבֿי־„עיפוש״ אין דער הקדמה צום קיצור שני לוחות הברית. אין אמתן איז די הקדמה זייער אַ קורצע. זי הייבט זיך אָן מיט אַ שבֿח צום רבונו של עולם און ווײַטער רעדט זיך וועגן די מעלות פון ספר. דאָס איינציקע צו וואָס ר׳ יעקבֿ עמדין קאָן זיך טשעפּען איז אפשר די פראַזע „ויזכו ע״י הספר הזה לראות פני מלך משיח האמתי״. אָבער דאָס איז דאָך געווען דער אָנגענומענער נוסח פון אַלע מחברים אין יענער צײַט. ענלעכס האָט אויך ר׳ יעקבֿ עמדין גופא געשריבן.

עס איז זייער מיגלעך, אַז די שטעלונג גופא פון ר׳ יחיאל־מיכלען צו ייִדיש האָט אַרויסגערופן אַ חשד בײַ ר׳ יעקבֿ עמדינען. דער קנאי בן קנאי האָט זיך באַ־צויגן מיט ביטול צו דער ייִדישער שפּראַך. ער כאַראַקטעריזירט ר׳ יחזקאל קאַצענעלבויגן, דעם בעל כנסת ישראל און געוועזענעם אַב״ד פון די קהילות אַה״ו ווי אַ „בלעג לשון אין בינה״, וואָרעם ער קומט דאָך פון אַן „עם לעגי שפה... ולשון מגומגם מאד״.[59] איינע פון זײַנע טענות צו זײַנע קעגנערס אין פוילן איז, אַז זיי רעדן „אשדודית״ — ד״ה ייִדיש, און זײַן בר־פלוגתא ר׳ יונתן אייבעשיץ וואַרפט ער אַפיר, אַז „לא ידע לדבר אפילו בשפת עברית״[60] און האָט אַפילו דערציילט וויצן „בלשון אשכנז״[61] — אַ טערמין, וועלכן ער ניצט דורכויס פאַר ייִדיש. אמת, ר׳ יונתן אייבעשיץ האָט טאַקע געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו ייִדיש. ער האָט אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אַ קיצור אורח חיים אויף ייִדיש, הגם מען האָט צו אים געהאַט טענות דערפאַר.[62]

פון ר׳ יעקבֿ עמדינס באַציִונג צו ר׳ יחיאל־מיכלען וואָלטן מיר אפשר טאַקע געקאָנט דרינגען, אַז ער האָט געווינט אין מערן. ר׳ יעקבֿ עמדין האָט געהאַט זייער אַ בייז האַרץ אויף דער דאָזיקער מדינה. ער האָט אַפילו דערויף געפונען

---

[59] מגלת ספר, וואַרשע, תרנ״ז, זז׳ 124, 127.

[60] שפת אמת, לעמבערג, תרל״ז, ס״ו, ב.

[61] בית יהונתן הסופר (אָן דאַטע און דרוקאָרט), ז׳ י״ז, א.

[62] Mortimer J. Cohen, *Jacob Emden, A Man of Controversy*, Philadelphia, 1937, p. 95.

אַ בפירושן שטיצפּונקט אין תּנך: „אין עשה טוב אין גם אחד" איז בגמטריא „מעררין".[63] דער משונהדיקער אויסלייג „מעררין" איז, פֿאַרשטייט זיך, צוליב דער גמטריא.

ווײַטער האָבן מיר אין ר' יחיאל־מיכלס ווערק קיין שום אָנצוהערעניש אויף שבתי־צבֿי ניט געפֿונען. אפֿשר לויט די שיטות פֿון אתב"ש און גמטריאות קאָן מען דאָרט יאָ געפֿינען אַ רמז אויף שבתי־צבֿי. אָבער לויט די דאָזיקע שיטות איז ניט שווער אַזעלכע רמזים צו געפֿינען אַפֿילו אין די עשׂרת הדיברות.

אין אונדזער איבערבליק איבער די טעטיקייטן פֿון ר' יחיאל־מיכל עפּשטיינען האָבן מיר בכיוון אויסגעלאָזט גאָר אַ וויכטיקן אַספּעקט פֿון זײַן אַרבעט, אויף וועלכן עס וואָלט זייער כּדאַי געווען זיך אָפּצושטעלן באַריכות; דאָס איז זײַן פּרווו צו פֿאַראייניקן הלכה און קבלה אין איין סיסטעם.

---

[62] עדות ביעקב (אָן דאַטע און דרוקאָרט), ד' מ, א.

די קאַמפּן אַרום דער וואַלסיסטעם אין די ייִדישע קהילות אין פֿראַנקרײַך, 1880—1850

פֿון ז. שײַקאָווסקי

I

די קאַמפּן אַרום דער וואַלסיסטעם אין די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס (קהילות) פֿון פֿראַנקרײַך זײַנען געווען בעיקר אַ טייל פֿון דעם אַלגעמיינעם קאַמף צווישן די אָרטאָדאָקסישע און די משׂכּיליש־רעפֿאָרמאַטאָרישע עלעמענטן.

די סיסטעם פֿון וויילן די מיטגלידער פֿון די קאָנסיסטאָריעס, דעם אייבערראַבינער (רבֿ הכּולל) פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, וואָס ער איז געווען דער אייבערראַבינער פֿון גאַנץ פֿראַנקרײַך, פֿון די אייבער־רבנים אין די רעגיאָנאַלע קאָנסיסטאָריעס און די רבנים אין די קהילות,[1] האָט געקענט באַשטימען וועלכער צד עס זאָל אָפּהאַלטן אַ נצחון: די אָרטאָדאָקסן וואָס האָבן זיך גרופּירט אין די קהילות, אָדער די רעפֿאָרמאַטאָרן וואָס האָבן געהאַט אויף זייער צד די צענטראַלע און טייל רעגיאָנאַלע קאָנסיסטאָריעס. פֿון 17טן מאַרץ 1808 אָן, ווען נאַפּאָלעאָן I האָט אַרויסגעגעבן דעם געזעץ וועגן אָרגאַניזירן די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס, ביז 1848 זײַנען די וועלטלעכע מיטגלידער פֿון די קאָנסיסטאָריעס (פּרנסים), די אייבער־רבנים און רבנים געווײלט געוואָרן דורך אַ קלייגער צאָל נאָטאַבלען, וואָס זײַנען באַשטימט געוואָרן פֿון די פּאָליציי־פּרעפֿעקטן (אַ דעקרעט פֿון 15טן מײַ 1844 האָט רעגולירט די אָרגאַניזאַציע פֿון די קהילות).[2] ס״ה זײַנען אין גאַנץ פֿראַנקרײַך געווען בלויז 910 ייִדישע נאָטאַבלען (פֿאַר יוני 1848) אויף אַ באַפֿעלקערונג פֿון 85,910 ייִדן (אין 1845). בעת דער רעוואָלוציע פֿון 1848 האָבן די אָרטאָדאָקסישע און רעפּובליקאַניש געשטימטע עלעמענטן

---

[1] די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט געהאַט אַן אויפֿזיכט איבער 8 רעגיאָנאַלע קאָנסיסטאָריעס: באָרדאָ, וואָס האָט אַרומגענומען 8 דעפּאַרטעמענטן מיט 3,500 ייִדן; קאָלמאַר, מיט 5 דעפּאַרטעמענטן און 16,871 ייִדן; מאַרסעל, מיט 15 דעפּאַרטעמענטן און 3,958 ייִדן; מעץ, מיט 2 דעפּאַרטעמענטן און 8,071 ייִדן; נאַנסי, מיט 5 דעפּאַרטעמענטן און 10,479 ייִדן; פּאַריז, מיט 33 דעפּאַרטעמענטן און 17,000 ייִדן; סען־עספּרי, מיט 7 דעפּאַרטעמענטן און 2,500 ייִדן; שטראַסבורג, מיט 1 דעפּאַרטעמענט און 23,531 ייִדן.

[2] Achille-Edmond Halphen, *Recueil des lois, décrets, ordonnances, avis du Conseil d'état, arrêtes et règlements concernant les israélites* . . . (Paris, 1851), pp. 119-137.

געפּאָדערט אײַנצופֿירן אין די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ פֿון אַלגעמײנע װאַלן (סופֿראַזש אוניװערסעל). די פֿאָדערונג האָט מען נאָכגעגעבן, און אַ דעקרעט פֿון 7טן יוני 1848 האָט באַשטימט, אַז די נעמען פֿון אַלע ייִדישע װײלערס אויף די אַלגעמײנע װאַלליסטעס זאָלן אויטאָמאַטיש אַריבערגעטראָגן װערן אויף די װאַלליסטעס אין די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס. אַזוי אַרום האָבן אַנשטאָט אַ גרופּע נאָטאַבלען באַקומען װאַלרעכט אַלע ייִדן אין עלטער פֿון 25 יאָר אָן. אַנשטאָט די 910 נאָטאַבלען ערבֿ יוני 1848 זײַנען אין 1850—1852 געװען פֿאַרשריבן קנאַפּע 15,000 נעמען אויף די װאַלליסטעס אין די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס. אַנשטאָט 532 פֿון די 910 נאָטאַבלען, װאָס האָבן זיך באַטייליקט אין די קאָנסיסטאָריאַלע װאַלן פֿון 1847, האָבן בײַ די װאַלן אין 1850—1852 זיך באַטייליקט 6,381 פֿון די קנאַפּע 15,000 װײלערס.[3]

נאָך 1848 האָבן ביידע צדדים, הן די אָרטאָדאָקסן, הן די רעפֿאָרמאַטאָרן, געזוכט אײַנצופֿירן שינויים אין דער װאַלסיסטעם.

דעם 28סטן מאַרץ 1849 האָט אַ גרעסערע גרופּע יונגע־לײַט פֿון מעץ געשיקט אין קולטוס־מיניסטעריום אַ פּעטיציע צו דערלויבן װײלן אין די קאָנסיסטאָריעס אין עלטער פֿון 21 יאָר אָן. דעם 17טן יאַנואַר 1858 האָט אַ סוחר פֿון אײַזנװאַרג, אַבֿרהם בלאָק פֿון רײַכסהאָפֿען (נידער־רײַן), געשיקט אַ פּעטיציע, אַז די פֿאַרשײדענע קאָנסיסטאָריאַלע קאָמיסיעס זאָלן ניט באַשטימט װערן דורך דער קאָנסיסטאָריע, נאָר זאָלן געװײלט װערן דירעקט דורך אַלגעמײנע װאַלן.[4] אין יאַנואַר 1850 זײַנען פֿון אייבער־רײַן אָנגעקומען געדרוקטע פּעטיציעס צו פֿאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער אין די דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס אויף טאָפּלט און אין דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע ביז 17 און אַז אַלע מיטגלידער זאָלן איבערגעװײלט װערן דורך אַלגעמײנע װאַלן.[5] אָבער די דאָזיקע פֿאָרשלאָגן װאָס װאָלטן געקענט פֿאַרשטאַרקן דעם אײַנפֿלוס פֿון די אָרטאָדאָקסן אין דער קאָנסיסטאָריאַלער פֿירערשאַפֿט האָבן געהאַט אַ קנאַפּן שאַנס דורכגעפֿירט צו װערן, נאָך דעם װי עס האָט זיך געביטן דער פּאָליטישער רעזשים אין לאַנד און די 2טע רעפּובליק איז פֿאַרביטן געװאָרן מיט דער 2טער אימפּעריע פֿון נאַפּאָלעאָן III. אַקעגן האָט די רעפֿאָרמאַטאָריש געשטימטע צענטראַלע קאָנסיסטאָריע געפֿילט, אַז עס איז געקומען די צײַט אויסצונוצן די שינויים אין פּאָליטישן רעזשים פֿון לאַנד און פּטור צו װערן פֿון אַלגעמײנע װאַלן אין די קאָנסיסטאָריעס װאָס איז געװען אַ קינד פֿון דער 2טער רעפּובליק און אַ נצחון פֿון די אָרטאָדאָקסישע קרײַזן. בײַם אײַנהאַלטן די סיסטעם פֿון אַלגעמײנע װאַלן איז

[3] ש. פֿרידמאַן [ז. שײַקאָװסקי], „די רעװאָלוציע פֿון 1848 און די אינעװײניקסטע קאַמפֿן אין פֿראַנצײזישן ייִדנטום", ייִדן אין פֿראַנקרײַך, ייִװאָ, ניו־יאָרק, 1942, ב׳ ו, זז׳ 205—253.

[4] די עלזאַסער ייִדן האָבן דעם סופֿראַזש אוניװערסעל אָנגערופֿן „אַללגעמײנע שטיממען", לויט דעם דײַטשמערישן טעקסט פֿון אַ בראָשור פֿאַר דער קאַנדידאַטור פֿון שלמה װאָלף קליין אויפֿן פּאָסטן פֿון אייבעררהײנער אין קאָלמאַר; דער פֿראַנצײזישער טייל פֿון דער בראָשור הייבט זיך אָן מיט "Electeurs Israélites" און דער דײַטשמערישער מיט „איזראַעליטישע װאַהלמאַננער", 8+10 זז׳.

[5] AN [=Archives Nationales], F^{19}, 11035.

געווען אַ געפֿאַר, אַז די קאָנסיסטאָריאַלע פֿירערשאַפֿט זאָל אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון די אָרטאָדאָקסן. אַלגעמיינע וואַלן וואָלטן געקענט דערפֿירן צום באַשטימען אָרטאָדאָקסישע רבנים, חזנים; שאַפֿן אָרטאָדאָקסישע ישיבֿות, חדרים, חבֿרה־קדישא אאַז״וו. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט געוווּסט, אַז זי וועט קיין מאָל ניט קענען מאַכן קיין וויכטיקע רעפֿאָרמען וואָס זאָלן אָנרירן רעליגיעזע פּרינציפּן אָן דעם הסכּם פֿון די אייבער־רבנים. בכן האָט זי געמוזט אויסרעכענען אויף אַזאַ סיסטעם פֿון באַשטימען רבנים וואָס זאָל מיט דער צײַט דערפֿירן צו אַ נצחון איבער די אָרטאָדאָקסן. אין די פּראָיעקטן וועגן בײַטן די וואַלסיסטעם האָט די קאָנסיסטאָריע געמוזט בפֿירוש דערמאָנען, אַז קיין שינויים פֿון רעליגיעזן פּרינציפּ קענען ניט געמאַכט ווערן אָן דעם הסכּם פֿון די אייבער־רבנים און קיין שום קאָנפֿערענץ וועגן שינויים קען ניט גערופֿן ווערן אָן דעם הסכּם פֿון דער מערהייט רעגיאָנאַלע קאָנסיסטאָריעס. דאָס איז געווען דער פּרינציפּ אין די פֿריִערדיקע רעגולאַמינען פֿון ייִדישן קולט, און די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט זיך ניט געפֿילט גענוג שטאַרק צו פּרוּוון אים בײַטן. דערפֿאַר האָט זי באַשלאָסן בעסער אַזוי בײַטן די וואַלסיסטעם, אַז די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע זאָל מיט דער צײַט זײַן בכּוח צו קאָנטראָלירן דעם פֿראַנצייזישן ראַבינאַט.

דעם 22סטן מאַרץ 1852 האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע צוגעשיקט אין מיניסטעריום אַן עקזעמפּלאַר פֿון רעגולאַמין פֿון 25סטן מײַ 1844.[6] דאָרטן זײַנען געווען אָנגעצייכנט אַ גאַנצע ריי פֿאָרשלאָגן וועגן שינויים אין רעגולאַמין. די וויכטיקסטע שינויים האָבן געזאָלט זײַן:

לויטן רעגולאַמין פֿון 25סטן מײַ 1844:

1. דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס באַשטימען די קאָמיסיעס וואָס דאַרפֿן אויסוויילן די קהילה־רבנים און חזנים.
2. די קאָנסיסטאָריעס זײַנען מודיע דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע וועגן די וואַלן פֿון רבנים און חזנים.
3. אין יעדער דעפּאַרטעמענטאַלער קאָנסיסטאָריע איז פֿאַראַנען אַ קערפּערשאַפֿט פֿון נאָטאַבלען וואָס דאַרף אויסוויילן דעם אייבערראַבינער, די וועלטלעכע מיטגלידער אאַז״וו.

[ניטאָ קיין פּונקט וועגן דעם ווי לאַנג מען דאַרף האָבן געוווינט אין דער קאָנסיסטאָריע.]

5. די רשימות פֿון נאָטאַבלען ווערן אַפּישירט אַלע יאָר.

לויטן פֿאָרשלאָג פֿון דער קאָנסיסטאָריע, 22סטן מאַרץ 1852:

1. די קאָנסיסטאָריעס באַשטימען דירעקט די רבנים און געהילף־רבנים פֿון אַ רשימה תּלמידים פֿון דער ראַבינער־שול.
2. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע דאַרף באַשטעטיקן די וואַלן פֿון רבנים און געהילף־רבנים.
3. אין יעדער דעפּאַרטעמענטאַלער קאָנסיסטאָריע איז פֿאַראַנען אַ קערפּערשאַפֿט פֿון וויילערס, וואָס דאַרף אויסוויילן אַלע פֿיר יאָר 25 נאָטאַבלען, וואָס זיי וועלן באַשטימען דעם אייבערראַבינער, די וועלטלעכע מיטגלידער אאַז״וו.
4. די וויילערס מוזן האָבן געוווינט 4 יאָר אין דער קאָנסיסטאָריע.
5. די רשימות פֿון וויילערס ווערן אַפּישירט אַלע פֿיר יאָר.

---

[6] *Ordonnance royale portant règlement pour l'organisation du culte israélite* (25 mai 1844), 20 pp. (AN, F^{19}, 11016).

אין אַ לענגערן באַגלייטבריוו צום פּראָיעקט, אויך דאַטירט דעם 22סטן מאַרץ 1852, האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע זיך כּלומרשט אַרויסגעזאָגט אין פּרינ־ציפּ פאַרן אײַנהאַלטן די וואַלסיסטעם פון 7טן יוני 1848 און 15טן אָקטאָבער 1849. אָבער די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע איז גלײַך מוסיף אַז פון פאַרשיידענע זײַטן פאָדערט מען געוויסע שינויים. טייל ווילן, אַז עס זאָלן ניט קענען וויילן די וואָס העלפן ניט פינאַנציעל אויסצוהאַלטן די רעליגיעזע אינסטיטוציעס אָדער די צדקה־אינסטיטוציעס פון די קאָנסיסטאָריעס; אַנדערע האַלטן, אַז פונקט ווי אין פּראָיעקט פון שטאָטישע וואַלן, דאַרפן אויך אין די קאָנסיסטאָריעס ניט וויילן די וואָס לעבן פון צדקה, ווײַל זיי קענען ניט זײַן געגנוג אומאָפּהענגיק בײַם שטימען. מחמת עס איז טאַקע שווער צו באַשטימען געגוי ווער עס קען און ווער עס קען ניט וויילן, לייגט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע בכן פאָר אָנצונעמען די וואַלסיסטעם אין צוויי גראַדן, ד״ה אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ קערפּערשאַפט פון נאָטאַבלען וואָס זאָלן אויסגעוויילט ווערן דורך אַלגעמיינע וואַלן. בעיקר איז אַזאַ וואַלסיסטעם נייטיק בײַם באַשטימען אייבער־רבנים, פונקט ווי דאָס געזעץ פון 1844 האָט שוין געהאַט פאַרויסגעזען אומדירעקטע וואַלן בײַם באַשטימען אייבער־רבנים. קהילה־רבנים און געהילף־רבנים זאָלן ווײַטער באַשטימט ווערן דירעקט דורך די דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס.

דער דאָזיקער פּראָיעקט פון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע האָט געגומען פאַר אַ יסוד דעם רעגולאַמין פון 1844 און האָט לגמרי איגנאָרירט די דעקרעטן פון 7טן יוני 1848 און 15טן אָקטאָבער 1849, וואָס האָבן אײַנגעפירט דעם פּרינ־ציפּ פון באַשטימען די וועלטלעכע מיטגלידער אין די קאָנסיסטאָריעס דורך אַלגעמיינע וואַלן. דעם פּרינציפּ האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע געזוכט אָפּ־צושאַפן דורך אַן אומדירעקטער וואַלסיסטעם פון צוויי מדרגות, וואָס דאָס וואָלט בלי שום ספק פאַרשטאַרקט די כּוחות פון די רעפאָרמאַטאָרן. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט פאָרגעלייגט אָנצושטעלן געהילף־רבנים אַנשטאָט חזנים כּדי דערמיט צו פאַרשטאַרקן די רעפאָרם־אידעען אין די קהילות; די רבנים און געהילף־רבנים וואָלטן לויט דעם פּראָיעקט געדאַרפט באַשטימט ווערן בלויז פון צווישן די תּלמידים פון דער ראַבינער־שול, וואָס דאָס וואָלט אויך אָפּגעשוואַכט די אָרטאָדאָקסן; די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט געדאַרפט באַקומען דעם ענדגילטיקן קאָנטראָל איבערן באַשטימען אייבער־רבנים, רבנים און זייערע געהילפן.

פון 1808 אָן איז די אַדמיניסטראַציע פון די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס גע־ווען געבויט אויפן יסוד פון דער אַדמיניסטראַטיווער סיסטעם פון דער גאָרער ציווילער אַדמיניסטראַציע אין לאַנד. די אויספיר־אָרגאַנען זײַנען געוויילט גע־וואָרן לויט סיסטעמען אין הסכּם מיט די פּאָליטישע רעזשימען. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט מיט איין מאָל געוואָלט אין גאַנצן בײַטן די וויכטיקסטע פונקטן פון דעם רעגולאַמין פון די קאָנסיסטאָריעס און בײַם וויילן די אויספיר־אָרגאַנען זיך לגמרי דערווײַטערן אַפילו פון דער אַדמיניסטראַטיווער און פּאָ־ליטישער וואַלסיסטעם וואָס האָט געהערשט אין פראַנקרײַך, אַ סיסטעם וואָס האָט

אונטער דער הערשאַפֿט פֿון נאַפּאָלעאָן III געזאָלט געבן דעם אימפּעריאַלן רע־זשים אַ ליבעראַלע באַפּאַרבונג. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט אויך פֿאָרגע־לייגט אַ פּאָר שינויים וואָס האָבן געהאַט אַ ריין פּאָליטישן כאַראַקטער און האָבן זיכער געצילט געפֿעלן צו ווערן דער רעגירונג. צווישן די וואָס האָבן ניט געדאַרפֿט האָבן קיין וואַלרעכט האָבן, אַחוץ כּלערליי פֿאַרמישפּטע פֿאַר פֿאַר־ברעכנס און שווינדל, געדאַרפֿט זײַן אויך פֿאַרמישפּטע לויט די געזעצן וועגן מאַניפֿעסטאַציעס, קלובן און פֿאַרשפּרייטן ליטעראַטור קעגן דער רעגירונג, ד"ה עלעמענטן וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן רעזשים פֿון נאַפּאָלעאָן III.[7]

דעם 3טן מײַ 1853 האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע געשריבן צום מי־ניסטעריום, אַז די אייבער־רבנים זאָלן באַשטימט ווערן ניט דורך אומדירעקטע וואַלן (רעגיאָנאַלע קאָנסיסטאָריעס מיט 25 אויסגעווײלטע נאָטאַבלען), נאָר דירעקט דורך דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע וואָס קען בעסער אָפּשאַצן דעם ווערט פֿון די קאַנדידאַטן.

ווען מ'האָט זיך דערוווּסט וועגן פּראָיעקט פֿון דער צענטראַלער קאָנסיס־טאָריע האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעם פּראָטעסטן. מיטן פֿאָרשלאָג וועגן בײַטן די וואַלסיסטעם איז מסכּים געווען בלויז די באָרדאָער קאָנסיסטאָריע, וואָס האָט אָבער שטאַרק באַקעמפֿט אַלע אַנדערע פֿאָרשלאָגן, אָבער אין פּרט פֿון וואַלן האָט זי נאָכגעגעבן דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע. אין דעצעמבער 1851 האָט די באָרדאָער קאָנסיסטאָריע פֿאַרשפּרייט אַן אייגענעם פּראָיעקט פֿון אַ דעקרעט, אין וועלכן די נײַע וואַלסיסטעם איז געווען די זעלבע וואָס פֿון דער צענטראַ־לער קאָנסיסטאָריע: אַלע פֿיר יאָר זאָל געווײלט ווערן דורך אַלע ייִדן אין עלטער פֿון 25 יאָר אַ קערפּערשאַפֿט פֿון נאָטאַבלען. אין דער מאָטיווירונג שרײַבט די באָרדאָער קאָנסיסטאָריע, אַז מען דאַרף אויסמײַדן צו שטיצן זיך אויף דער פּאָליטישער וואַלסיסטעם פֿון לאַנד.[8]

עס איז זיכער, אַז די באָרדאָער קאָנסיסטאָריע האָט אָנגענומען אַזאַ באַ־שלוס אונטערן אײַנפֿלוס פֿון באָרדאָער אָרטאָדאָקס בנימין גראַדיס. בדרך־כּלל זײַנען די אָרטאָדאָקסן געווען אָנהענגערס פֿון אַלגעמיינע וואַלן אין די קהילות, וואָס זיי האָבן אויסגעקעמפֿט אין דער צײַט פֿון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין 1848. עס זײַנען אָבער געווען אַ פּאָר אויסנאַמען, און איינער פֿון די זעלטענע אויסנאַמען איז געווען בנימין גראַדיס (1789—1858) פֿון דער באַקאַנטער גראַדיס־משפּחה אין באָרדאָ. ער איז געווען אַ זון פֿון אַבֿרהם גראַ־דיס, וואָס איז געווען איינער פֿון די 4 זין פֿון באַרימטן באָרדאָער סוחר דוד גראַדיס. בנימין גראַדיס איז געווען אַ פֿרומער ייִד, אַן אָרטאָדאָקס, וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן געקעמפֿט קעגן דער משׂכּילישער באַוועגונג און קעגן אַלע

[7] ". . . Les condamnés pour délits prévues par les lois sur les attroupements ou les clubs, ou pour infraction aux lois sur le colportage."

[8] *Au Consistoire Central* ([Bordeaux], 15 décembre 1851), 4 pp. ליטאָגראַפֿירט. צוזאַמען מיט דעם פּראָיעקט איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אַ באַגלייטבריוו פֿון 16טן דעצעמבער 1851, 2 זז'.

רעפֿאָרמען וואָס די משׂכּילים האָבן פֿאָרגעלייגט.[9] ער איז אָבער אויך געווען אַ שאַרפֿער קעגנער פֿון פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, אַ הייסער מאָנאַרכיסט. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ביכער און פּאַמפֿלעטן אין וועלכע ער האָט געזוכט צו באַווײַזן, אַז נאָר די מאָנאַרכיע זאָרגט פֿאַר די מאַסן. זײַן פּלאַן איז געווען צו פֿאַרשטאַרקן די מאָנאַרכיסטישע באַוועגונג דורך צוריק אויפֿשטעלן די פּריצישע אַריסטאָקראַטיע און דורך שטיצן זיך גלײַכצײַטיק אויף די פּראָלעטאַרישע מאַסן. אַ מאָנאַרכיע אויפֿן חשבון פֿון בורזשואַזן קלאַס. אָפּשאַפֿן יעטוועדן פּאַרלאַמענטאַרישן קאָנטראָל איבער דער רעגירונג, אײַנפֿירן אַ צענזור אויף דער פּרעסע אאַז״וו.[10] זײַנע אַנטירעפּובליקאַנישע און מאָנאַרכיסטישע פּרינציפּן האָט ב. גראַדיס געוואָלט אײַנפֿירן אויך אין ייִדישן קהילה־לעבן. ער האָט שטאַרק געקעמפֿט קעגן די רעפֿאָרמאַטאָרן פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע,[11] אָבער אין פּרט פֿון וואַלן האָט ער אויך אין בית־מדרש ניט געקענט אַוועק פֿון זײַנע אַנטירעפּובליקאַנישע פּרינציפּן. נאָך אין יוני 1850 האָט ער זיך געווענדט דירעקט צום מיניסטעריום מיט אַ פּעטיציע קעגן פּראָיעקט פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע און מיט זײַנעם אַן אייגענעם פּראָיעקט צו פֿאַר־

---

[9] *L'Univers Israélite,* vol. XIII (1858), pp. 393-404. Carmoly, in: *Archives Israélites,* vol. XXIII (1862), pp. 29-34.

[10] Benjamin Gradis, *Principes de politique appliqués a l'examen du control social . . .* (Paris, 1837). *Considérations sur la politique et sur les circonstances actuelles* (1820, 2e éd. 1822). *Du sort des minorités dans les Gouvernements représentatifs* (1830). *Du refus du budget* (1830). *Des principes politiques qui doivent servir des bases à la legislation électorale* (1831). *De la Pairie et de ses rapports avec la Constitution de l'Etat* (1831). *Réflexions sur l'Histoire de Lamartine et sur la manière d'écrire l'histoire* (1847, 2e éd. 1848). *Des Forges, des vignobles et des colonies* (1829). *Mémoire en faveur des colonies et des propriètaires de vignobles . . .* (1829). *Des classes inférieurs et des rapports qui les unissent aux autres classes de la société* (1830).

[11] B. Gradis, *A Messieurs les Membres du Consistoire Central des Israélites de France* (Bordeaux, 22 janvier 1856). *A Messieurs les Membres du Consistoire Central des Israélites de France. Deuxième lettre sur la réforme électorale* (Bordeaux, 19 mars 1856). *Des réformateurs et des changements qu'ils proposent d'-introduire dans le culte israélite* (Paris, 1845). *De l'autorité et de la liberté* (1857), cf. *Le Lien d'Israël,* vol. II (1857), pp. 393-406. *Des Innovations et des Innovateurs* (Paris, 1853). *De la société israélite, des livres moraux et religieux* (Paris, 1854). *Des quelques traductions françaises des livres de prières* (Paris, 1855). *Vous et Tu, pour faire suit de quelques traductions . . .* (Paris, 1855). *Des discussions religieuses* (Paris, 1856). *Mémoire adressé au Consistoire Central, au sujet de la suppression de la Mezizah, ordonnée par le Consistoire de la Seine* (Paris, 1846). *Lettre à un Réformateur* (Paris, 1846). *Lettre sur l'élection du grand rabbin du Consistoire Central* (Paris, 1846). *Réflexions sur le culte* (Paris, 1847). *Des lois organiques* (Paris, 1851). *De la musique sacrée* (Paris, 1851). *Des Fêtes* (Paris, 1853). *De l'élection du grand rabbin au Consistoire Central* (Paris, 1853).

בײַטן אַלגעמיינע וואַלן אין די קאָנסיסטאָריעס מיט אַן אַנדער וואַלמאָדוס. אַל־געמיינע וואַלן — האָט גראַדיס דעמאָלט געשריבן — איז בלויז אַ פֿאַרדאַרבענע נייגונג אין ענינים פֿון רעליגיעזן כאַראַקטער. צוליב דעם וואַלמאָדוס פֿאַרלירן די וואַלן דעם רעליגיעזן כאַראַקטער און נעמען אָן אַ פּאָליטישע באַפֿאַרבונג. פֿון אַלע פֿאָרשלאָגן פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע האָט גראַדיס מסכּים געווען בלויז מיטן אַרטיקל 5 וועגן אײַנפֿירן אַ וואַלסיסטעם פֿון צוויי גראַדן. די סיסטעם איז אים געווען צום האַרצן מחמת זײַנע אַנטירעפּובליקאַנישע אידעען, הגם ער וואָלט געוואָלט אין גאַנצן אָפּשאַפֿן אַלגעמיינע וואַלן; אַפֿילו בײַם באַ־שטימען די נאָטאַבלען האָט ער פֿאַרגעוואָרפֿן דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, אַז זי וויל אײַנפֿירן אין די קאָנסיסטאָריעס די סיסטעם פֿון מוניציפּאַלע וואַלן, וואָס דאָס איז נאָך ניט געווען אין גאַנצן קלאָר.[12]

דעם 9טן יולי 1853 איז אַרויס אַ דעקרעט וואָס האָט באַשטימט דעם אופֿן פֿון נאָמינירן אייבער־רבנים און קהילה־רבנים.[13] לויט דעם דעקרעט האָבן די אייבער־רבנים געדאַרפֿט באַשטימט ווערן דורך די וועלטלעכע מיטגלידער פֿון די קאָנסיסטאָריעס צוזאַמען מיט אַ קאָמיסיע פֿון 25 נאָטאַבלען, אויסגעוויילט דורך אַלע וויילערס — אַזוי ווי די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט פֿאָרגעלייגט אין איר פּראָיעקט פֿון 22סטן מאַרץ 1852. די פֿאָדערונג פֿון 3טן מײַ 1853, אַז די אייבער־רבנים זאָלן באַשטימט ווערן דורך דער צענטראַלער קאָנסיס־טאָריע האָט די רעגירונג ניט נאָכגעגעבן. קהילה־רבנים האָבן געדאַרפֿט באַ־שטימט ווערן דורך די דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס פֿון אַ רשימה תּלמי־דים פֿון דער ראַבינער־שול אָדער פֿון צווישן די אָרטיקע רבנים וואָס ווילן בײַטן זייערע ערטער. די פּראָיעקטן פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע — אַז די 25 נאָטאַבלען זאָלן אויסוויילן אויך די וועלטלעכע מיטגלידער פֿון די דע־פּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס; וועגן געהילף־רבנים; אַז זי מוז באַשטעטיקן די נאָמינאַציעס פֿון רבנים; דער פּראָיעקט וועגן 4 יאָר ווינאַרט פֿון די וויילערס און וועגן אַפֿישירן די וויילער־רשימה אַלע 4 יאָר — האָט דאָס מיניסטעריום דערווײַל ניט נאָכגעגעבן. אָבער דאָך איז דער דעקרעט פֿון 9טן יולי 1853 גע־ווען אַ גוטער אָנהייב פֿאַר דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע און אַ יסוד אויף ווײַטער צו אַטאַקירן די אַלגעמיינע וואַלן און די אָרטאָדאָקסן.

II

דעם 17טן נאָוועמבער 1854 האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע ווידער פֿאָרגעלייגט אין אַ בריוו צום מיניסטעריום, אַז די וועלטלעכע מיטגלידער פֿון

[12] AN, F[19], 11017. Pièces communiqués directement au rapporteur par Monsieur Guizot. B. Gradis, *Extrait de l'Univers Israélites. Des lois organiques* [Paris, 1850], pp. 1, 4. *Observations sur le projet de loi organique présenté par le Consistoire Israélite* ([Bordeaux], 30 septembre 1851).

[13] Isaac Uhry, *Recueil des lois, décrets, ordonnances, avis du Conseil d'Etat, arrêtés et règlement concernant les Israélites depuis 1850* (Bordeaux, 1878), pp. 8-9.

דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע (צו איין מיטגליד פֿון יעדער רעגיאָנאַלער קאָנסיסטאָריע) און פֿון די רעגיאָנאַלע קאָנסיסטאָריעס זאָלן אויסגעווײלט ווערן ניט דירעקט דורך די ווײלערס פֿון די קאָנסיסטאָריעס, ווי דער דעקרעט פֿון 1844 האָט עס פֿאָרויסגעזען וועגן די נאָטאַבלען, נאָר דורך דעלעגאַטן פֿון די נאָטאַבלען. מיט אַנדערע ווערטער, די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט ווידער געפֿאָדערט צו פֿאַרבײַטן די אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן מיט אומדירעקטע וואַלן אין צוויי גראַדן."[14]

אין מיניסטעריום איז מען ניט געווען צופֿרידן מיט דער נײַער פֿאָדערונג פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע און מ'האָט צוגעגרייט אַ פּראָיעקט וואָס האָט ניט נאָכגעגעבן אַלע אירע פֿאָדערונגען. דעם 3טן אָקטאָבער 1855 האָט דאָס מיניסטעריום געשריבן צו דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, אַז עס וואָלט געווען געוווּנטשן אײַנצוהאַלטן אין די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס דעם פּרינציפּ פֿון אַלגעמיינע וואַלן, פּונקט ווי עס טוען די פּראָטעסטאַנטן. מען דאַרף בלויז מאַכן אַ פּאָר פֿאַרזיכערונגען אין פּרט פֿון עלטער און מאָראַלישקייט פֿון די ווײלערס. דאָס וואָלט געגעבן אַן איינהייטלעכן כאַראַקטער דער נײַער אָרגאַניזאַציע פֿון די ניט־קאַטוילישע קולטן. אָבער היות די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע איז אַזוי זיכער אין דער נויטווענדיקייט איבערצוגעבן דאָס באַשטימען די וועלטלעכע מיטגלידער פֿון די קאָנסיסטאָריעס אין די הענט פֿון אַ באַגרענעצטער צאָל נאָטאַבלען, וואָס זאָלן יאָ אויסגעווײלט ווערן דורך אַלגעמיינע וואַלן, היות זי זעט אַ גרויסע געפֿאַר אין איבערגעבן די דאָזיקע פֿונקציע דירעקט אין די הענט פֿון אַלע ווײלערס, וואָס אַ גרויסער טייל פֿון זיי קענען ניט זײַן אומאָפּהענגיק, בכן — שרײַבט דאָס מיניסטעריום — וועט מען אפֿשר דאַרפֿן נאָכגעבן דעם וווּנטש פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע; אָבער עס איז ניט געוווּנטשן אָנצונעמען אַ צווייטן פּלאַן וועגן וועלכן עס איז געווען די רייד, אַז בלויז די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע זאָל אויסגעקליבן ווערן דירעקט דורך אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן און די דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס דורך וואַלן אין צוויי גראַדן.[15] אין אַ צווייטן דאָקומענט פֿון מיניסטעריום, דאַטירט דעם 14טן מײַ 1855, ווערט דערקלערט, אַז די וואַלסיסטעם פֿון צוויי גראַדן האָט דעם גרויסן חסרון וואָס זי דערווײַטערט זיך פֿון דער וואַלסיסטעם אין לאַנד, וואָס איז לויט אַ דעקרעט פֿון 26סטן מאַרץ 1852 אָנגעווענדט פֿאַר די אַנדערע ניט־קאַטוילישע רעליגיעס. „אָבער מען פֿאַרשטייט, אַז דער טיף טעאָקראַטישער כאַראַקטער פֿון דער ייִדישער רעליגיע פֿאָדערט אַזוינע פֿאַרזיכערונגען בכדי אויסצומײַדן יעטוועדע רעפֿאָרם אין דער דאָגמע און אין פּראַקטיקירן דעם קולט".[16] דער אמת איז, אַז

[14] AN, F^{19}, 11016.

[15] AN, F^{19}, 11016. Minute corrigé & expédié au Cabinet.

[16] ". . . mais on comprend que le caractère si profondément théocratique de la religion juive exige de semblables précautions pour prevenir toute innovation dans le dogme et dans les pratiques du culte." AN, F^{19}, 11016. Examen du projet de règlement.

דער גאַנצער פּראָיעקט האָט געהאַט פֿאַר אַ ציל צו פֿאַרלײַכטערן די שינויים וואָס די רעפֿאָרמאַטאָרן פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע האָבן געוואָלט אײַנפֿירן, און דער דאָקומענט איז בלויז אַ באַווײַז, אַז אין מיניסטעריום האָט מען אין תּוך זיך ווייניק פֿאַרשטאַנען אויף די אינעווייניקסטע קאַמפֿן צווישן ייִדן. דעם 9טן דעצעמבער 1855 האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע געשריבן צום מיניסטעריום, אַז נאָכן באַטראַכטן דעם פּראָיעקט פֿון דעקרעט און נאָכן איבער־צײַגן זיך אין דער געפֿאַר פֿון אַלגעמיינע וואַלן, איז זי דורכויס פֿאַר אַ וואַל־סיסטעם אין צוויי גראַדן. דער פֿאָרשלאָג צו לאָזן דירעקטע אַלגעמיינע וואַלן בײַם וויילן די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע איז געמאַכט געוואָרן בלויז דערפֿאַר, ווײַל ביז איצט האָט מען אין וויילן די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע ניט געזען קיין שום געפֿאַר (ד״ה מען איז געווען זיכער מיטן אויסגאַנג פֿון די וואַלן). אָבער אויב אין מיניסטעריום איז מען פֿאַרן אוניפֿיצירן אַלע וואַלן לויט דער סיסטעם ווי די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע לייגט פֿאָר, איז אַוודאי גוט. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע איז אין אינטערוועניצן בײַם מיניסטער אין 1855 כּסדר אַרויס־געטרעטן „מיט אַלע אירע כּוחות" קעגן אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן אין די קאָנסיסטאָריעס, וואָס קען אַרײַנברענגען אומגעוווּנטשענע עלעמענטן אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון די קהילות, ווי דאָס האָט באַוויזן דער פּראָוויזאָרישער רעזשים אין 1848—1849.[17]

פֿון אַ נאָטיץ פֿון 5טן סעפּטעמבער 1856 אין די אַרכיוון פֿון מיניסטעריום וועגן דער געשיכטע פֿון די פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן ביז סעפּטעמבער 1856 איז צו זען, אַז פֿאָרטול, דער מיניסטער פֿאַר בילדונג און רעליגיע, איז געווען אַ שאַרפֿער קעגנער פֿון פּראָיעקט פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע אָפּצו־שאַפֿן די דירעקטע וואַלן, וואָרעם ער האָט געוואָלט האָבן אַן איינהייטלעכע סיסטעם פֿאַר אַלע ניט־קאַטוילישע קולטן. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט זיך אַזוי אײַנגעעקשנט, אַז דער מיניסטער האָט נאָכגעגעבן.[18] אָבער דער מי־ניסטער איז געשטאָרבן איידער דער פּראָיעקט איז פֿאַרטיק געוואָרן אין מיניס־

[17] AN, F¹⁹, 11016. Observation sur la lettre du Consistoire Central du 9 déc. 1855: "Le C. C. . . . n'avait pas cru pouvoir adopter le suffrage universel et direct, qui amenerait, selon lui, des choix déplorables. Par sa lettre du 3 octobre dernier, M. le Ministre a reconnu que ces craintes n'étaient pas sans fondement, et il a invité le consistoire à examiner de nouveau la question. Le consistoire déclare que le souvenir des différentes localités, sous le régime provisoire établi en 1848, l'engage à repousser de toutes ses forces le suffrage universel et direct."

[18] "Mr. [H.] Fortoul avait beaucoup hesité à accepter cet article [12] qui établit l'l'élection à deux dégrés et [qui] n'est pas en harmonie avec les réglements organiques du culte protestant ni avec notre systême électoral. Le Consistoire Central a très vivement insisté sur [les] consequences déplorable qu'aurait le suffrage universel et direct, il a rappelé le souvenir de différentes localités sous le régime provisoire établi en 1849, et declare que pour le moment au moins l'-élection à deux dégrés était indispensable. M. le Ministre a cédé." Historique des projets jusqu'au Septembre 1856, AN, F¹⁹, 11016.

טעריום און דאָס איז מסתמא געווען איינע פֿון די סיבות פֿאַר וואָס דאָס אַרויס־געבן אַ נײַעם דעקרעט האָט זיך פֿאַרצויגן. אין אַ שוואַרצשריפֿט פֿון אַ מעמאָ־ראַנדום פֿון מיניסטעריום צו אַ פּראָיעקט פֿון אַפּריל 1857 איז געווען אַ זאַץ, אַז מען דאַרף אײַנהאַלטן אין די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס דירעקטע וואַלן וואָס איז לויטן דעקרעט פֿון 26סטן מאַרץ 1852 אָנגענומען בײַ די פּראָטעסטאַנטן.[19] „מען קען זיך ניט פֿאַרנעמען מיט די אומבאַקוועמלעכקייטן, וואָס האָבן געשטויסן די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע אָפּצושטויסן די דירעקטע וואַלן". אָבער אין דער ענדגילטיקער רעדאַקציע פֿון דעם מעמאָראַנדום איז דער זאַץ אויסגעמעקט געוואָרן.[20]

די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט געהאַט פֿאָרגעלייגט נאָך אַן אַנדער וואַלסיסטעם — פֿון דרײַ גראַדן — אַז יעדער קאָנסיסטאָריע זאָל אויסוויילן צוויי דעלעגאַטן וואָס צוזאַמען מיט די וועלטלעכע מיטגלידער פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע זאָלן זיי באַשטימען אַ וויילער־קערפּערשאַפֿט, וואָס זאָל באַשטי־מען אַן אייבערראַבינער. אָבער אַזאַ וואַלסיסטעם האָט שוין אויסגעזען צו קאָמפּליצירט און מען איז געבליבן אין מיניסטעריום פֿאַר דער סיסטעם פֿון צוויי גראַדן.[21]

די קאָנסיסטאָריע האָט געפֿאָדערט נאָך איין זאַך. אין אַ בריוו פֿון 14טן פֿעברואַר 1856 האָט אַדאָלף פֿראַנק פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע געפֿאָ־דערט, אַז אין פּראָיעקטירטן דעקרעט זאָל אַרײַנגעגעבן ווערן אַ זאַץ, וואָס זאָל דעם דעקרעט פֿאַרוואַנדלען אין אַ רעגולאַמין פֿון דער אַלגעמיינער אַדמיניס־טראַציע פֿון לאַנד.[22] שפּעטער האָט פֿראַנק אַליין באַזוכט וועגן דעם ענין דעם מיניסטער. לויט אַ נאָטיץ אין די נאַציאָנאַלע אַרכיוון וועגן דעם באַזוך האָט פֿראַנק געפֿאָדערט, אַז קעגן די פֿאַרשיידענע מנינים און מוהלים וואָס ווערן ניט קאָנטראָלירט דורך דער קאָנסיסטאָריע זאָל אָנגעווענדט ווערן דער אַר־טיקל 471 פֿון שטראָפֿקאָדעקס וואָס האָט דערלויבט אַרויסצוגעבן געווינט־לעכע שטראָפֿן פֿון 1 ביז 5 פֿראַנק פֿאַרן עובֿר זײַן קעגן אַ רעגולאַמין. אָבער

---

[19] אַגבֿ דאַרף מען באַמערקן, אַז אויך צווישן די פּראָטעסטאַנטן אין פֿראַנקרײַך איז געווען אַ באַוועגונג קעגן דעקרעט פֿון 26סטן מאַרץ 1852. אויך טייל פּראָטעסטאַנטישע פֿירערס, וואָס האָבן געזוכט אײַנצופֿירן רעליגיעזע רעפֿאָרמען, האָבן זיך באַמיט אַרײַנצושטופּן וואָס מער וועלטלעכע מיטגלידער אין די פּראָטעסטאַנטישע קאָנסיסטאָריעס און אָפּצושאַפֿן אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן.

M. E. Buisson, *De l'autorité dans les églises réformés de France avant et depuis le décret du 26 mars 1852* (Lyon, 1852). Charles Buob, *Le décret du 26 mars 1852* (Strasbourg, 1852). M. Lecerf, *Des décrets du mars 1852 sur l'organisation des églises réformées de France* (Caen, 1852).

[20] ". . . on ne peut se préoccuper des inconvénients qui ont engagé le Consistoire Central à repousser le suffrage universel et direct." *2ème projet de décret organique du Culte israélite* [avril, 1857], AN, F^{19}, 11016.

[21] AN, F^{19}, 11016. *2ème projet de décret organique du Culte israélite* [avril, 1857].

[22] "Le présent décret est exécutaire comme réglement d'administration publique."

דערצו האָט מען טאַקע פֿריִער געדאַרפֿט דעם רעגולאַמין פֿון דער קאָנסיסטאָריע פֿאַרוואַנדלען אין אַ רעגולאַמין פֿון דער עפֿנטלעכער אַדמיניסטראַציע. דער מי־ניסטער האָט די פֿאָדערונג ניט געוואָלט נאָכגעבן, ווײַל ער האָט עס ניט געטאָן מיט פּראָטעסטאַנטן און מאָכן אַן אויסנאָם בלויז פֿאַר ייִדן קען ער ניט.[23] מיג־לעך, אַז די דאָזיקע אינטערווענץ פֿון אַ. פֿראַנק האָט געהאַט די כּוונה ניט בלויז צו פֿאַרלײַכטערן דעם קאַמף קעגן מנינים, רבנים און מוהלים מחוץ דער קאָנ־סיסטאָריע, וואָס זײַנען געווען נעסטן פֿון דער אָרטאָדאָקסיע, נאָר אפֿשר האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע געזוכט אונטער אָט דעם אויסרייד צו שטעלן די ייִדישע קאָנסיסטאָריע העכער ווי דאָס געזעץ פֿון 14טן אויגוסט 1830 וועגן באַשטימען רבנים ווי רעגירונגס־אָנגעשטעלטע. דאָס פֿאַרוואַנדלען דעם רעגו־לאַמין פֿון דער קאָנסיסטאָריע אין אַ רעגולאַמין פֿון דער עפֿנטלעכער אַדמיניס־טראַציע וואָלט מסתּמא געהייסן אַוועקשטעלן אין פֿראַנקרײַך די סינאַגאָגע אויף איין מדרגה מיט דער קאַטוילישער קירך. דאָס וואָלט געשטעלט רבנים אויף דער זעלביקער פּלאַץ וואָס גלחים, און מע וואָלט עס געקענט באַטראַכטן ווי דעם לעצטן אַקט פֿון דער ייִדישער עמאַנציפּאַציע. אָבער דאָס איז ניט מער ווי אונ־דזערע אַ השערה.

III

דעם 11טן דעצעמבער 1853 האָט דער אייבעררעבינער פֿון פֿראַנקרײַך, סאַלאָמאָן אולמאַן (1806—1865), געשריבן אין אַ קול־קורא, אַז קיין מאָל איז נאָך ניט געווען אַזאַ אַחדות צווישן ייִדן אין פֿראַנקרײַך. אַנשטאָט די שאַרפֿע דיסקוסיעס פֿון מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, וואָס האָבן צעטיילט די קהילות אין צוויי פֿײַנדלעכע לאַגערן, הערשן איצט מער פֿרײַנדלעכע שטימונגען.[24] אָבער אין אמתן איז פּונקט אין די יאָרן, ווען די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט זיך באַמיט צו בײַטן דעם רעגולאַמין פֿון די קאָנסיסטאָריעס, פֿאָרגעקומען אַ שאַרפֿער קאַמף צווישן די רעפֿאָרמאַטאָרן און אָרטאָדאָקסן.

אין 1856 איז ווידער געקומען צו אַ שאַרפֿן קאָנפֿליקט צווישן דער קאָנ־סיסטאָריע און דעם קאָלמאַרער רבֿ שלמה וואָלף קלייִן (1814—1867). דער קאָנפֿליקט האָט זיך געצויגן במשך פֿון אַ לענגערער צײַט. קלייִן איז געווען דער פֿירער פֿון אָרטאָדאָקסישן צד אין עלזאַס און די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט קעגן ווילן פֿון איר אייבעררעבינער ס. אולמאַן געפֿאָדערט אים צו באַזײַ־טיקן. דער פּאָליציי־פּרעפֿעקט פֿון אייבער־רײַן האָט געשריבן דעם 23סטן יאַ־נואַר 1858, אַז דער ראַבינער קלייִן געהערט „צו דער אַלטער ייִדישער פּאַרטיי, וואָס זייערע אידעען, מינהגים און טענדענצן זײַנען ניט מער פֿון אונדזער צײַט". אין קאָלמאַר האָט עקסיסטירט אַן אָרטאָדאָקסישע ישיבֿה און הרבֿ קלייִן האָט

---

[23] AN, F19, 11016.

[24] S. Ulmann, *Lettre pastorale adressée par M. le Grand Rabbin du Consistoire Central a MM. les Grands Rabbins, Rabbins communaux et ses coreligionnaires de France* (Paris, 11 décembre 1853).

אַ צײַט לאַנג זיך אָפּגעזאָגט אויסצופֿירן די באַפֿעלן פֿון דער קאָלמאַרער קאָנסיסטאָריע צו שליסן די ישיבֿה. פֿון אייבער־רײַן און אויך פֿון נידער־רײַן האָבן אָרטאָדאָקסן געשיקט פּעטיציעס אין מיניסטעריום פֿאַרן רבֿ קלײַן און קעגן דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע. ווען ס. אולמאַן איז געשטאָרבן האָבן די אָרטאָדאָקסן געוואָלט אַרויסשטעלן קלײַנס קאַנדידאַטור אויפֿן פּאָסטן פֿון אייבער־ראַבינער פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט זיך אָבער אײַנגעשטעלט פֿאַר דער קאַנדידאַטור פֿון ראַבינער לאַזאַר איזידאָר (1813—1888), וואָס איז טאַקע אויסגעוויילט געוואָרן. אין 1857 האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע געמוזט ספּעציעל שיקן איינעם פֿון אירע מיטגלידער קיין קאָלמאַר און פּרוּוון אויסגלײַכן דעם סיכסוך צווישן דעם אָרטאָדאָקסישן רבֿ און דער קאָנסיסטאָריע.[25]

פֿון דעם 15טן ביזן 23סטן מײַ 1856 איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון די אייבער־רבנים וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ נצחון פֿאַר דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע. די וויכטיקסטע באַשלוסן פֿון דער קאָנפֿערענץ זײַנען געווען: קירצן די תּפֿילות, בעיקר דורך באַזײַטיקן אַ טייל פּיוטים; דערלויבן אײַנפֿירן אָרגלען אין די סינאַגאָגעס (אָבער שבת מעגן שפּילן נאָר קריסטן). פֿאַר די צוויי וויכטיקסטע פֿאָרשלאָגן האָבן געשטימט 6 רבנים און 2 קעגן (הרבֿ קלײַן פֿון קאָלמאַר און הרבֿ ל. מ. לאַמבערט פֿון מעץ). די אָרטאָדאָקסן האָבן שטאַרק באַקעמפֿט די באַשלוסן פֿון דער קאָנפֿערענץ. די דיסקוסיעס האָבן זיך געפֿירט אַפֿילו מחוץ פֿראַנקרײַך.[26] די קאָנפֿערענץ האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט פֿאַרן אַריבערפֿירן די ראַבינער־שול פֿון מעץ קיין פּאַריז, ווּ די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע וואָלט געקענט האָבן אַ גרעסערן קאָנטראָל איבער דער אינסטיטוציע וואָס האָט צוגעגרייט קאָנסיסטאָריאַלע רבנים (אַ דעקרעט אַריבערצופֿירן די שול איז אַרויס אין יולי 1859).[27]

[25] AN, F^{19}, 11037. *L'Univers Israélite,* vol. XIV (1858), p. 15. Un ami de la vérité, *Conclave israélite de 1866—5627. A MM. les déléques des israélites de France* [Paris, 1866], 14 pp.

[26] *Conférence des Grands Rabbins de France.* S. Ulmann, *Lettre pastorale adressée aux fidèles du Culte israélite au nom de la Conférence par son président, le Grand Rabbin du Consistoire Central* (Paris, 25 septembre 1856), pp. 1-11. *Compte rendu des résolutions formées par MM. les Grands Rabbins de France réunis en Conférence, du 15 au 23 mai 1856,* pp. 13-22. [Itamar Cohen,] *Conférence des Grands Rabbins de France. Commission des Conservateurs du judaisme. A nos coreligionnaires de France* (Paris, 14 Tischri 5617). S. Klein, *Lettre pastorale adressée aux Israélites de la circonscription consistoriale de Colmar . . .* (Colmar, 7 octobre 1856). Dr. M. S. Krüger, *De la compétence de M. S. R. Hirsch, Rabbin de la Confrérie reli{g}ieuse à Francfort-sur-le-Mein. Appréciation de sa critique des Conférences des Grands Rabbins tenues à Paris, en Mai 1856* (Metz), 16 pp. *L'Univers Israélite* (1856). *Archives Israélites* (1856). *Le Lien d'Israël* (1856). Uhry, *o. c.,* pp. 14-26.

[27] Jules Bauer, *L'Ecole rabbinique de France, 1830-1930* (Paris, 1931), pp. 99-112. S. Ulmann, *Lettre pastorale adressée par le Grand Rabbin du Consistoire*

ביידע צדדים האָבן אויסגענוצט אָן אַ שיעור אינצידענטן בכדי צו דיס־קרעדיטירן דעם קעגנער. מ׳האָט אַפֿילו אויסגענוצט אַן אינצידענט צוליב אַ תּפֿילה אין דער קאָלמאַרער סינאַגאָגע נאָך אַן אַטנטאַט אויף נאַפּאָלעאָן III. ס. בלאָך, דער אַרויסגעבער פֿון דער אָרטאָדאָקסישער צייַטשריפֿט *L'Univers Israélite*, האָט געהאַט אַ שטעלע אין דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע. צוליב זייַן שאַרפֿער קריטיק קעגן דער רבנים־קאָנפֿערענץ האָט ער די שטעלע פֿאַרלאָרן און דעם 9טן יאַנואַר 1857 האָט ער זיך געווענדט צום מיניסטעריום נאָך מאַטעריעלער הילף; ער האָט אָבער באַקומען אַן אָפּזאָג. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט פּראָטעסטירט (דעם 20סטן אַפּריל 1857) קעגן דעם וואָס פֿון מיניסטעריום האַלט מען אָן אַ דירעקטע פֿאַרבינדונג מיט לאָקאַלע קאָנסיסטאָריעס און דאָס גראָבט אונטער דעם פּרעסטיזש פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע.[28] עס זייַנען פֿאָרגעקומען אָפֿטע פֿאַלן ווען אָרטאָדאָקסן האָבן זיך באַמיט צו אַנולירן קאָנ־סיסטאָריאַלע וואַלן. פֿון מעץ האָט מען פּראָטעסטירט צום מלוכה־ראָט (Conseil d'Etat) קעגן די רעזולטאַטן פֿון די וואַלן און דאָס מיניסטעריום האָט אָפּגע־לייגט וואַלן, וואָס האָבן געזאָלט פֿאָרקומען, ביז דער מלוכה־ראָט וועט קענען אַרויסטראָגן אַ באַשלוס. וואַלן פֿון אייבער־רייַן זייַנען אַנולירט געוואָרן. דעם 14טן דעצעמבער 1866 האָט דער מלוכה־ראָט געהאַט זיך צו פֿאַרנעמען מיט אַ פּראָטעסט קעגן די רעזולטאַטן פֿון די קאָנסיסטאָריאַלע וואַלן אין פּאַריז.[29] אין 1865 האָט דער פּאַריזער ייִד פּראָספּער לונעל געשיקט אַ פּעטיציע צום מיניס־טער און דערנאָך צום מלוכה־ראָט קעגן די וואַלן פֿון 17טן דעצעמבער 1866 אין דער פּאַריזער קאָנסיסטאָריע. דער מלוכה־ראָט האָט די פּעטיציע אָפּגע־וואָרפֿן. לונעל האָט זיך געווענדט צום סענאַט, ווו זייַן פּעטיציע איז דיסקו־טירט געוואָרן דעם 11טן פֿעברואַר 1868, אָבער אויך אין סענאַט איז זי אָפּ־געוואָרפֿן געוואָרן. אין סענאַט האָט מען פֿאַרשטאַנען, אַז לונעל פֿאָדערט צו־ריקצוגיין צום וואַלמאָדוס פֿון 1848.[30] אייגנטלעך האָט זיך אין די אַלע פּראָ־טעסטן און פּעטיציעס קעגן וואַלן גערעדט וועגן פּרטים, וואָס מען האָט פֿאַרזען און וואָס די אָפּאָזיציע האָט אַלע מאָל געזוכט אויסצונוצן. אַזאַ „קלייניקייט" איז געווען, למשל, דאָס אַפֿישירן בייַ צייַטנס די וואַל־מודעות און די פֿראַגע פֿון אַ מערהייט בייַ וואַלן. דער ענין איז שפּעטער רעגולירט געוואָרן.[31]

Central a MM. les Grands Rabbins, Rabbins Communnaux et a tous ses coreligionnaires de France (Paris, 23 octobre 1860).

[28] AN, F^{19}, 11016, 11028, 11037.

[29] *Archives Israélites,* vol. XXVIII (1867), pp. 5-6, 19-28. *L'Univers Israélite,* vol. XIV (1859), pp. 306-309, 443-447.

[30] *Documents relatifs au recours formé devant le Conseil d'Etat contre le résultat des élections israélites de la circonscription de Paris* (Paris, 1866), 43 pp. *Le Moniteur Universel* (12 février, 1868).

[31] דעם 20סטן יולי 1866 האָט די פּאַריזער קאָנסיסטאָריע אויפֿמערקזאַם געמאַכט דעם מיניסטעריום, אַז אַ פּונקט אין דעקרעט פֿון 1862 וועגן דער נויטווענדיקייט צו האָבן אַן אַבסאָלוטע מערהייט בייַ קאָנסיסטאָריאַלע וואַלן איז גוט געווען אין די צייַטן פֿון 1844, ווען

בדרך כּלל זײַנען אין ס׳רובֿ קאָנסיסטאָריעס די וואַלן פֿון 1857 נאָך אַלץ געווען אַ נצחון פֿון אָרטאָדאָקסישן צד. דעריבער האָבן די פּראָיעקטן צו בײַטן דעם רעגולאַמין פֿון די קאָנסיסטאָריעס נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט די קאַמפֿן. דער אָרטאָדאָקסישער אָרגאַן *L'Univers Israélite* האָט געשריבן, אַז „די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט צוגעגרייט אין געהיים אַ נײַעם רעליגיעזן און אַדמיניס־טראַטיוון רעגולאַמין פֿון פֿראַנצייזישן ייִדנטום".[32] אין גאַס האָט מען זיך דער־ווּסט, אַז אין מיניסטעריום איז מען קעגן די פּלענער פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, בעיקר קעגן אָפּשאַפֿן די פֿרײַהייט פֿון וואַלן.[33]

אין מיניסטעריום האָט מען אין 1857 אַנאַליזירט די קאָנסיסטאָריאַלע באַ־מערקונגען וועגן געזעץ־פּראָיעקט. אַלע דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס האָבן געהאַלטן, אַז דער געזעץ־פּראָיעקט זוכט זיי אָפּצושוואַכן און איבערצוגעבן די רבנים אין די הענט פֿון די וועלטלעכע מיטגלידער פֿון די קאָנסיסטאָריעס און פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע; זיי זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן פּראָיעקט פֿון וואַלן אין צוויי און דרײַ גראַדן, וואָס די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט פֿאָרגעלייגט; זיי האָבן געפֿאָדערט אײַנצוהאַלטן דירעקטע און אַלגעמיינע וואַלן, וואָס איז דער יסוד פֿון דער וואַלסיסטעם אין פֿראַנקרײַך. בלויז בײַם קלײַבן רבנים האָבן די קאָנסיסטאָריעס מסכּים געווען אויף וואַלן פֿון צוויי גראַדן, ווײַל אַ גרויסע צאָל ווילערס איז ניט בכּוח אָפּצושאַצן דעם ווערט פֿון די קאַנדידאַטן אויף רבנות. די דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס האָבן געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלן אַליין קענען באַשטימען זייערע רבנים. אַלע האָבן זיך אַרויסגע־זאָגט קעגן געהילף־רבנים. כּמעט אַלע קאָנסיסטאָריעס (אַחוץ באָרדאָ) האָבן גע־פֿאָדערט, אַז די וועלטלעכע מיטגלידער פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע זאָלן אויסגעוויילט ווערן דורך אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן. נאַנסי האָט גע־פֿאָדערט ניט קיין איינעם נאָר דרײַ אייבער־רבנים אין דער צענטראַלער קאָנ־סיסטאָריע בכדי דערמיט צו פֿאַרשטאַרקן דעם רעליגיעזן עלעמענט. די פּאַ־ריזער קאָנסיסטאָריע האָט געשריבן דעם 20סטן מײַ 1857 צום מיניסטעריום, אַז הגם לויטן פּראָיעקט וועלן די 25 נאָטאַבלען אויסגעוויילט ווערן דורך אַל־געמיינע וואַלן וועלן זיי אָבער דאָך זײַן אין אַ גרויסער מאָס אַנאַלאָגיש מיט די 25 נאָטאַבלען וואָס האָבן ביז מײַ 1844 פֿאָרגעשטעלט מיט זיך די גאַנצע וויי־לער־קערפּערשאַפֿט. די מאַרסעלער קאָנסיסטאָריע האָט דעם 5טן מײַ 1857 שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, וואָס וויל אײַנפֿירן מיט אַ מאָל „ראַדיקאַלע און אַבסאָלוטע שינויים". פֿון דער קאָלמאַרער קאָנסיסטאָריע האָט מען צוגעשיקט אין מיניסטעריום 19 געדרוקטע פּעטיציעס, דאַטירט:

צווישן אַ גאַנץ קליינער צאָל נאָטאַבלען האָט מען תּמיד געקענט האָבן אַן אַבסאָלוטע מערהייט, אָבער אַזאַ פֿאָדערונג איז ניט צוגעפּאַסט צו דער נײַער פּאָליטישער וואַלסיסטעם. דעם 5טן פֿעברואַר 1867 איז אַרויס אַ הוספֿה צום דעקרעט פֿון 1862, וואָס האָט אויפֿגעקלערט דעם ענין פֿון אַ מערהייט בײַ וואַלן: AN, F19, 11016.

[32] *L'Univers Israélite,* vol. XIII (1857), p. 11.

[33] B. Gradis, "Réponse a quelques objections ou nouvelles réflexions sur le projet d'organisation consistoriale," *L'Univers Israélite,* vol. XIV (1859), p. 257.

יוני 1857, מיט 800 חתימות, קעגן דעם פּראָיעקט וואָס „דריקט אונטער די פֿרײַהייט פֿון געוויסן". די פּעטיציעס דערקלערן, אַז די אויפֿגאַבע פֿון די קאָנ־סיסטאָריעס איז צו פֿאַרטיידיקן די פּאָליטישע און מאַטעריעלע רעכט פֿון ייִדן אין דער מלוכה, דעריבער ווילט מען תּמיד אויס אײַנפֿלוסרײַכע פּערזענ־לעכקייטן אין די קאָנסיסטאָריעס און פֿאַר די רבנים בלײַבט צו פֿאַרנעמען זיך מיטן גײַסטיקן ייִדישן לעבן. דאָס איז איינע פֿון די סיבות פֿאַר וואָס אַ רבֿ איז תּמיד אויסגעווילט געוואָרן דורך דער גאַנצער קהילה. אין מיניסטעריום האָט מען די פּראָטעסטן פֿון די קאָנסיסטאָריעס קעגן פּראָיעקט פֿון דער צענ־טראַלער קאָנסיסטאָריע אַזוי רעזומירט: דער פּראָיעקט וויל „אָווּעקנעמען די רעכט פֿון די ייִדישע קהילות און זיי אָפּגעבן דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע".[34]

IV

אין סעפּטעמבער 1856 איז אין מיניסטעריום שוין געווען פֿאַרטיק אַ פּראָיעקט פֿון אַ נײַעם דעקרעט צו רעגולירן די אַדמיניסטראַציע פֿון די ייִדי־שע קאָנסיסטאָריעס. אין די אַרכיוון פֿון מיניסטעריום זײַנען פֿאַראַנען צוויי פּראָיעקטן פֿון דעקרעט, איינער דאַטירט דעם 1טן אַפּריל 1857 לויט דער דאַטע פֿון דרוק, אָבער פּאַקטיש איז ער געווען פֿאַרטיק שוין אין סעפּטעמבער 1856, און דער צווייטער פֿון אַפּריל 1857. דער ערשטער פּראָיעקט זעט פֿאָר צו שאַפֿן געהילף־רבנים; אין צווייטן פּראָיעקט ווערט וועגן דעם ניט דערמאָנט. לויטן ערשטן פּראָיעקט האָט דער אייבערראַבינער פֿון דער צענטראַלער קאָנ־סיסטאָריע געדאַרפֿט אויסגעווילט ווערן פֿון די וועלטלעכע מיטגלידער פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע און פֿון אַ קאָמיסיע צו איין פֿאַרשטייער פֿון יעדער רעגיאָנאַלער קאָנסיסטאָריע; לויטן צווייטן פּראָיעקט האָבן די פֿאַרשטייערס געדאַרפֿט אויסגעווילט ווערן דורך אַלע ווײַלערס אין די קאָנסיסטאָריעס. לויטן ערשטן פּראָיעקט האָבן דעפּאַרטעמענטאַלע אייבער־רבנים געדאַרפֿט באַ־שטימט ווערן דורך דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע פֿון אַ רשימה קאַנדידאַטן, צוגעשטעלט פֿון די קאָנסיסטאָריעס; לויטן צווייטן פּראָיעקט — דורך אַ פֿאַר־זאַמלונג פֿון די קאָנסיסטאָריע־מיטגלידער און 25 דעלעגאַטן אויסגעווילט פֿון אַלע ווײַלערס. לויטן ערשטן פּראָיעקט האָט מען געהאַט וואַלרעכט נאָכן וווינען 3 יאָר אויפֿן אָרט און די ווײַלער־רשימות האָבן געדאַרפֿט רעווידירט ווערן אַלע 4 יאָר; דער צווייטער פּראָיעקט האָט פֿאַר ביידע פֿאַלן פֿאָרויסגעזען בלויז 2 יאָר.[35] ווי מיר זעען איז דער צווייטער פּראָיעקט אין אַלע פּרטים געווען דע־

[34] ". . . Confisquer les droits des communautés israélites au profit du Consistoire Central." *2ème projet de décret organique du Culte israélite* [avril, 1857], AN, F19, 11016.

אַחוץ דעם דאָקומענט און דעם אַנאַליז פֿון 1857 זײַנען דאָרט פֿאַראַנען אויך נאָטיצן וועגן דער באַצײַונג פֿון די קאָנסיסטאָריעס צום פּראָיעקט:

Fragments de notes [de M. Tardif] sur les observations des Consistoires Israélites concernant le projet de réorganisation du Culte Israélite (1856).

[35] AN, F19, 11016, Epreuve. *Culte israélite. Projet de décret* (1 avril 1857). *2ème projet de décret* (avril 1857).

מאַקראַטישער און רעדאַקטירט אין גײַסט פֿון די פּראָווינץ־קאָנסיסטאָריעס און במילא אַ שטיקל נצחון פֿאַר די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן.

דעם 16טן אַפּריל 1860 האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע זיך באַקלאָגט אין אַ בריוו צום מיניסטעריום, אַז שוין מערערע יאָרן ווי עס ווערט באַטראַכט דער פּראָיעקט; איצט דאַרף מען פּונקט איבערווײַלן אַ העלפֿט פֿון די קאָנסיסטאָריע־מיטגלידער, און אויב דער נײַער רעגולאַמין וועט ניט זײַן פֿאַרטיק צו דער צײַט וועלן די וואַלן מוזן פֿאָרקומען לויטן מאָדוס פֿון די מיניסטעריאַלע אינסטרוקציעס פֿון 15טן דעצעמבער 1849 און 24סטן און 27סטן אַפּריל 1850, פֿון וואָס די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע איז שטאַרק ניט צופֿרידן.[36]

אין דעצעמבער 1860 איז שוין געווען גרייט אַן אַנדער פּראָיעקט פֿון אַ דעקרעט וואָס האָט פֿאָרויסגעזען ניט קיין דירעקטע, נאָר אומדירעקטע וואַלן. די ווײַלער־קערפּערשאַפֿט האָט געדאַרפֿט באַשטיין פֿון 25 דעלעגאַטן וואָס זאָלן אויסגעקליבן ווערן פֿון די ווײַלערס.[37] אין אַפּריל 1861 איז שוין געווען גרייט גאָר אַן אַנדער פּראָיעקט פֿון דעקרעט וואָס האָט פֿאָרויסגעזען אַזאַ וואַלמאָדוס: וואַלרעכט האָבן אַלע ייִדן אין עלטער פֿון 25 יאָר אַן וואָס באַטייליקן זיך אין רעליגיעזן לעבן און אין די פֿינאַנצן פֿון דער קהילה.[38] די ווײַלער־רשימות ווערן רעווידירט אַלע דרײַ יאָר; די קאָנסיסטאָריאַלע אייבער־רבנים ווערן באַשטימט דורך דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע פֿון אַ רשימה פֿון דרײַ קאַנדי־דאַטן וואָס ווערט צוגעשטעלט פֿון די קאָנסיסטאָריעס.[39]

דערווײַל האָט געאַרבעט אַ מיניסטעריאַלע קאָמיסיע אויף צוצוגרייטן אַ נײַעם רעגולאַמין פֿאַר די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס. די קאָמיסיע איז געשאַפֿן געוואָרן דעם 12טן מײַ 1858 און זי איז באַשטאַנען פֿון: ראָדאָלף קיוועי פֿון מלוכה־ראַט, פּאָרזיצער; דיווערזשעי, פֿון מלוכה־ראַט; אַדאָלף פֿראַנק און פֿי־ליפּ אַנשפּאַך פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע; אַ. דע קאָנטענסען, דירעקטאָר פֿון דער אַדמיניסטראַציע פֿאַר רעליגיעזע ענינים אין מיניסטעריום; סאַיוס, געהילף־דירעקטאָר פֿאַר ניט־קאַטוילישע רעליגיעס; טאַרדיף און ג. דע סאַלווערט, הויכע אָנגעשטעלטע אין מיניסטעריום; דע לאַווערן פֿון קריגס־מיניסטעריום ווי אַ ספּעציאַליסט פֿאַר ייִדישע ענינים אין אַלזשיר און דער אייבערראַבינער סאַלאָמאָן אולמאַן.[40] לכתחילה האָט אין דער קאָמיסיע געזאָלט זיצן מאַקס סערפֿ־

---

[36] AN, F19, 11016.

[37] "Corps des notables: 25 délégués choisis parmi les électeurs de la circonscr. par les citoyens israélites inscrits sur la liste électorale." AN, F19, 11016. *Culte israélite. Projet de décret* [décembre, 1860].

[38] ". . . exercent des fonctions relatives au culte ou à la gestion des affaires religieuses."

[39] AN, F19, 11016. *Culte israélite. Projet de décret* (avril, 1861).

עס איז פֿאַראַנען אויך אַ פּראָיעקט פֿון מײַ 1861.

[40] Commission du Culte Israélite: Rodolphe Cuvier, Duvergier, Adolphe Franck, Philippe Anspach, A. de Contencin, A. Sayous, Tardif, G. de Salvette, de Lavergne, S. Ulmann.

בער, דער פֿאָרזיצער פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט און אויף זײַן אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער אייבערראַבינער. פֿון אַ נאָטיץ אין מיניסטעריום, דאַטירט דעם 30סטן אָקטאָבער 1857, איז צו זען, אַז פֿון מיניסטעריום האָט מען פֿריִער אָנגעפֿרעגט בײַ אַ. פֿראַנקן וועגן די „טענדענצן פֿון דעם אייבערראַבינער", ווײַל אין קאַבינעט פֿון מיניסטער האָט מען אים ניט געקענט.[41]

די ערשטע זיצונג פֿון דער קאָמיסיע איז פֿאָרגעקומען דעם 8טן יוני 1858, די 9טע און לעצטע זיצונג — דעם 2טן מײַ 1861. פֿון די פּראָטאָקאָלן פֿון די זיצונגען איז צו זען, אַז די ניט־ייִדישע מיטגלידער אין דער קאָמיסיע האָבן זיך באַמיט אײַנצוהאַלטן אַ ליבעראַלע וואַלסיסטעם, אָבער סוף־כּל־סוף האָבן זיי געמוזט נאָכגעבן די פֿאָדערונגען פֿון אַ. פֿראַנקן און פֿ. אַנשפּאַכן. דער אייבערראַבינער האָט זעלטן ווען גענומען אַ וואָרט אין די דיסקוסיעס; בלויז אין דער דיסקוסיע וועגן באַשטימען געהילף־רבנים אַנשטאָט חזנים איז ער אַרויסגעטרעטן קעגן, אָבער די מערהייט פֿון דער קאָמיסיע איז געווען קעגן אים. ער האָט געפּרוווט עפּעס ראַטעווען און פֿאָרגעשלאָגן, אַז די געהילף־רבנים זאָלן זײַן אָפּהענגיק פֿון די קהילה־רבנים. פֿראַנק האָט דערקלערט, אַז אַל־געמיינע וואַלן איז אַ געפֿאַר ניט נאָר פֿאַרן רעליגיעזן לעבן פֿון די קהילות, נאָר אַפֿילו אין פּאָליטישן זינען איז די סיסטעם שעדלעך.[42] אין אַ געוויסן מאָ־מענט איז צווישן די דרײַ ייִדישע מיטגלידער אין דער קאָמיסיע ניט געווען קיין הסכּם. דער פֿילאָסאָף אַדאָלף פֿראַנק (1809—1893) האָט זיך כּסדר גע־האַלטן בײַם פּרינציפּ פֿון וואַלן אין 2 גראַדן. דער יוריסט פֿיליפּ אַנשפּאַך (1800—1875) האָט געטענהט, אַז אַזאַ סיסטעם וועט בלויז מאַכן אַ וועג פֿאַר אינטריגעס בײַם וויילן די נאָטאַבלען. ער האָט פֿאַרטיידיקט אַ פֿאָרשלאָג פֿון דער פּאַריזער קאָנסיסטאָריע וואָס אויך די שטראַסבורגער קאָנסיסטאָריע האָט אַ צײַט געשטיצט: מען זאָל לאָזן די סיסטעם פֿון דירעקטע וואַלן, אָבער ניט קיין אַלגעמיינע, ד"ה זיך האַלטן בײַ דער פֿאַראָרדענונג פֿון 1844, נאָר מען זאָל פֿאַרגרעסערן די צאָל נאָטאַבלען. פֿאַקטיש האָט דאָס געהייסן פֿאַרקריפּלען דעם יסוד פֿון אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן. אַנשפּאַך און אולמאַן האָבן געזוכט צו פֿאַרמײַדן אַ שטאַרקע קריטיק פֿון דער ייִדישער פּרעסע, דעריבער האָבן זיי פֿאָרגעשלאָגן, אַז אין דעקרעט זאָל מען דאָס וואָרט notables פֿאַרבײַטן מיטן מער דעמאָקראַטישן אויסדרוק électeur (וויילער) און אַנשטאָט קאַטעגאָריעס (catégories) פֿון נאָטאַבלען זאָל מען שרײַבן conditions, אָבער דער פּרעזי־דענט פֿון דער קאָמיסיע איז געווען קעגן בײַטן די אויסדרוקן אין דעקרעט פֿון 1844, ווײַל אין תּוך וועלן די נאָטאַבלען האָבן די זעלבע רעכט ווי אין 1844, אַחוץ בײַם באַשטימען קאָנסיסטאָריאַלע אייבער־רבנים. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דער פּרעזידענט פֿון דער קאָמיסיע זיך אויסגעדריקט, אַז דער גאַנצער קאַמף שמעקט מיט פּאָליטיק, און אַ צווייטער ניט־ייִדישער מיטגליד האָט געהאַט

[41] AN, F19, 11016.

[42] ". . . des dangers même assez sérieux dans l'ordre politique."

ספקות, צי די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע וועט טאַקע קענען בעסער אָפּשאַצן דעם ווערט פֿון די קאַנדידאַטן אויף רבנות ווי די דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס וואָס געפֿינען זיך אויף אָן אָרט.[43] אין דער לעצטער מינוט האָבן ביידע, פֿראַנק און אַנשפּאַך, געקעמפֿט פֿאַר די פֿאָרשלאָגן פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע. אַנשפּאַך האָט אין אַ געוויסן מאָמענט זיך אַפֿילו אויסגעדריקט, אַז אַלגעמיינע וואַלן האָבן געשטערט דעם מאָראַלישן פּראָגרעס פֿון ייִדן; ער האָט זיך שאַרף אויסגעדריקט קעגן די „בעטלערס" פֿון עלזאַס וואָס האַנדלען מיט זייערע שטימען.[44] פֿראַנק און אַנשפּאַך זײַנען ניט געווען צופֿרידן אַפֿילו דערמיט, וואָס יעדער ייִד וואָס היט אָפּ די רעליגיעזע פּרינציפּן וועט קענען וויילן, זיי האָבן געזוכט צו שאַפֿן אַ קערפּערשאַפֿט פֿון משׂכּילישע נאָטאַבלען. אָבער דאָס איז שוין געווען שווער דורכצופֿירן, און די קאָמיסיע האָט סוף־כּל־סוף באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ קערפּערשאַפֿט פֿון נאָטאַבלען, אויסגעקליבענע פֿון צווישן חשובֿע ייִדן אויפֿן סמך פֿון זייערע פּראָפֿעסיעס, רעגירונגס־שטעלעס, קאָנסיסטאָריאַלע פּאָזיציעס אד"גל, און צו די נאָטאַבלען זאָל מען צוגעבן 25 מיטגלידער, אויסגעוויילט דורך אַלגעמיינע וואַלן.[45]

אין יולי 1861 האָט די קאָמיסיע איבערגעגעבן דעם מיניסטער אַ באַריכט פֿון אירע אַרבעטן און באַשלוסן.[46] דער באַריכט איז געווען אַזאַ: 1) די קאָמיסיע לייגט פֿאָר גאַרניט צו בײַטן אין מאָדוס פֿון וויילן דעם אייבערראַבינער פֿון פֿראַנקרײַך, ד"ה אַז ער דאַרף ווײַטער געוויילט ווערן דורך די וועלטלעכע מיטגלידער פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע און צו 2 דעלעגאַטן פֿון די רעגיאָנאַלע קאָנסיסטאָריעס; 2) די רעגיאָנאַלע און דעפּאַרטעמענטאַלע אייבער־רבנים זאָלן אָבער באַשטימט ווערן דירעקט דורך דער צענטראַלער קאָנסיס־

---

[43] "Le Président: Et quand même le suffrage restrint serait préferable au point de vue religieux, n'y a t'il pas là un petit côté politique? Les électeurs n'ont ils pas joui depuis 1844 du droit de nommer les Grands Rabbins & les Consistoires?" ". . . M. Duvergier défère à l'experience de Messieurs des Membres israélites de la Commission, mais il ne peut s'empêcher de remarquer que le système proposé n'est pas logique. Le Consistoire Supérieur [Central] a-t-il moyen d'être mieux renseigné que les consistoires départementaux sur les candidats aux places vacantes?"

[44] "Anspach: . . . en fait le suffrage universel a fait rétrograder les progrés des Israélites dans leur oeuvre de transformation et d'amélioration . . . mendians . . . en fesant un trafic honteux de leur suffrage."

דער אָרטאָדאָקסישער אָרגאַן האָט פּראָטעסטירט קעגן די רעפֿאָרמאַטאָרן וואָס באַציִען זיך צו די ייִדן פֿון אייבער־רײַן ווי צו מענטשן פֿון אַ „נידעריקן קלאַס": *L'Univers Israélite*, ב' XIV, ז' 239.

אין אַן אַנדער אַרבעט וועט מיר אויסקומען צו באַטראַכטן גענויער די דאָזיקע שטעלונג פֿון די רעפֿאָרמאַטאָרן בשײַכות מיטן עקאָנאָמיש־סאָציאַלן מצבֿ פֿון ייִדן אין עלזאַס־לאָטרינג.

[45] AN, F[19], 11016. Procès verbaux de la commission chargé d'examiner le nouveau projet de décret au Culte israélite, 1859-1861.

[46] AN, F[19], 11016. Rapport de la Commission Israélite à son Excellence le Ministre des Cultes. Juillet 1861.

טאַריע פון אַ רשימה פון 3 קאַנדידאַטן וואָס וועט צוגעשטעלט ווערן דורך די קאָנסיסטאָריעס; 3) רבנים אין די קהילות זאָלן באַשטימט ווערן דורך די קאָנ־סיסטאָריעס; 4) די קאָמיסיע גיט טיילווײַז נאָך די פאָדערונג פון דער צענ־טראַלער קאָנסיסטאָריע וועגן געהילף־רבנים; 5) אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן צו קאָנסיסטאָריעס דאַרף מען אָפּשאַפן;[47] די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע לייגט פאָר בלויז אַ קערפּערשאַפט פון 25 נאָטאַבלען, אויסגעוויילטע דורך אַלגעמיינע וואַלן, אָבער דאָס איז ניט פּראַקטיש, ווײַל בײַם רובֿ ייִדן וועלן אַזוינע וואַלן ניט אַרויסרופן קיין אינטערעס און וועלן זיך אָפּהאַלטן פון שטימען. דעריבער לייגט די קאָמיסיע פאָר, אַז חוץ דער קערפּערשאַפט פון 25 אויסגעוויילטע נאָ־טאַבלען זאָל מען צוגעבן אויך אַלע קאַטעגאָריעס וואָס זײַנען אויסגערעכנט אין אַרטיקל 26 פון דער אָרדאָנאַנץ פון 1844 (אָפּיצירן, מלוכה־אָנגעשטעלטע א״אַ). בסך־הכל, באַמערקט די קאָמיסיע אין איר באַריכט, וועט דער נײַער דעקרעט פאַרשטאַרקן די מאַכט פון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע וואָס וועט קענען באַ־שטימען די איבער־רבנים, אַרויסגעבן דיפּלאָמען צו שוחטים א״אַ און קאָנ־טראָלירן דאָס באַשטימען דורכן מיניסטער געהילף־רבנים. ביז די קאָמיסיע האָט צוגעשטעלט איר באַריכט זײַנען אַלע פּראָיעקטן געווען טעקסטן פון אין גאַנצן נײַע רעגולאַמינען פאַר די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס; אַלע אַרטיקלען אין די פריִערדיקע דעקרעטן וואָס זײַנען ניט געביטן געוואָרן זײַנען אויך אויף ס׳נײַ איבערגעחזרט געוואָרן אין די נײַע טעקסטן. די קאָמיסיע האָט פאָרגעשלאָגן ניט אַרויסצוגעבן קיין דעקרעט מיט אַ נײַעם גאַנצן רעגולאַמין פון די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס, ווײַל דאָס וועט אַרויסרופן שאַרפע קאַמפן. דעריבער איז בעסער אין נײַעם דעקרעט צו דערמאָנען, אַז עס בלײַבן אין קראַפט די אַלע אַרטיקלען פון 1844, 1850 און 1853 וואָס ווערן ניט געביטן און בלויז צוגעבן די פולע טעקסטן פון געביטענע און נײַע אַרטיקלען.

דעם באַריכט פון דער קאָמיסיע האָט דער מיניסטער איבערגעשיקט אין מלוכה־ראָט וואָס איז געווען די העכסטע יורידישע אינסטאַנץ און דאָרט זײַנען ווידער אײַנגעפירט געוואָרן געוויסע שינויים. דער מלוכה־ראָט האָט אײַנגע־שטעלט אין פּראָיעקט דעם פאָרשלאָג פון דער קאָמיסיע, אַז ווילן קענען אַלע ייִדן אין עלטער פון 25 יאָר אָן און אויך די וואָס ווערן אויסגערעכנט אין די קאַטעגאָריעס פון נאָטאַבלען אין דער אָרדאָנאַנץ פון 1844.[48] דערמיט האָט דער מלוכה־ראָט אָפּגעוואָרפן די פאָרשלאָגן וועגן אומדירעקטע וואַלן אין 2 גראַדן. דער נײַער וואַלמאָדוס איז געווען אַ פשרה פון די וואַלסיסטעמען פון 1844 און פון 1848—1849. בנוגע דעם פונקט האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע געהאַט אַ שטיקל דורכפאַל. ווען דער פּראָיעקט איז דעם 26סטן יולי 1862 צעטיילט געוואָרן צווישן די מיטגלידער פון מלוכה־ראָט האָט ער געהאַט אַ טיטל: „פּראָ־יעקט פון אַ דעקרעט מיטן ציל צו בײַטן די קעניגלעכע אָרדאָנאַנץ פון 25סטן

[47] "L'expérience [du suffrage universel] a duré assez longtemps pour qu'on soit obligé de reconnaître qu'elle ne doit pas être continuée."

[48] AN, F19, 11016. Rapport à l'Empereur. 29 août 1862.

מײַ 1844 ...״[49] אָבער דער מלוכה־ראָט האָט אפֿשר ניט געוואָלט פֿאַרעפֿנטלעכן שינויים אין דעקרעט פֿון 1844 און איגנאָרירן די דעקרעטן פֿון 1848 און 1849. דער טיטל פֿון געדרוקטן פּראָיעקט איז דעריבער געביטן געוואָרן אויף: ״דעק־רעט וועגן מאָדיפֿיצירן די אָרגאַניזאַציע פֿון ייִדישן קולט״.[50] אין דעקרעט גופֿא האָט דער מלוכה־ראָט געמאַכט נאָך אַ פּאָר שינויים: אויסלענדישע ייִדן קענען שטימען, אָבער קענען אַליין ניט אויסגעוויילט ווערן; די צענטראַלע קאָנסיס־טאָריע האָט די אויפֿזיכט איבער די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס אין אַלזשיר. וועגן דעם ענין אַלזשיר איז פֿאָרגעקומען אין מלוכה־ראָט אַ לאַנגע דיסקוסיע.[51]

דעם 29סטן אויגוסט 1862 איז געוואָרן פּובליקירט דער ענדגילטיקער טעקסט פֿון דעקרעט. די וויכטיקסטע נײַע פּונקטן אין דעקרעט זײַנען געווען: אין יע־דער קהילה מיט אַ רעגירונגס־חזן קען באַשטימט ווערן אַ געהילף־ראַבינער אויפֿן אָרט פֿון חזן; די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע וועט באַשטימען די באַדינ־גונגען פֿון צוגרייטן די געהילף־רבנים; די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע אַליין האָט דאָס רעכט אַרויסצוגעבן דיפּלאָמען רבנים און זייערע געהילפֿן; די וועלטלעכע מיטגלידער אין יעדער רעגיאָנאַלער קאָנסיסטאָריע, דער וועלטלעכער מיטגליד צו דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע און אויך די צוויי דעלעגאַטן פֿון דער רע־גיאָנאַלער קאָנסיסטאָריע אויף צו באַשטימען דעם אייבערראַבינער פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע ווערן אויסגעוויילט דורך אַלע ייִדן אין עלטער פֿון 25 יאָר אָן וואָס זײַנען אָנגעשטעלטע אין די קאָנסיסטאָריעס, אין דער שטאָטישער און רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע, האַנדלס־נאָטאַבלען, אַרמייליַט, דעקאָרירטע אד״גל. דאָס וויכטיקסטע נײַס אין דעם דעקרעט איז געווען דער פּונקט 1 פֿון אַרטיקל 5, וואָס האָט באַשטימט וואָסערע ייִדן אין עלטער פֿון 25 יאָר אָן קענען ווילן. עס קענען זײַן וויילערס די וואָס פֿילן אויס רעליגיעזע פֿונקציעס אָדער וואָס באַטייליקן זיך פֿינאַנציעל אין אויסהאַלטן די קאָנסיסטאָריאַלע אינסטי־טוציעס, ווי אויך די אַלע אָנגעשטעלטע און אַנדערע וואָס מיר האָבן נאָר וואָס אויסגערעכנט.[52] דער דאָזיקער פּונקט האָט באַשטימט ווער עס איז פֿון לעגאַלן שטאַנדפּונקט אַ ייִד וואָס האָט דאָס רעכט צו נעמען אַן אָנטייל אין קאָנסיס־טאָריאַלע וואַלן.

---

[49] Conseil d'Etat, No. 56, 972. *Projet de décret ayant pour objet de modifier l'-ordonnance loyale du 25 mai 1844, portant règlement pour l'organisation du Culte israélite No. 1770.* Distribution du 26 juillet 1862.

[50] "Décret modifiant l'organisation du Culte israélite."

[51] AN, F19, 11016.

[52] "Ceux qui exercent des fonctions relatives au culte ou qui sont attachés, soit à titre d'administrateurs, soit à titre de souscripteurs annuels, aux établissements placés sous l'autorité des consistoires." *Décret modifiant l'organisation du Culte Israélite* (29 aouût 1862). Uhry, *o. c.*, pp. 60-64.

פֿון דעקרעט פֿון 29סטן אויגוסט 1862 איז פֿאַראַנען אַן אויסגאַבע פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, 4 זז׳ (4°). צום דעקרעט זײַנען פֿאַראַנען אינסטרוקציעס פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע פֿון 13טן אָקטאָבער און 20סטן נאָוועמבער 1862: Uhry, *o. c.*, pp. 65-69.

אַ קאַמף אַרום דעם פּונקט איז ניט געווען אויסצומײַדן, ווײַל דער פּונקט אין דעקרעט האָט געקענט אויסגעטײַטשט ווערן אין דעם זינען, אַז בכדי צו קענען ווײלן מוז מען זײַן פֿאַרבונדן מיט אַן אינסטיטוציע וואָס איז קאָנטראָ־לירט נאָר דורך דער קאָנסיסטאָריע. אין די אינסטרוקציעס פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע פֿון 13טן אָקטאָבער 1862 איז בפֿירוש דערקלערט געוואָרן, אַז יערלעכע בײַשטײַערונגען פֿאַר חבֿרות וואָס ווערן ניט קאָנטראָלירט דורך די קאָנסיסטאָריעס ווערן ניט פֿאַררעכנט ווי בײַשטײַערונגען וואָס גיבן דאָס רעכט צו ווײלן. אַזוי אויך מיט פּלעצער אין שולן. אין 1879 איז געקומען צו אַ קאָנ־פֿליקט צווישן 22 ייִדן און דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, וואָס האָט געטענהט אין אַ בריוו פֿון 11טן מאַרץ 1879 צום מיניסטעריום, אַז די 22 ייִדן האָבן גע־קויפֿט פּלעצער אין די שולן אין דער לעצטער מינוט פֿאַר די וואַלן, בלויז בכדי צו האָבן וואַלרעכט, בכן האָבן זיי ניט געקענט שטימען.[53] געקויפֿטע פּלעצער אין די סינאַגאָגעס איז געווען איינער פֿון די סימנים, אַז מען איז פֿאַרבונדן מיטן ייִדישן קולט. דאָס האָט אָבֿער געגעבן אַ מיגלעכקייט צו באַזײַטיקן אָרעמע־לײַט פֿון די וואַלליסטעס.

V

אין מײַ 1867 איז אָנגעקומען אין מיניסטעריום אַ ליטאָגראַפֿירטע פּעטיציע מיט דער פֿאָדערונג צו בײַטן דעם אַרטיקל 9 פֿון דעקרעט פֿון 29סטן אויגוסט 1862 וועגן וואַלן פֿון דעפּאַרטעמענטאַלע אייבער־רבנים (אַז זיי ווערן באַשטימט דורך דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע פֿון דרײַ קאַנדידאַטן, צוגעשטעלט פֿון די דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס). צוליבן דעקרעט פֿון 1862 — שרײַבט די פּעטיציע — האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז די וואַלן, וואָס טראָגן אין דער פּאָליטיק אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער, זײַנען אין רעליגיעזן לעבן געוואָרן באַ־גרענעצט ביז 5 וועלטלעכע מיטגלידער אין די דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיס־טאָריעס, וואָס נאָר זיי אַליין קענען באַשטימען קאַנדידאַטן פֿאַר אייבער־רבנים וואָס די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט אַליין דאָס רעכט צו באַשטימען. יע־מאָלט איז פּונקט געהאַט געשטאָרבן דער אייבעררבֿינער לאַזאַר איזידאָר און דער קאַמף אַרום די וואַלן פֿון אַ נײַעם אייבעררבֿינער האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון פּאַריזער ייִדן, אונטערן פֿאַרזיץ פֿון אַ געוויסן מאָריס מײַער, האָט באַשטימט צו שיקן די פּעטיציע. צווישן די חתימות געפֿינען זיך די נע־מען פֿון אפֿרים האַלענדערסקי, פּ. שטערן, אַ. פּלאָטאָ און י. לובעלסקי, וואָס זייערע נעמען קענען מיר פֿון דער ערשטער חבֿרה פֿון פּוילישע ייִדן אין פּאַריז, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1856.[54] אויף איינער אַזאַ פּעטיציע איז אין מיניסטעריום אָנגעמערקט געוואָרן "encore!", פּונקט ווי מען וואָלט פֿון גאַנצן

---

[53] I. Uhry, *Recueil des lois . . .*, 2e édition (Bordeaux, 1887), pp. 110-111.

[54] פֿ״גל ז. שײַקאָווסקי, עטיודן צו דער געשיכטע פֿון אײַנגעוואַנדערטן ייִדישן יישובֿ אין פֿראַנקרײַך (פּאַריז, 1936), זז׳ 33—41.

ענין געװען ניט שטאַרק צופֿרידן. די פֿאָדערונג פֿון דער פּעטיציע האָט מען טאַקע ניט נאָכגעגעבן.[55]

בעת דער פֿראַנצײזיש־דײַטשער מלחמה אין 1870—1871 האָבן ליבעראַלע עלעמענטן אין די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס אויסגענוצט דעם נײַעם רעזשים פֿון דער דריטער רעפּובליק בכדי צו פֿאַרשטאַרקן אין די ייִדישע קאָנסיסטאָריעס דעם פּרינציפּ פֿון אַלגעמײנע און דירעקטע װאַלן. דעם 11טן נאָװעמבער 1870 האָט די נאַציאָנאַלע פֿאַרטײדיקונגס־רעגירונג אַרױסגעגעבן אַ דעקרעט, דאַטירט פֿון טור, װוּ עס האָט זיך געפֿונען די דעלעגאַציע פֿון דער רעגירונג װאָס האָט עװאַקויִרט פּאַריז. די װיכטיקסטע פּונקטן פֿון דעם דעקרעט זײַנען געװען: דע־פּאַרטעמענטאַלע איבער־רבנים װערן באַשטימט פֿון 25 דעלעגאַטן װאָס װערן אױסגעװײלט פֿון אַלע װײלערס; די קהילה־רבנים װערן באַשטימט דורך דעלע־גאַטן װאָס װערן אױסגעװײלט פֿון אַלע װײלערס אין דער קהילה. דער דאָזיקער דעקרעט האָט אָװעקגענומען פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע דאָס רעכט צו נאָמינירן איבער־רבנים און האָט איבערגעגעבן צו די װײלערס דאָס רעכט צו װײלן סײַ איבער־רבנים סײַ רבנים.[56]

די נאַציאָנאַלע פֿאַרטײדיקונגס־רעגירונג האָט אַרױסגעגעבן דעם דעקרעט אַ דאַנק די באַמיִונגען פֿון אַ גרופּע ייִדן אין באָרדאָ. אַדאָלף קרעמיע האָט יע־מאָלט פֿאַרטרעטן אין באָרדאָ די נאַציאָנאַלע פֿאַרטײדיקונגס־רעגירונג און בײַ אים האָט עס מסתּמא די ליבעראַלע גרופּע פֿון באָרדאָער ייִדן אױסגעפּועלט דעם דעקרעט. אָבער אַזױ גיך װי דער מצבֿ אין לאַנד איז געװאָרן רויִקער האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע תּיכּף אָנגעהױבן פֿאָדערן צו אַנולירן דעם דעקרעט פֿון 11טן נאָװעמבער 1870.

אין 1871—1872 האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע אָנגעפֿרעגט די מײ־נונג פֿון די רעגיאָנאַלע קאָנסיסטאָריעס װעגן מאָדוס פֿון באַשטימען רבנים. די לאַגע האָט זיך שױן געהאַט אַ ביסל געביטן. אין די פֿירערשאַפֿטן פֿון די קאָנסיסטאָריעס זײַנען שױן געזעסן מער מענטשן מיט רעפֿאָרמאַטאָרישע אי־דעען. די פּאַריזער קאָנסיסטאָריע איז געװען דערפֿאַר, אַז רבנים זאָלן באַשטימט װערן דורך דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע פֿון אַ קאַנדידאַטן־רשימה, װאָס זאָל צוגעשטעלט װערן דורך אַ קאָמיסיע פֿון 12 מיטגלידער. די באַיאָנער קאָנסיס־טאָריע האָט געװאָלט אַ קאָמיסיע פֿון 25 דעלעגאַטן, באַשטימט פֿון אַלע װײ־לערס. די מאַרסעלער קאָנסיסטאָריע האָט געפֿאָדערט אַ גרעסערע ראָלע פֿון די דעפּאַרטעמענטאַלע קאָנסיסטאָריעס, אָבער אַלע פֿירערשאַפֿטן פֿון די רע־גיאָנאַלע קאָנסיסטאָריעס זײַנען געװען פֿאַרן אָפּשאַפֿן דעם דעקרעט פֿון 11טן נאָװעמבער 1870. דירעקט די װײלערס גופֿא האָט קײנער ניט אָנגעפֿרעגט.[57]

---

[55] AN, F19, 11016. Demande tendant à ce que l'élection du Grand Rabbin soit rendue aux communautés (modification de l'article 9 du décret du 29 août 1862), 1867.

[56] Uhry, *o. c.*, pp. 90-91.

[57] AN, F19, 11017. Avis des consistoires départementaux sur le mode de nominations des Grands Rabbins et des Rabbins Communaux.

דעם 8טן יאַנואַר 1872 האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע זיך געווענדט צו די מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג (פּאַרלאַמענט), וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף צו רעווידירן די דעקרעטן פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרטיידיקונגס־רעגירונג, מיט דער בקשה אָפּצושאַפֿן דעם דעקרעט פֿון 11טן נאָוועמבער 1870. אין אַ בריוו צום מיניסטעריום, דאַטירט דעם 11טן אַפּריל 1872, האָט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע זיך באַקלאָגט, אַז דער דעקרעט פֿון 11טן נאָוועמבער 1870 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער רעגירונג אָן דעם פֿאַרשטענדיקן זיך פֿריִער מיט דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, און אַז דער דעקרעט קען בלויז אַנולירן דעם אײַנפֿלוס פֿון די קאָנסיסטאָריעס און אײַנפֿירן פֿולקומע אַנאַרכיע אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון ייִדישן קולט.[58]

דעם 12טן סעפּטעמבער 1872 האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וואָס האָט אַנולירט דעם דעקרעט פֿון 11טן נאָוועמבער 1870 און האָט באַשטימט אַ נײַעם מאָדוס פֿון אויסוויילן רבנים: אָן אייבערראַבינער זאָל באַשטימט ווערן דורך דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע פֿון אַ רשימה פֿון דרײַ קאַנדידאַטן. די קאַנדידאַטן־רשימה דאַרף צוגעשטעלט ווערן פֿון: 1. דער דעפּאַרטעמענטאַלער קאָנסיסטאָריע; 2. צו איין פֿאָרשטייער פֿון די וויילערס אין יעדער קהילה פֿון דער דעפּאַרטעמענטאַלער קאָנסיסטאָריע וואָס האָט אַ רבֿ אָנערקענט דורך דער רעגירונג; 3. די וויילערס פֿון דער הויפּט־קהילה אין דער געגעבענער דע־פּאַרטעמענטאַלער קאָנסיסטאָריע באַשטימען פּונקט אַזוי פֿיל פֿאָרשטייערס ווי אַלע קהילות צוזאַמענגענומען; 4. רבנים (ניט קיין אייבער־רבנים) דאַרפֿן באַשטימט ווערן פֿון דער דעפּאַרטעמענטאַלער קאָנסיסטאָריע צוזאַמען מיט אַ קאָמיסיע פֿון פֿאָרשטייערס, וואָס אַ העלפֿט פֿון זיי זאָל אויסגעוויילט ווערן אין דער הויפּט־קהילה און אַ העלפֿט פֿון די אַנדערע קהילות. אָבער ס״ה קענען אין דער קאָמיסיע זײַן ניט מער ווי 6 מיטגלידער.[59]

די אָפּאָזיציע האָט אויך ניט געשוויגן. אין אַ פּעטיציע צום מלוכה־ראָט (1879) ווערט דערציילט, אַז אין 1873 האָבן באָרדאָער ייִדן געגרינדעט אַ „ליי־בעראַלן ייִדישן קאָמיטעט פֿון באָרדאָ מיטן ציל צו פֿאָדערן אַלע ליבעראַלע רעפֿאָרמען אין וועלכע עס וועט זיך נייטיקן די פֿירונג פֿון די קאָנסיסטאָריאַלע אינטערעסן אין דעפּאַרטעמענט פֿון זשיראָנד״.[60] אין יאַנואַר 1879 האָט אַ גרופּ־

[58] AN, F19, 11017.

[59] AN, F19, 11017. Modifications relatives à la nomination des Grands Rabbins et des Rabbins. Décret du 12 septembre 1872. Uhry, *o. c.*, pp. 98-99.

דעם זעלבן טאָג איז אַרויס אַ דעקרעט וועגן דער איבערגרופּירונג פֿון די רעגיאָנאַלע קאָנסיסטאָריעס נאָך דער דײַטשער אַנעקסיע פֿון עלזאַס־לאָטרינג. עס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן די ווײַטערדיקע 8 קאָנסיסטאָריעס: פּאַריז (14 דעפּאַרטעמענטן), ליל (7 דעפּאַרטעמענטן), נאַנסי (5 דעפּאַרטעמענטן), וועסול (4 דעפּאַרטעמענטן), ליאָן (15 דעפּאַרטעמענטן), באָרדאָ (17 דעפּאַרטעמענטן), באַיאָן (13 דעפּאַרטעמענטן), מאַרסעל (12 דעפּאַר־טעמענטן).

[60] "Comité Libéral Israélite de Bordeaux . . . dans le but de réclamer toutes les réformes libérales que pourrait nécessiter la gestion des interéts de la circonscription consistoriale de la Gironde," AN, F19, 11017. Pétition de Bordeaux.

פע באָרדאָער ייִדן צוגעגרייט אַ פּעטיציע צו דער רעגירונג מיט דער פֿאָדערונג, אַז דער וואַל־באַרעכטיקטער עלטער צו די קאָנסיסטאָריעס זאָל זײַן פֿון 21 יאָר אָן, פּונקט ווי פֿון 21 יאָר אָן האָט מען דאָס רעכט צו וויילן אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט; מען זאָל אויך ניט פֿאָדערן אַז די וויילערס זאָלן צאָלן אַ יערלעכע בײַשטײַערונג פֿאַר די קאָנסיסטאָריאַלע אינסטיטוציעס.[61] דעם 24סטן מאַרץ 1879 איז די פּעטיציע אָפֿיציעל איבערגעגעבן געוואָרן דער רעגירונג דורך דעם באָרדאָער דעפּוטאַט אַ. קאַדוק, און זי איז אַריבער אונטערן נומער 954 דיסקוטירט צו ווערן אין אַ פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע. אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע איז מען לכתּחילה געווען געשטימט נאָכצוגעבן די באָרדאָער ייִדן זייער פּעטיציע. אין אַ קאָרעקטור פֿון דער פּעטיציע מיט באַמערקונגען פֿון דער קאָמיסיע ווערט דערקלערט, אַז די קאָמיסיע גיט נאָך אַלע ווונטשן פֿון דער פּעטיציע און דער ענין ווערט איבערגעשיקט אין מיניסטעריום פֿאַר רעליגיעזע ענינים.[62] נאָכן באַשלוס פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע ווענגן וואָס מ׳האָט אין באָרדאָ זיך זיכער תּיכּף דערוווּסט, מסתּמא פֿון באָרדאָער דעפּוטאַט, האָט די באָרדאָער אָפּאָזיציע צוגעשיקט אַ צווייטע פּעטיציע צום מלוכה־ראַט. אין דער פּעטיציע ווערט דערציילט, אַז נאָכן באַשלוס פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע האָט דאָס מיניסטעריום פֿאַר רעליגיעזע ענינים צוגעגרייט אַ געזעץ־פּראָיעקט. די באָרדאָער ליבעראַלע אָפּאָזיציע פֿאָדערט אין דער פּעטיציע צום מלוכה־ראַט, אַז מען זאָל צולאָזן צום וויילן אין די קאָנסיסטאָריעס אויך די ייִדן וואָס צאָלן פֿאַר אַ געזעלשאַפֿט וואָס איז אומאָפּהענגיק פֿון דער קאָנסיסטאָריע. ווענגן וואַלרעכט אין עלטער פֿון 21 יאָר אָן שרײַבט די פּעטיציע, אַז „דאָס וואָס מ׳האָט ניט געקענט טאָן אין 1848, גרייט זיך די רעגירונג טאָן אין 1880". די רעפֿאָרמאַטאָרישע צײַטשריפֿט *Archives Israélites* וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשטיצט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן דרוקן בריוו פֿאַר די פֿאָדערונגען פֿון דער באָרדאָער אָפּאָזיציע (1871—1872). אין דער פּעטיציע צום מלוכה־ראַט האָט די באָרדאָער אָפּאָזיציע זיך באַרימט, אַז די צײַטשריפֿט שטיצט די פֿאָדערונג צו באַשטימען דעם עלטער פֿון די וויילערס פֿון 21 יאָר אָן.[63] אָבער אין דעם פּרט דאַרף מען ניט זען קיין נײַע ווענדונג אין די רייען פֿון די רעפֿאָרמאַ־

[61] "Est-il admissible qu'un jeune homme soit apte à 21 ans à nommer un Conseiller Municipal, un Conseiller General, un Député, et qu'on lui refuse ce même droit quand il s'agit d'un membre du Consistoire. . . . Pourquoi ces conditions fiscales? Pourquoi cette obligation de contribuer annuellement aux frais du Culte?," AN, F^{19}, 11017. Pétition de Bordeaux.

[62] "En résumé, la Commission donne son approbation complète aux réformes proposées par les Israélites de la circonscription de Bordeaux. Elle proopse, en conséquence, la prise en considération de leur pétition et son renvoi à M. le Ministre des Cultes (*Renvoi au Ministre des Cultes*)," AN, F^{19}, 11017. Pétition de Bordeaux.

[63] AN, F^{19}, 11017. Pétition de Bordeaux. *Archives Israélites* (1871-1872), pp. 141, 747.

טאָרן. די צײַטשריפֿט האָט די פֿאָדערונג ניט אַזוי שטאַרק געשטיצט. ס״ה זײַנען אָנגעקומען פֿון באָרדאָ 3 פּעטיציעס מיט 91 חתימות. 79 פֿון די חתימות זײַנען געווען פֿון באָרדאָ, 8 פֿון נאַנט און 1 חתימה פֿון ליבורן (בײַ די קאָנסיסטאָריאַלע וואַלן אין 1877 האָט די וויילער־רשימה פֿון באָרדאָ געציילט 367 נעמען און פֿון נאַנט 51; אין די וואַלן האָבן זיך באַטייליקט בלויז 155 וויילערס: 139 אין באָרדאָ און 16 אין נאַנט). דעם 13טן יאַנואַר 1879 האָט מען אין מיניסטעריום געניי אַנאַליזירט די 91 חתימות; מ׳האָט קאָנטראָלירט יעדע חתימה, פֿאַרגליכן זי מיט די וויילער־רשימות, אַפֿילו די אַדרעסן האָט מען קאָנטראָלירט און מען איז געקומען צום אויספֿיר, אַז 11 חתימות זײַנען זיכער ריכטיקע, 36 מיגלעך ריכטיקע און וועגן 44 קען מען ניט זײַן זיכער צי זיי זײַנען ריכטיקע.[64] פֿון אַ נאָטיץ, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אין מיניסטעריום פֿאַר דער דיסקוסיע אין דער קאָמיסיע פֿון פּאַרלאַמענט וועגן אַן אינטערווענץ פֿון באָרדאָער דעפּוטאַט אַ. קאַדוק, וואָס האָט געשטיצט די פּעטיציע פֿון די באָרדאָער ייִדן, איז צו זען, אַז אין מיניסטעריום האָט מען אָנגעוויזן, אַז צו זײַן אין דער סענאַט־וויילער־קערפּערשאַפֿט מוז מען זײַן 25 יאָר אַלט; אַ דעקרעט פֿון 10טן סעפּטעמבער 1852 האָט באַשטימט דעם עלטער פֿון 30 יאָר פֿאַר וויילערס אין די פּראָטעסטאַנטישע קאָנסיסטאָריעס; צו וויילן אין די האַנדלס־קאַמערן האָט מען געמוזט אַלט זײַן 30 יאָר.[65] די פֿאָדערונגען פֿון דער באָרדאָער ליבעראַלער גרופּע האָט מען טאַקע ניט נאָכגעגעבן.

אין 1879 איז אין דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע און אין מיניסטעריום צוגעגרייט געוואָרן דער פּראָיעקט פֿון אַ דעקרעט נומ׳ 320, דאַטירט דעם 2טן פֿעברואַר 1880. דער פּראָיעקט האָט ניט נאָכגעגעבן די באָרדאָער פֿאָדערונגען. עס איז דאָרט פֿאָרויסגעזען, אַז וויילן זאָלן קענען אַלע קאָנסיסטאָריאַלע מיטגלידער אין עלטער פֿון 25 יאָר אָן; אַן אָפּצאָל אָדער אַ בײַשטײַערונג אין אַן אינסטיטוציע, וואָס ווערט קאָנטראָלירט פֿון דער קאָנסיסטאָריע, זאָל באַשטימען די אָנגעהעריקייט צו דער קאָנסיסטאָריע. בלויז צוויי נײַע פּונקטן האָט דער פּראָיעקט פֿאַרמאָגט: 1) די רשימות פֿון די וויילערס זאָלן קאָנטראָלירט ווערן יעדער יאָר, אַנשטאָט אַלע 4 יאָר ווי עס איז פֿריִער געווען; 2) סיכסוכים צווישן קאָנסיסטאָריעס און דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע זײַנען פֿריִער אויסגעגליכן געוואָרן בלויז אין מיניסטעריום. דער פּראָיעקט האָט פֿאָרויסגעזען, אַז וועגן אַזוינע סיכסוכים זאָל מען קענען אינטערווענירן אין מלוכה־ראַט.[66] קיין דעקרעט

---

[64] AN, F[19], 11017. Chambre des Députés. Pétitions, No. 954.

[65] AN, F[19], 11017.

[66] AN, F[19], 11017. Conseil d'Etat, Section de l'Interieur, des Cultes. . . . No. 320. Distribution du 2 fevrier 1880. M. de Villeneuve, Maître des requêtes, Rapporteur, *Projet de décret portant réglement d'administration publique pour les élections du Culte israélite. Première rédaction.*

אויך אַ באַגלייטבריוו פֿון יאַנואַר 1880. — פּראָטאָקאָלן פֿון זיצונגען פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, 4טן מאַרץ, 18טן נאָוועמבער 1879. — אַ בריוו פֿון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע צום מיניסטעריום, 18טן דעצעמבער 1879.

וואָס זאָל אײַנפֿירן וויכטיקע שינויים איז ניט אַרויס.[67] די אָפּאָזיציע האָט ווײַטער געשיקט פּעטיציעס. אין 1893 האָבן 12 ייִדן פֿון באַיאָן, אין שכנות פֿון באָרדאָ, געשיקט צום פּאַרלאַמענט אַ פּעטיציע קעגן דעקרעט פֿון 1862 וואָס האָט באַשטימט, אַז די וויילערס אין די קאָנסיסטאָריעס מוזן זײַן עלטער פֿון 25 יאָר, מוזן וווינען 3 יאָר אין דער קהילה און צאָלן פֿאַר אַן אינסטיטוציע וואָס איז קאָנטראָלירט דורך דער קאָנסיסטאָריע. דעם 1טן יוני 1896 האָט דער באַיאָנער ייִד אַלוואַרעז לעווי געשריבן אין מיניסטעריום אַ בריוו אין וועלכן ער האָט אויך געפֿאָדערט וואַלרעכט אין עלטער פֿון 21 יאָר אָן. אויב מען קען אין עלטער פֿון 21 יאָר שטימען פֿאַר מענטשן, וואָס דאַרפֿן זיך פֿאַרנעמען מיטן גורל פֿון 38 מיליאָן אײַנוווינערס — שרײַבט ער — קען מען אין דעם עלטער שטימען אויך פֿאַר מענטשן, וואָס דאַרפֿן זיך פֿאַרנעמען מיט קאָנסיסטאָריאַלע ענינים. אָבער אויך די פּעטיציעס האָט מען ניט נאָכגעגעבן.[68]

אָבער אַרום 1880 איז דער כּוח פֿון די רעפֿאָרמאַטאָרן אין די קאָנסיסטאָריעס שוין געווען סטאַביליזירט. עס איז כּמעט פֿאַרשווונדן די אָרטאָדאָקסישע אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך גרופּירט בעיקר אין די קהילות פֿון עלזאַס־לאָטרינגן וואָס זײַנען אָוועקגענומען געוואָרן פֿון פֿראַנקרײַך. פֿון 1881 אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אימיגראַציע פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן און דאָס האָט געשטעלט אין גאַנצן נײַע פּראָבלעמען פֿאַר דער קאָנסיסטאָריע. בעיקר אין 1905, ווען רעליגיע איז אָפּגעטיילט געוואָרן פֿון דער מלוכה און די קאָנסיסטאָריע איז געוואָרן אַ פּריוואַטע אינסטיטוציע. אָבער דאָס איז אַ טעמע פֿאַר זיך.

---

[67] אַן איבערבליק וועגן דער יוריסדיקציע אין דער וואַלסיסטעם פֿון די קאָנסיסטאָריעס ביז 1894 זעט בײַ:
Penel Beaufin, "Législation Générale du Culte israélite en France . . ." *Petite encyclopédie sociale, économique et financière,* vol. IX (Paris, 1894), pp. 70-112.

[68] AN, F[19], 11035.

יוזעף בערקאָוויטש דער טאָוויאַניסט

פֿון אַבֿרהם ג. דוקער

מיר וועלן זיך דאָ ניט אַרײַנלאָזן אין דער שטורמישער קאַריערע פֿון יוזעף בערקאָוויטש, דעם זון פֿון בערעק יאָסעלעוויטשן, בשעת דעם פּוילישן פּעריאָד פֿון זײַן לעבן. די דאָזיקע תּקופֿה האָט שוין באַשריבן זײַן ביאָגראַף לונינסקי [1] און אין קורצן רעזומירט דורך דוד קאַנדעל.[2] מיר וועלן זיך אָפּגעבן מיט באַשרײַבן בערקאָוויטשעס קאַריערע אין דער צײַט פֿון דער עמיגראַציע, לויט געדרוקטע און אַרכיוואַלישע מקורים.

דער ערשטער וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט בערקאָוויטשעס ביאָגראַפֿיע איז וויענ‍יאַרסקי. אין אַן אַרטיקל וואָס גיט זיך אָפּ דער עיקר מיטן באַשרײַבן יאָסעלעוויטשעס לעבן [3] דערציילט וויעניאַרסקי, אַז נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָלוציע איז בערקאָוויטש אין 1832 אָנגעקומען אין בעזאַנסאָן, פֿראַנקרײַך, מיט זײַן ווײַב און צוויי קינדער, לעאָן און יוזעף, און האָט זיך מפֿרנס געווען פֿון געבן הלוואות צו אַנדערע עמיגראַנטן, „האָבנדיק מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון זײַנע אָפּשפּאָרונגען אַ גאַנץ היפּשע מטבע".[4] ער ברענגט אויך דאָרט אַן אַנעקדאָט אין גראַמען וועגן בערקאָוויטשן און איינעם פֿון זײַנע בעלי־חובֿות.[5] אין דער

---

[1] Ernst Łuniński, *Berek Joselewicz i jego syn,* Warszawa, 1909.

די זעלביקע אינפֿאָרמאַציע געפֿינען מיר אויך אין:

"Józef Berkowicz, 1789-1846," *Album pamiątkowy ku czci Berka Joselewicza . . . w 125-letnią rocznicę . . . śmierci,* pod redakcją Majera Bałabana, Warszawa, 1934, pp. 137-144.

[2] Deka [Dawid Kandel], "Józef Berkowicz na emigracji," *Kwartalnik poświęcony badaniu przeszłości Żydów w Polsce,* 1912, I, pp. 125-131.

[3] Antoni Wieniarski, "Berek Joselewicz, szef sztandaru lekkiej jazdy," *Biblioteka warszawska,* 1861, vol. II, pp. 73-78.

[4] *Ibid.,* p. 77.

[5] בערקאָוויטשעס בעל־חובֿ האָט געטרונקען צו אים לחיים בזה הלשון:

"Zdrowie pana Berkowicza
Co nam pieniądze pożycza."

אויף דעם האָט בערקאָוויטש געענטפֿערט:

"A ja wypiję zdrowie pana G . . . go
Jak mi odda na pierwszego."

(Wieniarski, *op. cit., p.* 78)

פֿרײַ פֿאַראַפֿראַזירט אין ייִדיש איז עס אַזוי:

„דעם הער בערקאָוויטש לחיים!
דעם וואָס טוט אונדז געלט אַנטלײַען".

זעלבער צײַט טוט ער אונדז צו וויסן מיט אַ רמז, אַז בערקאָוויטש איז געווען אַ גאַנץ שטרענגער מאַנער. דער טאָן פֿונעם אַרטיקל איז אַ ביסל טענדענציעז און דער מחבר קלײַבט, ווײַזט אויס, אַ היפּש ביסל נחת פֿון דעם וואָס דעם ייִד ציט צו געלטהאַנדל „אַזוי ווי עס ציט דעם וואָלף צום וואַלד".[6]

פֿון דער אַנדערער זײַט קומט לונינסקי (פֿריִער דײַכעס) מיט זײַנע אַסימי־לאַטאָריש־משומדישע טענדענצן און פּרוּווט ריינצוּוואַשן בערקאָוויטשן פֿון דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט וואָכערײַ.[7] ער בויט אַ טעאָריע וועגן אַ באַשולדיקונג קעגן בערקאָוויטשן, אַז ער איז געווען אַרײַנגעמישט אין דעם סיכסוך צווישן זאַליוווסקין און סקזשיניעצקין אויפֿן סמך פֿון בערקאָ־וויטשעס נאָמען אין אַ סאַטירישער פּאָעמע אין אַ הומאָריסטישער צײַטונג.[8] ער ענדיקט זײַן ביאָגראַפֿיע מיט אָנגעבן דעם תּמצית פֿון בערקאָוויטשעס נאָוועלע: *Stanislaus or the Polish Lancer*.[9]

אַ ביסל מער רעאַליסטישע ידיעות וועגן בערקאָוויטשן ברענגט אונדז קאַנדעל.[10] מיר געפֿינען אויס פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן טוגענדהאָלדן און דעם בעזאַנסאָנער רבֿ, יהושע רובינשטיין, וואָס קאַנדעל האָט איבערגעדרוקט, אַז בערקאָוויטש האָט געהאַט אַ גאַנץ שלעכטן שם אין בעזאַנסאָן, ווו ער האָט געלעבט אין די עמיגראַנטישע אַנשטאַלטן צוזאַמען מיט זײַנע קינדער און מסתּמא אויך מיט זײַן פֿרוי. רובינשטיין פֿאַרלאַנגט אין זײַן ערשטן בריוו (24סטן יוני 1832) אינפֿאָרמאַציע וועגן בערקאָוויטשעס קאַריערע אין פּוילן. ער שרײַבט, אַז מאַיאָר כאַטאַמסקי, פֿון דעם רעגימענט אין וועלכן בערקאָ־וויטש האָט געדינט בשעת דער רעוואָלוציע, האָט געגעבן אַ שלעכטע מיינונג וועגן אים. דער רבֿ האָט אויך שטאַרק מורא געהאַט פֿאַר אַ חילול־השם צוליב בערקאָוויטשעס שלעכטער אויפֿפֿירונג.

דער ענטפֿער פֿון טוגענדהאָלדן איז מסתּמא געווען זייער אָן אומגינציקער. עס קען מיגלעך זײַן, אַז די סיבה דערפֿון איז געווען טוגענדהאָלדס פֿאַרדעכטיקע ראָלע בשעת דער רעוואָלוציע און זײַנע פֿאַרבינדונגען מיט פּאַסקעוויטשן. פֿון

און בערקאָוויטשעס ענטפֿער:

„און איך וועל טרינקען צו הער ג׳ס געזונט און לעבן
ווען ער וועט מיר דעם חובֿ דעם ערשטן צוריקגעבן".

[6] *Ibid.*, p. 77.

[7] Łuniński, *op. cit.*, p. 99.

[8] זאַליוווסקי האָט באַשולדיקט סקזשיניעצקין אין פֿאַרראַט. די פּאָעמע: "Wiersz panorama Bezansonu," *Babin na obcej ziemi*, No. 2 דערציילט, אַז דעם טשעמאַדאַן, אין וועלכן זאַליוווסקי האָט באַהאַלטן די באַווײַזן פֿאַר סקזשיניעצקיס פֿאַרראַט, האָבן בערקאָוויטשעס גע־שוועסטער־קינדער דורכגעשמוגלט דורך בראָד (Łuniński, *op. cit.*, p. 100). דאָס מיינט אָבער בלויז, אַז ייִדן, און נישט בערקאָוויטשעס קרובֿים, האָבן עס געשמוגלט.

[9] דער גאַנצער טיטל פֿון בוך איז:

Stanislaus or the Polish Lancer in the Suite of Napoleon from the Island of Elbe, by Joseph Berkowitz, late lieutenant colonel in the Polish army, member of the legion of honour and the golden cross of Poland, London, 1846.

[10] זען הערה 2.

דער צווייטער זײַט מוזן מיר געדענקען, אַז בערקאָוויטש איז טאַקע ניט געווען קיין גרויסער צדיק. מיר לייענען אינעם צווייטן בריוו פֿון רבֿ רובינשטיין (24סטן אויגוסט 1832), אַז טוגענדהאָלדס תּשובֿה איז פֿירגעלייענט געוואָרן אין שול און אַז קהל איז געווען זייער אויפֿגערעגט. מסתּמא איז בערקאָוויטש געווען גוט באַוווּסט אין בעזאַנסאָן, ווו ייִדן האָבן זיך ניט ווייניקער ווי פֿראַנצויזן בכלל אינטערעסירט מיט די העלדישע פּוילישע רעוואָלוציאָנערן און מסתּמא זיך ספּעציעל אינטערעסירט מיט די עטלעכע ייִדן צווישן זיי. דער רבֿ שרײַבט צום באַדויערן אָן גענויע פּרטים וועגן "la conduite detestable de Berek". ער שרײַבט ווײַטער, אַז ער האָט איבערגעגעבן דעם תּמצית פֿון טוגענדהאָלדס בריוו צו עט־לעכע פּאָליאַקן, און בעט אים (טוגענדהאָלדן) צו שרײַבן צו די ראָטשילדס אין פּאַריז און פֿראַנקפֿורט וועגן דעם, ווײַל זיי זײַנען ספּעציעל פֿאַראינטערעסירט אין בערקאָוויטשן. מסתּמא האָט בערקאָוויטש גענאָסן ספּעציעל פֿון די דאָזיקע גבֿירים. דער רבֿ בעט אים אויך צו שרײַבן צום באַנקיר ראָטיסבאָן פֿון שטראָס־בורג וועלכער האָט אים ממש „פֿאַרשאָטן מיט פֿרײַנדשאַפֿט" (Il l'a comble de ses bienfaits).

ס'איז ניט שווער צו פֿאַרשטיין, אַז בערקאָוויטש האָט אויסגענוצט דעם נאָמען פֿון זײַן פֿאָטער און זײַנע אייגענע אויפֿטוען, כּדי אַרויסצובאַקומען וואָס מער געלט פֿון רײַכע ייִדן בשעת זײַן נסיעה פֿון פּוילן קיין בעזאַנסאָן — אין פֿראַנקפֿורט, שטראַסבורג און פּאַריז און אפֿשר אויך אין סאַן־מאַלאָ וווּהין ער האָט געזאָלט פֿאָרן, לויט זײַן בריוו צו לעלעווען, דאַטירט דעם 29סטן אַפּריל 1832, דאָס הייסט נאָך פֿאַר זײַנע אַוואַנטורעס אין בעזאַנסאָן.[11] טוגענדהאָלדס באַ־שרײַבונג אין זײַן בריוו פֿון 16טן סעפּטעמבער 1832 [12] ווי אַזוי בערקאָוויטש האָט געפּרוּווט אויסצופּרעסן געלט פֿון ייִדן און ווי ער האָט אָנטייל גענומען אין די גוואַלדאַקטן קעגן ייִדן און פֿראַנצויזן בשעת דער רעוואָלוציע איז אפֿשר אַ גוזמא, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט טוגענדהאָלדס באַציִונג צו דער רעוואָלוציע און די רעוואָלוציאָנערן בכלל. אָבער ס'איז בלי־ספֿק פֿאַראַן אַ סך אמת אין זײַן באַשרײַבן בערקאָוויטשן ווי אַן אויסערגעווײנטלעכן עם־הארץ און ווי אַ מענטשן וואָס האָט ניט געשאַנעוועט דעם ייִדישן כּבֿוד. דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט פֿון אונדזערע שטודיעס וועגן דעם ענין.

אַ פֿאַרשטעלונג פֿון דעם מין אַוואַנטורעס, אין וועלכע בערקאָוויטש איז געווען פֿאַרמישט אין פֿראַנקרײַך, געפֿינען מיר אין די „אַקטן מכּוח דעם מישפּט פֿון פּולקאָווניק בערקאָוויטש קעגן דעם אונטערפּולקאָווניק דונין פֿאַר אָפּנאַרן,

---

[11] ראַפּערסווילער קאָלעקציע, 406, אין וואַרשעווער Biblioteka wojskowa.
(די ראַפּערסווילער דאָקומענטן וועלן מיר ווײַטער באַצייכענען מיט Rap.).
אין אַ בריוו געשריבן אין כּמעט אַן אומפֿאַרשטענדלעכן פֿראַנצייזיש בעט בערקאָוויטש „פּרעזידענט לעלעוועלס" אַנטשולדיקונג פֿאַר דעם וואָס ער איז ניט געקומען אין זײַן הויז צוליב זײַן קראַנקייט, און ער לאָזט אים וויסן, אַז ער האָט באַקומען אַ פּאַספּאָרט קיין סאַן־מאַלאָ, וווּהין ער וועט אַוועקפֿאָרן מיטוואָך.
[12] זען קאַנדעל, דצ"ו.

גנבֿה און אַקטיווער באַליידיקונג דעם אָנקלאָגער און אויך, פֿון דער צווייטער זײַט, קעגן פּולקאָווניק בערקאָוויטש פֿאַר מוציא שם רע זײַן״.[13]

די מעשׂה איז אַזוי: בערקאָוויטש, אין זײַן באַשולדיקונג־בריוו, קלאָגט אָן אַן אַנדער אַוואַנטוריסט, דונין, אַז ער האָט אויסגענאַרט 105 פֿראַנק פֿון בער־קאָוויטשעס זון, ווען דער פֿאָטער איז ניט געווען. דערנאָך האָט ער געבאָרגט פֿון בערקאָוויטשן אַליין נאָך געלט און צוויי זייגערס. אַ דריטער זייגער איז פֿאַרלוירן געגאַנגען און בערקאָוויטש האָט אים געפֿונען אין דונינס היים. אַ קריגערײַ און אַ געשלעג זײַנען פֿאָרגעקומען ווען מאַיאָר ראַסקעוויטש איז בײַ־געווען. בערקאָוויטש האָט פֿאַרלאַנגט סאַטיספֿאַקציע. דונין האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין דועל. דערפֿאַר פֿאַרלאַנגט בערקאָוויטש, אַז דער געריכט זאָל אָנערקענען, אַז דונין איז ניט קיין ערנמאַן. פֿון דער צווייטער זײַט האָט דונין אויך פֿאַרלאַנגט אַן ערן־געריכט. עס ציט זיך אַ לענגערע קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער בערקאָוויטש פֿאַררופֿט זיך אויף זײַנע פּאַטריאָטישע אויפֿטוען.[14] דאָס געריכט וואָס איז באַשטאַנען פֿון בוררים — אונטערפּולקאָווניק כאַבאַרסקי פֿון בערקאָוויטשעס צד, קאַפּיטאַן אַנטאָני לאַסקאָווסקי פֿון דונינס צד און סוכאָ־דאָלסקי ווי דער נייטראַלער — האָט באַטראַכט די מעשׂה גאַנץ אָביעקטיוו אין משך פֿון עטלעכע חדשים. אין מיטן האָט בערקאָוויטש דערקלערט, אַז ער פֿאַרלאָזט בעזאַנסאָן און פֿאַרלאַנגט בלויז צוריק זײַנע זייגערס.[15] לויט ווי לונינסקי גיט ריכטיק אָן, איז ער צוזאַמען מיט 300 אַנדערע אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך דער פֿראַנצייזישער רעגירונג קיין בערזשעראַק.[16] עס לאָזט זיך אויס, אַז די מעשׂה מיט די זייגערס איז געווען אַן אויסגעטראַכטע פֿון בערקאָוויטשן צוליב נקמה. די מעשׂה איז אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט, אַז מען קען גאָרניט אַרויס־קריכן פֿון דעם. אויך דאָס כּלומרשטע אויסנאַרן געלט פֿון בערקאָוויטשעס זון איז ניט דערוויזן געוואָרן. דאָס אויספּאַטשן בערקאָוויטשן איז לויטן גע־ריכט געפּלאָנעוועט און אויסגערעכנט געוואָרן דורך דונינען אין פֿאָרויס. די ריכטערס האָבן געפּסקנט, אַז „דונין דאַרף באַשטראָפֿט ווערן דורך אַן עפֿנט־לעכן אויסמוסרן (napomnienie publiczne), און פּוילישע צײַטשריפֿטן פֿון דער גאַנצער עמיגראַציע פֿון אונדזערע נע־ונדניקעס זאָלן אַנאָנסירן, אַז דונין איז אַ שלעכטער מענטש״.[17]

אויב די אַנדערע שטיק פֿון בערקאָוויטשן, וואָס הרבֿ רובינשטיין באַקלאָגט זיך אויף זיי, זײַנען געווען פֿון דעם זעלבן מין, קענען מיר זיך פֿאָרשטעלן אַז ייִדן אין בעזאַנסאָן האָבן געהאַט גענוג סיבות צו זײַן אויפֿגעבראַכט אויף אים.

ווי לאַנג בערקאָוויטש האָט פֿאַרבראַכט אין בערזשעראַק לאָזט זיך ניט אויסגעפֿינען. איך האָב ניט געהאַט גענוג צײַט דורכצושטודירן די דאָקומענטן

[13] Muzeum Czartoryskich, Kraków, MS. 5333, Zbiór Petrykowskiego; Akta Sądu Honorowego w zakładzie miasta Bezançonu, 1832-33.

[14] דאָרטן, בריוו פֿון 23סטן יאַנואַר.

[15] דאָרטן, בריוו פֿון 19טן פֿעברואַר.

[16] Łuniński, *op. cit.*, pp. 100-101.

[17] זען הערה 13.

פֿון דעם בערזשעראַק־אַנשטאַלט וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דער באַטיגנאָל־קאָלעקציע אין ראַפּערסוויל־מוזיי אין וואַרשע. פֿון אַ בריוו, אין וועלכן דער געוועזענער גענעראַל־דירעקטאָר פֿון דער וועלדער־אַדמיניסטראַציע ציטירט פֿון דער אָפֿיציעלער ליסטע פֿון 1825, אַרויסגעגעבן פֿאַר די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון וואַלדבאַזיצערס, דערוויסן מיר זיך, אַז בערקאָוויטש האָט אין יענעם יאָר געאַרבעט אין אַ וואַלד לעבן פּראַשניץ.[18] דער בריוו איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון בערקאָוויטשן וואָס האָט מסתמא דעמאָלט געזוכט באַשעפֿטיקונג. אין 1837 הערן מיר, אַז בערקאָוויטש האָט געקויפֿט לאַנד אין ענגלאַנד, ווו ער האָט באַשעפֿטיקט 25 פּאָליאַקן און זיי געצאָלט 3 שילינג אַ טאָג.[19]

פֿון יענער צײַט הערן מיר גאָרניט וועגן בערקאָוויטשן ביז 1843. אין דעם יאָר באַווײַזט ער זיך אין אַ גאַנץ נײַער ראָלע — אין דער ראָלע פֿון אַ טאָוויאַניסט, אַן אָנהענגער פֿון אַ קאַטוילישער משיחישער באַוועגונג, וואָס איר נבֿיא און אָנפֿירער עס איז געווען דער ליטווישער פּריץ אַנדזשיי טאָוויאַנסקי. די טאָוויאַניסטן האָבן געגלייבט, אַז עס וועט קומען אַ „נײַע קריסטלעכע" עפּאָכע אויף דער וועלט. זיי האָבן אויך געגלייבט אין דער אויסדערוויילטקייט פֿון די דרײַ „ישׂראל"־פֿעלקער: יידן, פֿראַנצויזן און סלאַוון. צווישן די טאָוויאַניסטן זײַנען געווען מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי און אַנדערע ווייניקער פּראָמינענטע פּוילישע פּירערס. די טאָוויאַניסטן זײַנען אויך געווען אַקטיוו צווישן ייִדן אין פֿראַנקרײַך און אין איטאַליע, און אפֿשר אויך אין אַנדערע לענדער.

וועגן ייִדישע טאָוויאַניסטן האָט מען שוין אַ שפּאָר ביסל געשריבן. כמעט אַלע שרײַבערס גיבן זיך אָפּ ספּעציעל מיט דער קאַריערע פֿון דעם ווילנער משומד גרשון ראַם, וואָס איז געפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל אין אַ שליחות פֿון דער באַוועגונג. די דאָקומענטן וועגן די ספּעציפֿיש ייִדישע זײַטן פֿון טאָוויאַנסקיס באַוועגונג זײַנען געדרוקט געוואָרן אין דער אַרבעט פֿון בעגעי.[20] דאָקומענטן געפֿינען זיך אויך צעוואָרפֿן אין פֿאַרשיידענע מיצקעוויטש־מאַטעריאַלן און אין די אויסגאַבעס פֿון די טאָוויאַניסטן.[21] מאַטעריאַלן וואָס באַהאַנדלען דער עיקר

---

[18] Rap., MS. 1236, VIII, No. 2196, Nov. 29, 1835.

דער אונטערשריפֿט איז זייער ניט קלאָר. דער שריפֿט און דער סטיל זײַנען אויך ניט קלאָר. פֿ"גל לונינסקי, דצ"וו, ז' 55.

[19] *Kronika emigracji polskiej*, Vol. VI, No. 22, Oct. 14, 1937, p. 344.

דאָרט ווערט אויך אָנגעגעבן, אַז אויב די אַרבעטערס וועלן אים העלפֿן מער פֿאַרדינען וועט ער זיך טיילן מיטן ריווח.

[20] Atille Begey, *André Towianski et Israël. Actes et Documents* (*1842-1864*), Rome, 1912.

מער וועגן ייִדישע טאָוויאַניסטן אין מײַן דאָקטאָר־דיסערטאַציע אונטער פּראָפֿ' שלום באַראָנס השגחה:

Exile Experiences: The Polish Great Emigration and the Jewish Problem, 1831-1865, Columbia University (אין כּתבֿ־יד).

[21] אַ קורצע ביבליאָגראַפֿיע פֿון די אויסגאַבעס איז פֿאַראַן בײַ בעגעי, דצ"וו, ז' 6.

די קאַריערע פֿון ראַמען זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון ראַוויטאַ־גאַווראָנסקין,[22] און לסוף פֿון דרעזדנערן[23] און פּיגאָנען.[24] אשכּולים[25] שטודיע גיט זיך אויך דער עיקר אָפּ מיט ראַמען. ס'איז אָבער אַ שאָד וואָס ער האָט זיך ניט באַנוצט מיט די צוויי לעצטע מקורים וואָס גיבן צו אַ סך ידיעות וועגן ראַמען. איך האָב אויך אויסגעפֿונען נײַע פֿאַקטן וועגן דעם אינטערעסאַנטן משומד, וועלכע איך האָף צו פֿאַרעפֿנטלעכן.

ס'איז פֿאַראַן בלויז איין ספֿק צי דער טאָוויאַניסט בערקאָוויטש איז טאַקע דער דאָזיקער יוזעף בערקאָוויטש, ווײַל ער ווערט דערמאָנט אָן זײַן ערשטן נאָמען אין עטלעכע דאָקומענטן.[26]

מײַנע ידיעות וועגן בערקאָוויטשעס קאַריערע ווי אַ טאָוויאַניסט זײַנען גע־נומען געוואָרן דער עיקר פֿון דעם ניט־געדרוקטן כּתבֿ־יד פֿון דעם דיכטער סעווערין גאָשטשינסקיס מעמואַרן.[27] גאָשטשינסקי איז געווען אַן אַקטיווער טאָוויאַניסט אַ גרויסן טייל פֿון זײַן לעבן. די פֿראַגע וועגן די באַציִונגען צו ייִדן פֿון דעם אַנטיסעמיטישן טאָוויאַניסט וועלן מיר דאָ ניט באַרירן.

די ערשטע ידיעה וועגן בערקאָוויטשן ווי אַ טאָוויאַניסט געפֿינען מיר אין גאָשטשינסקיס טאָגבוך, דאַטירט: דינסטיק דעם 14טן פֿעברואַר 1843.[28] דאָרט באַשרײַבט ער אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון זײַן „זיבעטל"[29] אין הויז פֿון אַלעקסאַנדער כאָדזשקאָ, מסתּמא דעם זעלבן טאָג, און דערמאָנט צווישן די וואָס זײַנען דאָרטן געווען בערקאָוויטשעס נאָמען. ווי ס'ווײַזט אויס, איז בערקאָוויטש שוין דעמאָלט געווען גאַנץ אַקטיוו אין דער באַוועגונג, ווײַניקסטנס האָט ער זיך אָנגעגעבן ווי אַ פֿאַראינטערעסירטער אויב ניט ווי אַן אַקטיווער מיטגליד. מסתּמא האָבן טאָוויאַנ־סקי און אַנדערע אָנפֿירערס פֿון דער באַוועגונג געהאָפֿט אויף בערקאָוויטשן ווי אויף אַ מיסיאָנער פֿון טאָוויאַניזם צווישן ייִדן. דערצו איז עס נאָך געווען באַלד נאָך ראַמס שמד, ווען די האָפֿענונג און דער גלויבן פֿון די טאָוויאַניסטן, אַז ייִדן

---

[22] Franciszek Rawita-Gawroński, "Andrzej Towiański; Jan Andrzej Ram," *Pamiętnik literacki*, Vol. IV, 1910.

אויך אין אַ סעפּאַראַט־דרוק, לעמבערג, 1911.

[23] Karol Dresdner, "Brat Gerszon," *Ibid.*, XXV, 1928, pp. 280-286.

[24] Stanisław Pigoń, "Z późniejszych lat A. Mickiewicza," *Ibid.*, *pp.* 286-292.

[25] א. ז. אשכולי, תנועת טוביאנסקי בין היהודים, אפיזודה משיחית, ירושלים, 1934.

[26] דער גלח עדוואַרד דונסקי דערמאָנט אין אַ בריוו פֿון 4טן מאַרץ 1843 איינעם אַ בער־קאָוויטש, „אַ ייִדל" (Żydek) פֿון מאַקאָווע. זען:

Paweł Smolikowski, "Pierwsze bracia . . . zmartwychwstania Pańskiego i początki Towiańszczyzny," *Pregląd polski*, 1895, p. 52.

עס זעט אויס, אַז אונדזער בערקאָוויטש שטאַמט ניט פֿון מאַקאָווע. אָבער דער טאָוויאַניסט בערקאָוויטש ווערט אידענטיפֿיצירט דורך פּיגאָנען ווי יוזעף. זען הערה 31 און אויך:

Seweryn Goszczyński, *Listy*, Kraków, 1935, p. XXX.

[27] Rap., 1104, 1105, 1093.

[28] Rap., 1104, IV, p. 346.

[29] די טאָוויאַניסטן זײַנען געווען אָרגאַניזירט אין גרופּעס פֿון זיבן.

וועלן זיך באַקערן צום קריסטנטום, האָט זיך געשטאַרקט. מיר ווייסן אויך ניט וויפֿל אמת עס שטעקט אין בערקאָוויטשעס באַריכט אויף אַן אַנדער פֿאַר־זאַמלונג (פּרײַטיק, דעם 21סטן יולי 1843), ווו ער דערציילט וועגן אַ משא־ומתּן מיט פּוילישע ייִדן, תּושבֿים אין פֿראַנקרײַך,[30] מסתּמא וועגן טאָוויאַניסטישע ענינים. מיר טרעפֿן זײַן נאָמען, ווי אויך ראַמס, אין אַ פּראָטעסט קעגן דעם פֿאַרראַט פֿון סוויאַטאָפּאָלק־מירסקין.[31] אָבער בערקאָוויטש האָט ניט געקענט ווערן קיין געזעצטער מענטש אַפֿילו אין דער ערנצטער געזעלשאַפֿט פֿון די טאָוויאַניסטן. נאָך אַ קורצער צײַט האָט ער אָנגעהויבן צוריקגיין אין זײַנע אַלטע דרכים: עס ציט דעם וואָלף צום וואַלד. שוין אין אויגוסט האָט גוט, טאָוויאַנסקיס שוואָגער, זיך באַקלאָגט פֿאַר גאָשטשינסקין אויפֿן „ברודער" בער־קאָוויטש:[32] „איך אַליין — גיט צו גאָשטשינסקי, — האָב עס געפֿילט שוין מיט אַ צײַט צוריק. ס'דאַכט זיך, אַז דער מקור פֿון שלעכטס אין אים איז זײַן אויסטערלישע לײַכטזיניקייט, מיט וועלכער ער גייט צו צו אַלץ".[33] ער איז מסתּמא צוגעצויגן געוואָרן צום טאָוויאַניזם איבער עקאָנאָמישע סיבות און איז ניט געווען דער אידעאַליסט ווי ראַם. ער האָט זיך געקריגט מיטן „ברודער" זאַם (Zam) וועגן געלט, וואָס ער האָט גענומען פֿונעם קרײַז, און דאָס איז זייער ניט געפֿעלן געוואָרן די „ברידער". לויט גאָשטשינסקין איז עס געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מען האָט געהערט וועגן אַ קריגערײַ איבער געלט־ענינים אין די קרײַזן פֿון דער אידעאַליסטישער עולם־הבא־אָרגאַניזאַציע. בײַ דער געלעגנ־הייט האָט גאָשטשינסקי אויסגעמוסרט און אָנגעזאָגט בערקאָוויטשן „ער זאָל אַרבעטן אויף זיך מער ערנצט ווי ביז איצט".[34]

אָבער בערקאָוויטש האָט געהאַלטן ווײַטער אין איין אַנטוישן די אַלע וואָס האָבן געלייגט אַזוי פֿיל האָפֿענונגען אויף אים. איבער זײַן ייִדישקייט אָדער אפֿשר פּשוט מחמת פּוילקייט האָט ער ניט געהאַלטן זײַן הבֿטחה צו דרשענען אין די פֿראַנצייזישע סינאַגאָגעס. די שטאַרקע האָפֿענונג וואָס מען האָט אויף אים געלייגט ווי אויף אַ מיסיאָנער פֿון טאָוויאַניזם צווישן ייִדן האָט זיך אויס־געלאָזט מיט גאָרנישט. דערצו האָט ער נאָך אָנגעהויבן האַנדלען מיט צלמימלעך... ער האָט זיך כּסדר געמאַכט ניט וויסן וועגן די שטענדיקע טענות פֿון זײַנע „ברידער" און האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון זייערע התראות. סוף־כּל־סוף זײַנען די אומפֿאַרשטענדענישן מיטן „קאָלאָ" (קרײַז פֿון „ברידער") געקומען צו אַזאַ

[30] Rap., 1105, I, p. 33.

[31] *Dziennik narodowy*, April 1, 1843, vol. 3, no. 105, p. 421.

אויך איבערגעדרוקט אין:
Adam Mickiewicz, *Dzieła wszystkie*, Warszawa, 1933, Vol. XI, p. 152 (מיט דעם איניציאַל "J").

אין דעם אינדעקס, ז' 527, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך פּיגאָנען איז ער אידענטיפֿי־צירט ווי יוזעף. — סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי האָט אָנגענומען די פּראַוואָסלאַוונע אמונה.

[32] Rap., 1104, IV, p. 74a.

[33] *Ibid.*, 1843 שבת, 12טן אויגוסט ("Z dziwną lekkością z jaką wszystko bierze").

[34] *Ibid.*, 1104, IV, 76a, 1843 שבת, דעם 19טן אויגוסט.

מדרגה, אַז נאָך אַ קריגעריַי מיט איינעם פֿון די „ברידער" מיטן נאָמען פּיל־כאָווסקי האָט יענער אים מזכּה געווען מיט אַרגומענטן „טאַקע פֿון עולם־הזה", ווי גאָשטשינסקי שריַיבט. מסתּמא מיינט ער דערמיט, אַז ער האָט אים אָנגע־בראָכן די ביינער. נאָך דעם איז ער געוואָרן אַ ביסל געזעצטער, אָבער ניט אויף אַ לאַנגער צײַט.[35]

אין משך פֿון די ווײַטערדיקע חדשים באַמערקן מיר ניט, אַז בערקאָוויטש זאָל ווערן אַ בעל־תּשובֿה. זײַן אויפֿפֿירונג האָט שטאַרק אָנגערירט די „ברידער", און אויף דער פֿאַרזאַמלונג, שבת, דעם 22סטן יאַנואַר 1844, האָט מען וועגן אים געפֿירט אַ לאַנגן וויכּוח. צום באַדויערן האָט גאָשטשינסקי גאָרניט אַריַינ־געגעבן וועגן דעם אין זײַנע מעמואַרן און איבערגעלאָזט דאָס זײַטל אונטער דער דאַטע ליידיק.[36] אויף דעם זעלבן פּלאַץ ווערט אַרויסגעזאָגט דער געדאַנק פֿון גאָשטשינסקין וועגן דעם ענין בערקאָוויטש, אַז די אַקציע בנוגע בערקאָ־וויטשן דאַרף דורכגעפֿירט ווערן מיט אַזאַ פֿעסטקייט ווי ס'וואָלט געווען די אַקציע פֿון דער גאַנצער טאָוויאַניסטן־פֿאַראייניקונג. אין זײַן עניגמאַטישער שפּראַך זאָגט ער אויך אַרויס די מיינונג, אַז אויף להבא „דאַרף מען אין אַזעלכע פֿאַלן האַנד־לען לויטן נײַעם טעסטאַמענט", וואָס האָט מסתּמא געמיינט, אַז מ'האָט גע־דאַרפֿט בערקאָוויטשן גלײַך אָפּשמדן.[37]

אַ ווײַטערדיק בלעטל אין גאָשטשינסקיס זכרונות שטעלט פֿעסט, אַז בער־קאָוויטש איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דעם „קרײַז" דורך „ברודער" זיגפֿרידן (אַ פּראָטעסטאַנט) צוליב „ערדישע און ניט צוליב ריין גײַסטיקע מאָטיוון". גאָש־טשינסקי גיט צו, אַז אַלע וואָס זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג צוליב אַזעלכע מאַטעריעלע מאָטיוון, זײַנען שפּעטער אַרויסגעטראָטן, אַזוי ווי למשל יוליוש סלאָוואַצקי. ער גיט אויך צו, אַז די אַלע ספּקדיקע ברידער זײַנען דורך אַ צופֿאַל אַרײַנגעטראָטן אין דעם זעלבן זיבעטל. מיר ברענגען דאָ כּמעט דעם גאַנצן טעקסט פֿון דעם זײַטל:[38]

אין דעם פֿאַל בערקאָוויטש גיט אונדז די געשיכטע פֿון דעם קרײַז אַן אומפֿאַרגלײַכלעכן מוסר־השׂכּל. צווישן אַנדערע זאַכן זעען מיר, אַז עס טויג צו גאָרניט צוצוציִען צו אונדזער ענין אויף מאַטעריעלע אופֿנים, צוליב ערדישע מאָטיוון און חשבונות און נישט דורך דעם גײַסט פֿון דער זאַך, נישט דורך דער קראַפֿט פֿון דעם גײַסט פֿון דער זאַך.

כּמעט יעדערער פֿון די ברידער וואָס זײַנען דורכגעפֿאַלן איז געווען צוגעצויגן אויף דעם דאָזיקן אופֿן, למשל יוליוש [סלאָוואַצקי], בפֿרט בער־קאָוויטש; יעדערער פֿון די דאָזיקע ברידער האָט זיך געפֿונען דורך דעם גורל אין דעם זעלבן זיבעטל מיט דעם וואָס האָט אים אַרײַנגעבראַכט, סלאָוואַצקי מיט נאַביעליאַקן, בערקאָוויטש מיט זיגפֿרידן, ווי צו באַשטע־טיקן גאָטס געבאָט, אַז איינער זאָל אָפּהיטן דעם צווייטן.

דער פֿאַל בערקאָוויטש איז אויך וויכטיק אין דעם פּרט, וואָס ער

[35] *Ibid.*, p. 84b, 12טן סעפּטעמבער 1843.

[36] *Ibid.*, 1104, IV, 182a.

[37] *Ibid.*, 1826.

[38] *Ibid.*, 1093, 18טן יאַנואַר 1844.

באַשטעטיקט אַדאַמס [מיצקעוויטש] ווערטער, וועלכער האָט פֿאָרויסגעזאָגט שרעקלעכע נסיונות כּדי צו פֿאַרשטאַרקן דעם גלויבן. צי איז ניט אַן ענלעכע האַנדלונג פֿון אַן אַנדערן ברודער, פּונקט ווי בערקאָוויטשעס האַנדלונג, אַ שרעקלעכער נסיון פֿאַר אַדאַמען? זעט מען דען ניט באַשײַמפּערלעך, אַז דאָס איז געווען דעם שׂטנס כּוונה, כּדי לכל הפּחות אויפֿצוטרייסלען זײַן גלויבן אין די ברידער...

...מיר אַלע וועלן אפֿשר געפּרוּווט ווערן מיט די זעלבע נסיונות. לאָמיר זײַן צוגעגרייט, נאָר לאָמיר זיך ניט לאָזן אַרײַנכאַפּן.

לויט דעם טראַדיציאָנעלן צוגאַנג פֿון די פּוילישע היסטאָריקערס האָט סלאָוואַצקי פֿאַרלאָזן דעם קרײַז צוליב דעם וואָס ער האָט ניט געוואָלט זיך צופּאַסן צו זײַן דיסציפּלין און אַרט לעבן, למשל ווידויים פֿאַר דעם „מײַסטער" אָדער זײַן ממלא־מקום מיצקעוויטש. די ברידער האָבן פֿון סלאָוואַצקין פֿאַרלאַנגט אַ שריפֿטלעכן ענטפֿער אויף אַ ריי פֿראַגעס. נאָך פֿאַר דעם אָפֿיציעלן פֿאַרלאַנג איז ער אַרויסגעטראָטן פֿונעם קרײַז, אָבער ער האָט ניט אויפֿגעגעבן אין גאַנצן זײַן גלויבן אין טאָוויאַניזם.[39] אַזוי־ערנאָך איז לײַכט צו דערקלערן בערקאָוויטשעס ירידה. אָדער ער האָט ניט געוואָלט זיך צופּאַסן צו דער מיסטישער פּערזענלעכער דיסציפּלין, אָדער ער האָט „צו פֿיל" דערציילט אין זײַנע ווידויים און האָט אַזוי שאָקירט דעם קרײַז, אַז מען האָט עס באַצייכנט ווי אַ ירידה. עס דאַכט זיך אַז אַ מענטש פֿון בערקאָוויטשעס טיפּ האָט ניט געקענט האָבן קיין פּאָליטישע מיינונג־פֿאַרשיידנקייטן, ווי למשל וועגן דער שטעלונג צו רוסלאַנד, אַ פֿראַגע וואָס האָט שטאַרק אַנטאַגאָניזירט די עמיגראַנטן קעגן די טאָוויאַניסטן און וואָס איז מיגלעך אויך געווען אַ סיבה פֿון סלאָוואַצקיס אַרויסטריט.[40]

אין די ווײַטערדיקע צוויי יאָר — 1844 און 1845 — געפֿינען מיר נאָך אַן אָנווײַז אויף בערקאָוויטשן ווי אויף אַ טאָוויאַניסט. זײַן נאָמען איז אין דער רשימה טאָוויאַניסטן, געדרוקט אין דער עמיגראַנטישער פּעריאָדישער אויסגאַבע *Teraźniejszość i Przyszłość*.[41] צום באַדויערן האָב איך ניט די גענויע דאַטע פֿון דער רשימה. עס איז גאַנץ מיגלעך, אַז ער איז צײַטווײַליק אַרויסגעטראָטן פֿון דער „קאָלאָ", ווײַל זײַן נאָמען געפֿינט זיך ניט אין דער רשימה פֿון דעם פֿערטן זיבעטל, דעם 22סטן נאָוועמבער 1845.[42] עס איז אָבער אויך מיגלעך, אַז ער איז ניט אַרויסגעטראָטן, און זײַן נאָמען געפֿינט זיך ניט אין דער רשימה בלויז איבער דעם וואָס ער איז צײַטווײַליק אַוועקגעפֿאָרן קיין ענגלאַנד, מסתּמא אויף אַ באַזוך צו זײַן זון לעאָן. מיר געפֿינען זײַן נאָמען, אין איינעם מיט לעאָנס, אין אַ רשימה פֿון אַרויסגעטראָטענע מיטגלידער פֿון דער „זיעדנאָטשעניע".[43] ווי עס לאָזט זיך פֿאַרשטיין, האָט בערקאָוויטש ניט געפֿירט קיין

---

[39] *Listy Juliusza Słowackiego,* 1915, p. 251.

צוגעגרייט צום דרוק דורך מאַנפֿרעד קרידל.

[40] פֿ״גל דעם ציטאַט פֿון בודזשינסקיס זכרונות אין:

Boy-Żeleński, *Bronzownicy,* Warszawa, 1930, p. 17.

[41] Rap., 1844, I, 179.

[42] *Ibid.,* 1105, V, p. 30.

[43] *Wywód słowny,* 1845, p. 550.

טאָוויאַניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן ייִדן אין ענגלאַנד, ווײַל אין קיין שום מקורים פֿון דער ענגליש־ייִדישער געשיכטע און פּרעסע געפֿינט זיך נישט אָן אָנווײַזונג וועגן טאָוויאַניזם אין ענגלאַנד. ס'איז אָבער מיגלעך, אַז די מיס־יאָנערישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט יאָ אַזעלכע ידיעות. נאָך זײַן צוריקקומען קיין פּאַריז אין 1846 איז בערקאָוויטש צוריק אַרײַנגעטראָטן אין דער טאָוויאַניס־טישער אָרגאַניזאַציע און צוזאַמען מיט נאָך אַ ייִד, וואַליש, געווען אַ מיטגליד פֿון דעם פּערטן זיבעטל.[44]

פֿון דעמאָלט אָן הערן מיר שוין גאָרניט וועגן בערקאָוויטשן ביז צו זײַן טויט. ער האָט פֿאַרלאָזן פֿראַנקרײַך נאָך אַ מאָל אין 1846—1847 און געשטאָרבן דעם 8טן דעצעמבער 1847 אין ליווערפּול, לויט אַ נאָטיץ אין דער פּרעסע.[45] די דאַטע ווערט אויך געבראַכט בײַ באַרטקאָווסקין אין זײַן רשימה פֿון געשטאָרבענע עמיגראַנטן.[46] די ידיעה וועגן זײַן טויט איז פֿאַראַן אויך אין טשינסקיס *La Reveil d'Israel* וואָס איז אַרויס זינט 1847.[47] דער פֿאַלשער תּיקון־טעות וואָס לונינסקי[48] ברענגט אין זײַן דערקלערונג, לויט דעם שער־בלאַט פֿון בער־קאָוויטשעס בוך, אַז ער איז געשטאָרבן אין 1846, נעמט זיך פֿון דעם וואָס לו־נינסקי האָט אויסגעטײַטשט די ווערטער "late Lieut. Colonel" — אַ געשטאָרבע־נער. אין דעם דאָזיקן פֿאַל באַטײַט עס ניט אַז בערקאָוויטש איז געווען טויט, ווען דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרן; דאָס מיינט נאָר, אַז ער איז אַ מאָל געווען לייטענאַנט־פּולקאָייניק. דער טעות ווערט איבערגעחזרט אין אַלע אַרטיקלען וועגן בערקאָוויטשן. די סיבה פֿון זײַן טויט איז אויך ניט אין גאַנצן אויפֿגעקלערט. זײַן זון לעאָנס בקשה צו פּאַסקעוויטשן נאָך אַ דערלויבעניש צוריקצופֿאָרן קיין פּוילן דערציילט אַז יוזעף איז געהרגעט געוואָרן אין ליווערפּול אין דעצעמבער 1847.[49] דער *Dziennik narodowy* גיט אָן די סיבה פֿון זײַן טויט — אַפּאָפּ־לעקציע.[50]

---

[44] Rap., MS. 1093 (אָן אַ דאַטע).

[45] *Dziennik narodowy*, Vol. 7, No. 351, Jan. 1, 1848.

[46] ציטירט אין לונינסקי, דצ"וו, ז' 101.

[47] דאָרטן, ז' 122.

[48] דאָרטן, ז' 2. רעזומירט פֿון *Orzeł biały*.

[49] Archiwum akt dawnych, Archiwum namiestnika (Warszawa), Vol. I, 17119, Sprawa Leona Berkowicza.

בריוו דאַטירט: לאָנדאָן, 2טן אַפּריל 1850. ער שרײַבט:

"Ojciec został zabity w Liverpool."

[50] זען הערה 45.

אַ נײַס אין דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע

וועגן דעם אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך *

פֿון חיים גינינגער

מעלות תּוכיקע און טעכנישע

דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך האָט גענוג מעלות, אי תּוכיקע אי טעכנישע. איך וועל אויסרעכענען עטלעכע.

דאָס כּמות. אַזוי פֿיל שפּראַכיקן מאַטעריאַל אויף איין פּלאַץ האָט זיך די ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע נאָך קיין מאָל נישט פֿאַרגונען. טאַקע שפּראַכיקן מאַטעריאַל בכּלל — נישט ווערטער בלויז. דער אוצר איז נישט אויסן נאָר ווערטער, ער איז נישט אַ האָר ווינציקער אויסן די גאַנצע אידיאָמאַטישע און גראַמאַטישע פֿראַזעאָלאָגיע. דאָס איז אַן עיקר־זאַך. מיר האָבן דאָ אַ פֿרישן פּרוּוו גובֿר צו זײַן אַן אַלטע צרה אין דער לעקסיקאָגראַפֿיע; די צרה איז, וואָס ס׳איז נאָך אַלץ נישט פֿאַראַן קיין סדר־סיסטעם, זי זאָל פּאַסטן פֿאַרן וואָרט און פֿאַרן אידיאָמאַטישן זאָג אַלץ איינס, און עס זאָל טאַקע זײַן אַ סיסטעם וואָס ווײַזט אָן דעם פּרט אַ פּלאַץ אין אַ כּלל, און נישט נאָר אַ סדר־טעכניק, ווי ס׳איז דער אַלף־בית־סדר. סטוטשקאָווס אָנשפּאַר איז דער באַוווּסטער פּיטער ראָזשעס וואָס האָט זיך מיט קײַלעכדיקע הונדערט יאָר צוריק אַרײַנגעריסן אין דער מסורה פֿונעם סדר־שטייגער אין דער לעקסיקאָגראַפֿיע און געוויזן פּראַקטיש, אַז מע קען אויך סדרן אַנדערש און לטובֿת אַלע פּרטים פֿונעם לשון. ווײַט האַלט מען אין דער לינגוויסטיק מיט די סכעמעס טאַקע נאָך נישט; לעת־עתּה זענען זיי נישט מער ווי מרידה־פּלעצער אַקעגן דער העגעמאָניע פֿונעם וואָרט אין דער לעקסיקאָגראַפֿיע, — אָבער דאָס מיינט דאָך שוין: אַ מקום־מיקלט פֿאַר דער גאַנצער פֿראַזעאָלאָגיע. און אָט האָבן מיר זי אין ייִדיש לעקסיקאָגראַפֿיש אויסגעסדרט אין איינעם מיטן ווערטער־אוצר.

אַ צווייטע מעלה פֿונעם אוצר איז זײַן נאָרמאַטיווער אײַנשטעל. נאָרמירונג איז אין ייִדיש נישט קיין דערטראַכטער ענין. לפֿי דעתּי נעמט זיך עס דערפֿון, וואָס אין הילכות נאָרמירונג לאָזט זיך נישט גרינג טאָן ככל הגויים. אַזוי אין דער הבֿרה; אַזוי אין אויסלייג; אַזוי אין ווערטער־אוצר; אאַז״וו. אָבער אַ חוק האָט דאָך איטלעכס לשון! אין די טיפֿענישן פֿון די פֿאַרשידענע צווײַגן

---

* נחום סטוטשקאָוו, דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך, אונטער דער רעדאַקציע פֿון מאַקס ווײַנרײַך, ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ [1950], LVI + 933 זז׳.

רוחניותדיק לעבן האָבן ייִדן אויסגעפֿורעמט אַ שפּראַכיקן קאַנאַן וואָס שטייט אויף אַן אייגענעם אופֿן איבער אונדזערע געגנט־ און העק־לשונות, און נאָר זײַן שליטה אויף זיי קען רעגולירן זייער קולטורעלן באַנוץ. אַן דעם איז היימישע קאָמוניקאַציע. זי איז טאַקע דער ערשטער יסוד פֿונעם לשון. אָבער דער ערשטער יסוד איז נישט דער אמתער יסוד. קאָמוניקאַציע דאַרף זײַן לויט איר מהות וואָס ראַציאָנאַלער פֿאַר דער פּראַקטיק, און דערויף איז פֿאַראַן עפּעס שטאַרקערס איידער ייִדיש־לשון. בײַ אונדז איז דער קולטור־יסוד פֿונעם לשון אויך זײַן קיום־יסוד. און דערצו פֿאָדערט זיך הדרכה. דער אוצר וויל אונדז געבן אַזאַ הדרכה. ער וויל אונדז נישט נאָר געבן אַ וואָרט, אַ זאָג וואָס זאָלן אונדז טויגן, נאָר כּסדר אויך אַ ווונק צו נוצן זיי אין הסכּם מיט די דרכים אין אונדזער לשון.

דאָס וויל מען אויך דערגיין אין אַ ווערטערבוך. דאָס האָבן געזוכט אין ווערטערביכער די גרעסטע וואָרטמײַסטערס (געטע, רילקע, וויקטאָר הוגאָ). בײַ אונדז ווייס איך עס פֿון אליעזר שטיינבאַרגן. „איך בין דאָך נישט מחויבֿ אַליין צו מאַכן פֿאָרשונגען, פֿלעגט ער טענהן, אויף צו וויסן ווי ווײַט מײַנע היימישע ווערטער ווערן פֿאַרשטאַנען פֿון ייִדישע מענטשן!“ פֿלעגט ער זיך אַרומטראָגן כּסדר מיט ווערטער־רשימות, פֿלעגט אַ סך אַרײַנקוקן אין לשון־קודש־ווערטערביכער און האָט אַלע מאָל ליב געהאַט אַ קוק צו טאָן, וואָס זאָגט בירנבוימס גראַמאַטיק. פֿון מענדעלען מיט שלום־עליכמען ווייסט מען שוין הײַנט, אַז בײַם איבערדרוקן זייערע זאַכן פֿלעגן זיי בײַטן ווערטער — אויך כּדי בעסער יוצא צו זײַן אַקעגן די חוקים פֿון אונדזער כּלל־לשון. איצט טוט זיך דאָס אַלץ מער אָפּ פֿון אונדז. פֿאַראַן — שוין אין גוטן מעמד — אַ גרייטער פּיזמון פֿאַר אַ סמך: „אַזוי האָט מען געזאָגט בײַ אונדז; אַזוי פֿלעגט זאָגן מײַן מאַמע“. ערשטנס: צי איז דאָס טאַקע אַזוי, אַז איטלעכער קען פּינקטלעך כאַפּן, וואָס די מאַמע האָט געזאָגט? ס׳איז דאַכט זיך נייטיק היפּש געניטשאַפּט דערצו. נו, און דער מאַמעס לשון גופֿא איז שוין דאָס גאַנצע לשון? ניין. וועגן ווערטער דאַרף מען אַרײַנקוקן אין אַ ווערטערבוך.

אין גוטן שטייגער זענען ווערטערביכער פֿאַראַן פֿאַרשידענע: אי ספּעציעלע, אי דיאַלעקטישע, אי כּוללדיקע, אַ מאָל יאָ און אַ מאָל נישט מיט אָנווײַזן, וואָס עס איז אַרויס פֿונעם באַנוץ אָדער וואָס עס האָט אַ זײַטיקן באַנוץ. אמת איז, נאָרמאַטיווע ווערטערביכער זענען אַ ביסל אַרויס פֿון דער מאָדע אויף דער וועלט; מע האַלט הײַנט מער, אַז שפּראַכיקער גזר איז לאָוו דווקא און אַז שפּראַכיקע נאָרמע פֿורעמט זיך פֿון זיך אין הסכּם מיט דעם וואָס עס פֿאָדערן סבֿיבֿה, צײַט און אָביעקט. דערמיט ווערט נאָרמע נישט אויס נאָרמע — וואָס דאַרף מיט אַ קולטורעלער סטאַביליזאַציע אין דער ווערטער־ירושה מאַכן מסוגל צום וואָרטאַקט פֿאַר פֿאַרבאָרגענע נײַסן. ביז מיר וועלן אָט דעם נאָרמאַטיוון צוגאַנג צו אונדזער לשון נישט פּועלן בײַם ייִדישן מענטש מיט קולטורעלע השׂגות, וועט ער זיי נישט מקיים זײַן אויף אַ ייִדישן שטייגער. אָן אַ סיסטעמאַטישער השגחה מצד דער קולטור־ירושה פֿונעם לשון מוז אַ לשון

דערגיין צו אָפּהענטיקייט. לאָמיר האָפֿן, אַז דעם אוצר האָט זיך אײַנגעגעבן „אַרײַנצופֿירן אין דעם ווערק די וויטאַלע קראַפֿט פֿון ייִוואָ" (ז' XI) און אַז דער ייִוואָ־כּוח וועט באַווײַזן דעם נס אויסצוּוואַקסן בײַ איטלעכער פּען וואָס וויל זײַן ייִדיש אויף דער הייך פֿון זײַנע דערגרייכונגען און וועט זי העלפֿן אײַנטונקען אין דער קולטור־ירושה פֿון אונדזער וואָרט.

אַ באַזונדערע מעלה זע איך אין דעם וואָס דער אוצר האָט אַזוי פֿיל פּלאַץ אַוועקגעגעבן פֿאַר די טערמינאָלאָגיעס פֿון פּראָפֿעסיעס און וויסנשאַפֿטן. אין אַ קולטור־לשון שטייט אַזאַ ענין אויבן אָן. עס דאַרף דאָך זײַן מסוגל צו די דעליקאַטסטע געדאַנקען אין אַלע ווינקעלעך פֿון ספּעציאַליזאַציע. איך בין נאָר כּלל נישט זיכער, צי ייִדיש קען שוין בײַ הײַנטיקן טאָג פֿאַרדייען אַ טערמי־נאָלאָגיע נאָר אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן יסוד. דער ענין פֿאָדערט נאָך אַ שיקול־הדעת.

פֿאַר אַ באַזונדערער מעלה דאַרף מען אויך פֿאַררעכענען דעם פֿאַקט, וואָס מיטן אוצר באַקומט די ייִדישע וועלט דעם ייִוואָ־אויסלייג אויף אַ ממשותדיקן שטייגער. איטלעכער וואָס וועט האָבן ספֿקות בײַם אויסלייגן וועט נישט דאַרפֿן מער לערנען קיין פּשט פֿון די טעאָרעטישע תּקנות, נאָר וועט אויפֿמישן דעם אוצר און באַלד זײַן קלאָר אין אַלדינג. און אפֿשר וועט אויף דעם אופֿן שוין אַ מאָל מקוים ווערן דער עלעמענטאַרסטער כּלל פֿון אַ ציבור־לעבן מיט אַ קולטור־לשון: איין אופֿן שרײַבן עס.

דאָס זענען מער בולטע מעלות פֿונעם אוצר. וועגן אַנדערע קומט צו רייד תּוך כּדי דיבור. איין מעלה דאַרף מען אָבער נאָך פֿאַרצייכענען דאָ, הגם זי איז נאָר בניסתּר דעם אוצרס, בניגלה איז זי דעם בעל־האוצרס: דאָס ליב־שאַפֿט צו מאַמע־לשון וואָס שפּירט זיך אין איטלעכס פּיצעלע פֿון דעם שיינעם גרויסן ספֿר. דאָס מסירת־נפֿש, מיט וועלכן דער אוצר איז געבויט און אַרויס־געגעבן געוואָרן, זענען נאָך אַ ראַיה דערויף. דער מחבר האָט זיך פֿאַרדינט דערפֿאַר דעם גאַנצן יישר־כּוח פֿון אַלע פֿרײַנד פֿון מאַמע־לשון.

איצט וועלן מיר זיך אַ ביסל נעענטער צוקוקן צו דער סטרוקטור און צום חומר פֿונעם אוצר.

פּריִערדיקע פּרוּוון

אַז איר עפֿנט אויף דעם „אַרײַנפֿירנדיקן טייל" פֿונעם אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך און איר זוכט אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר אַזאַ סטרוקטורעל נײַס אין דער לעקסיקאָגראַפֿיע, מוזט איר האָבן פּחי־נפֿש. די עטלעכע שורות אויף ז' XXII דאַרפֿן טאַקע זײַן גענוג זויף קלאָר צו מאַכן דעם שורש און דעם אויסוואַקס פֿון דעם ענין „אוצר" אין דער לעקסיקאָגראַפֿיע? אויב דער ענין קען נישט אַהער, האָט מען זיך געדאַרפֿט באַגיין אָן די פּאָר ווערטער אויך. אַזוי קומט אויס, אַז דער ענין איז נאָך זייער אָרעם, בעת אין דער אמתן איז שוין פֿאַראַן אַ היפּשע ליטעראַטור וועגן פּרינציפּיעלע זאַכן און גענוג פֿאַר־

שידענע פּרוּוון זיי צו רעאַליזירן. אַפֿילו בײַ אונדז [1] איז דער ענין פֿאַרביקער. מ׳האָט נאָר געדאַרפֿט אַ סך מער זוכן ווי מ׳האָט געזוכט.

וואָלט דער מחבר געווען אַ פֿרעג געטאָן, אַ שטייגער, דעם חריפֿותדיקן ביבליאָגראַף חיים ליבערמאַן, וואָלט ער דאָך געווען געהאַט די שיינע סאַטיספֿאַקציע, אַז אַפֿילו מיר אין ייִדיש־לשון זענען, ווי אין אַנדערע צווײַגן פֿון דער לינגוויסטיק, אויך אין דער צווײַג נישט געשטאַנען אין גאַנצן מן הצד און האָבן שוין דאָס פֿאַרגאַנגענע יאָרהונדערט געמאַכט אַ פּרוּוו צו גיין דעם וועג פֿון אַ טעזאַורוס. און הגם דער פּרוּוו איז אַרויסגעקומען נאָך זייער נעבעכדיק און האָט אין זינען נאָר די פֿראַזעאָלאָגיע, נאָר ס׳איז אַן ערנצטע זאַך: די סכעמאַטיזאַציע האָט אַ יסוד און דאָס לשון איז אַ געקליבנס. ס׳איז פֿון דעם ספּעציפֿישן טיפּ לעקסיקאַלישע ייִדיש־לשון־קודשע האַנטביכלעך, וואָס געסדרט זענען זיי לויט ייִדיש, אָבער אויסן זענען זיי לשון־קודש. מעג שוין דער נאָמען זײַן ערך משפטי שפת העבר. עס איז כּולל 37 „גרופּעס לויט באַגריפֿן". אַרויס אין באַרדיטשעוו 1899. דער מחבר איז מ.־פּ. טוטשינסקי, „מחבר אוצר השרשים ולוח שפת עברית". [2] אויך שמעון שפּיגעל האָט זיך פֿאַרדינט, מע זאָל אים דערמאָנען לשבֿח. ער האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס פֿאַר די סיסטעמאַטישע געננג פֿון ייִדיש־לשון און יאָרן זיך אײַנגעקוקט אין זיי. „דער ייִדישער וואָרט־אוצר" אין זאַמלבוך בײַ אונדז ייִדן, וואַרשע תּרפּ״ג, זז׳ 177—185, איז אַ שוואַכער פּרוּוו אַרײַנצוברענגען ראָזשען אין ייִדיש, אָבער דער ערשטער, און קיין שפּילכל איז עס נישט; אַ מענטש מיט אַ גוטן חוש פֿאַר לשון איז דאָ אַ קרבן פֿונעם משועבד זײַן צו אַ פֿרעמדן מוסטער; אַ סימן, אַ צווייטע דוגמא פֿון דער זעלבער אַרבעט (לויט זלמן רייזענען), „דער בריה און דער לא־יוצלח אין דער ייִדישער שפּראַך" (אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל דער חודש, וואַרשע, מאַרץ 1921, זז׳ 142—144), איז שוין גאָר געראָטן. אַלע סיסטעמאַטישע זאַמלונגען פֿון ייִדישער שפּראַך האָט מען דאָ געדאַרפֿט קריטיש דורכנעמען — אַלע זענען זיי עטאַפּן אויפֿן וועג צו אַ סיסטעמאַטישן באַנעם פֿונעם ייִדישן שפּראַך־בנין.

די „קלאַסיפֿיציר־סיסטעם"

מיט דער סטרוקטור איז אַ צרה. די לעקסיקאָגראַפֿיע פֿאַרנעמט זיך ביז־לעכווײַז אויף אַ סיסטעמאַטישן דרך. איר האָפֿענונג איז צו ווערן אַ דיסציפּ־לין פֿאַר זיך. אײַ סיסטעמען האָבן אויך גרענעצן אין זייערע מעגלעכקייטן צו אַנטפּלעקן די פֿאַקטן? דאַרף מען דאָס מערנישט כּסדר האָבן אין זינען און אַלע מאָל זײַן גרייט, ווי נאָר עפּעס, צו בײַטן די סיסטעם אָדער זי מתקן צו זײַן. קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ. דער אַלף־בית־וועג פֿון די ווערטערביכער איז אַ פֿאַרגליווערטער כאַאָס וואָס דערלאָזט נישט גוט צו די פֿאַקטן. אָבער דער סיסטעמאַטישער דרך אין דער לעקסיקאָגראַפֿיע איז נאָך אין די וויקעלעך. מע קען דאָס גוט זען אויף אַזאַ פּרט. נעמט אַלכּסנדר האַרקאַווי׳ס לעצטן (און בעסטן) ווערטערבוך, דעם ייִדיש־ענגליש־העברעיִשן פֿון 1928/1925, און פֿאַר־

---

[1] מ׳האָט געמעגט אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך בנוגע די זאַכן אין דער העברעיִשער לעקסיקאָגראַפֿיע, איינע פֿון די עלטסטע און רײַכסטע. אינטערעסאַנט, אַז צום סוף פֿון געוויסע לעקסיקאַלישע אַרטיקלען האָט אויך בן־יהודה אין זײַן מלון הלשון העברית גרופּירט שייכדיקע ווערטער, הגם ער האָט ספּעציעל געוואָלט א״ב־סדר. זען זײַן המבוא הגדול, תּל־אָבֿיבֿ [1948], ז׳ 29 א״וו.

[2] חיים ליבערמאַן האַלט טוטשינסקין פֿאַר הײַנו הך מיט מבי״ט, דעם מחבר פֿון ספר אוצר השרשים, באַרדיטשעוו, 1895, דרך אַגבֿ אַ ספֿר וואָס דאַרף אָנגיין אויך די ייִדישע לעקסי־קאָגראַפֿיע.

גלײַכט אים מיט די שייכדיקע ווערטער אינעם אוצר. איך קוק אַוועק פֿון דעם וואָס עס איז דורכגעלאָזט געוואָרן; מיך אינטערעסירט איצט, וואָס איז געוואָרן אין אוצר מיט די פֿאַרשידענע טײַטשן פֿון די ווערטער וואָס זענען יאָ אַרײַן אין אים. ווײַסן מיר דאָך: פֿאַרשידענע טײַטשן מאַכן פֿון אַ וואָרט פֿאַרשידענע ווערטער, און זיי זענען צעטיילט אין פֿאַרשידענע „גרופּעס לויט באַגריפֿן", ווו זיי „טוליען זיך איינס צום אַנדערן און העלפֿן איינס דאָס אַנדערע" (ז' XXII).

„משרת" האָט בײַ האַרקאַווין צוויי טײַטשן (..servant און merchant's clerk), **וועט איר** אין אוצר דאָס וואָרט געפֿינען אי אין דער גרופּע 468. באַדינונג, אי אין דער גרופּע 485. האַנדלספּלאַץ, הענדלער. מערגישט וואָס אין „זוכצעטל" ווערט צו דער צווייטער גרופּע נישט אָפּגעשיקט. אויב אָבער נישט ווען אַלע טײַטשן ווערט אין זוכצעטל אָפּגעשיקט צו די שייכדיקע גרופּעס און איר אַליין געפֿינט זיי אויך נישט, וואָס איז דעמאָלט? דעמאָלט וואַקסט פֿאַר אונדז אויס אַ פּראָבלעם וואָס רירט אָן דעם יסוד פֿון דער לעקסיקאָגראַפֿישער סיסטעם. גיט אַ שטייגער אַ קוק אין זוכצעטל בײַ די ווערטער א) געשלידער, ב) צרה, ג) בלאָטע, ד) רוח, זעט איר, אַז זיי ווערן אָפּגעשיקט צו די גרופּעס: א) — 522. באַקליידונג; ב) — 498. שלעכטער מצבֿ, 96 אומדערפֿאָלג, אָנווער, מפּלה, 443. שוועריקייט; ג) — 427. רפֿואה[?], 416. אומריינקייט; ד) — 6 ,(. אָקולטיזם. ״י דאָזיקע ווערטער האָבן דאָך אָבער אַנדערע טײַטשן אויך. וועט איר זיי טאַקע געפֿינען אויך אין די גרופּעס: א) — 173. פֿערד־און־וואָגן; ב) — 438. אומפֿעיִקייט; ג) — 414. אומוויכטיקייט; ד) — 608. שאול תּחתּיה („אַ הונט האָט מורא פֿאַר אַ שטעקן און אַ רוח פֿאַר ציצית") — הגם אין זוכצעטל ווערט איר צו זיי שוין נישט אָפּגעשיקט; אויך נישט בײַם סוף פֿון די אָנגעוויזענע גרופּעס. אַנדערע ווערטער מיט עטלעכע טײַטשן („ברוך־השם") קענט איר נישט קאָנטראָלירן, מחמת זיי זענען אין גאַנצן נישטאָ אין זוכצעטל.

דאָס אַלץ איז טעותן פֿונעם זוכצעטל און דאָס טאָר נישט אָפּשוואַכן אונדזער ראיה אויף אַן עיקר.

איצט נעמט דאָס וואָרט „נאַכטלעגער". האַרקאַווי גיט צוויי טײַטשן: 'א) משכּבֿ הלילה; ב) מקום ללון'. נאָר פֿאַר די צוויי טײַטשן האָט דער אוצר לכתּחילה נישט קיין באַזונדערע צוויי גרופּעס, ווערן זיי דערטרונקען און אָפּגעמעקט אין איינער. דאָ קענען דאָך נישט העלפֿן אונטערדיפֿערענצירונגען אין דער גרופּע ווי בײַ „בושת־פּנים" מיט די טײַטשן 'א) ביישן' און 'ב) בושה' (וואָס פֿעלט אַגבֿ אין אוצר). אַזוי איז מיט „בר־מינן" 'א) מת, ניפֿטר, ב) גווית־המת' וואָס מוז מיטביידע טײַטשן שטיין אין דער גרופּע 243. טויט, מת. אַזוי איז מיט „גרובֿ" 'א) בור, גבֿ, ב) קבֿר' — אין דער גרופּע 160. אויסגעהוילטקייט. דאָס איז שוין נישט קיין טעותן. מיר זענען דאָ בײַ אַ פּגם אין דער סיסטעם. די נעץ איז נישט גענוג געדיכט אויף אַרײַנצוכאַפּן אַלע פּרטים פֿונעם לשון.

און צוריק גערעדט: וואָס הייסט אַ פּרט בנוגע דער טײַטש פֿון אַ וואָרט, צי פֿון אַן אידיאָם? מיר מעגן לכתּחילה זיכער זײַן, אַז אַנדערע פּרטים וועלן זיך באַקומען, אויב מיר וועלן צוגיין צו אונדזער לשון מיט אונדזער אייגן שפּראַכגעפֿיל און אַנדערע — אויב מיר וועלן צוגיין מיט דער סכעמע פֿון אַ פֿרעמד לשון. „משרת" האָט פֿאַר אונדז אין ייִדיש־לשון נישט די צוויי טײַטשן וואָס האַרקאַווי געפֿינט אויס אין אים פֿאַרן ענגלישן לשון. און אויב עס וועט זיי אָנהייבן צו האָבן, וועט זײַן אַ סימן, אַז ס'האָט זיך אײַנגעגעבן אַ פּרט פֿון אַנגליזירונג. איך לאָז זיך איצט נישט אַרײַן אין דעם, צי ס'איז גוט צי נישט. אונדז דאַרף דאָ אינטערעסירן די מסקנא וואָס ווינקט אפֿשר אַפֿיר: טאָמער איז לאַוו דווקא צו פֿאַרצייכענען אין אַזעלכע סיסטעמאַטישע ווערטערביכער די טײַטשן וואָס פֿרעמדע לשונות טײַטשן אַרײַן אָדער אַרויס אין אונדזער לשון. אין אַזאַ פֿאַל וועלן מײַנע תּרעומות צום אוצר וועגן די אָנגערופֿענע שוואַכקייטן ווערן בטל.

נאָר דאָס הייסט נישט, אַז די הסברה וועגן דער „קלאַסיפֿיקאַציע לויט באַגריפֿן" אויף ז׳ XXII האָט אַ יסוד אונטער זיך. קיין לינגוויסטישן זיכער נישט. מע זאָל זוכן „לויטן באַטײַט אָדער לויט די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן. לויטן באַטײַט: ׳באַנק׳ איז אַ שטיק מעבל, אויף וועלכן מען זיצט.... לויט כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן: אַ ׳מעסער׳ איז שאַרף...." „דאָס זעלביקע וואָרט [ווערט פֿאַרפֿינקטלעכט אויף ז׳ XXIII] קען לויט זײַן ערשטיקן באַטײַט געהערן צו איין גרופּע,.... לויט זײַנע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן צו אַ דריטער גרופּע...." אָבער די „כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿט" שאַרף איז נישט נוגע דאָס וואָרט ׳מעסער׳, נאָר דאָס מעסער ממש, — נישט דאָס וואָרט נאָר די זאַך. ס׳איז אַ שיין שטיקל חילוק. כּדי צו רעדן פֿון אַ זאַך און נישט פֿון דעם וואָרט וואָס באַצייכנט די זאַך, אויף דעם האָט די שפּראַך מיטלען (סטרוקטורעלע מיטלען): דעם אַרטיקל, אַ שטייגער. דער אַרטיקל רײַסט אָפּ אונדזער געדאַנק פֿונעם וואָרט און פֿאַרבינדט אים מיט דער זאַך. דאָס וואָס ס׳האָט געטאָן דער אוצר תּוך כּדי דיבור: וועלנדיק פֿאַרבינדן די „כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿט" שאַרף מיט דער זאַך, האָט ער געניצט דעם אַרטיקל אַ: אַ מעסער איז שאַרף. אָן אַ וואָלט מעסער געווען אַ וואָרט, און דאָס דאָזיקע וואָרט האָט, אמת, „כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן", אָבער נישט — שאַרף אויף צו שנײַדן. פֿאַרבײַטן דעם אָביעקט בעתן דעפֿינירן איז אַן עלעמענטאַרער חטא אַקעגן דער לאָגיק. דאָס וואָס ס׳איז פֿאַראַן אַלפֿאַבעטיש געסדרטע ביכער וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט זאַכן און זייערע „כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן" (ענציקלאָפּעדיעס אאַז״וו) טאָר אונדז נישט פֿאַרפֿירן; איר זוכט אין זיי טאַקע אונטער עפּעס אַ זוכוואָרט, אָבער וואָס איר געפֿינט איז אַ באַשרײַבונג פֿון אַ זאַך און נישט אַ פֿאַרטײַטשונג אָדער אַן אויסטײַטשונג פֿון אַ וואָרט. בין איך אין אַ ספֿק, צי ראָזשעס גאַנג אָן תּיקונים קען הייסן „קלאַסיפֿיקאַציע לויט באַגריפֿן". זיכער איז דאָס ניט קיין „קלאַסיפֿיציר־סיסטעם".

מע קען ענטפֿערן: פּראַקטיק. דאַרף מען דאָס זאָגן. אָבער דעמאָלט קענט איר „אַסאָציאַטיוו" (ז׳ XXIII) אָן שום אַרעניש און אָן אַ קלאַסיפֿיציר־יסוד אויפֿשטעלן גרופּעס איבער גרופּעס. פֿאַר וואָס איז עפּעס אַ (!) באַנק נאָר ׳מעבל׳ און ׳קאַסע׳? נו און אַ באַנק אין אַ פּאַרק? „דער מעטאָד פֿון קאָנצענטראַציע" פֿון „קרובֿישע גרופּעס וואָרט־מאַטעריאַל" איז אין דעם פֿאַל אַ קנאַפּער מעטאָד אין מײַנע אויגן, און דיפֿערענצירן איז אַ העכערע מידה ווי אײַנשפּאָרן „אַ היפּש ביסל פֿון יענע איבערשיקונגען, פֿון וועלכע ראָזשעס בוך לײַדט אַזוי שטאַרק" (ז׳ XXIV).

גראַמאַטישע קאַטעגאָריעס

מיטן דיפֿערענציר־דרך וועט נאָך אָפּגעזוכט ווערן נישט איין פֿונקציאָנאַלער רשות אין ייִדישן לשון. אין דער געדיכטעניש פֿון דער אידיאָמאַטיק וועט מען דאַרפֿן מאַכן די עקספּעדיציעס. אין דער אידיאָמאַטיק שטעקט אָפֿט דער שורש פֿון גראַמאַטישע קאַטעגאָריעס. זייער אַ גוטער חוש האָט אונטערגעזאָגט דעם בעל־האוצר איין סעריע קאַטעגאָריאַלע אידיאָמען אײַנצוזאַמלען אונטער וו[ערב]; זיי זענען אַלע מאָל געבונדן מיט אַ ווערב ווי אַ יסוד, און איך וויל זיי פּראָוויזאָריש רופֿן ווערבאַלע באַהעפֿטן. אָט זענען עטלעכע פֿון זייער אַ סך לדוגמא: האָבן אַ ישועה, גלייבן באמונה שלמה, שרײַבן תּנאים, פֿאַרזעצן די בעבעכעס, מאַכן חוכא־וטלולא, מאַכן פּליטה, מאַכן גוט, מאַכן (אַ) ויבֿרח, כאַפּן דעם טאָטער, דערלייגן דער באָבעס ירושה, אויספֿירן די וועלט, בלײַבן אָן אַ קנעלונג, האָבן אַ שלעכטן סוף, לערנען בלק, צאָלן קנס, מאַכן אַ שוואַרצן סוף, דערלאַנגען אין ביין אַרײַן, און נאָך און נאָך. קיין שום אידיאָמאַטישער באַהעפֿט אין אַ לשון איז אין זײַן טײַטש אָדער אין זײַן פֿונקציע

נישט צו באַנעמען נאָר ווי אַ סך־הכּל פֿון זײַנע עלעמענטן אַליין. אין די ווערבאַלע באַהעפֿטן האָבן מיר נאָך עפּעס מער: זייער יסוד, דער ווערב, איז אַלע מאָל אויף עפּעס אַ מדרגה פֿון גראַמאַטיקאַליזאַציע (ווי אַנטואַן מעיע האָט אָנגערופֿן דאָס גראַמאַטישע פֿאָרמאַל ווערן פֿון אַ וואָרט). די מדרגה פֿון אַ טייל (מאַכן, כאַפּן) איז אין געוויסע באַהעפֿטן ממש באַהילפֿיקער ווערב. אַ מאָל איז אַדרבא: דער ווערב ווערט באַלאָדן מיט דער טײַטש פֿונעם ווײַטערן וואָרט, מיט וועלכן ער איז באַהעפֿט צו אַ גאַנצקייט (צושטעלן [קאָכן], אויפֿלייגן [האָלץ אויפֿן פֿײַער]).[3] ס'איז נאָר אַן עבֿרה, וואָס ס'איז אַרײַן אויך אַ סך פּסולת: מאַכן אַ צוג (ז' 492ב), שלאָגן אַלאַרם (ז' 601ב), באַקעמפֿן די תּאוות (ז' 687ב), מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונג (ז' 430א), מאַכן אַ פֿאָרשלאָג (ז' 644א). זייער גוט איז, וואָס לעבן אַ סך (ווי לעבן ווערבן בכּלל) איז אָנגעוויזן די פּרעפּאָזיציע, מיט וועלכער זיי בינדן זיך: רחמנות האָבן אויף, מסכּים זײַן מיט, געבן די הסכּמה צו, א"אַנד.

דער אוצר האָט געדאַרפֿט מער טאָן וואָס שייך גראַמאַטישע קאַטעגאָריעס. פֿאַר וואָס האָט מען נישט געקענט שטעלן: מין, רבים, פּאַרטיציפּ, קאָמפּאַראַטיוו? באשר ראָזשע האָט דאָס נישט? מיר זענען דאָך אויף אַן אַנדער מעמד מיט אונדזער לשון. דער ייִדיש־נוצער איז אין די ענינים נאָך זייער אומזיכער. און חוץ אַלעמען — אינווענטאַר! דאָס קער נישט צום אינווענטאַר פֿון אַ לשון? דאָ איז מען געגאַנגען פֿאַרקערט: מ'האָט גראַמאַטישע קאַטעגאָריעס אויסגעמישט אין איין טאָפּ, דאָס הייסט אָפּגעמעקט. וואָרן וואָס דען הייסט „אינוואַריאַנט"? ס'איז בײַ אונדז זאַרעצקיס אַ טערמין פֿון די גראַמאַטישע אָנהייבן זײַנע. ער האָט זיך באַלד טאַקע אָפּגעזאָגט פֿון אים.

סך־הכּל אין צוויי אַרבעטן האָט ער אים: אין זײַן פּראַקטישע ייִדישע גראַמאַטיק (מאָסקווע 1926, ווילנע 1929) און אין זײַן ייִדישע שפּראַך, מאָסקווע 1930. אַ מאָל אין אַ פּאָלעמיק („קעגן פֿאָרמאַלער גראַמאַטיק", ראַטנבילדונג, 1931, נומ' 7־8). און נאָכגעזאָגט האָט אים איין א. פֿאַלקאָוויטש אין איין אַרבעט, אין דער גראַמאַטיק פֿאַר דערוואַקסענע פֿון 1929 און אין אַ רעפֿעראַט „צו דער מעטאָדאָלאָגיע פֿון גראַמאַטיק פֿאַר דערוואָקסענע" (זען ראַטנבילדונג, 1930, נומ' 1). ביידע האָבן אַרויסגעגעבן אַ סך גראַמאַטישע לערנביכלעך. דער טערמין איז אויך פֿאַרצייכנט אין אָרטאָגראַפֿישן ווערטערבוך, מאָסקווע 1932 (אויך זאַרעצקי). 1938 זאָגט זיך זאַרעצקי אָפּ פֿון דעם טערמין בפּומבי. אין „ייִדישע לינגוויסטישע טערמינאָלאָגיע", פֿראַגן פֿון ייִדישער שפּראַך, וויסנשאַפֿטלעכע זאַמלביכער, I, מאָסקווע 1938, זז' 33־34 זאָגט ער: „פֿריִער האָב איך געהאַט אײַנגעפֿירט די טערמינען 'קוואַליפֿיקאַטיוו' („גליקלעכער, גליקלעך") און 'אינוואַריאַנט' („נעכטן"), ס'איז אָבער פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרהיטן דעם וויסנשאַפֿטלעכן צוגאַנג צו די דערשײַנונגען, ניט אײַנפֿירנדיק די צוויי נײַע און ניט־גרינגע טערמינען". מע קען ווײַזן טיפֿערע מאָטיוון אַקעגן אַזאַ טערמין ווי איידער ברירה: דער דאָזיקער טערמין כאַפּט טאַקע אַ בולטן צד־השווה פֿון געוויסע ווערטער־גרופּעס, און דאָס קען צו נוץ קומען בײַ אַ פֿאָרמאַלער קלאַסיפֿיקאַציע; בײַ אַ תּוכיקער קלאַסיפֿיקאַציע וואָס וויל באַנעמען פֿונקציעס איז אַזאַ טערמין אַ צודעק, אַ פֿאַרשטעלעניש פֿון די פֿאַקטן.

---

[3] ד"ר אַ. אַ. ראָבאַק הייסט זיי אָנרופֿן „פּרעגנאַנטע ווערבן". זען: דווקא נומ' 7, בוענאָס־אײַרעס 1951, ז' 367 א"וו. ס'איז נוגע נישט נאָר ווערב, אַגבֿ. כּוח אין: „ס'איז פֿאַר מיר אַ כּוח צו שטיין אַ גאַנצן טאָג" איז אַ „פּרעגנאַנטער סובסטאַנטיוו".

הײַנט וואָס זאָלן מיר זאָגן, אַז דער אוצר ניצט דעם טערמין אינוואַריאַנט נאָך כּוללדיקער פֿון זאַרעצקין? בעת זאַרעצקי האָט דערמיט באַצייכנט אַ טייל אַדווערבן, פּרעפּאָזיציעס, קאָניונקציעס און אינטעריעקציעס (אויך געוויסע אַנדערע פּאַרטיקלען: מקנא (זײַן); נתפּעל (ווערן); אַזש), שטופּט דער אוצר דאָ אַרײַן וואָס עס לאָזט זיך נאָך חוץ דעם: אַלערליי פּראָנאָמענס, צאָלווערטער, די אַרטיקלען, געוויסע פֿראַזעאָלאָגישע באַהעפֿטן — כאָטש אַפֿילו מיט זײַן אייגענער טײַטש פֿונעם טערמין, ווי זי שטייט אין אַרײַנפֿיר אויף ז' XXIV־V און ווערט איבערגעחזרט אויף ז' XLV, איז דאָס נישט אין הסכּם. נאָר אויך דאָס איז נישט געווּג, און מע טרעפֿט זייער אָפֿט אין איינעם: אינוואַריאַנט מיט פֿראַזעאָלאָגיע; אינוואַריאַנט מיט אַדיעקטיוו; אינוואַריאַנט מיט אַדיעקטיוו מיט פֿראַזעאָלאָגיע. אַזאַ גראַמאַטישע קלאַסיפֿיקאַציע קען קיין דידאַקטישן נוצן נישט ברענגען.

דיאַלעקטישע כּפֿולים

גאָר שוואַך דורכגעטראַכט איז דער ענין דיאַלעקטישע כּפֿולים. אַזעלכע כּפֿולים קענען זײַן פֿאָנעטישע אָדער לעקסישע. ס'איז קלאָר, אַז אַ גאַנג וואָס איז אויסן אינוועטאַריזירונג פֿונעם לשון וועט קיין לעקסישן מאַטעריאַל נישט דורכלאָזן, ווי ווײַט העק־לשון אַזאַ מאַטעריאַל זאָל נישט זײַן. אויב איר וועט דאָ נישט געפֿינען אַזעלכע פּראָווינציאַליזמען ווי 'צאַראַן ל"ר צאַרענער' ('פֿויער' אין רומענישן ייִדיש), צי 'איבעראָל' (אונגעריש ייִדיש), צי 'סקלעצל' מיטן גאַנצן צעטל באַסאַראַבער העקווערטער, וואָס איז אויסגערעכנט אין זעליג באַר־דיטשעווערס לידער מיט ניגונים, טשערנאָוויץ 1939, איז נאָר אַ סימן, אַז די ווערטער זענען צום אוצר נישט דערגאַנגען, אַזוי ווי אַ סך אַ סך אַנדערע; וואָלטן זיי דערגאַנגען, וואָלט ער זיי פֿאַרצייכנט. ער קלויבט דאָך נישט אָפּ — ער אינווענטאַריזירט. אויף נישט צו דערלאָזן זיי באַנוצט צו ווערן אָן דעם חסד פֿון אַ העכערער הסכּמה, דערויף האָט ער דאָך אַ פּעקל צייכנס.

אָבער געדענקט: דאָס איז שייך צו די לעקסישע כּפֿולים. מיט די פֿאָנעטישע כּפֿולים איז גאָר אַן אַנדער עסק. אויף איבערצוגעבן זייערע קלאַנגען האָט דער אוצר קיין מעגלעכקייטן נישט געהאַט. דאָס וואָלט דאָך געמיינט אַרײַנברענגען אין אַזאַ האַנטבוך אַ שווערע פֿאָנעטישע טראַנסקריפּציע. וואָס זשע האָט געקענט זײַן די ברירה? זיך פֿונעם ענין פֿאָנעטישע כּפֿולים אין גאַנצן אָפּזאָגן. דערווײַל האָבן אונדז געדאַרפֿט קלעקן די „גלײַכבאַרעכטיקטע שרײַבונגען" פֿון די אויסלייג־תּקנות פֿון ייִוואָ, פּאַראַגראַף 150.

דער אוצר האָט געדאַרפֿט זען פֿאַר זיך קלאָרע צוויי אַספּעקטן: דאָס וואָרט ווי עס ווערט געשריבן (1) און ווי עס ווערט פֿאַרשטאַנען און געניצט (2), און נישט אויך ווי עס ווערט אַרויסגערעדט. די אָרטאָגראַפֿיע האָט ער פֿאַר פֿאָנעטישע ענינים נישט געטאָרט מטריח זײַן, פּשוט ווײַל זי איז דערצו נישט מסוגל. על כּל פּנים נישט די ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע. ס'איז שוין צײַט זיך צו

רעכענען מיט דער סטרוקטור פֿון דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע, וואָס איר איבערהנחה איז: שרײַב אַזוי, ס׳זאָל זיך נישט דערקענען ווי אַזוי דו רעדסט אַרויס. דאָס איז איר אינעווייניקסטער היסטאָרישער שׂכל. הײַנט ווי קען מען זי ניצן פּונקט פֿאַרן אַרויסרעדן? דער אוצר האָט דאָס געטאָן און איז געשטרויכלט געוואָרן.

ממה נפֿשך, גייט דער אויסלייג מיט זײַן ייִדישן דרך נישט איבערצוגעבן קיין איין באַשטימטע הבֿרה, ווי זשע קומען צו אים אַזעלכע שרײַבונגען ווי טאָרקלען און טערקלען, שאָרכען און שערכען, שטאָרכען און שטערכען, בעת ער שטעלט אָן ספֿקות קורץ און דורך (און נישט נאָך קאָרץ און קערץ, דאָרך און דערך), כאָטש ס׳איז די זעלבע סיטואַציע; אלא וויל דער אויסלייג דאָ אָפּשפּיגלען אַ באַשטימטע ליטעראַרישע הבֿרה, זענען דאָך די געבראַכטע פֿאָנעטישע כּפֿולים אַ טראָפּן אין ים אַפֿילו נאָר לגבי די סיסטעמאַטישע דיאַלעקטישע נוסחאָות. הײַנט ווו איז דער שלל איזאָלירטע דיאַלעקטישע וואַריאַנטן, ווי: לכתּחילה, איפּל אאַז״וו? אַחוץ דעם זענען אַזעלכע שרײַבונגען אַ גוט שטיק שאָדן פֿאַרן ייִוואָ־אויסלייג, וואָס דער אוצר דאַרף ווערן זײַן קאָדעקס.

אויף דער מדרגה פֿון קולטורשפּראַך

אַ גרויסע אַרבעט איז דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן אויף אויסצוטיילן די מדרגות לשון וואָס שטעלן צונויף די ייִדישע שפּראַך. עס דיסקוטירט זיך גיך און גרינג וועגן דעם וואָס ס׳איז ייִדיש און וואָס ס׳איז נישט־ייִדיש אין אונדזער לשון, און ווי אַזוי מאַכט מען עס בייגעוודיק און רײַך. ייִדיש האָט אונדז געפֿירט דורך דורות נעכט און טעג און געווען איינע פֿון די בריקן איבער אָפּגרונטן פֿון דער געשיכטע; עס האָט אַרויסגערופֿן די בעסטע כּוחות פֿונעם יחיד אויף אָפּצוהיטן די מיטגעגעבענע מדרגות פֿון אונדזער קאָלעקטיוון גאַנג אויף דער וועלט; הײַנט שפּירן מיר אין ייִדיש דעם כּף־הקלע פֿון אומגעקומען אייגן בלוט און פֿלייש וואָס וויל באַהעפֿט ווערן מיט ווײַטערע דורות. ייִדיש איז אַ צענטראַלער כּוח אין אונדזער לעבן. אָבער מיר דאַרפֿן דאָך ערשט וויסן וואָס ייִדיש איז אין זײַנע טיילן און וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן אויף צו מאַכן עס וואָס שלמותדיקער אין זײַן עבֿודה בײַם געדאַנק און בײַם געפֿיל. דאָ „מוז ...קומען צו הילף... די וויסנשאַפֿטלעכע פֿילאָלאָגיע... מיט אירע מעטאָדן [און] אַרײַנטראָגן אַ סדר אין דעם כאַאָטישן שאַפֿונגס־פּראָצעס״ (באָראָכאָוו, דער פּנקס, עמ׳ 18/17). דאַרף מען נישט פֿאַרגעסן, אַז גרויסע שטיקער גלאַנץ און כּוח און וויסן וואָס קוקן אַפֿיר פֿון צווישן די צענדלינגער טויזנטער שורות אינעם אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך זענען מעטאָד און סדר מאַקס ווײַנרײַכס. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך ברייטהאַרציקייט בײַם אַרײַנפֿירן „אין דעם ווערק די וויטאַלע קראַפֿט פֿון ייִוואָ״ און בײַם „העלפֿן דערברענגען עס צו דער איצטיקער מדרגה פֿון שלמות״ (ז׳ IX): ער האָט אים אַוועקגעגעבן זײַן וויסן, זײַן געניטשאַפֿט, זײַן אָריענטאַציע־כּוח און זײַנע מאַטעריאַלן.

ווײַנרײַך פֿאַרנעמט זיך מיטן ייִדישן ווערטער־אוצר צוליב לעקסיקאָגראַפֿישע טעמים שוין אַ סך יאָרן. זען זײַן אייגענע הערה צו זײַן לעקסיקאָלאָגישן עטיוד „וועגן די דײַטשישע עלעמענטן אין ייִדיש״ אין באַנד II־III צײַטשריפֿט, מינסק 1928, עמוד 679. שוין מײַ 1923 האָט ער אַרויסגעשיקט זײַן רוף „צו די ייִדישע לערער און פֿאָלקסטוער״ צו העלפֿן אים „אין

דער אַרבעט פֿאַר אַ ייִדישן ווערטערבוך און אַ ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער גראַמאַטיק". וויפֿל מאָל אים איז אויסגעקומען פֿון דעמאָלט אָן זיך אָפּצושטעלן בײַ לעקסישע פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער שפּראַך. און נישט נאָר בכּתבֿ אין ספּעציעלע אַרבעטן, נאָר אויך בעל־פּה אין שולן און אין קאָנסולטאַציעס און אין קאָנפֿערענצן און בײַם רעדאַקטירן. איך וואָלט זייער געוואָלט פּועלן בײַ די וואָס האָבן אַן אינטערעס אין ווײַנרײַכס צוגאַנג צו ייִדישע ווערטער, זיי זאָלן איבערלייענען נישט מער נאָר צוויי קליינע אַרבעטן זײַנע: „גוטע ווערטער" אין נומ' 2 און „אַנטהאַלטן און אַנדערע אַנט־ווערטער" אין נומ' 4 פֿון ייִדיש פֿאַר אַלע, ווילנע 1939. אין מענדל עלקינס אַ בראָשור ייִוואָ אין 1943, אַרויס טאַקע אין יענעם יאָר, דערציילט זיך אויף ז' 7, אַז „עס ווערט אָנגענומען אַ ווײַט גייענדיקער פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ ווערטערבוך פֿאַר דער ייִדישער קולטורשפּראַך, ... איבער וועלכן ד"ר ווײַנרײַך אַרבעט שוין מער ווי אַ צענדליגג יאָר". פֿון דער פּראָגראַם פֿאַר זײַן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער קולטורשפּראַך, וואָס מ. ווײַנרײַך האָט אין סעפּטעמבער 1939 צוגעשיקט פֿון קאָפּנהאַגן צום אַמאָפּטייל פֿון ייִוואָ, איז צו זען, אַז דער ווערטערבוך האָט געהאַלטן אין זיך אַ סך פֿון די געגנג, וואָס זענען איצט געוואָרן אַ טייל פֿונעם אוצר. אָט פֿאַר וואָס אינעם קלאַנג און אין דעם קאָליר פֿונעם אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך הערט זיך דער קלאַנג און עס זעט זיך דער קאָליר, וואָס עס האָט געמאָנט און דערגרייכט די ייִדישע פֿילאָלאָגיע פֿון זינט זי איז אַרויס אויפֿן דרך־המלך צו די צילן וואָס באַראָכאָוו האָט איר אָנגעצייכנט.

נאָך האַרבע קשיות הייבן זיך ערשט אָן איצט צו שטעלן — אויף דער תּיך פֿונעם נײַעם שטאָפּל דערגרייכונגען. איך בין אַ שטייגער אַ גרויסער אַפּיקורס אין דער לעצטער שורה פֿונעם „אַרײַנפֿיר צום אוצר" אויף ז' XXVI, אַז וואָס מער איר וועט זיך פֿאַרטיפֿן אינעם אוצר, „אַלץ מער מײַסטער וועט איר ווערן אין ניצן אַליין אָט דעם וווּנדערלעכן מכשיר" ייִדישע שפּראַך. פֿון וואַנעט וועט דאָס אונדז צוקומען? משמעות דערפֿון וואָס די שפּראַך וועט איצט אינעם אוצר ליגן אויסגעלייגט ווי די פֿאַרבן אין פֿאַרבן־קעסטל בײַם מאָלער (זען ז' XXI). יאָ, אָבער פֿונעם פֿאַרבן־מאַטעריאַל ביז צום בילד איז אַ ווײַטער מהלך, און אין דער מיט דאַרף שטיין אַ מענטש און הייסן, דעמאָלט וועט עס ווערן. אויך דער שפּראַך דאַרף מען הייסן און אַז זי פֿאָלגט, ווערן „פּאַסיקע ווערטער". אָנגרייטן זיי פֿון פֿריִער קען מען נישט: „פּאַסיקע ווערטער" ווערן דאָס נאָר אין אַ באַהעפֿט מיט אַ קאָנקרעטער סיטואַציע, אַ גײַסטיקער אָדער אַ מאַטעריעלער. זעט איר, ווערטער האָבן אַן אַנדער מעלה, וואָס די פֿאַרבן האָבן זי נישט: פּאַסיק געוואָרענע ווערטער פֿון פֿריִערע דורות זענען אַ מאַטעריאַל פֿאַר נײַע צופּאַסונגען. דאָס גיט דאָך אין משך פֿון די צײַטן דעם רעזולטאַט פֿון אַ העכערער שפּראַכקולטור. נאָר אַזוי ווערט פֿון אַ שפּראַך אַ שפּראַך־אוצר וואָס ווערט ראָוי פֿאַר אַן אוצר. אידיאָמען, אידיאָמאַטישע רייד בכּלל, קענען דאָס נישט ווערן.

אָט פֿאַר וואָס עס פֿרעגט זיך בײַ מיר, צי אַ שפּראַך־אוצר, וואָס דאַרף אַרײַנפֿירן אין דער קולטורשפּראַך, האָט געמעגט אינווענטאַריזאַטאָריש צונויפֿשאַרן אידיאָטיקאָנס אויף איין קופּע, ווי ס'האָט געטאָן אונדזער אוצר. די מאָדערנע ווערטער־פֿאָרשונג רעדט פֿון אַ פֿעלדער־שײַכות צווישן די ווערטער פֿון איין לשון. אַזאַ פֿעלדער־שײַכות איז שכיח אין אַ דיאַלעקט פּונקט ווי אין אַ קולטור־לשון, וואָרן דאָס מאַכט פֿון זיי אַ גאַנצקייט און גיט זיי סיסטעם; אָבער ווי אַזוי זאָל אַזוינס געמאָלט זײַן אין אַן אינווענטאַר פֿון אַלץ מיט אַנאַנדער?

ס'איז בײַ אונדז טאַקע נישטאָ קיין אויספֿאָרשונגען פֿון די פֿאַרשידענע תּחומען לשון; ס'איז נישט פֿאַראַן גענוג שפּראַכקולטור, ס'זאָל זײַן אַ בולטער חוש פֿאַר זיי: אָבער צאַצקען זיך מיט אַלע נישט־קאָנטראָלירטע זאָגעכצער און אימפּראָוויזאַציעס פֿון אַלע עקן און העקן קען צו קיין גוטס נישט פֿירן.

און וואָס ווערט טאַקע אויסגערעכנט אין דער מסירת־מודעה אויף די זז' XIX־XX? פֿאַראַן דאָ פּאָזיציעס א—ט. אָבער וואָס שטייט אין זיי אין תּוך? א) ליטעראַטור־שפּראַך, ב) וויסנשאַפֿטלעכע שפּראַך, ג) דאָס לומדיש־חרדישע לשון; איר קענט נאָך צוגעבן מיט אַ האַלב מויל (נישט דאָ איז דאָס פּלאַץ אַרײַנצולאָזן זיך פֿאַר וואָס) ד) זשאַרגאָנען. אָט דאָס זענען די תּחומען לשון, וואָס מע דאַרף זוכן אין אוצר. אָבער ווו אַהין קער דאָ: לאָקאַליזמען, שפּעט־לשון, אַרכאַיזמען (פֿאַר וואָס נישט נעאָלאָגיזמען?), צי גאָר פּראַזעאָלאָגיע און שפּריכווערטער? וואָס זשע, זיי זענען נאָך דאָ באַזונדער, אָט די תּחומען? דער בעל־האוצר זאָגט דאָך אַליין, אַז פּראַזעאָלאָגיע מיינט „אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, פֿאַרגלײַכונגען און ווערטלעך". בײַ שפּריכווערטער ווידער איז לכתּחילה קלאָר, אַז ס'איז פֿאָלקלאָר. ווו זשע איז דער פּאַראַלעלער חלק צו זיי פֿון דער ליטעראַטור: ציטאַטן, „געפֿליגלטע ווערטער"? דער לומדישער ייִדיש האָט דאָך דאָ זײַנע גמרות, פּסוקים, מימרות, מדרשים. ווײַל ס'איז פֿאַראַן זאַמלונגען. אָבער עס ווערט דאָך דערציילט אויף ז' XX, אַז „מיט דער פּען אין האַנט איז דער מחבר [פֿון אוצר] דורכגעגאַנגען די וויכטיקסטע שאַפֿונגען פֿון דער אַלטער און נײַער ייִדישער ליטעראַטור, און פֿון דאָרטן האָט ער גענומען דעם גרעסטן טייל מאַטעריאַל" (דרך אַגבֿ: וואָס הייסט „אַלטע ליטעראַטור"? אין דעם אייגענעם פּאַראַגראַף ווערט דאָך מאַרקירט: „אָנהייבנדיק פֿון די קלאַסיקערס מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ...").

קוואַליפֿיצירונג און דיסקוואַליפֿיצירונג

די סימנימלעך און ראָשי־תּיבֿותן זענען נישט גענוג ספּעציפֿיצירט כּדי אַרויפֿצופֿירן אויפֿן קולטור־לשון. דער קלין און דאָס רינגעלע זענען נישט גענוג פֿאַרטײַטשט. „נישט־רעקאָמענדירט, נישט־אָנגענומען" מאַכט נאָר קשה, צו וואָס די ווערטער זענען געבראַכט, אויב אַזוי. „אַמעריקאַניזם" איז עטימאָלאָגיע. בײַם איבערקלײַבן ווערטער ברענגט דאָס נישט קיין נוץ. אַ קוואַליפֿיקאַציע פֿון שפּראַך־עלעמענטן קען זײַן נאָר אַ פֿונקציאָנאַלע; אַהער צום אוצר איז שייך די קולטורשפּראַכיקע פֿונקציע ווי אַ מאָס. אָט אַזוי ווי „וווּלגאַר". „דיאַלעקטיש" איז שוין אַראָפּ פֿון וועג; העקוואָרט וואָלט געווען שאַצערישער. דײַטשמעריש ווײַזט דאָס בולט. דאָס איז אַ קלאַסיש ביזוי־וואָרט אויף לשון און הולך, אויב מע ניצט זיי מיטן אָנשטעל פֿון מער מענטש. ער רעדט דײַטשמעריש, ער טראָגט זיך דײַטשמעריש — מיינט מעשׂה וועלטסמענטש: געפּוצט און אויסגעפּײַנט און אײַנגעשאַצט בײַ זיך. דער ווידערווילן איז אַן אַפֿעקטישער, נישט קיין אינטעלעקטועלער. שטיינבאַרגס איראָניע אויפֿן ראַציאָנאַליסט מיט די „פֿינצטערע קרעפּטן" האָט איר שורש אין דער דאָזיקער טײַטש. (אַגבֿ

אורחא: „יעצט״ איז נאָר אין שטיינבאַרגס זאָג אַ דײַטשמעריזם; ווײַטער איז עס נישט קיין „ווילדגראַז״, נאָר אַ דיאַלעקטישער נוסח צו איצט.) ס׳איז אַ פּנים דאָ נאָך טײַטשן: פֿאַרפינקטלעכונג („גאַר נישט; ער איז אַ וואָרער שייגעץ״). מע דאַרף אויך אָנווײַזן אויף אַן אַנאַלאָגישן לשון צו לשון־קודש צו, אַ מעשׂה למדן־שפּראַך: לאָקשן־קודש, לאָקשן־קוילעטש. אויף אַ באַזונדער לשון־קודש ווײַזט אָן ש. בירנבוים אין זײַן גראַמאַטיק (ז׳ 102).

מיטן קלין דאַרף מען מסכּים זײַן צוליב גאָר אַנדערע טעמים. דער ליט־דין אין ייִדיש־לשון האָט קיין שיעור און קיין ערך נישט; אין אַלע תּחומען פֿון לשון און אין אַלע טיילן פֿון זײַן גראַמאַטיק: אין דער הבֿרה, אין סינ־טאַקסיס, אין אויסלייג, אין ווערטער־אוצר, אומעדום. ס׳איז אונטערגעשווענקט דער יסוד און עס פֿלייצן די וואַסערן אין אַלע חדרים. פֿון דײַטש איז געקו־מען די אינפֿעקציע, און ס׳איז אונדז אַ קנאַפּע טרייסט, אויב ס׳איז פֿאַראַן אַ היסטאָרישער פֿאַרענטפֿער: איצט זעען מיר נאָר די מחלה. מכּוח סלאַוויזמען קען דער רעדאַקטאָר, וואָס שייך איצט און דאָ, קאָנסטאַטירן, אַז ס׳איז קיין „מיגלעכקייט פֿון אַ סלאַווישער פֿאַרפֿלייצונג אין ייִדיש מער ניטאָ״ (ז׳ XV). אָבער דײַטש! דאָס איז נישט קיין ענדעמישע קרענק, נאָר אַן עפּידעמישע — מיר האָבן זי פֿאַרשלעפּט אין אַלע עקן וועלט. דאָס פּלאָץ וואָס די דײַטשע שפּראַך האָט פֿאַרכאַפּט אין ייִדיש און איר פּעולה איז נישט דײַטשמעריש, איר קענט אין דעם קיין סטיליסטישע פֿונקציע נישט אָפּזוכן; דאָס וואָס דײַטש טוט מיט ייִדיש האָבן די גריכן געררופֿן באַרבאַריש, ס׳איז חוץ גויִיש — הפֿקר פּעט־רישקע, אָן אַ שום אָריענטאַציע אויף עפּעס, און אַנטילינגוויסטיש. פֿאַר דעם קלין וואָס דער אוצר האָט דאָ אַרײַנגעקלאַפּט קומט אים דער גרויסער יישר־כּוח. ס׳איז דערווײַל כאָטש אַרויסגעקומען דער גרויסער בראָך אונדזע־רער. נאָר פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל מידת־הרחמים לגבי דעם וואָס שטעקט מיט אַ מעסער אין אונדזער לײַבֿ? הסתּפּקות אָדער יושר זענען מעלות בין אָדם לחבֿרו, נישט בין אָדם ללשונו. אָדער שטעקט דאָ דאָס זייער פֿאַרשפּרייטע אײַנרעדעניש, אַז גרײַזן וואָס זענען אַזוי פֿיל מאָל איבערגעחזרט געוואָרן זענען איבערגעקומען דאָס גרײַזיקייט און זענען געוואָרן לשון? פֿאַר מיר זענען פֿאַרטרפֿענדיקע דײַטשע באַרבאַריזמען אויך אָט דאָס אַ: מונדלעך, מינדלעך (350ב); קומער, אַנגסט (׳מורא׳), ערגערניש (555א); אויסזיכט, אויגנשײַנלעך (284א); באַגרינדעט, אַנטשידן, (אומבאַ)שטרײַט(לעך) (285ב); פֿאַרשווענדן (543ב); הערלעך, באַצויבערנדיק, רייצנדיק (׳חנעוודיק׳), אַנטציקנדיק, אַנטציקט (ווילנע פֿלעגט ענטפֿערן: אַנטבאָקט), לײַכטזיניק, הײַטער, אויפֿגעהײַטערט, לעבנסלוסטיק (553ב); פֿאַרפֿאָלגטער, שמאַרץ, שמערצן, קוועלן זיך (556א); אומדערפֿריילעך, לעסטיק, שמערצלעך, אומדערטרעגלעך (557ב); פֿליכט, פֿאַרפֿליכטונג (672א); דערפֿילן, פֿאַראַנטוואָרטלעך, פֿאַרפֿליכט, פֿליכטפֿאַרזעונג (673א); שווײַנערײַ, לומפּערײַ, (667ב); אויסבונד, שופֿט (668א); נידערטרעכטיק (670א). און דאָס איז שלעגיש אַרויסגעכאַפּט מערנישט פֿון עטלעכע עמודים. דער ענין איז נאָך ווײַט נישט דערשאַפּט.

די פּראָבלעם אינווענטאַר

איך האָב לעת־עתּה קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט פּינקטלעך איבער־צוקוקן אַלע ווערטער וואָס זענען אַרײַן אין דעם בוך. איך ווייס דעריבער נישט, וויפֿל באַרבאַריזמען זענען דאָ פֿאַראַן. נאָר אַלע האָבן זיי געדאַרפֿט באַקו־מען אַ קלין אין דער זײַט. פֿון דער אַנדערער זײַט זענען ווידער אַרײַן היפּש אוצרות. נאָר פֿון אַן אינווענטאַר האָט דער בעל־האוצר נישט געטאָרט רעדן. און נישט נאָר איבער סיסטעמאַטישע טעמים נישט, ווי כ׳האָב שוין פֿריִער מרמז געווען, אויך נישט איבער דעם געשלאָגענעם מצבֿ, אין וועלכן עס געפֿינט זיך דער חומר פֿון אונדזער לשון. דער ערשטער ציל פֿונעם אוצר איז, הערן מיר: „אײַנצוזאַמלען אין איין שפּײַכלער דאָס שפּראַכיקע האָב און גוטס וואָס האָט זיך בײַ אונדז אָנגעקליבן פֿון דורות און ווערט כּסדר רײַכער" (ז׳ XIX). וואָס הייסט דאָס, מע שטעלט אַוועק אַזאַ גרויסן ענין, איך מוז זאָגן, סתּם אין דער וועלט אַרײַן? די דיאַלעקטן מיט די אונטערדיאַלעקטן פֿון דער ייִדי־שער שפּראַך זענען אין אַ קליינער צאָל און נאָר טיילנווײַז פֿאַרשריבן געוואָרן; די זאַמלונגען וואָס זענען פֿאַראַן זענען קריטיש נישט דורכגעשאַצט און עס פֿאָדערט זיך דעריבער אַ סך געוואָרנטקייט און געניטשאַפֿט זיי צו ניצן; די פּרט־לשונות זענען נישט אויסגעפֿאָרשט, דאָס כּלל־לשון איז נישט צונויפֿ־געקליבן; צום ליטעראַריש־קינסטלערישן, צום וויסנשאַפֿטלעכן און צום לומ־דיש־חרדישן לשון האָט מען זיך קוים וואָס צוגערירט; דאָס נישט־באַהאַוונטקייט און צדדימדיקייט פֿון טייל אינסטיטוציעס און יחידים וואָס האָבן געאַרבעט די לעצטע דרײַ יאָרצענדלינג אויפֿן ייִדישן ווערטער־אוצר האָט אַרײַנגעלייגט גענוג אומאמת; צוליב דעם אוצר גופֿא האָט מען דאָך אין תּוך אַרײַן קיין ספּעציעלע זאַמלונגען נישט געמאַכט — הײַנט ווו איז געווען דער סמך פֿאַר אַזאַ פּראָגראַם? דער מחבר איז „מיט דער פּען אין האַנט... דורכגעגאַנגען די וויכ־טיקסטע שאַפֿונגען" — דאָס זאָל טאַקע זײַן גענוג? און פֿאַר וואָס נאָר די וויכ־טיקסטע, ס׳איז דאָך אינווענטאַר.

דײַטשמעריזמען, האָט מען אַכטונג געגעבן, זאָלן נישט פֿאַרקוקט ווערן, סטײַטש עס „וואָלטן אַנדערע געקאָנט מיינען, אַז מען האָט די ווערטער פּשוט פֿאַרזען; ווי שייך, אַז דער אוצר זאָל ניט האָבן אין זיך פֿעליקייטן אויך?" (ז׳ XIII) און די „אַלטע און נײַע" (ז׳ XX) ליטעראַטור איז מען שוין נישט מער ווי „דורכ־געגאַנגען" „מיט דער פּען אין האַנט"? דער מחבר גיט זיך אַ זאָג, אַז אויב מיר ווילן וויסן „ווו האָט דער מחבר גענומען דעם מאַטעריאַל פֿאַרן אוצר, פֿון וועל־כע קוואַלן האָט ער אים געשעפּט? אַן ענטפֿער אויף דעם וועט דער באַנוצער באַקומען, ווען ער וועט איבערלייענען די ביבליאָגראַפֿיע" (ז׳ XX). איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו פֿאַרגלײַכן וואָס און וויפֿל דער אוצר האָט אַרויסגענומען פֿון די ציטירטע ביכער און זאַמלונגען (דאָס איז אַן אַרבעט וואָס פֿאָדערט אַ סך מער צײַט ווי כ׳האָב געהאַט אין מײַן רשות); נאָר ווען אַפֿילו אַלדינג און קריטיש, איז שוין קוואַנטיטאַטיוו נישט פֿאַראַן דאָ אַלדינג וואָס עס האָט גע־דאַרפֿט זײַן דער מינימום שבמינימום, הײַנו: דאָס וואָס ס׳איז פֿאַראַן געדרוקט

און ס'איז געווען צו דערלאַנגען. די ביבליאָגראַפֿיע איז דאָס טאַקע דער ערשטער פֿאַקטאָר וואָס מעלדט וועגן נישט קיין גוטן יסוד פֿון דער אַרבעט. זי האָט אַזעלכע עלעמענטאַרע און אַזוי פֿיל בלויזן, אַז עס הייבט זיך אויף די שאלה: ווי אַזוי האָט מען זיך געטרויט צו טאָן די אַרבעט פֿון „כינוס" „פֿון דער גרויסער שפּראַכיקער ירושה וואָס [אונדזערע קדושים]... האָבן אונדז איבערגעלאָזט" (ז' XVIII), בײַ אַזעלכע ניט־פֿולע ידיעות אין די מקורים? איך וויל זיך אויף זיי אַ ביסל אָפּשטעלן.

נישט־אויסגענוצטע מקורים

דער כּלל ראשון אין לעקסיקאָגראַפֿיע איז איבערצושרײַבן, פֿאַרשטייט זיך קריטיש, די פֿריִערדיקע ווערטערביכער. דער קיניגלעכער טריט אין דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע זענען געווען יהושע־מרדכי ליפֿשיצנס רוסיש־ייִדישער ווערטערבוך, אַרויס אין פֿיר דרוקן: 1869, 1874, 1881, 1886, און דער ייִדיש־רוסישער ווערטערבוך, אַרויס 1876. דער ערשטער האָט גראַמאַטישע באַשטימונגען און איז דער רײַכערער אין ווערטער און אין פֿראַזעאָלאָגיע; ער איז אין גאַנצן נישטאָ אין דער רשימה. דער צווייטער איז יאָ פֿאַראַן, אָבער ער איז ווײַזט אויס אין גאַנצן נישט אָדער זייער שלעגיש אויסגעניצט געוואָרן. למשל דורכזידלען, דורכלויפֿן (פֿון אַ וואַסער), דערטשעפּען, וואַרעמעס־צײַט וועט איר אין אוצר נישט געפֿינען, הגם בײַם ביבליאָגראַפֿירטן ליפֿשיץ איז איטלעכס פֿון די ווערטער דאָ. דער פֿאַרענטפֿער איז: האַרקאַווי; בײַ האַרקאַווין זענען די ווערטער אויך נישטאָ. אפֿשר האָט דער מחבר פֿונעם אוצר גערעכנט, אַז אַזוי ווי האַרקאַווי האָט איבערגעשריבן ליפֿשיצן און ער האָט איבערגעשריבן האַרקאַווין, קען ער יוצא זײַן מיט האַרקאַווין.

דאָס אייגענע איז מיט ש. בירנבוימס *Praktische Grammatik der jiddischen Sprache*, ווין און לײַפּסק 1919/1915. פֿאַראַן אין איר אַ רײַך ייִדיש־דײַטש ווערטערביכל. אויב ליפֿשיץ איז דער גרויסער ראשון, איז בירנבוים דער גרויסער אַחרון לעת־עתּה אין דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע. נישט אפֿשר וואָס שייך כּמות, אָבער זיכער וואָס שייך איכות. אין איטלעכס פֿינטעלע פֿון זײַנע ווערטער־רשימות דאַרף מען זיך אַרײַנטראַכטן, וואָרן אַנישט קען זיך אַרויסגליטשן פֿון אונדזערע הענט אַ תּוכיקע הכּרה פֿון אונדזער לשון. פֿאַראַן בײַ בירנבוימען נאָך אַנדערע מקורים פֿאַר לעקסיקאָגראַפֿיע: אַ ייִדיש ווערטערביכל פֿון אויסלייג, גראַמאַטישן מין, בייגונג און וואָרטקלאַס, לאָדזש תּרצ"ב; אַן ענגליש־ייִדיש *Yiddish Phrase Book*, Additional Vocabulary אין זײַן לאָנדאָן [1944] (1062 נומערירטע ווערטער); אַ ווערטער־רשימה: דײַטשמעריש — ייִדיש, בית יעקבֿ נומ' 156, ז' י"ט, תּרצ"ט; ווערטער־רשימות אין אַנדערע אַרבעטן רעכן איך שוין נישט — קיין איינע פֿון די אַלע זאַכן איז נישט אויסגעניצט געוואָרן פֿאַרן אוצר. די ביבליאָגראַפֿיע פֿאַרצייכנט אויך נישט: דוד־הלוי איש הורוויץ, ספר המלים זשאַרגאָני־עברי/ייִדישער־לשון־קודשער ווערטערבוך, 1893, דריטער איבערדרוק, אַדעס 1903, 112 זז'; הערמאַן ל. שטראַק,

Jüdisches Wörterbuch, לײַפּסק 1916, 204 זז'; *Sieben-Sprachen-Wörterbuch*,
דײַטש־פּויליש־רוסיש־רײַסיש־ליטוויש־לעטיש־ייִדיש, לײַפּסק [1918], 420 זז' —
כאָטש די אַלע זענען יאָ פֿאַרצייכנט בײַ האַרקאַווין. בײַ האַרקאַווין זענען אויך פֿאַר־
צייכנט ווערטערביכער פֿונעם עלטערן און פֿונעם מערבֿדיקן ייִדיש און פֿונעם
גנבֿים־לשון. פֿאַרן גנבֿים־לשון זענען פֿאַראַן נאָך אַנדערע מקורים. פֿון דעם
אַלעמען איז אין אוצר גאָרנישט נישט דערמאָנט. פֿאַר וואָס זשע זענען אין דער
ביבליאָגראַפֿיע יאָ פֿאַרצייכנט צבֿי־ניסן גאָלאָמבס און ספּיוואַק־יהואשס ווער־
טערביכער, הגם זיי זענען אויך דאָ בײַ האַרקאַווין? בלײַבט טאַקע אַ קשיא.

בײַ אַלכּסנדר האַרקאַווין גופֿא זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע ווערטערביכער
און ווערטער־רשימות, וואָס אַן ערנצטער אינוועטנאַר האָט געדאַרפֿט באַ־
אַרבעטן. אויסגעניצט איז געוואָרן איין אײנציקער ווערטערבוך, אָבער אַפֿילו
פֿון דעם ווערטערבוך איז געניצט געוואָרן די ערשטע אויפֿלאַגע פֿון 1925 און
נישט די „צווייטע פֿאַרבעסערטע און פֿאַרגרעסערטע אויפֿלאַגע" פֿון 1928 (אַרויס
איצט אין אַ נײַעם איבערדרוק) מיט דער הוספֿה פֿון טויזנטער ווערטער וואָס האָבן
פֿאַר אַ יסוד פֿרישע מקורים: עמנואל אָלשוואַנגער, *Aus der Volksliteratur der Ost-*
juden, באַזל 1920; אַ.־פֿ. טילע, *Die jüdischen Gauner in Deutschland*, ערשטער
באַנד, בערלין 1841; י.־ל. פֿאָרזאַנגער און י.־ע. פּאָלאַק, *Het Joodsch in Ne-*
derland, אַמסטערדאַם 1915; אַ.־ש. זאַקס, חרובֿע וועלטן, ניו־יאָרק [1917]; י. קאָ־
פּעלאָוו, אַ מאָל איז געווען, ניו־יאָרק 1926, און פֿאַרצייכענישן פֿון יודאַ אַ. יאָפֿע,
יעקבֿ מילך און לעאָן עלבע, און אייגענע ליקוטים. ס'איז אין גאַנצן נישט צו
פֿאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען.

פֿון די קלענערע ווערטערביכער איז פּלוצעם פֿאַרצייכנט: א. בן־אורי, ייִדיש־העברעיִש
ווערטערבוך, וואַרשע 1935. און געגוג. איז דאָס נישט אַנדערש נאָר משמע דערפֿאַר וואָס
אין דער הקדמה צום ניו־יאָרקער איבערדרוק פֿון דעם ווערטערביכל, אַרויס 1947 אונטערן
מער צוזאָגנדיקן טיטל מאָדערנער ייִדיש־העברעיִש ווערטערבוך און אונטערן ייִדישן מחבר־נאָמען
א. ליכטער, שטייען גרשם באַדערס ווערטער: „אויף וויפֿל מיר איז באַוווּסט, איז נאָך בײַ אונדז
אַזאַ ווערטערבוך גאָר נישט פֿאַרהאַנען". אַזוי שטייט. ס'איז גוט דערבײַ צו טראַכטן, וואָס פֿאַר
אַ הערה באָראָכאָוו וואָלט געמאַכט צו אַזאַ זאָג. נאָר אויב מײַן השערה איז אַ פֿאַלשע, פֿאַר
וואָס זשע דען זענען נישט אויפֿגענומען געוואָרן קיין אַנדערע ווערטערביכער וואָס זייער
מדרגה איז נישט קיין ערגערע, פֿון אַ טייל אַ סך אַ בעסערע? אָט האָט איר עטלעכע
נעמען און די גרייס: י. יבֿרכיהו (באָגוסלאַווסקי), מלון עברי־אידיש, אידיש־עברי, תּל־אָבֿיבֿ
תּרצ"ו און תּרצ"ד, 262 און 222 זז'; א.־ל. ביסקאָ, מלון (מלא ושלם) יהודי־עברי, לעצ־
טער איבערדרוק 1928־1929, 255 זז'; י.־ל. וויגאָקור, ייִדיש־שפּאַנישער און שפּאַניש־
ייִדישער ווערטערבוך, בוענאָס־אײַרעס 1931־1932, XIV+498 און XII+514 עמודים; פּוילאַ
הורוויץ, ייִדיש־ענגליש און ד"ר זינאַ האָראָוויץ, ענגליש־ייִדיש וו"ב, וואַרשע אָן אַ יאָר, 167
און 158 זז' (ביידע איבערגעדרוקט אין דער באַקאַנטער לײַפּסקער סעריע „ליליפּוט־ווער־
טערביכער"); ייִדיש־ווײַסרוסישער טאַשן־ווערטערבוך, מינסק (ווײַסרוסישע וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע,
ייִדישער סעקטאָר) 1932, VII+218+XXI זז'; נ. גאָלדענבערג, ייִדיש־פֿראַנצייזישעס ווערטערבוך,
פּאַריז 1917, 7+113+[4] זז'; ש.־אַ. סופֿר, ווערטערבוך פֿון אַלע העברעיִשע און אַראַמעיִש־
סירישע ווערטער, פֿראַזן און נעמען, וואָס קומען פֿאָר אין ייִדיש, טשערנאָוויץ 1920, [2]+118
זז'; רוסיש־ייִדיש ווערטערביכל (אונטער דער רעדאַקציע פֿון א. פֿאַלקאָוויטש), מאָסקווע 1941,
175 זז'. נאָר איך וויל גאָר נישט פֿאַרצייכענען איטלעכס פּיצעלע, נישט דאָס איז מײַן ציל
איצטערט; הגם פֿאַר אַזאַ כּוללדיקער ברייט פֿאַרטראַכטער אינוועטאַר־אַרבעט איז גאָר נישטאָ

לכתּחילה קיין איבעריקס: מע האָט געדאַרפֿט אויסנוצן יעדע רשימה, די ווערטער־הערות אונטער טעקסטן, די רעצענזיעס. קיין צײַט האָט דאָך נישט געפֿעלט, און די ביכער האָט מען געקענט דערגרייכן.

פֿאַראַן עטלעכע גוטע פּרווון פֿון פֿרעמדווערטער־ביכער: יונה טרובניקס, זשיטאָמיר 1887 (מיט וווּנדערלעכע ייִדישע אויסטײַטשן) 83 זז'; ד"ר א.־ב. ראָזענשטיינס, וואַרשע 1919, 514 עמ'; לעקסיקאָן פֿון פּאָליטישע און פֿרעמדווערטער, צונויפֿגעשטעלט: ב. סלוצקי; רעדאַקציע: י. ליבער־בערג, ה. קאָזאַקעוויטש; מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון י. ליבערבערג. קיִעוו 1929, 1005+[1]+V זז' (איך קוק ווידער אַוועק פֿון זײַטיקערע זאַכן, וואָס מע האָט אָבער געדאַרפֿט דורכקוקן). פֿאַר וואָס האָט דער אוצר אויסגעקליבן פּונקט א. מאַב און פּ. קאַנטאָראָוויטש? (לעבן קאַנטאָראָווי־טשעס פֿרעמדווערטער־בוך שטייט וואַרשע מיט אַ פֿרעגצייכן. אין ייִוואָ געפֿינט זיך אַן עק־זעמפּלאַר, שטייט קלאָר: „10טע אויפֿלאַגע, וואַרשע 1923".)

איין קשיא מוז איך אַוועקשטעלן גאָר אויסגעטיילט. די לעצטע יאָרן זע־נען פֿון דעסט וועגן צוגעקומען בײַ אונדז אויך לעקסיקאָגראַפֿישע נײַסן. דאָס איז דער גרויסער מלון אידי־עברי מלא אין צוויי שיין געדרוקטע קוואַרטבענד, אין איינעם 619 זז', וואָס עס האָט אונדז געשענקט אַ הייסער, עניוותדיקער און שטילער פֿאָלקסמענטש מיטן נאָמען אַבֿרהם בערעזניאַק (אבק) און וואָס איז אָפּ־געדרוקט געוואָרן אין פּאַריז ממש אונטערן חלף פֿונעם צורר אין די יאָרן תּרצ"ט—תּש"א. אַ צווייטער ווערטערבוך איז: העברעיִזמען אין דער ייִדישער שפּראַך פֿון ישׂראל שטיינבערג בײַ דער מיטבאַטייליקונג פֿון פּראָפֿ' אַ. רויכ־ווערגער, אַרויס אין וורָאָצלאַוו 1949, 335 זז'; דאָס איז דער ערשטער ווערטערבוך וואָס ער ברענגט פֿאַר אַלע לשון־קודש־ווערטער מראה־מקומות פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. ווי אַזוי איז דאָס געוואָרן, וואָס אַזעלכע צוויי גרויסע אַרבעטן (די ערשטע האָט אַ סך אידיאָמאַטיק) זענען נישט דערגאַנגען צום אוצר?

העכער 40 מקורים פֿון טערמינאָלאָגיע ברענגט די ביבליאָגראַפֿיע. איז דאָך גוט. ווי זשע קען דאָס זײַן גוט, אַז צענטראַלע אַרבעטן זענען געבליבן אין דרויסן:

דער רוסיש־ייִדישער רעכטלעך־אַדמיניסטראַטיווער ווערטערבוך, וואָס איז אַרויס בײַ דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון אוססר אין קיִעוו 1941, האַלט 278 זז' און 5124 פֿאַרייִדישטע רוסישע טערמינען. לפֿי דעתּי איז דאָ פֿאַראַן אַ סך פּסולת אין דער טערמינאָלאָגיע. אָבער אויף איר האָבן געאַרבעט ספּעציעלע מענטשן און צווישן זיי נישט קיין אַנדערער ווי נחום שטיף. ס'איז אַן אַרבעט פֿון דער ייִדישער לינגוויסטיק. אַ נישט ווינציקער צענטראַלע פּאָזיציע אין דער ייִדישער טערמינאָלאָגיע פֿאַרנעמען א. זאַרעצקיס גראַמאַטישע טערמינען. אַ סך זענען געוואָרן אַ מינהג אין ייִדישע שולן פֿון אומעדום, כאָטש אַ סך אַנדערע וועט מען געוויס מוזן פּסלען. ס'ווערט דערמאַנט זאַרעצקיס גרויסע גראַמאַטיק. אָבער די גראַמאַטיק איז אַרויס נאָך 1926 (נישט 1927; און איר גאַנצער טיטל איז: פּראַקטישע ייִדישע גראַמאַטיק פֿאַר לערערס און סטו־דענטן), און פֿון דעמאָלט אָן האָט זאַרעצקי געשאַפֿן פֿאַרשידענע טערמינען, זיי געבראַכט אין פֿאַרשידענע ביכער און טיילאַרבעטן, אויך אין ספּעציעלע טערמינאָלאָגישע צעטלען. אין פֿראַגן פֿון ייִדישער שפּראַך (זען פֿריִער) האָט ער צוויי גרויסע ספּעציעלע אַרבעטן; איינע: „גראַמאַטישע קלאַסן" (זז' 156—187); די צווייטע: „ייִדישע לינגוויסטישע טערמינאָלאָגיע" (זז' 5—70). די טערמינאָלאָגיע האַלט 610 טערמינען. פֿון דעם אַלעמען ווייסט נישט דער אוצר.

פֿון זינט וויסנשאַפֿטן זענען געוואָרן אַן ענין פֿון ייִדישע שולן איז אַ שיין ביסל אָפּגעטאָן געוואָרן אין פֿאַרשידענע טערמינאָלאָגיעס. די אַרבעטן זענען צעוואָרפֿן איבער אַלע שבֿעה ימים

פֿון אונדזער פּעדאַגאָגישער און לינגוויסטישער ליטעראַטור. מ׳האָט זיי באַדאַרפֿט אויסזוכן ביז איינער. מ׳האָט נישט געטאָרט דורכלאָזן אַזאַ גוט געבויטע „עלעמענטאַר מאַטעמאַטישע טערמינאָלאָגיע״ ווי זאַרעצקי האָט אָפּגעדרוקט נאָך אין מאָסקווער קולטור און בילדונג, 1920 (געבליבן נישט פֿאַרענדיקט). אין די נײַע שול, ווילנע, זענען (אַחוץ הוספֿות) געווען געדרוקט נישט דרײַ, נאָר פֿיר טערמינאָלאָגיעס, אויך אַ „טערמינאָלאָגיע פֿון אַריטמעטיק און אַלגעברע״ (1921). אַ טערמין איז אַ גרויסער קרן. פֿאַר וואָס האָט מען נישט צונויפֿגעקליבן די טערמינען וואָס מאַקס ווײַנרײַך האָט אײַנגעפֿירט אין ווילנער לערער־סעמינאַר (אַ יאָר אַרבעט אין יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע, ווילנע 1928, ז׳ 39); וואָס בירנבוים האָט געניצט אין זײַן ווערטערביכל פֿון תּרפּ״ב און אין יידיש לשון, צווייטער באַנד, לאָדזש תּרצ״ג; וואָס יודל מאַרק האָט אין הסכּם מיט פֿריִערע פּרוּוון סטאַנדאַרדיזירט אין זײַן שולגראַמאַטיק (קאָוונע 1921, 1923) און שפּעטער; אאַז״וו. ווי איז דאָס צו פֿאַרשטיין, אַז אַפֿילו ווײַנרײַכס טערמינאָלאָגיע פֿון זײַנע אַרבעטן „ייִדיש״ און „ייִדישע פֿילאָלאָגיע״ אין דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע איז אַדורכגעלאָזט געוואָרן: קדמון־ייִדיש, בראשית־ייִדיש, מיטן־ייִדיש, פּסיכישע פֿונקציע, שמעלצשפּראַך אאַז״וו; „אַנטפּלעקערישע״ שריפֿטן.

צו דער פֿראַזעאָלאָגיע רופֿן זיך אָן די אייגענע תּרעומות.

לייבל טויבשעס תּלמודישע עלעמענטן אינעם ייִדישן שפּריכוואָרט מיט אַן אָנהאַנג תּלמודישע געפֿליגלטע ווערטער אין דער ייִדישער שפּראַך (צוליב וואָס האָט מען געדאַרפֿט דורכלאָזן דאָס אונטערקעפּל?) זענען טאַקע אַרויס תּרפּ״ח, אָבער דאָס אייגענע יאָר נאָך איז אַרויס אַ „צווייטע, פֿאַרבעסערטע און פֿאַרמערטע אויפֿלאַגע״, וואָס זי האָט צובאַקומען „מער פֿון צוויי הונדערט נײַע ציטאַטן: אַן ערך פֿון פֿופֿציק שפּריכווערטער מיט זייערע תּלמודישע פּאַראַלעלן און איבער הונדערט פֿופֿציק ׳געפֿליגלטע ווערטער׳. חוץ דעם קומען אויך נאָך צו מערערע נײַע אָנמערקונגען אַזוי גוט צו די פֿריִערדיקע ווי צו די נײַע ציטאַטן״, ווי עס גיט איבער דער מחבר אין אַ הוספֿה צו דער הקדמה (ז׳ 16). אָבער נאָך מער פֿאַרדראָס איז, וואָס די דורכגעטראַכטסטע רשימה פֿאָלקסווערטלעך וואָס מיר פֿאַרמאָגן, אַלפֿרעד לאַנדויס Sprich-wörter und Redensarten אין מ. גרונוואַלדס *Jahrbuch für jüdische Volkskunde*, I, בערלין־ווין 1923, איז אויך נישט אָנגערופֿן. לאַנדוי איז דאָ בכלל געבראַכט נאָר זינט ער האָט זיך באַוויזן אויף ייִדיש (אויך נישט אַלדינג). ס׳איז דאָ עפּעס אַ חרם אַזאַ: פֿון מקורים אויף נישט־ייִדישע לשונות נישט אָנצונעמען קיין איין ייִדיש וואָרט. נישט אַפֿילו די גרויסע קאָלעקציע *Mitteilungen für jüdische Volkskunde* איז באַאַרבעט געוואָרן. אידיאָם און ווערטל, שפּירט איר, איז אין דעם אוצר אַן עיקר, ווי אַזוי זשע לאָזט מען דורך אַזעלכע רשימות ווי י.־ל. כּהן, דער ייִד וועגן זיך און וועגן אַנדערע אין זײַנע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן, אַרויס 1933 בײַם ייִוואָ אין ניו־יאָרק (243 נומערן), און שלום־עליכמס טײַטשווערטלעך, געזאַמלט פֿון יוסף קוצענאָגי, לאָס־אַנדזשעלעס תּרפּ״ה? און טאַוויאָווס אוצר המשלים והפּתגמים, בערלין תּרפּ״ב, האָט מען געמעגט דורכלאָזן? און די צוויי זייער וויכטיקע אַרבעטן זײַנע „היסודות העברים בז׳ארגון״ און „היסודות הסלאביים בז׳ארגון״ (איבערגעדרוקט אין כּתבי י.־ח. טביוב, בערלין תּרפּ״ג)? אָדער אַזאַ כאַראַקטעריסטישער פּרט פֿון אומקריטישן צוגאַנג צו די מקורים: אויף צו אָריענטירן זיך בעסער אינעם לשון־קודש־עלעמענט איז געניצט געוואָרן אויך אַ העברעיִשער ווערטערבוך. איז וועלכער אַ שטייגער? גרזובסקי־ילינס קליין ווערטערביכל המלון העברי און נישט לכּל־הפּחות י. גורס מלון עברי, וואָס איז פֿאַראַן הײַנט אין אַ דריטן איבערדרוק פֿון 1949.

די לעקסיקאַלישע מקורים האָט מען געדאַרפֿט אויסשעפּן סיסטעמאַטיש און אַבסאָלוט אַלע: געשלאָסענע זאַמלונגען אַזוי גוט ווי פֿראַגמענטן און אַד האָק אויפֿגעשטעלטע צעטלען — יעדע אַרבעט וואָס איר אָביעקט איז ייִדיש לשון איז אַ מקור פֿאַר זײַן אינווענטאַריזירונג. אַ פֿולן צעטל פֿון אָט די מקורים האָב איך דאָ נישט געקענט געבן (פֿון די געבראַכטע איז דער אויסלייג פֿאַראיינהייטלעכט). איך מוז אויך אָפּלייגן דעם צעטל פֿון מײַנע מילואים צום מאַטעריאַל.

דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך האָט לעת־עתּה גרויסע בלויזן. פֿון דעסט וועגן, וואָלט איך זייער נישט געוואָלט אַז פֿון מײַן קריטיק פֿון אָט די בלויזן זאָל ער אַרויס אין גאַנצן שוואַרץ. דאָס וואָלט געווען נישט דער אמת. אין סך־הכּל איז ער נישט נאָר אַ נײַס, נאָר אויך אַ פֿאַרמעסט אין דער ייִדי־שער לעקסיקאָגראַפֿיע.

אונדזער האָפֿענונג איז, דער אוצר זאָל דערלעבן וואָס גיכער אַ נײַע אויס־גאַבע און זאָל מאַכן אין איר די תּיקונים אין דער סטרוקטור און אין חומר, אין וועלכע ער נייטיקט זיך.

צו ח. גינינגערס אַרטיקל וועגן אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך

פֿון מ. ווײַנרײַך

איך נעם אָן מיט פֿאַרגעניגן דעם אָנבאָט פֿון דער רעדאַקציע ייִוואָ־בלעטער צו געבן מײַנע הגהות צו ח. גינינגערס אָפּשאַצונג פֿונעם אוצר. ס'איז טאַקע אין דער טראַדיציע פֿון ייִוואָ אי דאָס דרוקן רעצענזיעס אויף אייגענע אויסגאַבעס, וואָס זײַנען ניט דווקא לויבגעזאַנגען, אי דאָס דיסקוטירן בײַ זיך גופֿא פּראָבלע־מען וואָס ווערן אָנגערירט אין די רעצענזיעס. כ'וועל אַרויסנעמען מערניט גע־ציילטע פּונקטן.

1. וועגן דעם ענין נאָרמע אין קולטורשפּראַך האָט מען געמעגט מאריך זײַן נאָך מער איידער גינינגער האָט דאָס געטאָן, מחמת פֿון די הלל־אַרטיקלען אין דער ייִדישער פּרעסע, וואָס האָבן באַגריסט דעם אוצר, זעט זיך אַרויס, אַז די נאָרמאַטיווע פֿונקציע זײַנע האָט מען באַנומען צום ווינציקסטן. און איך שטים ניט אײַן מיט גינינגערן, אַז בײַ לײַטן „זײַנען... נאָרמאַטיווע ווערטער־ביכער אַ ביסל אַרויס פֿון דער מאָדע״ און די נייטיקייט פֿון נאָרמירן בײַ אונדז דרינגט אַרויס נאָר פֿון דער ספּעציפֿישער סיטואַציע פֿון דער ייִדישער קולטור־שפּראַך. גינינגערס זאָג גילט יאָ פֿאַר אַזאַ שפּראַך ווי פֿראַנצייזיש; דאָרטן האָט טאַקע די אַקאַדעמיע, לויט רענאַנס אָן אויסדרוק, „געשאַפֿן די שפּראַך״, און נאָך דעם ווי מען האָט אַ פּאָר הונדערט יאָר מקבל באהבה געווען אַלע דעקרעטן זײַנען אויפֿגעשטאַנען אָפּאָזיציאָנערן, וואָס אי זיי ווידערשפּעניקן אי זיי שמייכ־לען. אָבער אויף אַ טוץ אַנדערע שפּראַכן (און צווישן זיי אַזוינע פֿאַרשיידענע ווי ענגליש, שוועדיש, טשעכיש) וואָלט איך געקענט ווײַזן, אַז ס'איז דווקא פֿאַר־קערט: הײַנט וויל דער עולם אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס איידער מיט אַ דור צוריק, מען זאָל אים זאָגן, וואָס ס'איז ריכטיק.

דער מען מיינט מענטשן וואָס ווייסן. טאָ ווי אַזוי קען געמאָלט זײַן, אַז די צו וועמען מען ווענדט זיך זאָלן צווישנווײַז צווישן זיך גופֿא זײַן מחולק? דאָס נעמט זיך דערפֿון וואָס ריכטיק האָט לכּל־הפּחות צוויי פֿאַרשיידענע טײַטשן.

איין מאָל מיינט ריכטיק דעם היפּוך פֿון גרײַזיק.

אויף דער הײַנטיקער מדרגה פֿון ייִדיש האָבן מיר ניט וואָס צו דיסקו־טירן וועגן דעם, אַז „איך האָב געגייט״ איז אַ גרײַז, הגם איך האָב געגאַנגען איז אַ פֿאַרעם וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ היפּשער טעריטאָריע אַרום גראָדנע און ווער עס וויל מעג מיינען, אַז סוף־כּל־סוף וועלן אַלע שטאַרקע פּאַרטיציפּן פֿאַרביטן ווערן דורך שוואַכע; אָט האָבן מיר דאָך געשפּײַט לעבן געשפּיגן, געבילט לעבן געבולן. דאָ איז ניט שייך צו שפּאַרן זיך; איך בין

געגאַנגען איז די נאָרמע. אָבער ווי אַזוי איז מיט „אינערלעכע אורזאַכן״? בײַ מיר איז דאָס אַזוי מוקצה ווי „איך האָב געגייט״; איך זאָג אינעווייניקסטע סיבות. אָבער אויף צו פּועלן בײַ אַנדערע מוז איך ניצן אַן אַנדער סאָרט אַרגומענטן. בײַ „איך האָב געגייט״ איז געווען אַ פּראָבלעם פֿון קענטעניש, דאָס גאָר.

אָבער ווען מיר שטעלן אַוועק אינעווייניקסטע סיבות קעגן „אינערלעכע אורזאַכן״ מיינט ריכטיק: דאָס וואָס עס איז בהסכּם מיטן שפּראַכגוסט און מיטן שפּראַכטאַקט. ממילא איז דער שטח פֿון חילוקי־דעות דאָ אַ גרעסערער. טייל שפּראַך־באַנוצערס וועלן זיך אײַנהערן אין דער דיסקוסיע און וועלן אַליין פֿאַר זיך אָפּוועגן פֿאַר און קעגן. אַנדערע זײַנען ניט בכּוח מיטצוגיין מיט דער אַרגומענטאַציע, אָבער זיי וועלן זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן אויטאָריטעט פֿון דעם בעל־פּלוגתּא, צו וועמען זיי האָבן מער סימפּאַטיע. אָט אַזוי שאַפֿט זיך צו ביסלעך, דורך שפּיל און קעגנשפּיל, אַ פֿאָרמולירטע נאָרמע. בלויז בנוגע פֿאַלן ווי „איך האָב געגייט״ איז די נאָרמע אַ ליניע; אין פֿראַגעס פֿון ווערטער־אָפּקלײַב און סינטאַקסיס איז זי גאַנץ אָפֿט אַ גרענעץ־זאָנע, מיט אַ מאָס פֿרײַהייט פֿאַרן יחיד.

בײַ אונדז איז די פּראָבלעם נאָרמירונג נאָך האַרבער, און עס איז קלאָר פֿאַר וואָס. בײַ לײַטן שאַפֿט די שול דעם ברייטן באַזיס פֿאַר אַ הסכּם וועגן גרונטזאַכן, און אין מיזרח־אייראָפּע זײַנען מיר אויך געווען אויף אַ דרך: ס׳האָט געווירקט די שול מיט איר עצם כּוח, און די צוזאַמענאַרבעט פֿון צישאָ מיטן ייִוואָ האָט אונטערגעהאָלפֿן. אַזוי זײַנען אַ שטייגער מיר זײַנען און מיר זענען פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן ווי גלײַך באַרעכטיקטע וואַריאַנטן און „מיר זאָגן״ איז אָפּגעפֿאַלן ווי אַ קולטורשפּראַכיקע מיגלעכקייט. אָבער הײַנט, אָן מיזרח־אייראָפּע, זײַנען מיר געבליבן כּמעט אָן דעם רעגולירנדיקן כּוח פֿון אַ שול, און ממילא זײַנען מיר צוריק דערגאַנגען צו אַ דרגא, וווּ אַפֿילו וועגן פֿאַקטן פֿון דער קאַטעגאָריע „איך האָב געגייט״ איז ניט תּמיד פֿאַראַן אַ פֿולער הסכּם.

צי דאַרף מען גאָר אַ נאָרמע אין גאַנצן פֿאַר ייִדיש? דאָס געווענדט זיך אין דעם, וואָסערע אַמביציעס מען האָט. ס׳איז בפֿירוש ריכטיק, אַז שפּראַך קען זיך זײַן אָן אַ פֿאָרמולירטער נאָרמע, אַפֿילו אָן אַ פֿאָרמולירלעכער נאָרמע, און מען זאָל זיך גאַנץ פֿײַן קענען פֿאַרשטיין איינס דאָס אַנדערע: מענדעלע, לינעצקי און דיק האָבן דאָך געשאַפֿן אין איין צײַט. אָבער קולטורשפּראַך, דאַרף מען גדענקען, קען ניט געמאָלט זײַן אָן קולטור־ווילן, און דאָס איז כּולל אין זיך די שטרעבונג צו אַ נאָרמע. אַנאַרכיע האָבן מיר איבער גענוג אָן דעם אין אונדזער לעבן בכלל און אין דער באַציִונג צו אונדזער שפּראַך בפֿרט. ניט אומזיסט גייט דאָס ווערטל: ווען אַן ענגליש־לייענער טרעפֿט אָן אויף אַ וואָרט וואָס ער קען ניט גיט ער אַ קוק אין ווערטערבוך; אָבער ווען אַ ייִדיש־ריידער ווייסט ניט דעם פּשט פֿון אַ וואָרט האָט ער טענות — צו דער צײַטונג, אָדער צו די ייִדישיסטן, אָדער צום ייִוואָ: וואָס ניצן זיי ווערטער וואָס מען פֿאַרשטייט ניט (מיטן „מען״ מיינט ער זיך).

2. אָבער אויב איך גיי זיך צונויף מיט גינינגערן וועגן דעם ענין נאָרמע גיי איך זיך פֿונאַנדער מיט אים וועגן אַ סך פּרטים. ספּעציעל איז דאָס שייך צו דער ראָלע פֿון דײַטש אין אונדזער שפּראַך. גינינגער וועט זאָגן, אַז איך בין מער אָפּאָרטוניסטיש; איך וועל דאָס אָנרופֿן: מער רעאַליסטיש, כאָטש עס קען געמאָלט זײַן, אַז ווען מיר זאָלן זיך הלילה אין גאַנצן מיאש זײַן אין דער מיגלעכקייט פֿון באַווירקן די טאָג־טעגלעכע פּראַקטיק וועט זײַן גאַנג פֿון שטרעבן צו פֿולער שלמות („יקוב הדין את ההר״) זיך אַרויסווײַזן פֿאַר מער אָנגעלייגט.

גינינגער איז גערעכט, וואָס ער מאַכט אַ חילוק פֿון דײַטשמעריש ווי אַ סטילמיטל ביז דײַטש ווי אַן אומגליק (מען וואָלט דאָס געקענט אָנרופֿן: דײַטש־

מעריזם כּלפּי דײַטשיזם). אָבער פֿאָרט טאָר מען ניט פֿאַרגעסן, אַז אין משך פֿון דורות איז דײַטש, וויסיקערהייט צי אומוויסיקערהייט, געווען אַ מין מעס־טער פֿאַר ייִדיש, און פֿון זינט דער השׂכּלה האָבן אַלע באַוועגונגען רק געשעפּט פֿון דײַטש; אַ מאָל ווײַל מען האָט זיך געפֿוילט צו טראַכטן (דאָס גופֿא פֿאָדערט אַ קולטור־היסטאָרישן אויסטײַטש) און אַ מאָל ווײַל ס'איז אפֿשר טאַקע שווער געווען צוצוטראַכטן. הײַנט שטייען מיר פֿאַרן פֿאַקט, אַז מיר האָבן אין מויל און אין טינטער פֿון ייִדיש־ריידערס הונדערטער ווערטער, וואָס לכתּחילה וואָלט מען זיי ניט געווען געדאַרפֿט אַריבערלאָזן איבער דער שוועל.

אָבער וואָס טוט מען בדיעבֿד? פֿאַראַן דרײַ מיגלעכע רעאַקציעס. איינע זאָגן: מה רעש? גאַנץ פֿײַנע ווערטער! און אַז דײַטש איז וואָס? אויב מיר ניצן אַזעלכע דײַטשע ווערטער ווי טיש און וואַנט, פֿאַר וואָס ניט וואַרום? אָדער אירגענד וועלכער? גינינגער זאָגט: דאָס זײַנען אַלץ באַרבאַריזמען, ס'איז לא יזכר ולא יפּקד, די אַלע אַרײַנרײַסערס דאַרף מען דעפּאָרטירן! און איך גיי מיטן גאַנג (כאָטש מײַן האַרץ, בין איך מודה, איז מיט גינינגערן), אַז מען קען ניט סתּם צוריקדרייען די ווײַזערס אויפֿן שפּראַכזייגער און אָנהייבן איבער אַ נײַס דאָרטן ווו עס האָט זיך אָפּגעשטעלט... ווער? זשיטלאָווסקי? פּרץ? ליפּשיץ? מענדעלע? יוסף פּערל? אַפֿילו אַן אַקוטע קרענק וואָס איז „איבערגעגאַנגען אין גאַנצן" לאָזט איבער, ווייסן מיר, פּסיכישע און פֿיזישע שנאָרן; הײַנט ווער רעדט נאָך אַ כראָנישע קרענק וואָס איז אַזוי לאַנג פֿאַרשלעפּט.

מוז איך דעריבער מיט אַ שווער געמיט, איידער איך קען רעקאָמענדירן עפּעס בעסערס, איבערלאָזן אַן אַ קלין אַזוינע ווערטער ווי פּליכט, לײַכטזיניק, אַפֿילו פֿאַרפֿאָלגטער און באַגרינדעט. לעת־עתּה מוזן מיר זען צו שטאַרקן דעם אַנטיבאַרבאַריסטישן שטראָם, אָבער מיר קענען זיך ניט פֿאַרמעסטן אויף קיין פֿולן נצחון.

דאָס הייסט ניט, פֿאַרשטייט זיך, אַז בײַ טייל ווערטער וואָס גינינגער ברענגט אויף ז' 186 האָט ניט געדאַרפֿט קומען קיין קלין; אויף אַ גרויסן יאַריד, אַפֿילו ווען מען פּאַקט דעם גרעסטן טייל געזעץ־ברעכערס, וועלן אַנדערע זיך אַרויס־דרייען. וועגן פּרט־פֿאַלן מוז זײַן אַ שקלאַ־וטריאַ.

3. היות עס איז געקומען צו רייד וועגן דעם ענין קוואַליפֿיצירן און די אופֿנים פֿון קוואַליפֿיצירן וויל איך דאָ מוסר־מודעה זיין: די גאַנצע אַחריות איז אויף מיר. חוץ וואָס איך בין דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן אוצר און צוגעגעבן אַ שפּאַר ביסל מאַטעריאַל, האָב איך דאָס פֿאַרגעלייגט דעם מחבר פֿונעם אוצר אַרײַנצוברענגען עלעמענטן פֿון קוואַליפֿיקאַציע און דאָס האָב איך אין מײַן פֿונקציע פֿון אַ רעדאַקטאָר צוגעשטעלט אַלע סימנים וואָס זײַנען פֿאַראַן בײַ טייל ווערטער אין דעם בוך. גינינגער האָלט, אַז איך בין ניט געווען גענוג מחמיר; איך האָב אָקערשט געפּרווווט ווײַזן (און ס'שטייט אויך וועגן דעם אין די אַרײַנפֿיר־פּרקים צום אוצר גופֿא), פֿון וואַנען עס וואַקסט מײַן רעלאַטיווע „טאָלעראַנץ". וועל איך דעריבער נאָר צוגעבן מײַן פֿאַרענטפֿער וועגן דעם ענין אַמעריקאַניזם.

גינינגער זאָגט, אַז דאָס איז אַ באַצייכענונג פֿון עטימאָלאָגיע, און ער איז גערעכט; אָבער ער איז זייער ניט גערעכט, ווען ער מיינט, אַז צו קוואַליפֿיצירן פֿאַרן באַנוץ האָט עס ניט.

אָט לייענט איר אַ שטייגער אין אוצר: (1) פּנעוומאָניע, ניומאָניע [אַמ]; (2) סאַרווער, ... דערלאַנגער, קעלנער, ווייטער [אַמ]. אין אַלע דוגמאות פֿון דעם מין איז [אַמ] אַ סיגנאַל. אין (1) איז דאָס דער טײַטש: „ניומאָניע" איז גרײַזיק, די קאָרעקטע ייִדישע פֿאָרעם איז פּנעוומאָניע. אין (2) לאָזט דאָס אונדז הערן: סאַרווער, דערלאַנגער, קעלנער זײַנען כּלל־שפּראַכיקע ווערטער; ווייטער קען

מען ניצן ווען מען רעדט צו אַמעריקאַנער ייִדן וועגן אַמעריקאַנער פֿאַרהעלטענישן.

הייסט עס: דער סיגנאַל הייסט אָפּשטעלן זיך אויף אַ רגע און זיך פֿאַרטראַכטן. ביי אונדזער הײַנטיקן גראַד אומשפּירעוודיקייט אין הילכות אַמעריקאַניזמען זײַנען אַזוינע וואָרן־צייכנס, דוכט זיך, אַ היפּשער אויפֿטו.

4. אַוודאי איז גינינגער אין גרונט גערעכט, אַז בעסער וואָלט געווען, ווען דער אוצר זאָל אויך געווען אָנווײַזן ביי אַלע סובסטאַנטיוון דעם גראַמאַטישן מין, ביי אַלע ווערבן דעם צווייטן פּאַרטיציפּ וכו׳. אָבער אַחוץ וואָס צײַט איז געווען אַ מניעה (וועגן דעם ווײַטער) זײַנען נאָך די פּרינציפּן פֿון אַזאַ נאָרמירונג ניט גענוג אויסגעאַרבעט. אָט שרײַבט דאָך אַפֿילו גינינגער דער בוך, און ער האָט זיך דערויף מאָטיוון. איצטער, מיטן אוצר אין האַנט, וואָלט מען געדאַרפֿט צונויפֿשטעלן מאָטיווירטע נאָרמיר־פּראָיעקטן און זיי אַוועקשטעלן צו דיסקוסיע. בנוגע דעם מין, למשל, וועט זיך יעמאָלט אַרויסווײַזן, וואָסערע סובסטאַנטיוון עס קענען באַשטאַט ווערן קאַטעגאָריעסווײַז (אויף ־קייט, ־שאַפֿט, ־ונג, ־ות) און וואָסערע דאַרפֿן באַקומען דעם גראַמאַטישן מין אינדיווידועל; ווו איז שוין די פּראַקטיק גענוג פֿעסט, אַז מען זאָל קענען פּראָקלאַמירן דאָס „הרגל־רעכט" פֿאַר „כלל־רעכט"; און ווו עס פֿאָדערט זיך טאַקע בפֿירוש אַ פּסק נאָכן אָפּוועגן אַלע אַרגומענטן.

ס׳איז מיר אַ חידוש פֿון דעסט וועגן, וואָס גינינגער האָט ניט דערזען, אַז אַ היפּש שטיקל וועגס אין פּרט פֿון נאָרמירן גראַמאַטישע קאַטעגאָריעס איז דער אוצר יאָ אָפּגעגאַנגען. טאַקע ניט בפֿירוש, אָבער בעצם — פּשוט אין דעם אופֿן ווי ער האָט פּרעזענטירט דעם שפּראַכיקן מאַטעריאַל, ספּעציעל די פּראַזעאָלאָגיע און די שפּריכווערטער. די אַחריות פֿאַר די פּרינציפּן פֿון דער דאָזיקער פֿאַראיינהייטלעכונג פֿאַלט אַגבֿ אויך אויף מיר.

5. נאָך דעם ווי גינינגער שטעלט זיך אַזוי אײַן פֿאַר נאָרמירן קומט אויס ביי מיר ווי אַ סתּירה, וואָס אויף ז׳ 184 ווערט ער גאָר אַן אַפּיקורס אין דער מיגלעכקייט צוצוקומען דורכן אוצר צו אַ העכערער מדרגה ייִדיש־קענען. אַוודאי איז אַ ווײַטער מהלך פֿונעם פֿאַרבן־קעסטל ביזן בילד, און מיר ווייסן פֿון גענוג פֿאַלן, ווען מענטשן ברענגען אויס לײַוונט, פֿאַרבן און צײַט און ס׳ווערט אַלץ ניט קיין בילד וואָס זאָל האָבן אַ טעם. חוץ מאַטעריאַל דאַרף מען נאָך האָבן דעם ווילן און מען דאַרף קענען. אָבער פֿאָרט איז נ. סטוטשקאָווס מעטאַפֿער באַרעכטיקט אין דעם זינען, וואָס אָן פֿאַרבן קען אַפֿילו אַ רעמבראַנדט גאָרניט אויפֿטאָן.

מיט אַ מאָל ווערט גינינגער אַן אָנהענגער פֿון דער רוח־הקודש־טעאָריע: „אָנגרייטן זיי [די ווערטער] פֿון פֿריִער קען מען נישט". נו אַוודאי, האָבן אַ קאָלעקציע ווערטער, אין אַן אַלף־בית־סדר צי אין אוצר, מיינט נאָך ניט וויסן, ווען און ווי אַזוי זיי צו ניצן. אָבער מען קען דאָס לערנען און מען קען האָבן אַ פּעולה אין לערנען. טאַלענט איז בעסער ווען ער איז אונטערגעשפּאַרט מיט וויסן (דערמאָנט זיך אין ווײַסנבערגן). און אָנגעגרייטע ווערטער צום אויסקלײַבן איז פֿאָרט גאָר עפּעס אַנדערש ווי זײַן אויסגעשטעלט נאָר אויפֿן אייגענעם זכּרון.

צוריק גערעדט, אפֿשר זײַנען יאָ פֿאַראַן מענטשן, וואָס בשעת זיי דאַרפֿן עפּעס שרײַבן, אַבי דער געדאַנק זאָל נאָר זײַן, האָבן זיי באַלד די אַדעקוואַטע שפּראַכיקע פֿאָרעם. אָבער איך קען זיך פֿאַררופֿן אויף עמעצן, וואָס ער איז ביי מיר דער פּוסק־אַחרון אין הילכות שפּראַך: אויף זיך אַליין (גענוג אָפּט נעם איך אָן וואָס יענער זאָגט, אָבער נאָר אויב איך האָב געפּסקנט, אַז יענער

איז געררעכט). דער גאַנצער מאַטעריאַל פֿונעם אוצר איז אַדורכגעגאַנגען דורך מײַנע הענט שיינע עטלעכע מאָל, אי אין כּתבֿ־יד, אי אין קאָרעקטור; נאָר איך קען געוויינטלעך ניט געדענקען אַלץ וואָס דאָרטן שטייט. היפּש אָפּט, בין איך זיך מודה, פֿעלט מיר אַ וואָרט וואָס זאָל מיך באַפֿרידיקן אין גאַנצן; מוז איך זוכן, און ס'איז מיר גוט, וואָס איך קען אַראָפּנעמען פֿון פּאָליצע דעם אוצר.

אַ מאָל (לפֿי־ערך זעלטן) געפֿין איך גרייטערהייט וואָס איך דאַרף; עס טרעפֿט, אַז איך האָב פֿאַרמאַכט דאָס בוך און בין געבליבן מיט גאָרניט; און טייל מאָל קען איך איבערקנעטן דאָס וואָס דער אוצר האָט אָנגעגרייט און מאַכן עס דינען מײַנע צילן. אין אָט דעם לעצטן פֿאַל איז בײַ מיר קיין חילוק ניטאָ צווישן אַ וואָרט וואָס איז נתעלה געוואָרן דורך מענדעלען און אַ העק־וואָרט (לאָמיר פֿאַרצייכענען: ה. גינינגערס אַ טערמין) וואָס טראָגט אין זיך פּאָטענצן נאָך קיין מאָל ניט רעאַליזירטע. דערפֿאַר האַלט איך, אַז דער גאַנג וואָס מער איז דאָ געווען דער בעסטער, און איך זע ניט, וואָס דען מען האָט געקענט טאָן אַחוץ אויססדרן דאָס נאָך ניט געלײַטערטע „שפּראַכוואַרג" לויט די זעלביקע גרופּעס וואָס גילטן בכלל אינעם אוצר. פֿאַר וואָס דאָס זאָל הייסן „צונויפֿשאַרן... אין איין קופּע" איז פֿאַר מיר אַ רעטעניש. איצטער, אַז דער מאַטעריאַל איז אָנגעגרייט, איז די צײַט אים צו סאָרטירן אין וואָסערע קלאַסן מען וויל.

6. ערשט וועגן די גרופּעס ווערטער אינעם אוצר. גינינגער איז גע־רעכט מיט אונטערשטרײַכן די לעצט קאָמפּליצירטע שײַכות צווישן אָביעקט און וואָרט, און די שוועריקייטן וואָס קומען אַרויס דערפֿון, בשעת מען נעמט קלאַסיפֿיצירן ווערטער אין גרופּעס. אין דעם ענין זײַנען טאַקע פֿאַראַן אַ סך מער מיכשולים איידער מען קען אַרויסזען פֿון דעם אַרײַנפֿיר צום אוצר. אָבער ה. גינינגער אַליין האָט מיר צוגעהאָלפֿן מיט אַן ענטפֿער דורך דעם וואָס ער האָט מיר געוויזן די הקדמה פֿון דעם באַוווּסטן שפּראַך־טעאָרעטיקער איי. איי. ריטשאַרדז צו איינער פֿון די אויסגאַבעס פֿון ראָזשעס *Thesaurus*.

אָט זײַנען ריטשאַרדזעס ווערטער:

> בשעת ער האָט אויפֿגעשטעלט זײַן סכעמע פֿון צעטיילונגען איז זײַן דוגמא געווען די ביאָלאָגישע קלאַסיפֿיקאַציע. ער איז געווען אַ דאָקטאָר און דער סעקרעטאַר פֿון דער קיניגלעכער געזעלשאַפֿט [פֿאַר הייבן די נאַטור־וויסנשאַפֿטן]. אָבער מיר דאַרפֿן ניט נעמען צו ערנצט ראָזשעס קאַטעגאָריעס ווי ער גיט זיי. קריטיקירן זיי וואָלט געהייסן אוועקשטעלן די האַרבסטע פּראָבלעמען וואָס קענען געמאָלט זײַן. זיי טוען וואָס מען דאַרף פֿון זיי — דהײַנו, זיי דערמאָנען אונדז סיסטעמאַטיש וועגן אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן ווערטער. „מען נעמט ניט גענוג אין אַכט, האָט געזאָגט ד"ר דזשאָנסאָן, אַז מען דאַרף מענטשן אָפֿטער דערמאָנען [וועגן ענינים] איידער זיי אינפֿאָרמירן".

דאָס אייגענע, האַלט איך, איז שייך אויך צום ייִדישן אוצר. דער אויס־פּרווו איז ניט אַזוי שטאַרק אין די פֿילאָסאָפֿישע יסודות ווי אין דער פּראַקטיק: אויב מען קען לפֿי־ערך גרינג געפֿינען וואָס מען דאַרף, איז אַ סימן, אַז די קלאַסיפֿיצירונג האָט זיך באַרעכטיקט, אַלץ איינס צי ס'איז טאַקע אַ סיסטעם ממש אָדער בלויז אַ „סיסטעם".

גינינגער מאָנט, מען זאָל אַנאַליזירן די „פֿעלדער"־שײַכות (איך ניץ כּסדר דעם צווייטן טערמין וואָס ער האָט אויך: „תּחומען"־שײַכות) צווישן ווערטער. זייער גערעכט: ווען מען זאָל זיך אַ שטייגער דערגרונטעווען, ווי אַזוי ייִדיש

ברענגט אַרויס ניואַנסן פֿונעם באַגריף 'חכמה' און מען זאָל עס פֿאַרגלײַכן מיט טרירס בוך *Der deutsche Wortschatz im Sinnbezirk des Verstandes*, וועט מען זיכער אָפּלערנען גאָר אַ סך וועגן דער שפּראַכיקער ספּעציפֿישקייט פֿון ייִדיש לגבי דײַטש. דער אוצר האָט אָט די אַרבעט ניט געקענט אָפּטאָן. אָבער צי האָט ער ניט אָן אַ שיעור פֿאַרגרינגערט אַזאַ אַרבעט דורך דעם וואָס ער האָט אונטער 339. קלוגשאַפֿט און 340. נאַרישקייט אויף אַכטהאַלבן זײַטן צונויפֿגענומען ווערטער און אויסדרוקן וואָס זײַנען שייך אַהער?

7. דאָ איז ניט דאָס אָרט אַרײַנצוגיין אין אַ פּרטימדיקן אַנאַליז פֿון די מקורים צום אוצר און די מעטאָדן פֿון אויסנוצן די מקורים. ס'וועלן זיך נאָך מאַכן געלעגנהייטן. איצט בלויז אויפֿן שפּיץ מעסער וועגן דעם ענין אין אַלגעמיין.

גינינגער קען ניט מוחל זײַן דעם אויסדרוק אינוועגטאַר; וואָס פֿאַר אַן אינ־וועגטאַר, אַז עס פֿעלט אַזוי פֿיל? אָבער ווען עס זאָל געווען פֿעלן דרײַ מאָל מער איידער ער קען אויפֿווײַזן וואָלט איך אַלץ געבליבן בײַ מײַן זאָץ פֿונעם „וואָרט פֿריִער" אין אוצר, אַז דאָס איז „די גרעסטע פֿאַרענדיקטע דערגרייי־כונג פֿון דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע זינט יהושע־מרדכי ליפֿשיצעס ווער־טערבוך־אַרבעט פֿון דריטן דריטל נײַנצנטן יאָרהונדערט".

גינינגער זאָגט דאָך אַליין: „אַזוי פֿיל שפּראַכיקן מאַטעריאַל אויף איין פּלאַץ [ווי אינעם אוצר] האָט זיך די ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע נאָך קיין מאָל נישט פֿאַרגונען". אָבער די לעקסיקאָגראַפֿיע, כּידוע, האָט איר אויסקומעניש נאָר פֿון דעם וואָס די לעקסיקאָגראַפֿן טראָגן איר אין שטוב אַרײַן. ווײַזט זיך אויס דעריבער, אַז ניט געקוקט אויף אַלע גוטע ווערטער פֿאַר דעם „שיינעם גרויסן ספֿר" האָט דער רעצענזענט פֿאָרט ניט דערשאַצט דעם סכום אינטענסיווע און אָנגעצילטע אַרבעט וואָס שטעקט אינעם אוצר.

געוויינטלעך קען געמאָלט זײַן, אַז אַ מענטש זאָל אָפּהאַרעווען אַ לעבן און דער רעזולטאַט זאָל פֿאָרט זײַן מוטבֿ שלא נבֿרא משנבֿרא. אָבער ווי באַלד ניט דאָס איז גינינגער אויסן צו זאָגן איז פּערפֿעקציאָניזם נישט די בעסטע שיטה. וואָס בעסער יאָ; אָבער ניט אַרויסגיין מיט אַן אַרבעט ביז זי וועט זײַן אָן אַ פּגם — דאָס ניט. באַראַכאַוו יוכיח.

באַראַכאַוו איז געווים ווערט אַלע שבֿחים וואָס גינינגער גיט אים דיר־רעקט און אומדירעקט. אָבער איך דאַרף דען דערציילן גינינגערן וועגן די דע־פֿעקטן, וואָס עס לײַדט פֿון זיי אַפֿילו באַראַכאַווס „ביבליאָטעק פֿון ייִדישן פֿילאָלאָג"? וויפֿל פֿונדאַמענטאַלע זאַכן ער האָט ניט געהאַט געזען (אַפֿילו ליפֿ־שיצעס ווערטערביכער האָט ער קיין מאָל פֿאַר די אויגן ניט געהאַט!), וויפֿל אומפּינקטלעכע טיטלען ער האָט געבראַכט פֿון זאַכן וואָס ער האָט יאָ געהאַט געזען, וויפֿל שריפֿטן ער האָט פֿאַלש כאַראַקטעריזירט. איצטער מאָלט זיך אויס, אַז עמעצער וואָלט באַראַכאַוון געפֿרעגט: וואָס איז געווען די אײַלעניש? (אָדער, ווי גינינגער שרײַבט: „קיין צײַט האָט דאָך ניט געפֿעלט".) מען האָט געקענט לאָזן די „ביבליאָטעק פֿון ייִדישן פֿילאָלאָג" פֿאַרן צווייטן אָדער דריטן באַנד פֿון ש. ניגערס פּנקס! אָבער איצט ווייסן מיר, אַז באַלד נאָכן ערשטן פּנקס איז געקומען די ערשטע מלחמה, קיין ווײַטערדיקע בענד זײַנען ניט געווען, 1917 איז באַראַכאַוו געשטאָרבן אין סאַמע ברען פֿון פּאָליטישער אַרבעט, אָפּגעצויגן פֿון לינגוויסטישע אינטערעסן, און זײַן אַרכיוו איז, נאָך אַ סך גילגולים, פֿאַר־שווונדן געוואָרן אין דער צווייטער מלחמה אונטער די חורבֿות פֿון ייִווּאָ אין ווילנע. צי וואָלט גוט געווען, ווען באַראַכאַוו לייגט יעמאָלט אָפּ? אויף וויפֿל אָרעמער וואָלטן מיר הײַנט אַלע געווען, ווען ער טוט דאָס.

איך זאָג דאָס אייגענע אויפֿן אוצר: שאַצן דאַרף מען דער עיקר ניט דאָס וואָס עס פֿעלט אין אים, נאָר וואָס ער פֿאַרמאָגט. גרויסע חסרונות געפֿינט מען אַפֿילו אויפֿן גרויסן וועבסטער, אויף גרימען (וואָס די אַרבעט אויף אים ציט זיך זינט 1854), אַפֿילו אויפֿן אָקספֿאָרדער ענגלישן ווערטערבוך. איך שטים אײַן: ווען מען זאָל געווען אַרבעטן אויפֿן אוצר נאָך פֿינף יאָר, וואָלט ער אַוודאַי געווען רײַכער און אויסגעהאַלטענער. אָבער ווער ווייס וואָס וואָלט זײַן, אַז אין 1955 וואָלט אויך געווען כאָטשבי דער זעלביקער גראַד אינטערעס בײַם עולם, דער זעלביקער אימפּעט בײַם מחבר און בײַם רעדאַקטאָר, די זעלביקע טעכנישע מיגלעכקייטן? און אַפֿילו ווען עמעצער זאָל יאָ געווען ערבֿ זײַן וואָלט איך אויך געשטימט קעגן אָפּלייגן איבער אַ תּוכיקן טעם. ערשט איצט, אַז מען זעט די זאַך ווי זי איז, ווייסט מען, וואָס צו מאַכן בעסער. פֿון וואַנען, כאַפּ איך אָן, וואָלט מען געקענט באַקומען גינינגערס אָנווײַזונגען, וואָסערע מקורים סטוטשקאָוו האָט ניט גענוצט און ווי אַזוי צו טאָן צום בעסטן מיט די מקורים וואָס ער האָט יאָ גענוצט?

צום סוף: די פּראָבלעמען וואָס זײַנען אָנגערירט אין ח. גינינגערס אַרטיקל און אין מײַן תּשובֿה שטייען געווייִנטלעך ניט נאָר בײַ אונדז. ברענג איך דאָ פֿאַר בעלנים די טיטלען פֿון עטלעכע אַרבעטן.

(1) de Tollenaere, F., "Moderne lexicografie in Skandinavië," *Versl. Meded. Kon. Vl. Ac. Taal-en Letterkunde* 1943, 603-687.

(2) Weijnen, A., "Plan voor een ideologische ordening van de woordenschat, vooral der dialecten," *Leuvense Bijdragen* 35 (1943), 61-68.

(3) Kinnander, B., "Sak, ord och uttryck," *Nysvenska Studier* 23 (1943), 1-26.

(4) Grundtvig, V., *Begrebs-Ordböger og Begrebs-Ordforskning,* Köbenhavn, 1945, 32 pp.

Andersen, Harry, *Dansk Begrebsordbog,* [סעפּאַראַטער אָפּדרוק פֿון: Köbenhavn, 1945.]

(5) Matoré, G., et Greimas, A. J., "La méthode en lexicologie," *Romanische Forschungen* 70 (1947), 411-419.

(6) Bergh, L., *Moyens d'exprimer en français l'idée de direction. Étude fondée sur une comparaison avec les langues germaniques, en particulier le suédois,* Göteborg, 1948, 175 pp.

זכרונות און בריוו

די יובילײ־אויסגאַבע פֿון מענדעלעס ווערק

זכרונות פֿון אַ פֿאַרלעגער און 13 בריוו פֿון מענדעלען

פֿון ש. שרעבערק

איך האָב געהאַט די זכיה עפּטער צו זען מענדעלען, און דער עיקר — אין געוויינטלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן. דער זיידע מיטן הויכן שטערן און די שאַרף שפּיציקע קלוגע דורכדרינגלעכע אויגן האָט זיך מיר דעמאָלט שטאַרק אײַנגעקריצט אין זכּרון.

אַ זכּרון איז אָבער ניט קיין אייביקע זאַך. אין אים פֿאַלט אויך אַרײַן שטויב און שימל, פּונקט ווי אין אַן אַלטן אַרכיוו. האָב איך טאַקע באַשלאָסן דורכצולופֿטערן אויפֿן פּאַפּיר מײַנע זכרונות וועגן מענדעלען.

1

אין 1908 בין איך געווען אין אַדעס. ל. לעווינסקי, מיט וועלכן איך האָב מיך דעמאָלט געזען, האָט מיר געזאָגט, אַז מענדעלע בעט מיך, איך זאָל אַרויפֿקומען צו אים. צו מאָרגנס בין איך טאַקע אַוועק צום זיידן און געטראָפֿן אים אַקוראַט בײַם שרײַבטיש. ער איז געזעסן און געפֿינטלט מיט דער פֿעדער איבער אַ ווײַסן בייגעלע פּאַפּיר. ער איז געווען אַזוי פֿאַרטיפֿט, אַז עס האָט גענומען אַ שטיק צײַט ביז ער האָט מיך באַמערקט. מיר זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן אין אַ האַלב געמיטלעך ייִדישלעכן און האַלב סוחרישן שמועס. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, איך זאָל בײַ אים אָפּקויפֿן די לעצטע שריים־עקזעמפּלאַרן פֿון דער קליאַטשע. נאָך דעם זײַנען מיר אַרויפֿגעפֿאָרן אויפֿן שמועס וועגן די נײַע ייִדישע פֿאַרלאַגן וואָס האָבן גענומען וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.

דער זיידע האָט זיך שטאַרק געקלאָגט אויף דעם שלעכטן מזל פֿון זײַנע ביכער. אַפֿילו דער יובילײ־קאָמיטעט וואָס האָט זיך געגרינדעט מיטן צוועק אַרויסצוגעבן זײַנע ווערק באַפֿרידיקט אים אויך נישט. ס׳איז עפּעס נישט קיין זיכערער ענין. זיי וועלן מסתּמא אַרויסוואַרפֿן אויף דער ייִדישער גאַס דעם זיידנס אַ פּאָר ביכלעך, און דאָס וועט שוין הייסן, אַז דער קאָמיטעט האָט זײַנס אָפּגעטאָן.

„און איך וואָלט נאָך געוואָלט זען אויף די עלטערע יאָרן, האָט דער זיידע געזאָגט, אַ פֿײַנע אויסגאַבע פֿון אַלע מײַנע כּתבֿים... איר פֿאַרשטייט, פֿון אַלע כּתבֿים. כּלעבן, עס איז אַ יושר.“

ער האָט זיך שטאַרק געקלאָגט אויף די אַמעריקאַנער פֿאַרלעגער וואָס באַגזלנען אים, דרוקן כּסדר זײַנע ווערק אָן זײַן הסכּמה, און מאַכן אַ פּײַנע מטבע. חוץ דעם לאָזן זיי אַרויס זײַנע ביכער אַזוי פֿאַרקריפּלט און צעקאַליעטשעט, אַז ער קען זייער פּרצוף נישט אָנקוקן.

„אָבער וואָס קענט איר מאַכן מיט זיי? האָב איך געפֿרעגט. יורידיש, זיידע, זײַט איר אומבאַהאָלפֿן. די איינציקע עצה איז, אַז איר זאָלט זיך ווענדן צו דער אַמעריקאַנער ייִדישער פּרעסע... מען דאַרף אויפֿהייבן אַ טומל, מען דאַרף אויפֿרודערן די געמיטער. קיין אַנדער עצה איז נישטאָ.“

„יאָ, פּרעסע־טומל, האָט ער בייז געמורמלט, איז אפשר יאָ אַ שטיקל תּרופה צו די דאָזיקע גזלנים. אפשר זײַט איר טאַקע גערעכט.“

פּלוצלינג האָב איך מיך אָנגערופן:

„זיידע, אפשר מאַכן מיר געשעפט?“

„דהיינו?“

„איך וועל אַרויסגעבן אײַערע ווערק...“

דער אַלטער האָט זיך עפּעס באַלד מאָדנע יונג אַ דריי אויס געטאָן אויפן שטול.

„כלעבן, ס'איז אַן ענין... — האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — ס'איז אַן ענין. אָבער...“

„וואָס אָבער?“

„פֿאַרשטייט איר מיך, אַ קאָמיטעט האָט זיך דאָך פּלומרשט יאָ געגרינדעט... כ'וויס, מען וויל דאָך עפּעס יאָ אַרויסגעבן, נו, און די חבֿרה, די אַמעריקאַנער מיין איך... זיי פֿאַרפּלייצן דאָך די וועלט מיט צעקאַליעטשעטע ביכער וואָס טראָגן מײַן נאָמען. אָבער דאָס וואָס איר לייגט מיר פֿאָר האָט דאָך אַ זינען. איך הער מיך צו. עס געפֿעלט מיר.“

דער אַלטער האָט, ווײַזט אויס, נישט געגלייבט, אַז איך זאָל עס קענען דורכפֿירן. ער האָט נישט געגלייבט, אַז אַ ייִדישער פֿאַרלעגער זאָל קענען אַרײַנלייגן אַ גרעסערן קאַפּיטאַל אין אַזאַ אונטערנעמונג און נאָך צאָלן דעם מחבר האָנאָראַר אויך. ביז אַהער האָט ער געקענט פֿאַרלעגער, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן רומל־ספֿרים. אויב עמעץ פֿון זיי האָט אויך אַ מאָל אַרויסגעגעבן אַ ייִדיש ביכל האָט אים דער מחבר געגעבן אויף הוצאות הדפּוס, און אויב עס האָט פּאַסירט אַז דער פֿאַרלעגער האָט געצאָלט דעם מחבר, זײַנען עס געווען פּשוט גראָשנס...

דעם אַלטנס התפּעלות האָט זיך ביסלעכווײַז אויסגעלאָשן. ער האָט אַרויפֿגערוקט די ברילן אויפֿן שטערן, מיך גוט אָנגעקוקט, נאָך דעם זיך נערוועז, פֿלינק באַוועגט, אַ רײַב געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט און ווידער אַ מאָל מיך גוט אָנגעקוקט.

„ס'איז אַן ענין, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער מען מוז עס פֿריִער גוט באַטראַכטן.“

איך האָב מיך אויפֿגעהויבן און זיך געזעגנט מיטן זיידן. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים צושיקן די ביכער וואָס גייען אַרויס אין מײַן פֿאַרלאַג: „איר זענט דאָך עפּעס אַ יונגער פֿאַרלעגער, האָט ער געזאָגט מיט אַ כיטרע שמייכעלע: לאָמיר זען, וואָס גיט איר אַרויס און ווי גיט איר אַרויס...“

2

צו יענער צײַט האָב איך אַרויסגעגעבן בעל־מחשבֿותעס שריפֿטן און איך האָב מיך שטאַרק באַמיט וועגן זייער אויסווייניקסטן פּנים. אַ בוך איז ווי אַ מענטש, האָב איך געטראַכט, עס דאַרף טאַקע האָבן אינעווייניקסטע מעלות, אָבער עס דאַרף אויסזען לײַטיש אויך.

אַז די שריפֿטן זײַנען אַרויס פֿון דרוק, האָב איך דעם זיידן צוגעשיקט אַן עקזעמפּלאַר. ער האָט מיר געענטפֿערט מיט אַ דאַנקבריוו און מיט אַ ברכה, אַז איך זאָל געהאָלפֿן ווערן און זאָל קענען אַרויסגעבן וואָס מער אַזעלכע גוטע נוצלעכע ביכער אין ייִדיש — און ער זאָל נאָך דערלעבן צו זען אַלע זײַנע ווערק אָפּגעדרוקט אַזוי פֿײַן, נעט און סאָליד ווי בעל־מחשבֿותעס שריפֿטן.

די צײַט איז זיך דערווײַל געגאַנגען, דער „ענין“, ווי דער זיידע האָט אָנגערופֿן מײַן חשק אַרויסצוגעבן זײַנע ווערק, איז געהאָנגען אין דער לופֿטן.

זומער 1910 האָט מענדעלע פֿאַרבראַכט אין פּאָדבראָדז, אַ דאַטשעאָרט נישט ווײַט פֿון ווילנע. ער האָט דאָרט געוווינט צוזאַמען מיט זײַן טאָכטער, די פֿרוי פֿון ד״ר אַבראַמאָוויטש, וועלכע האָט שטענדיק געוווינט אין ווילנע.

מחמת פּאָדבראָדז איז נישט ווײַט פֿון ווילנע האָט זיך דער „ענין“ דאָך אַ ריר געטאָן פֿון אָרט. איך האָב מיך עפֿטער געזען מיטן זיידן און יעדעס מאָל האָבן מיר געשמועסט

װעגן דער אונטערנעמונג. מיט דער הילף פֿון ש. טשערנאָװיץ איז פֿאַװאָליע אויסגעאַרבעט געװאָרן דער גאַנצער פּלאַן צוזאַמען מיט אַ קאָנטראַקט. דער זײדע האָט גענומען גלײבן אין זײַנע כּוחות.

איך האָב באַקומען דאָס רעכט אַרויסצוגעבן אין ייִדיש אַ ל ע װערק פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים — אַפֿילו די װערק װאָס זײַנען תּחילת אַרויס אין העברעיִש נאָר זײַנען איבערגעזעצט געװאָרן אָדער װעלן איבערגעזעצט װערן אין ייִדיש. איך װידער, פֿון מײַן זײַט, בין זיך מתחייבֿ אײַנצוצאָלן דעם זײדן 5,000 רובל האָנאָראַר, אַ סומע װאָס האָט צו יענער צײַט ממש אויפֿגערודערט די ייִדישע פֿאַרלעגער־װעלט. אין דער גרויער לופֿט פֿונעם ייִדישן ביכערמאַרק האָט זי אויפֿגעפּלאַצט װי אַ באָמבע.

דער עולם האָט געצויגן מיט די אַקסלען, אַנדערע האָבן געלאַכט. װי קומען אַ ייִדישער מחבר און אַ ייִדישער פֿאַרלעגער, מישטײנס געזאָגט, צו אַזאַ „גויִישער" סומע? אַנדערע האָבן נישט געגלײבט און האָבן מבֿטל געמאַכט דעם גאַנצן ענין. פֿאַרלעגער האָבן מיר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן אַרײַן, װי מען קוקט אָן אַ משוגענעם, און אײנער פֿון זײ האָט געזאָגט:

„סטײַטש, װי אַזוי בראָקט מען עס אַרײַן פֿינף טויזנט רובל האָנאָראַר אַלײן אין אַזאַ טויטער אונטערנעמונג? לעװינסקי איז דאָך מיט צװײ חדשים צוריק געװען אין װאַרשע און האָט פֿאָרגעלײגט די װאַרשעװער פֿאַרלעגער ‚גאַנץ מענדעלע' בלויז פֿאַר צװײ טויזנט רובל און האָט קײן אײן בעלן נישט געפֿונען..."

װאָס האָב איך געקענט ענטפֿערן דערויף? די זאַך איז דאָך שוין געװען אַ פֿאַרענדיקטע. איצט האָט מען נאָר באַדאַרפֿט ענערגיש צוטרעטן צו דער אויסגאַבע. אַ פֿאַרלעגער איז אָבער בטבֿע אַ שטיקל דיכטער. אפֿשר שטעקט ער זיך אָן פֿון די דיכטער, מיט װעלכע ער קומט אין פֿאַרקער... און דעריבער איז זײַן מײנונג און זײַן דעה נישט תּמיד אויסגעהאַלטן. אין אַ פּאָר װאָכן אַרום בין איך געװען געשעפֿטלעך אין װאַרשע. די װאַרשעװער פֿאַרלעגער האָבן שוין מער נישט גערעדט פֿון דער „משוגענער װילדער סומע". אַנדערע האָבן אַפֿילו באַדויערט, װאָס זײ האָבן דורכגעלאָזט דעם צופֿאַל און האָבן נישט אײַנגעהאַנדלט מענדעלען פֿאַר צװײ טויזנט רובל, װי לעװינסקי האָט זיך געבעטן בײַ זײ. און אָט האָב איך פּלוצלינג באַקומען אַ ידיעה פֿון װילנע, אַז אַ װאַרשעװער פֿאַרלעגער לײגט פֿאָר מענדעלען גאַנצע צען טויזנט רובל פֿאַר זײַנע װערק! איך בין מיך מודה, אַז איך האָב אַ ביסל צוגעשמײכלט בײַ דער דאָזיקער ידיעה. מען האָט אָבער נישט באַדאַרפֿט שמײכלען. עס איז געװען אַן אמת.

צו מאָרגנס האָט מיר טשערנאָװיץ דעפּעשירט, אין מענדעלעס נאָמען, אַז איך זאָל תּיכּף קומען קײן פּאָדבראָדז.

װען איך בין געקומען האָט דער זײדע מיך זײער װאַרעם אויפֿגענומען, מיך אָנגעקוקט, װי זײַן טבֿע איז געװען, אַריבער די ברילן, מיט פֿרײלעכע פֿײַערלעך אין די אויגן און האָט זיך אָנגערופֿן צו מיר בזה הלשון:

„הערט זיך אײַן, ר' שלמה, בושתּי ונכלמתּי... איך שעם מיך פֿאַר אײַך... איר פֿאַרשטײט, עס איז נישט אַהער, נישט אַהין, כאָטש צערײַס זיך... װאָס טוט מען, ר' שלמה, דער יצר־הרע לאָזט מיך נישט לעבן, ער טאָטשעט כּסדר װי אַ װאָרעם: סטײַטש, גזלן, טענהט ער, װי אַזוי װילסטו עס נעמען און אַרויסװאַרפֿן אויף דער גאַס, אויפֿן מיסט פֿינף טויזנט קערבלעך! דאָס איז דאָך אַ הימלשרײַענדיקער חטא! דו האָסט עפּעס אַ סך פֿינף־טויזנטער, גזלן אײנער!"

דער זײדע רוקט אַרויף די ברילן אויפֿן שטערן, פֿאַרזשמורעט אַן אײגל, אין אַ װינקל פֿון מויל באַװײַזט זיך אַ שפּיץ צונג, נאָך דעם ציט ער אַרויף אַ קלוג שמײכעלע אויף די ליפּן און רופֿט זיך אָן עטװאָס שטילער:

„איר פֿאַרשטײט, ר' שלמה, מײַן פֿאַמיליע האָט קענטיק געשלאָסן יד־אַחת מיטן יצר־הרע און מען טאָטשעט מיך צוזאַמען. מען אַרבעט איבער מיר, מען האַלט מיך גוט אין די הענט... אָבער איך הער װאָס דער יצר־טובֿ זאָגט, אַפֿילו זײער אַ שװאַך שטימעלע, ר' שלמה, ממש אַ פּיפּס, אַז איר האָט אָפּגעקויפֿט מײַנע װערק און אַז איר גיט מיר זײער

אַ פּיַינעם פּריַיז, וואָס האָט זיך אַפילו מײַן עלטער־באָבען נישט געחלומט און אַז די זאַך איז פאַרפאַלן, געענדיקט . . .״

תּחילת האָב איך אַפילו געשוויגן, נאָך דעם אָבער האָב איך מיך פּעסט אָנגערופן: „הערט איר, זיידע, אויב איר קענט באמת באַקומען צען טויזנט רובל, בין איך איַיך פון גאַנצן האַרצן מוחל אויף מײַן זכות און אונדזער אָפמאַך גייט לאיבוד. מײַן שׂכר וועט זײַן דאָס, וואָס איך האָב גורם געווען, אַז איר זאָלט באַקומען פאַר אײַערע ווערק אַזאַ הויכע סומע . . . זאָל עס אײַך זײַן מיט מזל, זיידע.״

איך בין אַוועקגעפאָרן פון זיידן מיטן געדאַנק, אַז אונדזער קאָנטראַקט איז בטל געוואָרן און אַז איך בין נישט מער זײַן פאַרלעגער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיר טעלעפאָנירט זײַן איידעם, ד״ר אַבראַמאָוויטש, אַז איך זאָל מיך אַרויסכאַפּן צום זיידן. ער וואַרט אויף מיר און האָט וואָס צו רעדן מיט מיר. געקומען צו מענדעלען, פרעג איך אים: „נו זיידע, וואָס הערט מען? די עשׂרת־אַלפים האָט איר דאָך שוין מסתּמא אין קעשענע . . .״ דער זיידע האָט שטיל צוגעשמייכלט און אַרויפגעוואָרפן די אויגן אויף מיר אַריבער די ברילן:

„הערט איר, ר׳ שלמה, אָט דאָס איז דאָך די מעשׂה, וואָס איך האָב זיי נאָך נישט . . . און נאָך מער: איך האָב עפּעס נישט קיין צוטרוי צו דעם דאָזיקן פאַרלעגער . . . דערוויַיל הער איך גאָר אַלץ הבטחות. אַז עס וועט קומען צו דעם „למען תּספור״, וועט מען זען . . . און אפשר וועל איך נאָך מוזן שפּעטער געבן ראַבאַט, ווי מען גיט ראַבאַט פון פאַרטיקע ביכער, האַ, ווי מיינט איר? עס איז ניט גוט, ר׳ שלמה . . . לבי נוקפי, איך האָב די לעצטע צוויי נעכט ניט געשלאָפן. אָט טאַקע דאָס וואָס איר האָט אַזוי געהאַנדלט און מיך באַפּריַיט פון מײַן וואָרט אָן שום טענות האָט מיר אַ ביסל צעמישט די רעיונות . . .״

איך האָב געשוויגן. מיר זײַנען געזעסן אויף דער וועראַנדע. דער אַלטער האָט אומרויִק אַרומגעשפּאַצירט איבער די דילנע וועראַנדע־ברעטער און גערעדט וויַיטער:

„סטײַטש, טראַכט איך, איך, דער אַלטער מוסר־זאָגער, דער גבאים־פּרעסער, דער מאָראַל־דרשער, דאַרף דאָך געוויס מקיים זײַן דאָס געשריבענע וואָרט. פאַרקויפט — דאַרף זײַן פאַרקויפט, און אַן עק. אַפילו אַז מען זאָל געבן הונדערט מאָל מער. אָבער איך ווער שוואַך, מײַן ליבער ר׳ שלמה, גיט אַן עצה ווי אַזוי מען קריכט דאָ אַרויס פון די דאָזיקע צוויי פײַערן . . .״

פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געכאַפּט אַ קוק אויף מיר איבער די ברילן און נאָך דעם אָן ווערטער אַרײַן אין שטוב. אין אַ צען מינוט אַרום איז ער ווידער אַרויסגעגאַנגען אויף דער וועראַנדע, זיך אויסגעצויגן אין זײַן גאַנצער הייך, פאַרוואָרפן דעם אַלטן קאָפּ אַ הינטער, אַ קוק געטאָן איבער די ברילן, אַ צי געטאָן מיט די ליפּן און זיך אָנגערופן בזה הלשון:

„הערט זיך אײַן, ר׳ שלמה, מיר מאַכן גאָר אַ נײַ געשעפט . . . איר פאַרשטייט, אַ שפּאָגל נײַ געשעפט . . . הערט זיך נאָר אײַן מיט קאָפּ . . . איר גיט מיר די זעלבע צען טויזנט קערבלעך וועלכע מען האָט מיר אָנגעבאָטן. אַזוי אַרום וועלן מיר יוצא זײַן אי פאַרן יצר־הרע, אי פאַרן יצר־טוב. איר פאַרשטייט, ר׳ שלמה, מיר וועלן זייביידן צומאַכן די מײַלער . . . און דערפאַר וועט איר באַקומען אַן אַנדער קאָנטראַקט.״

„וואָס זײַנען די פּונקטן פון דעם נײַעם קאָנטראַקט?״

„איר וועט מעגן אַרויסגעבן מײַנע ווערק אין אַלע שפּראַכן, אין אַלע לענדער, אַמעריקע אויך דערינען. איר ווייסט דאָך מסתּמא, אַז מען האַנדלט אונטער מיט מיר פון אַ רוסישן פאַרלאַג. מען וויל אַרויסגעבן מײַנע כּתבים אין רוסיש. איך האָב אויך אַ פאַרשלאָג פון אַ דײַטשן פאַרלאַג. איז הערט זשע, ר׳ שלמה, איך גיב אײַך אַוועק דאָס רעכט אַרויסצוגעבן מײַנע כּתבים אין אַלע שפּראַכן! דער חילוק וועט נאָר זײַן דאָס, וואָס פון די ייִדישע אויסגאַבעס וועט איר מיר קיין האָנאָראַר ניט דאַרפן צאָלן, נאָר דאָס וואָס איך נעם איצט בײַ אײַך, אָבער פון די אויסגאַבעס אין אַנדערע שפּראַכן וועט איר מיר צאָלן צען פּראָצענט

פֿון יעדער אויפֿלאַגע. איך גיב אײַך נאָך צו אַמעריקע. דאָס הייסט, איך גיב אײַך אָפּ אַ גע־וויסע סומע.״

איך האָב אים נישט פֿאַרשטאַנען, און ער האָט מיר דערקלערט:

„פֿאַרשטייט איר, ר׳ שלמה, דער פּרעסע־טומל אין אַמעריקע האָט געהאַט אַ שטיקל פּעולה. מען וועט דאָרט, ווי עס ווײַזט אויס, אַרויסרײַסן פֿון דער חבֿרה אַ טויזנט רובל באַשטימט און אפֿשר אַ טויזנט דאָלאַר... אָבער פֿאַר טויזנט דאָלאַר פֿאַרלאַנגט די חבֿרה, אַז איך זאָל איר דערפֿאַר אַרויסגעבן אַ הכשר, אַז זי מעג דרוקן אויך ווײַטער מײַנע ביכער. איך וויל זיי אָבער פֿאַר קיין פֿאַל ניט אַרויסגעבן אַזאַ הכשר, גענוג, אַז איך בין זיי מוחל אויפֿן עבֿר. דאָס געלט וואָס זיי וועלן געבן געהערט אײַך. דאָס זײַנען די פּונקטן און מיר מאַכן אַ נײַעם קאָנטראַקט.״

דער זיידע האָט מיר גוטמוטיק אָנגעפּאַטשט אין פּלייצע און צוגעגעבן: „איך ווייס און איך גיב מיר אָפּ אַ חשבון פֿון דער גאַנצער אונטערנעמונג וואָס איר נעמט אַרויף אויף אײַערע פּלייצעס. אָבער איך וועל אײַך תּמיד העלפֿן מיט וואָס איך וועל נאָר קענען. איך וועל אַלץ טוען, אַז איר זאָלט זײַן מײַן פֿאַרלעגער.״

ער האָט זיך אַליין צעוואַרעמט פֿון זײַנע ווערטער און האָט ווידער אַ מאָל צוגעגעבן: „און טאַמער, הערט איר, וועט איר מיר נישט קענען מיט אַ מאָל אויסצאָלן דאָס גאַנצע געלט, וועט איר עס מאַכן אויף ראַטעס... אײַך געטרוי איך, איר וועט מיר ניט אָנזעצן.״ און ער האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל זיך מיישבֿ זײַן. איצט האָב איך מיר געדאַרפֿט גוט איבערלייגן. סײַ דער האָנאָראַר און סײַ דער זאַץ מיט די אַלע נייטיקע הוצאות האָבן אַרײַנ־געטריבן אין די שווערע טויזנטער. צוזאַמען איז עס איצט געווען אַ סומע וואָס האָט זיך געפּאַסט פֿאַר אַ גרויסער רײַכער ליטעראַטור, נישט פֿאַר דעם אָרעמען יידישן ביכערמאַרק... דער זיידע האָט אָבער נישט גערוט. ווי אַ ייִנגל איז ער געווען אומגעדולדיק, צעצאַפּלט, ער האָט געבעטן טשערנאָוויצן, ער זאָל ווירקן אויף מיר.

„דער יצר־הרע, האָט ער אַלץ געטענהט, איז זייער גרויס, מען מאַכט מיר אַלץ נײַע פֿאַרשלאָגן, און איך קען מיך נישט ראַנגלען... מען מוז מאַכן אַ סוף...״

טשערנאָוויץ האָט מיך שטאַרק צוגעיאָגט. עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי מען וואָלט געטריבן אַ קאַץ צו פּוטער. די קאַץ בין איך דאָ געווען און מענדעלע די פּוטער. אָבער די פּוטער איז געלעגן אַ ביסל צו הויך...

3

איך האָב געזוכט נאָך אַ פֿאַרלעגערישן כּוח און האָב דעפּעשירט יעקבֿ לידסקין קיין וואַרשע, ער זאָל אַרויספֿאָרן קיין ווילנע. ער איז געקומען און מיר זײַנען באַלד אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן יישובֿ־הדעת, געוויגן און געמאָסטן און געטראַכט אַהין און אַהער. פֿון גע־שעפֿטלעכן שטאַנדפּונקט איז עס געווען אַ שווערע אונטערנעמונג. אירע חסרונות האָבן גע־שלאָגן אין די אויגן. אָבער עס איז דאָך געווען מענדעלע, אַ נאָמען וואָס האָט געקענט פֿאַרכּישופֿן אַפֿילו דעם ניכטערן קאָפּ פֿון אַ סוחר. אַגבֿ, ווי געזאָגט, איז אַ פֿאַרלעגער אין געשעפֿט אַ שטיקל דיכטער...

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר מאַכן דאָס געשעפֿט... צו מאָרגנס זײַנען מיר אַרויס־געפֿאָרן צו מענדעלען קיין פּאָדבראָדז און פֿאַרבראַכט דאָרט דעם גאַנצן טאָג. דאָס געשעפֿט איז געמאַכט געוואָרן. עס איז געבליבן, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט מענדעלע קיין ווילנע, וווּ מען וועט פֿאַרענדיקן מיט דער פֿאָרמעלער זײַט פֿון דער קניה.

אויפֿגעשטאַנען אַ מידער פֿון טיש, האָט זיך מענדעלע אָנגערופֿן צו מיר בזה הלשון: „ר׳ שלמה, איצט איז דאָך שוין לאַחר־המעשׂה, זאָג איך אײַך אָבער בפּה־מלא, אַז איך פֿריי מיך פֿון גאַנצן האַרצן, וואָס מײַנע כּתבֿים זײַנען געבליבן בײַ אײַך און איר זײַט מײַן פֿאַר־לעגער. איר זאָלט נאָר מאַכן אַ וויל געשעפֿט מיט זיי. דאָס איז דער עיקר.״

מיר זײַנען פֿאַרבליבן בײַם זיידן אויף מיטאָג. ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַרויִקן און האָט אויסגעזען ווי אַ חתן־בחור וואָס דאַרף באַלד גיין צו דער חופּה. עס ציט און עס שרעקט —ביידע זאַכן צוזאַמען.

פּלוצלינג גיט מיר דער זיידע אַ ווונק: „קומט, ר׳ שלמה, צום מיטאָג האָבן מיר נאָך צײַט, קומט אין וואַלד... איך האָב נאָך אײַך וואָס צו זאָגן.״

מיט ברייטע זעלנערטריט — דער זיידע האָט אַלע מאָל געשטעלט זעלנערישע טריט, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט באַשטעטיקן זײַן יונגקייט, — האָבן מיר אַרײַנגעשפּרײַזט אין וואַלד. דער זיידע האָט זיך אַרומגעקוקט, אַ וואָרף געטאָן דעם אַלטן קאָפּ אַהינטער און זיך אָנגערופֿן:

„פֿאַרשטייט איר מיך, ר׳ שלמה, מײַן אײדעם האָט מיט אַ מאָל, פֿון העלער הויט, אויך באַקומען אַ שוואַכקייט צו פֿאַרלאַג... ער זעט עפּעס, אַז עס טומלט זיך, אַז די סחורה, די מענדעלע־סחורה, האַלט אין איין שטײַגן... מיט אַ וואָך פֿריִער איז רעכט געווען פֿינף טויזנט רובל און הײַנט — צען טויזנט... אַ בהלה, אַן אײַנלויפֿעניש אויף מענדעלען... האָט עס אים אויך פֿאַרשמעקט. איר פֿאַרשטייט?... מן הסתּם איז עס אַ גאָלדגרוב נאָך דער פֿאַרצײַטיקער טאַקסע... וואָס זאָגט איר דערויף, ר׳ שלמה?״

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אויף זײַנע קלוגע שפּיציקע אויגן. איך האָב דעם זיידן אַרויסגעהאָלפֿן: „אויב לידסקי וועט אײַנשטימען, איז בײַ מיר רעכט צו נעמען אײַער אײדעם פֿאַר אַ דריטן שותּף צו דעם געשעפֿט...״

„זייער גוט, זייער גוט, ר׳ שלמה! האָט דער זיידע אונטערגעכאַפּט, אַזוי אַרום וועט עס זײַן אַ טאָפּלטע שמחה... איצט בין איך יוצא פֿאַר אַלעמען... פֿאַר אַלע יצרס... אַלע לעכער פֿאַרשטאָפּט און אַלע צינגער פֿאַרהאַקט!״

איך האָב איבערגעשמועסט מיט לידסקין. ער האָט אײַנגעשטימט אויף דער שותּפֿות מיט מענדעלעס אײדעם.

איצט האָבן מיר אַלע דרײַ שותּפֿים באַשלאָסן אַרויסצוגעבן מענדעלעס אַלע ווערק אין עטלעכע שפּראַכן. עס האָט באַדאַרפֿט ווערן אַ פֿאַרלאַג ספּעציעל פֿאַר מענדעלעס ווערק און דער פֿאַרלאַג האָט באַדאַרפֿט האָבן זײַן נאָמען, זײַן מאַרקע. מיר האָבן געקנייטשט מיט די שטערנס. איך האָב פֿאָרגעלייגט, אַז דער פֿאַרלאַג זאָל טראָגן דעם נאָמען „מענדעלע״. אַזוי איז געבליבן. דעם זיידן איז אויך שטאַרק געפֿעלן געוואָרן דער קלאַנג: „פֿאַרלאַג מענדעלע״.

4

דעם 10טן יולי 1910 האָבן מיר, די שותּפֿים און דער מחבר, אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט בײַם נאָטאַריוס אין ווילנע.

פֿאַר אונדז איז נאָך דעמאָלט לגמרי נישט געווען קלאָר אין וויפֿל בענד, אַ שטייגער, מיר האָבן אײַנצוטיילן אַלע ווערק מענדעלעס; וויפֿל דרוקבויגן באַדאַרף האַלטן אַ באַנד; וואָס דאַרף גיין פֿריִער, וואָס שפּעטער און דאָס גלײַכן. דער זיידע האָט דאָ אויך קיין שום באַשטימטן פּלאַן נישט געהאַט. מיר האָבן זיך מיישבֿ געווען, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל קודם מאַכן די איבערזעצונגען פֿון העברעיִש אין ייִדיש און צונויפֿזאַמלען אַלע גרעסערע און קלענערע זאַכן וואָס זײַנען צעזייט און צעשפּרייט אין פֿאַרשיידענע צײַטונגען און זשורנאַלן.

דאָס איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט. דער זיידע האָט נישט געהאַט די טבֿע צו זאַמלען זײַנע כּתבֿים, וואָס זײַנען געווען געדרוקט אין די פּעריאָדישע אָדער צופֿעליקע אויסגאַבעס, נאָך מער: ער האָט על־פּי־רובֿ נישט געוווּסט, ווו און וואָס ער האָט געדרוקט. איצט איז אויסגעקומען, אַז מען האָט געדאַרפֿט זוכן מענדעלען איבער דער גאַנצער וועלט.

נאָך ערגער איז געווען מיט די איבערזעצונגען. מענדעלע האָט דורכויס געוואָלט אַלץ אַליין איבערזעצן. אויף אַן איבערזעצער האָט ער זיך נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן. ער האָט אַלץ געטענהט: „פֿאַרשטייט איר מיך, מען מוז פֿײַלן, שלײַפֿן, טאָקן, פּאָלירן, אַרומגלעטן יעדעס

וואָרט, יעדע שורה, יעדן רעיון... און ווער וועט עס האָבּן אַזוי פֿיל געדולד ווי איך אַליין? און אַגבֿ, איז עס דאָך מ ײַ נ ס, מײַנס אין לשון־קודש. און פֿון לשון־קודש וועט עס ווידער ווערן מײַנס אין מאַמע־לשון. עס איז דאָך נישט קיין איבּערזעצונג, נאָר אייגנס.

אַוודאי איז דער זיידע געווען גערעכט. אָבּער אַז עס איז געקומען צו דער אַרבּעט און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם שרײַבּטיש, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז מיט דער גאַנצער ענערגיע וואָס ער פֿאַרמאָגט וועט מען אָן אַן איבּערזעצער נישט אויסקומען. מער ווי אַן עמוד — העכסטנס צוויי עמודים אַ טאָג האָט דער אַלטער נישט געקענט איבּערזעצן. דערצו האָט ער דאָך באַדאַרפֿט רעדאַקטירן די אַלע אַלטע ווערק, און רעדאַקטירן האָט בײַם זיידן געהייסן נישט אויסבעסערן, נאָר פּשוט שאַפֿן פֿון דאָס נײַ. ער האָט זיך אָבּער אײַנגעשפּאַרט און האָט זיך בלויז גענומען צו הילף אַ סעקרעטאַר — דוד איינהאָרן (איינהאָרן האָט זיך טאַקע שפּעטער באַקלאָגט, ווי שווער עס איז אים פֿון דער אַרבּעט און פֿון זיידן...). די אַרבּעט האָט זיך שווער און לאַנגזאַם געריקט פֿאָרויס. מענדעלע האָט שוין נישט געקענט איבּערזעצן מענדעלען. ער איז שוין געווען צו אַלט פֿאַר אַזאַ קאָלאָסאַלער אַרבּעט.

5

אין דעצעמבּער האָט מען זיך מכין געווען צו פֿײַערן זײַן פֿינף און זיבּעציקיעריקן יובּיליי, און מיר האָבּן באַשלאָסן אָנצוווענדן אַלע אונדזערע כּחות, אַז צום יובּיליי זאָלן מיר פֿאַרטיק ווערן מיט אַלע זײַנע ווערק. מיר האָבּן שוין צו דער צײַט געהאַט אַ פֿאַרענדיקטן פּלאַן פֿון דער גאַנצער ייִדישער אויסגאַבּע: ז ע כ צ ן ב ע נ ד מיט אַ הוספֿה־באַנד, אין וועלכן עס וועלן אַרײַנקומען פֿאַרשיידענע קריטישע אַרטיקלען און זכרונות וועגן מענדעלען מיט אַן אויספֿירלעכער ביאָגראַפֿיע.

סוף־כּל־סוף האָט שוין דער זיידע אַליין אײַנגעזעען, אַז ער איז זייער שוואַך אין דער אַר־בּעט. „איר ווייסט וואָס? האָט ער געזאָגט: איך בין שוין מרוצה אויף איבּערזעצער, אָבּער איך וויל דורכויס רעדאַקטירן די איבּערזעצונגען. דאָס, מיין איך, וועל איך יאָ קענען אויס־פֿירן. איר גיט מיר נאָר גוטע איבּערזעצער, נישט קיין פּאַרטאַטשעס."

אין ווילנע און אין וואַרשע האָט מען דעמאָלט געקאָנט צונויפֿשטעלן אַ גאַנצע אַרמיי איבּערזעצער. אָבּער יעדער איינער פֿון דער דאָזיקער אַרמיי האָט זיך עפּעס געקווענקלט, מען האָט געזאָגט: „דער זיידע איז אַ מוראדיקער מפֿונק. מיר וועלן בײַ דער אַרבּעט שוויצן, זיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט, און ער קען זיך אַ ציי טאָן מיט דער נאָז און זיך פֿאַרקרימען: די אַרבּעט איז אויף כּפּרות..." די פּראָבּעס, וועלכע איך האָבּ צוגע־שטעלט דעם זיידן פֿון די מער געוואַגטע איבּערזעצער האָבּן טאַקע באַשטעטיקט די דאָזיקע השערות. דער זיידע האָט זיך כּסדר געקרימט און געמעקט גאַנצע זײַטלעך, און עס איז אויסגעקומען, אַז בײַ דער רעדאַקציע האָט ער נאָך מער אַרבּעט ווי בײַ די אייגענע איבּער־זעצונגען.

איך האָבּ אײַנגעזען, אַז עס איז אַ מעשׂה אָן אַן עק. „ניין, זיידע, האָבּ איך מיך אָנ־גערופֿן: אויבּ מיר וועלן אַזוי אַרבּעטן, וועלן מיר צו קיין שום תּכלית נישט קומען. עס וועט קיין מאָל קיין סוף נישט נעמען. מען מוז פֿאָרט אויסגעפֿינען אַזעלכע איבּערזעצער וועלכע זאָלן זיך קענען צופּאַסן צו אײַער סטיל".

דער זיידע האָט זיך צעלאַכט: „הערסטו, אָט דאָס רעדט מען דאָך! אַדרבּא, געפֿינט מיר אַזאַ איבּערזעצער, וועל איך זאָגן, אַז איר זײַט אַחוץ אַ פּאַרלעגער אַ מאדים אויך..."

ה' ליטווין, דער רעדאַקטאָר פֿונעם חודש־זשורנאַל לעבּען און וויסענשאַפֿט, וואָס איך האָבּ דעמאָלט אַרויסגעגעבּן, האָט מיר געעצהט, איך זאָל אײַנלאַדן אַלגינגען פֿאַר אַן איבּערזעצער. „אַלגין האָט זייער אַ בייגעוודיקן לשון, האָט ליטווין געזאָגט: אַגבֿ איז ער אַליין אַ ווילנער דעריבּער, מיין איך, דאַרף ער קענען ווי געהעריק איבּערזעצן מענדעלען".

איך האָבּ מיך געזען מיט אַלגינען, יעמאָלט אַ באַוווסטער בונדיסט. ער איז מרוצה געוואָרן איבּערצוזעצן מענדעלען. און מען מוז מודה זײַן, אַז ער איז געווען דער איינציקער איבּערזעצער וואָס האָט, לפּחות די ערשטע צײַט, צופֿרידנגעשטעלט דעם קאַפּריזנעם זיידן.

6

די גאַנצע צײַט וואָס מענדעלע האָט פֿאַרבראַכט אין פֿאָדבראַדז האָבן מיר זיך עפּטער געזען. טייל מאָל פֿלעג איך קומען צו אים אויף אַ שעה אָדער צוויי, אָבער ער פֿלעגט מיך פֿאַרכאַפּן מיט זײַנע מעשׂיות, מיט זײַנע רייד, תּנועות און באַוועגונגען, און דער טאָג פֿלעגט מיר אַוועקפֿלִיען נאָך איידער איך פֿלעג מיך רעכט אומקוקן.

ווען דער זיידע איז געווען באַזונדערס גוט אויפֿגעלייגט, פֿלעגט ער ברייטלעך אַ זאָג טאָן:

„ר׳ שלמה, קומט אין וואַלד אַרײַן! אַ מחיה אין וואַלד. געדענקט, וואָס איך זאָג אײַך, וואָס לענגער איר וועט פֿאַרברענגען אין וואַלד, אַלץ שפּעטער וועט צו אײַך קומען די זיקנה.“ מיר פֿלעגן אַוועק אין וואַלד. די הויכע סאָסנעס זײַנען אונדז אַנטקעגנגעגאַנגען, ווי אַלטע געטרײַע פֿרײַנד. אַ קילע שטילקייט האָט אָנגעפֿילט דאָס מידע האַרץ מיט מנוחה. רירעווודיק ווי אַ יינגל האָט דער אַלטער גענומען ריידן, און איך האָב מיך צוגעהערט. שפּרײַזנדיק מיט אַן אַרויסגערוקטער ברוסט און מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ האָט ער גערעדט פֿון די ווערק וועלכע ער וועט נאָך אומבאַדינגט אָנשרײַבן.

„לאָמיך נאָר אײַך איבערגעבן אַלע מײַנע כּתבים אין אָרדענונג, וועל איך מיך גלײַך נעמען אויף אַ נײַעם קאָן, האָט ער געזאָגט. איר ווייסט דאָך, אַז נאָך וזאת הברכה הייבט מען ווידער אָן פֿון בראשית... בײַ מיר וועט עס אויך זײַן אַזוי. נישקשה, מענדעלע וועט נאָך טרעפֿן דעם וועג. מיר וועלן נאָך ווײַזן דער וועלט וואָס מיר קענען.“

ער איז באַלד איבערגעשפּרונגען אויף אַן אַנדער טעמע און האָט מיר גענומען פֿאַרציילן פֿאַרשיידענע עפּיזאָדן וואָס האָבן פּאַסירט מיט אים אין זײַן לאַנג לעבן. „טשיקאַווע, וווּנדערלעכע מעשׂיות, האָב איך מיך אָנגערופֿן: איר האָט זיי אָנגעשריבן?“

„עט! זיי ליגן נאָך אין טינטער, האָט דער זיידע געזאָגט. איין פּאַסירונג פֿון די דאָזיקע האָב איך געפּרוווט פֿאַרציילן שלום־עליכמען, האָט ער, דער קונדס, באַלד פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און האָט עס אָנגעשריבן. אָבער ער האָט עס אַזוי פֿאַרדרייט און פֿאַרקריפּלט, אַז עס איז אַרויסגעקומען נישט מער ווי אַ הלצה...“

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט דער זיידע גלײַך פֿאַרלאָרן זײַן גוטמוטיקן טאָן און האָט זיך שטאַרק אויפֿגערעגט: „איך פֿאַרשטיי גאָרנישט, צו וואָס האָט ער עס געדאַרפֿט צעדרייען און פֿאַרקריפּלען, ווי באַלד אַז דער אמת, דער ריינער אמת איז אַ סך שענער און בעסער... זאָלן מיר ביידע אַזוי וויסן פֿון שווערע פּאָקן, ווי איך ווייס, צו וואָס ער האָט מיר דאָרט צוגעטשעפּעט אַ לאַמטערנע מיט אַ ליכט; וואָס האָט ער געוואָלט, עס זאָל אויסקומען אַ חוזק? מאַכן מיך צו נאַר? אָט וועל איך אײַך דערציילן די מעשׂה, און פּסקנט איר אַליין, צי מען דאַרף דאָ האָבן זײַנע הלצות?“

און דער זיידע האָט מיר קונציק, מיט מימיק און פּויזעס פֿאַרציילט די מעשׂה וואָס שלום־עליכם האָט באַשריבן אונטערן נאָמען „פֿיר זײַנען מיר געזעסן“.

„איך פֿרעג אײַך אָבער, ר׳ שלמה, האָט דער זיידע פֿאַרענדיקט זײַן מעשׂה אַן אויפֿגערעגטער: צו וואָס הלצות, אַז ס׳איז דאָ אַ גוטער אמת!...“

7

דער זיידע האָט זיך בכלל עפּטער אויפֿגערעגט פֿון יעדער זאַך וואָס האָט באַרירט אַ געזעלשאַפֿטלעכן ענין. איין מאָל האָט מען געשמועסט פֿון דעם שפּראַכנקאַמף, פֿון די נײַע מעטאָדן אין לימוד. דער זיידע האָט זיך שטאַרק צעבייזערט:

„אַ נײַע מאָדע געוואָרן: פֿאַרקירצטע חומשימלעך... מיר דאַרפֿן ניט קיין אָפּגעשניטענע תּורה, מיר זײַנען שוין, גאָט צו דאַנקען, גענוג באַשניטן...“ ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם, אַ בייזער, און האָט באַלד צוגעגעבן: „מען דאַרף לערנען מיט אַ קינד, ווי מען האָט אַ מאָל געלערנט אין חדר, אָן קונצן, פּשוט, און איר מעגט זיכער זײַן, אַז דאָס קינד וועט בעסער תּופֿס זײַן דעם ענין ווי אין די הײַנטיקע חדרים.“

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווידער געזאָגט:

„אויב איר ווילט, וועל איך אײַך ווײַזן, ווי אַזוי מען דאַרף לערנען מיט אַ קינד. איך וועל נישט אָנווענדן די נײַע קונצן פֿון די פּאַרטאַטשעס און דאָס קינד וועט מיך לײַכט פֿאַרשטיין. דאָס קינד — ס'איז מײַן אייניקל... ער ווייסט נאָך נישט קיין צורת אות פֿון דעם ייִדישן אַלף־בית. אָבער איר מעגט זיכער זײַן, אַז באַלד נאָך דער ערשטער לעקציע וועט עס בײַ מיר אָנהייבן לייענען גאַנצע זאַצן."

דער זיידע האָט צוגערופֿן דאָס אייניקל און האָט מיט אים גענומען קנעלן פֿון אַן אָפֿענעם חומש. ער האָט אים געוויזן באַזונדערע אותיות, געגעבן לײַכט, קורץ און קלאָר צו פֿאַרשטיין זייער קלאַנג, נאָך דעם געבונדן איינס מיטן צווייטן און עס האָט זיך באַקומען אַ גאַנץ וואָרט. דאָס ייִנגל האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעקוקט און צוגעהערט. מען מוז מודה זײַן, אַז דאָס איז געווען אַ מוסטערהאַפֿטע לעקציע. זי האָט געדויערט בײַ אַ שעה צײַט. בײַם סוף האָט דער זיידע געטײַטלט מיט זײַן אײַנגעשרומפּענעם אַלטן פֿינגער אויף איינציקע גאַנצע ווערטער פֿון חומש, און דאָס אייניקל האָט זיי יעדעס מאָל נאָך אַ קורצן ייִשובֿ־הדעת נאָכגעזאָגט, אַ מאָל מיט אַ קליינטשיקן טעות און אַ מאָל גאָר אָן אַ טעות.

איך בין געזעסן אַ געפּלעפֿטער, און ש. טשערנאָוויץ וואָס איז אויך געזעסן דערבײַ איז אַזוי ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון גרויס חידוש.

„אָט אַזוי דאַרף מען לערנען! האָט מענדעלע מיט נצחון געזאָגט, קלאַפּנדיק מיטן אַלטן פֿינגער איבערן אָפֿענעם חומש. אָט אַזוי דאַרף מען לערנען. און מען טאָר נישט מל זײַן דעם חומש, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן!"

8

איך בין איין מאָל געקומען צום זיידן אין אַ רעגנדיקן קאַלטן טאָג. דער זיידע איז געזעסן אויף דער וועראַנדע מיט אַ פֿאַטשיילע אויף די אַקסלען. דאָס פּנים איז אים געווען געל, די אויגן אַזוי ווי אויסגעלאָשן, די גאָמבע האָט געכאַפּט אַ ציטער. איך האָב אים אָנגעקוקט פֿון דער זײַט און געטראַכט: די עלטער. די עלטער וואָס שמעקט שוין מיט טויט.

דער אַלטער האָט איבערגעכאַפּט מײַן בליק צוזאַמען מיט מײַן מחשבֿה און האָט זיך אָנגערופֿן: „וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר, ר' שלמה? איר נעמט מיר אַ מאָס אויף אַ הספד?" און האָט זיך צעלאַכט מיטן דראָבנעם געלעכטער פֿון אַ זקן: „ס'איז נאָך אָבער אַ ביסל צו פֿרי, ר' שלמה, איך האָב נאָך גאָרנישט בדעה צו שטאַרבן... וואָס עפּעס שטאַרבן? קראַנק זײַט איר צו לעבן, האַ?"

מען דאַרף באַמערקן, אַז מענדעלע האָט בכלל פֿײַנט געהאַט צו ריידן וועגן טויט, ווי ער האָט אויך פֿײַנט געהאַט אַלץ וואָס דערמאָנט אין טויט. נישט אומזיסט פֿלעגט ער עפּטער זאָגן מיט אַ מין אײַנגערעדטן שטאָלץ: „איך וועל אייביק לעבן. איך וועל קיין מאָל נישט שטאַרבן."

ווען אַנ—סקי האָט געגרינדעט די עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט האָט דער זיידע, געדענק איך, מיט כּעס געזאָגט: „איך קען גאָרנישט סובֿל זײַן, צו וואָס זוכט מען די שטיקלעך און ברעקלעך, די העסלעכע שמאַטעס פֿון די פֿאַרגאַנגענע דורות? אַמער זוכט בעסער דאָס לעבעדיקע בײַ די לעבעדיקע. דאָס איז, דאַכט זיך, אַ סך גלײַכער און עס האָט אויך מער ממשות... דאָס אָרעמסטע הײַזעלע, אָנגעפּאַקט מיט לעבעדיקע מענטשן, מיט נאַקעטע פּופּי־קעס, איז טויזנט מאָל טײַערער און רײַכער פֿון דעם רײַכסטן בית־הקבֿרות..." און זײַן בליק, אַ בייזער, אַ שטײַפֿער, איז אַריבער די שפּאַקולן געפֿאַלן אויף מיר.

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַ פּראָספּעקט וועגן דער אויסגאַבע פֿון מענדעלעס אַלע ווערק, אײַנגעטיילט אין 16 בענד, און חוץ דעם — אַ באַנד קריטיק וועגן מענדעלען. פֿאַר די אַלע 17 בענד איז באַשטימט געוואָרן אַ פּרײַז — 14 רובל אָן פּאָרטאָ. די וועלכע וועלן זיך אַבאָנירן אויף דער אויסגאַבע ביזן יובילײ, צאָלן אין דרײַ ראַטעס בלויז 10 רובל מיט פּאָרטאָ. די ווידער וועלכע שיקן אַרײַן פֿאָרויס די גאַנצע 10 רובל וועלן נאָך באַקומען אַ מענדעלע־אַלבאָם צוזאַמען מיט אַ גרויס וואַנטבילד פֿון זיידן.

די אויסגאַבע פֿון מענדעלעס ווערק איז אַזוי אַרום געווען די ע ר ש ט ע פֿולשטענדיקע, ערנצטע אויסגאַבע פֿון אַ ייִדישן שרײַבער אין ייִדיש.

אויב מיר האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיט די איבערזעצונגען, האָבן מיר אָבער געהאַט נאָך מער זאָרג און קאָפּדרייעניש בײַם צוזאַמענשטעלן דעם 17טן באַנד וואָס האָט געדאַרפֿט באַשטיין פֿון קריטישע אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען, זכרונות און אַ סאָלידער ביאָגראַפֿיע פֿון זיידן. עס האָט זיך געפֿרעגט: ווער וועט עס אַלץ מאַכן? ווער וועט עס אַלץ אָנשרײַבן? ווער, אַ שטייגער, וועט צונויפֿשטעלן די ביאָגראַפֿיע?

דער זיידע איז געווען אַ גרויסער מפֿונק און אַ קאַפּריזניק. מען קען זאָגן, אַז כּמעט צו אַלע ייִדישע שרײַבער האָט ער זיך באַצויגן מיט עפּעס אַ ווידערווילן. וואָס שייך די יונגע האָט ער אין גאַנצן נישט געהאַלטן פֿון זיי. אינעם שמועס וועגן די יונגע האָט ער תּמיד אַרײַנגעלייגט זײַן גאַנצן מענדעלע־סאַרקאַזם, און האָט זיך בעת מעשׂה, ווי זײַן שטייגער איז געווען, שטאַרק אויפֿגערעגט.

„אָ, די פֿעדערהעלדן, פֿלעגט ער זאָגן: די טינטלערס, די עם־האַרצים, וואָס ווערן איבער נאַכט גאונים... איך פֿרעג אײַך, צי האָט אַ מאָל געטראָפֿן בײַ די אומות־העולם, אַז אַ טינטלער זאָל איבער נאַכט ווערן אַ גאון פֿון דער ליטעראַטור און עס זאָל טרומייטערן מיט אים אין אַלע גאַסן, אין אַלע הײַזער? נאָר בײַ אונדז קען אַזעלכעס געמאָלט זײַן... און נאָר בײַ אונדז קען געמאָלט זײַן, אַז מען זאָל זיך האַלטן אין איין אַרומרײַסן, ווי די קעץ, פֿאַר העברעיִש אָדער פֿאַר ייִדיש... דערמאָנט אײַך — פֿאַר העברעיִש, דער לשון פֿון אונדזערע נבֿיאים, אָדער פֿאַר ייִדיש, דער לשון פֿון דער מאַמען, פֿון טאַטן, פֿון זיידן, פֿון עלטער־זיידן... משוגעים, אמתע משוגעים!"

ער האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן און איז ווידער אַרויסגעפֿאָרן אויף די „יונגע":

„איך פֿרעג אײַך, ר' שלמה, צי קענען זיי דאָס לעבן, די נאַטור, דעם וואַלד, חיות? צי ווייסן זיי, די דאָזיקע עזות־פּנימער, ווי אַ פֿייגעלע פּישטשעט, ווי אַ וואַלד רוישט, ווי אַ כּלבֿ דרייט מיטן עק, ווי אַ מעקלער רעדט, ווי אַ גבאי שרײַט און רוקט אַרויס מיט גאווה דעם בויך? פֿרעגט זיי בחרם..."

דערפֿאַר האָט אָבער דער זיידע געהאַט גרויס דרך־ארץ פֿאַר אַ דיפּלאָמירטן. דער דאָקטאָר־טיטל האָט בײַ אים אַלע מאָל שטאַרק נושׂא־חן געווען. און בײַ דעם דאָזיקן טיטל האָט זײַן סאַרקאַזם אין גאַנצן פֿאַרלוירן די מאַכט...

בײַם צוזאַמענשטעלן דעם 17טן באַנד האָט מען דאָך געמוזט אָנקומען צו פֿאַרשיידענע שריפֿטשטעלער און אויך צו די „יונגע".

„און בעל־מחשבֿות?" האָב איך אַ פֿרעג געטאָן.

„בעל־מחשבֿות? אַ גאַנץ ווילער יונגער־מאַן... גאָר אַ ווילער. קען אפֿשר שרײַבן... פֿאַרשטייט אפֿשר אויך... אָבער ניט פֿון מײַן סבֿיבֿה. אַגבֿ פֿעלט אים עפּעס... ס'איז נישט דאָס..."

„נו, אפֿשר פֿרישמאַן?"

„פֿרישמאַן?" דער זיידע האָט זיך פֿאַרטראַכט: „יאָ. ער איז אַפֿילו אַ שייגעץ, אָבער מען קען מיט אים גיין צום טיש..." נאָך לאַנגע קווענקלענישן איז דער זיידע מרוצה געוואָרן: „זאָל פֿרישמאַן אָנשרײַבן, אַזוי צו זאָגן, דעם הויפּט־אַרטיקל און ראַווניצקי מײַן ביאָגראַפֿיע..."

אַזוי ווי מיר האָבן אויך געוואָלט אַרויסגעבן מענדעלען אין רוסיש, האָבן מיר גענומען טראַכטן פֿון איבערזעצער. מיר האָבן איבערגעוואָרפֿן, איבערגעמאָסטן און איבערגעוויגן אַלע מעגלעכע קאַנדידאַטן וואָס וואָלטן געקענט מאַכן אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, און זיך צו לעצט אָפּגעשטעלט אויף פֿרוגן. דער אַלטער איז אָבער עפּעס ניט צופֿרידן געווען. דעמאָלט האָב איך אים אָנגערופֿן אַנ—סקיס נאָמען.

„נו, אַנ—סקי איז נישט שלעכט, האָט ער געזאָגט: ער איז אפֿשר דער ריכטיקער איבער־זעצער. בעסער ווי פֿרוג..."

אַנ—סקי האָט זיך געפֿונען אין פּעטערבורג. איך האָב אים אָנגעשריבן אַ בריוו, אויף וועלכן איך האָב באַלד באַקומען זייער אַ וואַרעמע תּשובֿה. אַנ—סקי האָט געשריבן, אַז ער איז איבערגליקלעך פֿון מײַן פֿאָרשלאָג און אַז ער איז מוכן ומזומן תּיכּף צוצוטרעטן צו דער אַרבעט.

אַזוי אַרום זײַנען ביידע געווען צופֿרידן — אי דער זיידע אי אַנ—סקי. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס אַנ—סקי האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל חשק צו דער אַרבעט, האָבן מיר קיין איין איבערגעזעצט זײַטל נישט באַקומען פֿון אים. ער האָט פּשוט קיין צײַט נישט געהאַט. איך מיין, אַז ווען דער אַלטער וואָלט פֿון אָנהייב אײַנגעגאַנגען אויף פֿרוגן, וואָלטן מיר זיכער געהאַט אַ פֿולע איבערזעצונג פֿון דעם זיידנס כּתבֿים אין רוסיש.

9

עס האָבן זיך אונטערגערוקט די ימים־נוראָים. געלע בלעטער זײַנען געפֿאַלן פֿון די ביימער. אין די אָוונטן איז געווען קיל. מענדעלע איז אַרײַנגעפֿאָרן פֿון פֿאָדבראָדז קיין ווילנע. יום־כּיפּור האָט ער געדאַוונט אין דער קאָרשול.

ווען איך בין יום־כּיפּור בײַ טאָג גראָד פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַרבײַ דער קאָרשול, איז מענדעלע געשטאַנען אויפֿן הויף. ער האָט מיך אַ רוף געטאָן.

„אַ גוט יום־טובֿ, ר׳ שלמה“, איז ער מיר אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. די שאַרפֿע אויגן האָבן אים געלויכטן, אַ שמייכל האָט געבלאָנדזשעט אויף זײַנע דינע ליפּן. ער האָט זיך, קענטיק, געפֿונען אין אַ גוטער שטימונג.

„קומט, הײַנט, מיין איך, פֿירט איר דאָך נישט קיין געשעפֿטן, האָט איר דאָך צײַט... אָט וועלן מיר אַ ביסל שפּאַצירן און איך וועל אײַך ווײַזן ווילנע... די אַלטע ווילנע. איך קען זי אַוודאי בעסער פֿון אײַך...“

פּאַוואָליע האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט איבער די ייִדישע שמאָלע יום־כּיפּורדיקע געסלעך. דער אַלטער איז געגאַנגען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַן אַרויסגערוקטער ברוסט, ווי זײַן שטייגער איז געווען, און האָט זיך זייער אויפֿמערקזאַם צוגעקוקט צו יעדן הײַזל, צו יעדן הייפֿל.

טייל מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, שטאַרק פֿאַרזונקען אין זכרונות.

„ווײ איז מיר נישט, האָט ער געשעפּטשעט אַ פֿאַרחידושטער, ווי צו זיך אַליין: זיי לעבן נאָך, די הײַזלעך, די הייפֿלעך... די זעלבע וואָס אַ מאָל... אָן אַ שום שינוי... און ווי לאַנג, מיינט איר, געדענק איך אָט די געסלעך? שוין אַוודאי אַ יאָר זעכציק... איך קען דאָ יעדן סלופּ, יעדן פֿאַרקאַן... אַלץ שטייט דאָ אַזוי ווי עס איז געשטאַנען אַ מאָל“.

מיר זײַנען געגאַנגען ווײַטער. אויף רודניצקער גאַס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ הויף, לאַנג געקוקט אויף אים און געזאָגט:

„דאָ האָט געוווינט מײַנער אַ קרובֿ, חיים־נחום ברוידע, אַ ייִד אַ גבֿיר... ווען איך בין געקומען צום ערשטן מאָל אין ווילנע האָב איך בײַ אים געגעסן... זייער אַ רײַך הויז געווען. איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז מײַן פֿאַמיליע־נאָמען איז אויך ברוידע, נאָר צוליב אַ קאָמבינאַציע מיטן פּריזיוו איז מײַן פֿאַמיליע־נאָמען ברוידע איבערגעמאַכט געוואָרן אויף אַבראַמאָוויטש. אָט אַזוי, ר׳ שלמה, לויפֿן די יאָרן. אָבער די הײַזלעך, די געסלעך שטייען אויף איין אָרט...“

אויף ייִדישער גאַס האָט דער זיידע זיך אָפּגעשטעלט לעבן שולהויף און אַ ווײַז געטאָן מיר מיט דער האַנט אויף רעכטס:

„דאָ דאַרף זײַן ראַמײַלעס קלויז. דאָ האָב איך מיט זעכציק יאָר צוריק געלערנט בײַ ר׳ סענדער דעם ראָש־ישיבֿה. איך האָב דאָ פֿאַרבראַכט עטלעכע חדשים.“

ער האָט זיך אומגעקוקט און ווידער אַ מאָל אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט:

„אָט דאָ, אין די קרעמלעך, פֿלעג איך אַ מאָל אײַנהאַנדלען מײַן טאָג־טעגלעכע אויס־קומעניש... איר ווייסט וואָס? פֿאַר אַ גראָשן הערינג. פֿאַר אַ גראָשן אַ פּיצעלע פּוטער.

פֿאַר אַ קאָפּיקע ברויט און אַ מאָל פֿאַר אַ גראָשן געריבענע אַרבעס. „קאָמעס" האָט מען עס גערופֿן. און אַז איך האָב מיר געוואָלט מאַכן אַ שטיקל יום־טובֿ האָב איך מיר גאָר געקויפֿט אַ שטיקל רעטשיסניק פֿאַר אַ קאָפּיקע... דאָס איז געווען אין אַ יומא־דפגרא. ווער רעדט, אַ גרויסן קוכן מיט ציבעלע פֿאַר אַ פּײַעם [3 גראָשן] — דאָס האָב איך מיר פֿאַרגונען אַ מאָל ערבֿ ראָש־חודש... שבת האָב איך שטענדיק געגעסן בײַ מײַן קרובֿ".

ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף לינקס און האָט מיר אָנגעוויזן אויפֿן גאָונס קלויז.

„אָט דאָ האָב איך געלערנט גאַנצע טעג... גאַנצע נעכט... געזעסן משמורים, געשוויצט... געווען נאָר עטלעכע חדשים אין ווילנע, אָבער די שטאָט איז מיר אַזוי פֿאַרבליבן אין זכּרון ווי איך וואָלט דאָ פֿאַרבראַכט אַ גאַנץ לעבן".

פֿון די קליינע געסלעך האָבן מיר ביסלעכווײַז איבערגעוואַנדערט אין די נײַע טיילן שטאָט. דער זיידע האָט אויך דאָ אַלץ אַרומגעכאַפּט מיט די שאַרפֿע אויגן.

בײַ אַ ליידיקן פּלאַץ אויף אַ נײַער גאַס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אַרײַנגעלייגט די רעכטע האַנט אין בוזעם און אַ פֿרעג געטאָן:

„וויפֿל אַ שטייגער קאָסט איצט אַזאַ פּלאַץ?" צופֿעליק האָב איך געוווּסט דעם פּרײַז. דער זיידע האָט זיך שטאַרק פֿאַרחידושט פֿון דער קליינער סומע וועלכע מען פֿאַרלאַנגט פֿאַר דעם דאָזיקן פּלאַץ: „פֿאָלגט מיך, האָט ער זיך שנעל אָפּגערופֿן, קויפֿט אָפּ דעם פּלאַץ. אויב איר האָט נישט קיין געלט, טאָ באָרגט, לײַט, שלאָפֿט נישט און קויפֿט אים אָפּ וואָס גיכער. איר וועט זען, וואָס אין אַ יאָר אַרום וועט זיך דאָ טוען. דאָ וועט ווערן אַ נײַע שטאָט, און אַ פּיצעלע ערד וועט דאָ שפּעטער קאָסטן גאָלד!..."

דער זיידע האָט זיך טאַקע נישט טועה געווען. אין אַ האַלב יאָר אַרום איז דער פּלאַץ פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר אַ סומע וואָס האָט פֿינפֿפֿאַך געשטיגן.

מיר האָבן אַזוי געשפּאַצירט בײַ אַ צוויי שעה צײַט. דעם אמת געזאָגט, בין איך שוין געווען גוט מיד. דער זיידע אָבער האָט נאָך געקענט גיין און גיין. מיר האָבן זיך געביטן מיט די ראָלעס: ער איז געווען דער יונגער און איך דער זקן. גייענדיק האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו רעדן. איך האָב געהאַט דאָס געפֿיל, ווי פֿאַר מײַנע אויגן וואָלט זיך כּסדר געבלעטערט אַ בוך מיט שיינע מעשׂיות און אויסטערלישע פֿאַקטן...

ווען מיר זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָס הויז, ווו עס איז אַ מאָל געווען ראָמס דרוקערײַ, האָט דער זיידע זיך אָפּגעשטעלט און דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט זעכציק יאָר צוריק אַהער בגנבֿה אַרײַנגעכאַפּט: ער האָט געוואָלט זען, ווי אַזוי מען דרוקט ייִדישע ספֿרים. דעמאָלט האָט זיך אים אַפֿילו נישט געחלומט, אַז ער וועט פֿאַרנעמען אַן אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אויף דײַטשער גאַס האָט ער זיך פּלוצלינג צעלאַכט און זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט פֿאַרן בויך. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

„ווי הײַנט געדענק איך דאָס: שבת נאָכן דאַווענען האָבן ווײַבער געטראָגן די טשאָלנטן. פּלוצלינג האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן: 'דער עירובֿ איז צעריסן!' זײַנען די ווײַבער, אַלע ווי איינע, געבליבן שטיין אין מיטן גאַס מיט די זודיקע טעפּלעך אין די הענט. ניט אַהין, ניט אַהער. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ מהומה, אַ געשריי, אַ יללה. זיי האָבן זיך נישט געקענט רירן פֿון אָרט. נישט אַוועקצוואַרפֿן דעם טשאָלנט און נישט צו גיין מיט אים אַהיים. וואָס טוט מען?"

ער האָט זיך ווידער אַ מאָל מיט גרויס הנאה צעלאַכט און האָט אויך מיך אָנגעשטעקט. זײַנען געשטאַנען צוויי ייִדן יום־כּיפּור אויף דײַטשער גאַס און האָבן געקײַכט פֿאַר געלעכטער. ער הערט אויף, הייב איך אָן. הער איך אויף, הייבט ער אָן. אַרום אונדז האָט זיך ביסלעכווײַז אָנגעזאַמלט אַ יום־כּיפּורדיקער עולם וואָס האָט געקוקט אויף אונדז, ווי אויף אַ בייז וווּנדער.

דער עולם האָט זיך פֿאַרגרעסערט, אָבער דער זיידע קײַכט פֿאַר געלעכטער, רײַסט זיך איבער, טאָרעט מיך יעדעס מאָל בײַ דער האַנט און רעדט קוים אַרויס: „איר פֿאַרשטייט, ר' שלמה... עס שטייט אַ גאַס מיט ווײַבער, מען האַלט די הייסע טשאָלנטן אין די הענט

און מען ווייסט נישט וואָס צו טאָן... נישט אַהין, נישט אַהער...״ אַ נס, וואָס איך האָב מיך באַהערשט און האָב מיך בײַ צײַטנס אַרויסגעכאַפּט מיטן זיידן פֿונעם נײַגעריקן יום־כּיפּורדיקן עולם.

דער זיידע האָט שוין מער נישט געלאַכט. ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און מיט הנאה געזאָגט:

„די אַמאָליקע מאכלים, נישט פֿאַר יום־כּיפּור גערעדט, האָבן געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם... זיי זײַנען צעגאַנגען אויף דער צונג... הערט איר, ר׳ שלמה, גיט מיר הײַנט אַזאַ טשאָלנט, אַזאַ קוגל, וואָלט איך אײַך דערפֿאַר אַוועקגעגעבן גאַנצע פֿינף אַסיפֿות פֿון אונדזערע בעסטע כּלל־טוער...״

מענדעלע האָט זייער ליב געהאַט די טראַדיציאָנעלע ייִדישע מאכלים, ווי טשאָלנט, קוגל, צימעס, געפֿעפֿערטע פֿיש, געהאַקטע לעבער, געהאַקטע הערינג... „די דאָזיקע מאכלים נעמען זיך אָבער אויס, האָט ער געזאָגט מיט עפּעס אַ קרעכצל, פּונקט ווי עס נעמען זיך אויס אַ סך גוטע זאַכן פֿון דעם אַלטן אַוועקגײענדיקן דור...״

בײַ דער ווינונג פֿון זײַן טאָכטער האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. „קומט אַרויף צו מיר״, האָט ער געזאָגט. „צו וואָס? האָב איך געפֿרעגט: איצט איז דאָך נישט קיין צײַט פֿאַר וויזיטן״. דער זיידע האָט זיך פֿאַרטראַכט. „ניין, איר וועט אַרויפֿגיין צו מיר, האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט. איר וועט מיך באַשיצן... איר פֿאַרשטייט, זיי ווילן מסתּמא, אַז איך זאָל עפּעס צובײַסן, און איך וויל פֿאַסטן... בפֿרט אַז מיר האַלטן שוין בײַם סוף. ווען איר וועט זײַן מיט מיר, וועל איך קענען גובֿר זײַן זייער בקשה. און איר וועט דערפֿאַר האָבן עולם־הבא...״

איך בין אַרויף מיט אים צו דער טאָכטער. זי איז טאַקע צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל עפּעס עסן, אָבער ער האָט איר נישט נאָכגעגעבן, טענהנדיק אַז ער שפּירט זיך אויסגעצייכנט און איז זאַט מיט ווילנע.

שפּעטער זײַנען מיר צוזאַמען אַוועק אין שול.

10

איין מאָל האָט ער מיך אַרויסגערופֿן אין דער פֿרי וועגן עפּעס אַן ענין. נאָך דעם, ווי מיר האָבן געשמועסט בײַ אַ פּאָר שעה, האָט דער זיידע געזאָגט:

„נו, איצט וואָלט איך געוואָלט זען אײַער געשעפֿט.״

מיר זײַנען אַרויס אין גאַס און גענומען אַ דראָזשקע. ייִדישע יונגע־לײַטלעך, פֿאַרבײַגייער, האָבן באַלד דערקענט דעם זיידן. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די טראָטואַרן, געגלאָצט מיט די אויגן. אַנדערע זײַנען פֿלײַסיק נאָכגעלאָפֿן נאָך אונדזער דראָזשקע. אויף סטעפּאַן־גאַס, וווּ מײַן בוכגעשעפֿט האָט זיך געפֿונען, האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ היפּשער עולם. אַנדערע, מער דרייסטערע, זײַנען אַפֿילו אַרײַן צו מיר אין געשעפֿט מיטן תּירוץ, אַז זיי ווילן עפּעס קויפֿן. זיי זײַנען אָבער באַלד געבליבן שטיין ווי געליימטע און געגעסן מיט די אויגן דעם זיידן... דעם זיידן האָט עס דענערווירט. באַזונדערס האָט ער זיך אויפֿגערעגט, ווען עמעץ פֿון די „קוקער״ האָט זיך אומגעלונגען אַרויסגעכאַפּט און זיך אָנגערופֿן צום זיידן: „מיר זײַנען געקומען אײַך זען...״ דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט דער זיידע אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויסגערוקט די ברוסט, אַרײַנגעלייגט די האַנט אין בוזעם און געזאָגט: „נאַט, זעט, קוקט, קוקט, גלאָצט...״ און בעת מעשׂה זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אין אַלע פֿיר זײַטן. די קוקער האָבן זיך פֿאַרשעמט. דער זיידע האָט פֿאַרביסן די דינע ליפּן.

11

צוגרייטנדיק דעם מענדעלע־אַלבאָם, וואָס איז צוגעגעבן געוואָרן ווי אַ בײַלאַגע צו מענדעלעס ווערק, האָבן מיר כּסדר געזוכט און געזאַמלט דעם זיידנס בילדער. אַ סך בילדער

האָבן מיר געפֿונען בײַ זײַן טאָכטער אין וואַזע, אַ גרעסערע צאָל פֿאָטאָגראַפֿיעס האָט מען אונדז צוגעשיקט פֿון אַדעס. צווישן די לעצטע זײַנען געווען פֿאַמיליע־בילדער אָדער שריפֿט־שטעלער־גרופּעס מיט מענדעלען בראָש. מען האָט אונדז אויך צוגעשיקט אַ גרויס בילד פֿון מענדעלעס שוועגער.

מענדעלעס פּרווי האָט דורכויס פֿאַרלאַנגט, מען זאָל אַרײַנגעבן אינעם מענדעלע־אַלבאָם איר פֿאָטערס בילד. די דאָזיקע פֿאָדערונג האָט אָבער קיין שום זינען נישט געהאַט. ווי קומט מענדעלעס שווער צו מענדעלעס ווערק? וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט דער שווער צו דעם מענדעלע־אַלבאָם? סוף־כּל־סוף האָב איך איבערגעשמועסט מיטן זיידן וועגן דעם דאָזיקן העכסט דעליקאַטן ענין. ער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט, געשוויגן אַ ווײַלע, געטראַכט און נאָך דעם געזאָגט:

„איר זענט אַוודאַי גערעכט, ר׳ שלמה. דאָס בילד קען בשום אופֿן נישט אַרײַנגענומען ווערן אין אַלבאָם. וואָס האָט ער טאָקע דאָרט צו טאָן, דער שווער? ס׳איז נישט זײַן אָרט... אלא וואָס, די באָבע וועט פֿאַראיבל האָבן, דאַרפֿט איר מיט איר פּאַוואָליע איבערשמועסן. איך פֿאַרלאָז מיך שוין אויף אײַך...“

און ער האָט מיר צוגעוואָרפֿן אַ קורץ שאַרף בליקל אַריבער די ברילן...

מען האָט באַדאַרפֿט האָבן מענדעלעס בילדער פֿון דער לעצטער צײַט. האָב איך מיט־גענומען אַ באַקאַנטן פֿאָטאָגראַפֿיסט וואָס איז גראָד געווען אַ שטיקל יודע ספֿר און בין מיט אים אַרויסגעפֿאָרן קיין פֿאָדבראָדז, ווו עס זײַנען געמאַכט געוואָרן עטלעכע אינטערעסאַנטע אויפֿנאַמעס פֿון זיידן.

איך האָב באַזונדערס ליב געהאַט די פּאָזע פֿון זיידן, ווען ער פֿלעגט אין אַ זוניקן פֿריי־מאָרגן זיך אַוועקשטעלן אין פֿעלד מיט אַן אַרויסגערוקטער ברוסט און מיט אַן אויפֿגע־הויבענער האַנט איבער די אויגן, ווי אַ דעכעלע, און קוקן ערגעץ ווײַט. ווען דער פֿאָטאָגראַפֿיסט האָט זיך שטאַרק אַרומגעפֿאָרעט מיט זײַן אַפּאַראַט און מיט זײַן שוואַרצן שטיקל געוואַנט, אונטער וועלכן ער האָט כּסדר אַרונטערגערוקט דעם קאָפּ, האָב איך זיך אָנגערופֿן צו מענדעלען:

„זיידע, איין בילד מוזט איר מאַכן אַזאַ, ווי איר שטייט מיט דער האַנט איבער די אויגן...“

„ווי מיט אַ דעכעלע, מיינט איר?“

„ווי מיט אַ דעכעלע...“

דער זיידע האָט מיך פֿאַרשטאַנען און געשמייכלט.

„נו, זאָל זײַן אַזוי ווי איר ווילט“, האָט ער געזאָגט.

דאָס איז, לויט מײַן מיינונג, געווען דאָס בעסטע און געלונגענסטע בילד פֿון זיידן.

12

מענדעלע איז אַרויסגעפֿאָרן מיט זײַן פֿרוי קיין אַדעס, און די אַרבעט בײַ דער אויס־גאַבע איז אַוועק נאָך שווערער ווי פֿריִער. דער אַלטער האָט געמאַכט אַ ים מיט אַרבעט און ער האָט זיך בשום אופֿן נישט געקענט אָפּפּאַרטיקן מיט איר. אַפֿילו ווען ער וואָלט געווען יונג און געזונט וואָלט דאָס אויך געווען איבער זײַנע כּוחות. ער האָט געדאַרפֿט „דורכקוקן“ זײַנע ווערק אין ייִדיש (און בײַ אים דורכקוקן האָט געהייסן פּשוט אָנשרײַבן פֿון דאָס נײַ), איבערזעצן פֿון ייִדיש אין העברעיִש, פֿון העברעיִש אין ייִדיש, „דורכקוקן“ די איבערזעצונגען פֿון אַנדערע איבערזעצער, און דאָ אין מיטן האָט זיך ביסלעכווײַז אונטער־גערוקט זײַן פֿינף און זיבעציקיעריקער יובילײ. דער קאָמיטעט וואָס האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט דעם דאָזיקן יובילײ אין אַדעס האָט זיך מכוון געווען אַרויסצוגעבן מענדעלען אין העב־רעיִש, און דער זיידע האָט געמוזט אַרבעטן פֿאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע. חוץ דעם האָט ער נאָך געשריבן פֿאַר אַ צײַטונג.

מיר האָבן געוואָלט פֿאַרטיק מאַכן צום יובילײ אַלע 17 בענד און האָבן געיאָגט די אַרבעט ווי ווײַט עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז מיר װעלן מיט דער גראַנדיעזער אויסגאַבע נישט פֿאַרטיק ווערן. דעמאָלט האָב איך פֿאָרגעלייגט דעם זיידן, אַז אַנשטאָט צו שרײַבן פֿאַר אַ צײַטונג זאָל ער בעסער איבערזעצן זײַנע ווערק פֿון העב־רעיִש אין ייִדיש און ער וועט באַקומען בײַ אונדז אַזאַ האָנאָראַר, ווי ער באַקומט אין דער צײַטונג.

דער זיידע האָט אײַנגעשטימט, האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, געשוויצט, זיך אָנגע־שטרענגט, אָבער קיין מזל־ברכה איז נישט געווען אין זײַן אַרבעט. מען האָט אים געריסן פֿון אַלע זײַטן, און דער יובילײ איז אים געהאָנגען איבערן קאָפּ ווי אַ חלף.

פֿון דעסט וועגן איז אונדז דאָך געלונגען פֿאַרטיק צו מאַכן צום יובילײ גאַנצע צוועלף בענד. ווען מען נעמט אין אַכט דעם זיידנס קאַפּריזן, זײַן עלטער, זײַן נערוועזישע און מפֿונקישע באַציִונג צו די איבערזעצונגען און צו דעם טעקסט פֿון די פֿריִער געדרוקטע ווערק, מוז מען אָנערקענען, אַז מיר האָבן באַוויזן אַ גרויסע בריהשאַפֿט, אַרויסלאָזנדיק לפֿי ערך אין אַ גאַנץ קורצער צײַט דרײַ פֿערטל פֿון דער ברייט פֿאַרטראַכטער אויסגאַבע.

13

צום יובילײ האָב איך באַקומען אַן אײַנלאַדונג פֿון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט און אַ וואַרעמען בריוו פֿון מענדעלען, אַז איך זאָל דורכויס קומען קיין אַדעס.

איך בין אַרויסגעפֿאָרן קיין אַדעס צוזאַמען מיט דרויאַנאָוון (ער איז געפֿאָרן ווי אַ דעלעגאַט פֿון דער ווילנער פּרעסע) און האָב מיך געפֿילט ווי אַ מחותּן וואָס פֿאָרט אויף אַ פֿריילעכער חתונה. די אינטערעסן פֿון פֿאַרלעגער שטימען נישט אַלע מאָל מיט די אינטערעסן פֿון שרײַבער, דאָך אָבער זײַנען זיי שטענדיק געבונדן צווישן אַנאַנד מיט שטאַרקע פֿעדעם, און מען מוז איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל זיך זאָגן, אַז דער דערפֿאָלג פֿון שרײַבער איז אויך דער דערפֿאָלג פֿון פֿאַרלעגער, און פֿאַרקערט, די מפּלה פֿון שרײַבער איז אויך די מפּלה פֿון פֿאַרלעגער.

און אין אַדעס האָט מען מיך טאַקע אויפֿגענומען ווי אַ מחותּן. מענדעלע האָט זיך שטאַרק געפֿרייט מיט מיר, אַרײַנגעקוקט מיר אין די אויגן אַרײַן מיט אַן אויסדרוק פֿון אמתער אויפֿריכטיקער פֿרײַנדשאַפֿט.

„אָט זאָל נאָר איבערלויפֿן דער יובילײ, וועלן מיר פֿאַרקאַטשען די אַרבל און זיך ערשט רעכט נעמען צו דער אַרבעט“, האָט ער מיר כּסדר צוגעוואָרפֿן, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט באַרויִקן מיט די דאָזיקע ווערטער.

„נו, נו, זיידע, האָב איך פֿון מײַן זײַט אים באַרויִקט. מען דאַרף איצט נישט טראַכטן פֿון דער אַרבעט. איצט איז אײַער יום־טובֿ...“

דער יובילײ איז געפֿײַערט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד. עס איז געווען אַ פֿאַרשיידנ־אַרטיקער עולם. אויפֿן פּאָן פֿון דעם דאָזיקן עולם האָבן זיך אויסגעטיילט די פּנימער פֿון ביאַליקן, ספּעקטאָרן, ראַווניצקין, זשאַבאָטינסקין, אוסישקינען. ווי עס פֿירט זיך אין אַזאַ פֿאַל זײַנען געהאַלטן געוואָרן לאַנגע הייסע דרשות, על־פּי־רובֿ אין העברעיִש. מען האָט געלייענט טעלעגראַמען און באַגריסונגס־בריוו כּמעט פֿון אַלע עקן וועלט.

אויך דאָ איז דער גרויסער קאַפּריזניק און מפֿונק מענדעלע נישט געווען שטאַרק צו־פֿרידן מיט טייל געסט און טייל דרשות...

אַ יונגער־מאַן מיט אַ באַקאַנטן נאָמען איז אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ לאַנגער העברעיִשער דרשה. ער האָט גערעדט אַ מאָדערנעם העברעיִש מיט דער הבֿרה ספֿרדית, וואָס האָט שטאַרק אויפֿגערעגט דעם זיידן.

„וואָס האָט ער דאָרט גערעדט, געפּלאַפּלט, האָט זיך דער זיידע שפּעטער געקאָכט פֿאַר מיר: איך האָב קיין איין וואָרט נישט פֿאַרשטאַנען... ווי געפֿעלט אײַך אַזאַ מעשׂה? אויף אַ יובילײ־באַנקעט וואָס ווערט געפּראַוועט לכּבֿוד מיר און לכּבֿוד מ ײַ ן לשון־קודש האַלט

מען דרשות אין אַזאַ לשון־קודש, וואָס איז בײַ מיר פּונקט ווי טערקיש... איר האָט שוין אַ מאָל געהערט, מען זאָל נעמען און בידים אַזוי צעפּאַטשקען אַ לשון? קאַטאָרגע איז דאָך פֿאַר זיי ווייניק!״

ער האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן. די הענט האָבן אים געציטערט פֿון אויפֿרעגונג.

אין אַ טאָג אַרום נאָכן יובילײ האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אַרויפֿקומען צו אים אַהיים און דאָרט אַדורכקוקן די אַלע בריוו און טעלעגראַמען, וואָס זײַנען אָנגעקומען אויפֿן יובילײ. ער האָט, קענטיק, געקוקט אויף דעם ווי אויף מאַטעריאַל, וואָס וואָלט זיך אפֿשר געטויגט פֿאַר דער אויסגאַבע.

איך בין אַרויף און האָב מיך גענומען צו דעם באַרג בריוו און טעלעגראַמען. פֿון זיי האָט מען באמת געקענט צונויפֿשטעלן אַן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל, ווי אַזוי דאָס פֿאָלק דריקט אויס אין פֿאַרשיידענע לענדער, געגנטן און פּראָווינצן זײַן הייסע ליבע צו מענדעלען און צו דער ייִדישער ליטעראַטור. איבעריקנס, זײַנען אויך געווען עטלעכע בריוו מיט שאַרפֿע זילזולים, וואָס האָבן דער עיקר באַרירט מענדעלעס פּריוואַטן לעבן.

די דאָזיקע שמוציקע בריוו האָב איך, נאַטירלעך, מענדעלען נישט געוויזן, און ער האָט זיי קיין מאָל נישט געזען.

שפּעטער האָב איך, מיט מענדעלעס הסכמה, איבערגעגעבן אַ ייִדישן שריפֿטשטעלער די אַלע בריוו מיט די טעלעגראַמען, אַז ער זאָל זיי סיסטעמאַטיזירן און באַאַרבעטן. צוליב פֿאַרשיידענע טעמים איז אָבער פֿון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען. וווּ עס געפֿינט זיך הײַנט דאָס דאָזיקע פּעקל בריוו און טעלעגראַמען, און צי ס׳עקסיסטירט בכלל, איז מיר אומבאַקאַנט.

14

דער האָנאָראַר וואָס מענדעלע האָט באַקומען פֿאַר זײַנע ווערק האָט אַרויסגערופֿן אין זײַנע קרײַזן גרויס וווּנדער. דער עולם האָט געמאַכט אַ פּשוטן חשבון: ווי באַלד אַז אַ ייִדישער פֿאַרלעגער, אַ פּראַקטישער סוחר און דערצו, ווי באַוווּסט, נישט קיין גרויסער עושר, פּועלט בײַ זיך צו געבן אַ מחבר אַזאַ גרויסן האָנאָראַר, מסתּמא מוז דאָס זײַן אַ גאָלדגעשעפֿט. צוליב דעם דאָזיקן גאָלדגעשעפֿט איז טאַקע מענדעלעס איידעם צוגעטראָטן ווי אַ שותּף צום פֿאַרלאַג.

עס איז אָבער אָפּגעלאָפֿן אַ געוויסע צײַט און ער האָט, מאַכנדיק פֿאַרשיידענע קאַל־קולאַציעס, זיך אַרומגעזען, אַז דאָס געשעפֿט איז נאָך זייער, זייער ווײַט פֿון גאָלד. האָט ער חרטה געקריגן אויפֿן גאַנצן עסק. זײַן חרטה איז דערגאַנגען צו מענדעלען. האָט מיך דער זיידע, באַלד נאָכן יובילײ, אַרײַנגערופֿן אין אַ חדר מיוחד און האָט זיך אָנגערופֿן צו מיר בזה הלשון:

„איר הערט, ר׳ שלמה, איך האָב צו אײַך אַ גרויסע בקשה. מײַן איידעם וויל זיך אָפּ־זאָגן פֿון זײַן שותּפֿות... ער האָט דאָך אָבער מיט אײַך אַ קאָנטראַקט. ווי מיינט איר, איר וואָלט אים אַרויסגעלאָזט?״

„פֿון מײַנט וועגן קען ער כאָטש הײַנט אַרויס פֿון זײַן שותּפֿות, האָב איך געזאָגט: מען מוז אָבער אָנפֿרעגן לידסקין, ווי קוקט ער אויף דעם״.

„נו, בעט איך אײַך טאַקע, האָט מיר דער זיידע אָנגעקלאַפּט אין פּלייצע, אַז איר זאָלט איבערשמועסן מיט לידסקין... איר פֿאַרשטייט, איך האָב גרויס עגמת־נפֿש פֿון דער גאַנצער מעשׂה... ווען אַ מענטש האָט חרטה איז מיט אים נישט צו מאַכן. חרטה, ר׳ שלמה, ליגט אַ מאָל נישט ווײַט פֿון מרה־שחורה...״

קענטיק, אַז דער זיידע אַליין האָט עס שוין אויך נישט געהאַלטן פֿאַר אַ גאָלדגעשעפֿט.

„איך וועל אײַך זייער דאַנקבאַר זײַן, ווען איר וועט מיר אַרויסלאָזן דעם איידעם פֿון געשעפֿט, האָט ער געזאָגט: אַגבֿ, אַ ׳ עס גלאַט אַ גרויסע מניעה, ווען אַ בעל־משפּחה דרייט זיך אַרום אין פֿאַרלאַג... ס׳איז נ ז גוט — נישט פֿאַר מיר, נישט פֿאַר אײַך.״ און ער האָט אַ בלינצל געטאָן מיט די אויגן י זיך דראָבנע צעלאַכט.

איך האָב איבערגעשמועסט מיט לידסקין, ער האָט געגעבן זײַן הסכּמה, דער איידעם האָט צוריק באַקומען דאָס געלט וואָס ער האָט אַרײַנגעלייגט און איז געוואָרן אויס שותּף.

מיר האָבן די אַרבעט ווײַטער געטריבן, און זי איז ווײַטער געווען זייער שווער. דער זיידע האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט, נישט פֿאַר זײַנע כּוחות, און איז דעריבער געווען זייער נערוועזיש און אויפֿגערעגט. די אַרויסגעלאָזטע ביכער האָבן אים אַ ביסל נישט באַפֿרידיקט, דער עיקר צוליב די קאָרעקטור־גרײַזן.

פֿון די בריוו וועלכע ער האָט מיר צו יענער צײַט געשריבן זעט מען קלאָר, ווי אַזוי ער איז געווען אַרײַנגעטאָן מיט לײַב און לעבן אין דער אויסגאַבע פֿון זײַנע כּתבֿים.

איך ברענג דאָ דרײַצן בריוו און גיב זיי איבער אות באות מיט דעם זיידנס אָרטאָגראַפֿיע און פּונקטואַציע. [בלויז די נקודות האָבן מיר צוגעשטעלט. — רעדאַקציע.]

א

אַדעססאַ 9 פֿעברואַר 1911

ליבער הערר סרעבערק!

איך קען אײַך גאָר אַזויפֿיל ניט אַרויסזאָגען דעם גרויסען צער, וואָס איך האָב געהאַט פֿון אײַער לעצטען בריף, הערענדיג ווי דאָס דרוקען פֿון מײַנע ספֿרים ציהט זיך עפּיס שווער ווי פֿון פּעך און מיט אַלע מיני גרײַזען. לאָם איך שוין בעסער שווײַגען און שוין דערלעבען זעהען די אָפּגעדרוקטע ספֿרים. איך בעט אײַך, מײַן ליבער פֿרײַנד, טהוט וואָס מעגליך צופֿאַרריכטען די אַלע פֿעהלער. די צוגעפּאַקטע 6 בענדער, האָב איך נאָך ניט דער־האַלטען דאָס איז אַ לאַנגע מעשׂה. איך בעט אײַך, ווי נאָר מעגליך צושיקען מיר די ספֿרים געבונדענע מיט דעם אַלבום כּפֿי הבטחתכם. לאָמיך האָטש האָבען אַביסעל נחת פֿאַר מײַן צער. אל תבטחו ביובילעאום־קאָמיטעט, שאין לו תשועה ככל הקאָמיטעטען. די „נשׂרפֿים“ זעטץ איך איצט איבער אויף דאָס נײַ. זעהר אַ שווערע אַרבייט. דאָס טהו איך אָבער בדחילו ורחימו נאָר טאַקע צוליב אײַך. איך רעכען אין אַ וואָך אַרום וועל איך אײַך די נשׂרפֿים צו שיקען. אויך דעם „פֿיש“, וואָס געהער זיך מיט די „נשׂרפֿים“ כּלל נישט אָן. — דער קליינער „לוח הסוחרים“ געפֿינט זיך ניט בײַ מיר. מיט דעם „אבות ובנים“ איז מיר איצט ריין אוממעגליך זיך צובאַשעפֿטיגען. איך דענק אָנהויבען איהם ערשט זומער איה״ש. און אפֿשר וועט אויסקומען וועגען דעם זיך צוזאַמענריידען מיט רויזענען.[1]

די וועקסלען אויף טויזענט רובעל, וואָס איהר דאַרפֿט צאָהלען דעם 15 פֿעברואַר, האָב איך איבערגעגעבען אויף מײַן ווײַבס נאָמען אין דער ווזאַימנע באַנק, אַזוי ווי איהר האָט מיך געלעהרענט צוטאָהן. איך האָף צובעקומען פֿון אײַך אַ בריף, אַז ס'איז אַלסדינג אין אָרדענונג. — אשתי ובני ביתי גריסען אײַך הערצליך גאָר פֿרײַנדליך. — שרײַבט!

מיט אַכטונג און אמת'ר פֿרײַנדשאַפֿט אײַער

ש. אַבראַמאָוויץ

ב

אַדעססאַ 15 פֿעברואַר 1911

מײַן ליבער הר״ר סרעבערק!

הײַנט ערשט האָב איך למזל געענדיגט די „נשׂרפֿים“ וואָס איך שיק אײַך דאָ צו אינ־איינעם מיט דעם „פֿיש“. דריקט עס למעה״ש אָהן גרײַזען. אוי די גרײַזען, די גרײַזען, זיי עלטערען מיך! די זעקס ניט געבונדענע בענדליך האָב איך ערשט ניט לאַנג דערהאַלטען. אַ שרעק וויפֿיל גרײַזען דאָרט געפֿינען זיך. נאָר ס'איז נישט צומאַכען, איין פֿעהלער איז דאָ אָבער, וואָס מען מוז איהם אונבעדינגט פֿאַרריכטען. איך האָב אײַך אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דעם פֿעהלער נאָך פֿריהער בשעת איהר זענט געווען אין אַדעסאַ, און איהר האָט איהם פֿאַרצייכענט בײַ אײַך אין נאָטיצביכעל, כּדי איהם צופֿאַרריכטען, לסוף איז ער געבליבען ווי פֿריהער. אָט איז ער:

אין „ווינשפֿינגעריל“ ערשטער באַנד ז. 168 שטעהט געדרוקט: „ברידער! — קלאָגען דאַרויף די קינות פֿון יענער צײַט — אַלע אײַערע הינדערט־טויזענטער וכ״ו וכ״ו ביז ווי ווילד

---

[1] אַבֿרהם רייזען.

געפֿאַלען איז דאָס פֿאָלק ישׂראל!" אויף דער זײַטע 169. אָט די דאָזיגע ווערטער, וואָס דאָ חזר'ן זיך איבער אין צווייטען באַנד צום סוף זײַט 391 „אוי ווי טיף געפֿאַלען וכ"ו אַלע אײַערע הונדערט־טויזענטער וכ"ו, וכ"ו, וכ"ו ביז אויף דער זײַטע 392. ס'איז אַ מיאוסער פֿעהלער, וואָס קען זעהר פֿיל שאָדען. פֿאַרריכטען מוז מען איהם באַלד תּיכּף ומיד. ווי אַזוי? איז דאָך גאָט אַ טאַטע, דער דרוקער האָט געמאַכט נאָך אַ פֿעהלער אין דער צאָהל פֿון די בלעט־ליך כּדי דורך דעם פֿעהלער זאָל קענען אויסגעבעסערט ווערען יענער פֿעהלער. די מעשׂה דערפֿון איז אַזוי, נאָך דער ציפֿרע 169 געהען דרײַ ליידיגע זײַטען, הייסט דאָך עס: 3 + 169 = 172 בעדאַרף דאָך שטעהען, וואו עס הויבט זיך אָן דאָס ערשטע קאַפּיטעל פֿונם פֿערטען בוך, 173, לסוף שטעהט גאָר דאָרט 171. וואו זענען היגגעקומען די פֿריהערדיגע צוויי זײַטען? אָט וואו. נעהמט, זײַט מוחל, דרוקט איבער דאָס בלעטיל (167 + 168 ביז: און באַץ געוואָרען געפֿאַנגען) אַרויסוואַרפֿנדיג דאָס גאַנצע שטיק: „ברידער! וכו' אַלע אײַערע הונדערט־טויזענטער וכו', וכו', וכ"ו, בלײַבט דאָס גאַנצע בלעטיל דעריבער איבעריג, ווערט איהר עס אויסשנײַדען ווערט טאַקע דערנאָך די צאָהל 171 אויסקומען גאַנץ ריכטיג. אַצינד זעהט איהר שוין וואָס פֿאַר אַ גאָט מיר האָבען. ער שיקט צו די רפֿואה פֿאַר דער מכּה. — אַצינד וועגען דעם קונדס. איך און איהר ווייסען מיר דאָך זעהר גוט אַז קיין הכשר פֿון מיר איז נישטאָ. לאָמיר־זשע פֿריהער זעהן ווי ער, דער קונדס, אָדער די העברו פּובלישינג וועלען אָבדרוקען אַ הכשר פֿון מיר מיט מײַן נאָמען, אָ, דענסטמאָל ווערט גאָט זײַן אַ טאַטע. די גאַנצע זאַך איז דאָך, ווי איהר ווייסט, נאָר ראַבניצקעס און ביאַליק'ס בריף, נו, האָב איך זיי איבערגעגעבען, זיי זאָלען ענט־פֿערען אין די צײַטונגען, וועלכע איהר האָט געצייכענט, דאָס איז צוליב דעם, כּדי צו פֿאַרהיטען ליובאַרסקעס [2] כּבֿוד, ער זאָל ניט קאָמפּראָמעטירט ווערען. די בריף וועלען די טעג צושיקט ווערען, און ווײַטער וועלען מיר זעהן. מיר דאַכט זיך אַז ס'איז כּלל נישטאָ וואָס מורא צוהאָבען פֿאַר די גנבֿים. עס וואָלט געווען פֿאַר אײַך זעהר גוט און זעהר ניטצליך ווען איהר זאָלט קענען אַליין אַראָפּפֿאָהרען קיין אַמעריקאַ. דאָרט וואָלט איהר זיכער געמאַכט אַ גוט געשעפֿט. אַלע וואָלטען אײַך געהאָלפֿען. גוטע פֿרײַנד מײַנע זענען דאָרט אַלע יודען, ליובאַרסקי, ווייס איך, איז אויך זעהר מיר איבערגעגעבען — בעטראַכט זיך, חלעבין. האַ?

די געבונדענע ספֿרים מיטן אַלבום האָב איך נאָך ניט דערהאַלטען און וועל, דאַכט זיך, ניט אַזוי גיך דערהאַלטען. פֿאַר וואָס שיקט איהר ניט גלײַך אויף מײַן נאָמען? וואו איז דאָס בילד? — איך וואַרט מיט אונגעדולד אויף אײַער באַלדיגער תּשובֿה.

באהבה רבה

ש. אַבראַמאָוויץ

כּב"ב דורשים שלומך.

ג

אַדעססאַ 20 פֿעברואַר 1911

מײַן ליבער הר"ר סרעבערק!

אין דעם טאָג, ווען איך האָב אײַך געשיקט מײַן פֿריהערדיגען בריף מיט די „נשרפֿים" און דעם „פֿיש" האָב איך בעקומען פֿון ליובאַרסקען אַ בריף מיט אַ מזל־טובֿ צו מײַן יובילעאום. נעכטען האָב איך ווידער בעקומען פֿון איהם אַ בריף, וועלכען איך שיק אײַך דאָ. פֿון דעם בריף ווערט איהר אַרויסזעהען אַז איך האָב אײַך געג־עצה'ט ווי אַ נ ב י א , אַז איהר בעדאַרפֿט זײַן אין אַמעריקאַ. מיט בריוולעך אַהין אַהער ווערט מען גאָרנישט מאַכען, עס ווערט נאָר אַוועק־געהען אומזיסט די צײַט. ביאַליק און רבניצקי האָבען גאָרנישט געטהאָן, טהוען נישט און וועלען נישט טהאָן. ס'איז אויף זיי נישט צורעכענען. איך ווידער זאָל אָפּלייקנען עפֿענטליך דעם הכשר, וועל איך אַרײַנפֿיהרען ליובאַרסקען אין אַ מיאוסער לאַגע. עס ווערט דאָך אויסקומען אַז ער האָט פֿאַלש זיך געשיקט אויף מײַן בריף, קען ער דאָך דערפֿון לײַדען. אמת טאַקי ער האָט זיך בענאַרעשט, אָבער חלילה נישט פֿאַר שלעכטס, זײַן כּוונה איז דאָך געווען אַ גוטע, ער האָט מיך געוואָלט ראַטעווען פֿון גזלנים, וואָס האָבען מיך בעגזל'ט, געדרוקט און פֿערקויפֿט מײַנע ספֿרים, נישט צוגעבענדיג מיר ניט איין גראָשען. גוט איז — האָט ער געמיינט — האָטש 1800 רובל. דאָס אַלסדינג ווייסט איהר דאָך שוין אַליין זעהר גוט, מיר האָבען דערפֿון גע־רעדט און גערעדט בשעת איך בין געווען בײַ אײַך אין ווילנאַ. צו וואָס־זשע נאָך אַ מאָל עס איבערחזר'ן. מײַן עצה איז, זאָג איך נאָך אַ מאָל, מען מוז זײַן אין אַמעריקאַ, איהר אַליין און אַז ניט איהר, זאָל זײַן טשערנאָוויץ, אויב ער האָט צײַט. אָבער גיך און באַלד, נישט אָפּ־לייגען עס. — זעהר גוט וואָלט געווען ווען איהר זאָלט זיך מטריח זײַן קומען אונגעזאַמט

[2] מענדעלעס אַ פֿרײַנד וואָס האָט פֿאַרהאַנדלט מיט די פֿאַרלעגערס אין ניו־יאָרק. די פֿאַרלעגערס האָבען כּסדר געדרוקט מענדעלעס ווערק, און דער זיידע האָט קיין שום האָנאָראַר נישט באַקומען פֿון זיי.

צו מיר, אין אַדעססאַ, וואָלטען מיר די זאַך גוט בעטראַכט. איך האָב אײַך אַרויסגעזאָגט אַלס־דינג לטובֿת העסק, ווײַטער טהוט אײַך ווי איהר ווילט.

איך האָף אַז איהר האָט אויסגעבעסערט די פֿעהלער אין ווינשפֿינגעריל און מקיים געווען אַלסדינג, וואָס איך האָב געשריבען אײַך אין מײַן פֿריהערדיגען בריף.

זײַט מיר רעכט געזונט און שרײַבט אָדער טעלעגראַפֿיהרט מיר אײַער תּשובֿה.

ש. אַבראַמאָוויץ

ד

אַדעססאַ, פּורים. תּרע״א.

מײַן ליבער הר״ר סרעבערק!

דאָ האָט איהר אײַך דעם פּראָטעסט,[3] וואָס איך האָב הײַנט אָנגעשריבען לויט אײַער רצון. דער פּראָטעסט איז אָנגעשריבען לומדיש, ווי איהר זעהט. אַזוי אַז ער זאָל יוצא זײַן לכל הדעות. שרײַבט איהם איבער למעה״ש ריין, דײַטליך, אין עטליכע עקזעמפּליאַרען און צושיקט איהם אין די רעדאַקציעס. אײַער פֿריהערדיגען בריף מיט די אַדרעסען האָב איך שוין אַ פּאָר וואָכען פֿריהער איבערגעגעבען רבניצקין און ביאַליקען, זיי זאָלען אַהין אַוועקשיקען זייערע בריף, בכן זענען דאָך די אַדרעסען נישטאָ בײַ מיר. נישקשה מײַנע פֿרײַנד רב... און ביאַל... וועלען די בריף זייערע אַוועקשיקען, וואָרים אַזוי וויל איך. און פֿאַר וואָס איך וויל אַזוי — דאָס איז שוין רעכט. אַזוי מוז זײַן און עס וועט זײַן.

די ביכער מיט דעם בילד און דעם אַלבום האָב איך ביז אַצינד נאָך ניט מקבל געווען. ווײַטער, בעט איך אײַך מיר שיקען גלײַך אויף מײַן אַדרעס. זעהט זשע נישט אַנדערש. אַז איהר וועט זײַן אין וואַרשוי, בעט איך אײַך, זיך משתּדל זײַן דער פֿאַבריקאַנט זאָל מיר שיקען במתּנה מײַן גרויסע בילד אין בראָנז. מען האָט מיר שוין לאַנג געשריבען, אַז דאָס בילד האָט ער מיר אַרויסגעשיקט. און עד היום האָב איך עס נישט דערהאַלטען.

איך בעט אײַך שיקט דעם אַקאַדעמישען פֿעראיין אין וויען מײַן גרויס בילד כּהבטחתכם. דעם אַדרעס האָט איהר דאָך פֿאַרצייכענט אין נאָטיץ־ביכעל בײַ אײַך. איך בעט אײַך טהוט מיר די טובֿה. ענטפֿערט מיר אויף דעם בריף באַלד, טאַקי באַלד. איהר הערט? תּיכּף ומיד טאַקי.

מיט גרוס און אַ גוטען פּורים

ש. אַבראַמאָוויץ

ה

אַדעססאַ ג דחוה״מ פּסח תּרע״א.

אַ גוט יום־טובֿ אײַך מײַן ליבער הר״ר סרעבערק!

נעכטען ערשט האָב איך לסוף דערהאַלטען די צוועלף טהייל פֿון מײַנע ספֿרים אין אַ שענעם בונד, וועלכע איהר האָט מיר געשיקט. מיט׳ן בונד בין איך צופֿרידען נאָר מיט די ביכער אַליין — ניין! לא די וואָס זיי זענען ניט שען געדרוקט זענען זיי נעביך פֿול־און־פֿול מיט גרײַזען. אַפֿילו די גראָבע, מיאוסע, שענדליכע, שרעקליכע, אונדערהערטע, פֿירכטערליכע גרײַזען, וועלכע איך האָב אײַך בעמערקט און איהר האָט פֿאַרשפּראָכען אין אײַער בריף זיי צופֿאַרריכטען, האָט איהר איבערגעלאָזט ווי זיי זענין. איך פֿאַרשטעה, חלעבין, נישט, פֿאַר־וואָס בעגעהט איהר זיך אַזוי נאַכלעסיג. דאָס קען דאָך אײַך שאָדען צום עסק. אַ קאַטאָוועס עפּיס אַזוינע גרײַזען! דער עולם וועט זיך אַרומקוקען און וועט זאָגען גאָט ווייסט וואָס. איך רעד שוין נישט דערפֿון, וואָס שונאים וועלען דערפֿרעהט ווערען, עפּנען אויף מיר די מײַלער. עס אַרט מיך אויך, און טאַקי שטאַרק, וואָס דאָס קען שאָדען אײַך צום עסק. מען זעהט בחוש אַז ס׳האָט זיך געדריקט אָהן אַ אויג פֿון אַ בעל־הבית, ס׳איז געווען הפֿקר. מען האָט געדרוקט!!! צום בײַשפּיל: אין אינהאַלט (אָדער מודעה) צום סוף דעם 4 טהייל שטעהט אַזוי: „ביאָגראַפֿיע פֿון מענדעלי דורך ד. פֿרישמאַן.״ און געדרוקט איז גאָר אין אָנהויב פֿונם ערשטען בוך די ביאָגראַפֿיע דורך י. ח. ראַבניצקי!!! — מילא דאָס בין איך שוין מוחל, נאָר יענע גראָבע פֿעהלער, פֿון וועלכע איך האָב אײַך געשריבען מוזט איהר פֿאַר־ריכטען.

נו, ליבער פֿרײַנט, ווי געהט עס דער פֿאַרקויף פֿון די ביכער. טראַכט איהר מאַכען באַלד אַ נײַע אויסגאַבע? מיר דאַכט, אַז דער מקח אויף די ביכער איז אַביסעל צוגרויס. מען האָט

---

[3] דער פּראָטעסט איז געווען געווענדט קעגען די פֿאַרלעגערס אין אַמעריקע.

עס אַפֿילו מיר שוין בעמערקט. מילא, דאָס איז אײַער זאַך. די אויסגאַבע האָט געמעגט אַביסעל שענער זײַן. יאָ, אין מחשבֿות'ן. אין 4־טען באַנד זענט איהר מודיע אַזוי: „עס דרוקען זיך: 13 באַנד. א י ן ש ט ו ר ם (וואָס'ר שטורם? איך ווייס ניט קיין שטורם און פֿאַרשטעה עס כּלל נישט! גלאַט, איהר שרײַבט, נישט געשטויגען ניט געפֿלויגען! דערקלעהרט מיר וואָס איהר מיינט). ד י פֿ י ש (ניט די, נאָר ד ע ר פֿיש). 15 באַנד ט אַ ט ע ס א ו ן ק י נ ד ע ר (לע"ע האָב איך דעם ספֿר מײַנעם נאָך נישט בעאַרבײַט, און וועגען דעם בעדאַרפֿען מיר פֿריהער ריידען). — 16 באַנד א י ן ד ע ר מ ה ו מ ה (וואָס'ער מהומה, האַ?) אין פּ מ ל י א ש ל מ ע ל ה (ווער? וואָס?) — אַך, מײַן ליבער פֿרײַנד, ווי קומט עס, אַזאַ קלוגער געזעצטער מענש ווי איהר, וואָס דער־פֿאַר אַכטע איך אײַך און האָב אײַך ליב, זאָלט זײַן גראָד איבעראײַלט, נישט רעכט זיך מיישבֿ זײַן וועגען דעם מיט מיר פֿריהער? — ווייסט איהר וואָס איך וועל אײַך זאָגען: ס'איז שטאַרק נויטיג לטובֿת העסק מיר זאָלען זיך פּערזענליך זעהען און אַלסדינג גוט בעטראַכטען. איך בין אויסען, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפֿען, אײַער טובֿה טאַקי. — דעם קאָמפּלעקט דורך ראַב־ניצקען האָב איך עד היום נאָך ניט בעקומען. זאָגט מיר מײַן פֿרײַנד, פֿאַר וואָס שיקט איהר מיר ניט דעם אַלבום מיט מײַן בילד? האַ, איז דאָס שען? איך בעט אײַך תיכף בקבלת מכתבי זה מיר זיי אַרײַנשיקען ע"י הפּאָסט. יאָ, וואָס הערט זיך עפּיס בײַ אײַך מיט דער רוסישער אויסגאַבע פֿון מײַנע ווערק. פֿיל שרײַבער ווענדען זיך צו מיר מכּח דעם און איך שיק זיי אָפּ צו אײַך. שרײַבט מיר וועגען דעם אַ קלאָהרע תּשובֿה. בכלל בעט איך אײַך נעהמען צײַט און שרײַבען מיר אַ בריף בפּרוטרוט וועגן אַלסדינג. און וואָס הערט זיך מכּח אַמעריקאַ?

האָט מיר אַ כּשרה'ן פּסח און אַ גוט יאָהר! אײַער

ש. אַבראַמאָוויץ

ו

אַדעססא 19 אַפּריל 1911

מײַן ליבער הר"ר סרעבערק!

איך שיק דאָ אַרײַן שטיקליך פֿון אַמעריקאַנישע גאַזעטען מיט אַ קאָפּיע פֿונ'ם בריף, וואָס איך האָב דעם 16 אַפּריל דערהאַלטען פֿון ליובאַרסקין, און מיט אַ אָנווײַזונג אויף אַכטצעהנ־הונדערט (1800) רובל !!! ס'איז אַזוי משוגע, ווילד, פֿאַרדרעהט, פֿאַרשווינדעלט דאָס גאַנצע געפּלוידער זייערס וועגען דעם ענין, אַז [עס] עקעלט פּשוט צו לייענען. צו וואָס פֿאַרט האָט מען מיר אַרײַנגעשיקט געלד, אַז אַליין דרוקט מען ראַבניצקעס בריף, מײַן בריף אויך אײַערע ווערטער אַז די קניה איז קיין קניה ניט און ווי ליובאַרסקי אַליין זאָגט אין זײַן אַרטיקעל דאָ „עורבא פּרח. לא שרירין ולא קיימין". — מיינט מען אפשר, אַז דאָס געלד זאָל זײַן מיר אַ פֿאַרגיטונג פֿאַר זייער גזלה? הכּלל, לייענט גוט איבער די אַלע זאַכען און זאָגט, וואָס מען האָט צוטהאָן. דעם אָנווײַזונג האָב איך באַלד טאַקי געוואָלט צוריקשיקען, נאָר ס'איז געבליבען צו־וואַרטען אײַער תּשובֿה. — איך פֿון מײַן זײַט האָב אַלסדינג געטהאָן, איך האָב געשריבען, פּראָ־טעסטירט אין אַלע צײַטונגען, ווי איהר האָט פֿאַרלאַנגט. אַצינד טהוט שוין איהר, וואָס נאָר מעגליך. איהר קענט דאָך זיי מאַכען אַצינד אַ פּראָצעס, מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט דרוקען זיי אײַערע געקויפֿטע פֿון מיר ספֿרים און געדרוקטע אין עסטערײַך. איך בעדאַרף אײַך איבעריגענס נישט לעהרנען וואָס צוטהאָן, איהר וועט שוין אַליין אויך וויסן לעשות לטובֿתכם.

אויף מײַן פֿריהערדיגען בריף האָט איהר מיר ביז אַצינד נאָך ניט געענטפֿערט און דאָס וואונדערט מיך זעהר און זעהר טאַקי. איך בעט אײַך, זײַט מיך נישט מצער און ענטפֿערט מיר באַלד טאַקי אויף מײַנע בריף. רעדט איבער מכּח דער פּובלישינג קאָמפּ' מיט לידסקען און אויך מיט מײַן אײדעם. — באַלד ווי איך וועל בעקומען אײַער תּשובֿה וועל איך די גזלנים, דער פּובלישינג דעם שמוטציגען אָנווײַזונג וואַרפֿען אין פּנים אַרײַן. איהר הערט? ענטפֿערט למעה"ש גיך און באַלד. איך שרײַב נאַכלעסיג, ווײַל איך פֿיל מיך, לא עליכם, אַביסעל ניט געזונט. זײַט כּויר געזונט און שטאַרק ווי עס ווינשט אײַך אײַער

ש. אַבראַמאָוויץ

ז

אַדעססא 28 יולי 1911

מײַן ליבער הר"ר סרעבערק!

הײַנט האָב איך אײַך אָפּגעשיקט „התמורה" אויסגעבעסערט, איך האָב עס פֿערהאַלטען ביז איצט בײַ מיר איבער דרײַ אורזאַכען. 1) האָט מיר מײַן טאָכטער געזאָגט, צוריק קומענדיג פֿון ווילנא, אין אײַער נאָמען אַז איהר וועט דעם חודש זײַן אין אַדעססא. 2) בין איך די לעצטע צײַט נישט רעכט געזונט. דאָס שרײַבען איז פֿאַר מיר אַצינד אַביסעל שווערליך. 3) לויט אונזער אָפּמאַך, בעדאַרף איך האָבען פֿון איבערזעטצונגען מײַנע זאַכען אין העברעאיש

25%. במה דברים אמורים, אַז איהר וועט עס אַרויסגעבען אין בעזונדערע ביכער. ווייס איך. פֿאַרקויפֿט איז געוואָרען אַזויפֿיל, בכן קומט מיר אַזויפֿיל און אַזויפֿיל, אָבער אַז איהר דרוקט אָפּ מײַנע עפּיס אַ קליינע זאַך אין אַ בוך צווישען אַנדערע זאַכען, ווי־זשע וועל איך בעקומען דאָס וואָס מיר קומט? האַ, זאָגט אַדרבא! און אויב איהר ווייסט ווי אַזוי די זאַך צומאַכען ריכטיג ווי געהעריג, מעגט איהר די „התמורה" און „שבת" דרוקען. זײַט־זשע מיר מודיע און שרײַבט מיר באַלד אַ ענטפֿער. דער „האבות והבנים" דרוקט זיך נישט אין דריטען טהייל. ווינטער איה"ש וועל איך איהם אינגאַנצען איבערמאַכען. מען טהאָר זיך נישט חאַפּען. געוואַלד בעסערט אויס די גרײַזען אין דער אויסגאַבע אײַערער. מען שרײַעט — רבניצקע איז אויפֿגעבראַכט. ער האָט געוואָלט אַפֿילו שרײַבען אין אַלע גאַזעטען. וואו איז מײַן בילד? וואו זענען די איבעריגע ביכער מײַנע? — ליובאַרסקע איז איצט אין באַזעל. די ימים־טובֿים וועט ער זײַן, ווי איך האָב געהערט, אין אַדעססא. — זײַט מיר געזונט, און שרײַבט!

ידידך דורש שלומך בכל לב

ש. אַבראַמאָוויץ

מײַן ווײַב און מײַן טאָכטער גריסען אײַך פֿרײַנדליך.

ח

אַדעססא 8 אויגוסט 1911

מײַן ליבער רבי שלמה!

מיט דעם דאָזיגען בריף שיק איך אײַך צוגלײַך אַרויס דעם ספור „מאי חנוכה?" בכלל איז די איבערזעטצונג גאָר קיין מעשה ניט. איך לייג־צו צו דער העתקה דעם אָרי־גינאַל אין לה"ק. לאָז זיך דער מעתיק האַלטען אין דעם אָריגינאַל. נאָך אַמאָל צושיקען מיר די אויסגעבעסערטע איבערזעטצונג בעדאַרף מען ניט, איך פֿאַרלאָז מיך שוין אויף דעם מעתיק. ווי איך זעה איז ער אַ מענש מיט אַ געשמאַק.

עס שרײַבט מיר זיך עפּיס אַצינד ניט לא עליכם. דעריבער בין איך מקצר און זאָג אײַך אַ גיטען! — זײַט מיר געזונד ווי עס ווינשט אײַך פֿונם האַרצען אײַער

ש. אַבראַמאָוויץ.

ט

אַדעססא 24 אויגוסט 1911

מײַן ליבער ר' שלמה!

איבער די כּוחות האָב איך געאַרבייט בײַם איבערקוקען און אויסבעסערען דעם „בימי הרעש". בײַם זײַטעל 25 האָב איך אַ וואָרף געטהאָן די פּען פֿאַר גרויס מידקייט, אָפּ־לייגענדיג דאָס אויסבעסערען ביז נאָך די ימים־טובֿים. זײַט געזונד! מאָרגען איה"ש גאַנץ פֿריה פֿאָהר איך עם ב"ב קיין שאַבאָ. פֿאַרריכטען אַביסעל דאָס געזונד מײַנס. זאָל גאָט געבען אײַך און מיר און כּל ישראל אַ גוט יאָהר אָמן!

אײַער ש. אַבראַמאָוויץ

י

אַדעססא, הושענא רבה, תּרע"ב.

מײַן ליבער רבי שלמה!

איך פֿאַרשטעה ניט וואָס אין אײַער בריף איהר ווילט? ווייסט איהר דען ניט, אַז איך האָב נישט אָנערקענט די מכירה פֿון מײַנע ספֿרים דורך ליובאַרסקין און האָב אָקעגען דעם פּראָ־טעסטירט אין אַלע היגע און אַמעריקאַנישע בלעטער? און דאָס געלד, אַכטצעהן הונדערט רובל, װעלכע ער האָט מיר צוגעשיקט, האָב איך אין אײַער און לידסקעס געגענוואָרט איהם אָפּגעשיקט צוריק. און אַזוי טאַקי האָט איהר מיך, איהרביידע טאַקי געראַטהען. וואָרים איך האָב מיך געהאַלטען און האַלט מיך אַלץ טאַקי בײַ מײַנס: חבֿרה פֿאַרלעגער, גנבֿים! בעפֿרידיגט מיך פֿאַר'ן עבֿר, פֿאַר דעם וואָס איהר האָט מיך אַזויפֿיל יאָהר בעגזלט בעצאָהלט מיר, אלא ניט, זײַט איהר גזלנים און איך וויל אײַך ניט קענען! — האָט איהר דען אַלסדינג פֿאַרגעסען? זיכער, ניין! — ווי אַזוי־זשע, מײַן ליבער ה"ר סרעבערק, זאָל איך פּלוצים שרײַבען ליובאַרסקען וואָס? אַז די מכירה וואָס ער האָט געמאַכט איז אַ מכירה און דאָס געלד זאָל ער מוחל זײַן אײַך געבען? הייסט עס, אַז מײַנע רייד פֿריהערדיגע און מײַן פּראָטעסט אין צײַטונגען און מײַנע בריף פֿריהערדיגע און אָפּשיקונג צוריק דאָס געלד ליובאַרסקען איז גאָרנישט, גלאַט אַזוי זיך געפּלאַפּעלט? בעטראַכט זיך נאָר, וואָס אַזוינס איהר האָט אין אײַער בריף פֿון מיר פֿערלאַנגט.

דאָס האָט מיך שטאַרק געקרייינקט. הערט־זשע מײַן ליבער רבי שלמה, טהוט אײַך מיט די אַמעריקאַנישע פֿאַרלעגער וואָס איהר קענט און וואָס איהר ווילט. איך פֿון מײַן זײַט וויל זיי ניט קענען, ניט האָבען מיט זיי געשעפֿטען, וועל זיי ניט מוחל זײַן ביז וואַנען זיי וועלען ניט תּשובֿה טאָהן און מיך מעהר אָדער וועניגער בעפֿרידיגען.

דעם אָפֿענעם בריף צו די אַמעריקאַנישע ליטעראַטען קען איך ניט אונטערשרײַבען. איהר האָט דען פֿאַרגעססען אַז די ליטעראַטען דאָרט האָבען נאָך אונטערגעהאָלפֿען די פֿאַרלעגער גזלנים, אָפּגעקויפֿט בײַ זיי מײַנע ספֿרים, און בכלל זיך בענומען אַקעגען מיר זעהר ניט שען. איך בין זיי מוחל, נאָר קיין געשעפֿטען מיט זיי וויל איך ניט האָבען. זאָל מען שיקען דעם אָפֿענעם בריף אָהן מיר. נישקשה!

וואָס הערט זיך בײַ אײַך מיט מײַנע ספֿרים? האָט איהר אין דער דאָזיגער צײַט נאָך בענדער אָפּגעדרוקט? און וואָס הערט זיך עפּיס מכּח גרײַזען? פֿע, חלעבין! וואָס איז געוואָרען דער סוף מיט אַן—סקעס „פּערעוואָדען”? שווײַגט ניט, איך בעט אײַך, און שרײַבט מיר דײַטליך וועגען דאָס אַלסדינג. פֿון אײַער שותּפֿות, וואָס איהר שרײַבט, מיט'ן תּושיה און הצפֿירה ווייס איך ניט וואָס צוזאָגען. שרײַבט מיר וועגען דעם קלאָהר, ריינע דבורים. אין וועלכער צײַטונג און אין וועלכען נומר שטעהט אײַער מודעה.

איך בין נאָך אַלץ ניט רעכט געזונט. און דאָס שרײַבען קומט מיר אָן זעהר שווער. איך מוז האָבען רוה און צײַט. און [אָט] שטעהען מײַנע פֿערלעגער אין העברעאישען און פֿאָדערען דעם „האבות והבנים”. וואָס זאָל איך טהאָן, איך טהו מיר אָן אַ כּח און באַשעפֿטיג מיך אַצינד מיט דעם דאָזיגען ספֿר. ער וועט אויסקומען כּמעט נײַ.

זײַט געזונד, פֿאָהרט געזונד און קומט געזונד, מאַכט גוטע געשעפֿטען ווי עס ווינשט אײַך פֿונם האַרצען ידידכם ודורש שלומכם באהבה

ש. אַבראַמאָוויץ

יא

אַדעססאַ 12 אָקטאָבער 1911

מײַן ליבער רבי שלמה!

אָט האָט איהר אײַך דאָ מײַן בריף צו ליובאַרסקין, וועלכען איהר פֿערלאַנגט. גאָט ווייסט, וויפֿיל עס האָט מיך געקאָסט מיה אָנצושרײַבען דעם בריף אַצינד אַז איך בין לא עליכם ניט רעכט געזונד און דער קאָפּ ממש שפּאַלט זיך מיר. נו, וואָס, געפֿעלט אײַך דער בריף? זאָגט! זאָל עס אײַך דינען פֿאַר אַ צייכען ווי ליב איך האָב אײַך. אַ אַנדערען וואָלט איך נישט געהערט אַצינד בשום אופֿן. לאָז מען מיר נישט שיקען אַצינד די איבערזעטצונגען, וואָרים ס'איז מיר אוממעגליך אַפֿילו אָנצוקוקען זיי.

שרײַבט מיר קבלה. פֿון אַמעריקאַ זאָלט איהר מיר שרײַבען. פֿאָהרט געזונד!

אײַער

ש. אַבראַמאָוויץ

יב

אַדעססאַ 16 יאַנואַר 1912

געעהרטער הר"ר [לידסקי?]

שוין מעהר פֿון זעקס חדשים אַז איך בין קראַנק. די דאָקטוירים האָבען מיר שטאַרק פֿאַרבאָטען צונעהמען אַ פּען [אין] דער האַנד. דאָס שרײַבען איז פֿאַר מיר אוממעגליך. איך האָב אין דער צײַט געלאָזט אַלע בריף וועלכע איך דערהאַלט אָהן ענטפֿער. דעם „בימי הרעש” האָב איך נאָך מיט גרויסע צרות ווי ס'איז דורכגעקוקט און שיק אײַך אָפּ הײַנט דאָס מיט דעם „בישיבה של מעלה” וועלכען איך האָב ניט געקענט אַפֿילו רעכט אָנקוקען. וואָלט דער איבערזעטצער געווען לעבין מיר וואָלט איך נאָך אפֿשר געקענט עפּעס טהאָן. איך וואָלט געהערט ווי ער לייענט מיר פֿאָר, און געהייסען אים אויסבעסערען. אַצינד קען איך גאָר נישט טהאָן. די קראַנקייט לאָזט נישט. אַפֿילו די שולע מײַנע בעזוך איך ניט. וואָס הערט זיך בײַ אײַך? וואָס שרײַבט סרעבערק? שיקט מיר צו פֿער פּאָסט די אָפּגעדרוקטע ספֿרים מײַנע וואָס נאָך דעם צוועלפֿטען באַנד. אם־ירצה־השם אַז איך וועל בעפֿרײַט ווערען פֿון מײַן עקזעמאַ און אין שטאַנד זײַן צו אַרבייטען וועל איך מודיע זײַן, וואָס צוטהאָן. אויב איהר ווילט וואָס גיכער אַרויסגעבען די קליינע איבערזעטצונגען פֿון „ספורי מענדעלי” הוצאת ראַבניצקי, בהעתקת הר"ר אָלגין, זאָלט איהר אַרויסגעבען נאָר דוקא מיט אַ אויפֿשריפֿט, אַז דאָס איז אַ איבערזעטצונג. שרײַבט מיר אַ קבלה אויף דעם דאָזיגען בריף מיט דער העתקה. איך קען מעהר נישט שרײַבען.

מיט גרוס און אַכטונג

ש. אַבראַמאָוויץ

יג

אַדעססא 23 פֿעברואַר (7/3) 1912

מײַן ליבער הר״ר סרעבערק!

אַ דאַנק פֿאַר אײַער בריף. איך האָב אַזוי לאַנג ניט געענטפֿערט ווײַל איך האָב אַלץ געוואַרט אויף דעם בוך. לײדער איז עס נאָך ביז אַצינד ניט אָנגעקומען, שוין אַריבער מעהר פֿון צוויי וואָכען. און מעהר וואַרטען און ניט שרײַבען אײַך קען איך ניט. מחמת, ווי איהר שרײַבט, וועט איהר אויף פסח איה״ש פֿאָהרען אַהיים.

איך רעכען אַז ידידי הר״ר א״א ליובאַרסקי איז שוין געקומען בשלום אַ היים און איהר האָט שוין געאָרדענט די געשעפֿטען ווי צום בעסטען. אַ עק, אַ סוף זאָל עס האָבען! גריסט, איך בעט אײַך, הר״ר ליובאַרסקין אין מײַן נאָמען איך וואָלט איהם אַליין געשריבען. נאָר ער ווייסט דאָך אַז איך בין קראַנק. פֿון דער צײַט־אָן וואָס ער האָט מיך געזעהען איז מיר ניט בעסער געוואָרען. די קראַנקייט לאָזט מיך ניט אָפּ. און די דאָקטוירים האָבען מיר שטריינג פֿאַרבאָטען נעהמען אַ פּען אין דער האַנד און שרײַבען. אוי, איך שרײַב נישט, איך שרײַב נישט!! קוים מיט גרויסע צרות און מיה האָב איך פֿאַר דער גאַנצער צײַט געקענט פֿאַרטיג מאַכען די אויסבעסערונג פֿונם „האבות והבנים״ וואָס איז אַרויסגעקומען שפּאָגעל נײַ און שוין אָפּגעדרוקט אין דריטען כּרך אין לשון־הקודש. די „מוריה״ האָט אויף מײַן וואונש אַרויסגעשיקט 1 עקזעמפּ׳ הר״ר ליובאַרסקין.

שוין אַ חדשים צוויי אַז דער פֿערלאַג „פּראָבלעמאַ״ אין מאָסקויא האָט מיר צוגעשיקט דעם ערשטען טהייל „ווינשפֿינגעריל״ אָפּגעדרוקט אין רוסיש מיט אַ בריף, און לייגט מיר פֿאָר אַ האָנעראַר. די גאַנצע זאַך איז מיר פֿאַרגעקומען עפּעס אַזוי משונה, אַז איך האָב נאָך ביז אַצינד דעם פֿערלאַג ניט געענטפֿערט. סטײַטש, סטײַטש מיר האָבען דאָך עפּיס גערעדט אַ מאָל אַרויסגעבען מײַנע ווערק אָהן דער „פּראָבלעמאַ״, און איהר האָט דאָך שוין איבערגעגעבען די איבערזעטצונג דעם הר״ר אַנ—סקין! וואָס־זשע איז דאַרויס געוואָרען? איך בעט אײַך שרײַבט מיר וועגען דעם אַ קלאָהרע תּשובֿה, אויב איהר ווילט נישט אַרויסגעבען באַלד מײַנע ביכער אין רוסישען וועל איך מיך מוזען פֿאַרבינדען מיט דער „פּראָבלעמאַ״. הכּלל שרײַבט. איך וועל טהאָן וואָס איהר וועט מיר זאָגען. וואָרים מיר איז ליבער זיך צופֿערבינדען מיט אײַך. איהר פֿיהלט דאָך מסתּמא אַז איך האָב אײַך ליעב.

יאָ, נאָך לאַנגע וואַרטעניש האָט מיר הר״ר מילנער אײַערער אַרײַנגעשיקט די לעצטע דרײַ ביכלעך פֿון מײַנע ווערק נישט קיין אײַנגעבונדענע אַזוי ווי די ערשטע וואָס האָט אין מײַנע אויגען קיין פּנים נישט. וואָס איז, ער האָט נישט געקענט לאָזען זיי אײַנבינדען אין דעם אייגענעם בונד אַז אַלע בענדער זאָלען איין פּנים האָבען? בעמערקט עס איהם!

לאָזט גריסען פֿון מיר אַלע פֿרײַנד און בעקאַנטע אין אַמעריקא. — מײַן ווײַב און מײַן טאָכטער גריסען אײַך הערצליך, זעהר פֿרײַנדליך. ענטפֿערט מיר, איך בעט אײַך, טאַקי באַלד.

איך קען מעהר נישט שרײַבען. די קראַנקייט מײַנע ערלויבט נישט. זײַט מיר געזונד, שטאַרק און פֿריש, און מאַכט גוטע געשעפֿטען, ווי עס ווינשט אײַך אײַער

ש. אַבראַמאָוויץ

15

צום לעצטען מאָל האָב איך געזען דעם זיידן, ווען איך בין צוריקגעקומען פֿון מײַן נסיעה קיין אַמעריקע. דאָס איז געווען 1913.

דער זיידע האָט זיך כּמעט נישט געביטן. דער זעלבער שלאַנקער זקן מיט דעם אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און אַרויסגערוקטער ברוסט.

„איך האָב אויף אײַך פֿאַראיבל״, האָט ער זיך אָנגערופֿן צו מיר מיט אַ געמאַכטער ברוגזער מינע.

„פֿאַר וואָס, זיידע?״

„למאַי איר זענט געפֿאָרן אָן מיר קיין אַמעריקע... מיר האָבן דאָך כּמעט ווי אָפּגעמאַכט, אַז מיר זאָלן פֿאָרן צוזאַמען. עס וואָלט דאָך געווען אַן אויסגעצייכנטע נסיעה, מיט כּבֿוד און מיט געלט... נעמט איר און מאַכט גאָר פֿאַר זיך שבת און פֿאָרט אַליין. נישט שיין, ר׳ שלמה...״

ער האָט מיך אָנגעקוקט אַריבער די ברילן, ווי זײַן שטייגער איז, און האָט צוגעשמייכלט מיט זײַן דין, שאַרף, קלוג שמייכעלע. דער זיידע האָט אַ פּנים פֿאַרגעסן, אַז ער איז שוין אַן אַכציקער אָדער קרובֿ צו דעם. מיט אַזעלכע זקנים, מעגן זיי אַפֿילו זײַן געזונט און מונטער, איז זיך שווער צו לאָזן אין אַזאַ ווײַטן וועג.

א. מ. דיקס בריוו

איבערגעגעבן צום דרוק פֿון יצחק ריבקינד

אַקוראַט וויפֿל מעשׂה־ביכלעך און אַנדערע ספֿרימלעך אַ. מ. דיק האָט אין זײַן לעבן אָנגעשריבן וייס מען נישט. אָבער הכּל מודים, אַז ער איז געווען זייער פּראָדוקטיוו און האָט אַ סך געשריבן. נאָר בריוו זײַנען פֿאַרבליבן פֿון אים זייער ווייניק.[1] אַחוץ די דרײַ וויכטיקע בריוו וואָס זײַנען געדרוקט אין רשומות[2] און אספקלריה[3] זײַנען מער קיין בריוו פֿון אים נישט באַקאַנט. דאָס באַווײַזט נישט, אַז ער איז געווען אַ קנאַפּער בריוו־שרײַבער, ווי עס טרעפֿט גאַנץ אָפֿט מיט פּראָדוקטיווע שרײַבערס. פֿאַרקערט, פֿון פֿאַר־שיידענע מקורים איז צו דרינגען, אַז ער האָט גראָד יאָ ליב געהאַט צו קאָרעספּאָנדירן מיט פֿרײַנד, נאָר זײַנע בריוו זײַנען פּשוט נישט אויפֿגעהיט געוואָרן.[4]

פֿון די פֿיר בריוו, וואָס ווערן דאָ פּובליקירט און וואָס זײַנען גענומען געוואָרן פֿון שאָול גינזבורגס אַרכיוו, איז צו זען, אַז דיקס קאָרעספּאָנדענץ מיט יעקבֿ קאַצענעלסאָנען און זלמן רײַסערן איז געווען אַן אָפֿטע, און עס איז פּשוט נישט צו פֿאַרשטיין דעם בלויז פֿון נײַן יאָר צווישן די ערשטע צוויי בריוו און די לעצטע. דאָס באַווײַזט נאָר, אַז אַפֿילו אַזאַ פֿלײַסיקער זאַמלער ווי יעקבֿ קאַצענעלסאָן איז געווען האָט אויך נישט אַלץ אָפּגעהיט.

די פֿיר בריוו האָבן דעריבער גאָר אַ באַזונדער ווערט, און די ערשטע צוויי בריוו זײַנען דערצו גאָר וויכטיק ווי א. מ. דיקס עלטסטע שריפֿטלעכע דאָקומענטן וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען.

יעקבֿ קאַצענעלסאָן און זלמן רײַסער, די אַדרעסאַטן פֿון די בריוו, זײַנען ביידע געווען איידעמס פֿון צבֿי הירש קאַצענעלבויגן, אַ צענטראַלע פּערזענלעכקייט צווישן ווילנער משׂכּילים, אַ מחבר און אַן אינספּעקטאָר פֿון דער ראַבינער־שול אין ווילנע. יעקבֿ קאַצענעל־סאָן איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן ליטווישע משׂכּילים און האָט גענאָסן זייער פֿרײַנדשאַפֿט און ליבע.[5]

---

1 דיקס בריוו, וואָס ווערן דאָ צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט, זײַנען נאָר אַ טייל פֿון אַ גרעסערער אַרבעט, וואָס איך האָב צוגעגרייט נאָך אין 1942 פֿאַר די פֿילאָלאָגישע שריפֿטן, באַנד VI, וואָס האָט געזאָלט אַרויסגיין אין 1943.

דעם אַנדערן טייל, „א. מ. דיקס ביבליאָגראַפֿישע רשימות“, מיט אַן אַרײַנפֿיר, דערקלע־רונגען און הערות, האָפֿט די רעדאַקציע פֿון ייִוואָ־בלעטער אָפּצודרוקן אין קומענדיקן באַנד, וואָס וועט באַשטיין פֿון פֿילאָלאָגישע אַרבעטן.

2 רשומות, כרך ב׳, זז׳ 408—410.

3 אספקלריה, עתון שבועי, ירושלים, טז שבט תרפ״ג, חוב׳ יב.

4 אין אַ קאָלעקציע בריוו, וואָס אפֿרים דײַנאַרד האָט געשאָנקען דער ביבליאָטעק פֿון טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, איז דערמאָנט, אויפֿן געבונדענעם רוקן, צווישן די אַלע בריוושרײַבערס אויך דער נאָמען פֿון דיקן, אָבער אין דעם באַנד גופֿא האָט זיך נישט אויפֿגעהיט דיקס געשריפֿטס און ס׳איז שווער צו וויסן צי ס׳איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען נאָר איין בריוו אָדער מער ווי איינער.

5 מער וועגן אים: שאָול גינזבורג, היסטאָרישע ווערק, צווייטער באַנד, זז׳ 31—33 און דער עיקר אין קאַפּיטל „פֿון אַ פֿאַמיליען־קאָרעספּאָנדענץ“, זז׳ 91—116; זען אויך דעם נעקראָלאָג אין הצפֿירה, נומ׳ 175, 1888.

די בריוו זײַנען געשריבן אין העברעיִש, אויסגעמישט מיט יִדישע אויסדרוקן אָדער דורכגעפֿלאָכטן מיט גאַנצע זאַצן אין יִדיש, אָדער ווי ער פֿלעגט דאָס דעמאָלט אָנרופֿן „סרגון“, „סרוגין“.[6]

מיר קריגן דורך די בריוו אַ גרוס פֿון ווילנע מיט הונדערט יאָר צוריק, דער הויפּט פֿון דער משׂכּילישער ווילנע.

די קאָרעספּאָנדענץ באַרירט דעם לעבנס־שטייגער, געוויסע לאָקאַלע געשעענישן און אַ ריי פּערזאָנען. צום וויכטיקסטן איז, פֿאַרשטייט זיך, דער ערשטער בריוו. דאָ הערן מיר אַן אָפּקלאַנג פֿון דעם „שטורעם און דראַנג“ פֿון דעם ליליענטאַל־פּעריאָד און די האָפֿענונגען וואָס די משׂכּילים האָבן דעמאָלט געהאַט. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער צײַט איז די באַמערקונג וועגן דער באַציִונג פֿון די ווילנער משׂכּילים צו מאַנדעלשטאַמס פּלענער אַרויסצוגעבן אין פּעטערבורג העברעיִשע זאַמלביכער. מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ פּוסטן באַרימער און מען האָט פֿון אים פּשוט געלאַכט („שמעו זאת משכילי עירנו וצחקו“).[7]

אַ שווערן אײַנדרוק מאַכט דיקס פֿילן זיך אָפּגענאַרט אין די משׂכּילים נאָך אין זייער

---

[6] דיק האָט אין איינעם פֿון זײַנע ביכלעך אַזאַ מין עטימאָלאָגישע דערקלערונג: „דאָס וואָרט זאַרגאָן איז דאָס נעמליכע וואָס סירוגין. בסירוגין, איין גריכעשעס וואָרט, זײַן בעדײַטונג איז דורךווירפֿעלט, דורך געפֿלאָכטען פֿון פֿאַרשיידענע מאַטעריאַלען, פֿון וואָלענע, זײַדענע אונ פֿלאַקס פֿעדים, אונ אַזו אויך וואָס נור פֿאַר מישטעט איז!“ (די איידעלע ראַכע אָדער נקמה, ווילנא, תּרלה, ז' 19, הערה *). דיק ווײַזט זיך דאָ שׂיִער ניט ווי אַ קעגנער פֿון יִדיש און ווי אַ משׂכּיל אַ רוסיפֿיקאַטאָר — אַ טיפּ וואָס ער אַליין האָט בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן שטאַרק קריטיקירט און באַקעמפֿט. „אַזו פֿון דיזעס פּונקט אויס (טאָצקע זרענע)“ — רעדט ער זיך דורך מיט זײַן „טײַערער לעזערין“:

צו בעטראַכטען אונזערע ליטוועשע אידען זײַנען זייא גאָר קיין מענטשען, דען מיר האָבין קיין שפּראַך אין מויל, מיר ריידען נור דעם זאַרגאָן אַזו אַשפּראַכע וואָס איז קיין שפּראַכע. זיא איזט צו זאַמען געמישט פֿון אַלטע טײַץ, מיט לשון הקודש, מיט רוסיש, מיט פּוליש מיט איינגעלש, שפּאַניס, פֿראַנצויזיס, אַזוא אַשפּראַך וואָס ווערט ניט פֿאַרשטאַנען אונ ניט געשפּראָכען פֿון קיין אומה ולשון. אַשפּראַך וואָס האָט ניט קיין גראַמאַטיק: נור בלויז צו זאַמען געבעטעלטע ווערטער אונ אויס דריקע פֿון אַלע לשונות.

אָבער איצט, דערקלערט דיק ווײַטער, זײַנען שוין אויך די ליטווישע יִדן אויף דעם וועג צו ריידען אונזער לאַנדעס שפּראַכע. דען עס ווערט דיא רוסישע שפּראַכע געלערענט אונטער אונז אידען זייער פֿלײַסיג. עס איז שוין ניט דאָ קיין אידעשעס הויז וואָס מען געפֿינט שוין ניט רוסישע ביכער. אונ מיר האָפֿען דאָס אונזערע רוסישע יודען וועלען מיט דער צײַט נעמען אַנטהייל אין דער אויסבילדונג פֿון דיזער שפּראַכע וויא זייא האָבין גענומען אַנטהייל אין דער אויסבילדונג פֿון דער טײַטשעשער שפּראַכע, אונ צייכענען זיך אויס זאָגאַר קעגען דיא געבאָרענע טײַצען.

דעריבער ראָט ער זײַן טײַערער לעזערין:

אַלזו ווען דו מוטער ביזט אָדער זײַן ווירסט, זאָלסט דוא דיך בעשטרעבען מיט אַלע מעגליכקייט אײַן צו לערנען דײַנע קינדער די לאַנדעס שפּראַכע (דאָס הייסט רוסיש) צו מיידכען צו יונגען זייא מעגען זעלבסט רבנים ווערען אָדער אַזו גאָר גאַנץ געמיינע האַנדווערקער וועט עס זייא אַלץ פֿון גרויסען נוצען זײַן.

ווי גאַנץ אַנדערש קלינגען זײַנע ווערטער, וואָס ער האָט אַרום יענער צײַט געשריבן צו גורלאַנדן (פּובליקירט אין אספקלריה) וועגן די רוסיפֿיקאַטאָרישע משׂכּילים און וועגן יִדיש ווי אַ פֿאַרמיטלונגס־ און האַנדלס־שפּראַך: „כי לולא הזארגאן אז חדלו בני עמנו מהיות ככר גוי בארץ, כי בלשון הבלולה הזאת ישכילו לדבר עם כל עמי התבל ויסחרו את הארץ כלה, לא כן בשפת רוסיא אשר עוד לא עברה אף צעד אחד מעבר גבול ארצה“.

[7] מאַנדעלשטאַם האָט געקראָגן אין 1846 אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ העברעיִשן זשורנאַל, זען ווײַטער הערה 12. דעם פּראָספּעקט פֿון דער געפּלאַנטער חודש־שריפֿט הירח האָט אָפּגעדרוקט אַבֿרהם אליהו הרכּבֿי אין היקב.

פֿאַר וואָס מ. קאָסאָווער האָט נישט דערמאָנט מאַנדעלשטאַמס פּרווו אין זײַן געשיכטע פֿון דער העברעיִשער פּרעסע (אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יִדן ג) — ווייס איך נישט. פּונקט אַזוי איז מיר, אַגבֿ־אורחא, אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס מ. קאָסאָווער האָט ניט דערמאָנט דעם גאָר ערשטן פּרוּוו פֿון נפֿתּלי הערץ שולמאַן פֿון יאָר 1803. ביידע פּרוּוון דערמאָנט צינבערג אין זײַן רוסישן בוך „די געשיכטע פֿון דער יִדישער פּרעסע אין רוסלאַנד“, זז' 8 און 25.

בליציַט, אין אָנהייב פֿון דער ליטווישער השׂכּלה, און דער גאָר שווערער אורטייל, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן קעגן זיי („אין ישר בהם גם אחד״). קיין ווּנדער נישט וואָס אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געוואָרן נאָך מער פּעסימיסטיש בנוגע צו דער השׂכּלה.[8]

די איבעריקע דריַ בריוו זיַינען שוין, וואָלט איך געזאָגט, מער געשריבענע קיבעצאַרניע, מיט אַ שיין ביסל רכילות, אַ געמיש פֿון שפּאַס און ערנצט („כי צחקנו מעט יחד״), אָבער ערטערוויַיז גאַנץ הומאָריסטיש. מיר קריגן אַ בילד פֿון משׂכּילישן פֿאַרוויַילן זיך. דאָס רובֿ פֿון די משׂכּילים זיַינען דאָך געווען נאָך גאָר יונגע־לייַט, איז נישט קיין ווּנדער וואָס זיי האָבן ליב געהאַט אַ שטיף צו טאָן און פֿאַרברענגען בחבֿרותא. אַ באַזונדער אָרט פֿאַרנעמט דער משׂכּילישער מנין („בערלינער שול״), אַרום וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די ווילנער משׂכּילים, וואָס האָט, ווי אַלע איבעריקע שולן, געליטן פֿון דעם ענין עליות און כּיבודים („זיַיע פֿערטריַיבען מענשען מיט דיא עליות״).

גאָר אינטערעסאַנט איז דער גרוס פֿון מאָטקע חבד מיט דיקס וויציקער באַמערקונג: „אונד וויא ער איז אין גאַס דאַכט זיך אַ בלעם, פֿונדעסטוועגן איז ער אין שטוב בײַע זיך זייער שטיל, מאן הערט ניכט פֿאָן איהם אַפֿילו אַ ברכה אָדער בענצען״ (בריוו ד).

וועגן זיך אַליין דערמאָנט דיק פֿאַרביַיגייענדיק אין ערשטן בריוו, אַז ער איז געבליבן אָן פּריוואַטע „שטונדען״. ער וואַרפֿט אַריַין אַ וואָרט „ואין מחסור כ״א איין פּאָר שטיוועל״ (בריוו ב). וועגן שטיוול דערמאָנט ער אויך אין דריטן און פֿערטן בריוו. אָבער אין דעם פֿאַל מוז עס זיַין מער ערנצט ווי שפּאַס. עס איז נישט קיין צופֿאַל, אַז ווען ער דערמאָנט אין דעם לעצטן בריוו זיַין שטעלע אין דער קרוינשול, גיט ער גליַיך צו אין דעם זעלבן זאַץ: „אונד מייַנע שטיפֿעל אינם מאבדים אף טפה אחת כי שלמים המה״! ערשט דעמאָלט איז ער אויפֿגעריכט געוואָרן און געקענט, וויַיזט אויס, זיך פֿאַרגינען אַ פּאָר גאַנצע שטיוול.

ער דערמאָנט אויך, מיט ווייטיק, זיַין בן־יחיד גבֿריאל וואָס האָט פֿאַרלאָזן די ראַבינער־שול און איז געפֿאָרן קיין דובנע צו געבן פּריוואַט־לעקציעס אין ריַיכע היַיזער (בריוו ד).

זיַין ליטעראַרישע אַרבעט דערמאָנט דיק נישט מיט קיין איין וואָרט. אין די עטלעכע בריוו רעדט זיך וועגן בערך פֿערציק פּערזאָן, אַ טייל באַוווּסטע, אַ טייל אומבאַוווּסטע. ביַי די גאָר באַקאַנטע נעמען האָב איך נאָר קורץ אָנגעוויזן די יאָרן און זייער באַשעפֿטיקונג. מער פּרטים וועגן זיי קען מען געפֿינען אין גאַנץ צוגענגלעכע מקורים. נישט־באַקאַנטע נעמען האָב איך געלאָזן אָן שום דערקלערונגען. אין קיין השערות האָב איך זיך נישט געוואָלט אַריַינלאָזן.

דיקס פֿיַינע באַציִונג צו זיַינע מיטמענטשן קען מען זען פֿון דעם לעצטן בריוו, דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו, וואָס ער האָט מיטגעגעבן שואל ברוך גאָרדאָנען, אַ ווילנער יונג־גער־מאַן, וואָס לאָזט זיך אַרויס אין דער ברייטער וועלט צו זוכן עפּעס אַ תּכלית, צו וואָס ער קען זיך נישט דערשלאָגן אין ווילנע גופֿא, ווו עס פֿעלן עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן („עירנו חסרה עסקים״). ער קאַרגט נישט קיין ווערטער צו רעקאָמענדירן אַ ברודער־משׂכּיל, אַ זון פֿון אַן אָנגעזעענעם ווילנער בעל־הבית, וואָס איז געוואָרן אַ יורד. וואָס זיי זאָלן נישט טאָן, בעט ער, זאָל עס זיַין בדרך כּבֿוד, און ווי אַ שטאָלצער ווילנער פּאַטריאָט דערמאָנט ער זיי ווי אין ווילנע האַנדלט מען אין אַזאַ פֿאַל („הלא תזכרו ידידי את חסדנו פה ווילנא עם איש כזה בעברו עלינו״). טוט פֿאַר אים אַלץ וואָס איז מעגלעך — פֿאַרענדיקט זיך זיַין בריוו — וויַיל דאָס איז דער מענטש („כי זה כל האדם״!).

---

8 אין זיַין בריוו צו גורלאַנדן שריַיבט דיק: „ודבר אין לי עם משכילי עירנו השתולים בבתי הספר או במשרות אחרות ושבעים לחם. הם מלעיגים עלי ומעליבים אותי על כי השפלתי את עטי לכתוב בזארגאן״... אָבער דאָס זיַינען שוין געווען פֿון דעם נייַעם דור משׂכּילים, אַ גרויסער טייל פֿון זיי פּשוטע קאַריעריסטן. דיק איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען מיט זיי אַ קנאַפּער מחותּן.

א

[ווילנע, כ״ג אלול תר״ג] [9]

לכבוד ידידי אהובי משכיל ונבון כבוד שמו מ׳ יעקב נ״י

משור בלא מצרים לפני הגליון הזה לעת כזאת אשר חדשות אתי אין במה למלאותו, כי המשכיל מאנדעלשטאם [10] עודנו מחריש וידו על מו פיו ובלתי הגד מאומה, ואת אשר יגיד אין בהם ממש כבשלחופית מבורית, כי כצחוק היה בעיננו באמרו לאחד מריענו בסודי סודות אשר משנת החדשה הנוצרית יתחיל להדפיס מאספים בלשון עברית בעיר המלוכה והרב מ״ה שטערן [11] יהי׳ המוצא לאור. שמעו זאת משכילי עירנו וצחקו.[12] גם בא כיום ווילנא הרב מוואלאזען שמח וטוב לב על כל הטוב אשר עשה לעמו מה ואיך גם הוא לא יגיד.[13] גם ראיתי מתהלך פה עירנו את הבחור געצעל משרת לילענטהאל,[14] ראיתיו ודרשתי על שלום הדאקטער לילענטהאל ועל מצב כבודו שמה, ויענני כי גדול שמו בגוים וכי הוא היה הראשון והאחרון בהועד הזה כלמו היו סרים למשמעתו. ועל האיש מאנדעלשטאם דבר סרה עד מאד לאמור: כי העלה משאת הריב בין שטערן ולילענטהאל אחר כי עשה עמדו הדאקטער חסד רב בספחהו אל הועד הזה כי חסר לחם היה שם כל הימים האלה. ומוצא דברי הגעצעל זאת אשר לילענטהאל יהי המשגיח הכולל על כל בתי החינוך והנהו עודנו עצור בעיר המלוכה לעמוד לימין המשנה אשר במהרה ישוב. וכי האיש שטערן עשה שלום את לילענטהאל טרם עברו. ובתי חינוך יהיו בכל עיר ועיר מכופר הפרזי ועד עיר בצורה, חכירה מנרות תהי׳ פרוסה על כל גלילות מושב היהודים, טרם כלה את דברו והנה האיש זייבערלינג [15] בא והפריע את דברינו בהמון דברי התפארות מכבוד עשרו ורוב השידוכים הנכבדים ויתפוש בהאיש געצעל כהמשחית את המלמד ושאלהו בסתר ואז הלכתי לדרכי והאיש געצעל נוסע כעת למנסק לקחת פאס ולשוב שנית לפעטערבורג.

הנני ידידי לבשרך מרחוק כי נשארתי שכול ואלמון מכל השטונדען. האיש קלאצקע עובר ועבר לדרכו ריגע עם בנו, גם הבחור הנחמד מ׳ ישעיהו מתחבא ממני, לא ידעתי ידידי איך אשא את פני הרגל הבא להזכיר את עוני יותר, כי אין לי להשמיעך כי באמת חדשות אין כ״א השכלתי החדשה אשר עשיתי על תכונת נפש המשכילים ומצאתיה אשר היא מהבל יחד אין ישר בהם גם אחד, גם האליל אשר תשתחוה אליו בחרדת קודש [16] אך משחת אך משחת טוב לפני אל ימלט ממנו.

ידידך באמת דיק

---

[9] נישט־דאַטירט. דאָך איז מיר געלונגען צו דאַטירן דעם בריוו אַ דאַנק אַן אַנדער בריוו געשריבן פון מרדכי אַהרן גינצבורג, כ״ד אלול תר״ג, ווו ער טיילט מיט: „אתמול בבוקר בא הנה הרב מהר״י וואלאזין בתשובתו מעיר המלוכה״ (דביר, וואַרשע, תרמ״ד—1883, חלק שני, ז׳ 85). און אַזוי ווי דיק דערמאָנט ר׳ איצעלע וואָלאָזשינערס אָנקומען פון פעטערבורג קיין ווילנע דעם זעלבן טאָג פון זײַן קומען: „גם בא כיום ווילנא הרב מוואלאזען״ — איז ממילא אָנצונעמען כ״ג אלול תר״ג פאַר דער דאַטע פון דעם בריוו.

[10] לעאָן מאַנדעלשטאַם (1819—1889), ערשטער יידישער סטודענט אין רוסלאַנד, שריפט־שטעלער און בילדונגס־טוער (יידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע, X, 591).

[11] בצלאל שטערן (1798—1853), דערציִער און כלל־טוער, דירעקטאָר פון דער יידישער שולע אין אַדעס (דאָרטן, ב׳ XVI, 111).

[12] אַז מאַנדעלשטאַם איז געווען נאָענט צו רעאַליזירן זײַן פּלאַן אַרויסצוגעבן העברעיִשע זאַמלביכער, איז צו זען פון מ. אַ. גינצבורגס אַ געדרוקטן בריוו (נישט־דאַטירט, אָבער געשריבן ט״ו כסליו תר״ו צו זײַן פֿרײַנד יעקב קאַצענעלסאָן): „ידידנו לעאָן מאַנדעלשטאם נשא מאת הסגן השכלת העם למלא בלשכתו את מקום לליענטאהל אשר התפטר מלפניו פטור עולם, אף השיג רשיון מאת הסגן להוציא כתבי עתים בלה״ק בעיר המלוכה, וכבר נדרשתי אני ממנו לתמוך ידו בכתבים״ (דביר, דאָרטן, ז׳ 95).

[13] ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז אויך גינצבורג אין זײַן אויבן דערמאָנטן בריוו פון כ״ד אלול שרײַבט וועגן ר׳ איצעלען „אך חדשות אין בפיו, כי יודע הוא להסתיר סוד ולא יגלנו אף לצנועים״. אַז ר׳ איצעלע איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און פול מיט האָפֿענונג וועגן זײַן מיסיע אין פעטערבורג, ווערט באַשטעטיקט אויך פון אַנדערע מקורים. זען מײַן „מילקוטי הוולוזיני״, רשומות, ה׳, 379—381.

[14] ד״ר מאַקס ליליענטאַל, 1815—1882.

[15] יוסף זייבערלינג (געבוירן אין ווילנע, געשטאָרבן נאָך 1882), יידישער צענזאָר און כלל־טוער, *J. E.*, XI, 158.

[16] זאָל ער מיינען מרדכי אַהרן גינצבורגן, וואָס יעקב קאַצענעלסאָן איז געווען זײַן געטרײַער תלמיד און פֿרײַנד?

ופרוס אני בשלום ידידנו פיימער [17] נ״י, נכסף אנכי מאד לדעת את שלומו ומצבו. ידידו

דיק

ב

ווילנאָ ב׳ חוה״מ סכות תר״ד — 1843 [18]

לבחיר ידידי המשכיל כבוד שמו מ׳ יעקב נ״י.

חבלים נפלו לי בנעימים לי חלקת הגליון הזה לדבר אתך עליה בריחוק מקום כי מלאתי אליך דברים. ואף המה דברים של מה בכך. וזאת ראשונה אשמיעך חדשות מהמנין שלנו אשר היה גדול מאד בימים הנוראים יותר מששים אנשים לבד הנשים והעץ [19] ראזענטהאל התפלל אצלנו גם לאחאווסקע ורעהו מאיר, וגם מתפללים כעת אנשים רבים אפס כי מרבים לשוח בתפילה ואחר תפילת ערבית בימי שבתות וימים טובים מאחרים אנחנו לצאת כי יושבים ודורשים באגדות של דופי בחריפות גדולות. גם מתנהגים אנשים אנשים רבים מהמנין שלנו כהחסידים הגדולים שאינם מניחים תפילים בימי חול המועד כי נשאו קו״ח בעצמם אם בימי החול אינם כוכ [20] והמשכיל יבין. ביום תמול בערב היינו שמחים בבית ר׳ מינדעל זאהן [21] אשר עשה לו שם גדול בתפילתו כי התפלל הפלא ופלא וטוב מאד ואמת הדבר, שם בביתו שתינו יין לרוב פונס [22] ופארטער ואמרנו שירים ודברי צחוק והתול ואז אנכי זכרתיך לטוב ודרשתי אדותך דרוש גדול ורחב וכלם הסכימו לדברי והרבו לספר בשבחך, ויותר חדשות אין כ״א אשר הרב ר׳ מענדיל בעל הגמטראות בא לווילנא ועוד לא עשה את שפמו, ולפי הנשמע לא תאחר לבא גם אשתו הגבירה. גם הושענות כעת במקח השוה, ותה״ל כי מרבית ימי החג יורדים גשמים ואנחנו אוכלים ברווחה בבית, ובאמת יום טוב גדול לי ימי החג כי הגבירה ציפע קלאצקע הרימה לי מכספה בתורת קאנטעטאווע ששה רו״כ ולכן קניתי לי קאצקעס ועשיתי לי צימעס ואין מחסור כ״א איין פּאָר שטיוועל. הבחור מ״ה יעשעיהו[!] איז נאָך דער ווײַלע קיין מתמיד, גם לאחאווסקע איז נאָך קיין חתן געוואָרען. און דאַהער בין איך נאָך קיין קצין, ר׳ מרדכי פומפיאנער עשה לו סוכה בפני עצמו על האגאניק, וביום שמיני עצרת הבע״ל נבא לביתו עם דלי סיד ופענדזיל ללבן את ביתו עד כי יאבה לתת משקה כיד המרתף הטוב עלינו ולכן פורס אנכי בשלום ידידנו המשכיל מ׳ פיימער נ״י, ומבשרו אשר הרבני מ׳ חאַצקעל שלוצקער עשה מריבה גדולה את הרבני מ׳ מרדכי מעלציר [23] והצדק היה את ר׳ חאַצקעל לכן הרימו כל המשכילים את עטיהם לדבר סרה על [ה]רב מ׳ מרדכי וכשמעו נבהל מאד ובא לבית ר׳ צבי קאצענעלענבויגען [24] ונשטתח לפניו ויעתר לו ועתה שלום. [חדש]ות מהכלל אין אתנו רק אשר ר׳ יעקב קאצענעלנזאהן יושב כעת בבאברויסק בדבר הכלל ועיני ישראל עליו ולכן פורס אנכי בשלום השווינדלער השטאמלער מ׳ הירשע ליב ונא להודיע אם הוא עודנו [לפני] האנזעצ או אחר האנזעצ, כי צריכים אנחנו לדעת זאת מאד מאד כ״ד ידידיכם

אייזיק מאיר דיק

---

[17] ישׂראל פּיימער (בעהמער), געשטאָרבן 1860, זון פֿון באַרימטן סלוצקער רבֿ ר׳ יאָסעלע, מחבר פֿון כתבי ישראל, כיצד מעריכין א״אנד. בריוו פֿון אים געפֿינען זיך אין גינצבורגס אַרכיוו.

[18] די דאַטע איז פֿון אַ שותּפֿותדיקן בריוו, געשריבן פֿון קאַצענעלסאָנס פֿרוי, זײַן שוואָגער, דיקן און שמואל יוסף פֿינען. איך ברענג דאָ נאָר דיקס טייל פֿון דעם בריוו.

[19] פֿון יידיש: אַ דראָנג, אַ פֿלאָקן, אַזוי רופֿט מען געווײנטלעך אַ חזן וואָס קען נישט די מלאָכה פֿון זינגען.

[20] געשריבן ברמז, פֿאַרקירצט. געמיינט מסתמא אם בימי החול אינם [מניחים על אחת] כו״כ [=כמה וכמה בימי חול המועד], אָדער כו״כ [=כל שכן וכל שכן בימי חול המועד].

[21] משׂכּיל און הויפּט־חזן אין דעם משׂכּילישן מנין. זײַן דאַוונען האָבן אַלע גערימט. אַפֿילו מרדכי אַהרן גינצבורג האָט אין אַ ניט־פּובליקירטן בריוו פֿון ב׳ חוה״מ סוכּות תּר״ד געפֿונען פֿאַר נייטיק צו שרײַבן קאַצענעלסאָנען: „ידידנו מינדעלסאָן הצטיין בימים הנוראים בתפלתו על אופן נפלא מאוד. אני לא ידעתי ולא שמעתי בעל תפלה משובח ממנו. והנני נותן לו בזה את שבחו הראוי לו, כדרכי מעולם לבלי מנוע כבוד מבעליו״.

[22] פּאָנטש—punch.

[23] תּקנ״ז—תּרמ״ג. באַוווּסטער ראָש־ישיבֿה און רבֿ. זען עיר ווילנא, 122—127.

[24] תּקנ״ו—תּרכ״ח, עיר ווילנא, 228—232.

ג

[פרילינג, 1852] [25]

אל כבוד ידידי המשכיל כבוד שמו מ׳ זלמן נ״י

אתנו ב״ה חיים ושלום יתן ד׳ לשמוע ממנו אך נחת וטוב, חדשות אין אתנו כ״א אשר אכתוב לפניו ונא יקראם ערב ובוקר וצהרים כי המה מהדברים העומדים ברומה של עולם וזאת,

1) הנגיד אפאטאוו [26] נחלק על מעלותיו ונפל והכה את צלעו ונחלה על זה שבועים ימים,

2) ר׳ פייווע חירורג הרויח מן הצד כסף לא מעט וד״ל,

3) אביר המשכילים מאנדעלשטאם ישב אתנו פה ווילנא ירח ימים ויבקר את הנגיד הנ״ל ויכבד הנגיד בהראותו אליו וידור להלביש את הנערים העניים השוקדים על דלתי בית ספר הרבנים,

4) לאה מינקע השדיכה את בנה מקאוונע את בת הנגיד פריינקעל עם אלף ר״ט נדוניא וגם היא נותנת מספר כזה. קודם הפורים קבלו מכתב אשר החתן יבא אליהם לשמוח אתם בימים האלה, אך יום אחד לפני פורים בא מכתב שני אשר מעותדים המה לנסוע לפוילין ואין להם פנאי לקבלו בכבוד, אך החתן ויתר על כבודו ויסע ויבא לקאוונע בא הביתה ומצא כלתו סרוחה על בגאוה ובגדול לבב על מטה כבודה, הושיט לה את ידו ולא קבלה, דבר אתה ולא ענתו, פנה על ימין והנה אך פנים נזעמים אך אחד השיבו בשפה רפה הלא יש בעירנו גם מלון אורחים ומה לכבודו פה, כי הלשינו על אמו וגם עליו לאמור: לא משור עברה ועובר זה נמצא מהצד ועוד כאלה, הנער שב לאמו ופניה זועפים מאד.

5) בערקע צירולניק התחפש בימי הפורים בכתונת לבנה ובכובע של תבן ועמד בחוץ והוציא שנים חינם אין כסף.

6) בתי רגלי נתקלקלו למאד עד כי בל יכילו בהם נטף מים.

7) לפני שבת היה חמישים חתונות בעירנו יותר אין לחדש רק חיים ושלום כ״ד ידידו אייזיק מאיר דיק.

ד

ד מנחם אב [תרי״ב] [27]

אל כבוד ידידי המשכיל האברך הנגיד מ׳ יעקב קאצענעלענסאהן נ״י

ואל כבוד ידידי האברך הנגיד מ׳ זלמן ריסער נ״י.

אתנו ב״ה החיים והשלום כן תשמיעוני גם אתם.

המוכ״ז מ״ה שואל ברוך גארדאן יליד עיר מולדתי עושה את דרכו דרך עיר באברויסק לבא לעיר בארדיטשוב לבקש לו שם איזה משרה בבתי המכס או בעסקים אחרים, ונכון הוא להשתקע גם בכל אשר יקרה ד׳ לפניו איזה מעמד או מצב. ויהי בבואו אלי לקחת פרידתו ממני בל יכולתי התאפק מלכתוב לכם מכתב ע״י כי אנשי בריתי אתם. הנני פוקד בשלומכם ובשלום נשותיכם ובשלום כל בני ביתכם כי חמודות אתם לי, בשבועה העברה הייתי בבית חותנכם וראיתי שמה את גיסתכם העזובה פריידקע עם שני ילדיה, זה שבועות ארבעה כי באה אל אביה אשר עוד לא דבר אתה גם דבר אחר שלמו בעד הפור 50 רו״כ, והיא מדברת וואלינעס [28] ומתאוננת על רוע מזלה כי מר לה מאד מאד. חדשות אין אתנו כ״א אשר הצענזור ט״ה [29] נקרא מהמשנה לעיר המלוכה, אנכי עודני

---

[25] נישט־דאַטירט. געשריבן אויף דעם זעלבן פּאַפּיר און מיט דעם זעלבן טינט ווי דער פֿערטער בריוו (זען וויַטער הערה 27). לויטן אינהאַלט איז דער בריוו געשריבן פֿריִער ווי בריוו ד, מסתּמא אַרום פֿרילינג 1852.

[26] יהודה אָפּאַטאָוו (1797—1868), אַ ווילנער גבֿיר און פּרנס. אַ ייִד אַ גרויסער תּקיף, עיר ווילנא, 237.

[27] יאָר פֿעלט. נאָר אַזוי ווי דיק דערמאָנט אין בריוו „אנכי עודני מורה בבית הספר", און שוללערער איז ער געוואָרן אין יאָר 1851 (פּ. קאָן, ייִוואָ־בלעטער, ב׳ III, 86), און ער דער־מאָנט אויך די קראַנקייט פֿון ליפּמאַן הורוויץ (געשטאָרבן 21סטן אָקטאָבער 1852), איז אָנצונעמען, אַז דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אָבֿ תּרי״ב—1852.

[28] וואָליניש.

[29] וואָלף טוגענדהאָלד (1796—1864).

מורה בבית הספר אונד מיינע שטיפעל אינם מאבדים אף טפה אחת כי שלמים המה. מיין זאָהן[30] דער איינציגע עזב את בית הרבנים ויסע לדובנא להיות מורה בבית הגבירים כי בחלה נפשו בהתלמוד ויהי לי זאת למורת רוח. ידידנו לפמאן[31] חולה מאד עד כי כלם אומרים נואש אשר יצלח עוד למורה בבית ספר הרבנים, כי בזו השנה נתעלה להמעלה הזאת אחר כי רבו עליה שמואל יוסף פין[32] ועוד אחרים, דיא בארלינער שול ליגט אין איהרען לעצטען ציגען, זייע פערטרייבען מענשען מיט דיא עליות. ורבים המה היוצאים ממנה מהמתפללים. — הנגיד ר' ניסן ר"זט[33] איזט יעצט מצליח מאד בעסקיו. פעם אחת הייתי בביתו וראיתי איינע מענגע ציריסענע שטיפעל שלו ונפלאתי לאמר: דאכצעך אין שול גייט איהר גאנץ וויניג, גם מינדעלסאָן איננו מתרעם על הזמן. אונד האטע מאָן איבער דען ליבען גאטט וואטירט דא וואלטע ער איין הן געבען. בירעוווסקע זאל אונזער אטקופ אָנגענומען האבען. מאָן לערענט זיך שאָן טאָנצען. חאבאד[34] ריכט שאן דען בראָטען. אָפראפּאָ חאבאָד! ער וואהנט אונטער מיר. אונד וויא ער איז אין גאָס דאכט זיך אָ בלעם פונדעסטוועגען איז ער אין שטוב בייע זיך זייער שטיל מאן הערט ניכט פאָן איהם אפילו אָ ברכה אדער בענצען, ועתה אחר כי צחקנו מעט יחד הנני להעיד לפניכם ידידי על המוכ"ז העלם הזה הנהו בן הישיש מ' אברהם יוסף נ"י משכיל ומבין בספרים עברית אשכנזית וגם רוסיס, וביותר הנהו איש ישר מאד מאד ידעתיו וגם ידעתיו ואך מהיות עירנו חסרה עסקים וכבוד אביהו ירד מאד ממעמדו עזב את מולדתו לבקש לו מצב באשר ימצא. ועתה יקירי אחרי הודיעי אתכם את מהות העלם הזה אחלה את פניכם להכירו לטוב ולעמוד לימינו כל ימי שבתו בעירכם לתור לו שמה מנוחה. ואולי יש מקום אתכם לספחו אל אחת מכהונת מסחרתכם ועסקכם. או להמליץ עבורו ולהעיד עליו לפני אחרים ואולי תוכלי לאסוף עבורו נערים ללמדם עברית רוסיס אשכנזית הלא תזכרו ידידי את חסדנו פה ווילנא עם איש כזה בעברו עלינו. ידעתי אשר דמי הוצאותיו אתו מעטים המה, ולכן אם גם לא יבקש ממכם מאומה כי יבוש באשר כי הוא בן נדיבים בן סוחר אשר עשה רב צדק וחסד בעירנו תשכילו על הדבר לעזרו בזאת אם ברב אם במעט אך בדרך כבוד. סוף דבר ידידי אין די מלה בלשוני לדבר טוב בעדו כי ידעתיו וידעתי את אביהו אשר הוא איש צדיק והישר באדם. התאמצו בעדו בכל עוז כי זה כל האדם.

כ"ד ידידכם באמת אייזיק מאיר דיק.

איך געריסע זאָסען,[35] הינדען,[36] אידלען,[37] עוזר האט נאך זיינע ביכער ניכט פערקויפט, אונד עס איז געווארען פאן איהם אמענש. די וייב וואהנט אונטער שטאט אמייל 51 ער גייט אוועק פורים צייט אויף פסח קומט שבעה עשר בתמוז צוריק אונד דער נאך אין אב אויף יום טובים זאמט ער זיך ביז נאך חנוכה ובכל אלה איז ער אשמש בייע אייער פאטער אמ"ק.

---

30 גבֿריאל.

31 אליעזר ליפּמאַן הורוויץ (1815—1852), מיטרעדאַקטאָר פֿון פרחי צפון.

32 1818—1890. פֿ"גל אויך מיכה יוסף לעבענזאָנס בריוו צו שניאור זקש און זײַן ביטערן אַטאַק אויף די ווילנער משׂכּילים: „כי השליך ליב מ"ש [מאַנדעלשטאַם] את השטעללן לסלע המחלקות ביניהם, ואיש את אחיו יצודו יארובו להדפו ממקום ולבוא תחתיו... ובראש הנוכלים פין והורוויץ", שיריו תרגומיו אגרותיו, ברלין, תּרפּ"ד, ז' רסא. אַגבֿ, לעבענזאָנס פֿערטער נישט־דאַטירטער בריוו, דאַרטן, איז באַשטימט געשריבן 1851, ווײַל ער דערמאָנט „ידידנו א"מ דיק האָט איינע שטעללע בעקאָמען אין איינע שולע וטובֿ לו" (דאַרטן, רס"ה).

33 ניסן ראָזענטאַל, געשטאָרבן 1860, גבֿיר און בילדונגס־טוער, ייִדיש־רוסישע ענציקלאָ־פּעדיע, XIII, 586; ש. גינצבורג, היסטאָרישע ווערק, צווייטער באַנד, לויטן אינדעקס.

34 מרדכי (מאָטקע) חבד, באַרימטער לץ. אין אַרכיוו פֿאַר דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער און דראַמע, 1930, ז' 58, איז אָפּגעדרוקט זײַן בילד.

35 קאַצענעלסאָנס פֿרוי.

36 זייער טאָכטער.

37 מסתּמא זייער זון. פֿ"גל שאָול גינצבורג, דצ"וו, ב' II, ז' 106—107.

משה לייב ליליענבלום־מאַטעריאַלן

צונויפגענומען פון מ. וו.

1

אין זײַנע ערינערונגען, מאָסקווע, 1926, ז' 84 שרײַבט מ. ווינטשעווסקי:

איך געדענק ניט, צי איך האָב דאָס שוין דערציילט אָדער ניט, אָבער דער פאַקט איז, אַז מיט דרײַ און צוואַנציק יאָר צוריק, בשעת איך האָב זיך גענומען צו דער רעדאַקציע פון דעם פוילישן אידעל אין לאָנדאָן און האָב ליליענבלומען אײַנגעלאַדן מיטצואַרבעטן, האָט ער מיר געשריבן — דאָס איז געווען דער לעצטער בריוו וועלכן איך האָב פון אים ערהאַלטן — אַז אים אינטערעסירט מער קיין זאַך ניט חוץ יִשוב ארץ־ישׂראל.

דער פוילישער אידעל האָט אָנגעהויבן גיין יוני 1884, דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אַז אין דער מאָסקווער אויסגאַבע האָט מען אָן שום שינויים איבערגעדרוקט אַ קאַפּיטל זכרונות וואָס ווינטשעווסקי האָט געדרוקט אין צוקונפט 1907. אין זײַן אַרטיקל נאָך ליליענבלומס טויט (העולם, נומ' 17, 1910) ברענגט ווינטשעווסקי, אַז ווען ער האָט גענומען דרוקן זײַנע זכרונות, ווי ער דערמאָנט ליליענבלומען עטלעכע מאָל, האָט ער אים צוגעשיקט דאָס אָפּגעדרוקטע; „האָב איך באַקומען פון אים אַ לאַנגן בריוו, געשריבן מיט ליבשאַפט און פרײַנדלעכקייט, גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך געהאַט צעשיידט ערשט מיט אַ קורצער צײַט צוריק".

דער דאָזיקער בריוו ליליענבלומס, דאַטירט „אדעססא ט"ז אלול תּרס"ז", האָט זיך אויפגעהיט אין ווינטשעווסקיס אַרכיוו, און אין שײַכות מיט דער משה לייב ליליענבלום־אויסשטעלונג אין ייִוואָ,[1] אָבער שוין צו שפּעט, מען זאָל דאָס קענען ווײַזן, האָט פּ' קלמן מרמר אונדז איבערגעגעבן דעם דאָזיקן דאָקומענט. ער איז אַזוי וויכטיק פאַר דער גײַסטיקער געשיכטע פון ליליענבלומען, און ממילא פון זײַן דור, אַז מיר גיבן דאָ דעם גאַנצן בריוו אין אַ פאַקסימיליע (זען ז' 230—235).

ווינטשעווסקי האָט וועגן ליליענבלומען געשריבן צוו'אַנד אָט וואָס:

אין סאָציאַליסטישע קרײַזן... איז דער מאַן ענטוועדער גאָרניט באַקאַנט אָדער, ווי מען ווייסט עטוואָס פון זײַן פאַרגאַנגענהייט, ווערט ער געהאַלטן פאַר אַן אָפּטריניקן, פאַר אַ סאָציאַליסט וועלכער איז געוואָרן אַ כּופר בעיקר, פאַר אַ תּלמיד פון קאַרל מאַרקס וואָס איז אַרויס לתּרבות רעה.

דאָס איז אָבער ניט אמת. דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם פאַרשטייט ער פילײַכט הײַנט, ער האָט אים זיכער ניט קלאָר פאַרשטאַנען אַרום דער ענד פון די זיבעציקער יאָרן.

אָבער ווי די מעשׂה זאָל ניט זײַן הײַנטיקן טאָג, זיכער איז, אַז אַפילו דאַן ווען ער האָט געשריבן זײַן „משנה", איז ער געווען מער ייִד ווי סאָציאַליסט. אין דעם הקול האָט זיך געדרוקט זײַנער אַ לאַנגער אַרטיקל („פּתח תקוה"), אין וועלכן ער האָט פאַרלאַנגט רעפאָרמען אין ייִדישקייט אין דער זעלביקער צײַט, ווען איך האָב זיך געלאָבט מיט זײַן „משנת אלישע בן אבויה" לאָזנדיק זי זעצן פאַר דעם אספת חכמים.

ליליענבלומס בריוו איז אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק, און ער שטימט אין תּוך אײַן מיט איר. קיין סך וועגן סאָציאַליזם האָט ער אין יענער צײַט ניט געוווּסט, ער האָט ניט געטראַכט וועגן צוקומען צו אים אַנדערש ווי דורך היסטאָרישער עוואָלוציע. דער „הייליקער פּראָלעטאַריאַט" רופט בײַ אים אַרויס ניט מער רחמנות ווי יעדער אַנדער אָרעמאַן, צי דאָס איז אַ קרעמער וואָס פאַרמאָגט זײַן אייגנס פאַר דרײַ רובל סחורה אָדער אַ מלמד, אַ שדכן, אַ בטלן. יעדער מענטש דאַרף האָבן דאָס נייטיקסטע צום לעבן, און מיט דער צײַט

[1] זען ייִוואָ־בלעטער, XXIII, 3 (מײַ־יוני 1944), ז' 407—415.



א, אם ידבר ידבר אם אפלו רבון־עולם. רוצה את שלא יהיו דין רק
חדש משום שלפני האדם חסרים לחם. אגב לכתוב דבר זה לי אל
השאלה הזאת תשוב לא ההיסטוריה פליציר הזמן לכן ומתפוסותיהם
של נראה הפילוסופים. אמת רטוח, כי מי יערוך לא לדעתיהם
ויאשה האחרון של הזמן". הנה שיטות פילוסופיות, שיטות
רחבות ודרכיהם וכו', שכל חכמי לב רואים שדעתו האמת
והם כמו רשעים הרבה), נהפכו עד היום ואין תמיד נראה שיטות
חדשות, וההפך לפי שיטות נראה הפילוסופים שדווקא הוא תפיסה
כיום. לעת עתה את אומר: כלם שלי הלוא לפעמם לקמה
לו חפץ דווקא חמת ואת אשר דאמת אחרת, כך יש הלוא
לעשות הרבה לקמה לו. עדיין הפעם היותר רלפני, ואין רו
העולם אם רצים באמת - והפסוקים מוכרחים לנהוג הגאוה
ראש לדין עליהם. הזהר ידי יפה שאינו ראוי גדולה והגיוסית
רזיל יפה לנשלו וידה אתונה. אם הלעת הפוסקים אורוה דין
האי שתפיה רזיל, ורק עומדים היסטוריה. ויגלה רשות הזמן
הרחוק לתקן אותו, ורגבין עומדים זה את אומן, כמו שאת
אומן, שרוא אם ולעם. אני לא ואנו רואו עתה.

אמרת לשאלה: כי לנגד עיני, עתה ערכנו את הגרות
והגלות דפוס אשר האדמות הכזונות. אנשי נאמנה רק
עדותו המצות לעצי, כי כולם אמרת, הכל את הרדה

יהודי יותר דומה לכל העולם מה היתה, לולא, תרבות גדולה כזאת, אם
חוזר אני, שאם הקוסמופוליט אינו מפלג בפוליטיקה. הוא מוסר יותר
להגיד אמת. אמת רק כיום אין האמנות, ורק אחר שהיו הם רשומים
אין הסכם הוא עוזר ממש להגיד מאומה מה יכול לומר להם?
את עלי יהודי רב מספר וגם, ואין כח רק צדי. עדרים ועזים
כל היום מה יכול לצאת ממקומו הזה. המולים שלט העולם
כלו; ואם אין רק צדי מה אמן. פרק אין מקום? ואין פרוטסטנטי
ואין דתן אחר. כלם: יהודים, גוים; פחות מדינות ומפלגות
והמדע את עולם הפרוטסטנטי הרוסי של לשמור את [illegible] אין
המוח הנדיר לכן היפרד אין מקום דעתיות הפלגות הדרך
שהמוח כלה נחוצים שלום ומחשבה, – את לב עמו הוא קורא.
כן כלם דרכים, כי לא ביחוס: הקוסמופוליטיזם כאשר הוגן יחוסי.
לכמה הקוסמופוליטים לא מכחיש, כי את הקוסמופוליטים
אני לוקח ... מה. [illegible] הקוסמופוליטי מרבים, אבל כקוסמופוליטים
אולם. דרכם הם רבים ומשונים .... הם כחו להם לתלמידים
יקירים היו כבר של נדודים רבים ושכונות ופולחנים, פרטים, רבים
יחודיים, שבכל מרת הקוסמופוליטיזם הלוי להם דרדרתם רק
הולך מאתם, להם אלה הבאר ויצורי התורה וכל [illegible] להם.
כל זה שזכה להרגיש את הלכה הפרטית הזו הרי הוא "רזה הכרה"
ורעל. הכרה הזו עולה שמונה, כאלף עד שפינוזה ועד היום ועד בכלל.

שום אופן אין [illegible] יבוא אין הלוא להביא ראוין אז [illegible] לעדור
נצחה שתהיה רחוק לפחות, וריחוק כזה [illegible] לחיים.
לו ענוש על „הגאולה"; ועתה אם לא ירצה הוא אם [illegible]
ההווה ויהיה לעולם, אם לא תבוא הגאולה. יהיה לעולם! הא?
צרורה גדולה כזו? כל הכלים [illegible] יתפוצו לבינו נפלות, [illegible]
הלו. בשם לעולם [illegible] ולו [illegible], זה לשוא טעמתי ורק [illegible]
לו [illegible], רק [illegible] ולא [illegible] לפנים, יהיה איזה [illegible], [illegible]
[illegible], אז רק [illegible] יבואה אל אמת! הדבר אך
[illegible] עתה [illegible]. לעין לך [illegible] פלא [illegible] בו איזה [illegible].
[illegible] תפסו? ואז הם ~~[illegible]~~ חוץ גדול אין [illegible]
[illegible] רבים [illegible] עתה את פנה כל אחד ואחד, ואם לא
תלמידי הפוליטיקאים [illegible] עד [illegible] רבתם.
יראו. כתוב
ויבוא רק [illegible] האחרון [illegible] איזה ~~[illegible]~~ הפוליטיקאים, ואם זה
רק איזה ימים ולא כלם, ~~[illegible]~~ ראשונה כנגד תלמידים אלה פלא פלא
כל דרכם ומעלליהם את הארץ לנו, חיים לבם נראים?
אך גם אלה סיבות [illegible] אין כח למשוך תלמידי הפוליטי.
סוים ירושלם. הציונות מתגדלת תמיד, היום אלא כל אחד [illegible]
ועקבותיו לכם דבר אין [illegible] (על אחד יהיה הם [illegible] שכר דבר
יום פלא [illegible] ורבה) ואחר [illegible] חלה [illegible] חדלו
וכן הלאה. עוד אתם [illegible] הלך דעת אשר להציונים [illegible]

כל יכלתו [illegible], וכך הורסת את הגלגל הרצוף של [illegible] עד
היום, וכך לשם ״אבד״ הלירית שנשאת כולה היו ריקמות רבות.
ולכן לא [illegible] לפעם כולם מראה לפעם את גוש „הטון״ היותר
[illegible] ויחוס [illegible] חדה להפרופסיונליזם. והנה דברי [illegible] 73
„ חזיון [illegible] וכבר היו [illegible], [illegible] [illegible] של [illegible]
„ פרופסיונליות שומר, שירה פורשת מן [illegible] [illegible] עולים שירית
„ שלא [illegible] דרושים ולא יספיק להם להחיות את נפש ורב רוחם וכו׳
„ את חיים דרכם, [illegible] הערוגה, עד „ [illegible] הרבנן״ [illegible]
„ [illegible], כי [illegible] הם עזר סמוך [illegible] של [illegible]. לכל של [illegible].
„ [illegible] שירת [illegible] גדולה אחת [illegible] האוספה [illegible] [illegible]
„ לא עזה דרכים [illegible] קולה דרכי [illegible], [illegible] [illegible]
„ [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. [illegible] שלוים [illegible]. שוב
„ [illegible] [illegible] שירית [illegible] [illegible] [illegible], „[illegible] [illegible]״ [illegible].
„ [illegible] [illegible] כי [illegible] לו, [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible]
„ [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] לבקש את [illegible].
„ [illegible] [illegible] [illegible] את [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible]
„ הפרופסיונליזם״

[illegible] לך [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] את [illegible], [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. [illegible] לך [illegible], [illegible] לך [illegible].
[illegible] [illegible] [illegible]. [illegible] כי [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible]



וועט אַזוי ווערן. לעת־עתּה איז ער, ליליענבלום, טאַקע אַ סך מער פֿאַראינטערעסירט אין ייִדן איידער אין דער גאַנצער וועלט. ווען ס׳זאָל אין אַ שטאָט זײַן אַ גרויסע שׂרפֿה, וועט אַ קאָסמאָפּאָליט, און אַפֿילו אַ סאָציאַליסט, אויך פֿרײַער ראַטעווען זײַן אייגענע משפּחה. אויב דאָס איז זײַן באַציִונג צום סאָציאַליזם, איז ער אָבער די סאָציאַליסטן אַ שׂונא. די סאָציאַליסטן אין רוס־לאַנד האָבן צונויפֿגענומען אַרום זיך אומוויסנדיקע יונגע־לײַט און בעלי־מלאָכות און האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז די גאַנצע וועלט איז זייערע.[2] אָפּט ברענגען זיי צו בלוט־פֿאַרגיסונג, אַ שטייגער איצטער [1907] אין לאָדזש. מיט זייערע סטרײַקן אָן שום באַרעכטיקונג גראָבן זיי אויך אונטער דעם מצבֿ פֿון די אַרבעטנדיקע, ווי עס ווײַזט אַ ציטאַט פֿון הזמן.

געחתמעט איז דער בריוו: אלישע בן אבֿויה, און צו דעם אַ צוגאָב: „מײַן אַדרעס איז: מײַן נאָמען און דער נאָמען פֿון מײַן שטאָט, און מער גאָרניט", דאָס הייסט: משה לייב ליליענבלום, אָדעס.

2

די פֿליכט פֿון אונדזער פּרעסע
(אַ גראַטולאַציע פֿון דער ווײַט)

פֿון משה לייב ליליענבלום, אָדעס

(ספּעציעל פֿאַרן 25יאָריקן יובילעאום־נומער
פֿון טאָגעבלאַט)

שוין מער אַלס פֿערציק יאָר ווי די ייִדישע עמיגראַציע קיין אַמעריקע גייט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. קליין האָט זי זיך אָנגעהויבן אין די ענדע פֿון די זעכציקער יאָרן, מיט אַ מאָל

---

[2] זען ליליענבלומס אַרטיקל: „אַ קללה פֿון דער תּוכחה", זאַמלבוך הילף, אונטער שלום־עליכמס רעדאַקציע, וואַרשע, 1903.

אויסגעוואַקסן האָט זי באַלד נאָך די פּאָגראָמעס אין דעם אָנהייב פֿון די אַכציקער יאָרן, און וואָס ווײַטער שטײַגט זי אַלץ מער און מער.

טרויעריק, זייער טרויעריק איז די לאַגע פֿון אַ מענטשן וואָס מוז נעמען דעם שטעקן אין האַנט און גיין זוכן אַ שטיקל ברויט, און נאָך טרויעריקער איז, אַז מען מוז דאָס שטיקל ברויט זוכן אין זייער ווײַטע לענדער. ווען מען וואָלט געקענט צונויפֿנעמען די אַלע טרערן פֿון די מאַמעס, פֿון די שוועסטער, פֿון די ווײַבער, פֿון די טאַטעס און פֿון די ברידער, וואָס זײַנען פֿאַרגאָסן געוואָרן אויף די וואָקזאַלן, בשעת זייערע טײַערע זײַנען אַוועקגעפֿאָרן, און נאָך דעם אַז זיי האָבן קיין בריוו אין דער צײַט פֿון זיי; אויך פֿון די פֿילע, וואָס קומענדיק שוין אויף דעם געווונטשטן פּלאַץ ווערן זיי אָפּגעשיקט צוריק אַהין, וואָס מען רופֿט „אַהיים" און אין אמתן איז עס אַ גיהנום — וואָלט דערפֿון געוואָרן אַזאַ גרויסער טײַך וואָס וואָלט געמעגט פֿאַרפֿלייצן אַלע אונדזערע „אָשמנוס" און „על חטאס" פֿאַר הונדערטער יאָרן...

אמת, די עמיגראַציע האָט אויך געבראַכט נוצן: ניט נאָר זי האָט געגעבן מעגלעכקייט פֿיל פּריוואַטע מענטשן צו באַפֿעסטיקן זייער לאַגע אין זייער נײַעם „גלות", נאָר זי האָט אויך געגעבן דעם ערשטן שטויס צו טראַכטן און אַרבעטן וועגן אַן אייגענער היים. נאָך מיט אַ סך צענדליגער יאָרן צוריק האָבן דער דאָקטאָר העס, דער רבֿ ר' הירש קאַלישער און אַנדערע אָנגעהויבן וועקן אונדזער פֿאָלק אויפֿצובויען זייער אַלטע היסטאָרישע לאַנד, אָבער זייער מי איז געווען אין גאַנצן אומזיסט: ניט איינער האָט זיך ניט גערירט פֿון זײַן אָרט. און די זאַך איז פֿאַרשטענדלעך. גרויסע אידעאַליסטן וואָס זאָלן זיך מפֿקיר זײַן פֿאַר דעם כּלל, באַזונדערס צווישן רײַכע מענטשן, זײַנען דאָ זייער ווייניק, אַ געוויינטלעכער מענטש טוט אַלעס נאָר צוליב אַ געוויסן אינטערעס, און אַזוי ווי אַפֿילו אַ קוואַרטיר בײַט ער ניט גאָר אומזיסט, אָן עטוואָס אַ סיבה, קען ער אַוודאי ניט בײַטן זײַן לאַנד און לעבנסאָרט בשעת ער זיצט רויִק, עס פֿעלט אים גאָרנישט און דער אויסבײַט וועט אים קיין נוצן נישט ברענגען. מען קען זײַן זיכער, אַז טויזנטער פּראָפּאַגאַנדיסטן, סײַ פֿרײַע ווי דער ד״ר העס, סײַ פֿרומע ווי ר' הירש קאַלישער, וואָלטן ניט באַוועגט אַפֿילו איין רײַכן ייִדן צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל קויפֿן ערד און ווערן אַן ערדאַרבעטער אָדער אַפֿילו אַ ווײַנגערטנער — ווען ניט די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפֿע, די פּאָגראָמעס, וואָס האָט אַרויסגערופֿן די עמיגראַציע. נאַציאָנאַליש געזאָנענע ייִדן האָבן זיך באַרעכנט, אַז שוין יאָ פֿאַרלאָזן דאָס אײַנגעזעסענע אָרט און לויפֿן — איז שוין בעסער, איידער לויפֿן פֿון איין גלות אין דעם אַנדערן, אומצוקערן זיך אין דאָס לאַנד פֿון די עלטערן; איידער זוכן פֿרײַהייט נאָר פֿאַר זיך אַליין — זוכן זי אויך פֿאַר דער גאַנצער נאַציע.

אַזוי האָט די עמיגראַציע געלייגט דעם ערשטן שטיין צו אונדזער נאַציאָנאַלישן אידעאַל, צום אויפֿבויען אונדזער היסטאָריש לאַנד.

אָבער אויך ניט ווייניק שאָדן האָט די עמיגראַציע געבראַכט אונדזערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן.

אין אונדזער היסטאָרישן לאַנד, אין ארץ־ישׂראל, קענען דערווײַל גיין מער אָדער ווייניק רײַכערע מענטשן און זייער ווייניק אומבאַמיטלטע. די לעצטע, מאַסנווײַז, מוזן עמיגרירן קיין אַמעריקע, און דאָ שטייט פֿאַר גרויסע און טײַערע מי צו ערהאַלטן אונדזערע נאַציאָנאַלישע אידעאַלן.

אויך אין אייראָפּע איז די לאַגע פֿון דעם יודנטום ניט גינסטיק. די רעליגיע שפּילט אין דעם לעבן קיין גרויסע ראָלע, ייִדישע לימודים זײַנען פֿאַרוואָרפֿן, דאָס נאַציאָנאַל־געפֿיל איז פֿאַרטונקלט, פֿון דעסט וועגן איז נאָך אין פֿילע ערטער דאָ דער „ייִדישער שטאַט", די עפֿנטלעכע מיינונג, אַ שטיקל ייִדישער פֿאַרבאַנד. אין רוסלאַנד און גאַליציע איז נאָך דאָ אַ העברעיִשע פּרעסע און ליטעראַטור, אין דײַטשלאַנד און נאָך — אַ ברייטע „יודאַיִקאַ" אין אייראָפּעיִשע שפּראַכן, און צו דעם אַלעמען אויך פֿאַרבליבענע ייִדישע צרות, וואָס דאָס אַלעס אין איינעם איז אין אַ געוויסער מאָס אַ צעמענט פֿאַר דעם יודנטום בכלל. ניט אַזוי אָבער שטייט די זאַך אין אַמעריקע, באַזונדערס בײַ אונדזערע עמיגראַנטן־מאַסן. קליינע קינדער אַרבעטן אין די פֿאַבריקן און באַקומען ניט קיין ייִדישע ערציִונג; פֿאַרדינענדיק קליינערהייט זייער ברויט זײַנען זיי ניט אָפּהענגיק פֿון זייערע עלטערן און פֿילן ניט דעם פֿאַרבאַנד פֿון פֿאַמיליען־לעבן; מאַסן קלײַזלעך, קליינע געמיינדעלעך מיט קליינע רבנימלעך פֿאַר יעדן געמיינדעלע צערײַסט דאָס איינהייט; צווישן צוועלף הונדערט טויזנט ייִדן אין ניו־יאָרק און אומגעגנט קען ניט עקסיסטירן אַפֿילו איין העברעיִשע צײַטונג; הפֿקרות אָן אַ שיעור, ביז אָפּטע בעלער אום יום־כּיפּור. פֿון קיין עפֿנטלעכער מיינונג וואָס פֿאָדערט אַ געוויסן „שטאַט" קען קיין רייד ניט זײַן דאָרטן, ווו מענטשן זײַנען צונויפֿגעפֿאָרן פֿון פֿאַרשידענע שטעט און לענדער.

נאָך דעם אַלעמען איז נאָר די ייִדישע זשאַרגאָנישע פּרעסע אין אַמעריקע אים שטאַנד וויפֿל עס איז צו דערהאַלטן אונדזערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן צווישן די נײַע עמיגרירנדע מאַסן. אָבער אויף דער דאָזיקער ייִדישער פּרעסע איז ליידער שווער צו האָפֿן. דער מיטאַרבעטער פֿון דעם הד הזמן האָט ניט לאַנג ריכטיק אָנגעוויזן אויף דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דער העברעיִשער און ייִדישער פּרעסע. די ריכטונג פֿון דער העברעיִשער פּרעסע איז אַ פּאָזיטיווע, זי בויט און פֿאַרשטאַרקט דאָס יודנטום; די ייִדישע אָבער איז אַ נעגאַטיווע; זי, חוץ די

ספּעציעל ציוניסטישע, ברעכט און צעשטערט. קענען מיר דען לייגן האָפֿענונג אויף אַזאַ פּרעסע?

איך בין ווייניק באַקאַנט מיט דער אַמעריקאַנישער ייִדישער פּרעסע, איך בין אָבער איבערצײַגט, אַז ניט די געלע פּרעסע פֿאַרנעמט דאָרט דעם ערשטן פּלאַץ, אָבער אויך די ציכטיקע און ערנצטע פּרעסע קען האָבן פֿאַרשידענע ריכטונגען. איינע פֿון די ריכטונגען איז געוויס די ראַציאָנאַלישע, נאָר אויב דער ראַציאָנאַליזמוס קען אַ מאָל ניצלעך זײַן אין דעם הויזלעכן לעבן — קען מען אויף אים דאָס ניט זאָגן אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן. דאָס נאַציאָנאַל־געפֿיל האָט זיך נאָך בײַ קיין פֿאָלק ניט גערעכנט מיט דעם ראַציאָנאַליזמוס. עס קען זײַן, אַז עס האָט ניט געדאַרפֿט אַזוי זײַן, נאָר אונדזער קליין און פֿאַראַכטעט פֿאָלק וועט די מענטשהייט ניט איבערמאַכן, אַזוי ווי מיר האָבן עס ניט איבערגעמאַכט ביז איצט. נאָך מער קענען מיר זיך ניט האַלטן בײַם ראַציאָנאַליזמוס אין אונדזער אומנאָרמאַלן גלות־לעבן. ווען דאָס ייִדישע פֿאָלק אין זײַן לאַנגן גלות וואָלט זיך פֿעסט געהאַלטן אין דער ראַציאָנאַליסטישער לערע, וואָלט שוין פֿון אים לאַנג קיין זכר ניט געבליבן... איצט, אַז אונדזער נאַציאָנאַלן עקסיסטענץ שטייט פֿאַר אַ שרעקלעכע סכּנה פֿאַרשלונגען צו ווערן, טאָרן מיר געוויס, אין אַלע הינזיכטן וואָס קערן אָן מיט אונדזער נאַציאָנאַליזמוס, קיין ראַציאָנאַליסטן ניט זײַן.

דער פּראָפֿעסאָר כוואָלסאָן האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז אויב ער וואָלט געדאַרפֿט נאָך אַ מאָל חתונה האָבן, וואָלט ער בעסער גענומען אַ „צאינה־וראינה"־ייִדענע איידער אַ הײַנטוועלטיקע ציוויליזירטע דאַמע. און איך זאָג, אַז פֿאַר ייִדן וואָס יאָגן זיך ניט נאָך כּבֿוד בײַ גויים, איז אַ געוויינטלעכער אָרנטלעכער ייִד, אָן פֿאַרפּוצטע חכמות, טײַערער פֿון געאָרג בראַנדעס, עדואַרד בערנשטיין און זייער גלײַכן, פֿון וועלכע ייִדן אַלס ייִדן האָבן גאָרנישט.

די ריכטונג פֿון אונדזער ייִדישער פּרעסע דאַרף זײַן אַ פּאָזיטיווע, צו בויען, צו פֿאַרשטאַרקן דאָס שוואַכע יודנטום. דאָס יודנטום איז דאָך אונדזער נשמה, און ווו איז דען דאָ אַ נאָרמאַלער מענטש וועלכער זאָל ניט מער פֿון אַלעס אָפּהיטן זײַן נשמה?

איך האָב שוין געזאָגט, אַז מיר איז ווייניק באַקאַנט די ריכטונג פֿון דער אַמעריקאַנישער ייִדישער פּרעסע, אָבער ווי עס האָבן מיר פֿאַרזיכערט גוטע פֿרײַנד, וואַרע ייִדן וועלכע איך קען פֿאָלקאָם גלייבן, איז די צײַטונג טאָגעבלאַט, וועלכע פֿײַערט איצט איר פֿינפֿאונצוואַנציק־יעריקן יובילעום, איבערגעגעבן אין גאַנצן צו אונדזערע ייִדיש־נאַציאָנאַלע אינטערעסן, באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות אָפּצוהיטן דאָס יודנטום און צו פֿאַרשטאַרקן אים. אַלס איינער פֿון די וואָס שעצן אונדזער נאַציאָנאַל־ערע, ליבן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן און ווילן מיט לײַב און זעלע, אַז אונדזער אַלטע און נאָך יונגע נאַציע זאָל פֿעסטגעשטעלט ווערן אויף איר היסטאָרישן לאַנד — ברענג איך מײַנע ערנצטע גראַטולאַציאָן דעם טאָגעבלאַט און זײַן רעדאַקציע און ווינטש זיי, אַז זיי זאָלן נאָך לאַנגע יאָרן אַרבעטן צום רום און ערע פֿון דעם יודנטום און פֿאַר דעם מאַטעריעלן און נאַציאָנאַל־גײַסטלעכן וואָלשטאַנד פֿון אונדזער פֿאָלק.

טײַערער און הייליקער איז אונדז דײַן ברכה, גרויסער ייִדישער קעמפֿער! ווען דו האָסט דײַן „גראַטולאַציאָן פֿון דער ווײַט" געשריבן, ביסטו געווען ווײַט פֿון דעם געדאַנק, אַז דאָס איז דײַן לעצטער אַרטיקל וואָס דו האָסט געשריבן פֿאַר דײַן פֿאָלק, פֿאַר וועלכן דו האָסט געקעמפֿט נאָענט פֿון 50 יאָר. מיט טיפֿן טרויער מוזן מיר דיך הײַנט דערמאָנען אויף אונדזער שׂימחה און מיר שליסן מיט די ווערטער: תהא נשמתך צרורה בצרור החיים!

די רעדאַקציאָן פֿון טאָגעבלאַט.

3
אַ בריוו צו אַ מומע *



* דער אָריגינאַל געפינט זיך אין אַרכיוו פון ייוואָ.



זכרונות וועגן וואַרשעווער ייִדישע מוכרי־ספֿרים און ביכער־זאַמלערס

פֿון אסתּר האַלפּערן

איך וויל דאָ דערציילן ווי אַזוי ס'איז צוגעגאַנגען דער האַנדל בײַ מײַן פֿאָטער **יחיאל מאיר פּערלמאַן** ע"ה, אַ מוכר־ספֿרים אין וואַרשע (געשטאָרבן דעצעמבער 1935). ווען מ'פֿלעגט אים אַ שטייגער רופֿן אָפּקויפֿן אַ ביסל ספֿרים, אָדער אַ שאַפֿע מיט ביכער, פֿלעגט ער תּמיד אויף דער קניה לייגן געלט. אָבער אַזוי ווי ער האָט געדאַרפֿט ס'געלט אָפּגעבן אַ פּאָר טעג שפּעטער, פֿלעגט ער אַרײַנרופֿן איינציקווײַז זײַנע מוכרי־ספֿרים, וואָס פֿלעגן בײַ אים אָפּקויפֿן די „ראַזעווע" (קוראַנטסטע) סחורה, ד"ה אַ ש"ס, אַ ווילנער אָדער אַ וואַרשעווער. עס זײַנען געווען ש"סן שיין געדרוקטע אויף רעגאַל־פּאַפּיר, אָבער אויך אויף פּשוט פּאַפּיר. פֿון די קוראַנטסטע ספֿרים פֿלעגט ער באַלד אַרויסנעמען דעם קרן און אַזוי אַרום געהאַט אויף צוריקצוקערן דעם גמילות־חסד. דעם פֿאַרדינסט האָט ער געהאַט אין די איבערגעבליבענע ספֿרים, פֿון וועלכע ער פֿלעגט „צופֿן צו ביסלעך" (ווי ער פֿלעגט זיך אויסדריקן). אַזוי אַרום איז געוואַקסן זײַן ביבליאָטעק, ווײַל ניט אַלץ האָט ער געקאָנט אָדער געוואָלט פֿאַרקויפֿן.

זינט 1894, ווען כ'בין אַלט געווען 10 יאָר, האָב איך געהאַט אַ מיגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט מוכרי־ספֿרים, וואָס פֿלעגן קויפֿן ספֿרים בײַ מײַן טאַטן. איך פֿלעג שטאַרק אַכטונג געבן מ'זאָל על־פּי טעות ניט מיטשלעפּן חלילה אַן איבעריק ספֿר. די פּראַקטיק האָט געלערנט, אַז צײַטנווײַז האָט מען פֿאַרבונדן אין דעם פּעקל געקויפֿטע ספֿרים אויך די ניט־געקויפֿטע.

דער מוכר־ספֿרים אין וואַרשע איז געווײנטלעך געווען אַ ייִד אַ למדן. אַ ספֿר איז בײַ אים אַליין געווען דאָס חיות. איך וועל נאָר אָנמערקן עטלעכע טיפּן פֿון זיי:

ר' **משה מוכר־ספֿרים** — אַ פּוילישער ייִד, אַ הויכער, אַ ברייטבייניקער, באַוואָקסן מיט האָר ביז טיף אין די אויערן. ער פֿלעגט טראָגן זײַן פּעקל ספֿרים אין אַ זאַק אויף די פּלייצעס. ער האָט משמעות געהאַט אַ סך קונים און האָט תּמיד געשלעפּט ספֿרים. משה מוכר־ספֿרים האָט געקויפֿט זייער אַ סך, על־פּי רובֿ השׂכּלה־ספֿרים. די פּרײַזן האָט ער געוווסט גענוי לויט די קאַטאַלאָגן פֿון פֿויסט (קראָקע) אָדער קויפֿמאַן (פֿון פֿראַנקפֿורט־מײַן).

אָן אַ בן־יעקבֿס אוצר ספרים איז ער קיין מאָל ניט געבליבן. „ווי קאָן מען דאָס זײַן אָן אַן אוצר ספרים?", האָט ער אַ מאָל אַ זאָג געטאָן, ווען מײַן פֿאָטער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט נאָר וואָס פֿאַרקויפֿט זײַן לעצטן עקזעמפּלאַר (דעמאָלסט האָט עס געקאָסט פֿיר רובל, און שפּעטער איז עס ניט געווען בנימצא). ר' משה מוכר־ספֿרים ע"ה האָט געהאַט ספֿרים אָן אַ שיעור. געהאַט האָט ער זיי ניט אויף איין אָרט, נאָר אויף עטלעכע ערטער — אַ טייל בײַ איין טאָכטער, אַ טייל בײַ אַ צווייטער, ווײַל קיין אייגענע דירה האָט ער בכלל ניט געהאַט. ער פֿלעגט וווינען בײַ עמעצן אין אַ קיך, אָדער אַ מאָל דינגען זיך אַ האַלבן צימער, און ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט גענוג פּלאַץ פֿאַר זײַנע ספֿרים. דעריבער האָט ער שטאַרק מורא געהאַט מ'זאָל זיי בײַ אים ניט צעגנבֿענען.

„אוי, גנבֿעט מען בײַ מיר ספֿרים, און גראָד די יקרי־המציאות", פֿלעגט ער זאָגן מיט ווייטאָג.

ער פֿלעגט קויפֿן זייער שנעל, ווײַל ביידע, ער און דער טאַטע, האָבן געוווּסט די פּרײַזן. מ׳האָט זיך גאָר גיך צונויפֿגערעדט. עפּעס אין יעדער קניה פֿלעג איך באַמערקן דעם זעלטענעם ספֿר פּחד יצחק — טיילן אָדער אַ קאָמפּלעט.

ר׳ משה מוכר־ספֿרים איז געשטאָרבן אין דער טיפֿער עלטער אַרום 1906.

אַן אַנדער מוכר־ספֿרים, אויך אַ זקן, ר׳ שלמה אָסטראָלענקער, האָט אויך געפֿירט אַזאַ מין שטייגער לעבן. ער איז אָבער ניט געווען אַזאַ חריף ווי ר׳ משה. ער פֿלעגט האָבן אַ טבֿע צו טראָגן זײַנע ספֿרים אין אַ רויטער פֿאַטשיילע.

איך געדענק גוט ר׳ מיכל בערמאַן ז״ל. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, דעם ווילנער גאָונס אַן אייניקל. כ׳האָב פֿון אים געהערט דערציילן אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע אין אַזאַ שיינעם דײַטש, אַז ס׳האָט מיך איבערראַשט.

אַז ר׳ מיכל האָט גענומען אַ ספֿר אין האַנט, פֿלעגט ער זיך אַזוי פֿאַרטיפֿן, אַז ער האָט פֿאַרגעסן ווי שפּעט עס איז. ער פֿלעגט אויך קויפֿן השׂכּלה־ביכער. ער פֿלעגט ממש הונגערן. מײַן פֿאָטער האָט אים אַ מאָל געפֿרעגט: „ר׳ מיכל, פֿאַר וואָס עסט איר ניט קיין מיטאָג?״ — „וואָס דאַרף קאָסטן אַ מיטאָג?״ — „אַ מיטאָג דאַרף קאָסטן אַ 25־30 קאָפּיקעס“, ענטפֿערט מײַן פֿאָטער. — „וואָס?, האָט ר׳ מיכל אויסגעשריִען, איך וועל אויסגעבן 30 קאָפּיקעס אויף אַ מיטאָג? פֿאַר 30 קאָפּיקעס קאָן איך דאָך קויפֿן אַ חובֿת הלבֿבֿותל; פֿאַר עטלעכע מיטאָגן — אַן עקרים“. ר׳ מיכל איז געשטאָרבן אַלט און זאַט מיט יאָרן (אַרום 1909).

אַן אַנדער טיפּ מוכר־ספֿרים איז געווען ר׳ יעקבֿ יוסף אייבעשיץ, דער עלטסטער איידעם פֿון ר׳ יצחק פֿײַגענבוים, דעם וואַרשעווער מורה־הוראה. אַ ייִד אַ הויכער און אַ גלײַכער, מיט אַן ערנצטן שטרענגן בליק, האָט ער קיין איבעריק וואָרט קיין מאָל ניט אַרויסגערעדט. געווען איז ער אַ שוחט. ביז מיטאָג איז ער געווען פֿאַרנומען אין שעכטהויז און נאָך מיטאָג פֿלעגט ער האַנדלען מיט לומדישע ספֿרים.

דער ראַיעלסטער מוכר־ספֿרים פֿון די אַלע וואָס איך האָב געקענט איז געווען ר׳ יעקבֿ יוסף. בײַם קויפֿן ספֿרים פֿלעגט ר׳ יעקבֿ יוסף קיין מאָל ניט פֿרעגן קיין פּרײַז. ער האָט שטענדיק אַליין געזאָגט וואָס ער וועט באַצאָלן און מער קיין גראָשן ניט מוסיף געווען. אָבער דערפֿאַר אַז מען פֿלעגט אים די זעלבע ספֿרים אָנבאָטן אַפֿילו אין אַ יאָר אַרום, פֿלעגט ער זײַן וואָרט ניט משנה זײַן.

איך פֿלעג באַוווּנדערן ר׳ יעקבֿ יוספֿן, ווי ער פֿלעגט כּהרף־עין דורכזוען אַ גאַנצן ווילנער ש״ס כּדי צו זײַן זיכער אַז עס איז ניטאָ קיין חיסור. מער ווי אַ האַלבע שעה האָט דאָס בײַ אים ניט געדויערט. יעדן ספֿר וואָס ער האָט געקויפֿט האָט ער איבערגעקוקט כּדי צו זײַן זיכער אַז עס פֿעלט גאָרניט. ער איז געווען אַ גרויסער למדן. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון 50 יאָר.

אַנדערע טיפּן זײַנען געווען ר׳ חיים שלום און זײַן פֿאָטער, אַ ייִד פֿון קראָכמאַלנע גאַס. מ׳האָט אים גערופֿן בײַ אונדז ר׳ חיים שלומס פֿאָטער. ר׳ חיים שלום האָט געהאַנדלט מיט לומדישע און חסידישע ספֿרים, און דער פֿאָטער נאָר מיט חסידישע. סײַ דער פֿאָטער סײַ דער זון פֿלעגן ביידע קומען פֿאַרקויפֿן זייער סחורה אין די חסידים־שטיבלעך (דער זון, ר׳ חיים שלום, האָט אַ סך פֿריִער אָנגעהויבן האַנדלען מיט ספֿרים ווי זײַן פֿאָטער). זיי פֿלעגן האַנדלען זייער ערלעך, ניט שפּעקולירן כּדי צו קריגן אַ העכערן פּרײַז, נאָר האַנדלען אויף נאמנות; ניט פֿיל פֿאַרדינען, אַבי פֿאַרקויפֿן פֿון דער האַנט, מיד־ליד. זיי פֿלעגן ניט קויפֿן קיין ספֿרים אויף לאַגער; יעדן טאָג קויפֿן אַ קניהלע און באַלד פֿאַרקויפֿן. פֿאָטער און זון זײַנען זיך געווען שטיקלעך קאָנקורענטן. זיי פֿלעגן זיך מסתּמא באַגעגענען אין איין שטיבל בײַ זייערע קונים. כ׳האָב אַ מאָל אַפֿילו באַמערקט אַ שטיקל ברוגז צווישן טאַטן און זון. אָבער ביידע זײַנען זיי געווען ערלעכע מענטשן. אַ וואָרט איז געווען בײַ זיי הייליק.

ווער עס געדענקט דאָס געשעפֿט פֿון אַלטע ספֿרים אין וואַרשע אויפֿן באַנקפּלאַץ („פּלאַץ באַנקאָווי“) אין די יאָרן 1896—1900 וועט זיך געוויס דערמאָנען בנימין שײנפּינקל. ער איז געווען אַ גרויסער ביבליאָגראַף. געווען איז ער אַן אַלמן, געהאַט האָט ער איין טאָכטער. ער האָט געשטאַמט פֿון אַ רײַכער משפּחה. געווען אַ שטילער און תּמיד פֿאַרטאָן אין ספֿרים.

ווען ער פֿלעגט אַרײַנקומען אין געשעפֿט, איז די ערשטע פֿראַגע געווען: „נישטאָ אים?“ (געמיינט האָט ער מײַן פֿאָטער) און איז באַלד אַוועק. בײַ אונדז אין קיך איז געשטאַנען אַ גאַנץ גרויסער קופֿערט, ווו מײַן פֿאָטער פֿלעגט האַלטן חסרים (ספֿרים מיט דעפֿעקטן), אָדער אַפֿילו איינציקע בלעטלעך. טאָמער מאַכט זיך ס׳ווערט ערגעץ פֿעלן אַ בלעטל, וועט ער דאָס קאָנען קאָמפּלעטירן. אַז שיינפֿינקל האָט זיך דערוווּסט פֿון דעם אוצר, זאָגט ער צו מײַן פֿאָטער: „איך וואָלט וועלן אַ קוק טאָן וואָס איר האָט דאָרטן“. — „וואָס פֿאַלט אײַך אײַן, שיינפֿינקל, זאָגט מײַן פֿאָטער, ווער וועט זיך גיין ראָיען אין די פֿאַרשטויבטע שמות?“ — „איר דאַרפֿט דאָס ניט טאָן; איך וועל דאָס אַליין טאָן“. — „אַז איר ווילט, שיינפֿינקל, מהיכא־תּיתי. איך דאַרף אַוועקגיין און איר קאָנט טאָן וואָס איר ווילט“.

איין מאָל קום איך אַרײַן אין שטוב. איך זע קיינעם ניט, איך הער אָבער אַ גערויש. איך זע ווי שיינפֿינקל שטייט בײַ דעם קאַסטן און לייענט עפּעס אַ בלעטל וואָס ער האָט דאָרטן געפֿונען. דאָס איז געווען גאָר אַ זעלטענער ביכער־וואָרעם. פֿאַרשטייט זיך ניט צוליב מאַכן געלט. זײַן איינציקער אידעאַל איז לעבן זײַנען געווען אַנטיקן, בפֿרט פֿון העברעיִשער השׂכּלה.

צווישן די ז אַ מ ל ע ר ס וואָס איך האָב געקענט זײַנען געווען באמת אינטערעסאַנטע טיפּן:

ר׳ ד ו ד פּ י ק,[1] למשל, אַ ייִד אין די זיבעציקער. ער איז געווען אַן אַפּטיקער. אויף פֿראַנציסקאַנער־גאַס האָט ער געהאַט אַ קלייט. ער איז געווען זייער פּאָפּולער אין וואַרשע. אַ גרויסער למדן, האָט ער געהאַט זייער אַ סך ספֿרים און טאַקע זעלטענע.

ר׳ דוד פֿלעגט קומען צו אונדז גאַנץ אָפֿט. ער פֿלעגט קויפֿן זייער אַ סך. ער פֿלעגט מיטנעמען די ספֿרים אַהיים כּדי נאָכצוקוקן צי ער האָט זיי ניט אין זײַן זאַמלונג (מײַן פֿאָטער איז שוין געווען זיכער אַז ער האָט זיי ניט). אויף מאָרגן פֿלעגט ער קומען און באַצאָלן. איך בין זיכער, אַז ער פֿלעגט גיין צו פֿוס (פֿון פֿראַנציסקאַנער ביז טוואַרדע איז גענוג ווײַט). ער פֿלעגט אַ לאַנגע צײַט זיצן און אַרײַנקוקן אין אַ ספֿרל און האָט זיך דערווײַל אָפּגערוט.

ר׳ דוד פֿלעגט זיך קיין מאָל ניט דינגען, הגם ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט ניט דערעסן, אַבי צו האָבן אויף אַ ספֿר.

איין מאָל האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זײַן בײַ ר׳ דודן אין זײַן געשעפֿט אויף פֿראַנציסקאַנער־גאַס. מײַן מוטער ע״ה האָט מיך מיטגענומען צו באַשטעלן בײַ אים ברילן.

ר׳ דוד איז געזעסן בײַ אַ טישל בײַם פֿענצטער, דאָרטן האָט ער געהאַט זײַן גאַנצע סחורה און האָט געאַרבעט. בעת מײַן מוטער האָט מיט אים געשמועסט וועגן דעם ענין ברילן, האָב איך דערווײַל באַטראַכט דאָס געוועלב. צי איז דאָס אַ ספֿרים־געשעפֿט, צי טאַקע אַ געשעפֿט פֿון ברילן איז געווען שווער צו זאָגן, ווײַל מען האָט געזען נאָר שענק מיט ספֿרים. די דאָזיקע שענק האָבן אָפּגעטיילט די קלייט פֿון זײַן וווינונג.

„און ווו איז אײַער דירה, ר׳ דוד?“, האָט מײַן מאַמע אים געפֿרעגט. — „אָט דאָ, הינטער די שענק“, האָט ער געענטפֿערט. מיר זײַנען געווען נײַגעריק צו זען זײַן ביבליאָטעק און זײַן הויז, האָבן מיר זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און אַרײַן הינטער די שענק. און וואָס האָבן מיר געזען? צוויי בעטן שטייען אָנגעשפּאַרט אויף ספֿרים; איבער די בעטן, פּאָליצעס מיט ספֿרים; לעבן די בעטן, ווײַטער אַ שאַנק מיט ספֿרים, און אויף אַ טישל מיט עטלעכע שטולן קעגן דער טיר אויך ספֿרים. אין יעדן ווינקל זײַנען געלעגן נאָר ספֿרים. מיר האָבן געזען זײַן צווייטע פֿרוי, וואָס האָט זיך געפּאַסט מער צו זײַן זײַנע אַ טאָכטער אָדער אַפֿילו אַן אייניקל.

אין וואָלקאָוויסק (גראָדנער גובערניע) האָט זיך געפֿונען אַ געוויסער אַ ר ע ל ע ש אַ צ ק י.[2]

---

[1] ר׳ דוד פּיק (1827—1898). זײַן זון יעקבֿ פּיק איז אויך געווען אַן אַפּטיקער. זײַן אייניקל סעווערין פּיק האָט זיך געשמדט אין יאָר 1900. ר׳ דוד פּיק האָט מנדבֿ געווען אַ פֿיזישן קאַבינעט פֿאַר דער ראַבינער־שול אין וואַרשע. נאָך אַן אייניקל, קאַמיליאַ, די טאָכטער פֿון אַ צווייטן זון, משה (מויריצי), האָט זיך אויך געשמדט. [די הערה און די ווײַטערדיקע זײַנען פֿון דער רעדאַקציע.]

[2] אַן עלטער־פֿעטער פֿון ד״ר יעקבֿ שאַצקי.

ער האָט געהאַלטן אַ קראָם. די סוחרטע איז געווען זײַן װײַב טײַבע, אָבער ר׳ אַהרן פֿלעגט אַרויסהעלפֿן זײַן אשת־חיל.

ר׳ אַרעלע ז״ל פֿלעגט קומען קיין וואַרשע צוויי מאָל אַ יאָר אײַנקויפֿן סחורה. (דאָס איז געווען אין די יאָרן 1892—1902). ער פֿלעגט תּמיד זיך אַרײַנכאַפּן צו מײַן פֿאָטער און אײַנהאַנדלען אַ ביסל „קניזשקעס״ (ביכלעך).

אינטערעסאַנט איז וואָס פֿאַר אַ ביכער ער פֿלעגט זאַמלען. דאָס איז געווען אַן אָריגינעלע זאַמלונג: ער פֿלעגט קויפֿן אַלע רוסישע ביכלעך וואָס האָבן געהאַט די „אודאַרעניעס״ (דעם אַקצענט), ווי *Хрестоматія Мартынова, Русская Рѣчь, Басни Крылова* — אָבער נאָר מיט „אודאַרעניעס״. אויך גראַמאַטיקעס, געאָגראַפֿיעס, ווערטערביכער און סתּם „קניזשקעס״, אַבי מיט „אודאַרעניעס״. מײַן פֿאָטער פֿלעגט שוין צוגרייטן פֿאַר ר׳ אַרעלען אַזעלכע ביכער און ווען ער פֿלעגט קומען און געפֿינען די „סחורה״ פֿלעגט ער זײַן זייער צופֿרידן. ער פֿלעגט יעדער מאָל אויסגעבן אַ 10־15 רובל. איך רעכן, אַז ער פֿלעגט נאָך ערגעץ ווו קויפֿן ענלעכע ביכער, ווײַל ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסע זאַמלונג פֿון דעם מין אויסגאַבעס.

ר׳ אַרעלע האָט אויך געהאַט לומדישע ספֿרים. זײַן אַלמנה, טײַבע, האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז זי וויל פֿאַרקויפֿן די ספֿרים. האָב איך איר אַ פֿרעג געטאָן: „ווער וועט בײַ אײַך קויפֿן די רוסישע ביכלעך?״ האָט זי געענטפֿערט אַז ער האָט אויך אַ סך לומדישע ספֿרים. הייסט עס, אַז ער איז מסתּמא געווען אַ למדן.

ר׳ אַרעלע איז געווען אַ שטילער מענטש. אים האָט נאָר אינטערעסירט אַ „קניזשקע״. הגם ער האָט געהאַט אַ גרויסע משפּחה, פֿלעגט ער אַרומפֿאָרן און נאָר זוכן די ביכלעך; געקויפֿט זיי מיט שווערער מי און אפֿשר אַפֿילו מיט גרויסע קרבנות.

אַן אַנדער טיפּ איז געווען אַ ייִד ט י ג ע ל, אַ זאַמלער פֿון אַלטע שמות. געווען איז ער אַן אײַנבינדער, ווײַט פֿון די ערשטקלאַסיקע. ער האָט געהאַט גענוג צײַט אַרײַנצוגיין אין אַהרן סאַרדינערס שול אויף טוואַרדע 4 און זוכן צווישן די אַלטע שמות אַ ספֿרל. טיגעל פֿלעגט מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון אַ מענטשן וואָס פֿאָדערט גאָרניט פֿאַר זיך. שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, איז ער געווען צופֿרידן און גליקלעך, ווען ער האָט געפֿונען צווישן די שמות אַ ספֿרל, מעג זײַן אַפֿילו אַ חסר. ער פֿילט זיך ניט, לאָזט זיך ווײַטער זוכן און אַ מאָל געפֿינט ער טאַקע די נייטיקע בלעטלעך פֿון דעם דעפֿעקטיוון עקזעמפּלאַר. אַז ער פֿלעגט אָנקלײַבן עטלעכע אַזעלכע ספֿרימלעך פֿלעגט ער קומען (אין די יאָרן 1912—1919) און זייער העפֿלעך מעלדן, אַז ער האָט אַ וויכטיק געשעפֿט פֿאַרן „הער פּערלמאַן״. — „גוט מאָרגן, פּאַניע פּערלמאַן, איך האָב הײַנט גאָר זעלטענע אַנטיקלעך. איך וועל אײַך צוצאָלן וויפֿל איר וועט זאָגן, אויב איר גיט מיר פֿאַר זיי אַ קאָראַן אָדער אַ תּולדות ישו״. טיגעל האָט שוין אַזעלכע ספֿרים געקויפֿט אַ סך מאָל. ער פֿלעגט זיי מסתּמא פֿאַרקויפֿן און ווידער זיך פֿאַרבענקען נאָך זיי.

אַן אַנדער טיפּ זאַמלער איז געווען אַ וואַרשעווער יונגער־מאַן, וואָס פֿלעגט צו אונדז אַרײַנקומען זינט 1899, ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר. ער האָט געהייסן י ו ס ף ז י ל ב ע ר־ש ט ר אָ ם,[3] פֿון פֿאַך אַ בוכהאַלטער. זילבערשטראָם איז געווען אַ געלערנטער יונגער־מאַן. ער האָט געקענט גוט תּנך און געשאָטן מיט חידושים אין טײַטשן פּסוקים. ער האָט געהאַט אַ גוטן זכּרון. דערצו נאָך האָט ער געקענט גוט אַ 5־6 שפּראַכן.

ער איז געווען אַ זון פֿון פֿאַרמעגלעכע עלטערן. זײַן גאַנץ געלט פֿלעגט ער אויסגעבן אויף ספֿרים. וואָס הייסט אויף ספֿרים? ס׳איז ווייניק וואָס ער האָט געהאַט אין באַזיץ אַלע מינים ספֿרים־אַנטיקן — די ווערק וואָס ער פֿלעגט קויפֿן האָבן געמוזט זײַן פֿון דער בעסטער אויסגאַבע. ווען ער איז געווען זיכער, אַז קיין בעסערע אויסגאַבע איז אויף דער וועלט ניטאָ, פֿלעגט ער אַזאַ ספֿר אַרײַנטראָגן צום בעסטן אײַנבינדער און לאָזן עס בינדן אין אַ פּראַכט־

---

[3] יוסף זילבערשטראָם איז געווען איינער פֿון די מיטגלידער פֿון דער פּעטערבורגער „ייִדישער היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט״ וואָס האָט געציילט אין וואַרשע אין גאַנצן 5 מיטגלידער.

באַנד, מיט גאָלדשניט און פֿײַנסטן לעדער און אַפֿילו טײַערע שלעסער, אַזוי ווי מען פֿלעגט אַ מאָל בינדן אַ קרבן מנחה.

ניט איין מאָל האָט געטראָפֿן אַז ווען דער ספֿר איז שוין געווען געבונדן אין אַ פּראַכט־באַנד, און עס האָט זיך געמאַכט צו קויפֿן אַ שענערע אויסגאַבע, פֿלעגט ער אַוועקגיין צום אײַנבינדער און הייסן דעם נײַעם ספֿר אַרײַנפּאַסן אין די זעלבע טאָוולען. איז דער ספֿר געווען גרעסער, האָט מען עס צוגעשניטן צו די טאָוולען, אָבער די גליונות האָבן געמוזט זײַן שיין אַרומגעשניטן. אויב ווידער דער ספֿר איז געווען קלענער ווי די טאָוולען, האָט דער אײַנבינדער געדאַרפֿט צושנײַדן די טאָוולען און פֿײַן פֿאַרענדיקן, כּדי ס׳זאָל ניט זײַן קאָנטיק, אַז די טאָוולען מיטן ספֿר זײַנען ניט קיין גלײַכער זיווג.

איך בין בײַגעווען בײַ אַזאַ פֿאַל: ער האָט געוואָלט איבעררעשן מײַן טאַטן מיט אַ זעלטן שיינעם עקזעמפּלאַר פֿון חובת הלבבות אין אַ פּראַכטפֿולן באַנד. מײַן פֿאָטער נעמט דאָס ספֿרל אין האַנט און באַטראַכט עס. „ס׳איז טאַקע זייער שיין, אָבער ווי קומט דאָס צו מײַן חובֿת הלבֿבֿותל?״ דער יונגער־מאַן שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן פֿון איבעררעשונג. „איז דאָס מעגלעך?״ פֿרעגט ער אַ געפּלעפֿטער. מײַן פֿאָטער גייט צו צום שאַנק, נעמט אַרויס אַ גאַנץ קליינינקן ספֿרל געבונדן אין שאַגראַן־לעדער, אָפּגעליישט מיט צוויי גאָלדענע גאָטישע אותיות. גראָד זײַנען דאָס געווען די אותיות .J. S. דער מענטש איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער פֿון איבעררעשונג. זײַן נשמה איז געווען אין מײַן טאַטנס הענט. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט צו־געצאָלט מײַן פֿאָטער און איז אַהיימגעגאַנגען אַ גליקלעכער מיט דעם קליינינקן חובֿת הלבֿבֿותל.

דער דאָזיקער יונגער־מאַן האָט געהאַט אַ געפֿערלעכע תּאווה צו ספֿרים און ביכלעך גע־דרוקט אין דעם קלענסטן פֿאָרמאַט. וואָס קלענער דער פֿאָרמאַט פֿון אַ בוך — „הרי זה משובח״.

אַ גאָר זעלטענער טיפּ פֿון אַ זאַמלער אין וואַרשע איז געווען איגנאַץ בערנשטיין[4] (1836—1908). דער דאָזיקער מיליאָנער האָט געזאַמלט ביכער מיט שפּריכווערטער. ער פֿלעגט קויפֿן יעדער בוך אין וועלכן ס׳האָט זיך געפֿונען אַ שפּריכוואָרט.

זייער אַ גרויסער זאַמלער איז געווען ר׳ ישעיה ראַטנעמער.[5] ער פֿלעגט מײַן פֿאָטער לײַען געלט אויף אָפּקויפֿן אַ ביבליאָטעק פֿון עמעצן. ר׳ ישעיה ראַטנעמער האָט געשריבן אַ שיינעם העברעיִש. ער איז געווען אַ חסידישער איידעם, אַ ייִד מיט פֿײַנע מאַנירן, אַן אינ־טעליגענטער מענטש. ער האָט אָנגעזאַמלט זייער אַ רײַכע ביבליאָטעק, ספּעציעל העבראַיִקאַ און יודאַיִקאַ. ער האָט געהאַט אַלע השׂכּלה־ספֿרים און אויך די בעסטע אויסגאַבעס פֿון לומדישע ספֿרים. ער פֿלעגט קויפֿן אין וואַרשע, בערלין, ווין, קראָקע, פֿראַנקפֿורט און אַנדערע שטעט. אַ סך געלערנטע פֿלעגן זיך ווענדן צו אים און בעטן אויסלײַען ספֿרים. ער האָט עס געטאָן מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן. זײַן טאָכטער, בעלאַ פּאָליאַקעוויטש, די פֿרוי פֿון דעם יונג־פֿאַרשטאָר־בענעם העברעיִשן דיכטער משה פּאָליאַקעוויטש (געשטאָרבן 1937), האָט מיר געשריבן נאָך איר מאַנס טויט, אַז איר פֿאָטער וואָלט געוואָלט פֿאַרקויפֿן די ביבליאָטעק. ס׳האָט מיר דאָס האַרץ וויי געטאָן בײַם ענטפֿערן, אַז מײַנע באַמיִונגען צו פֿאַרקויפֿן די דאָזיקע ביבליאָטעק האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן.

צוזאַמען מיטן אומקום פֿון וואַרשעווער ייִדן איז צווישן אַנדערע גרויסע ייִדישע ביבליאָ־טעקן אויך חרובֿ געוואָרן די דאָזיקע ריזיקע פּריוואַטע זאַמלונג.

---

[4] דער באַוווּסטער פֿאָלקלאָריסט, מחבר פֿון די יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען.

[5] זײַן ביבליאָטעק ווערט דערמאָנט אין באַלאַבאַנס בוך וועגן ייִדישע אַנטיקן אין פּוילן און אין דער אַרבעט פֿון ד״ר יעקבֿ שאַצקי, „ייִדישע ביבליאָטעקן אין פּוילן״, פּוילישער ייִד, נומ׳ 28, אַפּריל 1945, ז׳ 13. דאָס איז געווען די גרעסטע פּריוואַטע ייִדישע ביבליאָטעק אין פּוילן. אין 1937 האָט זי געציילט 26,000 בענד. זען: *Tentative List of Jewish Cultural Treasures in Axis-Occupied Countries*, New York, 1946, p. 55.

זכרונות װעגן אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען

פֿון ד״ר ב. ליבער

די שטאָט יאַס איז אַ מאָל געװען דער צענטער פֿון דער רומענישער און דער ייִדישער קולטור. װען אין 1870 האָט די השׂכּלה, װאָס האָט שטאַרק פֿאַרשפּעטיקט אין רומעניע, ענדלעך אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען — איז דאָס האַרץ פֿון דער באַװעגונג געװען יאַס.

מײַן טאַטע איז דערצויגן געװאָרן אויף זייער אַ פֿרומען אופֿן, װי דער שטייגער איז יעמאָלט געװען. ער האָט אָבער גאָר יונג אָנגעהויבן צו לייענען בשתּיקה השׂכּלה־ביכלעך. ביז עס איז אויפֿגעדעקט געװאָרן און די קאַטאַסטראָפֿע איז געקומען: מײַן טאַטע האָט זיך צעקריגט מיט זײַן טאַטן, האָט גענומען זײַן װײַב און קינד און זיך באַזעצט אין אַן אַנדער טייל שטאָט. געשען איז דאָס נאָך דעם, װען מײַן זיידע, אַ ייִד פֿון 85 יאָר (ער האָט געלעבט 106 יאָר), האָט איין מאָל אין בית־המדרש געװאָרפֿן מײַן טאַטן אַ שטענדער אין קאָפּ אַרײַן און אים צעבראָכן די נאָז. מײַן זיידע איז געװען אַ בייזער ייִד און האָט ניט געװוּסט װאָס הייסט חרטה. ער האָט דעם זון, ד״ה מײַן טאַטן, קיין מאָל מער ניט געזען. ערשט 21 יאָר שפּע־טער איז זײַן זון געקומען צו דער לװיה כּדי זיך איבערצובעטן מיטן מת.

מײַן טאַטע, יצחק ליבערעסקו, האָט זיך באַזעצט אין דעם אַריסטאָקראַטישערן טייל פֿון דער שטאָט יאַס. דאָס איז געװען אַ שיינע געגנט, מיט אַספֿאַלטירטע גאַסן, מיט ביימער, מיט פּריװאַטע הײַזער אַרומגערינגלט מיט גערטנער, און מיט שיינע ליכטיקע געשעפֿטן. אין פֿאַרגלײַך מיט די ייִדישע גאַסן, װוּ עס איז געװען חושך און שמוציק, איז דאָ געװען ממש אַ גן־עדן. מײַן באָבעס שטוב האָט זיך געפֿונען אין דעם אָרעמסטן טייל פֿון יאַס. יענע געגנט האָט מען גערופֿן „די רויטע בריק״, אָדער מאהאלא, װאָס באַטײַט אויף רומעניש אַ פֿאָרשטאָט.

אין מאַהאַלאַ זײַנען געװען אַ סך שולן און חסידים־שטיבלעך, אַ סך מער װיפֿל עס איז געװען נייטיק פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. איך דערמאָן זיך, אַז ס׳איז דאָרטן געװען אַ „גרויסע שול״, אַ „קליינע שול״, אַן „אַלטע שול״, אַ „נײַע שול״, אַן „אַלט־נײַע שול״ און אַ „נײַ־אַלטע שול״. מײַן זיידע (מײַן טאַטנס טאַטע) ליבער־משה אָדער משה־ליבער איז געװען אַ שמש אין איינער פֿון די שולן. ער איז געװען אַ ייִד אַ כּעסן, מיט אַ סך תּקיפֿות און שטאָלץ. מענטשן האָבן פּשוט פֿאַר אים מורא געהאַט. ער איז געװען אַ הויכער און װען ער איז געגאַנגען אין גאַס האָט זיך געדאַכט, אַז מען קען שוין העכער ניט זײַן.

פֿרײַטאָג שפּעט נאָך מיטאָג פֿלעגט ער זיך באַװײַזן אויף דער מאַרקגאַס און גיין זייער לאַנגזאַם. װען די סוחרים האָבן אים דערזען, האָבן זיי תּיכּף אָנגעהויבן פֿאַרמאַכן זייערע קראָמען. טאָמער ניט, פֿלעגט ער מיט זײַנע לאַנגע פֿיס איבערקערן די קעסטלעך אָדער די קוישן מיט סחורה און שלאָגן די ייִדן מיט זײַן שטעקן.

די גוים האָבן שטאַרק געהאַלטן פֿון מײַן זיידן. װען ער איז אַלט געװאָרן הונדערט יאָר האָבן די בלעטער װעגן אים געשריבן. װען זײַן ערשט װײַב איז געשטאָרבן איז ער אַלט געװען 55 יאָר. זי האָט אים קיין יורשים ניט איבערגעלאָזט. האָט ער חתונה געהאַט צום צװייטן מאָל, דװקא מיט אַ יונג מיידל, און געהאַט מיט איר פֿופֿצן קינדער. ער איז געװען אַ מענטש מיט פּרינציפּן. װען בעסאַראַביע, װוּ ער איז געבוירן געװאָרן, איז פֿאַר־

נומען געוואָרן פֿון רוסלאַנד, אין 1812, האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ שיפֿל און זיך געלאָזט אַריבערפֿירן איבערן פּרוט קיין מאָלדעווע. „בײַ פֿאָניען — האָט ער געזאָגט — וויל איך ניט זײַן".

איך געדענק מײַן זיידן זינט איך בין געווען דרײַ יאָר אַלט. איין מאָל האָט מען מיך געבראַכט צו מײַן מאַמעס מאַמען. דאָרטן האָב איך צום ערשטן מאָל געזען מײַן זיידן פֿון טאַטנס צד. ער האָט בכלל זיך אויפֿן קליינוואַרג ניט אומגעקוקט. מיך האָט ער בכלל ניט געוואָלט אַפֿילו באַמערקן, ווײַל איך בין געווען דאָס קינד פֿון זײַן זון דעם „כופֿר". איך האָב זיך באַהאַלטן אין אַ לאָך און געקוקט אויף זײַנע קאַלטע, שטאָלענע אויגן. עס האָט מיך ממש אַרומגעכאַפּט אַ פּחד. די באָבע האָט עפּעס גערעדט וועגן טעאַטער. דער זיידע האָט געזאָגט, אַז טעאַטער איז אַ גויִישע זאַך. די יִדן אַרום דער רויטער בריק האָבן געהאַלטן פֿון מײַן זיידן, בפֿרט וואָס שייך אמונה און פֿרומקייט.

די באָבע חיה, מײַן מאַמעס מאַמע, וואָס איז געווען אַן אַלמנה, איז געווען די גוטסקייט אַליין. זי איז געווען טאָלעראַנט און, אויב מען קען באַנוצן דאָס וואָרט פֿאַר יענע צײַטן, ליבעראַל. גראָד מיט איר מיינונג האָט מען זיך אַ סך מער גערעכנט, ווי למשל מיט דער מיינונג פֿון מײַן באָבע זיסל, ר' משהס ווײַב. טייל מאָל האָבן מיר די באָבע זיסל אַפֿילו ניט באַמערקט, אַזוי שטיל איז זי געווען, ווען מײַן זיידע ר' משה, איר מאַן, איז געווען דערבײַ.

איין מאָל, ווען מען האָט בײַ אונדז אין שטוב גערעדט וועגן יידישן טעאַטער, האָט די באָבע חיה געזאָגט: „מען דאַרף גײַע זאַכן". זי איז אפֿשר געווען די איינציקע אויף דער רויטער בריק וואָס האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין בייזקייט צום פּלאַן פֿון אַ יידישן טעאַטער און אויך ניט צו די באַטייליקטע אין די ערשטע אָנהייבן פֿון דעם עקספּערימענט.

די באָבע חיה האָט שפּעטער, אַרום 1885, ווען אין יאַס האָט זיך אָנגעהויבן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, געשיקט אַלעמען אין אַרבעטער־קלוב. „גיי, גיי צו די אַרבעטער, פֿלעגט זי זאָגן, די בעלי־בתּים זײַנען פֿאַרפֿוילט. יידישע סטאָליערס דאַרפֿן זיך ברידערן מיט גויִישע, און זיי ביידע מיט די פּויערים. עס שאַט ניט!"

זייער אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד האָט מען שפּעטער דערמאָנט וועגן דער באָבע חיה: דער טײַך באַהלוי איז אַרויס פֿון די ברעגן און האָט פֿאַרפֿלייצט די געגנט בײַ דער רויטער בריק. די באָבע איז אָנגעקומען פֿון מאַרק אויף דער בריק און איז געבליבן שטיין אַ ביסל אומזיכער. לעבן איר זײַנען געווען אַ סך מענטשן, יידן און גויים, געקומען פֿון ווײַטן, און געקוקט אויף דעם שטײַגנדיקן וואַסער. צווישן זיי האָט די באָבע דערקאָנט איינעם, וועמען זי האָט עטלעכע מאָל געהאַט באַגעגנט אין אונדזער הויז, אָבער מיט וועמען זי האָט פֿריִער קיין מאָל ניט גערעדט. ער איז געווען וואָס מען האָט דעמאָלט גערופֿן „דײַטש" געקליידט. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגן שוואַרצן ראָק מיט אַן אייבערראָק, לאַקענע שפּיציקע שיך, אַ הויכן צילינדער, אַ ווײַס העמד מיט אַ געפּרעסטן קאָלנער און אַ טונקל־בלוי שניפּסל, און אויף דער וועסט האָט געשײַנט אַ שווערע גאָלדענע קייט. איז ער צוגעגאַנגען צו מײַן באָבע און איר געזאָגט: „ווי איך זע, באָבע, דאַרפֿט איר הײַנט בלײַבן אויף אונדזער זײַט. קיינער וועט ניט האָבן די העזה אַראָפּצוגיין צו אײַך אין שטוב אַרײַן. קומט מיט מיר צו אײַער טאָכטער. אַ וואָגן מיט צוויי פֿערד וואַרטן אויף מיר. איך לאַד אײַך אײַן ... אָבער אפֿשר ווייסט איר גאָרניט ווער איך בין?" — „איך ווייס, האָט זי געענטפֿערט. רב — איך מיין — הער גאָלדפֿאַדען, פֿונעם יידישן טעאַטער. איך קאָן ניט אָננעמען אײַער טובֿה: איך האָב דאָרט בהמות אין שטאַל און איך מוז זיי אַרויסלאָזן". — „און וואָס זאָגט איר דערצו, דאָס הייסט, צו מײַן טעאַטער? וואָס זאָגט מען בײַ אײַך אין גאַס?" — „בײַ אונדז? אַלע שעלטן אײַך און האַלטן אײַך פֿאַר אַן אַפּיקורס, און איך בענטש אײַך. זאָלן יידן זיך אויך אונטערהאַלטן. וואָס, זיי טאָרן ניט?" און מאַכנדיק אַ פֿאָר טריט כּדי אָפּצומעסטן די טיפֿקייט פֿונעם וואַסער אין מיטן גאַס, האָט זי אָנגעהויבן שפּאַנען. זי האָט געהערט גאָלדפֿאַדענען נאָכשרײַען: „קומט צוריק, חיה, ס'איז אַ סכּנה". און זי האָט רויִק געענטפֿערט, זיך ניט אומקוקנדיק: „איך מוז זען וואָס די קי טוען".

אַ סך פֿון די ערשטע אַקטיאָרן, זינגערס, טענצערס און מוזיקאַנטן אָדער קלעזמערס האָבן געשטאַמט פֿון דער געגנט בײַ דער רויטער בריק. זיי זײַנען מן הסתּם געווען די בעסטע צווישן די פּורים־שפּילערס אָדער סתּם טאַלענטירטע לצים. אָבער איין מאָל אַוועק אויף „יענער זײַט וועלט", זײַנען זיי שוין מער ניט געקומען צוריק. די בריק איז געווען די שוועל, דער שיידוועג.

דער שפּרונג פֿון דער בלאָטיקער פֿאָרשטאָט צו דער ריינער לעבעדיקער שטאָט איז געווען דערפֿרישנדיק. אַ נײַ לעבן איז אַנטדעקט געוואָרן: ריינע גאַסן, בלומענטעפּ בײַ די פֿענצטער און גרינע קרוינען איבער די פּלויטן. אַ גרויסן שטח האָט פֿאַרנומען דער רײַכער, פּאָטישער, האַלב ווילדער עפֿנטלעכער גאָרטן, דער קאָפּאָ. אָרעמע־לײַט און אַפֿילו ייִדן האָבן אויך געמעגט שפּאַצירן אין די דאָזיקע אַריסטאָקראַטישע מקומות. די מענטשן דאָ זײַנען געווען ריינער, מיט געוואַשענע פּנימער, מיט געקעמטע קעפּ און בערד, מיט געבאַרשטע קליידער, מענטשן מיט אַ העכערער קולטור.

אין יענער געגנט פֿון שטאָט זײַנען מיר בײדע געבוירן געוואָרן, ד"ה איך און — אַ פּאָר יאָר שפּעטער — דער ייִדישער טעאַטער. מיר האָבן ביידע געהאַט איין מאַמע. יאָ, אַ פֿרוי, מײַן מאַמע, איז געווען די גרינדערין, אָדער לכל הפּחות די וואָס האָט באַגײַסטערט די גרינדערס פֿונעם ייִדישן טעאַטער. ווי אַ קעגנזאַץ צו איר אייגענער מאַמע, צו דער באָבע חיה, איז מײַן מאַמע געווען אַ פֿריילעכע, אַ געזעלשאַפֿטלעכע, אַ באַרעדעוודיקע פּערזאָן. קלוג און וויציק. הגם פֿול מיט חלומות, איז זי געוואָרן פּראַקטיש, ווען עס איז געווען נייטיק. פֿרויען זײַנען צו איר געקומען זיך באַראָטן, און אירע עצות זײַנען תּמיד געווען זאַכלעכע. מײַן טאַטע און אַלע זײַנע פֿרײַנד האָבן זי שטאַרק רעספּעקטירט. מען האָט ניט געקאָנט זײַן טרויעריק אָדער דערשלאָגן ווען זי איז געווען דערבײַ. אירס אַ לאַך, אַ טאַנץ, אַ לידל, אַ מעשׂהלע, אַ וויץ האָט יעטוועדן איבערגעמאַכט. זי האָט אויך דירעקט געהאָלפֿן מיט מעשׂים: איז מען געווען פֿאַראומערט איבער אַ קראַנקייט אין דער פֿאַמיליע, איז זי תּיכּף געלאָפֿן און האָט געוווסט וואָס צו טאָן און ווי אַזוי צו היילן און צו דערמוטיקן.

טאַקע צוליב איר איז אונדזער הויז געווען אַ פֿרײַנדלעכער אָרט צו וועלכן עס האָבן זיך געצויגן אַ סך מענטשן. מײַן טאַטע האָט אויך געהאַט געזעלשאַפֿטלעכע נייגונגען. אַזוי אַז ביידע האָבן געמאַכט אונדזער הויז אַ מין פֿאַרזאַמלונגס־אָרט. סטודענטן און לערערס, פּאָעטן און דאָקטוירים פֿלעגן אַרײַנקומען טרינקען אַ גלאָז טיי און דעבאַטירן.

ווען אַ וויכטיקע ייִדישע פּערזענלעכקייט איז צופֿעליק אַרײַנגעפֿאַלן אין יאַס, איז אסתּרס (מײַן מאַמעס נאָמען) און איציקס הויז געווען דער ערשטער אַרײַנפֿאָר. ווען גאָלדפֿאַדען האָט געוואָלט געבן אַ בליק אויף רומעניע און זען וואָס ער קאָן דאָרט אויפֿטאָן מיט זײַנע לידער און דעקלאַמאַציעס, האָט ער נאַטירלעך באַזוכט די יונגע ליברעסקו־פֿאַמיליע — און איז שוין טאַקע דאָרטן געבליבן. (אין יענע צײַטן האָט יונגוואַרג געגלייבט אין אַסימילאַציע און דעריבער איז מײַן טאַטנס נאָמען ראָמאַניזירט געוואָרן פֿון ליבער אויף ליברעסקו.) מײַן טאַטע איז געווען אַ מיטגליד פֿון אַ געהיימען פֿאַראיין, „ציון", וואָס האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט ציוניזם, און מחמת דעם מסתּמא מיר אַ נאָמען געגעבן בן־ציון.

גאָלדפֿאַדענען איז לכתּחילה ניט אײַנגעפֿאַלן צו שרײַבן דראַמעס אָדער קאָמעדיעס. ער האָט געלייענט זײַנע לידער און דעקלאַמאַציעס פֿאַר מײַנע עלטערן און פֿאַר זייערע באַזוכערס. שפּעטער האָט ער אויך געלייענט פֿאַר אַ גרעסערן עולם אויף דער בינע פֿון אַן אָפֿענעם קאַפֿעהויז, אַ מין גאָרטן. ער איז ניט געווען דער איינציקער פֿאַרווײַלער, און אין פֿאַרגלײַך מיט די אַנדערע דילעטאַנטישע שוישפּילערס, טענצערס, זינגערס, איז ער זיכער געווען ווייניקער אַמוזירנדיק. זײַן דערפֿאָלג איז געווען אַ קליינער. אַ פּאָר מאָל האָט מען אים אַפֿילו אויסגעפֿײַפֿט.

פֿאַרצווייפֿלט און מעלאַנכאָליש, האָט ער זיך אָפֿט געקלאָגט פֿאַר מײַן מאַמען. זי האָט געהאַט אַ פֿײַנעם חוש פֿאַר טאַלענטן און גראָד שטאַרק געהאַלטן פֿון גאָלדפֿאַדענען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿלעגט זי מיר באַשרײַבן די באַגײַסטערונג, מיט וועלכער גאָלדפֿאַדען האָט געשריבן, ווי אַזוי ער האָט גערעדט צו זיך אַליין, פֿאַרגעסנדיק אַז ער איז ניט אַליין,

און ווי אַזוי ער פֿלעגט זיך אויפֿכאַפּן בײַ נאַכט און גיך פֿאַרשרײַבן אַ געדאַנק אָדער אַ פּאָר שורות פֿון אַ ליד אויף אַ שטיק פּאַפּיר וואָס איז תּמיד געהאַנגען אויף דער וואַנט לעבן זײַן בעט.

איין מאָל ווען ער איז געווען בײַ אונדז אין הויז האָט מײַן מאַמע אים ניט געלאָזט אַוועקגיין און האָט פֿאַר אים געהאַלטן אַ לאַנגע דרשה: פֿאַר וואָס שרײַבט ער ניט פֿאַרן טעאַטער, אַזוי ווי מען טוט עס בײַ די אומות העולם? מען דאַרף אויסלאַכן אונדזער נאַרישע לעבן, אויסמאָלן די קאָמישע ייִדישע טיפּן און געשטאַלטן. זי האָט געהאַלטן אַז מ׳דאַרף אויפֿלעבן ערנצטע סצענעס פֿון דער ייִדישער געשיכטע, כּדי צו צעטרייסלען דעם עולם מיט טיפֿע געפֿילן. גאָלדפֿאַדען איז אויפֿגעשפּרונגען און אַ זאָג געטאָן: „איך האָב שוין אַ פּיעסע! איך וועל זי נאָך הײַנט אָנהייבן און אין אַ וואָך וועט זי זײַן גרייט. אײַער מאַן וועט ווערן דער געשעפֿטלעכער דירעקטאָר!״

דעם זעלבן אָוונט האָט שוין גאָלדפֿאַדען פֿאָרגעלייענט אין אונדזער „סאַלאָן״ פֿאַר אַ טוץ מענטשן אַן אַקט פֿון אַ פּיעסע. אַלע האָבן געטאַנצט פֿאַר פֿרייד און יעדער האָט געוואָלט שפּילן און געבעטן דעם מחבר צו שרײַבן אַ ראָלע פֿאַר אים. מען איז אַהיימגעגאַנגען אונטערפֿײַפֿנדיק דאָס ערשטע טעאַטער־לידל וואָס גאָלדפֿאַדען האָט געשריבן און צו וועלכן ער האָט אויך צוגעפּאַסט די מוזיק.

די ערשטע רעפּעטיציעס זײַנען פֿאָרגעקומען בײַ אונדז אין הויז. מען האָט געבראַכט קאַנדידאַטן פֿאַר אַקטיאָרן פֿון אַלע זײַטן, מערסטנס פֿון די וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון דער „רויטער בריק״־געגנט: בעקערייונגען און שנײַדערס, סטאָליערס און נײַטאָרינס. מען האָט אויסגעקליבן בלויז עטלעכע. גאָלדפֿאַדען האָט זיי געמוזט לערנען ווי אַזוי צו שפּילן און מײַן מאַמע האָט אים אונטערגעהאָלפֿן.

ס׳איז געווען קינדיש פֿאַר מײַן טאַטן אויפֿצוגעבן זײַן בכּבֿודיקע און גוט באַצאָלטע שטעלע און אָנצונעמען די דירעקציע פֿון אַן אונטערנעמונג אָן קאַפּיטאַל, אָן האָפֿענונג פֿאַר אַ באַלוינונג, אָבער מײַן מאַמען איז געפֿעלן געוואָרן דער פּלאַן, און דאָס איז געווען גענוג פֿאַר אים. זיי זײַנען ביידע געזעסן און גערעדט. ער האָט געהאַט אַ טרער אין אויג: „און וואָס וועט זײַן אַז איך וועל גאָרניט פֿאַרדינען? וואָס וועסטו טון מיט די צוויי קינדערלעך?״ — „ס׳איז ווערט צו פּרובירן, ס׳איז אַ גרויסאַרטיקע אידעע, און ס׳איז ניטאָ קיין אַנדערער, אַ פֿעיִקערער ווי דו״. — „אָבער מען וועט דאַרפֿן אַרומפֿאָרן איבער שטעט און לענדער״. — „נו, וועל איך נעמען די קינדער און זיך אַרײַנציִען צו דער מאַמען״.

מײַן טאַטע איז געווען אַן אָנגעשטעלטער בײַ דעם גרויסן באַנקיר נײַשאַץ. מען האָט אין דער באַנק געהאַט אַ סך צוטרוי צו דעם יונגן „רויטער־בריקער״ מיטן בלאָנדן בערדל, מיט די רויטע באַקן און די בלויע, פֿריילעכע אויגן. מען האָט אים אָנגעטרויט די סודות פֿון די פֿאַרוויקלטע געשעפֿטן. אַחוץ דעם האָט מײַן טאַטע געהאַט אייגענע קולטור־אינטערעסן וואָס זײַנען אים געווען טײַער: געווען אין קאָמיטעטן פֿאַר קינדערשולן און אין אַנדערע כּלל־אַרבעטן און באַוועגונגען. דאָס אַלץ האָט ער געמוזט אויפֿגעבן, ווײַל די אָנשטרענגונג אָנצופֿירן דעם טעאַטער און זוכן געלט פֿאַר אים האָט פֿאַרנומען זײַן גאַנצע צײַט.

ווען מײַן טאַטע האָט דעמיסיאָנירט פֿון נײַשאַצן, האָט ער פֿון אים באַקומען פֿאַרן ייִדישן טעאַטער, אַ הלוואה אָדער אַ מתּנה, אַ נישקשהדיקע סומע געלט.

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר צוויי בין איך געפֿערלעך קראַנק געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן מיך אויפֿגעגעבן. אין שטוב איז געווען טרויעריק. באַזוכערס האָבן בלויז געעפֿנט די טיר און ווען זיי האָבן דערזען וואָס עס טוט זיך אין שטוב זײַנען זיי באַלד אַנטלאָפֿן. וואָכן זײַנען פֿאַרגאַנגען. מײַן מאַמע האָט מיך געהאַלטן אויף איר שויס און האָט געשוויגן. ענדלעך האָט זי אָנגענומען אַ באַשלוס. אויב די ווויסנשאַפֿט קען ניט העלפֿן, מעג זי אַליין עפּעס פּרובירן. זי האָט פֿאַבריצירט אַ מין רערל פֿון קאַרטאָן און אָנגעהויבן אַרײַנצולאָזן פּאַרע מיר אין האַלדז אַרײַן. זי האָט קיין מאָל ניט געהערט וועגן דעם מיטל. ס׳איז געווען איר אייגענער אײַנפֿאַל. אין אָנהייב האָט זיך ניט באַמערקט קיין פֿאַרבעסערונג. זי

האָט אָבער געהאַט געדולד. היות ווי זי אַליין איז געווען זייער מיד, האָט זי געבעטן מײַן טאַטן און גאָלדפֿאַדענען זיי זאָלן העלפֿן. זיי האָבן געדאַרפֿט געבן דעם קינד צו צוויי שעה אַ טאָג די פּאַרע און דערנאָך האָט זי דאָס געטאָן די איבעריקע צוואַנציק שעה פֿון מעת־לעת. די נאַכט איז געווען אירע. ס'איז געווען זייער שטיל, קיין שום גערויש פֿון ערגעץ ניט. אַ טרויעריקייט האָט זי אַרומגענומען, אירע כּוחות האָבן געהאַלטן אין פֿאַרשווינדן, איר מוט האָט געזונקען טיפֿער און טיפֿער. פּלוצעם האָט זי באַמערקט ווי מײַנע אויגן עפֿענען זיך און דער אָטעם ווערט בעסער און רעגלמעסיקער. באַלד האָט זי מיר געגעבן אַ פּאָר טראָפּן מילך און איך האָב עס אַרונטערגעשלונגען. פֿון פֿרייד האָט זי אָנגעהויבן כליפּען און שרײַען: „איציק, גאָלדפֿאַדען!"ביידע זײַנען געקומען צו לויפֿן. זעענדיק אַ שמייכל אויפֿן קינדס פּנימל, האָבן זיי זיך צעקושט און האָבן געקושט די מאַמע און גענומען טאַנצן. עטלעכע שעה שפּעטער איז אַרײַן איינער פֿון די דאָקטוירים וואָס האָט געזאָלט דורכפֿירן אַן אָפּעראַציע. גאָלדפֿאַדען איז אַרויס צו אים מיט אַ כּלומרשט פֿאַרוויינטן פּנים און געזאָגט: „צו שפּעט, צו שפּעט!" — „שרעקלעך", האָט דער דאָקטאָר געענטפֿערט, און האָט אָנגעהויבן צוריק אײַנצופּאַקן די אינסטרומענטן. אָבער גאָלדפֿאַדען האָט זיך צעלאַכט. דער כירורג האָט געמיינט, אַז ער איז משוגע געוואָרן. אַרײַנגעשלעפּט אינעווייניק, זעט דער דאָקטאָר די מאַמע פֿעסט אײַנגעשלאָפֿן אויפֿן בעט און דאָס קינד מיט אָפֿענע אויגן, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט די הענטלעך גלעטן דער מאַמעס קאָפּ.

— „ווער האָט עס געטאָן דעם נס?" האָט דער דאָקטאָר געפֿרעגט.

— „אָט די קליינע פֿרוי", האָט אים גאָלדפֿאַדען געענטפֿערט.

— „אָבער מיט וואָס?"

— „מיט שׂכל . . . יאָ, און מיט ליבע".

די גאַנצע צײַט פֿון מײַן קראַנקייט איז די טעטיקייט געווען אָפּגעשטעלט. קיינער האָט גאָרניט געטאָן. ס'האָט אויסגעזען אַז דער טעאַטער האָט ניט געקאָנט געבוירן ווערן מיטן פּנים צום טויט. אַזוי גיך ווי דער „שוואַרצער גאַסט" איז פֿאַרשווונדן, פֿאַרטריבן געוואָרן, איז די אַרבעט באַלד באַנײַט געוואָרן.

איין טאָג, בעת די פּראָבעס האָבן שוין באַדאַרפֿט זיך אָנהייבן אויף דער בינע, האָט מען געוואַרט אויף דער משפּחה ליבערעסקו, ד"ה אויפֿן טאַטן, אויף דער מאַמען, אויף אונדז, די קינדער, אויף גאָלדפֿאַדענען און אויף נאָך אַ טוץ פֿרײַנד. די מאַמע האָט צו ערשט אָפּגעוואַשן און אָנגעטאָן די קינדער. דאָס ייִנגסטע האָט זי אָנגעטאָן אין ווײַסן און האָט אים אַרויסגעלאָזט אין הויף. דערנאָך האָט זי זיך אַליין גענומען אָנטאָן. אַ צײַט האָט מען ניט געהערט און ניט געזען דאָס קינד און די שטילקייט איז געוואָרן פֿאַרדעכטיק. איז גאָלדפֿאַדען אַרויס — און וואָס זעט ער? דאָס בחורל האָט זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל, הינטער די טרעפּ צום אייבערשטן גאָרן, דאָרט איז געלעגן אַ זאַק מיט קוילן און דאָס קינד האָט גענומען קוילן אין מויל אַרײַן. עס איז אים, ווײַזט אויס, שטאַרק געפֿעלן, ווײַל ער האָט באַלעקט די ליפּן און די פֿינגער. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער בגד איז מער ניט געווען ווײַס. גאָלדפֿאַדען האָט אים אַרײַנגעטראָגן אין שטוב אַרײַן, אים אויסגעטאָן, אָפּגעבאָדן און צוריק אָנגעטאָן נאָך איידער די מאַמע האָט זיך דערוווּסט וועגן דער גאַנצער מעשׂה.

אָנגעקומען אין דעם ליידיקן זאַל ווּ די רעפּעטיציע איז פֿאָרגעקומען — האָט זיך דאָס קליינע „פּובליקום" פֿון היימישע מענטשן געזעצט אויף בענקלעך, נאָענט צו דער בינע. הגם איך בין אַלט געווען נאָר צוויי יאָר, בין איך זיכער אַז איך געדענק אַלץ פֿון דער צײַט אָן ווען איך בין געראַטעוועט געוואָרן. אַלץ האָט מיך אַמוזירט: די ליכט, דאָס אויסזען פֿון די אַקטיאָרן, זייערע געפֿאַרבטע באַקן און נעזער, זייערע בערד, זייערע קאָמישע קליידער, זייער געזאַנג און טאַנץ, די פּאָר מוזיקאַנטן און דער סופֿליאָר, וועמען מען האָט קלאָר געהערט און וועמעס קאָפּ עס האָט אַרויסגעשטעקט פֿון אַ האַלב צוגעדעקטן קאַסטן. אַזוי קוקנדיק און לאַכנדיק האָב איך אײַנגעדרימלט . . . מיט איין מאָל פֿיל איך ווי מײַן מאַמע וויקלט מיך אײַן, וועק איך מיך אויף, איך קוק מיך אַרום, זע איך ווי יעדער איז אויפגעשטאַנען

און גרייט זיך צו גיין אַהיים. דער פֿאָרהאַנג איז אַראָפּגעפֿאַלן און קיין בינע איז ניטאָ. צעוויין איך זיך אויפֿן קול: „שפּילן!“ סטײַטש, מען האָט מיך אָפּגענאַרט, מען האָט ניט געענדיקט דאָס שפּילן. נו, וואָס זשע טוען די אַקטיאָרן? זיי הייבן אויף דעם פֿאָרהאַנג, מאַכן ליכ־טיק און נעמען זיך טאַנצן און לאַכן און מאַכן גראָטעסקע גרימאַסן, שפּרינגען אַראָפּ צו מיר, רינגלען מיך אַרום, טראָגן מיך איבער זייערע קעפּ, גיבן מיך איבער פֿון איינעם צום אַנדערן. און איך לאַך און לאַך. גאָלדפֿאַדען איז אויך געווען צווישן די טענצערס. פּלוצעם געפֿין איך זיך אויף דער גאַס. די לופֿט איז קאַלט אָבער אָנגענעם, מען לייגט מיך אַוועק אויף דער מאַמעס קני אין אַ דראָזשקע און איך זוך צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי זי קומט דאָ אַהער.

און הגם איך דערמאָן זיך די אַלע אַקטיאָרן, וואָלט מיר געווען שווער אָנצורופֿן זיי מיט זייערע נעמען. נאָר איין נאָמען האָב איך ניט פֿאַרגעסן: סאָבינע. איר צווייטן נאָמען האָב איך ערשט שפּעטער זיך דערוווּסט: לאַקסער. מיר דאַכט זיך אַז זי איז געווען אַ גוטע שוי־שפּילערין, אַ פֿײַנע פּערזאָן. אָבער זיכער בין איך ניט צי זי איז פֿון די גאָר ערשטע, אָדער איך קען זי פֿון מײַן שפּעטערדיקער קינדהייט.

נאָך איין עפּיזאָד ווו גאָלדפֿאַדען איז אַרײַנגעמישט מוז איך דאָ דערציילן: אין אַ שיינעם טאָג טוט אונדז די מאַמע אָן, מיך און מײַן עלטערע שוועסטער (זי איז געווען מיט גאַנצע צוויי יאָר עלטער פֿון מיר), און הייסט אונדז זיצן אויף דער באַנק פֿאַר דעם הויז און וואַרטן אויף איר. אָבער דאָס שוועסטערל רעדט צו זיך אַליין, וויינט און לאַכט, ביז זי ציט מײַן אויפֿמערקזאַמקייט צו זיך. פֿרעג איך זי וואָס זי זאָגט: — „איך שפּיל טעאַטער“, ענטפֿערט זי. „אָט, דעקלאַמירט זי, זײַנען מיר ביידע אַוועק, ווײַט ווײַט אַוועק. צווישן ווילדע מענטשן און ווילדע חיות! אַנו, מאַך זשע ווי אַ בער“! — „וואָס איז אַ בער?“ — „און דאָרט זײַנען אַלע מענטשן מיט די שוואַרצע פּנימער, די צונגעלאַנגען, צונגעקלאַנגען און צונגעטאַנגען“. דערשרעק איך מיך און איך הייב אָן צו וויינען. שלעפּט זי מיך אַוועק: „לאָמיר אַנטלויפֿן!“ און מיר שפּרינגען אַראָפּ פֿון דער באַנק און אונדזערע פֿיסלעך הייבן זיך, מיר שטופּן זיך צווישן די מענטשן אויף דער גאַס, ביז מיר ווערן מיד. גייען מיר לאַנגזאַמער, אָבער ווײַטער און ווײַטער. פֿון איין גאַס אַרויס, אין אַן אַנדערער אַרײַן. מיר זײַנען שוין אין די קליינע געסלעך, ווו דער עולם איז שיטער. אָבער די הויפֿן, די גערטנער, די הינט זײַנען אינטע־רעסאַנט. די זון זעצט זיך שוין און עס ווערט טונקעלער און קילער. מיר זײַנען שלעפֿעריק און הונגעריק. האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט, זעצן מיר זיך אויפֿן טראָטואַר און מיר ווערן ביידע אַנטשלאָפֿן מיט די קעפּ צונויפֿגעדריקט.

וואָס ס'האָט זיך געטון אין דער היים דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר אַוודאי ניט געקאָנט וויסן. מען איז אַרומגעלאָפֿן אונדז זוכן, מען האָט געלאָזט וויסן דער פּאָליציי. אַלע האָבן אונדז געזוכט. מיט אַ מאָל שטייט גאָלדפֿאַדען פֿאַר אונדז. ער נעמט אונדז ביידע אויף די הענט און הייסט אַ פֿאַרבײַגייענדיקן ברענגען אַ דראָזשקע. איך רעד צו אים און זאָג „צונגע־לאַנג, צונגעקלאַנג, צונגעטאַנג“. נעמט ער אַרויס פֿון קעשענע אַ בלײַשטיפֿט און אַ פּאַפּירל און שרײַבט עפּעס אָן. יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער האָט אַרײַנגעשטעלט אין איינער פֿון זײַנע פּיעסעס אַן אינדיאַנער מיט דעם נאָמען „צונגעטאַנג“.

דער סוף פֿון מײַן געשיכטע איז ניט פֿריילעך. מײַן טאַטע האָט פֿאַרלאָזט יאַס און האָט אַרומגערײַזט מיט דער טרופּע אין רוסלאַנד, אין גאַליציע, אין דײַטשלאַנד. זאָרג האָט ער געהאַט אַ סך. אָבער דאָס ערגסטע איז געווען אין בערלין. ער האָט דאָרט געדונגען אַ גרויסן טעאַטער און דער דערפֿאָלג איז געווען אַ גרויסער: אַלע בילעטן זײַנען געווען אויספֿאַר־קויפֿט. ער האָט זיך געפֿרייט, ווײַל ער איז געווען זיכער אַז מען וועט אויסצאָלן אַלע חובֿות און אַ ביסל בעסער באַלוינען די אַקטיאָרן. אין דעם באַשטימטן אָוונט איז דער זאַל געווען איבערגעפֿולט מיט אַן עולם פֿון דײַטשע ייִדן און אויך גויים וואָס זײַנען געקומען פֿון טשיקאַוועס וועגן. דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך אויף. איידער דער ערשטער אַקטיאָר טרעט אויף, הערט מען אין זאַל אַ געשריי פֿון מערערע קולות: „יודן ראַוס! יודן ראַוס!“ מען מאַכט ליכטיק: אַ באַנדע סטודענטן הייבן אויף זייערע פֿויסטן און שרײַען „יודן ראַוס!“ מען האָט געמוזט יעדן צוריקגעבן דאָס געלט און אַוועקפֿאָרן מיט גרעסערע חובֿות.

דערוויַיל איז מיַין מאַמע אַוועק אויף דער רויטער בריק צו דער באָבע חיה, מיטנעמענ־דיק די קינדער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טרויעריק לעבן. מיַין טאַטנס טאַטע האָט געווינט דערלעבן. דער דאָך האָט אונדז פֿאַראייניקט, אַ וואַנט האָט אונדז אָפּגעטיילט, אָבער זיַין כאַראַקטער האָט אונדז נאָך מער צעשיידט. ער האָט אונדז איגנאָרירט און צו אונדז קיין מאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט.

דער טאַטע האָט קיין געלט ניט געשיקט און די באָבע האָט אונדז געמוזט אויסהאַלטן. איך האָב פֿאַרגעסן צו זאָגן אַז דערוויַיל איז שוין אַ דריט קינד צוגעקומען, נאָך איידער מיַין טאַטע האָט פֿאַרלאָזט יאַס.

עטלעכע יאָר זיַינען פֿאַרגאַנגען. ענדלעך האָט דער טאַטע געשריבן אַז ער קומט צוריק, נאָר ניט קיין יאַס. מיר זאָלן פֿאָרן קיין בוקאַרעשט, ווו ער וועט עפֿענען אַ ייִדישן טעאַטער, און דאָרט אויף אים וואַרטן.

אין בוקאַרעשט זיַינען מיר אָנגעקומען ביַי נאַכט. עס האָט שטאַרק גערעגנט. מיר האָבן געוואָלט פֿאַרפֿאָרן צו עפּעס אַ באַקאַנטן, האָבן מיר זיך אַריַינגעזעצט אין אַ דראָזשקע און די ריַיזע האָט גענומען אַ גאַנצע נאַכט. ס׳איז געווען פֿינצטער און גליטשיק, דאָס פֿערד איז אַנידערגעפֿאַלן, די ביַיטש איז פֿאַרלוירן געוואָרן, דער אָנטריַיבער האָט ניט געוווּסט דעם וועג. מיר זיַינען געוואָרן נאַס. אָבער איך בין געווען פֿריילעך: „מיר פֿאָרן צו גאָלדפֿאַדענען״, האָב איך כּסדר איבערגעחזרט.

איך האָב אָבער גאָלדפֿאַדענען שוין מער ניט געזען.

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס

אַ טרייסטבוך פֿאַר אַנוסים

אליהו ליפּינער, בײַ די טײַכן פֿון פּאָרטוגאַל. ר׳ שמואל אושקי, זײַן תּקופֿה און זײַן „טרייסט צו די לײדן פֿון ישׂראל״. ייִדישער וויסנשאַפֿט־לעכער אינסטיטוט — ייִוואָ, בוענאָס־אײַרעס, 1949, 209 זז׳.

שמואל אושקיס ווערק אויף פּאָרטוגעזיש א״נ: *Consolacam as Tribula-coens de Israel* איז אַרויס אין דער איטאַליענישער שטאָט פֿעראַרע אין סעפּ־טעמבער 1552. עס געהערט בלי ספֿק צו די אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן וואָס אַנטפּלעקן דעם קוק פֿון אַנוסים אויף דער ייִדישער געשיכטע. עס איז אַ געמיש פֿון אַ פֿילאָסאָפֿיע פֿון ייִדישער געשיכטע און אַ היסטאָרישער כראָ־ניק. דאָס דאָזיקע ווערק איז אײגנאַרטיק, אָריגינעל און וואָגיק ניט אַ דאַנק דער היסטאָרישער כראָניק, וואָס איז ניט תּמיד פֿאַרלאָזלעך, נאָר אַ דאַנק דער פֿילאָסאָפֿישער אינטערפּרעטאַציע פֿון ייִדישן היסטאָרישן גורל אין ליכט פֿון דער פֿרישער, טראַגישער דערפֿאַרונג. דאָס ווערק איז באַזירט אויף דער טעאָריע פֿון פּסיכאָלאָגישער קאָמפּענסאַציע פֿון געדענקען שלעכטע און גוטע תּקופֿות אין דער געשיכטע, כּדי זיך צו קענען טרייסטן מיט דעם, אַז עס זײַנען געווען ערגערע צײַטן — ממילא קען מען לעבן מיטן בטחון, אַז אויך גוטע צײַטן וועלן זיך אומקערן. די דאָזיקע רעפֿלעקטיווע היסטאָריאָסאָפֿיע איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור געווען אַ נײַס, הגם בײַ אַנדערע פֿעלקער געפֿינט מען אַן ענלעכן צוגאַנג, געשריבן ספּעציעל בשעת קאַטאַסטראָפֿאַלע צײַטן.

> זכרונות וועגן פֿאַרגאַנגענעם שלעכטס — שרײַבט אושקי אין דעם אַרײַנפֿיר — קאָנען טיילווײַז פֿאַרקלענערן די לײדן פֿון שווערע געמיטער, בפֿרט ווען די אַמאָליקע צרות שטײַגן איבער די קעגנוואַרטיקע. און כאָטש מ׳היילט ניט איין וווּנד מיט אַ צווייטער, קומט אונדז די דאָזיקע עצה בקבלה פֿון די גרויסע מענער, וואָס האָבן מיט זייער פֿיל וויסן גע־זוכט רפֿואות פֿאַרן קומער פֿון דער נשמה און געלערנט די מענטשן ווי אַזוי איבערצוטראָגן די פּײַן, צו וועלכן דאָס ביטערע לעבן האָט זיי אַזוי פֿאַרקנעכט און אונטערגעיאָכט.

פֿאַר דעם צוועק שרײַבט אושקי אין אַ פֿאָרעם פֿון דיאַלאָגן אַ מין „תּנחומים על צרות ישׂראל״, אַ טרייסטבוך, אין וועלכן מיר טרעפֿן א י כ ב ו (יעקבֿ) וואָס רעפּרעזענטירט דאָס ייִדישע פֿאָלק, נ ו מ ע אָ (נחום — דער טרייסטער) און ז כ ר י ה ו (אַסאָציאַציע מיט זכרון). די דיאַלאָגן פֿון די ערשטע צוויי

טיילן זײַנען אינטערעסאַנט היסטאָריאָסאָפֿיש. דער דריטער טייל איז דער וואָגיקסטער וואָס שייך היסטאָרישן ווערט.

אושקי האָט געזען ווי די גערודפֿטע ברידער זײַנע וואָס זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון פֿאָרטוגאַל האָבן אָנגעהויבן זיך וואַקלען אין זייער גלויבן. זיי האָט פּשוט געפֿעלט יענע טיפֿע אמונה וואָס זאָל פֿאַר זיי גופֿא באַרעכטיקן די קרבנות און די עינויים. דערפֿאַר האָט ער באַשלאָסן אָנצושרײַבן אַ ווערק און דווקא אויף פּאָרטוגעזיש, הגם עס איז אַ גרויסער ספֿק צי ער וואָלט געקענט עס אָנשרײַבן אויף העברעיִש, ווי אַנדערע כראָניקערס פֿון זײַן דור האָבן דאָס געטאָן.[1] ער האָט געקענט דאָס אָנשרײַבן אויף שפּאַניש, אַ שפּראַך אַ מער פֿאַרשפּרייטע צווישן די גולי ספֿרד. ער האָט אָבער מיט אַ כּיוון געשריבן אין דער שפּראַך וואָס ער האָט „מיט דער מוטערמילך אײַנגעזויגן", ווי ער דריקט זיך אויס, ווײַל זײַן הויפּט־כּוונה איז געווען רעדן צו די נאָענטסטע, צו די פּאָרטוגעזער.

ליפֿינער האָט איבערגעזעצט, לויטן איבערדרוק וואָס איז אַרויס אין 1906, נאָר טיילן פֿון ערשטן דיאַלאָג און דעם צווייטן אין גאַנצן ניט; ער האָט נאָר געגעבן אַ גאַנץ קורצן תּמצית פֿון צווייטן דיאַלאָג.[2] דער איבערזעצער מאָטיווירט די דאָזיקע איבערהיפּערונגען מיט דעם, וואָס די טעמע פֿון די צוויי דיאַלאָגן איז די אַלטע ייִדישע געשיכטע און אַז קיין חידושים זײַנען אין זיי ניט בנימצא. דעם דריטן דיאַלאָג, וואָס איז דער גרעסטער אין דעם בוך, האָט ליפֿינער איבערגעזעצט אין גאַנצן. עס איז אָבער אַ גרויסער שאָד וואָס די ערשטע צוויי דיאַלאָגן זײַנען ניט איבערגעזעצט געוואָרן אין גאַנצן, מחמת דעם וואָס מען געפֿינט דאָרטן יאָ געוויסע חידושים פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אינטערפּרעטאַציע.

די איבערזעצונג איז אין אַלגעמיין אַ גוטע, הגם בנוגע עטלעכע אויסדרוקן וואָלט מען אפֿשר געקענט זיך מתווכּח זײַן. אָבער דאָס איז ניט דער עיקר. אושקיס צאַפּלדיקע לײַדנשאַפֿטלעכע שריפֿט איז עד היום ניט איבערגעזעצט געוואָרן אין קיין שום לשון, חוץ אַ קליינער פֿראַגמענט אין דײַטש. אַן ענגלישע איבערזעצונג ווערט צוגעגרייט צום דרוק, מיט אַ קריטישן אַפּאַראַט, געמאַכט פֿון אַ יונגן פֿאָרשער ווי אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע. בעת די איבערזעצונג איז אַ קאָרעקטע, קען מען אָבער דאָס אייגענע לײדער ניט זאָגן

---

[1] וועגן אושקיס ידיעות אין העברעיִש אין אַלגעמיין שרײַבט דער קאָמפּעטענטסטער היסטאָריקער פֿון ייִדן אין שפּאַניע, יצחק (אַ מאָל פֿריץ) בער, אַז עס איז בכלל אַ ספֿק, צי אושקי איז געווען בכּוח אַפֿילו זיך צו באַנוצן מיט העברעיִשע כראָניקעס. זען:
Fritz Baer, *Untersuchungen über Quellen und Komposition des Schebet Jehuda,* Berlin, 1923, pp. 37-38.

[2] חוץ דער אויסגאַבע פֿון 1906, לויט וועלכער ליפֿינער האָט געמאַכט די איבערזעצונג, איז כּדאַי אָנצווײַזן אויף אַ ווינציק באַקאַנטן פּרט, אַז דער פּאָרטוגעזישער היסטאָריקער Joachim de Oranjo האָט אין 1889 איבערגעדרוקט עטלעכע טיילן פֿון אושקיס כראָניק אין דעם זשורנאַל: *Annaes de Bibliographia Portugueza,* Porto, 1889.
קײַזערלינגס אינפֿאָרמאַציע אַז עס איז אַרויס אַ שפּאַנישע איבערזעצונג, האָט קיין יסוד ניט.

וועגן דעם איבערזעצערס אויספירלעכער הקדמה און זײַנע אייגענע הערות. משמעות, אַז עס זײַנען אים ניט געווען צוגענגלעך די געדרוקטע ווערק (און זייער צאָל איז גאָרניט אַזוי קליין ווי ליפינער מיינט), וואָס באַרײַכערן אונדזערע ידיעות וואָס שייך אושקין גופא, זײַן תּקופה און זײַן ווערק אויף אַזוי פיל, אַז מען קען שוין הײַנט צו טאָג שרײַבן אַ מער אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע וועגן דעם ענין ווי ליפינער האָט געטאָן.

קודם־כּל לאָזט זיך פון דריטן דיאַלאָג אויסשיילן אַ פּאָר אויטאָביאָגראַפישע פּרטים. די נסיעה פון פּאָרטוגאַל קיין ענגלאַנד (III, 15) מיט דעם פּרט פון ווײַזן די „קעפּ פון די פאַררעטער" אויף דער לאָנדאָנער בריק איז אַזוי אויטענטיש, אַז מען קען אָננעמען, אַז אושקי איז אויפן וועג פון ליסאַבאָן קיין פעראַרע געווען אין לאָנדאָן, מסתּמא אין דער סוויטע פון דער באַרימטער דאָנאַ גראַסיאַ נשיא, (די מומע און שפּעטער די שוויגער פון דאָן יוסף נשיא), וואָס איר האָט אושקי געווידמעט זײַן חיבור. די דאָזיקע השערה פּאַסט זיך גוט אַרײַן אין דעם פאַקט וואָס די אַנוסים אין ענגלאַנד האָבן געקענט אושקיס ווערק נאָך אין כּתבֿ־יד. דאָס איז קלאָר פון דעם פּראָצעס פון מאַראַן Thomas Fernandes וואָס איז פאָרגעקומען אין ליסאַבאָן אין יאָר 1556.[3]

דערפאַר קען מען ניט אָננעמען ליפינערס מיינונג, אַז אושקי גיט ניט אָן קיין דירעקטע אויטאָביאָגראַפישע שטריכן. זיי זײַנען דאָ, אָבער מען דאַרף זיי דעשיפרירן. אַפילו די באַשרײַבונג פון פלאַנדריע, וווּ גראַסיאַ נשיא האָט געלעבט אַ לענגערע צײַט (אין אַנטווערפּן) ביז זי איז געקומען קיין פעראַרע (מסתּמא איז אושקי געקומען מיט איר) איז באַשריבן זייער רעאַליסטיש, מיט אַ סך פּרטים (למשל, ווי די פּליטים לײַדן בעת זיי גייען אַריבער די אַלפּנבערג). זי איז אויטענטיש און ממילא אויטאָביאָגראַפיש.

וואָס שייך דעם ספר גופא, זײַנען ליפינערס ידיעות ניט תּמיד קאָרעקט. ער שרײַבט למשל, אַז די פעראַרע־אויסגאַבע פון 1552 איז זייער זעלטן. דאָס איז נאָר טיילווײַז ריכטיק. פון דער ערשטער אויסגאַבע זײַנען באַקאַנט פיר עקזעמפּלאַרן. פון דער צווייטער אויסגאַבע דערקענגן, וואָס ליפינער רופט אָן „אַמסטערדאַמער אויסגאַבע", בעת אין דער אמתן איז די דאָזיקע אויסגאַבע געווען געדרוקט אין 1599 אין צפון־נידערלאַנד, מסתּמא אין אַנטווערפּן, זײַנען פאַראַן גאַנצע 14 עקזעמפּלאַרן, ממילא קענען ניט „געציילט ווערן אויף די פינגער פון איין האַנט די פאַרבליבענע עקזעמפּלאַרן פון ביידע אויפלאַגעס וואָס זײַנען באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט" (ז' 14).[4]

---

[3] וועגן דעם פּראָצעס און די ווידויים פון דעם מאַראַן, אין וועלכע ער דערציילט וועגן צירקולירן אושקיס חיבור זען:

Lucien Wolf, *Jews in Tudor, England* (Essays in Jewish History), London, 1934, pp. 88-90.

די פולע טעקסטן פון די ווידויים זײַנען פאַרעפנטלעכט אין:

Miscellanies of the Jewish Historical Society of England, II, 1935, pp. 47-49.

[4] וועגן דעם ענין זען:

די ביאָגראַפֿיע פֿון דאָנאַ גראַסיאַ נשׂיא און דאָן יוסף נשׂיא איז געשריבן גוואַלדיק מעלאָדראַמאַטיש־ראָמאַנטיש און שטימט לחלוטין ניט מיטן היס־טאָרישן אמת. די מאָדערנע פֿאָרשונג וועגן אָט דעם איבעראידעאַליזירטן העלד און זײַן שוויגער שטימט גיכער מיט דער קלאַסישער כאַראַקטעריסטיק וואָס גרעץ האָט געגעבן וועגן זיי, בפֿרט בנוגע יוסף נשׂיא.[5]

די פֿראַגע צי דער דרוקער פֿון שמואל אושקיס ספֿר, אַבֿרהם אושקי, איז געווען זײַנער אַ קרובֿ און אַ שותּף (ז' 31) לאָזט זיך ניט פֿעסטשטעלן. אַ פּאָרטוגעזישער היסטאָריקער וויל אַפֿילו פֿון זיי מאַכן ברידער, וואָס איז זיכער ניט ריכטיק. דערקעגן שלמה אושקי, דער איבערזעצער פֿון פּעטראַרקאַ אויף שפּאַניש און שפּעטער אַ דיפּלאָמאַטישער אַגענט פֿון יוסף נשׂיא אין טערקײַ, איז געווען אַבֿרהם אושקיס אַ זון און איז ניט אידענטיש מיט Duarte Gomez, ווי ליפּינער שרײַבט (ז' 21).[6]

ניט פּינקטלעך זײַנען איבערגעגעבן די פּרטים וועגן אַבֿרהם אושקיס דרו־קערײַ אין פֿערארע און וועגן זײַנע אויסגאַבעס. וועגן דעם איז אַ סך געשריבן געוואָרן.[7] געוויסע ביאָגראַפֿישע פּרטים וועגן אושקין לאָזן זיך אויסשיילן פֿון

Sigmund Seeligman, *Bibliographie en historie*, Amsterdam, 1927, pp. 57-58.

וועגן דעם, אַז די אויסגאַבע פֿון 1599 האָט באַדינט די מאַראַנען אין האָלאַנד שרײַבט:

Izak Prins, *De vestiging der Marranen in Noord-Nederland in de Zestiende eeuw*, Amsterdam, 1927, p. 177.

אין 1781 האָט דער ביבליאָגראַף ראָדריגעז דע קאַסטראָ באַשריבן אושקיס בוך אין זײַן *Biblioteca Española*, I, 536-539. ער דערציילט, אַז ער האָט געזען אַן עקזעמפּלאַר אין אַ פּריוואַטער ביבליאָטעק און ער פֿאַררופֿט זיך אויך אויף וואָלפֿס באַרימטער ביבליאָגראַפֿיע.

איין עקזעמפּלאַר פֿון אושקיס בוך געפֿינט זיך אין דער פּריוואַטער ביבליאָטעק פֿון דעם געוועזענעם פּאָרטוגעזישן קיניג און איז פֿון אים אויספֿירלעך באַשריבן אין זײַן קאַטאַלאָג: *Livros Antigos Portuguezes (1489-1600)*, London, II, pp. 302-319.

ער האַלט אויך פֿון דער טעאָריע אַז דער דרוקער און דער מחבר זײַנען ברידער.

[5] ניכטערע ווערטער וועגן יוסף נשׂיא האָט שוין געהאַט צו זאָגן David Kaufman אין: *Jewish Quarterly Review*, II, 1890, pp. 293-94.

זען אויך: יעקבֿ שאַצקי, אין ייִוואָ־בלעטער, ב' XIV, 1939, זז' 127—132. צו די זעלבע אויס־פֿירן וואָס שאַצקי איז אויך געקומען דער אַמעריקאַנער ייִדישער היסטאָריקער Ellis Rivkin אין זײַנע רעצענזיעס אויף די צוויי ביכער פֿון Cecil Roth אין: *Jewish Quarterly Review*, XXXIX, 1949, 309—315 און אין: *In Jewish Bookland*, ב' VI, 1949, ז' 3.

[6] Cecil Roth, "Salusque Lusitano," *Jewish Quarterly Review*, N.S. XXXIV, pp. 65-68; J. Lucio d'Azevedo, *Historia dos Christãos Novos Portugueses*, Lisboa, 1925, p. 365.

(ער מיינט, אַז זיי זײַנען געווען ברידער. ער ציטירט, אַגבֿ, אושקיס חיבור.)

[7] David Werner Amram, *The Makers of Hebrew Books in Italy*, Philadelphia, 1909, pp. 280-284; Cecil Roth, "The Marrano Press in Ferrara," *Modern Language Review*, XXXVIII, pp. 307-317.

וועגן שמוגלען די דרוקן פֿון פֿעראַרע צו די מאַראַנען קיין ענגלאַנד און פֿון דאָרטן קיין פּאָרטוגאַל זען:

Jacob Rader Marcus, "Notes on Sephardic Jewish History of the Sixteenth Century," *Hebrew Union College Jubilee Volume*, 1925, pp. 381-82.

עטלעכע מיטציַיטלעכע ריַיזע־באַשריַיבונגען, ווי למשל פֿון Andreas Laguna (1494—1560) וואָס שריַיבט, אַז אין דאָנאַ גראַסיאַ נשׂיאַס סוויטע איז געווען אַ געוויסער שמואל, וואָס איז מסתּמא דער מחבר פֿון דער טרייסט צו די ליידן פֿון ישׂראל.[8]

אומנייטיק איז ליפֿינערס אַריַינפֿלעכטן אין זיַין אַריַינפֿיר דעם ענין מיטן אַלעגאָרישן בוך *Menina e Moça* פֿון בערנאַרדים ריבייראָ וואָס איז אַרויס אין דער זעלבער דרוקעריַי ווי אושקיס בוך האָט זיך געדרוקט (אין 1554). אַז ריבייראָ איז דער מחבר פֿון דעם דאָזיקן בוך איז אַ זיכערע זאַך, און אויך אַז ער האָט געשטאַמט פֿון ייִדן. דאָס בוך האָט ניט געקענט משפּיע זיַין אושקין, וויַיל דאָס איז כראָנאָלאָגיש ניט מעגלעך, הגם אין די גאָר ענגע תּנאים פֿון לעבן וואָס מחברים האָבן געפֿירט אין יענער ציַיט, איז אַ פּערזענ־לעכע באַקאַנטשאַפֿט צווישן זיי וויַיט ניט אויסגעשלאָסן, ממילא האָט ער גע־קענט האָבן אַ מעגלעכקייט צו לייענען ריבייראָס כּתבֿ־יד. אָבער דאָס איז ניט דער עיקר. ביידע מחברים זיַינען געווען באַאיַינפֿלוסט פֿון דער איטאַליע־נישער פּאַסטאָראַלער דראַמע און נאָוועלע וואָס האָבן געבליט אין 16טן יאָר־הונדערט, ממילא האָבן די צוויי שריַיבערס געהאַט אַן איטאַליענישן אָפּיר. אין ליכט פֿון די נײַסטע פֿאָרשונגען וועגן ריביירען לאָזט זיך פֿעסטשטעלן, אַז דער טעקסט, געדרוקט אין פֿעראַרע, אין דער דרוקעריַי פֿון אַבֿרהם אושקי, איז דורכגעגאַנגען אַ י י ִ ד י ש ע צ ע נ ז ו ר. ניט אַנדערש, אַז דער פֿרומער דרוקער אַבֿרהם אושקי גופֿא האָט באַוויזן דעם מחבר צו פֿאַרבײַטן בפֿירושע קאַטוילישע רמזים אויף אַלגעמיינע. די צווייטע אויסגאַבע, די אַזוי גערופֿענע Evora־אויסגאַבע און דער כּתבֿ־יד וואָס מען האָט געפֿונען אין מאַדריד, באַ־וויַיזן אויף די שינויים וואָס עס זיַינען געמאַכט געוואָרן אין דעם פֿעראַרע־טעקסט טאַקע דערפֿאַר וואָס אַ ייִד איז געווען דער דרוקער. אין פֿעראַרע־טעקסט למשל שטייט: „זיַי מיר געגריסט, גאָט", בעת אין דער Evora־אויסגאַבע און אין מאַדרידער כּתבֿ־יד שטייט „הייליקע מאַריע, זיַי מיר געגריסט".

די אַלע ענינים זיַינען לעצטנס גרינטלעך אויסגעפֿאָרשט געוואָרן, און ווי באַלד ליפֿינער האָט זיך מיט דער דאָזיקער ליטעראַטור ניט באַקאַנט, איז בכלל געווען אומנייטיק זיך אַריַינצולאָזן אין ריזיקאַלישע השערות.[9]

---

[8] "Viage de Turquia por Cristóbal de Villalon," *Autobiografias y Memorias por Serrano y Sanz,* Madrid, 1905, p. 131. Llamase agora Jose Nasi. Los gentiles hombres suyos uno se ponia *don Samuel,* otro *don Abraham* y otro *Salomon."*

אפֿשר זיַינען דאָס געווען שמואל אושקי, אַבֿרהם אושקי און זיַין זון שלמה, דער איבער־זעצער פֿון פּעטראַרקאַ?

אַז די דאָזיקע „ריַיזע קיין טערקיַי" האָט אָנגעשריבן דער מיטציַיטלערישער דאָקטאָר Andreas Laguna און ניט Villalon האָט גרינטלעך באַוויזן M. Bataillon אין זיַין בוך: *Erasme et l'Espagne,* Paris, 1937, pp. 712-735.

[9] וועגן דעם ענין איז פֿאַראַן אַ גרויסע ליטעראַטור. די נײַסטע אַרבעט איז פֿון Grokenberger אין זיַין מוסטער־אויסגאַבע פֿון:

Historia de Menina e Moça, Lisboa, 1947, XLVIII + 264 pp.

צו די הערות צום טעקסט גופֿא לאָזט זיך זאָגן אָט וואָס: עטלעכע ראָשי־תיבֿות פֿון ווערק האָט שוין דעשיפֿרירט Loeb (ליפינער, זז׳ 60 און 101).[10] עטלעכע פֿאַקטן אין דעם קאַפּיטל וועגן איטאַליע האָט גרינטלעך אַנאַליזירט אומבערטאָ קאַסוטאָ און האָט אָנגעוויזן, אַז זיי שטימען ניט כראָנאָלאָגיש מיט די פֿאַקטן וואָס אושקי גיט אָן, הגם טייל פֿאַקטן באַקומען אַ היסטאָרישע באַשטעטיקונג אין ליכט פֿון אַנדערע מקורים.[11]

די קאַפּיטלעך וועגן ענגלאַנד האָט אַנאַליזירט Baer און געפֿונען אַ ריי אומפּינקטלעכקייטן און אומהיסטאָרישע פֿאַקטן.[12] דאָס זעלבע איז שייך צו ליפינערס הערה מכּוח דער צאָל יִדן וואָס זײַנען אַרויס פֿון שפּאַניע בעתן גירוש.[13]

אין דער הערה וועגן דער אַברבנאַל־משפּחה זײַנען פֿאַראַן אַ צאָל אומפּינקטלעכקייטן. ליפינער וואָרפֿט פֿאָר אושקין הלמאַי ער דערמאָנט ניט דוד ראובֿנין. ווי איז דאָס געווען מעגלעך, ווען אושקי איז נאָך יעמאָלט בכלל ניט געווען אין איטאַליע? דער ענין האָט צו טאָן מיט דער „סעניאָראַ דאָנאַ בענווענידאָ אַבראַוואַנעלאַ״, וועמען אושקי האָט געקענט פּערזענלעך (זי איז געשטאָרבן אין 1560) און וואָס ווערט דערמאָנט אין דוד ראובֿנים טאָגבוך.[14]

אין דיאַלאָג III (קאַפּיטל 36) באַשרײַבט אושקי די קאַטאַסטראָפֿע אין איטאַליע, אין אַ שטאָט וואָס ער דערמאָנט אָבער ניט אין טעקסט. דאָס לאָזט זיך זייער לײַכט דעשיפֿרירן פֿון דעם אינדעקס צום פּאָרטוגעזישן אָריגינאַל. דאָרטן שטייט געשריבן: O Destero de ferr, וואָס מיינט די קאַטאַסטראָפֿע אין פֿעראַרע. וועגן די געשעענישן וואָס אושקי דערציילט וועגן דער שטאָט פֿעראַרע אין 1562 איז גראָד פֿאַראַן אַ וויכטיקע באַשטעטיקונג אין אַ מיטציַיטלערישן העברעיִשן קול־קורא צו העלפֿן די דאָרטיקע יִדן.[15]

חוץ דער וויכטיקייט פֿון אושקים ווערק פֿאַר די מיטצײַטלערישע ברידער זײַנע, וואָס האָבן דאָס ווערק שטאַרק געלייענט, ווי עס ווערט באַשטעטיקט למשל וועגן זײַן השפּעה אין איטאַליע,[16] האָט דאָס דאָזיקע ווערק געשפּילט אַ

אַן אויספֿירלעכער אַנאַליז געשריבן פֿון Eugenio Asensio איז געדרוקט אין: *Revista de Filologia Española,* XXXIII, pp. 169-177.

[10] *REJ*, XVII, p. 271.

[11] "Un ignoto capitulo di storia ebraica," *Judaica, Herman Cohen Festschrift,* Berlin, 1912, pp. 396-404; "Iscrizioni ebraiche a Trani," *Rivista degli Studi Orientali,* XIII, 172-180;
„חרבן הישיבות באיטליה הדרומית במאה הי״ג״, ספר הזכרון לא. גולאק ולא. קליין, 139—152.

[12] זען הערה 1.

[13] וועגן דעם ענין זען:
Loeb, *REJ,* XIV, pp. 161-183; A. Marx, *Studies in Jewish History and Booklore,* 1944, p. 80.

[14] Margulies, "La Famiglia Abravanel in Italia," *Rivista Israelita,* III; A. Marx, *Hebrew Union College Annual,* I, 608 sq.

[15] *REJ,* XX, p. 47.

[16] מ. אַ. שולוואַס, רומא וירושלים, ירושלים, תש״ד, 67. שולוואַס שרײַבט, אַז אושקיס ספֿר האָט אויסגעפֿירט אַזאַ פֿונקציע ווי יצחק אַברבנאַלס משיחישע חיבורים.

ראָלע אין דער אַפּאָלאָגעטישער ליטעראַטור פֿון 17טן יאָרהונדערט. מנשה בן ישׂראל למשל דערמאָנט עס אין שײַכות מיטן דערציילן וועגן די רדיפֿות אויף ייִדן אין זײַן בריוו צו אָליווער קראָמוועל.[17] אין דער היסטאָרישער ליטעראַטור איז אושקיס כראָניק געווען אַ סך מאָל אויסגענוצט און טיילווײַז אַפֿילו אויפֿן סמך פֿון דער אָריגינעלער ערשטער אויסגאַבע.[18]

אַ דײַטשישער היסטאָריקער פֿון שפּאַנישער קולטור אַנאַליזירט אושקיס ווערק אַפֿילו פֿון שטאַנדפּונקט פֿון פּאָעטישן ווערט, ווי אַן אויסדרוק פֿון „פּאָעזיע פֿון איינזאַמקייט" פֿון גערודפֿטע שרײַבערס.[19]

נאָך אַלע פּרטימדיקע אַנאַליזן וועגן דער אויטענטישקייט פֿון די פֿאַקטן וואָס אוֹשקי ברענגט בנוגע איטאַליע און ענגלאַנד און טיילווײַז שפּאַניע, איז געבליבן נאָך אַ סך אין דער כראָניק וואָס דערגאַנצט די אַנדערע ייִדישע כראָ־ניקערס פֿון יענער תּקופֿה, וואָס עטלעכע פֿון זיי, ווי יוסף הכּהן, דער מחבר פֿון שבט יהודה, האָבן זיך מיט איר באַנוצט.[20]

אָבער דאָס אָריגינעלסטע שטעקט גראָד ניט אין דער כראָניק, נאָר אין דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון ייִדישער געשיכטע, אין דעם מערקווערדיקן און אייגנאַרטיקן פּרוּוו אויסצובויען אַ מין פּסיכאָלאָגישע טעראַפּיע פֿאַר די אנוסים, וואָס זײַנען אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין זייער אמונה און וואָס האָבן זיך געוואַקלט און געזוכט אַ טרייסט. שמואל אושקי האָט זיי די דאָזיקע טרייסט געגעבן. דאָס וואָס ער האָט עס געגעבן דווקא אין פּאָרטוגעזיש איז גראָד אינטערעסאַנט, ווײַל מיטצײַטלערישע מאַראַנען האָבן אַ סך אויפֿגעטאָן פֿאַר דעם פּאָרטוגע־זישן לשון.[21] דערפֿאַר איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט אַזאַ דאָקומענט פֿון דעם ייִדישן היסטאָריאָסאָפֿישן געדאַנק פֿון 16טן יאָרהונדערט.

---

[17] *Menasseh ben Israels Mission to Oliver Cromwell,* edited by Lucien Wolf, London, 1901. "as Vasquo saith" (ווי אושקי האָט געזאָגט).

וואָלף אין זײַנער אַ הערה איז זיך טועה, מיינענדיק, אַז אַבֿרהם, שמואל און שלמה אושקי זײַנען געווען ברידער (ז' 63).

[18] עס ציטירט זיי:

J. Mendes dos Remedios, *Os Judeus em Portugal,* I, Coimbra, 1895.

דער שפּאַנישער היסטאָריקער Francisco Elias de Tejada האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרבעט וועגן די פּאָליטישע געדאַנקען בײַ אושקין א"נ "Las doctrinas politicas de Samuel Usque", ציטירט פֿון זײַן בוך: *Las Españas,* מאַדריד, 1948, ז' 4.

[19] Karl Vossler, *La poesia de la Soledad en España,* Buenos-Aires, 1946, pp. 361-365.

[20] דער היסטאָריקער Gaspar Remiro האַלט, אַז דער שבט יהודה איז אָנגעשריבן געוואָרן פֿאַר אושקיס כראָניק. די פּאָר פּרטים וואָס דער מחבר פֿון שבט יהודה ברענגט פֿון אושקין זײַנען אַרײַנגעשטעלט געוואָרן שפּעטער. ביידע האָבן אָבער זיך באַנוצט מיט אַ ריי אידענ־טישע מקורים וואָס זײַנען געווען בשעתּם פּאָפּולער. זען:

Los cronistas hispano-judios, Granada, 1920, pp. 60-61.

דעם דײַטשן אָריגינאַל האָב איך ניט געזען.

[21] ווי למשל דער מאַראַן Duarte Nunes de Leão (1530—1608), דער מחבר פֿון דעם ווערק: *Origem da Lingua Portugesa,* 1606.

איך באַנוץ זיך מיט דער פֿערטער אויסגאַבע, ליסאַבאָן, 1945. די שוואַכקייט צו זוכן פֿאַ־

דאָס בוך לייענט זיך געשמאַק און וועט זיכער האָבן אַ צווייטע אויפֿלאַגע. עס וואָלט דעריבער געווען כּדאַי צו מאַכן קאָרעקטיוון אין ליכט פֿון די מקורים, וואָס דער שרײַבער פֿון די דאָזיקע שורות האָט דאָ אָנגעוויזן מיט דער פֿרײַנד־לעכסטער כּוונה באַהילפֿיק צו זײַן דעם יונגן און פֿעיִקן איבערזעצער און קאָמענטאַטאָר פֿון דעם אָריגינעלן ספֿר. מען קאָן אויך פֿאַרריכטן דעם טיטל פֿון דעם בוך. עס וואָלט געווען מער פּאַסיק, אַז דאָס בוך זאָל טראָגן אושקיס נאָמען, און דער איבערזעצער, ביאָגראַף און קאָמענטאַטאָר זאָל פֿיגורירן אונטן.

ד״ר יעקבֿ שאַצקי

יִדישע וואַנדערונגען אין די לעצטע הונדערט און פֿופֿציק יאָר

Mark Wischnitzer, *To Dwell in Safety,* Jewish Publication Society, Philadelphia, 1948, 368 pp.

מיגראַציע האָט אין די לעצטע 150 יאָר געשפּילט אפֿשר די וויכטיקסטע ראָלע אין לעבן פֿון יִדישן פֿאָלק. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז פֿאַר די לעצטע 150 יאָר האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ערטער אַרום 5 מיליאָן יִדישע נפֿשות, כּמעט צוויי מאָל אַזוי פֿיל וויפֿל ס'זײַנען געווען יִדן אויף דער וועלט סוף 18טן יאָרהונדערט. און אויב אייראָפּע איז אָנהייב 19טן יאָרהונדערט געווען דער הויפּטצענטער פֿון יִדישן פֿאָלק, פֿאַרמאָגנדיק קרובֿ צו 90 פּראָ־צענט פֿון אַלע יִדן, האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געביטן אין גאַר אַ גרוי־סער מאָס מחמת דער עמיגראַציע פֿון דאָרטן. אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, ווו ס'האָט געלעבט אָנהייב 19טן י״ה איין צענטל פֿון איין פּראָצענט פֿון יִדישן פֿאָלק, לעבט איצטער העכער אַ העלפֿט פֿון אַלע יִדן. אין ארץ־ישׂראל, ווו ס'איז מסתּמא ניט געווען קיין גרעסערער טייל פֿון יִדישן פֿאָלק ווי אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, לעבט איצט כּמעט 12 פּראָצענט פֿון יִדישן פֿאָלק. אין די דאָזיקע צוויי קאָנצענטראַציעס, ווו עס איז נישט געווען קיין איין פּראָצענט פֿון יִדישן פֿאָלק אָנהייב 19טן י״ה, לעבן איצט קרובֿ צו צוויי דריטל פֿון אַלע יִדן. אין די דאָזיקע צוויי קאָנצענטראַציעס ווערט באַשטימט דער גורל פֿון יִדישן פֿאָלק, זײַן הווה און זײַן עתיד. גע־וויס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף די נאָר וואָס געבראַכטע רעלאַטיווע צאָלן דער גרויסער חורבן, בעת אייראָפּע האָט פֿאַרלאָרן צוויי דריטל פֿון איר יִדישער באַפֿעלקערונג. פֿאַר אונדז איז אָבער אַ סך וויכטיקער דער פּאָזי־טיווער מאָמענט, די קאָנצענטראַציע אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט און אין ארץ־ישׂראל, וואָס איז אַ רעזולטאַט בלויז פֿון איבערוואַנדערונג. און טאַקע איבער אָט דער גרויסער קאַטאַסטראָפֿע פֿון אייראָפּעיִשן יִדנטום ווערט די

נעטישע אַנאַלאָגיעס צווישן פּאָרטוגעזיש און העברעיִש און אָנווײַזן אויף ווערטער פֿון העברעיִשן אָפּשטאַם (ניט תּמיד ריכטיק) איז אפֿשר אויך אַ מין פֿאָרעם פֿון לאָזן וויסן דעם אייגענעם אָפּשטאַם. דער דאָזיקער ענין איז נאָך ניט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן.

איבערוואַנדערונג נאָך מער געהויבן אין איר היסטאָרישן ווערט און אין איר גורלדיקער ראָלע אין לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק.

וואָסערע סיבות האָבן געטריבן ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער אין פֿאַר־שיידענע תּקופֿות? וואָסערע לענדער האָבן אויפֿגענומען ייִדן מיט חשק און אָן חשק, מיט אָפֿענע אָרעמס און מיט באַגרענעצונגען און קוואָטעס? ווי האָבן ייִדישע מאַסן דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פֿון פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלעך פֿון פֿאַרשיידענע מלוכות אין אייראָפּע און מוסולמענישע לענדער? און ווי האָבן פֿאַרשיידענע גרופּעס און געזעלשאַפֿטלעכע קרײַזן רעאַגירט אויף דער עמיגראַציע־דערשײַנונג אין די אויסוואַנדערונג־, דורכוואַנדערונג־ און אײַנוואַנ־דערונג־לענדער? ווי האָבן זיי רעאַגירט פֿון פּאָליטישן, נאַציאָנאַלן און גע־זעלשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט? און וואָס האָט די ייִדישע געזעלשאַפֿט אין די אויסוואַנדערונג־, דורכוואַנדערונג־ און אײַנוואַנדערונג־לענדער געטאָן קאָנקרעט, פּראַקטיש, פֿאַר די שטראָמענדיקע מאַסן וואָס האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן? וואָסערע געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישע ריכטונגען בײַם ייִדישן פֿאָלק האָבן היסטאָריש ריכטיקער אָפּגעשאַצט די דאָזיקע קאָלאָסאַלע באַוועגונג, וואָס האָט אַלץ מער און מער אָנגענומען טענדענצן פֿון ראַדי־קאַל בײַטן די געאָגראַפֿישע פֿאַרטיילונג פֿון ייִדישן פֿאָלק, און ממילא אויך די עקאָנאָמיש־פּאָליטישע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדינגונגען פֿון לעבן און אַנטוויקלונג פֿון פֿאָלק?

אָט די דאָזיקע אַלע שווערע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און פֿראַגעס ווערן באַטראַכט אין דעם בוך פֿון ד״ר מ. ווישניצער. די פּראַקטישע פֿראַגעס, די אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס מיט באַשטימטע הילף־ און רעגוליר־צילן פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן און דעם הויפּטפּלאַץ אין בוך. די מער פּאָלי־טישע אָדער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען ווערן שוואַכער באַאַר־בעט, אָבער זיי טרעטן בולט אַרויס פֿון די געבראַכטע פֿאַקטן.

ווי אין אַלע זײַנע היסטאָרישע ווערק איז ד״ר ווישניצער אויך דאָ ערנצט, זאַכלעך, פּעדאַנטיש; איך וואָלט אַפֿילו געזאָגט, אַז שוין צו טרוקן און צו קאַלט. יעדער ציפֿער, יעדער באַהויפּטונג, יעדער מיינונג ווערט דאָקומענטירט און באַשטעטיקט דורך ראיות און באַווײַזן פֿון ערשטע מקורים. און טאַקע אָט דאָס צוזאַמענטראָגן דעם קאָלאָסאַלן דורכקאָנטראָלירטן און דורכגעאַר־בעטן מאַטעריאַל איז איינער פֿון די גרעסטע פֿאַרדינסטן פֿון דעם בוך. מיר האָבן דאָ ממש אַן אוצר מאַטעריאַלן אויף די פֿאַרשיידנסטע שפּראַכן, פֿון באַקאַנטע אָבער זייער אַ סך אויך פֿון גאָר ווייניק אָדער גאָרניט באַקאַנטע מקורים. דער קומענדיקער פֿאָרשער אָדער שטודירער פֿון באַזונדערע פֿראַגעס אָדער פּראָבלעמען בשײַכות מיט ייִדישע וואַנדערונגען אין איינער פֿון די רײַכסטע און גורלדיקסטע עפּאָכעס אין דער ייִדישער געשיכטע וועט געווים בענטשן מ. ווישניצערן פֿאַר דער דאָזיקער קאָלאָסאַלער בינען־אַרבעט.

דאָס בוך באַשטייט פֿון צען פּרקים, געטיילט לויט צײַטאָפּשניטן, אָפּהענ־ניק פֿון דער אינטענסיווקייט פֿון די וואַנדערונגען אָדער פֿון באַזונדערע באַ־

דינגונגען וואָס האָבן אין דעם אָדער יענעם צײַטאָפּשניט באַגלייט די ייִדישע וואַנדערנדיקע מאַסן. דאָס ערשטע קאַפּיטל באַהאַנדלט די לאַנגע צײַט פֿון 1800 ביז 1880 און קאָן באַטראַכט ווערן מער ווי אַ הקדמה צו די ווײַטערדיקע פּרקים. אין צענטער פֿון דער דאָזיקער צײַט שטייט די דײַטש־ייִדישע אויסוואַנדערונג וואָס שטראָמט אויסשליסלעך צו די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אָבער דאָ האָבן מיר אויך מאַטעריאַל גאָר פֿון אַן אַנדער כאַראַקטער. ווי אַ היסטאָריקער קאָן נישט ווישניצער פֿאַרבײַגיין קליינע דערשײַנונגען, וואָס טראָגן אָבער אין זיך זוימען פֿון קומענדיקע גרעסערע באַוועגונגען. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס ער באַהאַנדלט אין דאָזיקן אַרײַנפֿיר־קאַפּיטל די ייִדישע אײַנוואַנדערונג קיין ארץ־ישׂראל פֿון 16טן יאָרהונדערט אָן. ער שטעלט זיך אָפּ אויף די פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן און פּלענער פֿון ייִדן און ניט־ייִדן צו גרינדן אַ מלוכה אין ארץ־ישׂראל, ווײַל ער ווייסט, אַז כאָטש פּראַקטיש האָבן די דאָזיקע פּראָיעקטן אין זייער צײַט גלײַך ווי גאָרניט געגעבן, — זײַנען זיי וויכטיק ווײַל ערגעץ ווו אינעם אונטערבאַוווסטזײַן פֿון ייִדן און ניט־ייִדן האָבן זיי ניט ווייניק געהאָלפֿן צו האַלטן וואַך די היסטאָרישע טראַדיציעס פֿון רעכט פֿון ייִדן אויף דעם לאַנד פֿון די אָבֿות. ער שטעלט זיך אויך אָפּ אויף די גאָר ערשטע טעריטאָריאַליסטישע פּראָיעקטן, ווײַל ער ווייסט זייער גוט, אַז זייער וואָרצל איז ייִדישע וואַנדערונג.

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל וועט אַפֿילו דער בקי אין ייִדישער געשיכטע געפֿינען אַ סך נײַעס, ביז גאָר אינטערעסאַנטן און גוט אָרגאַניזירטן מאַטעריאַל.

די ווײַטערדיקע צוויי קאַפּיטלעך גיבן אַ בולט בילד פֿון דער איבערגאַנג־צײַט, פֿון די שמאָלע ריטשקעלעך פֿון דײַטש־ייִדישע וואַנדערערס צו די גרויסע שטראָמען ייִדישע וואַנדערערס פֿון מיזרח־אייראָפּע, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין פֿערטן קאַפּיטל מיטן פּאַסיקן נאָמען „דער קולמינאַציע־פּונקט פֿון די ייִדישע וואַנדערונגען אין דער מאָדערנער צײַט". דאָ איז גענומען די קורצע עפּאָכע פֿון 1900 ביז 1914, אַ צײַט וואָס האָט געגעבן העכער אַנדערטהאַלבן מיליאָן ייִדישע עמיגראַנטן פֿון אייראָפּע; אַן אויסוואַנדערונג־מדרגה וואָס איז שוין קיין מאָל ניט דערגרייכט געוואָרן ביז דער גרינדונג פֿון דער ייִדישער מלוכה. אַזאַ הויכע מדרגה איז שפּעטער ניט דערגרייכט געוואָרן ניט ווײַל די אויסוואַנדערונג־פּאָטענצן זײַנען אײַנגעשרומפּן געוואָרן, נאָר ווײַל די אימיגראַציע־לענדער האָבן אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו פֿאַרשמעלערן די אײַנוואַנדערונג־טויערן. און דאָס דווקא איז געשען אין אַ צײַט, ווען די ייִדישע אויסוואַנדערונג־נויט איז געוואָרן אַלץ שרײַענדיקער.

אין די דערמאָנטע צוויי איבערגאַנגס־קאַפּיטלעך פֿאַרנעמען נאַטירלעך דעם עיקר־פּלאַץ די רוסישע פּאָגראָמען, וואָס זײַנען געוואָרן אַן אינטענסיווער עמיגראַציע־פֿאַקטאָר — ניט אַזוי איבער דער צאָל קרבנות, ווי איבער דעם פּאָליטיש־פּסיכישן רושם, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף דעם רוסישן ייִדנטום און דורך דעם אויך אויף דעם וועלט־ייִדנטום. זיי האָבן ווי מיט אַ שטורעם אויפֿגעהויבן די מאַסן, וואָס האָבן פֿון אָנהייב אָן גענומען פֿאַר־

פּלייצן די דורכוואַנדערונג־לענדער און וועקן דאָס געוויסן און די געזעל־שאַפטלעכע אויפמערקזאַמקייט פון ייִדן פון די דורכוואַנדערונג־ און אײַנוואַנ־דערונג־לענדער. ווישניצער שטעלט זיך דאָ אָפּ גאַנץ ברייט אויף דער פּאַלעסטי־נער אײַנוואַנדערונג, ער גיט איר אָפּ גענוג פּלאַץ, אָבער נאָך מײַן מיינונג ווייניק אויפמערקזאַמקייט אין פּרט פון פּאָליטיש־אידעאָלאָגישער שאַצונג. נאַטירלעך, האָט דאָ ווישניצער ניט געקענט דורכלאָזן אַזאַ וויכטיקן פאַקט ווי די בראָשור פון ביקאָנספילדן, צוגעגרייט אין 1879 פאַרן בערלינער שלום־קאָנגרעס, אָבער אַנטדעקט ערשט ניט לאַנג; דער ענגלישער מלוכה־מאַן האָט זיך גע־גרייט פאָרצולייגן די גרינדונג פון אַ ייִדישער מדינה.

דאָס פערטע קאַפּיטל פאַרנעמט זיך ווי געזאָגט מיט די וואַנדערונגען פון 1900 ביז 1914. אַ גרויס אָרט ווערט דאָ אָפּגעגעבן דעם אויפקום פון פאַרשיידענע הילף־ און שוץ־געזעלשאַפטן. די אַלץ מער וואַקסנדיקע שטראָ־מען ייִדישע מאַסן האָבן ממש אַרויפגעצוווּנגען אויף די צענטראַלע ייִדישע געזעלשאַפטן פון מיטל־ און מערב־אייראָפּע ענדלעך אָנצוהייבן זיך רעכענען מיט די עמיגראַציע־כוואַליעס ווי מיט אַ היסטאָרישער דערשײַנונג וואָס וועט אַזוי גיך ניט פאַרשווינדן. ווישניצער האַלט זיך בכלל בײַם פּרינציפּ, אַז זײַן אויפגאַבע איז ניט צו שאַצן די אָדער יענע געזעלשאַפט און איר טעטיקייט און ניט צו שאַצן איר ווערט פון שטאַנדפּונקט פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ייִדישן פאָלק. ער גיט איבער בלויז פאַקטן — דער לייענער וועט שוין אַליין שאַצן ווי ווײַט די אָדער יענע גרויסע אונטערנעמונג פון רײַכע ייִדישע געזעלשאַפטן האָבן געשטימט מיט די אימאַנענטע טענדענצן אין דער אַנט־וויקלונג פון ייִדישן פאָלק. אָבער ער גיט דאָ אַ שלל מאַטעריאַלן וועגן הילף־אינסטיטוציעס אין 15 לענדער, זייער פאַרנעם און זייערע טעטיקייטן.

דאָס פינפטע קאַפּיטל האָט צו טון מיט דער שווערער צײַט פון 1914 ביז 1932, ביז ערבֿ דער היטלער־מגפה. ווישניצער פאַרנעמט זיך דאָ אַ סך מיט סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער ס'מאַכט אַ מאָדנעם אײַנדרוק, וואָס לויט זײַן מיינונג באַקומט זיך, אַז ייִדן האָבן אויפגעהערט אויסצוּוואַנדערן פון סאָוועט־רוסלאַנד צוליב דער פאַרבעסערטער לאַגע אין דעם דאָזיקן לאַנד און ניט איבערן פאַרבאָט אַרויסצופאָרן. מיר דוכט, אַז ייִדן רײַסן זיך פון סאָוועט־רוסלאַנד פון ערשטן מאָמענט פון באָלשעוויסטישן נצחון; און אויב אין די ערשטע יאָרן פון זייער הערשאַפט האָט מען געגנבֿעט די גרענעצן און אײַנגע־שטעלט דאָס לעבן און געבראַכט גרויסע קרבנות און זיך אַרויסגעריסן פון סאָוועט־רוסלאַנד, איז שפּעטער דאָס געוואָרן אוממעגלעך. און דאָס איז געווען די איינציקע סיבה למאי ס'האָט אויפגעהערט די עמיגראַציע פון סאָ־וועט־רוסלאַנד. ס'איז אויך אַ פאַרדראָס וואָס ד"ר ווישניצער האָט אַזוי ווײַ־ניק פּלאַץ און אינטערעס פאַר דעם זייער טראַגישן קאַפּיטל פון ייִדישן לויפן פון סאָוועט־רוסלאַנד אין די יאָרן 1919—1921, ווען בײַ די גרענעצן פון פּוילן און רומעניע זײַנען געווען טויזנטער ייִדישע קרבנות און דווקא איבער די קאָמוניסטישע גרענעץ־שומרים.

גאָר קאָמפּאַקט און וואַרעם איז געשריבן דאָס זעקסטע קאַפּיטל, וואָס האָט צו טון מיט די ייִדישע וואַנדערונגען פֿון 1933 ביז אָנהייב מלחמה. דאָ פֿילט זיך ווישניצער ביי זיך אין דער היים, ווייל ער האָט פֿאַרנומען דעם אחריותדיקסטן אמט ביים הילפֿספֿאַראיין וואָס האָט אָרגאַניזירט די יציאה פֿון די דייטשע ייִדן און האָט פֿערזענלעך געפּרוּווט געפֿינען לענדער וווּ־הין מען זאָל אַריינלאָזן ייִדן. דאָס איז דאָך געווען אַ צייט, ווען די עמי־גראַציע־נויט האָט ממש געשריגן צום הימל און די איינוואַנדערונגס־מעגלעכקייטן האָבן געהאַלטן אין איין איינגעשרומפּן ווערן. אין דעם און אין דעם פֿריִער־דיקן קאַפּיטל גיט ווישניצער אַ פֿול בילד פֿון דעם ווי די ייִדישע וואַנדער־שטראָמען לאָזן זיך אין צענדלינגער ווייטע און פֿרעמדע לענדער און פֿאַר־לייגן פֿונדאַמענטן פֿון נייע קיבוצים. די פֿריִערדיקע קאָנצענטראַציע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן טרעט אָפּ איר פּלאַץ דער צונויפֿזאַמלונג אין ארץ־ישׂראל, אָבער דעמאָלט קאָן נאָך ניט ארץ־ישׂראל פֿאַרבייטן די שטאַטן, און ייִדן צעשיטן זיך איבער צענדלינגער לענדער. אַ שאָד וואָס ווישניצער האָט ניט גענוג אַרויסגערוקט אָט דעם דאָזיקן מאָמענט. די פֿאַקטן זיינען געווים פֿאַראַן, אָבער זיי האָבן אַזאַ וויכטיקן היסטאָרישן ווערט אין פּרט פֿון געאָגראַפֿישער צעשפּרייטונג פֿון ייִדישן פֿאָלק, אַז זיי האָבן פֿאַרדינט, אַז דער מאַטעריאַל זאָל ווערן מער סינטעזירט.

אַ סך מי און התמדה האָט ווישניצער אַריינגעלייגט אין די לעצטע צוויי קאַפּיטלעך, וואָס באַהאַנדלען די מלחמה־יאָרן און די ערשטע דריי יאָר פֿון נאָך דער וועלט־מלחמה, ווו ער האָט געמוזט אָנקומען צו צענדלינגער און הונדערטער צעוואָרפֿענע מקורים און בויען אַלץ פֿון פֿונדאַמענט אויס, ווייל ער האָט ניט געהאַט פֿאַר זיך קיין גרייטע פֿאַראַרבעטן. און די דאָזיקע פּיאָ־ניר־אַרבעט האָט זיך אים גאַנץ גוט איינגעגעבן. מיר באַקומען אַ גאַנץ קלאָר בילד פֿון די אַלע טראַגישע און מער ווי טראַגישע געשעענישן, וואָס זיינען געווען אַזוי אינטים געקניפּט און געבונדן מיט אויסוואַנדערונג און איינ־וואַנדערונג.

מיט דעם בוך האָט ד״ר ווישניצער געשאַפֿן אַ ווערק, וואָס באַהאַנדלט איינע פֿון די צענטראַלסטע און וויכטיקסטע דערשיינונגען אין דעם ייִדישן לעבן, אַ ווערק וואָס וועט דינען דורות צו לערנען און צו שטודירן די וועגן וואָס האָבן געפֿירט צו דער אינטערעסאַנטער דערשיינונג וואָס דאָס אַלטע ייִדישע פֿאָלק איז אין דער לעצטער תּקופֿה געוואָרן דאָס ייִנגסטע אין פּרט פֿון וווינלענדער. מיר באַדויערן אָבער וואָס דער מחבר האָט אָרגאַניזירט דעם מאַטעריאַל לויט צייטאָפּשניטן און ניט לויט טעמעס. מיר דוכט, אַז ווען ער וואָלט געבויט דאָס ווערק לויט טעמעס און אין די ראַמען פֿון יעדער טעמע געגעבן פֿאַרשיידענע צייטאָפּשניטן, וואָלט דאָס ווערק אַ סך געוווּנען אין ווערט און אין איינדרוק אויפֿן לייענער. לאָמיר ברענגען אַ פּאָר ביי־שפּילן: ווישניצער גיט אָפּ זייער אַ סך פּלאַץ און נאָך מער אויפֿמערקזאַם־קייט די אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אין פֿאַרשיידענע מאָ־

מענטן אין די לעצטע העכער הונדערט יאָר אויפֿגעקומען ספּעציעל צוליב הילף פֿאַר ייִדישע וואַנדערערס. דערבײַ ווערט זייער בולט די באַציִונג פֿון פֿאַרשיידענע קרײַזן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט אין פֿאַרשיידענע מאָמענטן פֿון דעם דאָזיקן לאַנגן פּעריאָד צו דער וואַנדערונג־פּראַגע. דאָס איז אַ טעמע אַ קאָלאָסאַל אינטערעסאַנטע, אָבער דער מאַטעריאַל איז צעוואָרפֿן איבער אַלע פּרקים און מיר באַקומען ניט קיין גאַנצע פֿאָרשטעלונג, ווי מיגראַציע איז טרעפּנווײַז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט און אַ באַזע פֿאַר גרויסע פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. אַ צווייטער בײַשפּיל איז די לאַגע אין די אויסוואַנדערונג־לענדער, וואָס איז אין פֿאַרשיידענע מאָמענטן געווען די סיבה פֿאַר ייִדישער עמיגראַציע. וואָלטן מיר געהאַט אינעם קאַפּיטל וועגן מצבֿ אין די אויסוואַנדערונג־לענדער אין פֿאַרשיידענע מאָמענטן אין משך פֿון 150 יאָר די סיבות, וואָס האָבן באַוויגן דײַטשע ייִדן סוף 18טן י"ה צו בעטן אַ שטיק לאַנד בײַם פּרעזידענט פֿון די שטאַטן, און גלײַך נאָך דעם די באַשרײַבונג פֿון די פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן געטריבן ייִדן פֿון דײַטשלאַנד פֿון 1830 ביז בערך 1870 און ווידער ערשט מיט עטלעכע און זעכציק יאָר שפּעטער, — וואָלטן מיר געהאַט אַ גאַנץ בילד וועגן מצבֿ פֿון ייִדן אין דײַטשלאַנד און ווי ער האָט זיך געביטן. דער מאַטעריאַל וועגן די אַלע אָנגעצייכנטע דרײַ היסטאָרישע מאָמענטן איז פֿאַראַן, אָבער ער איז צעריסן און איז געגעבן אין די פֿאַרשיידענע תּקופֿות און ווערט דאָרט בטל בשישים.

יעקבֿ לעשטשינסקי

אַ ווערטערבוך פֿון פֿאָלקלאָר, מיטאָלאָגיע און לעגענדע

Maria Leach, ed., *Standard Dictionary of Folklore, Mythology and Legend,* New York, Funk and Wagnalls, Volume I (1949), Volume II (1950), 1196 pp.

לויטן פֿאַרנעם איז דאָס איינס פֿון די אַמביציעזסטע ווערק וואָס מען קען זיך בכלל פֿאָרשטעלן אויפֿן געביט פֿון פֿאָלקלאָר. ס'איז מער אַן ענציקלאָפּעדיע ווי אַ ווערטערבוך, היות ווי די זוכווערטער ווערן ניט נאָר דעפֿינירט און אילוסטרירט נאָר אָפֿט אויך אויפֿגעקלערט דורך קלענערע אָדער לענגערע אָפּהאַנדלונגען. און אַן ענציקלאָפּעדיע איז עס אויך איבערן פֿאָלקלאָר פֿון אַלע פֿעלקער אין אַלע צײַטן; אַן ענציקלאָפּעדיע וואָס נעמט זיך אונטער צוצושטעלן אי אָפּהאַנדלונגען וועגן אַלגעמיינע פֿאָלקלאָר־באַגריפֿן, אי סך־הכּלדיקע אַרטיקלען וועגן דעם פֿאָלקלאָר פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער און פֿעלקער־גרופּעס (נעגערשער, אַמעריקאַנער, אינדיאַנער, אייראָפּעיִשער, גערמאַנישער, באַסקישער אאַז"וו), אי אַן אַ שיעור קלענערע פּרטימדיקע אַרבעטן וועגן אַזעלכע ענג ספּעציפֿישע דערשײַנונגען פֿון באַשטימטע פֿאָלקלאָרן ווי עס זײַנען די נעמען גופֿא פֿון פֿאַרשיידענע אָביעקטן, פֿון פֿאָלקסהעלדן, פֿון פֿאָלקס־

לידער, פֿון קינדערשפּילן אאז"וו (ווי למשל, דער לבֿנה־בוים פֿון יאַפּאַנער פֿאָלקלאָר, צי מודזשיקיווים, אַ העלד פֿונעם אַמעריקאַניש־אינדיאַנישן פֿאָלקלאָר א"אנד).

צווישן די מיטבאַטייליקטע אין דער ענציקלאָפּעדיע געפֿינען מיר גאָר אַ סך גוט באַקאַנטע נעמען אין דער פֿאָלקלאָרוועלט ווי: באָטקין, עספּינאָזאַ, ט. גאַסטער, טאָמפּסאָן, הוירשקאָוויץ, יאַקאָבסאָן, קראַפּע א"אַ, וואָס נישט ווינציק פֿון זיי האָבן זיך קונה שם געווען אויך אין אַזעלכע קרובֿישע געביטן ווי אַנטראָפּאָלאָגיע, פֿאַרגלײַכיקע לינגוויסטיק און ליטעראַטור. מען מעג זיך ריכטן אַז דאָס ווערק וועט ווערן איינס פֿון די אָנגענומענע רעפֿערענץ־מקורים פֿאַר סטודענטן פֿון סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן, אַ רעפֿערענץ־מקור וואָס פֿאַרשערס פֿון מענטשלעכע גלויבנס, אײַנגלייבענישן און סימבאָלן האָבן שוין לאַנג נייטיק געדאַרפֿט האָבן.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָר אויף דעם אופֿן ווי אַזוי דער י ִ ד י ש ע ר פֿאָלקלאָר ווערט באַהאַנדלט אין דעם ווערק און אויף ווי ווײַט דאָס ווערק קען באַהילפֿיק זײַן דעם סטודענט און דעם פֿאָרשער פֿון י ִ ד י ש ן פֿאָלקלאָר. מיר האָבן געגומען זוכן צווישן דעם אות A אַזעלכע ווערטער: אָבֿ (דער נײַנטער טאָג אין), אַפּיקומן, אגדה, אַנטיסעמיטיזם, אַנסקי, אַתּה־בחרתּנו, — מיר האָבן זיי ניט געפֿונען, פּונקט ווי מיר האָבן אומזיסט געזוכט אַזעלכע טערמינען ווי: אליהו הנבֿיא, אַסטראָפּאָליער (הערשעלע), הגדה, אחד מי יודע, בדחן, בעל־שם־טובֿ, גילגולים, דיבוק, הרי־חושך, רויטע יִדעלעך, חסידות, חורבן בית־המיקדש, גט, יאָרצײַט, תּורה שבעל־פּה, פּאַווע, עין־הרע, רביים, פּיפּער־נאָטער, לילית, משיח, גינזבורג־מאַרעק, י. ל. כּהן, פּעטערבורגער מוזיקאַלישע געזעלשאַפֿט, יִיוואָ אאז"וו.

און איצט קומען מיר צו די ווערטער וואָס האָבן אַ שײַכות צום יִדישן פֿאָלקלאָר און פֿאָלקסלעבן וואָס מיר האָבן אינעם ווערטערבוך יאָ געפֿונען. אַרום און אַרום האָבן מיר געפֿונען 143 זוכווערטער אַזעלכע וואָס דערמאָנען אויף וועלכן ניט איז אופֿן — אַ מאָל מיט איין שורה — יִדן און יִדישע פֿאָלקשאַפֿונגען. כאָטש דער ציפֿער אַליין איז אַ גאַנץ גרויסער, בלײַבט אָבער אַ שטאַרק געפֿיל פֿון ניט־צופֿרידנקייט, הן וואָס שייך דעם אָפּקלײַב פֿון די טערמינען הן וואָס שייך זייער באַהאַנדלונג. כּמעט אַלע יִדישע זוכווערטער זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער עלטסטער תּקופֿה אין דער יִדישער געשיכטע, — מיט דער תּנכישער ביז דער תּלמודישער צײַט, מיט דער צײַט ווען יִדן זײַנען געווען מערסטנס אין קאָנטאַקט מיט די פֿעלקער פֿון נאָענטן מיזרח. ווען מען לייענט איבער די אָפּהאַנדלונגען בײַ די זוכווערטער זעט מען טאַקע אַז בלויז ביז צום סוף יענער תּקופֿה דערפֿירן זיי זייערע טעמעס, אַפֿילו וואָס שייך אַזעלכע דערשײַנונגען וואָס כאָטש זיי שטאַמען פֿון יענער צײַט זײַנען זיי אָבער אויך דערגאַנגען ביז אונדזער צײַט מיט געוויסע שינויים און הוספֿות. אַזוי אַרום איז ניט בנימצא יִדישער פֿאָלקלאָר, ווען מיר יִדן זײַנען געקומען אין קאָנטאַקט מיט די פֿעלקער פֿון אייראָפּע בכלל און מיט די פֿעלקער פֿון צענטראַל־

און מיזרח־אייראָפּע בפֿרט, ווען דאָס ייִדישע פֿאָלק איז געשטאַנען אונטערן סימן פֿון דער ייִדיש־תּקופֿה.

אויב דער צוועק פֿונעם בוך איז באמת בעסער צו פֿאָרשטיין דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אַלע פֿאָלקלאָרן, הן די אייגנאַרטיקייטן פֿון איין זײַט הן די בשותּפֿותדיקייטן פֿון דער אַנדערער, פֿון גאַנצע פֿעלקער־גרופּעס, פֿון וועלטטיילן און ראַסעס, — איז ממש ניט צו פֿאַרשטיין וואָס סך־הכּל זײַנען פֿאַראַן זעקס (!) זוכווערטער וואָס פֿאַררופֿן זיך אויף פֿאָלקלאָר־עלעמענטן וואָס וואַקסן אַרויס דירעקט פֿון דער ייִדישער מיזרח־אייראָפּע: Golem ,Chelm (אויך Automaton), Dance: Broygez Tanz—Sher—Horra, Noodle Stories, Menstruation. דאָס איינציקע אָרט ווו פֿאָלקלאָר אויף ייִדיש זאָל בכלל דערמאָנט ווערן איז אין פֿאַרבינדונג מיט אַ נאַרישן וויץ בײַ דער רובריק Noodle Stories, וואָס נישט נאָר ער וואָלט פּונקט אַזוי גוט געקענט דערציילט ווערן וועגן אירלענדער צי וועגן אינדיאַנער, נאָר ער ווערט טאַקע וועגן זיי דערציילט. עס שטעלט זיך די קשיא: פֿאַר וואָס זאָל אַן אַפֿריקאַנער שבֿט גענויער און פֿאַרשטענדיקער באַהאַנדלט ווערן ווי די מיליאָנען ייִדן וואָס האָבן געלעבט במשך פֿון די לעצטע טויזנט יאָר און בפֿרט במשך פֿון די לעצטע 500 יאָר? אויב ניט־אויסשעפּיקייט נאָר אַ „רעפּרעזענטאַטיווער מוסטער" פֿון יעדער קולטור איז דער ציל (זען ז' v) איז לויט וואָסער סכעמע פֿון רעפּרעזענטאַטיווקייט האָט מען בײַ ייִדן געקענט אַרויסלאָזן די לעצטע 50 יאָר, בפֿרט ווען בײַ די אַנדערע פֿאָלקלאָרן וואָס ווערן דאָ באַהאַנדלט מערקט זיך גראָד ניט אַזאַ טענדענץ? די מחברים באַטראַכטן דאָס בוך ווי „אַ פּרוּוו צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַ קווערשניט דורך דעם גײַסטיקן אינהאַלט פֿון [די פֿעלקער פֿון דער] וועלט" (ז' v). אויב אַזוי, מוז לײדער געזאָגט ווערן, אַז וואָס שייך דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר איז אויפֿגעשניטן געוואָרן דווקא דאָס צום ווינציקסטן נאָענטע, צאַפּלדיקע און נוציקע פֿאַר די וואָס ווילן בעסער קענען דעם פֿאָלקלאָר פֿון דער הײַנט־צו־טאָגיקער וועלט.

אָבער אויך פֿון דער אַלטער תּקופֿה ווערט דאָס ייִדישע פֿאַרזען. מע גיט קוים אויפֿן סאַמע שפּיץ מעסער. וועגן אַלכּסנדר מוקדון, למשל, ווערט מיט איין זאַץ דערמאָנט בלויז איינע פֿון די צענדלינגער ייִדישע אגדות וואָס זײַנען וועגן דעם מלך געשאַפֿן געוואָרן. בײַ די אַלף־בית־גראַמען ווערט ניט איבערגעגעבן קיין בײַשפּיל פֿון די באַחנטע חדר־גראַמען פֿון אונדזערע עלטערן, כאָטש אַלף־בית־גראַמען פֿון אַ סך אַנדערע פֿעלקער ווערן יאָ געבראַכט. וועגן אַרויפֿגיין אויפֿן הימל ווערט איגנאָרירט אליהו הנבֿיא און אַלע חסידישע רביים וועגן וועלכע אַזוינס ווערט דערציילט. עס איז אויך אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס בלעמס אייזל ווערט ניט דערמאָנט אין די פּאָר געציילטע ווערטער וועגן דער ראָלע פֿון אייזלען אין פֿאָלקלאָרן. בײַ דער אָפּהאַנדלונג וועגן דער „וויסנשאַפֿט און קונסט פֿון פֿאַרהיטן אָדער פֿון בײַקומען שלעכטס, מערסטנס דורך שפּראַכן, סגולות אָדער ריטואַלן" (ז' 67), וואָס דאָ קומט עס אונטערן זוכוואָרט „אַפּאָטראָפּאַיִזם" ווייסט דער מחבר בלויז צו דערמאָנען וועגן ייִדן,

אַז די כּהנים־גדולים פֿלעגן טראָגן אָנגענייטע גלעקעלעך אויף די קליידער כּדי צו דערשרעקן בייזע רוחות.

צווישן די הונדערטער, הונדערטער טענץ וואָס ווערן אויסגערעכנט בײַם זוכוואָרט Dance: Folk and Primitive געפֿינען מיר נאָר אונדזער ברוגז־טאַנץ, דעם שער און די האָרא. אונטערן באַזונדערן זוכוואָרט האָרא ווערט אָנגעגעבן בלויז אַז דאָס איז אַ רומענישער און „פּאַלעסטינער" פֿאָלקסטאַנץ (צי אַ ייִדישער צי אַן אַראַבישער ווערט ניט דערמאָנט). בײַ Diffusion theory געפֿינען מיר איין זאַץ וועגן ייִדן, דהײַנו, אַז „ייִדן און ציגײַנער זײַנען וויכטיק בײַם פֿאַרשפּרייטן מעשׂיות פֿון מיזרח אויף מערבֿ" (ז' 313). שטעלן זיך די פֿראַגעס: בלויז מעשׂיות? בלויז פֿון מיזרח אויף מערבֿ? צי האָבן ייִדן קיין שום ראָלע ניט בײַם פֿאַרשפּרייטן און איבעראַרבעטן לידער, טענץ, רע־טענישן, מינהגים אאַז"וו, ייִדישע און ניט־ייִדישע, אין די פֿאַר־שיידנסטע וועלטטיילן און אין די פֿאַרשיידנסטע געגנטן פֿון יעדן וועלטטייל? בײַ Door signs ווערט דערמאָנט דער בלוט־סימן בײַ יציאת מצרים, נאָר מזוזות ווערן נישט דערמאָנט. בײַ Mnemonic devices ווערן כּמעט ווי ניט דערמאָנט די אַלע גראַמען, קאָמבינאַציעס, שפּילן און אַנדערע קונצן דורך וועלכע ייִדן האָבן פֿאַרגעדענקט נעמען, פּסוקים, דינים, שווערע אויסדרוקן און ווערטער. בײַ דער ענגלישער באַלאַדע Jew's Daughter ווערט דערציילט ווי אַזוי דאָס ליד איז אויפֿגעקומען נאָך אַ בלוט־בילבול. דער שטרענג אומפּאַרטייִשער מחבר פֿאַרענדיקט זײַנע פּאָר ווערטער וועגן דער באַשולדיקונג אַזוי: „ווי דאָס זאָל ניט זײַן זײַנען 18 ייִדן אויפֿגעהאַנגען געוואָרן פֿאַר דעם פֿאַרברעכן" (ז' 550). בײַ Proverbs ווערט דערמאָנט דער קאַטאַלאָג פֿון א. בערנשטיינס ביב־ליאָטעק, נאָר ווער בערנשטיין איז געווען און מיט וואָס פֿאַר אַ שפּריכווער־טער ער האָט זיך אָפּגעגעבן ווערט ניט דערמאָנט. די צאָל אַזעלכע בײַשפּילן איז לײדער אַ גאַנץ גרויסע.

בײַ אַ סך אָנגעגעבענע טערמינען, בײַ וועלכע ס'איז זיכער פֿאַראַן וואָס צו זאָגן אין פֿאַרבינדונג מיט ייִדן, ווערט אָבער דער ייִדישער עלעמענט אין גאַנצן איגנאָרירט. בײַם אות A האָבן מיר געפֿונען אָט וואָס פֿאַר אַ ווערטער פֿון דעם מין:

Abandoned children, Absurdity rebukes Absurdity, Act of truth, Adolescent ceremonies, Afterworld, Alphabet song, American folklore, Amazons, Animal languages, Animal tale, Anthropomorphism, Augury, Austerities.

די רשימה ווײַזט אונדז אַז ניט נאָר די לעצטע תּקופֿות ווערן געקריוודעט נאָר אַז אַפֿילו לויט דעם באַגרענעצטן צוגאַנג צום ייִדישן פֿאָלקלאָר, וואָס דאָס ווערק האַלט זיך דערבײַ, און וואָס מיר מיינען אַז עס איז לגמרי ניט באַרעכטיקט, זײַנען נאָך פֿאָרט אַרויסגעלאָזט געוואָרן וויכטיקע דעטאַלן אין פֿאַרבינדונג מיט ייִדישער פֿאָלקשאַפֿונג פֿון טויזנטער יאָרן צוריק. מיט אַרײַנ־נעמען אין אָט אַזעלכע זוכווערטער אויך דעם ייִדישן צושטײַער וואָלט די

פֿאָלקלאָר־וויסנשאַפֿט גאָר אַ סך געווונען — מען וואָלט געניוער פֿאַרשטאַנען די אמתע פֿאַרשפּרייטונג פֿון די דערשיַינונגען און ווי אַזוי פֿאַרשיידענע עלע־מענטן זיַינען זיך קעגנזיַיטיק משפּיע, און אפֿשר וואָלט עס קלאָרער געמאַכט די ראָלע פֿון ייִדן ווי טרעגערס און פֿאַרשפּרייטערס פֿון פֿאָלקלאָר.

אָבער מען האָט עס אַ פּנים ניט געהאַט אין זינען; מען האָט ניט אָנ־געגעבן די מעגלעכע פֿאַרבינדונגען מיט ייִדישע פֿאָלקלאָר־עלעמענטן ביַי למשל אַזעלכע ווערטער:

Ballads, Building ceremonies, Candles, Children's song, Counting out rimes, European folklore,[1] Lullaby, Marriage, Names, Peacock, Prayer, Proverbs, Reincarnation, Separation of the sexes, Spittle and spitting, Work songs.

פֿאַראַן אין די צוויי בענד אַ גרויסע צאָל וויכטיקע לענגערע, סומירנדיקע אַרטיקלען וועגן דעם פֿאָלקלאָר פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער, אָבער עס איז ניטאָ קיין אַרבעט וועגן פֿאָלקלאָר פֿון ייִדישן פֿאָלק. אין צווייטן באַנד געפֿינען מיר לענגערע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם סעמיטישן פֿאָלקלאָר און וועגן דער סע־מיטישער מיטאָלאָגיע, געשריבן פֿון ד״ר טעאָדאָר גאַסטער (אַ זון פֿון דעם באַקאַנטן פֿאָלקלאָריסט ד״ר משה גאַסטער ע״ה) איצט גאַסט־פּראָפֿעסאָר פֿון פֿאַרגליַיכיקער רעליגיע אין פֿילאַדעלפֿיער דראָפּסי־קאָלעדזש; ער איז באַקאַנט דורך זיַינע ביכער און פֿאָרשונגען איבער דער קדמון־תּקופֿה פֿון דער ייִדישער רעליגיע און פֿונעם ייִדישן לעבן־שטייגער אין פֿאַרבינדונג מיט די רעליגיעס און מינהגים פֿון די אַנדערע אַלטערטימלעכע פֿעלקער פֿון נאָענטן מיזרח.[2] אַזוי ווי זיַינע צוויי אַרבעטן זיַינען די איינציקע אינעם ווערטערבוך וואָס פּרוּוון געבן אַ כּוללדיק בילד פֿון אַ גרויסער תּקופֿה אין ייִדישן פֿאָלקלאָר, וועלן מיר זיך אויף זיי אַ ביסל אָפּשטעלן, בפֿרט נאָך ווען לייענענדיק זיי ווערט אונדז קלאָר פֿון וואַנען עס שטאַמט דער גאַנצער צוגאַנג צום ייִדישן פֿאָלקלאָר וואָס מיר האָבן אינעם ווערטערבוך באַגעגנט.

ביַים סאַמע אָנהייב פֿון זיַין 15זיַיטיקער אַרבעט מאַכט טעאָדאָר גאַסטער קלאָר די גרענעצן ביַי וועלכע ער וועט זיך האַלטן, דהיַינו:

די ציוויליזאַציעס פֿון די בבֿלים, די אַשורים, די כּנענים און די ישׂראלים. דער מאָדערנער סעמיטישער פֿאָלקלאָר, אַריַינרעכענענדיק ספּעציעל דעם אַראַבישן און דעם ייִדישן, ווערט אַרויסגעלאָזן, צו־ליב דעם טעם וואָס אַזוי פֿיל דערפֿון איז אַ פּועל־יוצא פֿון דירעקטע אַנטליַיונגען פֿון אַנדערע פֿעלקער און קען דעריבער ניט באַטראַכט ווערן פֿאַר אייגנאַרטיק (ז׳ 981).

מיט עטלעכע זאַצן וויַיטער רעדט שוין דער מחבר בלויז וועגן ייִדן און פּסקנט אַז

דאָס וואָס ווערט היַינט צו טאָג אָנגערופֿן מיטן נאָמען ייִדישער פֿאָלקלאָר

---

[1] די קלענסטע פֿעלקער־גרופּעס און אַפֿילו פּראָווינצן ווערן דערמאָנט, נאָר ייִדן ניט.
[2] למשל, זיַין:
Thespis: *Ritual, Myth and Drama in the Ancient Near East*, New York, 1950.

רעפּרעזענטירט אין דער אמתן דירעקטע אַנטלייַונגען פון די ניט־ייִדישע פעלקער צווישן וועלכע ייִדן זייַנען גראָד צעשפּרייט (זז' 981—982).

ווען דער מחבר וואָלט געזאָגט אַז דער מאָדערנער ייִדישער פאָלקלאָר איז שוין ניט קיין סעמיטישער און דעריבער קען ער אים ניט באַהאַנדלען אונ־טער דעם זוכוואָרט וואָלט דאָס געווען פאַר אונדז פאַרשטענדלעך. ווען ער זאָגט אָבער עפּעס גאָר אין גאַנצן אַנדערס, דהייַנו, אַז דער מאָדערנער ייִדישער פאָלקלאָר איז ניט קיין ייִדישער, איז ניט קיין שאַפונג פון ייִדישן פאָלק, און דערפאַר וויל ער זיך דערמיט ניט אָפּגעבן, שטעלט זיך תּיכּף די פראַגע, וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער דאָ צו מישפּטן דעם פאָלקלאָר? אויב דאָס איז אַ ווערטערבוך פון פאָלקלאָר (ד"ה ניט אַ ווערטערבוך עקסקלוזיוו פאַר פאָלקלאָרן וואָס קענען אויסהאַלטן דעם נאָך ניט־סטאַנדאַרדיזירטן עק־זאַמען פון „אייגנאַרטיקייט") און אויב ס'איז פאַראַן אַ גרופּע וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „ייִדן" און אויב די גרופּע האָט עפּעס אַ פאָלקלאָר — מוז דעם פאָלקלאָר אָפּגעגעבן ווערן אָרט, וואָס דעם פאַרשערס פּערזענ־לעכע מיינונג וועגן זייַן ווערט, רייַכקייט, שיינקייט אָדער אייגנאַרטיקייט זאָל ניט זייַן. ער מעג טראַכטן וואָס ער וויל וועגן אונדזער שפּראַך, אונדזער קול־טור, אונדזער לעבן־שטייגער, אונדזער פאָלקלאָר — ער איז אָבער מחויב, ווי אַ וויסנשאַפטלער, זיי צו פאַרצייכענען אַזוי אָביעקטיוו און אויספירלעך ווי ער טוט דאָס בנוגע אַנדערע גרופּעס.

און איצט וועגן דעם ענין „אייגנאַרטיקייט", וואָס ניט איין פאָלקלאָריסט איז שוין צוליב אים געשטרויכלט געוואָרן. לינגוויסטן האָבן זיך שוין צו־געוווינט צום געדאַנק אַז קיין „ריינע", ניט־געמישטע, שפּראַכן זייַנען ניט פאַראַן. פיזישע אַנטראָפּאָלאָגן האָבן זיך שוין איבערגעצייַגט אַז קיין „ריינע", ד"ה ניט־געמישטע פעלקער אָדער פעלקער־גרופּעס זייַנען ניט פאַראַן. פּסיכאָלאָגן פאַרשטייען שוין אַז קיין אייַנגעבוירענע און קיין אומבייַטעוודיקע פּסיכישע אונטערשיידן צווישן פעלקער זייַנען ניטאָ. און אויך פאָלקלאָריסטן, ווי עטלע־ציאָנעל פאַראַנקערט זיי זאָלן ניט זייַן אין דעם ראָמאַנטיזם פון 19טן י"ה מיט זייַן התפּעלות פאַר דער „ריינער פאָלקס־נשמה" און פאַר „דער שטראָמענ־דיקער שעפערישקייט פון פאָלקסגייַסט", פאַרשטייען וואָס ווייַטער אַלץ בעסער אַז יעדער פאָלק וואָס לעבט צווישן פעלקער מוז אייַנשטעלן אַ סיסטעם פון נעמען און געבן — ווערטער, מכשירים, באַגריפן, מינהגים אאַז"וו. ניין, קיין ריינע פאָלקלאָרן זייַנען ניטאָ. און נאָך מער: פונקט ווי לינג־וויסטן האַלטן איצט, אַז ערשט יענע שפּראַך איז באמת רייַך און באמת אויפ־טועריש וואָס קען צום מערסטן נעמען די נייטיקע ווערטער־מאַטעריאַלן פון אַנדערע שפּראַכן און זיי פאַראייגענען (ווי עס טוט דאָס למשל די ענגלישע שפּראַך) פונקט אַזוי מוזן האַלטן פאָלקלאָריסטן, אַז ערשט יענער פאָלקלאָר איז רייַך און שעפעריש וואָס קען צום בעסטן פאַראייגנאַרטיקן, אַריבערפירן אויף אייגענע רעלסן און אַנטוויקלען ווייַטער דאָס אַלץ וואָס מען האָט פון דער פרעמד גענומען.

מען מוז גוט פאַרשטיין אַז עס איז ניטאָ קיין סתּירה צווישן די צוויי

כּסדרדיקע פּראָצעסן פֿון אַנטלײַען און פֿאַראייגענען. שוין דער עצם פֿאַקט פֿון
אַנטלײַען פֿאַרמאָגט אין זיך בולטע סימנים פֿון דער „אייגנאַרטיקייט" פֿון
דער קולטור פֿונעם „נעמענדיקן" פֿאָלק. קיין פֿאָלק נעמט דאָך ניט בלינדער־
הייט אַלץ, אָן קיין שום אָפּקלײַב. יעדער פֿאָלק נעמט דאָך בײַ אַנדערע בלויז
די זאַכן וואָס אים דאַכט זיך אַז ער דאַרף זיי, אָדער ער קען זיי אויסנוצן און אַז
ער האָט זיי ניט. אין דער מאָדערנער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע איז שוין געוואָרן
באַנאַל דער אמת אַז selection is selective (אויסקלײַב איז אויסקלײַבעריש),
ד"ה, אַז דאָרט ווו מען קלײַבט עפּעס אויס איז דאָס אויסגעקליבענע אַ פּועל־
יוצא פֿון אייגענע אינעווייניקסטע נויטן, פֿון וועלכע מען גיט זיך אָפּט אויך
ניט אָפּ קיין דין וחשבון. אין דער פֿאָלקלאָריסטיק דאַרף אויך ווערן אָנגע־
נומען דער באַגריף אַז borrowing is selective, אַנטלײַען איז אויסקלײַבעריש.
אַ פֿאָלק אַנטלײַט בײַ אַן אַנדערס בלויז דאָס וואָס עס נייטיקט זיך אין דעם.
אויב דער אָפּקלײַב וואָס שטעקט אינעם אַנטלײַ־פּראָצעס איז אַליין אייגנאַר־
טיק פֿאַרן נעמענדיקן פֿאָלק, וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן וועגן דעם פּראָצעס
וואָס דאָס אַנטלײַענע מאַכט דורך נאָך דעם ווי דער נעמער פּילט זיך שוין
היימיש דערמיט? דאָ קומט דאָך זיכער צום אויסדרוק דאָס אייגנאַרטיקע
פֿונעם קוק, פֿונעם לעבן, פֿון דער אַזוי גערופֿענער „נשמה" פֿונעם פֿאָלק.
וואָס האָבן ייִדן במשך פֿון יאָרהונדערטער אַרײַנגעגעבן אינעם דײַטש פֿון
רײַן־געגנט פֿון 11טן־12טן י"ה, אויב ניט זייער ספּעציפֿיש ייִדישע אייגנ־
אַרטיקייט? וואָס האָבן זיי אַרײַנגעגעבן און אַרײַנגעטײַטשט און אַרײַנגעגלייבט
אין די מינהגים וואָס זיי האָבן פֿון דער סאַמע עלטסטער צײַט געהאַט בשותּפֿות
מיט אַנדערע פֿעלקער, און וואָס ייִדן זײַנען געבליבן בײַ זיי, אָדער בײַ זייערע
שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען, ניט נאָר נאָך דעם ווי יענע (די אַ"ג אָריגינעלע
שאַפֿערס פֿון די מינהגים) האָבן אין דעם אַלעמען פֿאַרגעסן, נאָר אַפֿילו נאָך
דעם ווי די אַנדערע אַליין זײַנען שוין פֿאַרגעסן געוואָרן — אויב ניט די
ייִדישע אייגנאַרטיקייט פֿון פֿאַרשיידענע תּקופֿות, לענדער און באַדינגונגען?
ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט אויסקומען, בלײַבט פֿאָרט אמת, אַז קיין פֿאָלק האָט
ניט די געלעגנהייט אַזוי קלאָר און בולט צו באַווײַזן זײַן אייגנאַרטיקייט
ווי ווען עס ספּראַוועט זיך מיט אַנטלײַענע מאַטעריאַלן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז די צענדליגגער עקספּערטן פֿון דעם
ווערטערבוך ניט אומבאַקאַנט. אָט זעען מיר, למשל, ווי ד"ר דזשאָן ל. מיש,
אין זײַן אַרטיקל וועגן יאַפּאַנישן פֿאָלקלאָר, שרײַבט אַז „יאַפּאַנישע מוזיק
איז שולדיק אַ גרויסן חובֿ דער מוזיק פֿון כינע און קאָרייע, כאָטש מען האָט
זי אַנטוויקלט לויט אייגנאַרטיקע פּרינציפּן, פּונקט ווי אַלץ וואָס די יאַפּאַנער
האָבן אַרײַנגעפֿירט פֿון אויסלאַנד" (ז' 542). אַפֿילו גאַסטער איז מודה אַז
„די בבֿלים און אשורים, למשל, האָבן געירשנט דאָס רובֿ פֿון זייער פֿאָלקלאָר
פֿון די פֿריִערדיקע ניט־סעמיטישע סומערער" (ז' 981). דאָס וואָרט „געירשנט"
איז דאָ בלויז אַן אייפֿעמיזם. פּונקט אַזוי קען מען זאָגן אַז ייִדן האָבן „גע־
ירשנט" ווי מען קען זאָגן אַז די בבֿלים און אשורים האָבן „געלײַען", און

אויב ד"ר גאַסטערן איז, ניט קוקנדיק אויף דער בבֿלישער און אשורישער ירושה פֿון דער פֿרעמד, ניט מוקצה מחמת מיאוס צו רעדן וועגן זיי — מוז מען באַקומען דעם איַינדרוק אַז צו זיַינע מיינונגען וועגן ייִדן איז ער גע־קומען לכל הפּחות ניט צוליב ריין וויסנשאַפֿטלעכע טעמים. ד"ר ט. גאַסטער דערציילט דעם לייענער אַז

> אַ סך פֿון די באַקאַנטסטע מעשׂיות פֿון תּנך זיַינען ניט מער ווי די העברעיִשע וואַריאַנטן פֿון פֿאָלקס־מעשׂיות וואָס זיַינען פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט... [און אַז] דאָס רובֿ פֿון דעם מאַטעריאַל האָבן די ביבלישע סופֿרים געשעפּט פֿונעם פֿאָלקלאָר פֿון כּנען און פֿון די שכנישע לענדער און ער איז בשום אופֿן ניט זייער ערשטהאַנטיק אויסגעפֿינס. גאַנץ אָפֿט אָבער האָט מען אַן אַלגעמיינע פֿאָלקס־מעשׂה [וואָס איז לכתּחילה געווען באַקאַנט], אָן קיין שום ספּעציפֿיש לאָקאַלער פֿאַרבינדונג, אַזוי צוגעשפּיצט אַז ס'זאָל דינען ווי אַ באַשטימטע עטעאָ־לאָגישע דערציילונג (זז' 984—985).

די געלעגנהייטן ווען מען וואָלט געקענט, אויב מען וואָלט נאָר געוווּסט און געוואָלט, פּונקט אַזוי רויִק, אָביעקטיוו און ניט פֿאַרשעמט ריידן וועגן מאַ־דערנע ייִדישע מאַטעריאַלן אינעם זעלבן גיַיסט זיַינען דאָך פּשוט ניט איבערצוציילן.

דאָס גאַנצע ווערק פֿאַרנעמט זיך אויפֿן דרך פֿון ניט שאַפֿן קיין קינסט־לעכע צעטיילונג צווישן רעליגיע און פֿאָלקלאָר. ביַי די אינדיאַנער שבֿטים זעען מיר קלאָר אַז ביַי יעדן טאַנץ, יעדן ליד, יעדן מינהג איז פּשוט אומ־מעגלעך אָפּצוטיילן דאָס רעליגיעזע פֿונעם פֿאָלקלאָריסטישן. דאָס איז ניט ווינציקער אמת וועגן געוויסע אַנדערע פֿעלקער, און ייִדן בתוכם. די ענגע צווישנווירקונג פֿון מינהגים און דינים איז אונדז אַלעמען צו גוט באַקאַנט אַז מיר זאָלן דאָ טראַכטן וועגן אויפֿשטעלן אַ מחיצה צווישן זיי. און טאַקע, וואָס פֿאַר אַ טענות מיר האָבן פֿריִער ניט געהאַט וועגן דעם אָפּקליַיב פֿון ייִדישע זוכווערטער מוזן מיר מודה זיַין אַז דאָרט זעט מען בשום אופֿן ניט קיין טענדענץ דעם רעליגיעזן עלעמענט צו האַלטן אויסער די ראַמען פֿון פֿאָלקלאָריסטישן אינטערעס. דאָס איינציקע אָרט וווּ מיר געפֿינען אַ רמז אויף אַזאַ טענדענץ, און אַ טענדענץ צו מאַכן ענלעכע ניט־פּראָדוקטיווע צעטיילונ־גען איז אויף די זיַיטן פֿון גאַסטערס אַרטיקל. דאָרטן געפֿינען מיר די באַמער־קונג אַז

> זעלטן קענען מיר אויף זיכער באַשליסן צי אַ מינהג געהערט באמת צו דער קאַטעגאָריע פֿון רעליגיע, צוליב דעם זיַין אַן ענין פֿון לעבעדיקן גלויבן, אָדער צו דער [קאַטעגאָריע] פֿון פֿאָלקלאָר, צוליב דעם זיַין בלויז אַ פּאָפּולערער איבערבליַיב... דער שריַיבער האָט [דעריבער] אָנגענומען דעם פּרינציפּ פֿון צושריַיבן צו פֿאָלקלאָר יענע עלעמענטן פֿון פּאָפּולערער צערעמאָניע אָדער יענעם אַספּעקט פֿון אַ מעשׂה אָדער לעגענדע וואָס איז שוין מער ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַר דעם בעל־הצערעמאָניע אָדער פֿאַר דעם דערציילער, וואָס האָט ניט קיין לאָגישע און אַפֿילו ניט קיין אָרגאַנישע שיַיכות צום גאַנצן, און וואָס שטימט ניט האַרמאָניש מיט דעם נאָרמאַטיוון געדאַנק און באַנוץ פֿון דער תּקופֿה (ז' 982).

פאַר וואָס גאַסטער האָלט אַזוי איז אומפאַרשטענדלעך.

אונטערצײַענדיק דעם סך־הכּל קומען מיר צום אויספיר אַז כאָטש דאָס ווערק איז אַפשר, ווי אַ סך מבֿינים ווילן האָבן, אַ גרויסער און וויכטיקער אויפטו פאַרן פאָרשער און סטודענט פון פאָלקלאָר און פון פאַרגלײַכיקע קולטורן, איז עס אָבער זייער ווײַט פון זײַן צופרידנשטעליק אויפן געביט פון ייִדישן פאָלקלאָר. ווער איז שולדיק אין דעם? זיכער מעג מען באַשולדיקן ד"ר גאַסטערן, די רעדאַקטאָרין, די אַרויסגעבערס אָדער אַלעמען צוזאַמען. דער רעצענזענט איז אָבער אויך מסכּים מיט אַ מיינונג וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן בײַ אַ זיצונג פון י. ל. כּהן־פאָלקלאָרקלוב בײַם ייִוואָ, אַז צום טייל זײַנען מיר, די וואָס זײַנען פאַראינטערעסירט אינעם ייִדישן פאָלקלאָר פון מיזרח־אייראָפּע און באַקאַנט מיט זײַן ווערט פאַר דער אַלגעמיינער פאָלקלאָריסטיק, אַליין אין דעם שולדיק. מיר דאַרפן זיך אַליין פרעגן צי האָבן מיר שוין באַוויזן צו פרעזענטירן אונדזער אוצר פאַר דער ניט־ייִדישער אַקאַדעמישער וועלט אויף אַזאַ אופן אַז מען זאָל קענען דאָס אָפּשאַצן? ווי קען די דרויסנדיקע וועלט געפינען אַ פאַכמענישן, אינטערעסאַנטן און אימפּאָזאַנטן מקור פונעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן פאָלקלאָר? בלויז דעמאָלט ווען מיר וועלן שוין האָבן געטאָן אַלץ וואָס איז נייטיק און מעגלעך כּדי אונדזער שפּראַך, אונדזער ליטעראַטור, אונדזער געשיכטע און אונדזער פאָלקלאָר זאָלן זײַן פונקט אַזעלכע לײַטישע אַקאַדעמישע טעמעס ווי די פון די אַמעריקאַנער אינדיאַנער צי פון די אַפריקאַנער שבֿטים — ערשט דעמאָלט וועלן מיר קענען זײַן פרײַ פון טענות צו זיך אַליין.

שיקל פישמאַן

אַ מאָנומענט פאַר אַן אומגעקומענער ייִדישער קהילה

פנקס מלאַווע, אַרויסגעגעבן פון וועלטפאַרבאַנד פון מלאַווער ייִדן, ניו־יאָרק, 1950. רעדאַקטירט: ד"ר י. שאַצקי, 483 זז' + אילוסטריר־טע בײַלאַגע: מלאַווע אין בילדער, 63 זז'.

פון די עטלעכע צענדליקער לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אויסגאַבעס, פּינקסים, אַלמאַנאַכן, יזכּור־ביכער, זאַמלביכער וכדומה איז פּנקס מלאַווע איינס פון די בעסטע און אויפן זאָרגעוודיקסטן אופן רעדאַגירטע. די וויסנשאַפטלעכע רעדאַקציע איז געלעגן אין די הענט פון ד"ר יעקבֿ שאַצקי, אין דער שפּראַכ־לעך־סטיליסטישער צוגרייטונג האָט גענומען אַ גרויסן חלק יוסף אָפּאַטאָשו. די רשימה מיטאַרבעטערס נעמט אַרום איבער 30 מחברים, צווישן זיי אַ סך מיט אַ גרויסן נאָמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט.

דאָס רובֿ אַרבעטן אין פּנקס מלאַווע טראָגן אַ מעמואַריסטישן כאַראַק־טער. די אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן זײַנען אָדער נישט מער צוגענגלעך, אָדער זיי זײַנען צום טייל אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. בלויז צוויי אַרבעטן האָבן זיך געקאָנט שטיצן אויף געראַטעוועטע דאָקומענטן, אַר־כיוואַלע און געדרוקטע מקורים, און דאָס זײַנען: די געשיכטלעכע שטודיע

פֿון ד״ר יהודה ראָזענטאַל, געבויט אויף מאַטעריאַלן, וואָס דער מחבר האָט אַליין באַוויזן צו זאַמלען אין פּוילן נאָך פֿאַר דער מלחמה, און ד״ר י. שאַצקיס קווערשניט איבער דעם מלאָווער ייִדישן לעבן מיט 10 יאָר צוריק, אויפֿן סמך פֿון דעם לעצטן האַלבן יאָרגאַנג (יאַנואַר־יוני 1939) מלאָווער אונדזער עכאָ. זייער רײַך זײַנען אין פּנקס מלאַווע די מאַטעריאַלן וועגן פֿאָלקלאָר און מלאָווער לשון. די צאָלרײַכע ביאָגראַפֿיעס זײַנען אַ וואָגיקער צושטײַער סײַ פֿאַר דער ייִדישער משפּחה־פֿאָרשונג, סײַ פֿאַר דער קולטור־געשיכטע.

אַ טייל פֿון פּנקס מלאַווע ווערט אָפּגעגעבן צו: „מלאָווע אין דער ייִדישער ליטעראַטור״ (שאַפֿונגען פֿון יוסף אָפּאַטאָשו און יקיר וואַרשאַווסקי). די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך פֿון בוך פֿאַרנעמען זיך מיט חורבן מלאָווע און מיט אַן איבערבליק איבער די טעטיקייטן פֿון מלאָווער לאַנדסמאַנשאַפֿטן אין אַמעריקע. די אָפּטיילונג „מלאָווע אין בילדער״ פֿאַרמאָגט אַ ווערטפֿולן היס־טאָרישן מאַטעריאַל: דער פּלאַן פֿון מלאָווע (און פֿון מלאָווער געטאָ אונטער די נאַצים), מלאָווער גאַסן, שולן, בתּי מדרשים, די מיקווה אד״גל, בילדער פֿון געזעלשאַפֿטלעכן, פּאָליטישן און רעליגיעזן לעבן, מלאָווער טיפּן און פּער־זענלעכקייטן, בילדער פֿון געטאָ און חורבן און צום סוף די מלאָווער אין אַמעריקע — דאָס אַלץ ווערט פֿאַרפֿיקסירט פֿאַר דורות. אַפֿילו די מלאָווער גרענעץ וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין עקאָנאָמישן לעבן פֿון שטעטל איז נישט פֿאַרגעסן געוואָרן.

לויט ד״ר ראָזענטאַלס שטודיע שטאַמען די ערשטע זיכערע ידיעות וועגן אַן אָרגאַניזירטן ייִדישן ייִשובֿ אין מלאָווע פֿון יאָר 1543. זײַן השערה, אַז מיר פֿאַרמאָגן אַ זיכערן באַווײַז שוין אין 1515 איז ווייניק איבערצײַגנדיק. דער מישפּט וועגן יודעאָ־הערעזיע וואָס איז פֿאַרפֿירט געוואָרן אין 1515 קעגן אַ קריסטלעכן דאָקטאָר אין מלאָווע איז נישט קיין באַווײַז, אַז ייִדן האָבן שוין דאָרט דעמאָלט געוווינט. באַשולדיקונגען וועגן יודעאָ־הערעזיע זײַ־נען כּסדר אַרויסגערוקט געוואָרן ספּעציעל אין די צײַטן פֿון הייסע רעליגיעזע פּאָלעמיקעס ווי עס איז גראָד געווען אויך דעמאָלט, אין דער תּקופֿה פֿון רע־פֿאָרמאַציע, אין אַ סך ערטער וווּ ייִדן האָבן בכלל נישט געוווינט. אין 1564 זײַנען אין מלאָווע געווען 23 ייִדישע משפּחות, אין 1765 — אַן ערך 70. ווײַזט אויס, אַז די אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן ייִשובֿ אין מלאָווע איז דער עיקר פֿאָרגעקומען אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן י״ה, פֿון 1,720 ייִדן אין 1860 גיט דער מלאָווער ייִדישער ייִשובֿ אַ שפּרונג צו 5,123 (ד״ה דרײַ מאָל אַזוי פֿיל) אין 1897. זינט יענער צײַט סטאַביליזירט זיך די צאָל מלאָווער ייִדן (ביז 1939) צו דער הייך פֿון 5,000 ביז 6,000 נפֿשות. די סיבות פֿון דעם דאָזיקן אויפֿשטײַג ווערן נישט אַנאַליזירט, ווײַל עס פֿעלן לחלוטין די מאַטעריאַלן פֿאַר דער געשיכטע פֿון מלאָווער ייִדן אין 19טן י״ה. ראָזענטאַלס שטודיע נעמט אַרום די צײַט פֿון 16טן ביז סוף 18טן י״ה און עס איז זײַן גרויסער פֿאַרדינסט, וואָס ער האָט לכל הפּחות באַוויזן אָפּצוראַטעווען די אַר־כיוואַלע מאַטעריאַלן פֿאַר דער דאָזיקער תּקופֿה און רעקאָנסטרויִרן די מלאָווער ייִדישע פֿאַרגאַנגענהייט אין אַמאָליקן פּוילן.

פון א גאנץ אנדער קוקווינקל באשרייבט „די אלטע היים" ד"ר זאב יונים. זיין ברייטע אָפּהאנדלונג איז א מין געאָגראַפּישע וואנדערונג איבער יידיש מלאווע, אָדער בעסער געזאָגט — א טרוימערישע וויזיע, געטראָגן פון דער ווייטן (דער מחבר געפינט זיך אין ישראל) אויף די פליגלען פון בענק־שאַפט. אין זיין שילדערונג פון „די בערגער", פון דעם „ראָזגראד", פון דעם טרעפפונקט פאר פארליבטע פּאָרלעך „הינטער דער צערקווע", טראָגט זיך די בענקשאַפט און עס לעבט אויף א שטיק יידישער לעבן־שטייגער. דער מחבר באשרייבט דעם אַלטן מארק, די הויפּטגאסן, די הינטערגעסלעך, זייער אייגנ־ארטיקייט, זייערע „פונקציעס", זייערע איינוווינערס. ער שילדערט די באַ־דייטונג פון דער רוסיש־דייטשער גרענעץ פאר דעם עקאָנאָמישן לעבן פון מלאווע; דעם שמוגל פון סחורות און פון מענטשן (יונגע וואָס אנטלויפן פון מיליטער אָדער צוליב פּאָליטישע סיבות פון רוסלאנד), דעם לעגאַלן און נישט־לעגאַלן מיסחר מיט פערד (און ווער געדענקט נישט אָפּאַטאָשוס באַ־רימטע ווערק א ראָמאַן פון א פערד־גנבֿ!). דאָס אויפקומען פון דער איַיזנבאַן „וואָס איז געוואָרן א ווענדפּונקט אין לעבן פון דער שטאָט". דערנאָך גייט ער אריבער צו שילדערן די „נייַע צייַטן" און די „נייַע וועגן", דעם אָנהייב פון דער ציוניסטישער באוועגונג און פון די ארבעטער־פּארטייען, דעם פּאָ־ליטישן קאמף פון די יידישע פּארטרעטערס אינעם שטאָטראט אין די צייַטן פונעם אומאָפּהענגיקן פּוילן אאז"וו.

אין דעם זעלבן נוסח שילדערט אויך די „אַמאָליקע דורות" א צווייטער זכרונות־שרייבער, אבֿרהם דוד ווינדיצקי. עס טויכן אויף פאר אונדזערע אויגן סילועטן פון מלאווער פערזענלעכקייטן: לומדים, חסידים, משׂכּילים, מלמדים, כּלל־טוערס אאז"וו.

בכלל גיבן די דאָזיקע ארבעטן אינעם היסטאָרישן אָפּטייל פון בוך א בילד פון א טיפּיש יידיש שטעטל אין פּוילן, מיט זייַנע פּרנסות, לעבן־שטייגער, אינסטיטוציעס, מחלוקתן איבער א רבֿ אָדער שוחט, מלחמות צווישן גערער און אַלעקסאַנדרער חסידים, די שטאָט אין דער צייַט פון יום־טובֿים און אין די וואָכנטעג, מלאווע אין רעוואָלוציע־יאָר 1905, מיט די דעמאָנסטראַ־ציעס, שטרייקן און דער קאמף־אָרגאַניזאַציע.

וואָס שייך די ליטעראַרישע שאַפונגען אין פּנקס מלאווע וואָלט דאָס געווען אַן איבעריקע זאַך אַרייַנצוגיין אין א ליטעראַרישן אַנאַליז פון אָפּאַטאָשוס און וואַרשאַווסקיס דערציילונגען. דאָס איז שוין געטאָן געוואָרן א סך מאָל דורך מער קאָמפּעטענטע ליטעראַטור־קריטיקערס. אַלץ וואָס דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דעם היסטאָריש־אויטאָביאָגראַפּישן ווערט פון אָפּאַטאָשוס 9 מלאווער דערציילונגען האָט אויף א מוסטערהאַפטן און קאָנדענסירטן אופן געטאָן י. שאַצקי אין זיין קורצן אַרייַנפיר צו די דאָזיקע דערציילונגען.

די גאַלעריע „געשטאַלטן" און די אָפּטיילונג „ציבור־לעבן" גיבן א רייַכן אוצר פון אינפאָרמאַציע וועגן מערקווערדיקע פּערזענלעכקייטן און מערקווער־דיקע פּאַסירונגען אין שטעטל.

די אַרטיקלען וועגן „מלאווער לשון" זײַנען אַ רײַכע זאַמלונג רוי־מאַטעריאַל פֿאַר אַ צוקונפֿטיקער אַנאַליטישער און פֿאַרגלײַכנדיקער שפּראַכפֿאָרשונג.

דער מאַטעריאַל וועגן חורבן מלאווע איז נישט באַזונדער רײַך: איין גבֿית־עדות וועגן די ערשטע טעג פֿון נאַצישן גיהנום און אַ כראָניק פֿון די יאָרן 1939־1942, צוזאַמענגעשטעלט אויפֿן סמך פֿון דערציילונגען און בריוו — איז נישט גענוג כּדי צו פֿאַרענטפֿערן דעם קאָמפּליצירטן קנויל פּראָבלעמען און איבערלעבונגען אונטער די נאַצים. בכלל איז אונדזער רײַכע חורבן־ליטעראַטור גראָד זייער אָרעם, ווען עס קומט צו אַ ריי שטעט, און אַ קלאַסישער בײַשפּיל איז מלאווע. אחוץ די צוויי אַרטיקלען אין פּנקס מלאַווע איז אונדז אויסגעקומען צו זען בלויז נאָך צוויי אַנדערע, וועלכע נישט קיין אויסשעפּיקע אַרטיקלען וועגן חורבן מלאווע, דהײַנו: די גבֿית־עדות וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין ספר הזוועות, כּרך א, ירושלים, תּש"ה, זז' 92־93, און די זכרונות פֿון בנימין אפּעל אין מאָרגן־פֿרײַהייט, ניו־יאָרק, 6טן יוני—22סטן אויגוסט 1946.

אין אַ ווײַטערדיקן קאַפּיטל ווערט געשילדערט דאָס טרויעריקע לעבן פֿונעם שׂריד ופּליט אין מלאווע (אַן ערך 40 נפֿשות) און יציאת־מלאווע פֿון דער דאָזיקער שארית הפּליטה אין 1946.

נישט געקוקט אויף זײַן רעגיאָנאַלער אָדער רעגיאָנאַל באַגרענעצטער טעמאַטיק איז דער פּנקס מלאַווע מיט זײַן רײַכקייט פֿון מעמואַריסטישן, ליטעראַרישן, פֿאָלקלאָריסטישן, שטייגערישן און לינגוויסטישן שטאָף, אַ וויכטיקער צושטײַער פֿאַר דער אַלגעמיינער געשיכטע פֿון די פּוילישע ייִדן. אין דער אמתן פֿאַרמעסט זיך דער פּנקס מלאַווע אין אַ מלאווער מיקראָקאָסמאָס צו שילדערן דעם מאַקראָקאָסמאָס פֿונעם ייִדישן לעבן אין פּוילן אין 20סטן י"ה אין זײַנע פֿילזײַטיקע און פֿילפֿאַרביקע אַספּעקטן.

ד"ר פֿיליפּ פֿרידמאַן

דער וועד אין פּוילן

פנקס ועד ארבע ארצות. לקוטי תקנות, כתבים ורשומות סדורים ומבוארים בידי ישראל היילפרין, ירושלים, תש"ה, **הוצאת מוסד ביאליק של הסוכנות היהודית לארץ ישראל, 635+LXXXVIII זז'.**

דאָס דאָזיקע בוך איז בלי ספֿק דאָס סאַמע וואָגיקסטע וואָס איז ביז איצט אַרויס וועגן דעם וועד אין פּוילן, וואָס שייך דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל. כּידוע, איז חוץ דרײַ צופֿעליק אויפֿגעהיטע בלעטלעך פֿון דעם אָריגינעלן פּינקס פֿון וועד ניט געבליבן קיין שום דירעקטער מאַטעריאַל (ווי למשל פּראָטאָקאָלן, ווי דאָס איז דער פֿאַל מיטן ליטווישן וועד). עס איז אָבער פֿאַראַן אַ שלל צעוואָרפֿענע דאָקומענטן און סתּם פֿאַקטן, דירעקטע און ניט־דירעקטע, וואָס זײַנען וויכטיק פֿאַר דער היסטאָרישער רעקאָנסטרוקציע פֿון דעם פּוילישן וועד. די דאָזיקע דאָקומענטן זײַנען די היסטאָריקערס על־פּי רובֿ גוט באַקאַנט. זיי

זײַנען אָבער קיין מאָל ניט געווען צונויפֿגעזאַמלט אין איין מקורים־בוך, נאָר צעוואָרפֿן אין אַ סך פּלעצער. אַ טייל מאַטעריאַלן איז אַפֿילו געווען געזאַמלט אין ספּעציעלע אַרבעטן. אַ קלענער טייל איז געווען אומבאַקאַנט. איצט האָט ישׂראל הײַלפּרין צונויפֿגעזאַמלט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, צוגעגעבן אַ סך נײַע, ביז איצט אומבאַקאַנטע מקורים, און האָט צונויפֿגעשטעלט אַ בוך וואָס האָט אַן ערשטקלאַסיקן ווערט. די דאָקומענטן זײַנען אָפּגעדרוקט אין זייער פֿולן טעקסט. די פֿרעמדשפּראַכיקע טעקסטן ווערן געבראַכט אין אַ באַזונדערער אָפּטיילונג און זײַנען פֿאַרטראָטן אין דעם אַלגעמיינעם העברעיִשן טייל מיט אויספֿירלעכע רעגעסטן. די פּירושים, ביבליאָגראַפֿיע, מילואים און אַנדערע הערות קלערן אויף די טעקסטן, דערגאַנצן זיי און טייל מאָל ווערן זיי קאָרעגירט. אַ וועלט מיט אַרבעט ליגט אין די דאָזיקע 1,100 דאָקומענטן, צונויפֿגעזאַמלט פֿון קהילה־פּינקסים, הקדמות און הסכּמות פֿון אַלטע ספֿרים, אַרכיוו־דאָקומענטן און אַנדערע מקורים. די 85 פֿרעמדשפּראַכיקע דאָקומענטן אין פּויליש, לאַטײַן און דײַטש זײַנען גאָר אַ וואָגיקער, על־פּי רובֿ נײַער צושטײַער צו דער דאָזיקער טעמע. גאָר וויכטיק זײַנען די דאָקומענטן, פֿאַרעפֿנטלעכט צום ערשטן מאָל און אַרויסגענומען פֿון קהילה־פּינקסים פֿון פּינטשעוו, טיקטין און אָפּט. צווישן די ניט־ייִדישע דאָקומענטן זײַנען פֿאַראַן אַרכיוואַליאַ פֿון לעמבערג, פּויזן און וואַרשע. דער מחבר האָט געפֿונען מאַטעריאַלן אין דעם ווילנער ייִוואָ, אין דעם רבנישן סעמינאַר אין לאָנדאָן, אין דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים און אַנדערע אינסטיטוציעס, ווי אויך אין פּריוואַטע זאַמלונגען. ישׂראל הײַלפּרין האָט איבערגעדרוקט כּמעט אַלע הסכּמות וואָס מען האָט נאָר געקענט געפֿינען אין ספֿרים, וואָס זייערע בעלי־הסכּמות האָבן פֿונקציאָנירט ווי אָפֿיציעלע פֿאַרטרעטערס פֿון וועד. ער האָט אויך אויסגענוצט אַ גרויסע רעגיאָנאַלע ליטעראַטור, ווי געשיכטע פֿון שטעט אין פּוילן, וואָס האָט אויך מאַטעריאַלן וועגן ייִדן. ער האָט בכלל דורכגעאַקערט אַ ריזיק פֿעלד, און יעדן מינדסטן פּרט אָדער אַפֿילו רמז וואָס קען אויסגענוצט ווערן פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון וועד האָט ער אויסגענוצט און קאָמענטירט. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען אַ ריזיקע, כראָנאָלאָגיש געסדרטע רשימה מקורים וואָס באַלײַכטן דעם אויפֿקום, די אַנטוויקלונג, די רײַכע טעטיקייט און דעם מאָראַלישן פּרעסטיזש פֿון ייִדישן וועד אין פּוילן זינט 1533[1] ביז 1764, ווען ער איז אויפֿגעלייזט געוואָרן פֿון דער פּוילישער מלוכה.

בײַם איבערדרוקן די דאָזיקע דאָקומענטן זײַנען אַ סך טעותים און סתּם

[1] הײַלפּרין דערמאָנט אַגבֿ ניט, אַז בערלין ברענגט אַן אינפֿאָרמאַציע מכּוח אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון וואָלינער קהילות אין בערעסטעטשקע אַזוי פֿרי ווי 1523. קיין מקור ווערט ניט אָנגעגעבן, נאָר אַ הערה, אַז ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין בערעסטעטשקע ערשט אין 1577. וועגן אַנדערע אַסיפֿות אין וואָלין ציטירט בערלין די פּירקאָוויטש־זאַמלונג אין לענינגראַד. עס וואָלט כּדאַי געווען אויסצופֿאָרשן אויף וויפֿל די דאַטע 1523 איז קאָרעקט און פֿון וואַנען שטאַמט די דאָזיקע ידיעה. זען:

Берлин, *Историческія судьбы еврейскаго народа на территоріи Русскаго Государства,* СПБ., 1919, 180.

ניט־פּינקטלעכקייטן קאָרעגירט געוואָרן. די תּקנות, הסכּמות, כּרוזים, בריוו, די טרוקענע רשימות פֿון חובֿות, די ברעקלעך און שטיקלעך פֿון דער פֿרעמד־שפּראַכיקער ליטעראַטור — דאָס אַלץ געבראַכט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר — האָט פּראָדוצירט אַ מאָנומענטאַלע אַנטאָלאָגיע פֿון ערשטע מקורים, וואָס איז אַן אײַזערנער בריק פֿאַר אַ היסטאָריקער וואָס וויל פֿאָרשן דעם וועד.

איבער דעם ריזיקן פֿאַרנעם פֿון דעם דאָזיקן ווערק האָט דער מחבר ניט געקענט זיך אָפּגעבן מיט די עיקרדיקע פּראָבלעמען וועגן דעם אויפֿקום פֿון וועד גופֿא און זײַן שײַכות און באַרירפּונקטן מיטן פּוילישן פּאַרלאַמענטאַריזם און מיט ענלעכע אינסטיטוציעס בײַ ייִדן אין אַנדערע לענדער. אויף דער דאָזיקער טעמע אַגבֿ האָט אין 1939 געזאַלט אַרויס אַן אַרבעט פֿון מאיר באַלאַבאַן ע"ה, אָבער די מלחמה האָט אָפּגעשטעלט דעם זשורנאַל קוואַרטאַלניק היסטאָריטשני, וווּ די דאָזיקע אַרבעט איז אַנאָנסירט געוואָרן.

אין זײַן קורצער הקדמה שרײַבט ישׂראל היילפּרין, אַז וועגן דער געשיכטע פֿון וועד בכלל האָט ער בדעה צו שרײַבן אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפֿיע.

אויב דער מאַטעריאַל וואָס שייך דעם וועד איז גוט צונויפֿגעזאַמלט געוואָרן אין דעם דאָזיקן בוך, פֿעלט אָבער לחלוטין דער מאַטעריאַל פֿון פּוילישן צד. עס פֿעלן די רעזאָלוציעס פֿון די סיימען און די סיימיקעס וועגן פּיסקאַלע התחייבֿותן פֿון די ייִדישע קהילות אין פּוילן. דער אויפֿקום פֿון וועד איז ניט אַזוי אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿון ייִדישן ציבור־לעבן ווי אַ פּראָדוקט פֿון דער פּוילישער פּיסקאַלער פּאָליטיק לגבי ייִדן. די פֿראַגע פֿון אויפֿמאָנען שטײַערן האָט געשפּילט די הויפּטראָלע בײַם שאַפֿן אין פּוילן אָנהייב 16טן י"ה פּראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס פֿון קהילות, די אַזוי גערופֿענע וועדים פֿון גלילות, וואָס זײַנען שפּעטער (מסתּמא פֿאַרן יאָר 1580) אַנטוויקלט געוואָרן אין אַ צענטראַלן וועד, וואָס איז באַקאַנט ווי דער וועד אַרבע ארצות.

מיט דער צײַט האָט זיך אָבער צווישן דער שליאַכטע פֿאַרשפּרייט אַן אומצופֿרידנקייט מיט דער פּיסקאַלער טעטיקייט פֿון וועד גופֿא. די מלוכה־פֿירערס און די סיים־דעפּוטאַטן האָבן אָנגעהויבן פֿאָדערן, אַז דער וועד זאָל ליקווידירט ווערן, ווײַל ער ברענגט ניט אַרײַן יענע סומעס געלט וואָס מען האָט פֿון אים דערוואַרט. מען האָט געטענהט, אַז אָן דער פֿאַרמיטלערײַ פֿון וועד קען דער פּוילישער מלוכה־אוצר אַרײַנבאַקומען דירעקט פֿון ייִדישע שטײַערן אַ סך אַ גרעסערן סכום געלט. עס זײַנען אין בוך ניט פֿאַראַן אָט די צוויי גרופּעס מאַטעריאַלן: די באַרירפּונקטן צווישן דער פּאָליטיק פֿון די פּראָווינציעלע פּוילישע פּאַרלאַמענטן (די סיימיקעס) און דער אויטאָנאָמישער קערפּערשאַפֿט פֿון ייִדן, ווי אויך די שטימען פֿון דער פּוילישער פּובליציסטיק און פֿון די סיים־דעפּוטאַטן קעגן דעם וועד. עס איז כּדאַי אָנצוּווײַזן, אַז דער פּוילישער סיים האָט אין 1748 שוין געפֿאָדערט צו פֿאַרווערן אַסיפֿות, וואָס זייער כּוונה איז „אויספּרעסן שטײַערן פֿון אָרעמע ייִדן".[2]

---

[2] W. Konopczyński, *Djarjusz Seymu 1748,* Warszawa, 1911, 328-29; *Djarjusze sejmowe z 18 w.* (*1750-58*), Warszawa, 1937;

י. שאַצקי, יוואָ־בלעטער, ב' XXIII, ז' 221.

אזעלכע שטימען קעגן דעם וועד פּאַסן זיך אַריַין אָרגאַניש אין אַזאַ אַנ־
טאָלאָגיע פֿון מקורים. זיי שפּיגלען אָפּ די געזעלשאַפֿטלעכע רעאַקציע אין פּוילן
לגבי דער ייִדישער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע. מיט דעם איז ענג פֿאַרבונדן
די ווײַט פֿאַרשפּרייטע לעגענדע אין דער פּובליציסטיק פֿון 18טן י״ה, טאַקע
נאָך דער ליקווידאַציע פֿון וועד, וואָס רעדט אָפּט וועגן די כּלומרשטע פֿאַר־
לוסטן וואָס דער פּוילישער מלוכה־אוצר האָט געהאַט איבער דעם וועד.

געוויסע דאָקומענטן פֿאָדערן מילואים און קאָרעקטיוון. אין דאָקומענט ל״ה
ווערט דערמאָנט שלמה בן מרדכי פֿון גנעזן. עס איז פֿאַראַן וועגן אים אַ דאָ־
קומענט אַ סך אַ שפּעטערער, פֿון יאָר 1611.[3] וועגן ר׳ יעקב בן נפֿתּלי מגנזין
(ז׳ 72) איז כּדאַי אָנצוּווײַזן, אַז ער איז געווען אין איטאַליע צוויי מאָל. ער
ווערט אַגבֿ דערמאָנט ווי דער קאָרעקטאָר פֿון יון מצולה, וואָס איז אַרויס
אין ווענעציע אין יאָר 1653. וועגן אליקום בן אָשר זעליג מיאַמפּלי, דעם
שתּדלן אין עלילת־דם־פּראָצעס פֿון 1753, וואָס איז געפֿאָרן צום פּויפּס מכּוח
אַ בולע (זז׳ 398, 428, 433), איז פֿאַראַן אַ ניט־אויסגענוצטער אַרכיוו־
מאַטעריאַל אין אַ ווערק וועגן פּוילישן לעבן אין רוים.[4]

יקותיאל זלמן בן יעקב מפּוזין (ז׳ 108) ווערט אויך דערמאָנט צווישן
די פּרנסים פֿון דרײַ מדינות אין לובלין אין שײַכות מיט אַ הסכּמה אויפֿן
ספֿר ליקוטי האור.[5]

וועגן דער שײַכות צווישן וועד און די ייִדן אין אַמסטערדאַם איז אויך
פֿאַראַן אַ ביסל מאַטעריאַל וואָס איז ניט אויסגענוצט געוואָרן. אַזוי למשל
אין שײַכות מיטן זעלבן עלילת־דם אין פּאַוואָלאָטש (1753) איז פֿאַראַן אַ
פּראָטעסט־רעזאָלוציע פֿון די גענעראַל־שטאַטן אין נידערלאַנד. די קהילות אין
בראָד און לעמבערג האָבן זיך געווענדט צו די פּרנסים פֿון דער „הויפּטדײַטשער
ייִדישער נאַציע אין אַמסטערדאַם״ וועגן הילף און וועגן באַקעמפֿן די רדיפֿות
אויף ייִדן אין פּוילן בכלל און קעגן דעם עלילת־דם בפֿרט. די דאָזיקע רעזאָ־
לוציעס זײַנען געדרוקט.[6]

ביאָגראַפֿישע פּרטים וועגן יקותיאל בליץ, דעם איבערזעצער פֿון תּנך אויף
ייִדיש, וואָס איז אַרויס מיט דער הסכּמה פֿון וועד, זײַנען פֿאַראַן אין עלטערע
האָלענדישע שריפֿטן.[7]

---

[3] A. Warschauer, *Geschichte der Stadt Gnesen*, 1918, 131.

[4] Maciej Loret, *Zycie polskie w Rzymie w XVIII wieku*, Roma, S.A., 84-90, 349;
וויכטיק איז דער אַרטיקל פֿון באַלאַבאַן אין: *Nasz Przegląd*, 21 Listopada 1937.

[5] M. Steinschneider, *Catalog der heb. Handschriften in der Stadtbibliothek zur Hamburg*, Hamburg, 1818, 301.

[6] *Hillesum in Centraal Blaad voor Israelieten in Nederland*, No. 1, 1916.

[7] M. Sluys, *De ambtsdata van de Oudste Opperrabbijner bij de Hoogduitsche Joodsche Gemeente te Amsterdam (1640-1706)*, 1917.
דער זעלבער אין:
Bijdragen van het Genootschap voor de Joodsche Wetenschap in Nederland, 3, 1925, 137-158; *Maarsen*, V, 1933, 128.

פֿאַרן יאָר 1748 איז פֿאַראַן אַן אינסטרוקציע אין די גראָדסקער אַקטן וואָס האָט אויך געקענט אַרײַנגענומען ווערן.[8]

פֿאַר דער פּראָבלעם חובֿות אין שײַכות מיט דער ליקווידאַציע פֿון וועד איז וויכטיק די אַרבעט פֿון גאַלאַנטן.[9]

וועגן די חובֿות פֿון אַפּט, סאָניק און אַנדערע קהילות איז פֿאַראַן מאַ־טעריאַל אין אַ פּוילישער מאָנאָגראַפֿיע.[10]

וועגן דער שײַכות צווישן די פּוילישע סיימיקעס און די וועדי הגלילות איז פֿאַראַן מאַטעריאַל וועגן וואָלין.[11]

עס וואָלט אויך ניט געשאַט בעסער זיך אַ גריבל צו טאָן אין דער עלטערער פּוילישער רעגיאָנאַלער ליטעראַטור ווו מען געפֿינט אַ סך וויכטיקע פּרטים וועגן דער טעטיקייט פֿון וועד. אויף אַ פּאָר איז כּדאַי דאָ אָנצוּווײַזן.[12] די קליינע שליאַכטע האָט אין אירע סיימיקעס געקעמפֿט אַ סך שאַרפֿער קעגן ייִדן, ווי דאָס האָט געטאָן די גרויסע שליאַכטע, מחמת דעם וואָס די קליינע שליאַכטע איז געווען גרייט איבערצונעמען אַ רײי ווירטשאַפֿטלעכע פֿונקציעס וואָס די גרויסע שליאַכטע האָט בדרך־כּלל אָנפֿאַרטרויט ייִדן.[13]

אַ גרויס אָרט פֿאַרנעמען אין דעם בוך די פֿולע טעקסטן פֿון די הסכּמות פֿון פֿאַרטרעטערס פֿון וועד. עס איז בלי ספֿק אַ וויכטיקער מאַטעריאַל. די טעקסטן גופֿא זײַנען אפֿשר איבעריק, זיי זאָגן גאָרניט. עס וואָלט גענוג געווען צו געבן דעם טיטל, די דאַטעס און די נעמען פֿון די בעלי הסכּמות. דאָס זײַנען אָבער

---

[8] Akta grodskie i ziemskie, XXIII, 272 (Instrukcja 35).

בכלל זײַנען די אַרכיוואַקטן ווי Lauda sejmikowe halickie (בענד 24 און 25) ניט אויס־גענוצט געוואָרן. אויך ניט די Lauda wiszyńskie (ב׳ XXI פֿון Akta grodskie i ziemskie) וואָס נעמען אַרום די תּקופֿה פֿון 1577 ביז 1673 (צוויי בענד).

זען אויך:

Prochaska, *Sejmik wiszeński a Żydzi*, Przew. n-1, 1920, 755-768.

[9] *Збірник жід. ком.*, Київ, II, 117—137.

[10] Julian Ataman, *W. H. Sierakowski i jego rządy w diecezji przemyskiej*, Warszawa, 1936, XVIII, 330 pp.

[11] K. Pułaski, *Szkice i poszukiwania historyczne*, 1898, 173-200.

עס איז כּדאַי אַרויסצונעמען די רעזאָלוציעס פֿון די פּוילישע סיימיקעס און זען וואָס פֿאַר אַ פֿאָדערונגען זיי האָבן געשטעלט די ייִדישע וועדים, און אויף וויפֿל ייִדישע פּרנסים האָבן אויסגעפֿאָלגט די דאָזיקע פֿאָדערונגען. אויב דער מלוכה־אוצר האָט געשטעלט פֿיסקאַלע פֿאָדע־רונגען צום וועד המדינה, האָבן די סיימיקעס עס געשטעלט לגבי די וועדי הגלילות. דער צווישנאַנאַנדיקער קאָנטאַקט איז נאָך ניט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן ווי עס דאַרף צו זײַן.

[12] Archiwum Sanguszków, V, Lwów, 1897.

די פֿינף מאָנאָגראַפֿיעס פֿון גלח Baracz וועגן בראָד (1865), בוטשאַטש (1882), זשאָלקווע, יאַזלאָוויץ און סטאַניסלאַוו, אויך די אַרבעט פֿון:

M. Landes, *Zur Geschichte der Juden in Polen, Neuzeit*, 1888, 40, 41 (הײַל־פּרין סימן תרנב, ז׳ 332).

[13] J. A. Gierowski, *Sejmik generalny Księstwa Mazowieckiego*, Wrocław, 1948.

פֿאַר דער געשיכטע פֿון שטײַערן איז זייער וויכטיק דאָס בוך פֿון:

R. Rybarski, *Skarbowość Polski w dobie rozbiorów*, Kraków, 1937.

אַלץ קלײנע פּגימות וואָס לגבי דעם פֿאָרנעם פֿון דעם דאָזיקן מאָנומענטאַלן ווערק זײַנען זיי ניט וויכטיק. הײַלפּרינס אַרבעט געהערט צו די וואָגיקסטע פּובליקאַציעס וואָס זײַנען אַרויס אין די לעצטע יאָרן אויפֿן געביט פֿון ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע. עס איז אַן אַרבעט וואָס וועט אָפּגעשאַצט ווערן ערשט יע־מאָלט, ווען מען וועט זוכן מילואים זי צו דערגאַנצן. דאָס סאַמע עיקרדיקע איז שוין דאָ אין דעם דאָזיקן באַנד.

דאָס בוך ווערט אַזוי אַרום אַ וויכטיקער מקור פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין אַמאָליקן פּוילן.

ד״ר יעקבֿ שאַצקי

אַ געשיכטע פֿון ייִדן אין אַמעריקע

Anita Libman Lebeson, *Pilgrim People,* Harper Bros., New York, 1950, 624 pp.

דאָס בוך פֿאַרמעסט זיך אויף אַ געשיכטע פֿון ייִדן אין דער אַמעריקאַנער העמיספֿער זינט דער אימיגראַציע פֿון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע ייִדן ביז דער איצטיקער צײַט. באַטראַכטנדיק דאָס ווערק ווי אַ „פּיאָנירישע אַרבעט״, באַמיט זיך די מחברטע צו געבן אַ באַריכט וועגן דעם ייִדישן צו־שטײַער צו דעם אַמעריקאַנער לעבן. אין דעם דאָזיקן באַריכט, וואָס איז אַראַנזשירט כראָנאָלאָגיש, פֿאַרנעמען ייִדישע פּערזענלעכקייטן אַ צענטראַלע פּאָזיציע. די מחברטע, וואָס האָט באַנוצט ווי אַ מקור דער עיקר די פּובליקאַ־ציעס פֿון דער „אַמעריקאַנער ייִדישער היסטאָרישער געזעלשאַפֿט״, האָט אָנגע־פֿילט דאָס בוך מיט ביאָגראַפֿיעס פֿון מענער און פֿרויען וואָס האָבן זיך קונה שם געווען אין דער אַמעריקאַנער וועלט. ווי אין אַ רייי אַנדערע ווערק פֿון דעם מין, באַגעגענען מיר אין דעם ווערק אויך חיים סאַלאָמאָן, דעם פֿינאַנצירער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה; יהודה טוראָ, דעם פֿילאַנטראָפּ און העלד פֿון דער מלחמה פֿון 1812; יהודה פּ. בנימין, דעם „מוח״ פֿון דער דרומדיקער קאָנפֿעדעראַציע; די שעפּטאַל־משפּחה פֿון דזשאָרדזשיע און אַנ־דערע וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף פֿאַרשיידענע געביטן. די דערציי־לונגען וועגן די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן פֿאַררוקן אין אַ זײַט די קורצע און צופּעליקע באַריכטן וועגן דעם וווּקס פֿון די קהילות, וועגן דער גרינדונג פֿון פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און אַנדערע געשעענישן אין די חשובֿסטע ייִדישע קהילות אין אַמעריקע.

צו ווײַזן, אַז ייִדן אין אַמעריקע האָבן „אַליין אויך אויסגעפּרוּווט זייער אייגענעם נוסח״ באַנוגנט זיך די שרײַבערין מיט אַ קורצער געשיכטע פֿון פֿריִען ייִדישן זשורנאַליזם און גיט אָן די ראָשי־פּרקים פֿון די הויפּטטעמעס וואָס זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן אין די זשורנאַלן *Occident* און *Asmonean*. מיט דעם איז די מחברטע יוצא לגבי דער פֿרײַיקער תּקופֿה פֿון ייִדישער געשיכטע אין אַמעריקע. אַזאַ מין באַהאַנדלען די פֿריִע תּקופֿה קאָן די שרײַ־

בערין נאָך אַפּשר באַרעכטיקן מיט אַ פּרעצעדענט פֿון איר פֿריִערדיק בוך, *Jewish Pioneers in America*, אָדער די ביכער פֿון אַנדערע מחברים וואָס האָבן אָנגענומען דאָס דאָזיקע בוך ווי אַ מוסטער.

דער לעצטער טייל פֿון בוך, וואָס באַהאַנדלט די תּקופֿה פֿון 1880 ביז הײַנט צו טאָג, איז גאָר שטאַרק געשלאָגן הן אין פּרט פֿון אינהאַלט הן אין פּרט פֿון ריכטיק אָרגאַניזירן דעם מאַטעריאַל. די געשעענישן וואָס ווערן באַהאַנדלט זײַנען צעוואָרפֿן, און דער לייענער איז ניט נאָר צעטומלט, נאָר עס איז פֿאַר אים לחלוטין אוממעגלעך זיך צו אָריענטירן אין דעם וויכטיקסטן פּעריאָד פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין אַמעריקע וואָס איז אַזוי רײַך אין היסטאָרישע מאַטעריאַלן. לאָמיר אַפֿילו אָננעמען, אַז די שרײַבערין איז ניט באַקאַנט מיט דער ייִדישער פּרעסע אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן חוץ ענגליש, אָדער זי האָט ניט געהאַט קיין צוטריט צו איר, זײַנען דאָך נאָך פֿאַרט פֿאַראַן גענוג מאַטעריאַלן אין דער ייִדיש־ענגלישער פּרעסע און אין די פֿאַרשיידענע מאָנאָגראַפֿיעס אויף ענגליש, וואָס באַהאַנדלען די דאָזיקע תּקופֿה פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער געשיכטע.

דאָס בוך דערפֿירט ניט צום ציל און גיט ניט די געשיכטע פֿון ייִדן אין אַמעריקע; עס איז ניט ממלא דאָס פֿעלן פֿון אַ בוך פֿאַר אַמעריקאַנער ייִדישער געשיכטע. דאָס בוך איז ניט קיין טעקסטבוך און אויך ניט קיין אינפֿאָרמאַטיוו בוך וואָס זאָל געבן אַ פֿולדיק בילד פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן.

עס איז שוין די העכסטע צײַט אַז שרײַבערס פֿון אַמעריקאַנער ייִדישער געשיכטע זאָלן אויפֿהערן שרײַבן אַפּאָלאָגעטישע ביכער וואָס גלאָריפֿיצירן די ייִדישע צושטײַערן, אָדער בעסער געזאָגט, צושטײַערן פֿון ייִדישע יחידים, צום אַמעריקאַנער לעבן. מיר דאַרפֿן אַ פֿולדיקע אויספֿאָרשונג פֿון דעם אויפֿקום און דער אַנטוויקלונג פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער קהילה, די עטאַפּן וואָס זי איז דורכגעגאַנגען ביז זי האָט דערגרייכט איר איצטיקן מצבֿ. מיר דאַרפֿן אַ גוטע אַמעריקאַנער ייִדישע געשיכטע און ניט אַ געשיכטע פֿון געוויסע ייִדן אין אַמעריקע, ווי עס איז דאָס דאָזיקע בוך. אַזאַ מין בוך, אַ ייִדישע געשיכטע אין אַמעריקע, איז לעת־עתּה נאָך אַלץ ניטאָ, עס איז נאָך אַלץ אין דער ספֿערע פֿון ווונטשן.

לעאָ שפּאַל

מוזיק־קולטור בײַ ייִדן

דב שטוק, המנגן המופלא. חיי יוסף מיכאל גוזיקוב וסביביהם, הוצאת מ. ניומן, תל־אָביבֿ, תש״ז, 192 זז׳, אילוסטרירט.

די געשטאַלט פֿון יוסף מיכאל גוזיקאָוו (1806—1837), אַ שקלאָווער ייִד וואָס האָט בשעתו אַרויסגערופֿן באַוווּנדערונג אין דער מוזיקאַלישער וועלט מיט זײַן שפּילן אויף אַ מין צימבל, וואָס ער האָט כּלומרשט פֿאַר זיך קאָנ־

סטרויִרט, האָט בלי ספק פֿאַרדינט אַ מאָנאָגראַפֿיע. שוין דער אינסטרומענט גופֿא וואָס איז באַשטאַנען פֿון הילצערנע ברעטלעך, אויסגעלייגט אויף אַ שטרויענעם אונטערשלאַק, איז געווען אינטערעסאַנט. הגם דער קלאַנג פֿון דעם דאָזיקן אינסטרומענט איז ניט געווען קיין הויכער, דאָך האָט ער פֿאַרכאַפּט מיט זײַן ווייכן און זיסן טאָן און האָט זיך אידעאַל אַרײַנגעפּאַסט אין יענער תּקופֿה פֿון ראָמאַנטיק. פֿעליקס מענדעלסאָן־באַרטאָלדי, וואָס האָט אים געהערט שפּילן אין 1836, שרײַבט אין אַ בריוו, אַז גוזיקאָוו איז „אַן אמתער פֿענאָמען, אַן אַנטיק וואָס שטייט ניט נידעריקער פֿון קיין שום ווירטואָז אין דער וועלט, ניט לויט זײַן אופֿן שפּילן, ניט לויט זײַן רײַפֿקייט". ווײַטער שרײַבט ער, אַז ער האָט אַ לאַנגע צײַט ניט געהאַט אַזוי פֿיל פֿאַרגעניגן אויף אַ קאָנצערט, ווי אויף דעם דאָזיקן, ווײַל „ער [גוזיקאָוו] איז בפֿירוש אַן אמתער זשעני".

די דאָזיקע בלי ספק קאָמפּעטענטע מיינונג האָט באַדאַרפֿט אַרויסרופֿן אַן אינטערעס ניט נאָר פֿאַר דער עקזאָטישער געשטאַלט פֿון דעם שקלאָווער קלעזמער, וואָס שטאַמט פֿון דורות קלעזמאָרים, נאָר קודם־כּל פֿאַר דער קולטור־היסטאָרישער אינטערפּרעטאַציע פֿון דעם עצם ענין ייִדישע מוזיק־קולטור אין מיזרח־אייראָפּע. גוזיקאָוו איז ניט מער ווי אַ קאַפּריזנע אויסשטראַלונג פֿון יענער תּקופֿה. עס באַווײַזט וואָס די מוזיק־געשיכטע האָט פֿאַרלאָרן טאַקע צוליב דער רעכטלאָזער לאַגע פֿון ייִדן און אַנטפּלעקט אויך די דרכים אויף וועלכע עס איז געגאַנגען דער ייִדישער מוזיקאַלישער גאון, וואָס האָט געפֿונען די וועלט פֿון דרויסן פֿאַר זיך פֿאַרמאַכט און די אייגענע ייִדישע וועלט ווײַט ניט פֿרײַנדלעך געשטימט פֿאַר סתּם קינסטלערישע מאַניפֿעסטאַציעס. די קלעזמערשע ייִדישע קולטור ווי אַ טייל פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־קולטור איז רײַך אין מאַטעריאַלן וואָס באַווײַזן, אַז אַזעלכע קינסטלערס ווי גוזיקאָוו זײַנען געווען פֿאַר אים אויך, און עטלעכע האָבן אַפֿילו אַרויסגערופֿן אַן אינטערעס מצד דער ניט־ייִדישער מוזיקאַלישער וועלט. יענע ספּאָראַדישע דערשײַנונגען זײַנען אָבער ניט געווען אַזוי פּיקאַנט און סענסאַציאָנעל ווי דער פֿאַל יוסף מיכאל גוזיקאָוו. מען האָט וועגן אַנדערע געשריבן וויניק אָדער אין גאַנצן ניט און ממילא האָבן זיי ניט זוכה געווען פֿאַראייביקט צו ווערן אין מאָנאָגראַפֿישע אַרבעטן.

דער מחבר פֿון דעם דאָזיקן בוך איז דער לעקטאָר פֿאַר ייִדיש אין ירושלימער אוניווערסיטעט און איז מער באַקאַנט איצט מיט זײַן העברעיִזירטן נאָמען סדן. אין דער דאָזיקער שיינער און גראַציעז געשריבענער מאָנאָגראַפֿיע האָט ער צונויפֿגעזאַמלט אַ שלל נײַע מאַטעריאַלן, על־פּי רובֿ פֿון אַ ביבליאָגראַפֿישן ווערט אײדער אַ היסטאָרישן. ער האָט אויספֿירלעך באַשריבן גוזיקאָווס לעבן, זײַן טריומפֿאַלן צוג איבער די גרויסע צענטערס פֿון מוזיקאַלישן לעבן אין אייראָפּע און זײַן פֿריצײַטיקן טויט. חוץ דעם האָט ער קריטיש אַנאַליזירט אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן אים נאָך זײַן טויט און באַוויזן, אַז זייער וויניק נײַס איז צוגעגעבן געוואָרן צו דעם וואָס די ערשטע מוזיקאַלישע ענציקלאָפּעדיעס האָבן געהאַט צו דערציילן באַלד נאָך גוזיקאָווס טויט.

ער קאָרעגירט אויך אַ סך טעותים וואָס מען חזרט נאָך איבער עד היום, אײַנגעשלאָסן גוזיקאָווס נאָמען. עס איז אָבער ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס דער מחבר גופֿא רופֿט אים יוסף מיכאל, בעת אויף דעם ייִדישן בריוו (רעפּראָדוצירט אין דעם בוך אויף ז' 66) חתמעט ער זיך: י ח י א ל מ י כ ל גוזיקאָוו. בכל אופֿן האָט ער ניט געהייסן מרדכי יוסף, ווי עס ווערט אומעטום אָנגעגעבן.

אין דער דאָזיקער לעבעדיק געשריבענער מאָנאָגראַפֿיע זײַנען קונציק אײַנגעפֿלאָכטן געוואָרן די מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע אָדער אומדירעקטע שײַכות מיט דער פֿענאָמענאַלער רײַזע פֿון דעם ערשטן „געטאָ"־מוזיקער פֿון מיזרח־אייראָפּע איבער אַ ריי לענדער און מיטן סענסאַציאָנעלן דערפֿאָלג פֿון זײַן שפּילן, וואָס האָט אימפּאָנירט ניט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון רעפּערטואַר (על־פּי רובֿ סלאַווישע ניגונים), נאָר פֿון דעם עצם אויספֿירן און אַרויסברענגען פֿון אַ פּרימיטיוון אינסטרומענט פֿאַרכּישופֿנדיקע טענער. מען האָט וועגן גוזיקאָוון געשריבן אָדעס און שפּעטער טרויערלידער. ער איז געווען אַן אָביעקט פֿון אַ פּרעסע־רעקלאַמע, זעלטן צו באַגעגענען אין יענער צײַט. אפֿשר אַבֿרהם יעקבֿ שטערן (1762—1842), דער פֿרומער מאַטעמאַטיקער־אויטאָדידאַקט און אויסגעפֿינער פֿון אַ רעכן־מאַשין, וואָלט זיך געקענט פֿאַרגלײַכן מיט אים וואָס שייך אָנערקענונג מצד דער ניט־ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג.

אָבער ווי אינטערעסאַנט אַזאַ גוזיקאָוו זאָל ניט זײַן, איז ער דאָך ניט קיין יחיד במינו ווי מען מיינט. די רשימה פֿון ייִדן־מוזיק־קינסטלערס, על־פּי רובֿ אויטאָדידאַקטן, איז ווײַט ניט קיין קליינע אין דער תּקופֿה פֿון פֿאַר דער רעוואָלוציע פֿון 1848. גוזיקאָוו שטעלט פֿאָר מיט זיך מער אַ פּיקאַנטע דערשײַנונג; ער שטעקט אָבער אין אַן עלטערער היסטאָרישער טראַדיציע פֿון ייִדישער מוזיק־קולטור און היסטאָריש איז ער אַ המשך און ניט קיין יוצא־מן־הכּלל. אין מיזרח־אייראָפּע ווערן ייִדן־ווירטואָזן פֿאַרצייכנט פֿאַר גוזיקאָוון און אויך אין דער זעלבער צײַט, ווען ער האָט געלעבט. אפֿילו דער אינסטרומענט אויף וועלכן גוזיקאָוו האָט געשפּילט איז געווען באַקאַנט און פּאָפּולער בײַ ייִדן אַ סך פֿריִער פֿאַרן 17טן י"ה.[1]

אַ באַרימטער צימבלשפּילער, Josel Cymbalista, האָט געלעבט אין ווילנע סוף 18טן י"ה.[2]

האַרפֿנשפּילערס זײַנען בײַ פּוילישע ייִדן געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז אויף ייִדיש האָט מען סוף 18טן י"ה גערופֿן אַזאַ שפּילער סאַרקאַסטיש: חרפּה־שפּילער.[3]

עס זײַנען פֿאַראַן אַ סך דאָקומענטן וועגן אומגעלונגענע באַמיִונגען פֿון

---

[1] Anton Buchholtz, *Geschichte der Juden in Riga*, 1899, pp. 23-24.

[2] Antoni Miller, *Teatr i muzyka na Litwie*, Wilno, 1936, p. 169.

[3] Malwina Meyerson, *Z ciasnej sfery*, Warszawa, 1878, p. 47.

ייִדן־מוזיקערס (ניט סתּם קלעזמאָרים) צו געבן קאָנצערטן אין דעם ערשטן פֿערטל 19טן י"ה, בפֿרט אין דעם פּרײַסישן טייל פֿון פּוילן.[4]

אין די יאָרן 1820—1840 האָבן אין וואָלין געשפּילט קאָנצערטן אין די פּוילישע פּריצישע היימען צוויי ברידער ליימאַן, איינער אַ פֿידלער און דער צווייטער אַ טשעליסט. זיי ווערן אַפֿילו דערמאָנט אין דער מיטצײַטלערישער פּרעסע, אָן דעם סענסאַציע־עלעמענט וואָס גוזיקאָוו האָט אַרויסגערופֿן.

גאָר פּראָמינענט איז געווען דער צימבלשפּילער מרדכי פֿײַערמאַן (1810—1895) וועגן וועמען עס האָבן אין פּוילן געשריבן פּאָעטן און זשורנאַליסטן. וועגן די שטרויענע צימבלען, וועלכע ס'האָט כּלומרשט אַנטדעקט גוזיקאָוו, שרײַבט שוין אַ פּוילישער אַלמאַנאַך, *Teatr polski*, סוף 18טן י"ה.[5]

אַ גוואַלדיקן רושם האָט געמאַכט משה סאָקאָלאָווסקי (געבוירן אין פּאָהרע־בישטשע, וואָלין, 1818, געשטאָרבן אין ווילנע אין 1884) מיט זײַן שפּילן אויף אַ טאָפּלטער גיטאַרע, פֿון אים פֿאַרבעסערט. די דאָזיקע גיטאַרע האָט גע־האַט צוויי העלדזער און צען סטרונעס.

קאַראָל ליפּינסקי, אַ באַרימטער פּוילישער פֿידלער (1790—1861), איז גע־ווען באַגײַסטערט פֿאַר גוזיקאָוון און האָט זיך בכלל אינטערעסירט מיט פֿאָלקס־טאַלענטן און זיי געהאָלפֿן מיט זײַן אויטאָריטאַטיוון וואָרט און פֿאַכמענישער עצה.

פֿון די אויבן געבראַכטע פֿאַקטן איז קלאָר, אַז ייִדישע מוזיקאַלישע וויר־טואָזיטעט אין מיזרח־אייראָפּע איז בימי גוזיקאָוו ניט געווען אַזאַ זעלטענע דערשײַנונג ווי מען מיינט. גוזיקאָוו האָט געהאַט מזל צו מעצענאַטן און צו דער פּרעסע. דאָס וואָס ער איז געווען אַ פֿרומער ייִד און אויסגעזען זייער עקזאָטיש און האָט ניט געקענט קיין נאָטן — דאָס אַלץ האָט צוגעשפּילט צו זײַן סענסאַציאָנעלן דערפֿאָלג. ער איז געשטאָרבן אין דער פֿרעמד (אין אַכן) יונג און פֿאַרגעסן און איז געבליבן באַגראָבן אין שטויב פֿון אַלטע בלעטער. אַפֿילו אין שקלאָוו, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, האָט מען אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט, בעת א. ליטווין ע"ה האָט געזאַמלט מאַטעריאַל פֿאַר זײַנע ייִדישע נשמות, שוין ניט געדענקט זײַן נאָמען.

שטוקס מאָנאָגראַפֿיע איז געבויט אויף אַ רײַכן מאַטעריאַל און לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס. דאָס בוך לעבט אויף אַ פֿאַרגעסענע פֿיגור, אַ טראַגיש געשטאַלט, אויב מען פֿאַרטראַכט זיך טיפֿער אין זײַן גורל.

צווישן די מקורים וואָס זײַנען וויכטיק פֿאַר גוזיקאָווס ביאָגראַפֿיע, און וואָס זײַנען פֿון מחבר ניט אויסגענוצט געוואָרן, איז כּדאַי צו ברענגען די ווײַטערדיקע:

1. F. S. Gassner, *Universal Lexikon der Tonkunst*, Stuttgart, 1849, p. 391.

---

[4] Hugo Sommer, "Das musikalische Leben in Posen zu Anfang des 19 Jahrhunderts," *Hist. Monatschriften*, Posen, XVIII, pp. 65-81.

[5] *Encyklopedja Staropolska Glogiera*, I, pp. 255-256; W. Szymanowski, "Ostatni cymbalista warszawski," *Tygodnik illustrowany*, 1867.

ער שרײַבט, אַז נאָך גוזיקאָווס טויט האָט מען געפֿונען 20,000 דוקאַטן. גיט אָן דעם יאָר פֿון געבוירן — 1809.

2. *Leipziger Allgemeine Musikalische Zeitung*, 1936, 463.

צווישן אַנדערע ענינים ווערט דאָרט דערציילט, אַז גוזיקאָוו האָט אַרומגעוואַנדערט אונטער פֿאַרשיידענע נעמען, כּדי „אויף ס'נײַ תּמיד אַרויסצורופֿן פֿאַר זיך די באַוווּנדערונג פֿון דער וועלט". אַנדערע מקורים באַשטעטיקן דאָס ניט.

3. Karl Estreicher, *Teatry krakowskie*, 1873, I, pp. 298-299.

ער דערציילט וועגן גוזיקאָווס קאָנצערטן אין קראָקע אין מײַ 1835 און גיט אָן די פּראָגראַם. אין 1841 האָט אין קראָקע געשפּילט אויף דעם זעלבן אינסטרומענט אַ ייִד הענריק שאַפּיראָ (דצ"וו, ז' 392). אין 1853 האָט אַ קראָקעווער ייִד יעקבֿ געשפּילט אַפֿילו דעם זעלבן רעפּערטואַר וואָס גוזיקאָוו, בעת יענער איז דאָרט געווען אין 1835, אַ באַווײַז, אַז אומדירעקט האָט דער שקלאָווער צימבלשפּילער געשאַפֿן אַ שול.

4. Augustus Granville, *St. Petersburg, A Journal of Travels to and from that Capital*, London, 1828.

דער מחבר איז געווען אַ באַרימטער ענגלישער רופֿא. זײַנע זכרונות געהערן צו די וויכטיקסטע רײַזעווערק פֿון דער ערשטער העלפֿט 19טן י"ה. אין ערשטן באַנד (זז' 407—409) דערציילט דער מחבר וועגן אַ ייִדישן קלעזמער וואָס האָט אין אַ רעסטאָראַן אין פּאַלאַנגע (פּאָלאַנגען) געשפּילט אויף אַן אינסטרומענט „וואָס איז אויסגעפֿונען געוואָרן מיט זעקס יאָר צוריק". דאָס שפּילן ווי אויך דער אינסטרומענט גופֿא האָט דעם ענגלישן רײַזנדער אַזוי באַגײַסטערט, אַז ער האָט דעם ייִדישן קינסטלער פֿאַרבעטן צו קומען קיין לאָנדאָן, ווײַל דאָס איז די שטאָט „פֿאַר אַלע נײַע וווּנדער". הגם ער גיט ניט אָן דעם נאָמען פֿון דעם שפּילער, איז אָבער פֿון דער באַשרײַבונג פֿון אינסטרומענט און פֿון דער צײַט קלאָר, אַז דאָס איז געווען גוזיקאָוו. אויב די דאָזיקע השערה איז אַ ריכטיקע, הייסט עס, אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן קאָנצערטירן אין 1828 און ניט אין 1830, ווי מען רעכנט.

5. *Одесский Вестник*, 1833, 63, 1837, 49.

עס ווערט דאָרט ציטירט פֿון מ. בערעגאָווסקי, „ייִדישע קלעזמער, זייער שאַפֿן און שטייגער", געדרוקט אין זאַמלבוך סאָוועטיש, 12, מאָסקווע, 1941, 421. עס ווערט דערציילט וועגן זײַנע קאָנצערטן אין אָדעס און אין אַנדערע שטעט.

6. Feliks Starczewski, "Warszawska muzyka w roku 1835," *Kwartalnik muzyczny*, 1929, IV, 436 sq.

וועגן די קאָנצערטן אין לעמבערג און לובלין.

7. *Большая Советская Энциклопедия*, XIX, 777.

וועגן דעם, אַז גוזיקאָוו האָט קיין נאָטן ניט געקענט און אין זײַן רעפּערטואַר זײַנען אויך געווען ייִדישע און פּוילישע פֿאָלקסלידער.

8. Alicja Simonówna, "Życie muzyczne w świetle 'Pamiętniki' Józefa hr. Krasińskiego (1783-1845)," *Polski rocznik muzykologiczny*, I, 1935, 102 sq.

קראַשינסקי דערציילט וועגן אַן אַלטן און בלינדן ייִדן פֿון בראָד, וועמען ער האָט געהערט שפּילן אין לאָנדאָן אין 1836. אַז דאָס איז ניט געווען גוזיקאָוו איז קלאָר, ווײַל יענער איז ניט געווען אין לאָנדאָן בכלל און איז ניט געווען בלינד. דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דער באַשרײַבונג איז אַז דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער צימבלשפּילער האָט געשפּילט אויף דעם זעלבן אופֿן און אויך אויף אַן ענלעכן אינסטרומענט ווי גוזיקאָוו. דער מחבר דערציילט, אַז אין דער געגנט פֿון לענטשיץ האָט זיך אין די ערשטע יאָרן פֿון 19טן י״ה באַרימט געמאַכט מיט אַזאַ שפּילן אַ ייִדישער קלעזמער.

9. Józef Reiss, *Almanach muzyczny*, Kraków, 1939, I.

ער דערציילט וועגן די פֿיר קאָנצערטן אין קראָקע אין 1835 און וועגן דער פּאָלעמיק אין דער מיטצײַטלערישער פּרעסע וואָס שייך דעם מוזיקאַלישן ווערט פֿון גוזיקאָווס אינסטרומענט.

10. A. Poliński, *Dzieje muzyki polskiej*, 1907, 228.

שרײַבט וועגן דער ניט־עסטעטישקייט פֿון גוזיקאָווס אינסטרומענט.

וועגן דער טראַדיציע פֿון צימבל־מוזיק בײַ ייִדן אין רוסלאַנד און איר אַנטוויקלונג דערציילט דער היסטאָריקער ניקאָלײַ פֿינדאײזען (Николай Финдейзен) אין זײַן אַרטיקל: "Еврейские цимбалы и цимбалисты Лепянские", געדרוקט אין זאַמלבוך *Музыкальная Этнография*, לענינגראַד, 1926, זז׳ 42—37 (מיט נאָטן און היסטאָרישע עקסקורסן).

בכל אופֿן איז שוין פֿאַראַן גענוג מאַטעריאַל, כּדי אַנשטאָט צו שרײַבן באריכות וועגן איין פּרט אין דער געשיכטע פֿון מוזיק־קולטור בײַ ייִדן, זאָל מען בעסער צוטרעטן צו אַ דעפֿיניטיווער מאָנאָגראַפֿיע וואָס זאָל געבן אַן אַל־זײַטיק בילד פֿון דער ייִדישער מוזיק־קולטור. מוזיק־קולטור בײַ ייִדן אין דער תּקופֿה פֿון פֿאַר דער עמאַנציפּאַציע שטעלט פֿאָר מיט זיך אַ וויכטיק און אינטערעסאַנט קאַפּיטל. שטוקס מאָנאָגראַפֿיע איז אַ גוטער מוסטער און אַן אילוסטראַציע, וואָס מען קען אויף דעם פֿעלד אויפֿטאָן, אויב מען גייט צו סאָציאָלאָגיש צום ענין, און ניט ביאָגראַפֿיש־אַנעקדאָטיש.

ד״ר יעקבֿ שאַצקי

די קינדער־טראַגעדיע אונטער דעם נאַצי־רעזשים אין אייראָפּע

Dorothy Macardle, *Children of Europe*, The Beacon Press, Boston, 1951, 349 pp.

דער ערשטער און אפֿשר דער בעסטער קאַפּיטל אינעם בוך איז אַן אַרײַנפֿיר אין די נאַצישע מעטאָדן „צו שאַפֿן אַ נאַצי", ד״ה אַ געפֿיללאָזע און בלינד פֿאָלגנדיקע בעסטיע, גרייט דורכצופֿירן מיט טעמפּער גלײַכגילטיקייט און פּינקטלעכקייט די שוידערלעכסטע באַפֿעלן פֿון דעם פֿירער. דער דאָזיקער קאַפּיטל צייכנט זיך אויס מיט אַ רויִקער אָביעקטיווקייט, מיט אַ גרינטלעכן און טיפֿן אַנאַליז פֿון די אידעאָלאָגישע און פּעדאַגאָגישע יסודות פֿאַר דעם נײַעם טיפּ פֿון אַ היטלער־יוגנט, און שפּעטער פֿון אַ היטלער־סאָלדאַט און ס״ס־מאַן — מענטשן פֿולשטענדיק געזונטע, אָבער מיט אַן אומגעהײַער בולטער אַטראָפֿיע פֿון פֿעיִקייט צו קריטיק, מיט אַ פֿולשטענדיקן פֿעלן פֿון מיטגעפֿיל

צו אַנדערע מענטשן, מיט אַ בלינדער פֿאַרערונג פֿון פֿירער און מיט די רויסטע אינסטינקטן. דאָס בוך וואָס האָט אויסגענוצט אַ רײַכע ליטעראַטור האָט דאָך פֿאַרזען די אַרבעט פֿון י. גאָטפֿאַרשטיין, „די שול פֿון מאָרד",[1] ווו די ראַסי־שע, רעליגיעזע און ייִדישע מאָמענטן אין דער נאַצישער דערציִונג ווערן באַזונ־דער שטאַרק אַרויסגעבראַכט.

דער גורל פֿון די קינדער ווערט געשילדערט אין אַ געאָגראַפֿישן סדר, לאַנד נאָך לאַנד, אין דער צײַט ווען זיי זײַנען געווען אונטער דער אָקופּאַציע פֿון די נאַצים. אַן אויסנעם זײַנען די צוויי קאַפּיטלעך וועגן גורל פֿון ייִדישע קינדער אין אַלע אייראָפּעיִשע לענדער (זז' 108—118 און 248—251). אחוץ דעם זײַנען פֿאַראַן אין די אַנדערע געאָגראַפֿיש אויסגעסדרטע קאַפּיטלעך אַ סך צעזייטע ידיעות וועגן דעם גורל פֿון ייִדישע קינדער אין יעדן לאַנד באַזונדער.

אין דריטן טייל פֿון בוך ווערט באַשריבן די אַקציע צו ראַטעווען קינ־דער, זייער מצבֿ נאָך דער באַפֿרײַונג, די פּראָבלעמען פֿון קינדער־יתומים, פֿון פֿאַרוואָגלטע און פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער און די רעהאַביליטאַציע־אַרבעט פֿון פֿאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און אַגענטורן. די שרײַבערין איז ווײַזט אויס אַן אַקטיווע מיטאַרבעטערין אין די צענטראַלע אינסטיטו־ציעס פֿאַר קינדער־רעהאַביליטאַציע. אחוץ דער ריזיקער ליטעראַטור וואָס זי באַנוצט אין איר בוך, האָט זי געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן אַ רײ אייר־ראָפּעיִשע לענדער און דורכפֿירן אַ גרויסע צאָל אינטערוויוען מיט לערערס, פּסיכאָלאָגן, פֿירנדיקע באַאַמטע אין די דערציִונג־ און געזונט־מיניסטעריומס, מיט טוערס און אָנגעשטעלטע פֿון הילף־אָרגאַניזאַציעס אאַז"וו. ס'איז אינ־טערעסאַנט, אַז מר"ס מאַקאַרדל וואָס האָט, ווי עס ווײַזט אויס, דורכגעפֿירט אַזעלכע שמועסן אין די הונדערטער מיט דערוואַקסענע, דערמאָנט ניט וועגן שמועסן מיט קינדער גופֿא, אָדער וועגן אַנדערע פֿאָרמען פֿון דירעקטן קאָנ־טאַקט מיט די יונגטלעכע קרבנות און עדות פֿון דער נאַצישער קינדער־אונ־טערדריקונג. דער איינציקער דירעקטער קינדערשער קול וואָס קומט צום אויסדרוק אין איר בוך זײַנען די זייער אינטערעסאַנטע צייכענונגען פֿון אַ ייִדיש ייִנגל פֿון פּוילן, קלמן לאַנדוי, וואָס האָט אַדורכגעלעבט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, שפּעטער איז ער אָנגעקומען אין דער שווייץ, און ווען ער איז שוין אַלט געווען 16 יאָר, האָט ער געמאַכט 12 צייכענונגען וואָס שילדערן זײַנע מורא־דיקע איבערלעבונגען אונטער די נאַצים זינט דעם גירוש פֿון זײַן היים ביז צו דער באַפֿרײַונג. אָבער אויך דעם דאָזיקן אילוסטראַטיוון שטאָף האָט די שרײַ־בערין גענומען ניט בײַ דעם יונגן קינסטלער גופֿא, נאָר פֿון אַ שווייצערישער צײַטשריפֿט.

די צוויי קאַפּיטלעך און די צעזייטע ידיעות אין בוך וועגן ייִדישע קינדער און זייער גורל אונטער די נאַצים ברענגען ווייניק נײַס פֿאַר דעם ייִדישן לייענער. להיפּוך צו די רײַך דאָקומענטירטע און אויספֿירלעכע קאַפּיטלעך וועגן פֿאַרשיידענע אַנדערע פֿעלקער זײַנען די קאַפּיטלעך וועגן ייִדישע קינ־

[1] *L'Ecole Du Meurtre*, Paris, 1947.

דער ניט אויסשעפּיק, און די רײַכע ליטעראַטור וועגן ייִדישע קינדער און זייער־ערע איבערלעבונגען ווערט כּמעט אין גאַנצן ניט אויסגענוצט. עס זײַנען אויסגענוצט געוואָרן צום טייל די רעפּאָרטאַזשן פֿון ברכה חבס, דערקעגן האָט די מחברטע אין גאַנצן פֿאַרזען אַזעלכע סטאַנדאַרדווערק ווי די זאַמלונגען פֿון קינדערשע גבֿיות־עדות אין: נ. גרים קינדער־מאַרטיראָלאָגיע, ב. טננבוים, אחד מעיר ושנים ממשפחה, צענדלינגער געדרוקטע קינדער־מעמואַרן און פֿאַרשיידענע וויכטיקע מאָנאָגראַפֿישע אַרבעטן וועגן ייִדישע קינדער. עס וואָלט צו ווײַט געפֿירט דאָס ציטירן אַפֿילו די וויכטיקסטע בלויזן, ווײַל מען וואָלט געדאַרפֿט ברענגען אַ רשימה פֿון לכל הפּחות עטלעכע צענדלינג ווערק, אָפּגערעדט שוין פֿון די רײַכע זאַמלונגען פֿון קינדערשע גבֿיות־עדות וואָס געפֿינען זיך אין די ייִדישע פֿאָרש־אינסטיטוטן (אַ סך זײַנען פֿאַראַן אין ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, אַ סך זײַנען געזאַמלט געוואָרן פֿון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע אין מינכן, וואָס איר אַרכיוו געפֿינט זיך איצט אין ישׂראל; דער ייִוואָ אין ניו־יאָרק פֿאַרמאָגט אַ זאַמלונג פֿון איבער 160 קינדערשע גבֿיות־עדות, וואָס ווערן איצט וויסנשאַפֿטלעך באַאַרבעט).

די שילדערונג פֿון דעם גורל פֿון ייִדישע קינדער איז אין פּרוי מאַקאַרדלס בוך אַ פֿראַגמענטאַרישע און דעסקריפּטיווע. די שרײַבערין גיט ניט קיין אַנאַליז פֿון דער באַזונדערער סיטואַציע, אין וועלכער דאָס ייִדישע קינד האָט זיך געפֿונען אין פֿאַרגלײַך מיט קינדער פֿון אַנדערע פֿעלקער, און במילא שענקט זי אויך צו ווייניק אויפֿמערקזאַמקייט די פֿיזישע און פּסיכישע רעזולטאַטן פֿון די רדיפֿות בײַ די לעבן געבליבענע ייִדישע קינדער. זי פֿאַרנעמט זיך דאָ אויך ניט מיט די ספּעציעלע פּראָבלעמען פֿון פּסיכישער טעראַפּיע און רעהאַביליטאַציע וואָס זײַנען בײַ ייִדישע קינדער אַנדערש ווי בײַ קינדער פֿון אַנדערע פֿעלקער. פֿון צײַט צו צײַט באַרירט זי בלויז געוויסע דרויסנדיקע אָדער יורידישע אַספּעקטן פֿון דער ספּעציפֿישער סיטואַציע פֿון ייִדישן קינד, ווי למשל די פֿראַגע פֿון געראַטעוועטע ייִדישע קינדער בײַ קריסטלעכע פֿאַמיליעס און די קאָנפֿליקטן וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען נאָך דער באַפֿרײַונג צווישן די קריסטלעכע אַדאָפּטיר־פֿאַמיליעס און די ייִדישע עלטערן אָדער דעם ייִדישן ציבור. די שרײַבערין שילדערט אַזעלכע קאָנפֿליקטן אין דער שווייץ (ז' 251) און אין האָלאַנד (ז' 158). זי דערמאָנט ניט די רײַכע ליטעראַטור וואָס איז פֿאַראַן וועגן די ריזיקע קאָנפֿליקטן אין האָלאַנד און וואָס איז באַריכות באַהאַנדלט געוואָרן אין די ייִוואָ־בלעטער, XXX, 1, זז' 107—116.

אַגבֿ אורחא ווערט אויך די פּראָבלעם באַרירט אין שײַכות מיט בעלגיע (זז' 162—165) און אונגערן (ז' 206), אָבער ס'ווערט אין גאַנצן ניט דערמאָנט אַזאַ לאַנד ווי פּוילן, וווּ די טעטיקייט פֿון אַרויסבאַקומען ייִדישע קינדער פֿון דער פֿרעמדער סבֿיבֿה האָט אָנגענומען צו מאָל דראַמאַטישע פֿאָרמען. דאָס בוך באַרירט ניט די איבערלעבונגען פֿון די קינדער, וואָס איבער זייערע קעפּ איז אָנגעגאַנגען דער גאַנצער לײַדנשאַפֿטלעכער קאַמף.

אויב די טיילן פֿון בוך וואָס פֿאַרנעמען זיך מיטן ייִדישן קינד שטעלן ניט אין גאַנצן צופֿרידן, האָט אָבער דאָס בוך דאָך אַ גרויסן ווערט פֿאַר דעם ייִדישן לייענער. ער זעט דאָ אַזאַ ברייטן, סיסטעמאַטישן און פֿילזײַטיקן איבערבליק איבער די איבערלעבונגען פֿון קינדער בײַ אַלע אײראָפּעיִשע פֿעלקער וואָס האָבן געליטן פֿון דער נאַצי־אָקופּאַציע. דאָס דערמעגלעכט אונדז צו שטודירן די פּראָבלעמען פֿון ייִדישע קינדער אויפֿן סמך פֿון אַ ברייטערן הינטערגרונט. אַזוי למשל איז אינטערעסאַנט צו פֿאַרגלײַכן די פּראָבלעמען פֿון דער גיכער מאָראַלישער דעזינטעגראַציע בײַ ייִדישע און ניט־ייִדישע קינדער. מיר זעען, אַז אין אַזאַ רײַך לאַנד ווי האָלאַנד, ווו די פּאָליטישע, מאַטעריעלע און מאָראַלישע לאַגע פֿון דער באַפֿעלקערונג איז געווען אָן אַ שיעור בעסער ווי בײַ די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, האָט דער פּראָצעס פֿון האַסטיקער מאָראַלישער ירידה בײַ די קינדער אָנגענומען שרעקלעכע, דערשיטערנדיקע פֿאָרמען (ז׳ 145). דאָס זעלבע ווערט דערציילט וועגן קינדער אין אונגערן (ז׳ 207), גריכנלאַנד (ז׳ 89), בעלגיע (זז׳ 162, 169). געוויסע פֿאָרמען פֿון מאָראַלישער געפֿאַלנקייט, ווי: פּראָסטיטוציע, מערדער־ און רויבער־באַנדעס (זז׳ 89, 169, 207, 264) זײַנען בײַ די אַנדערע פֿעלקער אַרויסגעטרעטן אין אַ סך אַ שאַרפֿערער פֿאָרעם ווי בײַ ייִדן. וועגן ייִדישע קינדער־שמוגלערס אין וואַרשע און אין אַנדערע געטאָס איז פֿאַראַן בײַ אונדז אַ גאַנצע ליטעראַטור. ס׳איז אינטערעסאַנט צו פֿאַרגלײַכן די דאָזיקע פֿענאָמענען בײַ אונדז מיט די מאַטעריאַלן וואָס די מחברטע ברענגט וועגן שמוגלער־ און בעטלער־טעכניק פֿון האָלענדישע און גריכישע קינדער (זז׳ 89, 153). אַן אַנדער דערשײַנונג — די תּאווה אויסצולעבן זיך, צו כאַפּן פֿון לעבן וואָס עס לאָזט זיך נאָך — פֿאַרצייכנט פּרוי מאַקאַרדל אין עטלעכע מערבֿ־אייראָפּעיִשע לענדער, ווי האָלאַנד און בעלגיע (זז׳ 162, 169, 262, 263).

פֿון די שילדערונגען דרינגט אַרויס, אַז ניט נאָר בײַ ייִדן איז די ווידערשטאַנד־באַוועגונג דער עיקר געטראָגן געוואָרן פֿון יונגטלעכע אונטער 20 יאָר, און דערנאָך — ווען דער רובֿ אַרבעט־פֿעיִקע מענער און פֿרויען פֿון איבער 17 יאָר זײַנען געוואָרן אײַנגעשפּאַנט אין דער דײַטשער צוואַנגאַרבעט — פֿון נאָך ייִנגערע קינדער. די שרײַבערין ברענגט פֿאַקטן פֿון 12־יעריקע יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען, וואָס זײַנען צוויי יאָר שפּעטער, בײַ 14 יאָר, שוין געוואָרן אַוואַנסירט צום ראַנג לייטענאַנט. זי ציטירט אַ שטעל פֿון אַ טאָגבוך פֿון אַ יונגן סלאָווענישן פּאַרטיזאַן (ער איז שפּעטער דערהרגעט געוואָרן): „איך בין געגאַנגען אין די בערג כּדי צו ווערן אַ העלד; אָבער עס האָט געטראָפֿן, אַז איך בין געוואָרן אַ [דערוואַקסענער] מאַן" (ז׳ 103).

אַלע וואָס האָבן געלייענט וועגן אָשוויענטשים זײַנען באַקאַנט מיט די טרויעריק באַרימטע עקספּערימענטן פֿון אַ נאַצישן דאָקטאָר מענגעלע איבער ייִדישע צווילינגס. פֿון מאַקאַרדלס בוך דרינגט אַרויס, אַז דאָס איז ניט געווען אַ לאָקאַלער אָשוויענטשימער שגעון, נאָר די נאַצים האָבן זיך אין פֿאַר־

שיידענע לענדער געיאָגט נאָך צווילינגס כּדי צו מאַכן די עקספּערימענטן. וואָס עס איז געווען דער צוועק פון דער דאָזיקער אַקציע ווערט ניט קלאָר אַרויסגעבראַכט אין מאַקאַרדלס בוך (זז' 54, 237).

עטלעכע באַהויפּטונגען אין מאַקאַרדלס בוך קלינגען עפּעס מאָדנע און וואָלטן געדאַרפט גענויער געפּאָרשט ווערן: אַזוי צב"ש שרײַבט זי (ז' 28), אַז די נאַציס זײַנען אין זייער האָמאָסעקסועלער אידעאָלאָגיע באַאײַנפלוסט געוואָרן דורך אָטאָ ווייניגנגערס בוך „געשלעכט און כאַראַקטער", וואָס איז געווען פּאָפּולער צווישן זיי. דער פאַקט, אַז ווייניגנגער איז געווען אַ ייִד, איז געווען צו גוט באַקאַנט אין די נאַצי־קרײַזן (סײַ אַדאָלף באַרטעלס, סײַ טעאָדאָר פריטש און סײַ אַנדערע אַנטיסעמיטישע שרײַבערס האָבן וועגן דעם געשריבן), און עס איז אַ חידוש, אַז די שרײַבערין האָט פאַרזען דעם דאָזיקן „קליינעם" פּרט, אַז ווייניגנגערס בוך איז אין נאַצי־דײַטשלאַנד קוואַליפיצירט געוואָרן צום פאַרברענען. די האָמאָסעקסועלע אידעאָלאָגיע פון די נאַציס איז שטאַרק באַאײַנפלוסט געוואָרן פון האַנס בליכער, וואָס ווערט פון מר"ס מאַקאַרדל בכלל ניט דערמאָנט.

רעדנדיק וועגן ייִדישע קינדער וואָס זײַנען דורך דער יוגנט־עליה גע־ראַטעוועט געוואָרן קיין ישׂראל, דערציילט די שרײַבערין, אַז די אַראַבער זײַנען געקומען מיט מתנות צו די דאָזיקע קינדער און האָבן געזאָגט: „זאָל אַללאַה זײַן מיט אײַך; איר זענט די קינדער פון דער מענטשהייט". דאָס איז די איינציקע באַמערקונג אין מאַקאַרדלס בוך וועגן דער שטעלונג פון די אַראַבער צום ייִדישן חורבן. אונדז זײַנען באַקאַנט דאָקומענטאַרישע פאַקטן וואָס וואַרפן אַ גאַנץ אַנדער ליכט אויף דער שטעלונג פון די אַראַבער צו ייִדן. זייער באַקאַנט איז למשל געווען בשעתו דער באַזוך פון פירער פון דער היטלער־יוגנט פאָן שיראַך און זײַן סוויטע אין סיריע (אין דעצעמבער 1937), ווו ער האָט אָנגעבונדן נאָענטע קאָנטאַקטן מיט אַראַבישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און מיט דעם גרויס־מופטי פון ירושלים. עס זײַנען אויך פאַראַן דאָקומענטאַרישע באַווײַזן, אַז אין דער צײַט פונעם חורבן, ווען ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרהאַנדלט וועגן אַרויסראַטעווען פון נאַצישע הענט עטלעכע טויזנט ייִדישע קינדער, האָט דער מופטי (דעמאָלט שוין אין בערלין) שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם אַרויסלאָזן די קינדער און זײַן פּראָטעסט האָט אַ פּנים געהאַט אַ השפּעה צו נישט צו מאַכן די דאָזיקע אַקציע. מאַקאַרדלס באַמערקונג פּרוּווט שילדערן די רעאַקציע פון די אַראַבער אויף דעם ייִדישן אומגליק אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. עס איז דעריבער אַ שאָד וואָס זי טוט עס אין אַן אויבנאויפיקער באַמערקונג, ווו עס פעלן גענויערע פּרטים, ווער זײַנען עס געווען די דאָזיקע ייִדנפרײַנדלעכע אַראַבער, ווו און ווען איז דאָס געשען; עס פעלט אויך דער אָנווײַז פון וועלכן מקור שעפּט די שרײַבערין די דאָזיקע ידיעה.

ד"ר פּיליפּ פרידמאַן

די נאַצישע מאָרדווירטשאַפֿט אין דעם אָשוויענטשימער גיהנום

ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן, אָשוויענטשים, אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, באַנד 59, בוענאָס־איירעס, 1950, 212 זז׳.

אָשוויענטשים (אוישוויץ) איז געווען דער גרעסטער טויטלאַגער פֿונעם נאַציזשן דײַטשלאַנד. בײַ דער דאָזיקער מאָרד־אינדוסטריע האָט די אינטעלעקטועלע עליטע פֿונעם דײַטשן פֿאָלק, פּראָפֿעסאָרן, דאָקטוירים און אינזשענירן, מיטגעאַרבעט האַנט בײַ האַנט מיטן תּליון און אַ דאַנק דער דאָזיקער „גע־בענטשטער" צוזאַמענאַרבעט איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן די מאָדערנסטע און צום בעסטן אײַנגעאָרדנטע פֿאַבריק פֿאַר מאַסנמאָרד.

איבער פֿינף מיליאָן מענטשן האָבן די דײַטשן אומגעבראַכט אין אָשוויענ־טשים, צווישן זיי מער ווי דרײַ מיליאָן ייִדן. דאָס הייסט, אַז אָשוויענטשים אַליין האָט אויסגעפֿירט מער ווי אַ העלפֿט פֿון דער דײַטשער מאָרדאַרבעט, בעת אַלע איבעריקע טויטלאַגערן (מײַדאַנעק, טרעבלינקע, בעלזשעץ, סאָביבאָר א״אַ) צוזאַמען מיט די טויזנטער עקזעקוציע־פּלעצער האָבן אַלע אין איינעם נישט דערגרייכט די אָשוויענטשימער פּראָדוקציע.

כאָטש די ראָלע פֿון אָשוויענטשים איז אין דער דײַטשער אויסראָט־אַקציע געווען אַזוי גרויס, האָבן מיר ביז הײַנט זייער אַן אָרעמע ליטעראַטור אויף דער דאָזיקער טעמע. ערנצטע ביכער וועגן אָשוויענטשים (נישט רעכענענדיק זכרונות־ביכער און צײַטונגס־אַרטיקלען), וואָס זײַנען אַרויס בײַ אַלע געליטענע פֿעלקער, קען מען אויסרעכענען אויף די פֿינגער פֿון איין האַנט. אויך די פֿאַראַנענע גבֿית־עדותן און באַריכטן פֿון די צוריקגעקומענע אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטן באַלײַכטן בלויז אַ טייל פֿון די פֿאַקטן וואָס האָבן זיך אָפּגע־שפּילט אין יענעם גיהנום אין משך פֿון זײַן פֿיריעריקער עקסיסטענץ. וויפֿל באַווײַזן פֿון מענטשלעכע לײַדן, וויפֿל פֿאַקטן פֿון גבֿורה און קידוש־השם זײַ־נען פֿאַרלוירן געגאַנגען!

ביז מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז נישט געווען קיין איין בוך אין דער ייִדישער שפּראַך וועגן דעם דאָזיקן גרעסטן אויסראָט־לאַגער. ערשט מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק איז אינעם אַרגענטינער פֿאַרלאַג פֿון די פּוילישע ייִדן אַרויס דאָס ערשטע בוך וועגן אָשוויענטשים. דער מחבר, דער היסטאָריקער ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן, האָט דעם גרויל פֿון דער נאַצישער אָקופּאַציע איבערגעלעבט אין פּוילן. אים איז על־פּי נס געלונגען צו ראַטעווען זיך אין אַ באַהעלטעניש און אויסצומײַדן דאָס פּערזענלעכע צוזאַמענטרעפֿן זיך מיט די דײַטשע אויסראָט־פּלעצער. מיטן אָשוויענטשימער לאַגער האָט זיך ד״ר פֿרידמאַן באַקענט ערשט נאָך דער באַפֿרײַונג, ווען ער איז אַהין געפֿאָרן ווי אַ מיטגליד פֿון דער פּוי־לישער מלוכישער קאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעפֿאָרשט די דײַטשע פֿאַרברעכנס. דאָס וואָס ד״ר פֿרידמאַן האָט אַליין נישט איבערגעלעבט דעם אָשוויענטשימער גרויל איז געווען גינסטיק פֿאַרן דורכפֿירן די אויפֿגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען בײַם שרײַבן דאָס בוך אָשוויענטשים. אַ געשיכטע־פֿאָרשער און

היסטאָריאָגראַף וואָס וויל בשלמות דערפילן זײַן אויפגאַבע פון אָן אָביעקטיוון שילדערער און ערלעכן אָפּשאַצער, מוז פרײַ זײַן פון יעדן פערזענלעכן עמאָ־ציאָנאַליזם.

דער מאַטעריאַל וואָס איז אַרײַן אינעם בוך אָשוויענטשים איז פונאַנדער־געטיילט לויט אַ גוט דורכגעטראַכטן סדר. נאָך די ערשטע עטלעכע קאַפּיטלען, וואָס גיבן איבער די אַלגעמיינע געאָגראַפישע און טאָפּאָגראַפישע ידיעות וועגן דער אָשוויענטשימער געגנט, קומט אַ קורצע און זאַכלעך באַאַרבעטע געשיכטע פונעם טויטלאַגער. דער מחבר גיט איבער ביז איצט נישט־באַקאַנטע פּרטים וועגן באַזוכן מצד הויכגעשטעלטע נאַציסטישע פערזענלעכקייטן אין לאַגער. דער מחבר דערווײַזט אויפן סמך פון דאָקומענטן, אַז אינעם אויפבוי פונעם אָש־וויענטשימער טויטלאַגער האָבן זיך באַטייליקט נישט בלויז די אָפיציעלע נאַציש־פּאָליטישע אינסטאַנצן, נאָר אויך דײַטשע ווירטשאַפטלעכע און אַפילו פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אין תוך גענומען נישט געהאַט קיין שום שײַכות נישט צו דער נאַציסטישער פּאַרטיי און נישט צו דער רעגירונג. די דאָזיקע אַנטפּלעקונג איז זייער וויכטיק. זי איז נאָך אַ באַווײַז, אַז נישט בלויז די נאַצי־פּאַרטיי, נאָר די גאַנצע דײַטשע געזעלשאַפט טראָגט די אחריות פאַר די מאָרד־מעשים.

ווײַטער שילדערט דאָס בוך די אָרגאַניזאַציע פון דער מאָרד־אינדוסטריע. אַלע אינסטיטוציעס פונעם לאַגער (נישט בלויז די גאַזקאַמערן און קרעמאַ־טאָריעס) האָבן געדינט דעם ציל אומצוברענגען מענטשן. דאָס אײַנאָרדענען דעם לאַגער אין אַ נישט־געזונטער, בלאָטיקער געגנט, דאָס נישט באַזאָרגן אים מיט וואַסער און האַלטן אים אין אַ ביז גאָר שלעכטן היגיענישן צושטאַנד, דאָס אויסהונגערן די אַרעסטאַנטן און דאָס גלײַכצײַטיקע טרײַבן זיי צו אַן אַרבעט וואָס איז געווען איבער די מענטשלעכע כּוחות, דאָס כּסדרדיקע פּײַ־ניקן די אַרעסטאַנטן — דאָס אַלץ איז געווען צוגעטראַכט ווי מיטלען צום ציל: אויסצוראָטן די אַרעסטאַנטן. די דײַטשן האָבן דערגרייכט זייערס. הונדערטער טויזנטער מענטשן זײַנען אין אָשוויענטשים אומגעקומען מחוץ די גאַזקאַמערן. זיי זײַנען אומגעקומען פון הונגער, אָפּשוואַכונג, קראַנקייטן און פּײַניקונגען.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דײַטשע פאַרברעכנס זײַנען די וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן, וואָס דײַטשע פּראָפעסאָרן און דאָקטוי־רים האָבן דורכגעפירט איבער די אָשוויענטשימער קרבנות. ד"ר פרידמאַן רעכנט אויס די נעמען פון אַ ריי פאָרשטייערס פון דער דײַטשער מעדיצין (פּראָפ' שומאַן, ד"ר קליין, ד"ר מענגעלע, ד"ר ראַשער א"א). וואָס האָבן זיך דערמיט פאַרנומען. אין אַ טייל וויכטיקערע עקספּערימענטן האָט זיך באַטייליקט דער היסטאָלאָגישער אינסטיטוט אין ברעסלע. ס'זײַנען אויך געווען אַ סך פאַר־מאַצעווטישע אינסטיטוטן, וואָס פלעגן זייערע נײַע און נישט־זיכערע פּרעפּאַ־ראַטן אַרײַנשיקן צום אויספּרוּוון איבער די אָשוויענטשימער לאַגערניקעס.

די גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס קענען באַצייכנט ווערן ווי די טיפסטע מדורים פון אָשוויענטשימער גיהנום. אין דער צײַט פון דער העכסטער „פּראָס־

פּעריטי", זומער 1944, ווען מען האָט ליקווידירט די ייִדן פֿון אונגערן און פֿון לאָדזשער געטאָ, האָט די „פּראָדוקציע" פֿון די קרעמאַטאָריעס דערגרייכט זייער העכסטן שטאַפּל. אויפֿן סמך פֿון דאָקומענטן גיט ד"ר פֿרידמאַן איבער, אַז דער 28סטער יוני 1944 איז געווען דער רעקאָרדטאָג. אין דעם טאָג האָבן די רוצחים פֿאַרגאַזט און פֿאַרברענט 24,000 מענטשן.

עס איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז די דײַטשן האָבן געזוכט צו ציִען וואָס גרעסערע רווחים פֿון זייער מאָרד־אינדוסטריע. זיי פֿלעגן זייערע קרבנות אויס־רויבן ביז צום לעצטן העמד. זייער טײַוולאָנישער אויסראָטפּלאַן האָט בפֿירוש פֿאַרויסגעזען די הכנסה וואָס וועט אַרײַנקומען פֿונעם אויסרויבן דאָס האָב־און־גוטס פֿון די קרבנות. פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך די אָשוויענטשימער טויט־אינדוסטריע האָט געהאַט איר קאָמערציעלן אַספּעקט. פֿון אַ ריי ציפֿערן, צו־זאַמענגעשטעלטע דורכן מחבר, באַקומען מיר אַן אַרײַנבליק אינעם באַלאַנס פֿון דער דאָזיקער זעלטענער אונטערנעמונג. דער באַלאַנס איז געווען זייער אַן אַקטיווער. די לאַגער־קאַסע האָט אײַנקאַסירט בײַ דײַטשע אונטערנעמונגען רײ־זיקע געלט־סכומים פֿאַר דער אַרבעט פֿון די „אויסגעבאַרגטע" לאַגערניקעס. אַ ווײַטערדיקער הכנסה־קוואַל פֿאַר די דײַטשן זײַנען געווען די זאַכן פֿון די קרבנות. דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק געווען פֿאַר די רויבגיריקע דײַטשן. נישט בלויז לעבעדיקע האָבן זיי באַרויבט, נאָר אַפֿילו טויטע. זיי האָבן געריסן בײַ די מתים די גאָלדענע ציין און האָבן געשוירן בײַ די פֿרויען די האָר, פֿון וועלכע דײַטשע פֿאַבריקן האָבן אויסגעאַרבעט מאַטראַצן.

די לעצטע קאַפּיטלען פֿון ד"ר פֿרידמאַנס אָשוויענטשים ברענגען אונדז אַרײַן אין דער וועלט פֿונעם אונטערערדישן קאַמף, וואָס די לאַגערניקעס האָבן גע־פֿירט קעגן זייערע רוצחים. אין אָשוויענטשים איז געווען אַן אונטערערדישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע; ייִדן האָבן דאָרטן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. פֿאַקטן פֿון ווי־דערשטאַנד און פֿון אַנטלויפֿן זײַנען דאָרט נישט געווען קיין זעלטנקייט. דער מענטשלעכער פֿונק איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן בײַ די דערנידעריקטע און אויסגעפּײַניקטע שקלאַפֿן, זיי האָבן אין אַ צאָל פֿאַלן געוווּסט, ווי צו באַ־שיצן זייער מענטשלעכע ווערדע.

אָשוויענטשים איז אַ וויכטיקער צושטײַער צו דער פֿאָרשונג־ליטעראַטור וועגן דעם לעצטן חורבן. דער מחבר האָט אָנגעזאַמלט אַ שלל דאָקומענטן און גבֿית־עדותן און האָט זיי באַאַרבעט מיט אַ סיסטעם און מיט ערודיציע. די צאָלרײַכע בילדער און פֿאָטאָקאָפּיעס פֿון אָריגינעלע דאָקומענטן וואָס קומען אַרײַן אין דעם בוך פֿאַרשטאַרקן בײַם לייענער דעם צוטרוי און דעם גלויבן אין דער אמתדיקייט פֿונעם מחברס אויספֿירן. זײַן אַרבעט שטיצט זיך אויף זיכערע און דורכגעקאָנטראָלירטע מקורים. די שפּראַך איז אַ פּשוטע, אָן אי־בערגעטריבענער אָנגעלאָדנטקייט אָדער עקזאַלטירטקייט. דער מחבר האָט באַ־וווּסטזיניק אויסגעמיטן יעדן שטאַרקערן אויסדרוק. די קלאָרקייט פֿון די שילדערונגען און די אמתדיקייט פֿון די אויספֿירן הייבן דעם ווערט פֿון דעם דאָזיקן ווערק.

י. הירשהויט

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

צו דער געשיכטע און ליטעראַטור פֿון די רומענישע „פֿוסגייערס"

די אויספֿירלעכע אַרבעט פֿון ד״ר יוסף קיסמאַן (שטודיעס צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין רומעניע..., ייִוואָ, 1944) און די זכרונות פֿון י. פֿינקלשטיין (ייִוואָ־בלעטער XXVI, 1945) שאַפֿן אַ געטרײַ בילד וועגן דער מאָדנער באַוועגונג פֿון „צופֿוסיקער עמיגראַציע" וואָס האָט זיך אָנגעהויבן סוף 1899 אין מאָלדעווע, האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַלץ מער אין יאָר 1900 (הויכ־פּונקט — די חדשים מײַ, יוני, יולי) און האָט אויפֿגערודערט די דעמאָלטיקע ייִדישע און ניט־ייִדישע וועלט.

ווען מען אַרבעט דורך די מיטצײַטלערישע ייִדישע און ניט־ייִדישע פּרעסע און די אייגנ־אַרטיקע פֿלוגבלעטער, אויפֿרופֿן, איינמאָליקע בלעטער און זכרונות ווערן קלאָר די סיבות פֿון דער באַוועגונג. וויכטיק איז דערבײַ דער באַריכט פֿון דער „ייִדישער אַליאַנץ" אין פּאַריז. לויט אָט די מאַטעריאַלן ליגן די סיבות פֿון דער עמיגראַציע אין דעם וואָס די דעמאָלטיקע רומענישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי דיסקרימינאַטאָרישע געזעצן און גזירות וועלכע האָבן געטראָפֿן דעם גרעסטן טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. למשל:

א) באַגרענעצונגען פֿאַר ייִדן בײַם אויסלערנען און טאָן אַ מלאָכה. ייִדישע אונטער־נעמערס, בעלי־מלאָכות און בכלל די וואָס באַשעפֿטיקן ייִדישע אַרבעטערס באַקומען ניט קיין אַרבעט פֿון מלוכישע און בכלל עפֿנטלעכע אַמטן און אינסטיטוציעס (אין 1900 איז די מלוכה דער וויכטיקסטער אַרבעט־געבער אין די הויפּטצווײַגן וואָס האָבן אינטערעסירט ייִדישע האַנטווערקערס);

ב) גירושים פֿון די דערפֿער, ווו ס׳האָבן געלעבט אַ סך ייִדן ווי קרעטשמערס, קרעמערס, בעלי־מלאָכות אד״גל. די שטעט — דער עיקר אין מאָלדעווע — ווערן איבערגעפֿולט מיט פּליטים. דער אַלגעמיינער קריזיס ווערט פֿאַרשאַרפֿט, די ייִדישע נויט ווערט שטאַרקער;

ג) עס ווערט פֿאַרבאָטן ייִדן צו „הויזירן" (פּעדלען), אַ גזירה וואָס טרעפֿט אַ סך ייִדן;

ד) פֿאַר ייִדישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, בוכהאַלטערס ווערן באַשטימט אַ ריי באַגרענע־צונגען בײַם פּראַקטיקירן זייערע פּראָפֿעסיעס;

ה) די ייִדישע באַפֿעלקערונג ווערט באַרויבט פֿון אַ גאַנצער ריי ציווילע רעכט (פּאָליטישע רעכט האָבן נאָר עטלעכע הונדערט ייִדן אין לאַנד) און זײַנען אונטערגעוואָרפֿן דעם ווילדווילן פֿון אַן אַנטיסעמיטישער קאָרופּטער און אומפֿעיִקער אַדמיניסטראַציע;

ו) ייִדן ווערן ניט צוגעלאָזט צו קיין שום מלוכישער שול, ס׳איז זיי אָבער פּראַקטיש כמעט אוממיגלעך צו עפֿענען אייגענע שולן, אַפֿילו אָנפֿאַנג־ אָדער פֿאַך־שולן;

ז) עס ווערט נישט צוגעלאָזט דאָס גרינדן יורידיש אָנערקענטע קהילות. דאָס ביסל שטייגעריש־קולטישע אינסטיטוציעס ווערן אָנגעפֿירט פֿון פּלוטאָקראַטישע קליקעס. אין די ייִשובֿים קומען פֿאָר רײַסערײַען, מסירות, מחלוקתן (אַ רעזולטאַט פֿון וואַקסנדיקער אָרעמקייט, דעקלאַסירטקייט און פֿאַרצווייפֿלונג). עס שרומפּן אײַן די פֿריִערדיקע געזעלשאַפֿטלעכע אַנ־שטאַלטן — שפּיטאָלן, מושבֿ־זקנימס, בתּי־יתומים — און עס ווערן נישט געשאַפֿן קיין נײַע. דאָס איז אַ גרויסע צרה, ווײַל ייִדן ווערן נישט אויפֿגענומען אין די אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, אָדער זייער שלעכט באַהאַנדלט אין זיי.

אַחוץ דעם גייט איבערן לאַנד אַ שאַרפֿע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַ באָיקאָט קעגן ייִדן, וואָס לגבי זיי זײַנען די בירגערלעכע דעמאָקראַטישע כּוחות און די יונגע אָפּגעשוואַכטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג צו שוואַך. דאָס אַלץ געשעט אויפֿן פֿאָן פֿון אַן אַלגעמיינעם קריזיס אין לאַנד, אַ קריזיס, וואָס האָט זיך געשאַפֿן איבער די צוויי שלעכטע גערעטענישן אין די יאָרן 1898 און 1899.

די פֿאַרצווייפֿלטע האָבן זיך קודם כּאָטיש אַ וואָרף געטאָן קיין אַנאַטאָליע, קיין קיפּראָס, ווּ פֿאַלשע ידיעות האָבן צוגעזאָגט גליקן. אַנדערע האָבן געפּרוּווט פֿאָרן קיין קאַנאַדע. לסוף האָט זיך די מאַסע עמיגראַנטן אַ לאָז געטאָן קיין מערבֿ־אייראָפּע און פֿון דאָרט אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן. טייל זײַנען צוריקגעקומען קיין רומעניע, אָדער זײַנען געבליבן שטעקן אין פּאַריז, אין לאָנדאָן.

לויט אַן אָפֿיציעלער ידיעה פֿון יוני 1900 זײַנען „אין לעצטן יאָר" געזעצלעך אַרויסגעפֿאָרן פֿון רומעניע 5,786 נפֿשות. די צאָל פֿון די אומגעזעצלעך עמיגרירטע איז אָבער אַ גרעסערע. די פֿריִער דערמאָנטע מקורים ברענגען אַ סך ידיעות וועגן דער גרינדונג פֿון עמיגראַציע־גרופּעס, וועגן זייער אָפּפֿאָר, מאַרשרוט און גורל. אויף דעם סמך האָב איך געפּרוּווט אַרויס־באַקומען לפֿי־ערך די צאָל „פֿוסגייער"־עמיגראַנטן. די צאָלן געהערן דער עיקר צו די חדשים מײַ, יוני, יולי 1900. מען דאַרף איר שאַצן צווישן 7,000 און 10,000; פֿון זיי איבער 2,000 פֿון בוקאַרעשט און אַרום 1,500 פֿון יאַס.

די ליטעראַטור פֿון די „פֿוסגייערס". כּדי צו שאַפֿן אָדער צו פֿאַרגרעסערן זייער וועגפֿאָנד פֿלעגן די „פֿוסגייער"־גרופּעס אָרגאַניזירן קאָנצערטן, טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען און אַרויסגעבן איינמאָליקע פֿלוגבלעטער, אויפֿרופֿן אד"גל אויף ייִדיש און רומעניש. זייער אינהאַלט שפּיגלט אָפּ נישט נאָר די סיבות פֿון דער עמיגראַציע, נאָר אויך דעם שטייגער און דעם קולטור־ניוואָ פֿונעם רומענישן ייִדן אָנהייב 20סטן י"ה.

איך ברענג דאָ אַ רשימה פֿון אַזעלכע פֿלוגבלעטער אויפֿן סמך פֿון דער זאַמלונג, וואָס גע־פֿינט זיך איצט אין ייִוואָ:[1]

1. *Apel* (אויפֿרוף), דאָראָהאָי, יוני 1900.
2. *Apel*, פּאַנטשיו, יוני 1900.
3. *Apel*, רעד' יוסף קויפֿמאַן, פּיאַטראַ־נעאַמץ, מײַ 1900.
4. *Apel*, קראַיאָוואַ, מײַ 1900.
5. *Adio România* („בלײַב געזונט, רומעניע"), פּיאַטראַ־נעאַמץ, 30סטן מײַ 1900.
6. *Adio*, באָטאָשאַן, 4טן יולי 1900, מיט 2 לידער אויף רומעניש פֿון בובי לאַזאַראָוויטש, דער באַקאַנטער ביבליאָגראַף, איצט אַקאַדעמיקער באַרבו לאַזאַרעאַנו.
7. *Biblioteca Israelită*, זען: *Steaua Israelită*.
8. *Bistrița* (די ביסטריץ), פּיאַטראַ־נעאַמץ, 4טן יוני 1900.
9. *Căntece de adio a Societății Tinerimea meseriasilor drumeți din Focșani*, פֿאָקשאַן, 1900. ברענגט אַ ייִדיש ליד, אין רומענישן אויסלייג, א"נ „אַדיאָ".
10. *Circulara* (צירקולאַר), פֿאָקשאַן, 5טן מײַ 1900.
11. *Dați ajutor* (גיט הילף!), בערלאַד, 22סטן אַפּריל 1900.
12. *Drumeții* (די וועגסלײַט), רעד' ה. פֿרידמאַן־זיגפֿריד, בערלאַד, מײַ (?) 1900.
13. *Dorul* (די בענקשאַפֿט), Ziar unic al Grupului Emigranților din Botoșani, באָטאָשאַן, יוני 1900. ברענגט אויך אַ ליד אויף ייִדיש פֿון יצחק בלומענפֿעלד.
14. *Drumeții focșaneni* (פֿאָקשאַנער נוסעים), יוני 1900, פֿאָקשאַן.
15. *Drumeții din Iași* (יאַסער נוסעים), 2 זז' רומעניש+2 זז' ייִדיש, א"ט יציאת רומניה, יאַס, 20סטן יוני 1900.
16. *Dați ajutor drumeților pedeștri* (העלפֿט די פֿוסגייערס), 1900.

---

[1] די רשימה איז זיכער נישט קיין גאַנצע. דאָרט ווּ ס'איז נישט אָנגעוויזן די שפּראַך, איז די אויסגאַבע אין רומעניש.

17. *Emigrantul*, בוקאַרעשט, מײַ 1900.
18. *Emigranţii*, בערלאַד, נומערן פֿון 18טן, 20סטן און 26סטן (?) מײַ 1900.
19. *Ecoul Emigranţilor* (עמיגראַנטן־עכאָ), גאַלאַץ, מײַ 1900.
20. *Emigranţii pedeştri* (די פֿוסגייער־עמיגראַנטן), בוקאַרעשט, 2 נומערן פֿון מײַ 1900.
21. *Emigranţii Romanului* (ראָמאַנער עמיגראַנטן), רומעניש און דײַטש. צוו״אַ אַן אויפֿרוף: *Brüder Glaubensgenossen*, ראָמאַן, 1טן יוני 1900.
22. *Emigrantul fix* (דער פֿיקסער [!] עמיגראַנט), קראַיאָוואַ, יוני 1900.
23. *Ecoul pribegilor, ziar ocazional al Grupului II, Montefiore al Emigranţilor din Piatra Neamţ*, אַרויסגעגעבן פֿון וואַנדערער־גרופּע II, מאָנטעפֿיאָרע, פּיאַטראַ־נעאַמץ, 1טן יולי 1900.[2]
24. *Emigranţii buhuşeni* (בוהושער עמיגראַנטן), 9טן יולי 1900.
25. *Fraţi coreligionari*, אויפֿרוף פֿון אַ גרופּע בעלי־מלאָכות, טירגו־אָקנאַ, 1900 (?).
26. *Fraţi Evrei* (ברידער ייִדן) פּיאַטראַ־נעאַמץ, 1900.
27. *Fraţi Evrei*, יאַס, מײַ 1900.
28. *Femeia "Bas Ami"*, בערלאַד, 16טן יולי 1900.
29. *Grupul emigranţilor din Huşi*, ייִדיש און רומעניש, הוש, 11טן יוני 1900.
30. *Iubiţi fraţi* (ליבע ברידער), באַקוי, 1900.
31. *Infrăţirea* (פֿאַרברידערונג), באָטאָשאַן, יולי 1900.
32. *Jidovul Rătăcitor* (דער וואַנדערנדיקער ייִד), פּעריאַדיש, בערלאַד, 18טן מײַ 1900.
33. *Lacrimi de despărţire* (געזעגענונג־טרערן), בראַילאַ, 28סטן מײַ און 6טן יוני 1900, אַרויסגעגעבן לטובֿת די בערלאַדער פֿוסגייערס.
34. *Manifest*, פּלאָיעשט, יולי 1900.
35. *Pedeştrii (Fusswanderer)*, גאַלאַץ, אָנהייב מײַ 1900.
36. *Pietonii*, בוקאַרעשט, 2 נומערן.
37. *Pedeştrii bucureşteni*, בוקאַרעשט, עטלעכע נומערן פֿון מײַ־יוני 1900.
38. *Pedeştri*, באָטאָשאַן, 11טן יוני 1900.
39. *Pedeştrii piteşteni*, נומ׳ 2, 18טן יוני 1900, פּיטעשט, מיט אַ בילד פֿון דער ערשטער גרופּע פֿוסגייערס.
40. *Plecăm.* (מיר פֿאָרן אַוועק), קאָנסטאַנצאַ, יוני 1900.
41. *Primirea drumeţilor la Iaşi şi Podul Iloaie* (דער אויפֿנעם פֿון די וועגווײַזערס אין יאַס און פּאָדעלאָי), יאַס, 1900.
42. *Rămas bun* (זײַט געזונט), בערלאַד, 30סטן אַפּריל 1900.
43. *Rămas bun*, גאַלאַץ, מײַ 1900.
44. *Rămas bun*, בוזעו, 9טן יוני 1900.
45. *Rămas bun*, מאָינעשט, אָנהייב יוני 1900.
46. *Rămas bun*, טירגו־נעאַמץ, 4טן יולי 1900.
47. *Rămas bun*, פּאָקשאַן, 1900.
48. *Spre o viaţă nouă* (צו אַ נײַ לעבן), בוזעו, 2טן יוני 1900.
49. *Strigăt de disperare* (ייִאוש־רוף), ראָמאַן, יוני 1900.
50. *Steaua Israelită*, צווייטער י״ג, נומ׳ 1, פּיאַטראַ־נעאַמץ, 16טן יוני 1900, אָנגעשריבן פֿון יוסף קויפֿמאַן, אַ באַקאַנטער היסטאָריקער פֿון זײַן קהילה, אַ פּראָווינציעלער, דילעטאַנטיש־נאַיִווער כראָניקער. *Biblioteca Israelită* נומ׳ 2, א״נ 30סטן יוני 1900, מיט אַ רײ היסטאָרישע ידיעות וועגן רומענישע ייִדן. זײַן זעלבסטבאַרימערײַ און מליצה האָט אַרויסגערופֿן אַ פּאַמפֿלעט א״ט:

---

[2] זיי האָבן אָפּגעדרוקט אויך דעם גרינדונגאַקט פֿון זייער גרופּע. זען נומ׳ 58.

51. *Şcrisoare deschisă Dsale Dlui Iosef Kaufman* (אַן אָפֿענער בריוו צו ה׳ יוסף קויפֿמאַן), פּיאַטראַ, 1900, געשריבן פֿון בן אורא (מ. שאַפּיראָ).

52. *Societatea pribegilor* (וואַנדערער־פֿאַראיין), יאַס, יולי 1900.

53. *Trăiască România* (זאָל לעבן רומעניע), בערלאַד, אַפּריל 1900.

54. *Vocea păşitorului* (דעם גייערס קול), רימניק־סאַראַט, 18טן יוני 1900.

55. *Vocea Canadei* (קאַנאַדעס רוף), בוקאַרעשט, 1900, אין פֿאַרבינדונג מיט אַ ברייטער אַגיטאַציע צו פֿאָרן קיין קאַנאַדע, וואָס אַ גרופּע אַפּעריסטן האָבן אָנגעפֿירט אַ שטיק צײַט אין רומעניע, יוני־יולי 1900.

56. *Vocea pribegilor* (דאָס קול פֿון די נע־ונדניקעס), פּיאַטראַ־נעאַמץ, 22סטן יולי 1900.

57. *Vocea pribegilor*, מאָינעשט, 1900.

58. *Actul constituit al Grupului al II lea al emigranţilor pe jos "Montefiore,"* 1900, Piatra-Neamţ.

59. דער אויסוואַנדערער (ייִדיש און רומעניש), מײַ 1900.

60. דאָס ליעד פֿון דעם פֿאַראיין עולה־רגל, בוהוש, 1900.

61. אבשיעדס־אדיע, פֿון אליעזר סאַלאָמאָן, יאַס, 1900 (אין יציאת רומניה).

62. ההלך (העברעיִש), באַקוי, 1900 (?), רעד׳ משה אַרנשטיין.

63. ליעד פֿון פֿוסס וואַנדערער, פֿון גרובער, יאַס, 1900 (אין יציאת רומניה).

64. ליעד דער אויסוואַנדערער פֿאַן פֿאָקשאַני, פּיאַטראַ־נעאַמץ, 1900. אַ קאָלעקטיווע שאַפֿונג פֿון דער גרופּע אויסוואַנדערערס פֿון פֿאָקשאַן.

65. פּראָגראַם דעס קאָנצערטעס, 1900. מיט עטלעכע לידער, וואָס מען האָט אויסגעפֿירט אויף קאָנצערטן לטובֿת די וואַנדערערס.

פֿון דער רשימה ווערט קלאָר אַז די עמיגראַציע איז געגאַנגען ניט נאָר פֿון די מאָלדעווישע שטעט און שטעטלעך, וואָס זײַנען געווען געדיכט באַזעצט מיט ייִדן, נאָר אויך פֿון מונטעניע און אָלטעניע (גרויס־ און קליין־וואָלעכײַ), ווו עס האָבן געלעבט (חוץ בוקאַרעשט) רעלאַטיוו ווייניק ייִדן.

דער אינהאַלט פֿון די אויסגאַבעס: אויפֿרופֿן, אַרטיקלען, לידער און דערציילונגען ווי אויך ידיעות וואָס אינפֿאָרמירן וועגן דער טרויעריקער לאַגע, וועגן אירע סיבות און וועגן גאַנג פֿון דער עמיגראַציע. דאָ און דאָרט רײַסט זיך דורך אַ ציוניסטישער אָדער סאָציאַליסטישער טאָן. עס ווערט אויסגעדריקט דער טרויער פֿון פֿאַרלאָזן דאָס געבוירן־לאַנד, די משפּחה, די היים, די גוטע פֿרײַנד, די נויט, דער ביטערער גורל פֿונעם עמיגראַנט, די האָפֿענונג אויף אַ בעסערן מאָרגן. איין דערציילונג האָט, למשל, אַזאַ סוזשעט:

אַ ייִדישער אינטעליגענט, אַ געוועזענער ציוניסט און סאָציאַליסט, לײַדט זייער פֿון דעם שווערן ייִדישן גורל אין לאַנד. נאָך שווערע ראַנגלענישן באַשליסט ער מיטצוגיין מיט די עמיגראַנטן. אויפֿן וועג פֿילט ער זיך דערנידעריקט פֿון די נדבֿות וואָס מע גיט די עמיגראַנטן און ער נעמט זיך דאָס לעבן.

פֿון די פּיעסעס וואָס די עמיגראַנטן האָבן אויפֿגעפֿירט ווערן דערמאָנט דרײַ: דון יהודה אַברבנאל, אָפּערעטע אין 4 אַקטן פֿון מ. האָראָוויץ, מוזיק פֿון פֿינקלשטיין; אַ. גאָלדפֿאַדענס בר־כּוכבֿא און אַ פּיעסע דער קעניג שואליק.

אינטערעסאַנט זײַנען אויך די לידער אויף ייִדיש, לרובֿ גוט געמיינטע, אָבער טאַלענטלאָזע, אומבאַהאָלפֿענע גראַמעכצן אין בדחנישן נוסח, אָדער לויטן שטייגער פֿון דער פֿאָלקס־באַלאַדע.

אַ באָטאָשאַנער עמיגראַנט זינגט:

מיר גייען אַזאַ ווײַטן וועג
נאָר אויף גאָטס באַראָט.
אַזוי פֿיל וואָכן מיט טעג.
ברידער, פֿאַרלירט קיין מוט.

נאָך מער האָפענונג דריקט אויס אַ פּאָקשאַנער גייער:

אין אַ גוטער שעה זאָלן מיר גיין,
פֿאַרגעסן אין אונדזער ביטער געוויין.
גאָט וועט מיט אונדז אימער זײַן
און וועט אונדז בשלום פֿירן קיין קאַנאַדע אַרײַן.

אַ בוהושער נוסע געזעגנט זיך אַזוי:

שלום עליכם און זײַט געזונט,
אַלע ברידער וויפֿל איר זענט דאָ,
גאָט זאָל אונדז באַגליקן גיך און געשווינד
און מיר זאָלן גיין אין אַ גוטער שעה.

אַ יאַסער עמיגראַנט זינגט:

אַדיע, רומעניע, אַדיע, מײַן היימאַט,
מײַנע יונגע יאָרן האָב איך בײַ דיר פֿאַרבראַכט.
יעצט פֿאַרלאָז איך דיך און בין נע־ונד
און וואַנדער בײַ טאָג און בײַ נאַכט.

און מיטן ניגון פֿון אַ ליד וועגן דרייפֿוסן געזעגנט זיך אַ וואַנדערער פֿון הוש:

מיר גייען אין אַ פֿרעמד לאַנד;
מיר וייסן אַליין נישט ווּהין.
גאָט זאָל האַלטן זײַן רעכטע האַנט
און אונדז ברענגען געזונט אַהין.
גאָט זאָל זיך אויף אונדז אַרומקוקן
אין דעם וועג וואָס מיר דאַרפֿן גיין.

די פֿוסגייער־עמיגראַציע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג ניט נאָר פֿאַר די אָנטייל־נעמערס גופֿא: פֿון איין זײַט זײַנען געמילדערט געוואָרן די דיסקרימינאַטאָרישע געזעצן און מאָסמיטלען קעגן ייִדן און פֿון דער אַנדערער זײַט איז אַרײַנגעקומען אַ געוויסע אָרגאַניזאַציע אין דעם אויסוואַנדערן.

א. שטיינהאַרט

אַן ענגלישער באַריכט וועגן פּוילן פֿון 1598

אין בריטישן מוזיי געפֿינט זיך אַ מאַנוסקריפּט פֿון סער George Carew וואָס טראָגט דעם נאָמען:

A Relation of the State and the United Provinces of that Crowne. Anno 1598.

דער מאַנוסקריפּט האַלט 224 פֿאָליאָזײַטן און דער זאַצשפּיגל איז 18 X 23 צענטימעטער. די סיגנאַטור איז: *Royal MS, 18, Vol. I*.

1598 האָט די קיניגין עליזאַבעט געשיקט דעם פֿעיִקן דיפּלאָמאַט סער דזשאָרדזש קאַריו (געשטאָרבן אין 1612) קיין שוועדן, דאַנציק און פּוילן אָנצוקניפּן האַנדלס־פֿאַרבינדונגען מיט די מקומות. סער דזשאָרדזש, אַן אויסגעפּרוּווטער דיפּלאָמאַט און שפּעטערדיקער אַמבאַסאַדאָר קיין פֿראַנקרײַך (1605—1609), האָט צוגעשטעלט דער קיניגין אַן אויספֿירלעכן באַריכט וועגן פּוילן.

הגם זײַנער אַ שפּעטערדיקער באַריכט וועגן פֿראַנקרײַך איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן נאָך 1740, איז דער דאָזיקער באַריכט געבליבן אומפֿאַרעפֿנטלעכט. ביז 1920 האָט ער זיך געפֿונען אינעם קיניגלעכן הויף. 1920 האָט דער הויף אים איבערגעגעבן דעם בריטישן מוזיי און אין 1932 האָט ר. קעסעלרינג, פּראָפֿעסאָר פֿון פּראָטעסטאַנטישער טעאָלאָגיע, זיך אָנגעשטויסן אויף דעם מאַנוסקריפּט און פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע אויסצוגן אין *Głos ewangelicki* פֿון 1932, נומ׳ 9 און 10 (דער זשורנאַל איז צום באַדויערן אין די עפֿנטלעכע ביבליאָטעקן ניט בנימצא).

1936 האָבן די נאַציס באַשלאָסן אָפּצופֿרעגן פּראָפֿעסאָר קעסעלרינגס פּראָפּוילישע אויספֿירן און זיגפֿריד מעווס (Mews) האָט אין *Deutschland und der Osten*, לײַפּציק, 1936, פֿאַרעפֿנטלעכט גרעסערע אויסצוגן פֿון דעם באַריכט אין אַ דײַטשער איבערזעצונג. פֿון

אָט דער איבערזעצונג, וואָס זעט אויס צו זײַן ניט קיין צו זאָרגעוודיקע, נעם איך די ווײַטערדיקע שטעל וועגן ייִדן:

ייִדן האָבן זייערע הויפּטווינפּלעצער אין קראָקע, לעמבערג, אין רוסלאַנד, און אין טראָק, אין ליטע. זיי פֿאַרנעמען זיך היפּש מיט פֿעל־ און פּוטער־האַנדל. די וואָס ווינען אין שטעטלעך און דערפֿער זײַנען בעלי־מלאָכות און לאַנדווירטן... כּמעט דער גאַנצער האַנדל ליגט בײַ זיי אין די הענט, ווײַל די פּאָליאַקן באַטראַכטן דאָס פֿאַר אַן אומ־בכּבֿודיקער באַשעפֿטיקונג. זייער וואָכער איז אָן אַ גרענעץ. די שליאַכטע האָט מיט זיי אײַנזען מחמת דעם גרויסן נוצן וואָס די קרוין האָט פֿון די אויסערגעוויינטלעכע צאָ־לונגען זייערע. איין מאָל האָט מען אויף זיי אַרויפֿגעלייגט 400,000 קראָנען פֿאַר אַ מתּנה דעם קייסער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווײַל דער קיניג קאָן, ווען ס'ווילט זיך אים, אַרויפֿ־לייגן אויף זיי אויסערגעוויינטלעכע אָפּצאָלונגען.

מען דאַרף זײַן געוואָרנט פֿאַר דער צאָל 400,000 און די ווערטער: „דערפֿער“, „לאַנדווירטן“. דאָס ערשטע קאָן זײַן אַ טיפּאָגראַפֿישער טעות און די לעצטע — ניט־פּינקטלעכע איבערזע־צונגען.

י. ליפּשיץ

אַ גילגול פֿון מיכל גאָרדאָנס די באָרד

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהערט זינגען דאָס ליד די באָרד פֿון מ. קליגסבערגן, זומער 1948 אין ניו־יאָרק. דער טעקסט און ניגון האָבן געקלונגען ווי אַ פֿאָלקסליד, און סײַ איך און די אַנדערע צוהערערס, סײַ דער זינגער גופֿא האָבן געמיינט, אַז דער מחבר פֿון דעם ליד איז אַנאָנים. צופֿעליק האָב איך שפּעטער באַמערקט אין דער ליטעראַטור די באָרד ווי דעם טיטל פֿון מיכל גאָרדאָנס אַ ליד.[1] דער ענין האָט מיך פֿאַראינטערעסירט, און איך האָב אָנגעהויבן צו פֿאָרשן די געשיכטע פֿונעם ליד דורך זאַמלען און פֿאַרגלײַכן די וואַריאַנטן.

אָט איז דאָס ליד ווי איך האָב עס געהערט זינגען צום ערשטן מאָל:

אַז טשיפּע־טרײַנע איז אין שטוב אַרײַנגעקומען
האָט זי איר אייגענעם מאַן ניט דערקענט —
די גאַנטשיטשקע באָרד אַרונטערגענומען;
האָט זי געמאַכט אַ יאָמערלעך געוואַלד.

צוזונג:

די באָרד, די באָרד, די באָרד זאָל מיר זײַן,
די באָרד, די באָרד, אין טאַטן אַרײַן!

צי איז דאָס אַ מאַן, צי איז דאָס אַ בחור,
צי איז דאָס אַ נקבֿה, צי איז דאָס אַ זכר,
צי זאָל איך דאָס טראַכטן, צי זאָל איך דאָס קלערן,
אַז מײַן מאַן זאָל זיך די באָרד גאָר אָפּשערן?

צוזונג.

צי האָט דיר די באָרד געטאָן אַ רעה?
צי האָט זי דיר געקאָסט אַ ספּעציעלע הוצאה?
צי האָט זי פֿון דיר גאָר געמאָנט עסן?
אוי געוואַלד געשריגן, איך קען דאָס נישט פֿאַרגעסן.

צוזונג.

נעכטן בײַ נאַכט איז מיר געקומען צום חלום
די גאַנטשיטשקע באָרד עליה השלום;
אַ האָר אַהין און אַ האָר אַהער —
און לעבן דער באָרד איז געלעגן אַ שער.

צוזונג.

---

[1] A. A. Roback, *History of Yiddish Literature*, Yivo, New York, 1940, p. 85.



דאָס דאָזיקע ליד, האָב איך שפּעטער אויסגעפֿונען, פּונקט ווי אַנדערע לידער פֿון מיכל גאָרדאָן, דעם משׂכּילישן פֿאָלקסדיכטער (1823—1890), איז שוין אַלט קנאַפּע הונדערט יאָר. במשך פֿון דער דאָזיקער צײַט זײַנען די לידער געוואָרן שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין פֿאָלק. די מערהייט ליטעראַטור־קריטיקערס וואָס האָבן אין פֿאַרשיידענע צײַטן געשריבן וועגן גאָרדאָנען האָבן שטענדיק אונטערגעשטראָכן די אויסערגעוויינטלעכע פּאָפּולערקייט און פֿאַרשפּרייטקייט פֿון זײַנע לידער. אין 1888 האָט דינעזאָן געשריבן:

> עס זײַנען שוין באַקאַנט און מיט ליבע אָנגענומען געוואָרן די לידער פֿון אונדזער עלטסטן און ערלעכסטן פֿאָלקסדיכטער, החכם הישׂיש ה׳ מיכל גאָרדאָן. און ווער געדענקט זיי נישט עד היום, כאָטש זיי לעבן שוין פֿערציק יאָר? [2]

און ליטווין האָט פֿאַרצייכנט:

> ער האָט פֿאַרפֿאַסט אַ ליד, צוגעפּאַסט דערצו אַ ניגון, פֿאַרגעלייענט בײַ זיך אין שטוב אין דעם קליינעם קרײַז פֿון זײַנע תּלמידים און פֿרײַנד. און די ליד איז דעם זעלבן טאָג געוואָרן דער אייגנטום פֿונעם פֿאָלק. [3]

איז עס נישט אַזאַ וווּנדער וואָס בשעת מיר האָבן געהערט זינגען דאָס ליד צום ערשטן מאָל האָבן מיר ניט געהאַט קיין באַגריף וועגן דעם ווער ס׳איז דער מחבר פֿונעם ליד און צי מען ווייסט בכלל ווער עס איז דער מחבר. גאָרדאָן האָט קיין מאָל ניט באַקומען די געהעריקע אָנערקענונג צווישן די ליטעראַטור־פֿאַרשערס, ווי עס שרײַבן דינעזאָן און ש. ניגער צוזאַמען, [4] און צווישן די מאַסן איז זײַן נאָמען געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט. [5] עס ווערן געגעבן פֿאַרשיידענע סיבות: ער איז געווען צו עניוותדיק, [6] צו שטאָלץ; [7] די ווירקונג פֿון

---

[2] י. דינעזאָן, „די ייִדישע שפּראַכע און אירע שרײַבער״, הויזפֿרײַנד 1, 1888.

[3] אַ. ליטווין, „מיכל גאָרדאָן אַלס מענטש און דיכטער״, צוקונפֿט, 1915, נו׳ 1 און 2.

[4] דינעזאָן, דאָרטן; ש. ניגער, „מיכל גאָרדאָן: צו זײַן הונדערטסטן געבורטסטאָג״, צוקונפֿט, 1923, נו׳ 11 און 12.

[5] אַ. ליטווין, דאָרטן; דינעזאָן, דאָרטן.

[6] אַ. ליטווין: „מיכל גאָרדאָן איז אַ נאָמען, וואָס איז אונדזער מאַסן־יוגנט... כמעט אין גאַנצן אומבאַקאַנט... דער נאָמען איז אָבער אַפֿילו אין זײַן צײַט ניט געווען גענוג באַקאַנט... די פּערזאָן איז געווען צו עניוותדיק צו שטופּן זיך אין מיזרח־וואַנט״, דאָרטן.

[7] ש. ניגער, דאָרטן.

דעם השׂכּלה־פּעריאָד [8] (פּרץ שרײַבט: „ווײַל אונדזערע העברעיִשע, פּוילישע און רוסישע שריפֿטשטעלער מאַכן שטענדיק אַ שוויַיג איבערן טון און ווירקן פֿון זשאַרגאָן").

ווי עס זאָל ניט זײַן — גאָרדאָנס לידער ווערן עד היום געזונגען, זעכציק יאָר נאָך זײַן טויט. זיי האָבן אָנגענומען ווײַזט אויס אַלע אייגנשאַפֿטן פֿונעם פֿאָלקסליד און ווערן באַטראַכט ווי אַנאָנימע.

לאָמיר דאָ למשל דערמאָנען דאָס פּאָפּולערע ליד די משקה („משקה לאָמיר טרינקען, ברידער") פֿון גאָרדאָנען.[9] אָט דאָס ליד, נאָר אין אַ געביטענער פֿאָרעם, געפֿינען מיר אין מ. קיפּניסעס זאַמלונג 80 פֿאָלקסלידער, צווייטער טייל, וואַרשע, ווי אַ פֿאָלקסליד „אויפֿגענומען בײַ פּרץ מאַרקישן". אויך אין אַ געביטענער פֿאָרעם געפֿינט זיך די משקה אין ש. באַסטאָמסקיס זאַמלונג, בײַם קוואַל, ווילנע, 1923.

בײַ מ. ווײַנרײַכן איז פֿאַרצייכנט פֿון מיטאַווע, קורלאַנד, אַ פֿאָלקסליד וואָס הייבט זיך אָן: „אויפֿן בית הקבֿרות אונטער אַ מצבֿה". ווײַנרײַך שרײַבט: „ס'איז קאָנטיק אַן אויסטערלישע איבעראַרבעטונג פֿון מיכל גאָרדאָנס אַ ליד [די שטיפֿמוטער]. [זײַנע] ווערק זײַנען געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז זיי האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש ביז מיטאַווע".[10] אַנדערע וואַריאַנטן פֿון די שטיפֿמוטער געפֿינען מיר אין דעם צווייטן באַנד פֿאָלקלאָר־לידער (רעדאַגירט פֿון מ. ווינער, מאָסקווע, 1936), ווידער אַ מאָל בײַ באַסטאָמסקין און בײַ ז. רוזנטאַל, „שירי עם", רשומות, ב, תּרפּ"ז, ז' 374.

אַנדערע לידער פֿון מיכל גאָרדאָנען וואָס זײַנען אַרײַן אין פֿאָלקס־רעפּערטואַר און געפֿינען זיך פֿאַרעקאָרדירט ווי אַנאָנימע, אין אַ געביטענער פֿאָרעם, אין ייִדישע פֿאָלקסלידער־זאַמלונגען זײַנען: ד־דע פֿאַר דעם גט אין גינזבורג־מאַרעק, יידישע פֿאָלקסלידער אין רוסלאַנד (פּעטערבורג, 1901), נומ' 285; מײַן תּשובֿה אין פֿאָלקלאָר־לידער ב' 2, ז' 137; מײַן דעה אין באַסטאָמסקיס בײַם קוואַל, ז' 66; שלאָף מײַן קינד (גאָרדאָנס סטראָפֿעס זײַנען איבערגעשטעלט און דעם אָנהייב זינגט מען: „אַז כ'וואָלט געהאַט דעם קיסרס אוצרות מיט זײַן גאַנצער מלוכה) בײַ גינזבורג־מאַרעק, נומ' 65 און בײַ י. ל. כּהן, יידישע פֿאָלקסלידער, ב' 2, 1912, ז' 99, און עטלעכע וואָס ש. ז. פּיפּע האָט פֿאַרצייכנט אין ייִוואָ־בלעטער XIV (1939).

נאָטן צו אַ טייל פֿון גאָרדאָנס לידער געפֿינען זיך אַגבֿ אין אַרכיוו פֿון ייִוואָ, אין דער אַ. ליטווין־קאָלעקציע, און אין דער י. ל. כּהן־קאָלעקציע.

היות גאָרדאָנס ערשטע לידער־זאַמלונג איז געווען אַנאָנים, „פֿון אַ גרויססין חסיד", האָבן זיך אַנדערע מחברים אָפֿט מאָל גענומען דאָס רעכט צו באַאַרבעטן זײַנע לידער לויט זייער געשמאַק. אָט וואָס גאָרדאָן אַליין זאָגט וועגן דעם:

> נאָך דעם אַלס דאָס ליד איז אַרויס אין עטלעכע יאָר אַרום האָט איינער פֿון די באַרימטע זשאַרגאָניסטן גענומען די ערשטע עטלעכע סטראָפֿן פֿון אים און האָט זיי אַ ביסל אומגעענדערט און צוגעפּאַסט אַ שיינע מעלאָדיע און האָט עס אויסגעברייטערט אין זײַן נאָמען.[11]

אַזוי האָט אַ. גאָלדפֿאַדען זײַן ליד „די חסידה", 1869, געבויט אויף דעם מאָטיוו פֿון גאָרדאָנס אַ ליד.[12]

דאָס ליד, די באָרד, וואָס איך ברענג דאָ (לויט ליטווינען „איינע פֿון די שענסטע פּערל פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר") איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1868 אין זײַן זאַמלונג: דיא באָרד און דערצו נאָך אַנדערע שיינע אידישע לידער, אַללע פֿון אַ גרויססין חסיד (זשיטאָמיר) און שפּעטער איבערגעדרוקט אין שירי מ. גאָרדאָן, יודישע ליעדער, וואַרשע, 1889. בכדי בעסער צו זען די טראַנספֿאָרמאַציע פֿונעם ליד אין די פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן וועל איך דאָ ברענגען דעם פֿולן טעקסט ווי ער איז געדרוקט אין די אויסגאַבעס. די מעלאָדיע ווערט דאָרטן ניט

---

8 ז. רייזען, לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע, ב' 1, ווילנע, 1926; ש. ניגער, דאָרטן.

9 געדרוקט אין דיא באָרד און דערצו נאָך אַנדערע שיינע אידישע לידער אַללע פֿון אַ גרויססין חסיד, זשיטאָמיר, תּרכ"ט, 96 זז'.

10 מ. ווײַנרײַך, שטאַפּלען, בערלין, 1923, ז' 222.

11 שירי מ. גאָרדאָן, וואַרשע, 1889, ז' 29.

12 נ. שטיף, די עלטערע יידישע ליטעראַטור, קיִעוו, 1929.

געגעבן. איך בין זיכער, אַז פֿאַר פֿיל פֿון די לייענערס איז דאָס ליד באַקאַנט, און איבער עס איז קען נאָך אַן אַנדער וואַריאַנט בעט איך מיר דאָס אַרײַנצושיקן אויפֿן אַדרעס פֿון יזוואָ. דאָס ליד ווערט דאָ איבערגעדרוקט אין דער מאָדערנער אָרטאָגראַפֿיע.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די ערשטע פּובליקירטע קאָלעקציע פֿון גאָרדאָנס לידער איז ניט פֿאַראַן אין קיין איינער פֿון די ביבליאָטעקן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. נאָך אין 1938 האָט זלמן רייזען געשריבן, בעת ער האָט רעצענזירט דעם אוצר בדויי השם הוא מפתח השמות הבדויים של המחברים בספרות ישראל בעברית ובאידית פֿון שאָול חיות אין די יזוואָ־בלעטער, ב׳ XIII, אַז די אויסגאַבע איז „איצט די גרעסטע ביבליאָגראַפֿישע זעלטנהייט“. פֿון בריטישן מוזיי אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, האָט דער יזוואָ באַקומען אַ פֿאָטאָקאָפּיע פֿון דעם בוך, און פֿון דאָרטן ברענג איך דאָ דעם פֿולן טעקסט פֿון דער באָרד:

די באָרד

קאָכערס ווײַב איז קיין פּאָלטאַווע געקומען.
זי זעט איר מאַן און דערקענט אים ניט באַלד;
זי קוקט זיך צו, אַז ער האָט זײַן באָרד אַראָפּגענומען,
הייבט זי אָן צו שרײַען און מאַכט אַ געוואַלד.

1

ביסטו דאָס מײַן מאַן, ביסטו דאָס קאָכער?
איך דערקען דיך ניט, זעסט אויס אַ בחור!
צי וואָלט איך גלייבן, ווען איך וואָלט הערן,
אַז מײַן מאַן וועט זײַן באָרד אָפּשערן.
גוואַלד! די באָרד זאָל מיר ווערן.

2

די באָרד זאָל מיר ווערן, עס קען אונטערגיין די וועלט,
די באָרד זאָל מיר ווערן, ניט אַ האָר געפֿעלט;
די באָרד זאָל מיר ווערן, ווי געוועזן גרויס,
די באָרד זאָל מיר ווערן, איך האַלט ניט אויס!
גוואַלד! גיב מיר די באָרד אַרויס.

3

וואָס איז די באָרד אַזוי שווער געוואָרן?
דו טראָגסט דאָך זי שוין עטלעכע יאָרן.
נאָר מיט אַ מאָל פֿאַלט דיר אין זינען אַרײַן,
דו זאָלסט זי שערן, מײַן ליכט, מײַן שײַן.
גוואַלד! די באָרד זאָל מיר זײַן.

4

וואָס האָט דיר די באָרד געטאָן אַ רעה?
צי האָט זי דיר געקאָסט עפּעס אַ הוצאה?
צי האָט זי דיר געשאַט צו דײַנע אינטערעסן,
אָדער האָט זי בײַ דיר געבעטן עסן?
גוואַלד! איך קען די באָרד ניט פֿאַרגעסן.

5

אַצינד איז דײַן הוצאה געוואָרן גרעסער,
מוזסט קויפֿן זייף מיט אַ גאָלמעסער;
אַליין זיך צו שערן איז בוודאי ניט ליב,
מוז קומען אַ צירולניק צו דיר אין שטיב.
גוואַלד! איך גיי מיט דײַן באָרד אין גריב.



דיא באָרד

אונדערצו נאך אנדערע שיינע אידישע לידער .

אללע

פון אַרויסטין חסיד :

זשיטאמיר

בדפוס אברהם שלום בר' שאדאוו

בשנת תרכ"ט לפ"ק

ДИ БОРДЪ

т. е. Еврейскія пѣсни

ЖИТОМИРЪ

въ Типографіи А. Ш. Шадова. 1868.

שער־בלאַט פון מיכל גאָרדאָנס לידער־זאַמלונג פון 1868.

6

גאָר ניט לאַנג האָב איך געזען אין חלום
די גאַנצע באָרד עליה השלום;
איין האָר אַהין און איין האָר אַהער —
און לעבן איר איז געלעגן אַ שער.
גוואַלד! גיב מיר די באָרד אַהער.

7

איך האָב מיך באַלד פּותר חלום געווען,
אַז דער באָרד איז עפּעס אַ צרה געשען;
נאָר איך האָב געמיינט, אַז זי איז נאָך דאָ,
איך האָב ניט געטראַכט, אויף ׳זוי אַ בייזע שעה.
גוואַלד! מײַן מאַנס באָרד איז ניטאָ.

8

זי האָט נעבעך געהאַט תּמיד קורצע יאָרן,
וואָס אַ טאָג פֿון גאָט האָסטו זי געשאָרן;
דאָך האָט זי געשײַנט, און דאָס איז געווען איר צרה,
דען עס האָט זי געשאַט אַ בייזע עין־הרע.
גוואַלד! פֿאַר דער באָרד האָסטו קיין כּפּרה.

9

כאָטש ווײַז מיר געשווינד דעם הייליקן אָרט
ווו דו האָסט געלאָזט די האָר פֿון דער באָרד;
אין שול אין אָרון קודש וועל איך זי אַוועקטראָגן,
וועל זי מחילה בעטן און שרײַען און קלאָגן.
גוואַלד, באָרד, זײַ מוחל, וועל איך זאָגן.

אין דער צווייטער אויסגאַבע פֿון גאָרדאָנס לידער (1889), וואָס זי האָט שוין געטראָגן זײַן נאָמען, איז די באָרד אַ ביסל איבערגעאַרבעט: טייל סטראָפֿעס זײַנען אין גאַנצן אַרויס־געלאָזט און אין די וואָס גאָרדאָן האָט יאָ איבערגעלאָזט זײַנען פֿאַראַן געוויסע שינויים. עס זײַנען אַרויסגעלאָזט: די ניט־נומערירטע אַרײַנפֿיר־סטראָפֿע, די פֿינפֿטע און די אַכטע. דער סדר פֿון די סטראָפֿעס איז דער זעלביקער, הגם אַ פּאָר שורות זײַנען איבערגעשטעלט. גאָרדאָן דערקלערט דאָ אויך אין אַ הערה דעם טײַטש פֿון קאָכער, אַז דאָס איז „איין אויסגעטראַכטער פֿאַמיליענאָ־מען". אַנדערע קלענערע שינויים וואָס וואַרפֿן זיך אין די אויגן זײַנען: איך האָב מיך געטרייסט, אַז זי איז נאָך דאָ אַנשטאָט „איך האָב געמיינט, אַז זי איז נאָך דאָ"; וואָס איז דיר די באָרד איצט נימאס געוואָרן אַנשטאָט „וואָס איז די באָרד אַזוי שווער געוואָרן". בלויז די לעצטע סטראָפֿע איז זייער שטאַרק איבערגעמאַכט:

כ׳האָב שוין דערזען דאָס הייליקע אָרט,
ווו ס׳ליגן נעבעך די האָר פֿון דײַן באָרד,
אויפֿן בית־הקבֿרות גראָב איך אַ גריבל,
כ׳וועל זיי באַגראָבן, אויף זיי מאַכן אַ שטיבל.
גוואַלד בערדעלע, האָב ניט פֿאַראיבל.

דאָס ליד האָט זוכה געווען צו אַ היפּשער צאָל וואַריאַנטן, מסתּמא צוליב זײַן פּאָפּולערקייט. עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אָפּצוגעפֿינען עטלעכע געדרוקטע וואַריאַנטן ווי אויך עטלעכע וואָס גייען אום צווישן עולם בעל־פּה.

איך מיין, אַז דער ערשטער געדרוקטער וואַריאַנט פֿון דעם ליד, חוץ יענעם וואָס גאָרדאָן אַליין האָט באַאַרבעט, געפֿינט זיך בײַ פּרצן אין זײַן אַרטיקל וועגן מיכל גאָרדאָנען נאָך גאָרדאָנס טויט אין 1890.[13] איך שטרײַך אונטער די שינויים:

---

[13] פּרץ, יידישע ביבליאָטעק, 4, 1891. בײַ נ. שטיף, דצ״וו, איז אַ טעות אין דער דאַטע פֿון גאָרדאָנס טויט. עס דאַרף זײַן 1890 אַנשטאָט 1892.

סטראָפֿע 2:

די באָרד זאָל מיר ווערן, ס׳גייט אונטער די וועלט,
די באָרד זאָל מיר ווערן, אַ האָר נישט געפֿעלט,
די באָרד זאָל מיר ווערן, ווי געווען גרויס,
די באָרד זאָל מיר ווערן, איך האַלט עס נישט אויס.
[לעצטער פֿערז פֿון דער סטראָפֿע אויסגעלאָזט]

הגם די אַנדערשקייטן זײַנען קליינע און אין תּוך איז דער טעקסט געהאַלטן נאָענט צום אָריגינאַל, זעען מיר אָבער דאָך אַ געוויסע פֿרײַקייט בײַם זינגען דאָס ליד; וואָרעם פֿון זיך וואָלט דאָך י. ל. פּרץ נישט אַרײַנגעפּירט די שינויים.

אין רשומות (כּרך ו, תּר״ץ), אונטער דער רעדאַקציע פֿון ביאַליק און ראַווניצקי, תּל־אָבֿיבֿ, געפֿינען מיר אַן אַרטיקל פֿון ש. איינהאָרן: „מה היו שרים בפלך סובלק לפני מאה שנה.״ איינהאָרן דערציילט, אַז ער האָט פֿאַרצייכנט בײַ זײַן באָבען צוו״אַנד צוויי לידער, וואָס זײַנען (ווי זײַן באָבע האָט אים דערציילט) געווען זייער שטאַרק פּאָפּולער אין מאַריאַמפּאָל, ליטע, בערך אין יאָר 1865. בנוגע דעם יאָר האָט די באָבע געוויינטלעך געקענט האָבן אַ טעות, אָבער עס איז טאַקע אַ סבֿרא, אַז גאָרדאָנס לידער זײַנען שוין געוואָרן געזונגען איידער ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן ערשטע אַנאָנימע זאַמלונג אין 1868. ביידע לידער וואָס איינהאָרן האָט פֿאַרצייכנט זײַנען גאָרדאָנס, און איינע איז די באָרד. עס ווערן ציטירט בלויז צוויי סטראָפֿעס פֿון דעם ליד און ס׳איז נישט אָנגעוויזן, אַז דאָס ליד האָט נאָך אַנדערע סטראָפֿעס. אָט זײַנען זיי:

סטראָפֿע 1:

צי ביסט דו... מײַן מאַן צי ביסט דו... יששכר?
דו זעסט דאָך גאָר אויס ווי אַ יונגער בחור.
צי וואָלט איך גלייבן, אַז איך וואָלט הערן,
אַז מײַן מאַן זאָל די בערדל אָפּשערן.
גערוואַלד די בערדל זאָל מיר ווערן!

סטראָפֿע 6:

איך האָב געזען אין חלום
די ...בערדל עליה השלום,
זי ליגט דאָך אַ האָר אַהין — אַ האָר אַהער
און לעבן איר ליגט אַ שער
געוואַלד... די בערדל אַהער!

די מעטריק פֿון דער צווייטער סטראָפֿע פֿון דעם וואַריאַנט איז אין גאַנצן געביטן; די ערשטע איז געבליבן ווי דער אָריגינאַל. ווי מיר זעען, איז אין דעם וואַריאַנט, אַנשטאָט דעם אויסגעטראַכטן נאָמען קאָכער וואָס גראַמט זיך מיט „בחור״, פֿאַראַן דער נאָמען יששכר. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער פּרט אין מיכל גאָרדאָנס לידער, און איך וועל מאַכן אַ פּרווו אויס־צוטײַטשן דעם ענין.

אין אַ טייל לידער ניצט גאָרדאָן נעמען פֿון זײַנע באַקאַנטע, אָדער ער רעדט דאָרטן וועגן זיך אַליין אין דער ערשטער פּערזאָן. אַנדערע לידער האָט ער געשריבן אין שײַכות מיט מענטשן פֿון זײַן סבֿיבֿה. למשל: זײַן ליד בר־מיצווה האָט ער געשריבן צו דער בר־מיצווה פֿון זײַן יינגערן זון; דאָס ליד מײַן צוואה האָט ער אויך געשריבן צו זײַן זון, דאָס ליד מײַן דעה האָט ער געשריבן צו יעקבֿ דינעזאָנס אַ קרובֿה,[14] א״אַנד.

---

[14] „אָט די אייגענע הענע לאה, וואָס איז דורך דעם לידעלע כּמעט היסטאָריש געוואָרן, איז טאַקע אַ קרובֿה מײַנע. זי האָט בײַ מיכל גאָרדאָן געלערנט שוין אין יענע יאָרן דײַטש, רוסיש און פֿראַנציייז. און אַז מען האָט געוואָלט מיט איר אַ שידוך טאָן און געבן איר אַ חתן, ניט אַזעלכן ווי זי איז ווערט געווען לויט איר שׂכל און בילדונג, האָט מיכל גאָרדאָן ספּעציעל דאָס לידעלע אויפֿגעשריבן און דאָס געגעבן זײַנע און אירע באַקאַנטע צו זינגען״, יעקבֿ דינעזאָן, „ערינערונגען״, ש. ניגערס דער פּנקס, ז׳ 151.

אין אַ טייל לידער געפֿינען מיר אויסגעטראַכטע נעמען, אונטער וועלכע גאָרדאָן באַהאַלט זײַנע קרובֿים, באַקאַנטע, אָדער גאָר זיך אַליין. די ערשטע אויסגאַבע פֿון זײַנע לידער האָט ער אַפֿילו מורא געהאַט, אָדער ער האָט זיך געשעמט אונטערצושרײַבן מיט זײַן אייגענעם נאָמען, נאָר ער חתמעט זיי מיט „גר דל מך אני״. אין זײַן ליד מײַן הסכּמה (צו ש. בערנשטיינס מאַגאַזין) איז ער זיך טאַקע מודה אַז:

מײַנע לידער זײַנען אויף דער וועלט
אַרויס אַזוי ווי קאָנטרעבאַנד,
מײַן נאָמען איז אויף זיי ניט געשטעלט,
כ׳האָב מורא פֿאַרן חסידס האַנט.

און אין דער הערה צום ליד (אין זײַן צווייטער אויסגאַבע) זאָגט ער, אַז ער איז דער מחבר פֿון דער אַנאָנימער זאַמלונג וואָס טראָגט די אויבן געבראַכטע חתימה. בלויז דאָס איינע ליד, אויף וויפֿל עס איז באַוווסט, האָט ער אונטערגעשריבן מיט זײַן אמתן נאָמען:

דאָ חתמע איך מיך גאָר אָן מורא,
דײַן בעסטער פֿרײַנד מ. גאָרדאָן.

עס לייגט זיך דעריבער אויפֿן שׂכל די השערה, אַז אויב אין דעם ליד האָט גאָרדאָן „גאָר אָן מורא״ זיך אונטערגעשריבן מיט זײַן אמתן נאָמען, האָט ער זיך אין אַנדערע לידער פֿאַר־באַהאַלטן אונטער אַנדערע נעמען. אין אַ טייל וואַריאַנטן וואָס מיר קענען האָט מען לכתּחילה געזונגען זײַנע לידער מיט זײַן נאָמען און ערשט שפּעטער (בײַם איבערגעבן צום דרוק?) האָט ער, ווי עס זעט אויס, דאָס פֿאַרביטן מיט אויסגעטראַכטע צונעמען. זײַן ליד דער גט הייבט זיך למשל אָן מיט די ווערטער: „זשאַרגאָן איז קיין פּאָלטאַווע געפֿאָרן״ און שפּעטער איז די שורה: „האָט איר דאָרט זשאַרגאָן געזען.״ אין דער צווייטער אויסגאַבע פֿון זײַנע לידער איז די דאָזיקע שורה געביטן און זי לייענט זיך גאָר אַזוי: „האָט איר דאָך דאָרטן מײַן מאַן געזען״. אין *Ost und West*, ב׳ VII, 1907, זז׳ 239—240 איז אָפּגעדרוקט "Das Lied von dem Bart (nach einer jüdischen Volksmelodie)", אויפֿגענומען בײַ ד״ר גאָץ (בערלין), מוזיק באַאַרבעט פֿון אַרנאָ נאַדעל. ס׳איז אָבער ניט די באָרד, נאָר אַ וואַריאַנט פֿון גאָרדאָנס ליד דער גט. דאָרט איז די שורה: „און האָט זיך דאָרט ר׳ גאָדל געזען״. דער נאָמען „גאָדל״ קען האָבן אַ שײַכות צו די צוויי ערשטע ווערטער פֿון גאָרדאָנס ערשטן אַנאַגראַם „גר דל מך אני״, און צום ערשטן וואָרט אין זײַן צווייטן אַנאַגראַם „גדל רם אנכי״. אין דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל אין רשומות לייענט זיך אָט די שורה, „צי האָט איר דאָרט גאָרדאָנען געזען?״ וועגן דעם זעלבן ליד דערציילט דינעזאָן אין זײַנע „ערינערונגען״, אַז גאָרדאָן אַליין האָט אים אויסגעלערנט דאָס ליד און טאַקע אין דעם וואַריאַנט „צי האָט איר דאָרט מיכל גאָרדאָנען געזען״.[15]

צוליב דעם זײַנען מיר, דוכט מיר, באַרעכטיקט צו מאַכן דעם אויספֿיר, אַז די אויס־געטראַכטע נעמען און צונעמענישן זײַנען אַרײַנגעשטעלט געוואָרן פֿון גאָרדאָנען גופֿא.

אויך אין ליד ווּ די פֿרוי בעט דעם ייִד פֿון פּאָלטאַווע, ער זאָל הייסן איר מאַן שיקן אַ גט, איז פֿאַראַן אַ סטראָפֿע וואָס ווײַזט קלאָר, אַז מיטן „מאַן״ מיינט ער נישט קיין אַנדערן ווי זיך אַליין:

---

15 יעקבֿ דינעזאָן, „ערינערונגען״, פנקס, ווילנע, 1913, זז׳ 149—151. אַגבֿ לויט די ביאָגראַפֿישע ידיעות וואָס זלמן רייזען ווײַזט אָן וועגן גאָרדאָנען, איז דאָס ליד דער גט געשריבן געוואָרן בשעת גאָרדאָן איז געפֿאָרן קיין פּאָלטאַווע. קיין פּאָלטאַווע איז ער געפֿאָרן פֿון נײַ־זאַגער, ווּ ער איז געווען אַזוי באַפֿרײַנדט מיט דער דינעזאָן־משפּחה — אַ סימן אַז ער האָט דאָס ליד געשריבן שפּעטער, אַזוי אַז עס קען זײַן אַז דינעזאָן האָט געמאַכט אַ טעות וואָס שייך הערן דאָס ליד פֿון גאָרדאָנען דירעקט. אינטערעסאַנט פֿאַר אונדז איז אָבער, וואָס ער געדענקט, אַז מען האָט געזונגען דאָס ליד מיטן נאָמען פֿון מחבר.

זײַנער אַ פֿרײַנד האָט געטראָפֿן די צרות,
ער האָט מיט זײַן בערדל געשלאָגן כּפּרות,
האָט מײַן מאַן אויף אים געמאַכט אַ ליד,
אַזוי ווי ער וואָלט עס זײַן דער ערלעכער ייִד.

אַז דאָס איז אַ שליסל וואָס גאָרדאָן אַליין האָט אונדז געגעבן, אַז מיר זאָלן וויסן, ווער עס באַהאַלט זיך אונטער אָט די אַלע נעמען, זעען מיר אויך אין אַן אַנדער ליד פֿון גאָרדאָנען, דער קדחת, ווו די צוויי העלדן, קאָכער (פֿון זײַן ליד די באָרד) און זשאַרגאָן (פֿון דעם ליד דער גט) טרעפֿן זיך צונויף. דאָ איז זשאַרגאָן (גאָרדאָן?) דער מחבר פֿון אַ ליד וואָס האָט אָפּגעלאַכט פֿון קאָכערס באָרד, און דערפֿאַר לײַדט ער איצט פֿון קדחת:

גאָט האָט דיר דערפֿאַר באַצאָלט,
ווײַל דו האָסט פֿון מיר געלאַכט.
איך האָב מײַן באָרד געגאָלט,
האָסטו באַלד אַ ליד געמאַכט.
קללות איז ניט קיין ברכות,
אָט האָסטו דערפֿאַר קדחת.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז אויב עס האָט געקענט ווערן „זשאַרגאָן" פֿון גאָרדאָן, אָדער פֿאַרקערט, האָט אויך דער אויסגעטראַכטער „קאָכער" זיך געקענט פֿאַרוואַנדלען אין „יששׂכר". ישׂכר בער במהו׳ מיכל גאָרדאָן איז דער נאָמען פֿון אַ העברעיִשן מחבר פֿון צוויי ביכער וועגן געאָגראַפֿיע,[16] ער שטאַמט פֿון נײַ־זאַגער (די שטאָט ווו מיכל גאָרדאָן האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט), אַזוי אַז עס קען געמאָלט זיין, אַז דאָס איז אַ קרובֿ פֿון מיכל גאָרדאָנען. קיין ביאָגראַפֿישע ידיעות וועגן דעם ישׂכר בער גאָרדאָן זײַנען ניט בנימצא. דער פֿאַקט אָבער, וואָס זײַן נאָמען פֿיגורירט אין דעם וואַריאַנט פֿון מיכל גאָרדאָנס ליד מאַכט שטאַרקער די השערה וועגן זייערביידנס קרובֿישאַפֿט. דעריבער איז גאַנץ מיגלעך, אַז גאָרדאָן אַליין האָט איבערגעמאַכט בײַם זינגען די נעמען „קאָכער" און „יששׂכר" איינס אויפֿן אַנדערן.

דעם לעצטן פֿאַרצייכנטן וואַריאַנט פֿון דער באָרד האָב איך געפֿונען בײַ אַ. ז. אידעלסאָן אין *Hebräisch-Orientalisher Melodienschatz*, באַנד IX (לײַפּציק, 1932), נומ׳ 752. דאָס איז דער איינציקער וואַריאַנט ווו ס׳איז אויך פֿאַרשריבן געוואָרן די מוזיק. אַזוי ווי דער ניגון איז נישט ענלעך צו די ניגונים וואָס איך האָב געזאַמלט, ברענג איך אים דאָ. אידעלסאָן האָט דעם וואַריאַנט אויפֿגענומען בײַ זײַן פֿרוי. ער גיט נישט אָן, ווו און ווען זי האָט עס געהערט. אויך דערמאָנט ער ניט אַז דאָס האָט אַ שײַכות צו מיכל גאָרדאָנס ליד. אין זײַן וואַריאַנט, וואָס איך ברענג דאָ, זײַנען צונויפֿגענומען די ערשטע און פֿערטע סטראָפֿעס פֿון אָריגינאַל.

צי איז די בערדל געגאַנגען אין דײַן אינטערעסן?
צי האָט זי בײַ דיר געבעטן עסן?
איך וואָלט אין מײַן לעבן קיין מאָל ניט געטראַכט,
אַז דו, מײַן מאַן, זאָלסט די בערדל אָפּשערן, אַך, אַך!
אוי געוואַלד, די בערדל זאָל מיר ווערן!

---

[16] ספר מחקרי ארץ השלם והיא חכמת הגעאגראפהיע וידיעתה מאת ישכר בער במהו׳ מיכל גאָרדאָן מבני ווילנא, שנת תרל״ו לפ״ק.

ספר שבילי עולם חדש והיא ידיעת הגעאגראפפהיע מן שני חלקי תבל החדשים אמעריקא ואוסטראליען מאת ישכר בער במהו׳ יחיאל מיכל גאָרדאָן מחבר ספר מחקרי ארץ, ווארשא, שנת תרל״א לפ״ק. אַגבֿ דערוויסן מיר זיך פֿון יצחק יעקבֿ ווײַסבערג (אין ממזרח וממערב, מאסף לחכמה ולספרות, פֿון ראובֿן בן מרדכי ברײַנין, ווין תרנ״ו) אַז מיכל גאָרדאָנען האָט מען גערופֿן „יחיאל מיכל".



פֿון די וואַריאַנטן וואָס איך האָב געזאַמלט וועלן מיר זען, ווי שטאַרק געוויסע סטראָפֿעס זײַנען געביטן געוואָרן, ווי פֿאַרשפּרייט דאָס ליד איז געווען און וועלכע סטראָפֿעס עס ווערן געזונגען הײַנט צו טאָג. אויך איז אינטערעסאַנט, וואָס די וואַריאַנטן ווערן געזונגען מיט פֿאַרשיידענע ניגונים (מיכל גאָרדאָן אַליין האָט ניט פֿאַרצייכנט די מעלאָדיעס צו זײַנע לידער). בלויז צוויי וואַריאַנטן ווערן געזונגען מיטן זעלביקן ניגון.

אַ וואַריאַנט פֿון דעם ליד מיט אַן איינשורהדיקן רעפֿריין, ווי אין אָריגינאַל, האָב איך באַקומען פֿון בעטי קאָהן (פֿון לויצק, וואָלינער גובערניע). זי האָט דאָס ליד געהערט בערך אין 1911. זי געדענקט בלויז איין סטראָפֿע פֿונעם ליד, און לויט איר קומט דער רעפֿריין פֿון אָנהייב פֿון די סטראָפֿעס און נישט צום סוף; סטראָפֿעס 2 און 6 פֿון גאָרדאָנס טעקסט פֿון 1868 צונויפֿגענומען:

[רעפֿריין] אוי מײַן מאַן, די באָרד זאָל מיר זאַן!

די באָרד זאָל מיר ווערן, די אייגענע גרייס,
די באָרד זאָל מיר ווערן, איך האָלט עס ניט אויס,
אַ האָר אַהין, אַ האָר אַהער,
און לעבן דײַן באָרד איז געלעגן די שער.



דאָס איז דער איינציקער פֿון אַלע ניגונים וואָס איך האָב צונויפֿגעזאַמלט, וואָס פּאַסט צום אָריגינעלן טעקסט, צוליב די פֿינף שורות. אַ וואַריאַנט וואָס איז ענלעך צו דעם וואַריאַנט האָב איך באַקומען פֿון ד״ר יצחק ברזילי וואָס דערציילט, אַז דאָס ליד איז געווען זייער פּאָפּולער אין ביאַליסטאָקער געגנט. ער האָט דאָס צום ערשטן מאָל געהערט אין די 30ער יאָרן און ער געדענקט, אַז מען האָט יעמאָלט אין גאַנצן געזונגען ניט מער ווי צוויי אָדער דרײַ סטראָפֿעס. דער ניגון, וואָס איך האָב פֿאַרצייכנט, איז גאָרניט ענלעך צום ערשטן וואָס

איך האָב אויפֿגענומען בײַ מ. קליגסבערגן, כאָטש ביידע האָט מען געזונגען בערך אין דער זעלביקער צײַט. ד״ר ברזילי גערענקט בלויז אַ טייל פֿון סטראָפֿע 2 פֿון דעם טעקסט פֿון 1868, און אַפֿילו וועגן די דאָזיקע פֿערזן איז ער ניט אין גאַנצן זיכער.

די באָרד זאָל מיר זײַן, קיין האָר זאָל ניט פֿעלן,
....
די באָרד זאָל מיר זײַן, איך האַלט עס ניט אויס.
געוואַלד, מײַן מאַן,
די באָרד זאָל מיר זאַן!



אינטערעסאַנט איז דער גראַם מאַן — זאַן (ווי אין דעם פֿריִערדיקן וואַריאַנט), הגם ער קומט פֿון ביאַליסטאָק. ביידע זײַנען ענלעך צו סטראָפֿע 2 פֿון אָריגינאַל.

אַ וואַריאַנט פֿון לאָמזע האָב איך באַקומען פֿון ראָז סאַלינדזשער (סטראָפֿע 6 פֿון טעקסט פֿון 1868). קיין פּרטים וועגן ליד קען זי זיך ניט דערמאָנען. אינטערעסאַנט, וואָס דער וואַריאַנט האָט אויך אַ רעפֿריין:

יענע נאַכט בין איך געווען [האָב איך געזען?] אין חלום
די גאַנצע באָרד או ווי אַ שלום [עליה השלום?]
אַ האָר אַהין, אַ האָר אַהער —
אויף דער באָרד איז געלעגן די שער.

אוי גוואַלד, אוי גוואַלד,
אוי אוי אוי אוי!
די באָרד זאָל מיר זײַן באַלד!



די סטראָפֿע האָבן מיר אויך אין די וואַריאַנטן פֿון ש. איינהאָרן (רשומות) און מ. קליגסבערג. אינטערעסאַנט איז אויך וואָס דער ניגון איז זייער ענלעך צום באַקאַנטן אַרבעטער־ליד „איידער איך לייג מיך שלאָפֿן".[17]

אַ וואַריאַנט מיט דעם זעלביקן ניגון ווי דער לעצטער האָב איך פֿאַרצייכנט פֿון שׂרה שנײַדער פֿון קאַפּוליע (מינסקער גובערניע); זי האָט עס געהערט בערך אין 1914. זי דערציילט, אַז מען האָט יעמאָלט געזונגען אַ סך סטראָפֿעס, אָבער זי געדענקט איצט נאָר איינע פֿון זיי (אַרײַנפֿיר־סטראָפֿע און סטראָפֿע 2):

מײַן מאַן קאָכער איז אין קיִעוו געפֿאָרן
און ער האָט דאָרט זײַן באָרד אָפּגעשאָרן,
אוי ווײ, אוי ווײ, די באָרד זאָל מיר זײַן,
אוי ווײ, קיין האָר ניט געפֿעלט.

די ערשטע צוויי שורות זײַנען אַ וואַריאַנט צו דער אַרײַנפֿיר־סטראָפֿע פֿון אָריגינאַל, מערניט וואָס וועגן דעם מאַן קאָכער רעדט זיך דאָ אין דער ערשטער פּערזאָן און ניט אין דער דריטער ווי אין אָריגינאַל, און דאָ פֿאָרט ער קיין קיִעוו אַנשטאָט קיין פּאַלטאַווע.

דאָס האָט אויך אַ שטיקל ביאָגראַפֿישע שײַכות צו מיכל גאָרדאָן: מיר ווייסן אַז אין קיִעוו איז ער געשטאָרבן.

בכדי צו מאַכן די זאַך איבערבליקלעכער וועל איך צונויפֿנעמען אַלע נוסחאות פֿונעם ליד וואָס איך האָב געזאַמלט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר אָנהייבנדיק פֿון זײַן „ביזגעבורטיקער סטאַדיע" ביז צו זײַן הײַנטיקער פֿאָלקלאָריזירטער פֿאָרעם.

1. ש. איינהאָרן, מאַריאַמפּאָל, בערך 1865.
2. מיכל גאָרדאָן, זשיטאָמיר, 1868.
3. מיכל גאָרדאָן, וואַרשע, 1889.
4. י. ל. פּרץ, וואַרשע [?], 1891.
5. ב. קאָהן, לויצק, 1911.
6. שׂ. שנײַדער, קאַפּוליע, 1914.
7. ר. סאַלינדזשער, לאָמזע [?].
8. אַ. ז. אידעלסאָן [?].
9. ד"ר י. ברזילי, ביאַליסטאָקער געגנט, 1930ער יאָרן.
10. מ. קליגסבערג, וואַרשע, 1930ער יאָרן.

צום סוף וויל איך נאָך אַ מאָל דערמאָנען דעם וואַריאַנט וואָס איך האָב געהערט זינגען צום ערשטן. דעם וואַריאַנט האָט מ. קליגסבערג געהערט זינגען פֿון אַרטיסטן פֿון וואַרשעווער „יונג־טעאַטער" פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, בערך אין די 30ער יאָרן. אַזוי ווי פֿון דעם וואַריאַנט זײַנען פֿאַרצייכנט מער סטראָפֿעס (אַרײַנפֿיר־סטראָפֿע, סטראָפֿעס 1, 4, 6) קען מען נאָך זען קלאָר אין וואָס ער גייט זיך פֿונאַנדער מיטן אָריגינאַל. דאָס ליד איז געוואָרן אַ פּירשורהדיקס, עס איז צוגעקומען גאָר אַ נײַע סטראָפֿע מיט אַ צוזונג. עס איז אויך צוגעקומען אַן אַרײַנפֿיר־סטראָפֿע וואָס זאָל פּאַסן אומעטום, ניט דווקא אין קיִעוו אָדער פּאָל־טאַווע: „אַז טשיפּע־טרײַנע איז אין שטוב אַרײַנגעקומען..." פֿאַרשטייט זיך, אַז דער צו־געטראַכטער נאָמען „טשיפּע־טרײַנע" ווי אויך די שאלה: „צי איז דאָס אַ נקבֿה צי איז דאָס אַ זכר" דאַרף נאָך אונטערשטרײַכן דעם הומאָר פֿון דער גאַנצער באָרד־געשיכטע. טשיפּע־טרײַנע[18] און די גאַנטשיטשקע באָרד באַווײַזן, אַז דאָס ליד איז געווען פּאָפּולער אין פּוילן, ווײַל דאָס זײַנען כאַראַקטעריסטישע אויסדרוקן פֿון פּוילישן ייִדיש.

---

[17] זען בערעגאָווסקי־פֿעפֿער, יודישע פֿאָלקסלידער, קיִעוו, 1938, ז' 58, און כּהן, ייִדישע פֿאָלקסלידער, ב' 2, ניו־יאָרק, 1912, ז' 208.

[18] דער נאָמען „טשיפּע־טרײַנע" געפֿינט זיך אינעם ליד „פֿון מאָנטאָג אין דער פֿרי ביז פֿרײַטאָג פֿאַר נאַכט," קיפּניס, 80 פֿאָלקסלידער, ז' 104.

פֿון די ביז איצט געזאַמלטע וואַריאַנטן האָבן מיר: צוויי וואַריאַנטן פֿונעם אַרײַנפֿיר (וואַרשע, קאַפּוליע), דרײַ פֿון דער ערשטער סטראָפֿע (וואַרשע, אידעלסאָן, מאַריאַמפּאָל), פֿיר פֿון דער צווייטער סטראָפֿע (וואַרשע, פּרץ, לויצק, ביאַליסטאָק), צוויי פֿון דער פֿערטער סטראָפֿע (אידעלסאָן, וואַרשע), פֿיר פֿון דער זעקסטער סטראָפֿע (וואַרשע, לאָמזע, לויצק, מאַריאַמפּאָל).

אַלע ניגונים זײַנען אין 3/4־טאַקט, אַחוץ אידעלסאָנס וואַריאַנט וואָס איז פֿאַרשריבן אין 8/6־טאַקט. בײַם זינגען אָבער האָט דער אונטערשייד ניט קיין באַטײַט.

דאָס ליד, אין דעם וואַרשעווער וואַריאַנט, ווערט איצט אויך אָפּט געזונגען בײַ פֿאַר־שיידענע געלעגנהייטן אויף צוזאַמענטרעפֿן פֿון ייִדן פֿון דער לעצטער אײַנוואַנדערונג פֿון פּוילן אין ניו־יאָרק און עס קומען אויפֿן זכּרון די ווערטער פֿון ש. פֿרוג,[19] וועגן מיכל גאָרדאָנס לידער:

אַז דײַן ליד, דײַן ייִדיש ליד
וועט נאָך לאַנגע יאָרן קלינגען,
און ווו נאָר עס לעבט אַ ייִד
וועט מען דײַנע לידער זינגען.

חנה גאָרדאָן־מלאָטעק

פֿון רעדאַקציע

די מיטאַרבעטערס פֿון דעם באַנד:

חנה גאָרדאָן־מלאָטעק, געוו׳ סעקרעטאַרין פֿון וויסנשאַפֿטלעכן דירעקטאָר פֿון ייִוואָ; מיטגליד פֿון פּרעזידיום פֿון י. ל. פּרץ־קלוב בײַם ייִוואָ.

חיים גינינגער, לינגוויסט. געוועזענער אַספּיראַנט פֿון ייִוואָ אין ווילנע; מיטאַרבעטער פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס.

אַבֿרהם ג. דוקער, אינסטרוקטאָר פֿאַר געשיכטע אין דער היברו־יוניאָן־שול פֿאַר דערציִונג; מיטגליד פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער קאָלעגיע פֿון ייִוואָ.

אסתּר האַלפּערן, געוועזן אַ קולטור־טוערין אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע; געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק.

י. הירשהויט, מחבר פֿון בוך פֿינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק; וווינט איצט אין ניו־יאָרק.

ד״ר מאַקס ווײַנרײַך, פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדיש אין סיטי־קאַלעדזש, ניו־יאָרק; לאַנגיאָריקער וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר פֿון ייִוואָ; מיטגליד פֿון אויספֿיר־ביוראָ פֿון ייִוואָ.

ד״ר ב. ליבער, אַ דאָקטאָר־מעדיצין און קולטור־טוער; וווינט איצט אין ניו־יאָרק.

י. ליפֿשיץ, היסטאָריקער. מיטאַרבעטער פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס.

יעקבֿ לעשטשינסקי, מחבר פֿון אַ צאָל ביכער און שטודיעס וועגן עקאָנאָמיק; מיטגליד פֿון דירעקטאָרן־ראַט פֿון ייִוואָ.

ד״ר שלמה נאָבל, סעקרעטאַר פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער קאָלעגיע פֿון ייִוואָ.

שיקל פֿישמאַן, דאָקטאָראַנט פֿון קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט; אַסיסטענט אין דעם אָפּטייל פֿאַר פֿאָרשונג און עקספּערימענטאַציע בײַם ייִדישן דערציִונגס־קאָמיטעט, ניו־יאָרק.

ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן, היסטאָריקער. דירעקטאָר פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר, ניו־יאָרק; מיט־אַרבעטער פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס.

זעליג קלמנאָוויטש ז״ל, איינער פֿון די פֿירערס פֿון ייִוואָ אין ווילנע ביז דער מלחמה.

יצחק ריבקינד, ביבליאָטעקאַר אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, ניו־יאָרק; מיטאַרבעטער פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס.

ד״ר יעקבֿ שאַצקי, היסטאָריקער. מיטגליד פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער קאָלעגיע פֿון ייִוואָ.

---

19 פֿרוג, אין הויזפֿרײַנד, III, 1894.

י. שטיינהאַרט, מיטאַרבעטער פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס.
ז. שײַקאָווסקי, היסטאָריקער. מיטאַרבעטער פֿון די ייִוואָ־אויסגאַבעס.
לעאָ שפּאַל, היסטאָריקער און דערציִער.
ש. שרעבערק, אַ באַקאַנטער פֿאַרלעגער אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן.

אָנגעקומען אין רעדאַקציע

אהרן ליבערמאַנס בריוו, מיט אַן אַרײַנפֿיר און דערקלערונגען פֿון קלמן מרמר, ניו־יאָרק, ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט—ייִוואָ, 1951, 256 זז׳.

ישׂראל עפֿרויקין, אויפֿקום און אומקום פֿון יידישע גלות־שפּראַכן און דיאַלעקטן, פּאַריז, פֿאַרלאַג „קיום״, 1951, 95 זז׳.

ליטע, רעדאַגירט פֿון ד״ר מענדל סודאַרסקי, אוריה קאַצענעלנבויגן, י. קיסין, ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן פֿון „קולטור־געזעלשאַפֿט פֿון ליטווישע ייִדן״, 1951, באַנד I, 2007 זז׳.

ב. מאַרק, דער אויפֿשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ, וואַרשע, ייִדישער היסטאָרישער אינס־טיטוט, 1950, 509 זז׳.

ש. ניגער, ה. לייוויק, 1888—1948, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, אַרויסגעגעבן פֿון ה. לייוויק־יובֿל־קאָמיטעט דורכן פֿאַרלאַג גרשון פּאָמעראַנץ־עסיי־ביבליאָטעק, 1951, 501 זז׳.

דוד סאָהן, ביאַליסטאָק, בילדער־אַלבום פֿון אַ באַרימטער שטאָט און אירע אידען איבער דער וועלט, ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן פֿון ביאַליסטאָקער אַלבום־קאָמיטעט, 1951, 386 זז׳.

הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, אונזער צײַט, ניו־יאָרק, 1951, 472 זז׳.

מרדכי יאָפֿע, אַנטאָלאָגיע פֿון דער העברעיִשער פּאָעזיע, מיט קריטישע אָפּהאַנדלונגען, ניו־יאָרק, ציקאָ־ביכער־פֿאַרלאַג, 1951, בוך II, 288 זז׳.

מ. י. בערדיטשעווסקי (מיכה יוסף בן גריון), יידישע כּתבֿים פֿון אַ ווײַטן קרובֿ, איקוף־פֿאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1951, 272 זז׳.

חיים זשיטלאָווסקי, וויזיע און געדאַנק, אָפּהאַנדלונגען איבער שרײַבער, ווערק און שאַפֿונגס־פּראָבלעמען, ניו־יאָרק, איקוף־פֿאַרלאַג, 1951. 351 זז׳.

יצחק טורקאָוו־גרודבערג, ייִדיש טעאַטער אין פּוילן, וואַרשע, פֿאַרלאַג „ייִדיש־בוך״, 1951, 199 זז׳.

י. י. טרונק, פּוילן, זכרונות און בילדער, ניו־יאָרק, פֿאַרלאַג „אונזער צײַט״, 1951, בוך 6: לאָדזש צווישןביידע וועלט־מלחמות, 244 זז׳.

דניאל טשאַרני, דוקאַר (מעמואַרן), טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, פֿאַרלאַג טינט און פֿעדער, 1951, 320 זז׳.

י. וויניעצקי, פֿאַרן מבול, בילדער פֿון ייִדישן לעבן אין פּוילן פֿון פֿאַר דעם חורבן, מעקסיקע, צבֿי קעסעל־פֿאַרלאַג בײַ דער קולטור־קאָמיסיע פֿון ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע, 1951, 157 זז׳.

פּרץ אָפּאָטשינסקי, געזאַמלטע שריפֿטן, מיט אַ ביאָגראַפֿיע פֿון רינה אָפּער־אָפּאָטשינסקי, אַרויסגעגעבן פֿון זײַן שוועסטער רינה אָפּער־אָפּאָטשינסקי, ניו־יאָרק, 1951, 205 זז׳.

ביניש מיכאַלעוויטש, געדענק־בוך, געז׳ „קולטור און הילף א״נ פֿון אַרטור זיגעלבוים״, בוענאָס־אײַרעס, 1951, 302 זז׳.

תהילים, איבערגעזעצט און מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון נפֿתּלי גראָס, ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן פֿון אַ קאָמיטעט פֿון שרײַבער און קולטור־טוער, 1948, 335 זז׳.

אָרט אין נײַעם פּוילן, אויסגאַבע פֿון דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון „אָרט״ אין פּוילן, וואַרשע, יוני 1949, 24 זז׳.

בנימין אָרענשטיין, דער אומקום און ווידערשטאַנד פֿון אַ יידישער שטאָט, מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, 1949, 18 זז׳.

ישׂראל אַשענדאָרף, דער מלך שאול, לאָדזש, פֿאַרלאַג ייִדיש בוך, 84 זז׳.

טוביה באָזשיקאָווסקי, צווישן פאַלנדיקע ווענט, וואַרשע, מרכז „החלוץ", 1949, 351 זז'.
מרדכי באַכנער, ספר כזשאַנאָוו, לעבן און אומקום פון אַ יידיש שטעטל, רעגנסבורג, תש"ח־תש"ט, 375 זז'.
מינאַ באַרדאָ־ריווקין, לידער, ניו־יאָרק, 1948, 48 זז'.
זעליק באַרדיטשעווער, לידער מיט ניגונים, צווייטע אויפלאַגע, מאָנטעווידעאָ, פאַרלאַג „זריעה", 1948, 30 זז'.
ג. שמן, די ביאָגראַפיע פון אַ וואַרשעווער רב, הרב יחזקאל צבי מיכלזאָן זצ"ל, מאָנטרעאַל, „דער קאַנאַדער אָדלער", 1948, 88 זז'.
ישעיהו שפּיגל, און געוואָרן איז ליכט (לידער), וואַרשע, פאַרלאַג יידיש בוך, 1949, 171 זז'.
י. שפּיגל, ש. לאַסטיק, מײַן יידיש בוך פאַרן 4טן קלאַס, וואַרשע־לאָדזש, צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן, 1948, 236 זז'.
חיים שויס, נביאים, קאַפּיטלעך „נביאים אחרונים", ניו־יאָרק, ביכער־פאַרלאַג פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, 1951, בוך II: צפניה, נחום, ירמיה, 535 זז'.
הערש פענסטער, אונדזערע פאַרפּײַניקטע קינסטלער, מיט אַ וואָרט פריִער פון מאַרק שאַגאַל, פּאַריז, 1951, 262 זז'.
מ. שרת און אַנדערע, די אויסערן־פּאָליטיק פון ישראל, פּאַריז, איחוד־ביוראָ און צ"ק פון די פּועלי־ציון, 1949, 76 זז'.
מ. י. פײַגענבוים, פּאָדלאַשע אין אומקום, מינכן 1948, 355 זז'.
לעאָ פינקלשטיין, פדיון־השם, טאָראָנטאָ, פאַרלאַג גרשון פּאָמעראַנץ־עסיי־ביבליאָטעק, 1948, 93 זז'.
עמנואל פּאַט, יידן הינטערן אײַזערנעם פאָרהאַנג, פאָרשונג פון דער יידישער לאַגע אין די לענדער פון הינטערן אײַזערנעם פאָרהאַנג לויט ביזאיצטיקע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, נ"י, יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, 1949, 61 זז'.
צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פון בונד (פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק פון 1טן ביזן 8טן אָקטאָבער 1948), נ"י, פאַרלאַג אונזער צײַט, 1948, 88 זז'.
י. קאַפּלאַן, דאָס פאָלקסמויל אין נאַצי־קלעם, מינכן, היסטאָרישע קאָמיסיע בײַם צ"ק פון די באַפרײַטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דײַטשלאַנד, 1949, 61 זז'.
רחל קאָרן, היים און היימלאָזיקייט, לידער, בוענאָס־אײַרעס, 1948, 256 זז'.
משה קנאַפּהייס, מגילת ייִד, לידער, באַלאַדן, פּאָעמען, וואַרשע, פאַרלאַג דאָס נײַע לעבן, 1948, 172 זז'.
לייב ראָכמאַן, און אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן (טאָגבוך 1943—1944), פּאַריז, פאַרלאַג־קאָמיסיע בײַ דער געזעלשאַפט פרײַנד פון מינסק־מאַזאָוויעצק, 1949, 381 זז'.
רבקה רויזנבלאַט־רובין, דאָס יידישע פאָלקסליד, קורצע אילוסטרירטע לעקציע, 12 אילוסטראַציעס, ניו־יאָרק, 1948, 12 זז'.
משה שולשטיין, צווישן רוינען און רושטאָוואַניעס (פון אַ רײַזע אין פוילן), פּאַריז, יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, 1949, 109 זז'.
אריה שטונצײַגער, יזכור, צום אָנדענק פון די קדושי קראַסניסטאַוו, מינכן, „באַפרײַונג", 1948, 150 זז'.
ישראל שטיינבערג, העברעיזמען אין דער יידישער שפּראַך, העפט 1—5, וראָצלאַוו, פאַרלאַג „נידערשלעזיע", 1948.
חיים חריס, תולדות הנגינה והחזנות בישראל, ניו־יורק, הוצאת בצרון, תשי"א, 486 זז'.
אפרים דוידזון, שחוק פינו, אוצר להומור ולסאטירה, הוצאת „מטמונים", תל־אָביב, תשי"א, 515 זז'.
מ. מ. דודזון, קישינוב היהודית, דפים לזכרון, תל־אָביב, תשי"א, 131 זז'.
אַברהם יערי, שלוחי ארץ ישראל, תולדות השליחות מהארץ לגולה מחורבן בית שני עד המאה התשע עשרה, ירושלים, הוצאת מוסד הרב קוק שעל יד המזרחי העולמי, תשי"א, 947 זז'.

אריה מימון, פרקים בספרות היוונית העתיקה, ירושלים, הוצאת ספרים ע"ש י. ל. מאגנס, האוניברסיטה העברית, תשי"א, 153 זז׳.

Will Herberg, *Judaism and Modern Man: an Interpretation of Jewish Religion,* New York, Farrar, Straus and Young, 1951, 313 pp.

Alfred Kazin, *A Walker in the City,* New York, Harcourt, Brace, 1951, 176 pp.

Bertram Wallace Korn, *American Jewry and the Civil War;* with an Introduction by Allan Nevins, Philadelphia, The Jewish Publication Society of America, 1951, 331 pp.

Manfred Kridl, ed., *Adam Mickiewicz, Poet of Poland;* a Symposium . . . with a Foreword by Ernest J. Simmons, New York, Columbia University Press, 1951, 292 pp.

James G. McDonald, *My Mission in Israel, 1948-1951,* New York, Simon and Schuster, 1951, 203 pp.

Alfred J. Marrow, *Living Without Hate;* Scientific Approaches to Human Relations, New York, Harper & Brothers, 1951, 269 pp.

Paul Schmidt, *Hitler's Interpreter,* Edited by R. H. C. Steed, New York, The MacMillan Company, 1951, 286 pp.

Wolf Leslau, ed., *Falasha Anthology,* Translated from Ethiopic Sources with an Introduction by Wolf Leslau, New Haven, Yale University Press, 1951, 222 pp.

Peretz F. Bernstein, *Jew-Hate as a Sociological Problem,* Translated by David Saraph, New York, Philosophical Library [c1951], 200 pp.

Philip S. Bernstein, *What the Jews Believe,* Illustrated by Fritz Eichenberg, New York, Farrar, Straus and Young [c1950], 100 pp.

Brewton Berry, *Race Relations; the Interaction of Ethnic and Racial Groups,* Boston, Houghton Mifflin, 1951, 487 pp.

Ben Zion Bokser, *The Wisdom of the Talmud;* a Thousand Years of Jewish Thought, New York, Philosophical Library, 1951, 180 pp.

Robert F. Byrnes, *Antisemitism in Modern France,* New Brunswick, N. J., Rutgers University Press, 1950, V. 1: The Prologue to the Dreyfus Affair, 348 pp.

The Code of Maimonides, Book 12, The Book of Acquisition, Translated from the Hebrew by Isaac Klein, New Haven, Yale University Press, 1951, 335 pp.

Walter J. Fischel, ed., *Semitic and Oriental Studies;* a Volume Presented to William Popper on the Occasion of His Seventy-fifth Birthday, October 29, 1949, Berkeley and Los Angeles, University of California Press, 1951, 456 pp.

Freedom and Reason; Studies in Philosophy and Jewish Culture in Memory of Morris Raphael Cohen, Edited by Salo W. Baron, Ernest Nagel, and Koppel S. Pinson, Glencoe, Ill., The Free Press, 1951, 468 pp.

Oscar Handlin, *The Uprooted;* The Epic Story of the Great Migrations that Made the American People, Boston, Little, Brown, 1951, 310 pp.

Jizchak Katzenelson, *Lied vom letzten Juden;* Nachdichtung aus dem jiddischen von Hermann Adler, Zurich, Verlag Oprecht, 1951, 100 pp.

Das Antlitz der Vertriebenen; Schicksal und Wesen der Flüchtlingsgruppen, herausgegeben von Herbert Krimm, Stuttgart, Verlag von J. F. Steinkopf, 1949, 268 pp.

רעדאַקציאָנעלע קאָלעגיע: יודל מאַרק, שמואל ניגער, יעקבֿ שאַצקי.

JOSEPH BERKOWICZ THE TOWIANIST

By Abraham G. Duker (pp. 165-174)

The career of the son of the Jewish-Polish patriot, Berek Joselewicz, in the Catholic-mystic Towianski movement, which numbered among its members the Polish poets Mickiewicz and Słowacki.

A NEW DEPARTURE IN YIDDISH LEXICOGRAPHY

By Chaim Gininger (pp. 175-192)

(Concerning The Thesaurus of the Yiddish Language).

After duly evaluating the achievements of the book, particularly its normative aspect and attention to technical terminology, the reviewer points out several shortcomings, mainly some arbitrariness in the classification system and the omission of important sources.

A REPLY TO CH. GININGER'S ARTICLE CONCERNING THE THESAURUS OF THE YIDDISH LANGUAGE

By M. Weinreich (pp. 192-198)

The editor of the *Thesaurus of the Yiddish Language* replies to some of the points raised by the reviewer. He disagrees on the necessity of eliminating all the German elements in the language that the critic suggested. He also defines the meaning of the qualification "Americanism" as used in the book.

A PUBLISHER'S REMINISCENCES ABOUT MENDELE MOYKHER SFORIM

By S. Sreberk (pp. 199-221)

The publisher relates the circumstances surrounding the publication of the jubilee edition of the collected works of Mendele Moykher Sforim. Thirteen letters of Mendele, written in 1911-12, are included.

LETTERS OF I. M. DICK

By Isaac Rivkind (pp. 222-228)

Four letters of the popular novelist and satirist of Jewish life, written 1843-52, dealing mainly with happenings in the circle of Maskilim in Vilna.

DOCUMENTS ABOUT M. L. LILIENBLUM

By M. W. (pp. 229-239)

A letter of M. L. Lilienblum, of 1907, in which he concurs with Winchevsky's opinion of him that he was more of a Jew than a Socialist, and an article written for the twenty-fifth anniversary of the Yiddish daily, *Tageblat,* in which he discussed aspects of Jewish emancipation.

JEWISH BOOKSELLERS IN WARSAW

By Esther Halpern (pp. 240-244)

The daughter of a prominent Jewish bookseller in Warsaw tells of the remarkable types that engaged in that trade between 1894 and 1919.

REMINISCENCES ABOUT ABRAHAM GOLDFADEN

By B. Liber (pp. 245-251)

Childhood impressions of the beginning of the Yiddish theatre and its founder, Abraham Goldfaden.

REVIEWS (pp. 252-293) **MISCELLANEA (pp. 294-314)**

ABSTRACTS

THE YIDDISH ERA IN JEWISH HISTORY

By M. Weinreich (pp. 7-17)

The author points out that the Yiddish era in Jewish history coincided with the hegemony of Ashkenazic Jewry and went hand in hand with its territorial expansion. Externally uniform, this era was characterized by inner diversification and a dynamic which gave rise to such movements as Hassidism, Haskalah, modern nationalism and others.

A DIARY OF THE NAZI GHETTO IN VILNA

By Zelig Kalmanovitch (pp. 18-92)

An account of life in the Vilna Ghetto, which contains practically daily entries, from June 22, 1942, to August 31, 1943. In addition to recording the stirring internal events, the diary reflects their impact upon Jewish personality, the indomitable will of the Ghetto residents to survive and the sources of their comfort and inspiration.

SEFARDIM IN ZAMOSC

By Jacob Shatzky (pp. 93-120)

Against the background of the Sefardim in Poland, the author depicts the rise and decline of the small Sefardic community, established on the estate of Jan Zamojski, Polish chancellor and patron of learning and the arts, in the second half of the 16th century.

RABBI YEHIEL MIKHEL EPSTEIN, EDUCATOR AND CHAMPION OF YIDDISH IN THE 17th CENTURY

By Shlomo Noble (pp. 121-138)

The subject of this study advocated the introduction of prayers in Yiddish as an expression of the most intimate and immediate experiences of the Ashkenazic Jews of that period. He also outlined a program of reform in Jewish education, calling for a greater integration of the three institutions involved in the process.

THE STRUGGLE OVER THE ELECTION SYSTEM IN THE JEWISH COMMUNITIES OF FRANCE, 1850-1880

By Z. Szajkowski (pp. 139-164)

The attempts to introduce democratic principles of election made by the orthodox groups and the opposition to them on the part of the reform elements, who aimed to strengthen the powers of the central consistory at the expense of the provincial communities.

REVIEWS

JACOB SHATZKY
Eliyohu Lipiner, *Bay di taykhn fun portugal* 252-259

JACOB LESTCHINSKY
Mark Wischnitzer, *To Dwell in Safety* 259-264

JOSHUA A. FISHMAN
Standard Dictionary of Folklore, Mythology and Legend 264-272

PHILIP FRIEDMAN
Pinkes mlave 272-275

JACOB SHATZKY
Pinkes vaad arba arazot 275-280

LEO SHPALL
Anita Libman Lebeson, *Pilgrim People* 280-281

JACOB SHATZKY
Dov Shtok, *Hamenagen hamufla* 281-286

PHILIP FRIEDMAN
Dorothy Macardle, *Children of Europe* 286-290

J. HIRSZHAUT
Philip Friedman, *Oshvientshim* 291-293

MISCELLANEA

A. STEINHART
Materials for the History and Literature of the Rumanian "Wayfarers" 294-298

E. LIFSCHUTZ
A Report of an Englishman about Poland in 1598 298-299

ELEANOR GORDON-MLOTEK
The Metamorphosis of Mikhel Gordon's Poem *Di bord* 299-311

Editorial Notes 311-312

Books Received 312-314

TABLE OF CONTENTS

M. WEINREICH
The Yiddish Era in Jewish History...................... 7-17

ZELIG KALMANOVITCH
A Diary of the Nazi Ghetto in Vilna.................... 18-92

JACOB SHATZKY
Sefardim in Zamość.................................. 93-120

SHLOMO NOBLE
Rabbi Yehiel Mikhel Epstein, Educator and Champion of Yiddish in the 17th Century........................ 121-138

Z. SZAJKOWSKI
The Struggle over the Election System in the Jewish Communities of France, 1850-80....................... 139-164

ABRAHAM G. DUKER
Joseph Berkowicz the Towianist........................ 165-174

CHAIM GININGER
A New Departure in Yiddish Lexicography (Concerning the *Thesaurus of the Yiddish Language*).................. 175-192

M. WEINREICH
A Reply to Ch. Gininger's Article Concerning the *Thesaurus of the Yiddish Language*.......................... 192-198

MEMOIRS AND LETTERS

S. SREBERK
A Publisher's Reminiscences about Mendele Moykher Sforim 199-221

ISAAC RIVKIND
Letters of I. M. Dick.............................. 222-228

M. W.
Documents about M. L. Lilienblum..................... 229-239

ESTHER HALPERN
Jewish Booksellers in Warsaw......................... 240-244

B. LIBER
Reminiscences about Abraham Goldfaden............... 245-251

YIVO BLETER

Journal of the Yiddish Scientific Institute

VOLUME XXXV

New York, 1951